STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06828

MAYSELEKH UN MESHOLIM

Naftoli Gross

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעשהלעך
און משלים

מ. אַשעראַוויטש:

נפתלי גראָס, איינער פון די פיינסטע ליריקער אין דער נייער יידישער פּאָעזיע, דער איבערזעצער פון „די פינף מגילות״ און פון דעם ספר „תהלים״, האָט אין 1946 אָנגעהויבן שרייבן אַ סעריע „מעשהלעך און משלים״, וואָס דרוקן זיך אין „פאָרווערטס״ יעדן טאָג, און גלייך פון אָנהייב אָן האָט ער דאָרט, ווי אַן עכטער קינסטלער מיט אַ חוש פאַר שפּראַך, אָנגעשטעלט אַזאַ טאָן און האָט אויסגעאַרבעט אַזאַ פאָרם, אַז ווען מע וועט די אַלע מעשהלעך און משלים זאַמלען און זיי אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער בוך, וועלן זיי מיט זיך פאָרשטעלן אַן אוצר פון פאָלקלאָר.

די געשיכטע פון פאָרווערטס—„פאָרווערטס״, 9טן נאָוועמבער, 1947

◇

מלך ראַוויטש:

זינט אַ לענגערער צייט פירט אַן דער באַרימטער דיכטער און ביבל־איבערזעצער נפתלי גראָס אַ ווינקל אין „פאָרווערטס״ מיטן נאָ־מען „מעשהלעך און משלים״... איך האָף אַז מיין גוטער לאַנדסמאַן וועט מיך נישט רופן אין געריכט, אויב איך וועל נאָכדרוקן זיינס אַ מעשהלע... און אויב אַפילו מיין גוטער פריינד וועט מיך יאָ קלאָגן אין געריכט פאַר נאָכדרוקן—בין איך גרייט צו באַצאָלן דעם האָנאָראַר, אַבי דאָס הערלעכע מעשהלע זאָל צוקומען צו נאָך אַביסל לעזער.

„פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו יאָרק, 17טן פעברואַר, 1950.

◇

ס. פיליקס מענדעלסאָן:

פון וואַנען נעמען זיך די מעשות? איטלעכער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם סאָרט מאַטעריאַל איז שולדיק אַ דאַנקבאַרן חוב א. דרויאַנאָוון, ע. אַלשוואַנגערן, י. ח. ראַבניצקין, און נפתלי גראָסן, וואָס האָבן צעאַקערט דאָס פעלד פון יידישן וויץ און הומאָר.

פון זיין פירוואָרט צו זיין בוך „די מערי האַרט—די פריילעכע נשמה״, 1951.

מעשהלעך
און משלים

פון

נפתלי גראס

צייכענונגען פון
חיים גראָס

ניו יאָרק, 1955

הויפּט־פאַרקויף
ביים „פאָרווערטס"

MAASELECH un MESHOLIM

Tales and Parables

by

Naftoli Gross

Drawings by

Chaim Gross

Copyright 1955
by Naftoli Gross
80 Van Cortlandt Park So.
Bronx 63, N. Y.

איבערדרוקן, אָדער איבערזעצן די מעשהלעך איז
פֿאַרווערט אָן דער דערלויבעניש פֿון נפֿתלי גראָס.

266

PRINTED IN U. S. A., BY
ABER PRESS, INC., 37 E. 18 STREET, NEW YORK 3, N. Y.

דעם ליכטיקן אָנדענק

פון מיינע באַליבטע עלטערן

ר׳ משה און לאהצי גראָס, ז״ל

וואָס האָבן נאָך זוכה געווען צו קומען

צו קבר־ישראל אין קאָלאָמיי פאַר

דער צאָרנדיקער פאַרטיליקונג פון אַלע

יידישע שטעט און שטעטלעך אין

אייראָפּע.

זיי זענען געווען גאַנץ מיט זייער גאָט

מיט זייער פאָלק און מיט אַלע מענטשן

וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דעם

צלם אלוקים. זייער לעבן איז

געווען ריין, ערלעך און ווירדיק.

פאַרצייכעניש

פירוואָרט 8
יידן 16
שלמה המלך און אַנדערע מלכים 48
רבנים, רביס 67
אָדם הראשון, משה און דער רויבפויגל 106
מגידים 108
פאַרוואָס יעקב האָט געוויינט, ווען ער האָט זיך באַגעגענט מיט רחלען 119
חזנים 120
ישיבה־בחורים 125
מלמדים 137
אָף יענער וועלט 146
לאָדעניישן, סוחרים 155
בעל־מלאָכות 162
בעל־עגלות, וואַסערטרעגערס 170
גבירים—קמצנים 178
אַפּיקורסים 190
אפרים גריידינגער און אַנדערע וויצלער און כּעלעמער 196
נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן 223
נאָך מעשהלעך מיט מלכים 226
איינפאַלן און אַלערליי אַנדערע מעשהלעך 248
נאָך יידן 273
דאָרף־יידן, פאַסעסאָרס, אַרענדאַרעס און קרעטשמערס 343
זעלנער 356
פּריצים 360
יידן און גויים 375
משומדים 391
משוגעים 395
גלחים 399
פּויערים 405
משלים 413
סאָציאַלע מאָטיוון 436
שרייבער און אַרבעטער־פירער 439
אַמעריקאַנער יידישע מעשהלעך 443
שטעט און שטעטלעך, וואָס ווערן דערמאָנט אין די מעשהלעך 456
נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן מיר צוגעשיקט, אָדער דערציילט מעשהלעך 452
וואָס שרייבער זאָגן וועגן נפתלי גראָס לידער, מעשות און אַנדערע ביכער 454

אַ שיין מעשהלע איז אַלעמאָל שיין.
טאָפּלט שיין איז דאָס מעשהלע, וואָס
ווערט דערציילט אין דער רעכטער צײַט.
נ. ג.

פּירוואָרט...

די מעשהלעך אין דעם בוך זענען אַ געקליבענער טייל פון די „מעשהלעך און משלים", וואָס איך האָב זינט 1946 געדרוקט אין „פאָרווערטס" זעקס יאָר כסדר, די ערשטע עטלעכע יאָר—צו פינף מאָל אַ וואָך, שפּעטער—צו דריי מאָל אַ וואָך.

פאַראַן אין דעם בוך אויך מעשהלעך, וואָס איך האָב נאָך אין די יאָרן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געדרוקט אין „קונדס", אין די קינדער־זשורנאַלן פון יענער צייט און אויך אין די טעגלעכע צייטונגען. אין יענע יאָרן האָב איך אַ סך מעשהלעך און לידער, בפרט אַזעלכע, וואָס איך האָב איבערגעזעצט פון אַנדערע לשונות, געדרוקט אונטערן נאָמען נ. ה. שפּערבער און אַנדערע נעמען. אונטערן נאָמען שפּערבער האָב איך דעמאָלט אויך פאַרעפנטלעכט אין „מאָרגן זשורנאַל" אַ טייל פון די מעשות פון „טויזנט און איין נאַכט".

די מעשהלעך האָב איך אָנגעהויבן צו זאַמלען און פאַרשרייבן און שרייבן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. שוין דעמאָלט האָב איך פאַרשריבן אַ סך מעשהלעך, וואָס איך האָב געדענקט פון דער היים. מעשהלעך, וואָס איך האָב געהערט אין דער שטוב פון מיינע עלטערן, ע"ה, און אין חדר צווישן די ייִנגלעך און פון שכנים.

אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען איך בין געווען אַף אַ רייזע אין דער אַלטער היים, צו זען זיך מיט מיין משפּחה, האָט זיך מיר איינגעגעבן צו פאַרשרייבן, סיי אין קאָלאָמיי און סיי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון גאַליציע, אַ היפּשע צאָל מעשהלעך און לידער פון פאָלקס־מויל. נאָר דעם גרעסטן טייל מעשהלעך האָב איך פאַרשריבן און געשריבן אין אַמעריקע. און זינט איך האָב די מעשהלעך אָנגעהויבן צו דרוקן רעגלמעסיק אין „פאָרווערטס", האָבן הונדערטער מענטשן מיר דערציילט און צוגעשיקט מעשהלעך, מענטשן פון איבערן גאַנצן לאַנד און פון קענעדע און אַנדערע לענדער.

די מענטשן, וואָס האָבן מיר צוגעשיקט מעשהלעך, אָדער דערציילט מעשה־לעך בעל־פּה, שטאַמען כמעט אַלע פון דער אַלטער היים, פון מזרח אייראָפּע: פון פוילן, גאַליציע, ליטע, אוקראַינע, רומעניע, בעסאַראַביע, רוסלאַנד, אונגאַרן און אַנדערע לענדער. זיי האָבן דאָרט געהערט די מעשהלעך מיט פערציק ביז מיט אַכציק יאָר צוריק אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס דער דייטש מיט זיינע מער־דערישע שותפים, ימח שמם, האָבן אויסגעריסן מיט דעם וואָרצל.

אין דער שטוב פון מיינע עלטערן האָב איך מיך אָנגעהערט און אָנגעלייענט מיט אַן אַ שיעור מעשות און מעשהלעך. דער זיידע האָט דערציילט מעשות, טאַטע־מאַמע האָבן דערציילט מעשות, און שכנים האָבן דערציילט מעשות.

דער זיידע זכריה, ע"ה, דעם טאַטנס טאַטע, וואָס איז בטבע געווען קאַרג אָפּן

װאָרט, האָט אין אַ פרייער מינוט ליב געהאַט צו דערציילן אונז קינדער מעשות פון אַמאָליקע יאָרן אין זיין שטעטל אָטיני׳ע און אין די דערפער און װעלדער פון די קאַרפּאַטן בערג אין מזרח גאַליציע און אין דער בוקאָװינע, מעשות פון דעם גרויסן הונגער אין די זעכציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, פון דעם פּױלישן אױפשטאַנד און פון די מלחמות אין יענעם יאָרהונדערט.

דער טאַטע, ע״ה, װאָס האָט אין זיין פרייער צייט געװײנלעך געלערנט פאַר זיך, אָדער מיט אונז קינדער, האָט אין אַ שמועס מיט מענטשן אָפט ליב געהאַט אַרייננצוװאַרפן אַ גמרא־װערטל און צו ברענגען אַ משל, אַ מעשהלע. אין די שבת־צו־נאַכטסן, אַז אין שטוב זענען אַריינגעקומען שכנים און מ׳האָט געפּראַװעט צו־זאַמען די מלוה־מלכה, און נאָך דעם װי מען איז פאַרטיק געװאָרן מיט די אליאָװ־קעס און מ׳האָט נאָך געטרונקען אַ גלעזל װאַרעמס מיט צוביים, האָט מען אָפט גערעדט פון גוטע יידן, און דער טאַטע האָט דערציילט פון טשאָרטקעװער הויף און פון אַנדערע רבישע הייף. ער האָט אויך דערציילט פון ציעקאָװע באַגעגענישן מיט פּריצים, מיט גויאישע און מיט יידישע.

אויסער חסידישע מעשהלעך, געדענק איך פון אים מעשהלעך פון דעם גאַלי־ציאַנער װיצלער אפרים גריידינגער, און פון זיינע טרעפעניש ביים שאַצן װעלדער. די מעשהלעך האָט ער אונז קינדער אָפט דערציילט פאַרן שלאָפן, װען מיר זענען שוין געלעגן אין בעט.

פון אים געדענק איך עד־היום אַ לענגערע מעשה מיט צװיי ברידער, אַ רייכן און אַן אָרימען. נישט געקוקט אַף דערויף, װאָס ער האָט געהאַלטן צו אונז אַ מלמד אין שטוב, האָט ער אויך אַליין מיט אונז געלערנט און געלייענט אַלערליי ספרים. צװישן זיי—דעם יוסיפון, אהבת ציון.

די מאַמע, ע״ה, האָט אונז דערציילט מעשות פון אירע זיידעס און באָבעס, אַלע רבנים און רביצינס. פון איר געדענק איך מעשות מיט ר׳ משהלע קיטעװער, מיט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעװער, מיט דעם „שם משמואל״, מיט דער באָבע חיה, דער רביצין. איינע אַזאַ מעשה האָב איך אויסגענוצט אין דעם ליד „ר׳ משהלע קיטעװערס פּערל״. (זע מיין צװייט בוך „יידן״.) די מאַמע האָט אונז קינדער גע־געבן צו לייענען חסידישע מעשה־ביכלעך. פאַר איבערלייענען אַזאַ ביכל האָט זי אונז, מיר און מיין ברודער פּיניע, הי״ד, אַלעמאָל געגעבן אַ גאַנצן קראַן.

אין איינעם פון די דערפער, װאו מיר האָבן געװאוינט, איז אָפט איינגע־שטאַנען ביי אונז אין שטוב אַ ייד, ר׳ אייזיק, אַ װאַלד־נאַמן. האָט ער אין דער פרייער צייט ליב געהאַט צו שניצן. און בעת ער האָט מיט זיין האַרביק מעסערל געשניצט הדסלעך מיט טערעמלעך און טירעלעך, טאַביק־פּושקעלעך, און שפּי־לעכלעך פאַר אונז קינדער, האָט ער גערעדט און דערציילט מעשות. ער האָט דער־ציילט פון גזלנים אין די װעלדער, און פון קאַרליקלעך און שרעטעלעך.

אין די חדרים אין קאָלאָמיי, װאו איך האָב שפּעטער געלערנט, געדענק איך יינגלעך, װאָס האָבן ביי יעדער פרייער געלעגנהייט דערציילט מעשות. אַזוי איז געװען ביי דעם מלמד ר׳ משהלע אַלטשטעטער אין חדר און אַזוי איז אויך געװען ביי װאָװיק קוגל (ר׳ װאָלף ראָזענקראַנץ), װעגן װעמען מיין בן־עיר און חבר, דר. שלמה ביקל, דערציילט מיט אַ סך ליבשאַפט אין זיין בוך „אַ שטאָט מיט

יידן". ביי וואָוויקן, אין זיין חדר מתוקן, האָבן מיר יינגלעך איינגעהאַנדלט זיך אַ גרויס בוך מיט בלאַנקע בלעטער, און איטלעכס יינגל האָט איין מאָל אַ חודש אַריינגעשריבן אַף לשון־קודש אַ מעשהלע, אָדער אַ שיר. מיין ערשטע זאַך, וואָס איך האָב אין יענעם בוך אַריינגעשריבן, איז געווען אַ מעשהלע מיט אַ פּאָסטעך.

*

דאָס מעשהלע און דער משל, דער וויץ און דאָס ווערטל שפּילן ביי אונז יידן אַ ראָלע אין אונזער לעבן פון די עלטסטע צייטן אָן. ס'האָבן זיך באַנוצט מיט זיי פירער און פּשוטע מענטשן, נביאים און חכמים, רבנים, דרשנים און מגידים.

די ערשטע מעשהלעך און משלים און הונדערטער ווערטלעך, וואָס זענען אומגעגאַנגען צווישן פאָלק, געפינען זיך אין תנ"ך. די פּרעכטיקסטע מעשהלעך זענען אין חומש. די מעשה מיט יוספון און די ברידער האָט נישט קיין גלייכן. וואונדערלעכע משלים זענען פאַראַן אין די ספרים שופטים און שמואל, און ביי די נביאים ישעיה (ה) און יחזקאל (יז), און אויך אין די אַנדערע ספרים.

שוין דעמאָלט, אַז איינער האָט געוואָלט אַרויסברענגען אַ געדאַנק קלאָר און בילדלעך, אַז איינער האָט געוואָלט אָפּמאָשלען אַ זאַך און וויזן זיין אמתדיק פּנים, האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם מעשהלע, משל, אָדער ווערטל.

ווען יותם, דער יינגסטער פון גדעונס זיבעציק זין, האָט זיך געראַטעוועט פון די הענט פון זיין ברודער אַבימלך, האָט ער פאַרזאַמלט אַרום זיך אַ סך פאָלק און האָט זיי דערציילט אַ טרעפלעכן משל קעגן אַבימלכן, וואָס האָט אומגעבראַכט אַלע ברידער, כדי צו קענען ווערן מלך איבער די יידן (שופטים, קאַפּיטל ט.)

ווען דוד האָט צוגענומען בת־שבען, נאָך דעם ווי ער האָט געשיקט איר מאַן, דעם קריגער אוריה, אין מלחמה אַריין, און האָט באַפוילן, אַז מ'זאָל אים שטעלן אין דער ערשטער ליניע, ער זאָל געטייט ווערן, קומט צו אים דער נביא נתן און ברענגט אַרויס פאַר דודן זיין שרעקלעכע טואונג דורך אַ משל (שמואל ב', קאַפּ. יב).

די נביאים, די פירער און די חכמים האָבן זיך אַלעמאָל באַנוצט אין זייערע רייד מיט אַ משל און אַ מעשה, מיט אַ ווערטל און אַ ווייזהייט, אַרויסצוברענגען פאַר די צוהערער אַ זאַך אין איר גאַנצער בילדלעכקייט.

שלמה המלך האָט אָנגעשריבן דריי טויזנט משלים וועגן געוויקסן און ביי־מער און חיות, וועגן פייגל און פיש און אַנדערע באַשעפענישן (מלכים א' ה, יב). דער תנא רבי מאיר האָט ביים לערנען באַנוצט זיך מיט הונדערטער משלים און מעשהלעך. די גמרא איז אָנגעפּראָפּט מיט אַגדתות און קלוגע ווערטלעך, און אַזוי אויך די מדרשים.

איינער פון די חכמים האָט אַמאָל גערעדט צו זיינע תלמידים וועגן הלכה. אין מיטן באַמערקט ער, אַז די תלמידים נעמט דאָס נישט און אַז זיי הייבן אָן דרימלען. האָט ער איבערגעריסן זיינע רייד מיט אַ מעשהלע, און דאָס האָט זיי גלייך אויפגעמונטערט.

אויך די מפרשים פון דער תורה, רש"י, דער רד"ק און די אַנדערע, ברענגען אין זייערע פירושים משלים און מעשהלעך.

די מגידים אין די שטעטלשטעט פון דער אַלטער היים האָבן זיך אַלעמאָל

באַנוצט מיט אַ מעשהלע און אַ משל, בעת זיי האָבן געדאַרשנט פאַר אַן עולם. דער בעש״ט און די חסידישע רבים האָבן געלערנט דאָס פאָלק זייער תורה דורך מעשהלעך, און טאַקע א י ן י י ד י ש. דער ווילנער גאון האָט ליב געהאַט אַ מעשהלע, אַ משל. ו ו ע ן דער דובנער מגיד איז געקומען צו אים, האָט ער אים אַלעמאָל געבעטן, אַז ער זאָל אים דערציילן עפּעס פון זיינע משלים.

חסידים האָבן זיך דערציילט מעשהלעך פון זייערע רבים מיט זייערע מקורבים. חדר־יינגלעך און ישיבה־בחורים האָבן זיך דערציילט מעשהלעך. בעלי־מלאָכות און געזעלן האָבן געזונגען לידער ביי דער אַרבעט און דערציילט מעשות. און וואָס פאַר אַ ייד און יידינע אין דער אַלטער היים האָבן נישט דערציילט קיין מעשהלע און געזאָגט אַ וויץ און אַ ווערטל אין דער רעכטער צייט? אַלע האָבן דערציילט, נאָר אויסער אַרבעטער־געזעלן און חדר־יינגלעך האָט ביי אונז קיינער נישט דערציילט אַזויפיל מעשות ווי חסידים וועגן זייערע רבים.

ווייבער האָבן געוויינלעך אַלעמאָל דערציילט אין נאָמען פון טאַטע־מאַמע: „מיין מאַמע, אַ גוטע בעטערין זאָל זי זיין, פלעגט זאָגן, אַז צויגן זענען נישט קיין ציגן." און טאַקע באַלד נאָך דעם ווערטל איז געקומען אַ מעשהלע וועגן אַ רשע, פאַר וועמען מע דאַרף זיך היטן. אָדער: „מיין טאַטע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט ליב געהאַט צו זאָגן: אַ קאָמאַר קען אויך בייסן." און גלייך נאָך דעם איז געקומען אַ מעשהלע מיט איינעם אַ גאַרנישט, וואָס האָט אָפּגעטון עפּעס אַ זאַך, אַף וואָס מ'האָט זיך גאַרנישט ניט געריכט, אַז ער זאָל זיין קאַפּאַבל אַזיינס צו באַגיין.

אַ מענטש, וואָס קען נישט זאָגן קיין ווערטל און קען נישט דערציילן עפּעס, פאַר אַזאַ מענטש היט איך מיך. פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן עפּעס זאָגן און דערציילן, נאָר זיי קענען נישט. אַף אַזעלכע מענטשן איז אַ רחמנות. און פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב צו דערציילן אַ מעשהלע און קענען דערציילן אַ מעשהלע און זאָגן אַ ווערטל, מיט אַזעלכע מענטשן איז אַ פאַרגעניגן צו טרינקען צוזאַמען אַ גלעזל וואַרעמס.

וועגן וועמען האָבן יידן אין די שטעטלשטעט דערציילט מעשהלעך? מ'קען ענטפערן מיט אַ פראַגע: וועגן וועמען האָט מען נישט דערציילט קיין מעשהלעך?—מ'האָט דערציילט מעשהלעך וועגן דעם רב און דעם רבי און דער רביצין, וועגן תלמידי־חכמים, מגידים, חסידים און חזנים, וועגן ישיבה־בחורים און מלמדים, מעשהלעך וועגן גבירים, נגידים און נגידיתטעס, וועגן סוחרים, באַלע־באַטים, בעלי־צדקה און קמצנים, וועגן קרעמערס און בעל־מלאכות, וועגן זייערע יונגעלייט און געצערטלטע טעכטער, וועגן קלוגע איידעמלעך, בדחנים, בטלנים, אַפּיקורסים און לצים, וועגן שניידערס און שוסטערס, וועגן בעל־עגלות, אַרבעטער און געזעלן, וועגן טרעגערס און וואַסערטרעגערס, משרתים און דינסט־מיידלעך, וועגן אפרים גריידינגער און אַנדערע וויצלער, וועגן כעלעמער, וועגן שבת־גויים, וועגן אַ גנב, אַ שיכור, אַ מסור, וועגן משומדים און משוגעים, וועגן דעם מלך שלמה און אַנדערע מלכים, וועגן שרים און ראַטהאַרן, וועגן פריצים, פּאַסעסאָרס, אַרענדאַרעס און דאָרף־יידן, וועגן גלחים און גויים און זעלנער, וועגן חכמים און שרייבער. הכלל וועגן אילן און אַלע.

די מעשהלעך אין דעם בוך זענען ריין פון געצנדינסט און פון גויאישקייט. אַפּילו די מעשהלעך, וואָס שטאַמען פון די אומות־העולם, פון די אַרומיקע גוי־אישע שכנים, וואָס מיט זיי האָבן מיר הונדערטער יאָרן געוואוינט אין שכנות און געהאַט מיט זיי טאָג־טעגלעכע פאַרבינדונגען און עסקים, אַפּילו אַזעלכע מעשהלעך זענען אין יידישן מויל געוואָרן אַזוי יידיש, אַז זיי האָבן געקריגן אַ יידיש פּנים און יידישן חן. נאָר די מערסטע מעשהלעך אין דעם בוך זענען עכט יידישע. זיי וואָרצלען אין יידישן לעבן און האָבן זייער אָנשפּאַר אין די אַגדתות פון דער גמרא און אין די מעשהלעך פון מדרש.

אין די מעשהלעך איז אויך נישטאָ קיין שום שפּור פון ברוטאַלער מאַכט. אַפּילו דער כל־בוניק פון שטעטל, וואָס פאַר אים ציטערן אַלע, אַפּילו ער, וואָס סטראַשעט דעם רב, אַז ער וועט אים אויסזעצן די שויבן, איז חלילה נישט קיין גזלן. ער איז בלויז אַ „יידישער גזלן". וואָרן ווי נאָר דער רב גיט אים שטרענג אַ זאָג, אַז ער וועט נישט שווייגן... ער וועט אַריינשטעלן אַנדערע שויבן, דער־פילט דער שלעגער, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ער פאַרשעמט זיך און ווערט אַזוי פּשוט, מענטשלעך, אַז ער זאָגט־צו דעם רב, אַז ער וועט פאָלגן דעם פּסק־דין, און גייט אַרויס פון דער בית־דין שטוב אַ געלאַסענער, אָן שום כעס אויף עמיצן. (זע—דער רב וועט אים נישט שווייגן, זייט 155).

דאָס יידישע מעשהלע האָט ליב דעם תלמיד־חכם און רעדט מיט דרך־ארץ וועגן דעם בעל־צדקה. דער חכם ווערט געריטמט פאַר זיין חכמה, און דער בעל־צדקה ווערט געלויבט פאַר זיין פרייגיביקייט. תורה און גוטע מידות ווערן גע־שאַצט און געשעצט און ווערן אַרויסגעשטעלט ווי אַ ציראַט פאַר דעם מענטש. די תמימות פון דעם צדיק און דעם ערלעכן ייד ווערן דערהויבן און באַשיינט.

אין דער אייגענער צייט רעדט דאָס יידישע מעשהלע מיט פאַראַכטונג וועגן דעם אויפגעקומענעם, דעם קמצן. ביידע ווערן אַרויסגעשטעלט אין זייער גראָב־קייט. דער פּראָסטאַק און דער עם־הארץ ווערן אויף אַ גוטמוטיקן אופן אויסגע־לאַכט. דאָס יידישע מעשהלע איז אַלעמאָל אויף דער זייט פון דעם שוואַכן, און האַלט מיט דעם געדריקטן און דעם עלנטן, מיט דער אַלמנה און דעם יתום. דער פּשוטער מענטש, דער בעל־מלאָכה און דער פאָלקס־מענטש ווערן אַרויס־געשטעלט אין זייער ערלעכקייט און גאַנצקייט, און אומעטום ווערט קעגנגע־שטעלט דער גוטער קעגן דעם שלעכטן, און גוטס קעגן שלעכטס.

דאָס יידישע פאָלקס־מעשהלע איז קורץ און פּשוט, און פירט אָן זייטיקע וועגן און אָן הינטערוועגן צום מאָראַלישן ציל. מיט אַ מעשהלע און אַ קלוג ווערטל האָט דער ייד אָפּט צונישט געמאַכט די צרות פון טאָג־טעגלעכן לעבן און האָט מיט דערמיט פּרובירט פאַרטרייבן די שווערע וואָלקנס פון יידישן הימל.

ווער סע וויל קענען אַ פאָלק, דאַרף זיך קודם־כל באַקענען מיט די יום־טובים און שמחות פון דעם פאָלק, און מיט זיינע טרויערטעג, און מיט די לידער און ווערטלעך און וויצן און מעשות, וואָס דאָס פאָלק דערציילט און זאָגט און זינגט.

וואָרן די יום־טובים, די מעשות און לידער, דאָס איז דער שפּיגל, וואָס אין אים שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון דעם פאָלק, זיינע צרות און זיינע פריידן,

זיינע מידות און מנהגים, זיין חכמה, וויץ און ווייזהייט. דאָס איז די נשמה פון דעם פאָלק, זיין טעם און זיין טראַכטן.

אַ סך פון די מעשהלעך אין דעם בוך זענען נישט קיין פאָלקס־מעשהלעך, איך האָב זיי אָבער געשריבן אין גוסט און אין גייסט פון די יידישע פאָלקס־מעשהלעך. זיי זענען געווייגלעך געבויט אַף אַ פּאַסירונג אין אַ שטעטל, אַף אַ קלוגן איינפאַל.

פאַראַן אין דעם בוך אַ צאָל מעשהלעך, וואָס איך האָב איבערדערציילט פון דעם פאָלקלאָר פון אַנדערע פעלקער. זיי זענען אָבער אַלע אין גייסט פון אונזערע אייגענע פאָלקס־מעשהלעך און פאַסן זיך אַריין אין דער זאַמלונג.

פאַראַן מעשהלעך, וואָס איך האָב געהערט אין פאַרשידענע ווערסיעס — פון גאַליציאַנער יידן, און ענלעכע צו זיי פון ליטווישע, אָדער פּוילישע יידן. נאָר אין איינציקע פאַלן בלויז ברענג איך וואַריאַציעס. איך גיב נישט אָן ביי די מעשהלעך די געגנט, וואו מ'האָט זיי דערציילט, ווארן אין דאָסזעלבע מעשהלע האָט מען אָפט דערציילט אין פאַרשידענע געגנטן. אַלע שטאַמען זיי אָבער פון דער אַלטער היים, אַחוץ די מעשהלעך פון דעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

אין דעם בוך זענען פאַראַן אַ צאָל מעשהלעך, וואָס ע נ ל ע כ ע צו זיי געפינט מען אויך ביי אַנדערע זאַמלער פון פאָלקלאָר. אַשטייגער דאָס מעשהלע אַ מעסערל מיט מעלות. נאָר ביי אַלשוואַנגערן ווערן אין דעם מעשהלע אויס־גערעכנט דריי מעלות, ביי ראַבניצקין — פיר מעלות, דאָ אין דעם בוך האָט דאָס מעסערל אַכט מעלות. (זייט 288).

בדרך־כלל אָבער האָב איך פּרובירט אויסמיידן מעשהלעך, וואָס ענלעכע צו זיי זענען שוין פאַראַן אין אַנדערע זאַמלונגען.

נישט אַלע מעשהלעך, וואָס איך האָב געדרוקט אין „פאָרווערטס", גייען אַריין אין דעם בוך. אין מיין אָפּטיילונג „מעשהלעך און משלים" האָב איך אויך געדרוקט אַגדתות פון גמרא און מדרש און פאַבלען פון די גרויסע פאַבל־דיכטער פון די אומות־העולם. אויך זיי גייען נישט אַריין אין דער זאַמלונג. איך פּלאַן אַרויסצוגעבן זיי אין אַ באַזונדערן בוך צוזאַמען מיט די מעשהלעך פון קאַליל גיבראַן.

ביי מיר ליגן הונדערטער מעשהלעך, וואָס איך האָב נאָך דערווייל נישט געדרוקט.

כאָטש איך טייל נישט איין די מעשהלעך אין קיין באַזונדערע אָפּטיילונגען, דאָך איז פאַראַן אין דעם בוך אַ סדר, און אַלע מעשהלעך צוזאַמען שטעלן פאָר אַ גרויסע יידישע שטאָט. אַ שטאָט — אַ וועלט מיט שטעטלשטעט און דערפער, וואָס זענען מער נישטאָ, וואָס דער רשע — דער ניבזה, ימ"ש, האָט פאַרטיליקט און אָפּגעמעקט מיט אַלץ און אַלע, פון דעם עלטסטן ביז דעם יינגסטן.

מער פון טויזנט יאָר האָבן אונזערע עלטערן באַוואוינט די שטעטלשטעט, וואָס זענען געווען פול מיט מערק און רינגפּלעצער, מיט גאַסן און געסלעך און איליצעס, פול מיט בתי־מדרשים און שילעכער, מיט קלויזן און שטיבלעך און מנינים, מיט ישיבות, תלמוד־תורות און חדרים. און די מערק און די רינג־

פלעצער האָבן געגרישט און גערעשט, געהאָוועט און געווימלט מיט געוועלבן און געשעפטן, מיט פאַרהאַרעוועטע וואָכנטעג, ירידים און מאַרקטעג, מיט יידן און יידינעס און מאַרקלייט, מיט סוחרים און בעל־מלאכות, מיט גאָלדשמידן און זייגערמאַכערס, מיט שניידערס און שוסטערס און שלאָסערס, מיט סטאָליערס און בלעכערס און מיט גאַרבערס, מיט טעפּערס און וועבערס, מיט קאָמיליט, משרתים און מיידלעך. און די בתי־מדרשים, תלמוד־תורות און חדרים האָבן געזומט און געזונגען מיט ייִנגלעך און ישיבהלייט, מיט מלמדים און תלמידי־חכמים. דאָס געזאַנג פון תורה האָט זיך געטראָגן פון אומעטום.

די וואָכן האָבן געקלונגען און געזונגען מיט אַרבעט, און האַנדל, מיט ליכ־טיקע שבתים און יום־טובים, מיט חזנים און האַרציקע בעל־תפילות. קיין אָרעמ־קייט האָט אויך נישט געפעלט, דער דלות האָט געפייפט און געקרעכצט אין די ווינקעלעך פון די איליצעס און הינטערגעסלעך. נאָר די אָוונטן און די מאָרגנס האָבן געשיינט מיט האָפענונג און בטחון. די ווערקשטאָטן האָבן געגרישט און געזשומעט מיט געזעלן און נייטאָרינס, און האָבן געזונגען מיט לידער און מעשות, פריילעכע און טרויעריקע, קלוגע און שפּאַסיקע, מעשות—פול מיט חכמה און שיינקייט, מעשות מיט טיפע זאָגן און ווערטלעך. אָ, זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעלאָזט, און ס׳איז גאָרנישט ניט געווען קיין סוף צו זיי!

נאָר דאָס אַלץ איז געווען, געווען און איז מער נישטאָ. וויי, ווי גרויזאַם דאָס אַלץ איז פאַרטיליקט געוואָרן און—נישטאָ!

די מעשהלעך אין דעם בוך זענען אַ מצבה אַף דעם קבר פון די זעקס מיליאָן יידן און יידינעס, טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, זיידעס און איי־ניקלעך—אַלע קדושים פון אונזערע טויזנטער פאַרשניטענע שטעט און שטעט־לעך, זיי, וואָס זענען געווען רייך אין תורה און אין מעשים־טובים, אין אַרבעט און אין אמונה. געבענטשט זאָל זיין זייער אָנדענק!

*

איך וויל דאָ אויסדריקן אַפן ערשטן פּלאַץ אַ האַרציקן דאַנק הלל ראָגאָפן, דעם רעדאַקטער פון „פאָרווערטס״. איך וואָלט קיינמאָל נישט געווען געזאַמלט און געשריבן אַזאַ שלל מיט מעשהלעך, ווען הלל ראָגאָף און דער איצטיקער פאַר־וואַלטונג־רעדאַקטער, דר. ל. פאָגעלמאַן, וואָלטן מיט זייער וואַרעמער באַציאונג מיך נישט געווען דערמוטיקט צו דער אַרבעט.

איך דאַנק מיינע פריינט און קאָלעגן, וואָס האָבן מיר דערציילט, אָדער צו־געשיקט מעשהלעך: מ. איוועוסקי, ראובן אייזלאַנד, מ. אָשעראָוויטש, גרשם באַדער, ע״ה, ס. בוירנס—פאַר זיינע מעשהלעך פון דעם ריזשינערס הויף און אַנדערע חסידישע מעשהלעך, א. בערגער, ישראל גאָטליב—פאַר זיינע מעשהלעך פון דעם גאָרליצער רבים הויף, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי—פאַר זיינע מעשהלעך וועגן אַרבעטער־פירער און שרייבער, י. ל. געלפאַנד און נחום ג. געלפאַנד, הרב ר׳ נפתלי האָראָוויץ—פאַר זיינע מעשהלעך פון זיין פאָטערס הויף אין ריגליץ, שואל הורוויץ, סעם האָפמאַן, שמעון וועבער, רעוורענד ר׳ חיים זיידעס—פאַר זיינע מעשהלעך פון סלוצק, אַ. זעלדין, ע״ה, הרב ר׳ שמואל טיקטין, שלמה בן־ישראל, חיים ליבערמאַן, אליי ליפעץ, ב. מאַרגוליעס, ראַבאַי פיליקס מענדעלסאָן,

מ. סלאָווין, נחמה עפּשטיין, ע״ה, שלום פּערלמוטער, ע״ה, דניאל פּערסקי, י. פּאָגעל, יעקב קירשבוים, לעאָן קרישטאָל, משה קרישטאָל, ה. ראָזענפעלד, מאָריס ראָזענשיין, פייגל שאַפראַן, דר. יעקב שאַצקי, דר. א. ל. שוואַרצבורג, ע״ה, הרב בן־ציון שורין, ברוך שילמאַן, ז. שער—פאַר זיינע מעשהלעך פון „שאַפ״, ר׳ ניסן שערמאַן. איך דאַנק אַלע, אַלע לייענער וואָס האָבן מיר צוגעשיקט, אָדער דערציילט מעשהלעך. איך פאַרשרייב זייערע נעמען אויף אַ באַזונדערן בלאַט. נישט אַלע מעשהלעך, וואָס זיי האָבן מיר צוגעשיקט, אָדער וואָס איך האָב געהערט פון זיי, האָבן געקענט אַריין אין דעם בוך.

איך דאַנק יעדן איינעם, וואָס איז מיר באַהילפיק געווען ביים אַרויסגעבן דאָס בוך. איך וויל באַזונדער דערמאָנען נ. כאַנין, און איידאַ ליבערזאָן, וואָס האָט נישט געשפּאָרט קיין צייט און מי, צו העלפן, אַז דאָס בוך זאָל אַרויס אַזוי גיך ווי מעגלעך. אַ דאַנק מיין פריינד י. גאָטליב, וואָס איז מיר באַהילפיק געווען ביים לייענען די קאָרעקטור, און דעם דרוקער, אברהם ד. שאולזאָן, וואָס האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסקומען טעכניש שיין.

איך דאַנק האַרציק מיין ברודער, דעם סקולפּטאָר חיים גראָס, פאַר זיינע צייכענונגען צו באַשיינען דאָס בוך.

און אחרון, אחרון וויל איך דערמאָנען מיט ליבשאַפט מיין ווייב זינע און מיין זון גרשון וואָלף, וואָס זענען מיר באַהילפיק געווען די גאַנצע צייט פון מיין אַרבעט אויף דעם בוך.

נפתלי גראָס

ניו־יאָרק, 1954.


Chaim Gross

זיי פֿאָרן און ווייסן נישט, אַז זיי פֿאָרן אַלע נאָך נאָכן פּריץ

אַז דער פּריץ קאַזימיר איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון זיין הויף אין שטאָט אַריין, איז ער געפֿאָרן אין אַ לאַקירטער קאַרעטע מיט גומענע רעדער און מיט צוויי פּאָר געזונטע אויסגעפּאַשעטע פֿערד נאַשפּיץ. דער קוטשער האָט געטריבן די פֿערד אין גאַלאָפּ, אַז די קאַרעטע איז ממש געפֿלויגן אין דער לופֿט.

אַפֿן וועג איז פֿון אַ זייט אָנגעקומען דער בעל־עגלה מרדכי קאַנדרעס. מרדכי איז געווען פֿאַררעכנט פֿאַר דעם רייכסטן בעל־עגלה. זיין בויד איז אַלעמאָל געווען געשפּאַנט מיט דריי געזונטע פֿערד, דריי אַדלערס.

אַז מרדכי קאַנדרעס זעט, אַז דער פּריץ קאַזימיר פֿאָרט מיט צוויי פּאָר פֿערד נאַשפּיץ, זאָגט ער צו זיינע פּאַרשוינען: „איר זעט דעם פּריץ מיט זיינע צוויי פּאָר פֿערד? ווערט איר באַלד זען, אַז איך קען מיט מיינע דריי פֿערד נאָכפֿאָרן גלייך נאָכן פּריץ.” און ער גיט אַ טרייב זיינע פֿערד און פֿאָרט נאָך נאָך קאַזימירן.

אַביסל ווייטער קומט אָן פֿון אַ זייט אלי׳ הערש, אויך אַ בעל־עגלה, נאָר שוין מיט צוויי פֿערד, און נישט אַזעלכע גרויסע ווי מרדכי קאַנדרעסעס פֿערד. אלי׳ הערש האָט נישט געזען, אַז פֿאַראויס פֿאָרט דער פּריץ קאַזימיר. ער האָט נאָר געזען ווי סע יאָגט זיך מרדכי קאַנדרעס. זאָגט ער צו זיינע פּאַרשוינען אַף זיין וואָגן: „איר זעט מרדכי קאַנדרעסן מיט זיינע דריי פֿערד? וועל איך אייך ווייזן, אַז איך קען מיט מיינע צוויי פֿערד נאָכפֿאָרן גלייך נאָך מרדכי קאַנדרעסן.” און ער גיט אַ יאָג זיינע פֿערד און פֿאָרט נאָך נאָך מרדכי קאַנדרעסן. ער האָט נישט געוואוסט, אַז אין דער אמתן פֿאָרט ער נאָך נאָך קאַזימירן.

מע פֿאָרט אַפּ אַ שטרעקע, קומט אָן פֿון אַ זייט דאָס באַלעגאַלטשיקל איציקל מאַציקל. ער שלעפּט זיך מיט אַ וועגעלע, געשפּאַנט מיט איין פֿערדל, און ער פֿירט אין זיין וועגעלע בלויז אַ פּאָר פּאַרשוינען. אַז איציקל מאַציקל זעט פֿאָרן אלי׳ הערשן, זאָגט ער צו זיינע פּאַרשוינען: „איר זעט אלי׳ הערשן. וועט איר זען, אַז איך וויל, קען איך נאָכפֿאָרן גלייך נאָך אלי׳ הערשן.” איציקל מאַציקל האָט נישט געזען, אַז אלי׳ הערש יאָגט נאָך נאָך מרדכי קאַנדרעסן, און מרדכי קאַנדרעס יאָגט זיך נאָכן פּריץ קאַזימיר.

אַז מ׳איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָבן דעם פּריצס פֿערד נאָך געהאַלטן אין איין אונטערשפּרינגען, ווי זיי וואָלטן וועלן נאָך ווייטער יאָגן. מרדכי קאַנדרעסעס פֿערד זענען געווען באַדעקט מיט שווייס. נאָר אַז זיי האָבן זיך אָנגעפּאַיעט, האָבן זיי געגומען פֿרעסן האָבער, און זענען ווייטער געווען פֿערד ווי זיי זענען פֿריער געווען.

אלי׳ הערשס פֿערד זענען שוין קוים געשטאַנען אַף די פֿיס. דער בעל־עגלה האָט זיי אַרומגעווישט, און האָט זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און זיי זענען

ווייטער געשטאַנען. נאָר איציקל מאַציקלס פערד האָט אויסגעצויגן די קאָפּיטעס און אַ סוף!

אַז איציקל מאַציקל האָט דאָס דערזען, האָט ער גענומען קרעכצן: „גיי ווייס, אַז זיי פאָרן גאָר אַלע נאָך נאָכן פריץ קאַזימיר.״

איר שפּילט אייך מיט ראָטשילדס מזל!

אַ ייד איז אַמאָל צוגעשטאַנען צום ווינער באַראָן ראָטשילד, אַז ער זאָל ביי אים קויפן אַ לאָטערי צעטל, אַ לאָז. נאָר וויפיל דער ייד האָט גערעדט איבער אים, האָט ראָטשילד נישט געוואָלט. „צו וואָס טויג עס מיר?״ זאָגט ראָטשילד.

„פאַרשטייט איר מיך, פּאַני ראָטשילד,״ הייבט דער ייד אָן אָף דאָס ניי, „מיט אַזאַ לאָז קענט איר דאָך געווינען דאָס גרויסע געווינס, אַ פערטל מיליאָן קראָנען.״

„אַז צו וואָס דאַרף איך עס?״ זאָגט אים ראָטשילד. „איך האָב, ברוך־השם, גענוג אייגן געלט.״

„יאָ, פּאַני ראָטשילד,״ איז דער ייד מיט אים איינשטימיק, „איר דאַרפט עס טאַקע נישט, נאָר איך דאַרף עס. איר ווייסט דאָך—פּרנסה.״

„וואָס פאַרדינט איר פון דעם?״ ווערט שוין ראָטשילד ווייכער.

„וואָס הייסט וואָס?״ ווערט דער ייד פריילעכער. „ראשית קריג איך אַ פּאָר קראָנען פאַר פאַרקויפן אַזאַ לאָז. צווייטנס, אַז איר ווערט, מיטן אייבערשטנס הילף געווינען דאָס גרויסע געווינס, בין איך באַרעכטיקט צו קריגן צען טויזנט קראָנען פון דעם פערטל מיליאָן.״

ראָטשילד גיט אַ טראַכט און זאָגט: „זעט איר, ר׳ ייד, דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער מעשה. אַז אַ ייד דאַרף פּרנסה און וויל פאַרדינען, איז דאָך נישט שייך! מילא, גיט אַ לאָז.״ ראָטשילד האָט אים באַצאָלט פאַרן לאָז, און דער ייד איז אַוועקגעגאַנגען.

עס זענען אַריבער אַ פּאָר וואָכן, און דער ייד קומט ווידער צו ראָטשילדן און זאָגט אים אָן די גוטע בשורה, אַז זיין לאָז האָט געוואונען דאָס גרויסע געווינס. ראָטשילד זעט די גדולה פון דעם ייד, פרעגט ער אים: „וויפיל דאַרף איך אייך געבן פון דעם געווינס?״

„איך האָב דאָך אייך געזאָגט, פּאַני ראָטשילד, צען טויזנט קראָנען.״

ראָטשילד פאַרטראַכט זיך און זאָגט: „הערט אויס, ר׳ ייד, איך האָב פאַר אייך אַ פּלאַן. איר דאַרפט דאָך פּרנסה, זאָגט איר? וועל איך אייך באַוואָרענען מיט פּרנסה. איך וועל אייך איצט געבן פינף טויזנט קראָנען, און פון איבעראַיאָר אָן וועל איך אייך געבן יאָר־איין יאָר־אויס טויזנט קראָנען אַ יאָר.״

דער ייד פאַרטראַכט זיך אַ מינוט און זאָגט: „ניין, פּאַני ראָטשילד, איך וויל בעסער די צען טויזנט קראָנען גלייך, מיטאַמאָל.״

„טראַכט גוט איבער, ר׳ ייד, וואָס איר טוט,״ זאָגט ראָטשילד. „אַז איר נעמט איצט די גאַנצע צען טויזנט, וועט איר דאָך אַוודאי נעמען מסחרן, און איר קענט, חלילה, נאָך אָנווערן דאָס גאַנצע געלט. נאָר אַז איך וועל אייך איצט געבן פינף טויזנט, און אָנשטאָט די אַנדערע פינף טויזנט—וועל איך אייך איטלעכס יאָר, כּל־

זמן איר וועט לעבן, געבן צו טויזנט קראַנען, וועט איר דאָך דאָס גאַנצע לעבן זיין באַוואָרנט מיט פּרנסה."

„איך וועל אייך זאָגן, פּאַני ראָטשילד," דערקלערט אים דער ייד, „איר זענט, קיין עין־הרע נישט, אַ גרויסער בר־מזל. וואָס איר טוט—זענט איר מצליח אין דעם. איר מיט אייער מזל קענט נאָך, חלילה, גורם זיין, אַז איך זאָל נאָך היי־יאָר שטאַרבן, און איך וועל אַף אַזאַ אופן פאַרלירן אי מיין לעבן, אי די פינף טויזנטער. איך וויל דעריבער די גאַנצע צען טויזנט טאַקע שוין, איצט."

פאַרוואָס די ביימער שטעלן זיך אויס ווינטער אַף די פאַרפרוירענע שויבן

אַז גאָט האָט באַשאַפן די ביימער אַף דער וועלט, זענען געקומען צו אים די פּראָסטע ביימער, וואָס טראָגן נישט קיין פירות, מיט אַ טענה: „רבונו של עולם, פאַרוואָס האָסטו אונז געשטראָפט אַף דער וועלט? די ביימער, וואָס גיבן אַרויס פירות, קריגן אַ תיקון, ווען יידן מאַכן איבער זייערע פירות אַ ברכה, עסן זיי, האָבן הנאה און לויבן דערפאַר דיין נאָמען. נאָר ווי אַזוי וועלן מיר, פּראָסטע ביימער, האָבן אַ תיקון אַף דער וועלט? איבער אונז וועט קיינער נישט מאַכן קיין ברכה און קיינער וועט פון אונז נישט האָבן קיין הנאה. היינט צו וואָס האָסטו אונז באַשאַפן?"

זאָגט דער אייבערשטער צו זיי: „זייט נישט געפאַלן ביי זיך! מענטשן וועלן פון אייך אויך הנאה האָבן. ווינטער, ווען אין דרויסן איז קאַלט, וועלן יידן באַהייצן מיט אייך די שטיבער און די בתי־מדרשים, און זיי וועלן זיצן אין דער וואַרעמקייט און לערנען תורה. דעמאָלט וועט איר אויך האָבן אַ תיקון אַף דער וועלט."

דעריבער, אַז סע קומט דער ווינטער און אין דרויסן איז קאַלט און אַ פראָסט, און די שויבן אין די שטיבער ווערן פאַרפרוירן, קומען די ביימער און שטעלן זיך אויס אַף די פאַרפרוירענע שויבן, און דערמאָנען די יידן: „נעמט אונז און הייצט מיט אונז דעם אויוון, אַז ס'זאָל זיין וואַרעם אין די שטיבער און איר זאָלט קענען זיצן און לערנען גאָטס תורה."

ר' יהושוע אלעזרס דריי דין־תורות

אַז ר' יהושוע אלעזר, דער באַרדיטשעווער נגיד און בעל־צדקה, איז געשטאָרבן, איז ר' לוי יצחק, דער דערבאַרעמדיקער, געקומען צו דער לוויה.

די גאַנצע שטאָט איז געווען ביי יענער לוויה, און ר' לוי יצחק אַליין האָט געמאַכט דעם הספד. יידן האָבן יענעם טאָג פאַרמאַכט זייערע געוועלבן און קלייטן, בעל־מלאכות האָבן איבערגעלאָזט די ווערקשטאָטן, יידן—לערנער, תלמידי־חכמים האָבן פאַרמאַכט די גמרות, און אַלע זענען געקומען באַגלייטן ר' יהושוע אלעזרן צו זיין אייביקער רו. ר' לוי יצחק האָט אים מספּיד געווען, און יידן האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן. צום סוף האָט דער רב דערציילט ווי אַזוי ר' יהושוע אלעזר האָט דריי מאָל זיך געלאָדן ביי אים.

אַז איך דערמאָן מיך די דריי דין־תורות, האָט ר׳ לוי יצחק אָנגעהויבן מיט אַ ניגון, קוועלט אין מיר מיין האַרץ. רבונו־של־עולם, זע וואָס פאַר אַ טייערע יידן דו נעמסט עס צו ביי אונז! די מעשה מיטן ערשטן דין־תורה איז געווען אַזוי:

אין באַרדיטשעוו איז געווען אַ ייד—אַ וואַלד־סוחר. איינמאָל נאַראַיעט מען אים צו קויפן אַ וואַלד. נעמט ער זיין בייטל געלט, פיר טויזנט רובל כסף האָט ער פאַרמאָגט, און גייט אַוועק, צו מאַכן דאָס געשעפט. ער האָט זיך געטראַכט, ער וועט דערוייל געבן אַן אַדערויף, און דערנאָך—איז דער אייבערשטער אַ פאָטער.

אָפן וועג דערמאָנט ער זיך, אַז ער דאַרף עפּעס קויפן. אַז ער קומט צו צו אַ קלייט, גייט ער אַריין, הייסט זיך געבן, וואָס ער דאַרף, באַצאָלט און גייט אַוועק. ווי ער גייט אַזוי, כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט נישט דאָס געלט. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אין קלייט אַרויסגענומען דעם בייטל און—האָט אים דאָרט איבערגעלאָזט.

לויפט ער שוין צוריק אין קראָם אַריין און זאָגט דעם קרעמער, אַז ערשט מיט עטלעכע מינוט פריער האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט זיין בייטל מיטן געלט, זיין גאַנץ פאַרמעגן. זאָגט דער קרעמער: אַ בייטל?—ער האָט נישט געזען קיין בייטל און ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. מאַכט שוין דער ייד אַ געוואַלד: סטייטש, זיין גאַנץ פאַרמעגן! און ער לויפט אַרויס אין גאַס און הייבט אָן חלשן. סע לויפן זיך צונויף מענטשן און מע מינטערט אים אָפּ, און דער ייד דערציילט די מעשה מיט זיין בייטל געלט, און חלשט ווידער.

דערווייל קומט אָן ר׳ יהושוע אלעזר. אַז ער הערט, וואָס סע האָט געטראָפן, און אַז ער זעט ווי דער ייד חלשט, כאַפּט ער אַרויס אַ פּאַק געלט פון בוזעם־קעשענע און זאָגט: אָט איז דאָס געלט. זיינע קינדער האָבן עס די מינוט געפונען. נאָר דעם בייטל האָבן זיי גענומען פאַר זיך צום שפּילן.

„איר האָט עס מסתמא פאַרלוירן אין גאַס, נישט אין קלייט,״ זאָגט ר׳ יהושוע אלעזר צום ייד, און ער ציילט אים אויס פיר טויזנט רובל.

דער ייד דערזעט דאָס געלט, ווערט ער אַ לעבעדיקער. אַ נייע נשמה איז אין אים אַריין, און ער איז אַוועק, צו קויפן דעם וואַלד.

דער קרעמער, אַז ער זעט, ווי ר׳ יהושוע אלעזר האָט געגעבן זיין אייגן געלט, וואָרן ער האָט דאָך געוואוסט, אַז דעם סוחרס געלט האָט ע ר געפונען, און נישט ר׳ יהושוע אלעזר, האָט ער חרטה אָף דעם עסק, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטון. אַז אַ ייד קען געבן זיינע אייגענע פיר טויזנט רובל, אָבי צו ראַטעווען אַ מענטש, איז דאָך דאָס עפּעס נישט קיין קלייניקייט! און ער, מי־יודע וואָס פאַר אַ שטראָף ער וועט דאָס קריגן איבער הונדערט און צוואַנציק פאַר צונעמען דאָס געלט! און אפשר טאָקע נאָך ביים לעבן. כאַפּט שוין דער קרעמער דעם בייטל געלט, לויפט אַריבער צו ר׳ יהושוע אלעזרן און דערציילט אים דעם אמת: „ר׳ יהושוע אלעזר, איר זאָלט וויסן, איך האָב דעם יידס געלט.״

„פאַרפאַלן,״ זאָגט ר׳ יהושוע אלעזר. „איר זענט נישט חולה געווען פריער אָפּצוגעבן. דער ייד איז דאָך שיר געשטאָרבן פון עגמת־נפש.״

דער קרעמער צעוויינט זיך, און ער זאָגט, אויב ר׳ יהושוע אלעזר וועט נישט

נעמען דאָס געלט, וועט ער אים רופן צו אַ דין־תורה. און ער נעמט טאַקע גלייך און שלעפּט ר׳ יהושוע אלעזרן צום רב.

אַז זיי זענען געקומען צו מיר, זאָגט ר׳ לוי יצחק, האָב איך אויסגעהערט זייערע טענות. צום סוף רופט זיך אָן ר׳ יהושוע אלעזר:

„רבי, סע וועט גאָרנישט ניט העלפן. ס׳איז פאַרפאַלן. איך וועל דאָס געלט צוריק נישט נעמען. נאָר אים,״ און ער ווייזט אָפּן קרעמער, „דאַרף מען דאָס געלט אויך נישט שענקען. נעמט, רבי, ביי אים דאָס געלט, און טוט מיט דערמיט, וואָס מע דאַרף. אין באַרדיטשעוו זענען דאָ גענוג נויטבאַדערפטיקע.״

דאָס איז געווען ר׳ יהושוע אלעזרס ערשטער דין־תורה.

דער אַנדערער דין־תורה איז געווען אַזאַ, דערציילט ר׳ לוי יצחק ווייטער:

אין באַרדיטשעוו איז געווען אַ רייכער ייד, ר׳ משה וויינשטיין. האָט מיט אים געטראָפן אַן אומגליק, רחמנא ליצלן. ער האָט אָנגעוואוירן זיין געלט מיט די געשעפטן און איז געוואָרן אַ יורד, אַן אָרימאַן. און ער האָט זיך געשעמט אויס־צוזאָגן. נאָר אַז מע לעבט, מוז מען דאָך האָבן צום לעבן, האָט זיין ווייב ביסלעכ־ווייז אויספאַרקויפט די זאַכן פון שטוב, און מ׳האָט אַלץ אויפגעגעסן.

איינמאָל זאָגט ר׳ משה צו זיין ווייב, אַז ער וועט אַרויספאָרן און פּרובירן זיין מזל ערגעץ אַנדערש. „מיין ווייב, איכ׳ל אַוועקפאָרן ערגעץ, וואו קיינער קען מיך נישט. אפשר וועל איך מיטן אייבערשטנס הילף קענען עפּעס פאַרדינען.״

זאָגט זיין ווייב, יאָ, נאָר נישט אַליין: „אויב, חלילה, שטאַרבן ערגעץ פון הונגער, מיין מאַן, איז ביידע צוזאַמען.״ און זי האָט אים נישט געלאָזט פאָרן.

נישט גוט. ר׳ משה גייט אַרום, און שטיקט אין זיך זיינע צרות. נאָר איינ־מאָל קומט ער אַהיים אַן אויפגעלייגטער, אַ פריילעכער, און זאָגט: „שרה רבקה, הער, איך בין היינט געווען ביי ר׳ יהושוע אלעזרן. האָט ער מיך צוגענומען אין זיינע געשעפטן פאַר אַ „מענטש״ און ער שיקט מיך קיין ראַסטאָוו, איך זאָל דאָרט פירן זיינע פאַבריקן. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אַלע וואָך וועט ער דיר געבן פינף רובל אויף פּרנסה.״

נו, פיין, וואויל, געלויבט השם־יתברך. און ר׳ משה וויינשטיין איז אַוועק־געפאָרן. אַז ס׳איז געקומען דאָנערשטאָג, גייט זיין יידינע אַריבער צו ר׳ יהושוע אלעזרן. זי איז געקומען נאָך די פינף רובל, זאָגט זי. קוקט ער זי אָן און פאַר־שטייט נישט. פרעגט ער זי, ווער זי איז. זאָגט זי אים: זי איז ר׳ משה וויינשטיינס ווייב. און זי דערציילט אים די מעשה: „איר האָט געשיקט מיין מאַן קיין ראַסטאָוו, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט מיר געבן יעדע וואָך פינף רובל אויף חיונה.״

ר׳ יהושוע אלעזר כאַפּט מיטאַמאָל, וואָס דאָ טוט זיך. גיט ער איר גלייך די עטלעכע רובל, און זאָגט אָן דעם קאַסיר, אַז ער זאָל איר אַלע וואָך שיקן פינף רובל, און אויף איטלעכן יום־טוב זאָל ער איר געבן יום־טוב־געלט, גלייך מיט אַלע זיינע „מענטשן״.

אַזוי זענען אַריבער אַ פּאָר יאָר. ר׳ משה וויינשטיין האָט זיך אין דער פרעמד גענוג אָנגעפּלאָגט. נאָר צום סוף האָט דער אייבערשטער געהאָלפן און ער האָט מצליח געווען. אַז ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר טויזנטער, האָט ער גענומען טראַכטן אומצוקערן זיך אַהיים צו ווייב און קינדער.

איין שיינעם טאָג נעמט ער און קויפט איין מתנות פאַרן הויזגעזינד, פאַר־פּאַקט זיך און פאָרט אַהיים. געקומען, ס׳איז גראַדע געווען איין אַן אָוונט, טראַכט ער, מע דאַרף נישט אַריינפאַלן מיטאַמאָל. מע קאָן זיך נאָך דערשרעקן, חלילה, איר ווייסט דאָך. דאַרף מען קודם זען וואָס דאָרטן טוט זיך. גייט ער צו צום פענסטער, גיט אַ קוק, ער זעט, איין שטוב איז ליכטיק, דער טיש איז געגרייט מיט ברויט און פּוטער, און אַ קריגל קאַווע שטייט אויך אַפן טיש, און ווייב און קינדער זיצן פריילעך און עסן. נו געלויבט השם־יתברך.

קלאַפּט ער אָן און פרעגט זיך נאָך, צי דאָרט וואוינט ר׳ משה וויינשטיין. ער האָט נישט געוואָלט לאָזן קענען זיך מיטאַמאָל. נאָר מ׳האָט אים גלייך דערקענט און מ׳האָט אים אַרומגעכאַפּט, און ס׳איז געוואָרן אַ גדולה: „מיין מאַן! מיין מאַן!״ שרייט דאָס ווייב, און די קינדער שרייען: „טאַטע! טאַטע!״

ר׳ משה איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער. ער איז זיכער געווען, אַז מע וועט אים נישט אַריבערלאָזן איבער דער שוועל. ער האָט דאָך זיין ווייב אָפּגעגאַרט, און זי איבערגעלאָזט מיטן גאַנצן הויזגעזינד אַף גאָטס באַראָט און איז אַוועק־געפאָרן. און דאָ גאָר אַזאַ גדולה און מע פרייט זיך מיט אים, און זיין ווייב גרייט פאַר אים אַ געשמאַקע וועטשערע. חידושט ער זיך און קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן, און הייבט אָן פרעגן. ער וויל דערגיין פון וואַנען זיי האָבן זיך דער־נערט און ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט די גאַנצע צייט.

דערציילט אים זיין ווייב און זי זאָגט אים, אַז ר׳ יהושוע אלעזר האָט איר אַלע וואָך געגעבן פינף רובל, ווי מ׳האָט אָפּגערעדט, און אַף איטלעכן יום־טוב האָט ער איר געשיקט יום־טוב־געלט, און אַף פּסח—ווייך.

דערמאַנט זיך ר׳ משה, וואָס ער האָט געטון, איידער ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער שוין נישט געקענט רוען. ער האָט זיך שוין קוים דערלעבט דעם מאָרגן.

אין דער פרי, ווי נאָר ער האָט אָפּגעדאַוונט און איבערגעביסן, גייט ער אַריבער צו ר׳ יהושוע אלעזרן און גיט אים אָפּ שלום. און ר׳ יהושוע אלעזר פרעגט זיך נאָך, וואו ער איז געווען און ווי ס׳איז אים געגאַנגען אין דער וועלט. און ר׳ משה דערציילט אים און זאָגט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און געמוזט דערציילן זיין ווייב אַ מעשה, אַז ער זאָל קענען אַוועקפאָרן, צו פּרובירן זיין מזל ערגעץ אַנדערש. משנה מקום—משנה מזל. און דער אייבער־שטער האָט אים טאַקע געהאָלפן, און איצט וויל ער ר׳ יהושוע אלעזרן אומקערן דאָס געלט, וואָס ער האָט אַלע וואָך געגעבן זיין ווייב און זיי מיט דעם דערהאַלטן ביים לעבן. זאָגט ר׳ יהושוע אלעזר, אַז ער נעמט נישט.

„וואָס הייסט, איך האָב איר דען אַנטליגן דאָס געלט? איך האָב איר גע־געבן.״ און ניין און ניין, ער וועט נישט צוריקנעמען!

שלעפּט אים שוין ר׳ משה צום רב, צו אַ דין תורה.

איך גיב אַ קוק, זאָגט ר׳ לוי יצחק, ר׳ יהושוע אלעזר איז ווידער דאָ. און זיי לייגן פאַר מיר אַרויס זייערע טענות, און ר׳ יהושוע אלעזר ענדיקט: „רבי, פּסקנט יאָ, אָדער פּסקענט נישט, איך וועל דאָס געלט נישט נעמען.״ און ער זאָגט „אַ גוטן תמיד״ און גייט אַוועק.

דאָס איז געווען זיין צווייטער דין־תורה.

דער דריטער דין־תורה ר׳ יהושוע אלעזרס, זאָגט דער דערבאַרעמדיקער ווייטער, איז געווען אַזאַ:

אין באַרדיטשעוו איז געווען אַ ייד, וואָס האָט געסטראַיעט הייזער. אַז ער איז געוואָרן אַלט, איז ווי סע פירט זיך אין אונזער עולם, האָט מען אים ביסלעכ־ווייז אויפגעהערט צו נעמען.

ס׳איז אַריבער אַ צייט, איז דער ייד געוואָרן אַ יורד, און ער איז נעבעך פאַראָרימט געוואָרן. שטייט ער אַזוי איינמאָל אין גאַס און טראַכט: וואָס הייבט מען אָן צו טון, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו קיצבה?

ווי ער טראַכט אַזוי, פאָרט אָן דער פּריץ. דער ייד האָט אַמאָל געבויט הייזער פאַר אים. האָט אים דער פּריץ גלייך דערקענט, און ער שטעלט אָפּ די קאַרעטע און פרעגט אים: „וואָס טוסטו, פּאַני יאַנקל?״ ענטפערט אים ר׳ יאַנקל: „וואָס זאָל איך טון, פּריץ לעבן? איך בין געוואָרן אַלט, און קיין אַרבעט האָב איך נישט, און עסן דאַרף מען, איז נישט גוט.״ זאָגט דער פּריץ: „הער, יאַנקל, מיינע קינדער, די פּאַניטשעס, דאַרפן סטראַיען הייזער. וואָלט איך וועלן, אַז דו זאָלסט פאַר זיי סטראַיען. איך בין פון דיר אַלעמאָל געווען צופרידן. איך מיין, אַז דו קענסט נאָך איצט בעסער בויען ווי די יונגע צוציקעס. נאָר אַז דו האָסט נישט קיין געלט, טויג נישט. דו דאַרפסט איינלייגן כאָטש אַ פּאָר טויזנט רובל. נאָר הער, אַזוי ווי איך קען דיך, וועט טויזנט רובל זיין גענוג. קריג ערגעץ אַ טויזנ־טער, און איך וועל זען, מע זאָל דיר געבן די אַרבעט.״

טראַכט ר׳ יאַנקל, דער פּריץ איז גערעכט. און ער זאָגט: „גוט, פּריץ לעבן, איך וועל דיר מאָרגן, מיט גאָטס הילף, געבן אַן ענטפער.״

און ר׳ יאַנקל נעמט טראַכטן וואָס צו טון. וואו קריגט מען ערגעץ אַ טויזנ־טער אַ גמילת־חסד? פאַלט אים איין: ער וועט אַריבערגיין צו ר׳ יהושוע אלעזרן. געקומען, רעדט ער זיך אויס פאַר אים דאָס האַרץ, און ער זאָגט: „ווען איך וואָלט געהאַט אַ טויזנט רובל, וואָלט איך געקענט צוריק אויפגעריכט ווערן, מיטן אייבערשטנס הילף. זאָגט ר׳ יהושע אלעזר, אויב ער האָט אַן ערב (אָרעוו), וואָס זאָל קאַווירן פאַר אים, וועט ער אים געבן דאָס געלט, אַ גמילת־חסד.

גייט שוין ר׳ יאַנקל אַהיים אַ פאַרזאָרגטער און טראַכט ווידער: וועמען קריגט מען פאַר אַן ערב? ווער וועט דאָס וועלן ערב זיין פאַר אים, אַז ער איז אַזוי אָרים?

ער קומט אַריין אין שטוב, זעט ער, אַפן טיש ליגט אַ פּאַפּיר, און סע שטייט טינט און פעדער. פאַלט אים איין אַ געדאַנק. און ער גייט צו און שרייבט אָן אַ וועקסל אַף טויזנט רובל, און ער שרייבט אונטער: „לי הכסף ולי הזהב, נאום אַדושם.״ דאָס זילבער איז מיינס און דאָס גאָלד איז מיינס, זאָגט דער רבונו־של־עולם. און ער נעמט און טראָגט אַריין דאָס וועקסל צו ר׳ יהושוע אלעזרן און זאָגט: „ר׳ יהושוע אלעזר, נאַט אייך אַ וועקסל. איך האָב אייך געבראַכט דעם גרעסטן ערב אין דער וועלט.״ און דערביי שמייכלט ער צו זיך אַליין.

ר׳ יאַנקל דערלאַנגט אים דאָס וועקסל און שמייכלט נאָך אַלץ. ער איז כמעט זיכער, אַז ר׳ יהושוע אלעזר וועט אים אויסלאַכן.

ר׳ יהושוע אלעזר נעמט דאָס וועקסל, לייענט עס איבער, און אַז ער זעט ווי ר׳ יאַנקל שמייכלט, פרעגט ער אים: „וואָס לאַכט איר, ר׳ יאַנקל? ס׳איז דען, חלילה אַ שלעכטער ערבֿ?״ און ער גייט צו צו זיין קאַסע־קאַסטן, ציילט אָפּ אַ טויזנטער און דערלאַנגט אים: „דער אייבערשטער וועט העלפן, ר׳ יאַנקל, נעמט און זייט מצליח.״

ר׳ יאַנקל קוקט און שמייכלט נאָך אַלץ: איז דאָס אַ חלום? נאָר ער זעט, אַז ער האָט דאָס געלט אין האַנט. זאָגט ער „אַ גוטן תמיד״ און גייט אַריבער צום פריץ און לייגט אים דאָס געלט.

אין גיכן האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן סטראָיען די הייזער פאַר די קינדער פון דעם פריץ, און ער האָט מצליח געווען. ער איז ווידער אויפגעריכט געוואָרן, און האָט געמאַכט אַ סך געלט, אַן אוצר.

דערווייל זענען אַריבער עטלעכע יאָר, אפשר דריי יאָר, אפשר פיר יאָר, און ס׳איז געקומען די צייט צו דעקן דאָס וועקסל. נאָר ר׳ יאַנקל איז געווען אַזוי פאַרהאַוועט, אַז ער האָט נעבעך פאַרזען, אַז ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט אומקערן דאָס געלט.

איין שיינעם טאָג כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט נאָך נישט אָפּגעגעבן דעם גמילת־חסד. נעמט ער אַרויס אַ טויזנטער און גייט אַריבער צו ר׳ יהושוע אלעזרן, אָפּצוגעבן דעם חובֿ, און טאַקע מיט דאַנק. עפּעס אַ קלייניקייט? ער האָט אים דאָך, מיטן אייבערשטנס הילף, געראַטעוועט ממש!

זאָגט ר׳ יהושוע אלעזר, אַז דער ערבֿ האָט אים שוין לאַנג באַצאָלט דעם חובֿ. זאָגט ר׳ יאַנקל: „איר לאַכט, ר׳ יהושוע אלעזר.״ „ניין, איך לאַך נישט, ר׳ יאַנקל,״ זאָגט ר׳ יהושוע אלעזר, „און איך נעם נישט קיין צוויי מאָל.״ און ער עפנט דעם קאַסע־קאַסטן און ווייזט אים, אַז דאָרט איז פול מיט געלט. דער אייבערשטער האָט אים באַצאָלט דעם חובֿ כפל־כפלים.

נאָר ר׳ יאַנקל וויל נישט אָפּטרעטן. ער האָט געליגן, און ער וויל באַצאָלן. און ער נעמט ר׳ יהושוע אלעזרן צום רבֿ אויף אַ דין־תורה. און זיי נעמען טענהן פאַר מיר: אַזאַ און אַזאַ מעשה. נאָר ר׳ יהושוע אלעזר זאָגט, אַז ער האָט אַ גוטן סימן, אַז דער ערבֿ האָט אים באַצאָלט ר׳ יאַנקלס חובֿ כפל־כפלים: ביי אים אין קאַסע־קאַסטן איז צוגעקומען צוויי מאָל אַזוי פיל ווי ער האָט פריער געהאַט. טאָ וואָס הייסט, ער וועט, חלילה, נעמען צוויי מאָל פאַר דעמזעלבן חובֿ?

„אויבֿ איר ווילט, רבי, נעמט איר ביי ר׳ יאַנקלען דאָס געלט און טוט מיט דערמיט וואָס מע דאַרף. איך וועל דאָס געלט נישט נעמען, רבי. ס׳איז נישט מיינס.״

און ר׳ לוי יצחק לאָזט אויס דעם הספד מיט אַ ניגון: „היינט פאַרשטייט איר שוין, טייערע יידן, פאַרוואָס מיין האַרץ קוועלט אַזוי? בלויז די דריי מאָל האָט זיך ר׳ יהושוע אלעזר געלאָדן ביי זיין לעבן. נישט מער. רבונו־של־עולם, זע, וואָס פאַר אַ טייערע יידן דו נעמסט עס צו ביי אונדז!״

און די גאַנצע שטאָט האָט געוויינט אויף ר׳ יהושוע אלעזרס טויט. ברוך דיין אמת.

ווער סע קען אויספֿירן אַ שידוך, קען אויך קאַליע מאַכן אַ שידוך

אין שטעטל יאַוואָראָוו איז געווען אַ שדכן, ר׳ קלמן משה דער שדכן. אַ וואוילער ייִד, אַ קלוגער ייִד. ער האָט געקענט צוזאַמענפֿירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. איינמאָל האָט ר׳ קלמן משה אויסגעפֿירט אַ שידוך צווישן אַ שטאָטישן חתן און אַ דאָרפֿישער מויד. דעם חתנס פֿאָטער איז געווען אַ שניידער, און דער כלהס פֿאָטער איז געווען אַ דאָרף־ייִד, אַ פּראָסטער ערד־אַרבעטער, וואָס האָט געהאַט אויך אַ שטיקל קרעטשמע ביים וועג. אַז דער שדכן איז געקומען צום שניידער נאָך שדכנות־געלט, האָט ער נישט געגעבן. ער איז געווען אַ ייִד אַן אָרימאַן און האָט נישט געהאַט פֿון וואַנען צו געבן. דער כלהס פֿאָטער האָט יאָ געהאַט געלט, נאָר ער האָט נישט געוואָלט געבן. דער שדכן האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געמאָנט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער קומט צום דאָרף־ייִד, מאָנען זיין שדכנות־געלט. נאָר אומזיסט. דער ייִד גיט נישט. דערווייל הערט ער ווי דער דאָרף־ייִד זאָגט צו זיין ווייב, אַז ער וועט היי־יאָר מוזן אָנזעצן אומעטום, ווייל מע דאַרף דאָך האָבן געַנוג, דער טאָכטער חתונה צו מאַכן. און ער זאָגט טאַקע גלייך צום פּאַראָבאָק, אַז ער זאָל גיין צעאַקערן דאָס גאַנצע פֿעלד און פֿאַרזעצן בולבעס און קוקורודזעס און גרינסן.

אַז דער שדכן הערט וועגן אָנזעצן, טראַכט ער, אַז איצט איז די צייט צו קענען קריגן זיין שדכנות־געלט. און ער גייט אַריבער צום שניידער און זאָגט: „איר האָט געהערט, ר׳ שאול שלמה, אייער מחותן וויל אָנזעצן אומעטום.״

דער שניידער בלייבט שטיין אַ געפּלעפּטער. מיטאַמאָל ווערט ער אין כעס און נעמט שרייען: „אַ מעשה! קיין אָנזעצער וויל איך נישט פֿאַר קיין מחותן!״ און ער נעמט און שיקט העגדום־פּענדום אָפּ די תּנאים.

דער דאָרף־ייִד דערזעט אַזאַ זאַך, ווערט ער אויך אין כעס און נעמט שרייען: „מיט אַ שניידערוק, אַ לאַטוטניק, וויל איך נישט זיין קיין מחותנים! אויס! אַ סוף!״

סע גייען אַריבער אַ פּאָר וואָכן, די מחותנים האָבן זיך דערווייל אַביסל אויסגעניכטערט, טרעפֿט דער שדכן דעם שניידער. שמועסט מען, און סע קומט צו רייד וועגן שידוך, וואָס איז געוואָרן אויס. צעלאַכט זיך ר׳ קלמן משה און זאָגט: „דער דאָרף־ייִד איז, חלילה, נישט קיין אָנזעצער. איך האָב געמיינט צו זאָגן, אַז ער האָט אָנגעזעצט דעם גאַנצן גאָרטן מיט בולבעס און אַלערליי גרינסן.״

קוקט שוין דער שניידער ווי חושים: געוואַלד, וואָס האָט ער דאָ געטון?! „ר׳ קלמן, איך לייג איין אייער שדכנות־געלט ביים רבֿ. זעט און מאַכט צוריק דעם שידוך.״

דער שדכן לאָזט זיך נישט בעטן. ער גייט אַריבער אין דאָרף אַריין צו דעם אַנדערן מחותן און שמועסט. „אי, וואָס פֿאַרשטייט איר נישט?״ זאָגט ער צום דאָרף־ייִד. „אייער מחותן האָט נישט פֿאַרשטאַנען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איר האָט אָנגעזעצט דעם גאָרטן, האָט ער געמיינט, אַז איר האָט אָנגעזעצט מענטשן.״

דער דאָרף־ייִד דערהערט אַזאַ זאַך, כאַפּט ער שוין אַרויס אַ זשעמניע מיט

געלט, שטופּט עס דעם שדכן אין האַנט אַריין און זאָגט: „ר׳ קלמן, איך בעט אייך, גייט שוין אַריבער צום מחותן און פירט צוריק צונויף דעם שידוך.״

אַזוי האָט ר׳ קלמן זיך אָפּגענומען זיין שדכנות־געלט, און דער שידוך איז צוריק געוואָרן אַ שידוך.

אַ מעשה מיט רגל־געלט, וואָס דער גביר האָט געשיקט דעם רב

אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים איז געווען אַ רב, אַן איש־תמים. ער איז געזעסן יום־ולילה און האָט עוסק געווען אין תורה. קיין שכירות האָט ער נישט באַקומען. ווילט איר דאָך וויסן אַוודאי פון וואָס ער האָט געצויגן זיין ביסל חיונה? איז אַזאַ מעשה: די רביצין האָט אונטערגעהאַנדלט. זי האָט פאַרקויפט הייוון די ווייבער אויף שבת און יום־טוב. נאָר דאָס איז נישט געווען גענוג. און ס׳איז טאַקע געווען צרות. מ׳האָט נעבעך אונטערגעהונגערט צו ביסלעך. יידן האָבן געזען אַזאַ זאַך, האָט מען נישט געשוויגן, און די קהילה האָט באַשלאָסן, אַז איטלעכער באַלעבאָס זאָל געבן דעם רב רגל־געלט. אַז סע קומט פאַר אַ יום־טוב, זאָל איטלעכער שיקן וויפיל ער קען. אַ גביר זאָל געבן אַ קערבל, אַ שיינער באַלעבאָס—אַ האַלב קערבל, אַ קרעמער—אַ גילדן, אַ בעל־מלאכה—אַ גריוונינע, אַ צענער, אַ זעקסער. הכלל, איטלעכער זאָל עפּעס געבן.

מאַכט זיך, אַז דער גביר פאָרט אַוועק חנוכה־צייט וועגן מסחר אין ווייטע מקומות, און קומט צוריק אַהיים ערשט ערב פּסח. דערמאָנט ער זיך, אַז מע דאַרף שיקן דעם רב רגל־געלט. ס׳איז טאַקע אַביסל שפּעט, נאָר שיקן דאַרף מען. און ער נעמט גלייך פיר רובל, לייגט זיי אַריין אין אַ קופּערטע, און שרייבט צו עט־לעכע ווערטער: „איך שיק אייך, רבי, פיר קערבלעך אַנטקעגן די פיר בנים פון דער הגדה.״ און ער רופט צו דעם משרת, גיט אים די קופּערטע, און הייסט אים דאָס אָפּטראָגן צום רב.

אויפן וועג גיט דער משרת אַ קוק, אין דער קופּערטע ליגן פיר קערבלעך. טראַכט ער: ווען האָט דער רב געזען אַזויפיל געלט? ער וועט אַראָפּנעמען אַ קערבל פאַר זיך. נישקשה, דריי קערבלעך וועט אויך זיין גענוג.

דער רב האָט געקריגן די קופּערטע מיט די דריי קערבלעך און דאָס בריוול. ער לייענט איבער די פּאָר ווערטער, און אים איז אַ חידוש: דער גביר שרייבט בפירוש, אַז ער שיקט אים פיר קערבלעך קעגן די פיר בנים פון דער הגדה, און דאָ זענען בלויז דאָ דריי! מילא, מע וועט זען.

אין די חול־המועד טעג באַגעגנט זיך דער רב מיט דעם גביר. שמועסט מען. צום סוף פרעגט אים דער רב, וואָס ער האָט געמיינט מיט זיין שרייבן, אַז ער שיקט אים פיר קערבלעך. ער האָט געקריגן נאָר דריי.

דער גביר האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס ס׳האָט געטראָפן. נאָר ער האָט נישט געוואָלט רעדן אויפן משרת. זאָגט ער צום רב: „איר ווייסט דאָך, רבי, אַז מע גייט צונויפנעמען אויף אַ דבר־צדקה און מע קומט צו אַ ש א י נ ו י ו ד ע ל ש א ו ל, ווייסט ער נישט וואָס צו פרעגן און וואָס צו זאָגן, נאָר ער נעמט און גיט וויפיל ער קען. אַז מע קומט צו אַ ת ם, און איר ווייסט דאָך—אַ תם

איז אַ תּם, מע זאָגט אים גיב—גיט ער. מיט דעם ר ש ע איז שוין צרות, און מע דאַרף געבוג צואַרבעטן און האָרעווען, ביז מע קריגט ביי אים עפּעס אַף צדקה. נאָר צום ערגסטן איז מיט דעם ח כ ם. ער האַלט זיך דאָך פאַר דעם אייבער־שטן פון שטייסל און וויל ווייזן, אַז ער איז אַ חכם. נאָר אין דער אמתן איז ער דאָך אַ חכם פון דער מ ה נ ש ת נ ה. וויפיל מע זאָל מיט אים נישט אייג־טענהן און קנעלן, חכמהט ער זיך און בלייבט איינגעשפּאַרט און—גיט נישט. היינט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איר האָט געקריגן בלויז דריי קערבלעך?״

דיזעלבע מאָס און דאָך נישט גליַיך

דער גביר הערש בער איז געווען אַ שיינער ייד אין שטעטל. אמת, ער איז, חלילה, נישט געווען געבענטשט מיט קיין איבעריק אָפּענער האַנט ווי סע וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ ייד פון זיין שטאַנד. דאָך האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט מיט אים, און מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נגיד. מאַכט זיך, אַז דער גביר דאַרף פאָרן אַף אַ חתונה אין דער גרויסער שטאָט אַריין, אַזש קיין קראָקע. האָט ער זיך איינ־געקויפט סחורה אַף אַ פּאָר נייע פּלודערן, אַף אַ נייעם קאַפּטאָן און אַ מאַנטל, און האָט געשיקט נאָכן שניידער, אַז ער זאָל אים מאַכן די מלבושים.

דער שניידער נעמט אים די מאָס, מעסט אויס די סחורה, און זאָגט אים, אַז ס'איז נישט גענוג. ס'וועט פעלן סחורה. סטייטש? וואָס הייסט? ער האָט געקויפט, דאַכט זיך, גענוג. פאַרוואָס זאָל פעלן? שיקט ער נאָכן צווייטן שניידער. יענער נעמט אים די מאָס, מעסט איבער די סחורה, און זאָגט דאָסזעלבע: ס'איז נישט גענוג.

פאַרדריסט עס דעם גביר. דאָס ערשטע מאָל, אַז ער קויפט סחורה אַף מלבושים? וואָס הייסט, סע פעלט? און ער טראַכט, אַזוי ווי ער דאַרף סיי ווי זיין אין קראָקע צוליב מסחרים, וועט ער אַרויספאָרן אַהין מיט אַ פּאָר וואָכן פריער און וועט אין איין וועגס שוין דאָרטן לאָזן נייען פאַר זיך די זאַכן. און אַזוי איז געווען. געקומען קיין קראָקע, גייט ער אַריין צו אַ שניידער, ווייזט אים די סחורה, און זאָגט אים וואָס ער וויל: אַ פּאָר פּלודערן, אַ נייעם קאַפּטאָן און אַ מאַנטל. דער שניידער נעמט אים די מאָס, מעסט אויס די סחורה און זאָגט, אַז ס'איז פּונקט גוט. ס'וועט אפשר נאָך בלייבן אַ שטיק.

זאָגט דער גביר, אַז ער פאַרשטייט נישט. און ער דערציילט אים די מעשה: אין שטעטל ביי אים האָבן די שניידערס געמאָסטן און גערעכנט, און געטענהט, אַז ס'איז נישטאָ גענוג סחורה. ס'האָט געפעלט אפשר אַ האַלבע אייל. און דאָ, ביי אים, איז נאָך דאָ צופיל.

„איך וועל אייך זאָגן,״ שמייכלט דער שניידער. „ביי אייך אין שטעטל זענט איר אַוודאי אַ גרויסער מענטש, אפשר טאַקע דער גרעסטער. האָט דעריבער נישט געסטאַיעט דאָרט קיין סחורה. דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, זענט איר אַ מענטש ווי אַלע. גאָר נישט גרעסער. דעריבער איז גענוג סחורה, און ס'וועט אפשר נאָך איבערבלייבן אַ שטיק.״

פאַרוואָס מחותנים רופן זיך נישט ביים נאָמען

ס׳איז נישט קיין שידוך, ווײַל דער מחותן הייסט ר׳ לייב און דער חתן איז אַ לייב

אין שטעטל סמילאָוויטש איז אַמאָל געווען אַ רב. האָט מען אים גערופן ר׳ לייב האַמלער. ער איז געווען אַ ייד—אַ תלמיד־חכם, נאָר, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, נעבעך, אַ גרויסער אָרימאַן.

דערדאָזיקער רב ר׳ לייב האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ שיינע, אַ געראָטענע, און זי איז געשטאַנען אין שידוכים. אַ שדכן האָט איר גערעדט אַ שידוך מיט אַ בחור פון אַ צווייטער שטאָט, אַ זון פון אַן אויפגעקומענעם גביר. אַז דער רב האָט אויס־געהערט דעם שדכן, זאָגט ער צו אים, אַז ער וועט אים געבן אַן ענטפער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. ער וועט זיך דערווייל נאָכפרעגן וועגן דעם בחור און אויסגעפינען ווער, וואָס.

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן, קומט דער שדכן נאָך אַן ענטפער. זאָגט אים דער רב, אַז ער קען נישט טון דעם שידוך. וואָס איז? דער חתן האָט דעמ־זעלבן נאָמען וואָס ער, דער רב. זאָגט דער שדכן, ס׳אַ טעות. דער רב האָט זיך נישט גוט נאָכגעפרעגט. דער בחור הייסט נישט לייב, נאָר אברהם.

ענטפערט דער רב, אַז ער האָט זיך גוט נאָכגעפרעגט, און אַזוי איז עס.

„נאָר ווייזט אויס," דערקלערט ער דעם שדכן, „אַז דו האָסט פאַרגעסן די גמרא, וואָס זאָגט, ווער סע מאַכט חתונה זיין טאָכטער מיט אַן עם־הארץ, איז גלייך ווי ער וואָלט זי געבונדן און אַנידערגעלייגט פאַר אַ לייב. הייסט פאַרשטייסטו שוין: ער איז אַ „לייב", און איך הייס לייב. דעריבער קען ער נישט זיין קיין שידוך פאַר מיין טאָכטער."

פאַרוואָס מחותנים רופן זיך נישט איינער דעם אַנדערן בײַם נאָמען

אַ לייב האָט אַמאָל געהאַט דריי לייבן־זין. זיי זענען געוואַקסן און געוואָרן גרויס, נאָר קיין לייט זענען זיי נישט געווען. זיי זענען אין גאַנצן נישט געווען געראָטן אין זייער טאַטע־לייב, דעם מלך איבער אַלע חיות אין וואַלד.

אַז ס׳איז געקומען די צייט און דער עלטסטער פון די דריי לייבן־ברידער האָט געדאַרפט חתונה האָבן, האָט קיינער פון די לייבן אים נישט געוואָלט נעמען פאַר אַן איידעם. זעט דער טאַטע־לייב, אַז מע קען קיין לייביכע נישט קריגן פאַר זיין זון, האָט ער זיך משדך געווען מיט אַ בער.

ביי דער חתונה זיצן די מחותנים צוזאַמען און טרינקען לחיים: „לחיים, ר׳ לייב." „לחיים, ר׳ בער."

דערנאָך איז אַוועק אַ שטיקל צייט, און דער צווייטער זון האָט געדאַרפט חתונה האָבן. נאָר דער איז געווען נאָך אַ גרעסערער שלעמאַזל. אַפילו אַ בער האָט אים נישט געוואָלט פאַר קיין איידעם.

וואָס טוט מען? האָט מען פאַרבויגן נאָך מער מיט דעם יחוס און מ׳האָט זיך משדך געווען מיט אַ וואָלף.

זיצן די מחותנים ביי דער חתונה און טרינקען צוזאַמען לחיים: „לחיים, ר׳ לייב." „לחיים, ר׳ וואָלף."

דערנאָך איז ווידער אַוועק אַ שטיקל צייט, און דער מעזיניק־לייב האָט גע־דאַרפט חתונה האָבן. נאָר דער חתן־לייב איז געווען אַזאַ גאָרנישט שעבעגאָרנישט, אַז קיינער פון די חיות אין וואַלד האָט אים נישט געוואָלט. דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט זיך געמוזט משדך זיין מיט אַ הונט.

אַז ס׳איז געקומען צו דער חתונה, און מ׳האָט געדאַרפט טרינקען לחיים, איז געווען צרות. גיי זאָג: „לחיים, ר׳ הונט.״ האָט מען קיין נאָמען נישט דערמאָנט און מ׳האָט בלויז געזאָגט: „לחיים, מחותן.״ „לחיים מחותן.״

זינט דעמאָלט איז געוואָרן אַ מנהג, אַז מחותנים רופן זיך נישט איינער דעם אַנדערן ביים נאָמען.

צען טעג איז ביי אים צען יאָר

אַ ייד איז געוואָרן קראַנק. מסוכן קראַנק. רופט ער צו צו זיך זיין בן־יחיד און זאָגט צו אים: „מיין קינד, איידער איך שטאַרב, וויל איך דיר אָנזאָגן, אַז ווען סע וועט קומען דער טאָג, און דו וועסט וועלן חתונה האָבן, נעם נישט קיין כלה, וואָס האָט אַ רויטן טאַטע. וואָרן די רויטע זענען לויטער שמד־שטיק. נאָר אויב דו וועסט יאָ חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון אַ רויטן, און דו וועסט שפּעטער האָבן, חלילה, צרות, דעמאָלט זאָלסטו דיך באַראָטן דייקע מיט אַ רויטן ייד. ער וועט דיר שוין זאָגן, וואָס צו טון.

אין גיכן איז דער פאָטער געשטאָרבן. ס׳איז אַריבער נאָך דעם אַ צייט, און דער זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, און טאַקע פון אַ רויטן. דער שווער האָט אים צוגעזאָגט נדן און צען יאָר קעסט, און אַלץ איז געווען גוט און וואויל.

צען טעג נאָך דער חתונה רופט דער שווער צו זיין איידעם און זאָגט צו אים: „מיין קינד, איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז אַ טאָג איז ביי מיר אַ יאָר און אַזוי ווי דו האָסט חתונה געהאַט מיט צען טעג צוריק, מיינט עס דאָך, אַז דו האָסט שוין געגעסן ביי מיר צען יאָר קעסט, טאָ נעם דיר איצט דיין ווייב און— גייט אייך געזונטערהייט.״

דער איידעם איז געבליבן געפּלעפט. ער איז אַרויס אין גאַס אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרצאָגטער. נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דער פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ווען ער וועט זיין אין אַ צרה, זאָל ער זיך באַראָטן מיט אַ רויטן ייד. ווי ער גייט אַזוי, דערזעט ער אין גאַס אַ ייד מיט אַ רויטער באָרד. שטעלט ער אים אָפּ, און מיט טרערן אין די אויגן נעמט ער אים דערציילן זיינע צרות. זאָגט דער ייד: „נישט געדאגהט, יונגערמאַן. גיי אַריבער צום רב און זאָג אים, אַז דו ווילסט אָפּגטן דיין ווייב. דו וואוינסט שוין מיט איר צען יאָר, און האָסט נישט מיט איר קיין קינדער. און דער דין איז, אַז מע וואוינט מיט אַ ווייב צען יאָר, און מ׳האָט נישט קיין קינדער מיט איר, דאַרף מען זי גטן. דערצייל אויך דעם רב די גאַנצע מעשה מיט די צען יאָר קעסט. דו וועסט זען, סע וועט זיך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן.״

דעם איידעם איז געפעלן דער איינפאַל. ער איז גלייך אַריבערגעגאַנגען צום רב און האָט אים דערציילט די מעשה פון אלף ביז תיו.

דער רב האָט גלייך געשיקט נאָכן שווער, און ער זאָגט צו אים: „דיין איידעם וויל אָפּגטן דיין טאָכטער, ווייל לויטן יידישן דין, אַז מע וואוינט מיט אַ ווייב צען יאָר, און זי האָט נישט קיין קינדער, דאַרף מען זי גטן."

„סטייטש, וואָס הייסט?" צעשרייט זיך דער שווער. „ס'איז דאָך ערשט צען טעג נאָך דער חתונה."

„יאָ, אמת טאָקע," זאָגט דער רב. „נאָר אַזוי ווי ביי דיר איז דאָך אַ טאָג— אַ יאָר, דאַרף דיין איידעם לויטן דין אָפּגטן דיין טאָכטער."

דער שווער האָט זיך אַרומגעקוקט וואָס פאַר אַ צרה ער האָט דאָ אָנגעאַרבעט, האָט ער איבערגעבעטן זיין איידעם און צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין האַלטן זיין וואָרט.

ער האָט געוואונען דעם דין־תורה

אַ יונגערמאַן—אַ וואויל־לערנער מיט אַ הדרת־פנים, האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן אַ רבי און פירן טיש. האָט ער זיך צוגענומען אַ שמש, האָט זיך אָנגעטון אַ פיינע זשופּיצע מיט קורצע פּלודערן און ווייסע זאָקן, און האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער מדינה.

איינמאָל קומט ער אין אַ שטעטל אַריין. הערט ער דאָרט, אַז מע נעמט צום פּריזיוו, און יונגעלייט זענען, נעבעך, אָפּגעקאָכט. דער דאָקטער איז אַ שטרענ־גער, און נעמט בשום אופן נישט קיין לאַפּקע־געלט.

אַז יידן דערהערן, אַ רבי איז געקומען צו פאָרן, האָט מען אָנגעהויבן לויפן צו אים מיט קוויטלעך, און מיט בקשות און געוויינען.

יענעם שבת צו שלוש־סעודות האָט דער יונגערמאַן געמאַכט אַ גוטן לחיים און האָט געזאָגט תורה. אין מיטן האָט אים גענומען שלעפערן, און ער האָט איינ־געדרימלט. דער עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס מוז זיין דערביי, און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אים צו וועקן.

ס'איז אַריבער אַ פּאָר מינוט, כאַפּט זיך אויף דער יונגערמאַן און פאַרשטייט גלייך, אַז ער איז אַריינגעפאַלן: אין מיטן זאָגן תורה שלאָפט ער גאָר! נאָר קיין נאַר איז ער נישט געווען, קומט ער באַלד צו זיך און זאָגט: „יידן, ווייסט איר וואו איך בין געווען? איך האָב געהאַט מיט פאַניען אַ דין־תורה אין הימל פאַר דער פּמליא־של־מעלה. וואָס וויל מען פון יידן?—האָב איך געשריגן. פאַרוואָס נעמט ער יידן, צו זיין זעלנער, אַז זיי זאָלן מוזן עסן טרפות און מחלל־שבת זיין?—אַז מ'האָט געהערט מיינע טענות און מענות, האָט די פּמליא געפּסקנט, אַז איך בין גערעכט, און איך האָב דעם דין־תורה טאַקע געוואונען! געוואונען... נאָר פאַניע גנב וויל נישט האַלטן דעם פּסק־דין."

אַ ברודער, און מ'האָט נישט קיין אײַנזעעניש מיט אים

ביידע זענען געווען לייבלעכע ברידער, און ביידע האָבן געוואוינט אין דעמ־זעלבן שטעטל. נאָר דעם יינגערן האָט דאָס מזל צוגעשפּילט, און וואָס ער האָט געטון, האָט ער מצליח געווען. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן רייך, און האָט זיך

געקויפט הייזער און געשעפטן. דעם עלטערן איז געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ, און ער איז געבליבן אַן אָרימאַן. ער האָט געהאָרעוועט מיטן שוויס פון זיין פּנים, און האָט קוים אויסגעשלאָגן אַ שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדער.

אַז ס'איז געקומען דער ווינטער, האָט דער אָרימער ברודער גענומען אַ האַק און אַ זעג און איז געגאַנגען האַקן האָלץ ביי באַלעבאַטים.

איינמאָל שטייט ער אַזוי אין מאַרק, מיט דער האַק און זעג אויפן אַקסל, און וואַרט אויף אַ פאַרדינסטל. ווי ער שטייט אַזוי, קומט אָן זיין יינגערער ברודער, דער גביר, און זוכט האָלצהעקערס. ער האָט געקויפט עטלעכע שוכעס האָלץ, וויל ער, מע זאָל עס צעזעגן און צעהאַקן.

טראַכט דער עלטערער: וואָס דאַרף ער גיין אַרבעטן צו פרעמדע, אַז דער אייגענער ברודער דאַרף האָלצהעקערס?! גייט ער מיט נאָך אַנדערע האָלצ־העקערס אַרבעטן ביי זיין ברודער.

אָפּגעאַרבעט דעם טאָג, באַצאָלט דער גביר יעדן איינעם וויפיל מ'האָט זיך באַדונגען. נאָר אַז סע קומט צום אָרימען ברודער, גיט ער אים מיט אַ פערטעלע ווינציקער. קוקט דער אָרימער האָלצהעקער אויף דעם געלט, און זאָגט: „וואָס איז דאָס, ברודער? פאַרוואָס קומט מיר עפּעס ווינציקער?"

„וואָס הייסטו?" זאָגט דער גביר. „דו ביסט דאָך מיינער אַ ברודער, מעגסטו האָבן איינזעעניש מיט מיר, און נישט רייסן אַ פּאַס ווי די אַנדערע."

דעם גבאַיס שטול אין גן־עדן שטייט נאָך אַלץ ליידיק

אין שטעטל איז געווען אַ גבאַי־צדקה. ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז די צדקה, וואָס מע זאַמלט צונויף אין שטאָט, זאָל אויסגעטיילט ווערן צווישן די אָרימע און נויטבאַדערפטיקע מיט יושר און בדרך כבוד. זען, מע זאָל, חלילה, קיינעם נישט קריוודען און קיינעם נישט מבייש זיין. דערדאָזיקער גבאַי איז געווען אַן ערלעכער ייד. אַז נישט וואָלט מען אים דאָך נישט אויסגעקליבן פאַר גבאַי־צדקה. נאָר איין חסרון האָט ער געהאַט: ער האָט נישט גוט אַכטונג געגעבן און האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָפּגעבן קיין חשבון פון די געלטער. אַזוי איז אַריבער אַ צייט. קיינער האָט דעם גבאַי גאָרנישט ניט געזאָגט. אַפילו נישט דער רבי. מע וועט דאָך נישט נעמען און מבייש זיין אַ ייד.

איינמאָל איז אין שטעטל אַריין געקומען צו פאָרן אַ גרויסער גביר—אַ סוחר. שבת האָט מען געגעבן דעם סוחר אַ שיינע עליה, און ער האָט מנדר געווען אויף צדקה פאַר די אָרימע, הונדערט רובל האָט ער מנדר געווען.

שבת־צו־נאַכטס, באַלד נאָך הבדלה, האָט זיך אויפגעהויבן דעם רבס זון און איז אַריבערגעגאַנגען צו דעם סוחר אין זיין אַכסניה נאָך די הונדערט רובל. געקומען, זאָגט אים דער סוחר, אַז אַט ערשט, איידער ער איז אַריינגעקומען, איז ביי אים געווען דער גבאַי־צדקה, האָט ער אים געגעבן דאָס געלט.

דעם רבס זון האָט דאָס פאַרדראָסן. ער האָט ביי זיך אין האַרץ שוין לאַנג געהאַט תרעומות אויף דעם גבאַי. איז ער געקומען צום פאָטער מיט טענות. ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער רב זאָל דעם גבאַי מאַכן פאַר אויס קאַפּעליטש־מאַכער.

דער רב הערט אויס דעם זון, שווייגט, וואָרן ער ווייסט דאָך, אַז דער זון איז גע־רעכט, נאָר צום סוף זאָגט ער צו אים: „מיין קינד, די היילִיקע ספרים זאָגן, אַז פאָר אַ גבאי־צדקה, וואָס טוט זיין אַרבעט געטריי און בשלימות, שטייט אָנגעגרייט אַ שטול אין גן־עדן. נאָר ביז היינט שטייט דער שטול ליידיק. ווילסטו איצט, אַז אונזער גבאי־צדקה זאָל זיצן אַף דעם שטול? זאָל דער שטול שוין בעסער ווייטער בלייבן ליידיק.״

אַ חכם — אַ רב

אין אַ שטעטל איז געווען אַ רב, אַ למדן. יום־ולילה איז ער געזעסן און האָט געלערנט. ער האָט געלערנט, און זיין ווייב, די רביצין, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פּרנסה־זאַכן. מחמת פון די רבנישע שׂכירות, וואָס קהל האָט געצאָלט דעם רב, האָט קוים געסטאַיעט אַף קאַשע מיט וואַסער.

האָט אָבער דערדאָזיקער רב געהאַט אַ חסרון: אַז באַלעבאַטים זענען אַמאָל אַריינגעקומען, מיישב צו זיין זיך וועגן שטאָטישע ענינים, האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו פאַררעדן זיך וועגן אייגענע זאַכן, וועגן זיין ווייבס פּרנסה און וויפיל זי פאַרדינט.

די רביצין האָט געהאַט פון דעם עגמת־נפש. צו וואָס דאַרף קהל וויסן וויפיל זי פאַרדינט? קהל דערלייגט עפּעס צו דעם? האָט זי אָפּגערעדט מיטן רב, אַז ווען ער וועט זיצן מיט מענטשן, און זי וועט הערן, אַז ער פאַררעדט זיך וועגן זאַכן, וואָס מע דאַרף נישט, וועט דאָך נישט פּאַסן, אַז זי זאָל זיך אַריינמישן און מאַכן אַ סוף צום שמועס, וועט זי בלויז צוגיין און זאָגן: „מיין מאַן, זיי מוחל און גיב מיר די שליסלען פון אַלמער.״ — דעמאָלט זאָל ער פאַרשטיין, אַז ער דאַרף בייטן דעם שמועס. אָפּגערעדט איז אָפּגערעדט.

איינמאָל, אַ שבת־צו־נאַכטס, זיצן עטלעכע באַלעבאַטים ביים רב אין שטוב, מע טרינקט אַ גלעזל וואַרעמס און מע רעדט. האָט זיך דער רב אַביסל צעוואַרעמט און אָנגעהויבן דערציילן פון דער רביצינס מסחר. אַז די רביצין האָט דאָס דער־הערט, גייט זי צו און זאָגט: „זיי מיר מוחל, מיין מאַן, אפשר ווייסטו, וואו עס זענען די שליסלען פון אַלמער?״

גיט דער רב אַ קלאַפּ אין טיש און זאָגט: „הערט, רבותי, איר זיצט דאָך דאָ אַ גאַנצן אָוונט, האָט איר געהערט, אַז איך זאָל האָבן גערעדט עפּעס נאַרישקייטן?״

די גבירנטע פאַרזיכערט זיך מיט אַ שטול אין גן־עדן

אַ רייכע באַלעבאָסטע — אַ בעל־גאווהניצע, האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב אַ דינסט, אַ פרומע ערלעכע יידינע. וואָס די יידינע האָט פאַרדינט, האָט זי צע־טיילט אַף צדקה, און האָט געהאָלפן אָרימע קימפּעטאָרינס און קראַנקע מענטשן.

די יידינע, כאָטש אַ פּשוטע דינסט, האָט געהאַט אַ שם אין שטעטל. מ׳האָט גערעדט פון איר גוטסקייט און אָפּגעהיטקייט. און אַלע זענען געווען זיכער, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווען איר שעה וועט קומען, וועט זי האָבן אַ גילדענעם שטול אין גן־עדן.

עס זענען אַריבער יאָרן. אַז די באַלעבאָסטע איז געוואָרן אַלט, האָט זי גענומען טראַכטן פון איר לעבן, און ווי ווינציק גוטס זי האָט געטון אין פאַרגלייך מיט די מעשים־טובים פון איר דינסט. זי האָט פשוט מורא געהאַט פאַר דעם גיהנום און האָט אָנגעהויבן מקנא זיין איר דינסט, די יידינע.

איינמאָל רעדט זי מיט דער דינסט און שטייט צו איר צו, אַז זי זאָל איר פאַרקויפן איר גילדענעם שטול, וואָס זי וועט זיכער קריגן אין גן־עדן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. די יידינע האָט קודם נישט געוואָלט הערן פון אַזאַ זאַך ווי פאַרקויפן דעם גילדענעם שטול. נאָר אַז די באַלעבאָסטע איז צו איר צוגעשטאַנען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, האָט זי נאָכגעגעבן און מסכים געווען. זי האָט זיך געטראַכט: גיי קריג דיך מיט אַ באַלעבאָסטע! און צוריקגערעדט: פאַראַן אַזוי פיל אָרימע און קראַנקע אין שטעטל. אַז זי וועט קריגן געלט, וועט זי זיי קענען העלפן. די לעבעדיקע זענען בילכער.

די באַלעבאָסטע און די יידינע זענען אַריין צום רב, האָבן אים דערציילט די גאַנצע מעשה, און מ׳האָט געשריבן אַ כתב, אַז די יידינע פאַרקויפט דער באַלע־באָסטע איר גילדענעם שטול אין גן־עדן פאַר אַזויפיל און אַזויפיל מזומן געלט.

עס איז ווידער אַריבער אַ צייט, און די באַלעבאָסטע איז געוואָרן קראַנק און געשטאָרבן. אַז זי איז געקומען אויף יענער וועלט, איז זי געגאַנגען גלייך צום גן־עדן און האָט פאַרלאַנגט, אַז מע זאָל איר געבן איר גילדענעם שטול. און זי האָט דערציילט, אַז זי האָט ביי דער און דער יידינע, וואָס איז געווען ביי איר אַ דינסט, געקויפט, לויט דעם דין נאָך, איר גילדענעם שטול.

מ׳האָט אָנגעהויבן צו זוכן אין די פּאַפּירן, ערשט, ס׳איז אמת. מ׳האָט געפונען אַ כתב מיט דער חתימה פון דער יידינע, און דער כתב ווייזט, אַז זי האָט פאַרקויפט דער באַלעבאָסטע איר גילדענעם שטול.

מלאכים האָבן גלייך געבראַכט דעם שטול און מען האָט אים געגעבן דער באַלעבאָסטע. ס׳איז דאָך איר שטול. די באַלעבאָסטע האָט זיך דערפרייט. זי האָט געכאַפּט דעם שטול און זיך געלאָזט גלייך צום טויער פון גן־עדן.

נאָר פּאַוואָליע. ווי נאָר זי איז צוגעקומען צו דער שוועל, זי גיט אַ קוק, מע פאַרשטעלט איר דעם וועג. וואָס איז? פאַרוואָס לאָזט מען זי נישט אַריין? זי האָט זיך דאָך געקויפט אַ גילדענעם שטול!!

„יאָ,״ זאָגט מען איר, „אַ שטול קען מען זיך טאַקע קויפן פאַר געלט, נאָר אַ פּלאַץ מוז מען זיך אַליין פאַרדינען מיט טון מעשים־טובים.״

טראָגט זיך, נעבעך, די געוועזענע גבירנטע אַרום מיט איר גילדענעם שטול און האָט אים נישט וואו אַנידערצושטעלן.

די גבירנטע פּאַרזיכערט זיך מיט ברויט אין גן־עדן

אַ גבירנטע האָט געהאַט אַן אָרימע שכנה, אַ וואוילע יידינע, צו וועמען זי איז אָפט אַריינגעקומען. איינמאָל, אַ פרייטאָג, זעט די גבירנטע ווי די שכנה נעמט אַרויס די חלה און דאָס ברויט פון אויוון, קלויבט נאָך דעם אויס אַ ברויט און אַ חלה און לייגט זיי אַוועק אין אַ זייט. פרעגט די גבירנטע, פאַרוואָס זי

לייגט עפּעס אַוועק אין אַ זייט אַ חלה און אַ ברויט. זאָגט די אָרימע שכנה, אַז דאָס גרייט זי זיך אָן אַף איבער הונדערט און צוואַנציק, אַז ווען זי וועט קומען אַף יענער וועלט, זאָל זי דאָרט האָבן וואָס צו עסן.

„ס'איז טאַקע אַ גלייכע זאַך," זאָגט די גבירנטע. „פון היינט־מאָל־אָן וועל איך יעדע וואָך אויך אַוועקלייגן אַ ברויט און אַ חלה, וועל איך אויך זיין פאַר־זאָרגט מיט גוט ברויט אַף יענער וועלט."

נאָך שבת איז זי אַריבערגעגאַנגען צו אַ סטאָליער און האָט ביי אים באַ־שטעלט, אַז ער זאָל איר מאַכן אַ גרויסן קאַסטן. זי האָט זיך באַדונגען מיט אים, און דער סטאָליער האָט זיך געשטעלט מאַכן דעם קאַסטן.

אין עטלעכע טעג אַרום ברענגט דער סטאָליער דעם קאַסטן. די גבירנטע האָט דעם קאַסטן אַוועקגעשטעלט אין קיך, און יעדן פרייטאָג, ווען זי האָט געבאַקן ברויט און חלה, האָט זי גענומען צוויי חלות און צוויי ברויטן און האָט אַהין אַריינגעלייגט. זי איז דאָך אַ גבירנטע, דאַרף זי האָבן צוויי מאָל אַזויפיל צו עסן.

עס זענען נאָך דעם אַריבער יאָרן. די צוויי שכנות זענען געוואָרן אַלט און זענען געשטאָרבן.

ביידע זענען געקומען אַף יענער וועלט, און זיי זענען דאָרט ווייטער געווען שכנות. וואָרן אַף יענער וועלט איז אַזוי ווי דאָ, אַף דער וועלט. אַז ס'איז גע־קומען צום עסן, האָט מען דער אָרימער שכנה דערלאַנגט פרישע חלה און ברויט. דער גבירנטע האָט מען געגעבן צו עסן פאַרשימלטע חלה און פאַרטריקנט ברויט. פרעגט זי: „וואָס הייסט? ווי אַזוי איז דאָס? איך האָב מיר אָנגעגרייט גוטע חלה מיט ברויט, און איצט גיט מען מיר פאַרשימלטע און פאַרדאַרטע, און דער אָרימער שכנה גיט מען פרישע חלה מיט ברויט!"

זאָגט מען איר: „וואָס חידושט איר אייך? מע גיט אייך דאָס, וואָס איר האָט אייך אָנגעגרייט. דער אָרימער יידינע גיט מען פרישע חלה און ברויט, ווייל זי האָט נישט געלייגט אין קאַסטן. יעדן פרייטאָג, ווען זי האָט אַראָפּגענומען אַ חלה און אַ ברויט, האָט זי דאָס געגעבן צו אָרימע מענטשן, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין דעם. איצט גיט מען איר דאָס צוריק. אָבער איר האָט די חלה און ברויט, וואָס איר האָט אַראָפּגענומען יעדן פרייטאָג, געלייגט אין קאַסטן אַריין. זענען זיי דאָרט פאַרשימלט געוואָרן. עסט איר דעריבער איצט פאַרשימלטע חלה און ברויט."

זי בענטשט זיך אַליין

צוויי שוועסטער זענען זיי געווען. איינע אַן אָרימע, און די אַנדערע אַ רייכע. אַז די אָרימע שוועסטער קומט צו דער רייכער, נעמט זי די רייכע שוועסטער אויף אין קיך און דערלאַנגט צום טיש אַ שטיקל ברויט מיט הערינג.

גייט אַריבער אַ צייט און גאָט העלפט—און די אָרימע שוועסטער ווערט אויך רייך. ווערט זי שוין ביי דער רייכער אַ געהויבענער גאַסט. אַז זי קומט צו גיין, נעמט מען זי אויף אין סאַליע. מע דערלאַנגט צום טיש איינגעמאַכטסן, אַלערליי פוטער־געבעקס און טייערע פרוכטן.

די רייך־געוואָרענע פאַרזוכט אַן איינגעמאַכטס, באַלעקט זיך און זאָגט:

„געבענטשט זאָלן זיין מיינע גערטנער!" זי פאַרזוכט דאָס פּוטער־געבעקס און ווינטשט זיך: „געבענטשט זאָלן זיין מיינע קי!" זי נעמט אַ פּרי, עסט און קוויקט זיך: „געבענטשט זאָלן זיין מיינע סעדער!"

די רייכע שוועסטער, די, וואָס איז שטענדיק געווען רייך, הערט און פאַר־שטייט נישט: אַנשטאָט זי זאָל איר צוואווינטשן עפּעס, בענטשט זי גאָר זיך אַליין! זאָגט זי צו איר: „שוועסטער לעבן, איך בין דיך מכבד מיט אַזעלכע טייערע זאַכן, איינגעמאַכטסן און געבעקסן און פּירות. דו עסט און קוויקסט דיך מיט זיי, און אַנשטאָט איך זאָל הערן פון דיר אַ גוט וואָרט, הער איך נאָר, ווי דו בענטשסט דיך אַליין!"

זאָגט די געוועזענע אָרימע: „וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט, שוועסטער? ווען איך בין געווען אָרים, האָסטו מיך אויפגענומען אין קיך מיט אַ שטיקל ברויט און הערינג. נאָר איצט, אַז איך בין רייך און האָב גערטנער און בהמות, נעמסטו מיך אויף מיט אַלעם גוטס, און דו ווייסט גאָר נישט וואָס צו טון מיט מיר. ווינטש איך מיר דעריבער, אַז געבענטשט זאָלן זיין מיינע גערטנער און בהמות. וואָרן ווען נישט זיי, וואָלט איך דאָך, חלילה, ווייטער געזעסן אין קיך און גע־געסן ברויט מיט הערינג."

דאָס טעפּל האָט זיך געקעלבט

אין אַ שטעטל זענען געווען צוויי שכנות, אַ שטוב לעבן אַ שטוב. נאָר איינע איז געווען אַ רייכע, אַ גבירנטע, און די אַנדערע איז געווען נעבעך אַן אָרימע יידינע. די רייכע איז געווען אַ נאַרישע באַלעבאָסטע מיט אַ פאַרריסענער נאָז. משה גרויס ביי זיך: קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן! זי האָט די אָרימע נישט געוואָלט קענען, און האָט איר אויך קיינמאָל נישט געוואָלט העלפן מיט גאָרנישט ניט, אַפילו נישט מיט עפּעס, וואָס איז ווערט אַ בענדל פון אַ שוך. די אָרימע איז געווען אַ מבין אַף איר. נאָר אַ דאגה האָט זי! וואָס האָט זי מיט איר? זי גייט זי נישט אָן.

נאָר איינמאָל האָט די אָרימע זיך גענייטיקט אין עפּעס אַ טעפּל. איר ווייסט דאָך, סע מאַכט זיך אַמאָל, מע דאַרף עפּעס האָבן און מ'האָט נישט. גייט זי אַריין צו דער גבירנטע און בעט זי, אַז זי זאָל איר אַנטלייען דאָס טעפּל. דער מאַן אירער איז פּלוצים פאַרשלאָפט געוואָרן, וויל זי אים אָפּקאָכן אַ יאַיכל, נאָר איר טעפּל האָט זיך ביי איר צעבראָכן.

„אַ געזונט אַף אייך, דבורה־לעבן," זאָגט זי צו דער גבירנטע. „איך וועל עס אייך מאָרגן צוריק אָריינברענגען." די גבירנטע האָט אָוועקגענומען די האַנט פון האָרץ און האָט איר געליגן דאָס טעפּל.

דערווייל איז דער אָרימער עפּעס איינגעפאַלן. און אַף מאָרגן, ווען זי ברענגט דער גבירנטע אָפּ דאָס טעפּל, גיט זי איר נאָך אַ טעפּעלע צו דערצו. קוקט די גבירנטע און פאַרשטייט נישט: וואָס איז דאָס?

„געזונט זאָלט איר מיר זיין, דבורה־לעבן," זאָגט די אָרימע. „וואָס חידושט איר אייך? איר הערט אַ מעשה: איך שטיי מיר אויף היינט אין דער פרי, איך גיב

אַ קוק, דאָס טעפּל האָט זיך געטעפּלט און האָט געהאַט אַ טעפּעלע. אַט עלעהיי ווי אַ קעלבל קעלבט זיך, להבדיל. דאָס טעפּעלע געהערט דעריבער צו אייך.״

„אַן אָרנטלעכע שכנה,״ טראַכט די גבירנטע, און זי ווערט גאָר אַן אַנדער מענטש, און רעדט און שמועסט.

אין אַ וואָך אַרום קומט די אָרימע און בעט זי, זי זאָל איר לייען די קופּערנע פּאַן. ס׳האָט זיך איר געמאַכט צו קויפן אַ קאַרפּ—אַ מציאה. דאַרף זי אָף צו קאָכן אים אַ גרעסערע כּלי, די גרויסע פּאַן. טראַכט די גבירנטע: מע דאַרף איר לייען. זי איז דאָך אַזאַ וואוילע יידינע. אפשר וועט זיך די פּאַן ביי איר אויך קעלבן? און זי האָט טאַקע ריכטיק געטראָפן. אָפן אַנדערן טאָג קומט די אָרימע און ברענגט איר אָפּ די פּאַן מיט אַ שטיק פיש און מיט נאָך אַ פּענדעלע צו דערצו. די פּאַן האָט זיך געפּענדלט, געקעלבט. געהערט דאָס פּענדעלע צו איר, צו דער גבירנטע.

„ס׳אַראַ מזלדיקע שכנה!״ טראַכט די גבירנטע. „אַלץ קעלבט זיך ביי איר!״ און זי איז אין זיבעטן הימל פון גליק. פאַרשטייט זיך, אַז זי זאָגט פון דעם קיינעם נישט. אַפילו נישט דעם מאַן. אָף אַזויפיל איז זי נאָך קלוג גענוג. וואָס דאַרף זי רעדן? דערווייל גייט ווידער אַריבער אַ וואָך, און די שכנה קומט ווידער עפּעס לייען. דאָס מאָל וויל זי די זילבערנע טאַץ. סע דאַרפן קומען צו איר מחותנים אָנקוקן איר טאָכטער, די כּלה־מויד, איז שענער צו דערלאַנגען כּיבוד אָף אַ זילבערנער טאַץ.

„מע דאַרף איר לייען,״ טראַכט די גבירנטע. „סע קען דאָך זיין, אַז די טאַץ וועט זיך קעלבן, וועט זי האָבן אויך אַ קליינע זילבערנע טאַץ. די אָרימע שכנה איז דאָך אַזאַ מזלדיקע!״ און זי האָט איר געגעבן די טאַץ.

אָפן אַנדערן טאָג—די שכנה וויַיזט זיך נישט. שוין אַוועק באַלד דער טאָג, און די שכנה ברענגט נישט די טאַץ. טראַכט די גבירנטע: מסתּם האָט זיך די טאַץ נאָך נישט געקעלבט. זי וועט צוואַרטן. נאָר סע גייט אַריבער נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און די שכנה וויַיזט זיך נאָך אַלץ נישט. קיין סלוך און קיין דוך. איז די רייַכע זיך מטריח און גייט אַריין צו איר, אָפּנעמען די זילבערנע טאַץ. זי זאָגט נישט גלייך צוליב וואָס זי איז געקומען, נאָר מע רעדט ביז מען דעררעדט זיך.

„אַי, וואָס ווייסט איר, דבורה־לעבן!״ זאָגט די אָרימע. „איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ צו קומען, אָנצוזאָגן אייך די שלעכטע בשׂורה. די טאַץ איז, נעבעך, געשטאָרבן. איך האָב זי אַליין מקבר געווען.״

„כּאַנצע־קרויץ, וואָס רעדט איר?״ זאָגט די גבירנטע אַ דערשראָקענע. „ווי אַזוי קען אַ טאַץ שטאַרבן?״

„וואָס הייסט ווי אַזוי, דבורה־לעבן? אַז אַ טאָפּ קען זיך טעפּלען, און אַ פּאַן קען זיך קעלבן, קען אַ טאַץ שטאַרבן.״

זי האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי אים

אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן האָבן פּאַקן־טרעגערס אַרומגעטראָגן צו פאַרקויפן פאַר די ימים־נוראים לוחות. דאָרט, אין לוח, איז געווען פאַרשריבן

ווען סע פאַלן אויס די יידישע יום־טובים און תעניתים. דאָרט האָט מען אויך געקענט געפינען ווען און וואו סע וועלן זיין יערידים, און אַפילו וואָס פאַר אַ פּאַגאָדעס און וועטערן סע וועלן זיין יעדן חודש און יעדע וואָך פון יאָר האָט מען דאָרט געקענט זען.

איינמאָל באַגעגנט אַ יידינע דעם פּאַקן־טרעגערס ווייב אין מאַרק. צערעדט מען זיך, און די יידינע זאָגט: „זעט נאָר, איך בעט אייך, אייער מאַן האָט נישט געטראָפן. מיר האָבן געקויפט ביי אים אַ לוח, שטייט דאָרט פאַרשריבן, אַז היינטיקע וואָך וועט זיין אַ זאַווערוכע, און דאָ גיט אַ קוק ס'אַראַ שיינע טעג מיר האָבן איצט, אַ דאַנק דעם, וואָס אויבן.״

„וואָס פאַרשטייט איר נישט?״ זאָגט דעם פּאַקן־טרעגערס ווייב, „איך האָב מיך קוים מיט צרות איינגעבעטן ביי מיין מאַן, אַז ער זאָל אָפּלייגן דעם שטורעם מיט די רעגנס אַף אַן אַנדערשמאָל, ווייל דעם חודש דאַרף מיין טאָכטער געלעגן ווערן!״

די קייסערין פֿון ווילנע

אַן אָרימע אַלמנה איז זי געווען, און זי האָט געהאַט אַן איינציק קינד, אַ יינגל. אַז עס זענען אַריבער יאָרן און דאָס יינגל איז אונטערגעוואַקסן און גע־וואָרן גרויס, איז פאַר אים געקומען די צייט צו שטעלן זיך צום דינסט. און אַזוי ווי די מוטער איז געווען אַן אַלמנה, און דער זון—אַ בן־יחיד, איז ער, לויט דעם געזעץ, געווען פריי פון מיליטער. נאָר די רייכע באַלעבאַטים, וואָס האָבן געהאַט זינדלעך אין מיליטער־עלטער, האָבן נישט גערוט. זיי האָבן שוין אַזוי געאַרבעט, אַז די קלויבערס צוזאַמען מיט די קהלשע קליאַמקעס האָבן איר צוגעשריבן דריי רייכע זינדלעך. דער אַלמנהס זון האָט דעריבער פאַרלוירן זיין רעכט. אים האָט מען אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער, און די דריי רייכע זינדלעך האָט מען באַפרייט.

דער אַלמנה איז געוואָרן ביטער און פינסטער. זי האָט אָנגעהויבן לויפן פון איין באַאַמטן צו אַ צווייטן. נאָר די רייכע טאַטעס האָבן אומעטום געשמירט און געגעבן כּאַבאַר. האָט מען זיך צו איר געבעט און געוויין נישט צוגעהערט. די אַלמנה איז אָבער נישט געווען קיין פאַרשלאָפענע יידינע און האָט נישט געשוויגן. זי האָט איינגעריסן וועלטן. זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויב מע וועט דאַרפן וועט זי גיין צופוס ביז קיין פּעטערבורג, צום צאַר אַליין.

אַז זי האָט געזען, אַז אַלע טירן זענען שוין פאַרהאַקט פאַר איר, האָט זי זיך איין שיינעם טאָג אויפגעהויבן און איז אַוועק צופוס קיין פּעטערבורג. געקומען, האָט זי דאָרט דערלאַנגט אַ בקשה צום צאַר. די בקשה האָט זיך געלייענט אַזוי:

„גרויסער און ליבער טאַטעלע פון ראַסעי! איך בין אַן אָרימע אַלמנה, אַ מאַמע פון פיר זין. דריי פון זיי זענען שלעכט צו מיר, און זיי ווילן מיר נישט העלפן. נאָר בלויז איינער איז מיר געטריי און ער גיט מיר זיינע שווער־פאַר־האָרעוועטע פאַרדינסטן. פון דעם האָבן מיר זיך דערנערט און געלעבט. אַנו־מעלטן אָבער האָט מען אים צוגענומען צום מיליטער, און איך לייד איצט הונגער

און נויט. איך בעט דיך, טאַטעלע צאַר, הייס אַז מע זאָל מיר באַפרייען מיין געטרייען זון, און אַנשטאָט אים זאָל מען נעמען אין דינסט די דריי אַנדערע זין מיינע.״

דער צאַר האָט איבערגעלייענט די בקשה, און איז געוואָרן אַזוי גערירט, אַז ער האָט געהייסן, מע זאָל ברענגען צו אים די אָרימע אַלמנה.

אַז זי איז געקומען אין פּאַלאַץ, האָט זי זיך פאַרנייגט פאַר דעם צאַר, האָט אים געקושט די הענט, און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי מ׳האָט איר צוגעשריבן דריי פרעמדע זין פון רייכע עלטערן. זי האָט גאָרנישט ניט פאַרהוילן פון דעם אמת. זי האָט אים אויך דערציילט ווי אַזוי זי איז געגאַנגען צופוס ביז קיין פּעטערבורג.

דער צאַר איז נאָך מער גערירט געוואָרן. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז איר בקשה וועט דערפילט ווערן. און ער האָט איר געגעבן מתנות, און האָט געהייסן, אַז מע זאָל זי אויסריכטן אַהיים מיט דער באַן. איר בן יחיד איז אַ וואָך נאָך דעם באַפרייט געוואָרן פון דינסט, און די דריי רייכע זינדלעך האָט מען אָפּגעגעבן פאַר זעלנער. דער יידינע האָט מען אין ווילנע שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „די קייסערינע.״

ער ברענגט דיי̆טלעכע סימנים

אין שטעטל איז געווען אַ ייד, אַ גביר. ר׳ שלמה האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ גרויסער סוחר און אַ גרויסער תלמיד־חכם. ר׳ שלמה האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, נאָר ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין רב. ער האָט בעסער געוואָלט פירן מסחרים, איידער זיצן אויף אַ כסא־הרבנות.

דערדאַזיקער ר׳ שלמה איז געווען אַ מענטש מיט אַ שמייכל, און אַלעמאָל מיט אַ ווערטל, אַ מעשה. יאָ, מעשות. ער האָט געוואָלדיק ליב געהאַט מעשות— גוזמאות, נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן, פון דעם סאָרט פון די רבה בר בר חנאס מעשות, אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און האָט געלייגט אַן איי, זומער אָונט אין דער פרי איז אַ שניי געגאַנגען. אַט אַזעלכע מעשיות. און יידן האָבן שוין געוואוסט, אַז ר׳ שלמה קומט פון אַ נסיעה, האָט ער נייע מעשות, און ס׳איז דאָ וואָס צו הערן.

איינמאָל, ס׳איז געווען אין אַ מיטן זומער־טאָג, זיצט ר׳ שלמה מיט יידן, און מע שמועסט, סע רעדט זיך אַזוי, מע שמועסט. ער שמועסט. ער איז דער איינציקער, וואָס רעדט און דערציילט, און אַלע הערן. „איר הערט, יידן, איר געדענקט דאָך אַוודאי ווי איך האָב פאַרלוירן מיין ליולקע?!״ הייבט ר׳ שלמה אָן צו דערציילן אַ נייע מעשה. „ס׳איז געווען צווישן פורים און פּסח. איך בין דעמאָלט געפאָרן אויף אַ באַרקע, אַראָפּ וואַסער, קיין שקלאָוו. זיץ איך מיר אַזוי אויף דער באַרקע, רייכער מיר מיין ליולקע און לייען מיר אַ בלאַט. די „הצפירה״ איז דאָס געווען.

„ווי איך פאָר מיר אַזוי, מיטאַמאָל אַ זעץ. ס׳האָט מיט מיר אַזאַ וואָרף געטון, אַז די ליולקע איז מיר אַרויסגעפאַלן פון מויל און איך האָב מיך שיר איבערגעקערט. וואָס האָט געטראָפן? די באַרקע האָט זיך אַנגעשטויסן אין אַ קריע אייז.

איר ווייסט דאָך, אין יענער צייט שווימען אַ סך קריעס אַפּן וואַסער. ס'האָט מיט דער באַרקע אַ וואָרף געטון, אַז איך בין שיר אַריין אין וואַסער. און איך גיב אַ קוק—מיין ליולקע ליגט שוין אַף דער קריע און שווימט זיך אַוועק. פּאַרפּאַלן! גיי יאָג דיך נאָך אַ קריע! נו, מילא, פאַרפאַלן איז פאַרפאַלן.

„אַנומלטן פאַר איך מיר צוריק, אַרויף וואַסער, פון שקלאָוו קיין אָרשע. טאַקע מיט דערזעלבער באַרקע. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ הייסער, אַ תמוז־טאָג. און איך זיץ מיר אַזוי אַף דער באַרקע און לייען מיר מיין בלאַט, דאָס־זעלבע בלאַט, די „הצפירה". לייען און בין מיך מחיה: ס'אַראַ טייערע שרייבער! ס'אַראַ קלוגע קעפּ די שרייבער! מיטאַמאָל—אַ זעץ, אַז איך האָב מיך שיר איבער־געקערט. טאַקע אַזוי ווי פּורים־צייט. איך גיב אַ קוק, מיין שיף האָט זיך אָנגע־שטויסן אין אַ קריע אייז, טאַקע דיזעלבע קריע. און—זאָגט איך וואָס איר ווילט—מיין ליולקע ליגט זיך אַף דער קריע, ווי זי וואָלט ערשט אַראָפּגעפאַלן."

דער עולם הערט און צעלאַכט זיך: „ר' שלמה, ווי קען דאָס זיין אין מיטן תמוז אַ קריע אַפן וואַסער?"

„זעט איר דאָך, סע קען זיין!" און ער נעמט אַרויס פון זיין בוזעם־קעשענע זיין לאַנגע ליולקע און ווייזט: „נאַט, זעט אַליין, אָט האָט איר זי, מיין ליולקע."

ס'איז געווענדט פון וועמען אַ זאַך קומט

זיצט אַן עלטערער ייד אין אַ געזעמל מיט אַנדערע יידן און קלאָגט זיך: ער פילט, אַז די כוחות גייען אים ביסלעכווייז אויס. ער איז שוואַך, די קריזשעס ברעכן אים, נישט פאַר קיין גוטן ייד געדאַכט, זיינע אויגן זענען שוין אויך נישט אַזוי אַי־אַי, און די פיס טוען אים ווי, אַז ער קען קוים אַרומגיין.

טרייסט אים אַ צווייטער ייד און זאָגט: „אַי, וואָס קלאָגט איר אייך, מיין פריינד? מיר זענען דאָך, ברוך השם, שוין נישט קיין יונגעלייט. ווי אַלט זענט איר, ביז הונדערט און צוואַנציק?"

„אַלט?!" גיט דער ערשטער פעסט אַ זאָג. „וואָס מיר אַלט? סך־הכל פינף און זיבעציק."

„טאַ וואָס ווילט איר, קיין עין־הרע נישט?" זאָגט דער אַנדערער. „דאָס איז דאָך שוין געשאָנקענע יאָרן. אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען."

דער ערשטער ייד זיפצט אַן אומצופרידענער: „יאָ, געשאָנקענע יאָרן! אַ שיינע מתנה גיט ער אונז! איך וועל אייך זאָגן, איר פאַרשטייט: ס'איז געווענדט וועמען ס'איז דער געבער. ווען דאָס וואָלט געקומען פון אַ בשר־ודם, איז ווי סע וואָלט געווען—וואָלט געווען גוט און וואויל. ווי זאָגט מען: אַ געשאָנקענעם פערד קוקט מען נישט אין די ציין. נאָר דאָס קומט דאָך פון גאָט, ברוך הוא, אַליין, פון אים, וואָס אים געהערט די גאַנצע וועלט און איר פולקייט מיט אַלע אוצרות און אַלע אייביקייטן, און וואָס איז אַליין גרויס און שטאַרק, און אים גע־הערט דאָך אונזער גאַנץ לעבן. אַז ער שענקט עפּעס, דאַרף דאָס זיין אַן אַ פינ־טעלע. זיין מתנה דאַרף זיין אַזאַ, אַז מע זאָל קענען פון איר הנאה האָבן, און נישט מ'זאָל כסדר ליידן פון דעם."

צו וואָס ער דאַרף די שילד

אַ ייִד האָט געעפנט אַן אַכסניא אין שטעטל. פון פאָרנט, ביים אַריינגאַנג, האָט ער אויפגעשטעלט אַ גרויסע, שיינע שילד, און אויף דער שילד זענען געווען אויסגערעכנט אַלערליי טייערע פליישן און פישן און אַנדערע מאכלים, וואָס מע קען קריגן צו עסן אין דער אכסניה. נאָר אַז איר זענט אַריינגעקומען אינעווייניק און האָט זיך געהייסן דערלאַנגען די גוטע שפייזן, האָט מען אייך געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ. אָבער טאַקע גאָר נישט. אַפילו נישט קיין איינע פון זיי.

איינמאָל שטעלט זיך אָפּ פאַר דער אכסניא אַ ייִד—אַ סוחר. ער איז געקומען פון אַ וויטן וועג, און איז געווען גוט הונגעריק. אַז ער זעט די גרויסע, שיינע שילד מיט די אַלע אויסגערעכנטע מאכלים, דערפרייט ער זיך: גוט געטראָפן! ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט דאָרטן קענען אָפּעסן אַ גוטן מאָלצייט. אַ קלייניקייט, נאָך אַזאַ לאַנגן וועג. גייט ער אַריין, וואַשט זיך און זעצט זיך אַנידער. דער באַלעבאָס דעקט פאַר אים דעם טיש, און דער סוחר הייסט זיך געבן דאָס בעסטע מאכל, וואָס ער האָט געזען אויפגעשריבן אָף דער שילד. זאָגט דער באַלעבאָס, אַז דאָס איז גראָדע נישטאָ. הייסט דער סוחר זיך געבן דאָס צווייטע מאכל. זאָגט דער באַלעבאָס, אַז דאָס איז אויך נישטאָ. הייסט דער סוחר דערלאַנגען דאָס דריטע בעסטע מאכל. נאָר אויך דאָס איז נישט געווען.

הכלל, וואָס פאַר אַ מאכל ס'איז געווען דערמאָנט אָף דער שילד, איז נישט געווען צו קריגן. זאָגט שוין דער סוחר: „נו, מילא, באַלעבאָס לעבן, דערלאַנגט וואָס ס'איז דאָ."

און דער סוחר האָט געגעסן, וואָס מ'האָט דערלאַנגט. אַ ברירה האָט ער געהאַט?! ער איז דאָך געקומען פון אַזאַ וויטן וועג, און ער איז געווען הונגעריק. אַז ער האָט אָפּגעגעסן, און ס'איז געקומען צום באַצאָלן, זאָגט דער סוחר: „איך וויל אייך עפּעס פרעגן, באַלעבאָס, מאַכט מיר קלאָר—צו וואָס דאַרפט איר ביים טויער די גרויסע שילד מיט די אַלע אויסגערעכנטע גוטע מאכלים, אַז אינעווייניק איז גאָר נישט נישטאָ?"

דער באַלעבאָס נעמט צו דאָס געלט, שמייכלט און זאָגט: „פאַרשטייט איר מיך, ר' ייִד, ווען איך וואָלט נישט געהאַט דידאָזיקע שילד מיט די אַלע אויסגערעכנטע גוטע מאכלים פאַרן טויער, וואָלט איר אייך געווען אָפּגעשטעלט און אַריינגעקומען אַהער עסן? אַז איר האָט אָבער געזען די שילד, און די גוטע עסנס, וואָס דאָרט ווערן אויסגערעכנט, זענט איר אַריינגעקומען. און אַזוי ווי איר זענט געווען הונגעריק, האָט איר געגעסן, וואָס מ'האָט אייך דערלאַנגט. פאַרשטייט איר שוין?!"

נישט ווער ס'איז אין דרויסן איז וויכטיק, וויכטיק איז ווער ס'איז אינעווייניק

אַ היימישער ייִד פון פוילן איז אַמאָל געקומען צו פאָרן קיין פראַנקפורט. גייט ער איבער די גאַסן און זוכט אַ כשרן פלאַץ, וואו מע זאָל קענען אַריינגיין און עפּעס עסן אַ כשרן מאָלצייט. גייט דער ייִד און קוקט אָף די שילדן איבער

די גאַסטהייזער, זוכט אַ יידיש וואָרט, וואָס זאָל ווייזן, אַז דאָרט איז כשר. נו, איר קענט דאָך פראַנקפורט. טאַקע אַ יידישע שטאָט מיט אַ סך יידן, קיין עין־הרע נישט, נאָר מע דאַרף זיך שטאַרק היטן און זיין געוואָרנט, וואו מע גייט אַריין עסן. ס'איז דאָך עפּעס אין טרייפענעם דייטשלאַנד!

נאָר אַז מע זוכט—געפינט מען. דער ייד האָט איבער אַ טויער פון אַ גאַסטהויז דערזען אַ שילד מיט גרויסע אותיות: כ ש ר. און אָף דערזעלבער שילד איז אויפגעמאָלן משה רבינו מיט די לוחות אין די הענט. דאַרף מען נאָך אַ בעסערן סימן, אַז דאָס איז אַ כשרער פלאַץ? דער ייד איז שטאַרק צופרידן און גייט אַריין.

ווי נאָר ער טרעט אַריבער די שוועל—ווערט אים גלייך קלאָר, אַז ס'איז אַ טעות. הינטערן בופעט זעט ער שטייט אַן אָפּגעפרעסענער מאַן, דער באַלעבאָס אַוודאי, אָן אַ סימן פון באָרד און פיאות—אַ גלוח, און צו דערצו נאָך אין הוילן קאָפּ. הכלל, ס'איז נישט דאָס, וואָס ער זוכט. נאָר אַזוי ווי ער איז שוין אינע־ווייניק, גייט ער צו צום בופעט און פרעגט דעם באַלעבאָס, צי דאָס איז אַ כשרער פלאַץ. זאָגט דער באַלעבאָס: „וואָס הייסט? זעט איר דען נישט איבערן טויער אויפגעשריבן: כ ש ר, און לעבן אים הענגט משה רבינו מיט די לוחות?"

„יאָ," זאָגט דער ייד. „נאָר ווען איך וואָלט אייך געזען הענגען איבערן טויער, און הינטער דעם בופעט—משה רבינו, וואָלט איך געוואוסט, אַז דאָ איז כשר. נאָר אַזוי ווי איך זע איי ך ביים בופעט, און משה רבינו הענגט אין דרויסן, בין איך נישט זיכער."

דער ייד רימט זיך עפּעס צופיל

אין אַמאַליקן קאַלוואַריע יאַוועט זיך איין שיינעם טאָג אָן אורח ביים רב אין שטוב. וואָס וויל ער? ער איז אַ בעל־מגיה, וואָלט ער וועלן, דער רב זאָל אים לאָזן דורכקוקן די ספרי־תורות אין זיין קלויז, זען, צי איז נישטאָ ערגעץ אַ טעות, חלילה, אָדער צי איז נישט ערגעץ אָפּגעריבן אַן אות. טראַכט דער רב: צו וואָס דאַרף מען דאָס? ער אַליין איז טאַקע נישט קיין בעל־מגיה, נאָר ער גיט גוט אַכטונג און האַלט אַן אויג אָף די ספרי־תורות. מע דאַרף נישט, זאָגט ער.

דער ייד לאָזט אָבער נישט אָפּ. מע טאָר קיינמאָל נישט זיכער זיין, טענהט ער. ער האָט שוין אַ סך מאָל געפונען טעותן אין די ספרי־תורות ביי די גרעסטע רבנים און גאונים. וואָס וועט דעם רבי אָרן, אַז ער וועט איבערקוקן?

דעם רב איז דעם יידס באַרימעריי נישט שטאַרק געפעלן. ס'האָט אים פאַרדראָסן אַביסל, וואָס אַ ייד רימט זיך אַזוי, און וואָס ער שטייט אַזוי צו מיט אַזאַ זיכערקייט. גיט ער זיך אַ זאָג: „יאָ, מע געפינט גרייזן! מ'האָט ביי זיך אַ מעסערל, גיט מען דאָ און דאָרט אַ קראַץ, און מע געפינט גרייזן."

אַ רגע איז דער אורח געשטאַנען אַ געפּלעפטער. נאָר ער קומט גלייך צו זיך און נעמט זיך פאַרענטפערן: ווער קראַצן, וואָס קראַצן? אַז ער האָט אַפילו נישט קיין מעסערל ביי זיך. טוט שוין דעם רב באַנג: ווער ווייסט אפשר אומזיסט חושד

געוועזן אַן אָרימען ייִד?! ער דאַרף נעבעך אַוודאי פּרנסה, דעריבער שטייט ער אַזוי צו. און דער רבֿ איז מסכּים, אַז ער זאָל דורכקוקן די ספרי־תּורות.

פֿרייטאָג בייטאָג באַווייזט זיך פּלוצים דער רבֿ אין קלויז. ער האָט אויס־געזען צעטראָגן אַביסל. דרייט זיך אַרום אַהער און אַהין, גיט דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ. מ'האָט באַשיינפּערלעך געקענט זען, אַז עפּעס פֿעלט אים. פֿרעגט אים דער בעל־מגיה: „רבי, האָט עפּעס געטראָפֿן, חלילה? איר ווילט מיר אפֿשר עפּעס זאָגן?"

„ניין, ניין," מאַכט דער רבֿ. „ס'איז גלאַט אַזוי. באַשערט מיר עגמת־נפֿש. ס'איז ערבֿ־שבת, איך דאַרף מיר אַרומשנײַדן די נעגל, און איך קען מיך בשום אופֿן נישט דערמאָנען, וואו איך האָב ערגעץ אַנידערגעלייגט דאָס מעסערל."

„אַ מעסערל, רבי?" זאָגט דער ייִד. „נאָט אייך מײַן מעסערל."

„אַזוי?" זאָגט דער רבֿ, „איר האָט אַ מעסערל?!"

איי, די גרים!

אַ גוי האָט זיך אַמאָל מגייר געווען. ס'איז גראַדע געווען אין מיטן ווינטער. אַז ס'איז געקומען ראש־חודש שבֿט, איז ווי איר ווייסט אַוודאי, טרינקט מען אין קלויז אַ לחיים. איז דאָס דעם גר געפֿעלן.

צוויי וואָכן שפּעטער איז געווען חמישה־עשר בשבֿט. האָט מען ווידער גע־טרונקען, און מ'האָט געגעסן ארץ־ישׂראל פּירות: באָקסער און טייטלען און מאַנדלען. ס'איז דאָך עפּעס ראש־השנה לאילנות—ניי־יאָר ביי דיביימער! באַלד נאָך דעם איז ווידער ראש־חודש. ראש־חודש אדר. טרינקט מען דאָך אויך דאָס ניי! גלייך דערביי איז פּורים. דעמאָלט איז דאָך אַוודאי אַ מצווה צו טרינקען. טרינקט מען און מע טרינקט, און מען עסט המן־טאַשן און טייערע געבעקסן. דער גר האָט זיך שטאַרק פּאַסמאַקעוועט. אַי, ס'אַ טייערע זאַך ס'איז צו זיין אַ ייִד! נאָך פּורים איז פּסח. איין סדר־נאַכט און נאָך אַ סדר־נאַכט. מע טרינקט די אַרבע כּוסות און מען עסט, און ס'איז פֿריילעך. דעם גר איז גוט און וואויל.

נאָך פּסח באַגעגנט זיך אונזער גר מיט זיינעם אַן אַלטן פֿריינד, מיט אַ גוי. דערציילט ער אים ווי גוט ס'איז צו זיין אַ ייִד. מ'האַלט אין איין עסן און טרינ־קען. ראש־חודש טרינקט מען, פּורים טרינקט מען, פּסח האַלט מען אין איין עסן און טרינקען.

„אויב אַזוי, איוואַן," זאָגט דער גוי צום גר, „אפֿשר ווער איך אויך אַ ייִד?"

הכּלל, דער אַנדערער גוי האָט זיך אויך מגייר געווען. און איידער וואָס־ווען—איז שוין געווען אין מיטן זומער. סע רוקט זיך אָן דער חודש תּמוז. שבֿעה־עשׂר בתּמוז פֿאַסט מען, און אין די דריי וואָכן עסט מען נישט קיין פֿלייש, און טרינקען טרינקט מען דאָך אַוודאי נישט. דערנאָך קומען די ניין טעג און תּשעה־באָבֿ. מע גייט אַרום פֿאַרטרויערט, און מע פֿאַסט ווידער. און משקה זעט מען דעמאָלט אַפֿילו אין די אויגן נישט אָן. באַלד נאָך דעם איז אלול, און סע דערנענטערן זיך די ימים־נוראים. מע פֿאַסט,

מע וויינט און מע זאָגט סליחות. אַפּילו אַ פּיש אין וואַסער ציטערט דאָך אין יענע טעג. וועמען ליגט אין זינען טרינקען?!

סע גייט אַריבער אַ צייט, באַגעגענען זיך די צוויי גוים. האָט דער אַנדערער אַ טענה. סטייטש, מיין פריינד? דו האָסט מיר געזאָגט, אַז יידן האַלטן אין איין עסן און טרינקען. צום סוף זע איך גאָר, אַז זיי האַלטן אין איין וויינען און פאַסטן.

„ביסט גערעכט," זאָגט דער ערשטער גר. „זינט דו ביסט געוואָרן אַ ייד, האָסטו אין גאַנצן קאַליע געמאַכט."

איצט ווייסט ער, אַז ער האָט גוט געציילט

אין שטעטעלע מאָנאַסטרישטש איז געווען אַ ייד, ר' יאַנקל חסיד. ער האָט געהאַט אַ געוועלבל אין מיטן מאַרק, און איז זיך געווען אַ וואוילער ייד, נישט קיין ווייניגער. וויפיל ער האָט פאַרדינט—איז ער געווען צופרידן און האָט געדאַנקט השם־יתברך.

איך זאָג, אַז ער איז נישט געווען קיין פאַרוויינטע נשמה. יאָ, ער האָט אַפּילו ליב געהאַט צו מאַכן אַמאָל אַ שפּאַס. וואָרן ער האָט געהאַלטן, אַז אַ ייד דאַרף זיין פריילעך. וואָס־זשע פאַר אַ שפּאַס האָט ער אַמאָל ליב געהאַט צו מאַכן? דהיינו: אַז אַ מאַרקזיצער איז צו אים אַריינגעקומען אין געוועלבל און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אויסבייטן אַ ראַיניש, האָט ער אויסגעביטן. נאָר אַנשטאָט צו געבן פולע הונדערט גרייצער, ווי סע קומט פאַר אַ ראַיניש, האָט ער אַלעמאָל געגעבן מיט אַ פּאָר גרייצער ווינציקער.

דער מאַרקזיצער נעמט דאָס פּעקל גרייצערס און ציילט איבער איין מאָל און נאָכאַמאָל—סע שטימט נישט. ס'איז בלויז דאָ אַכט און ניינציק גרייצער. עפּעס גלייבט זיך נישט, אַז ר' יאַנקל חסיד זאָל, חלילה, וועלן אָפּנאַרן. זאָגט דער מאַרקזיצער. „ר' יאַנקל, איר זאָלט מיר טויזנט מאָל מוחל זיין, איך האָב שוין עטלעכע מאָל איבערגעציילט דאָס קליינגעלט, און סע שטימט נישט. ס'איז נישטאָ מער ווי אַכט און ניינציק גרייצער."

„נו, איז דאָך גוט," זאָגט ר' יאַנקל מיט אַ שמייכל, „איצט ווייס איך, אַז איך האָב גוט געציילט." און ער נעמט אַרויס נאָך צוויי גרייצער און דערלאַנגט יענעם.

אַ שלעכט ווייַב איז ביטערער פון דעם טויט

ס'איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען ס'איז געווען שטיל אויף דער וועלט. מענטשן האָבן נישט געזינדיקט און זענען געגאַנגען אין רעכטן וועג. האָט זיי דער אייבערשטער געשענקט אַריכת־ימים, און מען איז נישט געשטאָרבן.

אַז דער מלאך־המות זעט, ער האָט נישט קיין אַרבעט, קומט ער פאַרן רבונו־של־עולם און נעמט אים בעטן, אַז ער זאָל אים לאָזן ווערן אַ מענטש אויף אַ שטיקל צייט. ער וויל פאַרזוכן דעם טעם פון זיין אַ מענטש. ער האָט ביי זיין מלאכה סיי־ווי־סיי נישט וואָס צו טון. „לאָז מיך אַראָפּגיין לעבן אויף דר'ערד אַביסל,"

בעט ער זיך. „איך וויל חתונה האָבן און זען פאַרוואָס מענטשן רעדן כסדר פון ווייבער, און פאַרוואָס שלמה המלך האָט געזאָגט, אַז אַ שלעכט ווייב איז ביטערער פון דעם טויט."

דער אייבערשטער האָט אים צוליב געטון און האָט אים געלאָזט ווערן אַ מענטש אַף אַ שטיקל צייט. נאָר ער האָט זיך אויסגענומען מיט אים, אַז ווען סע וועט קומען די צייט, מוז ער צוריקקומען און זיך נעמען צו זיין אַרבעט.

דער מלאך־המות איז אַראָפּ אַף דר'ערד, האָט זיך אַרויסגעזוכט אַ ווייב, האָט חתונה געהאַט און געהאַט מיט איר אַ קינד. נאָר ער האָט גראַדע געטראָפן אַף אַ ווייב—אַ שלאַק, אַ מרשעת, אַן אמתע אַרורה, און ער האָט געהאַט פון איר געהאַקטע צרות. זי איז אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז ער האָט זי אַ סך מאָל געוואָלט אָפּגטן. נאָר גיי צעברעך אַ שטוב, אַז מ'האָט אַ קינד. און דאָס קינד האָט ער ליב געהאַט ווי דאָס לעבן.

אַזוי זענען אַריבער יאָרן. דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסן, און ס'איז גע־קומען די צייט, אַז דער מלאך־המות זאָל זיך אומקערן צוריק צו זיין אַרבעט. פאַר זיין ווייב האָט אים נישט געאַרט. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער ווערט פון איר פטור, אים איז שוין קלאָר געווען שלמהס זאָג וועגן אַ שלעכט ווייב. נאָר פאַר זיין זון האָט אים באַנג געטון. ער האָט געטראַכט, ער וועט מאַכן פון אים אַ גרויסן מענטש, אַז ס'זאָל אים אַלעמאָל זיין גוט. ביים געזעגענען זיך זאָגט ער צו אים: „מיין זון, איך מוז אַוועק פון דאַנען. נאָר דו האָב נישט קיין מורא. נעם דיך צו דאָקטאָריע, און דו וועסט ווערן דער גרעסטער דאָקטער אין דער וועלט. דו דאַרפסט גאָרנישט ניט וויסן. נאָר אַז דו וועסט קומען צו אַ קראַנקן און דו וועסט מיך זען שטיין ביי אים צופוסנס, זאָלסטו וויסן, אַז ער וועט געזונט ווערן און בלייבן לעבן. ער מעג אַפילוליידן פון דער שווערסטער חולאת. אויב אָבער דו וועסט מיך זען שטיין ביים חולה צוקאָפּנס, זאָלסטו וויסן, אַז ער וועט שטאַרבן. אַזוי וועט דיין נאָמען ווערן גרויס און באַרימט."

דער מלאך־המות איז אַוועק, און זיין זון האָט זיך גענומען צו דאָקטאָריע.

איינמאָל מאַכט זיך, אַז דעם קייסערס טאָכטער ווערט שטאַרק קראַנק. די גרעסטע דאָקטוירים האָבן איר נישט געקענט העלפן. אַז ס'איז שוין געוואָרן גאָר ביטער, לאָזט דער קייסער אויסרופן, אַז ווער סע וועט זי היילן, וועט קריגן די פּרינצעסין פאַר אַ ווייב, און איבער הונדערט און צוואַנציק, נאָך דעם קייסערס טויט, וועט ער ווערן מלך.

אַז אונזער דאָקטער, דער זון פונעם מלאך־המות, האָט געהערט אַזאַ זאַך, איז ער גלייך געקומען צו פאָרן אין דער קעניגלעכער שטאָט אַריין און האָט געלאָזט וויסן, אַז ער וועט די פּרינצעסין היילן.

ווי נאָר מ'האָט אים אַריינגעפירט צו איר, דערזעט ער, זיין פאָטער שטייט ביי איר צוקאָפּנס. ביטער! וואָס טוט מען איצט? הייסט ער די ערשטע זאַך, אַלע זאָלן אַרויסגיין. אַז ער איז געבליבן אַליין, נעמט ער בעטן זיין פאָטער, אַז ער זאָל אַוועק. זאָגט דער מלאך־המות: ניין, זי מוז שטאַרבן. נעמט דער זון ווידער

בעטן: „טאַטע, האָב רחמנות. דו ווילסט דאָך, אַז מיר זאָל זיין גוט. טאָ האָב רחמנות און גיי אַוועק. טו מיר צוליב, איך בעט דיך, טאַטע.״ נאָר דער מלאך־המות איז איינגעשפּאַרט: ניין און ניין, ער וועט נישט אַוועקגיין. זי מוז שטאַרבן.

ווערט דער זון אין כעס און גיט אַ געשריי: „טאַטע, דו גייסט אַוועק, איז גוט. אויב נישט, שיק איך גלייך נאָך דער מאַמע.״

אַז דער מלאך־המות האָט דאָס דערהערט, איז ער גלייך פאַרשוואונדן.

ערשט אַנומלטן

אין שניפּעשעק, לעבן ווילנע, איז געווען אַ בית־מדרש. דאָס גרויסע בית־מדרש, האָט מען עס גערופן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין נייעס. אין אַלע שטעטלעך זענען געווען אַזעלכע בתי־מדרשים. איז אין דעם שניפּעשקער בית־מדרש געווען אַ גבאי, ר׳ אייזיק שאַבאַד. אַ סך יאָרן איז ער געווען דער ראש־הגבאים. ער אַליין איז טאַקע געווען דער הויפּט עסקן ביים בויען דאָס־מדרש.

אין דעמזעלבן בית־מדרש האָט געדאַוונט ר׳ אייזיקס אַ ווייטער קרוב, מענדעלע דער טעפּער. אַ קליין יידעלע, נאָר אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן.

מאַכט זיך, אַז קיין שניפּעשעק קומט אַמאָל צו פאָרן אַ חזן און דאַוונט אַ שבת אין גרויסן בית־מדרש. ר׳ אייזיק שאַבאַד איז שטאַרק צופרידן געווען מיט אים. ראשית איז דאָס געווען אַ גוטער חזן. צווייטנס איז ער געווען אַ פרומער ייד, אַ ירא־שמים. היינט זיין שטאַט און פירונג! ר׳ אייזיק האָט אָנגעקוואָלן.

נאָכן דאַווענען גייט ר׳ אייזיק צו צו זיין קרוב, צו ר׳ מענדעלען, און גיט אים אָפּ „גוט שבת״, ווי ער טוט עס איטלעכן שבת. דערביי שמועסט מען אַ פּאָר ווערטער, און דער גבאי פרעגט אים ווי סע געפעלט אים דער חזן. זאָגט ר׳ מענדעלע: „אַ גוטער חזן. זייער שיין געדאַוונט. נאָר דו דערמאָנסט זיך, אייזיק? אַ נ ו ס ט ן האָט דאָ געדאַוונט אַברהמעלע חזן—מעג דער היינטיקער גיין ביי אים דעם איוון הייצן. דו געדענקסט אברהמעלעס קול? היינט זיין נוסח! כ׳קען דאָס ביז היינט ניט פאַרגעסן.״

ר׳ אייזיק, דער גבאי, הערט און וויל זיך דערמאָנען, און קען נישט.

„אברהמעלע?״ זאָגט ער איבער אַ פאַרטראַכטער„אברהמעלע חזן? איך קען מיך עפּעס ניט דערמאָנען.״

גיט אים ר׳ מענדעלע סימנים ווי אַזוי יענער האָט אויסגעזען. ער מאָלט אים אויס זיין געשטאַלט, זיין הדרת־פּנים מיט דער שיינער באָרד. נאָר דער גבאי קען זיך נאָך אַלץ נישט דערמאָנען.

מיטאַמאָל גיט זיך ר׳ מענדעלע אַ כאַפּ: „וואַרט, וואַרט, אָט לאָמיר נאָר זען: ווען איז דאָס געווען? שאַ, אָט האָב איך עס! דאָס האָט געמוזט זיין ערשט „אַנוסטן״. וואָס זאָג איך? יאָ, אָט דאָ ניט לאַנג, מיט פינף און פופציק יאָר צוריק, און אפשר טאַקע מיט אַ זעכציק יאָר צוריק. ניין, דו קענסט טאַקע ניט געדענקען. דו ביסט נאָך דעמאָלט געווען אַ פּיצל יינגעלע, אַ קליין קאַראַפּוזיקל.״

די כותל־מערבי

פֿאַרוואָס איז פֿון בית־המקדש געבליבן בלויז די כותל־מערבי, די מערב־וואַנט? פֿאַרוואָס איז נישט געבליבן די מזרח־וואַנט? מיר ווייסן, אַז אַ מזרח־וואַנט איז געוויינלעך חשובער. אָדער פֿאַרוואָס זענען נישט געבליבן די אַנדערע צוויי ווענט, די דרום־וואַנט, אָדער די צפֿון־וואַנט? די צוויי ווענט זענען דאָך געוויינלעך אויך חשובער פֿון דער מערב־וואַנט. פֿאַרוואָס דווקא די מערב־וואַנט? די מעשה פֿון דעם איז אַזאַ:

ווען מ'האָט געבויט דאָס בית־המקדש, האָבן אַלע יידן בייגעשטייערט און געגעבן געלט אָף צו בויען גאָטס הויז. די רייכע יידן, די נגידים און גבירים, זיי האָבן, ווי געוויינלעך, מנדב געווען מיט אַ ברייטער האַנט און האָבן געגעבן גרויסע געלטער. פֿאַר זייערע געלטער האָט מען געבויט די מזרח־וואַנט פֿון דעם בית־המקדש.

די דרום־וואַנט און די צפֿון־וואַנט האָט מען געבויט פֿאַר די געלטער, וואָס די שיינע יידן פֿון דעם מיטלשטאַנד האָבן געגעבן.

די מערב־וואַנט איז אָנגעקומען שווער צו בויען. די וואַנט האָט מען געבויט מיט די אָרימע שווער־פֿאַרהאָרעוועטע פּרוטות, וואָס עמך האָט געגעבן, וואָס די פּראָסטע לייט, די בעלי־מלאכות, האָבן אָפּגעשפּאָרט פֿון זייער לייב און לעבן און בייגעשטייערט פֿאַר גאָטס הויז. וואָרן זיי זיצן דאָך שטענדיק אונטן, ביי דער מערב־וואַנט.

ווען דער שונא האָט זיך שפּעטער אַריינגעריסן אין ירושלים און גענומען חרב מאַכן דאָס בית־המקדש, האָט ער די מזרח־וואַנט און די צוויי זייטיקע ווענט לייכט צעשטערט. וואָרן וואָס סע קומט אָן לייכט—גייט אַוועק לייכט. די ווענט האָט מען געבויט מיט געלטער, וואָס זענען אָנגעקומען גרינג, האָבן זיי דעריבער נישט געהאַט קיין האַפּט.

נאָר די מערב־וואַנט האָט דער שונא נישט געקענט צעשטערן. וואָרן וואָס מע בויט פֿאַר שווער־פֿאַרהאָרעוועטע פּרוטות פֿון עמך, האָט אַ האַפּט און מע קען דאָס קיינמאָל נישט חרב מאַכן. וויפֿיל מאָל דער שונא האָט זיך פֿאַרמאָסטן חרב צו מאַכן די מערב־וואַנט—האָט ער זי נישט געקענט צעשטערן.

דעריבער איז די מערב־וואַנט געבליבן ביז אָף היינטיקן טאָג.

ער טראָגט צו זײַן חלק

אין שטעטל איז געווען אַ בעל־דיקדוק. אָבער טאַקע אַ גרויסער. ער האָט מחבר געווען אַלערליי לשון־קודשדיקע לערן־ביכלעך און אַנדערע ספרים אָף צו לערנען דאָס יונגוואַרג דיקדוק. מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ מעשה: ס'איז געווען אָן ערב יום־כיפּור. אין בית־מדרש אָפֿן טיש, נאָענט צו דער טיר, האָט מען אויס־געשטעלט קערות, צו זאַמלען געלט פֿאַר שטאָטישע חברות און אָף אַלערליי צדקה־זאַכן און פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקע. אין איטלעכער קערה איז געווען אַ צעטעלע מיט אָן אויפֿשריפֿט אָף וואָס, אָדער פֿאַר וועמען דאָס געלט ווערט געזאַמלט. אָף איינעם

איז געווען אָנגעשריבן ת ל מ ו ד־ת ו ר ה, אַף אַ צווייטן — ב י ת־ח ו ל י ם, אַף אַ דריטן — ל ח ם ע נ י י ם, וכדומה, און נאָך אַף אַזעלכע בייטיקע זאַכן. דאָרט איז אויך געווען אַ קערה מיט אַ צעטעלע, אַז דאָס איז ב ע ד ה ש מ ש, פֿאַר דעם שטאָטישן שמש.

יעדער ייד איז ביים קומען דאַווענען מנחה צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אַריינגעוואָרפֿן אין די קערות צו עטלעכע מטבעות. איטלעכער לויט זיינע כוחות. ווער מער, ווער ווייניקער. פּלוצים באַמערקן די יידן, אַז אַרום טיש דרייט זיך דער בעל־מדקדק. ער קוקט אַריין אין איין קערה, אין אַ צווייטער, און אַזוי אין אַ קערה נאָך אַ קערה. און דאָ זעט מען ווי ער טוט אַריין די האַנט אין קעשענע און נעמט דאָרט טאַפּן און זוכן. וואונדערט מען זיך. אַלע ווייסן, אַז דער ייד איז נעבעך אַ גרויסער אָרימאַן. וואו און פֿון וואַנען האָט ער צו געבן?! מע זעט אָבער פֿאָרט, אַז ער טאַפּט עפּעס אין קעשענע און זוכט. ערשט — מע באַמערקט, ער נעמט אַרויס אַ בלייפֿעדל, לייגט עס צו צו די ליפּן און באַנעצט דעם שפּיץ מיט דער צונג, דערנאָך בייגט ער זיך אַריבער איבער אַ קערה און שטעלט דאָרט אַוועק אַ שטאַרק פּינטעלע. און בשעת־מעשה רעדט ער צו זיך אַף אַ קול: „אַזאַ גרייז! אַזאַ גרייז!״

און אַז ער זעט ווי דער עולם אַרום אים קוקט און שמייכלט, דרייט ער זיך אויס און מאַכט עס זיי קלאָר: „ס׳איז אַ כלל גדול, אַז נאָך אַ ה׳ הידיעה מיט אַ פּתח קומט אין דעם אַנדערן אות אַ דגש. און דאָ, איך גיב אַ קוק, די שין פֿון ה ש מ ש איז אָן אַ דגש.״

שלמה המלך ווערט אַ מגיד און לערנט זיך דרשענען

זיצט אַ ישיבה־בחור אין קלויז און טייטשט קוהלת: „הבל — נאַרישקייט, הבלים — נאַרישקייטן, אמר קוהלת — האָט געזאָגט קוהלת, הכל הבל — אַלץ נאַרישקייטן.״

דער בחור בלייבט שטיין. עפּעס איז אים מיטאַמאָל קשה: קוהלת האָט געזאָגט נאַרישקייטן? ווי קען דאָס זיין? קוהלת בן דוד, דער קלוגער שלמה המלך, דער חכם בן חכם, זאָל זאָגן אַזויפֿיל נאַרישקייטן?!

„וואָס חידושסטו דיך אַזוי?״ פֿרעגט אים אַ חבר, „די מעשה פֿון דעם איז זייער פּשוט. דו געדענקסט דאָך ווי דער אַשמדאַי האָט שלמהן פֿאַרוואָרפֿן הינטער די הרי־חושך, פֿיר הונדערט מייל ווייט פֿון ירושלים?! אָט פֿון דעם נעמט זיך דאָס.״

דער בחור קוקט אים אָן, און דער חבר דערציילט: אַז דער אַשמדאַי האָט שלמהן פֿאַרוואָרפֿן, האָט שלמה זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז נעבעך אַף גרויסע צרות. וואָס טוט מען? נעמט ער זיך שלעפּן אַ הונגעריקער, אַ פֿאַרלוירענער איבער פּוסטע וועלדער און וויסטע פֿעלדער, און זוכט אַ ישוב. אַזוי האָט ער זיך געשלעפּט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, ביז ער איז צום סוף אָנגעקומען עפּעס אין אַ שטעטל אַריין. ער איז געווען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן און טאַקע פֿאַרוואַקסן ווי איינער פֿון הינטער די הרי־חושך.

אַז אַ ייד קומט אין שטעטל אַריין — גייט ער, פֿאַרשטייט זיך, אין בית־מדרש

אַריין. אַריינגעקומען—און יידן דערזעען אַ פרעמדן—גייט מען צו אים צו, מע גיט אים שלום און מע פרעגט אים „מה שמך? ווער זענט איר?” זאָגט ער „אני שלמה —איך בין שלמה.” קוקט מען אים אָן און מע טראַכט: „אַ געררירטער, נעבעך!” וואָרן אַלע ווייסן דאָך, אַז דער מלך שלמה זיצט אָף זיין גילדענעם שטול אין ירושלים.

נאָר שלמה האַלט זיך ביי זיינס: „אני שלמה.” און אַז ער זעט, מע גלייבט אים נישט, בעט ער, מע זאָל אים לאָזן זאָגן תורה. ער וועט זאָגן תורה, טראַכט ער זיך, וועט דער עולם הערן און וועט זיך אַליין איבערצייגן און וויסן ווער ער איז. טראַכט מען: מע וועט אים לאָזן זאָגן. וואָס קאָן מען דאָ אָנווערן? און חברה, וואָס איז גרינג אָף דער דעה, האָט זיך געטראַכט: „סע וועט באַלד זיין פון וואָס צו לאַכן.”

שלמה הייסט זיך געבן אַ טלית, וואַשט זיך, גייט אַרויף אָפן באַלעמער, הילט זיך איין אין טלית און הייבט אָן זאָגן תורה, חכמה. ער רעדט וועגן די יסודות פון דער וועלט, וועגן גאָט און מענטש, און וועגן די דרכים פון דעם מענטש. פּערל שיטן זיך פון זיין מויל.

נאָר די יידן זיצן, ווי נישט צו זיי רעדט מען. זיי הערן און קוועטשן מיט די פּלייצעס. דאַכט זיך, ער רעדט ווי אַ קלאָרער, נאָר זיי פאַרשטייען נישט קיין וואָרט. ווערן זיי נאָך זיכערער ביי זיך, אַז דער אורח איז נעבעך גערירט פון זינען, און סע נעמט זיי אָן אַ רחמנות אָף אים. נאָר יידן זענען דאָך יידן, האָט אים איינער פון זיי נאָך דער דרשה גענומען צו זיך אַהיים, האָט אים געגעבן אָפּצועסן, און האָט פאַר אים געמאַכט אַ געלעגער.

אָפן אַנדערן טאָג האָט זיך שלמה אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער. און אומעטום, וואו ער איז געקומען, האָט ער געזונגען דאָסזעלבע לידל: „אני שלמה!” נאָר קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אָף אים. ווינציק משוגעים אָף דער וועלט? איז נאָך אַ משוגענער.

איינמאָל קומט ער אין אַ שטעטל אַריין. הערט ער דאָרט אין שול ביים דאַווענען, אַז צווישן מנחה און מעריב וועט רעדן אַ באַרימטער מגיד. טראַכט ער זיך, ס'איז כדאי אים צו הערן. אפשר וועט ער כאָפּן דעם שניט און וויסן, וואָס דער עולם האָט ליב. סע וועט אָבער קאָסטן צוויי קאָפּיקעס, זאָגט מען, און דאָס האָט שלמה נישט פאַרמאָגט. נאָר שלמה איז דאָך פאָרט אַ חכם, איז ער געפאַלן אָף אַ פלאַן: ער האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ באַנק, און צו מנחה־מעריב, אַז דער עולם האָט אָנגעפילט די שול, איז ער שטילינקערהייט אַרויס פון הינטער דער באַנק, און שאַ־שטיל.

ס'האָט נישט געדויערט לאַנג, און דער מגיד—אַ שיינער ייד מיט אַ הדרת־פּנים, און אָנגעטון אין אַ פיינעם קאַפּטאַן, איז אַרויף אָף דעם באַלעמער, האָט זיך איינגעהילט אין אַ טלית און האָט גענומען זאָגן. און טאַקע גלייך ווי ער האָט אָנגעהויבן, האָט ער אַ זאָג געטון אַ נאַרישקייט. שלמה הערט און חידושט זיך: אָט דאָס איז דער גרויסער מגיד? און איידער וואָס־ווען—דער מגיד האָט שוין געזאָגט נאָך אַ נאַרישקייט. שלמה גיט אַ קוק אָפן עולם, זעט ער, די מענטשן

זענען צופרידן. און וואָס גרעסער די נאַרישקייטן, וואָס דער מגיד זאָגט, אַלץ מער שמייכלען זיי, קוועלן אָן און פּאַסמאַקעווען זיך.

„איצט פאַרשטיי איך שוין, זאָגט צו זיך שלמה, „דער עולם האָט ליב נאַרישקייטן."

אויפן אַנדערן טאָג גייט שלמה אַריבער צום גבאי און זאָגט אים, ער איז אַ מגיד, און ער וויל, אַז מע זאָל אים לאָזן דרשענען. דער גבאי גיט אַ קוק אויף אים: אַ ייד—אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, באָרוועס, נאַקעט, גיי לאָז אַריין אַזוינעם אין בית־מדרש. סע וועט דאָך זיין צו לייטנס געלעכטער! זאָגט ער אים: „ר' ייד, מע קען נישט. ערשט נעכטן איז דאָ דער נאַכט אויף געווען אַ מגיד."

„געדערכט," טראַכט שלמה. „ס'איז אמת. ער איז דאָך אַליין געווען אין בית־מדרש ביי דער דרשה."

הייבט ער זיך אויף און גייט ווייטער, צו אַ צווייטער שטאָט. געקומען, פרעגט ער זיך אָן צום גבאי פון בית־מדרש. ער שרייט שוין נישט „אני שלמה". וואָרן וואָס העלפט שרייען? אַז מע איז פאַרוואָרפן אין דער פרעמד, און קיינער קען דיך נישט און קיינער וויל דיך נישט קענען, איז שריי היינט, אַז דו ביסט שלמה, שריי מאָרגן, אַז דו ביסט שלמה, וועט עס דיר העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

אַז דער גבאי הערט, אַז דער אָפּגעריסענער איז אַ מגיד, וויל ער שוין אַ זאָג טון: לאָ מיט אַ גרויסער אַלף! נאָר אַנשטאָט דעם גיט ער אַ טראַכט: איך ווייס? אַ ייד וויל רעדן, זאָל ער רעדן! קיין געלט מוז מען אים דאָך נישט געבן! טאָ וואָס קען מען דערלייגן? ווער סע וועט וועלן, וועט אים עפּעס געבן. און ער האָט מסכים געווען.

געקומען צו מעריב, האָט זיך שלמה אָוועקגעשטעלט זאָגן. דעם שניט האָט ער געכאַפּט, ווען ער האָט געהערט דעם מגיד אין פריערדיקן שטעטל. ער האָט דאָך דאָרט אַליין געזען ווי אַזוי יענעמס נאַרישקייטן האָבן אויסגענומען ביים עולם. און אַז שלמה האָט געוואָלט זאָגן נאַרישקייטן, האָט ער דאָס געקענט בעסער פון אַנדערע. וואָרן ער איז דאָך פאָרט געווען אַ חכם, און אַז ער האָט נאָר געוואָלט, האָט ער געקענט די קונץ.

שלמה רעדט איין נאַרישקייט נאָך דער אַנדערער. און דער עולם זיצט מיט אָן אָפענעם מויל און קוועלט, און איז זיך מחיה: אָט דאָס איז אַ מגיד!

נאָך דער דרשה האָט מען זיך צונויפגעלייגט, אַז ער זאָל האָבן אויף אַ פּאָר שיך, אויף אַ פּאָר פלודערן און אַ קאַפּעליטש.

הכלל, אַז ער איז פון דאָרט אַוועק און איז געקומען אין אַן אַנדער שטעטל, איז ער שוין געקומען ווי אַ פאַלנער מגיד. און וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, איז זיין שם געגאַנגען פאָראויס. און אומעטום האָט ער געדרשנט און געזאָגט נאַרישקייטן. און דער עולם האָט אַנגעקוואָלן, און מ'האָט אים באַוואָרפן מיט געלט און מיט כבוד.

אַזוי איז שלמה געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט. ער האָט זיך שוין נישט געשלעפּט צופוס ווי אַן אָפּגעריסענער גייער, אַן ארחא־פרחאניק. ער איז שוין געפאָרן מיט אַן אייגן פערד און וועגעלע, און האָט געהאַט אַ שמש.

און וואָס נעגטער ער האָט זיך דערנענטערט צו ירושלים, אַלץ מער איז געוואַקסן זיין שם, און איז אים געגאַנגען פאַראויס.

הכלל, אַז ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער שוין געהאַט אַזויפיל געלט, אַז ער איז געפאָרן אין אַ לאַקירטער קאַרעטע מיט אַ פּאָר גוטע פערד. שלמה איז זיכער געווען, אַז דאָ וועט מען אים דערקענען. נייערט ווי נאָר ער האָט אַ זאָג געטון „אני שלמה," אוי, שוין ווידער אַ צרה, אַן אומגליק! מענטשן קוקן אַף אים ווי ער וואָלט געווען חסר־דעה: אַ נייער שלמה! דער מלך שלמה זיצט אַף זיין שטול, און פירט זיין לאַנד מיט חכמה!

גייט שלמה אַריבער אין סנהדרין. די חכמים גערענקען אים דאָך, זיי וועלן אים אַוודאי דערקענען. נאָר דאָ איז דיזעלבע חתונה. ווי נאָר ער זאָגט זיי „אני שלמה," קוקט מען אַף אים מיט חשד. „ייד איינער," זאָגן זיי צו אים, „שלמה זיצט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אַף זיין שטול."

נישט גוט, טראַכט שלמה. וואָס טוט מען? גייט ער שוין אַריבער צום שמש פון גרויסן בית־מדרש און זאָגט אים, אַז ער איז דער באַרימטער מגיד פלוני בן פלוני, און ער וויל שבת רעדן פאַרן עולם.

דער שמש האָט זיך דערפרייט. וואָס הייסט, אַ קלייניקייט? אַוודאי האָט ער געהערט פון דעם מגיד, און סע וועט זיין אַ גרויסער כבוד אים צו הערן.

אַז ס'איז געקומען שבת, איז דאָס בית־מדרש געווען געפּאַקט קאָפּ אַף קאָפּ. אַפילו די חכמים זענען אים געקומען הערן. נאָר אוי, אַ קלאָג! ער האָט געהאַלטן איינע פון זיינע באַרימטע דרשות, און ס'איז נישט געווען וואָס צו הערן, אויסער נאַרישקייטן איבער נאַרישקייטן. און צו די אַלע צרות, אַז ער האָט דערזען פאַר זיך די חכמים, און צווישן זיי זיין פעלד־קריגער בניהו בן יהוידע, האָט ער זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און האָט ווידער גענומען שרייען „אני שלמה."

נישט גוט. דאָ איז מען שוין זיכער געווען, אַז עפּעס איז נישט גלאַט מיט דעם מגיד. און די חכמים האָבן דאָך אַליין געהערט זיין דרשה מיט זיינע נאַריש־קייטן. ווי קומט אַזיינס צו שלמהן?

נאָר זיין פעלד־קריגער, אים איז די דרשה גראָדע יאָ געפעלן. טראַכט ער, מע דאַרף זען. אפשר?

ער האָט גענומען נאָכפאָרשן אין פּאַלאַץ. און אים איז טאַקע געוואָרן עפּעס קשה: וואָס גייט עפּעס דער מלך שלאָפן אַלעמאָל אין די זאָקן? פאַרוואָס זעט מען עפּעס קיינמאָל נישט זיינע פיס? רעדט ער איבער וועגן דעם מיט די חכמים. האָבן זיי שוין אויך אָנגעהויבן חוקר־ודורש צו זיין. און זיי האָבן מודה געווען, אַז עפּעס איז נישט גלאַט מיט דעם מלך אין פּאַלאַץ.

שפּיץ בקיצור, בניהו בן יהוידע און די חכמים האָבן אַרויסגעזוכט דעם מגיד און מ'האָט נאָכאַמאָל אויסגעהערט, וואָס ער האָט צו דערציילן, ווי אַזוי דער אשמדאי האָט אים פאַרוואָרפן, האָבן זיי אים געבראַכט צום מלך אין פּאַלאַץ אַריין. זיי האָבן געוואָלט זען, וואָס דאָרט וועט זיין.

און ווי נאָר דער מגיד איז געקומען אין פּאַלאַץ, און דער אַשמדאַי האָט אים דערזען, האָט ער אים גלייך דערקענט, אַז דאָס איז שלמה, און ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין קענען אים נישט קענען ביישטיין. האָט ער

זיך גלייך אָפּגעטראָגן, וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט, אין פּוסטע וועלדער און אין ווּיסטע פעלדער.

שפּעטער, אַז שלמה איז שוין געזעסן צוריק אַף זיין שטול, פרעגן אים די חכמים: „הבל הבלים אָמר קוהלת? ווי קומט עס, וואָס דו, דער חכם בן חכם, האָסט דיך פאַרשטעלט פאַר אַ מגיד און גערעדט הוילע נאַרישקייטן?"

זאָגט שלמה: „וואָס פאַרשטייט איר נישט? ס'איז זייער פּשוט: הכל הבל, אַלע האָבן ליב נאַרישקייטן!" און ער האָט זיי דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך אַרומגעוואָלגערט איבער שטעט, און כל-זמן ער האָט גערעדט חכמה, האָט מען אים נישט געוואָלט הערן. נייערט ווי נאָר ער האָט גענומען רעדן נאַרישקייטן, האָט מען אָנגעקוואָלן, און מ'האָט אים אויסגעקליידט און געגעבן געלט, און אַזוי האָט ער זיך דערשלאָגן צוריק קיין ירושלים.

„איצט וועט דיר שוין זיין קלאָר," ענדיקט דער ישיבה-בחור דערציילן, „פאַרוואָס „הבל הבלים אָמר קוהלת." פאַרוואָס קוהלת האָט גערעדט נישטיקייטן און נאַרישקייטן, ווייל „הכל הבל—ווייל אַלע האָבן ליב נאַרישקייטן."

שלמה האָט די ווייבער געטון אַ טובה, מיט זיין זאָג, אַז צווישן טויזנט פון זיי האָט ער נישט געפונען קיין איין רעכטע

ווען דער אַשמדאַי, דער מלך פון אַלע שדים און רוחות, האָט דעם מלך שלמה פאַרוואָרפן פון ירושלים, איז שלמה אַרומגעגאַנגען איבער פרעמדע לענדער אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן ווי אַ בעטלער. ער האָט אומעטום געשריגן, אַז ער איז שלמה המלך, נאָר מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם.

איינמאָל האָט אַ מאַן אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, און ער האָט געזאָגט צו זיין ווייב: „מיין ווייב, נעם אַרויס מיינע נייע שיך און קליידער און גיב זיי אָנצוטון דעמדאָזיקן מענטש. דאָס איז דער מלך שלמה."

אַז די פרוי האָט דערהערט, אַז דאָס איז שלמה המלך, האָט זי געכאַפּט דעם בעזים און האָט אים געוואָלט אַרויסטרייבן פון שטוב.

שלמה האָט זי פּרובירט איינעמען מיט גוטע רייד: „וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטון, וואָס דו ביסט אַזוי אין כעס אַף מיר?"

נאָר די פרוי האָט געשריגן: „איך וויל דיך נישט אין שטוב ביי מיר. דו האָסט געזאָגט, אַז צווישן טויזנט מענער האָסטו געפונען אַ רעכטן מאַן, נאָר צווישן טויזנט ווייבער האָסטו נישט געפונען קיין איין רעכטע."

זאָגט שלמה: „מיט דעם האָב איך די ווייבער געטון גוטס, און נישט קיין שלעכטס," האָט ער איר גענומען דערקלערן. „ווען איך וואָלט געשריבן, אַז צווישן טויזנט ווייבער קען מען געפינען איין גוטע און קלוגע פרוי, וואָלט פון דעם אַרויסגעקומען אַ סך שלעכטס. די מ אַ נ ע ן וואָלטן פאַר יעדער נאַרישקייט אַרויסגעטריבן זייערע ווייבער פון הויז, ווייל זיי וואָלטן געזאָגט: די ווייבער, וואָס גאָט האָט אונז באַשערט זענען ביטערער פון דעם טויט. לאָמיר זיך נעמען אַנדערע. אפשר וועלן מיר טרעפן די פרוי, וואָס איז די איינציקע רעכטע צווישן טויזנט. מיט דעם, וואָס איך האָב אָבער געזאָגט, אַז מע קען קיין איין רעכטע נישט

געפינען, טראַכטן זיך די מאַנען: וואָס וועט אונז אַרויסקומען, אַז מיר וועלן פאַר־טרייבן אונזערע ווייבער און נעמען אַנדערע? וועלן דען די אַנדערע זיין בעסערע?"
און שלמה האָט אויסגעפירט: „נו, האָב איך אייך נישט געטון קיין טובה, ווען איך האָב געזאָגט, אַז צווישן טויזנט ווייבער האָב איך נישט געפונען קיין איין רעכטע?"
די פרוי האָט איינגעזען שלמהס חכמה, זי האָט געעפנט פאַר אים אירע שטיבער און האָט געמאַכט פאַר אים אַ גרויסן מאַלצייט.

דער מלך שלמה און די הינט

שלמה המלך איז אַמאָל דורכגעגאַנגען דורך אַ הויז, איז אים אַ הונט זייער באַפאַלן און האָט שטאַרק געבילט. אַזוי ווי דער מלך שלמה האָט געקענט די לשונות פון אַלע חיות און עופות, זאָגט ער צום הונט: „דו ווייסט ווער איך בין? איך בין שלמה המלך, און דו נעמסט און באַפאַלסט מיך!"
ווי דער הונט האָט געהערט, אַז דאָס איז דער מלך שלמה, האָט ער אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און דעם עק און זיך גענומען בעטן: „אַדוני מלך, איך בעט דיך, פאַרגיב מיר. דו ווייסט דאָך, איך מוז בילן, ווייל מיין באַלעבאָס גיט מיר דערפאַר אַ פּלאַץ צום שלאָפן און וואַרפט מיר צו פון צייט־צו־צייט אַ ביין."
זעט שלמה, אַז דעם הונטס טענה איז אַ גערעכטע, האָט ער אים מוחל געווען און איז געגאַנגען ווייטער.
גייט ער און גייט, ביז ער איז געקומען צו אַ פעלד. און דאָרט איז אים גע־קומען אַנטקעגן אַ גאַנצע טשאַטע הינט, און זיי זענען אים באַפאַלן און האָבן אויך שטאַרק געבילט. זאָגט זיי שלמה ווער ער איז און פרעגט זיי: „וואָס בילט איר? מילא יענער הונט ביים הויז מוז בילן, ווייל ער האָט מורא פאַר דעם באַלעבאָס. אַז ער וועט נישט בילן, וועט אים דער באַלעבאָס נישט געבן צו עסן און וועט אים אַרויסטרייבן. נאָר איר זענט דאָך פריי אין פעלד. וועמען דינט איר דאָ, וואָס איר בילט אַזוי?!"
זאָגן די הינט: „אַדוני מלך, אַז מיר וועלן נישט בילן, וועט מען אונז נישט דערקענען ווער מיר זענען, און מע וועט אונז נאָך אויסשליסן פון דער חברה הינט."

דער מאַן, די שלאַנג און שלמהס משפט

אַ מאַן איז געגאַנגען אין פעלד און האָט געטראָגן אַ קרוג מילך. באַגעגנט אים אַ דאָרשטיקע שלאַנג און זי בעט אַ טרונק. פרעגט ער זי: „וואָס וועסטו מיר געבן פאַר דער מילך?"
„איך וועל דיר דערפאַר וויזן אַן אוצר," זאָגט די שלאַנג. האָט איר דער מאַן געגעבן די מילך. אַז זי האָט זיך אָנגעטרונקען, זאָגט זי צו אים: „בייג דיך איין און הייב אויף דעם שטיין, וועסטו געפינען דעם אוצר."
ווי דער מענטש האָט זיך איינגעבויגן, איז די שלאַנג אַרויף אַף אים און האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום זיין האַלז.
„וואָס טוסטו?" שרייט דער מאַן.

זאָגט די שלאַנג: „דערפֿאַר וואָס דו ווילסט צונעמען מיין פֿאַרמעגן, וויל איך דיך דערשטיקן.“

„וואַרט, לאָמיר גיין צום מלך שלמה און הערן, צי דו ביסט גערעכט.“

די שלאַנג האָט צוגעשטימט. ביידע זענען אַוועק צו שלמהן, זיך צו לאָדן. אַז שלמה האָט דערזען די שלאַנג אויף דעם מאַנס האַלז, האָט ער געזאָגט צו איר: „קודם קריך אַראָפּ פֿון זיין האַלז. אַז דו קומסט דיך לאָדן, דאַרפֿסטו נישט ווייזן, אַז דו ביסט שטאַרקער פֿון אים.“

די שלאַנג האָט געפֿאָלגט. זאָגט שלמה: „איצט לאָמיך הערן אייערע טענות.“

האָבן ביידע אַרויסגעלייגט זייערע טענות, און די שלאַנג ענדיקט: „איך האָב דאָס רעכט אים צו טייטן. גאָט אַליין האָט מיר געבאָטן: דו זאָלסט בייסן די טריט פֿון די מענטשן.“

„אויב אַזוי,“ זאָגט שלמה צו דעם מאַן, „האָט דיר גאָט באַפֿוילן, אַז דו זאָלסט איר צעפּלעטן דעם קאָפּ.“

דער מלך שלמה און דער אַלטער פּאַרמער

אַן אַלטער פֿלייסיקער פּאַרמער האָט באַאַרבעט זיין פֿעלד. ער האָט מיט די אייגענע הענט געאַקערט און געזייט.

ווי ער אַרבעט אַזוי, דערזעט ער אונטער אַ בוים אַ מאַן מיט אַ קעניגלעכער קרוין אויפֿן קאָפּ. „איך בין דער מלך שלמה,“ זאָגט דער מאַן צו דעם פּאַרמער. „וואָס טוסטו דאָ, אַלטער?“

זאָגט דער פּאַרמער: „אויב דו ביסט שלמה המלך, וואָס פֿרעגסטו? אין מיין יוגנט האָסטו מיך געשיקט צו דער מערעשקע, אַז איך זאָל מיך לערנען פֿון איר. איך האָב מיך צוגעקוקט ווי די מערעשקע אַרבעט, און איך האָב מיך געלערנט פֿון איר צו זיין פֿלייסיק און צו זאַמלען. און וואָס איך האָב ביי איר געלערנט, דאָס טו איך נאָך איצט אויף דער עלטער.“

זאָגט שלמה המלך: „דו האָסט בלויז געלערנט פֿון איר אַ העלפֿט. גיי נאָכ־אַמאָל צו דער מערעשקע און לערן דיך פֿון איר ווי צו רוען אין דעם ווינטער פֿון דיינע יאָרן, און האָב הנאה פֿון דעם, וואָס דו האָסט אָנגעזאַמלט אין דעם זומער פֿון דיינע יאָרן.“

ביי וואָס קיין זכות־אָבֿות העלפֿט נישט

די חכמים זאָגן: דריי ספֿרים האָט שלמה המלך אָנגעשריבן: שיר השירים, משלי און קוהלת. דאָס ערשטע ספֿר, ש י ר ה ש י ר י ם, דאָס געזאַנג פֿון געזאַנגען פֿון ליבשאַפֿט, האָט ער געזונגען, ווען ער איז געווען יונג. דאָס צווייטע ספֿר, מ ש ל י — די קלוגע שפּראַכרייד, האָט שלמה געשריבן, ווען ער איז געווען אין די מיטעלע יאָרן. און דאָס דריטע ספֿר, ק ו ה ל ת, די באַטראַכטונגען וועגן דער נישטיקייט פֿון לעבן, האָט ער געשריבן אויף די עלטערע יאָרן.

ק ו ה ל ת הייבט שלמה אָן מיט די ווערטער: „דברי קוהלת בן דוד — די

רייד פון קוהלת, דעם זון פון דודן, דעם מלך אין ירושלים." מ ש ל י הייבט ער אָן מיט די ווערטער: „משלי שלמה בן דוד—די שפּראַכרייד פון שלמה, דעם זון פון דודן, דעם מלך פון ישראל." אין ביידע ספרים דערמאָנט ער גלייך פון אָנהייב זיינע זכות־אָבות, אַז זיין פאָטער איז נישט געווען אַבי־ווער. ער וויל מע זאָל וויסן, אַז ער איז געווען מלך איבער יידן. און נישט אַבי־וואו, נאָר טאַקע אין דער הייליקער שטאָט ירושלים.

אין ש י ר ה ש י ר י ם אָבער שטעלט ער בלויז זיך פאָר: „דאָס געזאַנג פון געזאַנגען פון שלמהן." פרעגט זיך, פאַרוואָס גיט ער אין דעם ספר אָן בלויז זיין אייגענעם נאָמען? איז די מעשה פון דעם אַזאַ:

אַז איינער קומט און וויל לערנען מענטשן ווי אַזוי צו לעבן און צו פירן זיך, און דערביי זאָגט ער נאָך מוסר, ווי שלמה טוט דאָס אין מ ש ל י און אין ק ו ה ל ת, מוז ער דערציילן וועגן זיין יחוס, און ווייזן, אַז ער איז נישט אַבי־ווער, אַז ער האָט זכות־אָבות, און האָט אַ רעכט צו לערנען מענטשן און צו זאָגן מוסר. שלמה דערציילט דעריבער ס'אַ שיינעם טאַטע ער האָט געהאַט, אַ חכם, אַ זינגער. נאָר אַז אַזאַ מענטש קומט צו דער וועלט און שטעלט זיך פאָר, אַז ער איז אַליין אַ גוטער זינגער, ווי שלמה טוט דאָס אין ש י ר ה ש י ר י ם, דעמאָלט מוז ער גלייך ווייזן וואָס ער קען. און אויב ער איז, נעבעך, אַ קאַליקע, וועט אים שוין קיין שום זכות־אָבות נישט ביישטיין. זיין טאַטע האָט געמעגט זיין אַפילו דער גרעסטער זינגער אין דער וועלט, וועט עס אים נישט העלפן.

דער קייסער און זיינע דריי פּראַגעס

דער קייסער איז געפאָרן אַף שפּאַציר אין זיין קעניגלעכן גאָרטן. אַפן וועג באַמערקט ער ווי זיין קאַמערהאַר, דער עלטסטער מיניסטער, שפּאַצירט צווישן דיביימער מיט אַ באַטשאַפּטער פון אַ ווייטער מדינה, רייכערט זיך אַ ליולקע־ציבעק און דרייט מיט זיין שטעקן, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין שום זאָרגן אַפן קאָפּ.

אַז דער קייסער האָט זיך דערנענטערט, הערט ער ווי זיין קאַמערהאַר רעדט צו דעם שליח און זאָגט: „איך בין דער עלטסטער איבער אַלע מיניסטאָרן, און איך טראָג די גאַנצע מלוכה אַף מיין קאָפּ."

שמייכלט דער קייסער און טראַכט ביי זיך: אויב ער רימט זיך יאָ פאַר אַזאַ חכם, וועלן מיר אויספּרואוון און זען, צי ער איז טאַקע אַזאַ מיניסטער־קאָפּ.

נאָר דערוויל מאַכט ער זיך, דער קייסער, אַז ער הערט נישט און זעט נישט און פאָרט זיך ווייטער.

אין אָוונט שיקט ער רופן זיין קאַמערהאַר, רעדט מיט אים און זאָגט: „דו ביסט דער עלטסטער איבער מיין מלוכה. וויל איך דיך פרעגן דריי פּראַגעס. דו האָסט צייט דריי טעג, מיר צו ענטפערן אַף זיי. אויב דו וועסט מיר ביז דעמאָלט נישט קענען ענטפערן אַף זיי, וועסטו אויס קאַמערהאַר, און איך וועל זעצן אַף דיין פּלאַץ אַן אַנדערן." און דער קייסער האָט אים טאַקע גלייך געפרעגט די פּראַגעס: „וויפיל בין איך, דער קייסער, ווערט? וויפיל שטערן זענען דאָ אין

הימל? און וואָס טראַכט איך וועגן דיר, נאָר ס'איז נישט אַזוי ווי איך טראַכט?״
דער קאַמערהאַר האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל דער קייסער אים אויס־פּרואוון. האָט ער זיך פאַרנייגט, איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים און האָט גענומען טראַכטן, וואָס דער קייסער האָט געמיינט מיט די דריי פראַגעס און וואָס צו ענטפערן אַף זיי.
ס'איז אַריבער אַ טאָג, און ס'איז אַריבער דער צווייטער טאָג, נאָר קיין ענטפער האָט ער נישט געהאַט. דערווייל האָט זיין ייד, דער שאַפער איבער זיין הויז, באַמערקט, אַז זיין האַר גייט אַרום זייער טרויעריק און דערשלאָגן. פּרואווט ער אויסגעפינען, וואָס סע האָט געטראָפן. איין מאָל און נאָכאַמאָל, און ער בעט זיך: „האַרעלע, אפשר קען איך עפּעס טון פאַר מיין האַר?״
נאָר דער קאַמערהאַר ענטפערט אים אַפילו נישט. וואָרן וואָס פאַרשטייט אַ שאַפער אין אַזעלכע זאַכן?! דער ייד זעט אָבער דעם צער פון זיין האַר, לאָזט ער נישט אָפּ און בעט אים ווייטער, אַז ער זאָל אים זאָגן, וואָס סע דריקט אים אַף זיין האַרץ.
צום סוף האָט אים דער קאַמערהאַר אויסגעזאָגט און אים דערציילט די גאַנצע מעשה, אַז אויב ער וועט ביז מאָרגן נישט ענטפערן דעם קייסער אַף די דריי פראַגעס, ווערט ער אויס מיניסטער.
טראַכט דער ייד און טראַכט, און מיטאַמאָל צעשיינט ער זיך און זאָגט: „האַרעלע, זאָרג נישט. לאָז מיך גיין צום קייסער. איך וועל אים ענטפערן. גיב מיר דיינע קליידער, וועל איך מיך פאַרשטעלן און גיין. וועל איך אים ענטפערן ריכטיק, און אַלע וועלן צום סוף זען ווער איך בין אַף אַן אמת, וועט מען זאָגן: ‚אויב זיין שאַפער איז אַזוי קלוג, היינט ווי קלוג איז שוין דער מיניסטער אַליין!' נאָר אויב דעם קייסער וועט נישט געפעלן מיין ענטפער, וועט מען זאָגן: ‚דאָס איז דאָך נישט דער קאַמערהאַר, נאָר זיין שאַפער'.״ דעם קאַמערהאַר איז געפעלן דער איינפאַל פון זיין ייד, און ער האָט איינגעוויליקט צו לאָזן אים גיין.
דער ייד האָט זיך פאַרשטעלט. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיין האַרס קליידער, און אַף מאָרגן איז ער אַוועק צום מלך אין פּאַלאַץ אַריין.
דאָרטן זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַלע גרויסע לייט פון דער מלוכה. אַז דער ייד איז אַריינגעקומען, האָט דער מלך געמיינט, אַז דאָס איז דער קאַמערהאַר. רופט ער אים אַרויף אויבנאָן און פרעגט אים: „האָסטו דעם ענטפער?״
„יאָ, אַדוני מלך.״
אין פּאַלאַץ איז געוואָרן שטיל. אַלע האָבן שוין געוואוסט וועגן די פראַגעס און האָבן געוואָרט, צו הערן דעם ענטפער. און דער פאַרשטעלטער ייד האָט אָנגעהויבן: „מיין האַר, דו ווילסט וויסן וויפיל דו ביסט ווערט? וויל איך דיר זאָגן, אַז ניינצן זילבערשטיק. וואָרן די זאַך איז זייער פשוט: אויב יוסף הצדיק איז ווערט געווען צוואַנציק זילבערשטיק, ביסטו ווערט בלויז מיט איין זילבערשטיק ווינציקער. (יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר צוואַנציק זילבערשטיק).
„איצט ווילסטו וויסן, וויפיל שטערן עס זענען דאָ אין הימל?״ דערביי האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, האָט אים צונויפגעלייגט און געמאַכט אין אים אַן אַ שיעור לעכעלעך מיט אַ נאָדל. דערנאָך האָט ער אים צוריק גע־

צפנט און געזאָגט: „וויפֿיל לעכעלעך עס זענען דאָ אין דעם בויגן פּאַפּיר, אַזוי־פֿיל שטערן זענען דאָ אין הימל. אויב דו ווילסט צייל זיי איבער.״

דער קייסער און אַלע גרויסע לייט האָבן אַנגעקוועלט פֿון דעם ענטפֿער. און דער פֿאַרשטעלטער ייד זאָגט ווייטער: „און איצט ווילסטו, אַז איך זאָל דיר זאָגן, וואָס דו טראַכטסט? וויל איך דיר ענטפֿערן: דו טראַכטסט, אַז איך בין דער קאַמערהאַר. אין דער אמתן בין איך נאָר דיין קאַמערהאַרס שאַפֿער.״

ערשט איצט האָט זיך דער קייסער גוט צוגעקוקט צו אים און האָט זיך צע־לאַכט. און מער האָט מען נישט באַדאַרפֿט. דער קאַמערהאַר איז געבליבן קאַמער־האַר, און דער ייד איז דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק.

איטלעכער אַף זײַן אייגן לשון

דער סולטאַן האָט געהאַט אַ בעל־יועץ, אַ שונא־ישראל. האָט דער בעל־יועץ איבערגערעדט דעם מלך, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ גזירה, מע זאָל אַלע יידן אַרויסטרייבן פֿון זיין לאַנד. אַז די אַנדערע ראַטהאַרן האָבן דאָס דערהערט, האָט עס זיי שטאַרק פֿאַרדראָסן. זיי זענען געקומען צו לויפֿן צום סולטאַן און האָבן געמאַכט אַ געוואַלד: „סטייטש, וואָס הייסט?״ האָבן זיי געטענהט. „די יידן זענען געטריי דעם לאַנד און ברענגען אַריין אַ סך שטייערן אין דעם מלכס שאַצקאַמער. פֿאַרוואָס זאָל מען זיי אַרויסטרייבן?״

און איינער פֿון די קאָפּ־מענטשן האָט אויפֿגעוויזן, אַז ס׳איז בכלל נישט גוט אַנצוהייבן זיך מיט די יידן. ער האָט געזאָגט: „אדוני מלך, זע, וואָס פֿאַר אַ סוף סע האָבן געהאַט די אַלע, וואָס האָבן זיך אַנגעהויבן מיט די יידן: פּרעה, דער מלך פֿון מצרים, צוזאַמען מיט אַלע זיינע עלטסטע, זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים; המנען מיט זיינע צען זין האָט מען אויפֿגעהאַנגען אַף אַ תליה; אַנטיוכוס, דער מלך יאָוואָן, איז משוגע געוואָרן און האָט געהאַט אַ מיאוסן סוף; טיטוסן, דעם רשע, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פֿליגעלע אין נאָז און האָט אים אויפֿגעגעסן אַ לעבעדיקן. און אַזוי איז געווען אויך מיט אַלע אַנדערע פּייניקער פֿון די יידן.״ הכלל, מע טאָר די יידן בשום־אופֿן נישט טשעפּען.

„טאָ וואָס זאָל איך איצט טון?״ פֿרעגט דער סולטאַן. „איך האָב דאָך די גזירה שוין אַרויסגעגעבן. און אַ באַפֿעל פֿון אַ מלך איז דאָך אַ באַפֿעל און מע קען אים נישט צוריקרופֿן. אַזוי שטייט דאָך בפּירוש אין דער מגילה וועגן אחשוורושעס באַפֿעל.״

זאָגט דער בעל־יועץ, אַז ס׳איז דאָ אַן עצה: „זאָל דער מלך אַרויסגעבן אַ באַפֿעל, אַז אויב די יידן וועלן אים ענטפֿערן אַף דריי פֿראַגעס, וואָס ער וועט זיי פֿרעגן, וועלן זיי קענען ווייטער בלייבן זיצן אין לאַנד. און אַזוי ווי צווישן יידן זענען פֿאַראַן זייער קלוגע מענטשן, וועלן זיי זיכער קענען ריכטיק ענטפֿערן דעם מלך אַף זיינע פֿראַגעס.״ דעם סולטאַן איז די עצה געפֿעלן. ער האָט די יידן טאַקע שוין לאַנג געוואָלט פֿרעגן עטלעכע זאַכן. און ער האָט גלייך אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפֿעל.

אַז דער באַפֿעל איז אָנגעקומען צו די יידן, האָבן זיי צוזאַמענגערופֿן אַן

אסיפה, צו באַראָטן זיך וואָס צו טון און וועמען צו שיקן. הייבט זיך אויף דער קהלשער שמש און זאָגט, אַז ער וועט גיין. ער האָט נישט וואָס צו פאַרלירן, זאָגט ער. וועט ער ריכטיק ענטפערן—וועט דאָך זיין גוט און וואויל. אלא אָבער נישט, וועלן די יידן קענען זאָגן, אַז דאָס איז דאָך בלויז אַ שמש, ווי קומט ער צו ענטפערן? און מע וועט דעמאָלט קענען שיקן אַן אַנדערן. די יידן האָבן אָנגענו־מען זיין עצה, און דער שמש איז אַוועק צום סולטאַן אין פּאַלאַץ אַריין.

דאָרט האָבן שוין געוואַרט אַלע האַרן און עלטסטע. וואָרן אַלע האָבן גע־וואָלט הערן וואָס דער סולטאַן וועט פרעגן, און ווי אַזוי אַ ייד וועט אים ענטפערן אַף זיינע פראַגעס. דער סולטאַן אַליין איז געזעסן אויבנאַן אַף זיין קעניגלעכן שטול. מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, און דער סולטאַן זאָגט, אַז ער וועט פרעגן דעם ייד די דריי פראַגעס אַף שטום־לשון, און דער ייד וועט אים דאַרפן ענט־פערן אויך אַף שטום־לשון. דער שמש פאַרנייגט זיך, און דער מלך הייבט גלייך אָן. ער גיט אַ שטרעק אויס זיין רעכטע האַנט און ווייזט דעם ייד אַ פינגער.

דער שמש פאַרנייגט זיך ווידער און ענטפערט אים אַף דעמזעלבן אופן. ער גיט אַ שטרעק אויס די האַנט און ווייזט דעם סולטאַן צוויי פינגער.

שמייכלט דער סולטאַן, און ער גיט אַן עפן זיין האַנט און שטרעקט אויס אַלע זיינע פינף פינגער. נעמט דער שמש און ווייזט אים אַ פויסט.

לאַכט דער סולטאַן אַ צופרידענער, און ער גיט אַ כאַפּ אַ טעלער פאַסאָליעס, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים אָנגעגרייט, און ער גיט זיי אַ שאָט איבערן דיל. בייגט זיך איין דער שמש, נעמט זיי אַלע צוזאַמען און באַהאַלט זיי ביי זיך אין קעשענע.

פרייט זיך דער סולטאַן און ער קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן. ער רופט צו צו זיך דעם ייד, רימט אים פאַר זיין חכמה און זאָגט: אַז דערפאַר, וואָס ער האָט אים אַזוי קלוג געענטפערט, וועלן די יידן ווייטער קענען בלייבן זיצן רואיק אין לאַנד. דער סולטאַן האָט אים נאָך געגעבן מתנות און אַהיימגעשיקט מיט פויקן און טרומייטערס.

די האַרן און עלטסטע, וואָס האָבן דאָס אַלץ צוגעזען, האָבן די שטומע פראַ־געס און ענטפערס נישט פאַרשטאַנען. פרעגן זיי דעם סולטאַן, וואָס ער האָט גע־מיינט מיט זיינע שטומע צייכנס. שמייכלט ער און ענטפערט: „זייער פּשוט: איך האָב געוויזן דעם ייד אַ פינגער. דאָס מיינט, אַז די יידן גלייבן אין איין גאָט, האָט ער מיר געוויזן צוויי פינגער. דאָס מיינט, אַז מיר מאַכמעדאַנער גלייבן אין אַלאַה (גאָט) און אין נביא מאַכמעד.

„דערנאָך האָב איך אים געוויזן די האַנט מיט צעשפרייטע פינגער. דאָס מיינט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז צעזייט און צעשפרייט. האָט ער מיר געוויזן אַ פויסט. דאָס מיינט, אַז כאָטש זיי זענען צעשפרייט—זענען זיי אָבער פאַראייניקט אין אַלע זייערע צרות.

„האָב איך דערנאָך גענומען דעם טעלער פאַסאָליעס און זיי אַ שאָט געטון איבערן דיל. דאָס מיינט, אַז איך וועל זיי אַרויסטרייבן פון לאַנד. האָט ער די פאַסאָליעס צוזאַמענגענומען. דאָס מיינט, אַז זיי וועלן זיך צוריק איינזאַמלען אינאיינעם.”

די האַרן איז דאָס געפעלן און זיי האָבן געלויבט דעם סולטאַן פאַר זיינע קלוגע איינפאַלן.

דערווייל איז דער שמש געקומען אַהיים. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אַף אים מיט ציטערדיקע הערצער קינד־און־קייט צוזאַמען מיט דעם רב און מיט די פּני פון שטאָט. אַלע האָבן שוין געוואָלט הערן, וואָס דער סולטאַן האָט אים גע־פרעגט, און מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיקט. און וואָס ער האָט געענטפערט. דערציילט זיי דער שמש, און ער זאָגט: „דער סולטאַן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און מיר געוויזן אַ פינגער. דאָס הייסט, אַז ער וועט אונז יידן אַרויסנעמען אַן אויג. האָב איך אים געוויזן צוריק צוויי פינגער. דאָס הייסט, אַז דער איי־בערשטער וועט אים אַרויסנעמעןביידע אויגן. דער סולטאַן האָט נאָך דעם אַן עפן געטון זיין האַנט און אויסגעשטרעקט אַלע זיינע פינגער. דאָס הייסט, אַז ער וועט אונז שלאָגן און פּאַטשן. האָב איך אים געוויזן צוריק אַ פויסט. דאָס הייסט, אַז דער אייבערשטער וועט אים געבן אַ קנאַק, אַז דער קאָפּ וועט אים אַראָפּ. גיט נאָך דעם דער סולטאַן אַ כאַפּ אַ טעלער פּאַסאַליעס און גיט זיי אַ שאָט איבערן דיל. דאָס הייסט, אַז ער וועט אונז אין גאַנצן אַרויסטרייבן. האָב איך זיי צו־נויפגענומען, צו געבן זיי מיין ווייב, אַז זי זאָל מאַכן אַ געקעכץ פאַר די קינדער."

דער עולם האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער און זיך געפרייט וואָס פאַר אַ חכם—אַ שמש זיי האָבן.

וואָס אין די מעשהלעך שטעקט

אין רוסלאַנד האָט אַמאָל געהאַלטן דערביי, דער צאַר זאָל אַרויסגעבן אַ גזירה, אַז מע זאָל צוזאַמענגעמען ביי יידן אַלע גמרות און זיי פאַרברענען. נאָר איידער דער צאַר האָט געדאַרפט אונטערשרייבן די גזירה, האָט מען געלאָזט וויסן די יידן, אַז זיי קענען שיקן צו אים זייערע מענטשן, וואָס זאָלן באַווייזן פאַר־וואָס מע דאַרף די גמרות נישט פאַרברענען. דאָס איז געווען אין די ציטן פון דעם גרויסן יידישן שר אין ענגלאַנד, משה מאָנטעפיאָרע.

אַז די יידן האָבן געהערט פון דער גזירה, וואָס העגגט איבער זיי, זענען זיך צוזאַמענגעקומען די גרויסע רבנים אַף אַן אסיפה, און זיי האָבן אויסגעקליבן צווישן זיך עטלעכע רבנים, זיי זאָלן פאָרן צום צאַר, אָפּצושרייען די גזירה. צו־זאַמען מיט זיי איז אויך געפאָרן משה מאָנטעפיאָרע.

געקומען אין דער קרוינשטאָט צום צאַר, האָבן זיי גענומען טענהן פאַר אים און בעטן, אַז ער זאָל אַזאַ גזירה נישט אונטערשרייבן. נאָר זייערע געבעטן האָבן נישט געהאָלפן. דער צאַר האָט געהאַלטן, אַז די גמרא איז פול מיט נאַרישקייטן, און אַז דעריבער דאַרף מען אַזעלכע ספרים פאַרברענען. ער האָט געזאָגט: „אָט שטייט דאָרטן ווי אַ פויגל איז געפלויגן און האָט געלייגט אַן איי. און דאָס איי האָט זיך צעבראָכן און האָט פאַרטרונקען פערציק שטעט. נו, זאָגט אַליין, זענען אַזעלכע מעשות נישט לויטער נאַרישקייטן און שטותרייען?"

אַז דער צאַר האָט אויסגעשאָסן אַלע זיינע טענות פאַרוואָס מע דאַרף די גמרא פאַרברענען, פאַרנייגט זיך ר' משה מאָנטעפיאָרע און זאָגט: „אדוני מלך, די מעשה

מיט דעם פויגל און מיט דעם איי, וואָס האָט פאַרטרונקען פערציק שטעט, איז גאָרנישט ניט אַזאַ נאַרישע. אָט זענען מיר פאַר אונזערע אויגן אָן ענלעכע געשיכטע, ווי סע דאַכט זיך אויס. דו ווילסט פאַרברענען אַלע גמרות, וואָס זענען פאַראַן אין דיין לאַנד. דידאָזיקע ספרים זענען ביי אונז יידן אונזער לעבן און נשמה. ווי אַזוי זאָלן מיר לאָזן וויסן די שפּעטערע דורות פון אונזער אומגליק, וואָס סע שפּילט זיך דאָ אָפּ? דיין מלכות, גרויסער מלך, וועט זיכער נישט לאָזן שרייבן וועגן דעם. וואָס־זשע וועלן מיר טון? מיר וועלן דאָס דערציילן עלעהיי אַף אַזאַ אופן:

„אַמאָל איז געווען אין אַ לאַנד אַ ריזיקער בוים. ער איז געווען אַזוי גרויס און מעכטיק, אַז אונטער זיין שאָטן האָבן זיך באַשירעמט אַלע מענטשן פון זיין לאַנד. נאָר אַף דעם בוים איז געוואַקסן אַ קליינע פּרי. מ'האָט די פּרי נישט געקענט עסן. נאָר מיט איין טראָפּן פון איר זאַפט האָט מען אַמאָל פאַרטרונקען מיליאָנען מענטשן.“

דער צאַר האָט געקוקט אַף אים ווי עפּעס וואָלט אים ליכטיק געוואָרן אין זיין קאָפּ, און ער איז צוגעגאַנגען צו זיין טיש, און האָט די גזירה צעריסן.

דאָס קלוגע פּויערל

אַ מלך האָט זיך אַמאָל פאַרשטעלט פאַר אַ פּשוטן פּויער און איז אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנד, צו הערן וואָס דאָס פאָלק טראַכט און רעדט.

איינמאָל הערט ער ווי אַ פּויער רעדט צו אַנדערע פּויערים און קלאָגט זיך אַף זיין ווייב: „ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיט דער פּרינצעסין,“ זאָגט ער, „וואָלט איך געהאַט אַ בעסער ווייב ווי איך האָב.“

דער קעניג הערט און שמייכלט. פאַרן אַוועקגיין שאַרט ער זיך צו צום פּויער און זאָגט צו אים: „הער נאָר, קום אַמאָל צו צו מיר. נאָ דיר אַ צעטעלע. דאָ איז פאַרשריבן וואו איך וואוין. אַז דו וועסט זיין אין שטאָט, פרעג זיך נאָך אַף מ'יר. מע וועט דיר שוין ווייזן.“

דער פּויער האָט גענומען דאָס צעטעלע און האָט עס באַהאַלטן.

אין אַ צייט אַרום קומט ער אין שטאָט אַריין. אַז ער האָט דאָרט איינגעקויפט וואָס ער דאַרף, דערמאָנט ער זיך אָן דעם פּויער און ער טראַכט: מע דאַרף צוגיין זען וואָס ער טוט.

ער זוכט אַרויס דאָס צעטעלע און ווייזט עס אַ מענטש אין גאַס, אַז מע זאָל אים זאָגן וואו סע וואוינט דער פּויער. ער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען דער מלך. דער מענטש לייענט איבער דאָס צעטעלע, קוקט אַף דעם פּויער, און ווייזט אים ווי אַזוי מע גייט צום מלכס פּאַלאַץ.

דעם פּויער איז עפּעס נישט אַלץ קלאָר. נאָר אַז מע ווייזט אים אָן צו גיין צום מלכס פּאַלאַץ—גייט ער.

אַז ער איז געקומען צום פּאַלאַץ, ווייזט ער ווידער דאָס צעטעלע. מעלדט מען דעם מלך וועגן דעם פּויער, און מע לאָזט אים גלייך אַריין.

דער פּויער האָט דערקענט דעם מלך און האָט געעפנט מויל און אויגן. נאָר

דער מלך האָט אים באַרואיקט, האָט אים אַנידערגעזעצט בײַם טיש, און מ׳האָט געגעסן. ער האָט אים דערמאָנט ווי ער האָט זיך געהאַט גענטלעך, אַז הלוואַי וואָלט ער געהאַט די פּרינצעסין פֿאַר אַ ווײַב.

דערנאָך האָט דער מלך געהייסן דערלאַנגען עסן און טרינקען. נאָר פֿריער פֿון אַלץ האָט מען אָפּ אַ וואונק פֿון דעם מלך געבראַכט פֿאַר דעם פּויער פּריש קוואַל-וואַסער אין אַ גילדענעם בעכער און אין אַ ליימענעם טעפּל. און דער מלך הייסט דעם פּויער טרינקען פֿון בײַדע כּלים, און פֿרעגט אים, פֿון וועלכער כּלי דאָס וואַסער איז בעסער. זאָגט דער פּויער: „זיי האָבן בײַדע איין טעם.״

„זעסט,״ זאָגט דער מלך, „אַזוי איז אויך מיט דער פֿרוי. איטלעכס ווײַב האָט דיזעלבע מעלות און חסרונות. אויסערלעך נאָר איז אַ חילוק. אײנע טראָגט רײַכע קליידער און אַ צווייטע—פּראָסטע קליידער. סע טרעפֿט, אַז דאָס קוואַל-וואַסער אין אַ ליימענעם קריגל איז אָפֿט געשמאַקער ווי אין דעם גילדענעם בעכער.״

דער פּויער הערט און צעשייַנט זיך: „יאָ, מײַן האַרעלע מלך, דו האָסט גוט געזאָגט. נאָר אַז ס׳איז שוין יאָ אַזוי, וואָלט איך וועלן ליבערשט טרינקען דאָס קוואַל-וואַסער פֿון אַ גילדענעם בעכער.״

די שיינקייט פֿון דעם פּרינץ

די מלכּה איז געלעגן געוואָרן און האָט געהאַט אַ ייִנגעלע, אַ פּרינץ, אַ יורש-עצר, וואָס וועט איבער הונדערט און צוואַנציק ווערן דער הערשער פֿון לאַנד. דאָס פֿאָלק האָט זיך געפֿרייט און איז געווען גליקלעך. אַ קליינינקייט, אַ פּרינץ איז געבוירן געוואָרן! אין די טעמפּלען האָט מען אָפּגעריכט תּפֿילות, די גלעקער האָבן אויסגעקלונגען לידער, און אין קעניגלעכן הויף האָט מען געבראַכט מתּנות פֿון ווײַטע לענדער, און מ׳האָט געטיילט מתּנות. אָפֿן אַכטן טאָג, צום ברית, האָט דער מלך געמאַכט אַ גרויסע סעודה פֿאַר אַלע זײַנע האַרן און עלטסטע און חכמים פֿון זײַן מדינה. מ׳האָט געגעסן און געטרונקען, און זיסע שפּילער און זינגער האָבן פֿריילעך געמאַכט דעם מלך מיט זײַנע האַרן.

אַלע זענען געווען אַזוי גליקלעך, אַז זיי האָבן גענומען שרייַען, אַז זיי ווילן זען דעם פּרינץ, דעם בן-מלך. האָט מען די נענטסטע פֿון דעם מלך אַרײַנגעפֿירט אין דער שלאָף-קאַמער און מ׳האָט זיי געוויזן דעם ניי-געבוירענעם פּרינץ. אַלע האָבן שיינענדיקע און גליקלעכע געקוקט אָף דעם בן-מלך און האָבן באַוואונדערט זײַן שיינקייט. יעדער איינער פֿון זיי האָט געזען אין דעם קינד און אָנגעוויזן אָף אַן אַנדערן שיינעם אבר בײַ אים. איינער האָט באַוואונדערט זײַנע אויגן, אַ צווייטער האָט גערימט זײַנע ליפּעלעך, אַ דריטער האָט געלויבט זײַן שטערן.

„זעט נאָר,״ זאָגט איינער, „זײַנע אייגעלעך לייכטן ווי די שטערן אין אַ קלאָרער נאַכט.״ און אַ צווייטער רופֿט זיך אָן און זאָגט: „זײַנע ליפּעלעך שמייכלען מיט לויטער חן.״ און אַ דריטער באַמערקט: „ער האָט אַ שטערן פֿון אַן אמתן חכם.״ און אַ פֿערטער: „זײַנע בעקעלעך זענען ווי סאַמעט און שיינען ווי פֿרישע רויטע עפּל.״

אַזוי האָט יעדער באַוואונדערט די שיינקייט פֿון איין אבר, אָדער אַן אַנדערן

ביי דעם פּרינץ. נאָר איינער פון זיי קוקט אַף דעם קינד, קוקט און זאָגט: „מיר דאַכט זיך, אַז זיין נעזעלע איז אַביסעלע פּלאַטשיק.“

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. אַ פּחד איז געפאַלן אַף אַלע האַרן. אַ קליינע־קייט, זאָגן אַף אַ פּרינץ, אַז ער האָט אַ פּלאַטשיקע נאָז! און נאָך פאַר איטלעכן אין די אויגן!

דער מלך האָט אים אָנגעקוקט ווי איינער וואָלט געזאָגט: „סטייטש? ווי וואַגסטו צו זאָגן אַזאַ זאַך?“

נאָר דער קאָפּ־מענטש פאַרנייגט זיך און זאָגט: „אדוני מלך, וואָס זענען אַלע אַזוי געפּלעפט פון מיין וואָרט? איך האָב דעם פּרינץ גערימט מער ווי אַלע דיינע האַרן. יעדער איינער פון די האַרן האָט געלויבט בלויז איין אבר זיינעם, איך אָבער האָב געפונען בלויז איין חסרון אין אים. דאָס הייסט, אויסער דעם איז ער אין גאַנצן שיין.“

ס׳אַ געפאַר צו בלייבן ביי אַזאַ פּרנסה צו לאַנג

ס׳איז געווען אַמאָל אַ קייסער. האָט ער אָפט ליב געהאַט צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַ פּשוטן מענטש און אַרומגיין צווישן פאָלק גלייך מיט אַלע. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס מענטשן רעדן וועגן אים. סע פאַרשאַפט אים הנאה, האָט ער געזאָגט, צו הערן ווי מענטשן רעדן פון אים, און ווייסן נישט בשעת־מעשה, אַז ער, דער קייסער אַליין, הערט זיך צו וואָס זיי רעדן.

איטלעכס מאָל האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר עפּעס אַנדערש. אַמאָל האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ סוחר, און האָט זיך אויסגעמישט צווישן סוחרים. אַן אַנדער מאָל האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעל־מלאכה, פאַר אַ שוסטער, אַ שניידער, אַשטייגער, און האָט זיך אויסגעמישט מיט די בעל־מלאכות. אַזוי אַלעמאָל פאַר עפּעס אַנדערש. און איטלעכס מאָל האָט ער זיך געזאַמט אַ פּאָר וואָכן, ווייל ער האָט געוואָלט זיין צווישן אַלעמען און הערן וואָס אַלע שטאַנדן רעדן פון אים.

איינמאָל נעמט ער און פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בעטלער. ער האָט זיך אויסגעמישט מיט אַ כאַפּטע שנאָרערס און איז אַרומגעגאַנגען מיט זיי איבער די הייזער, שנאָרן. נאָר סע געדויערט נישט לאַנג, בלויז אַ פּאָר טעג סך־הכל, און דער קייסער איז דאָ צוריק. וואַרפט פון זיך אַראָפּ די בעטלער־קליידער און הייסט, אַז מע זאָל זיי גלייך פאַרברענען.

אַז די הויפלייט האָבן אים דערזען אַזוי גיך צוריק, און זעען ווי ער פאַרברענט די בעטלער־קליידער, חידושן זיי זיך: „וואָס מיינט דאָס?“

זאָגט ער זיי: „פאַר קיין זאַך האָב איך נישט מורא געהאַט אין לעבן. איך בין שוין געווען אַ סוחר און אַ מוליער און אַ שניידער. איך בין שוין אַלץ געווען, און איך האָב נישט קיין מורא געהאַט, אַז איך וועל בלייבן ביי די אַלע זאַכן. נאָר דאָס מאָל בין איך גלייך אַהיימגעקומען, ווייל איך האָב מורא געקריגן, אַז איך וועל נאָך בלייבן ביים שנאָרן.“

דער קייסער און די אַלטינקע

אַ קייסער איז געריטן מיט זיינע ראַטהאַרן אין וואַלד אַף יאַגד. מיטאַמאָל כאַפּן זיי זיך, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזעט און קענען נישט אַרויס פון דעם וואַלד.

אַז ס׳האָט אָנגעהויבן צו נאַכטן, באַגעגענען זיי אַן אַלטינקע באַביצע מיט אַ פּאָר גרויסע סאַקוועס (טאָרבעס) אַף די אַקסלען. פרעגט זי דער קייסער, אפשר ווייסט זי ווי אַזוי מע קען אַרויס פון דעם ווילדן וואַלד.

די אַלטינקע האָט געקענט אַלע שטעגן און וועגן אין דעם וואַלד, האָט זי דעם קייסער מיט זיינע לייט אַרויסגעפירט אַף אַן אָפענעם פּלאַץ און זיי געוויזן דעם וועג אַרויס. דער קייסער איז געווען שטאַרק צופרידן. ער האָט די אַלטינקע גע־וואָלט באַלוינען דערפאַר. פרעגט ער זי, צי זי וויל עפּעס האָבן. וואָס זי וועט בעטן, זאָגט ער, וועט ער איר באַווייליקן.

אַז די אַלטינקע זעט מיט וועמען זי האָט צו טון, זאָגט זי: „האַרעלע גוטער, אויב דו ווילסט מיר עפּעס געבן, הייס, אַז מע זאָל מיר אָנשטאָפּן מיינע טאָרבעס מיט לייוונט.״

„גוט,״ זאָגט דער קייסער. „אַז דו וועסט זיין אין שטאָט, גיי אַוועק צום קע־ניגלעכן פּאַלאַץ און זאָג דאָרט, אַז דער קייסער האָט געהייסן אָנשטאָפּן דיינע טאָר־בעס מיט לייוונט.״ ער האָט איר נאָך געגעבן אַ צעטעלע מיט זיין אייגענער חתימה, אַז וויפיל טאָרבעס זי וועט ברענגען, זאָל מען זיי איר אָנשטאָפּן מיט לייוונט.

אַפן אַנדערן טאָג קומט די אַלטינקע אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און ווייזט דאָרט דעם קייסערס צעטעלע. אַז מע זעט דעם קייסערס חתימה, פרעגט מען נישט קיין קשיות, און מע שטאָפּט איר אָן די טאָרבעס מיט לייוונט.

ווי נאָר זי איז אַהיימגעקומען מיט די פולע טאָרבעס, נעמט זי און זעצט אַוועק דאָס דאָרף מיט ווייבער און מיידן, אַז זיי זאָלן פון אַ טייל לייוונט מאַכן טאָרבעס, און פון דעם אַנדערן טייל זאָלן זיי זיך באַנייען און באַקליידן. און זי, די אַלטינקע אַליין, האָט געהאַלטן אין איין גיין מיט די טאָרבעס אין פּאַלאַץ אַריין, און מ׳האָט זיי איר געמוזט אָנשטאָפּן מיט לייוונט. ווייל פאַרפאַלן, אַזוי האָט גע־הייסן דער קייסער.

אַז דאָס דאָרף האָט זיך באַנייט און באַקליידט, האָט די אַלטינקע גענומען אַ צווייט דאָרף מיט ווייבער און מיידן און זיי אַוועקגעזעצט נייען. און דערנאָך—אַ דריט דאָרף און אַ פערט דאָרף. און נאָך דעם די שטעטלעך. און אַזוי אָן אַן אויפהער. און זי, די אַלטינקע אַליין, האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין גיין מיט אירע טאָרבעס אין פּאַלאַץ אַריין.

ס׳איז אַריבער אַ צייט, כאַפּט מען זיך אין פּאַלאַץ, אַז די אַלטינקע וועט דעם קייסער שטעלן בדלות. וואָס טוט מען? באַראַטן זיך די ראַטהאַרן און קאָפּ־מענטשן, און סע בלייבט, אַז איינער פון זיי זאָל גיין רעדן מיט דער אַלטינקער. אַז זי זאָל אויפהערן קומען מיט אירע טאָרבעס, וואָרן זי וועט דעם קייסער שטעלן בדלות. נאָר וויפיל דער קאָפּ־מענטש האָט מיט איר גערעדט און געטענהט, האָט נישט געהאָלפן. זי האָט אַ צעטעלע פון דעם קייסער אַליין. דער קאָפּ־מענטש האָט איר

די פּויערטעס טראָגן פולע סאַקוועס מיט לייוונט פון קייסערס הויף

געוואַלט געבן מתנות, נאָר זי האָט קיין זאַך נישט געוואָלט הערן. זי האָט אַ צעטעלע. אַז ער זעט אַזאַ זאַך, פֿאַלט אים איין אַ געדאַנק און ער זאָגט: „ווייז מיר דעם קייסערס צעטעלע."

ווייזט זי אים. דער קאָפּ־מענטש לייענט און לייענט, איין מאָל און נאָכאַמאָל, און זאָגט צו איר: „יאָ, באָבעלע, גערעכט, דער קייסער זאָגט טאַקע, אַז מע זאָל דיינע טאָרבעס אָנשטאָפּן מיט לייוונט, נאָר סע שטייט נישט געשריבן, אַז דו מעגסט זיי צונעמען צו דיר אַהיים."

זעט דאָך די אַלטינקע, אַז זי האָט פֿאַרשפּילט און סע וועט שוין גאָרנישט ניט העלפֿן, גיט זי אַ טראַכט און זאָגט: „האַרעלע, דו ביסט אויך גערעכט. פֿון היינט אָן וועל איך האַלטן די אָנגעשטאָפּטע טאָרבעס מיט לייוונט אין פּאַלאַץ."

און טאָרבעס האָט די אַלטינקע געהאַט — אַ וועלט! אַז דער קאָפּ־מענטש זעט, אַז די אַלטינקע האָט אים איבערגעקליגלט, נעמט ער מיט איר ווידער רעדן און טענהן. און צום סוף איז געבליבן אַז ביז אַלע מענטשן אין לאַנד וועלן נישט באַניִיט און באַקליידט ווערן, מעג זי קומען מיט איר טאָרבע נאָך לייוונט.

דער מלך, דער טעמפּל און די אָרימע אַלטינקע

אין לאַנד איז געווען שלום, און די יאָרן זענען זיך געגאַנגען, געגאַנגען, איין יאָר נאָכן אַנדערן. אַז דער מלך איז געוואָרן אַלט און איז געוואָרן זאַט אין יאָרן, האָט ער גענומען טראַכטן, אַז איידער ער שטאַרבט און ווערט איינגעזאַמלט צו זיינע אָבֿות, וואָלט ער וועלן געבן זיין פֿאָלק אַ מתנה, אַ געדעכעניש פֿון אים לדורות.

נאָר וואָס פֿאַר אַ געדעכעניש לאָזט מען איבער דעם פֿאָלק? זאָל ער נעמען זיינע אוצרות און פֿונאַנדערטיילן, געבן יעדן איינעם פֿון זיין פֿאָלק געלט? — געלט איז קיילעכיק, און ווי סע קומט — אַזוי גייט עס אַוועק. זאָל ער אפֿשר מאַכן אַ רייכע סעודה פֿאַר גרויס און קליין? — היינט עסט מען, און מאָרגן פֿאַרגעסט מען. טאָ וואָס טוט מען פֿאַרט, אַז דאָס פֿאָלק זאָל אים געדענקען? האָט ער צונויפֿגערופֿן זיינע ראַטהאַרן און אַלע גרויסע מיניסטער־קעפּ און קאָפּ־מענטשן און האָט זיך גענומען באַראָטן מיט זיי. זיבן טעג האָט מען זיך באַראָטן, ביז מען איז געקומען אָף אַ פּלאַן.

אין גיכן האָט דער מלך געלאָזט אויסרופֿן איבערן לאַנד, אַז ער וועט בויען פֿאַר דעם פֿאָלק אַ טעמפּל, אַ הויז צו גאָט, אַ מתנה פֿון אים פֿאַר זיין פֿאָלק. דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער אָף צו בויען דאָס געביי וועט גיין פֿון זיין אייגענער שאַצקאַמער. ער וועט נישט אַרויפֿלייגן קיין צינז און קיין אָפּצאָל אָף קיינעם, און קיינער דאַרף גאָרנישט ניט געבן צושטייער.

דאָס פֿאָלק האָט זיך געפֿרייט, און מ'האָט געלויבט דעם פֿרידלעכן מלך, וואָס איז אַזוי גוט און פֿרייגיביק.

דערנאָך האָט דער מלך געלאָזט רופֿן די גרעסטע בוימייסטערס, און זיי האָבן געפּלאַנט און געמאָסטן און גערעכנט. זיי האָבן אַלץ אָנגעצייכנט, ווי אַזוי מע זאָל

בויען דעם טעמפּל און ווי אַזוי ער זאָל אויסזען. אַז זיי זענען געוואָרן פֿאַרטיק, האָבן אַרבעטער און בעל־מלאכות אָנגעהויבן גראָבן און לייגן דעם פֿונדאַמענט. פֿון די בערג האָט מען גענומען ברענגען געהילץ און געהאַקטע שטיינער פֿון אַלערליי קאָלירן, און מ׳האָט זיך געשטעלט בויען.

ס׳איז אַריבער אַ צייט, און דער טעמפּל איז געשטאַנען פֿאַרטיק. דער בנין האָט זיך דערהויבן קעגן בלאָען הימל און האָט מיט זיין שיינקייט דערפֿרייט דאָס אויג און דאָס האַרץ פֿון מענטשן.

איבער דעם האַלב־קיילעכיקן טויער פֿון דעם טעמפּל איז געווען אַ גרויסער טאָוול פֿון מירמלשטיין. און אין דעם טאָוול זענען געווען אויסגעהאַקט די ווער־טער, אַז דער טעמפּל איז אַ מתּנה פֿון דעם גוטן פֿרידלעכן מלך צו זיין פֿאָלק.

מ׳האָט דעם טעמפּל באַנייט. דאָס פֿאָלק איז געווען גליקלעך. קינד און קייט האָט זיך געפֿרייט, און אַלע מענטשן האָבן יענעם טאָג געמאַכט סעודות און גע־יובלט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

נאָר אין יענער נאַכט האָט געטראָפֿן עפּעס, וואָס האָט אַרויסגערופֿן ביים פֿאָלק פֿאַרדראָס און שרעק. וואָס האָט אַזוינס געטראָפֿן?—אַז די מענטשן זענען אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, האָבן זיי באַמערקט, אַז אויפֿן טאָוול איבערן טויער פֿון דעם טעמפּל, וואו ס׳איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פֿון דעם מלך, איז מיט פֿייערדיקע אותיות איינגעקריצט דער נאָמען פֿון אַן אומבאַקענטער פֿרוי.

ווער האָט זיך דאָס דערוועגט צו טון אַזאַ זאַך? און ווער קען זי זיין די דאָזיקע פֿרוי? דאָס איז דאָך מורד זיין אין מלכות! מ׳האָט דעם טאָוול גלייך אַראָפּגענומען, און שטיינקריצערס האָבן אויסגעהאַקט אַ נייעם טאָוול, און אין אים—דעם נאָמען פֿון דעם מלך־חסד. אין דערזעלבער צייט האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן און נישטערן. מ׳האָט געזוכט די שולדיקע און מ׳האָט געוואָלט געפֿינען די פֿרוי מיט אַזאַ נאָמען.

ס׳איז אַריבער אַ טאָג און ס׳איז אַריבער אַ נאַכט. און זע, אַפֿן צווייטן מאָרגן ווידער דיזעלבע מעשה, אַפֿן טאָוול איבערן טויער פֿון דעם טעמפּל, וואו ס׳איז געווען דער נאָמען פֿון דעם מלך, איז אַפּסניי איינגעקריצט דערזעלבער נאָמען פֿון אַ פֿרוי.

דאָס פֿאָלק האָט געצערנט. און מ׳האָט אויך דעם טאָוול אַראָפּגענומען, און מ׳האָט אַריינגעזעצט אַ נייעם טאָוול, ווידער מיט דעם מלכס נאָמען. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט דריי מאָל. האָט מען דאָך געזען, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּראָסט, האָט מען נישט גערוט און מ׳האָט ווייטער געזוכט. ווייל מ׳האָט נאָר געוואָלט געפֿינען די פֿרוי, די שולדיקע אין דעם אַלעמען.

צום סוף האָט מען אין אַן אָרים שטיבל, ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער געגנט הינטער דער שטאָט, געפֿונען אַן אַלטינקע, אַן אלמנה, מיט אַזאַ נאָמען ווי דער אַפֿן טאָוול. אָט דאָס איז די שולדיקע? סע גלייבט זיך נישט. נאָר די נאָכשפּירער און די וועכטער פֿון שטאָט האָבן זי גענומען און גלייך געבראַנגט צום מלך.

די אַלטינקע האָט נישט געוואוסט וואָס מע וויל האָבן פֿון איר. אַ דערשראָ־

קענע איז זי געפֿאַלן דעם מלך צו די פֿיס און האָט אים געגומען בעטן פֿאַר איר לעבן.

„שרעק דיך נישט, אַלטע,״ האָט דער מלך געגרעדט צו איר פֿאָטערלעך, „דערציייל, זאָלן אַלע הערן, וואָס האָסטו געטון, ווען מ׳האָט געבויט דאָס הויז צו גאָט?״

„אַדוני מלך,״ האָט די אַלטינקע אַנגעהויבן שטאַמלען, „וואָס האָב איך, חלילה, געטון? אויב איך האָב געזינדיקט, זיי מיר מוחל, פֿאַרגיב און שענק מיר מײַנע פֿאַרבליבענע טעג. איכל דיר דערציילן דעם גאַנצן אמת: אַז איך האָב געהערט, אַז מע בויט אַ הויז צו גאָט, האָב איך געטראַכט, מע דאַרף אויך עפּעס געבן. האָב איך גענומען זוכן אין מײַן שטיבל עפּעס אַ זאַך, צו געבן דאָס אַ מתנה פֿאַר גאָטס הויז. וואָרן איך האָב מיר געטראַכט: וואָס הייסט, מע בויט אַ הויז צו גאָט, און איך זאָל גאָרנישט ניט געבן?! נאָר אַלץ, וואָס איך האָב פֿאַרמאָגט, איז געווען אַ שטרויזאַק, אַף וואָס איך בין געשלאָפֿן. האָב איך מיר געזאָגט: זאָל דאָס זײַן אָנגענומען און באַוויליקט ביים אייבערשטן פֿאַר אַ מתנה. און איך האָב גענומען אַביסל שטרוי פֿון דעם זאַק און האָב דאָס אַרויסגעטראָגן און אַוועקגעלייגט אַף דעם וועג, וואו די אָקסן האָבן געשלעפּט די שווערע שטיינער און צעדערן פֿאַר גאָטס הויז. אַזוי האָב איך געטון אַ טאָג נאָך אַ טאָג. איך האָב מיר געטראַכט: די אָקסן וועלן דערשמעקן דאָס שטרוי אַפֿן וועג, וועלן זיי גיכער שלעפּן די שטיינער פֿאַר גאָטס הויז. דאָס אַלץ, מײַן האַר קעניג.״

דער מלך האָט געהערט, און איז געוואָרן פֿאַרציטערט. אים איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר, אַז דאָס ביסל שטרוי פֿון דער אַלטער איז ביים אייבערשטן מער באַוויליקט און איז אין זײַנע אויגן ווערט מער ווי אַלע אוצרות, וואָס ער האָט געגעבן אַף צו בויען דעם טעמפּל.

די זאַך איז באַקענט געוואָרן פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק אין לאַנד, און איבער דעם טויער פֿון גאָטס הויז אין שוין פֿאַרבליבן דער נאָמען פֿון דער אַלטינקער.

אַזוי איז געווען דער באַפֿעל פֿון דעם מלך אַליין.

אַן רחמנות קען נישט זײַן קיין אמתע ליבשאַפֿט

אַ ייד איז אַמאָל געקומען צו רש״ין מיט אַ בקשה. ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ היתר, צו קענען אָפּגטן זײַן ווייב קעגן איר ווילן. פֿרעגט אים רש״י: „פֿאַרוואָס ווילסטו גטן דײַן ווייב?״ דערציילט אים דער ייד, אַז זײַן ווייב איז קראַנק. זי האָט געקריגן אַן אויסשלאַג אַף איר הויט, אַ מין קרעץ, רחמנא ליצלן, און ער קען מיט איר נישט זײַן. וויל ער זי גטן, נאָר זי וויל קיין גט נישט נעמען.

הערט רש״י און זאָגט צו אים. „אַז אַ מענטש ווערט קראַנק, דאַרף מען אַף אים האָבן רחמנות און העלפֿן. בפֿרט אַף אַן אייגענעם. און זי איז דאָך דײַנע אַן אייגענע. ווילסטו זי איצט צו איר אומגליק נאָך מער שטראָפֿן? האָב אַף איר רחמנות און העלף איר, וועט נאָך דעם אויך קומען די ליבשאַפֿט.״

ר׳ יונתן אייבעשיץ און דער גלח

דער באַרימטער רב ר׳ יונתן אייבעשיץ איז אָפט געווען געצוואונגען צו פירן וויכוחים וועגן רעליגיע מיט קריסטלעכע געלערנטע, און שטענדיק איז ער אַרויסגעקומען דער זיגער. די געלערנטע האָבן פאַר אים געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר זיין חכמה און קלוגע ענטפערס.

איינמאָל זאָגט צו אים אַ גלח: „מילא, שטענדיק קומסטו אַרויס דער זיגער מיט דיינע טענות אין אַ וויכוח, ווייל דו פאַרטיידיקסט דיין אייגענע אמונה. נאָר לאָמיר זיך אַמאָל בייטן מיט די ראָלן: איך וועל פאַרטיידיקן די יידישע אמונה, און דו פאַרטיידיק די קריסטלעכע אמונה. וועלן מיר דעמאָלט זען ווער ווּעמען סע וועט באַזיגן.

ר׳ יונתן האָט צוגעשטימט. און דער גלח האָט אים גלייך געשטעלט אַזאַ פראַגע: „מילא, מיר יידן האָבן אַ יום־טוב פורים, ווייל ס׳איז אויפגעשטאַנען אַף אונז אַ המן, וואָס האָט אונז יידן געוואָלט אויסהרגענען און פאַרטיליקן, פון קליין ביז גרויס, אַז ס׳זאָל פון אונז גאָרנישט ניט בלייבן. נאָר דורך אַ נס זענען מיר ניצול געוואָרן. מיר מאַכן דעריבער דעם יום־טוב פורים און פרייען זיך מיט המנס מפלה. נאָר איר, קריסטן, ווי קומט עס, וואָס איר האָט אויך אַ פורים, וואָס איר רופט קאַרניוואַל?״

„עס איז זייער איינפאַך,״ זאָגט ר׳ יונתן. „מיר פייערן אויך אַ פורים, ווייל ווען המן וואָלט געווען אומגעבראַכט אַלע יידן, וואָלטן מיר קריסטן איצט נישט געהאַט קיין יויזל.״

די שטייג הענער און דאָס קליינע הענדל

דער פּראַגער רב ר׳ יונתן אייבעשיץ איז געווען אַ איינגייער אין דעם הויף פון דעם בעמישן מלך. דער מלך האָט דעם רב געהאַלטן זייער טייער און ליב געהאַט צו רעדן מיט אים וועגן העכערע זאַכן.

איינמאָל פרעגט אים דער מלך: „ווי אַזוי דערקלערט זיך דאָס, וואָס אַזאַ קליין פאָלק, ווי איר, יידן, זאָל קענען איבערלעבן אַלע רדיפות און מלחמות, אין דער צייט, וואָס גרויסע פעלקער פאַלן און גייען אונטער?״

דאָס איז נישט שווער צו פאַרשטיין,״ האָט ר׳ יונתן געענטפערט. „גיב מיר עטלעכע טעג און איך וועל דאָס דיר דערווייזן.״

יענעם טאָג, ווען ר׳ יונתן איז אַהיימגעקומען, האָט ער געהייסן, אַז מע זאָל נעמען עטלעכע הענער און זיי אַריינלאָזן אין אַ שטייג. צוזאַמען מיט זיי האָט ער אין שטייג אַריינגעלאָזט אויך אַ קליין הענדל.

נאָך דעם ווי ער האָט די הענער גוט אויסגעהונגערט, האָט ער געהייסן, אַז מע זאָל זיי צוזאַמען מיט דער שטייג אַוועקטראָגן צו דעם מלך. ער אַליין איז אויך אַוועק אין הויף. געקומען צום מלך, רופט ער אים צו צו דער שטייג און זאָגט: „אדוני מלך, זע, וואָס דאָ וועט באַלד זיין.״

ר׳ יונתן האָט גענומען אַ שטיקל ברויט און האָט דאָס אַריינגעוואָרפן אין שטייג. די אויסגעהונגערטע הענער האָבן זיך אַ לאָז געטון און זיך אָנגעהויבן

רייסן און בייסן איבער דעם שטיקל ברויט. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געריסן, ביז זיי זענען אַלע געבליבן ליגן צעבלוטיקטע און צעממיתטע.

דאָס קליינע הענדל איז די גאַנצע צייט פון דעם געשלעג געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון. נאָר אַז סע האָט געזען ווי די גרויסע הענער ליגן צעממיתטע, דעמאָלט איז עס צוגעגאַנגען צום שטיקל ברויט און האָט עס אויפגעגעסן.

דער מלך האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ר׳ יונתנס ענטפער אַף זיין פראַגע.

זאָל זײַן אַלע דרײַ

איידער ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן, האָט ער אַ צייט לאַנג געוואוינט אין די קאַרפּאַטן בערג, צווישן קאָסעוו און קיטעוו, נאָענט פון דעם וואַסער, דעם טשערמעש. און געפּירט האָט ער זיך, אַז יעדן אין דער פרי, סיי זומער, סיי ווינטער, איז ער אַראָפּגעגאַנגען צום וואַסער זיך טובלען. אין דרויסן האָט געמעגט זיין דער גרעסטער פראָסט, איז ער געגאַנגען טבילה.

איינמאָל, אין אַ ווינטער טאָג, האָט דאָס באַמערקט אַ גוי, אַ פּאַסטעך פון די נאָענטע בערג. האָט ער רחמנות געהאַט אַף דעמדאָזיקן ייד, און ער האָט אַף דעם אייז לעבן דער פּאָלאַנקע, וואו דער בעל־שם־טוב האָט זיך געטובלט, אויסגעשפּרייט איטלעכס מאָל אַביסל היי און שטרוי.

אַזוי איז אַריבער אַ צייט. אַז דער בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן און זיין שם איז געוואָרן באַקענט אין אַלע אַרומיקע געגענטן, איז אויך דער פּאַסטעך געוואָר געוואָרן פון דעם. טראַכט ער, מע דאַרף אַמאָל אַריבערגיין צו אים, אַז ער זאָל אים בענטשן.

אין שיינעם טאָג קומט דער פּאַסטעך צום בעל־שם־טוב און בעט ביי אים אַ ברכה. ער דערציילט אים, אַז דאָס איז ער, דער גוי, וואָס האָט אין די גרויסע פרעסט אויסגעשפּרייט פאַר אים היי און שטרוי אָפן אייז, אַז ער זאָל זיך, חלילה, נישט צוקילן. און ער באַקלאָגט זיך פאַר אים, אַז ער איז אָרים און איז נישט געזונט און האָט נישט קיין קינדער.

דער בעל־שם־טוב הערט אים אויס און פרעגט: „וועלכע פון די דריי זאַכן וויל ער בעסער: קינדער, געזונט, צי רייכקייט?״

דער גוי טראַכט און טראַכט. מיטאַמאָל צעשייַנט ער זיך און זאָגט: „הייליקער ראַבין, ניכאַי ווזשע בודי ווסי טרי״—זאָל שוין זיין אַלע דריי.

זינט דעמאָלט, אַז חסידים טרינקען לחיים, ווינטשן זיי זיך צו: „זאָל שוין זיין אַלע דריי: קינדער, געזונט און פרנסה.״

פאַרוואָס דער בעל־שם טוב האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אין בית־המדרש

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אַמאָל געקומען צו פאָרן אין אַ שטאָט אַריין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מאַרק, און נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעשפּאַנט דאָס

פערד און אים געגעבן עסן, איז ער מיט זיינע נאָענטע אַוועק צום בית־מדרש. גע־קומען צום בית־מדרש, שטעלט ער זיך אָפּ און וויל נישט אַריינגיין.

„קומט," זאָגט ער צו זיינע נאָנטע, „לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען."

די חסידים קוקן אים אָן און פאַרשטייען נישט: „פאַרוואָס, רבי?"—ווילן זיי וויסן.

„דאָס בית־מדרש איז פול מיט תורה און מיט תפילות," דערקלערט ער זיי.

וואונדערן זיך זיינע נאָנטע: „איז דאָך גוט, רבי, אַז דאָס בית־מדרש איז פול מיט תורה און מיט תפילות."

„וואונדערט אייך נישט," זאָגט צו זיי דער בעל־שם־טוב, „אַז יידן דאַוונען און לערנען מיט זייער גאַנצן האַרץ, גייען זייערע תפילות און זייער תורה אַרויף אין הימל אַריין פאַר גאָט. נאָר אַז יידן לערנען אָן האַרץ, בלייבן זייערע ווערטער אין בית־מדרש. איך קען דעריבער נישט אַריינגיין, דאָס בית־המדרש איז פול מיט תורה און מיט תפילות..."

פאַרוואָס דער בעל־שם טוב האָט געלערנט די יידן זיינע ווערטער אין לעבן דווקא אַף יידיש

רבנים האָבן אַמאָל געפרעגט ר' ישראל בעל־שם־טוב פאַרוואָס ער זאָגט און לערנט זיין תורה נאָר אַף יידיש און דווקא אַף יידיש. „פאַרוואָס נישט אַף לשון־קודש, ווי אַנדערע גרויסע יידן טוען און לערנען?" האָבן זיי געפרעגט.

טראַכט דער בעל־שם־טוב און זאָגט: „איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, וועט אייך קלאָר ווערן, פאַרוואָס איך לערן דעם עולם דווקא אַף יידיש." און ער האָט אָנגעהויבן:

„אַ מלך האָט געהאַט אַ זון, אַ בן־יחיד. ער איז געוואַקסן אין וואוילטאָג און אין אַלדאָס גוטס. וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט—האָט ער געהאַט. אים איז דעריבער אַלץ געוואָרן דערעסן, און ער האָט פון קיין זאַך נישט געהאַט קיין הנאה. אַז דער מלך זעט, אַז זיין זון האָט נישט קיין הנאה פון קיין זאַך, נעמט ער און שיקט אים אַוועק אין ווייטע לענדער, כדי ער זאָל נישט האָבן די פאַרגעניגנס פון דער היים, וועט ער שפּעטער, ווען ער וועט אַהיימקומען, האָבן מער הנאה פון איטלעכער זאַך.

„יאָרן זענען אַריבער. דער מלך האָט גענומען רופן זיין זון צוריק אַהיים. נאָר אומזיסט. דער זון האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו זיין פאָטערס געבעט. וואָרן ער האָט זיך צוגעוווינט צו דעם איינפאַכן לעבן פון דעם פאָלק: ער האָט זיך גענו־מען קליידן און פירן ווי אַלע מענטשן, און רעדן דאָס לשון פון פאָלק. נעמט דער מלך און שיקט חכמים, אַז זיי זאָלן דעם זון איבעררעדן, אַז ער זאָל קומען אַהיים. נאָר דער זון, דער בן־מלך, האָט נישט געוואָלט זיך צוהערן צו זייערע רייד. דע־מאָלט האָט דער מלך באַשלאָסן צו שיקן צו זיין זון דעם עלטסטן פון זיינע חכמים, דעם קאַמערהאַר אַליין. און דער קאַמערהאַר האָט שוין פון פריער געהערט, אַז דער בן־מלך איז געוואָרן אַ פּשוטער מענטש, און אַז ער גייט אָנגעטון און פירט זיך ווי דאָס פּשוטע פאָלק פירט זיך. וואָס טוט ער, דער קאַמערהאַר? ער נעמט

און טוט זיך אַליין אויך אָן זייער פּשוט. און אַז ער קומט צו דעם בן־מלך—רעדט ער מיט אים אַף זיין לשון, אַף דעם פּשוטן לשון פון דעם פאָלק. און ער האָט זיך גענומען פירן אַזוי איינפאַך ווי דער בן־מלך האָט זיך דעמאָלט געפירט.

„דאָס איז דעם בן־מלך זייער געפעלן געוועזן. ער האָט אָנגעהויבן פאַר־ברענגען מיט דעם קאַמערהאַר, און זיי זענען געוואָרן גוטע ברידער. צום סוף האָט זיך דער בן־מלך צוגעהערט צו די רייד פון דעם קאַמערהאַר און האָט זיך אומגעקערט אַהיים צו זיין פאָטער.״

דער עושר און דער אָרימער בעל־עגלה

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט אַמאָל דערציילט אַזאַ מעשה:

אין אַ שטאָט האָט געוואוינט אַ ייד אַן עושר, אַ גרויסער תלמיד־חכם. אין דערזעלבער גאַס מיט דעם עושר האָט געוואוינט אַן אָרימער ייד, אַ בעל־עגלה. יעדן פרימאָרגן איז דער עושר געגאַנגען מיט זיין טלית און תפילין אין שול אַריין דאַוונען און לערנען.

אַז דער עושר גייט פאַרביי דעם אָרימאַנס שטיבל, שטייט שוין דער בעל־עגלה ביי זיין פערד און וואָגן, אָנגעטון אין טלית און תפילין. ער שמירט די רעדער, שפּאַנט די פערד, און דאַוונט. שמייכלט דער עושר: „אַזאַ עם־הארץ! שמירט די רעדער און—דאַוונט!״

דער בעל־עגלה, ווידער, אַז ער זעט, ווי דער עושר גייט אין שול אַריין דאַוונען און לערנען, זיפצט ער: „אַך און וויי צו מיר! אַז איך האָב אפילו נישט קיין צייט צו דאַוונען!״

אַזוי איז געווען טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך. יאָרן זענען אַוועק, דער עושר און דער אָרימאַן זענען געוואָרן אַלט, און זיי זענען געשטאָרבן.

אַז זיי זענען ביידע געקומען אַף יענער וועלט, פאַר דעם בית־דין של מעלה, פרעגט מען דעם עושר: „וואָס האָסטו געטון אין דיין לעבן?״

ענטפערט ער: „געטון? איך האָב מיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין לערנען און טון מצוות.״

רופט זיך אָן דער קטיגור, דער באַשולדיקער: „יאָ, אמת, ער האָט געלערנט, נאָר ער האָט אויך געקוקט מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע אַף זיין שכן, דעם בעל־עגלה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין צייט אַף צו לערנען.״

שרייט אויס אַ קול: „זאָל מען ברענגען די וואָגשאָל!״

ברענגט מען באַלד די וואָגשאָל, און מען לייגט אַרויף אַף איין שאָל די מצוות, וואָס דער עושר האָט געטון, די תפילות, וואָס ער האָט תפילה געטון, די ספרים, וואָס ער האָט געלערנט. און אַף דער אַנדערער שאָל לייגט מען אַרויף זיין שפּאָטיש שמייכעלע. און אַך און וויי צו אים! דאָס שפּאָטישע שמייכעלע האָט איבערגעוואויגן.

שרייט אויס אַ קול: „אין גיהנום אַריין!״

דערנאָך ברענגט מען דעם בעל־עגלה און מע פרעגט אים: „וואָס האָסטו גע־טון אין דיין לעבן?״

קלעזמאָרים

ענטפערט דער בעל־עגלה: „וואָס האָב איך געטון? ווי צו מיר! איך האָב מיין גאַנץ לעבן גאָרנישט ניט געטון, נאָר געאַרבעט און געהאָרעוועט פאַר ווייב און קינדער. איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין צייט צו דאַווענען רעכט.״

מישט זיך אַריין דער סניגור, דער פאַרטיידיקער:

„איר הערט, ער האָט גאָרנישט ניט געטון, זאָגט ער. האָרעווען פאַר ווייב און קינדער איז ביי אים גאָרנישט ניט. אמת, קיין תורה האָט ער נישט געלערנט, און קיין מצוות האָט ער נישט געטון. נאָר זיין זיפץ, דעם זיפץ פון זיין האַרץ, בעת ער האָט געזען דעם עושר גיין אין שול אַריין דאַווענען און לערנען, און ער אַליין האָט נעבעך געמוזט שטיין בשעת־מעשה און שמירן די רעדער!״

וועגט מען ווידער. אַף איין שאָל לייגט מען אַרויף זיינע עבירות, און די תפילות און געבעטן, וואָס ער האָט נישט געטון און נישט געבעטן, און די ספרים וואָס ער האָט נישט געלערנט. און אַף דער אַנדערער שאָל לייגט מען אַרויף זיין זיפץ. און, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? דער זיפץ פון זיין האַרץ האָט איבערגעוואויגן.

שרייט אויס אַ קול: „אין גן־עדן אַריין!״

און דער בעל־שם־טוב פאַרענדיקט און פירט אויס: „נשמה איז דער עיקר. וואָס אַ מענטש טוט, דאַרף ער טון מיט זיין גאַנצן האַרץ און מיט זיין גאַנצער נשמה.״

דער קלעזמער און דער טויבער

אַמאָל איז געווען אַ קלעזמער. ער האָט געשפּילט אַזוי זיס און האַרציק, אַז מענטשן, וואָס האָבן געהערט זיין שפּילן, זענען געוואָרן זייער פריילעך, און האָבן אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו טאַנצן, אַז די נשמה האָט זיך ממש אויסגעלאָזט.

איינמאָל, בעת דער קלעזמער האָט געשפּילט און דער עולם האָט געטאַנצט, איז אַריינגעקומען אַ פרעמדער מענטש, אַ טויבער. ער האָט נעבעך נישט געקענט הערן דאָס זיסע שפּילן. ער האָט נאָר געזען ווי די מענטשן טאַנצן און שפּרינגען, און ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. ער האָט געטראַכט: נישט אַנ־דערש, נאָר די מענטשן זענען משוגע!

דער אמת איז אָבער, אַז ווען ער וואָלט געהערט דאָס זיסע שפּילן פון דעם קלעזמער, וואָלט ער אויך געטאַנצט פון זיסקייט.

אַזוי איז אויך מיט די מענטשן. די, וואָס הערן גאָטס קול אין איטלעכער זאַך, זענען אויפגעלייגט און פריילעך. נאָר אַ סך זענען נעבעך טויב. זיי הערן נישט און זענען דעריבער כסדר טרויעריק און באַטריבט, און קוקן נאָך מיט שפּאָט אַף אַנדערע וואָס זענען אויפגעלייגט.

באַמערקונג: דאָס מעשהלע האָט ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אַמאָל דערציילט זיינע נאָנטע, ווען ער האָט זיי געלערנט, אַז אַ מענטש טאָר נישט זיין כסדר טרויעריק און דערשלאָגן.

מע טאָר דעם איך נישט שטופּן פאָראויס

דער מעזריטשער מגיד, דער רבי ר׳ בער, האָט אַמאָל געזאָגט תורה פאַר זיינע תלמידים. אַז דער רבי ר׳ בער איז נאָך דעם אַריינגעגאַנגען צו זיך אין חדר־

מיוחד אַריין, האָבן די תלמידים נאָך גערעדט צווישן זיך וועגן דעם רביס תורה, און זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז די זאַך איז זיי נישט קלאָר. איז געבליבן, אַז דער חשובסטער צווישן זיי זאָל אַריינגיין צום רבי און איבערפרעגן. אַז דער תלמיד איז צוגעקומען צום רבי ר' בערס טיר, האָט ער אָנגעקלאַפּט. פרעגט דער מעזריטשער: „ווער איז דאָס?" ענטפערט דער תלמיד: „איך".

עפנט דער רבי ר' בער די טיר און זאָגט צום תלמיד: „נעם דיין טלית און תפילין און גיי אַוועק קיין זלאָטשעוו."

דער תלמיד האָט שוין גאָרנישט ניט געפרעגט, נאָר האָט געטון ווי דער הייליקער רבי האָט געהייסן.

אַז ער איז אָנגעקומען קיין זלאָטשעוו, האָט ער געהערט, אַז אין שטאָט איז אַ חתונה. דער גביר פון שטאָט מאַכט חתונה זיין טאָכטער. טראַכט זיך דער תלמיד: הונגעריק איז ער פון וועג, וועט ער צוגיין צו דער חתונה.

געקומען—האָט ער זיך דאָרט געזעצט ביי דעם אָרים־טיש צווישן אַלע אָרימע־ לייט. ווי מע זיצט אַזוי, ווערט פלוצים אַ רעש: אַ לעפל איז אַהינגעקומען, אַ זילבערנער לעפל. און טאַקע גלייך קומט צו צום תלמיד דער סאַרווער און זאָגט צו אים: „דו האָסט צוגענומען דעם לעפל." זאָגט דער תלמיד: „נישט איך."

גיט אים דער סאַרווער אַ פּאַטש און זאָגט אים נאָכאַמאָל, אַז ער האָט גע־ גנבעט דעם לעפל. זאָגט דער תלמיד ווידעראַמאָל: „נישט איך." דערלאַנגט אים דער סאַרוועער אַף דאָס ניי אַ פּאַטש, און באַשולדיקט אים ווידער, אַז ער האָט גע־ גנבעט דעם זילבערנעם לעפל.

אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט צען מאָל. דער תלמיד האָט געקריגן צען פעטש, און צען מאָל האָט ער געזאָגט „נישט איך".

גלייך נאָך דעם האָט זיך דער לעפל אָפּגעזוכט. דעמאָלט האָט דער תלמיד פאַרשטאַנען, אַז דער רבי ר' בער האָט אים געשיקט אָפּצוקומען אַ שטראָף.

אַז ער איז שפּעטער צוריקגעקומען קיין מעזריטש, איז ער אַריינגעגאַנגען צום רבי. זאָגט אים דער מעזריטשער: „זעסט, אַ מענטש טאָר נישט זאָגן א י ך. פאַר איין מאָל זאָגן א י ך —האָסטו צען מאָל געמוזט זאָגן נ י ש ט א י ך, און נאָך קריגן צו דערצו צען פעטש."

די מעשה וועגן ענווות

די תלמידים פון דעם בעל־שם־טוב האָבן אַמאָל גערעדט וועגן דער מידה פון ענווות, די מידה פון האַלטן זיך קליין. רופט זיך אָן דער בעל־שם־טוב און זאָגט: „איטלעכער מענטש דאַרף זיין ביי זיך אַן עניוו און האַלטן זיך קליין קעגן אַנדערע מענטשן. נאָר דאָס מיינט נישט, אַז מע דאַרף גיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, כדי מע זאָל זען, אַז ער איז אַן עניוו, בעת אין האַרץ ביי זיך האַלט ער זיך גרויס און גאַווהדיק. צו וואָס איז אַזאַ ענווות, אַזאַ קליין־האַלטן זיך, געגליכן? אַזאַ ענווות איז געגליכן צו דעם מלך, וואָס האָט געוואָלט אויסוויילן זיך דעם גוטן וועג אין לעבן, כדי ער זאָל נושא־חן זיין ביי גאָט און ביי לייט. וואָס האָט דער מלך געטון? ער האָט צונויפגערופן זיינע חכמים און זיי דערציילט וועגן דעם און זיי געפרעגט

אַן עצה. האָבן די חכמים גערעדט און געראַטן זיך. צום סוף האָט זיך אויפגע־הויבן דער עלטסטער פון זיי און געזאָגט:

„אַדוני מלך, זיי אַן עניוו.

„דעם מלך איז די עצה געפעלן. טראַכט ער ווי אַזוי פירט מען זיך, צו זיין אַן עניוו? האָט ער געטון אַזוי: אַז ער האָט געדאַרפט ערגעץ פאָרן, האָט ער געשיקט די גילדענע קאַרעטע מיט די קיניגלעכע פערד פאָראויס, כדי מע זאָל וויסן, אַז דאָס פאָרט דער קעניג, און ער אַליין איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער קאַרעטע צופוס.

„אַז דער חכם האָט געזען אַזאַ זאַך, זאָגט ער צום מלך:

„אַדוני מלך, נישט דאָס איז דער אמתער וועג פון עניוות, און נישט דאָס מיינט האַלטן זיך קליין. דו פאָר אין דער קאַרעטע, ווי ס'איז דיין שטייגער און ווי סע פּאַסט פאַר אַ מלך, און—דעמאָלט זיי אַן עניוו.״

בעסער פאַרקערט ווי גאָרנישט

דער מעזריטשער מגיד, דער רבי ר׳ בער, האָט יעדן שבת־צו־נאַכטס גע־פראַוועט די מלווה־מלכה מיט געזאַנג און טענץ. גלייך נאָך דער „סעודת דוד המלך״ האָט דער רבי מיט די חסידים גענומען זינגען און טאַנצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

איינמאָל, אַ שבת־צו־נאַכטס, ווי דער עולם זינגט און טאַנצט אַזוי, קומט אַריין אַ מתנגד און קוקט מיט אַ שמייכעלע ווי דער רבי ר׳ בער זינגט און די חסידים טאַנצן. דער מגיד האָט דאָס באַמערקט. רופט ער אים צו און פרעגט: „וואָס קוקסטו און וואונדערסט דיך אַזוי?״

„איך קוק און טראַכט,״ זאָגט דער מתנגד מיט דעמזעלבן שמייכעלע, „וואָס געוויינלעך פירט זיך, אַז אַ ציגיינער הייסט ז י י ן ב ע ר טאַנצן, און אַליין פייפט ער און זינגט צו. איצט זע איך, אַז סע קען זיין פאַרקערט: אַז אַ ב ע ר זינגט צו, און ציגיינער טאַנצן.״

דער רבי ר׳ בער ענטפערט אים אָפן אָרט: „בעסער פאַרקערט, איידער ווי צו לעבן נישט געטאַנצט און נישט געזונגען.״

דער שפּאָלער זיידע ראַטעוועט מיט זיין טאַנצן דעם אַרענדאַר

דער שפּאָלער זיידע איז געווען אַ גרויסער טענצער. יעדן פרייטאָג־צו־נאַכטס צו קבלת־שבת האָט ער געטאַנצט אַזעלכע טענץ, בעסער ווי דער בעסטער טענצער. מאַכט זיך, אַז אַמאָל איז געווען ביי אים צו גאַסט אויף שבת אַ גרויסער אורח, ר׳ אברהם מלאך, דער זון פון דעם מעזריטשער מגיד. אַז ער האָט אים געזען טאַנצן, פרעגט ער אים, פון וואַנען סע קומען צו אים אַזעלכע וואונדערלעכע טענץ. ענט־פערט אים דער שפּאָלער זיידע און דערציילט אים אַזאַ מעשה:

ער איז אַמאָל געווען אין אַ דאָרף ביי אַן אַרענדאַר, וואָס איז דעם פּריץ שולדיק געווען געלט פאַר דער אַרענדע, און האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו באַצאָלן. און דער פּריץ האָט געהאַט אַן אויפזעער, אַ שונא־ישראל. האָט ער

אַנגערעדט דעם פּריץ, אַז ער זאָל דערפאַר אַריינוואַרפן דעם אַרענדאַר אין תּפיסה אַריין און מע זאָל אים דאָרט האַלטן אַף פּיסנע ברויט מיט וואַסער.

איינמאָל האָט דער פּריץ געמאַכט אַ גרויסן באַל צו זיינע אימענינעס. ער האָט צו דער שמחה איינגעלאַדן אַ סך פּריצים און גרויסע לייט. אַז ס'איז געקומען דער טאָג, איז מען זיך צוזאַמענגעפאָרן צום פּריץ אין הויף פון נאָענט און ווייט. און אַ גאַנצן טאָג האָט מען געגעסן און געטרונקען, און קלעזמער האָבן געשפּילט און פריילעך געמאַכט דעם עולם.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך געווען פאַר זיי צו ווינציק. האָט דער פּריץ געהייסן, אַז מע זאָל ברענגען דעם אויסגעמאַטערטן אַרענדאַר פון תּפיסה, מע זאָל אים אָנטון אַ פעל פון אַ בער, און ער זאָל טאַנצן צוזאַמען מיט דעם געזונטן אויפזעער, דעם שונא-ישראל. ווער סע וועט טאַנצן בעסער, דער געווינט, און וועט דעם אַנדערן דאַרפן שלאָגן און געבן קלעפּ וויפיל זיין האַרץ גלוסט.

אַ נאַכט פריער איז צום שפּאָלער זיידע געקומען אליהו-הנביא און האָט אים אויסגעלערנט אַלע טענץ: אַ קאָזאַצקע, אַ מאַזורקע, אַ פּאָלקע, און וואָס נאָר פאַר אַ טאַנץ ס'איז דאָ אין דער וועלט.

גלייך נאָך דעם איז דער שפּאָלער זיידע אַוועק צו דער תּפיסה, וואו מ'האָט געהאַלטן געפאַנגען דעם אַרענדאַר, האָט געגעבן דעם וועכטער אין האַנט אַריין, אַז ער זאָל אים אַריינלאָזן, צו זען דעם געפאַנגענעם.

ווי נאָר ער איז אַריין אינעווייניק, האָט ער זיך געביטן מיט דעם אַרענדאַר מיט די קליידער: דער שפּאָלער זיידע האָט אָנגעטון דעם אַרענדאַרס קליידער, און דער אַרענדאַר האָט אָנגעטון זיינע קליידער. און דער שפּאָלער זיידע האָט אים געהייסן אַרויסגיין פון תּפיסה, און ער וועט בלייבן אינעווייניק אַף זיין פּלאַץ.

שפּעטער איז געקומען דעם פּריצס אויפזעער, האָט אַרויסגענומען דעם געפאַנגענעם, האָט אים אָנגעטון אַ פעל פון אַ בער און האָט אים געבראַכט אין הויף אַריין, אַז ער זאָל טאַנצן פאַר די געסט צוזאַמען מיט אים. און ווער סע וועט טאַנצן בעסער, דער זאָל דעם אַנדערן געבן קלעפּ וויפיל זיין האַרץ גלוסט.

דער שפּאָלער זיידע אין דער בערנפעל האָט אַזוי געטאַנצט, אַז דער עולם האָט אויפגעשטעלט מויל און אויגן, און גענומען שרייען: „שלאָג אים! שלאָג אים!" און דער שפּאָלער זיידע האָט געפּאָלגט. ער האָט דעם אויפזעער, דעם שונא-ישראל, גענומען געבן קלעפּ. ער האָט אים אַזוי דערלאַנגט, אַז דער אויפזעער איז קוים אַרויס מיט זיין לעבן.

און דער שפּאָלער זיידע האָט פאַרענדיקט: „איצט ווייסט איר שוין פון וואַנען איך קען אַזוי טאַנצן?!"

ווי אַזוי מע דאַרף זיין געהיט מיט אַ וואָרט

דער רבי ר' גדליה לוניצער איז געווען שטאַרק געהיט מיט זיינעם אַ וואָרט, אַז ער זאָל, חלילה, קיינמאָל נישט געשטרויכלט ווערן מיט אַ ליגן.

איינמאָל קומט ער אַריין פון גאַס אין שטוב אַריין. גיט אים עמיצער פון

בני־בית אַ פֿרעג, צי אין דרויסן רעגנט. גיט ער אַ טראַכט און זאָגט: „ווען איך בין געווען אין גאַס, האָט נישט גערעגנט."

דער רבי האָט זיך געהיט צו זאָגן „ניין," ווייל אפשר האָט אין דער צייט, וואָס ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, אָנגעהויבן צו רעגענען.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער לוניצער רבי איז געווען צו גאַסט ביי איינעם פֿון זיינע מקורבים. האָט מען דערלאַנגט טיי מיט אייגעמאַכטס און צובייסנס. דער מקורב אַליין האָט געפּאַדיעט אַרום אים, און וויפֿיל מאָל מ'האָט דעם רבי גע־פֿרעגט, צי ער וויל נאָך טיי מיט צובייסן, האָט ער געענטפֿערט „יאָ."

דערווייל האָט דער מקורב באַמערקט, אַז סע שטייען שוין פֿינף־זעקס גלעזער טיי, און דער רבי רירט זיך נישט צו צו זיי. נאָר איטלעכס מאָל, וואָס מע פֿרעגט אים, זאָגט ער, ער וויל נאָך. חידושט זיך דער מקורב, און ער פֿרעגט אים: „איך זע, רבי, סע שטייען עטלעכע גלעזער טיי, און דער רבי זאָגט, ער וויל נאָך."

וואָס איז דאָס חידוש?" זאָגט דער רבי. „ווען מע וואָלט מיך געפֿרעגט, צי איך קען נאָך טרינקען, וואָלט איך געענטפֿערט „ניין." נאָר פֿרעגן פֿרעגט מען מיך, צי איך וויל נאָך, ענטפֿער איך „יאָ". איך וויל נאָך, נאָר מער טרינקען קען איך נישט."

אַז ס'איז ביטער — איז כשר

צום לאָדזשער רב ר' אלי' חיים מייזל איז געקומען אַ יידינע מיט אַ שאלה: זי האָט געקויפֿט אַן עוף, און ס'איז נישטאָ די גאַל.

אין אַזאַ פֿאַל דאַרף מען, לויטן דין, טון אַ לעק אָפּן אָרט, וואו די גאַל האָט געדאַרפֿט זיין. אויב דאָרט איז ביטער, איז קלאָר, אַז ס'איז געווען אַ גאַל, נאָר זי איז אָוועקגעקומען. אויב ס'איז נישט ביטער, איז דאָס עוף טריפֿה.

הייסט דער רב דער יידינע, אַז זי זאָל געבן אַ לעק, און ער פֿרעגט זי, צי ס'איז ביטער. „אוי, הייליקער רבי, איז מיר ביטער!" בעמט די יידינע קלאָגן. „איך בין אַן אָרימע אַלמנה מיט אַן איינאיינציק קינד, אַ יינגל. איז ער מיר, נישט פֿאַר איך געדאַכט, רבי, קראַנק געוואָרן. האָט דער דאָקטער געהייסן, אים געבן אַ יאַיכל. בין איך אַרומגעלאָפֿן צווישן גוטע שכנים און האָב מיר אויסגעליגן אַ פֿאָר גילדן און געקויפֿט אַן עוף. און איצט, ווי איז מיר, איז דערויף אַ שאלה." און די יידינע צעווייינט זיך מיט ביטערע טרערן.

הרב מייזל הערט זי אויס, גיט אַ מיש אַ ספֿר און ענטפֿערט: „אַז ס'איז ביטער—איז עס כשר. גייט, מאַכט פֿאַר אייער יינגל אַ יאַיכל, און דער אייבער־שטער זאָל אים געבן אַ רפֿואה."

פֿאַרוואָס דער פּרייז פֿון אַ חתן איז געשטיגן

אַז ר' יום־טוב ליפּמאַן העלער איז געוואָרן אַ חתן, האָט אים דער מחותן צוגעזאָגט נדן עטלעכע טויזנט גילדענע רענדלעך.

דער מחותן איז געווען אַ ייד אַ סוחר, און האָט געפֿירט גרויסע געשעפֿטן.

נאָר ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער חתונה און ער האָט געדאַרפט סילוקן דעם נדן, איז ער גראָדע געווען געענגט אין געלט, און ער האָט מורא געהאַט, ער וועט דעם נדן נישט קענען סילוקן אין דער באַשטימטער צייט. וואָס טוט מען? איז זיך דער מחותן מיישב און גייט אַריבער צו דעם שטעטלשן פּריץ, מיט וועמען ער האָט געפירט געשעפטן, און ער בעט אים, ער זאָל אים לייען אַ גרעסערע סומע געלט.

דער פּריץ איז געווען וויליק אים צו אַנטלייען דאָס געלט, נאָר ער האָט גע־וואָלט וויסן אַף וואָס ער דאַרף פלוצים אַזאַ גרויסע סומע. דערציילט אים דער מחותן, אַז ער מאַכט אין גיכן חתונה דער טאָכטער זיינער, און ער האָט צוגעזאָגט דעם חתן נדן עטלעכע טויזנט גילדענע רענדלעך.

דעם פּריץ האָט די זאַך אינטערעסירט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער חתן מוז זיין אַן אויסנאַם אַ בחור, און ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך וועלן באַקענען מיט אים.

אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, און דער פּריץ האָט גערעדט מיט אים, איז ער געווען אַנטציקט פון דעם חתנס חכמה.

ביים געזעגענען זיך, זאָגט צו אים דער פּריץ מיט אַ שמייכל: „איך וויל דיך עפּעס פרעגן. איך בין זיכער, אַז דו וועסט מיר קענען ענטפערן אַף מיין פראַגע: אייער עלטער־פאָטער יעקב האָט געדאַרפט דינען צוויי מאָל זיבן יאָר, צו קריגן זיין כלה רחל פאַר אַ ווייב. און דיר גיט מען אַ כלה און מע צאָלט דיר נאָך צו טויזנטער גילדענע רענדלעך?!״

דער חתן גיט אַ טראַכט און ענטפערט אויך מיט אַ שמייכל: „יעקב אָבינו האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען דער פּרייז פון בחורים איז געווען זייער ביליק. נאָר נאָך דעם ווי פּרעה האָט גוזר געווען, אַז מע זאָל אַלע יידישע יינגלעך, וואָס וועלן געבוירן, אַריינוואַרפן אין וואַסער און זיי דערטרינקען, איז דער פּרייז אַף בחורים געשטיגן. דערפאַר קריג איך מיט דער כלה נאָך צוגעצאָלט אַזויפיל נדן.״

דער פּריץ פאַרהערט אים

איך וועל אייך היינט דערציילן נאָך אַ מעשה מיט ר׳ יום־טוב ליפּמאַן העלער. ר׳ יום־טוב ליפּמאַנס שווער איז געווען גאָר אַ גרויסער סוחר, און אַ ייד—אַ נגיד. ער האָט געפירט געשעפטן און מסחרים מיט פריצים און שררות. איינמאָל זיצט ביי אים אין סאַליע אַ פּריץ און זיי שליסן אַ געשעפט. זיי רעדן אָפּ די תנאים, די באַדינגונגען, און מע נעמט שרייבן אַ קאָנטראַקט.

אַז ס׳איז געקומען צום פּונקט וועגן געלט, בעט דער פּריץ, אַז דער סוחר זאָל אים וואַרטן מיט דעם געלט עטלעכע חדשים. זאָגט דער סוחר, אַז דאָס געלט מוז ער האָבן אין דער באַשטימטער צייט, ווייל ער האָט זיך געקויפט אַ מאַן פאַר זיין טאָכטער און האָט אים צוגעזאָגט טויזנטער גילדענע רענדלעך נדן.

דעם פּריץ איז די זאַך געפעלן: קויפן אַן איידעם פאַר טויזנטער רענדלעך! פרעגט ער זיך אויס וואָס דאָס איז פאַר אַ יונגערמאַן און זאָגט, אַז ער וואָלט אים וועלן זען און רעדן מיט אים. זאָגט דער סוחר, אַז זיין איידעם זיצט שטענדיק אָפּ־

געזונדערט אין זיין חדר־מיוחד און לערנט. נאָר ער וועט אַריינגיין צו אים און בעטן, אַז ער זאָל זיך ווייזן.

דער שווער איז אַריינגעגאַנגען צו זיין איידעם און זאָגט אים, אַז דער פּריץ וויל זיך באַקענען מיט אים און שמועסן.

זאָגט ר׳ יום־טוב ליפּמאַן: „ווי קען איך שמועסן מיט אים, אַז איך קען נישט קיין פּויליש?! נאָר זאָל ער אַריינקומען און לייענען פאַר מיר אַ פּוילישן בריף, אָדער עפּעס אַן אַנדערע זאַך. און כאָטש איך קען נישט דאָס פּוילישע לשון, וועל איך נאָך דעם איבערזאָגן אַף אויסנווייניק אַלץ, וואָס ער וועט לייענען פאַר מיר.״

דעם שווער איז געפעלן דער איינפאַל. ער האָט אַריינגעבראַכט דעם פּריץ, האָט זיי באַקענט, און געהייסן דעם פּריץ, אַז ער זאָל עפּעס לייענען, און זיין איי־דעם וועט דאָס נאָך דעם איבערזאָגן אַף אויסנווייניק וואָרט ביי וואָרט.

דער פּריץ האָט אַרויסגענומען עטלעכע פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר און האָט גענומען לייענען. ר׳ יום־טוב ליפּמאַן האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אַף אַ האַנט און האָט זיך צוגעהערט. אין מיטן לייענען כאַפּט דער פּריץ אַ קוק אַף דעם יונגנמאַן און מיינט, אַז ער שלאָפט. גיט ער אַ זאָג: „טי ספּיש? (דו שלאָפסט?)״

ר׳ יום־טוב ליפּמאַן ענטפערט נישט, און דער פּריץ לייענט ווייטער.

אַז ער האָט געענדיקט לייענען און איז שטיל געבליבן, האָט ר׳ יום־טוב ליפּמאַן געעפנט די אויגן און האָט גענומען איבערזאָגן וואָרט נאָך וואָרט, וואָס דער פּריץ האָט געלייענט. אַז ס׳איז געקומען צו די צוויי ווערטער „טי ספּיש,״ האָט ער זיי אויך איבערגעזאָגט און אַזוי ביז ער האָט געענדיקט.

מע טאָר קיינעם נישט מצער זיין

ר׳ עקיבא אייגער, דער פּויזנער רב, איז אַמאָל געפאָרן אין וועג מיט עטלעכע פון זיינע מקורבים. אַז מ׳איז געקומען אין אַ שטעטל אַריין, זענען זיי פאַרפאָרן אין אַן אַכסניה אַף איבערצונעכטיקן. דער באַלעבאָס, אַ פּראָסטער ייד, נאָר אַז ער האָט געהערט ווער די געהויבענע געסט זענען, האָט ער זיי זייער שיין אויפ־גענומען און האָט זיי באַדינט.

אַף דער נאַכט, נאָך מעריב, אַז מ׳האָט שוין איבערגעביסן, דערציילט דער באַלעבאָס דעם רב, אַז ער האָט אַ יינגל, אַ וואויללערנער, און ער בעט אים, אַז ער זאָל אים פאַרהערן.

ר׳ עקיבא אייגער רופט צו דאָס יינגל און נעמט מיט אים שמועסן און פרעגט אים אויס אין לערנען. נאָר ער זעט, אַז דאָס יינגל איז נעבעך שטומפּיק. ער האָט אָבער דעם פאָטער, דעם בעל־אַכסניה, נישט געוואָלט מצער זיין. זאָגט ער צו אים, אַז געגוי, וואָס ער האָט גערעדט מיט זיין בחורל, קען ער אים נישט איבערגעבן, וויל ער וויסט נישט, צי ער וועט דאָס פאַרשטיין. „נאָר הלוואי זאָל איך אַף מיינע קינדער קענען זאָגן דאָס, וואָס איך קען אייך זאָגן אַף אייער יינגל.״

דער באַלעבאָס האָט געשיינט פון שמחה.

אַפּן אַנדערן טאָג, אַז ר׳ עקיבא אייגער מיט זיינע לייט זענען שוין ווייטער

געווען אין וועג, שמועסט מען. און די מקורבים חידושן זיך און ווילן וויסן, וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט זיין זאָג וועגן בעל־אכסניהס יינגל.

„די זאַך איז גאָר פּשוט," זאָגט ר' עקיבא אייגער. „דער בעל־אכסניה איז זייער אַ פּראָסטער ייד, אַן עם־הארץ. דאָס יינגל זיינס איז געראָטן אין פּאָטער. נאָר היות ער לערנט, הייסט עס, אַז ער קען מער ווי זיין פּאָטער. הלוואי קען איך דאָס זאָגן אויף מיינע קינדער, אַז זיי קענען מער פון מיר."

דער ווילנער גאון און זיין מוטער

דער ווילנער גאון האָט געהאַלטן ביי זיך אין שטוב זיין אַלטע מאַמע. ער האָט זי אָפּגעהיט און איר אָפּגעגעבן גרויס כבוד. נאָר אים האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז דאָס איז נישט גענוג. אַז ער איז נאָך אַלץ נישט גענוג מקיים די מצוה פון כיבוד־אם.

די יידענע איז געווען זייער אַ פרומע און גוטע נשמה. זי האָט תמיד געהאַלטן אין איין זאָגן תהלים און לייענען ווייבערישע תחינות. פונדעסטוועגן האָט זי געמיינט, אַז זי טוט נישט גענוג און איז מיט דעם נאָך נישט יוצא פאַרן רבונו־של עולם, און אַז זי וועט נישט האָבן מיט וואָס צו קומען אויף יענער וועלט.

אַז זי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט זי צוגערופן צו איר בעט איר זון, דעם ווילנער גאון, און האָט זיך פאַר אים געגומען פאַרענטפערן און געהאַלטן אין איין טענהן: „אלינקע, אַז איך וועל קומען אַהין און זיי וועלן מיך פרעגן, וואָס איך האָב אויפגעטאָן אויף דער וועלט, וואָס זאָל איך זיי ענטפערן?"

זאָגט דער גאון: „דו זאָלסט זיי זאָגן, מאַמע, אַז דו האָסט אויף די עלטערע יאָרן געדאַרפט זיין ביי דיינע קינדער."

דער ווילנער גאון און דער אָרימאַן

אַן אָרימאַן איז אַמאָל אַריינגעקומען צום ווילנער גאון נאָך אַ נדבה.

זאָגט צו אים דער גאון: „ר' ייד, זאָגט מיר אַ דבר תורה, אָדער דערציילט מיר עפּעס, וואָס זאָל מיר געפעלן, וועל איך אייך געבן אַ שיינע נדבה."

דער אָרימאַן גיט אַ טראַכט און ענטפערט: „רבי, וואָס קען איך אייך זאָגן: וואָס פאַר אַ תורה קענט איר דערוואַרטן פון אַזאַ פּראָסטן ייד ווי איך בין? איר, רבי, האָט דאָך אַזוי פיל געלערנט און איר זייט גרויס אין תורה. נאָר איר וועט מיר מוחל זיין, אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז דאָס איז ביי מיר ניט פון די גרויסע זאַכן. ווייל וואָס איז די חכמה, וואָס איר זייט גרויס אין תורה? אייך האָט מען פון קינדוויַיז אָן אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. מ'האָט אייך געגעבן לערנען צו די בעסטע מלמדים. און איר האָט געהאַט איין זאַך אין זינען: לערנען תורה.

„זעט איר, רבי, ווען איר וואָלט געוואַקסן אין אָרימקייט, געוואַלגערט זיך אין פרעמדע שטיבער, געווען תמיד נע־ונד, עסן טעג און ליידן הונגער, און שפּעטער—זאָרגן פאַר ווייב און קינדער, האַנדלען מיט אַלערליי מענטשן אויפן מאַרק

און אַף יערידים, ווען איר וואָלט דעמאָלט אויסגעוואַקסן דאָס, וואָס איר זענט איצט, זעט איר, דאָס וואָלט טאַקע געווען אַ גרויסע זאַך."

דעם גאון איז דאָס געפעלן געוואָרן, און ער האָט דעם אָרימאַן געגעבן אַ גאָר שיינע נדבה.

אַ משל, וואָס דער ווילנער גאון האָט דערציילט קעגן דער שנאה פֿון דער וועלט צו יידן

אַ וואָלף איז אַריין אין הויף פֿון דעם גוט־באַזיצער, האָט זיך דאָרט צוגע־טשעפּעט צום האָן און האָט אים נאָר געוואָלט צערייסן און פֿאַרצוקן.

דער האָן איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער און האָט זיך געבעטן ביי אים: „פֿאַרוואָס ווילסטו מיך איינשלינגען? פֿאַרוואָס קומט מיר דאָס?"

„ווייל מיט דיין קרייען וועקסטו אויף דעם באַלעבאָס צו פֿרי," האָט דער וואָלף געענטפֿערט און איז נישט אָפּגעטראָטן.

„צו פֿרי?" זאָגט דער האָן. „איך האָב דאָך מיט מיין קרייען אים אויפֿגעוועקט און אָפּגעראַטעוועט זיין פֿאַרמעגן פֿון גנבים."

„יאָ," זאָגט דער וואָלף, „נאָר פֿאַרוואָס האָסטו מיט דיינע נעגל צעוואָרפֿן דאָס מיסט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט צוזאַמענגעקערט? צוליב דיר האָט זי דאָך, נעבעך, געדאַרפֿט נאָכאַמאָל קערן און ראַמען."

בעט זיך דער האָן: „זע, פֿון מיין צעוואָרפֿן דאָס מיסט איז דאָך איר איינמאָל אַרויסגעקומען אַ טובה. די באַלעבאָסטע האָט אַמאָל פֿאַרלוירן אַ טייערן דימענט און אים אַרויסגעקערט צוזאַמען מיט דעם מיסט. ווען איך וואָלט דעמאָלט נישט צעשאַרט מיט מיינע נעגל דאָס מיסט, וואָלט זי דאָך דעם דימענט אָנגעוואוירן."

„ביסט טאַקע גערעכט," זאָגט דער וואָלף, „נאָר איך קען נישט ליידן דיין קרייען."

„סטייטש?" בעט זיך ווייטער דער האָן, „איך בין דאָך צוליב דעם באַשאַפֿן געוואָרן, אַז איך זאָל אָנזאָגן, ווען סע הייבט אָן צו טאָגן."

דער וואָלף איז געוואָרן אומגעדולדיק: „דאָס ביסטו אויך גערעכט, האָן. נאָר איך האָב דיך פֿיינט און איך מוז דיך איינשלינגען."

יאָשע־בער אַנטלויפֿט קיין בראָד

אַז ר' יאָשע־בער, דער שפּעטערער בריסקער רב, איז נאָך געווען אַ יינגל, איז פֿאַר אַ יידיש קינד אין רוסלאַנד געווען אַ סכנה אַרויסצוגיין אין גאַס. כאַפּערס, רחמנא ליצלן, האָבן געלויערט אַף די יינגלעך אין אַלע ווינקעלעך. וואָרן דאָס איז געווען די צייט, ווען מ'האָט געכאַפּט יידישע קינדער און זיי פֿאַרשיקט קיין טיף רוסלאַנד אַף פֿינף־און־צוואַנציק יאָר, צו דינען פּאַניען.

וואָס טוט מען? נעמט דער פֿאָטער יאָשע־בערן און שיקט אים אַוועק קיין סלוצק. אפשר וועט ער זיך דאָרט קענען אויסבאַהאַלטן. נאָר אַז יאָשע־בער איז געקומען אַהין, זעט ער, אַז סע טויג נישט. דיזעלבע סכנה פֿאַר אַ יינגל.

איז זיך מיישב יאָשע־בער און פאַרדינגט זיך צו אַ בעל־עגלה, וואָס איז גע־פאָרן קיין בראָד. דאָרט, אין גאַליציע, ביי קיר״הן, איז מען פריי פון כאַפּערס. ער וועט זיך אַריבערכאַפּן די גרענעץ, וועט ער שוין דאָרטן פאַרבלייבן. נאָר ווי קומט יאָשע־בער צו זיין אַ שמייסער און צו שמירן רעדער? האָט ער טאַקע פון דעם בעל־עגלה געהאַט דאָס ביטערע אויסקומעניש.

געקומען קיין בראָד, נעמט יאָשע־בער זיין פּעקל און כאַפּט זיך אַריין אין שול צום בראָדער מגיד, ר׳ שלמה קלוגער.

דאָס איז געווען אַ פרייטאָג, און דאָרט האָט זיך געפירט, אַז פרייטאָג האָט מען געדאַוונט מנחה האַלבן טאָג. דערנאָך האָט דער בראָדער מגיד געזאָגט זיין שיעור, און דער בחור, וואָס האָט געשטעלט די שווערסטע קשיא און געגעבן דעם שאַרפסטן תירוץ, איז געוואָרן אַף שבת רב אין בראָד. ר׳ שלמה האָט דעמאָלט אויסגעטון זיין זשופּיצע און דאָס שטריימל, און געזאָגט: „נאַ, מיין קינד. דאָס איז פאַר דיין קשיא און פאַר דיין תירוץ. זיי דו דעם שבת דער רב אין בראָד.״

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער כבוד. און געוויינלעך האָבן די בחורים מיט שאַרפע קעפּ געהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך, צו קענען ווערן רב אין בראָד כאָטש אַף איין שבת.

יענעם פרייטאָג גיט מען אַ קוק—אַ יינגל מיט אַ קורץ רעקל, מסתמא אַ ליט־וויש ער, נעמט נאָכן שיעור פרעגן דעם בראָדער מגיד קשיות, און גיט אַליין אַזעלכע שאַרפע תירוצים. די חתן־בחורים זענען נשתומם געוואָרן. אַזאַ יונג יינגל, און פערל שיטן זיך פון זיין מויל.

אז ר׳ שלמה קלוגער הערט זיינע שאַרפע איינפאַלן, רופט ער אים צו, טוט אויס פון זיך זיין זשופּיצע מיטן שטריימל, און זאָגט: „בחורל, דו ביסט יונג אין יאָרן, נאָר אַלט אין חכמה. נעם מיינע מלבושים און זעץ דיך אַף מיין שטאָט. דו ביסט ראוי צו זיין רב אין בראָד—נישט נאָר איין שבת, נאָר אַ גאַנץ יאָר.״

תלמידי־חכמים זענען משמח חתן־כלה

דער בריסקער גאון ר׳ יוסף בער האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ הירשל לייב, דעם וואָלאָזשינער ראש־ישיבה. כאָטש אַזוי האָבן זיי זיך שפּעטער משדך געווען און זענען געוואָרן מחותנים. ר׳ יוסף בערס זון, ר׳ חיימקע, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ הירש לייבס טאָכטער.

צו דער חתונה זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן די גרעסטע רבנים און לומדים פון יענער צייט. אַז אַזעלכע געהויבענע לייט קומען זיך צוזאַמען, רעדט מען געוויינ־לעך תורה־זאַכן און מ׳איז זיך מפלפל, ווי סע פּאַסט פאַר תלמידי־חכמים. אין מיטן שטעלט זיך אויף ר׳ יוסף בער און זאָגט: „רבותי, גענוג שוין מפלפל זיין זיך. ס׳איז דאָך עפּעס אַ חתונה און מע דאַרף משמח זיין חתן־כלה.״

דער עולם איז געוואָרן שטיל. און ר׳ יוסף בער זאָגט מיט אַ געהויבענעם קול: „ווייסט איר וואָס, רבותי, אויב איר ווילט, קען איך אייך באַווייזן אַ קונץ. זאָל דער מחותן, ר׳ הירש לייב, אַנידערלייגן אַף יעדן פון די פיר ווינקלען פון טיש אַ רובל כסף, און אין מיטן טיש זאָל מען אַנידערשטעלן אַ גלאָז. איך וועל

דערנאָך אַ זאָג טון אַ פּאָר ווערטער, און אַלע פיר רובל וועלן זיין אין גלאָז. פאַר־שטייט זיך, רבותי, אַז דאָס געלט וועט דעמאָלט זיין מיינס. האָ, גוט? און כּדי קיינער זאָל מיך ניט חושד זיין, אַז איך פעלשעווע דאָ עפּעס, חלילה, וועל איך מיך שטעלן ווייט פון טיש."

ר' הירש האָט אויסגעלייגט פיר זילבערנע רובל אָף די ווינקלען פון טיש, און חתן־כּלה און אַלע מחותנים האָבן געקוקט און געוואַרט, צו זען, וואָס סע וועט זיין.

דעמאָלט גיט ר' יוסף בער אַ זאָג צו זיין זון, דעם חתן: "חיימקע, נעם אָקאָרשט די פיר רובל און לייג זיי אַריין אין גלאָז."

דער חתן האָט געטון ווי זיין פאָטער האָט געהייסן, און דער עולם קוועלט און גאַפט. ר' הירש לייב גיט זיך אַ הייב אויף און נעמט שרייען, אַז דאָס איז נישט ריכטיק און מע טאָר אַזוי נישט טון. "ניין, מחותן־לעב, דאָס איז ניט קיין קונץ! דאָס הייסט פּשוט אויסגענאַרט!"

ס'איז געוואָרן אַ רעש, און אַלע האָבן זיך גענומען קאָכן. עס זענען גלייך גע־וואָרן צוויי צדדים. און סע בלייבט, אַז מע זאָל האָבן אַ דין־תורה. רבנים זוכן האָט מען נישט באַדאַרפט. זיי זענען געווען, ברוך־השם, אָפּן אָרט. האָט מען זיך טאַקע גלייך אַנידערגעזעצט צום דין־תורה.

די צוויי צדדים האָבן אַרויסגעלייגט זייערע טענות. יעדער פון זיי האָט אַרויסגעוויזן גרויס קענשאַפט און חריפות. דער עולם איז געזעסן פאַרכאַפּט. צום סוף האָבן די רבנים געפּסקנט, אַז דאָס געלט קומט ר' יוסף בערן, ווייל אַזוי אויסנאַרן הייסט אויך אַ קונץ.

אַז ר' יוסף בער האָט שוין געהאַט דאָס געלט ביי זיך אין קעשענע, רופט ער זיך אָן צו ר' הירש לייבן און וויזט אים, אַז ער האָט געקענט געווינען דעם דין־תורה: "איר ווייסט, מחותן־לעב," זאָגט ער צו אים, "איר האָט געקענט האָבן אַ גוטע טענה, און איר וואָלט מיט איר געקענט אין גאַנצן מבטל זיין דעם פּסק־דין."

"דהיינו?" קוקט אים אָן ר' הירש לייב.

"זייער פּשוט," זאָגט ר' יוסף בער. "איר האָט געדאַרפט טענהן, אַז ביי אייך אויסנאַרן עפּעס—איז גאָר ניט קיין קונץ."

ער האָט אויסגעפּירט זיינס

ווען ר' יאָשע־בער בריסקער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט ער שוין געשמט פאַר אַן עילוי מיט אַן אָפענעם קאָפּ און מיט אַ שאַרפער צונג. און שוין דעמאָלט האָבן שדכנים אָפּגעקלאַפּט די טירן ביי זיינע עלטערן אין שטוב און זענען געקומען, צו רעדן אים שידוכים. יידן, גבירים פון ווייטע שטעט האָבן זיך געריסן פאַר אים, און אים געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם.

מאַכט זיך איינמאָל, אַז גראַדע ווען אַ מחותן איז געקומען אים אָנקוקן און צו פאַרהערן אין לערנען, האָט זיך יאָשע־בער צעשלאָגן אין גאַס מיט אַנדערע ייִנגלעך, און איז אַרויס מיט אַ צעגראַבלט פּנים.

אַז די דינסט איז אַרויס, אים אַריינצורופן, און אַז זי האָט אים געזאָגט צו

דער בעל־עגלה און דער חפץ חיים

וואָס מע דאַרף אים האָבן, איז יאָשע־בער צוגעלאָפֿן צו דער שטוב, האָט געעפֿנט די טיר, און פֿאַרמאַכט די טיר, איז אַריין אין שטוב, און איז צוריק אַרויס פֿון שטוב. אַזוי עטלעכע מאָל. פֿרעגט מען אים: „יאָשע־בער, וואָס מיינט דאָס? און ווער האָט דיר צעגראַבלט דאָס פּנים?״

זאָגט יאָשע־בער: „ביידע זאַכן האָבן צו טון איינס מיטן אַנדערן. דער יצר־הרע האָט מיך זייער שטאַרק ניט געוואָלט אַוועקלאָזן פֿון גאַס און האָט מיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב. האָב איך מיך געאַמפּערט מיט אים און געבאָרעט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער האָט מיר צעגראַבלט דאָס פּנים. איך האָב אָבער אויסגעפֿירט מיינס, און בין אַריין.״

ער איז דאָ בלויז אַ גאַסט

צום חפֿץ חיים איז אַמאָל געקומען אַ ייד פֿון אַמעריקע. דער צדיק האָט אים געבעטן זעצן זיך, און ער האָט מיט אים גערעדט און זיך פֿונאַנדערגעפֿרעגט וועגן די יידן און וועגן יידישקייט אין אַמעריקע.

דערווייל האָט דער אַמעריקאַנער באַמערקט, אַז ביים חפֿץ חיים אין שטוב איז נישטאָ קיין פּאַסיקע מעבל. בעט ער דעם צדיק, אַז ער זאָל אים לאָזן קויפֿן פֿאַר אים נייע, שיינע שטוב־זאַכן. זאָגט דער חפֿץ חיים, אַז מע דאַרף נישט. וואָרן דער חפֿץ חיים האָט זיך געפֿירט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט גענומען ביי מענטשן קיין שום מתּנות פֿאַר זיך.

נאָר דער אַמעריקאַנער האָט נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געטענהט, אַז פֿאַר אַזאַ צדיק איז מער כּבֿוד־התּורה, אַז אין שטוב זאָלן זיין שיינע כּלים. זאָגט דער חפֿץ חיים: „וואָס איז מיט אייך? וואו איז אייער מעבל? איך זע, אַז איר האָט בלויז מיט זיך אַ קליין רענצל.״

זאָגט דער אַמעריקאַנער: „רבי, מיין מעבל איז אין דער היים. דאָ בין איך דאָך נאָר אַ גאַסט.״

„גלייבט מיר, ייד,״ גיט אים דער חפֿץ חיים צו פֿאַרשטיין, „אַז מיין מעבל איז אויך אין דער היים. דאָ, אויף דער וועלט, בין איך דאָך בלויז אַ גאַסט.״

לשון־הרע

דער חפֿץ חיים האָט זיך געפֿירט, אַז יעדן פֿאַרנאַכט, פֿאַר מנחה, איז ער אַרויסגעגאַנגען אַביסל שפּאַצירן אין פֿעלד הינטערן שטעטל.

איינמאָל, ווי ער גייט אַזוי, זעט ער אויפֿן וועג — אַ דאָרף־ייד שטעלט זיך אָפּ מיט זיין פֿערד און וועגעלע און שרייט צו אים: „ר׳ ייד, ר׳ ייד, אפֿשר ווייסט איר דעם וועג צום חפֿץ חיים?״

גייט דער חפֿץ חיים צו צום וועג און פֿרעגט דעם ייד: „צום חפֿץ חיים? וואָס דאַרפֿט איר דעם חפֿץ חיים?״

זאָגט דער ייד: „איך פֿאָר, איך וויל, דער צדיק זאָל מיר געבן אַ ברכה.״

קוקט אים אָן דער חפץ חיים און זאָגט: „עט, ער איז גאָרנישט ניט אַזאַ צדיק ווי איר מיינט. פאַרט געזונטערהייט אַהיים און זאָל אייך דער אייבערשטער העלפן."

אַז דער דאָרף־ייד דערהערט אַזעלכע רייד וועגן חפץ חיים, ווערט ער אין כעס, ברומט און דערלאַנגט דעם חפץ חיים מיט דער בייטש: „אַזאַ עזות! רעדט אָפּן חפץ חיים! וויאָ!" און ער גיט אַ שמיץ דעם פערדל און פאָרט ווייטער.

געקומען אין שטעטל אַריין, פרעגט ער זיך נאָך וואו דער חפץ חיים וואוינט. ווייזט מען אים אָן, און ער פאַרפאָרט גלייך צו דער שטוב פונעם חפץ חיים. נאָר דאָרט האָט מען אים געלאָזט וואַרטן: „דער רבי וועט קומען, וועט מען אים צו־לאָזן," האָט מען אים געזאָגט.

ווי ער זיצט אַזוי און וואַרט, קומט אָן דער חפץ חיים.

דער דאָרף־ייד האָט גלייך געזען, אַז דאָס איז דער ייד, וועמען ער האָט דער־לאַנגט מיט דער בייטש. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען אַף וועמען ער האָט געשריגן און וועמען ער האָט געשלאָגן. ס'איז אַף אים אָנגעפאַלן אַ פחד, און ער איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות.

אַז מ'האָט אים אָפּגעראַטעוועט, טרייסט אים דער חפץ חיים: „ליבער ייד, איר זענט, חלילה, ניט שולדיק. איך בין ווערט געווען די בייטש. וואָרן לשון־הרע טאָר מען אַפילו אַף זיך אַליין אויך ניט רעדן."

אפשר פאַרקערט?

דער ראָטשאָווער עילוי, הרב ר' יוסף ראָזען, איז געווען קליין געוואַקסן, מיט אַ קליין בערדל, און האָט געהאַט אַ יונג אויסזען. דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ גאון אין תורה. מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער פאָרט אין באַן. לעבן אים, אַף דער באַנק, איז געזעסן אַ חסידישער רבי. אַז יידן זיצן איינער לעבן אַנדערן, צערעדט מען זיך.

„וואוהין פאָרסטו?" פרעגט דער רבי דעם ראָטשאָווער אַף „דו", ווי די רביים רעדן געוויינלעך. דאָס האָט דעם ראָטשאָווער אַ ברי געטון: וואָס פאַר אַ „דו"? וואָס איז ער מיט אים? ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס דער רבי דוצט אים. גיט ער אַ קוק צו אים און זאָגט: „ווער זאָגט עס, אַז איך בין „דו", און דו ביסט „איר"? אפשר פאַרקערט: אפשר ביסטו „דו", און איך בין „איר"?

דער רבי האָט אים שוין מער ניט געדוצט.

נישט דער ריכטיקער נאָמען

צו דעם סלאָנימער רב ר' אייזילע חריף איז אַמאָל געקומען אַ יונגערמאַן מיט זיינעם אַ חיבור, אַ ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און געבעטן דעם רב אַ הסכמה.

ר' אייזילע גיט אַ קוק אַף דעם פאָדער־בלאַט און זעט, אַז סע שטייט אויפ־געשריבן: פאַרפאַסט פון רד"ק. פאַרדריסט דאָס ר' אייזילען און ער פרעגט דעם יונגנמאַן: „וואָס האָסטו דיר עפּעס אַ נאָמען געגעבן רד"ק?"

ענטפערט דער יונגערמאַן: „איר פאַרשטייט מיך, רבי, מיין נאָמען איז דוד,

און מיין טאַטנס נאָמען איז קלמן. מאַכן די ראשי־תיבות „רד״ק״, דאָס איז ר׳ דוד קלמנס.״

„אויב אַזוי,״ זאָגט ר׳ אייזילע, „ביסטו דאָך אויך אַ שייגעץ. דיך רופסטו מיט אַ „רעב״, ר׳ דוד, און דיין טאַטע רופסטו אָן אַ „רעב״, נאָר פּראָסט „קלמן״. וואו איז כיבוד־אב?״

„ווי דען האָב איך געדאַרפט שרייבן?״ פרעגט דער יונגערמאַן אַ צעשראָ־קענער.

זאָגט ר׳ אייזילע: „דו האָסט געדאַרפט שרייבן, אַז דאָס ספר איז פאַרפאַסט פון דר״ק (דוראַק), דוד ר׳ קלמנס. דעמאָלט וואָלט דאָס געווען ריכטיק.״

דער סלאָנימער רב און דער גביר פון שטאָט

ר׳ אייזיל חריף, דער סלאָנימער רב, איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט, צונויפצונעמען געלט אַף זייער אַ נייטיקער קהלשער זאַך.

אַז ער איז געקומען צום גביר, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ פאַרגרעבטן און קאַרגן מענטש, שמועסט ער מיט אים און זאָגט אים וואָס ער וויל. ענטפערט אים דער גביר: „רבי, צו וואָס האָט איר אייך געדאַרפט אומזיסט מטריח זיין צו מיר? ווייסט איר דען נישט, אַז איך גיב נישט קיין נדבות, ווייל איך בין אַ בן־נח?״

זאָגט אים ר׳ אייזיל חריף: „יאָ, איך ווייס, אַז דו ביסט אַ בן־נח. נאָר מיר איז עפּעס אַ חידוש: ווי מיר ווייסן, האָט נח געהאַט דריי זין: שם, חם און יפת. טאָ פאַרוואָס האָסטו דיר אויסגעקליבן דווקא צו זיין דער חם?״

באַמערקונג: בן־נח—אַ קאַרגער, גראָבער נפש. אויך איינער, וואָס שטאַמט פון נחן.

ער דאַרף אים דאַנקען

ר׳ איסרל, דער סלוצקער גביר, האָט אויסגעהאַלטן צענדליקער תלמידי־חכמים. זיי זענען געזעסן ביי אים אין שול, אין ר׳ איסערקעס שול, און האָבן יום־ולילה עוסק געווען אין תורה.

צווישן זיי איז געווען איינער, ר׳ מענדעלע, אַ גדול בתורה, אַן איש תמים און אַ גרויסער בעל־מידות. און צו דערצו—אַן אמתער עניוו.

יעדן טאָג זענען די תלמידי־חכמים געגאַנגען צו ר׳ איסערלען אַף טיי. און געפירט האָט זיך, אַז ביים טיש האָט ר׳ מענדעלע זיי אַלע משמש געווען, באַדינט. ער האָט איטלעכן אונטערגעטראָגן דאָס גלאָז טיי, און ערשט נאָך דעם האָט ער זיך אַליין אויך געזעצט טרינקען.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז צום גביר איז געקומען דער מירער משולח. זעט ער ווי ר׳ מענדעלע דערלאַנגט איטלעכן די טיי. איז ער זיכער געווען, אַז דאָס איז דעם גבירס אַ מענטש, אַ משרת. און אַזוי ווי דער משולח איז געווען אַ גרויסער בעלן אַף טיי, האָט ער זיך געשאַפּט מיט אים און געהייסן געבן נאָך אַ גלאָז און נאָך אַ גלאָז. און ר׳ מענדעלע האָט זיך אַלץ אויפגעהויבן פון טיש, און האָט דערלאַנגט.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט, נאָר קיינער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט. אַזוי איז געווען טאָג נאָך טאָג, ביז ס׳איז געקומען שבת.

שבת אין דער פרי, נאָכן דאַווענען, האָט זיך געפירט, אַז מען איז געגאַנגען צום גביר אָף קידוש. און אַז דער גאַנצער עולם איז שוין געזעסן אַרום די טישן, ערשט דעמאָלט האָט זיך באַוויזן ר׳ איסרל, און צוזאַמען מיט אים ר׳ מענדעלע. דער עולם האָט זיי דערזען אַריינקומען, האָט מען זיך אויפגעשטעלט, און זיי אָפּ־געגעבן דעם „גוט שבת.״

דער מירער משולח, וואָס איז געזעסן מיטן עולם, האָט זיך געוואונדערט. ווערט ער שוין ציעקאַווע און פרעגט: „ווער איז דער ייד מיטן גביר?״

זאָגט מען אים, אַז דאָס איז ר׳ מענדעלע.

דעם משולח האָט אַזש גענומען שווינדלען. מיט דעם גאון ר׳ מענדעלע האָט ער זיך געשאָפּט ווי מיט אַ משרת? ער האָט שיר געחלשט. לויפט ער צו צו ר׳ מענדעלען מיט תחנונים און שטאַמלט: „רבי, זייט מיר מוחל. איך האָב ניט גע־וואוסט, רבי, אַז דאָס זענט איר.״

ר׳ מענדעלע קוקט אים אָן און פרעגט: „וואָס האָט איר מיר אַזוינס געטון, אַז איך זאָל אייך דאַרפן מוחל זיין?״

„רבי,״ שטאַמלט דער משולח, „איך האָב מיך געשאָפּט מיט אייך ווי מיט אַ משרת. זייט מיר מוחל.״

„דאַרפט איר מיך דערפאַר מחילה בעטן?״ זאָגט ר׳ מענדעלע מיט תמימות. „איר האָט געוואָלט אַ גלאָז טיי, האָב איך אייך דערלאַנגט. אדרבא, איך דאַרף נאָך א י י ך דאַנקען דערפאַר, איר האָט מיך מזכה געווען מיט אַ מצווה.״

ר׳ אייזיל חריף וואַרפט אַן אומחן אַף דער חברה־קדישא

ר׳ אייזיל חריף, דער סלאָנימער רב, האָט געוואָרפן אַן אומחן אַף דער חברה־קדישא. וואָס איז? אַז סע קומט צו אַ לוויה, טרינקען זיי צופיל. פאַר דער לוויה אַ שנעפּסל, נאָך דער לוויה אַ שנעפּסל, און באַהאַלטענערהייט כאַפּט מען אַ שנעפּסל אַפילו אין מיטן דער לוויה.

אמת, קיינער לייקנט נישט, אַז די אַרבעט, וואָס חברה־קדישא טוט, איז נישט אַזאַ פריילעכע. האָבן צו טון מיט מתים איז נישט קיין מאכל. הייַנט די געוויינען פון די ווייבער און יתומים! אַ קאָפּ בראַנפן, אַ שנעפּסל, פאַרטומלט אַביסל און שטאַרקט דאָס האַרץ. מע טאָר אָבער די הייליקע אַרבעט נישט פאַרשוועכן מיט שיכורן.

איינמאָל, אַז ס׳איז געקומען די וואָך, ווען מע לייענט די פרשה ו י ח י , און חברה־קדישא מאַכט דעמאָלט אַ סעודה, האָט מען פאַרבעטן דעם רב צו דער סעודה, ווי סע פירט זיך געוויינלעך. און כאָטש ר׳ אייזיל חריף האָט געוואָרפן אַן אומחן אַף דער חברה, האָט ער פאַרקוקט און איז בעל־כרחו געגאַנגען.

געקומען צו דער סעודה, האָט חברה זיך צעהוליעט און גענומען טרינקען, אָבער טאַקע טרינקען, שיכורן. ר׳ אייזיל האָט געפילט, אַז מע טאָר דאָס נישט פאַרשווייגן. מעגן זיי אַפילו פאַראיבל האָבן. און ווען דער גבאי האָט אים גע־

בעטן, אַז ער זאָל עפּעס זאָגן, האָט ער אָנגעהויבן בזה הלשון: „אין תהלים איז פאַראַן אַ פּסוק: הים ראה וינוס—דער ים האָט געזען און ער איז אַנטלאָפן. פרעגט רש״י: מה ראה—וואָס האָט ער געזען וואָס ער איז אַנטלאָפן? איז דער ענטפער: ראה ארונו של יוסף הצדיק—ער האָט געזען דעם אָרון פון יוסף הצדיק. בלייבט דאָך ווייטער די קשיא: און אַז דער ים האָט געזען יוספס אָרון, צו וואָס האָט ער געדאַרפט אַנטלויפן? איז דער תירוץ: אַז דער ים האָט געזען דעם אָרון, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז וואו ס׳איז דאָ אַן אָרון, איז מסתמא דאָ ארום אים חברה־קדישא. און חברה־קדישא קען דאָך טרינקען, קענען די לייט נאָך אויסטרינקען דעם ים. דעריבער איז דער ים אַנטלאָפן.״

באַמערקונג: יוסף האָט פאַר זיין טויט אָנגעזאָגט די יידן, אַז ווען גאָט וועט זיך דער־מאָנען אין זיי און זיי אַרויסציען פון מצרים, זאָלן זיי זיינע ביינער מיטנעמען מיט זיך אין יידישן לאַנד אַריין. אַז ער איז געשטאָרבן, האָבן די יידן מורא געהאַט, אַז די מצריים וועלן פון אים מאַכן אַן אָפּגאָט, ווי זיי האָבן דאָס געטון מיט אַלע זייערע הערשער. די יידן האָבן דעריבער באַהאַלטן זיין אָרון אין ים, און ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים, האָבן זיי זיין אָרון אַרויסגעצויגן פון וואַסער און אים מיטגענומען מיט זיך.

ער איז קליגער פון דעם טאַטע

ווען ר׳ העשעלע, דער קראָקעווער רב, איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט ער אַמאָל פּסח ביים סדר, ווי סע פירט זיך צווישן יינגלעך, דערטאַפּט ביים פאָטער דעם אפיקומן און האָט אים באַהאַלטן.

אַז ס׳איז געקומען נאָכן עסן, און דער פאָטער האָט געוואָלט אויסטיילן יעדן איינעם ביים סדר אַ שטיקל אפיקומן, כאַפּט ער זיך, אַז דער אפיקומן איז נישטאָ. שמייכלט ער. ער פאַרשטייט, אַז דאָס איז העשעלעס אַרבעט. נעמט ער אים בעטן, אַז ער זאָל אים אומקערן דעם אפיקומן. נאָר העשעלע דינגט זיך. ער וויל, אַז דער פאָטער זאָל אים צוזאָגן, אַז נאָך יום־טוב, בלי־נדר, וועט ער אים קויפן, נישט אַנדערש ווי נאָר אַ גילדענעם זייגער. דער פאָטער האָט נישט געהאַט קיין ברירה, און האָט געמוזט צוזאָגן.

העשעלע האָט אים צוריקגעגעבן דעם אפיקומן, און דער פאָטער האָט גענו־מען געבן יעדן איינעם אַ שטיקל. אַז ס׳איז געקומען צו העשעלען, זאָגט דער פאָ־טער, אַז אים וועט ער נישט געבן. „ניין, דיר נישט סיידן דו וועסט מיר מוחל זיין מיין וואָרט, וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט, צו קויפן אַ גילדענעם זייגער.״

צעשיינט זיך העשעלע מיט אַ ליכטיק פּנימל און זאָגט: „איך האָב געוואוסט, טאַטע, אַז דו ביסט אַ חכם און וועסט געפינען אַ תירוץ. איך האָב מיר דעריבער באַצייטנס אָנגעגרייט אַ תירוץ אויף דיין תירוץ, און איידער איך האָב דיר צוריק־געגעבן דעם אפיקומן, האָב איך מיר אַליין אַראָפּגענומען אַ שטיקל.״

דאָס מילכיקע געבעקס

ווען דער קראָקעווער רב ר׳ העשעלע איז געווען אַ קליין יינגל, האָט ער איינמאָל אין אַ שבועות זיך צוגעכאַפּט צום מילכיקן געבעקס, וואָס די מוטער האָט אָפּגעבאַקן לכבוד יום־טוב, און האָט גענאַשט וויפיל עס איז אַריין אין אים.

אַז די מוטער האָט גענומען גרייטן צום טיש און האָט געוואָלט אַוועקשטעלן געבעקס, זעט זי, אַז דאָס בעסטע געבעקס פעלט. זי האָט גלייך גענומען דעם קליינעם העשעלען אָפּן צימבל, און ער האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס איז געווען זיין אַרבעט. דער מוטער האָט דאָס פאַרדראָסן, און זי האָט שפּעטער אים צוגע־שטעלט אַ בענקעלע פאַרן פאָטער. דער פאָטער האָט אים צוגערופן און געזאָגט: „זאָג מיר נאָר, העשעלע, דו ווייסט, אַז פאַר אַזאַ זאַך קומט שטראָף?"

העשעלע איז געשטאַנען אַ שולדיקער און האָט געשוויגן. זאָגט דער פאָטער: „הער, העשעלע, אַז דו וועסט מיר זאָגן פאַרוואָס מען עסט שבועות מילכיקס, וועל איך דיר שענקען."

העשעלע צעשיינט זיך און זאָגט: „פאַראַן אַף דעם, טאַטע, צוויי טעמים: ביז דעם טאָג, ווען די יידן האָבן באַקומען די תורה, האָבן זיי געמעגט עסן פלייש פון בהמות, וואָס מ'האָט נישט געשאָכטן לויט דעם דין. אָבער ווי נאָר די יידן האָבן באַקומען די תורה, האָבן זיי מער נישט געטאָרט עסן קיין פלייש אָן שחיטה. די אָנגעגרייטע פליישיקע מאכלים זענען דעריבער געוואָרן טריפה. נאָר די ווייבער האָבן זיך באַלד געגעבן אַן עצה און האָבן אַף גיך צוגעגרייט מילכיקע עסנס. נאָר פאַר מיר אַליין, טאַטע, איז גענוג דער טעם, וואָס דער מאַמעס מילכיק־געבעקס איז געשמאַק."

דער כלב מאַכט תמיד טריפה

ר' יעקב דוד סלוצקער איז אַמאָל מיט יאָרן צוריק געווען אַף אַ באַזוך אין אַמעריקע. האָט ער זיך אַף אַן אסיפה אין ניו יאָרק באַגעגנט מיט אַ האַלב־רעפאָרמירטן ראַבאַי, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ וואויל־קענעוודיקער אין וועלט־לעכע ענינים, איז ער אָבער געווען אַ גאַנץ קנאַפּער למדן.

אָט דערדאָזיקער ראַבאַי האָט זיך געהאַלטן האָפערדיק קעגן ר' יעקב דודן, דעם פאַרצייטיקן היימישן רב, וואָס אין וועלטלעכע חכמות איז ער נישט געווען אַזוי שטאַרק באַהאַוונט.

אַז ר' יעקב דוד איז מיט אים אַריין אין אַ שמועס, זעט ער, אַז דער ראַבאַי הינקט נעבעך אונטער אין תורה. פרעגט ער אים: „וואָס טוט איר, אַשטייגער, אַז מע קומט אייך פרעגן אַ שאלה וועגן כשר און טריפה?"

„מאַך איך טריפה," זאָגט דער ראַבאַי קורץ.

אַז ר' יעקב דוד הערט אַזאַ ענטפער, מאַכט ער צו אים: „וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה־שהיה: אין אַ דאָרף האָט געוואוינט אַן אַרענדאַר. ווינטער האָט דער אַרענדאַר געשאָכטן געגנז אַף שמאַלץ, ווי דער שטייגער איז אָפּן ישוב. האָט זיך אים אָבער אָפּט געמאַכט אַ שאלה, און ער האָט געמוזט שפּאַנען פערד און וואָגן און פאָרן אין שטאָט אַריין צום רב, פרעגן די שאלה.

„מאַכט זיך, אַז צו דעם אַרענדאַר אין קרעטשמע איז אַמאָל פאַרפאָרן אַ ייד, אַביסל אַ פרייער, און צו דערצו—אַ שטיקל לץ. צערעדט זיך מיט אים דער אַרענדאַר און קלאָגט זיך פאַר אים, אַז דעם ווינטער מאַכן זיך אים אַ סך שאלות,

און דאָס פאַרן איטלעכס מאָל אין שטאָט אַריין צום רב, קומט אים אָן זייער שווער. ‚איך האָב פאַר אייך אָן עצה׳, זאָגט דער אורח. אין דער תורה שטייט געשריבן: ‚לכלב תשליכון אותו—פאַר דעם הונט זאָלט איר דאָס וואַרפן.׳ דאָס הייסט, אַז טריפות געהערט דעם הונט. פון היינטמאָל אָן, אַז סע וועט זיך אייך מאַכן אַ שאלה אַף אַ גאַנז, נעמט און לייגט זי אַוועק פאַרן הונט. וועט ער עסן, איז אַ סימן, אַז זי איז טריפה. אויב אָבער ער וועט זי נישט עסן, איז אַ סימן, אַז זי איז כשר.

„דער אַרענדאַר האָט זיך דערפרייט: פטור געוואָרן פון אַן אַרבעט, פאַרן אַלע־מאָל אין שטאָט אַריין! אַז די תורה אַליין זאָגט אַזוי!

„אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך געמאַכט אַ שאלה אַף אַ גאַנז. נעמט דער אַרענדאַר און לייגט אַנידער די גאַנז פאַרן כלב, און ער מיט זיין בני־בית שטעלן זיך אַרום, צו זען, צי וועט דער כלב זיך צורירן צו דער גאַנז, צי נישט. דער הונט שאַרט זיך צו, באַשמעקט די גאַנז פון אַלע זייטן, כאַפּט אַ קוק אַף די מענטשן אַרום, און רירט די גאַנז נישט אָן. ‚כשר, ס׳איז כשר!׳ איז געוואָרן אַ שמחה ביי די מענטשן. און מ׳האָט די גאַנז אָפּגעקאָכט און אויפגעגעסן.

„בּיסלעכווייז האָט זיך דער הונט צוגעוואוינט צום עולם אַרום, און יעדע גאַנז, וואָס מ׳האָט פאַר אים אַנידערגעלייגט, האָט ער אויפגעפרעסן, אַפילו קיין ביינדל נישט איבערגעלאָזט.

„דער אַרענדאַר האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ס׳איז ווייטער שלעכט. און אַז ס׳האָט זיך נאָך דעם ווידער געמאַכט אַ שאלה, האָט ער זיך שוין נישט פאַרלאָזט אָפן כלב, נאָר איז געפאָרן אין שטאָט אַריין, צו פרעגן דעם רב.

„געקומען, פרעגט אים דער רב, פאַרוואָס מ׳האָט אים אַזאַ צייט נישט געזען. ‚שעכטסטו נישט מער קיין גענז, און מאַכט זיך נישט אַמאָל אַ שאלה?׳

„זאָגט דער אַרענדאַר: ‚אַדרבא, רבי, איך שעכט גראָדע יאָ געגנז און סע מאַכן זיך אויך שאלות. נאָר ביז אַהער האָט דער כלב מיינער געפּאַסקנט.

‚נו, און איצט?׳ וויל דער רב וויסן.

‚יאָ, רבי,׳ קלאָגט זיך דער אַרענדאַר, ‚נאָר דער כלב מאַכט תמיד טריפה!׳.״

דעם רביס ברכות זענען גוט, נאָר די גויים ווייסן נישט פון זיי

דער רבי ר׳ ישראלציע און דער רבי ר׳ משה דן, פון דער טשערנאָבילער גזע, זענען געווען ברידער. נאָך דער פּטירה פון זייער פאָטער, דעם רבי ר׳ איציקל פון סקווירע, האָט ר׳ ישראלציע, דער עלטערער פון די צוויי ברידער, אָנגעהויבן צו פירן דאָס רבנות, און צו אים זענען געפאָרן די מערסטע פון די געהויבענע חסידים. דער רבי ר׳ משה דן, דער יינגערער ברודער, האָט געפירט טיש פאַר זיך, און ער האָט צוגעצויגן דעם פּראָסטן עולם.

אין יענע צייטן, אין די צייטן פון צאַר, האָט זיך געפירט אין רוסלאַנד, אַז ווען אַ יונגערמאַן האָט זיך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער, איז ער געקומען צום רבי בעטן אַ ברכה, אַז מע זאָל אים נישט אָפּגעבן אין דינסט. האָט זיך גראָדע דע־מאָלט אַזוי געמאַכט, אַז כמעט אַלע יונגעלייט, וואָס זענען געקומען צו ר׳ ישראל־

ציען, האָט מען אָפּגעגעבן פֿאַר זעלנער, צו דינען פּאַניען, און כמעט אַלע, וואָס זענען געקומען צו ר׳ משה דן, האָט מען באַפֿרייט פֿון דינסט.

ר׳ ישראַלציעס חסידים האָבן איבערגערעדט וועגן דעם. זיי האָבן זיך דאָס גענומען צום האַרץ און האָבן זיך געפֿילט געפֿאַלן. „עפּעס איז נישט גלאַט,״ האָבן זיי געטענהט. און ס׳איז געבליבן, אַז איינער פֿון זיי זאָל רעדן וועגן דעם מיטן רבי.

דעמאָלט האָט איינער פֿון די מקורבים, אַ געהויבענער חסיד, זיך אונטער־געגאַרטלט און זיך אָנגענומען מיט האַרץ און איז אַריינגעגאַנגען צום רבי, זיך דורכשמועסן: „סטייטש, וואָס קאָן דאָס מיינען, וואָס כמעט אַלע יונגעלייט, וואָס קומען צום רבי נאָך אַ ברכה, גיט מען אָפּ צו דינען פּאַניען? זענען, חלילה, דעם רביס תפֿילות נישט אָנגענומען ביים אייבערשטן? אָדער האָט דער רבי נישט קיין זכות־אָבות, חלילה, פּונקט ווי זיין ברודער, דער רבי?״

אַט אַזעלכע האַרבע קשיות האָט דער חסיד געשטעלט.

דער רבי ר׳ ישראַלציע הערט אים אויס און ענטפֿערט: „איך וועל דיר זאָגן, די גאַנצע זאַך איז נישט געווענדט אָן מיינע ברכות. ס׳האָט אויך גאָרנישט ניט צו טון מיט מיינע תפֿילות און מיט מיינע זכות־אָבות. נאָר וואָס קען איך טון, וואָס כמעט אַלע קראַנקע און געמוטשעטע פֿאָרן צו אים, צו מיין ברודער? פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען זיי גייען זיך שטעלן, נעמט מען זיי נישט צו. און כמעט אַלע געזונטע קומען צו מיר. און די דאָקטוירים, די גוים, וויסן נישט פֿון מיינע ברכות, און ווילן זיי נישט באַפֿרייען.״

מע מעג זיך אַמאָל אויספּיינען

צו דעם רבי ר׳ חיים סאַנדזער נאָך דער חתונה איז געקומען אַ ייד—אַ חשוך בנים, אַ קינדערלאָזער. ער האָט געגעבן דעם רבי אַ קוויטל און געבעטן, אַז דער רבי זאָל פֿאַר אים מתפּלל זיין, אַז ער זאָל האָבן אַ קינד.

אין שטוב איז דעמאָלט געזעסן די יונגע רביצין און האָט זיך צוגעהערט.

דער רבי נעמט דאָס קוויטל און זאָגט צום ייד: „גיב מיר הונדערט גולדן.״

„איך וועל אייך גלייך ברענגען, רבי,״ זאָגט דער ייד און גייט אַוועק.

די רביצין זיצט און וויל זען ווי איר מאַן קען פֿאַרדינען הונדערט גולדן. סע דויערט נישט לאַנג, און דער ייד ברענגט דאָס געלט און דערלאַנגט דעם רבי. נאָר דער רבי וויל עס נישט נעמען. פֿרעגט דער ייד: „פֿאַרוואָס, רבי?״ ער האָט געמיינט, אַז דער רבי האָט חרטה געהאַט און וויל אים נישט בענטשן מיט קיין קינד.

„איך וועל דיר דערציילן,״ זאָגט דער רבי. „שלמה המלך, וואָס האָט פֿאַר־שטאַנען דאָס לשון פֿון אַלע פֿייגל און חיות, האָט אַמאָל געהערט ווי אַ פֿייגעלע זאָגט צו אַ צווייטן פֿייגעלע: „דו זעסט דעם גרויסן פּאַלאַץ פֿון דעם מלך שלמה? אַז איך וויל—קען איך אים איבערקערן מיט איין פֿיסל.״ שמייכלט שלמה המלך און פֿרעגט דאָס פֿייגעלע: „ווי קומסטו צו זאָגן אַזאַ זאַך? דער גרעסטער גיבור וואָלט נישט געקענט איבערקערן דעם פּאַלאַץ.״

דאָס פֿייגעלע האָט זיך דערשראָקן און זאָגט: „אדוני קעניג, דאָס פֿייגעלע דאָ איז מיין פּאָר. האָב איך מיך געוואָלט אַרויסשטעלן און אויספּיינען פֿאַר מיין ווייב.״

און דער רבי פירט אויס: „מיט מיר איז דאָס אייגענע. איך האָב מיך געוואָלט אויספּיינען און ווייזן מיין ווייב, אַז איך קען אין איין מינוט פאַרדינען הונדערט גולדן. נאָר איצט נעם דאָס געלט און זאָל דער אייבערשטער דיך בענטשן מיט אַ קינד."

ר' חיימל סאַנדזער, זיין זון און דער חסיד

דער רבי ר' חיימל סאַנדזער איז געווען אַ גרויסער נדבן. וויפיל געלט ס'איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער עס צעטיילט און אַוועקגעגעבן.

איינמאָל קומט צו אים אַ ייד, אַ חסיד, און קלאָגט זיך פאַר אים: ער דאַרף פירן אַ טאָכטער צו דער חופּה, האָט צוגעזאָגט נדן, און קען נישט סילוקן.

ר' חיימל הערט אים אויס, פרעגט זיך פונאַנדער ווער ס'איז דער חתן, און וויפיל נדן ער האָט צוגעזאָגט, און ווען סע דאַרף זיין די חתונה. נאָך דעם הייבט ער זיך אויף, גייט אַריין אין אַ צווייטער שטוב און ברענגט אַרויס אַ זעקעלע געלט. ער דערלאַנגט דאָס זעקעלע דעם חסיד, ווינטשט אים, אַז ס'זאָל זיין מיט מזל און הייסט אים פאָרן געזונטערהייט אַהיים.

אַז דעם רביס זון, ר' ברוכל, איז שפּעטער געוואָר געוואָרן פון דעם, איז ער אַריין צום פאָטער אין שטוב מיט אַ געוואַלד: „סטייטש, וואָס הייסט, דער טאַטע טוט אַזאַ זאַך? ער האָט אויך אַ דערוואַקסענע טאָכטער, וואָס מע דאַרף פירן צו דער חופּה, און ער דאַרף אויך געבן נדן, און האָט נישט. און דאָ נעמט דער טאַטע און גיט אַוועק דאָס גאַנצע געלט!"

ר' חיימל באַרואיקט אים און זאָגט: „דו, מיין זון, אַז דו וועסט דאַרפן סילוקן דעם נדן, וועסטו אַרויספאָרן צו חסידים אין עטלעכע שטעטלעך, און דער אייבער־שטער וועט העלפן. מע וועט דיך אָן נדן נישט לאָזן אַהיימפאָרן. נאָר דערדאָזיקער ייד, אַז ער וועט פאָרן און זאָגן, אַז ער דאַרף נדן פאַר זיין טאָכטער, ווער וועט אים געבן?"

ווי אַזוי מע קען דערקענען אַ מענטש

צום רבי ר' חיימל סאַנדזער איז אַמאָל געקומען זיינער אַ חסיד, טאַקע פון די סאַמע נאָענטע חסידים. אַ ייד—אַ גוטבאַזיצער, אַ גביר אַדיר.

געקומען—וויל אים ר' חיימל נישט געבן קיין שלום. ער וויל אים בכלל נישט מער פאַר קיין מקורב, זאָגט ער. ער קען זיך פאָרן צוריק אַהיים, זאָגט אים דער רבי.

דער חסיד ווערט מבולבל: „סטייטש, רבי?"

נאָר דער רבי מאַכט עס בקיצור: „ער וויל אים נישט, ווייל ער פירט זיך נישט אין רעכטן דרך."

דער חסיד שטייט נאָך אַלץ מבולבל. ער פאַרשטייט נישט וואָס דער רבי מיינט. ער וויל רעדן, איבערפרעגן, נאָר ער קען עפּעס נישט.

אַז דער רבי זעט זיין פאַרלוירנקייט, ווערט ער שוין ווייכער און זאָגט: „מ'האָט אים דערציילט, אַז דער חסיד גייט אַרויס אין פעלד אין אַ גויאיש היטל אָפן קאָפּ."

דער חסיד קוקט מיט פרעגנדיקע אויגן און שווייגט. ער פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט, וואָס דער רבי מיינט.

און דער רבי רעדט ווייטער: „דו ביסט דאָך געווען אין טורמע. האָסטו דאָך אוודאי געזען דאָרט ביי אַ סך טירן שילדלעך מיט אַלערליי געמעלעכצן. אַט הענגט איבער אַ טיר אַ שילדל מיט אַ שטיוול. וואָס מיינט עס? אַז אינעווייניק וואוינט אַ שוסטער. און אָט איז אַ שילדל מיט אַ שליסל און אַ שלאָס אַף אים. וואָס מיינט דאָס? אַז אינעווייניק איז אַ שלאָסער. און איבער אַן אַנדערער טיר—אַ שילדל מיט אַ שער און פּרעסל. אַ סימן, אַז אינעווייניק איז אַ שניידער. היינט, אַז אַ ייד טוט זיך אָן אין אַ גויאיש היטל, אין אַ קאַשקעט, וואָס קאָן דאָס מיינען? אַז אינעווייניק אין אים, איז...״

דער רבי ר׳ חיימל האָט נישט געענדיקט. נאָר דער חסיד האָט שוין פאַר־שטאַנען, און ער האָט מער זיין קאַפּעליטש נישט פאַרביטן.

פאַרוואָס ר׳ חיים סאַנדזער האָט געאַסרט מאַשין־מצות

מיט יאָרן צוריק, ווען מ׳האָט אין פוילן אָנגעהויבן באַקן מאַשין־מצות, איז צווישן רבנים געוואָרן אַ שאלה, צי דידאָזיקע מצות זענען כשר לפסח. טייל רבנים האָבן געפּסקנט, אַז די מאַשין־מצות זענען כשר, און זיי האָבן מתיר געווען, אַז יידן מעגן זיי נוצן אַף פּסח. אַנדערע האָבן געפּסקנט, אַז די מצות זענען חמצדיק, און זיי האָבן זיי געאַסרט, אַז מע טאָר זיי נישט נוצן.

צווישן די רבנים, וואָס האָבן געאַסרט די מאַשין־מצות, איז געווען ר׳ חיים סאַנדזער. ער האָט זיך געהאַט זיין טעם, פאַרוואָס מע טאָר די מצות נישט נוצן, און ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די רבנים, וואָס האָבן מתיר געווען צו נוצן די מאַשין־מצות. פרעגט מען אים, פאַרוואָס ער איז אַזוי קעגן דעם, אַז יידן זאָלן נוצן די מאַשין־מצות. זאָגט דער סאַנדזער: „איך וועל אייך ענטפערן. סע קאָן זיין, אַז לויט די פּסחדיקע דינים זענען די מאַשין־מצות כשר, און יידן מעגן זיי יאָ נוצן אַף פּסח. נאָר היות די מאַשין־מצות וועלן צונעמען די פּרנסה ביי הונ־דערטער אָרימע יידן, זענען זיי דעריבער אָסור, און מע טאָר פון זיי נישט הנאה האָבן.״

ער וויל אים נישט פאַרשעמען

די צאַרישע רעגירונג האָט אַמאָל צוזאַמענגערופן באַרימטע רבנים און גרויסע יידישע פירער קיין פּעטערבורג, צו באַראָטן זיך מיט זיי וועגן יידישע ענינים. ביי דער פאַרזאַמלונג האָט דער מיניסטער באַמערקט ביי איינעם פון די עלטערע רבנים אַרויסשטעקן די ציצית.

דער מיניסטער האָט זיך געחידושט און געוואָלט וויסן וואָס דאָס זענען פאַר אַ ווייסע, לאַנגע טראָלדן ביים רב. בייגט ער זיך צו צו דעם יונגן רעפאָרמירטן ראַבינער, דר. ליליענטאַל, וואָס איז געזעסן לעבן אים, און פרעגט אים, צי ער טראָגט אויך אַזעלכע טראָלדן. נאָר דער ראַבינער האָט נישט געהאַט וואָס צו ווייזן, ווייל ער האָט קיין ציצית נישט געטראָגן.

ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער, ר׳ חיים וואָלאָזשינערס זון, וואָס איז אויך געזעסן

אויבן־אָן לעבן דעם מיניסטער, האָט דאָס באַמערקט און געזען דעם ראַבינערס פֿאַרלעגנהייט. רופֿט ער זיך אָן און זאָגט: „האַרעלע מיניסטער, דאָס זענען ציצית, וואָס האָבן אין זיך די אייגנשאַפֿט, אַז מע קוקט אַף זיי, דערמאָנען זיי אונז אין גאָטס געבאָטן. ווי די תורה זאָגט: ,און איר וועט דאָס זען, און זיי געדענקען׳. דער ראַבינער איז אַ יונגער געבילדעטער מענטש מיט אַ גוטן קאָפּ אַף זיך, דאַרף ער נישט קיין ציצית, אַז ער זאָל זיך דערמאָנען אין גאָטס געבאָטן. נאָר מיר, עלטערע, יידן, וועמעס זכרון איז שוין שוואַך און דינט נישט אַזוי, מוזן טראָגן ציצית, אַז זיי זאָלן אונז שטענדיק דערמאָנען אין גאָטס געבאָטן.״

ווי אַזוי אַ ייד—אַ חסיד, זעט אויס אָן אַ באָרד

אַ חסיד, אַ סוחר, וואָס האָט געפֿירט מסחרים מיט אויסלאַנד, איז פֿון יאָר צו יאָר געוואָרן רייכער און מער נגיד. און אַזוי ווי אים איז אויסגעקומען צו זיין אַ פּאָר מאָל אין יאָר אין דער קעניגלעכער שטאָט ווין, און אין לייפּציג, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן קירצן זיינע פּיאות און אָרומשערן זיין באָרד, ביז ער האָט זיי אין גאַנצן אַראָפּגענומען.

נאָר כאָטש אַ גלוח, אַ געגאָלטער, איז ער ווייטער געפֿאָרן צום רבי איין מאָל אַ יאָר, אַף יום־טוב, ווי זיין רגילות איז אַלעמאָל געווען.

אַז דער רבי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען אָן באָרד און פּאות, מיט אָן אָפּגעפּרעסן פּנים, האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געשוויגן.

דער חסיד האָט פֿאַרשטאַנען דעם רביס שווייגן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרענטפֿערן. ער האָט גענומען דערציילן דעם רבי וואָס פֿאַר אַ גרויסע געשעפֿטן ער פֿירט מיט אויסלאַנד, און מיט וואָס פֿאַר אַ שררות ער באַגעגנט זיך און האָט צו טון, האָט ער דעריבער געמוזט בייטן אַביסל זיין הלבשה, זיין קליידונג, און אַראָפּנעמען די באָרד און פּאות.

דער רבי האָט אים גוט אויסגעהערט, הייסט אים, אַז ער זאָל זיך זעצן, און הייבט אָן רעדן: „איך וויל דיר עפּעס דערציילן,״ זאָגט דער רבי. „דו ווייסט דאָך אַוודאי וואָס אַ מענטש טוט, אַז ער האָט אַ גאָרטן. כדי צו פֿאַרהיטן דעם גאָרטן פֿון שאָדן, מאַכט ער אַרום אים אַ גדר, אַ צוים, אַז קיין חזירים זאָלן נישט אַריין אַהין. וואָרן אַ גאָרטן, אַז ער האָט נישט קיין גדר אַרום, זעען זיך אָן אין אים די חזירים. אַזוי איז אויך מיט אַ פּנים. דו פֿאַרשטייסט, אַ פּנים איז ווי אַ גאָרטן. און די באָרד—דאָס איז דער גדר אַרום דעם גאָרטן. אַז מע נעמט אַראָפּ די באָרד און פּאות—זעט זיך באַלד אָן דער חזיר אָפֿן פּנים.״

דער יונגערמאַן און דער רבי

דער רבי ר׳ אברהם מלאך, דעם טשאָרטקעווער רביס זיידע, איז אַמאָל גע־קומען צו גאַסט צו זיין שווער.

אַז די לומדים אין שטאָט האָבן געהערט, אַז ר׳ אברהם מלאך איז געקומען,

זענען זיי אַוועק, אים מקבל פּנים צו זיין און צו הערן אַ תורה־וואָרט פון זיין הייליקן מויל. נאָר בשעת זיי זענען געווען ביי אים, האָט זיך דער רבי אויפגע־הויבן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער און געקוקט אַפן הויכן באַרג אַנטקעגנאיבער.

צווישן עולם איז געווען אַ יונגערמאַן, אַ גביריש קינד, אַ מתנגד אַפּנים. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס דער רבי לאָזט שטיין דעם עולם און קוקט אַרויס צום באַרג, קען ער זיך נישט איינהאַלטן, גייט צו צום רבי און זאָגט מיט עזות: „רבי, וואָס קוקט איר אַזוי לאַנג אַפן באַרג? איר האָט קיינמאָל קיין באַרג נישט געזען?"

דער רבי קוקט אים אָן און זאָגט: „איך קוק ס'אַ חידוש, ווי אַזוי אַ פּראָסט שטיק ליים האָט געקענט אַזוי געשוואָלן ווערן פון גאווה, ביז ס'איז געוואָרן אַזאַ הויכער באַרג!"

דער יונגערמאַן האָט שוין מער גאָרנישט ניט געזאָגט.

דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ און דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק

דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ איז אַמאָל געקומען צום רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק און האָט געוואָלט ווערן ביי אים אַ תלמיד. האָט דער רבי ר' אלימלך נישט געוואָלט. ער האָט געזאָגט: „איך וויל דיך נישט, ווייל דיין טאַטע איז געווען אַ רוצח."

פאַרשטייט נישט דער רבי ר' נפתלי און וואונדערט זיך: „מיין טאַטע, דער לינסקער רב און איידעם פון ר' איציקל האַמבורגער—אַ רוצח?"

„יאָ," זאָגט דער רבי ר' אלימלך, „אַ רוצח." און ער דערציילט: „ווען איך און מיין ברודער, דער רבי ר' זישאַ, האָבן אָפּגעריכט גלות, האָבן מיר ביים סוף פון צוויי יאָר אַרומוואָגלען באַשלאָסן, אַז ס'איז גענוג. ס'איז צייט צו גיין אַהיים. זענען מיר געגאַנגען. אַפן וועג קומען מיר קיין לינסק. זענען מיר אָפּ־געריסענע, אָפּגעשליסענע אַריין צום לינסקער רב נאָך אַ נדבה. דער רב האָט געגעבן מיר אַ מטבע אין דער האַנט, און דעם ברודער אַ מטבע אין דער האַנט.

„אַז מיר זענען אַרויס אין דרויסן, איך עפן די האַנט—זע, אַ גילדענע מטבע. מיין ברודער עפנט די האַנט, גיט אַ קוק—אויך אַ גילדענע מטבע. מיר זענען זיכער געווען, אַז דער רב האָט געהאַט אַ טעות. אַנשטאָט צו געבן אונז צו קאָפּערנע מטבעות, האָט ער אונז געגעבן צו רענדלעך. זענען מיר אַריין צוריק צום רב און מיר האָבן אים צוריקגעגעבן די צוויי רענדלעך: „רבי", האָבן מיר אים געזאָגט, „איר האָט זיכער געהאַט אַ טעות." זאָגט דער לינסקער: „ניין. ס'איז נישט קיין טעות. עץ (איר) מיינט, אַז עך (איך) ווייס נישט ווער עץ זענט? נאָר עך וויל ענק (אייך) זאָגן, אַז ווען עך וואָלט צוויי יאָר אָפּגעריכט גלות, וואָלט עך דערגרייכט אַ העכערע מדרגה."

געהערט אַזאַ זאַך, זענען מיר אַוועק אַף נאָך אַ יאָר, אָפּצוריכטן גלות.

נישט צו שטיל, נאָר צו הויך

ביים טשאָרטקעווער רבי אין הויף האָט מען זיך געפירט מלכותדיק, מיט שטאָט, ווי אין אַלע הויפן פון דעם ריזשינערס קינדער. אַז דער רבי ר׳ דוד משהלע האָט געזאָגט תורה, האָט ער גערעדט געוויכטיג, נאָר שטיל, בנעימות. חסידים האָבן געמוזט גוט צובייגן אַן אויער, צו הערן וואָס דער רבי זאָגט.

איינמאָל, נאָך טיש, גייען צוויי חסידים אַרויס פון דעם רבי׳ס שטוב און שמועסן. פרעגט איינער: „דו האָסט גוט געהערט דעם רבי׳ס תורה?״

זאָגט דער אַנדערער: „ניין, ער האָט נישט געקענט כאַפּן, ווייל דער רבי האָט גערעדט צו שטיל.״

„איך רעכן,״ זאָגט דער ערשטער חסיד, „אַז מ׳האָט נישט געקענט כאַפּן, ווייל דער רבי האָט גערעדט צו הויך.״

אָדער מ׳איז, אָדער מ׳איז נישט

דער בלאָזשעווער רבי און דער סטאָלינער רבי זענען אַמאָל געוועזן אונטער־וועגנס צוזאַמען. דער בלאָזשעווער האָט זיך אָפּן גאַנצן וועג געפירט ווי חסידישע רבי׳ס פירן זיך געוויינלעך. ער האָט געהאַט מיט זיך זיין גבאי, און אַז מ׳האָט געדאַרפט עפּעס באַזאָרגן, איז געגאַנגען דער גבאי און האָט באַזאָרגט, און געזען, אַז אַלץ זאָל זיך פירן ווי סע באַדאַרף צו זיין. דער סטאָלינער האָט זיך שוין גע־פירט אביסל היינט־מאָדיש. דהיינו: ער איז געפאָרן אָן אַ באַגלייטער און אָן אַ גבאי.

אַז ס׳איז געקומען צו אַ באַנהויף און מ׳האָט באַדאַרפט קויפן בילעטן, איז דער גבאי פון דעם בלאָזשעווער צוגעגאַנגען צום פענסטערל און האָט געקויפט פאַרן רבי אַ בילעט און פאַר זיך אַ בילעט. נאָר דער סטאָלינער איז דאָך געפאָרן אָן אַ גבאי, איז ער אַליין צוגעגאַנגען צום פענסטערל און האָט זיך געהייסן געבן אַ בילעט. אַז דער בלאָזשעווער זעט דאָס, זאָגט ער צו אים: „היתכן, סטאָלינער רבי? ווי פאַרט מען דאָס אָן אַ גבאי און מע שטופּט זיך מיטן עולם, צו קענען קויפן אַ בילעט?״

ענטפערט דער סטאָלינער: „ביי מיר אין דער היים, בלאָזשעווער רבי, בין איך רבי, נאָר אַז איך פאָר אונטערוועגנס, בין איך אויס.״

קוקט אים אָן דער בלאָזשעווער און זאָגט: „סטאָלינער רבי, אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך אויס, האָט זיך קיינמאָל נישט אָנגעהויבן.״

וואָס איז אַ רבי?

דער גאָרליצער רבי, ר׳ ברוכל האַלבערשטאַם, האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַ גלייכוווערטל, מאַכן אַ שפּאַס. האָט ער זיך געפירט, אַז פאַר פורים האָט ער אַליין אַכטונג געגעבן ווי אַזוי די חסידים זאָלן זיך פאַרשטעלן.

דערנאָך, אַז ס׳איז געקומען פורים, האָט ער אַליין געהאָלפן יעדן איינעם איבערטון זיך פאַר אַ פורים־שפּילער: איינעם האָט ער אָנגעטון פאַר אַ קוימענ־קערער, אַ צווייטן האָט ער פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטן קאָזאַק, און אַ דריטן האָט

ער אָנגעטון ווי אַ יידענע. אַזוי האָט ער יעדן פון זיינע נאָענטע חסידים פאַר־שטעלט פאַר עפּעס אַנדערש.

פרעגט אים אַמאָל אַ חסיד: „רבי, פאַרוואָס פאַרשטעלט איר נישט עמיצן פאַר אַ רבי?"

ענטפערט אים ר' ברוכל: „וואָס איז דען דאָ צו פאַרשטעלן איינעם פאַר אַ רבי? וואָס איז אַ רבי? ער גייט אין קורצע הויזן, ווייסע זאָקן און אין אַ ווייסן זיידענעם כאַלאַט מיט אַ ספּאָדעק אַפן קאָפּ. נו, אַז איינער וועט זיך אַזוי אָנטון, וועט ער דאָך טאַקע זיין אַ רבי, און נישט קיין פורים־פאַרשטעלער."

*

דערזעלבער ר' ברוכל האָט אַמאָל געהערט ווי איינער זאָגט, אַז די דריי אותיות פון ר ב י מאַכן: ראש בני ישראל, אַ רבי איז אַ פירער פון יידן.

„יאָ", זאָגט ר' ברוכל, „נאָר די אותיות מאַכן אויך: רע בעיני ה', אַ רבי זעט אויס שלעכט אין גאָטס אויגן."

*

גאָרליץ, האָט דער רבי ר' ברוכל ליב געהאַט צו זאָגן, איז גור לץ, די וואוי־נונג פון אַ לץ.

ר' מאירל פּרעמישליאַנער און ר' ישראלציע פון ריזשין

דער רבי ר' מאירל פּרעמישליאַנער און דער רבי ר' ישראלציע פון ריזשין זענען עד־היום באַקענט צווישן יידן חסידים איבער דער גאַנצער וועלט.

אויסערלעך האָבן זיך די צווי רביים געפירט פונקט פאַרקערט איינער פון דעם אַנדערן: ר' ישראלציע האָט זיך געפירט רייך אוןברייט ווי אַ שררה, און איז געפאָרן אין אַ לאַקירטער קאַרעטע געשפּאַנט מיט צוויי טייערע פערד. ר' מאירל ווידער האָט זיך געפירט זייער באַשיידן, און איז געפאָרן אין אַ פּראָסט וועגעלע מיט איין פערדל. ווייל וויפיל געלט ס'איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער עס צעטיילט אַף צדקה.

מאַכט זיך אַמאָל אין אַ שיינעם זומערטאָג, אַז ר' מאירל און ר' ישראלציע פאָרן אַפן וועג הינטער דער שטאָט און באַגעגענען זיך. זיי האָבן זיך באַלד אָפּ־געשטעלט, האָבן זיך געגעבן שלום און גערעדט איינער מיט דעם אַנדערן. צום סוף גייט צו ר' מאירל צום ריזשינערס קאַרעטע, באַקוקט זי און באַטראַכט די פּאָר פערד און זאָגט: „ריזשינער רבי, אַז מע פאָרט מיט אַזעלכע צוויי סוסים, און דער אָנטרייבער פאַרטראַכט זיך אין וועג, איז איידער מע קוקט זיך אַרום, קענט איר, חלילה, פאַרפאָרן אין אַ בלאָטע."

ענטפערט דער ריזשינער: „אַז מיין אָנטרייבער זאָל, חלילה, פאַרבלאָנדזען און פאַרפאָרן אין אַ בלאָטע, איז ווי נאָר מע גיט אַזעלכע סוסים אַ טרייב, בין איך שוין צוריק אַפן גלייכן וועג. נאָר אַז ר' מאירלס אָנטרייבער זאָל זיך פאַרקוקן און פאַרפאָרן, חלילה, אין אַ בלאָטע, וועט ר' מאירלען זיין זייער שווער אַרויסצוקריכן פון איר."

זאָגט דער פּרעמישליאַנער: „אמת, ריזשינער רבי. נאָר אַז מע פאָרט מיט אַזאַ אָרים פערדל ווי מיינס, איז ר' מאירל שטאַרק געהיט אַף זיין וועג."

ר׳ מאירל האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן וועגן זיך און זאָגן: „בישט אין אַלע גערטנער וואַקסן אַזעלכע מייערלעך.״

באַמערקונג: דאָס איז אַ שפּיל פון וואָרט: מאיר—מייערל. אין גאַליציע האָט מען נישט געזאָגט מער, מערל, נאָר מייער, מייערל.

ס׳איז דאָ אַ זין און אַ טעם פֿאַר יעדער זאַך אין לעבן

דער בישאָף פון ווילנע האָט אַמאָל געשיקט רופן צו זיך דעם שטאָטישן דיין און האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן בלוט־בילבול אַף יידן. ער האָט אים געפרעגט: „סע שטייט דאָך געשריבן, אַז אייער גאָט האָט אייך ליב. פאַר־וואָס דערלאָזט ער, אַז אַ וועלט מיט קריסטן זאָל גלויבן, אַז יידן באַנוצן זיך מיט קריסטלעך בלוט און טוען עס אַריין אין די מצות, בשעת די תורה האָט דאָך אייך שטרענג פאַרבאָטן צו נוצן בלוט?״

דער דיין גיט אַ טראַכט און ענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו נע־מען אַף זיך און ענטפערן אַף דערדאָזיקער פראַגע. ער האָט געזאָגט: „עס זע־נען דאָ יידן, גרעסערע פון אים. זאָל דער בישאָף זיך ווענדן צו דעם באַרימטן רב, ר׳ ישראל סאַלאַנטער. ער וועט אים זיכער קענען געבן די ריכטיקע תשובה.״

האָט דער בישאָף געלאָזט רופן צו זיך ר׳ ישראל סאַלאַנטער און האָט אים געפרעגט דיזעלבע פראַגע. זאָגט דער רב, אַז ער איז נישט צוגעגרייט צו ענט־פערן אַפן אָרט. און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים געבן עטלעכע טעג צייט, איבערצוטראַכטן די גאַנצע זאַך. דער בישאָף האָט אים באַוויליקט אַכט טעג צייט, און אים אָפּגעשיקט אַהיים.

אַז ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז געקומען אין זיין ישיבה, האָט ער דערציילט זיינע תלמידים וואָס דער בישאָף האָט אים געפרעגט.

הייבט זיך אויף איינער פון זיינע תלמידים, שמואל, אַ צען־יעריק בחורל, און זאָגט, אַז אויב מע וועט אים געבן אַ דערלויבעניש, וועט ער ענטפערן אַף דער פראַגע. ער האָט געזאָגט: „דער גלויבן פון קריסטן אין בלוט־בילבול איז אין זיי איינגעפלאַנצט געוואָרן מיט אַ זין. וואָס איז דער זין? אויב די קריסטן וועלן אַמאָל פרעגן ביי די יידן פאַרוואָס זיי גלייבן נישט אין נוצרי, אין יעזוסן, בעת אַזוי פיל פעלקער גלייבן יאָ אין אים, און די תורה זאָגט דאָך „אַחרי רבים להטות,״ אַז מע זאָל טון ווי סע טוט די מערהייט, דעמאָלט וועלן די יידן קענען ענטפערן: נישט תמיד האָט די מערהייט רעכט. אָט זעט איר דאָך: דער בלוט־בילבול אַף יידן איז ביי קריסטן אַן אָנגענומענער גלויבן, כאָטש איר ווייסט, אַז דאָס איז אַ בילבול, אַזוי איז אויך מיט דעם גלייבן אין יעזוסן!״

באַמערקונג: די תורה זאָגט: לא תהיה אחרי־רבים לרעות, ולא תענה על־ריב, לנטות אַחרי־רבים, להטות (משפּטים כג, ב)—דו זאָלסט נישט נאָכגיין נאָך דער מערהייט צום בייזן, און אין אַ קריג זאָלסטו נישט עדות זאָגן, כדי צו נייגן זיך נאָך דער מערהייט, צו פאַרבייגן (דעם משפּט). נאָר עמך נוצט די פראַזע אחרי־רבים להטות אין זין, אַז מע דאַרף טון ווי אַלע טוען. און אַף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיות. ס׳איז וויכטיק אין מעשהלע דער שנע־לער ענטפער אַפן אָרט, און נישט דער ריכטיקער פּשט. דאָס יינגל, וואָס האָט געגעבן דעמ־דאָזיקן קלוגן ענטפער, איז אויסגעוואַקסן איינער פון די גרעסטע רבנים, ר׳ שמואל סאַלאַנט, רב־הכולל פון ירושלים.

ער מאַכט יענעם קלאָר דעם חילוק מיט יענעמס אייגענעם לשון

ר' חיימקע בריסקער האָט זיך געפירט, אַז פאַרנאַכט, פאַר מנחה, איז ער זיך דורכגעגאַנגען אַביסל הינטער דער שטאָט. אַפּן וועג, אַז ער האָט עמיצן באַגעגנט, האָט ער יענעם אַנטקעגנגעטראָגן דעם „שלום עליכם".

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ווי ער גייט זיך אַזוי, קומט אים אַנטקעגן אַ פרעמדער ייד. זאָגט ער אים „שלום עליכם", און ער שטעלט זיך אָפּ און פרעגט אים: „פון וואַנען איז אַ ייד?" דער ייד האָט דעם בריסקער רב נישט געקענט, און צו דערצו איז ער זיכער געווען, אַז דאָס מוז זיין אַ שטיקל עובר־בטל. מחמת וואָס גיט ער אים עפּעס אַזאַ ברייטן „שלום עליכם"? און וואָס פרעגט ער אים מיצקע דערינען „פון וואַנען ער קומט?" ענטפערט ער מיט אַ חכמהלע: „איך קום פון אַ פאַרפאַלק, וואָס האָט געהאַט אַ גוט לעבן." און דערביי קוועלט ער אַן פון זיין שפּאַס. נו, מילא.

אַפּן אַנדערן טאָג באַווייזט זיך דערזעלבער ייד אין בית־מדרש און זאָגט, אַז ער איז אַ מגיד און וויל האַלטן אַ דרשה. זאָגט דער גבאי, אַז ער מוז אַריבערגיין צום רב, צו קריגן ביי אים רשות אַף דעם. אַזוי פירט זיך אין שטאָט. אַ מגיד מוז פריער קריגן פון דעם רב רשות צו רעדן אין בית־מדרש. גייט שוין דער ייד אַריבער צום רב. געקומען, האָט ער דעם רב נישט דערקענט, אַז ער האָט אים געזען ערשט נעכטן פאַרנאַכט. נאָר ר' חיימקע האָט אים יאָ דערקענט. און אַז ער הערט דעם יידס בקשה, זאָגט ער צו אים: „נו, אַז אַ מגיד וויל זאָגן אַ דרשה, זענט איר דאָך אַוודאי אַ ייד—אַ למדן. טאָ זאָגט מיר ר' מגיד, וואָס איז דער חילוק פון ש ר ץ ביז ש ק ץ (שייגעץ)?"

דער ייד האָט זיך געגומען דרייען און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. בעט ער זיך ביים רב: „רבי, נו, און אַז אַ ייד ווייסט נישט דעם חילוק צווישן די צוויי ווערטער, דאַרף מיין בני־בית, חלילה, ליידן דורך דעם?"

ענטפערט ר' חיימקע ווייך, בנעימות: „ר' מגיד, איך וועל אייך זאָגן דעם חילוק: אַ ש ר ץ קומט פון דר'ערד, און אַ ש ק ץ (שייגעץ) קומט פון אַ פאַרפאַלק."

דער ייד האָט אים דערקענט, און ער איז שטיין געבליבן ווי פאַרשטיינערט.

ר' יאָשע בער בריסקער און זיין אייניקל

ר' יאָשע בער בריסקער איז געווען גרויס אין תורה און גרויס אין עניוות. איטלעכן האָט ער נוהג־כבוד געווען.

איינמאָל באַמערקט ער, אַז זיין אייניקל משהלע, ר' חיימקעס זון, איז אַביסל געכאַפּט אין דער מידה פון גאווה. ער רימט זיך, אַז ער קען לערנען. דאָס איז ר' יאָשע בערן, דעם זיידע, נישט געפעלן. זאָגט ער אַמאָל צום אייניקל: „משהלע, דו זאָגסט, אַז דו קענסט לערנען. גוט. וויל איך דיך פאַרהערן. קום צו מיר שבת און זאָג פאַר מיר אַ שטיקל גמרא." און ער הייסט אים צוגרייטן זיך צו זאָגן דעם און דעם דף אין דער גמרא בבא קמא.

משהלע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן, אַז דער זיידע זאָל אים פאַרהערן. ער האָט גענומען איבערקוקן די גמרא מיטן תוספות און מיט די אַנדערע מפרשים, און זיך געגרייט גאַנצע טעג און נעכט צום פאַרהער.

ס׳איז געקומען שבת בייטאָג שטעלט זיך משהלע אַריין צום זיידע אין שטוב און נעמט זאָגן די גמרא. דערביי שטעלט ער קשיות און ברענגט תירוצים, ווי סע פאַסט זיך פאַר אַ גאונס אַן אייניקל. נאָר ר׳ יאָשע בער וואַרפט אָפּ זיינע קשיות מיט די תירוצים. ער באַווייזט אים, אַז זיינע קשיות זענען נישט קיין קשיות און די תירוצים זענען נישט קיין תירוצים, און דערביי שטעלט ער אים אַליין האַרבע קשיות.

משהלע פּרובירט אים פאַרענטפערן די קשיות, נאָר ר׳ יאָשע בער וואַרפט לייכט אָפּ זיינע תירוצים. ער ווייזט אים, אַז ער האָט זיך נישט מיט וואָס איבער־צונעמען און האַלטן גרויס. זאָגט דאָס אייניקל: „זיידע, וואָס קאָן איך טאָן, אַז דער זיידע קען אויך לערנען? צי דערפאַר זענען מיינע קשיות און תירוצים קיין קשיות ניט און קיין תירוצים ניט?״

דער קאָצקער ווייסט וואָס ער זאָגט

דער סאָכאַטשאָווער רבי, ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשאָווער, איז אַמאָל שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן. האָט מען געבראַכט צו אים דאָקטוירים, און ס׳האָט זיך געטון מעשים. אַז זיין פאָטער, דער ביאַלער רב, זעט, אַז קיין זאַך העלפט נישט, און אַז סע האַלט שמאָל, דעם זונס לעבן איז אין סכנה, הייסט ער שפּאַנען די קאַ־רעטע און פאָרט אַריבער צו זיין מחותן, דעם רבי ר׳ מענדעלע פון קאָצק. גע־קומען, מאַכט ער אַ געוואַלד: סטייטש, וואָס הייסט, וואָס שווייגט ער, דער קאָצקער רבי? מע דאַרף מתפלל זיין און איינרייסן הימלען, ר׳ אברהמעלע זאָל האָבן אַ רפואה און ווערן געזונט.

דערווייל האָט שוין דער ביאַלער רב גענומען אויסדערציילן וועגן זיין זון וואָס פאַר אַ טייערע כלי דאָס איז און וואָס פאַר אַ בקי און גאון. ער קען ש״ס אַף אויסנווייניק, און קען...

אַז דער מחותן, דער רבי ר׳ מענדעלע, הערט ווי דער ביאַלער רב לויבט אַזוי דעם אייגענעם זון ר׳ אברהמעלען, גיט ער זיך אַ שטעל אויף און טוט אַ געשריי: „ס׳איז נישט אמת, ביאַלער רב, מיין איידעם ר׳ אברהמעלע קען נישט לערנען. ער איז אַן עם־הארץ!״

דער ביאַלער רב איז געבליבן געפּלעפט. ער האָט נישט געכאַפּט וואָס דער קאָצקער מיינט מיט דעם. נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזעגנט, און די צוויי מחותנים האָבן איינער דעם אַנדערן צוגעוואונטשן, אַז זייער קינד ר׳ אברהמעלע, זאָל האָבן אַ רפואה־שלימה. ס׳איז אַריבער אַ שטיקל צייט און ר׳ אברהמעלע האָט זיך געשטאַרקט און איז אַראָפּ פון בעט.

איינמאָל זיצט ער אַזוי מיט זיין פאָטער, דעם ביאַלער רב, און מע שמועסט.

קומט צו רייד וועגן זיין שווער, דעם קאָצקער רבי. דערציילט אים דער פּאַטער, וואָס דער קאָצקער האָט געזאָגט אַף אים, אַז ער קען נישט לערנען און אַז ער איז אַן עם־הארץ.

„דער שווער איז געווען גערעכט," זאָגט ר' אברהמעלע.

„דהיינו?" וויל דער ביאַלער רב וויסן.

„זייער פּשוט," זאָגט ר' אברהמעלע. „ווי מיר ווייסן, דאַרף איטלעכע נשמה, וואָס קומט אַראָפּ אַף דער וועלט, דערפילן אַ שליחות אַף דעם עולם־התחתון. אַף מיין נשמה האָט מען אַרויפגעלייגט, אַז דער סאָכאַטשאָווער רבי זאָל זיין אַ גרויסער למדן, אַ גאון. נאָר אַז מיין שווער, דער קאָצקער, האָט געהערט, אַז מע לויבט מיך אַזוי, אַז איך בין אַ גאון, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיין נשמה האָט שוין מתקן געווען איר שליחות, און אַז מע וועט פּסקענען אויבן, אַז ס'איז צייט, זי צוריקצונעמען אין הימל אַריין. דעריבער האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד, אַז איך בין אַן עם־הארץ. מיין נשמה מוז דעריבער נאָך בלייבן אַף דער ערד, צו דערפילן איר שליחות."

ער איז שוין זיכער, אַז ער האָט דעם רבי געכאַפּט ביי אַן עוולה

אַ חסיד, אַ מקורב ביי דעם רבי ר' דודל טאַלנער, האָט צוגערעדט זיינעם אַ שכן, אַז ער זאָל מיט אים פאָרן אַמאָל צום רבי אַף אַ שבת. דער שכן, אַ שטיקל אַפּיקורוס, וואָס האָט קנאַפּ געהאַלטן פון רביים, האָט אָוועקגענומען די האַנט פון הארץ און האָט דעם חסיד צוליב געטון, און איז מיטגעפאָרן. גאַנץ שבת האָט זיך דער אַפּיקורוס צוגעקוקט צו די דרכים אין רביס הויף, און די פירונג האָט געמאַכט אַף אים אַ רושם. נאָר אַז ס'איז געקומען שבת־צו־נאַכט און די חסידים האָבן זיך גענומען פאַרווען ביים רבי, האָט ער באַמערקט אַ זאַך, וואָס האָט אַלץ קאַליע געמאַכט, און געלאָזט אַף אים אַ שווערן איינדרוק. וואָס איז דאָס געווען אַזיינס? ער האָט באַמערקט, אַז די אָרימע חסידים, עמך, נעמט דער רבי אויף און הערט זיי אויס אין שאַלאַש, דערפאַר אָבער, אַז סע קומט צו אַ גביר, אַ נגיד, נעמט ער אים אויף ביי זיך אין סאַליע, אָדער אין חדר־מיוחד.

דער אַפּיקורוס האָט איבערגערעדט וועגן דעם מיט זיין שכן, דעם חסיד. און דעם חסיד איז דאָס געווען אַ גרויס חידוש. ער האָט דאָס פריער גאָרנישט ניט באַמערקט. וואָרן אַ חסיד וועט אַפילו נישט קומען אַף דער דעה צו זוכן אַן עוולה ביים רבי. נאָר אַז דער אַפּיקורוס האָט אים דערציילט וועגן דעם, האָט ער גענומען טראַכטן: וואָס קאָן דאָס מיינען? צי מאַכט דער רבי אַ חילוק צווישן אָרימע און רייכע? אָדער איז דער רבי נושא־פּנים, חלילה, די גבירים און נגידים? די מעשה האָט אים נישט געלאָזט רוען.

שפּעטער שמועסט ער וועגן דעם מיט עטלעכע מקורבים, און סע בלייבט, אַז איידער מע פאָרט אַהיים, דאַרף מען רעדן מיט דעם רבי, זאָל לעבן, וואָס דאָס מיינט.

אַפן אַנדערן טאָג, ווען די מקורבים זענען געקומען, דער רבי זאָל זיי אָפּ־

געזעגענען האָט זיך איינער אָנגענומען מיט כוח און דערציילט אים, אַז די זאַך מיט די אָרימע חסידים און רייכע חסידים איז אַביסל קשה, און אַז זיי האָבן צווישן זיך איבערגערעדט וועגן דעם און ס'איז געבליבן צו רעדן מיט דעם רבי אַליין. דער רבי הערט אויס, גיט אַ שמייכל און ענטפערט: ניין, ער איז, חלילה, קיינעם נישט נושא־פּנים.

„וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט, וואָס? די זאַך איז זייער פּשוט," זאָגט דער רבי. „צוליב וואָס קומען די אָרימע, צוליב וואָס? זיי קומען בעטן אַף פּרנסה. זיי שעמען זיך נישט, חלילה, מיט דעם. נעם איך זיי דעריבער אויף אין שאַלאַש, צווישן עולם, אַז זיי זאָלן זען, אַז אַנדערע איז נישט בעסער. אַלע יידן דאַרפן פּרנסה. נאָר אַז אַ גביר קומט זיך פּראַווען און ער דאַרף זיך באַקלאָגן, אַז די געשעפטן גייען נישט און ער איז אויך אַן אָרימאַן, שעמט ער זיך. נעם איך אים דעריבער אַריין אין סאַליע, אַז ער זאָל זיך קענען אַראָפּרעדן פון האַרץ און נישט פאַרשעמט ווערן פאַרן עולם."

דער רבי בחור און דער ווינער רײַזנדער אַגענט

דער רבי בחור פון קאָלאָמיי איז אַמאָל געפאָרן מיט דער באַן צו זיין שווער קיין לעמבעריק. ער איז געפאָרן מיט דריטער קלאַס צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידן.

ווי נאָר דער רבי בחור האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָבן יידן אים דערקענט און זענען צוגעקומען, אים אָפּצוגעבן שלום. עס זענען אויך אַריינגעקומען יידן פון די אַנדערע וואַגאָנען, מ'האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, און איבערן גאַנצן וואַגאָן האָט זיך געטראָגן דאָס וואָרט „רבי".

פּלוצים קומט צו אַ גלאַט־ראַזירטער יונגערמאַן, וועלטלעך געקליידט, אַנטשולדיקט זיך פאַרן רבי און פרעגט אַף דייטשמעריש, וואָס מיר גיבן איבער אַף מאַמע־לשון: „מעג איך אייך עפּעס פרעגן, רבי?"

דער רבי בחור קוקט אים אָן פון אויבן ביז אַראָפּ און ענטפערט אים אַף דעמזעלבן לשון: „ווער זענט איר?"

ענטפערט יענער, אַז ער איז אַ רייזנדער אַגענט פון ווין.

זאָגט דער רבי בחור: „פרעגט."

„ווי קומט עס," פרעגט יענער, „אַז אַ רבי זאָל פאָרן מיט דריטער קלאַס און נישט מיט ערשטער קלאַס, ווי סע פּאַסט זיך פאַר אַ רבי?"

דער רבי בחור מעסט אים ווידער אָפּ ווי גרויס ער איז, און ענטפערט: „איכ'ל אייך זאָגן. עס זענען דאָ דרייערליי רבנים, פונקט ווי מיט די קלאַסן אין די עסטרייכישע באַנען. עס זענען דאָ ערשטע קלאַס רבנים, צווייטע קלאַס רבנים און דריטע קלאַס רבנים. איך בין אַ רבי פון דריטער קלאַס—פאַר איך אין דער באַן דריטע קלאַס. נאָר איר, ווינער רייזנדער, זענט אַ חוצפּהניק ערשטע קלאַס, פאַרוואָס פאָרט איר אין דער דריטער קלאַס?"

דער יונגערמאַן איז שפּעטער געוואָרן דעם רביס אַ הייסער חסיד.

דער רבי בחור און דער קאַלאָמייער גביר

דער רבי בחור איז געווײנלעך געגאַנגען יעדן אין דער פרי פאַרן דאַווענען אין מקווה אַרײַן. אײנמאָל, אַ פּאָר טעג פאַר פסח, טרעפט אים אין מקווה אײנער פון די שטאָטישע גבירים, קאָפּל בעכער.

„גוט מאָרגן, רבי," זאָגט דער גביר און קוקט אַפן רבי פון אויבן אַראָפּ.

נאָר דער רבי מאַכט זיך, אַז ער הערט נישט, און ענטפערט נישט. זאָגט דער גביר נאָכאַמאָל: „גוט מאָרגן, רבי."

נאָר דער רבי ענטפערט ווידער נישט. פאַרדריסט דאָס שוין דעם שטאָלצן גביר און ער זאָגט מיט אַביסעלע כעס: „רבי, איך האָב אײַך שוין צוויי מאָל געזאָגט ‚גוט מאָרגן', און איר ענטפערט מיר נישט. פאַרוואָס?"

דרייט שוין דער רבי אויס צו אים אַביסל דעם קאָפּ און זאָגט: „דיר איז גוט אַפן האַרצן און דו מאַכסט שפּאַס, ווײַל דו האָסט שוין אַף פסח."

דער גביר איז געוואָרן ערנסט, גיט אַ טראַכט און נעמט אַרויס צען ראַייניש, דערלאַנגט זיי דעם רבי און זאָגט: „נאַט, רבי, נעמט דאָס אַף יום טוב."

דער רבי בחור נעמט די צען ראַייניש, וואָרן ער האָט געהאַלטן פון דעם כלל, אַז מע גיט—נעמט מען, קוקט אַף דעם געלט און זאָגט: „קאָפּל, דו מאַכסט אויך פסח מיט צען ראַייניש?"

דער גביר גיט ווידער אַ טראַכט און ענטפערט: „ניין, רבי. נאָר וואָס הייסט, איך בין עפּעס איין גביר אין קאָלאָמיי? אין שטאָט זענען דאָ, ברוך־השם, נאָך גבירים: יאַנקל ברעטלער, הערש ראַמלער, שמשון העלער און נאָך און נאָך. אַז אַלע וועלן געבן אַזוי ווי איך, וועט זײַן גענוג אַף יום־טוב."

זאָגט דער רבי: „יאָ, גערעכט. נאָר ווי אַזוי קען איך מיך צעשמועסן מיט זיי? אַז זיי זאָגן מיר אַפילו נישט קיין ‚גוט מאָרגן'!"

וואָס טויגן מיר לעבעדיקע באַווײַזן, אַז אין בוך איז פֿאַרשריבן אַנדערש

דער רב ר' הירש סאַלאָמאַנאָוו איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ גרויסער מקיל. אַז ס'איז געקומען צו אַ שאלה וועגן כשר־טריפה, האָט ער אַלע־מאָל געזוכט צו כשרן. נאָר דער דיין זײַנער, ר' חיים דער שוחט, איז געווען אַ שטרענגער, אַ מחמיר. ר' חיים האָט אַלעמאָל געזוכט צו פּסקענען פּונקט פאַר־קערט. מאַכט זיך אַמאָל אַ האַרבע שאלה. און דער רב זיצט מיט ר' חיימען און זוכט אים צו באַווײַזן מיט כלערליי ראיות, אַז ס'איז כשר. נאָר דער דיין איז נישט מסכים. ער האָט געפונען אַ שפּעטערן פּוסק, אַ מחמיר, וואָס לויט אים, איז טריפה.

דער רב פּרובירט ברענגען אַ סך אַנדערע ראיות, כדי כשר צו מאַכן. נאָר דער דיין האַלט זיך בײַ זײַנס: אַט שטייט בפירוש, טענהט ער, לחומרא, אַז מע דאַרף זײַן שטרענג בײַ אַזאַ שאלה. אַז דער רב זעט, אַז ער קען אים נישט איבער־צײַגן, זאָגט ער צו אים: „הערט, ר' חיים, איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה. אין אַ שטעטל איז געווען אַ מסור, און ער האָט די ייִדן אָנגעטון גרויסע צרות. קהל

האַט געזוכט פּטור צו ווערן פון אים. וואָס טוט מען? איז מען געפאַלן אַף אַ פּלאַן: מ'האָט אים פאַרשריבן, אַז ער איז איין און צוואַנציק יאָר, כּדי אים אָפּצוגעבן צו פאָניען אין דינסט.

„אַז ס'איז געקומען צום פּריזיוו, קריגט דער מסור אַ צעטל, אַז ער זאָל זיך שטעלן צו דער אַסענטירונג. קומט ער צו לויפן אין אַמט און נעמט טענהן: ,סטייטש, וואָס איז דאָס? ווי קום איך צום פּריזיוו, אַז איך בין שוין לאַנג אַריבער די יאָרן? איך בין דאָך שוין איבער פערציק. ,ביי אונז,' זאָגט מען אים, ,שטייסטו פאַרשריבן איין און צוואַנציק.'

„טענהט ער ווייטער: ,ווי קאָן איך זיין איין און צוואַנציק, אַז איך האָב שוין אַן אויסגעגעבענע טאָכטער פון צוואַנציק?' און ער לויפט טאַקע גלייך אַהיים און ברענגט זיין טאָכטער צוזאַמען מיט איר קינד.

„נאָר די באַאַמטע האַלטן זיך ביי זייערס: ,וואָס מיר טאָכטער, וואָס מיר קינד? אָט שטייט בפירוש,' ווייזן זיי אים אין בוך, ,אַז דו ביסט איין און צוואַנציק יאָר.'

„און ס'האָט טאַקע קיין זאַך נישט געהאָלפן," ענדיקט דער רב, „מ'האָט אים אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער."

ווען ער וואָלט געקענט געפינען כאָטש איין ציצה

אַז ר' מאיר לייבוש מלבי"ם איז אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין בוקאַ־רעשט, האָט ער דעם ערשטן שבת געהאַלטן אַ דרשה פאַר דעם עולם אין דער הויכער שול. די גאַנצע פּני פון שטאָט און אַ סך פון עמך האָט אים באַגלייט אַהין. איידער ער איז אַרויף אַפן באַלעמער, גיט ער אַ פרעג די גבאים וועגן וואָס זיי וואָלטן וועלן, ער זאָל דערמאָנען אין זיין דרשה. זאָגט איינער פון זיי—וועגן ציצית. די בוקאַרעשטער יידן זענען נישט מקיים די מצוה פון ציצית.

דער מלבי"ם איז אַרויף אַפן באַלעמער, האָט זיך איינגעהילט אין טלית, האָט פאַרמאַכט די אויגן און—איז געבליבן שטיין. סע גייט אַריבער אַ מינוט און דער עולם זעט, דער רב שטייט נאָך אַלץ מיט פאַרמאַכטע אויגן. האָט מען זיך דער־שראָקן. גייט דער גבאי צו צו אים און גיט אים אַ ריר ביי דער האַנט. דער מלבי"ם עפנט די אויגן, קוקט זיך אַרום און הייבט אָן:

רבותי, מיר האָט זיך די מינוט געחלומט, אַז איך בין אין הימל, ס'איז ראש השנה, און איך זע ווי מע משפט די וועלט. יעדע מינוט משפט מען די מענטשן פון אַן אַנדער שטאָט. אָט פון קראָקע און פון קאָלאָמיי, אָט פון ווילנע און פון וואַרשע, און אָט פון קאָוונע און פון קעשענעוו. וואַרט איך שוין, צו זען ווי מע וועט משפטן די יידן פון בוקאַרעשט.

מיטאַמאָל דערזע איך, מע טראָגט גאַנצע פּעק מיט עבירות. פרעג איך: פון וואַנען טראָגט מען דאָס די עבירות? זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז פון בוקאַרעשט. און מע לייגט די פּעק, איינעם נאָך איינעם, אַרויף אַף אַ וואָגשאָל. טראַכט איך מיר, נו, מילא, מסתם וועט מען באַלד ברענגען אויך די פּעק מיט די מצוות. נאָר סע גייט אַריבער אַ מינוט און נאָך אַ מינוט, און מע טראָגט נאָך אַלץ פּעק מיט

עבירות. ווערט מיר שוין שווער אַפן האַרץ און איך צעוויין זיך. לויפט צו מיר צו דער מלאך גבריאל און נעמט מיך טרייסטן: „ס'איז דאָ אַן עצה," זאָגט ער צו מיר. קריג איין ציצה פון די בוקאַרעשטער יידן, און זי וועט איבערוועגן אַלע עבירות. וואָרן דו ווייסט דאָך, די מצווה פון ציצית וועגט איבער אַלע מצוות פון דער תורה."

לויף איך שוין גלייך אַריבער קיין בוקאַרעשט, צו ברענגען אַ ציצה. איך גײם זוכן און—געפין נישט. איך נישטער דאָ און נישטער דאָרט—נאָר נישטאָ. איך קער איבער אַלע ווינקעלעך, און איך קען קיין איין ציצה נישט געפינען אין בוקאַרעשט.

פאַרוואָס רײַכע און אָרימע רייכערן

אַ רבי איז אַמאָל געגאַנגען נאָך האַלבן טאָג שפּאַצירן מיט זיינע חסידים. ווי זיי גייען אַזוי, קומט אָן אַפן וועג אַ טייערע קאַרעטע. אויבנאָן אין דער קאַרעטע זיצט דער גביר און רייכערט.

אַז דער גביר האָט דערזען דעם רבי, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, שמועסן אַביסל. פרעגט אים דער רבי: „דערקלער מיר, איך בעט דיך, צו וואָס טויג דאָס רייכערן?"

ענטפערט אים דער גביר: „איר פאַרשטייט, רבי, אַמאָל נעמט מען ביים עסן אַן איבעריקן ביסן, און מע פילט זיך אַביסל צו שווער. פאַררייכער איך מיר אַ ציגאַר, און דאָס מאַכט מיר אַביסל לייכטער."

ווי זיי רעדן אַזוי, קומט אָן אַן אָרימאַן מיט אַ סיגאַרעטל אין מויל. שטעלט אים דער רבי אָפּ און פרעגט אים: „זאָג מיר, איך בעט דיך, צו וואָס רייכערסטו?"

„איר פאַרשטייט, רבי, אַמאָל דערעסט מען נישט אַ ביסן. פאַררייכער איך, און דאָס פילט אויס דעם נישט־דערעסענעם ביסן."

דער רבי דרייט זיך אויס צו די חסידים, הייבט אויף די אויגן צום הימל און זאָגט: „רבונו של עולם! ווען דער רייכער וואָלט זיין איבעריקן ביסן געגעבן דעם אָרימאַן, וואָלטן זיי דאָך ביידע נישט געדאַרפט רייכערן."

אדם הראשון און זײַן שאָטן

אַז אדם הראשון איז אויפגעשטאַנען אַף מאָרגן נאָכדעם ווי דער אייבערשטער האָט אים באַשאַפן, איז די זון נאָר־וואָס אויפגעגאַנגען אין דער מזרח זייט פון גן־עדן און האָט גענומען שיינען אין אַלע ווינקעלעך פון דעם גאָרטן. אדם האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער ליכטיקייט פון דער זון. די פייגל זענען געפלויגן פון בוים צו בוים און האָבן געזונגען, און אַף די בערג אַרום אים האָבן זיך געפיטערט שאָף און רינדער און אַלערליי חיות.

פלוצים דערזעט ער לעבן זיך אַף דער ערד אַ לאַנגע טונקעלע באַשעפעניש מיט הענט און פיס. דאָס איז געווען זיין אייגענער שאָטן. נאָר אדם האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. האָט ער די באַשעפעניש אָנגעהויבן באַטראַכטן, און ער האָט געזען,

אַז וואָס ער טוט—טוט זי אים נאָך. שפּאַנט ער—שפּאַנט זי אויך, שטעלט ער זיך אָפּ—שטעלט זיך די באַשעפעניש אויך אָפּ, לויפט ער—לויפט זי אויך.

פאַלט אדמען איין, אַז ער מוז די לאַנגע באַשעפעניש כאַפּן. און ער הייבט אָן איר נאָכגיין. נאָר דער שאָטן גייט פאַר אים פאָראויס און לאָזט זיך נישט כאַפּן. הייבט אדם אָן צו לויפן—לויפט דער שאָטן פאָראויס און ווערט נאָך לענגער, גרעסער.

אדמען האָט צום סוף דערעסן זיך צו יאָגן נאָך דעם שאָטן. און ער נעמט און דרייט זיך אויס און גייט זיך צוריק צו זיין פּלאַץ אין גאָרטן.

ווי ער גייט אַזוי צוריק—דרייט ער אויס דעם קאָפּ, צו זען וואָס ס'איז געוואָרן פון דער לאַנגער באַשעפעניש. ערשט—ער זעט, אַז זי גייט אים נאָך. הייבט ער אָן אַנטלויפן—זעט ער, אַז זי לויפט אים נאָך. אַזוי איז געווען ביז די זון האָט זיך געזעצט און ס'איז געוואָרן נאַכט.

שפּעטער, אַז די וועלט איז שוין געווען באַפעלקערט, און חכמים האָבן געהערט די מעשה מיט אדמען, האָבן זיי געזאָגט אַף דעם: ווער סע יאָגט זיך נאָך נאָך כבוד, פון דעם אַנטלויפט דער כבוד, און ווער סע אַנטלויפט פון כבוד, נאָך אים יאָגט זיך נאָך דער כבוד.

משה, דער רויבפויגל און די טויב

ווען משה האָט געפּיטערט יתרוס שאָף אין דער מדבר, האָט ער אַמאָל דערהערט אַ געשריי פון פייגל הויך אין דער לופט. ער הייבט אויף דעם קאָפּ און גיט אַ קוק, ערשט—אַ טויב, וואָס ווערט געיאָגט פון אַ רויבפייגל, פליט גלייך צו אים און זוכט זיך צו ראַטעווען. משה האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, האָט געכאַפּט די טויב און זי באַהאַלטן אין זיין בוזעם.

דער רויבפויגל איז צוגעפלויגן צו אים מיט אַ געשריי און אַ טענה: „גיב מיר אַהער די טויב. דו האָסט נישט קיין רעכט זי צו באַשיצן. זי איז מיינע. איך בין הונגעריק, און גאָט האָט זי צוגעשיקט פאַר מיר, אַז איך זאָל זי פאַרצוקן און שטילן מיט איר מיין הונגער."

משה האָט זיך גענומען בעטן ביים רויבפויגל, אַז ער זאָל די טויב נישט טייטן. ער האָט אים געוואָלט געבן גענוג שפּייז, צו שטילן דעם הונגער. נאָר דער רויבפויגל האָט נישט געוואָלט אָננעמען קיין אַנדערע שפּייזן. ער האָט נאָר געוואָלט די טויב. ער איז באַשטאַנען, אַז דער אייבערשטער האָט אים צוגעשיקט די טויב, צו זעטיקן זיך מיט איר.

משה האָט געקוקט מיט רחמנות אַף דער טויב. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, ווי זי וואָלט זיך געבעטן, אַז ער זאָל זי באַשיצן און נישט איבערגעבן צו דעם רויבפויגל פאַר אַ שפּייז. ער האָט גענומען ווידער איינטענהן מיט דעם פויגל און האָט אים צוגעזאָגט אַן אַנדער שטיק פלייש. נאָר דער רויבפויגל האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם. ער האָט נאָר געוואָלט די טויב. זאָגט משה: „לאָמיר אָפּוועגן די טויב. און וויפיל זי וועגט, אַזויפיל פלייש וועל איך אויסשניידן פון מיין לייב און דיר געבן צו עסן."

דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ בת־קול פון הימל: „משה, מיין קנעכט, אויב דו האָסט אַזוי רחמנות אַף אַ טויב, און דו ביסט גרייט צו געבן פלייש פון דיין לייב, אַבי צו באַשיצן איר לעבן, ביסטו ווערט צו זיין דער פירער פון מיין פאָלק — די יידן, ווייל דו וועסט אַף זיי אַוודאי רחמנות האָבן און זיי באַשיצן און באַשירעמען פון יעדן אומגליק."

באַמערקונג: לויט אַ מדרש. אַן ענלעך מעשהלע מיט אַ מלך איז דאָ ביי די אינדיער אין זייערע הייליקע ביכער.

קלאָגט, ווייבעלעך, קלאָגט

אַ מגיד איז אַמאָל געקומען אַף אַ שבת, ערב ראש־השנה, אין אַ שטעטעלע אַריין, צו האַלטן אַ דרשה. דאָס שטעטעלע איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ. אַז די יידן האָבן געהערט, אַז אַ מגיד איז דאָ אין שטעטל, זענען זיי זיך אַלע צוזאַמענגעקומען שבת נאָכן קוגל אין בית־מדרש אַריין. עס זענען געקומען די מאַנסבילן און די ווייבער מיט די קינדער, אַלע. דאָס בית־מדרש איז געווען געפּאַקט.

דער מגיד איז אַרויף אַפן באַלעמער, האָט פאַרוואָרפן אַף זיך דעם טלית און אָנגעהויבן רעדן און שטראָפן דעם עולם. ער איז, נישט פאַר קיין גוטן יידן געדאַכט, געווען אַ זאַאיקע, האָט ער מיט זיין רעדן געצויגן די עצמות. מיט אַמאָל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער ווייבערשער שול און אַ פרעג געטון: „ווייבער, וואָס איז היינט?" און ער האָט זיך אַליין געענטפערט: „ערב ראש־השנה. טאַ קלאָגט, ווייבעלעך, קלאָגט! ס'איז, נישט דאָ געדאַכט, אַמאָל געשטאָרבן אַ יידינע, האָט מען זי מקבר געווען אין דער ערד. נאָר די ערד האָט זי נישט צוגענומען. קלאָגט, ווייבעלעך, קלאָגט! האָט מען גענומען די יידינע און מ'האָט זי אַריינגעוואָרפן אין פייער. נאָר דאָס פייער האָט זי אויך נישט צוגענומען. קלאָגט, ווייבעלעך, קלאָגט!"

און דער מגיד דערציילט ווייטער מיט אַ קלאָגעדיקן ניגון: „אַז מ'האָט געזען, אַז דאָס פייער נעמט זי אויך נישט, האָט מען זי אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. נאָר דאָס וואַסער האָט זי אויך נישט צוגענומען. קלאָגט, ווייבעלעך, קלאָגט!"

מיטאַמאָל צעשרייט זיך דער מגיד: „און ווייסט איר פאַרוואָס די ערד האָט זי נישט גענומען און ס'פייער האָט זי נישט גענומען און ס'וואַסער האָט זי נישט גענומען? ווייל זי איז נישט געווען פרום. קלאָגט, ווייבעלעך, קלאָגט!"

„נאָר אַז איר, יידישע ווייבעלעך, וועט זיין גוט און פרום, וועט די ערד אייך צונעמען און ס'פייער און וואַסער וועלן אייך צונעמען!"

דער הונט האָט בלויז דעם הכשר אָפּגעריסן

ס'איז געווען אַמאָל אַ מגיד. האָט ער ליב געהאַט צו זאָגן דעם עולם אַ סך מוסר. ער האָט געמוסרט די יידן פאַר עבירות, וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט באַגאַנגען. זיי האָבן אַפילו נישט געוואוסט דעם טעם פון די אַלערליי עבירות, וואָס דער מגיד האָט זיי פאָרגעוואָרפן. עטלעכע באַלעבאַטים אין שטאָט האָבן געוואָרפן אַן אומחן אַף דעם מגיד. זיי האָבן אים פשוט נישט געקענט פאַרטראָגן.

מאַכט זיך אַמאָל אַ פֿרייטאָג אין דער פֿרי, ווען די באַלעבאַטים זענען געקומען אין שול אַריין דאַווענען, זעען זיי אַף דער טיר צוגעקלעפּט אַ מודעה, אַז שבת בייטאָג וועט דער מגיד דרשענען אין גרויסן בית־המדרש. זיי האָט דאָס זייער נישט געשמעקט, און זיי האָבן גערעדט וועגן דעם מיט אומצופֿרידנקייט. איינער פֿון זיי, אַ תּקיף, איז געווען אַזוי אין כּעס, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט די מודעה אָפּגעריסן.

דער מגיד האָט זיך דערוואוסט פֿון דעם. נאָר ער האָט זיך געמאַכט ווי נישט אים מיינט מען. און שבת בייטאָג איז ער געקומען אין בית־המדרש אַריין, צו האַלטן זיין דרשה. ער האָט אָנגעהויבן בזה־הלשון: „רבותי, איך וועל אייך דער־ציילן אַ מעשה: אַף מיינע נסיעות איבער שטעט און שטעטלעך האָט אַמאָל געטראָפֿן, אַז איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט. אַף איינער אַ סטאַנציע, וואו איך האָב געביטן די באַן, בין איך אַריין נישט אין דעם ריכטיקן צוג. אַז איך האָב מיך געכאַפּט אין מיין טעות, בין איך שוין געווען ווייט פֿאַרפֿאָרן. וואָס טוט מען? האָב איך באַשלאָסן, אַז ביי דער ערשטער סטאַנציע, וואו די באַן וועט זיך אָפּשטעלן, וועל איך אַראָפּ־גיין און נעמען אַ באַן אַף צוריק.

„האָב איך אַזוי געטון. איך בין אַראָפּ און גענומען וואַרטן אַף אַ צוג. איך וואַרט אַ שעה און צוויי און דריי. דערווייל בין איך געוואָרן הונגעריק. נעם איך זוכן אַף דער סטאַנציע, אפשר וועל איך קריגן עפּעס צו עסן. און איך האָב טאַקע געפֿונען. אַף איינעם פֿון די טישן אַף דער סטאַנציע איז געלעגן אַ שטיק געריי־כערטע צונג מיט אַ צעטל, אַ הכשר פֿון אַ רב. האָב איך קיין סך נישט געקלערט און האָב געקויפֿט דאָס שטיק צונג. איך האָב זי אַנידערגעלייגט אַף מיין רענצל, און איך בין מיך געגאַנגען וואַשן. אַז איך קום צוריק, זע איך ווי אַ גוי מיט אַ הונט שטעלן זיך אָפּ לעבן מיין רענצל. דאָס האַרץ איז מיר איינגעפֿאַלן. איך האָב גע־מיינט, אַז ס'איז שוין נאָך דער צונג, און איך וועל מוזן הונגערן. איך לויף צו, און צו מיין איבערראַשונג זע איך, אַז די צונג ליגט נישט גערירט. דער הונט האָט בלויז דעם הכשר אָפּגעריסן.״

צו וואָס זייער דאַווענען איז געגליכן

דער דובנער מגיד איז געקומען אין אַ שטעטל אַריין, צו האַלטן אַ דרשה. ס'איז געווען אַ וואָכעדיקער אָוונט. נאָך מעריב גייט צו דער מגיד צום רב און פֿרעגט אים: „רבי, וועגן וואָס ווילט איר זאָל איך דרשענען?״

זאָגט דער רב: „רעדט צו זיי וועגן דאַווענען. דער עולם דאָ גיט אַ בורטשע און אַ פּאָר אָפּ דאָס דאַווענען, אַז מ'הערט נישט קיין וואָרט.״

דער מגיד איז אַרויף אַפֿן באַלעמער און האָט אָנגעהויבן רעדן. ער האָט גע־רעדט וועגן דער גרויסקייט און הייליקייט פֿון די תּפֿילות, און ווי אַזוי איטלעכס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פֿון אַ יידס מוילביים דאַווענען, פֿליט אַרויף אין הימל אַריין און שטעלט זיך אַנידער פֿאַרן כּסא־הכּבֿוד. נאָר נישט אַלע ווערטער זענען קלאָרע און לויטערע. און דער מגיד צעזינגט זיך: „וואָרן אין יעדן שטעטל דאַוונט מען אַנדערש. פֿאַראַנען שטעטלעך, וואו יידן דאַווענען שטיל און רואיק, און איט־

לעכס וואָרט איז ריין און קלאָר ווי אַ פּערל. נאָר פּאַראַנען שטעטלעך, וואו מע גיט אַ בורטשע און אַ זופּ אָפּ דאָס דאַוועגען, אַז מ'הערט נישט קיין וואָרט. צו וואָס איז די זאַך געגליכן? וועגן דעם וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה:

„אין אַ דאָרף איז געווען אַ פּריץ, אַ שונא־ישראל. האָט ער דעם ייד, דעם אַרענדאַר זיינעם, אָנגעטון געברענטע צרות. יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָט ער זיך געטשעפּעט צו אים מיט עפּעס אַנדערש.

„איינמאָל שיקט ער אים רופן און זאָגט צו אים, אַז ער זאָל נעמען זיין הונט און אים אויסלערנען דאַוועגען. דער אַרענדאַר ווערט אַ פּאַרציטערטער: ‚פּריצל גוטער, ווי אַזוי קען מען אַ הונט אויסלערנען דאַוועגען?' נאָר דער פּריץ לאָזט דעם ייד אַפילו נישט רעדן. ‚טו, וואָס איך הייס דיר', זאָגט ער דעם אַרענדאַר. ‚נעם דעם הונט און לערן אים אויס דאַוועגען. אויב נישט וואַרף איך דיך אַרויס פון מיין דאָרף'.

„דער ייד האָט גענומען דעם הונט—אַ ברירה האָט ער געהאַט?—און איז מיט אַ צעבראָכן האַרץ אַוועק אַהיים. ער האָט געטראַכט און געקלערט, ביז ער האָט זיך טאַקע דערטראַכט. ער האָט געקויפט אין שטעטל אַ בוך און האָט צווישן די בלעטער אַריינגעלייגט פּיצלעך פליישׁ. אַז דער הונט איז געוואָרן הונגעריק, האָט ער אַנידערגעלייגט פאַר אים דאָס בוך. ווי נאָר דער הונט האָט דערשמעקט פליישׁ, האָט ער מיט די לאַפּעס גענומען מישן די בלעטער און אויפגעגעסן דאָס פליישׁ. אַזוי האָט ער געטון איין מאָל און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. אַז ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט און ער האָט געזען, אַז דער הונט קען שוין די מלאכה, האָט ער אים אויסגעהונגערט. דערנאָך האָט ער אים גענומען צוזאַמען מיט דעם בוך, און איז אַוועק צום פּריץ.

„געקומען אין הויף, פרעגט אים דער פּריץ צי דער הונט קען שוין דאַוועגען. נעמט דער אַרענדאַר און שטעלט אַוועק דעם הונט אַף אַ שטול מיט די לאַפּעס אָפּן טיש, און עפנט פאַר אים דאָס בוך. דער הונט נעמט ניוכען און זוכן צווישן די בלעטער פליישׁ. ער מישט מיט די לאַפּעס די בלעטער, ניוכעט און בורטשעט. ‚פּריצל גוטער, דו זעסט ווי ער דאַוונט?' זאָגט דער אַרענדאַר. ‚אָט דאָס הייסט ביי דיר געדאַוונט?' פרעגט דער פּריץ. ‚מ'הערט דאָך נישט קיין אײנציק וואָרט.' ‚פּריצל טייערער, זאָגט דער ייד, פאַר צו אין שטעטל אַריין, וועסטו זען, אַז דאָרט דאַוונט מען אויך אַזוי'."

ס'איז נישט גענוג צו דרשענען שיין, מע דאַרף אויך מקיים זיין וואָס מע דרשנט

אַ בעל־דרשן, אַף וועמען מ'האָט גערעדט, אַז ער איז נישט אַזאַ ירא־שמים און דערצו נאָך אַביסל אַ פרייער, איז אַמאָל געקומען קיין סלאָנים, דער שטאָט. ער האָט אויסגעהאַנגען מודעות אין די בתי־מדרשים, אַז שבת וועט ער דרשענען אין גרויסן בית־מדרש.

אין סלאָנים איז דעמאָלט געווען רב ר' אייזיל חריף. אַז ר' אייזיל האָט גע־הערט וועגן דעם מגיד, לאָזט ער אים וויסן, אַז ער וועט אים נישט לאָזן „זאָגן" אין

שטאָט. קומט דער בעל־דרשן צו לויפן צו ר׳ אײַזילען מיט אַ טענה: „סטייטש, רבי, פאַרוואָס לאָזט איר מיך נישט זאָגן?״

זאָגט אים ר׳ אײַזיל אַזוי און אַזוי. בעט זיך דער בעל־דרשן: „סטייטש, רבי, מיינע דרשות זענען כשר בתכלית הכשרות. איך זאָג אַ פסוק, אַ מאמר חז״ל, און איך רעד וועגן יידישקייט.״

„אמת, מגיד,״ זאָגט ר׳ אײַזיל. „נאָר פאַרשטייט איר מיך, פליש, וואָס איז געשאָכטן כדין וכדת, און וואָס האָט נישט קיין ברעקל סירכא, און וואָס איז גע־טרייבערט, איז כשר צי ניט?״

„אַוודאי, רבי.״

„און אַז אַ באַלעבאָסטע קויפט אַזאַ פליש און מאַכט עס כשר, איז דאָס פליש כשר צום עסן, צי ניט?״

„אַוודאי, רבי.״

„פונדעסטוועגן,״ מאַכט ווייטער ר׳ אײַזיל, „אויב דאָס פליש קאָכט זיך אין אַ טריפה טעפּל, איז עס טריפה. ניט אַזוי?״

טרעסעט שוין דער מגיד מיטן קאָפּ און שווייגט.

„הײַנט פאַרשטייט איר שוין, מגיד,״ פירט אויס ר׳ אײַזיל, „ס׳איז ניט גענוג צו דרשענען שיין, מע דאַרף אויך מקיים זײַן וואָס מע דרשנט.״

דער מגיד האָט נעבעך געהאַט אַ טעות

אין שטעטל איז געווען אַ ייד, אַ גביר. אַזוי איז דערדאָזיקער גביר גראָדע געווען אַ וואוילער מענטש. ער האָט געגעבן צדקה און געהאָלפן נויטבאַדערפטיקע. נאָר איין חסרון האָט ער געהאַט. ער איז, נישט פאַר קיין גוטן ייד געדאַכט, געווען אַ מחלל־שבת. ער האָט שבת און יום־טוב געהאַלטן אָפן זײַן געוועלב אין מאַרק בפרהסיא. וויפיל מ׳האָט מיט אים גערעדט און אײַנגעטענהט, האָט נישט געהאָלפן. ער האָט אַלע געהערט ווי דעם פאַראַיעריקן שניי, און גיי טו עפּעס! הייב זיך אָן מיט די גבירים!

איינמאָל קומט צו פאָרן אַ מגיד אין שטעטל אַרײַן. האָבן באַלעבאַטים אים דערציילט וועגן דעם מחלל־שבתניק. גיין גייט ער גראָדע שבת און יום־טוב דאַ־ווענען אין בית־המדרש אַרײַן, נאָר זײַן געוועלב האַלט ער אָפן בפרהסיא. דער מגיד האָט זיך עס גענומען אין קאָפּ. און אַז ס׳איז געקומען שבת, האָט ער גערעדט פאַרן עולם וועגן דער הייליקייט פון דעם טאָג שבת, און וואָס פאַר אַ גרויסע עבירה עס איז חילול־השבת, און ווען אַ ייד טוט נאָך אַזאַ זאַך בפרהסיא, פאַר אַלע אין די אויגן. דער מגיד האָט גערעדט וועגן דער גרויסער שטראָף, וואָס מע קריגט אויף יענער וועלט פאַר מחלל זײַן דעם שבת. ער האָט געמאָלן דעם גיהנום, און ווי מע קומט דאָרט אָפּ פאַר דערדאָזיקער עבירה. ער האָט געמאָלן מיט אַזעלכע שרעק־לעכע בילדער, ווי ער וואָלט דאָרט אַליין געווען און דאָס געזען.

אויף מאָרגן, זונטאָג, איז דער גבאי פון בית־המדרש געגאַנגען מיטן מגיד צונויפנעמען אַביסל געלט. אַז זיי זענען צוגעקומען צום הויז פון דעם גביר, האָבן זיי אַפילו נישט געוואָלט אַריבערטרעטן זײַן שוועל, און האָבן שוין געוואָלט גיין

ווייטער. וואָרן נאָך דעם ווי דער מגיד האָט געהאַלטן אַזאַ פייערדיקע דרשה קעגן מחלל־שבתניקעס, זענען זיי זיכער געווען, אַז ער וועט זיי נישט וועלן אָנקוקן. נאָר אַז דער גביר האָט זיי געזען דורכגיין, איז ער אַרויס פאַר דער טיר און האָט זיי אַריינגערופן אין שטוב. ער האָט זיי פיין אויפגענומען און זיי געגעבן אַ היפשע נדבה.

שטאָט איז שוין זיכער געווען, אַז דער גביר ווערט אַ בעל־תשובה. נאָר באַלע־באַטים האָבן געהאַט אַ טעות. ס'איז געקומען שבת, האָט דער גביר ווייטער גע־האַלטן אָפן זיין געוועלב.

אין אַ צייט אַרום קומט ווידער אַ מגיד אין שטעטל אַריין. אַז ער האָט גע־הערט די מעשה מיט דעם מחלל־שבתניק, קלערט ער זיך: אויב יענער מגיד האָט פון אים באַקומען אַזאַ פיינע נדבה, כאָטש ער האָט אים געשטראָפט און געמוסרט פאַר אַלע יידן אין די אויגן, היינט אַ פשיטא שוין, אַז ער וועט דעם מחלל־שבת פאַרגרינגערן, וועט ער דאָך אַוודאי קריגן נאָך אַ גרעסערע נדבה.

ס'איז געקומען שבת צו זיין דרשה, האָט ער גערעדט וועגן דער גרויסקייט און הייליקייט פון שבת. אמת טאַקע, האָט ער געזאָגט, חילול־שבת, פאַרשוועכן דעם שבת, איז אַ גרויסע עבירה. נאָר אַז מע גיט צדקה מיט דעם געלט, וואָס מע פאַרדינט שבת, און מע העלפט מיט דעם אָרימע און קראַנקע, אלמנות און יתומים, און מע גיט פאַר תלמוד־תורות, קען די מצווה פון צדקה איבערוועגן די עבירה פון חילול־שבת.

זונטאָג איז דער גבאי געגאַנגען מיט דעם מגיד צונויפנעמען אַביסל געלט. אַז זיי זענען געקומען צום גביר, האָט ער דאָס מאָל נישט נאָר נישט געגעבן קיין גרעסערע נדבה, נאָר ער איז נאָך געווען אין כעס אָפן מגיד און האָט געשריגן: „איר האָט מיר קאַליע געמאַכט מיינע געשעפטן מיט אייער דרשה און מיט אייער לייכטער מאַכן דעם חילול־שבת. אויב מיט צדקה קען מען אויסקויפן די עבירה, וועלן די אַנדערע קרעמער אויך האַלטן אָפן זייערע געשעפטן, און אַזוי וועט מען ביי מיר צונעמען פרנסה. פאַרשטייט איר שוין, וואָס איר האָט מיר אָפגעטון מיט אייער גרינגער מאַכן דעם חילול־שבת!?"

ס'איז אים פאַרענטפערט פאַרוואָס שוטה שטייט אין מיטן

אַ בעל־דרשן האָט געהאַלטן אַ דרשה אין בית־המדרש. צווישן עולם זענען געווען עטלעכע קלוגינקע איידעמלעך, וואוילגעלערנטע. אין מיטן דער דרשה הייבט זיך אויף איינער פון די איידעמלעך און פרעגט דעם בעל־דרשן אַ קשיא. דער בעל־דרשן הערט אים אויס, פאַרענטפערט אים די קשיא, און דרשנט ווייטער.

אין אַ פאָר מינוט אַרום הייבט זיך דער יונגערמאַן ווידער אויף און פרעגט נאָכאַמאָל אַ קשיא. דער בעל־דרשן הערט אים אויך דאָס מאָל אויס, ענטפערט אים אָף זיין קשיא, און דרשנט ווייטער.

סע גייען אַריבער עטלעכע מינוט, און דער יונגערמאַן פרעגט שוין ווידער אַ קשיא. דאָס האָט שוין דעם בעל־דרשן פאַרדראָסן. וואָרן ער האָט געזען, אַז דער יונגערמאַן וויל אים נאָר מבלבל זיין, צעמישן די געדאַנקען, און ער ענטפערט אים

בזה הלשון: „איצט איז מיר פֿאַרענטפֿערט די גמרא, וואָס זאָגט: „הכל שוחטין חוץ מחרש, שוטה וקטן," אַז אַלע מעגן קוילען, אויסער אַ טויבער, אַ נאַר און אַ קליי־נער. איז דאָך די קשיא: וואָס דאַרף שטיין חרש, שוטה, קטן? סע וואָלט דאָך געווען גענוג עס זאָל שטיין קטן אַליין. וואָלטן די דריי אותיות געמאַכט: קליינער, טויבער, נאַר. דער תירוץ איז: אַז סע וועט שטיין קטן אַליין, וועט דער נאַר אויסקומען אַפֿן סוף. אַ נאַר אָבער קומט שטענדיק אַריין אין מיטן."

פֿון וואַנען סע נעמען זיך שדים אין מיל

לעבן שטעטל איז דאָ אַן אַלטע פֿאַרלאָזטע מיל. אַמאָל איז דאָס געווען אַ וואַסער־מיל. נאָר איצט אַרבעט זי נישט. שוין לאַנג, אַז זי אַרבעט נישט. זי שטייט. קיינער געדענקט שוין אַפֿילו נישט, ווען די מיל האָט אַמאָל יאָ געאַרבעט. נאָר דאָ אַנומעלטן האָט די מיל פּלוצים אָנגעהויבן ווידער צו מאָלן. אמת, נישט בייטאָג מאָלט זי, נאָר ביינאַכט, ווען מענטשן שלאָפֿן. פּונקט דעמאָלט הייבט זי אָן אַרבעטן און רודערן און מאָלן, און וואַרפֿט אַן אַ פּחד אויף די מענטשן אין שלאָף.

ווער אַרבעט דאָס דאָרטן אין מיטן נאַכט? ווער דערוועגט זיך דאָס צו גיין אין דער פּוסטער מיל ביינאַכט? נישט קיין מענטשן, פֿאַרשטייט זיך. אַלע ווייסן דאָס. נאָר שדים. און די מעשה פֿון דעם איז אַזאַ:

אַנומעלטן גייט דער רב אין מרחץ אַריין. ס'איז געווען אַ פֿרייטאָג. איז ער גע־גאַנגען זיך באָדן לכבוד שבת. ווי ער גייט אַזוי, דערהערט ער געשרייען אין גאַס. אַז ער קומט צו נעענטער, זעט ער, צוויי ווייבער קריגן זיך. אָבער וואָס הייסט קריגן זיך? אָט, אָט און מע רייסט זיך ביי די טיכלעך פֿון קאָפּ. און דער שטן, אַז אָפּגעהיט זאָל מען ווערן, שטייט הינטער זיי און טאַנצט פֿון פֿרייד. אַ שמחה אויף אים! אַ גדולה האָט אים געטראָפֿן! מישט זיך דער רב אַריין און וויל זיי איינשטילן, שלום מאַכן: „שאַ, שאַ, נישט שיין. ווי קריגט מען זיך דאָס? און נאָך ערב־שבת קודש! אַ חרפּה. צוויי כשרע ווייבער זאָלן זיך קריגן אין מיטן גאַס! דאָס האָט דאָך דער שטן, רחמנא ליצלן, אָנגעאַרבעט צווישן אייך. אָט שטייט ער הינטער אייך און קוועלט אָן." די ווייבער דערהערן אַזאַ זאַך, האָבן זיי זיך פֿאַרשעמט, און טאַקע דערשראָקן אויך.

„זאָגט מיר צו," זאָגט צו זיי דער רב, „אַז איר וועט אייך מער נישט קריגן." די צוויי ווייבער האָבן פֿאַרריכט זייערע טיכלעך אַפֿן קאָפּ און זאָגן־צו, אַז מער וועלן זיי זיך שוין נישט קריגן.

גייט נאָך דעם אַריבער אַ פּאָר וואָכן, און דער רב גייט ווידער אין גאַס. דאָס מאָל איז דאָס אויך געווען אַ פֿרייטאָג, ווען דער שטן האָט שליטה. דאָס איז זיין טאָג. וואָרן דעם טאָג איז ער באַשאַפֿן געוואָרן.

ווי דער רב גייט אַזוי, דערפֿילט ער הינטער זיך, אַז עמיצער גייט אים נאָך. גיט ער זיך אַ דריי אויס, און וועמען, מיינט איר, דערזעט ער? דעם שטן. דער שטן גייט אים נאָך טריט נאָך טריט. „ביסט שוין ווידער דאָ?" פֿרעגט אים דער רב. „וואָס ווילסטו איצט, דו משחית?"

„רבי," מאַכט דער שטן מיט אַ רחמנות פּנים, „רבי, וואָס האָט איר געהאַט צו

מיר? איך האָב געהאַט אַזאַ גוטע היים צווישן די ווייבער, נעמט איר און פאַרטרייבט מיך. וואוהין זאָל איך איצט גיין?״

דער רב קוקט אים אָן און גיט אַ טראַכט: „ס׳אַ טענה.״ און אַ ווייל שפּעטער: „איך האָב פאַר דיר אַן עצה: גיי אין דער פאַרלאָזטער מיל הינטערן שטעטל. דאָרט וועסטו האָבן אַ היים.״

דער שטן איז אַוועק. אמת, אים איז דאָרטן נישט אַזוי פריילעך ווי אים איז געווען צווישן די ווייבער. נאָר דערפאַר האָט ער מיט זיינע לייט דאָרט גענוג צו טון. גאַנצע נעכט טרייבן זיי די מיל און רודערן און מאָלן, אַז סע פאַלט אָן אַ פּחד אויף די מענטשן.

דער מגיד און די צוויי גבאים

אין אַ קליין שטעטל אין דער אַלטער היים איז אַמאָל געקומען אַ מגיד. געקומען—גייט ער אַוועק אין בית־מדרש און זאָגט דעם שמש ווער ער איז, און אַז ער וויל צווישן מנחה און מעריב האַלטן אַ דרשה. דער שמש הערט אים אויס און זאָגט, אַז ס׳איז נישט נייטיק. זיי האָבן פאַר מגידים אַ ספּעציעלע קאַסע. און די קאַסע איז ביי צוויי גבאים אין די הענט. איין גבאי איז אַ שטאָטישער בעל־מלאכה, און דער צווייטער איז אַ קאַראַבעלניק, וואָס גייט אַרום האַנדלען אין די דערפער. אַז סע קומט אַ מגיד—גיט מען אים אַ נדבה, ער זאָל קענען פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, און נישט דאַרפן וואַרטן, צו האַלטן אַ דרשה אין שול.

טראַכט זיך דער מגיד: זאָל זיין אַזוי. און ער גייט אַוועק צום גבאי, דעם בעל־מלאכה. זאָגט דער גבאי: „אמת, זיי האָבן טאַקע אַזאַ קאַסע פאַר מגידים. נאָר איין גבאי אָן דעם אַנדערן טאָר נישט אַרויסגעבן קיין געלט. און דער צווייטער גבאי קומט פון דאָרף ערשט שפּעט אויף דער נאַכט.״

זעט דאָך דער מגיד מיט וועמען ער האָט צו טון, און אַז ער וועט שוין מוזן בלייבן אין שטעטל אויף איבער נאַכט, איז ער אַוועק אין בית־מדרש און האָט געוואַרט. אַז ס׳איז געקומען צווישן מנחה און מעריב זאָגט ער צום גבאי, אַז אַזוי ווי ער איז שוין געבליבן, וויל ער האַלטן אַ שטיקל דרשה. דער גבאי האָט מסכים געווען. דער מגיד איז אַרויף אויפן באַלעמער, האָט זיך אָנגעטון אין טלית און אָנגעהויבן: „אין ספר שמואל דערציילט דער תנ״ך די מעשה מיט נבל (נאָוואַל), וואָס האָט געהאַט אַ סך שאָף און ציגן. און געוואוינט האָט נבל אין מעון, און זיין באַלעבאַטישקייט איז געווען אין כרמל. פרעגט זיך, צו וואָס איז אַזוי בייטיק געווען צו דערציילן, אַז זיין וואוינונג איז געווען אין מעון, און זיין באַלעבאַטישקייט אין כרמל? נאָר מיר ווייסן דאָך ווער דער נבל איז געווען. ווי דער תנ״ך אַליין זאָגט: כשמו—כן הוא, ווי זיין נאָמען—אַזוי איז ער געווען. נבל, נידערטרעכטיק, איז געווען זיין נאָמען, און נידערטרעכטיקייט האָט ער געטון. אַז אַן אָרימאַן איז געקומען אין מעון נאָך אַ נדבה, האָט מען אים געזאָגט, אַז מע גיט אין כרמל. און אַז ער איז געקומען אין כרמל, האָט מען אים געזאָגט, אַז מע גיט אין דער היים, אין מעון. און אַזוי האָט ער איןביידע פּלעצער נישט געקריגן.״

און דער מגיד ענדיקט: „מיט אייער קאַסע דאָ אין שטעטל איז אויך אַזוי.

אויב איר האָט געוואָלט, אַז אַ ייד, אַן אָרימאַן, זאָל נישט פאַרלירן אומזיסט קיין צייט, האָט איר געדאַרפט אויסקלויבן פאַר גבאים ביידע שטאָטישע מענטשן.״

אין דער אמתן פֿאַרדריסט עס אים, כאָטש אַביסל איז ער צופֿרידן

אַ מגיד איז פאַרפאַרן אין אַ שטעטל אַריין אַף שבת. דאָס שטעטל איז געווען אָרים, ווי די מערסטע יידישע שטעטלעך אין דער אַלטער היים. אַ סך אָרימעלייט, קבצנים, און עטלעכע רייכע קמצנים.

שבת בייטאָג האָט דער מגיד „געזאָגט״ אין גרויסן בית־מדרש, און דער עולם האָט זיך מחיה געווען. דער מגיד האָט „געזאָגט״, און דער עולם האָט געהאָט וואָס נאָכצוזאָגן.

זונטאָג אין דער פרי זענען צוויי גבאים געגאַנגען איבערן שטעטל, צו מאַכן אַביסל געלט פאַרן מגיד. נאָר זיי האָבן קוים צונויפגעקליבן עטלעכע גילדן. אַז די גבאים האָבן דערלאַנגט דעם מגיד דאָס ביסל געלט, האָבן זיי זיך גענומען פאַר־ענטפערן פאַרוואָס זיי גיבן אים אַזוי ווייניק: „זיי פאַרשטייען, אַז דער מגיד איז אַוודאי נישט צופרידן. נאָר וואָס קענען זיי טון? דאָס שטעטל איז אָרים, און די עטלעכע רייכערע יידן—זענען קמצנים. שווער אַרויסצורייסן ביי זיי אַ לייטישע מטבע.״

דער מגיד הערט זיי אויס, קוקט אַף די עטלעכע גילדן און זאָגט: „אדרבא, איך בין דווקא שטאַרק צופרידן, וואָס איך בין פאַרפאַרן אַהער. מיך פאַרדריסט נאָר, וואָס מיין פאָטער, עליו השלום, איז דאָ נישט געווען.״

חידושן זיך די גבאים: „וואָס מיינט מיט דערמיט דער מגיד?״

און זיי גיבן אַ טראַכט: „אפשר זענען די עטלעכע גילדן גאָרנישט ניט אַזוי ווינציק?״

נאָר דער מגיד לאָזט זיי לאַנג נישט טראַכטן, און ער ענטפערט: „פאַרשטייט איר מיך, ליבע יידן, מיך פאַרדריסט פאַרוואָס מיין פאָטער איז דאָ נישט געווען, מחמת ווען ער וואָלט געווען זיין ביי אייך, וואָלט ער מיר פאַרזאָגט נישט צו קומען אַהער. נאָר איצט, אַז איך בין שוין דאָ, בין איך צופרידן, וואָס מיינע קינדער וועלן נישט דאַרפן קומען אַהער.״

דער מגיד און דער גבאי

אין אַ קליין שטעטל אין דער אוקראַינע איז אַמאָל געקומען צו פאָרן אַ מגיד אַף שבת. געקומען—איז ער אַוועק אין שול און זאָגט דעם שמש, אַז ער וויל דאָרט שבת האַלטן אַ דרשה. און אין שטעטל איז געווען אַ גבאַי ר׳ יצחק, אַ ייד—אַ גביר, נאָר זייער אַ קאַרגער, אַן אמתער קמצן. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין מטבע פון האַנט.

אַז דער שמש הערט, אַז דער מגיד רעכנט צו האַלטן אַ דרשה, דערציילט ער אים וועגן דעם גבאי ר׳ יצחק. זאָגט דער מגיד, אַז ער האָט געהערט פון אים און ווייסט, נאָר ער וועט פּרובירן.

שבת, אַז ס'איז געקומען די צייט פון רעדן, גייט אַרויף דער מגיד אַפן באַ־לעמער, גיט אַ קלאַפּ אין שולחן, און זאָגט, אַז ער וועט האַלטן אַ דרשה. בייגט זיך צו אים צו דער גבאי און זאָגט אים, אַז אויב ער רעכנט עפּעס צו קריגן פאַר דעם, נאַרט ער זיך אָפּ. ענטפערט אים דער מגיד, אַז ער וויל נישט קיין באַצאָלטס.

„אויב אַזוי,” זאָגט דער גבאי, „קענט איר רעדן.” און דער מגיד האָט גערעדט. ער האָט צענומען דעם עולם מיט זיינע רייד. און צום סוף האָט ער געענדיקט זיין דרשה מיט דעם, וואָס די תורה דערציילט אין דער סדרה וירא:

„ווי איר וויסט, טייערע יידן, איז אברהם אַמאָל געקומען אין דער שטאָט גרר (גראַר). און אַזוי ווי זיין ווייב שרה איז געווען זייער אַ שיינע, האָט ער מורא געהאַט, אַז אַבימלך, דער קעניג פון גרר, וועט אים טייטן און צונעמען שרהן. האָט אברהם אים געזאָגט, אַז שרה איז זיין שוועסטער. דעמאָלט האָט אַבימלך גענומען שרהן צו זיך אַף אַ נאַכט.

„נאָך דעם האָט שרה געוואונען יצחקן. האָבן די לצני־הדור, די שפּעטערס, געזאָגט, אַז נישט אברהם איז דער טאַטע, נאָר אבימלך. נאָר אַזוי ווי אברהם און יצחק האָבן געהאַט איין אויסזען, האָט אברהם געלאָזט מאַכן מטבעות, אַף איין זייט מיט זיין פּנים, און אַף דער אַנדערער זייט—יצחקס פּנים, כדי אַלע זאָלן זען, אַז ער איז יצחקס פאָטער, און נישט אבימלך. נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? אַז יצחק האָט אַרויסגעגעבן די מטבעות. נאָר אַז יצחק גיט נישט אַרויס די מטבעות, קומט דאָך אויס, אַז יצחק איז, חלילה, אַ ממזר.”

דער מגיד איז שוין מיט ליידיקן נישט אַוועקגעפאָרן פון דעם שטעטל.

אַ מעשה אַף אַ מעשה

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָט אַריין „זאַגן”. אַף מאָרגן האָט מען אים געגעבן איינעם פון די שענסטע באַלעבאַטים, וואָס זאָל גיין מיט אים איבער דער שטאָט צוזאַמענבעמען, ווי ס'איז געווען דעמאָלט דער מנהג. ווי זיי גייען אַזוי, קומען זיי צו צו אַ שיין הויז. נאָר דער באַלעבאָס האָט עס געוואָלט אויסמיידן און גיין ווייטער. פרעגט אים דער דובנער: „פאַרוואָס ווילט איר דאָ נישט אַריינגיין? מסתמא אַ גביר, אַ קמצן, וואָס וויל קיין נדבה נישט געבן.”

זאָגט דער באַלעבאָס: „ניין, קיין קאַרגער איז דער ייד נישט. נאָר ער האָט אַן אַנדערן חסרון. סע טרעפט, אַז ער איז שיכור. אַזוי, אַז ער איז ניכטער, גיט ער געוויינלעך אַ פיינע נדבה. נאָר, אַז מע טרעפט אים אַ שיכורן, איז לאַ־די, וואָס ער גיט נישט קיין נדבה, נעמט ער זידלען און כאַפּט זיך שלאָגן. ס'איז דעריבער גלייכער, אַז מע מיידט אים אויס.”

דער ייד פון הויז איז גראָדע געשטאַנען ביים פענסטער. ער איז געווען ניכ־טער און האָט באַמערקט, אַז די צוויי יידן אין דרויסן ווילן אויסמיידן זיין הויז. קלאַפּט ער אָן אין שויב און רופט זיי אַריין.

אַז דער שיינער באַלעבאָס מיט דעם דובנער זענען אַריינגעקומען, פרעגט זיי דער ייד פון הויז, פאַרוואָס זיי האָבן אים געוואָלט אויסמיידן. רופט זיך אָן דער דובנער מגיד און ענטפערט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט אַ משל: „איך וועל

איך דערציילן וועגן דעם אַ מעשה: אַ ייד, אַ שניידער איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ ווינטערדיקער קאַלטער לבנה־נאַכט אַהיים פון דאָרף. פלוצים הערט ער ווי די לבנה רעדט צו אים און זאָגט: „אַלעמען באַגיסטו און באַקליידסטו. פאַרוואָס מאַכסטו מיר נישט קיין בגד? מיר וואָלט דעמאָלט געווען וואַרעמער, און דיר וואָלט איך נישט געווען אַזוי קאַלט."

ענטפערט איר דער שניידער און זאָגט: „איך וואָלט דיר גריילעך געמאַכט אַ בגד. נאָר איך קען נישט צוטרעפן דיין מאָס, ווייל אַמאָל ביסטו חסר (געמיינערט — אַ פערטל, האַלב), און אַמאָל ביסטו מלא, פול."

באַמערקונג. מלא מיינט אויך שיכור.

דאָס פאַרמשכונטע פוטערל

יידן האָבן אַמאָל געהאַט טענות צום דובנער מגיד, פאַרוואָס ער האַלט נאָר אין איין שטראָפן דעם עולם. זיי האָבן געטענהט: „פאַרוואָס, רבי, זייט איר נישט בעסער אַ מליץ־יושר פאַר די יידן?"

זאָגט דער דובנער: „איך וועל אייך, רבותי, דערציילן אַ מעשה קעגן דעם." און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ ניגון.

„איינער האָט אַמאָל געהאַט אַ טייער פוטערל. נאָר ער האָט דאָס פוטערל געמוזט פאַרמשכונען, ווייל ס'איז אים געגאַנגען שלעכט און ביטער. אַז ס'איז אַוועק אַ צייט, און ער האָט דאָס פוטערל נישט אויסגעלייזט, האָט דער מלווה געשיקט נאָך אַ שניידער און אים געהייסן איבערנייען דאָס פוטערל אַף זיין מאָס. אַז דער אָרימאַן איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, איז ער אַוועק צו זיינע פריינט און זיי גענומען בעטן מיט טרערן אין די אויגן, זיי זאָלן אים לייען געלט אויסצולייזן דאָס טייערע פוטערל, וואָס ער האָט געמוזט פאַרזעצן. זאָגן די פריינט: ,פאַרוואָס ביסטו ביז איצט נישט געקומען? וואָס האָסטו געשוויגן אַזוי לאַנג? ס'איז דאָך שוין אַ צייט, זינט דו האָסט פאַרזעצט דאָס פוטערל, און דו האָסט קיינמאָל גאָרנישט ניט געזאָגט און דיך נישט געקלאָגט. וואָס פלוצים קלאָגסטו דיך איצט אַזוי שטאַרק אַף דעם און לייגסט ממש איין וועלטן?' ענטפערט זיי דער אָרימאַן: ,איצטער איז גאָר עפּעס אַנדערש. ווען מיין פוטערל איז געלעגן ביים מלווה גאַנץ, האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל עס אויסלייזן מיט דער צייט. נאָר איצט, אַז דער מלווה וויל דאָס פוטערל צעשניידן און איבערנייען אַף זיין מאָס, וועל איך דאָך שוין נישט האָבן אַפילו קיין האָפענונג אַז איך וועל דאָס טייערע פוטערל נאָך אַמאָל אָפּנעמען צוריק. דערפאַר בעט איך אַזוי און לייג איין וועלטן, אַז איר זאָלט מיר העלפן עס אויסלייזן באַצייטנס.'"

און דער דובנער פירט אויס: „מיר יידן, זענען ביי גאָט דאָס טייערע פוטערל, וואָס ער האָט געגעבן די אומות־העולם פאַר אַ משכון, צו זיין ביי זיי אין גלות, ביז ער וועט אונז צוריק אויסלייזן. און כל־זמן יידן האָבן געלערנט תורה און אָפּגעהיט יידישקייט, האָבן זיי געקענט האָפן, אַז זיי וועלן אַמאָל אויסגעלייזט ווערן. נאָר אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון יידישקייט, און די פעלקער ווילן זיי איבערמאַכן, אַז זיי זאָלן ווערן אין גאַנצן ווי זיי, וועט דאָך נאָך חלילה קומען צו

דעם, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט אויסגעלייזט ווערן. דערפאַר שריי איך אַזוי און לייג איין וועלטן.״

דער ייד, וועמען מ׳האָט געבראַכט צו טראָגן אַ פרעמד פעקל

דער דובנער מגיד האָט אַמאָל גערעדט וועגן יידן, וואָס נעמען אָף זיך שווערע פעקלעך. נישט קיין אייגענע פעקלעך זענען דאָס, נאָר פרעמדע. זיי ווילן פאַרזאָרגן אַ וועלט, וואָס איז גאָר נישט זייערע, און זיי מיינען, אַז זיי טוען מיט דעם עמיצן אַ טובה. און דער דובנער זאָגט: רבותי, צו וועמען איז אַזאַ מענטש געגליכן? ער איז געגליכן צו דעם ייד, וואָס איז אַמאָל ערב־שבת פאַרנאַכט געפאָרן פון וועג אַהיים. אַז ער האָט געזען, אַז דרויסן הייבט שוין אָן צו נאַכטן, האָט ער געלאָזט דאָס פעקל אָפן וואָגן, און אַליין איז ער אין גרויס איילעניש אַוועק אַהיים.

שפּעטער האָט אַ שליח אים געבראַכט דאָס פעקל, האָט עס אַוועקגעלייגט אין פאָדער־שטיבל, און נאָך דעם איז ער אַריין אין שטוב און האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם דעם באַלעבאָס. דערביי האָט דער שליח שווער געסאָפּעט און זיך געווישט מיט זיין אַרבל דעם שווייס פון פנים: „אַ שווער פעקל,״ זאָגט ער צו דעם באַלעבאָס. „איך האָב עס קוים דערטראָגן.״

זאָגט דער באַלעבאָס: „ס׳איז אַוודאי נישט מיין פעקל. מיין פעקל איז אַ לייכטס. נישט אַנדערש, נאָר איר האָט געמוזט ברענגען אַ פרעמד פעקל.״

„ס׳איז אייער פעקל,״ זאָגט דער שליח. „קומט, גיט אַ קוק, וועט איר זען.״

„איך זע דאָס פון דעם ווי איר סאָפּעט אַזוי שווער, אַז ס׳איז נישט מיינס,״ זאָגט דער באַלעבאָס צו דעם שליח. „ווען איר וואָלט געטראָגן מיין פעקל, וואָלט איר איך נישט באַגאָסן מיט אַזאַ שווייס.״

נישט אָרימקייט, נאָר מחלוקת צווישן אייגענע איז דאָס ערגסטע

דער דובנער מגיד האָט אַמאָל גערעדט וועגן אָרימקייט ביי יידן און וועגן מחלוקתן, צו וואָס אָרימקייט ברענגט. דערביי האָט ער געבראַכט אַזאַ משל:

אַ ייד, אַ נגיד, איז געוואָרן אַ יורד. ער האָט אָנגעוואוירן זיין הויז און זיין גאַנץ פאַרמעגן, און איז געוואָרן אַ ביטערער אָרימאַן. ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אין איין העמד האָט מען אים מיט זיין ווייב און קינדער אַרויסגעשטעלט פון שטוב, און זיי האָבן געמוזט גיין זוכן פאַר זיך ערגעץ אַ דאַך איבערן קאָפּ.

נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אַזוי אַרומגעוואַלגערט אַ שטיק צייט, האָט איינער רחמנות געהאַט אָף זיי און זיי אַריינגעלאָזט אין זיינעם אַ פאַרלאָזטן שטיבל אין דער אָרימער געגנט הינטער דער שטאָט.

דער ייד, דער יורד, האָט דאָס אָנגענומען פאַר ליב. נאָר אין די אָוונטן, נאָך אַ טאָג פון שווערער מי און האָרעוואַניע, אַז מ׳האָט אָפּגעגעסן דאָס טריקענע שטיקל ברויט מיט זאַלץ, האָט דאָס ווייב גערעדט וועגן דער ביטערער אָרימקייט אין שטוב און אַז ס׳איז נישטאָ קיין מלבוש אָנצוטון. זי האָט אָפט אָנגעוויזן אָף די קינדער און ווי פאַרוואָרלאָזט זיי זענען געוואָרן. אַ גאַנצן טאָג וואַלגערן זיי זיך

אין גאַס, גייען אַרום אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, לערנען זיך אָפּ שלעכטע מידות פון אַנדערע, און נאָר מע שלאָגט זיך און מע רייסט זיך כסדר אַרום צווישן זיך. און טאָקע ווי זיי רעדן אַזוי, האָבן די קינדער אָנגעהויבן שלאָגן זיך און געוואַלדעווען.

„אָט דאָס, מיין ווייב, איז ביי מיר ערגער פון אונזער אָרימקייט," האָט זיך געקלאָגט דער ייד. „זייערע געשלעגן און זייער אַרומרייסן זיך, איז מיין גרעסטער ווייטיק."

פאַרוואָס יעקב האָט געוויינט, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט רחלען

אַז יעקב האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט רחלען, האָט ער זי גע־קושט, זאָגט די תורה, און ער האָט אויפגעהויבן זיין קול און האָט געוויינט.

פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט יעקב געוויינט? די מעשה פון דעם איז אַזאַ: נאָך דעם ווי יעקב האָט זיך צעקושט מיט רחלען, האָבן זיי זיך פונאַנדערגערעדט און ער האָט איר דערציילט פון זיין שווער און ביטער לעבן אין דער ישיבה. ער האָט זיך געקלאָגט: יאָרנלאַנג, אַז ער גייט אין דער ישיבה פון שם־ועבר, וואַלגערט זיך אין בתי־מדרשים, עסט טעג און שלאָפט אָף דער האַרטער באַנק.

זאָגט רחל: „וואָס וואָלטסטו געוואָלט טון?"

ענטפערט יעקב: „איך וואָלט וועלן חתונה האָבן און פאָרן אַהיים."

„יאָ, חתונה האָבן איז טאָקע אַ גוטע זאַך," זאָגט רחל, „נאָר—קענסטו פאַר־דינען אָף ברויט?"

„וואָס הייסט, צי איך קען פאַרדינען אָף ברויט?" און יעקב נעמט אַרויס פון זיין בוזעם קעשענע זיין סמיכה אָף רבנות און ווייזט איר, אַז ער קען זיין אַ רב.

„אוי, דאָס טויג נישט," זאָגט רחל. „דו זעסט דאָך וואָס פאַר אַ צרות אַ רב האָט אין אַמעריקע. קיין „לעבן" קען ער נישט מאַכן, און אומעטום וויל מען פון אים פּטור ווערן."

אַז יעקב האָט דאָס געהערט, האָט ער אויפגעהויבן זיין קול און—האָט גענומען זינגען צו ווייזן איר, אַז ער קען אויך זיין אַ חזן.

„אָט דאָס," זאָגט רחל, „איז גוט. איצט וועל איך מיט דיר חתונה האָבן."

דעמאָלט האָט זיך יעקב פונאַנדערגעוויינט: „אַז אַך און ווי צו די יאָרן, אַז זיין אַ חזן איז שוין בעסער ווי צו זיין אַ רב!"

עשו באַרימט זיך מיט זיין ברודער יעקב

אַז יעקב און עשו האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט. עשו איז אים אַנטקעגן געלאָפן און איז אים געפאַלן אָפן האַלז און האָט אים געקושט.

דאָס איז געווען נאָך דעם ווי יעקב האָט אים פאַראויסגעשיקט אַ מתנה גאַנצע הערטן שאָף און האָט אים פירגעשטעלט זיינע ווייבער און אַלע זיינע קינדער.

פרעגט עשו: „נו, און די מחנות שאָף, וואָס איך האָב באַגעגנט, זיי זענען אויך דיינע?"

זאָגט אים יעקב, אַז יענע שאָף גיט ער אים אַ מתנה, און ער בעט אים, אַז ער זאָל די מתנה אָננעמען. נאָר עשו מאַכט זיך ווי ער וואָלט נישט וועלן קיין מתנות, און ער כאַפּט יעקבן נאָכאַמאָל אַרום, קושט אים און זאָגט: „יש לי רב אחי—וואָס דאַרף איך די מתנות? איך בין גליקלעך, וואָס מיין ברודער איז אַ רב.“

שמייכלט יעקב און בעט ווידער, אַז ער זאָל די מתנות אָננעמען. ער זאָגט: „כי חנני אלקים וכי יש לי כל—יאָ, דער אייבערשטער האָט מיך באַגנאַדיקט און האָט מיר אויך געגעבן אַ קול. אַזוי, אַז איך בין נישט נאָר אַ רב, נאָר אויך אַ חזן.“

באַמערקונג: די אמתע טייטש איז: „יש לי רב, אָחי—איך האָב גענוג, מיין ברודער.“ ענטפערט אים יעקב, אַז ער שיקט אים די מתנות „כי חנני אלקים—ווייל גאָט האָט מיך באַגנאַדיקט, וכי יש לי כל—און ווייל איך האָב פון אַלץ.“

אַ קלוגער חזן

אַ חזן איז אַמאָל געקומען צו גיין צו אַן אסיפה פון זיינע באַלעבאַטים און האָט זיך גענומען קלאָגן. וואָס איז? ס'איז אים שלעכט, ער האָט נישט קיין ברויט פאַר ווייב און קינדער. דאָס יונגוואַרג, האָט ער געטענהט, צעפאָרט זיך איבער דער וועלט, קיין חתונות אין שטעטל זענען נישטאָ, און במילא אויך נישט קיין בריתן, וואָס פון דעם האָט ער געהאַט אַ שטיקל עקסטראַ הכנסה. וואָס־זשע וויל ער, דער חזן? ער בעט בכן די באַלעבאַטים צו זען, אַז זיי זאָלן עפּעס טון פאַר אים.

די באַלעבאַטים זעען, אַז דער חזן איז גערעכט. ס'אַ רחמנות, נעבעך. האָבן זיי גענומען טראַכטן וואָס מע טוט. אַזוי האָט מען געטראַכט און גערעדט, און צום סוף האָט מען באַשלאָסן, אַז דער חזן זאָל אַריינגעמען היִיון צום פאַרקויפן. אַז דער חזן דערהערט אַזאַ זאַך, וויל ער נישט. וואָס הייסט, ער וועט טון אַזאַ זאַך? דאָס איז דאָך דעם רבס פּרנסה. ער וועט נישט גיין אָף יענעמס שטיקל ברויט.

נאָר די באַלעבאַטים איז דאָס נישט איינגעפאַלן. זיי האָבן פון דעם נישט געטראַכט און זיי האָט דאָס נישט געאַרט. זיי האָבן גענומען צורעדן דעם חזן צו פאַרקויפן היִיון די באַלעבאַטעס אין שטעטל. „איר קענט דאָך אונזער רב,“ זאָגן זיי צום חזן, „ער מישט זיך נישט אין פּרנסה זאַכן. אים וועט נישט אַרן, און ער וועט נישט מקפּיד זיין אָף אַזעלכע זאַכן.“

„יאָ,“ זאָגט דער חזן, „דער רב אַליין וועט טאַקע אפשר גאָרנישט ניט זאָגן, נאָר די רביצין, וואָס וועט זי זאָגן? זי, מיינט איר, וועט שווייגן? דאָס איז דאָך איר שטיקל ברויט, און אין שטוב איז זי די באַלעבאָסטע.“

נאָר דבר אל עצים ואל אבנים, רעד צו האָלץ! זיינע רייד שלאָגן זיך אָן אין שטיין. די באַלעבאַטים אַרט דאָס נישט. אַז דער חזן זעט אַזאַ זאַך, וואָס פאַר אַ פאַרהאַרטעוועטע מענטשן די באַלעבאַטים זענען, אַז אַפילו אָפן אייגענעם רב האָבן זיי נישט קיין רחמנות, זאָגט ער צו זיי: „איר הערט, באַלעבאַטים, איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה: אַ רייכער ישובניק האָט זיך אַמאָל אַן ערב־פּסח פאַרשפּעטיקט צו קומען אין שטעטל אַריין, צו פאַרקויפן דעם חמץ. לויפט ער אַריבער צום רב: „געוואַלד, רבי, אַזאַ און אַזאַ מעשה. איך האָב פאַרשפּעטיקט. וואָס טוט מען איצט?“

זאָגט דער רב, אַז ער זאָל גלייך אַהיימפאָרן, און ווי נאָר ער וועט קומען,

זאָל ער עפּענען אַלע טויערן פון זיינע שייערן און שפּייכלערס, און אויסרופן — הפקר! אַלץ, וואָס דאָרט איז דאָ, איז הפקר פאַר אַלעמען.

דער ישובניק איז פאַרציטערט געוואָרן: „סטייטש, רבי, וואָס הייסט הפקר? אַזוי פּיל האָב־און־גוטס?!

„אַזוי איז דער דין,“ זאָגט דער רב, „פאַרפאַלן!“

דער ישובניק איז גלייך אַהיימגעפאָרן. אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרזאָרגטער דערציילט ער זיין ווייב די מעשה אַזוי און אַזוי. זיין ווייב, אַ קלוגע יידינע, נעמט זי אים טרייסטן: „דאגה נישט, מיין מאַן. דו טו ווי דער רב האָט געהייסן. דו ביסט דאָך אַ ייד, דאַרפסטו אָפּהיטן דעם דין. נאָר פאַרן הפקר זאָרג נישט. נעם, לאָז אָפּ די צויג פון דער קייט און זאָל זי פריי אַרומלויפן איבערן הויף. און לאָמיר זען ווער סע וועט וואַגן צוצוקומען נאָענט צו די שפּייכלערס!“

און דער חזן ענדיקט: „איר פאַרשטייט שוין פאַרוואָס איך קען נישט אַריינ־נעמען קיין הייזון צום פאַרקויפן?! אָף דעם איז די רביצין די באַלעבאָסטע.“

דער בעל־אכסניא איז נעבעך אַרײַנגעפאַלן

אין אַ שטעטל איז געקומען צו פאָרן אַ חזן. איז ער אַוועק צו די גבאים פון דער קהילה און האָט זיך ביי זיי איינגעבעטן, מ׳זאָל אים לאָזן דאַווענען אַ שבת. האָט מען אים געלאָזט.

מוצאי־שבת אָף דער נאַכט זענען עטלעכע גבאים אַרומגעגאַנגען אין שטעטל, צונויפצונעמען ביי די באַלעבאַטים אַביסל געלט פאַרן חזן. נאָר דער עולם האָט נישט געגעבן. צו וועמען זיי קומען אַריין, קריגן זיי דעמזעלבן ענטפער: „פאַר אַזאַ דאַווענען איז ער גאַרנישט ניט ווערט.“ און מ׳האָט טאַקע נישט געגעבן.

זונטאָג אין דער פרי נעמט דער חזן זיך פּאַקן אין וועג אַריין. גייט צו אים צו דער בעל־אכסניה און הייסט זיך באַצאָלן, וואָס אים קומט פאַר האַלטן אים איבער שבת. זאָגט דער חזן, אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן.

„איר ווייסט דאָך, באַלעבאָס לעבן, אַז איך האָב ביי אייך אין שטעטל גאָר־נישט ניט געמאַכט. טאָ פון וואַנען זאָל איך אייך נעמען צו באַצאָלן?“

זאָגט דער בעל־אכסניה, אַז דאָס איז נישט זיין דאגה. „איר האָט ביי מיר געגעסן און איר זענט ביי מיר געשלאָפן, קומט מיר צו באַצאָלן.“

„ווייסט איר וואָס,“ זאָגט דער חזן, „איך וועל אייך אָפּזינגען פאַרן געלט.“

„אַז איך דאַרף נישט אייער זינגען,“ ווערט שוין דער בעל־אכסניה שטרענ־גער. „באַצאָלט מיר וואָס מיר קומט.“

אַז דער חזן זעט אַזאַ זאַך, פאַלט אים איין אַ פּלאַן, און ער זאָגט: „באַלעבאָס לעבן, איך האָב אַ פּלאַן: איך מאַך מיט אייך אָפּ, אַז איך וועל אייך זינגען אַ שטיקעלע, און אויב סע וועט אייך געפעלן, זענען מיר קוויט. נאָר אויב נישט, וועל איך מוזן באַצאָלן.“

טראַכט דער בעל־אכסניה: זאָל ער זינגען. וועמען אַרט עס? איך וועל נאָך דעם זאָגן, אַז סע געפעלט מיר נישט.

„גוט, זאָל זיין ווי איר זאָגט,‟ זאָגט ער דעם חזן, און ער גיט אים די האַנט. „נאָר געדענקט: אַן אָפּמאַך איז אַן אָפּמאַך: אייער זינגען דאַרף מיר געפעלן!‟

דער חזן וואַרט נישט און ער הייבט גלייך אָן צו זינגען. ער זינגט אַ שטיקל פון ה ל ל. נאָר אַז ער ענדיקט, זאָגט דער בעל־אכסניה, אַז סע געפעלט אים נישט. זאָגט דער חזן: „וועל איך אייך זינגען אַ קדושהלע. מיין קדושה איז אַן אַנטיק!‟ און ער צעזינגט זיך אַף אַ קול.

אָפּגעזונגען, דרייט דער בעל־אכסניה מיטן קאָפּ.

„ניין, נישט גוט. סע געפעלט מיר נישט.‟

בעט זיך ביי אים דער חזן, אַז ער זאָל אים אויסהערן נאָך איין זאַך. און אויב דאָס וועט אים נישט געפעלן, וועט ער אים באַצאָלן.

„מילא, זינגט,‟ זאָגט דער בעל־אכסניה.

און דער חזן נעמט ווידער זינגען. ער נעמט אונטערברומען אַ ימים־נוראים־דיקן ניגון, און ענדיקט מיט די ווערטער:

„חזן, חזן, דו האָסט שוין צוויי מאָל געזונגען, און דעם בעל־אכסניה איז נישט געפעלן. ווערסטו דאָך מוזן באַצאָלן, וואָס אים קומט...‟

„אַט, אַט, אַט!‟ דערפרייט זיך דער בעל־אכסניה. „דאָס געפעלט מיר! דאָס הייסט געזונגען!‟

„אַזוי,‟ שרייט אויס דער חזן, „דאָס געפעלט אייך?! אויב אַזוי, האָט מיר אַ גוטן תמיד. אַן אָפּמאַך איז אַן אָפּמאַך. אַ גוטן טאָג אייך!‟ און ער האָט געכאַפּט זיין פּעקל און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דער בלינדער חזן

אין אַ שטעטל איז געווען אַ חזן, גאָר פון די געהויבענע חזנים. ער האָט גע־האַט אַ קול־נגינה, און איז געווען אַ גוטער דאַווענער. הכלל, ער האָט געקענט זיין אַ חזן אין דער גרעסטער שטאָט און אין דער שענסטער שול. נאָר ער איז, נישט פאַר אונז געדאַכט, נעבעך געווען געשטראָפט מיט בלינדקייט. ער האָט נישט געקענט זען. און צו דערצו האָט אים דאָס שטעטל געצאָלט זייער ווייניק. קוים אַף אַ שטיקל ברויט. האָט ער זיך נעבעך זייער געפּלאָגט.

נאָך שענער, די באַלעבאַטים, וואָס פלעגן שנדרן אַ פּאָר גראָשן פאַרן חזן, פלעגן דאָס אים נישט אָפּגעבן. ווען דער חזן וואָלט זיי געקענט זען, וואָלטן זיי זיך אפשר געשעמט אים צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, און וואָלטן אים באַצאָלט. נאָר אַזוי ווי דער חזן זעט נישט די וועלט פאַר די אויגן, מאַכט מען זיך נישט וויסנדיק. הכלל, דער חזן וואָלט שוין לאַנג פאַרלאָזט דאָס שטעטל. נאָר וואוהין זאָל גיין אַ בלינדער מענטש? זיצט ער און פינסטערט אין שטעטל.

מאַכט זיך אַמאָל אַ שבת און אַ באַלעבאָס פּראַוועט אַ בר־מצווה אין שול. דער חזן האָט לכבוד דער געלעגנהייט געגעבן אַ דאַווענען, אַז אַלע האָבן זיך געלעקט די פינגער. נאָכן דאַווענען האָט דער בעל־שמחה פאַרבעטן די באַלעבאַטים צו־זאַמען מיט דעם חזן צו זיך אַהיים אַף קידוש.

אַז מ'האָט קידוש געמאַכט און מ'האָט צוגעביסן, האָט זיך דער עולם דערפילט

יום־טובדיק. בעט דער בעל־שמחה דעם חזן, אַז ער זאָל עפּעס דערלאַנגען: „חזן, זינגט אונז עפּעס!"

דער חזן לאָזט זיך נישט לאַנג בעטן, און צעלאָזט זיך אָף זיין קול. ער האָט אָפּגעזונגען אַ „י ר א ו ע י נ י נ ו"(זאָלן זען אונזערע אויגן) מיט אַזאַ האַרציקייט ווי ס'איז טאַקע אים געווען אָפּן האַרצן. ביי די באַלעבאַטים זענען ממש געשטאַנען טרערן אין די אויגן. רופט זיך אָן דער בעל־שמחה: „אַי, חזן, חזן, ווי גליקלעך מיר אַלע וואָלטן געווען, ווען איר וואָלט אונז געקענט זען."

דאָ האָט דער חזן דערפילט, אַז ס'איז אַ גוטע געלעגנהייט זיי אַריינצוזאָגן. ענטפערט ער און זאָגט: „סע קען זייער זיין, אַז ווען איך וואָלט א י י ך געקענט זען, וואָלט איר מ י ך נישט געקענט זען."

ס'איז ווערט געווען דאָס געלט

אין דער סקווירער קלויז אין טאַלנע האָט זיך געפירט, אַז מ'האָט אָף די ימים־נוראים צוגענומען אַ בעל־תפילה, צו דאַוונען מוסף. געוויינלעך האָט מען אים געגעבן דערפאַר דרייסיק רובל, העכסטנס פערציק רובל. מער האָט די קלויז נישט געקענט צאָלן.

מאַכט זיך, אַז עטלעכע וואָכן פאַר ראש־השנה קומט אַראָפּ אַ חזן אין שטאָט און גיט אַ שבת, אַז דער עולם האָט זיך פון זיין דאַוונען געלעקט די פינגער ממש.

מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, נעמט מען מיט דעם חזן רעדן וועגן דאַוונען ימים־נוראים. הייסט ער זיך געבן נישט ווינציקער ווי אַ הונדערטער.

„איר וועט דערפאַר האָבן אַן עונג יום־טוב, אַז סע וועט ווערט זיין פאַר איטלעכן מער פון הונדערט רובל," האָט ער פאַרזיכערט דעם עולם.

נאָר וואו זאָל מען נעמען אַזאַ פאַרמעגן? האָט מען זיך געדונגען און געדונגען, ביז ער איז מרוצה געוואָרן צו נעמען פינף און זיבעציק רובל.

הכלל, פינף און זיבעציק רובל איז טאַקע נישט קיין הונדערט, נאָר פון וואַנעט זאָל מען נעמען נאָך פינף־און־דרייסיק רובל, אַז מער פון פערציק קען קהל נישט געבן? איז געבליבן, אַז מע זאָל רופן אַן אסיפה, און איטלעכער זאָל ביישטייערן, צוזאַמענצושלאָגן די נייטיקע סומע. סע וועט ווערט זיין די מי, האָט איינער דעם אַנדערן צוגעגעבן חשק. וואָרן אַ חזן מיט אַזאַ קול האָט די קלויז נאָך נישט געהאַט אָף די הייליקע טעג.

אַז ס'איז געקומען צו דער אסיפה, האָט דער גביר מנדב געווען דריי רובל, עטלעכע שיינע יידן האָבן געגעבן צו רובל, און די אַנדערע פון עולם האָבן צוגעטראָגן צו האַלבע רובלס און צו פערטעלעך. אַזוי האָט מען קוים מיט צרות צוזאַמענגעקלאַפּט דאָס נייטיקע געלט, און דער עולם איז אַוועק אַהיים צופרידן.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און מ'האָט דערלעבט ראש השנה. אַז ס'איז געקומען דעם ערשטן טאָג צו מוסף, האָט זיך דער עולם אין קלויז געפילט דערהויבן. אַ קלייניקייט—אַזאַ חזן! אָט וועט ער נעמען זאָגן „הנני העני ממעש", וועט מען דערפילן וואָס סע מיינט צו שטיין פאַרן באַשעפער, און סע וועט זיין וואָס צו געדענקען.

דער חזן שטעלט זיך אַנידער פאַרן עמוד, וויל אָנהייבן צו זאָגן, נאָר זיין קול

פאַרהאַקט זיך, אַז ער קען קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. וואָס איז? אַן אומגליק האָט געטראָפן. ער האָט זיך ערב יום־טוב צוגעקילט, און איצט איז ער הייזעריק ווי די וואַנט.

דער עולם איז געשטאַנען פאַרגליווערט. אַף אַזאַ זאַך האָט זיך קיינער נישט געריכט. נאָר דעם אפּיקורוס, דעם לץ, אים האָט דאָס אַ קיצל געטון: אַן עונג יום־טוב האָט זיך דעם עולם פאַרוואָלט! ווען נישט דער יום־הדין, וואָלט די קלויז שוין געגאַנגען אַף רעדלעך. נאָר פלוצים האָט דער חזן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ער האָט געוויינט פון וויטיק, וואָס ער איז אין מיטן דערינען געוואָרן הייזעריק, און האָט מיט אַ געבראָכן קול געזאָגט „הנני העני״. ער האָט געזאָגט מיט אַזאַ געוויין, אַז דער גאַנצער עולם איז צעגאַנגען אין טרערן. אַפילו דעם אפּיקורוס האָט עס צענומען. דער חזן האָט נאָך דעם געזאָגט די שמונה־עשרה. ער האָט געזאָגט מיט אַ הייזעריק קול, נאָר דעם עולם האָט דאָס שוין נישט געאַרט.

מ׳האָט שפּעטער גערעדט, אַז זיין געוויין אַליין איז ווערט געווען דאָס געלט.

ער איז נעבעך אין אַ שלעכטער חברותא

דער אָדעסער חזן, ר׳ ניסן בלומענטאַל, איז געווען אַן אַלטמאָדישער ייד און ער האָט נישט געהאַלטן פון די נייע שול־מנהגים. ער האָט בשום אופן נישט גע־קענט פאַרטראָגן דעם לאַנגן, שוואַרצן כאַלאַט מיט דעם הויכן קאַנטיקן קאַפּעל, וואָס די היינטיקע חזנים טוען זיך אָן ביים דאַווענען.

נאָר מער פון אַלץ האָט ר׳ ניסן פיינט געהאַט דעם טיטל, וואָס מען האָט אים געגעבן: „אויבערקאַנטאָר״. ער איז באַשטאַנען, אַז מע זאָל אים רופן איינפאַך „הער בלומענטאַל״, אָדער פּראָסט פּשוט—„ר׳ ניסן״.

איינמאָל טרעפט ער זיך מיט מענדעלע מוכר ספרים. באַגריסט אים דער זיידע מיט דעם טיטל „הער אויבערקאַנטאָר״.

פאַרדריסט עס דעם חזן און ער זאָגט: „איר אויך, ר׳ שלום יעקבֿ?!״

שמייכלט מענדעלע און זאָגט: „שעמט איר אייך, חלילה, מיט אייער חזנות, ר׳ ניסן?״

„חס ושלום,״ זאָגט דער חזן. „נאָר איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, וועט איר פאַרשטיין: אין אָדעס איז אַמאָל געווען אַ באַקאַנטער גנבֿ, נאַטקע גנבֿ, האָט מען אים גערופן. נאַטקע האָט געהאַט אַ שם פאַר אַן אמתן פאַכמאַן. ער איז געווען אַ קינסטלער אין זיין מלאכה. דערדאַזיקער נאַטקע האָט אָפּגעטון די גרעס־טע גנבֿות. ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַזעלכע קונציקע שפּיצלעך, אַז מענטשן האָבן אים פּשוט באַוואונדערט. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך נאַטקע גנבֿ אָנגעהויבן קלאָגן. ס׳איז אים עפּעס נישט איינגעגאַנגען זיין גאַנצע „קונסט״. פאַר נאַענטע מענטשן האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ און געטענהט: ׳וואָס טויג מיר מיין גאַנצער טאַלאַנט, אַז איך שטיי איין אין אַ שלעכטער חברותא?! אַ ליאַדע קעשעניק, וואָס גנבֿעט דריי גראָשן, רופט זיך דאָך היינט גנבֿ׳!״

דער יונגערמאַן און דער חזן

אַ יונגער בחור האָט זיך אַמאָל אַרומגעקוקט, אַז אין דער היים האָט ער נישט וואָס צו טון און אַז ס'איז אַן עבירה צו פּטרן די יאָרן אין דעם קליינעם שטעטל. האָט ער זיך איין שיינעם טאָג אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער גרויסער שטאָט אַריין. ער האָט געהאָפט, אַז אין דער גרויסער שטאָט וועט ער זיכער דערשלאָגן זיך צו עפּעס.

אַפן וועג איז אים אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אין אַן אכסניה. פאַרן לייגן זיך שטייט ער זיך ביים פענסטער און זינגט זיך אונטער ימים־נוראימדיקע שטיקלעך. פלוצים עפנט זיך די טיר און סע קומט אַריין אַ ייד מיט אַ שיין בערדל, שטרעקט אויס די האַנט צום יונגנמאַן און זאָגט צו אים: „שלום עליכם. ווער איז אַ יונגערמאַן?"

דער בחור גיט אים שלום און קוקט אים אָן. דער ייד וואַרט נישט אַף קיין ענטפער און רעדט ווייטער: „איך זע, אַז איר האָט אַ פיינע כלי. איר זענט אַוודאי אַ חזן?!"

דער בחור ווייסט נישט וואוהין דער ייד צילט און ענטפערט: „אַנטקעגן וואָס פרעגט איר, ר' יידז?"

נאָר דער ייד רעדט ווייטער: „איר זענט געקומען דאַוונען דאָ דעם שבת?!"

„אַוודאי וועל איך דאַוונען," ענטפערט דער בחור. „נאָר צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן?"

„פאַרשטייט איר מיך," זאָגט דער ייד, „איך בין אויך אַ חזן, און איך בין אויך געקומען אַהער דאַוונען דאָ דעם שבת. נו, איר ווייסט דאָך, דאָס שטעטל איז אַ קליינס, און אַז צוויי חזנים וועלן דאָ דאַוונען אין איין שבת, וועט עס נישט אַריינברענגען געניג, נישט פאַר אייך און נישט פאַר מיר. נאָט אייך עטלעכע רובל און פאָרט בעסער אין דעם אַנדערן שטעטל, דאָ נישט ווייט, און דאַוונט אייך דאָרטן."

דער בחור שמייכלט אין זיך, נעמט צו די עטלעכע רובל, און אַפן אַנדערן מאָרגן איז ער אַוועק ווייטער אַפן וועג צו דער גרויסער שטאָט.

אַ ישיבה־בחורשער פּילפּול

פיר ישיבה־בחורים זענען אַמאָל געגאַנגען אין גאַס, מיט די גמרות אונטערן אָרעם, און האָבן געשמועסט. ווי זיי גייען אַזוי, זעען זיי צוויי קוימענקערערס מיט די דראַטענע בעזימלעך און אייזערנע געוויכטן אַף די אַקסלען. ביי איינעם פון זיי איז דאָס פּנים געווען ריין, און ביים אַנדערן איז דאָס פּנים געווען איינגעשמירט מיט סאַזשע.

אַז מ'איז איינגע די אַנדערע פאַרבייגעגאַנגען, איז צווישן די ישיבה־בחורים געוואָרן אַ גערייד וועגן די קוימענקערערס. ס'האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע: וועלן די קוימענקערערס זיך וואַשן זייער פּנים, צי וועלן זיי זיך נישט וואַשן? „וואָס דאַרף מען וועגן דעם פאַרלירן ריידז?" זאָגט איינער פון זיי. „די זאַך איז זייער פּשוט: דער מיטן אויסגעשמירטן פּנים—וועט זיך וואַשן, און דער מיטן ריינעם פּנים—וועט זיך נישט וואַשן."

זאָגט דער צווייטער: „ניין, ס'איז נישט אַזוי פּשוט ווי סע רעדט זיך. איך מיין, אַז ווען דער מיטן ריינעם פּנים וועט זען ביי דעם אַנדערן דאָס אויסגעשמירטע פּנים, וועט ער מיינען, אַז ער אַליין איז אויך אויסגעשמירט, וועט ער זיך וואַשן. און דער מיטן אויסגעשמירטן פּנים, אַז ער וועט זען ביי דעם אַנדערן דאָס ריינע פּנים, וועט ער זיין זיכער, אַז זיין פּנים איז אויך ריין, וועט ער זיך נישט וואַשן. וועט אויסקומען, אַז דער מיטן ריינעם פּנים וועט זיך וואַשן, און דער מיטן אויסגע־שמירטן פּנים וועט זיך נישט וואַשן און בלייבן אויסגעשמירט ווי געווען."

„ניין, חברים," זאָגט דער דריטער, „איר האָט ביידע אַ טעות. די זאַך איז אַזוי: אַז דער מיט דעם ריינעם פּנים וועט זען דעם אַנדערן, דעם אויסגעשמירטן, וועט ער מיינען, אַז ער איז אויך אויסגעשמירט, וועט ער זיך וואַשן, און זאָגן דעם אַנדערן: ‚פאַרוואָס וואַשסטו דיך נישט?' וועט יענער זאָגן: ‚איך בין ריין.' וועט דער ערשטער אים צופירן צו אַ שפּיגל און אים ווייזן, אַז ער איז אויסגעשמירט. וועט יענער זיך אויך וואַשן. אַף אַזאַ אופן וועלן זיי זיך ביידע וואַשן."

„איר זענט אַלע דריי אומגערעכט," זאָגט דער פערטער, „איך רעכן, אַז ווען דער מיטן אויסגעשמירטן פּנים וועט זען ביי דעם אַנדערן דאָס ריינע פּנים, וועט ער מיינען, אַז זיין פּנים איז אויך ריין, וועט ער זיך דעריבער נישט וואַשן. און דער אַנדערער, דער מיטן ריינעם פּנים, אַז ער וועט זען, אַז ביי זיין פריינד איז דאָס פּנים אויסגעשמירט, וועט ער מיינען, אַז זיין אייגן פּנים איז אויכעט אויסגעשמירט. נאָר אַזוי ווי ער וועט זען, אַז זיין פריינד וואַשט זיך נישט, וועט ביי אים זיין רעכט אויכעט נישט צו וואַשן זיך, און צו בלייבן אויסגעשמירט. אַף אַזאַ אופן וועלן ביידע קוימענקערערס בלייבן אומגעוואַשן."

דער פּרוזשינער ישיבה־בחור און די מעשה מיט דעם ייד, דעם יורד

אין דער וואָלאָזשינער ישיבה איז געווען אַ בחור, וואָס מ'האָט גערופן „דער פּרוזשינער," אַף דעם נאָמען פון דעם שטעטל, פון וואַנען ער איז געקומען. דער דאָזיקער ישיבה־בחור האָט געהאַט אַף זיך אַ גוטן קאָפּ און אַ געשליפענע צונג. אַף אַלץ האָט ער געקענט זאָגן און דרשענען.

איינמאָל גייט צו אים צו איינער פון די ישיבה־לייט און זאָגט צו אים: „פּרו־זשינער, אויב דו ביסט יאָ אַזאַ זאָגער, לאָמיר הערן, מאַך איבער מיר אַ הספּד." איר הערט אַן איינפאַל פון אַ ישיבה־בחור.

דער פּרוזשינער קוקט אים אָן און זאָגט: „ציי דיך אויס!"

דער בחור גיט נישט קיין צווייטן טראַכט, לייגט זיך אַנידער אַף אַ טיש, ציט זיך אויס און וואַרט צו הערן ווי אַזוי דער פּרוזשינער וועט אים מספּיד זיין.

דער פּרוזשינער שפּרינגט אַרויף אַף אַ באַנק און הייבט אָן מיט אַן ערנסט און טרויעריק קול: „וויי־געשריגן! עלנט און פאַריתומט שטייען מיר דאָ אַרום דעם נפטר. אַזאַ נפטר! וויי, צו וועמען זענען מיר געגליכן? מיר זענען איצט ווי דער ייד, דער יורד אין דער משפּחה."

און דער פּרוזשינער צעלאָזט זיך באַלד מיט אַ קלאָגעדיקן ניגון: „ס'איז געווען אַמאָל אַ ייד, אַן עושר, אַ גביר אדיר. האָט געטראָפן מיט דעם גביר אַן אומגליק.

זיינע געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ, און ער איז, נישט פאַר קיין גוטן ייד געדאַכט, געוואָרן אַ יורד. ער איז געגאַנגען וואָס אַמאָל נידעריקער און נידע־ריקער, ביז ס'האָט גענומען פעלן אין שטוב אַף חיונה. ביטער. וואָס טוט מען? נעמט דער ייד די גילדענע כלים פון שטוב און טראָגט זיי צו פאַרקויפן, צו קענען דערנערן ווייב און קינדער.

„ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און ס'האָט ווידער אָנגעהויבן פעלן דאָס שטיקל ברויט אין שטוב. נעמט דער ייד די זילבערנע כלים און פאַרקויפט זיי. דערנאָך איז ווידער אַריבער אַ שטיקל צייט, און ער האָט צוזאַמענגענומען די מע־שענע כלים און די קופּערנע כלים און זיי פאַרקויפט.

„שפּעטער האָט ער אויך פאַרקויפט דאָס בעטגעוואַנט און די אַנדערע זאַכן פון שטוב. און אַז אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט, און דער הונגער האָט געשריגן פון אַלע ווינקעלעך אין שטוב, האָט דער ייד צונויפגעזוכט די שמאַטעס אַפן בוידעם, האָט זיי פאַרפּאַקט און זיי געוואָלט טראָגן צו פאַרקויפן.

„מיטאַמאָל בלייבט ער שטיין, דער ייד, דער יורד. קוקט אַף דעם פּעקל שמאַטעס, קוקט און צעוויינט זיך מיט אַ ביטער געוויין. פרעגט מען אים: ‚ר' ייד, וואָס וויינט איר? איר האָט פאַרקויפט די גילדענע כלים,—וואָס פאַר אַ טייערע כלים!—האָט איר נישט געוויינט. אַז איר האָט נאָכדעם פאַרקויפט די זילבערנע כלים,—וואָס פאַר אַ שיינע כלים!—האָט איר אויך נישט געוויינט. שפּעטער, אַז איר האָט פאַרקויפט די אַנדערע טייערע זאַכן פון שטוב—האָט איר אויך דעמאָלט נישט געוויינט. און איצט, אַז איר פאַרקויפט די שמאַטעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ערגעץ אַפן בוידעם, וויינט איר מיט אַזאַ ביטער געוויין'."

און דער פּרוזשינער לאָזט אויס מיט אַ קלאָגעדיקן ניגון: „רבותי, ווײ־גע־שריגן! מיר זענען אין דער זעלבער בחינה: עס זענען געשטאָרבן אַזעלכע גאוני־תורה, וואָס זענען געווען די קרוין פון אונזער פאָלק, האָבן מיר נישט געוויינט. ס'איז נפטר געוואָרן דער מאָהליווער, און מיר האָבן קיין טרער נישט פאַרגאָסן. ס'איז אַוועק פון אונז דער וואָלאָזשינער, און מיר האָבן אויך דעמאָלט נישט גע־וויינט. עס זענען געשטאָרבן גרויסע רבנים, למדנים, און מיר האָבן נישט געקלאָגט נאָך זיי. און איצט, ווײ־געשריגן, זענען מיר שוין אַזעלכע יורדים, רחמנא ליצלן, אַז מיר באַגלייטן אַזאַ שמאַטע צו דער אייביקער רו, קלאָגן מיר און פאַרגיסן בעכן טרערן."

זייער איינציקער חסרון

געווען צייטן, ווען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה האָבן געלערנט בחורים פון דער גאַנצער וועלט. פון אומעטום האָבן זיך געצויגן אַהין יונגעלייט, וואָס האָבן געדאַרשט נאָך תורה. אַפילו פון קאַווקאַז, וואָס דאָרטן איז קיין גרויס יראַת־שמים נישט געווען, זענען געקומען בחורים קיין וואָלאָזשין אין דער ישיבה אַריין.

ר' חיים, וואָס איז דעמאָלט געווען ראש־ישיבה, איז נישט נאָר געווען גרויס אין תורה, נאָר איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־מידות. ער האָט די ישיבה־לייט ליב געהאַט ווי אייגענע קינדער, און האָט זיי שטאַרק מקרב געווען. ר' חיים האָט

געהאַט אַף זיי אַ גרויסע השפּעה, און זיי זענען געווען אמתע יראי־שמים. נאָר אַף די קאַווקאַזער בחורים האָט מען אַביסל געמורמלט. וואָס איז? אין די אָוונטן זעט מען זיי רעדן מיט מיידלעך. אַז דאָס איז אָנגעקומען צו ר׳ חיימען, גיט ער איינמאָל אַ פרעג די קנאים: „נו, און ווי אַזוי פירן זיך די אַנדערע שטאָטישע בחורים אין וואָלאָזשין און אין די אַרומיקע שטעטלעך?״

זאָגט מען אים, אַז אַלע יונגעלייט שפּאַצירן אַרום אין די אָוונטן מיט מיידלעך.

„אויב אַזוי,״ זאָגט ר׳ חיים בנעימות, „זענען דאָך די קאַווקאַזער בחורים גלייך ווי די אַנדערע בחורים. זייער איינציקער חסרון איז דאָס, וואָס זיי לערנען אין דער ישיבה. אַזאַ חסרון דאַרף מען פאַרקוקן. איבעריקנס, נעם איך דעם חסרון אַף מיר.״

אַמאָל האָט ער געלערנט, און איצט...

אַ ישיבה־בחור אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים, אין רוסלאַנד, האָט זיך אַמאָל אויפגעהויבן און איז אַוועק אין דער וועלט אַריין. ער האָט זיך געטראַכט: וואָס דאַרף ער וואַרטן? אָט נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, און מע וועט אים נעמען, צו דינען ביי פאָניען. גיי דין אים, אַז דאָ טאָר אַ ייד נישט וואוינען, און דאָרט טאָר אַ ייד נישט זיצן, און מיט דעם טאָר אַ ייד נישט האַנדלען! אומזיסט די מי!

דער ישיבה־בחור איז אַוועק און האָט זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע.

די ערשטע צייט האָט דער בחור, חיימל האָט ער געהייסן, געבידעוועט אין דעם נייעם לאַנד, און איז פאַרשוואַרצט געוואָרן. ער האָט געפּעדלט און אַרומ־געשלעפּט די פּעק אַף די פּלייצעס.

אַז ס׳איז אַריבער אַ צייט, און ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, האָט ער געעפנט אַ קרעמל, און ס׳איז אַוועק גוט. שפּעטער האָט ער געעפנט אַ גרעסער געשעפט, און חיימל האָט מצליח געווען און איז געוואָרן רייך. ער האָט חתונה געהאַט, געהאַט קינדער און געפירט אַ גרויס הויז.

אין יידישקייט האָט ער ביסלעכווייז פאַרגעסן. נישט קיין שבת און נישט קיין יום־טוב. טאָג ווי נאַכט פאַרנומען מיט געשעפטן, פאַבריקן. די קינדער האָבן שוין אַפילו קיין יידיש נישט געקענט און זענען געוואַקסן ווי פאָלנע גויים. פון איין זאַך האָט מען ביי דעם געוועזענעם ישיבה־בחור יאָ געהאַלטן, פון „שולחן ערוך״, מ׳האָט געפרעסן, און צו דערצו נאָך טריפות, אַז ס׳איז געגרונען איבערן מויל. אַזוי זענען אַריבער יאָרן.

איינמאָל האָט זיך דעמדאָזיקן געוועזענעם ישיבה־בחור פאַרבענקט צו זען זיינע טאַטע־מאַמע. אַהיימפאָרן צו זיי—האָט ער נישט געקענט. ווי לאָזט מען דאָס איבער די געשעפטן? האָט ער געקויפט שיף־קאַרטן און געשיקט די עלטערן, אַז זיי זאָלן, למען השם, קומען צו פאָרן. ער האָט זיי אויך געשיקט גענוג געלט, אַז זיי זאָלן זיך אויסקליידן און האָבן אַף אַנדערע הוצאות.

אַז טאַטע־מאַמע האָבן געקריגן דאָס געלט מיט די שיף־קאַרטן—האָבן זיי זיך שטאַרק געפרייט. נאָר די מוטער האָט נישט געוואָלט פאָרן. זי האָט מורא, האָט זי געטענהט. זי איז אַן אַלטע שוואַכע יידינע, גיי לאָז דיך איבער ימים! איז געבליבן אַז דער פאָטער זאָל אַליין פאָרן.

געקומען קיין אַמעריקע, האָט אים דער זון אָפּגעוואָרט און אים געבראַכט צו זיך אַהיים.

דער פֿאָטער קוקט זיך אַרום, און סע ווערט אים ביטער אָפּן האַרץ. קיין סימן פֿון יידישקייט אין שטוב. היינט די טריפֿות! מילכיקס מיט פֿליישיקס צוזאַמען. „וואָס איז דאָס, מיין קינד?" פֿרעגט ער דעם זון.

„טאַטע," זאָגט חיים, „דאָ איז נישט אַשמענע און נישט ווילנע, דאָ איז אַמע־ריקע!" דער פֿאָטער האָט זיך גלייך אַרויסגעזוכט אַן אַנדער פּלאַץ. און אַז ס'איז אַריבער אַ פּאָר וואָכן, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין זון און איז צוריק אַהיים־געפֿאָרן.

געקומען אַהיים, פֿרעגט אים זיין ווייב: „נו, וואָס הערט זיך? וואָס טוט חיימל?"

„וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיין ווייב?" זאָגט דער פֿאָטער אַ פֿאַרביטערטער, „דאָ האָט ער געלערנט, און דאָרט חזיר'ט ער און חזיר'ט."

באַמערקונג: דער ענטפֿער איז געבויט אַף דעם שפּיל פֿון די ווערטער „חזרן" און „חזירן".

דער ישיבה־בחור וויל בעסער, אַז מע זאָל בויען אַ קלויסטער, און נישט קיין שולן

אַ ישיבה־בחור פֿון אַ וויטער שטאָט האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרענדאַרס אַ טאָכטער. אַ צייט נאָך דער חתונה, אַז ער איז אַראָפּ פֿון קעסט, האָט אים דער שווער געעפֿנט אַ קרעמל אין דאָרף און האָט אים אויסגעלערנט די קרעמערישע תורה, אַז ער זאָל קענען פֿאַרדינען אַן אייגן שטיקל ברויט פֿאַר ווייב און קינדער.

איין שיינעם טאָג קריגט דאָס באַלעבעסל אַ בריוו פֿון זיין פֿאָטער. ליבער זון, שרייבט דער פֿאָטער, וואָס טוסטו גוטס? און וואָס הערט זיך מיט פּרנסה? ענטפֿערט אים דער זון: טאַטע, ס'איז, ברוך־השם, גוט. און איך האָף צו השם־יתברך, אַז סע וועט באַלד זיין נאָך בעסער—מע בויט אַ ניי קלויסטער אין דאָרף.

ס'איז אַריבער אַ צייט, פֿרעגט אים דער פֿאָטער ווידער אָן וואָס סע טוט זיך. באַקומט ער נאָך אַ בעסערן ענטפֿער: טאַטע, שרייבט אים דער זון, ס'איז אַלץ, ברוך־השם, גוט און וואויל. און סע וועט באַלד זיין נאָך בעסער, מיטן אייבערשטנס הילף—מע בויט שוין נאָך אַ קלויסטער אין דאָרף.

דעם פֿאָטער איז דאָס נישט קלאָר געווען. נאָר געלויבט דער אייבערשטער, אַבי ס'איז גוט און וואויל.

אַז ס'איז ווידער אַריבער אַ צייט, פֿרעגט אים דער פֿאָטער נאָכאַמאָל אָן וואָס ער טוט און וואָס סע הערט זיך מיט פּרנסה. קריגט ער פֿון זיין זון אַן ענטפֿער, אַז סע טויג נישט,—מ'האָט אָנגעהויבן בויען אַ שול אין דאָרף.

דאָ האָט זיך שוין דער פֿאָטער דערשראָקן: וואָס מיינט דאָס? צי וויל זיך דער זון, חלילה, שמדן? אַז מ'האָט געבויט אַ קלויסטער און נאָך אַ קלויסטער—איז גע־ווען גוט און וואויל. און איצט, אַז מע בויט אַ שול—טויג נישט?! כאַפּט דער פֿאָטער אַ בעל־עגלה און פֿאָרט אַריבער צום זון אין דאָרף. געקומען—קוקט ער זיך אַרום און נעמט שמועסן מיט דעם זון: היתכן, וואָס מיינט, אַז ווען מ'האָט געבויט קלויס־

טערס—איז געווען גוט, און אַז מע בויט אַ שול—טויג נישט? „טאַטע, וואָס פאַר־שטייסטו דאָ נישט?" מאַכט אים דער זון קלאָר. „די זאַך איז זייער פּשוט: אַז מע בויט אַ קלויסטער אין דאָרף—קומען צו פרישע גוים, און זיי גיבן צו לייזן. נאָר אַז מע בויט אַ שול—קומען צו יידן אין דאָרף, און זיי וועלן אויך עפענען קרעמלעך, און מיר קאַליע מאַכן די פּרנסה."

אַ טײַערער אײַנפֿאַל

אַ יונגערמאַן מיט אַלע מעלות האָט געקריגן סמיכה, און האָט גענומען זוכן אַ רבנות. דער יונגער רב איז געווען צו גאָט און צו לייט, אַ למדן, אַ מענטש מיט אַ שטעל. אַלע האָבן זיך ממש געשפּיגלט אין אים. נאָר איין חסרון האָט ער גע־האַט: ער האָט נישט געקענט רעדן פאַר קיין עולם. ווי נאָר ס'איז געקומען צו האַלטן אַ דרשה, האָט זיך אָפּגעטון פון אים דאָס לשון. ער איז געוואָרן מבולבל, די צונג האָט זיך אים פאַרהאַקט און—נישט פון אָרט.

איינמאָל קומט ער צו לויפן צו זיינעם אַ חבר אַ פאַרצווייפלטער: „ברודער, גיב אַן עצה, ראַטעווע!"

וואָס איז? יידן פון אַ ווייטער געגנט זענען געקומען, און בעטן אים, אַז ער זאָל איבערנעמען דאָס רבנות ביי זיי אין שטעטל. זיי ווילן נאָר, אַז איידער ער ווערט ביי זיי רב, זאָל ער קומען, און דעם ערשטן שבת זאָל ער דאָרט האַלטן אַ דרשה אין גרויסן בית־מדרש. זאָל דער עולם זיך באַקענען מיט אים, און טאַקע זען ס'אַ כלי ער איז, און ווען זיי נעמען אויף פאַר רב. נאָר ער ווייסט, אַז דער ערשטער שבת איז זיין חלף. צוליב דעם ערשטן שבת וועט ער נישט קריגן דאָס רבנות. „ישועלע, ראַטעווע!" בעט זיך דער יונגער רב. „וואָס טוט מען מיט דעם ערשטן שבת?"

דער חבר קוקט אים אָן, באַרואיקט אים אַביסל און זאָגט: „וואו שטייט עס געשריבן, אַז דו מוזסט פאָרן אַפן ערשטן שבת? זאָג זיי, אַז דו וועסט קומען אַפן צווייטן שבת."

דער יונגער רב הערט און צעשיינט זיך. אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרץ: „זע נאָר," זאָגט ער, „דאָס איז מיר גאָרנישט ביט איינגעפאַלן!"

אסתר איז טאַקע געווען אַ גרינע, נאָר דער ישיבה־בחור איז שוין גאָר נישט געווען קיין גרינער

צוויי פרומע חסידישע בחורים האָבן זיך אַמאָל אין אַן אָוונט צערעדט וועגן ווייבער און וועגן ליבע. ס'איז געווען אין די טעג פון פּורים, און זיי האָבן אַזוי לאַנג גערעדט, ביז זיי זענען אַרויפגעקומען אַף אסתר המלכה. זאָגט איינער: „סע שטייט געשריבן, אַז „אסתר ירקרקת היתה," אַז אסתר איז געווען אַ גרינע. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ טעות. זי איז שוין גאָרנישט ביט געווען קיין גרינע. וואָרן אין דער מגילה ווערט געזאָגט, אַז אין אָוונט איז זי געגאַנגען צום מלך, און אין דער פרי האָט זי זיך אומגעקערט צו דעם הויז פון די ווייבער."

מיטאָמאָל כאַפּן זיך די צוויי בחורים, אַז זיי זענען שוין צו־וויט פאַרקראָכן, און אַז זיי טראַכטן מחשבות זרות, פון זאַכן, וואָס אַ פרומער ייד טאָר גאָר נישט טראַכטן. וואָרן טראַכטן איז דאָך גלייך ווי טון, מחשבה כמעשה.

אין דער פרי, ווי נאָר זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון געלעגער און זיך אָפּ־געגאָסן נעגל־וואַסער, זענען זיי אַריין צום רבי און אים דערציילט פון זייערע זינ־דיקע מחשבות, און האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי אַרויסגעבן אַ תשובה. פאַר־טראַכט זיך דער רבי, און נעמט זיי נאָכדעם מוסרן: „פאַר אַזאַ עבירה דאַרף מען זיך אַריינלייגן אַרבעס אין די שיך, און מע דאַרף אַזוי אַרומגיין מיט די אַרבעס אין די שיך דריי טעג."

די בחורים האָבן גענומען אַף זיך די שטראָף און געטון ווי דער רבי האָט געהייסן. אַז די דריי טעג זענען אַריבער, רעדן די צוויי בחורים, און איינער פרעגט דעם אַנדערן ווי ער פילט זיך. זאָגט דער ערשטער, אַז ער איז אַף צרות, די פיס זענען אים געשוואָלן. די אַרבעס האָבן אים אָנגעקוועטשט וואונדן.

זאָגט דער אַנדערער: „מיינע פיס זענען, ברוך־השם, געזונט. איך האָב טאַקע געטון ווי דער רבי האָט געהייסן. נאָר איך האָב די אַרבעס קודם אָפּגעקאָכט."

שווער אַרויסצוקריגן אַ שטיקל ברויט ביַים גויאישן גאָט

צוויי חברים, אָרימע ישיבה־בחורים אין אַמאָליקן רוסלאַנד, וואָס זענען אַרום־געגאַנגען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן און האָבן נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבער־צוקומען, האָבן אָפּט גערעדט צווישן זיך וועגן זייער ביטערער דאָליע און וואָס סע וועט זיין פון זיי דער תכלית.

איינמאָל זאָגט איינער פון זיי: „איך קען מער נישט אויסהאַלטן. איך וועל אַוועקפאָרן פון דאַנען און מיך שמדן. איך וועל פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין און מיך צושלאָגן צו עפּעס."

ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט פון דעם, ביז ער האָט זיך איין שיינעם טאָג אויפגעהויבן און איז פאַרשוואונדן.

עס זענען אַריבער יאָרן. וואו דער בחור איז געוועזן—איז נישט וויכטיק. נאָר אַז ער איז צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין—האָט אים קיינער נישט דערקענט. ער איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער. אַ גלח איז ער געווען.

וואָס איז ער געקומען אין שטעטל אַריין? ער איז געקומען זוכן זיין אַמאָליקן חבר. ער האָט געוואָלט זען וואָס ער טוט און ווי סע גייט אים. אין דער אייגענער צייט האָט ער זיך געוואָלט ווייזן פאַר אים ווי ער האָט מצליח געווען. דער גלח האָט זיך אַזוי לאַנג נאָכגעפרעגט אַף זיין חבר, ביז ער האָט זיך דערפרעגט צו אים. ער האָט אים געפונען אין אַן אָרים שטיבל אין אַ פאַרוואָרפן געסל, מיט ווייב און קינדער אין נויט און אין אָרימקייט. אַ מלמד איז ער געווען.

די צוויי אַמאָליקע חברים האָבן זיך דערקענט. זיי האָבן גערעדט. און דער גלח האָט אים דערציילט ווי רייך ער איז און ווי גוט סע גייט אים. „דו זעסט," האָט ער זיך אויסגעפיינט פאַר זיין חבר, „איך האָב געלט און האָב כבוד, און מיר פעלט נישט קיין זאַך אין לעבן." דער מלמד האָט געשוויגן. וואָרן וואָס האָט ער אים געקענט ענטפערן אַף דעם?!

דער גלח האָט דאָרט איבערגענעכטיקט. אין דער פרי, אַז ער איז אויפגע־שטאַנען, האָט ער איבערגעלאָזט דעם מלמד אַביסל געלט, האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן. אַז די מלמדקע האָט גענומען צוראַמען און פאַרבעטן די גע־לעגערס, האָט זי געפונען אונטערן קישן, וואו דער גלח איז געשלאָפן, אַ גאָלדענעם צלם מיטן יויזל. האָט זי זיך זייער דערשראָקן, און איר מאַן אויך. ווער ווייסט, צי איז דער משומד, דער גלח, נישט געקומען, צו מאַכן אַ בילבול, אַז יידן האָבן ביי אים געגנבעט זיין גאָט?!

זיי האָבן דעם צלם מיטן יויזל באַהאַלטן און געוואַרט, צו זען, וואָס סע וועט זיין. אַז ס'איז אַריבער אַ צייט און דער גלח האָט זיך מער נישט געוויזן, און ס'איז געווען שטיל און שאַ, האָט דער מלמד אַרויסגענומען דאָס יויזל, האָט אָפּגעבראָכן אַ גאָלדן פיסל, איז אַוועק צו אַ גאָלדשמיד און האָט עס פאַרקויפט פאַר אַ שיינער מטבע.

ס'איז ווידער אַריבער אַ שטיקל צייט, האָט ער אָפּגעבראָכן פון יויזל דאָס צווייטע פיסל און האָט עס פאַרקויפט. שפּעטער האָט ער אָפּגעבראָכן אַ הענטל, און דערנאָך דאָס צווייטע הענטל. אַזוי האָט ער ביסלעכוויַיז צעבראָכן דעם גאַנצן צלם מיטן יויזל און האָט דאָס פאַרקויפט.

דער מלמד איז אויפגעריכט געוואָרן. ער האָט באַקליידט זיין ווייב און קינ־דער, און קיין פּרנסה אין שטוב האָט שוין נישט געפעלט. אַזוי זענען אַריבער יאָרן. איין שיינעם טאָג—דער גלח שטעלט זיך אַריין.

דער מלמד און די מלמדקע האָבן זיך, נעבעך, זייער דערשראָקן. נאָר דער גלח איז געווען פריינדלעך און האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט וועגן דעם צלם מיטן יויזל. ערשט פאַר זיין אַוועקפאָרן פרעגט ער דעם מלמד, וואָס ער האָט געטון מיט דעם צלם, וואָס ער האָט געהאַט פאַרגעסן אונטערן קישן. דערציילט אים דער מלמד די גאַנצע מעשה. ער פאַרלייקנט, חלילה, גאָרנישט ניט.

„נו," זאָגט דער גלח, „וועמעס גאָט איז אַ בעסערער, דיינער צי מיינער?"

„איך וועל דיר זאָגן דעם אמת," ענטפערט דער מלמד, „בעסער איז טאַקע מיינער. ווייל ביז מע קריגט עפּעס אַרויס פון דיין גאָט, דאַרף מען אים צעברעכן הענט און פיס."

פאַרוואָס ער דאַרף סמיכה

דער גאון ר' יוזעפל, דער באַרדיטשעווער רב, האָט אַמאָל באַדאַרפט צו פאָרן אין אַ צווייטער שטאָט אַריין וועגן אַ וויכטיקן עניין. ער האָט זיך שטאַרק געאײַלט, און האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער באַן, און נישט מיט קיין בעל־עגלה ווי ער איז געוויינלעך געפאָרן.

אַריינגעקומען אין וואַגאָן, זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער זיך דערפילט אַליין, מחמת ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן תורה־זאַכן. נאָר ווי זאָגט די וועלט: גאָט שיקט צו דעם שענקער זיין וויין, און דעם וועבער זיין לאַין. גלייך ביי דער אַנדערער סטאַנציע קומט אַרויף אַ יונגערמאַן מיט אַ שיין בערדל און מיט פּיאות, און אין אַ רבנישן קאַפּעליטש, און זעצט זיך אין דעמזעלבן וואַגאָן, וואו ר' יוזעפל איז געזעסן.

ר׳ יוזעפל האָט זיך דערפרייט: איצט וועט ער האָבן מיט וועמען אַ יידיש וואָרט צו רעדן. און ער גייט טאַקע גלייך צו צום יונגנמאַן און גיט אים שלום, און ווי געווײנלעך גיט ער אים אַ פרעג—פון וואַנען און וואוהין? דערציילט אים דער יונגערמאַן, אַז ער פאָרט אין דער און דער שטאָט אַריין, איבערצונעמען דאָרט דאָס כסא־הרבנות. האָט זיך ר׳ יוזעפל נאָך מער דערפרייט: איז עס דאָך זייער אַ מענטש! און ער פאַרפירט מיט אים אַ שמועס אין דברי־תורה. אין איין וועגס פּרובירט ער אַ טאָפּ טון דעם וואָגן, צו זען וואָס פאַר אַ מין רב דאָס איז, און ער נעמט רעדן מיט אים וועגן דינים פון שולחן־ערוך. ער האָט אָנגעהויבן מיט דיני־נפשות און דיני־ממונות—וועגן קרימינאַל־געזעצן און ציוויל־געזעצן, וועגן געלט־זאַכן און וועגן מקח וממכר, וועגן קויפן און פאַרקויפן. נאָר ר׳ יוזעפל זעט, אַז דער יונגערמאַן דרייט זיך אָף אַלע זייטן און ווייסט נישט קיין וואָרט. טראַכט ר׳ יוזעפל: „מילא, נישט אַלע רבנים זענען באַהאַוונט אין אַזעלכע שווערע ענינים.“ און ער נעמט מיט אים רעדן וועגן לייכטערע זאַכן, וועגן דינים, וואָס האָבן צו טון מיט מאַן און ווייב, וועגן גטן זיך און חתונה האָבן. דאָס זענען דינים, וואָס איטלעכער רב מוז וויסן. נאָר ער זעט, אַז דער יונגערמאַן ווייסט אויך וועגן דעם גאָר נישט. דער יונגערמאַן פאַרענטפערט זיך, אַז אַזעלכע ענינים קומען נישט פאַר יעדן טאָג. און אַז סע טרעפט אַזאַ זאַך, קוקט מען אַריין אין שולחן־ערוך צו זיין זיכער אין דין.

זעט דאָך ר׳ יוזעפל מיט וועמען ער האָט דאָ דאָס צו טון, נעמט ער שוין רעדן וועגן נאָך לייכטערע זאַכן, וועגן הלכות טריפות, וועגן בשר בחלב, מילכיקס און פליישיקס. נאָר דער יונגערמאַן ווייסט נישט פון זיין לייב און לעבן. ווערט שוין ר׳ יוזעפל שטרענג, און זאָגט צו אים: „יונגערמאַן, ווי אַזוי נעמט איר אייך אונטער צו זיין אַ רב, אַז איר קענט גאָרנישט ניט? איר זענט דאָך אַ פּשוטער עם־הארץ.“

„אַזוי!“ ענטפערט דער יונגערמאַן. „אָט וועל איך אייך ווייזן, אַז איך האָב סמיכה פון אַ גרויסן רב.“ און ער נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ כתב און ווייזט אים: „נאָט, זעט.“

„וואָס טויג מיר דיין סמיכה,“ שרייט ר׳ יוזעפל, „אַז דו ביסט פאָרט אַן עם־הארץ?!“

„ע־ע,“ זאָגט דער יונגערמאַן, „ווען איך וואָלט געקענט לערנען, וואָלט איך דאָך נישט געדאַרפט קיין סמיכה!“

אַן עצה פון אַ גמרא־קעפל

צווישן די ישיבה־לייט זענען געווען צוויי חברים: דער טריפּאָלער און דער דאַלינאָווער. וואוילע בחורים מיט שאַרפע קעפּלעך, און טאַקע אמתע חברים, גע־טרייע. אַלעמאָל האָט מען זיי געזען צוזאַמען. זיי האָבן געלערנט צוזאַמען, געהונ־גערט צוזאַמען, און אַז זיי האָבן עפּעס געהאַט—האָט מען זיך צוזאַמען געטיילט ביזן לעצטן ביסן.

איין שיינעם טאָג קומט צו פאָרן אין דער ישיבה אַ גרויסער וואַלד־סוחר. וואָס איז? ער האָט אַ בת־יחידה, וויל ער אויסקלויבן פאַר איר אַ חתן. און ער זאָגט

דעם ראש־ישיבה, אַז ער וועט געבן וויפיל נדן מע וויל, און צו דערצו — אייביקע קעסט. נעמט דער ראש־ישיבה און ווייזט אים אָן אַף די צוויי בחורים. ער קען זיך אויסקלויבן וועלכן ער וויל.ביידע וואוילע. דער סוחר צעשמועסט זיך מיט די בחורים, און זיי געפעלן אים זייער שטאַרק. און אַז סע קומט צום צוריקפאָרן, נעמט ער מיט מיט זיך אַהיים דעם טריפּאָלער, ער זאָל אָנקוקן די כלה.

מ׳האָט טאַקע באַלד נאָך דעם געשריבן תנאים, און אין גיכן איז געווען די חתונה. דער טריפּאָלער איז אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב. דער שווער האָט אים אַרײַנגענומען אין די געשעפטן, און ער איז אויך געוואָרן אַ סוחר. אַזוי זענען די צוויי חברים צעשיידט געוואָרן.

דער אַנדערער, דער דאַלינאָוער, האָט אין גיכן אויך חתונה געהאַט. נאָר ער האָט נישט געטראָפן אַזוי אײַ־אײַ. אים איז נעבעך געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. אַזוי איז אַריבער אַ צייט. נו, מילא. נעמט דער דאַלינאָוער טראַכטן, מע דאַרף זיך זען מיט דעם חבר. ס׳האָט אים גענומען ציען צו אים. כ׳וויס, אפשר? אין שיינעם טאָג הייבט ער זיך אויף און פאָרט טאַקע אַריבער צו אים. ראשית וויל ער זיך זען מיט אים. ס׳איז דאָך שוין אַזאַ צייט, אַז מ׳האָט זיך נישט געזען. צווייטנס, וועט ער רעדן מיט אים. אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען פון דעם. אַז דער דאַלינאָוער קומט צו פאָרן צו זיין חבר, צו דעם טריפּאָלער, איז די שמחה געווען אין־לשער. מ׳האָט זיך געפרייט ווי אמתע פריינט. און מ׳האָט געשמועסט און געשמועסט. מ׳האָט זיך גאַרנישט ניט געקענט זעטיקן מיט דער באַגעגעניש. נו, פיין וואויל, אַמאָליקע חברים! צום סוף, אַז מ׳האָט זיך שוין גוט אָנגעפרייט, איז מען צוגעקומען צום פּסוק, און דער דאַלינאָוער דערציילט דעם חבר פון זיין ביטער האַרץ. און ער וואַרט: דער חבר וועט אים אַוודאי בעטן, אַז ער זאָל אַריין צו אים אין די געשעפטן. נאָר אַ טעות. דער טריפּאָלער זאָגט אים: ניין, אין זיינע געשעפטן מוז מען האָבן געניטע מענטשן, אַזעלכע וואָס קענען גוט די געהילץ־בראַנזשע.

„חוץ דעם איז די אַרבעט זייער אַ שווערע. ניין, זי איז נישט פאַר דיר,‟ זאָגט ער אים. נו, זאָל זיין, רעדט מען דערנאָך וועגן אַנדערע זאַכן. צום סוף נעמט דער דאַלינאָוער ווידער טאַפּן דעם דופק. אפשר וועט אים זיין חבר לייען געלט, וועט ער אַליין אָנהייבן אַ מסחר. ניין, זאָגט דער חבר, דאָס אויך נישט. דאָס גאַנצע געלט איז אַריינגעבראַקט אין די געשעפטן, און וויפיל סע קומט אַריין, איז ווינציק.

„מיר זענען כסדר פאַרבאָדן אין חובות איבערן קאָפּ. און מיר מוזן אַליין לייען נאָך און נאָך. נאָר אויב סע וועט זיך מאַכן פאַר אים עפּעס אַ געשעפט, און אַז סע וועט נייטיק זיין, וועט ער ערב (אָרעוו) זיין פאַר אים.‟

אויך פיין. טאָ צו וואָס פאַר אַ געשעפט זאָל ער זיך נעמען? — זאָגט דער חבר, ער האָט אַן עצה: „מיר האָבן דאָך אַמאָל געלערנט עפּעס, געדענקסטו דאָך אַוודאי די גמרא: ר׳ ישמעאל האָט געהאַט דריי טויזנט פערד. האָט ער זיי אָנגעלאָדן מיט מאַנדלען אין ארץ ישראל און געפירט קיין בבל, צו פאַרקויפן. ר׳ ישמעאל האָט נישט געוואוסט, אַז דאָרט אין בבל איז אַ זול אַף פלאַקס, וואָס אין ארץ ישראל איז אַ מאַנגל אַף דעם. טאָ נעם דו, פאַר אַריבער קיין בבל און קויף איין פלאַקס. אַז ר׳ ישמעאל וועט אָנקומען אַהין, וועסטו אים געבן אַ קלייניקייט, וועט ער דיר

אָוועקפירן דיין פלאַקס קיין ארץ ישראל. און דאָרט וועסטו דיין פלאַקס פאַרקויפן פאַר גוט געלט, און דו וועסט ווערן אַן עושר.״

„נו, און געלט אַף צו קויפן פלאַקס?״ פרעגט דער דאַלינאַוווער. „אַז קיין געלט, חבר מיינער, קענסטו מיר נישט לייען, טאָ מיט וואָס וועל איך קויפן דעם פלאַקס?״

„נישט געדאגהט,״ זאָגט דער חבר. „געלט קען מען אויך געפינען אין דער גמרא. דו געדענקסט דאָך דעם מאמר: ממון המוטל בספק—געלט, וואָס מע ווייסט נישט צו וועמען סע געהערט, דאַרף ליגן, ביז אליהו הנביא וועט קומען און פסקע־נען. דערמאָנסט דיך דאָך?! גייט מען און מע לייט פון יענעם געלט און מע קויפט פלאַקס.״

„זייער פיין, חבר מיינער, האָב איך שוין געלט, און אַ געשעפט האָב איך שוין אויך. טאָ צו וואָס דאַרף איך דיין ערבות? אַף צו לייען דאָס ספק־געלט, וואָס ליגט ביז אליהו הנביא וועט קומען, בין איך אַזאַ בטוח ווי דו.״

„ניין, דו האָסט אַ טעות,״ זאָגט דער טריפּאָלער, „אָט לאָמיר זאָגן, אַז דו ביסט שוין אין בבל און דו האָסט שוין איינגעקויפט פלאַקס. און דאָ קומט אליהו, און מע דאַרף גלייך אָפּגעבן דאָס געלט. וואָס וועסטו טון דעמאָלט? האַ? אָט דאָ קום איך מיט מיין ערבות. איך וועל דיר ערב זיין, אַז כל־זמן דו וועסט האַנדלען מיט פלאַקס, וועט אליהו נישט קומען. איצט, נעם, פאָר געזונטערהייט און קויף פלאַקס.״

מיט די שקצים קען מען גאָרנישט ניט זיכער זײַן

אַ ישיבה־בחור האָט חתונה געהאַט מיט אַ קרעטשמערס אַ טאָכטער און איז געבליבן וואוינען אין דאָרף. איינמאָל קומט צו אים צו גאַסט זיינער אַ חבר פון די ישיבה־יאָרן. די צוויי חברים האָבן זיך זייער געפרייט איינער מיטן צווייטן, און מ׳האָט גערעדט און געשמועסט. מ׳האָט זיך גאָרנישט ניט געקענט געזעגענען זעטיקן. אַזוי האָבן זיי פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַפן אַנדערן טאָג זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען שפּאַצירן. דעם קרעטש־מערס איידעם האָט געפירט זיין חבר איבערן דאָרף און האָט אים געוויזן זיין שווערס פעלדער און מילן. נאָר אומעטום, וואו זיי זענען געגאַנגען, האָבן זיי באַ־געגנט בלויז גויים און שקצים. און איר געדענקט דאָך די היימישע שקצים?! אַז זיי האָבן געזען אַ פרעמדן ייד, האָבן זיי נאָכגעשריגן צונעמען: „זשיד, כאַלאַמיטו!״ אַמאָל האָבן זיי אַנגערייצט זייערע הינט און נאָכגעוואָרפן אַ שטיין. הכלל, ווי גע־ווינלעך, אַז שקצים האָבן געזען אַ פרעמדן ייד אין דאָרף. נאָר די צוויי חברים האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. וואָס איז דאָ צו ענטפערן? ס׳איז נישט קיין בייעס. יידן זענען געוויינט צו דעם. מ׳איז דאָך אין גלות. נאָר דער גאַסט האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. פרעגט ער זיין חבר: „ווי קענסטו דאָ וואוינען צווישן אַזעלכע ערלים?״

זאָגט דעם קרעטשמערס איידעם, אַז ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך: „נישקשה, פאַראַן אין דאָרף אויך יידן, ברוך־השם. און מיר האָבן אַפילו אַן אייגן בית־מדרש מיט אַ רב, וואָס לערנט מיט דעם קליינוואַרג. קום, וועסטו דיך טאָקע באַקענען מיט

אונזער רב. אַ מענטש מיט אַ הדרת־פּנים און מיט אַ שטעל. אַז ער גיט אַ געשריי אַף די שקצים, ווערן זיי אַלע פּאַרציטערטע.״

אַז די צוויי חברים זענען אַריינגעקומען צום רב, האָט די רביצין זיי באַגעגנט ביי דער טיר.

„וואו איז דער רב?״ פרעגט דעם קרעטשמערס אײדעם, און ער ווייזט, אַז ער האָט געבראַכט זיינעם אַ חבר פון שטאָט. זאָגט די רביצין, אַז דער רב פילט זיך עפּעס לאַ־עליכמדיק, און אַז זי האָט אים געמוזט צולייגן אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ. וואָס איז? ער איז דורכגעגאַנגען אַ גויאישע שטוב, האָט אים אַ שייגעץ געטראָפן מיט אַ שטיין אין קאָפּ. דער גאַסט גיט אַ קוק אַף זיין חבר: „איך האָב געמיינט, אַז דו זאָגסט, אַז די שקצים ציטערן פאַרן רבן?!״

„יאָ, נאָר וואָס פאַרשטייסטו נישט?״ זאָגט דעם קרעטשמערס אײדעם. „דער שייגעץ האָט געמוזט זיכער זיין אַ טויבער.״

אַזאַ ליגנער!

בערל און יאַנקל זענען געגאַנגען אין איין חדר. נאָר איינער פון צווייטן איז געווען אין גאַנצן אַנדערש. בערל איז געווען אַ באַרימער, און יאַנקל איז געווען אַ בעל־חלום. ער האָט געקענט קומען און דערציילן אַ באָווע־מעשה, נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן. אַ קאָטער איז געפלויגן איבערן דאַך און איז אַרויף גלייך צו דער לבנה, די ציג איז אַרויף אַפן בוים און האָט געלייגט אַן איי. די יינגלעך האָבן אים דערפאַר גערופן „ליגנער״.

בערל ווידער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ גיבור, ער קומט אַרויס פון בר־כוכבאן, און אַלע דאַרפן דעריבער מורא האָבן פאַר אים. נו, און אַז אַ העלד, דאַרף מען אויספּרובירן די כוחות. דער סוף איז געווען, ווי געוויינלעך מיט אַזעלכע העלדן, מ׳האָט אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער, און ער איז תמיד אַרומגעגאַנגען אַ צעקיילטער און אַ צעביילטער. נאָר דאָס האָט אים נישט אָנגעלערנט. ער איז דאָך עפּעס אַ העלד!

אין שטאָט, וואו די צוויי חברהלייט האָבן געוואוינט, זענען געווען צוויי וואַק־זאַלן, אַ גרויסער און אַ קליינער. דעם גרויסן האָט מען גערופן „וואָקזאַל״, באַנ־הויף, דעם קליינעם האָט מען גערופן „פּאַלסטאַנאָק״, אַ האַלבע, אַ טיילווייזע סטאַנ־ציע. נישט אַלע באַנען האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט.

יינגלעך האָבן ליב געהאַט צו לויפן אַף די סטאַנציעס און זען די באַנען קומען און פאָרן. היינט, דער שטענדיקער טומל דאָרטן, דער רעש און דאָס קלינגען פון גלעקל איטלעכע מינוט, ווי סע וואָלט געציילט, און דאָס קלינגען פון לאָקאָמאָטיוו־גלאָק. הכלל, פאַר יינגלעך איז דאָס געווען אַ יום־טוב.

איינמאָל קומט צו לויפן אין חדר אַריין יאַנקל מיט אַ טומל, אַ געוואַלד. וואָס איז? בערל האָט זיך אַפן וואָקזאַל זאַטשעפּעט מיט אַ שייגעץ, און פרעגט שוין נישט. יענער האָט אים אַזוי צעקיילט, אַז ס׳איז אַ רחמנות צו קוקן.

„גלייבט אים נישט, יינגלעך,״ שלאָגט אים איבער אַ חדר־יינגל. „יאַנקל איז

אַ ליגנער.״ נאָר יאַנקל שווערט זיך מיט אַלערליי שבועות און מיט זין חלק עולם־הבא, אַז ס׳איז אמת. ער אַליין איז געווען דערביי און האָט דאָס געזען.

ווי ער שווערט זיך אַזוי, קומט אַן בערל. זיין פּנים איז צעממיתט ווי מ׳וואָלט אים אַ גלעט געטון מיט אַ ריבאייזן.

„אַ, אַזוי,״ זאָגן די ייִנגלעך, „זאָגט דאָך יאַנקל דעם אמת. דו האָסט טאַקע געכאַפּט קלעפּ אָפּן ו ו אַ ק ז אַ ל, ווי אַזוי האָט דאָס געטראָפן, בערלז?״

ווערט בערל אַן אָנגעצונדענער: „יאַנקל איז געווען אַ ליגנער און וועט שוין פּגרן אַ ליגנער! וואָס וואָקזאַל? ווען וואָקזאַל? דאָס איז געווען אָפּן פּאַלסטאַנאַק!״

אַ מלמד מעג זיך אויך אַמאָל אָפּרוען

אַ מלמד האָט אַמאָל געקויפט אַ מציאה, אַ וואָגן האָלץ ביי אַ פּויער.

אָפּגעלאָדן דאָס האָלץ אין הויף ביים שטיבל, האָט דער מלמד גענומען אַ זעגל און אַ האַק, האָט אויסגעטון דאָס וואַרעמע שפּענצערל און זיך אַליין געשטעלט צו דער אַרבעט.

די גאַנצע צייט איז זיין ווייב געשטאַנען ביים טויער און געקוקט, צי סע גייט נישט ווער פון די עלטערן פון די תלמידים. ווייל ווען אַ פאָטער, אָדער אַ מוטער וואָלט געזען ווי דער מלמד שוויצט אַליין איבערן האָלץ, וואָלט מען אים פאַרגע־וואָרפן אַלעמאָל ער פּטרט צייט און לערנט נישט מיט די קינדער. איטלעכס מאָל, וואָס זיין ווייב האָט דערזען אָנקומען עמיצן, האָט זי אים אַ זאָג געטון, און דער מלמד האָט געלאָזט שטיין די האַק און איז אָף גיך אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין.

איינמאָל, ווי דער מלמד שטייט און שוויצט אַזוי איבערן האָלץ, גיט זיין ווייב אַ געשריי, אַז סע קומט אַ פאָטער פון אַ תלמיד. גיט דער מלמד אַ וואָרף די האַק און וויל זיך שוין לאָזן לויפן אין שטוב אַריין. נאָר פּלוצים ווערט ער אין כעס און גיט אַ געשריי: „ניין, איך גיי נישט! איך האָב זיי טיף, טיף... איך טאָר מיך גאַרנישט ניט אָפּרוען אַביסל?!״

פאַרוואָס דער מלמד פריייט זיך מיט זיין באַלעבאָס זאַכן

אַ דאָרף־ייִד, אַ רייכער באַלעבאָס, האָט געהאַלטן אין שטוב אַ מלמד צו זיינע קינדער. אַז ס׳איז געקומען נאָענט צו פּסח, האָט דער באַלעבאָס געבראַכט פון שטאָט נייע זאַכן אָף יום־טוב, טייערע כוסות און אַלערליי זילבערוואַרג און געשיר. דער מלמד באַטראַכט די אַלע זאַכן, און פריייט זיך מיט זיי ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע. יעדן טאָג האָט ער זיי באַקוקט און זיך ממש געשפּיגלט אין זיי.

דעם באַלעבאָס איז דאָס געוואָרן עפּעס קשה: וואָס פריייט זיך אַזוי דער מלמד מיט זיין האָב־און־גוטס?

איין שיינעם טאָג, ווען דער מלמד האָט אַזוי געשעפּט נחת פון די זאַכן, פרעגט אים דער באַלעבאָס: „דערקלערט מיר, איך בעט אייך, וואָס פריייט איר אייך אַזוי מיט די זאַכן דאָ אין שטוב? אַז סע וועט זיך ענדיקן דער זמן, וועט איר דאָך אוועק־גיין פון דאַנען, און די זאַכן מער קיינמאָל נישט זען.״

דער מלמד האָט נישט לאַנג געטראַכט און אים גלייך געענטפערט: „באַלעבאָס, פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט פרייען מיט זיי. כל־זמן איך בין דאָ און קען הנאה האָבן פון זיי? אַי, איך וועל אַוועקגיין, אַז סע וועט זיך ענדיקן דער זמן—נו, און איר, אַז סע וועט זיך ענדיקן „אייער זמן", וועט איר דאָך אויך אַוועקגיין פון דאַנען. כאָטש אַזוי טראַכט איר נישט פון דערפון און איר האָט דערווייל הנאה פון זיי."

דעמאָלט וועט אים שוין זײַן בעסער ווי זײַן באַלעבאָס

אַ ייד, אַ נגיד, אין דער אַלטער היים, האָט געהאַלטן צו זיינע קינדער אַ מלמד אין שטוב. ער האָט געגעבן דעם מלמד קעסט און קוואַרטיר און אַ פּאָר צענדליק רובל אַ זמן. און דער מלמד האָט דערפאַר געטון זיינס, און האָט געלערנט און גע־קנעלט מיט דעם נגידס קינדער.

אין דער רייכער שטוב ביים גביר איז געשטאַנען אַ שאַפע מיט טייערע כלים פון גאָלד און זילבער: לייכטער, חנוכה־לעמפּלעך, כוסות, קערות, קידוש־בעכערס, הדסלעך און נאָך אַזעלכע כלים. היינט עסגעציג: זילבערנע מעסערס, לעפלען און גאָפּלען. און אַף די אַלע כלים זענען געווען אויסגעקריצט אַלערליי זאַכן פון גרויסע מייסטערס: געקינצלטע אותיות און בלעטער און בלימעלעך, זאַנגען און הענגלעך טרויבן. די אַרבעט האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג.

איינמאָל באַמערקט דער נגיד ווי דער אָרימער מלמד שטייט ביי דער שאַפע, באַטראַכט די טייערע כלים און זאַכן און שעפּט נחת. געפעלט עס דעם נגיד. און ער גייט צו און פרעגט אים: „ר' אהרן, וואָס פרייט איר אייך אַזוי מיט דעם גאָלד־וואַרג און זילבערוואַרג אין דער שאַפע? דאָס איז דאָך מיינס, נישט אייערס."

זאָגט דער מלמד: „טאַקע אמת, באַלעבאָס, נאָר וואָס איז דער חילוק? איר עסט מיט אַ זילבערנעם לעפל און גאָפּל, און איך עס מיט אַ זילבערנעם לעפל און גאָפּל. איר מאַכט קידוש איבער אַ גילדענעם בעכער מיט וויין, און איך אויך. איר שמעקט פון אַ זילבערנעם הדסל, און איך אויך. הכלל, איך באַנוץ דאָס גאָלד און זילבער פונקט ווי איר. טאָ פאַרוואָס זאָל איך מיך נישט פרייען מיט די אַלע זאַכן?"

דעם נגיד איז דאָס געפעלן, און ער זאָגט: „יאָ, איר זענט גערעכט. נאָר ס'איז פאַרט דאָ אַ חילוק: איך קען מיט דעם גאָלדוואַרג און זילבערוואַרג טון וואָס איך וויל. אַז איך זאָל וועלן—קען איך נעמען די אַלע טייערע כלים און זאַכן און זיי פאַרקויפן."

דאָ האָט שוין דער מלמד אַ שמייכל געטון און געענטפערט: „באַלעבאָס, ווען איר וועט, חלילה, האַלטן ביים פאַרקויפן אייער גאָלדוואַרג און זילבערוואַרג, דעמאָלט וועט מיר שוין זיין בעסער ווי אייך."

דער מלמד דערציילט אים די אמתע מעשה

אין אַלט ביכעוו איז געווען אַ חברה משניות. דעם גבירס איידעם, אַ זיידע־נער יונגערמאַן, אַ למדן, איז יעדן אַף דער נאַכט געזעסן אין בית־מדרש מיט צענדליקער יידן און האָט געשמאַק געלערנט מיט זיי משניות. גייט דורך אַ צייט

און אין שטעטל קומט אַראָפּ פון ניי ביכעוו אַ בעל־עגלהס אַ זון, אַ טאָקער. אַז ער הערט פון דער חברה משניות, האָט ער זיך אויך פאַרשריבן אין דער חברה. נאָר גלייך האָט זיך אָנגעהויבן אַ געריידער. דער יונגערמאַן האָט געשטערט דאָס לערנען. זיין דרך איז געווען צו שטעלן כסדר קלאָץ־קשיות, בלויז כדי מבלבל צו זיין.

יידן האָבן פּרובירט רעדן מיט אים און בעטן, אַז ער זאָל נישט שטערן. נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. האָט מען גערעדט מיט זיין פאָטער, דעם בעל־עגלה, אַז ער זאָל שמועסן מיט זיין זון. זאָגט דער בעל־עגלה: „וואָס הייסט? מיין זון איז אַ לערנער, און צו דערצו איז ער אַ גוטער זון. ער העלפט מיר שפּאַנען פערד און וואָגן און שמירן די רעדער.״ זעט מען דאָך, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן די מי, האָט מען עס געלאָזט גיין.

איינמאָל, אַן אָוונט, מע זיצט און מע לערנט אין בית־מדרש, צעשרייט זיך דער יונגערמאַן, אַז מע טייטשט נישט ריכטיק, דער פּשט איז אַנדערש, און ער לאָזט נישט לערנען. יידן זענען געוואָרן אין כעס, און מ'האָט אים געוואָלט אַרויסוואַרפן. שטעלט זיך אויף אַ ייד, דאָס איז געווען דער געלער מלמד, אַ קלוגער ייד, און לאָזט נישט. „רבותי,״ גיט ער אַ געשריי, „אַרויסוואַרפן? חס־וחלילה! איך וויל אייך בעסער דערציילן עפּעס.״

אין בית־מדרש איז גלייך געוואָרן שטיל. און דער מלמד האָט גענומען דער־ציילן: „אין מאָסקווע איז געווען אַן אויסשטעלונג פון בילדער. ביי די קונסט־מבינים האָט שטאַרק אויסגענומען אַ בילד, וואָס האָט פאָרגעשטעלט ווי אַ גוי שטייט ביי אַ וואָגן און נעמט אַרויס פון קענדל דאָיעט דאָס לאָפּעטקעלע מיט שמי־רעכץ, צו שמירן די רעדער. קומט אַמאָל אַריין אַף דער אויסשטעלונג אַ פּויער, קוקט אַף דעם בילד און זאָגט, אַז סע טויג נישט. וואָס איז? אַז מע נעמט אַרויס, זאָגט ער, דעם קוואַטשיק פון דער טשאַרקע דזשעגעכץ, קאַפּעט אַראָפּ. אַף דעם בילד זעט מען דאָס נישט.

„די מבינים האָבן צוגעגעבן, אַז דער פּויער איז גערעכט, און מ'האָט דאָס בילד פאַרוואָרפן. אָנשטאָט דעם האָבן זיי אויסגעקליבן אַן אַנדער בילד פאַר דעם ערשטן פּרייז. דאָס אַנדערע בילד האָט געוויזן ווי אַ ייד שטייט אין טלית און תפילין און דאַוונט. זאָגט דערזעלבער פּויער, אַז דאָס טויג אויך נישט. וואָס איז? אַז אַ ייד דאַוונט, זאָגט ער, שאָקלט ער זיך. נאָר אַפן בילד שטייט ער שטיל. ע־ע, זעט מען דאָך, אַז אַ פּויער בלייבט אַ פּויער. אַז ער האָט אָנגעוויזן, אַז ווען מע נעמט אַרויס דאָס לאָפּעטקעלע פון דעם קענדל דאָיעט, דאַרף אַראָפּקאַפּען, איז ער גערעכט. ס'איז זיין זאַך, ווייסט ער. וואָס ווייסט ער אָבער ווי אַ ייד דאַוונט?״

און דער מלמד דרייט זיך אויס צו דעם בעל־עגלהס זון און זאָגט: „דו קענסט דיר טאַקע זיין אַ וואוילער זון און וויסן ווי מע שמירט די רעדער, נאָר אַז סע קומט צו לערנען, קענען דאָ יידן בעסער פון דיר.״

באַמערקונג: מיר וויסן, אַז בעל־עגלות האָבן אויך געהאַט זין, וואָס האָבן געקענט בעסער לערנען פון די גבירישע איידעמלעך און זיידענע יונגעלייט. נאָר אַף אַ מעשה פרעגט מען נישט קיין קשיות, בפרט, אַז אַזאַ זאַך האָט טאַקע אַמאָל געטראָפן אין אַלט ביכעוו, מאָליווער גובערניע.

ברוך איציע פֿאַרשוויַיגט נישט

אין שטעטל איז געווען אַ מלמד, ברוך איציע. אַן אַלטער, באַיאָרנטער ייד, אַ בן־מאה, און אפשר נאָך מערער. און זיין ווייב שרה איז שוין אויך געווען אַ באַיאָרנטע, טאַקע אין איר מאַנס עלטער.

דערדאַזיקער ברוך איציע האָט קיינמאָל נישט דערלאָזט, אַז זיינס זאָל עפּעס איבערגיין. ער האָט געהאַט אַ שאַרפֿע צונג, און האָט פֿיינט געהאַט צו פֿאַרשווייגן. ער האָט אַף אַ לייכטן אופֿן געקאָנט אייבעם אַזוי אַריינזאָגן, אַז ס'זאָל פֿאַרגיין יענעם ביז דער זיבעטער ריפּ.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ברוך איציע קומט אין דער פרי פֿון דאַוונען און זאָגט, אַז ער פֿילט עפּעס נישט מיט אַלעמען. זיין ווייב האָט אים גלייך געהייסן אַנידערלייגן זיך אַף דער לעזשאַנקע און גענומען פֿאַדיען אַרום אים. האָט אים געטאָפּט דעם שטערן און געמאַכט הייסע טיי. אַפֿן אַנדערן טאָג דאָס אייגענע. ברוך איציע ליגט אַף דער לעזשאַנקע, און זיין ווייב פֿאַדיעט אַרום אים.

עס זענען אַריבער עטלעכע טעג, און אַז זיין ווייב זעט, אַז ס'איז חלילה גאָרנישט ניט, נעמט זי אים בעטן, אַז ער זאָל זיך אויפֿהייבן און אַרויסגיין אַביסל. נאָר ברוך איציע ליגט און רירט זיך נישט פֿון שטוב.

אַז ס'איז אַריבער נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און זיין ווייב זעט אַזאַ מעשה, האָט זי אים שוין אָנגעהויבן טרייבן, אַז ער זאָל אויפֿשטיין און כאָטש גיין דאַוונען.

איינמאָל אַ בייטאָג זאָגט זי צו אים: „ברוך איציע, וואָס וועט זיין דער תכלית פֿון ליגן? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ייד פֿון הונדערט יאָר זאָל ליגן אַף דער לעזשאַנקע און קרעכצן, ווען מע דאַרף גיין דאַוונען מנחה און מעריב?!"

דרייט זיך אויס צו איר ברוך איציע און זאָגט: „און וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ ייד פֿון הונדערט יאָר זאָל נאָך האָבן דאָס ערשטע ווייב?!"

אַן עצה פֿון אַ גוטן ברודער

עס זענען אַמאָל געווען צוויי ברידער. איינער פֿון זיי איז געווען אַ מלמד, און דער צווייטער איז געווען אַ נאַמן אין אַ וואַלד. האָט דער וואַלד־נאַמן חתונה געמאַכט זיינער אַ טאָכטער. איז דער ברודער, דער מלמד, געווען אַף דער חתונה און האָט זיך משמח געווען. „ס'אַראַ שיינע חתונה, קיין עין־הרע נישט!" זאָגט דער מלמד. „און ס'אַראַ רייכע חתונה!"

נאָך דער חתונה זיצן די צוויי ברידער און רעדן. ווי מע שמועסט אַזוי, גיט דער מלמד אַ פֿרעג דעם נאמן: „זאָג מיר, חיים יאַנקל, וויפֿיל פֿאַרדינסטו, מיטן אייבערשטנס הילף, אַ וואָך שכירות?"

זאָגט דער נאמן: „דריי רובל אַ וואָך."

חידושט זיך דער ברודער, דער מלמד: „איך פֿאַרשטיי נישט. איך פֿאַרדין, ברוך־השם, פֿינף רובל אַ וואָך פֿון מיין מלמדות, קום איך קוים אויס מיט פּרנסה. און דו מיט דיינע דריי רובל אַ וואָך האָסטו, קיין עין־הרע נישט, אָפּגעשפּאַרט צו מאַכן אַזאַ גרויסאַרטיקע חתונה?!"

שמייכלט דער נאמן און ענטפערט אים: „פֿאַרשטייסטו, ברודער־לעב, ווען דו לייגסט אַוועק דאָס מלמדות אַף איין שעה אַ טאָג, וואָלטסטו באַלד געבליבן אָן אַ חדר. איך אָבער, אַז איך לייג אַוועק דאָס נאמנות אַף איין שעה אַ טאָג, טראָגט עס מיר, ברוך־השם, שוין אַף אַלצדינג.״

זיי גלײַכן זיך אויס אין יחוס, און—ווער קען פֿאַרשטיין גאָטס וועגן

אין דער שטאָט וואָלקאָוויסק איז געווען אַ מלמד. נפתלקע דער מלמד, האָט מען אים גערופֿן. דאָס איז געווען אַ קלוגער ייד, אַ פּיקח. אַף אַלץ האָט ער גע־האַט אַ וויץ און אַ ווערטל, און צו איטלעכער פּאַסירונג האָט ער געהאַט אַ משל און אַ מעשהלע. דער דאָזיקער מלמד האָט געהאַט דריי טעכטער און אַ זון—אַ בן־יחיד. האָט זיך דער זון פֿאַרליבט אין אַ מיידל, וואָס האָט נישט געשטאַמט פֿון אַזאַ געהויבענעם יחוס. טאַקע עפּעס, ווי זאָל איך עס אייך זאָגן, פֿון נידעריקן שטאַנד. און צו דערצו איז זי קיין גרויסע חכמה אויך נישט געווען. דערפֿאַר אָבער איז זי געווען אַ שיינקייט—אַ פֿאַרשוין. און דער בחור איז געווען פֿאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן.

דעם מלמד און זיין ווייב איז דער שידוך נישט געפֿעלן. נאָר נפתלקע איז געווען אַ קלוגער ייד, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז מע קען גאָרנישט ביט טון ? עגן דעם, און ער האָט געשוויגן. נאָר זיין ווייב האָט זיך דאָס גענומען שטאַרק צום האַרץ. זי איז אַרומגעגאַנגען און האָט געקרעכצט און געקלאָגט, און האָט דעם מאַן געהאַלטן אין איין יאָדען: „וואָס שווייגסטו? וואָס זיצסטו מיט פֿאַרלייגטע הענט און טוסט נישט עפּעס?!״ האָט זי כסדר געהאַט צו אים טענות. נאָר ר׳ נפתלקע האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט געשוויגן. וואָרן וואָס האָט ער געקענט טון און ענטפֿערן?

איינמאָל האָט אים זיין יידענע אַזוי געיאָדעט און איז אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן. גיט ער זי אַ פֿרעג: „זאָג מיר נאָר, מיין טייער ווייבעלע, מיט וואָס איז דיין זון אַ גרעסערער יחסן ווי זיין טאַטע?״

נאָך דער מעשה זענען אַריבער אַ סך יאָרן. דער מלמד און די מלמדקע זענען געוואָרן אַלט. און איין שיינעם טאָג איז די מלמדקע געוואָרן קראַנק און איז געשטאָרבן.

אין דער וואָך פֿון שבעה זענען די באַלעבאַטים פֿון שטאָט געקומען צו אים, מנחם־אבל זיין. נאָר אַפֿילו אין די טעג פֿון טרויער האָט נפתלקע דער מלמד זיך נישט געקענט איינהאַלטן פֿון מאַכן אַ שפּאַס. זאָגט ער צו די באַלעבאַטים: „ווער קען פֿאַרשטיין גאָטס וועגן און פּירונגען? צו וואָס האָט ער זי באַדאַרפֿט צונעמען פֿון מיר איצט, ווען איך בין שוין אַלט און שוואַך? ווען ער וואָלט זי צוגענומען, ווען זי איז געווען יונג, וואָלט ער, כביכול, געהאַט אַ יונגע, און איך וואָלט מיר אויך געקענט קריגן אַן אַנדערע, אַ יונגע. נאָר איצט—האָט ער, כביכול, אַן אַלטע קראַנקע יידענע, און איך וועל מיר אויך מוזן נעמען עפּעס אַן אַלטע יידענע. וואָרן וואָס פֿאַר אַ יונג ווייבל וועט מיך איצט וועלן נעמען?״

ווער סע מעג זיך פֿרייען

דער וואָלקאָוויסקער מלמד ר׳ נפתלי, איז געווען אַ ייד, אַ פּיקח. ער האָט ליב געהאַט אַ וויץ און אַ ווערטל, און האָט געקענט יעגעם אַריינזאָגן אין דער זיבעטער ריפּ. שטייט ער אַמאָל מיט נאָך דריי יידן אַ שבת נאָכן דאַווענען אָפן וואָלקאָוויסקער שול־הויף און זיי שמועסן. ווי זיי רעדן אַזוי, גייט דורך פּעט־רושקע, דער שבת־גוי.

אַז זיי דערזעען דעם שבת־גוי מיט דעם בעזים אין האַנט, גיבן זיי אַ קוק אָף אים און פאַרקערעווען זייער שמועס. און איינער פון זיי, ר׳ אריה לייב, אַ שיינער באַלעבאָס און פון גרויסן יחוס, נאָר אַליין נעבעך אַ פּראָסטער חי־וקים, רופט זיך אָן און זאָגט: „איר הערט, רבותי, וואָס איך וועל אייך זאָגן, מיר דאַרפן זיין צו־פרידן און דאַנקען דעם רבונו־של־עולם, וואָס מיר זענען יידן. וואָרן גיט אַ קוק, קענט איר אייך פאַרשטעלן, אַז אַ ייד זאָל זיין אַ משרת אין אַ קלויסטער?״

„איר זענט אַביסל גערעכט, ר׳ לייב,״ ענטפערט דער מלמד. „נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס זאָל זיך פרייען אַזאַ ייד ווי ר׳ שמחה שוסטער, וואָס קען גוט לערנען? פאַרוואָס זאָל ער זיך פרייען מיט דעם, וואָס ער איז אַ ייד? ווען ער וואָלט געווען אַ גוי, וואָלט ער מסתמא געווען אַ גלח, און אפשר גאָר אַ בישאָף. נאָר וואָס איז ער ביי יידן?—אַ שוסטער. און פאַרוואָס זאָל זיך ר׳ אַרע שמש פרייען מיט דעם, וואָס ער איז אַ ייד?״ ווייזט אָן דער מלמד אָף ר׳ אַרען. „ווען ער וואָלט געווען אַ גוי, וואָלט ער זיכער געווען אַן איספּראַווניק, און אפשר גאָר אַ גובערנאַטאָר און וואָס איז ער ביי יידן?—אַ שמש. זעט איר, ר׳ לייב,״ זאָגט דער מלמד צו ר׳ לייבן: „איר מעגט אייך יאָ פרייען. מחמת ביי יידן זענט איר אַ שיינער באַלעבאָס מיט אַ דעה אין קהלשע זאַכן. ווען איר וואָלט אָבער געווען אַ גוי, וואָלט איר זיכער געווען נישט מער ווי אַ פּעטרושקע.״

יצחק אבא, דער מלמד, וואַרפֿט אַרויס זײַן ווײַב

יצחק אבא, דער גמרא־מלמד, האָט זיך געלעבט זייער פיין. ער איז געווען אַ באַלעבאָס מיט אַן אייגן שטיבל, און ער איז געווען אַ גוטער מלמד מיט אַ היפּש קנעלונג. אַלע נגידישע ייִנגלעך פון שטעטל האָבן געלערנט ביי אים. פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז ביי אים אין שטוב האָט, חלילה, קיין זאַך נישט געפעלט. נאָר אַז ס׳איז נישט באַשערט—איז אַן אומגליק. נעמט זיין ווייב אין מיטן דערינען, און טראָגט זיך אָפּ—זי שטאַרבט. מילא, געשטאָרבן—באַגראָבן.

טאָר דאָך אָבער אַ פרומער ייד נישט זיצן אָן אַ ווייב, איז ווי נאָר ס׳איז געקומען נאָך די שלושים, האָט יצחק אבא ווידער חתונה געהאַט.

נאָר איצט איז שוין געווען גאָרנישט ניט דאָס, וואָס פריער. זיין צווייטע איז נישט געווען ווי די ערשטע. די צווייטע איז געווען אַן אַרורה, אַ שלאַק, און יצחק אַבא האָט געהאַט פון איר צו זינגען און צו זאָגן, אַן אמת אויסקומעניש. יצחק אבא האָט זיך פאַר נאָנטע מענטשן אָפט געקלאָגט אָף זיין ביטערער דאָליע. אין קלויז, צווישן אייגענע, האָט ער ליב געהאַט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ און

האָט דערציילט ווי אַזוי זיין פּלוניתטע פֿאַרפֿינסטערט אים זיין לעבן. כאָטש הייב דיך אויף, לאָז איבער די שטוב, און אַנטלויף! נאָר וואוהין אַנטלויפֿט מען? טראָגט ער נעבעך, יצחק אבא, זיין ביטער מזל אוןליידט.

איינמאָל באַגעגנט ער זיך מיט איינעם פֿון זיינע נאָנטע מענטשן און מע שמו־עסט. פֿרעגט יענער: „נו, וואָס הערט זיך, יצחק אבא?״

זאָגט דער מלמד: „דו מיינסט דאָך וועגן מיין ארורה, האָ? קען איך דיר זאָגן, אַז איך האָב זי אַרויסגעוואָרפֿן, און אַ סוף!״

„וואָס מיינסטו אַרויסגעוואָרפֿן? ביסט פֿון איר פּטור געוואָרן?״

„חלילה וחס,״ זאָגט דער מלמד. „אַדרבא, איך זע, אַז סוף־כּל־סוף וועל א י ך מוזן פֿאַרלאָזן די שטוב און גיין וואוהין די אויגן וועלן מיך טראָגן.״

„טאָ וואָס מיינסטו, דו האָסט זי אַרויסגעוואָרפֿן?״ וויל יענער וויסן.

„איך האָב זי אַרויסגעוואָרפֿן פֿון בענטשן! אַז איך בענטש, זאָג איך נישט מער ו א ת א ש ת י, און פּטור אַן עסק!״

פֿאַרוואָס די גבירים האָבן אַ סך פּרנסה, און די אָרימעלייט— אַ סך קינדער

וועגן דעם וואָלקאָווישקער מלמד האָט איר דאָך געהערט. איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט וועגן אים. ר׳ נפֿתלי דער מלמד האָט מען אים גערופֿן. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מטופּל, באַוואָרפֿן מיט אַ פֿולער שטוב מיט קינדערלעך, קיין עין־הרע נישט. איינס קלענער פֿונעם אַנדערן. זיין ווייב האָט געהאַלטן אין איין קינדלען. איטלעכס יאָר איז זי, למזל, געלעגן געוואָרן.

נאָר ר׳ נפֿתלי, כאָטש אַן אָרימאַן אין זיבן פֿאַלעס, האָט זיך נישט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ פֿון דעם. וואָרן ער איז געווען אַ קלוגער ייד, אַן אמתער פּיקח, און האָט ליב געהאַט אַ וויץ און אַ ווערטל. שמועסט מען מיט אים איינמאָל אַזוי, און יידן גיבן אים אַ פֿרעג: „ר׳ נפֿתלי, איר זענט דאָך אַ קלוגער ייד, קענט איר אפֿשר דערקלערן, פֿאַרוואָס די גבירים אין שטאָט, וואָס זיי פֿעלט ניט קיין פּרנסה, האָבן ווינציק קינדער, און איר, אַ ייד אַן אָרימאַן, וואָס מאַטערט זיך אַפֿן טרוקענעם שטיקל ברויט, ביי אייך קינדלט אייער ווייב יאָר־איין, יאָר־אויס, און ברענגט אייך פֿרישע עסערס. פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי?״

דער מלמד טראַכט נישט לאַנג, גיט אַ גלעט זיין לאַנגע, רויטע באָרד און ענט־פֿערט: „פֿאַרשטייט איר מיך, רבותי, די מעשה פֿון דעם איז אַזוי: די רייכע לייט, די גבירים, האָבן אַ סך צו עסן. עסן זיי טאַקע די אמתע דריי מאָלצייטן אַ טאָג, און בענטשן דריי מאָל אַ טאָג. און וואָס זאָגן זיי אין בענטשן? זיי האַלטן אין איין רעדן דאָרט וועגן פּרנסה און כּלכּלה, און דאַנקען גאָט פֿאַר דער מיחיה און דער־נערונג. נו, גיט זיי גאָט פּרנסה, נאָר קיין קינדער—ניט. מיר, קבצנים אָבער, וואָס עסן מיר? איר ווייסט דאָך ווי מע רופֿט דאָס אָן: קדחת מיט כּשרן פֿאָדים. מיר דאַרפֿן דאָך אַפֿילו ניט בענטשן. אַ ברכה אחרונה איז גענוג. און וואָס זאָגן מיר אין דער ברכה אַחרונה? בורא נפֿשות רבות. מיר דאַנקען גאָט, וואָס ער באַשאַפֿט אַ סך נפֿשות. נו, גיט אונז גאָט אַ סך קינדער. אָבער פּרנסה—קדחת.״

חיים מאַטיע, דער פּאָליטיקער

ביי אונז אין סיעדלאָוויץ איז געווען אַ מלמד. חיים מאַטיע, דער מלמד, האָט מען אים גערופן. דערדאַזיקער חיים מאַטיע איז געווען אַ גרויסער פּאָליטיקער. בפרט אין מלחמה זאַכן. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געפירט דעם גאַנצן גאַנג פון דער מלחמה אַף די שלאַכטפעלדער. אַשטייגער: זענען די רוסן געגאַנגען פון וואַרשע קיין קעלץ, האָט אונזער חיים מאַטיע געזאָגט, אַז די רוסן שטייען גוט. און אַז ס'איז געווען פאַרקערט, אַז די דייטשן זענען געגאַנגען פון קעלץ קיין וואַרשע, האָט אונזער חיים מאַטיע געזאָגט, אַז די דייטשן שטייען גוט. אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ לאַנגע צייט.

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, ס'איז געווען אַ דינסטאָג, אין דער פרי, ווערט מען געוואָר אין שטעטל, אַז די רוסן גייען פון וואַרשע קיין קעלץ. אַזוי ווי חיים מאַטיע האָט פאַראויסגעזאָגט. נאָר סע דויערט בלויז אַ פּאָר שעה, און די רוסן גייען צוריק. דאָס הייסט, פון קעלץ קיין וואַרשע.

קומען יידן צו לויפן צו אונזער חיים מאַטיען: „חיים מאַטיע, גיב נאָר אַ קוק,—די רוסן זענען היינט געגאַנגען פון וואַרשע קיין קעלץ, און שוין גייען זיי צוריק. סטייטש? שטייען זיי דאָך נישט גוט!"

חיים מאַטיע שווייגט אַ מינוט. נאָר באַלד גיט ער זיך אַ כאַפּ: „סע קען נישט זיין! ס'איז נישט מעגלעך!"

שרייען אַלע: „וואָס הייסט? ס'איז דאָך פּאַרט אַזוי!"

אַז אונזער חיים מאַטיע זעט, אַז ס'איז שלעכט, אַז ער האָט פאַרשפּילט מיט זיין מלחמה־פּירונג, מיט זיין פּאָליטיק, גיט ער אַ שריי אויס: „אויב ס'איז יאָ אַזוי, מיש איך מיך מער נישט אין פּאָליטיק, און אַ סוף!"

פאַרוואָס די מלמדקע איז געווען אין כעס אַף איר מאַן

אַ מלמד איז אַמאָל נאָך מעריב געקומען פון דעם בית־מדרש אַהיים און האָט דערציילט אין שטוב די גרויסע נייעס: אין שטעטל רודלט זיך און טומלט זיך. וואָס איז? דורך דער געגנט דאַרפן אין אַ טאָג אַרום דורכגיין עטלעכע פּאָלקן סאָלדאַטן, וועלן זיי זיך אָפּשטעלן אין שטעטל אַף אַ פּאָר טעג. יידן ריכטן זיך אַף גרויס פּדיון, וואָרן ווי וויניק אַ זעלנער זאָל נישט אויסגעבן, אַפילו אַז ער זאָל אויסגעבן נאָר עטלעכע קאָפּיקעס, וועט פון דעם אַליין זיין אַ היבש ביסל שפע. הכלל, דאָס שטעטל וועט אויפגעריכט ווערן. דערווייל איז כמעט איטלעכער פאַרנומען, נישט נאָר קרעמער אַליין, אַלע זענען פאַרנומען מיט אַרומשמאַיען און פאַרגרייטן זיך מיט סחורה.

דער מלמד און די מלמדקע האָבן גענומען שמועסן, אַז אפשר זאָלן זיי אויך עפּעס צוגרייטן, און גלייך מיט אַלע פאַרדינען אַ זייטיקן גראָשן. זיי האָבן ביז שפּעט ביינאַכט אָפּן געלעגער געטראַכט און געפּלאַנט, און ס'איז געבליבן, אַז די מלמדקע זאָל אָפּבאַקן אַביסל געבעקס און מע זאָל עס פאַרקויפן די זעלנער.

אָפּן אַנדערן טאָג האָט די מלמדקע איינגעקויפט מעל, אַביסל קעז און פּוטער,

האָט פאַרראַשטשינעט, און אַז ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט זי אויסגעהייצט דעם אויוון און געבאַקן קנישעקלעך, סעבערלעך און ראַגאַליעס. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געהאָרעוועט ביים אויוון. אַז ס׳איז ווידער טאָג געוואָרן, און עס האָבן געדאַרפט אָנקומען די זעלנער, איז דער מלמד שוין געשטאַנען גרייט אין מאַרק מיט אַ טישל געבעקס.

סע דויערט נישט לאַנג און דער מלמד פאַלט אַריין צוריק אין שטוב אַ בלייכער, מער טויט ווי לעבעדיק. וואָס איז? וואָס האָט געטראָפן?

און דער מלמד, אַ פאַרסאָפּעטער, דערציילט, אַז ווי נאָר די זעלנער זענען צוגעקומען צו זיין טישל, האָבן זיי אַלע גענומען כאַפּן דאָס געבעקס און פרעסן. און אַז ער האָט דערמאָנט וועגן געלט, האָבן זיי אים אַ שטויס געטון און גע־סטראַשעט מיט קלעפּ, אויב ער וועט וואָגן עפענען דאָס מויל. האָט ער איבער־געלאָזט הכול־בכול און איז אַנטלאָפן.

די מלמדקע, אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אַ כאַפּ געטון דעם בעזים און אים גענומען דערלאַנגען און שעלטן מיט טויטע קללות: „דו אַזוינער און אַזוינער! דו לא־יוצלח איינער! מסחר האָט זיך אים פאַרגלוסט, דעם העלד מיינעם!״ און זי האָט אויסגעבייטלט אַלע וויסטע חלומות אַף זיין קאָפּ.

אַף די קולות זענען זיך צעגויפגעלאָפן אַלע שכנים. אַז זיי הערן וואָס סע האָט געטראָפן, זאָגן זיי צו דער מלמדקע: „וואָס ווילט איר פון אים? וואָס איז ער שולדיק?! דאַנקט גאָט און בענטשט גומל, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון עשוס הענט און איז געקומען אַהיים אַ לעבעדיקער.״

„געזונט זאָלט איר זיין,״ זאָגט די מלמדקע. „סע פאַרדריסט מיך נישט אַזוי דער גרויסער היזק, אויך נישט דאָס, וואָס מיין גאַנצע פראַצע איז געגאַנגען לאיבוד, ווי דאָס, וואָס ער איז אַזאַ שלעמאַזל! אַ מענטש זאָל אַזוי נישט האָבן קיין שכל. דו זעסט, דאַכט זיך, אַליין ווי אַלע כאַפּן, טאָ פאַרוואָס האָסטו, לעקיש מיי־נער, נישט געכאַפּט אויך עפּעס גלייך מיט אַלעמען און נישט געבראַכט אַ פּאָר קנישעקלעך אַהיים פאַר ווייב און קינדער?!״

וואָס ביי אַ מלמד קען זיין אַ גליק

אַ דאָרפ־ייִד איז חול־המועד סוכות אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין צו זוכן אַ מלמד פאַר זיינע קינדער.

געקומען אין שטאָט אָפן מאַרק, שטייען דאָרט יונגע מלמדימלעך, וואָס זענען וויליק צו פאָרן אין אַ דאָרף אַף אַ זמן, אָדער צוויי. רעדט ער מיט איינעם פון זיי און נעמט זיך באַדינגען מיט אים.

אַז זיי האָבן אָפּגערעדט און זיך אויסגעגלייכט וועגן די שכירות, זאָגט דער מלמד צו דעם דאָרף־ייִד: „איך האָב צו אייך אַ בקשה. איך פאַרשטיי, אַז איר זענט, קיין עין־הרע נישט, רייך. און איך נייטיק מיך אין געלט. איך דאַרף לאָזן מיין ווייב און קינדער אַף ברויט און דירה־געלט. איך וויל אייך דעריבער בעטן, אַז איר זאָלט מיר געבן פאָראויס פאַר אַ זמן.״

דער דאָרף־ייִד דערהערט אַזאַ זאַך, גיט ער אַ טראַכט און פרעגט: „וואָס

מיינט איר? און וואָס וועט זיין, אַז איר נעמט און גיט אַ שטאַרב די אַנדערע וואָך? וואָס וועט דעמאָלט זיין?" „דעמאָלט," זאָגט דער מלמד תמעוואַטע, „דעמאָלט וועט זיין מיין גליק."

פֿון אײַלעניש קומט קײַן גוטס נישט אַרויס

די מלמדקע אין שטעטל האָט אַמאָל מטריח געווען איר מאַן, אַז ער זאָל נעמען דעם ליימענעם טאָפּ און אַריינגיין צו דער שכנה, לייען אַביסל קוילן. אַז זי וועט האָבן קוילן, וועט זי צושטעלן דעם סאַמאָוואַר, וועט מען קענען טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס. האָט דער מלמד גענומען דעם טאָפּ און איז געגאַנגען.

„זע, זאָם דיך נישט," האָט די מלמדקע אים נאָכגערופֿן.

ווי נאָר דער מלמד איז אַריבער די שוועל און האָט זיך געלאָזט גיין דורכן געסל צו דער שכנה, האָט ער זיך פֿאַרטראַכט אין הויכע רעיונות און איז געגאַנגען און געגאַנגען. מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך, ער איז שוין אין דעם דערבייאיקן שטעטל. און דאָ זעט ער אַזעלכע פֿיינע יידן אין מאַרק. טראַכט ער, מע דאַרף זיך דאָ אָפּשטעלן אַף אַ זמן. און ער האָט טאַקע אַזוי געטון.

אַז ס'איז אַריבער דער זמן, דערמאָנט ער זיך, אַז זיין ווייב האָט אים געשיקט צו לייען אַביסל קוילן. נעמט ער דעם טאָפּ און לאָזט זיך מיטן וועג צוריק אין זיין שטעטל אַריין. געקומען צו דער שכנה, בעט ער זי, אַז זי זאָל לייען דער יידינע זיינער אַביסל קוילן, און ער האָט גענומען דעם טאָפּ און איז אַוועק אַהיים. ווי נאָר ער עפֿנט די טיר און וויל אַריבערשפּאַנען די שוועל, פֿאַרטשעפּעט ער זיך, פֿאַלט און צעברעכט דעם טאָפּ.

„שלימעזאַלניק איינער!" צעשרייט זיך זיין ווייב. „ס'האָט דיר גענומען אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, ביז דו ביסט געקומען, און איצט האָסטו מיר נאָך אָנגעטון אַ היזק!"

„וואָס איז דאָ צו רעדן?" זאָגט דער מלמד, „איך האָב דאָך דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז פֿון כאַפּעניש און אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס."

וואָס דער רבי ר' אלימלך האָט געזען אַף יענער וועלט

דער רבי ר' אלימלך פֿון ליזשענסק האָט אַמאָל פֿרייטאָג־צו־נאַכטס, פֿאַר קבלת־שבת, געהאַט עלית־נשמה. זיינע אויגן זענען געווען פֿאַרמאַכט, דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן בלייך, און מ'האָט געזען, אַז דאָס חיות לאָזט זיך אים אויס. די חסידים זענען געשטאַנען אַרום אים און האָבן געמיינט, אַז סע עקט זיך, חלילה, זיין לעבן. נאָר ביסלעכוויז איז דער רבי געקומען צו זיך, האָט געעפֿנט די אויגן, האָט אַ לייכטן שמייכל געטון און געהייסן, אַז מע זאָל זיך שטעלן דאַווענען.

יענעם פֿרייטאָג־צו־נאַכטס, אַז ס'איז געקומען צו דער סעודה, האָבן די חסידים געוואַרט, אַז דער רבי זאָל זיי דערציילן וואָס סע האָט פֿריער געטראָפֿן מיט אים. נאָר דער רבי איז געזעסן, האָט בנעימות געקוקט אַף זיינע חסידים און געשוויגן. אַזוי איז אויך געווען ביים עסן נאָכן דאַווענען שבת אין דער פֿרי. נאָר אַז



וואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט געזען אַף יענער וועלט

ס'איז געקומען צו שלוש־סעודות, האָבן די חסידים נישט צוגערירט זיך צום עסן. זיי זענען געזעסן און האָבן געקוקט אָפּן רבי מיט גרויס פּאַרכט און געשוויגן. דער רבי ר' אלימלך האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, האָט ער אַ שמייכל געטון און געזאָגט: „נו, מילא, איר ווילט, אַז איך זאָל אייך דערציילן, וועל איך אייך דערציילן."

די חסידים האָבן זיך צוגערוקט נענטער, האָבן אָנגעשטעלט די אויערן, און דער רבי האָט דערציילט: „ווי נאָר איך בין געקומען אַף יענער וועלט, אין הימל אַריין, האָט מיך אַ מלאך גענומען פירן און ווייזן מיר אַלץ, וואָס איך בין ווערט צו זען. פרעג איך אים: מלאכל גוטער, מלאכל ליבער, אפשר קענסטו מיר ווייזן דאָ מיין פּלאַץ אין גן־עדן, צי אין גיהנום, אַז סע וועט קומען מיין צייט איבער הונדערט און צוואַנציק?"

„ניין, רבי אלימלך," זאָגט דער מלאך, „דאָס טאָר איך נישט. נאָר קום, וועסטו זען עפּעס, וואָס פון דעם וועסטו שוין פאַרשטיין וואו דיין פּלאַץ וועט זיין." גייען מיר פון שטערן צו שטערן און פון הימל צו הימל. מיטאַמאָל דער־זע איך ווי צוויי פּאָר גרויסע פערד שלעפּן אַן אָנגעפּאַקטן וואָגן מיט שווערע שוואַרצע פּעק. „וואָס איז דאָס?" פרעג איך דעם מלאך. „דו דערקענסט נישט?" זאָגט ער צו מיר. „דאָס זענען דאָך דיינע עבירות." פרעג איך: „וואָס טוט מען מיט זיי?" זאָגט דער מלאך: „וואָס הייסט, וואָס? מע לייגט זיי אַרויף אַף אַ וואָגשאָל, און אַף אַ צווייטער שאָל לייגט מען אַרויף די מצוות. און וואָס סע וועגט איבער, לויט דעם באַצאָלט מען."

דערהערט אַזאַ זאַך, פאַרשטייט איר דאָך ווי איך האָב געפילט. נאָר איך האָב מיר געטראַכט, אפשר וועלן מיינע מצוות איבערוועגן. איך בין טאָקע אַ זינדיקער מענטש, נאָר מסתמא האָב איך דאָך עפּעס מצוות אויך. ווי איך טראַכט אַזוי, דערזע איך ווי סע לויפט אַ קליין פערדעלע און פירט אַ גרינג וועגעלע מיט אַ קליין ווייס פּעקעלע. „וואָס איז דאָס?" פרעג איך דעם מלאך. „דערקענסט דאָס נישט?" זאָגט ער צו מיר. „דאָס זענען דאָך דיינע מצוות."

איך בין געבליבן אַ פאַרשטיינערטער און האָב נישט געוואָלט מער אויפ־כאַפּן זיך. צוליב וואָס? נאָך מער צו זינדיקן? נאָך גרעסער מאַכן מיינע פּעק מיט עבירות? דערווייל גיט מיך אַ צי דער מלאך: „נו, רבי אלימלך, וואָס שטייסטו? לאָמיר פליען ווייטער." „וואוהין און צו וואָס?" פרעג איך. זאָגט ער: „קום, איך וועל דיר ווייזן נאָך עפּעס."

פליען מיר. מיטאַמאָל דערזע איך ווידער אַ וואָגן, מיט זעקס רעדער, און ער איז אַ סך גרעסער פון דעם ערשטן וואָגן, וואָס איך האָב געזען, און איז אָנגעפּאַקט מיט שווערע פּעק, אַז דריי פּאָר ריזיקע פערד רירן אים קוים פון פּלאַץ. „וואָס איז דאָס?" פרעג איך. „פאַראַן נאָך גרעסערע זינדיקע פון מיר?" „ניין," זאָגט דער מלאך. „דאָס זענען נישט קיין עבירות. דאָס זענען דיינע יסורים, וואָס דו ליידסט פאַר דעם פאָלק ישראל." „וואָס טוט מען מיט זיי?" פרעג איך. „וואָס הייסט, וואָס?" זאָגט דער מלאך. „מע לייגט זיי אַרויף אַף דער שאָל צוזאַמען מיט די מצוות." נו, דערהערט אַזאַ זאַך, איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן... און איצט, האָט דער רבי ר' אלימלך געענדיקט, לאָמיר זינגען זמירות.

דער אָרימאַן און דער עושר אַף יענער וועלט

אַן ערליכער ייד, אַן אָרימאַן, איז געוואָרן קראַנק און איז געשטאָרבן. דעמ־זעלבן טאָג איז אין שטאָט אויך געשטאָרבן אַ ייד, אַן עושר.

געקומען אַף יענער וועלט—זענען ביידע אַוועק גלייך צום גן־עדן. ביים טויער באַמערקט דער אָרימאַן ווי סע קומט צו פליען אַ מלאך מיט אַ גרויסן גילדענעם שליסל, שליסט אויף דעם טויער, נעמט דעם עושר אונטערן אָרעם און פירט אים אַריין אין גן־עדן. אַף דעם אָרימאַן האָט זיך דער מלאך אַפילו נישט אומגעקוקט. ער האָט אים געלאָזט שטיין גלייך ווי ער וואָלט אים אין גאַנצן נישט געזען. וואָרן ווי נאָר ער איז מיט דעם עושר אַריבער די שוועל פון גן־עדן—האָט ער פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך, און אים האָט ער געלאָזט שטיין אין דרויסן.

שטייט דער אָרימאַן אַ געפּלעפטער און טראַכט: „וואָס קאָן דאָס מיינען? צי איז אויך דאָ אין הימל נישטאָ קיין יושר?״ נאָר באַלד דערהערט ער ווי מע גיט דעם עושר אינעווייניק אַ פריילעכן ברוך־הבא. מע נעמט אים דאָרט אויף מיט געזאַנג און מיט מוזיק.

ס'איז אַריבער אַ מינוט, און אפשר אַ שעה, און ס'איז געוואָרן צוריק שטיל.

מיטאַמאָל עפנט זיך דער טויער און סע קומט אַרויס דערזעלבער מלאך, נעמט אים אונטערן אָרעם און פירט אים אַריין אין גן־עדן. דער אָרימאַן האָט זיך געפרייט: אָט באַלד וועט מען אים באַגעגענען מיט געזאַנג און מיט מוזיק. נאָר ווייסעך־וואָס. ער האָט זיך אומזיסט געפרייט. קיינער גייט אים נישט אַנט־קעגן, און קיינער שפּילט נישט און זינגט נישט לכבוד אים. אַלע שמייכלען טאָקע צו אים, נאָר ווייטער איז שטיל און שאַ. וואונדערט זיך דער אָרימאַן, און ער פרעגט דעם מלאך וואָס דאָס מיינט, וואָס מע נעמט אים נישט אויף ווי מ'האָט אויפגענומען דעם עושר: „סטייטש? איז דאָס מעגלעך, אַז אויך דאָ איז נישטאָ קיין יושר פּונקט ווי אַף דער זינדיקער ערד?״

שמייכלט דער מלאך און זאָגט: „דאָ ביסטו זייער אַנגעלייגט. נאָר איך וועל דיר זאָגן: אַזעלכע אָרימעלייט ווי דו קומען אַהער יעדן טאָג. פון די רייכע אָבער זעט מען דאָ איינעם אַמאָל אין אַ יובל.״

וואָס עס איז ערגער

אברהם אבינו איז אַמאָל געקומען פאַר גאָט מיט אַ טענה:

„רבונו־של־עולם, פאַרוואָס לאָזסטו מיינע קינדער אין גלות אַזוי לאַנג? וויפיל איז דער שיעור צו לאָזן זיי מאַטערן זיך און פּייניקן? אין גלות מצרים, האָסטו געזאָגט, וועלן זיי זיין פיר הונדערט יאָר. נאָר אַז דו האָסט געזען ווי מע פּייניקט זיי און מע פאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערער אַרבעט, און אַז סע ווערט געבוירן אַ יידיש ייִנגעלע, וואַרפט מען אים אַריין אין וואַסער, האָסטו דיך דערבאַרעמט און זיי אויסגעלייזט נאָך צוויי הונדערט און צען יאָר. דאָס איז געווען זייער וואויל און גוט. אין גלות בבל זענען זיי געווען אַ קורצע צייט. נאָך

דער אָרימאַן און דער עושר אַף יענער וועלט

זיבעציק יאָר האָסטו זיי אויסגעלייזט און צוריקגעבראַכט קיין ירושלים. אָוודאי וואויל און גוט. נאָר דער איצטיקער גלות דויערט שוין באַלד צווי טויזנט יאָר. און סע נעמט גאָר נישט קיין עק און קיין סוף צו אים. גאָטעניו, וויפיל איז דער שיעור?״

דער איבערשטער הערט אים אויס און זאָגט: „אברהמעלע, איך קען גאָר־נישט ניט טון פאַר דיינע קינדער. זיי זענען זינדיק און גייען אין שלעכטע וועגן.״

„זינדיק, שמינדיק!״ ווערט אברהם אין כעס און גיט אַ געשריי „הער ווי זיי וויינען און קלאָגן: מיר זענען ווי שאָף, וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה! זע, דאָ נישט לאַנג האָט מען פאַרפייניקט און פאַרברענט זעקס מיליאָן פון מיינע קינדער. איך געדענק ווי דו האָסט מיר אַמאָל צוגעזאָגט, אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן זיך בענטשן מיט מיינע קינדער. צום סוף שעלט מען זיי און מע וויל זיי אַלע אויסראָטן, אַז ס׳זאָל קיין איין ייד נישט בלייבן. איך פרעג דיך, טאַטע פאָטער, זענען זיי, חלילה, ערגער פון אַלע מענטשן אױף דער ערד? פאַר־וואָס, גאָט, שטייסטו פון דער ווייטנס, פאַרהוילסט דיך אין די צייטן פון אַ צרה און מאַכסט דיך נישט ווויסנדיק?״

זאָגט דער אייבערשטער: „אברהמלע, שריי נישט, בייזער דיך נישט. איך גיב דאָס איבער אין דיינע הענט. קלויב אויס מענטשן, שטעל צונויף אַ קאָמי־טעט, אַז מע זאָל אויספאָרשן און מיר ראַפּאָרטירן. וועל איך נאָך דעם זען, וואָס איך האָב צו טון.״

אברהם האָט געמוזט נעמען אױף זיך די אַרבעט, און ער איז געקומען צו משה רבינו: „משהלע, דו האָסט אַמאָל אַ סך גוטס געטון מיט מיינע קינדער—דיינע ברידער אין מצרים. דו האָסט איינגעלייגט וועלטן און האָסט זיי אַרויסגעפירט פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. זע, היינט איז זיי דאָך נאָך ביטערער. מע פייניקט זיי אין גאַנץ אייראָפּע און מע פאַרטיליקט זיי. טו עפּעס, משהלע.״

משה רבינו קוקט אים אָן און זאָגט: „אברהם פאָטער, איך קען היינט גאָר־נישט ניט טון. איך וועל דיר זאָגן, דעמאָלט זענען זיי געווען אין איין לאַנד און אונטער איין קעניג, האָב איך זיי צוזאַמענגענומען און זיי אַרויסגעפירט פון דאָרטן. נאָר וואָס קען איך היינט טון? זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. וואוהין זאָל איך גיין און מיט וועמען זאָל איך אָנהייבן רעדן?״

זאָגט אברהם: „גערעכט, משהלע. נאָר איך וועל דיך באַשטימען פאַר אַ קאָמיטעמאַן. איך האָב גערעדט מיט גאָט וועגן דעם. האָט ער מיר געהייסן אויס־פאָרשן. בעט איך דיך, זיי אַ גוטער, נעם אָן און געפין אויס עפּעס גוטס, וואָס זיי טוען.״

דערקלערט אים משה, אַז אין אַ קאָמיטעט דאַרפן זיין צום ווייניקסטנס צוויי מענטשן.

זאָגט אברהם: „איך וועל דיר געבן אליהו הנביא.״ און אברהם האָט זיי ביידע צוזאַמענגעבראַכט, און זיי האָבן גענומען קלערן ווי אַזוי אָנצוהויבן די אויספאָרשונג. זאָגט אברהם: „איר ווילט מיך פאָלגן? גייט קיין ווילנע. די שטאָט רעכנט זיך פאַר אַן עיר ואם בישראל, פאַר דער ירושלים דליטע. דאָס איז אַ שטאָט פון רבנים און למדנים. אין די בתי־מדרשים זיצן יידן און לערנען. איר

וועט אַריינקומען אין איין שול, וועט איר הערן זאָגן „ברכו“, אין אַ צווייטער שול וועט איר הערן זאָגן „קדושה“, אַפּן שול־הויף שטייט אַ ייִד מיט אַ געשטעל און פאַרקויפט סידורים, ציצית, מזוזות, תפילין. גייט און זייט מצליח.“

משה און אליהו זענען גלייך אַוועק קיין ווילנע. נאָר נאָך איידער זיי זענען דאָרט צוגעקומען צו אַ שול הערן זיי ווי איין ייִד רופט דעם אַנדערן: „מאָיסעי, פּאַידי סיודאַ, קום אַהער!“

אַז משה רבינו האָט דערהערט, אַז פון זיין נאָמען משה איז געוואָרן מאָיסעי, האָט ער זיך צעוויינט: „אַז ווי איז צו מיר! וואָס זאָגסטו, אליהו? מיין נאָמען איז שוין מאָיסעי!“ נאָר אליהו הנביא פּרובירט אים טרייסטן: „מאַלע וואָס אַן אויסוואָרף רעדט אַזוי!“

משה און אליהו זענען געגאַנגען ווייטער. מיטאַמאָל דערזעען זיי ווי צוויי ייִדן באַגעגענען זיך און איינער זאָגט צום אַנדערן: „קאַק פּאַזשיוואַיעש, עליאַש? וואָס טוסטו?“

אַז אליהו האָט דערהערט, אַז פון זיין נאָמען אליהו איז געוואָרן עליאַש, האָט ער זיך אויך צעוויינט.

זאָגט משה: „גענוג, ווייטער גיי איך נישט. קום, מיר וועלן דעם רבונו־של־עולם אָפּגעבן דעם טרויעריקן ראַפּאָרט.

ווי נאָר זיי זענען געקומען פאַר גאָט, איז שוין געשטאַנען אברהם און האָט געוואַרט. און דער אייבערשטער פרעגט: „משה, וואָס האָסטו צו זאָגן גוטס וועגן דיינע ברידער?“ האָט זיך משה צעוויינט. „משהלע, וואָס וויינסטו?“ פרעגט אים דער רבונו־של־עולם.

ענטפערט משה: „ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, אַז מיין נאָמען משה איז שוין מאָיסעי?!“

ווענדט זיך דער אייבערשטער צו אליהון: „אליהו, וואָס האָסטו צו זאָגן גוטס וועגן דיינע ברידער?“ האָט זיך אליהו הנביא אויך צעוויינט. „וואָס וויינסטו, אליַנקע?“ פרעגט גאָט. ענטפערט אליהו: „ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, אַז מיין נאָמען אליהו איז שוין עליאַש.“ טרייסט זיי דער אייבערשטער: „נאַרישע קינדער, וואָס איר זענט! זאָל מען רופן מאָיסעי, עליאַש. אַבי מען רופט. נאָר וואָס זאָל איך טון? מ י ך רופט מען שוין אין גאַנצן נישט.“

דעמאָלט האָט זיך אברהם אויך צעוויינט.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: אַ ייִד ל. קיילעס, האָט דאָס מעשהלע דערציילט אין אַ שול נאָכן דאַווענען קעגן אַ זון, וואָס האָט געוואָלט, מע זאָל מאַכן אַן אל מלא רחמים נאָך זיין פאָטער, און אַז מ׳האָט אים געפרעגט ווי זיין טאַטע האָט געהייסן, האָט ער געענטפערט „דזשימי“. זיין פאָטערס ייִדישן נאָמען האָט ער נישט געוואוסט.

בלאָטע איז אויך אַן ענין

דוד דער בעל־עגלה איז געוואָרן אַלט און איז געשטאָרבן. אַז ער איז גע־קומען אַף יענער וועלט, האָט מען גענומען צונויפשלעפּן זיינע מעשים, צו זען וואָס ער האָט געטון אַף דעם עולם־התחתון, ביי זיין לעבן אַף דער ערד. דער קטיגור, דער באַשולדיקער, איז געשטאַנען אַ האָפערדיקער און האָט זיך געקלאַפּט

אין בייכל. ווֹאָרן זיינע לייט די מלאכי־חבלה, האָבן געבראַכט גאַנצע פּעק מיט עבירות, וואָס דער בעל־עגלה האָט געטון אין זיין לעבן. געבראַכט און זיי גע־לייגט אַף דער וואָג איינע אַף דער אַנדערער.

דער סניגור ווידער, דער מליץ יושר, איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זיינע לייט האָבן נישט געקענט געפינען קיין איין מצווה, וואָס דער בעל־עגלה זאָל האָבן געטון אין זיין לעבן. וואָרן אַלע זיינע יאָרן אַף דער ערד איז ער געווען אַריינגעטון נאָר אין וואָגן מיט די פערד. ווען יידן זענען געגאַנגען דאַווענען, לערנען—איז דוד דער בעל־עגלה געשטאַנען און האָט גע־שמירט די רעדער און געשפּאַנט די פערד. אין דער וואָכן איז ער געווען פאַר־נומען מיט די פערד, שבת—מיט די פערד, כסדר נאָר מיט די פערד, פערד און פערד.

און געפירט האָט דער בעל־עגלה אַ פאַרגרעבט לעבן. וועד דאַווענען, ווער לערנען, וואָס מיר טון מצוות! גאָר נישט! איז אַלעמאָל געווען אַריינגעטון אין זינדיקע זאַכן, האָט געגעסן טרפות, האָט מחלל שבת געווען. הכלל ס'איז נישט גוט מיט אים.

ווי דער סניגור שטייט אַזוי אַ דערשלאָגענער און קוקט אַף די פּעק עבירות, קומט צו לויפן אַ מלאך מיט אַ פריידֿ, אַ גדולה. וואָס איז? ער האָט געפונען דעם בעל־עגלהס אַ מצווה. און די מעשה פון דער מצווה איז אין קורצן אַזאַ:

אַ רבי מיט חסידים זענען אַמאָל אַן ערב־שבת געווען אונטערוועגנס. זיי האָבן זיך געאיילט צו קומען וואָס גיכער אין שטאָט אַריין, נישט אַריינצופאַרן, חלילה, אין שבת אַריין. ווי זיי יאָגן אַזוי, זענען זיי אַריין אין אַ בלאָטע, און האָבן נישט געקענט אַרויס פון דאָרטן. דער טרייבער איז אַראָפּ פון וואָגן, האָט אונ־טערגעשטעלט אַ פּלייצע, נאָר נישט פון אָרט. דער רבי און די חסידים האָבן גע־זען אַזאַ זאַך, זענען זיי אויך אַראָפּ פון וואָגן, נאָר אַ נעכטיקער טאָג. דער וואָגן שטייט אין דער בלאָטע און זינקט וואָס ווייטער אַלץ טיפער. און דער טאָג שטייט נישט. דער שבת רוקט זיך נענטער און נענטער. מיטאַמאָל קומט אָן דוד דער בעל־עגלה. אַז ער זעט אַזאַ מעשה, שפּאַנט ער אויס זיינע פערד, קריכט מיט זיי אַריין אין דער בלאָטע, בינדט זיי צו צום רבים וואָגן און שלעפּט אים אַרויס פון דאָרטן.

דער רבי און די חסידים זענען גלייך אַרויף אַף זייער וואָגן און וויאָ אין שטאָט אַריין. אַז זיי זענען אָנגעקומען אין שטאָט, האָט שוין די זון געגומען זיך זעצן. ווען נישט דוד דער בעל־עגלה, וואָלטן זיי, חלילה, נאָך מחלל־שבת גע־ווען. הייגט שטעלט אייך פאָר וואָס פאַר אַ גרויסע מצווה דער בעל־עגלה האָט זיך פאַרדינט. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט איין מצווה אַנטקעגן אַזויפיל פּעק מיט עבירות? אַ שמעק טאַבעקע!

דאָ פאַלט איין דעם סניגור אַ געדאַנק: „נו, און די פערד, וואָס ער האָט איינגעשפּאַנט אין רבים וואָגן, דאָס איז גאָרנישט ניט? און דאָס, וואָס ער האָט דעם וואָגן אַליין אונטערגעשטופּט, איז אַ קלייניקייט?״ און סע בלייבט, אַז מע דאַרף די פערד מיט דעם וואָגן אַרויפלייגן אַף דער וואָג צוזאַמען מיט דער מצווה.

נאָר ס'האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. די פּעק מיט עבירות האָבן אי־בערגעוואויגן.

דעם סניגור פֿאַלט באַלד איין אַ נייער געדאַנק: „די בלאָטע, וואָס איז מיט דער בלאָטע, אין וועלכער דער בעל־עגלה האָט זיך געטאָפּטשעט, אַרויסצושלעפּן דעם רבים וואָגן? די בלאָטע איז עפּעס אַ קלייניקייט?! זאָל מען ברענגען די בלאָטע!" האָט ער אַ געשריי געטון. האָט מען אָנגעהויבן ברענגען בלאָטע און לייגן אַף דער וואָג. און בלאָטע, ווי איר ווייסט, איז שוין געווען גענוג. מ'האָט געלייגט אַזויפֿיל בלאָטע, ביז די וואָג מיט דער מצווה האָט איבערגעוואויגן.

סע קען, חלילה, זײַן נאָך ערגער

אַ פֿרומער ייִד, אַ צדיק, איז געוואָרן אַלט און האָט איין שיינעם טאָג פֿאַרלאָזט אונזער נאַריש וועלטל, דעם עולם־השקר. אַז ער איז געקומען אַף יענער וועלט, אַף דעם עולם־האמת, האָט דער מלאך, דער ממונה איבער די נשמות, געעפֿנט דאָס ספֿר־הזכרונות, וואו עס זענען פֿאַרשריבן די מעשים פֿון יעדן איינעם, צו זען ווי אַזוי דער צדיק האָט זיך געפֿירט אַף דעם עולם־השקר. ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטון אין דעם פּנקס, האָט ער גלייך געהייסן צוויי מלאכים, אַז זיי זאָלן אים פֿירן אין גן־עדן אַריין. נאָר דער צדיק שטייט און וויל נישט גיין. טראַכט דער מלאך: דער צדיק איז גערעכט. אים קומט אַ גרעסערער כּבֿוד. און ער גיט אַ וואונק צו אַ גאַנצער מחנה מלאכים, אַז זיי זאָלן באַגלייטן דעם צדיק אין גן־עדן אַריין. נאָר דער צדיק וויל נישט גיין. ער האָט דעם כּבֿוד נישט פֿאַרדינט, זאָגט ער. סע קומט אים נישט קיין גן־עדן. ווערט אַ רעש. אָט דאָס איז אַן אמתער צדיק. מע וויל אים פֿירן אין גן־עדן אַריין, און ער וויל נישט! אַז דער רבונו־של־עולם דערהערט דאָס, רופֿט ער אים צו, און וויל וויסן, וואָס איז די מעשה. זאָגט דער צדיק: „איך בעט דיך, גאָטעניו, דו ווייסט דאָך דעם אמת: צוויי קינדער האָב איך פֿאַרמאָגט, אַ טאָכטער און אַ זון. האָט געטראָפֿן אַן אומגליק: די טאָכטער איז געשטרויכלט געוואָרן און האָט פֿאַר דער חתונה געהאַט אַ קינד, און דער זון האָט זיך געשמדט, רחמנא לצלן."

דער רבונו־של־עולם הערט אים אויס, און נעמט אים טרייסטן: ס'האָט געקענט, חלילה, זיין נאָך ערגער. אָט האָט ער, דער אייבערשטער אַליין, געהאַט אַ טאָכטער מרים, האָט זי אויך פֿאַר דער חתונה געהאַט אַ קינד, אַ זונעלע. און אַז דער זון איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך געשמדט. און דער רבונו־של־עולם ענדיקט: „נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מענטשן האָבן נאָך אויסגעטראַכט אַף מיר, אַז איך בין דער טאַטע פֿון דעם קינד."

באַמערקונג: אַן ענלעך מעשהלע ווערט אויך דערציילט מיט דר. הערצל.

מע גיט אים דאָס, וואָס ער האָט געגעבן

אין שטאָט איז געווען אַ גרויסער גביר. נאָר ווי רייך ער איז געווען — פּונקט אַזאַ קמצן איז ער געווען. דער גביר האָט זיך זעלטן געלאָזט קענען. סיידן אַף קהלשע זאַכן, וואו מ'האָט זיך געקענט אויספּיינען און אַריינכאַפּן כּבֿוד. נאָר העלפֿן אַן אָרימאַן, אַ נויטבאַדערפֿטיקן — דאָס נישט. אַ מענטש האָט זיך געמעגט

אויסלאָזן אַף זײַן שװעל פֿאַר אַ שטיקל ברויט—האָט אים נישט געאַרט. הכּלל, אַן אמתער דבר־אחר, אַז באַהיט זאָל מען זײַן.

אַלײן, פֿאַר זיך, האָט ער דווקא געלעבט אין װאָילטאָג און אין רחבֿות: געגעסן און געטרונקען פֿון שענסטן און בעסטן, געגאַנגען אָנגעטון אין זײַדנס און אין סאַמעט, און געפֿאָרן איז ער אין אַ קאַרעטע מיט צװײ פֿאַר פֿערד. נאָר פֿאַר אַנדערע—גאָרנישט ניט.

אַזוי זענען אַריבער יאָרן. דער גבֿיר איז געװאָרן אַלט, און איז געשטאָרבן. געקומען אַף יענער װעלט—זעצט מען אים אַנידער מיט אַנדערע רײַכע לײַט. ער האָט דאָך פֿאָרט אַמאָל געגעבן אַף קהלשע זאַכן. אמת, צוליב כּבֿוד, נאָר פֿאָרט געגעבן.

אַז ס׳איז געקומען צום עסן, זעט ער װי מע דערלאַנגט אַלעמען טײַערע מאַכלים, פֿיש פֿון דעם לװיתן און פֿלײש פֿון דעם שור־הבור. הײַנט דעם יין־המשומר און די אַנדערע געטראַנקען. זײער ריח צעגײט זיך אין אַלע אבֿרים. נאָר אים דערלאַנגט מען גאָרנישט ניט. ער גײט אױס צו נעמען עפּעס אין מױל אַרײַן, ער בעט זיך, אַז מע זאָל אים געבן כאָטש אַ ביסן. נאָר אומזיסט, מע גיט נישט. עס איז נישט פֿאַר אים, זאָגט מען אים.

אַזוי אַ טאָג צװײ און דרײַ. דער גבֿיר פֿעכניעט פֿון הונגער. אַז סע האָט שױן געהאַלטן גאָר שמאָל מיט אים, האָט מען זיך דאָרט אױבן געגומען באַראָטן, װאָס צו טון. מע זוכט און מע נישטערט, אפֿשר האָט ער פֿאָרט אַמאָל רחמנות געהאָט אַף עמיצן און דערהאַלטן יענעם די נשמה. װי מע באַראָט זיך אַזוי, קומט צו פֿליִען אַ מלאך מיט אַ פֿאַרבלאָטיקט ברויט. װאָס איז דאָס פֿאַר אַ ברויט? ס׳איז טאַקע דעם גבֿירס אַ ברויט. ער האָט זיך אַמאָל געלאָזט אין װײַטן װעג צוליב מסחר, האָט ער מיטגענומען מיט זיך ברויט און אַנדער עסנװאַרג.

אײנמאָל, װען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איבערצובײַסן עפּעס אין װעג, איז בײַ אים אַראָפּגעפֿאַלן אַ ברויט אַף דר׳ערד און האָט זיך אויסגעשמירט אין בלאָטע.

דערװײַל קומט אָן אַן אָרימאַן, אַ הונגעריקער, אַ דאָרשטיקער. שױן טעג, אַז ער האָט נישט געהאַט קײן פּיצל ברויט אין מױל. בעט ער דעם גבֿיר, אַז ער זאָל רחמנות האָבן און אים געבן עפּעס, די נשמה צו דערהאַלטן. נעמט דער גבֿיר דאָס אויסגעשמירטע ברויט און גיט עס אַ װאָרף צו דעם אָרימאַן.

אָט דאָס איז דאָס ברויט, װאָס מען האָט געפֿונען. און איצט, אויב ער װיל, קען ער מיט דעם דערהאַלטן זײַן נשמה.

דער רבֿ װעט אים נישט שװײַגן

קלמן דער כּל־בוניק האָט זיך צעקריגט מיט דעם גבֿיר, דעם שניט־קרעמער. און פֿאַר קלמנס כּעס, מוזט איר װיסן, האָט דאָס שטעטל געציטערט אימת־מוות, אַ קלײניקײט—אַזאַ כּל־בוניק! װער װײסט װאָס אַזאַ חבֿרהמאַן קען נאָך אָפּטון?!

גוטע שכנים, װאָס האָבן געװאָלט פֿאַרמײַדן נאָך מער קריג צװישן דעם שניט־קרעמער און דעם כּל־בוניק, האָבן זיך אַרײַנגעלײגט צװישן זײ, און מ׳האָט

קוים מיט צרות איינגערעדט דעם כל־בוניק, אַז ער זאָל גיין צום רב אַף אַ דין־תורה מיט דעם גביר. מ׳האָט געהאַפּט, אַז פאַר דעם רב וועט אַפילו קלמן כל־בוניק האָבן דרך־ארץ און אים פאָלגן. געקומען—האָבן ביידע צדדים אַרויסגעזייגט זייערע טענות פאַרן רב. דער רב האָט אויסגעהערט און אויסגעפרעגט, און האָט צום סוף געפּאַסקנט, אַז דער שניט־קרעמער איז גערעכט.

אַז דער כל־בוניק האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אַ צעקאָכטער און האָט גענומען שרייען אַף אַ קול: „אויך איר, רבי, האַלט מיט די גבירים?״ און ער האָט געסטראַשעט: „דאָס וועט גלאַט נישט אָפּגיין. איך וועל אייך, רבי, צעברעכן אַלע שויבן פון די פענסטער.״

דער רב האָט זיך נישט דערשראָקן. ער האָט זיך אַ שטעל געטון אַ שטרענגער און האָט אים געענטפערט מיטן הארבן וואָרט: „און דו מיינסט, אַז איך וועל שווייגן? האָ?״

דער כל־בוניק האָט דערפילט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַר דעם רבס שטרענגקייט. נאָר כאַטש אַזוי האָט ער טראַציק אַ פרעג געטון: „וואָס וועט איר מיר טון, רבי?״

„וואָס איך וועל טון—ווילסטו וויסן?״ האָט דער רבי אָנגעהאַלטן דעם שטרענגן טאָן. „וואָס הייסט, וואָס? איך וועל שיקן נאָך גימפּל דעם גלעזער, און ער וועט אַריינשטעלן אַנדערע שויבן.״

דאָ האָט זיך דער כל־בוניק שוין אין גאַנצן פאַרלוירן, און אַ שעמעוודיקער געזאָגט: „רבי, איכל טון ווי איר הייסט. אַ גוטן תמיד, רבי.״ און ער איז שטיל אַרויס פון בית־דין שטוב.

אַ קלוגער ריכטער

אין שטעטל זאַסלאַוו האָט אַמאָל צווישן יום־כּפור און סוכּות געטראָפן אַזאַ מעשה: דער פּאָליציי־מייסטער איז זיך געגאַנגען אין מאַרק און האָט באַמערקט ווי יידן בויען סוכּות ביי זייערע שטיבער. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ שונא־ישראל, אַ המן, און האָט שטענדיק געזוכט אַ געלעגנהייט צו טשעפּען זיך צו יידן, האָט ער גענומען פרעגן, צי זיי האָבן אַ דערלויבעניש אַף צו בויען.

די יידן האָבן זיך אויסגעלאַכט: אַף צו מאַכן אַ סוכּה דאַרפן זיי נישט קיין דערלויבעניש, האָבן זיי געטענהט. איז דער ערל געוואָרן אין כּעס: „אַזעלכע יידלאַקעס! בויען גאָר אָן אַ דערלויבעניש!״ און ער נעמט און הייבט אָן מאַכן פּראָ־טאָקאָלן אַף יעדן איינעם.

אין עטלעכע טעג אַרום, פּונקט דעם ערשטן טאָג חול־המועד, האָבן די יידן זיך געמוזט שטעלן אין געריכט צום משפּט. דער ריכטער האָט אויסגעהערט די קלאָגע און גענומען פרעגן וואָס די יידן האָבן צו זאָגן וועגן דעם. די יידן האָבן אָנגעהויבן קלאָר מאַכן. זיי האָבן נישט געלייקנט, אַז זיי האָבן געבויט אָן אַ דער־לויבעניש, און זיי האָבן דערביי איבערגעגעבן, אַז דאָס איז ביי אונז אַזאַ יום־טוב צו מאַכן סוכּות און עסן אין זיי אַכט טעג לזכּרון אין דער צייט, ווען די יידן זענען באַפרייט געוואָרן פון מצרים און האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר און געוואוינט אין ביידלעך, אין סוכּות.

דער ריכטער, אַ קלוגער מענטש, האָט ער פאַרשטאַנען די זאַך. נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער פּאָליציי־מיינסטער זאָל ווערן צו געלעכטער, האָט ער באַשטראָפט יעדן ייד מיט אַ האַלבן רובל פאַר נישט אַרויסנעמען קיין דער־לויבעניש, צו מעגן בויען. דערביי האָט ער באַפוילן, אַז ביז אַכט טעג מוזן די יידן פונאַנדערנעמען די סוכות.

אַז ס'איז אַריבער דער יום־טוב, האָבן די יידן נאָך געהאַט גאַנצע צוויי טעג צייט אַף פונאַנדערצונעמען די סוכות.

די צוויי ברידער און די ירושה

צוויי ברידער האָבן זיך געקריגט איבער אַ ירושה. דער עלטערער האָט גע־טענהט, אַז אים קומט אַ גרעסערער חלק, ווייל ער איז דער בכור, און דער ייִנ־גערער האָט געטענהט, אַז אים קומט מער, ווייל ער איז דער מעזיניק. סע האָבן זיך אַריינגעלייגט מענטשן און זיי געוואָלט אויסגלייכן, נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. איז געבליבן, אַז מע זאָל זיך פאַרלאָזן אָפן רב.

אַז זיי זענען געקומען צום רב, און ער האָט אויסגעהערט זייערע טענות, זאָגט ער צו זיי: „איר האָט דאָך געלערנט, ווייסט איר דאָך, אַז לויט דעם דין, קומט דעם בכור צוויי חלקים ירושה."

גיט זיך דער ייִנגערער ברודער אַ כאַפּ: „פרעגט מיין ברודער ווער סע קומט מער. ווער האָט געטריבן דעם טאַטן אין דר'ערד אַריין, ער, צי איך?"

אַן איינפאַל פון אַ סוחר

ביי אַ גרויסן סוחר איז געווען אַ געטרייער און אַן ערלעכער משרת. אַ שכן, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ סוחר, האָט זיך פאַרלייגט אַף דעם משרת און האָט אים איבערגערעדט, אַז ער זאָל ביי זיין באַלעבאָס גנבענען סחורה און זי אים פאַרקויפן.

ס'איז אַריבער אַ צייט און דער באַלעבאָס האָט אויסגעפונען די גאַנצע מעשה. האָט ער דעם משרת גענומען צום רב און געפאָדערט, אַז ער זאָל באַצאָלן פאַר דער סחורה, וואָס פעלט. דער באַלעבאָס האָט געטענהט, אַז ער פאַרלאָזט זיך אַף אַנדערע, אַז מע זאָל אָפּשאַצן וויפיל די געגנבעטע סחורה איז ווערט גע־ווען. דערביי האָט ער געבעטן, אַז מע זאָל רופן זיין שכן דעם סוחר, אַז יענער זאָל זיין דער שאַצער. דער רב האָט געשיקט נאָך דעם שכן, האָט אים דערלאַנגט אַ צעטל פון דער סחורה און געבעטן, אַז ער זאָל אָפּשאַצן איר ווערט, ווייל ער רעכנט, אַז ער איז אַ גוטער מבין.

דער שכן האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער האָט גאָרנישט ניט קיין שייכות צו דער גנבה. ער האָט אויך געוואָלט ווייזן זיין מבינות, כדי צו ווערן אַ חשוב ביים סוחר, האָט ער איטלעכס שטיקל סחורה אָפן צעטל געשאַצט טאָפּעלט וויפיל ס'איז ווערט געווען.

דער רב האָט נאָך דעם געמאַכט דעם חשבון און געהייסן דעם שכן איבער־

קוקן, צי ס'איז ריכטיק ווי ער האָט געשאַצט. צום סוף האָט ער אים נאָך געהייסן זיך אונטערשרייבן. ער האָט אים געדאַנקט פאַר דער טרחה, און דעם חשבון האָט ער געגעבן דעם סוחר.

אויפן אַנדערן טאָג נעמט דער סוחר דעם חשבון, גייט אַוועק צום שכן און זאָגט צו אים: „איך בין געקומען, ר' קרוב, אַז איר זאָלט מיר באַצאָלן פאַר דער סחורה, וואָס איר האָט נעכטן אַליין געשאַצט. ווייל איר האָט עס אָנגערעדט מיין משרת צו גנבענען די סחורה און זי אייך צו פאַרקויפן. ביי אייך געפינען זיך נאָך שטי־קער פון די גנבות."

דער שכן האָט געזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן. ער האָט מער גאָרנישט ניט גערעדט, און באַצאָלט ביז אַ פּרוטה.

ווי אַזוי דער סוחר האָט געוואונען דעם פּראָצעס

צוויי סוחרים, שמואל שיינעס און יאַנקל שטיינבערג, האָבן זיך געלאָדן. עט־לעכע טעג פאַר דעם פּראָצעס קומט שמואל שיינעס צו זיין אַדוואָקאַט און פרעגט אים, צי סע וואָלט אפשר געווען אַ גלייכע זאַך צו שיקן דעם ריכטער עפּעס אַ מתנה אין שטוב אַריין. אַז דער אַדוואָקאַט האָט דאָס דערהערט, איז ער אויפ־געשפּרונגען און האָט אים געוואָרנט מיטן האַרבן וואָרט. ער האָט אים געזאָגט: „אויב איר וועט וואַגן צו טון אַזאַ זאַך, זענט איר שוין אַ פאַרלוירענער. דער ריכטער וועט אייך האַלטן פאַר דעם שולדיקן נאָך איידער ער וועט הערן אייערע טענות."

שמואל שיינעס האָט שוין מער נישט גערעדט וועגן דעם.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס און שמואל שיינעס האָט געוואונען. אַז ער איז אַרויס פון געריכט, זאָגט צו אים זיין אַדוואָקאַט: „איר זעט, מיין ליבער, ווען איר וואָלט דעם ריכטער געווען געשיקט אַ מתנה, וואָלט איר דעם פּראָצעס זיכער פאַרלוירן."

שמואל שיינעס הייבט אויף זיין קאָפּ צום אַדוואָקאַט, שמייכלט און זאָגט: „מעג איך אייך עפּעס דערציילן? נאָר אַ סוד, סע מוז בלייבן אַ סוד."

„אַ סוד? לאָמיר הערן. איר קענט זיין זיכער, אַז קיינער וועט נישט וויסן," פאַרזיכערט אים דער אַדוואָקאַט.

„נו," זאָגט שמואל שיינעס, „איך האָב דעם ריכטער פאָרט עפּעס געשיקט."

דער אַדוואָקאַט קוקט אים אָן: „סע קען נישט זיין! ס'איז נישט אמת!"

„ש...ש...ש," מאַכט שמואל שיינעס, „איך האָב געשיקט, נאָר איך האָב צוגע־לייגט אַ געשעפטס־קאַרטל פון יאַנקל שטיינבערג."

דער סוחר, דער הינקעדיקער און דער קלוגער ריכטער

אַ סוחר איז געריטן אויף זיין פערד קיין ירושלים. אויפן וועג האָט ער אָנגע־יאָגט אַ הינקעדיקן, וואָס איז אויך געגאַנגען אין שטאָט אַריין. טראַכט זיך דער

סוחר: „נעבעך אַ הינקעדיקער! איך וועל אים אַרויפנעמען צו מיר אַפן פערד און אים ברענגען קיין ירושלים."

דער סוחר איז אַפּגעשטיגן און האָט געהאָלפן דעם הינקעדיקן אַרויפזעצן זיך אַפן פערד. ער אַליין האָט זיך געזעצט הינטער אים, און זיי זענען אַוועקגעריטן. אַז זיי זענען אָנגעקומען קיין ירושלים, זאָגט דער סוחר צום הינקעדיקן, אַז איצט וועט ער אים אַראָפּלאָזן. נאָר אָנשטאָט דער הינקעדיקער זאָל אים באַדאַנקען, וואָס ער האָט אים געהאָלפן, זאָגט ער צום סוחר: „גיי דו אַראָפּ. דאָס פערד איז מיינס!"—און ער האָט די לייצעס פעסט צוגעהאַלטן און זיי נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די הענט. לכתחילה האָט דער סוחר געמיינט, אַז דער הינקעדיקער מאַכט בלויז שפּאַס. נאָר אַז ער האָט געזען, אַז ער לאָזט די לייצעס נישט אַרויס פון זיינע הענט און וויל נישט אַראָפּגיין פון פערד, האָט ער אים גערופן צו די ריכטער ביי דעם טויער פון שטאָט. געקומען צו די ריכטער, דערציילט דער סוחר ווי אַזוי ער האָט דעם הינקעדיקן געבראַכט אַף זיין פערד אין שטאָט אַריין, און איצט וויל ער דאָס פערד נישט אַרויסלאָזן פון די הענט.

דער הינקעדיקער האָט געהאַט אַן אַנדער טענה: „גרויסע ריכטער," האָט ער אָנגעהויבן מיט געבעט, „דאָס פערד איז מיינס און איז מיין גאַנצע הילף ביים גיין. איך בין אַ קאַליקע אַף די פיס. אָן דעם פערד וואָלט איך נישט געקענט גיין קיין לענגערן וועג."

די ריכטער האָבן איינגעזען, אַז זיין טענה איז אַ גערעכטע. נאָר דער עלטסטער פון די ריכטער האָט איבערגעטראַכט און געזאָגט: „לאָזט דאָ איבער דאָס פערד. און איר קומט מאָרגן, וועל איך אַרויסגעבן דעם פּסק."

דער ריכטער האָט געהייסן אַריינשטעלן דאָס פערד אין אַ שטאַל. אַף מאָרגן, אַז דער סוחר און דער הינקעדיקער זענען געקומען, איז דער ריכטער אַריינגעגאַנגען מיט זיי אין שטאַל, וואו דאָס פערד איז געשטאַנען צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פערד. דער ריכטער האָט געהייסן דעם סוחר, אַז ער זאָל צוגיין און אָנווייזן אַף זיין פערד. דער סוחר איז זיך דורכגעגאַנגען איבער דער שטאַל און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין פערד.

דער ריכטער האָט דערנאָך געהייסן דעם הינקעדיקן, אַז ער זאָל אָנווייזן אַף זיין פערד. דער הינקעדיקער איז צוגעגאַנגען צו דעמזעלבן פערד און האָט עס אויך דערקענט.

זאָגט דער ריכטער: „אין דער אמתן האָב איך אייך נישט גערופן, אַז איר זאָלט דערקענען אייער פערד, נאָר אַז דאָס פערד זאָל אייך דערקענען. ווען דו, סוחר, ביסט צוגעקומען צו דעם פערד, האָט דאָס פערד גענומען הירזשן און מאַכן מיט דעם קאָפּ, ווי סע וואָלט זיך דערפרייט מיט דיר. און אַז דו," האָט ער געזאָגט צום הינקעדיקן, „ביסט צוגעקומען צום פערד, איז עס געשטאַנען רואיק ווי פריער."

„נעם דאָס פערד," זאָגט דער ריכטער צום סוחר, „ס'איז דיינס. און דו," זאָגט ער צום הינקעדיקן, „דערפאַר וואָס דו האָסט געוואָלט אויסנאַרן דאָס פערד, וועסטו קריגן אַ שטראָף."

ביים לאָדן זיך זענען אַלע גלײַך

ביי אַ גרויסן סוחר, אַ למדן און אַן ערלעכן ייד, האָט מען אַמאָל צוגעגנבעט זיינע טייערע פערד. האָט ער גערופן אורקען, דעם שטעטלדיקן פערד־גנב, צום רב און אים אָנגעקלאָגט אין דער גנבה. דער סוחר האָט געטענהט, אַז ער האָט אַליין געזען ווי אורקע האָט אַרויסגעגנבעט זיינע פערד פון שטאַל און איז מיט זיי אַנטלאָפן.

אורקע האָט דאָס געלייקנט. האָט דער רב געפרעגט דעם סוחר, צי ער האָט עדות, אַז אורקע האָט געגנבעט זיינע פערד. ווערט דער סוחר אין כעס: „רבי, עדות ווילט איר נאָך? איר גלייבט דעם פערד־גנב מער ווי מיר?"

זאָגט דער רב צום סוחר: „ר' אייזיק, איך ווייס גוט ווער איר זענט און ווער ס'איז אורקע. ווען איך זאָל דאַרפן אַ שידוך טון מיט מיין טאָכטער, וואָלט איך זיכער וועלן אייך פאַר אַ מחותן. בעסער געזאָגט: ווען מע זאָל מיך אָפּגילטן, וואָלט איך אורקען נישט געוואָלט האָבן פאַר מיין מחותן. נאָר דאָ האָט איר מיט אים אַ דין־תורה, און ביי אַ דין־תורה זענען אַלע גלייך, דער פערד־גנב און דער ערלעכער סוחר. ווער סע קלאָגט און מאָנט, דער דאַרף ברענגען עדות."

די צוויי שותפים, דער רב און די פינף טויזנט גולדן

די צוויי סוחרים ר' שלמה און ר' יוסף, האָבן בשותפות געהאַט אַ שניט־געשעפט. זיי האָבן באַשלאָסן אָוועקצולייגן פינף טויזנט ראַייניש, צו נוצן דאָס געלט אין פאַל פון אַ שווערער צייט. יעדער פון זיי האָט געגעבן אַ העלפט, און זיי האָבן דאָס געלט איינגעלייגט ביים רב. דערביי האָבן די צוויי שותפים אָפּגערעדט מיט דעם רב, אַז ער מעג דאָס געלט אַרויסגעבן בלויז דעמאָלט, ווען זיי וועלן ביידע צוזאַמען קומען און עס פאָדערן. איינעם אַליין פון זיי טאָר ער דאָס געלט נישט אַרויסגעבן.

נאָך דעם איז אַריבער אַ שטיקל צייט. דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן גיין שלעכט, און איינער פון די צוויי שותפים, ר' שלמה, איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. דער צווייטער שותף, ר' יוסף, האָט אויסגענוצט דידאָזיקע געלעגנהייט, אויסצונאַרן ביים רב די פינף טויזנט ראַייניש. ער איז אַוועק צום רב און איז צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל אים אַרויסגעבן דאָס געלט. ער האָט אים דערציילט, אַז דאָס געשעפט גייט שלעכט, און צו דעם איז נאָך זיין שותף קראַנק, און ער מוז האָבן דאָס געלט. ר' יוסף האָט פאַרזיכערט דעם רב, אַז דאָס איז אויך דער ווילן פון זיין שותף. און אויב ער וועט אים נישט אַרויסגעבן דאָס געלט, וועט דאָס געשעפט אין גאַנצן רואינירט ווערן.

דער רב האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און ער האָט אים געגעבן דאָס איינגעלייגטע געלט. ווי נאָר ר' יוסף האָט געקריגן דאָס געלט, האָט ער געמאַכט פּליטה. ער איז פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אַריין.

דערווייל איז ר' שלמה געזונט געוואָרן און איז אויפגעשטאַנען פון בעט.

אַז ער האָט געזען זיין שותּף ר׳ יוסף איז פאַרשוואונדן און דאָס געשעפט גייט שלעכט, איז ער אַוועק צום רב און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אַרויסגעבן דאָס געלט. דער רב האָט זיך געכאַפּט אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ צרה. ער האָט דערציילט ר׳ שלמהן דעם אמת, ווי אַזוי ר׳ יוסף האָט אויסגענאַרט ביי אים דאָס געלט. נאָר ר׳ שלמה האָט נישט געוואָלט וויסן פון דעם און האָט געפאָדערט ביי אים דאָס געלט. אַז דער רב זעט אַזאַ זאַך, זאָגט ער צו דעם סוחר: „הערט, ר׳ שלמה, מיר האָבן אַן אָפּמאַך, אַז די פינף טויזנט ראַייניש, וואָס איר און אייער שותּף ר׳ יוסף האָבן איינגעלייגט ביי מיר, מעג איך אַרויסגעבן בלויז דעמאָלט, ווען איר וועט ביידע צוזאַמען קומען און דאָס פאָדערן. איינעם אַליין פון אייך טאָר איך דאָס געלט נישט אַרויסגעבן. דאָס געלט, וואָס איך האָב געגעבן דעם שותּף און ער איז מיט דערמיט אַוועק,״ זאָגט ווייטער דער רב, „דאָס איז מיין היזק. אויב איר ווילט איצט, אַז איך זאָל אייך אַרויסגעבן אייערע פינף טויזנט ראַייניש, מוזט איר קומען צוזאַמען מיט אייער שותּף נאָך דעם געלט. ביז איר וועט נישט קומען ביידע אין איינעם, מוז אייער געלט בלייבן ביי מיר.״

ער האָט אַ תּירוץ

אַ שניידער־געזעל איז אָנגעקומען צו אַרבעטן ביי אַ נייעם באַלעבאָס אין שטעטל, און ווי ס׳האָט זיך געפירט, האָט דער געזעל געהאַט דאָרט אויך קעסט און קוואַרטיר. דאָס איז געווען נאָך די יום־טובים. אַז ס׳איז אַריבער דער ווינ־טער און ס׳איז געקומען ערב־פּסח, האָט דער באַלעבאָס צוגעגרייט אַ סדר מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַף דער נאַכט, אַז מ׳איז געקומען פון דאַווענען, האָט דער באַלעבאָס געמאַכט קידוש, און מ׳האָט זיך געזעצט צום סדר און אָנגעהויבן זאָגן די הגדה.

נאָכן עסן און בענטשן נעמט מען ווידער זאָגן די הגדה. נאָר דער געזעל זעט, אַז דער באַלעבאָס היפּערט איבער ה ל ל און נ ש מ ת כ ל ח י. ווערט ער אַביסל אומרואיק און ווייסט נישט וואָס צו טון: זאָל ער טון ווי דער באַלעבאָס טוט, אָדער זאָל ער אַליין זאָגן ה ל ל און נ ש מ ת כ ל ח י? דער באַ־לעבאָס האָט דאָס באַמערקט. פרעגט ער אים, וואָס סע קוועטשט אים. נעמט דער געזעל שטאַמלען: „באַלעבאָס לעבן, איר וועט מיר מוחל זיין, איך וויים נישט, נאָר פאַראַיאָרן, ווען איך בין געווען ביי גימפּל שניידער, האָט ער ביים סדר געזאָגט ה ל ל און נ ש מ ת כ ל ח י, און איר היפּערט זיי איבער. איך וויל ביי אַזאַ באַלעבאָס מער נישט זיין!״

שמייכלט דער באַלעבאָס און באַרואיקט אים: „וואַרט, וואַרט! וואָס פאַר־שטייסטו דאָ נישט? ווען סע געפאַלט פּסח אום ראש־חודש זאָגט מען ה ל ל, און אַז סע געפאַלט פּסח אום שבת—זאָגט מען נ ש מ ת כ ל ח י, און אַז סע געפאַלט פּסח סיי אום ראש־חודש און סיי אום שבת—זאָגט מען ביידע. נאָר אַז היינט איז נישט ראש־חודש און נישט שבת, צו וואָס דאַרף מען זיי זאָגן?״

באַמערקונג: פּסח הייבט זיך אָן אין אָוונט פון דעם פערצנטן טאָג אין חודש ניסן.

דער גאַרבער און זײַן װײַב

אַן אָרימער גאַרבער האָט חתונה געהאַט און געבראַכט זיין ווייב צו זיך אַהיים. אַז זי איז אַריינגעקומען און האָט דערפילט דעם שווערן ריח פון רויע פעלן און לעדער, האָט זי באַשלאָגן צום האַרצן. נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט און זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט, אויסצורייניקן די שטוב.

די יונגע באַלעבאָסטע האָט אַזוי געאַרבעט אַ פּאָר טעג. זי האָט אַרויסגע־שטעלט די פעלן און די לעדער אין אַ זייטיק קעמערל, און האָט געוואַשן, געריבן און געשאָבן, אַז סע האָט גענומען פינקלען אין אַלע ווינקלעך פון שטוב. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן, זאָגט זי צו איר מאַן: „זע, מיין מאַן, אַז איך בין געקומען אַהער אין שטוב, איז דאָ געווען אַזאַ געשטאַנק פון די פעלן, אַז מ'האָט איינפאַך נישט געקענט ציען דעם אָטעם. איצט, אַז איך האָב די פעלן אַרויסגעשטעלט און אַלץ גוט אויסגעוואַשן, וועט זיין אַ מחיה דאָ צו וואוינען."

„יאָ, מיין ווייב," זאָגט דער גאַרבער, „ס'איז טאַקע אמת. דו האָסט אויס־געראַמט און אויסגעוואַשן די שטוב, אַז סע שמעקט און לייכט פון אַלע ווינקעלעך. נאָר די שטוב איז אויך מיין ווערקשטאַט. אַז דו האָסט די פעלן אַרויסגעשטעלט און איך וועל דאָ נישט קענען אַרבעטן—וועל איך נישט קענען פאַרדינען און דאָס גאַנצע הויז וועט ווערן אַ תל."

אײביקע קעסט

ביי ר' מאירן, דעם קאָוואַל, איז אַ שמחה אין שטוב. דער אַלטער קאָוואַל פּראָוועט תנאים ביי זיין בת־יחידה. דאָס גאַנצע שטעטל רעשט זיך. אַ קלייניקייט! דעם קאָוואַלס טאָכטער קריגט אַ חתן—אַן איידל קינד, אַ וואויל־לערנער. דעם קאָוואַלס שטוב גייט אַף רעדלעך. מחותנים קומען, און קלעזמער שפּילן. אויבן־אָן ביים טיש זיצט דער חזן און איז פאַרנומען מיט שרייבן די תנאים. ער פאַר־שרייבט אַלץ: דער כלהס עלטערן גיבן כך וכך דעם חתן. דער נדן דאַרף געסילוקט ווערן נאָך פאַר דער חופּה. חוץ דעם דאַרף דער חתן קריגן חתן־מתנות: אַ גיל־דענעם זייגער מיט אַ קייט, אַ טלית מיט אַ גילדערנער עטרה. ער שרייבט אויך אַריין אין די תנאים די כלה־מתנות, וואָס די כלה דאַרף קריגן.

דער קאָוואַל לויפט בשעת־מעשה אַרום אַרום די געסט. נאָר יעדע מינוט קומט ער צום חזן און דערמאָנט אים נאָך זאַכן צו פאַרשרייבן.

אַז סע קומט צו די קעסט, שרייט דער חזן: „מחותן־לעב, וויפיל קעסט פאַר־שרייבן?"

„שרייבט, ר' חזן," שרייט דער אַלטער קאָוואַל צוריק און פאַדיעט אַרום די מחותנים, „שרייבט, זייט מוחל, אייביקע קעסט! און אויב ער וועט ווערט זיין, וועל איך געבן נאָך אַ פּאָר יאָר."

ער מעג שוין נעמען

אין שטעטל איז געווען אַ שניידער. ער האָט געהאַט אַ טבע, אַז פון יעדן שטאָף, וואָס מ'האָט אים געבראַכט פאַר אַ מלבוש, האָט ער זיך אַראָפּגענומען אַ

שטיק. צי ס'איז יאָ געבליבן יתור, צי ס'איז נישט געבליבן יתור, ער האָט זיך אַראָפּגענומען אַ שטיק שטאָף.

איינמאָל חלומט זיך דעם שנײַדער, אַז ער איז געשטאָרבן. געקומען אַף יענער וועלט, נעמט מען אים צום משפּט. די הימלען שטורעמען און דונערן, און דער שטן, מיט אַ פֿאָן אין דער האַנט, שטייט לעבן אים און ווייזט אים: „דו דער־קענסט דידאָזיקע פֿאָן?" האָט ער געשריגן אַף אַ קול.

דער שנײַדער, אַ דערשראָקענער, קוקט אַף דער פֿאָן, און סע ווערט אים עפּעס קלאָר. יאָ, ער דערקענט. זי איז געמאַכט פֿון די אַלערליי קאָלירטע שטיק־לעך, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פֿון די שטאָפֿן.

„דו דערקענסט זיי?" שרייט ווידער דער שטן, „דאָס זענען די שטיקער שטאָף, וואָס דו האָסט געגנבעט ביי דיינע קונדן. זאָלן זיי עדות זאָגן קעגן דיר!"

אין דער מינוט האָט איטלעכס שטיקל שטאָף אַף דער פֿאָן גענומען שרייען אַף אים מיט באַנומענע קולות: „קוק דיך גוט צו," האָט איטלעכס שטיקל גע־שריגן. „דו האָסט מיך געגנבעט פֿון דעם און דעמס שטאָף! און מיך האָסטו גע־גנבעט פֿון יענעם און יענעמס שטאָף!"

אַף דעם שנײַדער איז געפֿאַלן אַ פּחד. ס'האָט מיט אים גענומען וואַרפֿן און שליידערן. פֿון שרעק איז ער אַנידערגעפֿאַלן, און ער איז געפֿאַלן און געפֿאַלן אין אַן אומענדלעכן אָפּגרונט, אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. ער איז געווען באַגאָסן מיט אַנגסטן שוויס. נאָר ער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז בלויז אַ חלום.

אַז ער איז געקומען צו זיך, רופֿט ער צו זיינע געזעלן און לערנ־ייִנגלעך, און דערציילט זיי זיין חלום. צום סוף נעמט ער אַף זיך און טוט אַ נדר, אַז מער וועט ער שוין קיינמאָל נישט אַראָפּנעמען קיין פּיצל פֿון יענעמס שטאָף.

„און טאָמער, חלילה, איך וועל פֿאַרגעסן און וועל מיך ווידער נאַריש מאַכן און אַראָפּנעמען שטיקלעך פֿון פֿרעמדן שטאָף, זאָלט איר מיך גלייך דערמאָנען אין מיין חלום מיט דער פֿאָן," זאָגט ער זיינע געזעלן.

נאָך דער מעשה איז אַריבער אַ שטיקל צייט. איינמאָל האָט אַ ייִד געבראַכט אַ טייערן שטאָף פֿאַר אַ בגד. דער שנײַדער איז אַזוי פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם געוואַנט, אַז ווי נאָר דער ייִד האָט זיך מיט אים באַדונגען און איז אַוועק, האָט ער געכאַפּט די שער און האָט גענומען אָפּשניידן אַ שטיק.

„באַלעבאָס לעבן," האָט אַ געזעל, וואָס האָט דאָס באַמערקט, אַ זאָג געטון, „פֿאַרגעסט נישט אייער חלום מיט דער פֿאָן."

„שוטה!" האָט דער שנײַדער מיט כּעס אַ געשריי געטון, „אין דער פֿאָן, וואָס איך האָב דעמאָלט געזען, איז דאָך אַזאַ שטאָף נישט געווען."

שוסטערס און שנײַדערס זענען נישט קיין מענטשן

אַ רב אין אַ שטעטל האָט זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט קעגן שניי־דערס און שוסטערס. עפּעס איז געווען אַן איבעררייד, האָט ער אַ זאָג געטון דאָס ווערטל: „בעַ, שניידערס און שוסטערס זענען נישט קיין מענטשן!"

האָבן זיך די בעל־מלאָכות דערפילט געטראָפן. אַזאַ באַליידיקונג! שניידערס און שוסטערס זענען גאָר נישט קיין מענטשן, און זיי זענען געוואָרן אָנגעדראָלעט און אָנגעדרודלט, און האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען.

דער רב האָט דערפילט, אַז מע דאַרף דאָס פאַרריכטן. ער האָט דאָך אין דער אמתן, חלילה, גאָרנישט ניט געמיינט. ס'איז דאָך געווען בלויז אַ ווערטל. האָט ער געהייסן דעם שמש, אַז ער זאָל לאָזן וויסן דער חברה שניידערס, אַז שבת וועט ער רעדן ביי זיי אין שול.

געקומען שבת, איז די שניידער־שול געווען געפּאַקט קאָפּ אַף קאָפּ. אַלע בעל־מלאָכות זענען געקומען, און אויך אַ סך באַלעבאַטים. וואָרן אַלע האָבן געוואָלט הערן, וואָס דער רב וועט זאָגן.

יענעם שבת האָט דער רב גערעדט וועגן בריאת־העולם, ווי אַזוי דער איי־בערשטער האָט באַשאַפן די וועלט און דעם מענטש, און ווי אַזוי ער האָט אָדמען און חוהן באַנייט און באַקליידט, און האָט זיי געמאַכט העמדער פון פעל. „הייסט דאָך דאָס," זאָגט דער רב, „אַז דער רבונו־של־עולם האָט זיך פאַרנומען מיט דעם שניידער־פאַך און שוסטער־פאַך. היינט איז שוין קלאָר," פאַרענדיקט דער רב מיט אַ פריילעכן ניגון, „פאַרוואָס דאָס ווערטל זאָגט, אַז שניידערס און שוסטערס זענען נישט קיין מענטשן. וואָס דען זענען זיי? זיי זענען, יאָ, זיי זענען געטלעכע פאַכ־לייט!"

דער שניידער און דער עושר

דער שניידער האָט געהאַט זיין ווערקשטוב און זיין היים לעבן דער מויער פון דעם גביר. גאַנץ פרי, ווען ביים גביר אין שטוב איז מען נאָך געשלאָפן, איז שוין דער שניידער געזעסן אין זיין ווערקשטוב און האָט געבייט און געזונגען. דער גביר, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרזאָרגט צוליב זיינע געשעפטן און איז אַרומ־געגאַנגען אַן אַ קאָפּ, האָט זיך אַלעמאָל געקלאָגט, אַז ער קען נישט שלאָפן. און ווערט ער שוין יאָ אַנטשלאָפן, וועקט אים באַלד אויף דער שניידער מיט זיין זינגען טאָג ווי נאַכט.

וואָס טוט מען? איין שיינעם טאָג איז ער געפאַלן אַף אַ פּלאַן: ער רופט אַריין דעם שכן, דעם שניידער, רעדט מיט אים און זאָגט: „וואָס דאַרפסטו האָרעווען טאָג ווי נאַכט? פאַרמאַך דיין ווערקשטוב. איך וועל דיר געבן אַ זעקעלע מיט גאָלד, און דו וועסט האָבן גענוג אַף דעם גאַנצן לעבן."

דער שניידער שטייט אַ מינוט אַ פאַרבליפטער, קוקט אַף דעם גאָלד און ווייסט נישט וואָס צו טון. נאָר באַלד כאַפּט ער זיך: אַז מע גיט—נעמט מען. און ער נעמט טאַקע דאָס זעקעלע גאָלד, באַדאַנקט דעם גביר און זאָגט „אַ גוטן טאָג". אַז ער איז אַריין צו זיך אין ווערקשטוב, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער זעט נישט, און דערנאָך האָט ער באַהאַלטן דאָס גאָלד אין אַ ווינקעלע, אונטער די שמאַטעס.

זינט יענעם טאָג איז דער שניידער שוין נישט געווען דערזעלבער, וואָס פרי־ער. ער האָט אויפגעהערט צו זינגען און איז געוואָרן אומרואיק. כסדר האָט ער

מורא געהאַט פאַר גנבים. בייטאָג, אַז ער איז געזעסן אין שטוב און אַז ס'איז עמיצער אַריינגעקומען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז מע קומט גנבענען זיין געלט. ביינאַכט האָט ער נישט געקענט שלאָפן. יעדער שאָרך אַרום שטיבל האָט אים געשראָקן. אים האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז גנבים קומען.

און מיט דעם עושר איז געווען פונקט פאַרקערט. זינט ער האָט דעם שניידער אָוועקגעגעבן זיין גאָלד, איז ער געשלאָפן רואיק. אַזוי זענען אַריבער עטלעכע וואָכן. איין שיינעם טאָג קומט אַריין דער שניידער צו זיין שכן, דעם גביר, און דערלאַנגט אים צוריק זיין זעקעלע מיט גאָלד.

„נאַ, האַלט דיך מיט דעם. איך דאַרף עס נישט. זינט דו האָסט עס מיר גע־געבן, האָב איך נישט קיין רו. איך וויל ליבערשט רואיק ווייטער אַרבעטן און זינגען טאָג ווי נאַכט."

דער פּריץ און דער שניידער

אין שטעטל איז געווען אַ פּריץ. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלע יידן. ער האָט געהאַנדלט מיט זיי און האָט געקויפט ביי זיי. און אַז ער האָט געדאַרפט אַ ניי מלבוש, אָדער אַ פּאָר שיך פאַר זיך און זיין הויזגעזינד, האָט ער גערופן צו זיך דעם יידישן שניידער און שוסטער און האָט באַשטעלט ביי זיי, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

איינמאָל האָט דער פּריץ געבראַכט פון דער גרויסער שטאָט אַ טייער שטיק סחורה פאַר זיך אויף אַ מאַנטל. ער האָט געשיקט נאָך בערישן, דעם שניידער, אַז ער זאָל אים נעמען די מאָס. בעריש שניידער האָט אים גענומען די מאָס, האָט אויסגעמאָסטן די סחורה אַהער און אַהין, און זיך גענומען קראַצן אין קאָפּ: „פּריצל לעבן, אַ טייער שטיק סחורה די סחורה, טאַקע פּרימאַ. נאָר ס'איז ווינציק. איך האָב געמאָסטן און גערעכנט, נאָר סע וועט נישט סטאַיען. דאָס שטיק סחורה איז קנאַפּ אויף אַ מאַנטל פאַר אַזאַ פּריץ."

דער פּריץ איז געוואָרן אַן אַנגעצונדענער: „סטייטש, וואָס הייסט? דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, האָט מען מיר גענומען די מאָס, און איך האָב געקויפט גענוג סחורה, נאָך מיט אַ ווערך. און דאָ זאָגסטו מיר גאָר, אַז ס'איז קנאַפּ סחורה! אַרויס, דו אַזוינער און אַזוינער!"

דער פּריץ האָט באַלד געשיקט נאָך דעם צווייטן שניידער פון שטעטל, נאָך יאַנקלען. אַז יאַנקל איז געקומען, האָט ער אים גענומען די מאָס, האָט אויסגע־מאָסטן די סחורה, און געזאָגט, אַז ער וועט שוין זען, אַז ס'זאָל זיין אַ מאַנטל ווי סע פּאַסט פאַר אַזאַ פּריצל. עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן, און יאַנקל איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם געניי.

עטלעכע טעג שפּעטער, דער פּריץ גייט אין גאַס און זעט, אַז יאַנקלס ייִנגל גייט אין אַ מענטעלע פון דערזעלבער סחורה, וואָס זיין מאַנטל. ווערט ער אין כעס. נישט, וואָס יאַנקל שניידער האָט נאָך געהאַט יתור, און געמאַכט פון דעם אַ מענטעלע זיין ייִנגל. ניין, נישט פאַר דעם איז ער געווען אין כעס. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס בעריש שניידער האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז אַפילו נישטאָ גענוג סחורה אויף אַ מאַנטל.

אַהיימגעקומען, שיקט ער נאָך בערישן און נעמט אָף אים ווידער שרייען: „דו אַזוינער און אַזוינער! דו האָסט געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ געגוג סחורה אַף אַ מאַנטל, און יאַנקל שניידער האָט מ י ר געמאַכט אַ מאַנטל און האָט נאָך געהאַט גענוג אַף אַ מענטעלע פאַר זיין ייִנגל!"

בעריש, דער שניידער, שטייט אַן ערנסטער און שווייגט. אַז דער פּריץ האָט זיך גוט אויסגעשריגן, רופט ער זיך אָן און זאָגט: „פּריצל לעבן, דו ביסט גערעכט! נאָר דו, האַרעלע, ווייסט דאָך, אַז יאַנקל האָט נאָר איין ייִנגל, און איך האָב צוויי ייִנגלעך."

אַ לאַטוטניק—אַ באַנטשע שוויג

אַ מלך האָט זיך אַמאָל פאַרשטעלט פאַר אַ פּשוטן מענטש און האָט זיך אַרויס־געלאָזט איבער דער מדינה צווישן פאָלק. ער האָט געוואָלט אַליין זען וואָס פאַר אַ מענטשן זיי זענען דאָס זיינע אונטערטאַנען ביי אים אין זיין לאַנד. דער מלך איז געגאַנגען איבער שטעט און איבער דערפער, ער האָט זיך אויסגעמישט מיט די פּראָסטע און אָרימע, און ער האָט געקלאַפּט אין די טירן פון די סוחרים און רייכע לייט.

איינמאָל, ווען ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, כאַפּט ער זיך, אַז ער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג און בלאָנדזעט. און דאָ ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער און טונקעלער. ווי ער גייט אַזוי, זעט ער, אַז ער איז אין אַ קליין דערפל. דערפרייט ער זיך. נאָר ער זעט, אַז אין אַלע שטיבער איז שוין טונקל, אַלע שלאָפן. בלויז אין איין שטיבל לייכט זיך נאָך אַ פייערל אין אַ פענסטער. און דאָרט האָט גע־וואוינט אַן אָרימער לאַטוטניק, וואָס האָט געלעבט פון לאַטען אַלטע זעק. דער מלך גייט צו, קלאַפּט אָן, און בעט, מע זאָל אים אַריינלאָזן.

דער לאַטוטניק הערט, אַז מע קלאַפּט, עפנט ער די טיר און לאָזט אים אַריין. ער דערלאַנגט אים וואַסער, צו וואַשן זיך, און שטעלט ברויט און זאַלץ אַפן טיש, און מאַכט פאַר אים אַ געלעגער. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געמיינט אַז דאָס איז אַ גייער, וואָס גייט איבער דער מדינה.

אין דער פרי, אַז מ'איז אויפגעשטאַנען, באַדאַנקט דער מלך דעם לאַטוטניק פאַר דער גאַסטפריינדלעכקייט, געזעגנט זיך און גייט אַוועק.

גייט נאָך דעם אַריבער אַ שטיקל צייט, און פון דער קייסערלעכער שטאָט קומט אָן אַ באַפעל צום לאַטוטניק, אַז ער זאָל גלייך נעמען און אַריבערקומען צום מלך אין פּאַלאַץ אַריין. דער לאַטוטניק האָט זיך נעבעך זייער דערשראָקן. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין צו וואָס אַ מלך דאַרף האָבן אַ לאַטוטניק. נאָר אַז מע רופט—גייט מען. אַ באַפעל איז אַ באַפעל.

אַז ער איז געקומען צום מלכס פּאַלאַץ, ווייזט ער דעם באַפעל, און מע לאָזט אים אַריין.

ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען און האָט דערזען דעם מלך, האָט ער זיך נאָך מער דערשראָקן. נאָר דער מלך איז אים אַנטקעגן־געגאַנגען, האָט אים פריינד־לעך אויפגענומען און באַרואיקט. דערנאָך זאָגט ער צו אים: „דו געדענקסט ווי

דו האָסט אַנומלטן אַריינגעלאָזט אַ דורכגייער אַף איבערצונעכטיקן? דאָס בין איך דעמאָלט געווען.״

און דער מלך רעדט מיט אים און פרעגט זיך נאָך אַף זיין הויזגעזינד. צום סוף זאָגט ער צו אים: „זאָג מיר, וואָס ווילסטו, מע זאָל טון פאַר דיר? דיין איט־לעכער פאַרלאַנג וועט באַוויליקט ווערן.״ זאָגט דער לאַטוטניק: „אַדוני מלך, גיב מיר אַ פּאָר מינוט, וועל איך מיך באַקלערן.״

אין עטלעכע מינוט אַרום פרעגט אים ווידער דער מלך: „האָסטו שוין איבערגעטראַכט, וואָס דו וואָלטסט וועלן האָבן?״

„יאָ, טייערער מלך,״ ענטפערט דער לאַטוטניק. „איך וויל דיך בעטן, אַז אַזוי ווי ביי מיר אין דאָרף וואוינט נאָך אַ לאַטוטניק, זאָלסטו באַפעלן, אַז ער זאָל זיך אַרויסציען ערגעץ אַנדערש.״

נישט אומזיסט האָט די וועלט אַזאַ פּנים

אַ גענעראַל איז געקומען צו אַ שניידער און האָט ביי אים באַשטעלט פאַר זיך אַ מאַנטל. סע גייט אַריבער אַ וואָך, שיקט דער גענעראַל צום שניידער, צו זען, צי דער מאַנטל איז פאַרטיק. ענטפערט דער שניידער, אַז נישט. ער האַלט אין אַרבעטן אַף אים.

סע גייט אַריבער נאָך אַ וואָך, שיקט דער גענעראַל ווידער, צו זען ווי סע האַלט מיט דעם מאַנטל. נאָר די אייגענע מעשה. דער מאַנטל איז נאָך אַלץ געווען אין דער אַרבעט. אַזוי זענען אַריבער שיינע עטלעכע וואָכן.

צום סוף, אַז דער שניידער איז געוואָרן פאַרטיק מיט דעם מאַנטל, נעמט ער זיין געזעל און זיי טראָגן אָפּ דאָס מלבוש צום גענעראַל.

דער גענעראַל מעסט אָן דעם מאַנטל, און איז זייער צופרידן. ער האָט זיך פּשוט געשפיגלט אין אים. צום סוף גיט ער אַ פרעג דעם שניידער: „זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַרוואָס האָט ביי דיר גענומען אַזוי לאַנג אויפנייען דעם מאַנטל? ער איז טאַקע זייער שיין געמאַכט און ער ליגט אַ מחיה. נאָר פאַרט—אַזוי לאַנג? אַפילו באַשאַפן די וועלט האָט נישט געדויערט אַזוי לאַנג. גאָט האָט באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט אין זעקס טעג אין גאַנצן. און ביי דיר האָט גענומען מאַכן אַ מאַנטל מער פון פיר וואָכן.״

דער שניידער הערט אים אויס און ענטפערט: „ביסט גערעכט, האַרעלע. נאָר דו זאָגסט—אַ שיינע וועלט! וואָס פאַר אַ שיינע וועלט, מישטיינס געזאָגט, איז דאָס, וואָס גאָט האָט באַשאַפן? אַדרבא, פאַרקערט: ס'איז אַ מיאוסע וועלט, אַ פאַר־דאַרבענע וועלט. און איצט קוק אַף דעם מאַנטל ווי שיין ער איז און ווי ער ליגט אַף דיר. דערפאַר האָט ביי מיר געדויערט דאָס נייען אַזוי לאַנג.״

פאַרוואָס דער שניידער איז נישט געקומען מאָנען זיין לער־געלט

אַ ייד אַן אָרימאַן האָט אָוועקגעגעבן זיין יינגל צו אַ שניידער אין דער לער אַף דריי יאָר צייט. ער האָט זיך באַדונגען מיטן שניידער, אַז ער וועט אים דער־

פאַר צוצאָלן דרייסיק רובל אין דריי צאָלונגען: די ערשטע צוויי צאָלונגען ביז אַ יאָר, און די דריטע צאָלונג—שפּעטער, אַז דאָס ייִנגל וועט שוין קענען אַביסל נייען.

דאָס ייִנגל איז אַוועק אין דער לער. אַז עס זענען אַריבער עטלעכע חדשים, איז געקומען דער שניידער און האָט אויפגעמאָנט ביים פּאָטער די ערשטע איינ־צאָלונג. עס זענען נאָך דעם אַריבער נאָך עטלעכע חדשים—און דער שניידער האָט אויפגעמאָנט זיין צווייטע איינצאָלונג.

נאָר שפּעטער זענען אַריבער גאַנצע זעקס חדשים, און אַ יאָר, און דער שניידער האָט זיך נישט געוויזן נאָך זיין דריטער איינצאָלונג. דעם פּאָטער איז דאָס געווען אַ שטיקל חידוש. איינמאָל באַגעגנט ער דעם שניידער און פרעגט אים, פאַרוואָס ער קומט נישט נאָך די צען רובל.

דער שניידער ישובט זיך אַ ביסל, און דערקלערט אים: „איך וועל אייך זאָגן דעם אמת. איר פאַרשטייט, דריי זאַכן זענען נייטיק צו קענען ווערן אַ שניידער: טרינקען בראָנפן, גנבענען, און ערשט נאָך דעם קומט די דריטע זאַך, דאָס קענען שניידערן. די ערשטע צוויי זאַכן—קען שוין אייער זון גוט, נאָר נייען—דאָס קען ער נאָך נישט דערוויל. דערפאַר קום איך נישט נאָכן געלט.״

דער בעל־עגלה קומט מיט אַ קשיא

אין אַלט קאָנסטאַנטין איז געווען אַ רבֿ ר׳ אַלטער. דאָס איז געווען אַ קלוגער ייִד, אַ פּיקח, און צו דערצו אַן אמתער תלמיד־חכם. ייִדן זענען געקומען צו אים פון נאָנט און וייט. מ׳איז געקומען צו אים מיט לאַדענישן און נאָך עצות אין זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט מקח וממכר, און מיט האַנדל און וואַנדל, און אַפילו וועגן שידוכים איז מען געקומען צו אים. נאָר אַז דער רבֿ איז געוואָרן אַלט, איז ער געוואָרן שווער אויף דער שמיעה און האָט נישט געקענט הערן. ער איז, נישט פאַר אונז געדאַכט, געוואָרן טויב.

איינמאָל אַ פרימאָרגן, גלייך נאָכן דאַווענען, קומט אַריין צום רבֿ אַ בעל־עגלה מיט דער בייטש אין האַנט און גיט אַ זאָג אויף אַ פּראָסט קול: „גוט מאָרגן, רבי, גוט מאָרגן, ייִדן.״ ענטפערט מען אים: „גוט מאָרגן, גוט יאָר. וואָס וועט איר זאָגן גוטס?״ פרעגט איינער פון די דיינים.

„פאַרשטייט איר מיך, רבי, איך בין אַ כהן, מעג איך נעמען אַ גרושה?״

די דיינים האָבן אויף אים אַ קוק געטון און געשמייכלט. דער בעל־עגלה האָט זיך פאַרשעמט און זיך אויסגעדרייט, אַוועקצוגיין.

דער רבֿ האָט נישט געהערט וואָס דער בעל־עגלה האָט געפרעגט. נאָר אַז ער האָט באַמערקט, ווי יענער האָט זיך אויסגעדרייט אַ פאַרשעמטער און לאָזט זיך אַוועקגיין, זאָגט ער די דיינים, אַז מע זאָל אים הייסן צוואַוואַרטן, און ער פרעגט זיי, וואָס דער בעל־עגלה וויל. זאָגן זיי אים. רופט ער צו דעם בעל־עגלה נענ־טער צום טיש און פרעגט אים: „וואָוהין ווילסטו נעמען די ייִדינע?״

„קיין פּראָסקוראָוו,״ זאָגט דער בעל־עגלה.

„מע מעג, מע מעג,״ זאָגט דער רבֿ.

דער בעל־עגלה וויל וויסן, צי ער מעג נעמען אַ גרושה

ווי אַזוי יאַנקל דוד דער בעל־עגלה האָט געמאַכט די פּאָליציי צום נאַר

אין ראַגאַטשאָוו איז געווען אַ בעל־עגלה, יאַנקל דוד דער בעל־עגלה. ווען די מעשה, וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן, האָט געטראָפן, איז יאַנקל דוד שוין געווען אַ טיפער זקן, אַ בן־תשעים, אַ ניינציקער, און אפשר נאָך מיט אַ סמיטשיק. אָט דערדאָזיקער יאַנקל דוד האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפן, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט. די געוואוינהייט איז אים פאַרבליבן נאָך פון די ייִנגערע יאָרן. אין יענע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען ביי די כוחות, איז ער אַרומגעפאָרן מיט זיין בויד אין די ערגסטע וועטערן און האָט געפירט פאַרשוינען און אַלערליי סחורות פון שטאָט צו שטאָט. אין אַ רעגנדיקן טאָג, אָדער אין אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג, אַז מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וועג ביי אַ קרעטשמע, אָדער אַז מ'איז געקומען אין אַ שטעטל אַריין, האָט יאַנקל דוד ליב געהאַט אַריינצוגיסן אַ פּאָר גלעזלעך שפּירט, צו דערוואָרעמען זיך אַביסל.

געוואוינט האָט יאַנקל דוד אין אַ שטיבל הינטער דער שטאָט. אַז ער איז געוואָרן אַלט, און דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן און די קינדער האָבן חתונה גע־האַט און זענען געוואָרן מענטשן פאַר זיך, איז יאַנקל געבליבן איינער אַליין. ער האָט זיך אַליין געקאָכט און געפירט די שטוב, און אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפן, האָט ער זיך באַטריבן אַ קליין ברייזל. מאַכט זיך, אַז עמיצער האָט זיך דערוואוסט פון דעם און האָט אים פאַרמסרט פאַר דער פּאָליציי.

איינמאָל, ס'איז געווען חנוכה־צייט, אין דרויסן איז געלעגן אַ טיפער שניי, דערזעט יאַנקל דוד דורך אַ פענסטער, פּאָליציי גייט. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס קומט מען צו אים „צו גאַסט". ער האָט קיין סך נישט געטראַכט, האָט געכאַפּט דאָס ברייזל, האָט עס אַרויסגעטראָגן הינטערן שטיבל און האָט עס אַריינ־געוואָרפן אין אַ גרוב און פאַרשאַרט אָף גיך מיט שניי.

די פּאָליציי קומט אַריין און נעמט גלייך זוכן און נישטערן. זיי האָבן איבער־געקערט די שטוב. זיי האָבן געזוכט אין אַלקער און אין קאַמער, זיי האָבן געזוכט אין שטאַל און אָפן בוידעם. נאַר אומזיסט, זיי האָבן גאָרנישט ניט געפונען. פרעגט זיי יאַנקל דוד: „פּריצלעך, זאָגט מיר, איך בעט אייך, אפשר מעג איך וויסן וואָס איר זוכט?"

„מיר זוכן," זאָגן די אורחים, „מיר ווילן וויסן וואו מע מאַכט דאָ שפּירט."

„וואו מע מאַכט שפּירט, ווילט איר וויסן?" מאַכט זיך יאַנקל דוד תמעוואַטע, „איר וועט מיר געבן אַ פינפערל, וועל איך אייך זאָגן."

די פּאָליציי האָט זיך געגומען דינגען מיט אים. זיי האָבן געוואָלט אָפּדינגען אָף צוויי רובל, אָף דריי רובל. נאַר יאַנקל דוד האָט נישט אַראָפּגעלאָזט. אַ גאַנץ פינפערל וויל ער. די פּאָליציי האָט געמוזט נאָכגעבן. אַ ברירה האָט מען געהאַט?

אַז יאַנקל דוד האָט שוין געהאַט דאָס געלט ביי זיך אין קעשענע, גיט ער אַ רוף די אורחים מיט אַ פינגער, אַז זיי זאָלן זיך צובייגן צו אים נענטער און ער זאָגט זיי ווי ער וואָלט זיי איינגערוימט אַ סוד אין אויער: „אין קישטשיניע. אין שטעטעלע קישטשיניע מאַכט מען שפּירט."

דער בעל־עגלה־יונג, וואָס האָט נישט געוואוסט, אַז מע טאָר נישט שלאָגן אַ ווײַב

צוויי ברידער, קצבים־יונגען האָבן געהאַט אַ שוועסטער. אַז ס'איז געקומען איר צייט, האָט מען דער שוועסטער גערעדט אַ שידוך און חתונה געמאַכט מיט אַ בעל־עגלה־יונג.

עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה האָט זיך דער בעל־עגלה־יונג צעקריגט מיט זיין ווייבל און זי מכבד געווען מיט אַ פּאָר קלעפּ. ס'האָט נישט געדויערט לאַנג, און ער האָט איר ווידער דערלאַנגט עטלעכע גוטע קלעפּ. אַזוי האָט זיך דאָס איבער־געחזרט אַ שטיקל צייט. דאָס יונגע ווייבל האָט זיך גענומען קלאָגן פאַר אירע ברידער, אַז דער מאַן שלאָגט זי.

איינמאָל קומט זי צו לויפן צו זיי מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און מיט אַ געוויין.

די ברידער האָבן דאָס דערזען, זענען זיי געוואָרן אויפגעקאָכטע: אַזאַ בעל־עגלה־יונג! און זיי האָבן באַשלאָסן צו נעמען די זאַך אין זייערע הענט. זיי זענען אוועק צו דער שוועסטער אַהיים, האָבן גענומען דעם בעל־עגלה־יונג און האָבן געלערנט מיט אים בלק פאַר שלאָגן אַ ווייב. זיי האָבן אים צעבראָכן רוק און לענד, און אים געמאַכט אַ פּנים, אַז מ'האָט נישט אַרויסגעזען זיינע אויגן. לויפט דער יונג אַוועק צום רב מיט אַ טענה: „סטייטש, רבי! וואָס האָבן זיי צו מיר פאַר שלאָגן מיין ווייב? צי איז ערגעץ דאָ אַ דין אין דער תורה, אַז מע טאָר נישט שלאָגן קיין אייגן ווייב?"

דער רב קוקט אָן דעם פאַרשוין, זיין צעקיילט פּנים און זאָגט: „יונגערמאַן, קיין דין אין דער תורה איז נישטאָ וועגן דעם. נאָר אַ מנהג איז יאָ דאָ. אַז אַ ווייב האָט צוויי ברידער קצבים־יונגען, הייבט מען זיך בעסער נישט אָן מיט איר."

אומזיסט זײַן זוכן

יאָסיע דער בעל־עגלה איז געווען אַן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס. ביי אים אין שטוב האָט געפייפט דער דלות פון אַלע ווינקעלעך, וואָרן פון זיין גאַנצער האָרע־וואַניע האָט ער קוים געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען.

איינמאָל ביינאַכט, ווען יאָסיע איז שוין געשלאָפן, איז אַריין צו אים אין שטוב אַ גנב און האָט געזוכט עפּעס צו דערטאַפּן אין דער פינסטער. נאָר גיי געפין עפּעס, אַז דאָרט איז גאָרנישט ניט געווען.

ווי דער גנב נישטערט אַזוי, האָט ער אין דער פינסטער זיך אָנגעשטויסן אין אַ בענקל, און ער איז געפאַלן. פון דעם קלאַפּ האָט זיך דער בעל־עגלה אויפ־געכאַפּט אַ דערשראָקענער. ער קוקט זיך אַרום, זעט ער ווי עמיצער שאַרט זיך אין דער פינסטער און זוכט צו אַנטלויפן.

„ווער איז דאָס?" פרעגט יאָסיע בעל־עגלה, „און וואָס זוכסטו דאָ?"

דער גנב האָט געזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, נעמט ער שטאַמלען און וויל זיך אַרויסדרייען. דער בעל־עגלה האָט גלייך פאַרשטאַנען מיט וועמען ער האָט

דאַ צו טון, זאָגט ער צו אים: „אומזיסט דיין זוכן, מענטש. מה־דאָך בייטאָג, ווען ס'איז ליכטיק, קען איך דאָ אין שטוב גאָרנישט ניט געפינען, ווילסטו דאָ געפינען עפּעס אין דער פינסטער?!"

דער בעל־עגלה און דער גייער און דעם קרעטשמערס פּסק־דין

פאָרט זיך אַ בעל־עגלה מיט זיין פערד און וועגעלע פון שטעטל צו שטעטל און פירט סחורות פון די יערידים.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער פאָרט אַהיים. ווי ער פאָרט אַזוי, זעט ער, אויפן וועג, אַ ייד שלעפּט זיך מיט אַ שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס. אַז ער האָט אים אָנגעיאָגט, שטעלט ער זיך אָפּ מיט זיין פערד און וועגעלע און פרעגט אים: „וואוהין גייט אַ ייד מיט אַזאַ פּאַק?"

ענטפערט דער גייער מיט אַ פראַגע: „וואוהין פאָרט אַ ייד?"

זאָגט דער בעל־עגלה, אַז ער פאָרט פון סטאַשעוו קיין פּלאָנטש. און אויב ער גייט דעמזעלבן וועג, וועט ער אים מיטנעמען. אַבי ער דאַרף נאָר נישט מאַכן קיין עקסטרע אומוועג.

„איר וועט אייך פאַרדינען אַ מצווה," זאָגט דער גייער. „איך בין אַ ייד אַן אָרימאַן, און איך האָב נישט פון וואָנען צו באַצאָלן, אַז מע זאָל מיך פירן." ער האָט אַריינגעלייגט זיין פּאַק אין וועגעלע, איז אַרויף אויף דער קעלניע, האָט זיך אַנידערגעזעצט, און מע פאָרט.

אויפן וועג איז דער בעל־עגלה געוואָרן שלעפעריק, און ער האָט געוואָלט כאַפּן אַ דרימל, זאָגט ער צום גייער: „ר' ייד, איך וויל כאַפּן אַ דרימל. מיין פערדל קען דעם וועג. נעמט, זייט מוחל, די לייצעס און פאָרט."

דער גייער האָט ביי אים גענומען די לייצעס, און דער בעל־עגלה האָט פאַר־מאַכט די אויגן און האָט דערווייל געכאַפּט אַ דרימל.

פאָרט מען און מע פאָרט, און אַז דער ייד איז צוגעקומען צו אַ וועג, וואָס פירט צו דעם דאָרף, וואו ער וואוינט, פאַרקערעוועט ער זיך אין אַ זייט און פאָרט צו זיך אַהיים. ער האָט זיך געטראַכט: דער בעל־עגלה שלאָפט דאָך סיי־ווי־סיי, טאָ וואָס וועט ער דאָ דערלייגן?

אַז ער איז פאַרפאָרן פאַר זיין שטוב, האָט ער זיך פּאַמעלעכקע אָפּגעשטעלט, האָט אַראָפּגענומען פון וועגעלע זיין פּאַק, און אַ צי געטון דאָס פערד, אַז ס'זאָל פאָרן ווייטער. האָט דאָך דער בעל־עגלה אַליין געזאָגט, אַז דאָס פערדל קען דעם וועג, טאָ זאָל עס פאָרן.

נאָר אין דער מינוט האָט זיך דער בעל־עגלה אויפגעכאַפּט. און אַז ער זעט, אַז דער ייד איז פאַרפאָרן אין אַ זייטיקן דאָרף, און האָט אָנגעלייגט וועג, הייסט ער זיך דערפאַר באַצאָלן. נאָר דער ייד וויל נישט. ער טענהט, אַז ער האָט אים נישט צוגעזאָגט קיין געלט, און ער האָט נישט קיין געלט.

זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט, ביז ס'איז געבליבן, אַז אַזוי ווי ס'איז נאָנט די קרעטשמע, וועלן זיי אַריינגיין, און ווי דער קרעטשמער וועט פּסקענען, אַזוי וועט זיין.

זענען זיי אַריין אין קרעטשמע, און אַז דער קרעטשמער האָט אויסגעהערט זייערע טענות, זאָגט ער, אַז אַזוי ווי דער ייד האָט אָנגעלייגט עקסטרע וועג, דאַרף ער דעם בעל־עגלה דערפאַר באַצאָלן. נאָר דעם ייד קומט אויך געצאָלט, ווייל אין דער צייט, וואָס דער בעל־עגלה איז געשלאָפן, האָט ער געפירט דאָס פערד און וועגעלע. און ער ווענדט זיך צו זיי מיט די רייד: „איר גיט אים צען קאָפּיקעס, און איר גיט אים צען קאָפּיקעס, און קוויט."

ווערט דער בעל־עגלה אין כעס און ענטפערט אים מיט אַ פּסוק: „צדקתך כהררי אל, אדם ובהמה תושיע ה'—מיט דיין גערעכטיקייט זאָלסטו געשוואָלן ווערן ווי אַ באַרג, און מיר מיט מיין פערדל וועט גאָט העלפן!"

אַז אַ בעל־עגלה נעמט פּסקענען שאלות, מעג שוין דער רב געבן עצות וועגן פערד

אַ ייד, אַ באַלעבאָס, איז אַמאָל געקומען צום רב נאָך אַן עצה: „רבי, איך האָב מיר געקויפט אַ פערד, און גראָדע אַ גוט פערד. נאָר איין חסרון האָט עס. ווי נאָר איך שפּאַן עס איין און נעם די לייצעס אין די הענט, צעלאָזט עס זיך אין אַזאַ מין געלאַף, אַז סע וואַרפט ממש אַרויס פון וואָגן. גיט מיר אַן עצה, רבי, וואָס טוט מען מיט אַזאַ מין פערד?"

דער רב קוקט אים אָן: אַן איינפאַל פון אַ ייד צו קומען צו אים נאָך עצות וועגן פערד! נאָר ער ענטפערט שטיל, רואיק: „פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין צו יאַנקל בעל־עגלה? פרעג אים. ער וועט דיר זאָגן וואָס צו טון מיט אַזאַ פערד."

„רבי," זאָגט דער באַלעבאָס, „איך בין שוין געוועזן ביי יאַנקלען. נאָר ווי נאָר איך בין אַריבער זיין שוועל, הער איך ווי זיין ווייב זאָגט צו אים: ביי דעם עוף, וואָס איך האָב היינט געקוילעט, האָב איך געפונען אַ שפּילקע אין לעבערל און איין פליגעלע איז ביי אים צעבראָכן. ענטפערט יאַנקל: האַק אָפּ דאָס פליגעלע און נעם אַרויס די שפּילקע, און קאָך אָפּ דאָס עוף, וועלן מיר האָבן אַ גוטע וועטשערע.

„איך פאַרשטייט דאָך שוין אַליין, רבי, אַז איך האָב געהערט אַזאַ פסק־דין, האָב איך אים שוין נישט געוואָלט פרעגן וועגן מיין פערד. איך האָב מיר גע־טראַכט, אַז אַ בעל־עגלה נעמט פּסקענען שאלות, מעג שוין דער רב געבן עצות וועגן פערד."

דער אַרויפגעאַרבעטער בעל־עגלה און דער שדכן

אַ פּראָסטער ייד, אַ היימישער בעל־עגלה, איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַן עושר. האָט ער זיך באַזעצט אין אַ רייכער געגנט און זיך אָנגעהויבן פירן מעשה גביר.

דערדאָזיקער אַמאָליקער בעל־עגלה האָט געהאַט אַ בת־יחידה, אַ כלה־מויד. שיקט ער איין שיינעם טאָג נאָך דעם שדכן, אַ היימישן ייד, און זאָגט אים, אַז ער זאָל זוכן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט דער שדכן, צו רעדן אַ שידוך: „ער האָט אַ חתן," זאָגט ער, „פּונקט צוגעפּאַסט פּאַר זיין טאָכטער."

דער אַרויפגעאַרבעטער בעל־עגלה נעמט זיך פונאַנדערפרעגן, ווער, וואָס פּאַר אַ פאַמיליע. זאָגט דער שדכן: „דו געדענקסט אים אַוודאי, אונזער לאַנדס־מאַן, דודל דעם טרעגערס אַ זון. אַ וואוילער בחור, און האָט געלט."

דער געוועזענער בעל־עגלה דערהערט ווער ס'איז דער חתן, ווערט ער אַ צעקאָכטער, כאַפּט דעם שדכן ביים קאָלנער און וואַרפט אים אַרויס: „מיר קומסטו רעדן אַזאַ שידוך?!"

גייען אַוועק עטלעכע וואָכן, און דער שדכן קומט ווידער. „דאָס מאָל," זאָגט ער, „האָט ער אַ שידוך, אַז סע וועט זיין צו גאָט און צו לייט."

דער אַמאָליקער בעל־עגלה פרעגט זיך ווידער פונאַנדער, ווער, וואָס. זאָגט דער שדכן: „ר' כאַצקעלעס אַ זון, ר' כאַצקעלע דעם גבירס אַ זון."

דער געוועזענער בעל־עגלה שיינט אויף. ער הייסט דעם שדכן זעצן זיך, דערלאַנגט כיבוד: שנאַפּס און צוביים, און מע שמועסט. „נו, נו, ביסטו שוין דאָרט געווען, גערעדט?" וויל דער בעל־עגלה וויסן.

„יאָ," זאָגט דער שדכן.

„נו, נו, וואָס האָבן זיי געזאָגט?"

„זיי האָבן געטון," זאָגט דער שדכן, „וואָס דו האָסט געטון. מ'האָט מיך אָנ־גענומען ביים קאָלנער און מ'האָט מיך אַרויסגעוואָרפן."

דער בעל־עגלה און דער רב

אַ בעל־עגלה האָט אַמאָל געפירט דעם רב פון שטעטל אויף אַ חתונה צום גביר פון אַ צווייטן שטעטל. אַז ס'איז געקומען צו אַ באַרג, איז דער בעל־עגלה אַראָפּ פון קעלניע און האָט געהאָלפן דעם פערדל, אונטערשטופּנדיק דעם וואָגן. דער רב איז זיך די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיין אויסגעבעטן וויכן זיץ און האָט נישט באַ־מערקט ווי שווער סע קומט אָן דאָס אַרויפפאָרן אויפן באַרג.

שפּעטער איז געקומען צו אַ צווייטן באַרג. דער בעל־עגלה איז ווידער אַראָפּ פון קעלניע און האָט ווידער גענומען אונטערשטופּן דעם וואָגן. אים האָט גענומען פאַרדריסן וואָס דער רב רירט זיך נישט און גייט נישט אַראָפּ, אַז ס'זאָל זיין אַביסל לייכטער. נאָר ער האָט געשוויגן און גאָרנישט ניט געזאָגט. געקומען אויפן באַרג—רופט זיך אָן דער רב: „אַ גוט פערדל דיינס, יאַנקל."

„ניין, רבי, דאָסדאָזיקע פערדל איז נישט אַזוי גוט. איך האָב פון אים צרות." ענטפערט דער בעל־עגלה און אים פאַלט איין זיך אָפּצורעכענען מיטן רב און אים אַריינצוזאָגן. „ניין, רבי, דאָס פערדל טויג נישט. נאָר כ'האָב געהאַט אַמאָל אַ פערד, איז דאָס געווען שוין איינמאָל אַ סוס, געזונט, שטאַרק, און ס'האָט גע־שלעפּט אַ וואָגן מיט משא, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רויך. פון יענעם פערד האָב איך געהאַט חיונה מיט אַ פולער האַנט."

„נו, טאָ וואָס איז געוואָרן פון יענעם פערד?"

„איך האָב עס פאַרקויפט, רבי," ענטפערט יאַנקל.

„פּאַרקויפּט?" וואונדערט זיך דער רבי. „ווי פּאַרקויפּט מען דאָס אַזאַ פּערד?"

„איר פאַרשטייט רבי," זאָגט יאַנקל בעל־עגלה מיט אַ קול ווי ער וואָלט זיך שוין קוים דערוואָרט אַף דערדאָזיקער פראַגע. „מיין פערד האָט פּלוצים גענומען פראַווען רבאָנישע שטיק. ס'האָט זיך אונטערגעפּוילט, און איך האָב געמוזט פּטור ווערן פון אים."

דעם בעל־עגלה ווילט זיך זיַין צופּיל חכם

אין שטעטל איז געווען אַ יונגער בעל־עגלה. אַ פריילעכער לונג־און־לעבער, עפּעס גאָר נישט ווי די אַנדערע בעל־עגלות. די אַנדערע זענען געווייינלעך אַלע־מאָל אַנגעכמורעט, אַנגעדרודלט, שווער אַ וואָרט ביי זיי אַרויסצורייסן. ער אָבער, אונזער חברהמאַן, אישיע, איז אַ באַרעדעוודיקער, און אַלעמאָל מיט אַ ווערטל, אַ וויץ.

די פּאַסאַזשירן ביי אישיען שלאָפן נישט אין וועג. ער לאָזט זיי נישט קיין דרימל כאַפּן. ער געפינט שוין עפּעס פאַר זיי, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן שלאָפן. נישקשה, ער האָט געגוג מעשהלעך צו דערציילן. היינט— שטעטלשע רכילות! אישיע ווייסט פון אַלץ, וואָס קאָכט זיך ביי יענעם אין טעפּל.

אונטערוועגנס, אַז אישיע באַגעגנט אַ פור, טראָגט ער אַנטקעגן אַ גוט וואָרט. און אַז ער זעט—אַ גוי אין פעלד, אָדער זייט, אָדער שניידט, שרייט ער צו אים אַף אַ קול: „פּאָמאָהאַי באָך—העלף גאָט!" ענטפערט יענער קריק: „באָך פּאָמאָהאַי!"

מאַכט זיך אַמאָל ווי ער פירט אַזוי זיינע עטלעכע פאַרשוינען אַפן וועגעלע, דערזעט ער פון וויטנס אַ שייגעץ אַקערן דאָס פעלד. דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ שיינער, זומערלעב אין דרויסן! אַפן האַרצן איז אישיען גוט, ער האָט נאָר וואָס געגומען ביי אַ פּאַסאַזשיר אַ זופּ פון פלעשל. פאַרווילט זיך אישיען מאַכן אַ שפּאַס, אַז מע זאָל האָבן פון וואָס צו לאַכן. ווי נאָר ער דערנענטערט זיך צום שייגעץ, איז אַנשטאָט „פּאָמאָהאַי באָך;" גיט ער אַ געשריי: „כ'האָב אַ ווייב דאָך!"

„העגג דיר זי אויף אַף דיין האַלז!" ענטפערט דער שייגעץ און לאַכט.

אַ מעשה מיט אַ וואַסערפירער

אין אַסטראַפּאָליע, הערשעלע אַסטראַפּאָליערס שטעטל, זענען געווען וואַסער־פירערס ווי אין אַלע יידישע שטעטלעך אין אונזער אַמאָליקער אַלטער היים. איך האָב אייך נאָך קיינמאָל נישט דערציילט וועגן קיין וואַסערפירער, אָדער וועגן וואַסערטרעגערס. וואָרן וואָס איז דאָ צו דערציילן? זיי זענען געווען, נעבעך, די אָרימסטע פון די אָרימע, די געדריקסטע פון די געדריקטע. פון קינדוויַיז אָן האָט זיי דאָס לעבן אַזוי צעריבן, אַז זיי זענען אָפּט אויסגעוואַקסן נישט־דערוואַקסענע, פלאַכע, און זענען געגאַנגען אין שפּאַן פונקט ווי זייער פערדל, וואָס האָט געשלעפּט די טעלעגע מיטן פעסל וואַסער.

טאָ וואָס איז דאָ צו דערציילן? איינער, וואָס האָט זיך שוין קיין זאַך נישט

דער וואַסערטרעגער

געקענט אויסלערנען, איז געוואָרן אַ וואַסערטרעגער. און אַז דער אייבערשטער האָט געהאָלפן און ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, האָט ער זיך געקויפט אַ קליאַטשע מיט אַ וועגעלע און מיט אַ גרויס פאַס, און איז געוואָרן אַ וואַסערפירער. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז שוין געווען אַ שטיקל מדרגה. אַ קלייניקייט! אַז מע דאַרף שוין אַליין נישט לויפן הין און קריק צו דער קערניצע און פון דער קערניצע און דזוויגען אַ גאַנצן טאָג די קאַנען וואַסער באַרג אַרויף צו די באַלעבאַסטעס אין שטעטל.

און וואָס האָט מען געקראָגן דערפאַר? פאַר אָנפילן אַ פאַס וואַסער—האָט מען באַקומען עטלעכע גראָשנס. טייל באַלעבאַסטעס האָבן זיך געפירט, אַז ערב־שבת האָבן זיי דעם וואַסערפירער אויך געגעבן אַ חלה אַף שבת.

קעגן וואָס זענען די אַלע רייד? איינער פון די צוויי וואַסערפירערס אין אַסטראָפּאָליע האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. נישט נאָר האָט ער געהאַט אַ קליאַטשע מיט אַ טעלעגע, ער האָט אויך געהאַט אַן אַרויסהעלפער—יאָסעלע תם.

אַט דער יאָסעלע תם האָט נישט געאַרבעט אַלעמאָל. אָפּט האָט מען אים גע־קענט זען שטיין אין גרויסן טויער פון דער מויער אין מאַרק, און ווער ס'איז דורכ־געגאַנגען, האָט ער יענעם אָנטקעגנגעטראָגן דעם „גוט מאָרגן" און געפרעגט, צי ער זאָל חתונה האָבן מיט דער גבירנטע פון שטעטל. ער וועט איר דערפאַר אַלע־מאָל אָנפילן דאָס פאַס מיט וואַסער. אָפט האָט ער זיך גאָר צעזונגען אַף אַ קול:

„באַרויגעז, באַרויגעז,—
איך ווייס נישט פאַרוואָס.
דריי וואָכן פאַר דער חתונה—
אַראָפּגעלאָזט די נאָז."

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו זיין באַלעבאָס, דעם וואַסערפירער. איינמאָל, אַ פרייטאָג ביי טאָג, גייט דעם וואַסערפירערס יינגל צוזאַמענעמען די בולקעס ביי די באַלעבאַסטעס. נעמט דבורה די באַלעבאַסטע און גיט אים אַ קליינינקע חלה. וואָס איז? דאָס טייג איז יענעם באַגינען נישט גוט אויפגעגאַנגען, זענען אַרויס־געקומען קליינינקע חלות. ס'זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי ס'קען טרעפן. אַפילו ביי דער גרעסטער בריהטע טרעפט זיך אַמאָל אַזאַ זאַך.

סע נעמט נישט לאַנג, פאַרט צו צו איר שטוב דער וואַסערפירער מיט זיין טעלעגע און מיט יאָסעלען, און זיי גייען אַראָפּ אין קעלער און נעמען אויסשעפּן דאָס גאַנצע וואַסער פון פאַס. די באַלעבאַסטע דערזעט, זיי טראָגן אַרויס דאָס וואַסער, פאַרשטייט זי נישט וואָס דאָס מיינט. לויפט זי אַרויס און פרעגט. זאָגט דער וואַסערפירער: „וואָס מיינסטו, דבורה, די זייטן זענען דיר איינגעגאַנגען? וואָס הייסט, דו שיקסט מיר אַזאַ קליינינקע חלה?"

און זי האָט אים געמוזט אַרויסטראָגן אַ גרויסע בולקע.

אַ וואַסערטרעגער—אַ מיניסטער־קאָפּ

ביי אונדז אין שטעטל זענען געווען עטלעכע וואַסערפירערס און עטלעכע וואַסערטרעגערס. וואוילע מענטשן. שטילע מענטשן. איינער פון זיי האָט געהאַט

אַף זיך אַ מיניסטער־קאָפּ, בפרט, אַז ס'איז געקומען צו חשבונען. אַן אמתער מאַטעמאַטיקער. איינמאָל זאָגט צו אים אַ באַלעבאָסטע: „מענדל, ברענגט מיר, זייט מוחל, אַ פּאָר עמערס ברונע־וואַסער און אַ פּאָר עמערס טייך־וואַסער."

איר פאַרשטייט, ביי אונז האָט מען גענוצט צווייערליי וואַסער: ברונע־וואַסער און טייך־וואַסער. דאָס ברונע־וואַסער האָט מען גענומען אויף צו טרינקען און אויף צו קאָכן. דאָס טייך־וואַסער האָט מען גענומען אויף צו וואַשן זאַכן. ס'האָט געקאָסט אַביסל ביליקער, ווייל מ'האָט עס נישט געדאַרפט אַרויפציען מיט אַ האָטשיק ווי מ'האָט געצויגן דאָס וואַסער פון ברונע. מ'איז צוגעגאַנגען צום טייך און מ'האָט געגעבן אַ שעפּ אָן, און מ'האָט שוין געהאַט פולע עמערס.

סע דויערט נישט לאַנג און מענדל קומט צו גיין צו דער באַלעבאָסטע מיט צוויי פולע עמערס וואַסער אויפן קאָראָמיסל. און ער גייט צו צום פּעסל און גיסט אָפּ פון די עמערס אַ העלפט, און די אַנדערע העלפט גיסט ער אַריין אין צובער. פרעגט אים די באַלעבאָסטע: „וואָס איז דאָס, מענדל?"

זאָגט ער, ער איילט זיך אַהיים. דאָס ווייב זיינס דאַרף געלעגן ווערן, האָט ער זיך געוואָלט איינשפּאָרן אַ גאַנג. האָט ער אויסגערעכנט, אַז ווען ער וועט אָננעמען האַלבע עמערס מיט טייך־וואַסער, און די אַנדערע העלפט וועט ער אָנפילן מיט ברונע־וואַסער, וועט עס דויערן ביי אים ווינציקער.

„איר פאַרשטייט, באַלעבאָסטע, איך האָב אייך געבראַכט ביידערליי וואַסער מיטאַמאָל. כ'האָב נישט געוואָלט, אַז איר זאָלט, חלילה, בלייבן אָן טייך־וואַסער, אָדער אָן ברונע־וואַסער. שפּעטער וועל איך אייך צוברענגען נאָך אַ פּאָר עמערס."

אַן אַנדערשמאָל זאָגט צו אים אַ באַלעבאָסטע: „מענדל, איך וויל, אַז איר זאָלט מיר ברענגען יעדן טאָג אַ פּאָר עמערס טייך־וואַסער און אַ פּאָר עמערס ברונע־וואַסער. וויפיל וועט איר מיר רעכענען אַ וואָך?"

מענדל גיט אַ טראַכט און זאָגט, אַז פינף און דרייסיק גראָשן אַ וואָך.

„פאַרוואָס אַזויפיל, מענדל? ביי מיין שוועסטער, דער הערש־בערעכע, נעמט איר בלויז פינף און צוואַנציק גראָשן אַ וואָך. זי וואוינט מיט דריי גאַסן ווייטער, און ביי מיר ווילט איר מער?!"

„יאָ, אמת טאַקע, צו איר איז ווייטער," זאָגט מענדל, „נאָר דערפאַר, אַז איך טראָג צו איר וואַסער, קען איך מיך אָפּשטעלן אויפן וועג און אָפּרוען אַביסל. איר אָבער וואוינט אַזוי נאָענט, אַז איך קען מיך נישט אָפּרוען אויפן וועג."

דער גביר ר' אבא און דער בדחן

ר' אבא, דער גביר פון שטעטל, האָט חתונה געמאַכט זיינער אַ טאָכטער. ער האָט די חתונה נישט געמאַכט אין דער היים, נאָר אין דער גרויסער שטאָט, ווי סע פּאַסט פאַר אַזאַ גביר. דער בדחן פון שטעטל איז געווען זיכער, אַז דער גביר וועט אים מיטנעמען צו דער חתונה, אַז ער זאָל באַזינגען חתן־כלה. נאָר ס'איז געקומען ערב דער חתונה, די מחותנים זענען אַוועקגעפאָרן, און אים האָט מען

נישט געבעטן. טראַכט זיך דער בדחן: „מילא, סע שטייט אים שוין נישט אָן, דעם גביר, צו נעמען דעם היימישן בדחן צו דער חתונה!"

אַז די מחותנים זענען צוריקגעקומען, האָט ר' אבא, דער גביר, געשטעלט אין קלויז לעקעך מיט בראָנפן. דאָ רוקט זיך אונטער דער בדחן און טרינקט אויך לחיים. רופט זיך אָן צו אים דער גביר: „בדחן, מיינט נישט, אַז איך האָב אָן אייך, חלילה, פאַרגעסן." און ער נעמט אַרויס צוויי גולדן און דערלאַנגט אים פאַר אַלע אין די אויגן.

דעם בדחן האָט דאָס אַ ברי געטון: „צוויי גולדן גיט ער אים, דער חזיר!"

זאָגט ער צום גביר: „מחותן, איך וויל אייך עפּעס דערציילן: אַ מעשה שהיה. טאַקע מיט מיר אַליין האָט דאָס געטראָפן. ס'איז געווען אַן ערב־פּסח. איך בין געגאַנגען אַהיים דורך אַ וואַלד און האָב פאַרבלאָנדזעט. איך האָב נישט געקענט געפינען דעם וועג, וואָס פירט אַרויס פון וואַלד. און דאָ נעמט צופאַלן די נאַכט, און סע באַווייזן זיך שטערן. ווי איך בלאָנדזע אַזוי, דערזע איך דורך דיביימער, סע לייכט זיך עפּעס. גיי איך אַנטקעגן דעם ליכט, און איך קום צו צו אַ שטוב. איך קלאַפּ אָן, גיי אַריין און זע, ס'איז אַ יידישע שטוב. דער טיש איז גע־גרייט מיט מצות און מיט וויין, און אין שטוב דרייט זיך אַרום אַן אַלטער טאַטע און אַ זון, און אַ יידינע פּאַרעט זיך ביי דער בלעך. איך האָב געזאָגט „גוט יום־טוב!" און די מענטשן האָבן מיך געבעטן צו פּראַווען מיט זיי דעם סדר.

מ'האָט אָפּגעדאַוונט און מ'האָט זיך געזעצט צום טיש אָפּצוריכטן דעם סדר. מ'האָט געמאַכט קידוש און מ'האָט גענומען זאָגן די הגדה. דערנאָך האָט מען גע־געסן און ווייטער געזאָגט די הגדה.

„אַז ס'איז געקומען צו „חד גדיא דזבין אַבא בתרי זוזי", וואָס דער אַבא האָט געקויפט פאַר צוויי גולדן, איז צווישן טאַטע און זון געוואָרן אַ מחלוקה. דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז א ב א איז די טייטש טאַטע, און דער זון האָט גע־טענהט, אַז א ב א איז די טייטש חזיר. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט, ביז זיי האָבן זיך געווענדט צו מיר, אַז איך זאָל זאָגן ווער ס'איז גערעכט. האָב איך זיי געזאָגט, אַז זיי זענען ביידע גערעכט: „אומעטום געוויינלעך איז א ב א די טייטש ט אַ ט ע, נאָר א ב א ב ת ר י ז ו ז י, אַן אַבא מיט צוויי גולדן, איז אַ ח ז י ר."

עני חשוב כמת

אין שטעטל איז געווען אַ ייד—אַ גביר, נאָר נעבעך אַ גרויסער עם־הארץ און אַ קמצן צו דערצו. זיצט ער אַמאָל אין שול, בעת דער רב האָט געדאַרשנט און הערט זיך צו. נאָר אַזוי ווי ער האָט גאַנץ קנאַפּ פאַרשטאַנען, וואָס דער רב זאָגט, האָט ער איינגעדרימלט.

דערווייל דערהערט ער אין דרימל ווי דער רב זאָגט „עני חשוב כמת—אַן אָרימאַן איז געגליכן צו אַ מת". כאַפּט ער זיך אויף און טראַכט: „הער נאָר אַ מעשה: אויב די תורה זאָגט, אַז אַן אָרימאַן איז ווי אַ טויטער, קען איך דאָך פרייטאָג־צו־נאַכטס, נאָך דאַווענען אַהיימנעמען אַן אורח. וואָרן וואָס קען מיך

אַרן? ער איז דאָך ווי אַ מת, און אַ מת דאַרף נישט קיין עסן. וועל איך אי מקיים זיין די מצווה פון הכנסת־אורחים, אי סע וועט מיך גאָרנישט ניט קאָסטן."

אַז ס'איז געקומען פרייטאָג־צו־נאַכטס, נאָכן דאַווענען, איז ער שוין נישט פאַרבייגעלאָפן, ווי ער איז אַלעמאָל פאַרבייגעלאָפן די אָרימעלייט, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר און האָבן געוואַרט, אַז מע זאָל זיי נעמען אויף שבת. ניין, דאָס מאָל איז ער זיך געגאַנגען מיט שפּאַציר־טריט און גוט באַטראַכט איטלעכן אָרימאַן, און אַז ער האָט דערזען איינעם, וואָס זעט אויס ווי אַ מת, ווי דאָס ווערטל זאָגט, האָט ער אים אַ רוף געטון, אַז ער זאָל גיין מיט אים.

געקומען צום טיש, האָט מען געגרייט פאַר דעם אָרימאַן גלייך ווי פאַר אַלע. וואָרן וואָס קען עס שאַטן, אַז מע וועט אים דערלאַנגען פיש און פלייש און צימעס? ער וועט דאָך סיי־ווי־סיי נישט עסן. די תורה אַליין זאָגט דאָך, אַז עני חשוב כמת, און אַז די תורה זאָגט, איז געזאָגט.

נאָר ס'האָט נישט געדויערט לאַנג, און דער גביר איז געבליבן אַ געפּלעפּטער. ער זעט ווי דער אָרימאַן רייבט אויף בײדע באַקן. ער עסט ממש פאַר צווייִ, אַזוי, אַז מע וועט נאָכן עסן קענען בענטשן מזומן. דער גביר ברענט אויפן רב מיט זיין תורה. און אַז סע קומט שבת אין דער פרי נאָכן דאַווענען, גייט ער צו צום רב מיט אַ טענה: סטייטש, אַזוי און אַזוי. ער האָט געזאָגט, אַז אַן אָרימאַן איז ווי אַ מת, און צום סוף אַזאַ און אַזאַ מעשה. היתכן?!

זעט דאָך דער רב מיט וועמען ער האָט צו טון, שמייכלט ער און זאָגט: „די תורה מיינט נישט מיט עני חשוב כמת, אַז אַן אָרימאַן דאַרף נישט עסן. סע מיינט אַז ווען אַן אָרימאַן גייט זיך אַן אַ גאַנצע וואָך פון דאַרף צו דאַרף צופוס, דעמאָלט, אַז סע קומט פרייטאָג־צו־נאַכטס, איז ער שוין ווי אַ מת. נאָר נישט מיטן עסן, נאָר מיטן שלאָפן. איר מעגט האַקן האַלץ לעבן אים, וועט ער נישט הערן, אַזוי האַרט שלאָפט ער."

דער גביר הערט אויס דעם רב און טראַכט ביי זיך: ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אַהיימגענומען קיין אורח אויף איבערצונעכטיקן. נאָר אַז די תורה זאָגט, אַז אַן אָרימאַן שלאָפט ווי אַ מת, וועט ער פּרובירן און אַמאָל נעמען אַן אורח אויף ביי־נאַכט. וואָרן וואָס־וואָס מע זאָל זאָגן אויף דעם גביר—איין מעלה האָט ער געהאַט: ער איז געווען אַ יודע שאינו יודע—ער האָט געוואוסט, אַז ער ווייסט נעבעך נישט.

ס'איז געקומען פרייטאָג־צו־נאַכטס, האָט ער גענומען אַן אורח אויף איבער־צונעכטיקן. קיין עסן האָט ער אים נישט געגעבן, נאָר דערפאַר האָט ער אים גע־מאַכט אַ גוט געלעגער אין קיך אויף דר'ערד.

דער אָרימאַן האָט זיך געלייגט, און איז טאַקע גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן. דער גביר הערט, אַז ער כראָפּעט ווי אַ דערהרגעטער. איצט איז אים קלאָר געווען דער עני חשוב כמת.

דער גביר און אַלע שטוב־מענטשן האָבן זיך אויך געלייגט, און מ'איז רואיק געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. אין דער פרי, מע שטייט אויף, דעם גביר ווערט פינס־טער אין די אויגן. דער אָרימאַן איז נישטאָ און צוזאַמען מיט דעם אָרימאַן זענען פאַרשוואונדן פון שטוב טייערע כלים און חפצים.

לויפט דער גביר אַוועק צום רב, און ער איז מלא־חימה, ער ברענט פון צאָרן:

„היתכן, וואו איז דער אמת פון דער תורה?" און ער דערציילט דעם רב וואָס ס'האָט געטראָפן. דער רב הערט אים אויס און באַרואיקט אים. ער ווייזט אים, אַז די תורה איז אמת און אַלץ, וואָס זי זאָגט, איז אמת. עני חשוב כמת — אַן אָרימאַן איז געגליכן צו אַ מת, און אַ מת, ווי מיר ווייסן, טאָר מען נישט לאָזן אַליין. ביי אַ מת מוז מען האָבן שמירה, און מע מוז די גאַנצע צייט וואַכן לעבן אים.

אָט דאָס הייסט אַ קמצן

היינט האָב איך אַ מעשה מיט אַ קמצן, אָבער טאַקע אַ קמצן. נישט נאָר האָט ער יענעם גאָרנישט ניט געגעבן, נאָר אַפילו זיך אַליין האָט ער אויך נישט פאַרגונען זיין לעבן.

איינמאָל ווערט ער געוואָר, דערדאָזיקער קמצן, אַז אין דער נאָענטער קרויננ־שטאָט, אין קראָקע, וואוינט אַ מענטש — נאָך אַ גרעסערער קמצן, ממש דער גרעס־טער קמצן אין דער וועלט. רופט ער צו זיין זון און זאָגט צו אים: „מיין קינד, דו ווייסט דאָך, אַז מיר לעבן זייער שפּאָרזאַם. נאָר ווען מיר וואָלטן געלעבט נאָך שפּאָרזאַמער, וואָלטן מיר געקענט אויסקומען מיט גאָרנישט ניט. קעגן וואָס זאָג איך עס דיר? קעגן דעם, וואָס איך האָב געהערט, אַז אין קראָקע וואוינט איינער, וואָס מע קומט צו אים פון דער גאַנצער וועלט, צו לערנען זיך ווי צו פירן אַ באַלעבאַטישקייט מיט גאָרנישט ניט. סע וואָלט דעריבער געווען אַ גלייכע זאַך, אַזוי ווי ס'איז נישט זייער ווייט, אַז דו זאָלסט צו אים אַריבערגיין און לערנען זיך באַלעבאַטישקייט."

און אַזוי איז געבליבן. נאָר היות קומען צו יענעם מיט ליידיקן פּאַסט זיך נישט, האָט דער זון גענומען אַ גראָשן און איז אַריין אין קראָם, צו קויפן אַ בויגן פּאַפּיר. ער האָט זיך דאָרט אַזוי לאַנג געדונגען, ביז, דער קרעמער האָט אים פאַר דעם גראָשן געגעבן צוויי בייגעלעך פּאַפּיר, פון דעם ביליגסטן סאָרט. אַהיימ־געקומען — האָט דער פאָטער איין בייגעלע פּאַפּיר באַהאַלטן אין טישקעסטל. דאָס אַנדערע האָט ער צעריסן אויף צווייען, און אויף איין העלפט האָט ער אויסגעריסעוועט אַ פּעטן אינדיק. דאָס האָט ער דערנאָך אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן קויש, ווי ס'איז נייטיק פאַר אַזאַ גרויסן אינדיק, האָט אים איבערגעדעקט, און דער זון האָט גענומען דעם קויש און זיך אַוועקגעלאָזט קיין קראָקע.

דאָרט האָט ער זיך אָנגעפרעגט צו דעם שפּאָרזאַמסטן מענטש אין דער וועלט. נאָר צו זיין גרויס פאַרדראָס, האָט ער אים אַליין נישט געטראָפן אין דער היים, נאָר זיין טאָכטער. דער גאַסט האָט איר דערלאַנגט די מתנה. און אַז זי האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך זייער דערפרייט, און געזאָגט: „ס'פאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב נישט אין שטוב עפּעס אַ זאַך, דיר אָפּצודאַנקען פאַר אַזאַ טייערער מתנה. נאָר מיט ליידיקן וועל איך דיך נישט אַהיימלאָזן. איך וועל דיר מיטגעבן עטלעכע גילדענע פּאָמעראַנצן."

נאָר אַזוי ווי זי האָט קיין מאַראַנצן נישט געהאַט אין שטוב, האָט זי מיט די הענט געמאַכט אַזוי ווי זי וואָלט אָנגענומען גרויסע מאַראַנצן און זיי אַריינגעלייגט אין זיין קויש.

דער זון האָט איר געדאַנקט, האָט גענומען דעם קויש און איז אַוועק אַהיים, צו דערציילן פון דער וואונדערלעכער שפּאָרזאַמקייט, וואָס ער האָט געלערנט אין הויז פון דעם שפּאָרזאַמסטן מענטש אין דער וועלט.

ווען דער שפּאָרזאַמסטער מענטש איז אַהיימגעקומען, האָט אים זיין טאָכטער דערציילט וועגן דעם גאַסט, וואָס זי האָט געהאַט. זי האָט אים געוויזן דעם אויסגעמאָלענעם אינדיק, וואָס דער גאַסט האָט געבראַכט, און זי האָט געזאָגט, אַז דערפאַר האָט זי אים געגעבן אַט אַזעלכע גרויסע פּאָמעראַנצן.

אַז איר פאָטער האָט דערזען וואָס פאַר אַ גרויסע מאַראַנצן, איז ער געוואָרן אין כעס און האָט גענומען שרייען: „דו אויסברענגערין, דו! מיט דעם, וואָס דו האָסט אַזוי צעשפּרייט דיינע פינגער, האָסטו דאָך אים געגעבן די גרעסטע מאַראַנצן. פאַרוואָס האָסטו נישט געהאַלטן די פינגער צוזאַמען, אים אויסצומעסטן קלענערע מאַראַנצן?"

אומזיסט די האַרעוואַניע

אין סלאָנים איז געוועזן אַ גביר — אַ ביטערער קמצן. ער האָט קיינמאָל קיין אָרימאַן אַף דער שוועל פון זיין הויז נישט אַרויפגעלאָזט און האָט קיינמאָל קיין אָרימאַן נישט געגעבן קיין נדבה. אַפילו פאַר קהלישע זאַכן, פאַר טובת־הכלל, האָט מען ביי אים נישט געקענט אַרויסרייסן קיין גראָשן.

איינמאָל, אַן ערב פּסח באַגינען, גייט דער סלאָנימער רב, ר' אייזיל חריף, דאַווענען. אַפן וועג באַמערקט ער ווי דער גביר שטייט פאַר זיין הויז און לופטערט זיינע מלבושים, שלעפּט אַרויס יעדע קעשענע, קערט זי איבער און פּוצט זי גוט אויס. אַז ר' אייזיל קומט צו, שטעלט ער זיך אָפּ, און נאָכן „גוט מאָרגן", „גוט יאָר", זאָגט ער: „אַזוי פרי, גביר?"

„איר ווייסט דאָך, רבי, ס'איז ערב פּסח, מע דאַרף באַלד פאַרברענען דעם חמץ, לופטער איך אויס די קעשענעס, טאָמער חלילה האָט זיך פאַרוואַלגערט ערגעץ אין זיי אַ פּיצל חמץ."

„אומזיסט די האַרעוואַניע, גביר," זאָגט ר' אייזיל.

דער גביר קוקט אים אָן: „וואָס מיינט איר, רבי?"

„זייער פּשוט," זאָגט ר' אייזיל, „איר זענט פּטור פון לופטערן די קעשענעס פון אייערע מלבושים, ווייל איר זענט אַ ייד בלויז ביז דער קעשענע."

דריי מצוות מיט איין קלאַפּ

איר ווילט הערן ווי אַזוי אַ ייד איז מקיים דריי מצוות מיט איין קנאַק? וועל איך אייך דערציילן: אַ גביר — אַ קמצן האָט אַמאָל גענומען אַן אורח אַף שבת. אַז ס'איז געקומען צום עסן, האָט זיך דער אורח צוגעכאַפּט אַ הונגעריקער, אַ זשעדנער צו אַלץ, וואָס מ'האָט דערלאַנגט. די באַלעבאָסטע האָט אים נישט געזשאַלעוועט און אים דערלאַנגט מאכלים, וואָס האָבן אים פאַרשאַט און קאַליע געמאַכט דעם מאָגן.

מ'האָט נאָך דעמזעלבן אָוונט געמוזט צונעמען דעם אורח אין הקדש אַריין. ער האָט דאָרט, נעבעך, געקריגן היץ, און האָט לאַנג נישט געצויגן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ גערודער. יידן האָבן זיך געקאָכט: געהערט אַ מעשה מיט אַ גביר — אַ חזיר! נעמט שוין יאָ אַמאָל אַן אורח אויף שבת, גיט מען אים מאכלים, וואָס ברענגען אים אום פון דער וועלט!

ביי דער לוויה איז געווען אַ גרויסער עולם. אַפילו דער רב פון שטעטל איז געקומען. און ער האָט טאַקע געמאַכט אַ הספד, אַז אַ שטיין האָט געקענט צעגיין. צום סוף האָט ער אויך דערמאָנט די עשירים — קמצנים, און ער האָט זיי נישט געשאָנעוועט, און געענדיקט האָט ער מיט די ווערטער: „אונזער גביר, רבותי, האָט מקיים געווען די דריי גרעסטע מצוות אויף איין מאָל: הכנסת־אורחים, ביקור־חולים און הלווית־המת."

פון וועמען מ'האָט ביים לעבן, און פון וועמען מ'האָט ערשט נאָכן טויט

אין אַ שטעטל איז געווען אַ גביר. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט, נאָר אַ קמצן איז ער געווען ווי אַ סך גבירים קמצנים. זיין פאַרמעגן איז געווען צו שטיין אין גאָס מיט פאַרליגטע הענט אויף הינטן, און באַטראַכטן זיין מויער. פון צדקה, פון צרכי־ציבור האָט דערדאָזיקער גביר נישט געהאַלטן. אַז מ'איז גע־קומען צו אים נאָך אַ נדבה, האָט ער געהאַט איין ענטפער: ער גיט נישט. היינט גייט טויט אים עפּעס.

איינמאָל האָט מען אין שטעטל געזאַמלט געלט אויף צו בויען אַ תלמוד־תורה, אַרויסצורייסן יידישע קינדער פון די פּוילישע שולן. האָבן באַלעבאַטים געבעטן דעם רב, אַז ער זאָל זיך מטריח זיין און אַליין אַריבערגיין צום גביר. וואָרן פאַר דעם רב וועט ער אַוודאי האָבן דרך־ארץ, און וועט געבן. דער רב האָט איינגע־וויליקט און איז געגאַנגען.

געקומען צום גביר, האָט ער מיט אים קודם גערעדט וועגן דער גרויסער מצווה פון צדקה, און אַז אַפילו אַן אָרימאַן, וואָס איז זיך מפרנס פון צדקה, דאַרף אויך געבן צדקה. אַ פשיטא שוין אַ גביר, וואָס דער אייבערשטער האָט אים גע־האָלפן. נאָר דער גביר הערט אויס, און ענטפערט ווי געוויינלעך: ער גיט נישט.

הייבט דער רב אָן אויף דאָס ניי. ער פּרובירט אים ווייכער מאַכן דאָס האַרץ מיט אַ משל: אַ רבי, זאָגט ער, איז אַמאָל געפאָרן מיט זיינע תלמידים אין וועג. ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־טאָג, און אַז זיי זענען צוגעקומען צו אַ פאַרפרוי־רענעם טייך לעבן אַ קלויסטער, האָבן זיי באַמערקט ווי גויים האַקן צלמים אויפן אייז. ס'איז ביי זיי געווען אַזאַ חגא. זאָגט דער רבי צו די חסידים: „זעט, יידן, אַז אַ טייך איז נישט פאַרפרוירן, קען מען קיין צלמים נישט האַקן אויף אים. אַזוי אויך, להבדיל, מיט אונז יידן. אַז אונזערע הערצער זענען פאַרפרוירן, און מיר גיבן נישט קיין צדקה, קען מען, חלילה, אויסקריצן אויף זיי צלמים. נאָר אַז אונ־זערע הערצער זענען וואַרעם..."

דער גביר האָט דעם רב נישט געלאָזט ענדיקן. ער האָט אים איבערגעריסן מיט די ווערטער: „איך גיב נישט. ביים לעבן גיב איך נישט. אַז איך וועל שטאַרבן, דעמאָלט וועל איך אייך אַלץ איבערלאָזן."

דער רב האָט מער נישט גערעדט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען. נאָך יענעם שבת האָט דער רב געהאַלטן אַ דרשה אין שול. ער האָט גערעדט וועגן דער גרויסער מצווה פון געבן צדקה ביים לעבן. און ער האָט בשעת־מעשה דערציילט דעם עולם אַזאַ משל: אַ הון און אַ חזיר זענען צוזאַמען אַרומגעגאַנגען אין גערטל לעבן אַ שטוב. יעדן טאָג, ווען די הון האָט געלייגט אַן איי, האָט זי קאָקאָדאַקעט און האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן הויף. דער חזיר האָט דאָס נישט געקענט ליידן. זאָגט ער צו איר איינמאָל: „אויב דו וועסט נישט אויפהערן צו מאַכן אַזעלכע קולות, וועל איך דיך דערוואַרגן." די הון האָט זיך דערשראָקן, און האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם האָן.

אַף מאָרגן פרעגט דער האָן דעם חזיר, וואָס ער האָט צו זיין הון. זאָגט דער חזיר, אַז ער קען נישט ליידן, אַז אַ הון, וואָס גיט דעם באַלעבאָס אַ פּינף גראָשנדיק איי אַ טאָג, זאָל זיך אַזוי גרויסן. „פון מיר," זאָגט דער חזיר, „האָט דער באַלעבאָס פלייש, פעטס, לעדער, האָר—זיי האָבן אַפילו אַ ווערטל: ‚גוט פון אַ חזיר אַ האָר!'—און איך האַלט זיך גאָר נישט אַזוי גרויס. מ'הערט פון מיר זעלטן אַ קול." זאָגט דער האָן: „זע, חזיר איינער, פון אַלע באַשעפענישן האָט דער מענטש אַ נוצן ביי זייער לעבן, און אויך נאָך זייער טויט: די קו גיט מילך, די שעפּס גיט וואָל, דאָס פערד אַרבעט, די הון לייגט אייער, און אַפילו איך, דער האָן, ברענג אויך דעם מענטש אַ נוץ. מיט מיין קרייען וועק איך אים אויף יעדן אין דער פרי צו דער אַרבעט. נאָר פון דיר, חזיר איינער, האָט דער מענטש ערשט אַ נוצן נאָך דיין טויט."

ער קען נעבעך נישט הנאה האָבן פון אַן אמתן גלעזל טיי מיט צוקער

אין מיין שכנותדיקן שטעטל איז געווען אַ ייד—אַ קמצן. מעכל בעכער האָט מען אים גערופן. ער איז געווען אַזוי קאַרג, אַז נישט נאָר האָט ער אַנדערע נישט פאַרגונען דאָס לעבן, נאָר אַפילו זיך אַליין האָט ער עס אויך נישט פאַרגונען. דער דאָזיקער ר' מעכל האָט שטאַרק ליב געהאַט אַ גלעזל טיי, אַ זיס גלעזל טיי מיט צוקער. ס'חיות האָט זיך אים אויסגעלאָזט נאָך אַן אמתן גלעזל טיי. וואָס־זשע טוט ער? שטעלט ער זיך אַנידער דעם גאַנצן סאַמאָוואַר אַפן טיש, און מאַכט זיך טיי.

נאָר ער האָט נעבעך קיינמאָל נישט קיין הנאה פון זיין טיי. וואָרן אַז מע רעדט פון נישט פאַרגינען, איז דאָך נישט שייך! דערדאָזיקער ר' מעכל האָט זיך אַפילו נישט פאַרגונען אַריינצוטון גענוג צוקער אין זיין טיי. אַנשטאָט אַריינצוטון דריי קלעצעלעך צוקער, אַז די טיי זאָל זיין גענוג זיס און האָבן אַ טעם, האָט ער אַריינגעטון בלויז איין קלעצעלע צוקער. נו, קען אַ גלאָז טיי מיט איין קלעצעלע צוקער האָבן אַ טעם? האָט זי טאַקע קיין טעם נישט געהאַט, און ר' מעכל האָט קיין הנאה נישט געהאַט.

היינט אַז ער איז געקומען צו עמיצן צו גאַסט, צו אַ שכן, צי צו אַ קרוב, און מ'האָט אים מכבד געווען מיט טיי, האָט ער דאָרט אויך קיין הנאה נישט געהאַט. וואָרן אַנשטאַט דריי קלעצעלעך צוקער, האָט ער דאָרט אַריינגעטון זעקס קלעצע־לעך צוקער. נו, קען אַ גלאָז טיי מיט אַזויפיל צוקער האָבן אַ טעם? האָט זי טאַקע ווידער קיין טעם נישט געהאַט. זי איז געווען חלשותדיק זיס. אַזוי האָט דער קמצן, ר' מעכל בעכער, נעבעך קיינמאָל נישט רעכט הנאה פון אַן אמתן גלעזל טיי מיט צוקער.

דער גביר און דער אורח

אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים איז געווען אַ גביר. ער איז געווען אַ וואוילער מענטש, נאָר זייער אַ קאַרגער, ווי גבירים זענען געוויינלעך. אַזוי ווי ער איז דאָך אָבער פאָרט געווען אַ גביר, האָט ער אַמאָל גענומען אַן אורח אַף שבת. פרייטאָג־צו־נאַכטס, מ'איז געקומען פון דאַווענען, מ'האָט אָפּגעזאָגט שלום עליכם און געמאַכט קידוש, האָט זיך דער גביר געוואַשן, גענומען דעם פלאָץ (די שבת־דיקע חלה), האָט אָפּגעשניטן איטלעכן אַ קליין המוציאלע, און דעם איבעריקן פלאָץ האָט ער באַהאַלטן הינטער זיך.

דער אורח האָט אויפגעגעסן דאָס פּיצל חלה, און האָט גענומען זיפצן. פרעגט אים דער גביר: „ר' ייד, וואָס זיפצט איר אַזוי?"

זאָגט דער אורח: „ווי אַזוי זאָל איך נישט זיפצן? איך האָב געהאַט אַמאָל אַן אייגן הויז, און אַז ס'איז געקומען שבת, בין איך מיר געזעסן מיט מיין הויזגעזינד ביים טיש ווי אַ מלך. היינט בין איך פאַרוואָגלט פון דער היים און בין ביי אייך אַן אורח אַף שבת."

„וואָס איז געוואָרן מיט אייער הויז?" וויל דער גביר וויסן.

„ס'איז פאַרברענט געוואָרן," זאָגט דער אורח.

„טאָ וואו איז אַהינגעקומען דער פלאָץ?"

„אָ, באַלעבאָס לעבן," זאָגט דער אָרימאַן, „דערפאַר זיפץ איך טאַקע, ווייל דער פלאָץ ליגט הינטער אייך."

סע לוינט זיך נישט צו דינגען און זײַן אַ חזיר

אין שטעטל איז געווען אַ גרויסער גביר. און פונקט אַזוי גרויס ווי ער איז געווען אין עשירות, אַזוי גרויס איז אויך געווען זיין קאַרגשאַפט. אַ ביטערער קמצן איז דאָס געווען, טאַקע אַ חזיר, נישט פאַר אונז געדאַכט. אַז אַן אָרימער ייד איז געקומען צו אים לייען אַ פאָר רובל אַף שבת, אָדער צום האַנדלען, האָט ער געמוזט ברענגען אַ גוטן משכון, און צו דערצו האָט ער געמוזט אַראָפּגעבן פון דעם געלט זעקס פּראָצענט פאַר יעדן חודש.

מאַכט זיך איינמאָל, אַז אין שטעטל שטאַרבט דער וואַסערטרעגער, אַ ייד — אַן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס. געקומען צו דער לויה, מע גיט אַ קוק — דער גביר איז דאָ. מיינט מען, אַז עפּעס האָט געטראָפן מיט אים. ער האָט זיכער געהאַט מיט

זיך אַ חשבון־הנפש און האָט חרטה אַף זיינע מעשים, אָדער ער האָט מורא געקריגן פאַרן טויט. נישט אַנדערש, נאָר ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה.

נאָך דעם ווי מ'האָט דאָס מת מטהר געווען און מ'האָט אים שוין געהאַלטן ביים אַרויסטראָגן, גייט צו דער גביר צוקאָפּנס און בעט, אַז מע זאָל אים לאָזן זאָגן אַ פּאָר ווערטער, מספּיד זיין דאָס מת.

ווערט גלייך שטיל. מ'הערט בלויז דאָס שלוכצן פון דער אלמנה מיט די קינדער. און דער גביר הייבט אָן: „ווי, וויי־געשריגן! קוקט אייך אום, רבותי. און זעט וואָס סע ווערט פון דעם מענטש. אַט ערשט האָט ער געלעבט און געהאָרעוועט, נאָר אַז סע קומט די צייט, מוז מען שטאַרבן, און סע העלפט נישט, צי מ'איז אָרים, צי רייך. טאָ באַרעכנט אייך, גוטע מענטשן און זעט, צי לוינט זיך, אַז איר זאָלט זיין אַזעלכע חזירים? אַז ווען איך וויל זעקס פּראָצענט אַף מיין געלט, דינגט איר אייך און איר ווילט נאָר געבן פיר פּראָצענט.״

ליגנערס האָט ער פייַנט

אין נעמעראָוו איז געווען אַ גביר, וואָס האָט ליב געהאָט צו נעמען אַן אורח אַף שבת. ער האָט דעם אורח געגעבן צו עסן און צו טרינקען פון כל־טוב. נאָר אַז ס'איז געקומען שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה, האָט ער דעם אורח אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפן. אַז דער שמש פון בית־מדרש האָט געזען אַזאַ מעשה, האָט ער אויפגעהערט צו שיקן צום גביר אַן אורח אַף שבת.

מאַכט זיך אָבער אַמאָל אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס, נאָך דעם ווי דער שמש האָט פונאַנדערגעטיילט די אורחים צו די באַלעבאַטים, דעם אורח צו דעם באַלעבאָס און יענעם אורח צו יענעם באַלעבאָס, איז איין אורח געבליבן אָן אַ באַלעבאָס. וואָס טוט מען? ווי לאָזט מען דאָס אַ פרעמדן ייד אַף הפקר שבת? זאָגט דער שמש צום אורח: „ס'איז נאָך דאָ אַ באַלעבאָס, און גראָדע אַ ייד—אַ גביר, וואָס האָט ליב אַן אורח. נאָר ער האָט איין חסרון: אַז סע קומט נאָך הבדלה, פּאַטשט ער אויס דעם אורח און וואַרפט אים אַרויס.״

דער אורח הערט, און אַז ער זעט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה, זאָגט ער, אַז ער וועט גיין צו אים. אַ ברירה האָט ער?!

דער גביר האָט דעם אורח אויפגענומען ווי אַן אָנגעלייגטן גאַסט. ער האָט אים גאַנץ שבת געגעבן צו עסן און צו טרינקען כיד־המלך. און אַז ס'איז געקומען נאָך מלווה־מלכה, נעמט ער אַרויס פינף רובל, גיט דאָס דעם אורח און באַגלייט אים צו דער טיר. דער אורח בלייבט שטיין און קוקט אים אָן פאַרחידושט.

זאָגט דער באַלעבאָס: „איך זע, איר ווילט עפּעס פרעגן. פרעגט.״

זאָגט דער אורח: „באַלעבאָס לעבן, איך האָב געהערט אַזאַ און אַזאַ מעשה וועגן אייך. און דאָ גיט איר מיר גאָר אַזאַ שיינע נדבה און באַגלייט מיך נאָך!״

„איך וועל אייך זאָגן, ר' ייד, וועט איר פאַרשטיין. איך נעם אַ הונגעריקן אורח אַף שבת. מע דערלאַנגט די פיש צום טיש, עסט ער און לאָזט איבער אַ שטיקל. פרעג איך: פעטער, פאַרוואָס עסט איר נישט? זאָגט ער: איך בין נישט הונגעריק. שפּעטער דערלאַנגט מען די יויך, דאָס פלייש. דער אורח עסט און

לאָזט ווידער אַביסל. פרעג איך: היתכן? פאַרוואָס עסט איר נישט? ענטפערט ער ווידער, אַז ער איז נישט הונגעריק. און אַזוי נאָך יעדן געריכט. ער איז נישט הונגעריק און—עסט. איר, אַז איך האָב אייך געפרעגט פאַרוואָס איר לאָזט איבער, האָט איר געזאָגט, אַז מע וועט דאָך אַוודאי געבן נאָך געריכטן, דערפאַר ווילט איר אייך נישט אָנעסן מיט איין געריכט צופיל. דאָס איז דער אמת. איר האָט נישט געזאָגט קיין ליגן. ליגנערס האָב איך פיינט. פאַרשטייט איר שוין די מעשה?"

פאַרוואָס גבירים—חזירים בלייַבן שטענדיק רייַך

איך וועל אייך היינט דערציילן נאָך אַ מעשה מיט אַ גביר. און ווי געוויינלעך מיט אַ גביר—אַ קמצן, טאַקע אַ חזיר, אַ סוויניאַקע. אָרימעלייט האָבן אים שוין געקענט, און זיי האָבן אויסגעמיידט זיין שוועל. נאָר איינמאָל פאַרבלאָנדזעט צו אים אַן אָרימאַן, אַ פרעמדער, געקומען פון אַן אַנדער שטאָט. ער האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ העכט ס'איז דערדאָזיקער גביר. קומט ער צו אים צו גיין נאָך אַ נדבה. נאָר דער גביר ווערט נישט נתפעל פון אים. ער איז פאַרהאַרטעוועט ווי אַלעמאָל און גיט נישט.

דערקענט דאָך דער אָרימאַן מיט וועמען ער האָט צו טון, שטייט ער אַ מינוטקעלע און זאָגט: „באַלעבאָס, איר וועט בלייבן אַ גביר אייער גאַנץ לעבן!"

חידושט זיך דער גביר: ער האָט אים קיין נדבה נישט געגעבן, און דער אָרי־מאַן בענטשט אים גאָר! פרעגט ער אים: „ר' ייד, וואָס מיינט איר מיט דעם?"

זאָגט דער אָרימאַן: „גביר לעבן, איך וועל אייך זאָגן, די מעשה איז אַזאַ: ווען איר פאַרלירט, אַשטייגער, אַ גראָשן אין אַפּטריט, וואָלט איר געשטופּט אייער האַנט אין שמוץ, אויפצוהייבן דעם גראָשן?"

„ניין," ענטפערט דער גביר.

„אַוודאי, פאַרשטייט זיך, אַז נישט," זאָגט דער אָרימאַן. „היינט מאַלט אייך אויס, אַז דער אייבערשטער פאַרלירט עפּעס—וואָרן אייער גאַנץ פאַרמעגן, דאָס גאָלד מיט דעם זילבער איז דאָך זיינס. ווי סע שטייט געשריבן: לי הכסף ולי הזהב. און דאָס עשירות, וואָס גאָט גיט אַזאַ איינעם ווי איר,—און ביי אים איז דאָך דאָס נאָך ווינציקער ווי ביי אייך אַ גראָשן—איז דאָך פּונקט ווי פאַרלוירן, וועט ער, כביכול, שטופּן צו אייך די האַנט און זי אויסשמירן, אַרויסצונעמען ביי אייך דאָס געלט? און אַז גאָט וועט עס ביי אייך נישט צונעמען, וועט עס שוין קיינער ביי אייך נישט נעמען. דערפאַר וועט איר בלייבן אַן אייביקער גביר."

ער קעמפּט מיט זייַן האַרץ

אַ פּאָר שיינע באַלעבאַטים זענען אַרומגעגאַנגען אין שטאָט צוזאַמענצוקלויבן געלט פאַר אָרימע און נויטבאַדערפטיקע. אַז זיי זענען געקומען צום גביר, וואָס איז געווען אַ ייד, אַ קמצן, האָבן זיי אים געזאָגט צוליב וואָס זיי זענען געקומען. זיי האָבן דערוואַרט, אַז ער וועט זיי נישט אָפּזאָגן, און זיי געבן דאָס מאָל אַ שיינע נדבה.

פלוצים גיט זיך דער גביר אַ כאַפּ ביים האַרץ. האָבן די באַלעבאַטים זיך דערשראָקן און גענומען שרייען: „ר׳ יאַנקל, וואָס איז אייך? אפשר זאָל מען רופן אַ דאָקטער?״

דער גביר באַרואיקט זיי און פאַרזיכערט זיי, אַז מע דאַרף נישט קיין דאָקטער. „איך וועל אייך דערקלערן וואָס מיט מיר איז,״ האָט ער זיי געזאָגט. „איך וויל אייך געבן אַ נדבה, נאָר מיין האַרץ לאָזט נישט. דערפאַר האָב איך מיר גע־געבן מיט דער האַנט אַ פּאַטש, אַז דאָס האַרץ זאָל מיך לאָזן געבן אַ נדבה.״ נאָר קיין נדבה האָט ער פאָרט נישט געגעבן.

צו וועמען דער גביר, דער קמצן, איז געגליכן

אין אַ שטעטל איז געווען אַ גביר, אַ קמצן. ער האָט געהאַט אַ פּאַרמאַכטע האַנט און אַ פאַרשלאָסן האַרץ. הע לפט דער אייבערשטער און דער גביר ווערט קראַנק און שטאַרבט. דאַרף מען דאָך אים מספּיד זיין. ער איז פאָרט געווען אַ גביר. בלייבט, אַז דער רב זאָל אים מספּיד זיין.

אַז ס׳איז געקומען צו דער לויה, שטעלט זיך אַוועק דער רב און הייבט־אָן דעם הספּד מיט אַ טרויעריקן ניגון. ער דערציילט קודם וואָס פאַר אַ גרויסער גביר דער געשטאָרבענער איז געווען, וויפיל הייזער און געוועלבן ער האָט פאַר־מאָגט. און דערנאָך הייבט ער אָן אויסרעכענען זיינע מעלות: „דער טויטער איז געווען געראָטן אין משה רבינו,״ האָט דער רב זיך צעלאָזן אויף אַ קול.

אַז די ווייבער דערהערן אַזאַ זאַך, האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין.

„דער געשטאָרבענער איז געווען געראָטן אין שלמה המלך,״ האָט דער רב ווייטער אויסגערעכנט די מעלות פון דעם גביר.

האָבן די ווייבער זיך נאָך מער צעקלאָגט. צום סוף האָט דער רב אויס־געשריגן: „דער געשטאָרבענער איז געווען געראָטן אין רבונו־של־עולם אַליין!״

דאָס וויינען און קלאָגן איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט געשפּאָלטן הימלען.

נאָכן הספּד, אַז דער רב האָט געענדיקט, גייען צו אים צו אַ פּאָר פיינע באַלעבאַטים און פרעגן: „רבי, ווי קומט עס, ער איז געווען אַ ייד, אַ קמצן, און האָט זיך תמיד אַרומגעריסן מיט אייך, און צום סוף האָט איר אים אַזוי פיין מספּיד געווען?!״

„איך וועל עס אייך דערקלערן,״ זאָגט צו זיי דער רב, „וועט איר פאַרשטיין. איך האָב געזאָגט: ער איז געווען געראָטן אין משה רבינו. פרעגט זיך מיט וואָס? איז דער ענטפער: משה איז געווען אַ כבד־פּה, אַ ציפּעלעווע, און ער איז געווען אַ כבד־פּה. איך האָב געזאָגט: ער איז געווען געראָטן אין שלמה המלך. שלמה האָט ליב געהאַט אַ סך ווייבער, און ער האָט ליב געהאַט אַ סך ווייבער. צום סוף האָב איך געזאָגט: ער איז געווען געראָטן אין רבונו־של־עולם אַליין. איר ווייסט דאָך: דער אייבערשטער איז נישט קיין מענטש, און ער איז אויך נישט געווען קיין מענטש.״

אַ פֿרומער קמצן

אַ קמצן איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, און דער קמצן איז געוואָרן מיד און הונגעריק. נעמט ער בעטן דעם אייבערשטן און זאָגט: „גאָטעניו, איך בין מיד און הונגעריק. באַשער מיר, אַז איך זאָל עפּעס געפֿינען צום עסן, און דערפֿאַר וועל איך אַ העלפֿט פֿון דעם, וואָס איך וועל געפֿינען, ברענגען צו דיר פֿאַר אַ קרבן.“

סע געדויערט נישט לאַנג, און ער געפֿינט אָפּן וועג אַ זעקעלע.

„דאָס איז זיכער אַ זעקעלע געלט,“ זאָגט צו זיך דער קמצן און בייגט זיך איין און הייבט עס אויף.

אַז ער האָט אָן עפֿן געטון דאָס זעקל, זעט ער, דאָרט זענען דאָ טייטלען און מאַנדלען. האָט ער זיך אָנידערגעזעצט און האָט דערקוויקט מיט זיי זיין האַרץ. דערנאָך האָט ער גענומען די קערלעך פֿון די טייטלען און די שאָלעכץ פֿון די מאַנדלען, האָט זיי אָוועקגעלייגט אַף אַ שטיין, האָט זיי אונטערגעצונדן און געזאָגט: „נעם אָן, גאָטעניו, מיין קרבן. איך האָב מיך געטיילט מיט דיר מיט דעם אויסנווייניקסטן און אינעווייניקסטן פֿון מיין געפֿינס.“

ער וויל איבערקליגלען דעם קמצן

אין שטעטל איז געווען אַ גביר — אַ דבר־אחר, אַז באַהיט זאָל מען זיין. זיין קאַרגשאַפֿט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געשמט מיט איר אין אַלע אַרומיקע מקומות. אָרימעלייט האָבן אים שוין געקענט און אויסגעמיידט אַריבערצוטרעטן זיין שוועל. צו וואָס פּטרן צייט, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפֿן דער גאַנג צו אים?!

מאַכט זיך, אַז אין שטעטל קומט אַראָפּ אַן אָרימאַן פֿון דער פֿרעמד. מ'האָט גלייך דערקענט, אַז דער ייד טויג זיך אויס צו זיינע געשעפֿטן. עפּעס גאָר נישט ווי די היימישע אָרימעלייט. ער איז קיין ליידיקער פֿון קיינעם נישט אָוועקגעגאַנגען. אַז דער אָרימאַן הערט פֿון דעם קמצן, ווערט ער נישט נתפּעל. וואָס איז, אַ נייעס אַ גביר — אַ קמצן? ער האָט זיי באַגעגנט אומעטום אין זיין לעבן. נישקשה, מע דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי זיי איינצובייסן, קריגט מען ביי זיי אַמאָל נאָך מער ווי ביי אַ סך געבערס. דער אָרימאַן האָט זיך געהאַט זיינע גענג און איינפֿאַלן ווי אַזוי צו באַאַרבעטן אַזאַ באַלעבאָס, און ס'האָט אים טאַקע געוויינלעך אָפּגעגליקט. נישט מיט אַלע, נאָר ביי אַ סך. אפשר טאַקע ביי די מערסטע. ווערן יידן נייגעריק. אַדרבה, לאָמיר זען ווי אַזוי ער וועט ביי אונזער קמצן אָפּשניידן.

איין שיינעם טאָג נעמט דער אָרימאַן און שטויבט אָפּ זיינע שיך, גלייכט אויס זיין קאַפּטן און דעם קאַפּעליטש, פֿאַרקעמט זיך די באָרד, און נעמט זיין שטעקן און גייט אַריבער גלייך צו דעם גביר. פּונקט צו וואַרעמעס איז ער געגאַנגען. געקומען, גיט ער אַ קוש די מזוזה און גיט אָפּ דעם גביר אַ ברייטן „גאָט העלף אייך, ר' שמשון“. „גאָט העלף,“ ענטפֿערט דער גביר. קיין „גוט יאָר“ זאָגט ער נישט. ס'וועט אים קאָסטן טייערער. איר שפּילט אייך מיט אַ דבר־אחר! אַפֿילו אַף ענטפֿערן אַ גוט וואָרט איז ער קאַרג. ענטפֿערט ער בלויז „גאָט העלף“.

„וואָס ווילט איר, ר' ייד?“ פֿרעגט דער גביר.

„כ'וויס, כ'האָב געהערט, אַז דער גביר האָט ליב אַ מצווה, און אַז איר זענט אַ בעל־רחמים. בין איך געקומען, כ'וויס, כ'וועל אַוודאי קענען אָפּעסן ביי אייך, און אין איין וועג מהנה זיין אייך מיט אַ מצווה."

דער גביר הערט און סע געפעלט אים די זאַך. ער זעט, אַז דער ייד נעמט אים אָף זיכער און וויל אים איבערקליגלען. זאָגט ער צו אים: „נעכטיקע לאַקשן מיט קעז וועט איר עסן?"

„וואָס טייטש עסן?" זאָגט דער ייד אַ צופרידענער. ער מיינט, ער האָט אים שוין ביי זיך אין קעשענע. „אַ קלייניקייט, לאַקשן מיט קעז! אַז איך האָב נאָך הייַנט אין מויל נישט געהאַט."

„וואויל ווי די וועלט!" זאָגט דער קמצן, „קומט אַריין מאָרגן. מיין ווייב קאָכט הייַנט לאַקשן. אַז סע וועט בלייבן, וועט איר מאָרגן עסן."

קעגן די אייניקלעך, וואָס מע זאָגט, אָדער יעקב און עשו גלייַכן זיך אויס

אין לעכאָוויטש איז געווען אַ יונגערמאַן, אַ וואויל־געלערנטער—סיי אין יידישע זאַכן און סיי אין גויאישע, נאָר ער איז נעבעך געווען אַ גרויסער לץ און אַן אַפּיקורוס. שטענדיק האָט ער געהאַט אַרום זיך אַ חברה חסידים זיינע, און ער האָט ליב געהאַט אָפּצולאַכן פון אמונה זאַכן און פון יידישקייט. איינמאָל, אַ שבת פאַרנאַכט צו שלוש סעודות, כאַפּט ער זיך אַריין מיט זיין חברה אין חסידים שטיבל און נעמט דאָרט מיט זיינע חכמות טשעפּען זיך צו די יידן.

אַז דעם רבי'ס גבאים זענען אַזאַ זאַך, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון און האָבן אים געוואָלט אַרויסוואַרפן צוזאַמען מיט זיין גאַנצן געזינדל. נאָר דער רבי האָט דאָס באַמערקט, האָט ער אַ וואונק געטון, אַז מע זאָל אים געמאַך לאָזן. האָט מען אים געלאָזט.

נאָר אַז דער רבי זעט, דער יונגערמאַן טשעפּעט זיך ווידער צו יידן, רופט ער אים צו, הייסט אים זעצן זיך, און זאָגט: „איך וויל דיר עפּעס דערציילן. דו געדענקסט נאָך אַוודאי, וואָס די תורה זאָגט וועגן יעקב און עשו: עשו איז געווען אַ יעגער, אַ פעלד־מענטש, און יעקב איז געזעסן אין געצעלט און האָט געלערנט. דער ענין איז מיר אַלעמאָל געווען אַביסל קשה. נאָר איצט איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר די גאַנצע זאַך. די מעשה פון דעם איז אַזאַ: אַז יעקב האָט געהערט, אַז עשו קומט אים אַנטקעגן, האָט ער זיך דערשראָקן: ס'איז דאָך עפּעס אַן עשו! וואָס האָט יעקב געטון? האָט ער גענומען אַ קרעטשמע אין אַ דערפל, און האָט זיך אַנידערגעזעצט לערנען.

איינמאָל, אַ ביינאַכט, ווי ער זיצט אַזוי ביי אַ ליכטל און לערנט, פּלוצים—אַ קלאַפּ אין טיר. און ווער, מיינסטו, קומט אַריין?—עשו, אָנגעטון אין אַ מונדיר ווי אַ פּריסטאַוו. „אַ געזונט דיר, ברודערל!" זאָגט ער צו יעקבן, „ווייסטו, אַז דו האָסט נישט קיין ווּאינרעכט און דו טאָרסט דאָ אין דאָרף נישט וואוינען, און טאָרסט נישט האַלטן קיין אַרענדע?!" האָט זיך יעקב דערשראָקן און נעמט זיך בעטן: „ברודער, וואָס זאָל איך טון? איך דאַרף דאָך פּרנסה, איך האָב אַ גרויס בני־

בית, און דאַרף זיי אַלע אויסהאַלטן.״ זאָגט עשו: „דו קענסט דיר אַן עצה געבן. גיב אין האַנט אַריין, און איך וועל דיך לאָזן.״

יעקב האָט נישט געהאַט קיין ברירה און האָט אים געגעבן וויפיל ער האָט געהאַט. אַבי פּטור צו ווערן פון אים. נאָר אַז עשו איז אַוועק, האָט יעקב איבער־געטראַכט, אפשר נעמען זיך צו עפּעס אַנדערש, אַז ער זאָל נישט דאַרפן האָבן אַן עסק מיטן ברודער. און אַזוי ווי ער האָט געקענט לערנען און האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ מגיד. ער וועט אַרומפאָרן איבער דער וועלט, וועט ער נישט דאַרפן האָבן קיין וואוינערעכט.

און יעקב איז געוואָרן אַ מגיד. ער איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, און האָט געהאַלטן דרשות אין די בתי־מדרשים, און ער האָט געקריגן אַ שם.

איינמאָל, ער שטייט אַזוי אין שול און רעדט און דרשנט וועגן אַ הויכן ענין, פּלוצים—עשו איז דאָ. „העלאָ, יעקב! האָסט אַ פּאַספּאָרט? האָסט אַ דערלויבעניש צו האַלטן דרשות קעגן דער רעגירונג?״

יעקב האָט זיך דערשראָקן און זיך גענומען בעטן: „ברודער, דו ווייסט דאָך, איך דאַרף פּרנסה. איך האָב קיין עין־הרע נישט, אַ גרויס בני־בית. נאָ דיר וויפיל איך פאַרמאָג, און לאָז מיך אָפּ.״ אָט דאָס האָט דאָך טאַקע עשו געוואָלט. ער האָט צוגענומען, און האָט אים געמאַך געלאָזט.

יעקב האָט זיך ווידער אַרומגעזען, אַז ס'איז נישט קיין פּלאַן צו זיין אַ מגיד. וואָרן עשו געפינט אים, כאָטש ער איז יעדע וואָך אין אַן אַנדער פּלאַץ. וואָס טוט מען? האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ גוטער ייד. און אַז עשו וועט ווידער קומען, וועלן די גבאים אים אָננעמען און געבן דעם וועג. און יעקב איז געוואָרן אַ רבי, און האָט אָנגעהויבן פירן טיש.

איינמאָל, ווי ער זיצט אַזוי מיט זיינע חסידים און פראַוועט טיש,—ווער, מיינסטו, לאָזט זיך אַריין מיט אַ ברייטן שלום עליכם?—עשו! „יעקב,״ זאָגט ער, „דו האָסט נישט קיין רעכט צו זאָגן תורה, און לערנען וואָס מע מעג, און וואָס מע טאָר נישט. נאָר ווייסט דאָך...״

יעקב האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן. ער הייסט אים זעצן זיך און זאָגט: „הער, עשו, אַז איך בין געזעסן אין אַ שטיבעלע אין אַ דערפל, און האָב געלערנט, האָסטו מיך מקנא געווען, וואָס איך קען לערנען, און דו—נישט. אַז איך בין נאָך דעם געוואָרן אַ מגיד, האָסטו מיך ווידער מקנא געווען, וואָס איך קען האַלטן דרשות, און דו—נישט. נאָר איצטער, וואָס ווילסטו איצטער? אַ רבי מוז נישט קענען לערנען, צו פירן טיש. ס'איז גענוג, אַז מען איז אַן אייניקל. נו, דו ביסט אַן אייניקל, און איך בין אַן אייניקל. מיר קומען ביידע אַרויס פון דעמזעלבן זיידע. וואָס ווילסטו איצטער?״

דער שבת־גוי ווייסט פון דעם דין

דער פעטער בנימין איז אין די יונגע יאָרן געווען געכאַפּט אין דער מעשה. ער האָט ליב געהאַט צו לייענען אַפּיקורסישע ביכלעך, רייכערן אום שבת, וכדומה. און דאַוועגען? ווער דאַווענט?! וואָס דאַווענען?! אַ פאַלבער אַפּיקורוס! אַז ס'איז גע־

קומען די צייט צו שטעלן זיך צום פּריזיוו, צו מיליטער־דינסט, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן. ער האָט נישט געוואָלט גיין דינען פּאָניען. פאַרוואָס זאָל ער אים עפּעס דינען? פאַר די פּאָגראָמען, וואָס ער מאַכט אַף יידן? איז ער אַוועק פון דער היים און האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיין ברודער אברהמל, דעם בדחן, אין בערעזין. ר׳ אברהמל האָט זיך דווקא געפירט יידישלעך. ער איז נישט געווען קיין גאָטס סטראַפּציע, נאָר ער האָט, חלילה, קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין דאַווענען, און האָט אָפּגעהיט שבת און יום־טוב.

איינמאָל, זומער־צייט, אַ שבת בייטאָג, שטייט ר׳ אברהמל אויף פון שלאָף נאָכן טשאָלנט און נעמט זאָגן פּרק. דערוויל האָט אים גענומען דאַרשטן און ער האָט ממש געחלשט צו טרינקען אַ הייס גלאָז טיי. אַז ער זעט ווי זיין ברודער, דער אַפּיקורוס, זיצט און לייענט זיך אַ טריף־פּסול, גיט ער זיך אַ זאָג: „אַי, ווען איוואַן, דער שבת־גוי, האָט שכל און קומט צו גיין און שטעלט אויף דעם סאַמאָוואַר אין פירהויז!"

דער פעטער בנימין האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך. וואָס איז, די טיי, וואָס מ'האָט געשטעלט אין דעם הליאַק אין אויוון, איז נישט גענוג הייס פאַר אברהמלען? נאָר ער הייבט זיך אויף, רוקט זיך אַרויס פון שטוב, גייט דורכן גאָרטן צו צום שכנס ברונים, שעפּט אָן אַן עמער וואַסער, קערט זיך אום און שטעלט אויף דעם סאַמאָוואַר אין פירהויז. מילא, אַז מע זאָגט אַ שבת־גוי איז אַ שבת־גוי! די שטוביקע האָבן געהערט ווי דער פעטער בנימין פאַרקעט זיך אין פירהויז און דרייט זיך דאָרט. נאָר וועמען אַרט עס? מ'האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק.

אַז ר׳ אברהמל האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן זאָגן פּרק, קומט אַריין דער פעטער בנימין מיט אַ הייס גלאָז טיי, זעצט זיך אַנידער ביים טיש און טרינקט, און לאָזט זיך וואוילגיין. זאָגט ר׳ אברהמל: „נו, איך זע, דער שבת־גוי האָט געמאַכט טיי. טאָ וואו איז זי?"

לאַכט דער פעטער בנימין: „אברהמל, דו האָסט פאַרגעסן דעם דין? אַז אַ גוי מאַכט טיי אום שבת, טאָר מען פון איר נישט טרינקען, סיידן ער אַליין טרינקט פריער דאָס ערשטע גלאָז טיי. וואַרט אַ מינוט, איך וועל אָפּטרינקען, וועסטו אויך מעגן טרינקען."

דער פרומער ייד און דער אַפּיקורוס

שטייט זיך אַ ייד פאַר זיין שטוב אין אַ קאַלטער, ליכטיקער ווינטערנאַכט און איז זיך מחדש די לבנה. דער פראָסט ברענט, דער אָטעם פרירט, נאָר דער ייד שטייט זיך גלייך גאָר נישט, האַלט אין איין האַנט אַ סידור, און אַן אויפגעהויבענעם לאַמטערן אין דער צווייטער האַנט, און וויגט זיך און בעט אַף אַ קול: „ויהי אור הלבנה כאור החמה", אַז די לבנה זאָל שיינען ווי די זון.

ווי ער שטייט אַזוי, קומט אָן דער שטעטלדיקער לץ, אַ יונגערמאַן—אַן אַפּיקורוס, אין אַ לייכטן איבערציער, און ציטערט פון קעלט. נאָר אַז ער זעט ווי דער ייד איז זיך מחדש די לבנה אין פראָסט און בעט ביי דעם אייבערשטן, אַז די לבנה זאָל זיין ווי די זון, בלייבט ער שטיין און גיט זיך אַ זאָג: „ר׳ ייד, וואָס וועט

איך אַרויסקומען, אַז די לבנה וועט שיינען ווי די זון? איר האָט שוין אַלץ פֿאַר־זאָרגט, און סע פֿעלט אייך בלויז, אַז די לבנה זאָל זיין ווי די זון?"

דער ייד בלייבט אים נישט שולדיק און ענטפֿערט אים אָפֿן אָרט: "פֿאַרשטייט איר מיך, דעמאָלט, וועט זיך אַזאַ יונגערמאַן ווי איר קענען אַביסל אָנוואַרעמען אין אַ קאַלטער נאַכט."

נישט קיין באָרד און נישט קיין לערנען, און אַף אַלץ בילט ער

דער חתם סופֿר, פּרעשבורגער רב, איז אַמאָל געווען אַף אַן אסיפה אין שטאָט. אַ וויכטיקע אסיפה. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער מקווה, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט פֿאַרריכטן, און וועגן אַנדערע קהלישע זאַכן, אַף וואָס מ'האָט געדאַרפֿט האָבן געלט. ביי דער אסיפה זענען געווען פֿאַרזאַמלט די גאַנצע פּני פֿון שטאָט. האָט דער חתם סופֿר גערעדט מיט זיי וועגן דער וויכטיקייט פֿון די אַלע זאַכן, און ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז אַלע זאָלן זיך באַשטייערן מיט געלט, איטלעכער לויט זיינע כוחות.

די פֿאַרזאַמלטע האָבן מסכים געווען, און איטלעכער איז געווען גרייט צו נעמען אַף זיך אַ חלק פֿון די הוצאות. נאָר איינער, אַן אויפֿגעקומענער גביר, אַ גלות נאָך אין יענע צייטן, האָט נישט דערלאָזט, אַז מע זאָל דאָס דורכפֿירן. ער האָט געטענהט, אַז מע דאַרף דאָס געלט אַף וויכטיקערע זאַכן. וויפֿיל מ'האָט דאָס צערעדט מיט אים און איינגעטענהט, האָט נישט געהאָלפֿן. ער איז געבליבן איינ־געשפּאַרט: ניין און ניין. דאָס האָט שוין דעם חתם סופֿר פֿאַרדראָסן: נישט ער טוט אַליין עפּעס, דער אויפֿגעקומענער גביר, און נישט ער לאָזט אַנדערע זאָלן עפּעס טון. זאָגט ער צו די פֿאַרזאַמלטע: "רבותי, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. די גמרא זאָגט, גימל עזין הם — דריי עזות־פּנימער זענען דאָ צווישן די באַשעפֿענישן אַף דער וועלט: דער האָן צווישן די עופֿות, די ציג צווישן די בהמות, און דער הונט צווישן די חיות — דער ערשטער איז דער האָן. סע קומט גאַנץ פֿרי, ווי נאָר סע הייבט אָן צו שפּראָצן אַף טאָג, הייבט ער אָן צו קרייען און וועקט אויף דעם באַלע־באָס. דער צווייטער עזות־פּנים איז די ציג. אַז זי גייט מיט אַ גאַנצער סטאַדע שאָף, לויפֿט זי אַלעמאָל פֿאַראויס די ערשטע. און דער דריטער איז דער הונט. מ'האַלט אים אין שטוב, און מע גיט אים עסן, און אַז סע קומט צו גיין אַ גאַסט, נעמט ער בילן, און בילט.

"אַף יענער וועלט, אַז מע נעמט די דריי צום משפּט, פֿאַרענטפֿערט זיך דער האָן, אַז ער מיינט, חלילה, נישט קיין שלעכטס מיט זיין קרייען. אַדרבה, ער מיינט דאָס לשם־שמים, פֿון דעם אייבערשטנס וועגן. ער קרייעט אויפֿצוּוועקן דעם באַלעבאָס, אַז ער זאָל אויפֿשטיין און גיין אין בית־מדרש אַריין לערנען. די ציג ווידער פֿאַרענטפֿערט זיך, אַז זי ווייסט, אַז עס זענען דאָ אין דער סטאַדע עלטערע פֿון איר, נאָר זי האָט דאָך אַ באָרד, דערפֿאַר דאַרף זי גיין פֿאַראויס."

דאָ האָט דער חתם סופֿר אַ קוק געטון אַף דעם אויפֿגעקומענעם גביר, דעם גלות, און ווייטער דערציילט:

"נאָר דו, הונט, קיין באָרד האָסטו נישט, לשם־שמים מיינסטו נישט, וואָס בילסטו?"

אים ווילט זיך וויסן, וואו סע שטייט געשריבן אַ וואָרט מיט פֿיר קאָמעצן

אַן איידעמל אַף קעסט, אַ וואוילקענעוודיקער, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פרייען, איז אַמאָל געקומען צום רב מיט אַ שאלה. אים האָט זיך פאַרוואָלט דעם רב אַ קיבעץ טון. דער רב האָט אים פיין אויפגענומען, און האָט אים געהייסן זעצן זיך. ער האָט אים דערנאָך געפרעגט, וואָס סע האָט אים געבראַכט צו אים און וואָס ער האָט עפעס צו זאָגן גוטס.

דער יונגערמאַן איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דעם רבס ווייכקייט און איידלקייט, אַז ס'האָט אים אָפגענומען דאָס לשון און ער איז פאַרשטומט געוואָרן אַ מינוט. נאָר באַלד איז ער געקומען צו זיך און האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען: „רבי... רבי, איך האָב אייך געוואָלט פרעגן, אפשר קענט איר מיר זאָגן, וואו שטייט געשריבן אין דער תורה אַ וואָרט מיט פיר קאָמעצן?"

דער רב האָט גלייך געכאַפּט וואוהין דער יונגערמאַן צילט, זאָגט ער אים: „אַזאַ וואָרט איז דאָ אין חומש. אין דעם ספר דברים, סדרה ראה, ווערט דערמאָנט אַ רויבפויגל מיט דעם נאָמען ה ר ח מ ה (האַראַכאַמאַ). נאָר איצט, יונגערמאַן, אַז דו ביסט שוין יאָ אַזאַ חכם, וועל איך דיך פרעגן: וואו שטייט געשריבן אַ וואָרט מיט פיר פּתחן?"

דער יונגערמאַן זעט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, שטאַמלט ער: „וואו...וואו, רבי?"

„איך וועל דיר זאָגן", ענטפערט אים דער רב, נאָר דו זאָלסט עס קיינעם נישט אויסזאָגן. דאָס זאָל בלייבן ביי דיר. אין דער סדרה בחוקותי שטייט ו א ת ה ק ד ח ת (האַקאַדאַכאַס)."

דעם רביס ברכה

אַן איידעמל אַף קעסט, אַן אַפּיקורוס, האָט זיך פאַרוואָלט אַמאָל אָפּלאַכן פון אַ חסידישן רבי. נעמט ער און פאַרשטעלט זיך פאַר אַ חסיד און גייט אַריבער צום רבי מיט אַ פּדיון. געקומען אין הויף, האָט ער זיך געלאָזט שרייבן אַ קוויטל ביים גבאי. און אַז מ'האָט אים אַריינגעלאָזט צום צדיק, האָט ער אים דערלאַנגט דאָס קוויטל מיט אַ גאַנץ פיינעם פּדיון. און אַלץ איז צוגעגאַנגען גלאַטיק.

דער רבי האָט מיט אים געשמועסט און אויסגעפרעגט, און ער האָט דער־טאַפּט וואָס דער יונגערמאַן איז אויסן. האָט ער אַ זיפץ געטון און געשוויגן אַ מינוט. פאַרן אַוועקגיין זאָגט צו אים דער רבי: „און איצט, מיין זון, וויל איך דיך בענטשן." און ער לייגט אַרויף זיינע הענט דעם יונגנמאַן אַפן קאָפּ און זאָגט דריי מאָל: „צו רפואה, צו רפואה, צו רפואה!"

דער יונגערמאַן האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען. אים איז דידאָזיקע ברכה גע־ווען קשה. ער האָט געוואָלט דעם רבי איבערפרעגן וואָס ער מיינט, נאָר ער איז עפּעס געוואָרן חושים און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

אַז ער איז אַרויסגעקומען, גייט ער צו צום גבאי און דערציילט אים די מעשה און פרעגט אים: „וואָס האָט דער רבי געקענט מיינען מיט זיין ברכה 'צו רפואה, צו רפואה, צו רפואה'?"

דער גבאי אַ קלוגער ייד, גיט אַ קוק אַף דעם יונגנמאַן און זאָגט: „וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? דו ווייסט דאָך, אַז דער אייבערשטער שיקט תּמיד די רפואה פאַר דער מכּה. דער רבי, זאָל לעבן, האָט דיר געגעבן די רפואה, און גאָט, ברוך הוא, זאָל דיר געבן די אמתע, די ריכטיקע מכּה.״

יידן וואָס האָבן אָנגענומען די תּורה, און יידן וואָס האָבן זי נאָך נישט אָנגענומען

אַן אַפּיקורוס איז אַמאָל ערב־שבועות אַריינגעקומען צום רב און האָט מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם יום־טוב. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַ קליגל טון אַפן חשבון פון יידישע מנהגים. זאָגט ער: „רבי, איר ווייסט פאַרוואָס יידן עסן שבועות מילכיקס?״

דער רבי האָט גלייך געכאַפּט, אַז דער אַפּיקורוס וויל זאָגן עפּעס אַ ליצנות. פרעגט ער אים: „אַדרבה, לאָמיר הערן: פאַרוואָס?״

לאַכט דער אַפּיקורוס און זאָגט: „מע עסט מילכיקס דערפאַר, ווייל אין דעם טאָג, ווען מ׳האָט געדאַרפט געבן די תּורה, זענען אַלע בהמות אַוועק צום באַרג סיני.״

שמייכלט דער רב און פאַטאַקעוועט אים: „דו האָסט גוט געזאָגט. איידער די יידן האָבן אָנגענומען די תּורהביים באַרג סיני, זענען זיי געווען פונקט ווי בהמות. זיי האָבן נישט געוואוסט—נישט פון קיין מעשים־טובים און נישט פון קיין מידות־טובות און נישט פון קיין מענטשלעכקייט. ערשט נאָך דעם ווי זיי האָבן אָנגענומען די תּורה, זענען זיי געוואָרן מענטשן. נאָר די יידן, וואָס האָבן נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט אָנגענומען די תּורה, זענען געבליבן בהמות.״

דער שטעטלשער אַפּיקורוס און דער רב

דעם שטעטלשן אַפּיקורוס האָט זיך אַמאָל פאַרוואָלט טרייבן אַ שפּאַס מיטן רב. ער האָט זיך באַרימט פאַר זיינע חברים, די פרייע חברה־לייט, אַז ער קען דעם רב פאַרשטעקן אין אַרבל, און אַז ער וועט זיי ווייזן ווי אַזוי ער וועט אים פירן אין באָד אַריין. איינמאָל קומט דער חברה־מאַן צום רב, מאַכט אַ פרום פּנים און זאָגט: „רבי, איך וויל תּשובה טון.״

דער רב קוקט אים אָן, און דער אַפּיקורוס רעדט ווייטער: „איך וויל, רבי, איר זאָלט מיר ווייזן דעם רעכטן וועג, דעם דרך־הישר. גיט מיר אַ סדר־היום, ווי אַזוי איך זאָל מיך פירן יעדן טאָג.״

דער רב מעסט אים נאָכאַמאָל אָפּ, זעט מיט וועמען ער האָט צו טון, זאָגט ער צו אים: „גוט, יונגערמאַן. הער דיך צו און טו ווי איך וועל דיר זאָגן. מאָרגן אין דער פרי, אַז דו וועסט אויפשטיין, עס אָנבייסן, און גיי דיך דורך דערנאָך, כאַפּ אַ שפּאַציר אין דער זון אַ פּאָר שעה.

„אַז דו וועסט קומען פון שפּאַציר, עס אַ גוטן וואַרעמעס, און לייג דיך נאָכ־דעם צו שלאָפן אַף אַ פּאָר שעה. רו דיך גוט אויס. נאָכן שלאָף—גיי אַרויס אַביסל,

זע דיך מיט דיינע פריינט, שמועס מיט זיי פון וועלט־זאַכן. דערנאָך גיי צוריק אַהיים און עס אַ געשמאַקע וועטשערע. נאָכן עסן—גיי אַריין אין אַ ווייַנשענק, פאַרברענג דאָרט דעם אָוונט מיט דיינע גוטע פריינט. שפּעטער גיי אַהיים און לייג דיך שלאָפן.״

דער רב בלייבט שטיל. און דער אַפּיקורוס קוקט אים אָן און פרעגט: „נו, און איבערמאַרגן, רבי? וואָס זאָל איך איבערמאַרגן טון?״

„איבערמאַרגן?״ פרעגט איבער דער רב מיט אַ שטרענגן קוק. „נאָך אַזאַ טאָג ווילסטו נאָך איבערמאַרגן אויך דערלעבן?!״

פאַרוואָס אַ ייד, אַ משכיל, האָט זיך געפרייט מיט דער תורה

דער בראָדער מגיד ר׳ שלמה קלוגער האָט אַמאָל שמחת־תורה באַמערקט ווי אַ ייד, אַביסל אַן אויפגעקלערטער, וואָס מ'האָט געזען אין בית־מדרש בלויז שבת און יום־טוב, האָט דאָרט געטאַנצט און געהוליעט מער פון אַלע יידן. רופט ער אים צו און פרעגט אים: „וואָס איז מיט דיר אַזוי די גדולה? וואָס פרייסטו דיך אַזוי מיט דער תורה?״

זאָגט דער ייד: „איר פאַרשטייט, רבי, איך פריי מיך, וואָס גאָט אַליין האָט אונז געגעבן די תורה, און נישט קיין אַנדערער. ווייל טאָמער, חס־ושלום, וואָלט דער קייסער אונז געוועזן געגעבן די תורה, וואָלטן מיר זי געמוזט אָפּהיטן מיט אַלע אירע מצוות. און דעמאָלט וואָלט געווען גאָרנישט ניט אַזוי גוט.״

אפרים גריידינגער און די אַרענדאַרקע

אפרים גריידינגער, איר געדענקט אים דאָך, דעם גאַליציאַנער וויצלער, איז אַמאָל געגאַנגען איבער די דערפער, צו זוכן אַ פאַרדינסטל. ווי ער גייט אַזוי, קומט ער צו גיין צו אַ רייכן אַרענדאַר, און בעט דאָרט די אַרענדאַרקע, אַז זי זאָל אים געבן עפּעס אָפּצועסן. זאָגט די אַרענדאַרקע, אַז זי האָט אַליין נישט וואָס צו עסן.

ביטער, טראַכט פראַיקע. וואָס טוט מען מיט אַ הונגעריקן מאָגן? דערווייל דערזעט ער,—ס'איז געווען אַ דאָנערשטאָג,—אַז אין קיך אָף אַ ברעטל ליגט אַ געקוילעט עוף און פלייש. שמייכלט ער צו זיך: אָ, אַזאַ מעשה! איצט ווייסט ער מיט וועמען ער האָט דאָס דאָ צו טון! אויב אַזוי, וועט עס איר שוין גלאַט נישט אָפּגיין! און ער הייבט אויף אַ שטעקעלע פון דר'ערד, שפּילט זיך מיט דערמיט און רעדט: „איר ווייסט, באַלעבאָסטע, ווען איר זאָלט מיר נאָר געבן אַ טאָפּ מיט וואַסער, וואָלט איך מיר מיט אָט דעמדאָזיקן שטעקעלע, וואָס איר זעט, געקענט אָפּקאָכן אַ גוטע זופּ.״

ווערט די אַרענדאַרקע ציעקאַווע: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שטעקעלע?״

„אָ, דאָס איז אַזאַ שטעקעלע,״ מאַכט פראַיקע טאַמעוואַטע, „אַז איך מיש מיט אים אין אַ טאָפּ וואַסער איבער אַ פייער, קען איך מיר מאַכן וואָס פאַר אַ געקעכץ איך וויל.״

די אַרענדאַרקע הערט אַזאַ זאַך, טראַכט זי שוין בלויז וועגן דעם שטעקעלע

און ווי אַזוי ער וועט מאַכן מיט אים אַ זופּ. זי גיסט אים אָן אַ טאָפּ וואַסער, און פּראַיקע שטעלט אים אַנידער אַף דער בלעך אין קיך און נעמט מישן. מישט און רעדט. רעדט ס'אַ וואונדערלעך שטעקעלע דאָס איז, און ווי ס'האָט אים שוין נישט איין מאָל געראַטעוועט פון צו גיין שלאָפן מיט אַ הונגעריקן מאָגן.

אַז דאָס וואַסער האָט גענומען קאָכן, זאָגט פּראַיקע: „באַלעבאָסטע לעבן, אפשר האָט איר עפּעס אַ ביין, דרויב פון אַן עוף און אַביסל זאַלץ?"

„אַוודאי, אַ שאלה אַביסל!" און זי דערלאַנגט אים אַ גוטן מאַרך־ביין און דרויב און זאַלץ. פּראַיקע טוט דאָס אַריין אין טאָפּ און מישט און רעדט. אין אַ מינוט אַרום פרעגט ער ווידער: „באַלעבאָסטע לעבן, אפשר האָט איר אַביסל גריץ, אַ מערל מיט אַ שטיקל קרויט?"

„אַ קלייניקייט אַביסל? אַט האָט זי. וואָס וועט זי זשאַלעווען, וואָס? זי האָט, ברוך־השם, אַ פולן גאָרטן מיט גרינס, האָט זי." און זי דערלאַנגט אים גריץ און גרינס. און פּראַיקע טוט דאָס אויך אַריין און מישט און רעדט, רעדט און מישט. פאַרטיק געוואָרן, גיסט זיך פּראַים אָן אַ טעלער זופּ און פאַסמאַקעוועט זיך, אַ מחיה! דער אַרענדאַרקע רינט די סלינע איבער: זי וויל נאָר פאַרזוכן. פאַרוואָס טאַקע נישט?

פּראַיקע גיסט איר אָן אַ טעלער זופּ. ס'איז דאָ גענוג פאַר אים און פאַר איר, און סע וועט נאָך איבערבלייבן.

די אַרענדאַרקע עסט. זי מוז צוגעבן, אַז אַזאַ געשמאַקע זופּ האָט זי שוין לאַנג נישט געגעסן. אַ וואונדערלעך שטעקעלע!

„אפשר פאַרקויפט איר מיר דאָס שטעקעלע?"

„חס וחלילה! דאָס נישט! דאָס שטעקעלע איז אַ ירושה־זאַך. נאָר כ'וויס, אפשר. איר זענט דאָך אַזאַ טייערע יידינע מיט אַ גילדן האַרץ. וואָס, אַשטייגער, וועט איר מיר געבן פאַר דעם שטעקעלע?"

„כ'וויס," זאָגט די אַרענדאַרקע, „אַ ראַייניש וועט זיין גענוג?"

„אַ ראַייניש?" זאָגט פּראַיקע. „חס ושלום! פאַר קיין געלט נישט."

„טאָ וואָס וואָלט איר געוואָלט?"

„נאָר נישט קיין געלט!" פאַרזיכערט איר אפרים. „אַ קלייניקייט! אַ ירושה פון דורות! נאָר ער ווייסט, אפשר... אַז זי וועט אים געבן דאָס געשאָכטענע עוף, צוזאַמען מיטן ראַייניש, וועט ער איר מאַכן דאָס אַ מתנה."

הכלל, זיי האָבן געמאַכט אַ בייט. פּראַיקע האָט זיך אַפילו געקווענקלט, נאָר צום סוף האָט ער איר געגעבן דאָס שטעקעלע, און ער איז אַוועק אַהיים מיט אַ פעט עוף אַף שבת און נאָך מיט אַ גולדן צו דערצו.

באַמערקונג: ענלעכע מעשהלעך געפינט מען אויך ביי אַנדערע פעלקער.

ער איז געבליבן מיט אַ נאָז

אפרים גריידינגער האָט זיך אַמאָל פאַרדונגען פאַר אַ מלמד אין אַ דאָרף. אַז ער איז אָפּגעווען אַ זמן און נאָך אַ זמן, און האָט אָפּגעשפּאָרט אַ שיינע פאַר ראַייניש פאַר ווייב און קינדער, האָט ער זיך געגרייט אַהיימצופאָרן אַף פסח.

פראַיקע גריידינגער קומט אַהיים מיט אַ נאָז

פראַיקע האָט זיך אָפּגעזעגנט, האָט געגומען זיין פּעקל אונטערן אָרעם און האָט זיך געלאָזט אָפּן וועג אַהיים. אַז ער איז שוין געווען נאָנט פון שטעטל, שפּרינגט אַרויס אַ גזלן פון וואַלד, נעמט ביי אים צו די פּאָר ראַייניש, און לאָזט אים אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה. טראַכט אפרים גריידינגער: "מילא, אַ דאַנק דעם אייבערשטן דערפאַר. וואָס וואָלט, חלילה, געווען, ווען דער רוביבער מאַכט אים פּאָר אַ קאַליקע, אָדער ווען ער דערהרגעט אים אין גאַנצן? נאָר ווי אַזוי ווייזט מען זיך איצט פאַרן ווייב אָן אַ גראָשן געלט? סע גייט צו פּסח און מע דאַרף ווייב און קינדער באַנייען און באַשוכן. וואָס וועט זיין יידינע זאָגן, אַז ער וועט אַהיימ־קומען מיט ליידיקע הענט?" פאַלט אים איין אַ געדאַנק, און ער נעמט אַרויס זיין רויטע פאַטשיילע און בינדט אַרום זיין נאָז.

געקומען אין שטוב אַריין, און זיין ווייב דערזעט אים מיט אַן אַרומגעבונ־דענער נאָז, מאַכט זי אַ געוואַלד: "אַ ווייטיק איז מיר! וואָס איז דאָס?"

"פאַרשטייסט, מיין ווייב, ווען איך בין געגאַנגען דורכן וואַלד, איז מיך באַ־פאַלן אַ גזלן, עפּעס אַ ווילדע בריאה, און ער האָט מיר געגעבן אַ ברירה: אָדער איך זאָל אים געבן דאָס געלט, אָדער איך זאָל אים לאָזן, אַז ער זאָל מיר אָפּ־שניידן די נאָז. אַז איך האָב דערהערט אַזאַ זאַך, טראַכט איך מיר: סע גייט צו פּסח, מע דאַרף מצות און וויין און פלייש, און מע דאַרף אַ קליידל פאַרן ווייב און אַ בגד פאַר די קינדער, טאָ ווי אַזוי קען איך אים געבן דאָס געלט? איכל אים שוין בעסער געבן די נאָז. זאָל ער האָבן די נאָז!"

"אוי, דו למך איינער, דו שלומיאל!" נעמט זיין ווייב ווידער שרייען. "בעסער געווען, אים געבן דאָס געלט, איידער בלייבן אָן אַ נאָז!"

"שאַ, שאַ, מיין ווייב," נעמט פראַיקע זי באַרואיקן "אַזוי האָב איך טאַקע געטון." און ער האָט אַראָפּגענומען די פאַטשיילע און איר געוויזן, אַז ער איז געבליבן מיט אַ נאָז, נישט מיט קיין געלט.

דער גביר מאַכט אַ שמחה פאַר גאַנץ שטאָט, נאָר סע גייט אים נישט איין

דער גביר פון שטאָט איז געווען שטיין־רייך. ער האָט פאַרמאָגט מויערן און מילן, געוועלבן און וואַרשטאַטן, און אַן אַ שיעור קאָמעניקעס און שכנים און "מענטשן".

איינמאָל, ס'איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען, נעמט ער אַוועק די האַנט פון האַרץ, און באַשליסט צו מאַכן אַ שמחה פאַר גאַנץ שטאָט. ער האָט געטראַכט: "דאָס גאַנצע לעבן זיינס, אַז ער נעמט ביים עולם דירה־געלט און פּראָצענטן. צייט צו לאָזן זיך קענען. גבירים האָבן געוויינלעך נישט קיין גוטן נאָמען ביים עולם. נאָר ער וועט זיי ווייזן, אַז ער איז נישט אַזאַ ווי מע מיינט, און זאָל מען נישט רעדן."

געטראַכט און געטון. ער רופט אַריין זיין באַגלייבטן מענטש, זיין שעפּסעלע גבר (גוואַר), די רעכטע האַנט זיינע, רעדט מיט אים וועגן דעם און הייסט אים צוגרייטן אַ סעודה פאַר גרויס און קליין.

שעפּסעלען איז דאָס געפעלן. נאָר ער ראָט אים, אַז אפרים גריידינגער, דעם

לץ, און זיין ברודער שייקע פייפער דאַרף מען נישט פאַרבעטן צו דער סעודה. דער גביר איז מסכים. און שעפּסעלע נעמט צוגרייטן אַ סעודה פון כל־טוב אין דער גרעסטער סאַליע פון דעם גבירס מויערן. מ׳האָט געקאָכט און מ׳האָט געבאַקן און מ׳האָט אָנגעגרייט מעדני־מלך, מלכותדיקע געריכטן.

אַז ס׳איז געקומען דער טאָג, האָט מען די גאַנצע שטאָט פאַרבעטן צו דער סעודה. נאָר פראַיקען און שייקען האָט מען נישט געבעטן.

געקומען צום גביר אין סאַליע, האָט זיך קליין און גרויס אויסגעזעצט אַרום די לאַנגע טישן, ביי די טייערע געריכטן, און געוואָלט אָנהייבן עסן. נאָר דער עולם גיט אַ קוק, אַז די גאָפּלען און לעפל זענען לענגער פון זייערע הענט. איצט נעם און עס מיט אַזעלכע לעפל און גאָפּלען!

דאָס איז געווען שעפּסעלעס אַרבעט. וואָרן ער האָט דאָך געקענט דאָס האַרץ פון זיין באַלעבאָס, דעם גביר. ער האָט געוואוסט, אַז דער באַלעבאָס וועט די סעודה שפּעטער אויסקרענקען. האָט ער דאָס צוגעגרייט די לעפל און גאָפּלען, אַז דער עולם זאָל זיך נישט קענען צורירן צו די טייערע פישן און פליישן און יאַיכלעך.

נאָר ווי דער עולם זיצט אַזוי, ערשט זיי זעען, אַז אפרים גריידינגער און שייקע פייפער זענען אויך דאָ. ווי קומען זיי אַהער? זיי האָבן געזען, אַז דער עולם גייט צום גביר, זענען זיי אויך געגאַנגען. איצט זיצן זיי אויבן־אָן, איינער אין איין זייט טיש, און דער אַנדערער אַנטקעגן, אויף דער צווייטער זייט טיש. „וואָס זיצט איר, מיינע ליבע פריינט, פאַרוואָס עסט איר נישט?״ פרעגט פראַיקע דעם עולם.

„ווי אַזוי קען מען עסן מיט אַזעלכע לאַנגע גאָפּלען און לעפל—אַ מעטער די לענג?״ זאָגן די מענטשן.

„שוטים!״ זאָגט פראַיקע. „טוט ווי מיר טוען, וועט איר קענען עסן.״

וואָס אַזוינס האָט פראַיקע געטון? ער האָט מיט זיין לעפל געשטופּט שייקען אין מויל אַריין, און שייקע האָט מיט זיין לעפל און גאָפּל אָנגענומען פלייש און יויך ביי פראַיקען אין טעלער און געשטופּט פראַיקען אין מויל אַריין. אַזוי האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געהאָדעוועט און הנאה געהאַט.

צווישן עולם איז געוואָרן אַ פרייד, אַ גדולה. זיי האָבן נאָכגעטון פראַיקען און שייקען, און זיי האָבן אויפגעגעסן אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען.

שעפּסעלע האָט זיך ביים גביר שוין לאַנג נישט געהאַלטן.

אפֿרים גריידינגער—דער קונצנמאַכער

אַ היימישער ייד, אַ גביר, האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער. און ווי דער שטייגער אַמאָליקע צייטן אין די שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים, האָט דער גביר אויך געמאַכט אַן אָרים־מאָלצייט פאַר די אָרימעלייט. אָבער טאָקע אַ מאָלצייט. פונקט ווי פאַר די מחותנים, די רייכע לייט.

און כדי די אָרימעלייט זאָלן זיך ביי דער חתונה אויך פילן ווי גבירים, האָט מען זיי דערלאַנגט דאָס עסן אין געשיר פון טייערן פאָרצעלאַן און מיט זילבערן עס־געצייג.

אַז מ׳האָט אָפּגעגעסן, האָט דער מחותן, דער כלהס טאַטע, געלאָזט אויס־רופן, אַז די אָרימעלייט, פּונקט ווי אַלע מחותנים, קענען זיך משמח זיין ביזן העלן טאָג אַריין. זיי מעגן טאַנצן און זינגען און זאָגן ווערטלעך וויפיל זייער האַרץ גלוסט.

ביים דעם אָרים־מאַלצייט איז אויך געווען אפרים גריידינגער, דער גאַליציאַ־נער וויצלער און ווערטל־זאָגער. אים איז ממש אויסגעגאַנגען דאָס האַרץ נאָך דעם זילבערוואַרג אַף די טישן. אַזויפיל זילבערנע בעכערלעך און לעפל און מע־סערס! אַי וואָלט ער געוואָלט אַראָפּלאָזן צו זיך אַ לעפל, אַ מעסער! נאָר גיי זאָטשעפּע דיך, אַז די שטיבער זענען פול מיט מענטשן און אַרום און אַרום קוקן אַזויפיל אויגן. נאָר פּלוצים באַמערקט ער ווי אַן אָרימאַן גיט אַ לאָז אַראָפּ צו זיך אין כאַליעווע פון שטיוול אַ לעפל.

סע דויערט נישט לאַנג און פראַיקע שפרינגט אַרויף אַף אַ באַנק און רופט אויס: „רבותי, רבותי! זאָל זיין שטיל!״

וואָס איז? ער וויל באַווייזן אַ קונץ מיט אַ לעפל. און ער נעמט אַ לעפל, הייבט אים אויף און ווייזט: „איר זעט אָט דעם לעפל, אָט לייג איך אים אַריין צו מיר אין כאַליעווע, און איצט זעט אַ קונץ.״

און ער גייט צו צו יענעם אָרימאַן און גיט אַ זאָג: „האָקוס, פּאָקוס, איינס, צוויי, דריי!״ און ער גיט אַ שלעפּ אַרויס פון יענעמס כאַליעווע דעם לעפל און לייגט אים אַנידער אַפן טיש. אַלע זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז דער לעפל, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט צו זיך אין כאַליעווע. קיינער האָט אַפילו נישט חושד געווען, אַז יענער אָרימאַן האָט פריער אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין כאַליעווע אַ לעפל.

און פראַיקע, ער אַליין, איז שפּעטער אַוועק אַהיים מיט אַ זילבערנעם לעפל אין זיין כאַליעווע.

אפרים גריידינגער און דער פריץ

אפרים גריידינגער, דער גאַליציאַנער וויצלער, האָט אַמאָל גענומען זיין קויש און איז אַרויס אין דאָרף עפּעס איינהאַנדלען. דערווייל גייט ער דורך דורך דעם גאָרטן פון דעם שטעטלשן פריץ און ער זעט דאָרט אַזעלכע פרישע אוגערקעס און רעטעכער און ציבעלעס און שאַר־ירקות. קוקט ער זיך אַרום, און ער זעט, אַז ס׳איז קיינער נישטאָ. גייט ער אַריין און נעמט רייסן, און לייגן אין קויש אַריין.

ווי ער לאָזט זיך אַזוי וואוילגיין, קומט אָן דער פריץ אַליין און זעט,—ער האָט פראַיקען גוט געקענט—ווי פראַיקע רייסט דאָס גרינצייג און רייסט. קוקט ער אים אָן מיט חידוש און פרעגט: „פראַיקע, וואָס טוסטו? ווי קומסטו אהער אין גאָרטן?״ דער פריץ איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלע יידן אין האָט מיט אים גערעדט פּראָסט מאַמע־לשון.

פראַיקע האָט זיך אַ מינוט דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן שטאַמלען: „פּריצל פריץ, איך בין מיר געגאַנגען, ווי דו זעסט, מיט מיין קויש אַפן וועג אין דאָרף אַריין. דערווייל איז געוואָרן אַזאַ ווינט, אַז ער האָט מיך אַ כאַפּ געטון און אַריינגעוואָרפן אַהער אין גאָרטן אַריין.״

ווערט שוין דער פריץ אַביסעלע וויכער—ער האָט דאָך געוואוסט, אַז ער

האָט צו טון מיט אַ לץ—און פרעגט אים ווייטער: „יאָ, נאָר פאַרוואָס האָסטו דאָס גרינצייג אַרויסגעריסן?"

„פריצל פריץ," ענטפערט פראַיקע, „זיי נישט ברוגז. זע אַליין: איך האָב מיך געוואָלט ווערן קעגן דעם ווינט, האָב איך מיך אָנגעכאַפּט און צוגעהאַלטן אין דעם גרינס. דערווייל האָב איך אַביסל גרינס אויסגעריסן."

שמייכלט שוין דער פריץ פון פראַיקעס איינפאַל, און זאָגט: „יאָ, דאָס לייגט זיך נאָך אָפּן שכל. נאָר ווי אַזוי קומט דאָס גרינס צו דיר אין קויש אַריין?"

„דאָס, פריצל," זאָגט פראַיקע, „האָב איך אַליין אויך געטראַכט. נאָר דער־ווייל ביסטו אָנגעקומען און האָסט מיר איבערגעריסן מיינע געדאַנקען, נאָך איידער איך בין דערגאַנגען ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפן."

אפֿרים גריידינגער רעכנט זיך אָפּ מיטן גביר

ביי אפרים גריידינגער אין שטעטל האָט דער גביר געפראַוועט דער טאָכ־טערס חתונה. האָט ער פאַרבעטן די גאַנצע שטאָט צו דער שמחה. נאָר ער האָט פאַראויס געלאָזט וויסן, אַז אַלע מוזן קומען לייטיש אָנגעטון. ס'איז דאָך עפּעס אַ גבירישע חתונה!

אַז פראַיקע הערט אַזאַ מעשה, טראַכט ער: ווי קומען צו אים לייטישע מלבושים?! און וואו וועט ער נעמען לייטישע מלבושים?! און ער לאַכט זיך אויס פון דעם. ער וועט גיין אין דעם, וואָס ער האָט.

נאָר אַז סע גייען אַריבער אַ פּאָר טעג, איז ער זיך מיישב, מע דאַרף עפּעס טון. וואָרן גיי הייב דיך אָן מיט גבירים! זיי מיינען אַמאָל, וואָס זיי זאָגן. ער וועט זיך בעסער נישט שפּילן מיט זיי. ווייל ער וויל דאָך שטאַרק זיין אויף דער חתונה. און סע פאַלט אים איין, מע דאַרף זיך זען מיטן שמש. ביי אים וועט ער אַוודאי קענען אָנטלייען עפּעס אַ שטיקל בגד מיט אַן אויסזען. נאָר אָנטון וועט ער עס אונטן, אונטער זיינע מלבושים, וואָס ער טראָגט אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר. און דערנאָך, אַז סע וועט קומען צו דער חתונה, וועט ער זען.

פיין, וואויל. אַז סע קומט דער טאָג פון דער חתונה, גייט ער אַריבער אַהין. נאָר ביי דער טיר—פּאַוואַליע מיטן דישעל! מע לאָזט אים נישט אַריין. וואָס איז? צי האָט ער נישט געהערט, אַז מ'האָט בפירוש געלאָזט וויסן, אַז מע מוז קומען לייטיש אָנגעטון? ס'איז נישט אַבי אַ חתונה. ס'איז אַ גבירישע חתונה.

„אָ, לייטישע בגדים?" זאָגט פראַיקע, „יאָ, אַוודאי ווייסט ער, אַז מע דאַרף קומען אָנגעטון לייטיש. נו, גוט. ער וועט בלויז אַראָפּנעמען פון זיך דאָס אייבער־שטע בגד, וועט ער שוין אויסזען לייטיש, גלייך מיט אַלע מחותנים. גערעכט, ס'איז דאָך עפּעס אַ גבירישע חתונה!

נאָך דער חופּה, זעצט מען זיך צו די טישן, און פראַיקע לאָזט זיך וואוילגיין. ער עסט און טרינקט—אַ מחיה. אַ מחותן גלייך מיט אַלע מחותנים.

נאָר דערווייל באַמערקט מען, אַז נישט נאָר שטאָפּט ער אָן ביידע באַקן, נאָר ער שטופּט אויך אין די קעשענעס. וואָס מע דערלאַנגט צום טיש, שטופּט ער אַריין אין די קעשענעס. אַ פערטעלע געבראָטן עוף, אַ שטיק געפילטע קישקע.

וויקלט זיי איין אין אַ סערוועטל און—אין קעשענע אַריין. די אָרימעלייט, אַז זיי זעען אַזאַ זאַך, טוען זיי אים נאָך, און שטופּן אויך אין די קעשענעס.

דערנאָך האָט מען דערלאַנגט אַלערליי געבעקסן און זיסע זאַכן: לעקעכער און טאָרטן און שטרודלען און אַנדערע טייערע געבעקסן. און אַלץ פאַרשווינדט אין די קעשענעס. ס'איז אים וואויל, פראַיקען!

„וואָס איז דאָס, פראַיקע?" פרעגט אים דער גביר אַליין.

„וואָס חידושט איר אייך, גביר לעבן?" זאָגט פראַיקע. „איר ווייסט דאָך, אַז ביז איך האָב מיך נישט געוויזן אין בכבודיקע מלבושים, האָט מען מיך נישט אַריבערגעלאָזט איבער דער שוועל. הייסט עס, אַז מ'האָט נישט נאָר מיך געלאַדן, מ'האָט אויך פאַרבעטן די מלבושים. נו, דאַרף מען זיי דעריבער אויך צוזען און געבן עפּעס צו עסן. זאָלן זיי אויך וויסן פון אַ גוטן ביסן."

אפרים גריידינגער גיט זיך אַן עצה

אפרים גריידינגער איז אַמאָל געקומען קיין יאַוואָראָוו. אַ פיין שטעטל, אַ וואויל שטעטל, ווי אַלע שטעטלעך אין אַמאָליקן גאַליציע. מיט בתי־מדרשים און חסידישע קלויזן און שטיבלעך, און מיט אַ פּראָפּינאַציע און אַ פּאַרלאַג. הכלל, אַ שטעטל צו גאָט און צו לייט.

געקומען, גייט ער אַריין אין אַ שולעכל, ס'איז נאָך געווען פרי, דאַווענט אָפּ און נעמט זיך אַרומדרייען. ער איז געקומען וועגן אַ שידוך, זאָגט ער, אַז מע פרעגט אים וואָס ער טוט אין שטעטל.

דערווייל איז ער געוואָרן הונגעריק. איז ער אַרויס אין גאַס און קויפט זיך ביי אַ בעקער עטלעכע זעמל, איבערצובייסן. נאָר גיי עס טרוקענע זעמעלעך אָפּן ניכטערן מאָגן! און דאָ חלשט ער נאָך אַ טרונק בראָנפן. נאָר אַריינגיין אין אַ שענק, נעמען אַ שנעפּסל, איז צו אַ גרויסער לוקסוס, און ער קען זיך אַזאַ זאַך נישט פאַרגינען. ער האָט אויסגעציילטע גרייצערס אין קעשענע. וואָס־זשע טוט מען? טראַכט ער, ער וועט אַריינגיין אין דער פּראָפּינאַציע. איר געדענקט דאָך די פּראָפּינאַציעס? די פעסער שטייען דאָרט אָפן, און סע שמעקט, אַז פון דעם ריח אַליין קען מען ווערן שיכור.

אַריינגעקומען, זאָגט ער „גוט מאָרגן" צו דעם „מענטש", וואָס איז דאָרט געשטאַנען ביי אַן אָפענעם פאַס און האָט פאַרקויפט בראָנפן.

„גוט יאָר," ענטפערט דער ייד. און פראַיקע זאָגט אים, אַז ער איז אַ פרעמ־דער אין שטעטל, ער איז געקומען וועגן אַ שידוך, וויל ער וויסן, צי דער ייד קען אפשר הערש בערן, דעם שניט־קרעמער. דערווייל צערעדט מען זיך. דער ייד איז אין זיבעטן הימל, אַז ער הערט, אַז דאָס איז אפרים גריידינגער. ווי מע שמועסט אַזוי, גיט פראַיקע אַ הייב אויף די האַנט און פון בייטל פאַלן אַרויס אַלע זעמעלעך און—גלייך אין פאַס בראָנפן אַריין.

„אַי, אַי, אַי! זאָגט פראַיקע. „ער האָט ערשט געקויפט די זעמעלעך, איבער־צובייסן, און דאָ—אַזאַ זאַך!"

„נו, שאַט, שאַט! ס'איז נישט געפערלעך," זאָגט דער ייד, און ער נעמט אַרויס די זעמעלעך, קוועטשט זיי אויס און גיט זיי פראַיקען.

אפרים גריידינגער באַקוקט די זעמעלעך און טראַכט: אַט דאָס האָט ער דאָך טאַקע געמיינט. כאַטש דער ייִד האָט זיי אויסגעקוועטשט, זענען זיי אָבער נאָך אַלץ אויסגעווייקט אין שנאַפּס. און ער זאָגט „אַ גוטן טאָג," גייט אַרויס און נעמט זיך קוויקן מיט די זעמעלעך.

אפֿרים גריידינגער און דער קאָלאָמייער סוחר

אפרים גריידינגער האָט זיך אַמאָל פֿאַרדונגען צו אַ קאָלאָמייער סוחר, צו פֿאָרן מיט אים קיין לעמבעריק צוליב מסחר. אַזוי ווי קיין באַנען זענען נאָך אין יענע יאָרן נישט געווען, איז מען געפֿאָרן מיט אַ בויד. אַפֿן וועג איז זיי אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אין אַן אָרימער קרעטשמע. האָט מען זיך געוואַשן, איבערגעביסן עפּעס, און גלייך נאָכן בענטשן האָבן זיי זיך געלייגט.

אַז זיי האָבן געכאַפּט דעם ערשטן דרימל, כאַפּט זיך אויף דער באַלעבאָס און נעמט וועקן אפרימען: „אפרים, אפרים, גיב אַ קוק, צי סע רעגנט אין דרויסן."

אפרים דרייט זיך איבער, גיט אַ גענעץ און ענטפֿערט: „סע רעגנט, באַלעבאָס."

„פֿון וואַנען ווייסטו?" פֿרעגט דער סוחר. „דו ליגסט דאָך אין באַנק־בעטל און רירסט דיך נישט."

ענטפֿערט אפרים: „די קאַץ איז אַריינגעקומען."

„זינט ווען איז דאָס אַריינקומען פֿון דער קאַץ אַ סימן, אַז סע רעגנט?" פֿרעגט דער סוחר.

„איך האָב אַ טאַפּ געטון איר פֿעל," ענטפֿערט אפרים.

דער סוחר איז צופֿרידן מיט דעם ענטפֿער, דרייט זיך איבער און פּרובירט שלאָפֿן.

נאָר סע גייט נישט אַוועק לאַנג און ער הייבט ווידער אָן וועקן אפרימען: „אפרים, אפרים, פֿאַרלעש דאָס לעמפּל. איך קען נישט שלאָפֿן, אַז ס'איז ליכטיק."

„דעקט אייך איבער מיט דער קאָלדרע, וועט אייך זיין פֿינסטער," ענטפֿערט אפרים.

„פֿע, דו ביסט אַ פֿוילער מענטש אפרים," זאָגט דער סוחר. „גיי אַראָפּ און פֿאַרמאַך די טיר."

„באַלעבאָס," זאָגט אפרים, „איך האָב פֿאַר אייך געטון שוין צוויי זאַכן. איצט טוט איר אויך עפּעס. גייט אַראָפּ, זייט מוחל, און פֿאַרמאַכט אַליין די טיר."

אפֿרים גריידינגער מיט דעם יצר־הרע און יצר־טוב

אפרים גריידינגער האָט זיך אַמאָל פֿאַרדונגען צו דעם שטאָטישן גביר פֿאַר אַ פֿאַר ראַיניש אַ וואָך. ער איז פּשוט געוואָרן ביי אים אַ משרת.

און דער גביר, איך קענט דאָך שטעטלשע גבירים, האָט מיט פּראַיקן פֿאַרשטופּט אַלע לעכער: וואו עפּעס אַ גאַנג—פּראַיקע; מע דאַרף עמיצן אין שטאָט אָפּטון אַ טערקיש—פּראַיקע; מע דאַרף אַן אָרימאַן אַרויסוואַרפֿן פֿון שטוב—ווידער פּראַיקע. אַלץ מיט פּראַיקען.

איז דאָך דאָס, דאַכט זיך, שוין גענוג ביטער. העלפט גאָט און, צו די אַלע גליקן צאָלט נאָך נישט דער באַלעבאָס ווי סע באַדאַרף צו זיין. אַז סע קומט דאָנערשטאָג אַף דער נאַכט, און מע דאַרף אַהיימברענגען דעם ווייב געלט, אַף צו מאַכן שבת, פאַרצאַפּט אים דער באַלעבאָס פּשוט דאָס בלוט. סע קומט אים אָן מיט קריעת ים־סוף אַרויסצורייסן ביים גביר די פּאָר ראַיניש.

איינמאָל, אַ דאָנערשטאָג אַף דער נאַכט, אפרים דאַרף אַהיימגיין און ברענגען דעם ווייב די פּאָר ראַיניש, נאָר דער גביר מאַכט זיך נישט וויסנדיק און נישט זעענדיק, און באַצאָלט נישט. שטייט פראַיקע אַ פאַרזאָרגטער, אַ פאַרצווייפלטער, און טראַכט וואָס צו טון. פּלוצים וואַקסט אויס לעבן אים דער יצר־הרע און נעמט מיט אים טענהן, אַז ס'איז נאָך נישט עק־וועלט. מען קען זיך אָן עצה געבן. מע דאַרף נאָר האָבן אַביסעלע שכל. און ער זעצט זיך אָן אַף אים און רעדט אים אָן צו טון זאַכן, וואָס אַן ערלעכער ייד דאַרף נישט טון. „פראַיקע,״ זאָגט צו אים דער יצר־הרע מיט אַ גלאַטיק צינגעלע, „וואָס דאַרפסטו וואַרטן, ביז דער באַלעבאָס, דער דבר־אחר, וועט דיר געבן אַף שבת? נעם צו אַ פּאָר זילבערנע לעפל אין קיך, אַ גילדן בעכערל פון דער קרעדענץ־שאַפע, און סע וועט שוין זיין גענוג, סע וועט שוין קלעקן אַף אַ סך שבתים.״

ווי דער יצר־הרע רעדט צו אים אַזוי, וואַקסט אויס לעבן אים, אַף דער אַנדערער זייט, דער יצר־טוב, און ער נעמט אים וואָרענען, אַז ער זאָל זיך באַ־צייטנס אַרויסשלאָגן אַזאַ זאַך פון קאָפּ. ער זאָל אַפילו נישט טראַכטן פון טון, חלילה, אַזאַ זאַך ווי צונעמען פרעמדס. „מע טאָר נישט, אפרים,״ האָט אים דער יצר־טוב געראָטן. „געדענק, די תורה פאַרווערט צו נעמען פרעמדס. נעמען פרעמדס מיינט עובר זיין אַף „לא־תגנוב״. אַן ערלעכער ייד טאָר אַזאַ זאַך נישט טון. דו הערסט, אפרים?!״

נאָר דער יצר־הרע לאָזט נישט אָפּ. ער נעמט אים באַווייזן, אַז מע מעג. ראַ־שית—קומט אים. ער האָרעוועט ביים גביר שווער און ביטער. שנית—ער האָט אַ ווייב און קינדער. זיי דאַרפן לעבן און מע מוז זיי געבן צו עסן. און דריטנס—ס'איז דאָך עפּעס ערב־שבת. און ס'איז נישט קיין קלייניקייט אָנצוגרייטן אַף דעם הייליקן שבת.

דער יצר־טוב לאָזט אָבער אויך נישט אָפּ. ער באַווייזט אים, אַז ער איז נישט דער איינציקער אָרימאַן אין שטאָט. און ווען אַלע זאָלן, חלילה, טראַכטן פון אַזעלכע זאַכן, וואָלט דאָך געווען עק־וועלט. הײנט דאַרף ער נאָך געדענקען, אַז פאַר אַזאַ זאַך זעצט מען איין אין קרימינאַל. „אַ ייד טאָר נישט פאַרלירן די האָפע־נונג. היינט וויל דער גביר נישט באַצאָלן, וועט ער באַצאָלן מאָרגן. ס'איז דאָך ערשט מאָרגן ערב־שבת, און מאָרגן, פרייטאָג, איז דאָך נאָך אויך אַ טאָג.״

מיטאַמאָל ווערט פראַיקע ווייך ווי פּוטער און נעמט זיך בעטן ביים יצר־טוב: „פאַרוואָס רעדסטו עפּעס נאָר צו מיר אַזוי? ער מעג, און איך טאָר נישט? פאַרוואָס גייסטו נישט בעסער צו מיין באַלעבאָס, אים צו זאָגן, אַז ער זאָל נישט זיין אַזאַ דבר־אחר?! גיי, זאָג אים, אַז ער זאָל מיר נישט פאַרצאַפּן יעדע וואָך מיין בלוט. זאָג אים, אַז סע קומט ערב־שבת זאָל ער מיר באַצאָלן, און טאַקע נאָך מיט אַ סמיק, אַז ווייב און קינדער זאָלן האָבן גענוג ברויט אַף דער וואָך.״

זעט דאָך דער יצר־טוב, אַז ער האָט אַביסעלע איבערגעכאַפּט די מאָס, נעמט ער זיך דרייען אַהער און אַהין: „געראָכט, אפרים לעבן, גערעכט," זאָגט דער יצר־טוב. „נאָר וואָס טוט מען? ווי אַזוי קומט מען אַמאָל צו צו דיין באַלעבאָס, דעם גביר? ער וויל דאָך מיך אַפילו נישט קענען. ער לאָזט דאָך מיך אַפילו נישט אַריבער די שוועל, אַז איך זאָל אַמאָל קענען אַריין צו אים."

ווי אַזוי פּראַיקע האָט איבערגעקליגלט דעם ליטוואַק

אפרים גריידינגער האָט ליב געהאַט אָפּצוטון שפּיצלעך און טרייבן שפּאַס, ווען ער איז נאָך געווען אַ חדר־יינגל ביי אַ דרדקין מלמד און האָט זיך געיאָגט אין דרויסן נאָך דער ציג.

איינמאָל זעט אַ ייד ווי דאָס יינגל יאָגט זיך נאָך דער ציג, רופט ער אים צו און פרעגט אים מיט אַ ליטווישער אויסשפּראַך, וואָס מיר גיבן איבער אַף פּראָסט יידיש: „זאָג נאָר, חתן־בחור, ווי אַזוי הייסטו?"

פּראַיקען איז זיין אויסשפּראַך גלייך נישט געפעלן, און ער ענטפערט אים: „איך הייס נאָך מיין זיידע."

„ווי האָט געהייסן דיין זיידע, שקאָץ איינער?!" וויל דער ייד וויסן.

„דער זיידע האָט געהייסן ווי איך," ענטפערט פּראַיקע.

אַז דער ייד זעט, אַז ער קען ביי פּראַיקען גאָרנישט ניט אַרויסקריגן, פּרובירט ער אַף אַן אַנדער אופן: „אַז דיין מאַמע רופט דיך עסן, יינגעלע, ווי אַזוי רופט זי דיך?"

„מע דאַרף מיך נישט רופן עסן," ענטפערט פּראַיקע. „אַז ס'איז דאָ וואָס צו עסן—לויף איך אַליין."

ער איז אַלע פיר בנים פון דער הגדה

שטייען עטלעכע יידן אין מאַרק און שמועסן. קומט צו אפרים גריידינגער און מישט זיך אַריין. אַף אַלץ, וואָס די יידן רעדן און זאָגן—האָט ער אַ וויץ, אַ ווערטל.

צווישן די יידן איז געווען איינער אַ צוגעפאָרענער פון דער פרעמד. אַז ער הערט ווי פּראַיקע וויצלט זיך און ווערטלט זיך, פרעגט ער: „ווער איז דער ייד?" זאָגט פּראַיקע: „איר קענט מיך נישט? איך בין די ארבעה בנים פון דער הגדה."

לאָכן די יידן. זיי פאַרשטייען, אַז פּראַיקע האָט שוין עפּעס אַ ניי ווערטל, און דער פרעמדער פרעגט איבער: "די ארבעה בנים?! ווי אַזוי קען איינער זיין צוזאַמען אַלע פיר: סיי אַ חכם און סיי אַ רשע, סיי אַ תם און סיי אַ שאינו־יודע־לשאול?"

„זייער פשוט," זאָגט פּראַיקע, „אָט ווי אַזוי: אַז סע קומט אַרויסצוקריגן ביי איינעם אַ פּאָר ראַניש—אַף דעם בין איך אַ חכם. אַ רשע בין איך, ווייל ווען סע קומט צום אָפּגעבן, גיב איך נישט. ווי אין פסוק שטייט: לוה רשע ולא ישלם—דער רשע לייט און באַצאָלט נישט. אַ תם בין איך, ווייל אַז מע מאָנט מיך דעם

חוב, מאַך איך מיך תמעוואַטע. און אַ שאינו־יודע־לשאול בין איך, ווייל איך האָב מיך שוין ביי איטלעכן אַזוי פאַרשולדיקט, אַז איך ווייס שוין נישט וואָס מע טוט, ווייל איך קען שוין מער אין ערגעץ נישט לייען.״

אפֿרים גריידינגער אַף דער גויאישער חתונה

אַ קאַטוילישער פּריץ האָט אַריינגעגעבן זיין טאָכטער אין אַ מאַנאַסטיר, צו ווערן אַ נאָנע. האָט מען צו דער געלעגנהייט אין מאַנאַסטיר געמאַכט אַ גרויסע שמחה, אַן אמתע חתונה. ווארן מאַכן אַ מיידל פאַר אַ נאָנע מיינט, אַז מען מאַכט איר חתונה מיט „גאָטס זון״, דעם יויזל.

צו דער חתונה זענען געקומען אַ סך פּריצים און גלחים פון די אַרומיקע שטעט און דערפער. ביי דער צערעמאָניע באַמערקן עטלעכע פּריצים ווי צווישן די מחותנים, די געסט, דרייט זיך אַרום דער יידישער לץ אפרים גריידינגער. זיי האָבן אים געקענט און געוואוסט, אַז ער איז אַ קלוגער ייד, וואָס קען מיט זיינע שפּיצלעך און איינפאַלן פריילעך מאַכן אַן עולם. נאָר ווי קומט ער אַהער אַף אַזאַ הייליקער חתונה צווישן אַ נאָנע און גאָטס זון? גייען זיי צו אים צו און פרעגן: „פראַיקע, וואָס טוסטו דאָ?״

אפרים גריידינגער פאַרנייגט זיך און ענטפערט: „פּריצימלעך גוטינקע, איך וויל אייך זאָגן: איך האָב געהערט, אַז מע מאַכט דאָ היינט חתונה אַ מיידל מיט יעזוסן.״

„יאָ, אמת טאַקע,״ זאָגן די פּריצים. „נאָר דו, אַ ייד, ווי קומסטו אַהער? וואָס פאַר אַ מחותן ביסטו אַף דער חתונה?״

זאָגט פראַיקע: „יאָ, מיינע גוטינקע פּריצימלעך, איך בין דאָ אַ גאַנץ נאָנטער מחותן. אַז איך האָב געהערט, אַז סע קומען אַזוי פיל געהויבענע מחותנים פון כלהס צד, האָב איך מיר געטראַכט, איך וועל קומען פאַר אַ מחותן פון חתנס צד. ווארן ער האָט דאָך דאָ קיינעם נישט און איז איינער אַליין.״

לאַכן די פּריצים. און אפרים גריידינגער ענדיקט: „נאָר זעט, מיינע פּריצימלעך, איר זענט דאָ אַזוי פיל מחותנים פון כלהס צד, און איך האָב ביי קיינעם גאָרנישט ניט געפרעגט. איך אָבער, וואָס בין בלויז איינער פון חתנס צד—בין איך אייך גרויס אין די אויגן.״

אפֿרים גריידינגער און דער כעלעמער קרעמער

אפרים גריידינגער, דער לץ, איז אַוועק אין מאַרק אַריין עפּעס קויפן. איינגעהאַנדלט, האָט ער דאָס אַריינגעלייגט אין זיין רויטער פאַטשיילע, פאַרבונדן, און לאָזט זיך גיין אַהיים.

דערוויל קומט אים אַנטקעגן אַ כעלעמער קרעמער, וואָס יאָגט מיט אַן אָפן שפּענצערל, די ציצית אין דרויסן איבער די פּלודערן, און ער זוכט עפּעס אַ פאַר־דינסטל אין מאַרק. אַז די צוויי פאַרשוינען באַגעגענען זיך, צעשמועסט מען זיך. פראַיקע האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט צו כעלעמער.

פראָיקע מיט דער פּאַטשיילע אייער און דער כעלעמער קרעמער

ווי מע רעדט אַזוי, באַמערקט דער כעלעמער, אַז אפרים טראָגט עפּעס אין טיכל. און אַזוי ווי די כעלעמער זענען זייער נייגעריקע פּאַרשוינען, פרעגט ער אים און ווייזט אָן אַף דער פּאַטשיילע: „ר׳ פּראַיקע, עפּעס איינגעהאַנדלט גוטע זאַכן דאָרט?"

שמייכלט אפרים און זאָגט: „ווייסט איר, ר׳ יאַנקל, אויב איר וועט טרעפן, וואָס איך האָב אין דער פּאַטשיילע, גיב איך אייך אַ העלפט פון די אייער אומזיסט. און אויב איר וועט טרעפן ו ו י פ י ל איך האָב דאָרט, גיב איך אייך דעם גאַנצן שאָק."

דער כעלעמער ווערט זייער ערנסט, טראַכט און זאָגט: „ר׳ פּראַיקע, איר זענט אַ לץ. וואָס בין איך—אַ נביא, צו וויסן וואָס איר האָט אין דער פּאַטשיילע?!"

„פּרובירט, אפשר..."

„איר מיינט אַף אַן אמת, ר׳ פּראַיקע?" זאָגט דער קרעמער און קוקט אים אָן מיט אַ פּאָר כעלעמער אויגן. „אויב איר וועט מיר אויסמאָלן ווי די זאַכן זעען אויס, מער־ווייניקער, וועל איך אפשר קענען טרעפן."

„גוט," זאָגט אפרים. „זיי זענען קיילעכיק און לענגלעך, אויסנווייניק זענען זיי ווייס, און אינעווייניק געל."

„איצט ווייס איך," צעשיינט זיך דער כעלעמער. „ווייסע ריבן, אָנגעפּילט מיט געלן אינגבער."

אפרים גריידינגער קנעלט מיטן פּריצס קעלבל

דאָס איז אַ מעשה מיט דעם וויצלער אפרים גריידינגער און מיט דעם פּריץ און זיין קעלבל. אפרים גריידינגער האָט אַמאָל געפּרואווט זיין מזל מיט אַ קרע־טשמע ביים פּריץ. נאָר אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל—מעג מען זיך באַגראָבן לעבע־דיקערהייט. קיין פּרנסה איז נישט געווען, און דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט, האָט מען אויפגעגעסן, און אַז ס׳איז געקומען צו באַצאָלן דעם פּריץ די ראַטע—איז נישט געווען מיט וואָס.

הכלל, דאָס ערשטע מאָל האָט זיך פּראַיקע ביים פּריץ אָפּגעבעטן, אַז ער זאָל אים וואַרטן. דאָס צווייטע מאָל—אויך. נאָר אַז ס׳איז געקומען צום דריטן מאָל, און ער האָט נישט געצאָלט, איז שוין דער פּריץ געוואָרן אין כעס, און ער האָט אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט גלייך נישט ברענגען קיין געלט, צו באַצאָלן די ראַטע, וועט ער אים געבן שמיץ.

„שמיץ, פּריצל לעבן, וועסטו נישט פאַרשפּעטיקן," זאָגט פּראַיקע. „נאָר הער וואָס איך וועל דיר זאָגן: ביי דיר אין הויף זע איך אַרומלויפן אַ קעלבל, אַ שיין קעלבל. אויב דו ווילסט, וועל איך דאָס קעלבל אויסלערנען רעדן. און דו וועסט דערנאָך קענען דורך אים אויסגעפינען אַ סך סודות, און דיין נאָמען וועט דורך אַזאַ זאַך וואַקסן צווישן דיינע פריינט, די פּריצימלעך. דו גיב מיר דאָס קעלבל און שיק מיר נאָר יעדן טאָג געגוג עסן פאַר אים. און איך וועל עס שוין אויס־לערנען."

דער פּריץ הערט, און סע נעמט אים אָפּ דער שכל. ער טראַכט בלויז ווי זיין

קעלבל וועט רעדן, און וואָס סע וועט זיך דעמאָלט אָפּטון, אַז די וועלט וועט הערן אַזאַ זאַך.

הכלל, דער פריץ האָט מסכים געווען. און נישט נאָר האָט ער צוגעזאָגט צו שיקן פאַר דעם קעלבל די בעסטע עסנס, נאָר ער האָט פראַיקען נאָך געגעבן געלט, אַז ער מיט זיין ווייב און קינדער זאָלן אַליין אויך האָבן וואָס צו עסן.

פראַיקע גריידינגער האָט אַהיימגעבראַכט דאָס קעלבל, און גענומען טראַכטן מיט וואָס דער שפּאַס קען זיך נאָך, חלילה, ענדיקן. נאָר דערווייל האָט זיין הויז־געזינד געהאַט צו עסן און צו טרינקען. ער איז פּשוט אויפגעריכט געוואָרן.

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן, שיקט דער פּריץ פרעגן וואָס סע הערט זיך.

„סע גייט אַף אַ וועג," לאָזט אים פראַיקע וויסן. „דאָס קעלבל בעקעט שוין."

עס זענען אַוועק נאָך אַ פּאָר וואָכן, און דער פּריץ וויל ווידער וויסן וואָס סע הערט זיך.

„דאָס קעלבל פּלאַפּלט שוין," לאָזט אים פראַיקע וויסן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום—דער פּריץ איז שוין ווידער נייגעריק, צי דאָס קעלבל קען שוין רעדן. לויפט פראַיקע אַוועק צום פּריץ, און פאַלט אַריין אַ פּאַר־סאָפּעטער: „יאָ, פּריצל לעבן, דאָס קעלבל רעדט שוין. נאָר... נאָר..." שטאַמלט פראַיקע, „ס'האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט דערשאָסן דעם פּריץ פון צווייטן דאָרף, ווען איר זענט ביידע געגאַנגען אַף יאַגד אין וואַלד."

דערהאַרגע עס!" האָט דער פּריץ אַ געשריי געטון. „גיי שוין אַהיים און קוילע עס! און דו האַלט דאָס מויל! פון הייַנטמאָל אָן ביסטו פּטור צו צאָלן די ראַטעס."

דער כל־בו'ניק

אפרים גריידינגער איז אַמאָל געקומען קיין לעמבעריק. גייט ער דורך דורך אַ שול. שטעלט אים אָפּ אַ ייד און בעט אים, אַז ער זאָל אַריינגיין, ווייל סע פעלט אַ ייד צום מנין. פראַיקע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, און איז אַריינגעגאַנגען. די יידן האָבן אים גלייך דערקענט. מ'האָט אים דערלאַנגט אַ טלית און תפילין, און מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען.

אַז ס'איז געקומען צום לייענען, ס'איז געווען אַ דאָנערשטאָג, האָט מען אים געוואָלט אויפרופן צו דער תורה. גייט צו אים צו אַ ייד און פרעגט אים, וואָס ער איז, אַ כהן, אַ לוי? זאָגט פראַיקע: „איך בין אַלץ: איך בין אַ כהן און אַ לוי און אַ ישראל, איך בין אַ בן און אַ בת, איך בין אַן עושר און אַן עני ואביון."

ווייסן דאָך די יידן, אַז אפרים גריידינגער מיינט עפּעס אַ לצנות, שמייכלט מען און מע זאָגט: „ר' אפרים, וואָס זענט איר פאַרט? ממה־נפשך, איינס פון די זאַכן: אויב איר זענט אַ כהן—זענט איר נישט קיין לוי, און זענט איר אַ לוי—זענט איר נישט קיין ישראל, און אויב איר זענט אַ בן—זענט איר נישט קיין בת, און זענט איר אַן עושר—זענט איר נישט קיין עני ואביון."

„איך וועל אייך דערציילן," זאָגט אפרים, וועט איר באַלד זען, אַז איך בין אַלץ. וואָס איך זאָג: מיין טאַטע איז אַ כהן—בין איך דאָך אויך אַ כהן. סע טרעפט אָפּט, אַז איך מוז לייען אַ פּאָר ראַיניש—דעמאָלט בין איך אַ לוה (לויווע). און אַזוי

ווי איך בין אַ ייד—בין איך במילא אַ ישראל. ביי מיין טאַטע־מאַמע בין איך אַ זון, הייסט עס—איך בין אַ בן. אַז איך דאַוון אַמאָל פאַרן עמוד, צעלאָז איך מיך אַף מיין ב אַ ס אַ ו ו ע קול—דעמאָלט בין איך אַ באַס. רופן רופט מען מיך אפרים בן אשר—ס'הייסט, אַז מיין טאַטע איז געווען אַן עושר, בין איך אויך אַן עושר. נאָר אין דער אמתן בין איך אַן אָרימאַן אין זיבן פאָלעס—במילא בין איך אַן עני ואביון. איצט זאָגט אַליין, בין איך נישט אַלץ, וואָס איך האָב איך געזאָגט?!"

אַן עצה ווי אַזוי צו פֿאַרמיידן מלחמות

קוני לעמעל טרעפט זיך מיט דעם צווייטן קוני לעמעל ערב־שבת אין שוויץ און זיי שמועסן. קומט צו רייד וועגן פאַניע גנבֿ. „דו האָסט געהערט?" זאָגט דער ערשטער, „ס'איז היינט געקומען אַ בעל־עגלה מיט אַ באַפעל פונעם קייסער, אַז מע זאָל גיין צום קייסערס דינסט."

„צום קייסערס דינסט?" קוקט אים אָן דער צווייטער, „וואָס הייסט? זי איז דאָך אַ גויע."

„שוטה!" וואַרפט אים פאָר דער ערשטער, „אַ גויע! מע מיינט נישט דעם קייסערס דינסט, וואָס ער האָט אין דער היים. מע מיינט דעם קייסערס מיליטער."

„מיליטע־ער? וואָס איז דאָס אַזוינס מיליטער?"

„מיליטער מיינט זעלנער," מאַכט אים קלאָר דער ערשטער.

„זעלנער? צו וואָס דאַרף מען זעלנער, צו וואָס?" וויל דער אַנדערער וויסן.

„וואָס הייסט, צו וואָס? זעלנער דאַרף מען צום שיסן."

„גיי שוין, גיי!" מאַכט דער אַנדערער אַוועק. „צו וואָס דאַרף מען שיסן, צו וואָס? מע דאַרף עס נישט!"

„מע דאַרף טאַקע נישט," איז דער ערשטער מסכים, „נאָר מושלים שיסן. אַט וועל איך דיר דאָס אָפּמשלען: צוויי קייסערס האָבן ערד. דער האָט אַ שטיקל ערד, און דער האָט אַ שטיקל ערד. און אַז איינער וויל דעם אַנדערנס שטיק ערד, שטעלט מען אַנידער זעלנער, און מע שיסט זיך."

„וואָס הייסט, מע שיסט זיך?" קוקט אים אָן דער צווייטער. „מע מעג דען?"

„צי מע מעג? וואָס הייסט, צי מע מעג? זיי פרעגן דען?"

„מיט וואָס שיסט מען, מיט וואָס?" וויל דער צווייטער וויסן, „און ווי אַזוי שיסט מען?"

„מע נעמט אַ שטיקל האָלץ," קלערט אים אויף דער ערשטער, „מע מאַכט דאָרט אַ לעכעלע, און מע שיט אַהין אַריין קליינע מאַנדלעך און מע טוט אַ קוועטש—שיסט עס."

„וועמען שיסט עס?"

„וואָס הייסט, וועמען? מענטשן! מיך, דיך—מע שיסט!"

„טאָ ווער־זשע הייסט מיר שטיין ביים לעכל?" איז דעם צווייטן קשה. „מע אַנטלויפט און—פּטור!"

„זעסטו," זאָגט דער ערשטער, „דאָס איז מיר גאָרנישט ניט איינגעפאַלן. ביסט דאָך טאַקיש גערעכט. מע דאַרף אַנטלויפן, וועט זיין אויס מלחמות!"

ער לייזט געלט און זײַן ווײַב לייזט געלט און קיין געלט איז פֿאַרט נישטאָ

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געווען אַן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס. אין שטוב איז קיינמאָל נישט געווען קיין ברויט צו דער זעט, און זיין ווייב און קינדער האָבן מערסטנס געפּעכגיעט אַפּן פּיסק. וואָס־זשע טוט מען? עסן דאַרף מען דאָך. נעמט איינמאָל הערשעלע אין אַ מיטן אינדערוואָכן און הייבט זיך אויף און גייט אַריבער צום שענקער פון שטעטל. ער האָט אַ פּלאַן. געקומען—דערציילט ער דעם שענ־קער אַזוי און אַזוי. קיין פּרנסה איז נישטאָ, און ווייב און קינדער מאָגען עסן. ווען ער זאָל אים געבן אַף באָרג אַ פעסעלע וויין, וואָלט ער דורך דער וואָך פאַרקויפט און אָפּגעלייזט געלט, און פרייטאָג וועט ער אים באַצאָלן, מיט גאָטס הילף, און דערביי וועט ער, הערשעלע, פאַרדינען אַ פּאָר גילדן אַף שבת.

דער שענקער האָט געוואוסט מיט וועמען ער האָנדלט. נאָר ער האָט זיך געטראַכט, מע דאַרף העלפן אַ ייד, ער זאָל פאַרדינען אַף שבת. און ער נעמט און גיט אים אַ פעסעלע וויין און זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל קיינעם נישט געבן, ביז יענער וועט באַצאָלן מיט מזומן געלט.

הערשעלע איז געווען אין זיבעטן הימל. ער האָט אַהיימגעבראַכט דאָס פעסל וויין און געוואַרט אַף קונים.

נאָר וואו קונים, ווער קונים? קיין קונים זענען נישטאָ!

סע גייט אַריבער אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, נאָר קיין קונה זעט מען נישט.

דערווייל האָט זיך הערשעלען שטאַרק פאַרוואָלט צו פאַרזוכן דעם וויין. זאָגט ער צו זיין ווייב: „ווייסט, מיין ווייב, נאַ דיר אַ דרייער און פאַרקויף מיר אַ גלעזל וויין. לאָמיר ביידע פאַרזוכן וואָס פאַר אַ טעם ס'האָט דער וויין."

זי האָט צוגענומען דאָס געלט, און אים אָנגעצאַפּט אַ גלעזל וויין.

הערשעלע טרינקט אויס דאָס גלעזל און פּאַסמאַקעוועט זיך: „אַי, אַי, סאַראַ וויין, ער צעגייט זיך אין אַלע אברים!"

אַז די יידינע זיינע דערזעט אַזאַ מעשה, וויל זי אויך פאַרזוכן דעם וויין. זאָגט זי צו אים: „אויב אַזוי, הערשעלע, נאַ דיר איצט אַ דרייער, און פאַרקויף דו מיר אַ גלעזל וויין."

הערשעלע נעמט צו דאָס געלט און צאַפּט איר אָן אַ גלעזל וויין. זיין ווייב טרינקט אויס דעם וויין און נעמט זיך אויך באַלעקן: „אַי, סאַראַ וויין, ס'אַ מחיה!"

זאָגט ער: „אויב אַזוי, לאָמיר קויפן נאָך צו גלעזלעך וויין."

און ער נעמט און באַצאָלט איר ווידער אַ דרייער, און זי גיט אים אַ גלעזל וויין. דערנאָך באַצאָלט זי אים מיט דעמזעלבן דרייער, און ער גיט איר אַ גלעזל וויין. אַזוי האָבן זיי געקויפט איינער ביים אַנדערן און געצאָלט מיט האַרטע דרייערס מזומן געלט.

אַפן אַנדערן טאָג האָט דאָס פאַרפאַלק ווידער געקויפט איינער ביים אַנדערן וויין און זיי האָבן זיך ביידע געקוויקט.

אַז זיי האָבן דעם גאַנצן וויין אויסגעטרונקען, נעמט הערשעלע דאָס ליידיקע פעסל, טראָגט עס אָפּ צום שענקער און דערלאַנגט עס אים מיט דעם דרייער.

דער שענקער האָט דאָס דערזען, כאַפּט ער זיך אָן ביים קאָפּ: „וואָס איז דאָס? געוואַלד, איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט קיינעם נישט געבן קיין וויין, ביז יענער באַצאָלט מיט מזומן געלט."

הערשעלע נעמט זיך שווערן ביי באָרד און פּאות, אַז אַזוי האָט ער געטון. און ער דערציילט דעם שענקער די מעשה אַזוי און אַזוי. ער האָט פאַר יעדן גלעזל וויין געצאָלט זיין ווייב אַ דרייער, און זיין ווייב האָט פאַר יעדן גלעזל אים געצאָלט אַ דרייער. דאַכט זיך, געלייזט פאַרן פעסל וויין מזומן געלט. ער האָט געלייזט און זיין ווייב האָט געלייזט, און קיין געלט איז פאַרט נישטאָ.

זייער אַן ערנסטע פראַגע

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין עוולות. אַז ער האָט געזען ווי דער רבי ר' ברוכל, וואָס האָט געליטן פון אַ שווער און טרויעריק געמיט, פירט זיך נישט אין דרך פון זיין זיידע, דעם בעל־שם־טוב, און אין דער־זעלבער צייט נעמט ער זיך איבער, וואָס ער איז דעם בעל־שם־טובס אַן אייניקל, האָט ער מיט זיינע וויצן און שפּאַסן, צו פאַרטרייבן דעם רביס אומעט, אים אַריינגעזאָגט אַ סך ביטערע אמתן.

איינמאָל קומט ער צו צום רבי ר' ברוכל מיט אַן ערנסט פּנים און זאָגט אים: „רבי, איך וויל אייך עפּעס פרעגן."

„נו, פרעג," זאָגט ר' ברוכל.

„די מעשה איז אַזאַ, רבי," האָט הערשעלע אָנגעהויבן. „אַלע ווייסן, אַז אונ־זערע חכמים, די תנאים ר' עקיבא, ר' שמעון בר יוחאי, ר' אליעזר בן הורקנוס, און אַ סך אַנדערע חכמים, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער גמרא, זענען געשטאַנען מיט טויזנט קעפּ העכער פון אונזערע היינטיקע צדיקים. נאָר פאַרוואָס זענען יענע צדיקים געווען גרויסע אָרימעלייט און האָבן זיך זייער גאַנץ לעבן געמו־טשעט, און די היינטיקע צדיקים זענען אמתע גבירים, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, עסן און טרינקען, און לעבן ווי פּריצים? פאַרוואָס, רבי, זאָל דאָס זיין אַזוי?

ר' ברוכל האָט גלייך פאַרשטאַנען וואוהין הערשעלע צילט. זאָגט ער צו אים: „דו ווילסט דאָך אַוודאי זאָגן עפּעס אַ ווערטל. זאָג, לאָמיר הערן."

און הערשעלע האָט טאַקע געזאָגט, און גוט אַריינגעזאָגט: „כ'האָב אַמאָל געזען ווי יאָסל קלעזמער שפּילט אויף זיין פידעלע און זינגט, אַז ס'ע צעגייט זיך אין אַלע איברים און דערקוויקט די נשמה. און מענטשן שטייען אַרום אים און זענען זיך פשוט מחיה ווי זיס ער שפּילט און זינגט. און וואָס, מיינט איר, האָבן זיי אים געגעבן פאַר זיין שפּילן און זינגען? איינער האָט אים געגעבן אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ צווייטער האָט אים געשענקט אַ שטיקל ברויט, אַ דריטער האָט אים געגעבן אַ קופּערנע מטבע. יאָ, אַביסעלע רחמנות האָט מען אים אויך געשאָנקען," האָט הערשעלע דערציילט.

„גייט אַוועק אַ צייט און מיר איז אויסגעקומען צו הערן אַ חזן דאַווענען. ער האָט נאָכגעמאַכט דיזעלבע ניגונים, וואָס יאָסל קלעזמער האָט געשפּילט. און וואָס, מיינט איר, האָט מען דעם חזן געגעבן דערפאַר? פּופּציק האַרטע קאַרבוינעס

פאַר דאַווענען שבת, און הונדערט און פופציק קאַרבוינעס פאַר דאַווענען ימים־נוראים.״

„אַ שיינע מעשה, הערשעלע! גאָר אַ שיינע!״ האָט ר׳ ברוכל געשמייכלט. נאָר וואָס איז פון דעם געדרונגען?״

„פון דעם, רבי, איז געדרונגען,״ האָט הערשעלע אויסגעפּירט, „אַז אין אַ וועלט פון פאַלשקייט שאַצט מען אָפּ פאַלשע זאַכן מער ווי די אמתע. אין דער־דאָזיקער וועלט באַצאָלט מען פאַר דעם נאָכגעמאַכטן ניגון מער ווי פאַר דעם עכטן און אמתן ניגון.״

הערשעלע אָסטראָפּאָליער און דער רבי ר׳ ברוכל

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געווען אַ שמש און אַ מין הויף־נאַר ביי דעם רבי ר׳ ברוכל. מ׳האָט אים צוגענומען צום רבי אין הויף, אַז ער זאָל פאַרטרייבן די מרה־שחורה ביים רבי און אים דערפרייען אַ ביסל, וואָרן ר׳ ברוכל איז געווען אַ פאַרטרויערטע נשמה.

איינמאָל האָט אים דער רבי ר׳ ברוכל געשענקט דאָס ספר חובת הלבבות, אַז ער זאָל זיך פון דאָרט אָפּלערנען גוטע זאַכן.

אַז ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט, פרעגט אים אַמאָל דער רבי: „זאָג מיר, הערשל, האָסטו אַריינגעקוקט און עפּעס געלערנט פון דעם ספר, וואָס איך האָב דיר געגעבן?״

„יאָ, רבי,״ ענטפערט הערשל. „אַ טייער און באַלערנדיק ספר דאָסדאָזיקע ספר חובת הלבבות. איך האָב מיך שוין אָפּגעלערנט פון אים אַ גוטע מידה, די מידה סבלנות, די מידה צו דולדן.״

„זייער שיין, הערשל,״ זאָגט ר׳ ברוכל, „די מידה פון דולדן איז איינע פון די טייערסטע מידות. יעדער ייד דאַרף זיך דאָס לערנען. די־דאָזיקע מידה לייטערט די נשמה פון דעם מענטש. נאָר זאָג מיר, ווי אַזוי פירסטו דורך די־דאָזיקע מידה אין לעבן?״

הערשל גיט אַ טראַכט און זאָגט: „פּראָסט און פּשוט, רבי. איך האָב געזען, אַז פאַלגן, וואָס דער רבי, זאָל לעבן, הייסט, קען מען גיך גיין פון דער וועלט. האָב איך אַרויסגעכאַפּט פון ספר די מידה סבלנות. זאָל דער רבי זאָגן, וואָס ער וויל, און איך וועל דולדן און טון, וואָס מיר געפעלט.״

סע פּעלט אים בלויז אַ דאַך צו זיַין שטוב

אפרים גריידינגער קומט אַמאָל צום גביר פון שטעטל מיט אַ בקשה. וואָס איז? ער דאַרף האָבן הונדערט ראַייניש, אַף צו לייגן אַ דאַך אַף זיין שטוב.

אַז דער גביר הערט אַזאַ זאַך, און ער האָט דאָך געוואוסט, אַז פראַיקע האָט נישט קיין אייגענע שטוב, פאַרשטייט ער, אַז עפּעס שטעקט אין דעם אַ לצנות, פרעגט ער אים: „וואָס טויג דיר, פראַיקע, אַ דאַך? דו האָסט דען אַ שטוב?״

זאָגט פראַיקע: „איכל אייך דערקלערן, ר׳ שמשון, וועט איר זען, אַז מיר

פעלט בלויז אַ דאַך. די מעשה איז בקיצור אַזאַ: איך ליג צען איילן טיף אין דר'ערד. דאָס איז דער פונדאַמענט פון מיין שטוב. איך האָב אַ ווייב—קען זי צו־זאַמענפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. האָב איך שוין די ווענט אויך. פון אַלע מיינע חלומות און האַפענונגען לאָזט זיך כסדר אויס אַ בוידעם. פעלט מיר בלויז נאָך אַ דאַך. לייט מיר אַ הונדערטער, וועל איך לייגן דעם דאַך, און איך וועל האָבן אַ גאַנצע שטוב."

די דריי שניידער־געזעלן

דריי שניידער־געזעלן זענען געגאַנגען אין וועג. איינער פון זיי איז געווען אַ פּוילישער, דער צווייטער—אַ גאַליציאַנער, און דער דריטער—אַ ליטוואַק. איינ־מאָל האָבן זיי אַף זייער וועג פאַרבלאָנדזעט אין אַ וואַלד. ס'איז צוגעפאַלן אַ קילע פינסטערע נאַכט, און אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך צו עסן, איז געווען אַן איינציק ברייטל.

„אויב מיר וועלן עס צעטיילן אַף דרייען," זאָגט דער ליטוואַק, „וועלן מיר אַלע דריי בלייבן הונגעריק. לאָמיר דעריבער זיך לייגן שלאָפן אומגעגעסן, און וועמען סע וועט זיך חלומען דער שענסטער חלום, וועט קריגן אין דער פרי דאָס ברייטל. וועט כאָטש איינער זיין זאַט."

די אַנדערע צוויי געזעלן האָבן צוגעשטימט.

באַגינען, אַז זיי זענען אויפגעשטאַנען, האָט דער פּוילישער דער ערשטער דערציילט: „מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך בין געשטאָרבן. אַ מלאך האָט מיך געבראַכט אַף יענער וועלט און האָט מיך אַריינגעפירט גלייך אין גן־עדן, וואו די צדיקים זיצן מיט קרוינען אַף די קעפּ און לערנען תורה. איך מיין, אַז קיין שע־נערער חלום קען נישט זיין. דאָס ברייטל געהערט מיר."

„וואַרט," רופט זיך אָן דער גאַליציאַנער, „מיין חלום איז נאָך אַ שענערער. אויך מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך בין געשטאָרבן. און ווי נאָר איך בין געקומען אַף יענער וועלט, זענען מיר אַנטקעגנגעקומען מיינע עלטערן. זיי האָבן זיך דער־פרייט מיט מיר, האָבן מיך אַוועקגעזעצט צווישן זיך אין גן־עדן און האָבן מיך צוגעזען מיט טייערע זאַכן, פּונקט ווי ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל." און ער ענדיקט: „ווי איר זעט, איז מיין חלום אַ שענערער, און דאָס ברייטל געהערט מיר. איצט לאָמיר הערן וואָס דיר האָט זיך געחלומט," זאָגט ער צום דריטן געזעל צו דעם ליטוואַק.

„פריינט מיינע," רופט זיך אָן דער ליטוואַק מיט אַן ערנסטער מינע, „מיר האָט זיך גאָרנישט ניט געחלומט, ווייל איך בין די גאַנצע צייט ניט געשלאָפן. איך האָב געקוקט אַף אייךביידן און געזען ווי איר זענט געשטאָרבן און אַרויף אין הימל אַריין. איך האָב מיך דערפילט עלנט, און מיר איז געוואָרן זייער טרויע־ריק. איך האָב געמיינט, אַז איר וועט שוין קיינמאָל ניט צוריקקומען. בין איך אויפגעשטאַנען און האָב אויפגעגעסן דאָס גאַנצע ברייטל."

דער פּוילישער און דער גאַליציאַנער שניידער־געזעל האָבן געקוקט אַף אים מיט גאָרנישט קיין געזעליקע אויגן.

אַ כעלעמער צוטשעפּעניש

אַ כעלעמער ייד איז אַמאָל געקומען קיין קראָקע. גייט ער זיך אַזוי איבער די גאַסן און קען זיך נישט גענוג אָפּוואונדערן פון די שיינע מויערן און געשעפטן. היינט די בתי־מדרשים און קלויזן! פון אומעטום טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון תורה. ער קוקט און קוועלט אָן: אָט דאָס איז, קיין עין־הרע נישט, אַ שטאָט מיט יידן, תלמידי־חכמים, כן ירבו!

דערווייל, ווי ער גייט אַזוי, זעט ער אין גאַס אַ ייד, וואָס קומט אים פּאָר שטאַרק קענטלעך. יאָ, ער דערמאָנט זיך. אָט דאָס איז ער דאָך טאַקע, דער אַמאָ־ליקער שכן זיינער, דער כעלעמער חזן. נאָר ער גייט עפּעס אין גאַנצן אַנדערש אָנגעטון, אין קורצע קליידער, גאָרנישט ניט ווי אין כעלעם. אֵי, וואָס די גרויסע שטאָט מאַכט פון אַ היימישן יידן! און ער גייט צו צו אים: „שלום עליכם, חזן,“ זאָגט ער צום ייד. „איך האָב אייך כמעט נישט דערקענט. אייערע קליידער—עפּעס אַזוי געקירצט, היתכן? ווי קומט דאָס צו אייך? אַזוי בייטן זיך?“

דער ייד קוקט אים אָן און פאַרשטייט נישט, וואָס יענער וויל פון אים: „וואָס פאַר אַ קליידער? ווער קליידער? איך בין נישט קיין חזן און איך האָב גאָרנישט ניט געביטן.“

„וואָס הייסט?“ זאָגט דער כעלעמער. „איך זע דאָך, אַז איר האָט אייך אין גאַנצן געביטן. איר גייט שוין אָנגעטון דייטש אַביסל.“

דער קראָקעווער קוקט אים אָן און וויל זיך אָפּטשעפּען פון דער אָנשיקעניש. נאָר דער כעלעמער לאָזט נישט: „הערט, ר' יאַנקל, וואָס מאַכט איר אייך עפּעס ווי איר וואָלט נישט געוואוסט, וואָס איך מיין?“

„איך הייס נישט ר' יאַנקל,“ זאָגט דער קראָקעווער, „און איך ווייס נישט, וואָס איר רעדט.“

„אָ, איר האָט שוין דעם נאָמען אויך געביטן?!“ זאָגט דער כעלעמער. „אַזאַ זענט איר! איצט פאַרשטיי איך!“

וואָס סע קען, חלילה, טרעפן איבער אַ פאָדלאָגע

אין איישישאָק האָט מען אַמאָל אויסגעבויט אַ ניי בית־המדרש—מיט אַ שיינעם מזרח און אַ געשניצטן עמוד און אַ באַלעמער. היינט די מעשענע הענג־לייכטער, און די דעמבענע בענק און שטענדערס—הכלל, אַ שיינדל אין שטאָט. נאָר איין זאַך האָט געפעלט—אַ פאָדלאָגע, אַ בריק אַף דר'ערד.

דער רב האָט זיך נעבעך מצער געווען. אַזאַ שיין בית־המדרש און—אָן אַ בריק! ער האָט זיך ממש געשעמט. נאָר די גבאים האָבן זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט מאַכן קיין בריק. ווען מ'האָט גערעדט פון מאַכן אַ בריק, האָבן זיי געטענהט, אַז עס זענען דאָ בילכערע זאַכן.

„אָן סכנה,“ האָבן זיי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. „מע קען שטיין אַף דער הוילער ערד, אַבי ס'איז דאָ, געלויבט דער אייבערשטער, אַ דאַך און אַ סופיט, און סע רעגנט נישט אַריין.“

איינמאָל קומט צו פאָרן קיין איישישאָק אַ מגיד. אַז ער הערט די מעשה מיט דער פֿאַדלאָגע, פֿאַרדריסט עס אים: אַזאַ שטאָט, קיין עין־הרע נישט, זאָל האָבן אַ בית־מדרש אָן אַ בריק אױף דר׳ערד!

שבת האָט דער מגיד געדרשנט אין נייעם בית־מדרש. ער האָט גערעדט וועגן ביטערן גלות, וואו מ׳איז איינגעטונקען אין זינד, רחמנא ליצלן. דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן דער גאולה, און וואָס סע וועט זיין, אַז משיח וועט קומען. און אַז ער האָט זיך שוין גוט צעוואַרעמט, האָט ער זיך צעזונגען און אויסגערופֿן: „און איר ווייסט, ליבע איישישאָקער יידן: אין די הייליקע ספרים שטייט געשריבן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן זיך אַלע יידן צונויפֿזאַמלען אין די בתי־מדרשים, און די בתי־מדרשים וועלן זיך אויפֿהייבן צוזאַמען מיט די יידן און מיט זיי אַוועקפֿליען קיין ארץ־ישראל. נאָר איר, ליבע איישישאָקער, איר וועט, חלילה, בלייבן אין גלות. מחמת ווען אייער בית־המדרש וועט זיך אויפֿהייבן און אַוועקפֿליען, וועט איר אַלע בלייבן שטיין אין איישישאָק אױף דר׳ערד. און אַלץ צוליב דעם, וואָס אייער בית־המדרש האָט נישט קיין פֿאַדלאָגע.״

גלייך אױף דער נייער וואָך האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט, און דעם אַנדערן שבת איז אין בית־המדרש שוין געווען אַ בריק אױף דר׳ערד.

ווי אַזוי די כעלעמער ווילן כאַפּן די שיסל גאָלד אין טײַך

אין שיינע נאַכט איז ביים כעלעמער גביר געווען אַ גרויסע סעודה. גאַנץ כעלעם איז דאָרט געווען. דער עולם האָט זיך משמח געווען און האָט געגעסן און געטרונקען. ווען דער עולם איז שוין געווען גוט פֿאַרשניאַשקעט, האָט זיך מיט־אַמאָל געעפֿנט די טיר און דער שטאָט־משוגענער איז אַריינגעפֿאַלן מיט דער נייעס, אַז ער האָט געזען אַ שיסל מיט לעבעדיק גאָלד אין דעם טייך לעבן דער שטאָט.

דער גביר, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען דעם אמתן ווערט פֿון גאָלד, אַז ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך געכאַפּט אַ זאַק פֿאַר אַ נעץ און האָט געהייסן דעם שטאָט־משוגענעם, אַז ער זאָל אים פֿירן צום טייך. צוזאַמען מיט זיי איז געגאַנגען גאַנץ כעלעם.

אַז זיי זענען צוגעקומען צו דעם טייך, ווייזט דער שטאָט־משוגענער אָן אױפֿן וואַסער, וואו סע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די פֿולע לבנה, און זאָגט: „זעט, זעט! האָב איך אייך אָפּגענאַרט? איז דאָס נישט אַ שיסל פֿול מיט גאָלד?״

„אַוודאי, אַוודאי!״ האָבן אַלע געשריגן.

דער גביר האָט געהייסן דעם עולם, אַז מע זאָל זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט: מע זאָל פֿאַרוואַרפֿן נעצן אין טייך און כאַפּן די שיסל מיט גאָלד.

זיי האָבן אַזוי געטון. איטלעכס מאָל וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן שוין געכאַפּט די גילדענע שיסל, האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט די נעצן פֿון וואַסער. נאָר אנשטאָט דער שיסל גאָלד, זענען דאָרט געווען בלויז פֿיש.

יענע נאַכט האָבן די כעלעמער געכאַפּט אַזוי פֿיל פֿיש, אַז דער גביר האָט נאָך דעם אַ גאַנצע וואָך געלייזט געלט פֿאַר פֿיש.

עד־היום ליגן די כעלעמערביים טייך ביינאַכט און ווילן כאַפּן די שיסל מיט גאָלד. נאָר זיי כאַפּן בלויז פיש פאַר דעם גביר, וואָס פאַרקויפט זיי פאַר גוט געלט און ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג.

כעלעם שיקט דעם ראש־הקהל, צו לערנען חכמה אין דער וועלט

די קהילה קדושה פון כעלעם האָט זיך אַמאָל אַרומגעקוקט, אַז ס'איז נישט גוט. די כעלעמער האָבן אַ שם אין דער וועלט פאַר נאַראָנים. אומעטום לאַכט מען פון זיי און איטלעכן תם און טיפּש ערגעץ אין אַ שטעטל רופט מען „כעלעמער".

הייגט, די ווילדע מעשׂות, וואָס מע דערציילט זיך אָן פון די כעלעמער! אַ מעשׂה, אַז די כעלעמער האָבן אַמאָל אָפּגעשטופּט דעם אַרומיקן באַרג, כדי צו מאַכן די שטאָט אַביסל גרעסער. אָדער די מעשׂה, אַז ביים בויען דאָס בית־מדרש האָבן זיי פאַרגעסן צו מאַכן אַ טיר. אָדער די מעשׂה ווי אַזוי זיי האָבן דעם אַלטן שמש געוואָלט לייכטער מאַכן, אַז ער זאָל מער נישט דאַרפן אַרומשלעפּן זיך באַגינען איבער די גאַסן און קלאַפּן ביי די באַלעבאַטים, מע זאָל אויפשטיין צו עבודת־הבורא. ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געטון? זיי האָבן אַראָפּגענומען אַלע טירן פון די שטיבער און זיי געבראַכט און אַנידערגעלייגט ביים שמשׂ שטוב, וועט ער בלויז דאַרפן אַרויסגיין באַגינען און אָנקלאַפּן אין זיי. אָט אַזעלכע מעשׂות דער־ציילט זיך די וועלט וועגן כעלעם.

הכלל, מע מוז עפּעס טון וועגן דעם, צו ווייזן דער וועלט, אַז מ'איז פּונקט אַזוי קלוג ווי די יידן אין אַנדערע קהילות. האָט מען באַשלאָסן, אַז קודם־כל מוז מען האָבן אַן אסיפה. און אַז ס'איז געקומען צו דער אסיפה האָט מען גערעדט און גערעדט, ווי סע פירט זיך געוויינלעך ביי אסיפות. צום סוף איז געבליבן, אַז מע זאָל שיקן דעם ראש־הקהל קיין קראָקע, צו לערנען דאָרט חכמה. דערנאָך וועט ער די חכמה איבערגעבן דער קהילה פון כעלעם. און זאָל די וועלט אויפהערן צו רעדן וועגן זיי. אַ סוף!

נאָך דער אסיפה האָט מען זיך צוזאַמענגעלייגט און מ'האָט דאָס געלט גע־געבן דעם ראש־הקהל, פאַרבונדן אין אַ פּאַטשיילע, און מ'האָט אים אַרויסבאַגלייט אין וועג אַריין לחיים און לשלום.

אָפן וועג קומט דער ראש־הקהל קיין בראָד. פאַרפאַרט ער דאָרט אין אַן אַכסניה און שטעלט זיך אָפּ איבערצונעכטיקן. דער בעל־אַכסניה זעט אַן אורח, גיט ער אים שלום־עליכם און מע צערעדט זיך: פון וואַנען? וואוהין? דערציילט אים דער כעלעמער: אַזאַ און אַזאַ מעשׂה. זאָגט דער בראָדער:

„וואָס דאַרפט איר אייך שלעפּן אַזש ביז קיין קראָקע? בראָד איז נישט גענוג פאַר אייך? געהערט אַ מעשׂה! בראָד איז עפּעס אַ קליינינקייט?! אַ שטאָט פון תורה, חכמה און געפּוצטע שטיוולן!"

און ער זאָגט אים, אַז אויב ער וויל, וועט טאַקע ער אַליין אים לערנען חכמה. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אומזיסט.

דער כעלעמער האָט מסכים געווען. ער האָט צעבונדן די פּאַטשיילע און אים געגעבן די גאַנצע אַפּותיקי. פאַר זיך האָט ער בלויז איבערגעלאָזט אויף הוצאות

צוריק אַהיים. דער בעל־אַכסניה האָט אים גלייך גענומען לערנען: „ווער איז דאָס, וואָס איז דריי מענטשן צוזאַמען? ער איז מיין ווייבס מאַן, מיין שוועסטערס ברודער און מיין טאַטעס זון?"

דער כעלעמער קוקט און לאַכט און איז זיך מודה, אַז ער האָט פון אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט געהערט. זאָגט דער בעל־אַכסניה: יאָ, ס'איז חכמה, און אַז ער אַליין, דער בראָדער, איז דערדאָזיקער מענטש. ער איז זיין ווייבס מאַן, זיין שוועסטערס ברודער און זיין טאַטעס זון.

„אַי, אַי, אַי! אמתע חכמה! ער מוז שוין צוריקפאָרן, צו לערנען דאָס זיינע שטאָטלייט." און דער ראש־הקהל האָט שוין קוים דערלעבט דעם מאָרגן. ווי נאָר ס'האָט גענומען טאָגן, כאַפּט ער זיין פּעקל און פאָרט.

געקומען קיין כעלעם, רופט ער גלייך צונויף אַן אסיפה. אָן אַן אסיפה פירט זיך נישט אין כעלעם.

אַז די גאַנצע שטאָט איז שוין געווען פאַרזאַמלט, צו הערן חכמה פון ראש־הקהלס מויל, פרעגט ער זיי, צי ווייסן זיי פון אַ מענטש, וואָס איז דריי מענטשן צוזאַמען? ער איז זיין ווייבס מאַן, זיין שוועסטערס ברודער און זיין טאַטעס זון.

די כעלעמער טראַכטן און טראַכטן און ווייסן נישט.

„דאָס איז דער בראָדער בעל־אַכסניה," זאָגט דער ראש־הקהל. „ער איז זיין ווייבס מאַן, זיין שוועסטערס ברודער און זיין טאַטעס זון."

ווען דער פויגל האָט אָנגעזאָגט אַ גוטן יריד

צוויי כעלעמער גוים זענען געגאַנגען אין שטאָט אַריין אויפן יריד. ווי זיי גייען אַזוי אין וועג, דערהערן זיי אויף אַ בוים אַ סאָראָקע שרייען.

„דו זעסט, שכנקע," זאָגט איינער צום אַנדערן, „די סאָראָקע שרייט, אַז איך וועל האָבן אַ גוטן יריד."

„ניין, פריינדעלע מיינער," זאָגט דער אַנדערער, „די סאָראָקע שרייט, אַז איך וועל האָבן אַ גוטן יריד."

די צוויי גוים האָבן זיך גענומען אַמפּערן. יעדער פון זיי האָט געטענהט, אַז די סאָראָקע מיינט אים. די גוים האָבן זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט און געקריגט, ביז ס'האָט אויסגעבראָכן צווישן זיי אַ געשלעג, און זיי האָבן זיך ביידע גוט צעממיתט.

שפּעטער האָט איינער דעם אַנדערן אָנגעקלאָגט אין געריכט.

אַז ס'האָט זיך דערנענטערט דער משפּט, האָבן די צוויי גוים זיך צוגעאיילט און געבראַכט מתנות דעם ריכטער. איינער האָט אים געבראַכט אַ טעפּל פּוטער און אַ וואָרעק קעז, און דער צווייטער האָט געבראַכט אַן עוף און אַ האַלבן שאָק אייער.

ס'איז געקומען צום משפּט, פרעגט דער ריכטער וואָס זיי האָבן צו זאָגן. דערציילן זיי די מעשה ווי אַזוי זיי זענען געגאַנגען צום יריד און האָבן דערהערט אויף אַ בוים דעם פויגל שרייען. האָט איינער געטענהט, אַז די סאָראָקע האָט

אים אָנגעזאָגט אַ גוטן יעריד, און דער אַנדערער האָט געטענהט, אַז די סאַראַקע האָט אים געמיינט, אַז ער וועט האָבן אַ גוטן יעריד.

דער ריכטער הערט זיי אויס און זאָגט: „איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, ברידערלעך מיינע, אין דער אמתן האָט די סאַראַקע מיך געמיינט, אַז איך וועל האָבן אַ גוטן יעריד. מאַכט שלום און גייט געזונטערהייט.״

דער ירושלימער ייד און דער ייד פֿון כעלעם

צוויי יידן, אַ ירושלימער און אַ כעלעמער, זענען געפֿאָרן מיט אַ באַס פֿון תל־אביב קיין חיפה. אַף אַ שיידוועג האָט זיך דער באַס אָפּגעשטעלט. ביי דער זייט איז דאָרט געווען אַ שילד מיט אַזאַ העברעאישער אויפשריפט:

„פֿאָרט רעכטס און איר וועט קומען צו אַ שיין הויז, וואָס איר קענט קויפן פֿאַר צוויי טויזנט פונט. אויב איר קענט נישט לייענען קיין העברעאיש, פרעגט דאָרט דעם אויפזעער, וועט ער אייך זאָגן דעם פרייז.״

דער ירושלימער ייד האָט דאָס איבערגעלייענט און אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. דער כעלעמער האָט דאָס איבערגעלייענט און געקוקט מיט אַן ערנסט פּנים ווי דער ירושלימער לאַכט, און אַליין האָט ער אַפילו נישט קיין שמייכל געטון. די פּאַסאַזשירן זענען נאָך דעם אַריין צוריק אין באַס און מ׳איז געפֿאָרן ווייטער.

ס׳איז אַריבער אַ צען מינוט, צעלאַכט זיך פּלוצים דער כעלעמער. קוקט אים אָן דער ירושלימער און פרעגט: „וואָס לאַכט איר, ר׳ ייִדז?״

און דער כעלעמער קייכט און ענטפערט: „ס׳אַ נאַרישע אויפשריפט. ווי איז, אַז דער אויפזעער וועט גראַדע נישט זיין דאָרט אין דער היים?!״

אַ כעלעמער מעשה מיט אַ קו

צוויי כעלעמער באַלעבאַטים, ר׳ שלמה און ר׳ חיים, האָבן אָפּגערעדט צו קויפן אַ קו בשותפות. זיי זענען אַוועק אַפן יעריד און האָבן דאָרט געקויפט אַ בהמה פֿאַר פופציק גילדן. אַ העלפט האָט געגעבן ר׳ שלמה, און אַ העלפט—ר׳ חיים.

אַז זיי האָבן אַהיימגעבראַכט די קו, זאָגט ר׳ שלמה צו ר׳ חיימען: „ר׳ חיים, וועלכע העלפט פון דער קו ווילט איר אַף אייער חלק?״ „דעם פעדערשטן טייל,״ זאָגט ר׳ חיים. „גוט,״ זאָגט ר׳ שלמה, „וועל איך נעמען דעם הינטערשטן טייל.״ און די צוויי שותפים האָבן אַוועקגעשטעלט די קו ביי ר׳ חיימען אין שטאַל.

אַין שיינעם מאָרגן כאַפּט זיך אויף די שלמהכע און זאָגט צו איר מאַן: „שלמה, האָסטו מיט עטלעכע טעג צוריק נישט געקויפט אַ בהמה בשותפות מיט אונזער שכן?״ „יאָ,״ זאָגט איר מאַן. „האָסטו נישט באַצאָלט פֿאַר איר אַ העלפט געלט?״ פרעגט די שלמהכע ווייטער? „יאָ,״ ענטפערט איר מאַן. „וועלכע העלפט פון דער בהמה איז אונזערע?״ פרעגט די שלמהכע. „וואָס הייסט? דער הינטערשטער טייל,״ ענטפערט ר׳ שלמה. „אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסטו זי ביז היינט נישט

געמאַלקן?״ זאָגט ר׳ שלמה: „ס׳איז מיר אַפּן קאָפּ נישט געקומען.״ „טאָ שטיי אויף,״ זאָגט די שלמהכע, „נעם די דיניצע, גיי אַריבער צום שכן און מעלק אויס די בהמה.״

ר׳ שלמה איז אויפגעשטאַנען, האָט גענומען אַ שעפל און גייט אַריבער צום שכן: „ר׳ חיים,״ זאָגט ר׳ שלמה, „האָבן מיר מיט עטלעכע טעג צוריק נישט גע־קויפט צוזאַמען אַ קו?״ „יאָ,״ זאָגט ר׳ חיים. „האָב איך נישט באַצאָלט פאַר איר אַ העלפט געלט?״ פרעגט ר׳ שלמה ווייטער. „אמת,״ זאָגט ר׳ חיים. „נו, האָב איך נישט גענומען פאַר מיין טייל דעם הינטערשטן חלק?״ פרעגט ר׳ שלמה. „אַוודאי,״ זאָגט ר׳ חיים. „אויב אַזוי,״ זאָגט ר׳ שלמה, „וויל איך מעלקן מיין טייל.״ „איך מעלק די קו,״ זאָגט ר׳ חיים. „ניין,״ קלערט אים אויף ר׳ שלמה „ס׳אַ טעות. דער פעדערשטער טייל איז אייערער. איר דאַרפט געבן עסן דער בהמה, און איך דאַרף זי מעלקן.״

די באַן וואַרט נישט אַף קיינעם

צוויי מענער, וואָס האָבן געצויגן זייער יחוס פון דער קעניגלעכער משפחה, זענען געשטאַנען אַפּן וואָקזאַל און האָבן געוואַרט אַף אַ באַן.

אַז די באַן איז אָנגעקומען און דער קאָנדוקטער האָט געעפנט פאַר זיי די טיר פון וואַגאָן, האָבן די צוויי מענער זיך פאַרנייגט איינער פאַרן אַנדערן און געבעטן גיין פאַראויס.

„ניין, מיין האַר, גייט איר קודם,״ האָט זיך אָנגערופן איינער.

„אַ דאַנק, האַר, גייט איר פאַראויס,״ האָט געזאָגט דער צווייטער.

„ניין, האַר, איך בין אַייער דינער און איך וועל גיין נאָך אייך,״ האָט גע־ענטפערט דער ערשטער.

„מיין האַר, דער דינער בין איך,״ האָט ווידער געזאָגט דער צווייטער.

דערדאַזיקער שפּיל האָט זיך געצויגן אַזוי אָן אַן אויפהער. די צוויי מענער האָבן איינער דעם אַנדערן אָפּגעגעבן אַזוי לאַנג כבוד, ביז די טיר פון דעם וואַגאָן האָט זיך פאַרמאַכט און די באַן איז אָפּגעפאָרן.

אַז די צוויי מענער האָבן געזען ווי די באַן פאָרט אָפּ, האָבן זיי פאַרגעסן אָן די שיינע רייד, וואָס זיי האָבן צוגעטיילט איינער דעם אַנדערן, און געמאַכט עט־לעכע שאַרפע באַמערקונגען אַפּן חשבון פון דעם מאַשיניסט און דעם קאָנדוקטער, וועמען סע האָט געפעלט העפלעכקייט צו וואַרטן.

מענטשן וואָס האָבן דאָס געזען ביי דער באַן, האָבן געזאָגט צו זיך מיט אַ שמייכל: „צייט און באַנען וואַרטן נישט אַף קיינעם.״

דער רוסישער אָפּיציר און די צוויי זעלנער

אַ רוסישער אָפּיציר אין די צייטן פון די צאַרן האָט אַמאָל אַ רוף געטון זיין דינער, אַ זעלנער, און אים געהייסן גיין אַרויסנעמען זיין וועש ביים וועשער און קויפן אַ פלאַש וויין. ער האָט אַרויסגענומען געלט און געזאָגט צו אים: „דאָ האָסטו אַ רובל, אַרויסצונעמען די העמדער, און נאָך אַ רובל—אַף וויין.״

דער זעלנער האָט גענומען די צוויי רובל, האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ ווירע און סאַלוטירט, און איז אַוועק אין מאַרק אַריין.

סע גייט אַריבער אַ האַלבע שעה, אַ שעה—דער זעלנער ווייזט זיך נישט. סע גייט אַריבער נאָך אַ שעה—ער איז נישטאָ, פאַרפאַלן ווי אין וואַסער אַריין.

נעמט דער אָפיציר אַ צווייטן זעלנער און שיקט אים זוכן דעם ערשטן זעל־נער. סע געדויערט נישט לאַנג, און די צוויי זעלנער זענען דאָ צוריק. דער ער־שטער—אַ פאַרצווייפלטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און דער צווייטער—אַ צופרידענער, אויסגעצויגן ווי אַ ווירע, סאַלוטירט און זאָגט: „אייער הויך־וואויל־געבוירן, ער האָט פאַרביטן די צוויי רובל," ווייזט ער אָן אויפן צווייטן זעלנער. „ער האָט פאַרגעסן וועלכער רובל ס'איז אויף ווייַן, און וועלכער—פאַר די וועש."

דער באַלעבאָס און די פילאָזאָפיע פון זייַן משרת

אַ באַלעבאָס איז אַמאָל געוואָרן קראַנק. רופט ער אַריין זיין משרת און הייסט אים גיין צום דאָקטער, צו ברענגען פאַר אים אַ מעדיצין. זאָגט דער משרת: „סע קען זיין, אַז דער דאָקטער איז נישט אין דער היים."

„גיי און זע," זאָגט דער באַלעבאָס. „ער מוז אַוודאי זיין אין זיין אַרבעט־צימער."

„יאָ, סע קען זיין, אַז ער איז דאָרטן דאָ," זאָגט דער משרת, „נאָר ס'איז מעגלעך, אַז ער וועט מיר נישט וועלן געבן די מעדיצין."

„ער וועט דיר געבן," זאָגט דער באַלעבאָס. „ער איז ערשט פריער געווען דאָ און האָט געזאָגט, אַז ער וועט געבן די מעדיצין יעדן איינעם, וואָס איך וועל צושיקן צו אים."

„באַלעבאָס, סע קען טאַקע זיין, אַז ער וועט מיר געבן. נאָר ס'איז מעגלעך, אַז די מעדיצין וועט נישט האָבן קיין ווירקונג."

זאָגט דער באַלעבאָס: „די מעדיצין מוז העלפן. דער דאָקטער האָט מיר פאַר־זיכערט, אַז זי וועט העלפן."

„נו, און אַז זי וועט העלפן?" פרעגט דער משרת. „איין שיינעם טאָג מוז מען דאָך שטאַרבן. די מעדיצין קען נישט פאַרהיטן פון טויט."

דער באַלעבאָס האָט געכאַפּט אַ שטעקן און האָט דעם ווייט־זיכטיקן און קלוגן משרת אַרויסגעטריבן פון הויז.

אַ פויער—אַ נדבן

אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט די רוסישע רע־גירונג אַרויסגעשיקט באַאַמטע איבערן לאַנד, צו זאַמלען געלט פאַר דעם רויטן קרייץ. איינמאָל קומט אַזאַ באַאַמטער אין אַ שטעטל אַריין. מ'האָט גלייך צוזאַ־מענגערופן די איינוואוינער אין דער שטאָטישער טיי־האַלע, דער באַאַמטער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ פייערדיקע רעדע, און מ'האָט אויפגעפאָדערט דעם עולם, אַז יעדער איינער זאָל ביישטייערן פאַר דעם רויטן קרייץ.

די איינוואוינער האָבן זיך וואָרעם אָפּגערופן. טייל האָבן גלייך געגעבן מזומן געלט, און אַנדערע האָבן צוגעזאָגט צו געבן דאָס געלט אין עטלעכע וואָכן אַרום. צווישן די, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו געבן שפּעטער דאָס געלט, איז געווען איינער אַ פּויער. ער האָט צוגעזאָגט בייצושטייערן פאַר דעם וויכטיקן צוועק פּופּציק רובל.

עס זענען אַריבער עטלעכע וואָכן—איז דער באַאַמטער ווידער געקומען אין שטעטל אַריין, איינצומאָנען די צוגעזאָגטע געלטער. מ'האָט אָף דאָס ניי צוזאַמענגערופן די איינוואוינער אין דער טיי־האַלע און דער באַאַמטער האָט גענומען אויסרופן די נעמען פון די מנדבים.

הייבט זיך אויף אַ פּויער, גייט צו צו דעם באַאַמטן און נעמט שטאַמלען, אַז ער איז דער און דער. ער צעלאָזט זיך: „פּריצל גוטינקער, איך האָב צוגעזאָגט צו געבן פּופּציק רובל פאַר דעם רויטן קרייץ. איך האָב מיר געטראַכט: אונזערע זין שלאָגן זיך פאַר דעם פאָטערל דעם צאַר און פאַר דער מאַטושקע ראַסיי. און אַ סך פון אונזערע העלדן ווערן פאַרוואונדעט, און דער רויטער קרייץ קומט זיי צו הילף און ראַטעוועט זיי. פאַר אַזאַ צוועק מוז מען געבן וואָס מער, טאַקע איבער די כוחות. און איך האָב טאַקע דערפאַר צוגעזאָגט פאַר דעם רויטן קרייץ פּופּציק רובל. נאָר אַזוי ווי קיין געלט האָב איך נישט, וויל איך גיין פאַר דעם אָפּזיצן."

גלייבט, אָדער גלייבט נישט

דער אָפּטער רב ר' אברהם העשל האָט ליב געהאַט צו דערציילן ביים טיש מעשׂות, גוזמאות—נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, אָפּן שטייגער פון ר ב ה ב ר ב ר ח נ א.

איינמאָל זיצט ער מיט די שטאָטישע באַלעבאַטים ביים טיש און רעדט פון זיין זונס חתונה. ער דערציילט: ווען ער האָט חתונה געמאַכט דעם זון זיינעם ר' יצחק מאיר, איז אָף דער חתונה געווען אַזאַ גרויסער עולם, אַז אייער אַליין זענען אַוועק פאַר טויזנט רובל. פון דער שאָלעכץ פון די אייער האָט מען אויסגעלייגט צוויי וועגן אין טייך, און צוויי פורן שטרוי האָט מען ביי דעם חתונה־מאָלצייט פאַרנוצט פאַר ציין־שטעכערס.

צו דער חתונה האָט ער דעם זון געמאַכט אַ פּעלץ. זענען די האָר פון דעם פּעלץ געווען אַזוי לאַנג, אַז אַ קאָזאַק, רייטנדיק אָף אַ פערד מיט דער פּיקע אין האַנט, האָט זיך דאָרט געקענט באַהאַלטן. דער פּעלץ איז געווען אַזוי ווייך, אַז ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַ שאָלעכץ פון אַ ניסל.

זיין זונס שטיבל איז געווען קליין, דלת־על־דלת, פיר שפּאַן די ברייט און פיר שפּאַן די לענג. ווינטער האָט מען אין דעם שטיבל געהייצט דעם אויוון און מ'האָט פאַרברענט פּערציק פורן האָלץ אַ טאָג. נאָר ביינאַכט צום שלאָפן האָט ער געמוזט אָנטון אַ פּעלץ, און אין דער פרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, איז די האַנט זיינע געווען צוגעפרוירן צו דער וואַנט.

די צוויי זעלנער און די מעשה מיט זייערע עלטער־זיידעס

צוויי אַלטע זעלנער זענען איין שיינעם זומער־פֿאַרנאַכט געזעסן אין דרויסן פֿאַר דער שטוב און האָבן געשמועסט. זיי האָבן זיך דערציילט מעשות פֿון די אַמאָליקע יאָרן, ווען ס׳האָבן זיך נאָך געטראָפֿן אויסערגעוויינלעכע זאַכן, אמתע וואונדער. זאָגט איינער: „מיין עלטער־זיידע איז געווען אַ פֿישער. האָט ער דער־ציילט מיין זיידע און מיין זיידע האָט דאָס איבערגעגעבן מיין טאַטע, און מיין טאַטע—מיר, אַז איינמאָל האָט ער געכאַפּט אַ פֿיש, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ מויער, און געוואויגן האָט ער פֿופֿציק טאָן.״

אַז ער האָט געענדיקט, רופֿט זיך אָן דער אַנדערער זעלנער און זאָגט: „מיין עלטער־זיידע איז געווען אַ קופּערשמיד. האָט ער דערציילט מיין זיידע, און מיין זיידע האָט דאָס איבערגעגעבן מיין טאַטע, און מיין טאַטע—מיר, אַז איינמאָל האָט ער אויסגעשמידט אַ קעסל, איז ער געווען נאָך גרעסער פֿון אַ מויער. און טיף איז דער קעסל געווען ווי דריי שטאָק די הייך.״

רופֿט זיך אָן דער ערשטער זעלנער, און פֿרעגט: „צו וואָס האָט דיין עלטער־זיידע געדאַרפֿט האָבן אַזאַ גרויסן קעסל?״

זאָגט דער צווייטער: „אָף צו קאָכן דיין עלטער־זיידעס גרויסן פֿיש.״

די דריי ברידער און דער מלך, וואָס האָט געוואָלט הערן נישט געשטויגענע מעשות

דריי ברידער זענען זיי געווען: איינער אַ שטעקל־דרייער—אַ ליידיק־גייער, דער צווייטער אַ לאַטוטניק—אַ נייער, און דער דריטער, דער יינגסטער—אַ נאַר, אַז ס׳איז נעבעך געווען אָף אים אַ צער.

איינמאָל ווערן געוואָר די צוויי עלטערע ברידער, דער שטעקל־דרייער, און דער לאַטוטניק, דער נייער, אַז דעם מלך איז נעבעך זייער אומעטיק, און ער וויל, אַז מע זאָל קומען אים אונטערלענען זיין האַרץ און אים פֿריילעך מאַכן מיט נישט געשטויגענע מעשות. און ווער סע וועט אים דערציילן אַזאַ נישט געשטויגענע מעשה, אַז ער וועט זיך אַרויסכאַפּן און זאָגן: „ס׳אַ ליגן!״, דעם וועט ער מאַכן פֿאַר דעם עלטסטן פֿון זיינע קאָפּ־מענטשן.

וואָס אַ מלך האָט אַמאָל געקענט איינפֿאַלן! אַז דער שטעקל־דרייער און דער לאַטוטניק, דער נייער, הערן אַזאַ מעשה, גייען זיי פּרובירן זייער מזל. וואָרן ווער וויל דאָס נישט דערהויבן ווערן פֿאַר אַ קאָפּ־מענטש ביים מלך?! זאָגט דער יינגס־טער, דער נאַר, ער גייט אויך. זעען דאָך די ברידער, אַז ס׳איז נעבעך אַ צער אָף אים, נעמען זיי אים מיט. געקומען צום מלך, זאָגט דער עלטסטער: „אדוני מלך, איך בין אַ שטעקל־דרייער—אַ ליידיק־גייער. נאָר ווי קום איך צו מיין טאַטע? מיין טאַטע איז געווען אַ שטעקל־דרייער מיט אַ שטעקן. זיין שטעקן איז געווען אַזוי לאַנג, אַז ווען ער האָט אים האָט אויפגעהויבן, האָט ער דערגרייכט מיט אים דעם הימל, און האָט געקענט דרייען די לבנה מיט די שטערן.״

שמייכלט דער מלך: „דאָס גאָר?! מיין טאַטע, דער מלך, האָט געהאַט אַ

ליולקע־ציבעק. זיין ציבעק איז געווען אַזוי לאַנג, אַז ווען ער האָט געוואָלט פאַר־רייכערן, האָט ער זי אויסגעצויגן צו דער זון און האָט זיך דאָרטן פאַררייכערט.״

לאָזט דער עלטסטער אַראָפּ דעם קאָפּ און טרעט אָפּ אין אַ זייט. דערנעענ־טערט זיך דער צווייטער פון די ברידער און זאָגט: „מיין האַר מלך, איך בין אַ לאַטוטניק—אַ נייער. נעכטן איז געווען אַ שרעקלעכער שטורעם. ס'האָט אַזוי געדונערט און געבליצט, אַז דער הימל איז צעריסן געוואָרן אין שטיקער. האָב איך גענומען מיין נאָדל־פאָדעם און אים פאַרסטריגעוועט און פאַרנייט, אַז מע זעט מער נישט קיין שפּעלטעלע אין הימל.״

שמייכלט ווידער דער מלך: „אַי, אַי, אַי! טאַקע אַ לאַטוטניק! האָסט מיט דיין נאָדל געמאַכט אַזעלכע שטעך, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט געגאָסן אַ רעגן פון הימל.״

לאָזט דער צווייטער שוין אויך אַראָפּ דעם קאָפּ און טרעט אָפּ אין אַ זייט. שאַרט זיך צו דער דריטער, דער נאַר—דער טראָפּ, מיט אַ שווערן, גרויסן טאָפּ.

קוקט אים אָן דער מלך און לאַכט: „וואָס ווילסטו דערציילן? און צו וואָס טראָגסטו מיט זיך אַזאַ טאָפּ?״

זאָגט דער יינגסטער: „מיילעכל מלך, איך בין געקומען, אַז דו זאָלסט מיר אָפּגעבן מיין טאָפּ גאָלד, וואָס דו ביסט מיר שולדיק.״

שפּרינגט אויף דער מלך און צעשרייט זיך: „אַ טאָפּ גאָלד בין איך דיר שולדיק? ס'אַ ליגן!״

דער יינגסטער איז שוין געבליבן ביים מלך אין פּאַלאַץ.

די צוויי ליגנערס

צוויי שותפים, צוויי ליגנערס, האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז ווען איינער פון זיי וועט עפּעס זאָגן, אָדער דערציילן, זאָל דער צווייטער צוגעבן, אַז דאָס איז אמת.

איינמאָל זיצן זיי מיט מענטשן און מע שמועסט. דערציילט איינער פון די שותפים, אַז ווען ער איז געווען אין אויסלאַנד, האָט ער דאָרט געזען אַ קאַרעטע, איז זי געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט זיך געצויגן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן עק וועלט. וואונדערט מען זיך און מע פרעגט אים: „און וואו איז געווען דער דישעל מיט די פערד?״

„דער דישעל מיט די פערד?״ פרעגט איבער דער ליגנער טאַמעוואַטע, „זיי האָבן געכאַפּט שוין אַף יענער וועלט.״

קוקט מען אַף זיין שותף, ווי איינער רעדט, וואָס האָסטו צו זאָגן דערוועגן דעם?

זאָגט דער שותף: „איכל אייך זאָגן, איך בין מיט אים אין שותפות בלויז אין זאַכן פון ד ע ר וועלט. נאָר אין זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט יענער וועלט, מיש איך מיך נישט.״

פֿאַרוואָס דער מלך פֿון די כוזרים האָט אויסגעקליבן אָנצונעמען די יידישע אמונה

אַז בולאַן, דער מלך פֿון די כוזרים, האָט געלאָזט וויסן, אַז ער פֿאַרוואַרפֿט דעם געצנדינסט און וויל אָננעמען איינע פֿון די דריי אמונות אין איראָפּע, האָבן די יידן, קריסטן און מאַכמעדאַנער געשיקט צו אים חכמים, און יעדער פֿון זיי האָט אים פּרובירט געווינען פֿאַר זיין אמונה. נאָר דער מלך האָט נישט געקענט אָפּמאַכן ביי זיך, וועלכע פֿון די דריי אמונות עס איז בעסער. די מאַכמעדאַנער שלוחים האָבן גערעדט וועגן דער גרויסקייט פֿון זייער רעליגיע, און האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל אָננעמען די מאַכמעדאַנישע אמונה; די קריסטן האָבן אים צוגערעדט אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, און די יידן האָבן אים געוואָלט געווינען פֿאַר זייער אמונה.

אַז דער מלך האָט געזען אַזאַ זאַך, האָט ער איבערגעטראַכט און באַשלאָסן צו רעדן מיט די שלוחים פֿון יעדער אמונה באַזונדער. ער האָט זיי אַלע אַרויסגעשיקט. דערנאָך האָט ער אַריינגערופֿן בלויז די מאַכמעדאַנישע חכמים און זיי געפֿרעגט: „ענטפֿערט מיר, איר קלוגע לייט, וועלכע פֿון די צוויי אמונות איז די בעסערע: די יידישע, צי די קריסטלעכע?“

„די יידישע,“ האָבן די מאַכמעדאַנער געענטפֿערט. ווייל די יידישע איז עלטער, און די קריסטלעכע אמונה שטאַמט אַרויס פֿון איר.“

דער מלך האָט נאָך דעם אַריינגערופֿן די קריסטלעכע שלוחים און האָט זיי געשטעלט דיזעלבע פֿראַגע: „זאָגט מיר, איר חכמים, וועלכע פֿון די צוויי אמונות איז די בעסערע: די יידישע, צי די מאַכמעדאַנישע?“

און זיי האָבן געענטפֿערט: „די יידישע, פֿאַרשטייט זיך. וואָרן די יידישע איז עלטער, און די מאַכמעדאַנישע שטאַמט אַרויס פֿון איר.“

זאָגט דער מלך: „אויב אַזוי, אויב איר אַליין גיט צו, אַז די קריסטלעכע אמונה און די מאַכמעדאַנישע אמונה שטאַמען אָפּ פֿון דער יידישער, וועל איך אָננעמען דעם יידישן גלויבן.“

אַזוי איז דער מלך בולאַן געוואָרן אַ ייד, און זיינע קאָפּ־מענטשן און אַ סך פֿון זיינע עלטסטע און האַרן אין לאַנד האָבן אויך אָנגענומען די יידישע אמונה און זענען געוואָרן יידן.

אין וואָס אַ מענטש קען געפֿינען דאָס אמתע גליק

די בת־מלכּה איז געווען אַ בת־יחידה. אַן איינציקע, אַ פֿאַרציטערטע איז זי געווען ביי איר פֿאָטער און מוטער, דעם מלך און דער מלכּה. זי האָט קיין פֿינגער אין קאַלט וואַסער קיינמאָל נישט אַריינגעטון. איז דאָך איר געווען גוט, און זי האָט געדאַרפֿט זיין פֿריילעך און גליקלעך. נאָר די בת־מלכּה איז נישט געווען גליקלעך. אַן אומעט איז געלעגן אַף איר, און זי איז שטענדיק געווען אַ טרויעריקע, אַ ברוגזע.

דער מלך און די מלכּה האָבן איבערגעטון אַלץ אין דער וועלט. זיי האָבן

אויסגעפּרואווט אַלע סגולות און רפואות. נאָר קיין זאַך האָט נישט געהאָלפֿן. טאָ וואָס טוט מען פֿאַרט? האָט דער מלך געלאָזט אויסרופֿן אין אַלע שטעט פֿון זיין מלוכה, אַז ווער סע וועט זי אויסהיילן פֿון איר שטענדיקן טרויער, דעם וועט ער געבן די בת־מלכה פֿאַר אַ ווייב און אים מאַכן פֿאַר דעם יורש פֿון זיין מלוכה.

פֿון נאָנט און וויט האָבן אָנגעהויבן קומען מענטשן צום מלכס פּאַלאַץ, צו פּרואוון היילן די בת־מלכה. עס זענען געקומען אַלטע לייט און יונגעלייט. נאָר קיינער האָט נישט געהאַט קיין היילונג צו איר טרויעריק האַרץ. איינמאָל קלאַפּט אָן אין דעם טויער פֿון קעניגלעכן פּאַלאַץ אַ יונגערמאַן, אַ גייער, מיט אַ קעסטל זאַכן אויף די פּלייצעס. וואָס וויל ער, דער יונגערמאַן?—ער האָט שיינע זאַכן פֿאַר דער בת־מלכה: אַ קלייד און אַ שלייער געוועבט פֿון לבנה־שטראַלן, און שיכעלעך געמאַכט פֿון זון־שטראַלן. דער בת־מלכה וועלן די זאַכן זיכער געפֿעלן. לאָזט מען אים אַריין. ער פּאַקט אויס די זאַכן און מעסט זיי אָן דער בת־מלכה. די זאַכן זענען ווי אויסגעגאָסן אויף איר. און די בת־מלכה וויל זיי שוין נישט אַרויסלאָזן פֿון האַנט. וואָס קאָסטן די זאַכן?—נישט קיין סך. צען טויזנט גאָלד־שטיקלעך. זי דאַרף אים נישט געבן דאָס געלט מיטאַמאָל. ס׳איז גענוג אָן אַדערויף. דאָס איבעריקע וועט ער זיך שוין אָפּנעמען שפּעטער. נאָר דער בת־מלכה געפֿעלן אַזוי די זאַכן, אַז זי וויל גלייך באַצאָלן דאָס גאַנצע געלט. וואָס איז ביי איר צען טויזנט גאָלד־שטיקלעך?

ניין, דער יונגערמאַן וויל אָבער נישט. ער האָט אַ תּנאַי: דאָס געלט, וואָס זי גיט אים פֿאַר די זאַכן, מוז זי האָבן אַליין פֿאַרדינט, טאַקע מיט אירע אייגענע צען פֿינגער. נאָר וואו האָט די בת־מלכה אַמאָל פֿאַרדינט אַן אייגענע פּרוטה, אַז מ׳האָט זי קיינמאָל נישט געלאָזט אַריינטון אַ פֿינגער אין קאַלט וואַסער?!

יאָ, זי האָט יאָ אַמאָל געפּרואווט עפּעס טון. זי האָט פֿון צייט צו צייט געשריבן לידער און געמאָלן בילדער. זי האָט עס געטון, צו פֿאַרטרייבן אַביסל די לאַנגווייליקייט. און די הויפֿלייט האָבן געלויבט אירע לידער און געריימט אירע בילדער, און געזאָגט, אַז זי איז אַ קינסטלערין.

בעט זי דעם יונגנמאַן, אַז ער זאָל וואַרטן מיט די זאַכן און זיי אין ערגעץ נישט אַוועקטראָגן. זי וועט שיקן פֿאַרקויפֿן אירע לידער און אירע בילדער, און זי וועט אים געבן געלט, וואָס זי האָט זיך אַליין פֿאַרדינט. גוט, ער וועט וואַרטן, דער יונגערמאַן. ער וועט די שיך און קליידער קיינעם נישט פֿאַרקויפֿן. אַפֿילו נישט ווייזן.

און די בת־מלכה האָט גענומען איינעם פֿון אירע דינער, האָט אים געגעבן אירע לידער און בילדער און געהייסן, אַז ער זאָל זיי גיין פֿאַרקויפֿן. זי האָט אים שטרענג אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט וואָגן צו דערמאָנען, אַז דאָס זענען אירע אַרבעטן, אַז דאָס האָט זי געשריבן און געמאָלן.

דער דינער האָט אָנגעהויבן גיין מיט די לידער און בילדער פֿון איין פּלאַץ צום אַנדערן. נאָר קיינער האָט זיי נישט געוואָלט קויפֿן. מ׳האָט זיך אויסגעלאַכט, אַז מ׳האָט אַ קוק געטון אויף די בילדער און לידער.

„בילדער זענען דאָס? פּאָעזיע איז דאָס? קינדישע שמירעריי און פּלאַפּלעריי איז דאָס,״ האָבן מענטשן געזאָגט.

נאָר די בת־מלכה האָט דאָך פּאָרט געוואָלט קריגן די שיכעלעך פון זון־שטראַלן, און די קליידער פון לבנה־שטראַלן. וואָס טוט מען?—האָט מען איר געגעבן אַן עצה, אַז זי זאָל נעמען אויסנייען און אויסשטריקן זאַכן. דאָס וועט זי קענען לייכט פאַרקויפן און פאַרדינען מיט דערמיט געלט.

די בת־מלכה האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ס'איז איר אָנגעקומען אַביסל שווער. נאָר זי האָט יעדן טאָג גענייט און געשטריקט. וואָרן זי האָט דאָך געוואָלט קריגן די זאַכן ביי דעם יונגנמאַן. און זי האָט טאַקע די נייעכץ פאַרקויפט. און ווי נאָר זי האָט זיך פאַרדינט דאָס ערשטע גאָלדשטיקל, איז זי געווען אַ גליקלעכע. איצט קען זי שוין געבן דעם יונגנמאַן אַן אָדערויף אָף די זאַכן. דערנאָך האָט זי ווייטער גענייט און געשטריקט. זי האָט ביסלעכוויז פאַרגעסן אין איר אומעט. זי האָט פשוט נישט געהאַט קיין צייט צו זיין אומעטיק.

זיי גלייַכן זיך אויס

אַ קייסער איז געריטן אַף שפּאַציר. ער איז געריטן אַזוי לאַנג און אַזוי ווייט, אַז ביים פערד איז אַראָפּגעפאַלן אַ פּאָדקאָווע און זי איז פאַרלוירן געוואָרן. רייט דער קייסער צו צו אַ שטעטל און פרעגט זיך אָן צום שמיד.

געקומען צום שמיד, הייסט אים דער קייסער, אַז ער זאָל אים מאַכן אַ פּאָד־קאָווע און שמידן דאָס פערד. נעמט דער שמיד און מאַכט אים אַ פּאָדקאָווע.

פאַרטיק געוואָרן, נעמט דער קייסער די פּאָדקאָווע און פּרובירט—ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער,—פּרובירט, צי זי איז גענוג שטאַרק. אַ דריי אַהער און אַ דריי אַהין, און ער האָט די פּאָדקאָווע צעבויגן.

זעט דער שמיד, אַז ער איז אַריינגעפאַלן. נעמט ער און מאַכט אַ צווייטע פּאָדקאָווע. נאָר דער קייסער פּרובירט ווידער אויס, און צעבייגט אויך די צווייטע פּאָדקאָווע. אַז דער שמיד זעט אַזאַ זאַך, נעמט ער און מאַכט אַ שטאָלענע פּאָד־קאָווע. די האָט דער קייסער שוין נישט געקענט צעבייגן.

צוגעשמידט דעם פערד די פּאָדקאָווע, נעמט דער קייסער אַרויס אַ זילבער־שטיק און גיט דאָס דעם שמיד. דער שמיד באַטראַכט די מטבע, גיט זי אַ נעם צווישן זיינע פינגער, און צעבייגט זי. „האַרעלע, זאָגט דער שמיד, „דו האָסט געוואָלט אַ שטאַרקע פּאָדקאָווע, און מיר גיסטו שוואַך געלט."

זעט שוין דער קייסער, אַז ער איז אַריינגעפאַלן. נאָר סע געפעלט אים, און ער נעמט אַרויס אַ גרעסערע מטבע און גיט דעם שמיד. נעמט דער שמיד און צעבייגט אויך די צווייטע מטבע. „האַרעלע, אויך די מטבע איז אַ שוואַכע," זאָגט ער.

געפעלט עס דעם קייסער, און ער נעמט שוין אַרויס אַ גאָלדשטיקל און גיט דאָס דעם שמיד. שמייכלט דער שמיד, באַטראַכט דאָס גאָלדשטיקל, פּרובירט עס בייגן, און זאָגט: „אָט דאָס, האַרעלע, איז שוין שטאַרקער, טאַקע אַזוי שטאַרק ווי די פּאָדקאָווע."

פֿאַרוואָס דעם קייסערס בילד הענגט אַף דער לינקער זײַט

דער רוסישער צאַר האָט אַמאָל געדאַרפֿט קומען צו פֿאָרן אין אַ יידיש שטעטל אַריין. יידן האָבן געקריגן אַ באַפֿעל אָפּצואוויישן און אַרומצופּוצן די שטיבער, און אַרויסצוהענגען פֿאָנען. הכלל, דאָס שטעטל איז וואָכנלאַנג געגאַנגען אַף רעדלעך. אַז ס'איז געקומען דער טאָג, זענען די יידן אַרויס מקבל־פּנים זיין דעם קייסער מיט אַ ספר־תורה און מיט ברויט און זאַלץ אַף אַ טאַץ. דערנאָך האָט מען אים מיט זיין גאַנצער סוויטע געפירט אין דער הויכער שול אַריין, וואו ס'איז געהאָנגען דעם קייסערס בילד, אַז דער חזן זאָל אים מאַכן דעם געהויבענעם מי־שברך. געקומען אין שול, מע גיט אַ קוק, דעם קייסערס בילד הענגט איבער־געדרייט אַף דער לינקער זייט, מיטן פּנים צו דער וואַנט.

אַ פּחד איז באַפֿאַלן די יידן. זיי האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין די אַרבעט פֿון דעם שונא־ישראל אין שטעטל. וואָרן ווער דען וואָלט געקענט אָפּטון די יידן אַזאַ זאַך?

דער קייסער און זיין סוויטע האָבן דאָס באַמערקט. זיי האָבן אויך געזען, אַז דער גאַנצער עולם קוקט אַף דעם איבערגעדרייטן בילד אַף דער וואַנט, און איז צעטראָגן. נאָר אין דער מינוט טרעט אַרויס דער רב, פֿאַרנייגט זיך פֿאַרן קייסער און בעט, אַז ער זאָל אים לאָזן אויפֿקלערן די זאַך: „אַדוני מלך," האָט דער רב אָנגעהויבן, „ביי אונז יידן פֿירט זיך, אַז מיר לייגן אַלע טאָג תּפֿילין, צו דערמאָנען זיך, אַז מיר זענען גאָטס קנעכט. נאָר אַז סע קומט שבת, טאָרן מיר זיך אַפֿילו נישט צורירן צו די תּפֿילין. וואָרן דער טאָג אַליין דערמאָנט אונז אין גאָט, אַז זעקס טעג האָט ער געאַרבעט און באַשאַפֿן די וועלט, און אין דעם זיבעטן טאָג, שבת, האָט ער גערוט. אַזוי איז אויך מיט דיר, האַר, און מיט דעם בילד. אַ גאַנץ יאָר מוזן מיר האָבן פֿאַר אונזערע אויגן דיין בילד, צו געדענקען דיך און צו פֿילן די פֿאַרכטיקייט פֿון דעם קייסער. נאָר אַז דו, מלך, ביסט אַליין דאָ ביי אונדז, דאַרפֿן מיר נישט האָבן קיין שום סימנים, צו דערמאָנען אונז אין דיר. דערפֿאַר הענגט היינט דיין בילד איבערגעקערט."

באַמערקונג: אַזאַ מעשהלע ווערט אויך דערציילט וועגן דעם עסטרייכישן קייסער פֿראַנץ יאָזעף.

ער איז אַ מבין נישט נאָר אַף פֿערד, נאָר אויך אַף מענטשן

אין אַ שטאָט איז געווען אַ ייד, אַ גרויסער מבין אַף פֿערד. אַז אַ פּריץ, אַ שררה פֿון אַרומיקע געגנטן האָט געדאַרפֿט קויפֿן פֿערד, האָט מען געשיקט נאָך דעם יידן, אַז ער זאָל זאָגן מבינות. זיין מבינות איז געווען אַזוי גרויס, אַז מענטשן האָבן אומעטום גערעדט פֿון דעם. הכלל, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דאָס איז אָנגעקומען צום קעניג.

איינמאָל שיקט דער קעניג נאָכן ייד. וואָס איז? ער האָט אויפֿגעכאָוועט אַ פֿערד—איינס אין דער וועלט. וויל ער, אַז דער ייד זאָל עס זען און זאָגן זיין מבינות.

א ייד אַ מבין

מ׳האָט דאָס פערד אַרויסגעפירט פון שטאַל, און דער ייד האָט עס גוט באַ־טראַכט און געזאָגט, אַז סע טויג נישט. דער קעניג טאָר אַף דעם פערד נישט רייטן. דער קעניג הערט אַזאַ זאַך, הייסט ער איינעם פון זיינע שטאַל־קנעכט, אַז ער זאָל זאָטלען דאָס פערד און עס אַרויספירן און רייטן אַף אים.

דער שטאַל־קנעכט איז אַרויף אַפן פערד און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ. סע גייט אַריבער אַ האַלבע שעה, אַ שעה—דער קנעכט איז נישטאָ. סע גייט אַריבער נאָך אַביסל, ערשט—דאָס פערד איז דאָ צוריק, נאָר אָן דעם קנעכט.

האָט מען גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט גלאַט, און מ׳האָט זיך אַרויס־געלאָזט צו זוכן דעם קנעכט. און ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, און מ׳האָט דעם קנעכט געפונען און צוריקגעבראַכט אַ טויטן. דער קעניג האָט איצט געזען, אַז דער ייד איז טאַקע אַן אמתער מבין. האָט ער אים שוין נישט אַוועקגעלאָזט און אים געהאַלטן ביי זיך אין פּאַלאַץ.

סע גייט נישט אַריבער קיין לאַנגע צייט, און דער קעניג שיקט אַריינרופן דעם ייד. וואָס איז? ער האָט געהערט, אַז דער ייד האָט געזאָגט, אַז דער קעניג האָט נישט אין זיך קיין קעניגלעך בלוט. „צי ווייסט ער, דער ייד, וואָס סע קומט אים פאַר אַזאַ זאַך?״ פרעגט דער קעניג.

„אַדוני מלך, איידער דו באַשטראָפסט מיך דערפאַר, געפין אויס, פרעג די קעניגין־מוטער.״

דער קעניג האָט זיך אַביסל באַרואיקט. עפּעס איז דאָ נישט גלאַט, האָט ער געטראַכט. אויב דער ייד איז אַזוי זיכער אין דעם, דאַרף מען אויסגעפינען. ער איז אַריין צו זיין מוטער און האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה, אַז מע זאָגט אַזוי און אַזוי. און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל אים דערציילן דעם אמת.

די מוטער האָט אים איינגעשטילט און דערציילט דעם אמת: ווען זי איז געלעגן געוואָרן, האָט זי געהאַט אַ טויט קינד. אין דערזעלבער צייט איז די קעניגלעכע מילנערין אויך געלעגן געוואָרן. און אַזוי ווי דער קעניג האָט זייער געוואָלט האָבן אַ יינגעלע, אַ פּרינץ, וואָס זאָל מיט דער צייט ירשענען די מלוכה און ווערן קעניג, האָט מען ביי דעם מילנער גענומען דאָס יינגעלע און מ׳האָט אים דערצויגן פאַר אַ פּרינץ. „און דאָס ביסטו, דעם מילנערס זון״, האָט די מוטער געענדיקט.

דער קעניג איז דערנאָך אַריין צוריק צום ייד און האָט אים געזאָגט, אַז ער איז גערעכט. און ער פרעגט אים: „נאָר זאָג מיר, פון וואַנען האָסטו דאָס געוואוסט?״

„זייער איינפאַך, מיין קעניג,״ זאָגט דער ייד. „און אויב דו ווילסט מיך לאָזן רעדן, וועל איך דיר זאָגן. ווען דו האָסט געשיקט נאָך מיר, אַז איך זאָל זאָגן מבינות אַף דיין קעניגלעכן פערד, האָב איך געזאָגט, און דיר געראַטעוועט דעמאָלט דאָס לעבן פון אַ זיכערן טויט. נאָר דו האָסט מיך באַלוינט דערפאַר מיט אַ פּאָר נישטיקע ראַיניש. דעמאָלט האָב איך גלייך דערקענט, אַז דו ביסט נישט פון קעניגלעכן בלוט.״

דער קעניג האָט געזען, אַז דער ייד איז זייער אַ קלוגער מענטש, האָט ער

אים באַשוואוירן, אַז ער זאָל מער נישט רעדן פון דעם און קיינעם נישט דער־ציילן. ער האָט אים אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ און אים געמאַכט פאַר איינעם פון זיינע ראַטגעבער.

דער ערשטער גולדן, וואָס ער האָט זיך ערליך פאַרדינט

אַ גאַליציאַנער ייד — אַ סוחר, איז אַמאָל געקומען קיין ווין צוליב געשעפטן. ער איז אָנגעקומען אַפן באַנהויף פאַרטאָג. טראַכט ער זיך: וואוהין וועט ער גיין אַזוי פרי? ער וועט דערווייל כאַפּן אַ שפּאַציר.

לאָזט ער איבער זיין רענצל אַפן באַנהויף, און לאָזט זיך אַרויס שפּאַצירן איבער די ווינער גאַסן. ווי ער גייט אַזוי, קומט ער צו צום שיינעם ווינער טיר־גאַרטן. גיט עס אים אַ ציִ, און ער גייט אַריין אינעווייניק, צו זען דאָרט די זעלטענע חיות. אין גאַרטן איז כמעט נאָך קיינער נישט געווען. דער ייד האָט בלויז באַמערקט ביי די שטייגן אַן אַלטן, גרויען מאַן אין אַ פּאַלערינע.

אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי באַגריסט איינער דעם אַנדערן מיט אַ „גוט מאָרגן", און זיי האָבן צוזאַמען געקוקט אַף די חיות.

דערווייל האָבן זיי זיך צערעדט. און דער אַלטער האָט דערציילט דעם ייד וועגן די זעלטענע חיות, און פון וואַנען יעדע איינע שטאַמט, און ווי אַזוי יעדע חיה לעבט. אַזוי איז אַריבער אַ שעה, און אפשר מער. דער סוחר האָט דערפילט, אַז ס'איז צייט פאַר אים צו גיין. צעזעגנט ער זיך מיט דעם אַלטן און נעמט און שטופּט אים אַריין אַ גאַנצן גולדן אין האַנט אַריין. דער אַלטער גיט אַ קוק אַף דעם גולדן און באַדאַנקט דעם ייד אַ צופרידענער.

אין גאַרטן זענען דעמאָלט שוין געווען אַביסל מענטשן, און זיי האָבן דאָס באַמערקט. אַז דער אַלטער איז זיך אַוועק זיין וועג, זענען די מענטשן צוגעלאָפן צו דעם ייד און זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט דעם קייסער פראַנץ יאָזעף אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין. אַז דער ייד דערהערט, אַז דאָס איז געווען דער קייסער, איז ער פון שרעק שיר אַנידערגעפאַלן. נאָר ער איז גלייך געקומען צו זיך, און האָט זיך אַ לאָז געטון, צו דעריאָגן דעם אַלטן. אַז ער האָט אים דעריאָגט, האָט ער זיך אַ שולדיקער טיף פאַרנייגט פאַר אים, און גענומען שטאַמלען און בעטן, ער זאָל אים מוחל זיין.

דער קייסער האָט אַ שמייכל געטון צום ייד, האָט אַרויפגעלייגט אַף אים זיין האַנט און געזאָגט: „דאַרפסט דיך גאָרנישט ניט אַנטשולדיקן, דאָס איז דער ערשטער גולדן, וואָס איך האָב מיר ערלעך פאַרדינט."

דער גוטער קייסער און דער קלוגער פּויער

אַמאָל איז געווען אַ קייסער, וואָס האָט זיך אָפט פאַרשטעלט פאַר אַ פּשוטן מענטש און איז מיט איינעם פון זיינע ראַטהאַרן אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנד, צו זען, ווי דעם פאָלק לעבט זיך גוט אין זיינע גרענעצן.

איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, שטעלט ער זיך אָפּ אין אַ פעלד, וואו אַן אַלטער פּויער

איז געשטאַנען און האָט געאַרבעט, און רעדט זיך פונאַנדער מיט אים. צום סוף פרעגט אים דער קייסער, וויפיל ער פאַרדינט אַ טאָג. ענטפערט דער פויער: „פערציק גראָשן."

אין אַמאָליקע צייטן איז דאָס געווען אַ גוטער פאַרדינסט פאַר אַ טאָג אַרבעט. פרעגט דער קייסער: „וואָס טוסטו מיט אַזויפיל געלט?"

זאָגט דער פויער: „דאָס געלט צעטייל איך אויף פיר טייל צו צען גראָשן. די ערשטע צען גראָשן גיב איך אָפּ אַ חוב, די אַנדערע צען גראָשן באָרג איך אַוועק, דעם דריטן טייל וואַרף איך אַוועק, און פאַר די לעצטע צען גראָשן לעב איך צוזאַמען מיט מיין ווייב."

דעם קייסער איז דער ענטפער שטאַרק געפעלן. נעמט ער אַרויס אַ גילדענע מטבע, גיט זי דעם פויער און זאָגט: „אַז דו וועסט אַמאָל זיין אין שטאָט—קום מיך זען. דו וועסט לייכט קענען טרעפן צו מיר. און דערווייל דערצייל קיינעם נישט וואָס איך האָב דיך געפרעגט און וואָס דו האָסט מיר געענטפערט, ביז דו וועסט מיך זען."

דער פויער האָט גלייך פאַרשטאַנען מיט וועמען ער רעדט. האָט ער דעם קייסער פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין, זיין ווייב האָט געמאַכט אַ גוטן מאַלצייט, און זיי האָבן אַלע געגעסן.

שפעטער האָט דער פויער אויסגעבעט, און דער קייסער און זיין ראָטהאַר זע-נען געבליבן דאָרט נעכטיקן. פאַרן שלאָפן פרעגט דער ראָטהאַר דעם קייסער: „וואָס האָט דער פויער געמיינט מיט זיין ענטפער, אַז ער צעטיילט זיין פאַרדינסט אויף פיר טייל?"

דער קייסער קוקט אים אָן מיט פאַרוואונדערונג און זאָגט: „דו, מיין בעל-יועץ, פאַרשטייסט נישט אַזאַ איינפאַכע זאַך?! איך גיב דיר צייט ביז מאָרגן אין דער פרי צו ענטפערן וואָס ער האָט געמיינט."

דער ראָטהאַר איז שוין יענע נאַכט נישט געשלאָפן. ער האָט כסדר גע-טראַכט און געטראַכט וועגן דעם פויערס ענטפער און ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין וואָס ער האָט געמיינט. פאַרטאָג הייבט ער זיך אויף, גייט צו צום פויערס בעט, וועקט אים אויף, שטופט אים אַריין אַ פעקל געלט אין האַנט און פרעגט אים, וואָס ער האָט געמיינט מיט זיין ענטפער.

דער פויער גיט אַ טראַכט, נעמט דאָס גאָלדשטיק, וואָס דער קייסער האָט אים געגעבן און באַטראַכט זיין בילד, און זאָגט:

„די זאַך איז זייער פשוט: די ערשטע צען גראָשן גיב איך אָפּ אַ חוב. דאָס האַלט איך אויס מיינע עלטערן; די אַנדערע צען גראָשן באָרג איך אַוועק. דאָס דערצי איך מיינע זין. אַז איך וועל ווערן אַלט, וועלן זיי אַרבעטן פאַר מיר און מיך אויסהאַלטן; דעם דריטן טייל וואַרף איך אַוועק. דאָס גיב איך אויס אויף מיינע טעכ-טער. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מענטשן זייערע מאַנען וועלן זיין. מעגלעך, אַז זיי וועלן זיין האַרטע מענטשן און מיר נישט וועלן העלפן אויף דער עלטער."

דער ראָטהאַר האָט אים נאָכאַמאָל באַלוינט, און איז אַוועק צוריק צו זיין געלעגער. אַז דער קייסער איז אויפגעשטאַנען, האָט אים דער ראָטהאַר אַ צופרי-דענער געזאָגט וואָס דער פויער האָט געמיינט מיט זיין ענטפער.

דער קייסער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער דערגאַנגען ביים פויער. רופט ער אַריין צו זיך דעם פויער און פרעגט אים, פאַרוואָס ער האָט אויסגעזאָגט דעם ענטפער.

„אדוני מלך,״ זאָגט דער פויער. „איך האָב געטון ווי דו האָסט געוואָלט. דו האָסט מיר געהייסן, אַז איך זאָל נישט אויסזאָגן דעם ענטפער, ביז איך וועל דיך זען. האָב איך אַזוי געטון. איך האָב גענומען דאָס גאָלדשטיקל, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, און האָב גוט באַקוקט דיין בילד, איידער איך האָב דיין ראַטהאַר געזאָגט, וואָס איך האָב געמיינט.״

דער צאַר און דער פויער

ס׳איז געווען אַמאָל אַ רוסישער צאַר, וואָס האָט זיך אָפט פאַרשטעלט פאַר אַ פּשוטן מענטש. ער האָט זיך אָנגעטון אין פּראָסטע קליידער, און איז אַרומגעגאַנגען צווישן פאָלק, צו הערן וואָס מע רעדט וועגן אים. איינמאָל איז ער פאַרקראָכן אין אַ דאָרף צווישן פעלדער. זעט ער אַ מוזשיק קאָסעט היי. גריסט ער אים „גאָט העלף!״ און ער שטעלט זיך אָפּ.

דער מוזשיק האָט אים געענטפערט, האָט אָוועקגעשטעלט די קאָסע, און זיי האָבן גערעדט אַביסל. דער צאַר האָט דערוויַיל באַמערקט, אַז די האָר ביי דעם פויער אויפן קאָפּ זענען ווייס, און זיין באָרד איז שוואַרץ.

ביים זעגענען זיך פרעגט אים דער פאַרשטעלטער קייסער פון וואַנען דאָס נעמט זיך, וואָס זיין קאָפּ איז ווייס, און די באָרד ביי אים איז נאָך שוואַרץ.

דער פויער גיט אַ שמייכל און ענטפערט: „דאָס איז זייער איינפאַך: ווייל די האָר פון קאָפּ זענען עלטער פון דער באָרד מיט אַכצן יאָר, און אפשר מיט צוואַנציק יאָר.״ דעם צאַר איז דער ענטפער זייער געפעלן. ער האָט אים געגעבן די האַנט, געפרעגט זיין נאָמען, און איז זיך אָוועקגעגאַנגען.

אַז ער איז געקומען צוריק אין זיין פּאַלאַץ, האָט ער צונויפגערופן זיינע קאָפּ־מענטשן, צו הערן וואָס זיי וועלן ענטפערן פאַרוואָס סע טרעפט, אַז ביי מענטשן ווערן די האָר אויפן קאָפּ ווייס, בעת די באָרד בלייבט שוואַרץ. פרעגט ער זיי. זאָגט איינער: „אדוני מלך, דאָס האָט צו טון מיט די וואונדער פון דער נאַטור.״ אַ צווייטער זאָגט: „דאָס האָט צו טון מיט די בלוטן פון דעם מענטש.״ אַ דריטער זאָגט: „די ווייסע האָר אויפן קאָפּ נעמען זיך אָפט פון די שווערע זאָרגן, וואָס אַ מענטש טראַכט און זאָרגט מיטן קאָפּ. נאָר די באָרד בלייבט שוואַרץ, ווייל די באָרד זאָרגט נישט.״

אַזוי האָט יעדער געזאָגט וועגן דעם עפּעס אַנדערש. נאָר דעם קייסער זענען די ענטפערס נישט געפעלן. שיקט ער, אַז מע זאָל ברענגען דעם פויער.

אַז מ׳האָט געבראַכט דעם מוזשיק, ווייזט דער צאַר אָן אויף אים און זאָגט, אַז דעם בעסטן ענטפער אויף דער פראַגע האָט געגעבן דער מוזשיק. און ער דער־ציילט זיי דעם פויערס ענטפער און זאָגט, אַז דערפאַר וועט ער אים מאַכן פאַר אַן איידלהאַר און פאַר דעם עלטסטן איבער אַלע קאָפּ־מענטשן.

און ער האָט דעם פויער געהייסן שטעלן זיך אויף די קני און האָט אַרויפּ־

געליגט די האַנט אַף זיין קאָפּ, ווי ס'האָט זיך געפירט, ווען מ'האָט איינעם דער־הויבן פאַר אַן איידלהאַר און אַ קאָפּ־מענטש.

נאָר אין דער מינוט האָט דער פויער אָנגעהויבן הוסטן און הוסטן. פרעגט אים דער צאַר צו וואָס ער טוט דאָס. זאָגט דער פויער: „אַדוני מלך, איך טרייב אַרויס פון מיר דעם מוזשיק, צו קענען ווערן אַ קאָפּ־מענטש גלייך מיט די אַנדערע.”

נאָך אַ מעשהלע מיט אַ וויַסן קאָפּ און אַ שוואַרצער באָרד

אַ מלך האָט זיך אַמאָל אַרויסגעלאָזט מיט זיין סוויטע איבערן לאַנד. באַ־געגנט ער אַפּן וועג אַ דאָרף־ייד, וואָס איז געשטאַנען און האָט געאַרבעט אין פעלד. גייט ער צו צו אים און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. וואָרן ער האָט באַמערקט, אַז דער קאָפּ ביי דעם ייד איז ווייס, און זיין באָרד איז ביי אים שוואַרץ. פרעגט ער אים פון וואַנען דאָס נעמט זיך, וואָס די האָר אַף זיין קאָפּ זענען ביי אים ווייס, און די האָר פון זיין באָרד זענען שוואַרץ. זאָגט דער ייד: „הארעלע האַר, דאָס איז זייער איינפאַך. ווייל מיין באָרד איז אַ סך יינגער. די האָר אַף מיין קאָפּ וואַקסן פון דער מאַמעס בויך אָן, און די האָר פון מיין באָרד האָבן ערשט אָנגעהויבן וואַקסן זינט אַ פּאָר יאָר נאָך מיין ווערן בר־מצוה.”

דעם מלך איז דער ענטפער אַזוי געפעלן, אַז ער האָט אַרויסגענומען אַ גאָלד־שטיקל, האָט דאָס דערלאַנגט דעם דאָרף־ייד, און זאָגט צו אים: „הער, דו זאָלסט דאָס קיינעם נישט אויסזאָגן, אָבער טאַקע קיינעם נישט, סיידן דו וועסט מיך זען צום ווינציקסטנס הונדערט מאָל.”

דער מלך האָט זיך גלייך פאַרקערעוועט און איז מיט זיין סוויטע אַוועק וויי־טער אין וועג. אַז זיי זענען שוין געווען וויט, נעמט דער ייד באַקוקן די גילדענע מטבע, און ער דערקענט גלייך, לויט דעם בילד אַף דער מטבע, אַז דער מענטש, וואָס האָט נאָר וואָס גערעדט מיט אים און אים געגעבן דאָס גאָלדשטיקל, איז געווען טאַקע דער מלך אַליין.

שפּעטער איז דער מלך אַהיימגעקומען אין פּאַלאַץ אַריין. און די מעשה מיט דעם ווייסן קאָפּ האָר און מיט דער שוואַרצער באָרד האָט אים נישט געלאָזט רוען. ביי דער סעודה, ווען אַלע זענען שוין געווען פריילעך פון וויין, זאָגט דער מלך צו זיינע מיניסטער־קעפּ און ראַטהאַרן, אַז ער וויל זיי עפּעס פרעגן אַ זאַך, וואָס לאָזט אים נישט רוען. ער וויל, אַז זיי זאָלן אים זאָגן פאַרוואָס די האָר אַפּן קאָפּ ווערן פריער ווייס ווי די האָר פון דער באָרד.

די קאָפּ־מענטשן האָבן גענומען געבן אַלערליי ענטפערס. איינער האָט גע־זאָגט איין זאַך, און אַ צווייטער—עפּעס אַנדערש. נאָר די ענטפערס זענען דעם מלך נישט געפעלן. זאָגט ער זיי, אַז ער גיט זיי דריי טעג צייט, צו געבן דעם ריכטיקן ענטפער.

די מיניסטער־קעפּ האָבן זיך אָנגעהויבן באַראָטן און טראַכטן. און איינער פון זיי, וואָס איז געווען מיטן מלך אין וועג, האָט זיך דערמאָנט, אַז דער ייד, מיט וועמען דער מלך האָט גערעדט, האָט געהאַט אַ ווייסן קאָפּ האָר און אַ שוואַרצע

באָרד. האָט ער זיך גלייך אויפגעהויבן, האָט זיך אויפגעזעצט אַף זיין פערד און איז אַוועק צו דעם דאָרף־ייד.

אַז ער איז געקומען צו אים, פאַרפירט ער מיט דעם ייד אַ שמועס און פּרו־בירט ביי אים אויסגעפינען דעם ענטפער. נאָר דער ייד: ניין און ניין. און ער טענהט, אַז ער טאָר נישט זאָגן. דער מיניסטער באָט אים אָן אַ גאָלדשטיקל, און פינף און צען, נאָר דער ייד האַלט זיך ביי זיינס, ער טאָר נישט אויסזאָגן. דער מיניסטער האָט געפילט, אַז אָן ענטפער טאָר ער נישט צוריקקומען. באָט ער דעם ייד אָן נאָך מער געלט. און ערשט ווען ער האָט אים אויסגעציילט הונדערט גאָלדשטיק, האָט ער אים געזאָגט פאַרוואָס די באָרד בלייבט שוואַרץ בשעת דער קאָפּ איז שוין ווייס.

דער מיניסטער איז באַלד דערנאָך אַוועק צום מלך אין פּאַלאַץ אַריין און האָט געענטפערט דעם מלך אַף זיין פראַגע. דער מלך האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער מיניסטער איז געווען ביי דעם דאָרף־ייד. שיקט ער שטאַפעטן, אַז מע זאָל ברענגען דעם ייד. און ס'האָט טאַקע נישט געדויערט לאַנג, און דער ייד איז דאָ. נעמט אים דער מלך אָפּן צימבל: „ווייסטו וואָס פאַר אַ שטראָף דיר קומט? איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט קיינעם נישט אויסזאָגן דעם סוד, סיידן דו וועסט מיך פריער זען צום ווינציקסטנס הונדערט מאָל.“

„אמת, הארעלע מלך, און איך האָב טאַקע געטון ווי דו האָסט מיר געזאָגט.“ און דער ייד האָט אויסגעשאָטן אָפּן טיש דעם בייטל מיט גאָלדשטיקלעך און זאָגט: „איך האָב דעם מיניסטער אויסגעזאָגט דעם סוד ערשט נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעציילט די הונדערט גאָלדשטיקער, וואָס ער האָט מיר געגעבן און האָב אַף יעדן גאָלדשטיק גוט באַקוקט דיין בילד.“

פאַרוואָס אַף די דלאָניעס פון אונזערע הענט וואַקסן נישט קיין האָר

אַ מלך האָט זיך אַמאָל געכאַפּט מיט פאַרוואונדערונג, אַז אַף די דלאָניעס פון זיינע הענט וואַקסן נישט קיין האָר. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן און טראַכטן פון וואַנען דאָס קען זיך נעמען. און אַזוי ווי ער האָט קיין ענטפער אַף דעם נישט געפונען, האָט ער געלאָזט רופן צו זיך זיין דורכגעטריבענעם הויפנאַר און אים געפרעגט: „זאָג מיר, פון וואַנען נעמט זיך דאָס, וואָס אַף די דלאָניעס פון מיינע הענט וואַקסן נישט קיין האָר?“

„אדוני מלך,“ זאָגט דער הויפנאַר, „ווי אַזוי קענען אַף אַזעלכע שיינע קעניג־לעכע הענט וואַקסן האָר, אַז זיי זענען שטענדיק פאַרנומען מיט אויסטיילן גאָלד די אונטערטעניקע?“

„יאָ,“ זאָגט דער מלך אַ פאַרקלערטער, „דאָס קען טאַקע זיין אַזוי מיט מיינע הענט, נאָר פון וואָס זענען די האָר פון דיינע דלאָניעס אָפּגעריבן?“

„גרויסער מלך,“ ענטפערט דער הויפנאַר, „דו גיסט, און די הענט פון דיינע קנעכט נעמען. דאָס גאָלד פליסט פון דיינע הענט אין אונזערע. אַזוי, אַז די ריי־בונג איז אַ גלייכע ביים געבער און ביי די נעמער.“

דער מלך איז געווען צופרידן מיט דעם קלוגן ענטפער פון זיין הויפנאַר.

נאָר מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן אַ נייע פראַגע און ער זאָגט: „יאָ, נאָר עס זענען דאָך דאָ אַ סך מענטשן, וואָס קריגן נישט פון מיין גאָלד. פאַרוואָס האָבן זיי נישט קיין האָר אַף די דלאָניעס?"

דער הויפנאַר האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט זיך טיף פאַרנייגט און גלייך געענטפערט: „אַדוני מלך, ס'איז כמעט נישטאָ קיין מענטש אין לאַנד, וואָס איז נישט געבענטשט מיט דיין קעניגלעכער גאָב. נאָר אויב ס'איז ערגעץ יאָ דאָ אַזאַ מענטש, מוז ער זיך זיכער ברעכן די הענט פון אַנטוישונג, און דערפאַר האָט ער נישט קיין האָר אַף זיינע דלאָניעס."

דער נס מיט דער שווערד

דער עסטרייכישער קייסער פראַנץ יאָזעף האָט זיך ליב געהאַט צו פאַר־שטעלן פאַר אַ פשוטן מענטש, אַנטון זיך ווי איר און ווי איך, אַרויסכאַפּן זיך פון פּאַלאַץ און אויסמישן זיך מיט דעם עולם אין די גאַסן. ער האָט געוואָלט הערן וואָס מענטשן רעדן, און טאַקע אויספּרובירן, ווי קלוג זיי זענען.

איינמאָל איז ער דורכגעגאַנגען דורך אַ ביר־האַלע, צי אַ קאַפע־הויז איז דאָס געווען, גייט ער אַריין. זעט ער דאָרט, אַז אַלע טישלעך זענען באַזעצט, און קיינער קוקט זיך נישט אום אַף אים. נאָר דערווייל האָט ער באַמערקט, אַז אין אַ ווינקל זיצט אַ זעלנער, איינער אַליין ביי אַ טישל. גייט ער צו, זעצט זיך אַנידער און הייסט ברענגען צוויי גלעזער ביר, איינס פאַר זיך, און איינס פאַר דעם זעלנער. דערנאָך האָט דער זעלנער באַשטעלט צוויי גלעזער ביר, ווי סע פירט זיך, אַז מע זיצט און מע טרינקט צוזאַמען. איינמאָל טראַקטירט איינער, און דאָס צווייטע מאָל טראַקטירט דער אַנדערער.

זיצן זיי אַזוי די צוויי, רעדן און טרינקען. טרינקען אַ ביר נאָך אַ ביר, ביז דעם זעלנער האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט. און אַזוי ווי ער איז שוין געווען גוט פאַרשניאַשקעט, וואָרן ער האָט נאָך פריער אַריינגעגאָסן אין זיך עטלעכע גלעזער ביר, הייבט ער זיך אויף, גייט צו צום באַלעבאָס און פאַרזעצט זיין שווערד, צו קענען ווייטער טרינקען. פאַר אַזאַ זאַך, פאַר פאַרזעצן אַ שווערד, קומט אַ גרויסע שטראָף. נאָר דער קייסער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט זיך געמאַכט נישט־ווויסנדיק, און האָט זיך בלויז געגומען אין קאָפּ אַריין פון וועלכן רעגימענט ס'איז דער זעלנער.

דעם אַנדערן טאָג, גאַנץ פרי, דערהערט דער זעלנער אַ רעש, אַ געפּילדער צווישן די זעלנער פון זיין רעגימענט. דער טרומייטערער טרובעט, און סע טומלט זיך. וואָס איז? דער קייסער קומט אינספּעקטירן דעם רעגימענט. איר קענט אייך פאָרשטעלן וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטון ביי יענעם זעלנער אין האַרץ. ווי קען ער זיך שטעלן אַפן עקזערציר־פּלאַץ אָן דער שווערד? און קיין סך צייט איז נישטאָ. וואָס טוט מען? פאַלט אים איין אַ געדאַנק, און ער כאַפּט אַ לייסטל, וואָס איז אים גראָדע געווען אונטער דער האַנט, און ער שטעקט דאָס אַריין אין זיין שייד, עס זאָל אויסזען, אַז ער האָט דאָרט אַ שווערד.

באַלד האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן די אינספּעקציע. די זעלנער זענען גע־

שטאַנען אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות, און דער קייסער מיט זיינע הויכע אָפּי־צירן זענען געגאַנגען און האָבן זיי באַקוקט. אַז דער קייסער איז צוגעקומען צום זעלנער מיט דער הילצערנער שווערד, האָט ער אים גלייך דערקענט. ער האָט אויך באַמערקט זיין הילצערנע שווערד. נאָר ער האָט זיך געמאַכט נישט־זעענדיק. דער זעלנער אָבער האָט דעם קייסער נישט דערקענט. אים איז אַפילו נישט איינגעפאַלן אַז דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט מיט אים ערשט נעכטן אָף דער נאַכט געטרונקען.

נישט ווייט פון דעם זעלנער האָט דער קייסער באַמערקט ביי אַ צווייטן זעלנער, אַז די קנעפּ אָף זיין מונדיר זענען נישט גוט אָפּגעפּוצט. דאָס איז אַ פאַר־ברעכן אין דער אַרמיי, און אַזאַ זעלנער קומט אַ שטראָף. הייסט אים דער קייסער, אַרויסגיין פון גליד און זאָגט, אַז פאַר אַזאַ זאַך פאַרדינט ער, אַז מע זאָל אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

די זעלנער האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטער, אַז זיי האָבן דאָס דערהערט. זיי זענען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט: פאַר נישט אָפּפּוצן די קנעפּ זאָל מען אָפּהאַקן דעם קאָפּ?! נאָר איידער וואָס־ווען גיט דער קייסער אַ רוף דעם זעלנער מיט דער הילצערנער שווערד און באַפעלט אים, אַז ער זאָל דעם אַנדערן זעלנער אָפּהאַקן דעם קאָפּ. גיט דער זעלנער זיך אַ צי־אויס, סאַלוטירט און זאָגט: „אַדוני מלך, אויב דער מענטש איז שולדיק, זאָל מיין שווערד אים טייטן; נאָר אויב נישט, זאָל פון מיין שווערד ווערן אַ שטיק האָלץ.״

און ער גיט אַ צי־אַרויס זיין שווערד און—אַלע האָבן דערזען, אַז זי איז אַ שטיק האָלץ. די זעלנער האָבן אויסגעבראָכן אין אַ יובעל. זיי זענען געווען זיכער, אַז ס'איז געשען אַ נס. נאָר דער קייסער מיט זיינע אָפּיצירן האָבן געוואוסט דעם סוד. און דעם קייסער איז אַזוי געפעלן דעם זעלנערס קלוגער איינפאַל, אַז ער האָט אים דערהויבן, און שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט דערקענען צו אים.

דער ווינט־מענטש

אין די צייטן פון דעם עסטרייכישן קייסער פראַנץ יאָזעף האָט מען געוואָלט אַרויסטרייבן די יידן פון ווין. די מיניסטאָרן—די שונאי־ישראל און רשעים האָבן געמאַכט אַלערליי בילבולים אָף די יידן און האָבן געזוכט אַ תירוץ פאַרוואָס מע זאָל זיי נישט לאָזן וואוינען אין דער קייזערלעכער שטאָט. זיי האָבן געטענהט, אַז די יידן זענען נישט אַרבעטזאַם און זענען נישט ערלעך אין זייער האַנדל און וואַנדל. הכלל, מע דאַרף פון זיי פּטור ווערן, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער.

פראַנץ יאָזעף איז געווען קעגן דעם. אַדרבא, ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון די יידן. ער האָט געטענהט, אַז די יידן זענען דווקא זייער פעאיקע מענטשן, קלוגע געשעפטסלייט און דווקא זייער אַרבעטזאַמע און ערלעכע מענטשן. „איך וועל אייך דאָס לייכט באַווייזן,״ האָט ער געזאָגט צו זיינע ראַטהאַרן. און ער האָט גלייך געשיקט אָפן רינגפּלאַץ, אַז מע זאָל אים אַרויסזוכן אַן אָרימען ייד.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און מ'האָט אים געבראַכט אַזאַ ייד. האָט דער קייסער אים דערקלערט וואָס ער וויל, און ער האָט געזאָגט צו אים: „שרעק דיך

נישט, ליבער ייד. דאָ האָסטו פּאַפּירן מיט מיין אונטערשריפט. דאָס גיט דיר אַלע רעכט צו טון, וואָס דו ווילסט. דו מעגסט האַנדלען און וואַנדלען, און פירן וואָס פאַר אַ געשעפטן דיר געפעלט. דו קענסט דיך אויך באַנוצן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי. אַזוי קענסטו טון אַ גאַנץ יאָר. אַז ס'וועט אַריבער די צייט, זאָלסטו קומען און וויזן, וואָס דו האָסט אויפגעטון."

דער ייד האָט געטון ווי דער קייסער האָט געהייסן. ער האָט גענומען די פּאַפּירן, האָט זיך פאַרנייגט, און איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז אַוועק אַהיים, האָט גענומען זיין פּעקל אַפן פלעקל, האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין ווייב און קינדער און האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער מדינה, צו זען וואָס מען קען טון. ווי ער גייט אַזוי, זעט ער פון דער ווייטנס אַ ווינט־מיל. דער ווינט בלאָזט און די פליגלען דרייען זיך און די מיל מאָלט. פּאָלט אים איין אַ געדאַנק: פאַרוואָס זאָלן מילנערס נוצן דעם ווינט, און נישט באַצאָלן דערפאַר? אַז מ'האָט אַ דאַמף־מיל—קאָסט מאַכן דאַמף געלט. איז נישט מער ווי רעכט, אַז פאַרן ווינט זאָל מען אויך באַצאָלן. ער וועט אַריינגיין צום מילנער און אַ רעד טון מיט אים וועגן דעם.

דער מילנער האָט קודם פּראָטעסטירט: וואָס הייסט, ער וועט צאָלן פאַר ווינט? דער ווינט איז פריי, ער געהערט צו אַלע. נאָר אַז דער ייד האָט אים גע־וויזן די פּאַפּירן מיט דעם קייסערס חתימה און שטעמפּל, איז ער געוואָרן ווייכער. אַ ברירה האָט ער? האָט מען אָפּגערעדט און זיך באַדונגען וויפיל צו צאָלן פאַרן ווינט אַ יאָר.

דער ייד איז נאָך דעם געקומען אין אַ צווייטן דאָרף און אין אַ דריטן דאָרף, און האָט געמאַכט געשעפט. דערנאָך האָט ער געזען, אַז ס'איז גאָרנישט ניט נייטיק, אַז ער אַליין זאָל גיין פון דאָרף צו דאָרף. ער איז אַוועק צוריק אין שטאָט אַריין און האָט צו אַלע מילנערס, וואָס האָבן ווינט־מילן, צעשיקט אין נאָמען פון קייסער אַ באַפעל, אַז זיי דאַרפן צאָלן כך־וכך אַ יאָר פאַר ווינט, וואָס זיי נוצן.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און פון איבערן גאַנצן לאַנד האָט אָנגעהויבן קומען געלט. דער ייד איז ביז צום יאָר געוואָרן שטיין־רייך.

אַז ס'איז געקומען די באַשטימטע צייט, האָט זיך דער ייד געשטעלט פאַרן קייסער און האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט געטון אין דעם יאָר צייט. דער קייסער און די מיניסטאָרן, אַז זיי האָבן געהערט די מעשה, האָבן זיי געשטוינט פון דעם יידס איינפאַל.

די יידן זענען שוין ווייטער געבליבן וואוינען אין וויך.

צו וואָס אַזויפיל פּראָגעס?

דער קייסער פראַנץ יאָזעף איז אַמאָל געקומען מיט זיין סוויטע אין אַ מילי־טערישן שפּיטאָל. מ'האָט אַהין געבראַכט פאַרוואונדעטע זעלנער פון שלאַכט־פעלד, האָט ער געוואָלט רעדן מיט זיי, און הערן וואָס זיי האָבן צו דערציילן פון דער מלחמה. געקומען, זאָגט מען אים, אַז כמעט אַף יעדן בעט ליגט אַ זעלנער פון אַן אַנדערער אומה און לשון. וואָרן ווי איר ווייסט אַוודאי, האָבן אין קיר"הס מדינה געוואוינט אַן אַ שיעור פעלקער. אפשר צוואַנציק, און אפשר נאָך מער.

אונגאַרן און דייטשן און טשעכן און סערבן און פּאָליאַקן און סלאָוואַקן און יידן, און ווער איר ווילט נאָר.

גייט קיר״ה פֿון בעט צו בעט, און רעדט מיט איטלעכן אַף זיין לשון. ער פרעגט זיך נאָך ביי יעדן ווי אַזוי ער פילט, און אין וועלכער שלאַכט ער איז געווען. נאָכן אויספרעגן, הייסט ער זיינעם אַ באַדינער, אַז ער זאָל געבן דעם פאַרוואונדעטן אַ פּעקל. דאָרט זענען געווען סיגאַרעטן, זיסע נאַשערייען און אַנדערע גוטע זאַכן. אַזוי איז ער געגאַנגען פֿון בעט צו בעט. דאָ האָט ער גערעדט מיט אַ טשעכישן זעלנער, און דאָ—מיט אַן אונגאַרישן; דאָ—מיט אַ רוטענער, און דאָ—מיט אַן איטאַליענער. אומעטום—דיזעלבע פראַגן, און יעדן איינעם געגעבן פונקט אַזאַ פּעקל.

דערווייל איז ער צוגעקומען צו אַ בעט, וואו ס׳איז געלעגן אַ ייד—אַ גאַליציאַ־נער בחור. הייבט ער אים אָן שטעלן דיזעלבע פראַגן. גיט דער בחור אַ שמייכל און זאָגט: „האַרעלע האַר, צו וואָס טויגן די אַלע פראַגעס? גיב אַהער דאָס פּעקל, און גיי אַ שטוב ווייטער.״

ער האָט ליב צו זען עפּעס פֿון זיין אַרבעט

אַ קייסער האָט זיך אַמאָל פאַרשטעלט פאַר אַן איינפאַכן פּריץ און האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין קאַמערהאַר צווישן פאָלק איבער דער מדינה. ער האָט געוואָלט אַליין זען ווי דאָס פאָלק אַרבעט און לעבט.

איינמאָל פאָרט ער זיך אַזוי דורך אַ דאָרף און באַמערקט ווי לעבן אַ סטאָ־דאָלע שטייט אַ פּויער און מיט אַ פּאָר צעפּעס (דרעש־שטעקנס) אין האַנט קלאַפּט ער אויס די קערנער פון די בינטלעך תבואה. ער קלאַפּט און פּראַצעוועט, אַז דער שוויס גיסט זיך פֿון זיין פּנים. באַגריסט ער אים, שטעלט זיך אָפּ און רעדט זיך מיט אים פונאַנדער. „וויפיל קריגסטו פאַר דיין האַרעוואַניע אַ טאָג?״ פרעגט אים דער פאַרשטעלטער קייסער.

„ווינציק, פּריצל,״ זאָגט דער פּויער און ווישט זיך אָפּ מיט דעם אָרעם דעם שוויס פֿון שטערן. „זייער ווינציק. אין גאַנצן צוואַנציק קאָפּיקעס.״

„ווען מ׳זאָל דיר געבן אַ רובל, וואָלסטו געווען צופרידן?״

„אין אונזערע געגנטן, פּריצל, צאָלט מען נישט אַזויפיל,״ זאָגט דער פּויער. „איך וועל דיר צאָלן,״ זאָגט דער פאַרשטעלטער קייסער. „נעם די צעפּעס, שטעל דיך אַנידער דאָ אָפּן וועג און קלאַפּ. אַ רובל אַ טאָג וועסטו קריגן ביי מיר. און געלט פאָראויס.״ און ער נעמט אַרויס אַ זילבערנעם רובל און גיט אים. דער פּויער באַקוקט דעם רובל און טראַכט: אַ מאָדנער מענטש! נאָר אַ רובל איז אַ רובל. און ער נעמט די צעפּעס, גייט אַרויף אָפּן וועג און הייבט אָן קלאַפּן אַף דער הוילער ערד ווי ער וואָלט געדרעשט תבואה.

דער פאַרשטעלטער קייסער מיט זיין קאַמערהאַר האָבן זיך דערווייל צוגע־זעצט, צו זען וואָס דאָ וועט זיין.

דער פּויער האָט פֿון אָנהייב געקלאַפּט מיט חשק ווי ער וואָלט טאַקע גע־

דרעשט. נאָר ביסלעכווייז האָט ער אָנגעוואוירן דעם חשק. און אַז ס'איז אַריבער אַ האַלבע שעה, אַ שעה, האָט ער אין גאַנצן אויפגעהערט צו קלאַפּן. שטייט און קוקט אַף דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געקלאַפּט, ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן, און גייט צו צום פאַרשטעלטן און זאָגט: „פּריצל פּריץ, די אַרבעט איז נישט פאַר מיר. נאַ דיר אָפּ דעם רובל. קיין געלט אומזיסט וויל איך נישט."

„וואָס הייסט אומזיסט?" זאָגט דער קייסער, „דאָס איז נישט אומזיסט. דו אַרבעטסט דאָך, און איך באַצאָל."

„יאָ, פּריצל," זאָגט דער פּויער, „טאָקע אמת, אַז איך אַרבעט. נאָר דאָס איז נישט געַנוג. אַז איך אַרבעט, האָב איך ליב צו זען, אַז ס'זאָל עפּעס זיין פון מיין אַרבעט. איך וועל שוין ליבערשט אַרבעטן פאַר צוואַנציק קאָפּיקעס אַ טאָג."

אַזוי נאָנט און אים נישט דערקענט

דער מלך מיט זיין סוויטע זענען געריטן אַף יאָגד אין וואַלד. זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך געיאָגט נאָך חיות און פייגל. אַז ס'האָט גענומען נאַכטן, האָט זיך דער מלך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט. ער גייט אַהין, ער גייט אַהער, נאָר אומזיסט, ער קען נישט געפינען דעם וועג.

ווי ער דרייט זיך אַזוי, קומט אָן אַ פּויער מיט אַ בינטל האָלץ אַף די פּליי-צעס. דערפרייט זיך דער מלך: „דער פּויער ווייסט זיכער דעם וועג, און ער וועט אים אַרויספירן פון וואַלד," טראַכט ביי זיך דער מלך.

דער פּויער באַקוקט אים און זאָגט: „יאָ, האַרעלע, קום מיט מיר. אָט דאָ נישט ווייט איז דער וועג, וואָס פירט גלייך פון וואַלד. דו מוזסט זיכער זיין איינער פון דעם מלכס מענטשן. איך האָב געהערט, אַז דער מלך מיט זיינע האַרן זענען היינט אַף יאָגד דאָ אין וואַלד."

„יאָ," זאָגט דער מלך. און ער גייט מיט דעם פּויער וואוהין ער פירט אים.

געקומען אַפן וועג, זאָגט צו אים דער פּויער: „האַרעלע, סע מוז זיין וואונ-דערלעך צו געפינען זיך אַלעמאָל לעבן מלך.

דער מלך שמייכלט און זאָגט. „דו האָסט אים קיינמאָל נישט געזען?"

„ניין, קיינמאָל נישט," זאָגט דער פּויער.

„נו, אויב דו ווילסט, וועל איך דיר אים ווייזן."

„וואונדערלעך, האַרעלע," זאָגט דער פּויער אַ צופרידענער. „איך וואָלט וועלן אים באַטראַכטן פון דער נאָענט, צו זען, צי ער איז ענלעך צו אַנדערע מענטשן."

„גוט," זאָגט דער מלך, „איך וועל זען, אַז דו זאָלסט זיין לעבן אים אַזוי נאָנט ווי דו ביסט לעבן מיר."

פאַרטראַכט זיך דער פּויער: „און ווי אַזוי וועל איך וויסן, אַז דאָס איז ער? וועל איך אים דערקענען נאָך זיינע קליידער נאָך?"

„ניין, נאָר איך וועל דיר געבן אַ סימן: אַז מיר וועלן אַרויס פון וואַלד, שטיי לעבן מיר און באַטראַכט גוט די מענטשן. דער, וואָס וועט נישט אַראָפּנעמען דעם הוט, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז דער מלך."

ווי זיי רעדן אַזוי, זעגען זיי אַרויס פון וואַלד, וואו סע האָבן שוין געוואַרט אַפן מלך אַלע זיינע האַרן. זיי האָבן זיך דערפרייט און אַראָפּגענומען די היטלען.

דער מלך האָט זיך אויסגעדרייט צום פויער און געזאָגט: „נו, איצט דער־קענסטו ווער ס׳איז דער מלך?"

דער פויער קוקט אַ צעמישטער און זאָגט: „ווי איך לעב, ס׳איז דו, אָדער איך! וואָרן בלויז מיר ביידע האָבן נישט אַראָפּגענומען אונזערע היטלען.

דעמאָלט האָט דער מלך פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן זיין לעבן אים און—אים דאָך נישט דערקענען.

דאָס ווערק אין צוויי ביכער

דער מלך האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין שטאַל־קנעכט. ער האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין געטרייקייט און פאַר זיין חכמה, און ער האָט אים אָפט געגעבן מתנות. איינמאָל, ווען ס׳איז געווען דער געבוירנטאָג פון דעם שטאַל־קנעכט, האָט אים דער מלך געשיקט אַ געלט־טאַש, אין דער פאָרם פון אַ בוך, און האָט אַהין אַריינגעלייגט הונדערט רענדלעך.

ס׳איז אַריבער אַ שטיקל צייט. טרעפט אַמאָל, אַז דער מלך קומט באַקוקן זיינע קעניגלעכע פערד־שטאַלן, און צערעדט זיך מיט זיין שטאַל־קנעכט. צום סוף פרעגט ער אים: „נו, ווי איז דיר געפעלן דאָס בוך, וואָס איך האָב דיר געשיקט?"

„אַ דאַנק, האַרעלע, מלך. דאָס ווערק איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז איך וואַרט מיט אומגעדולד אַף דעם צווייטן באַנד."

דעם מלך איז געפעלן דער ענטפער. ער האָט אַ שמייכל געטון, און איז אַוועקגעגאַנגען.

ס׳איז ווידער אַריבער אַ שטיקל צייט, און אַז ס׳איז אַף דאָס ניי געקומען דער געבוירנטאָג פון דעם שטאַל־קנעכט, האָט דער מלך אים געשיקט אַ צווייטן געלט־טאַש, אין דער פאָרם פון אַ בוך, האָט אַריינגעלייגט אַהין הונדערט רענד־לעך, און צוגעשריבן אַף אַ צעטל: „דאָס ווערק האָט בלויז צוויי בענד."

דער מלך האַלט זיין וואָרט

אַ ריימישער קייסער, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיינע אַרמייען איינ־צונעמען די וועלט, איז אַמאָל צוגעקומען צו אַ שטאָט אין קליין אַזיע און האָט דאָרט געטראָפן אַלע טויערן פאַרשלאָסן און פאַרהאַקט.

דער קייסער איז געוואָרן אַ צעקאָכטער: „סטייטש, וואָס הייסט, זיי פאַר־מאַכן פאַר אים די טויערן? האָבן זיי נישט געהערט פון זיינע גבורות און פון זיינע זיגרייכע אַרמייען? וואָס טראַכטן זיי זיך, וואָס?" און ער האָט געהייסן זיינע קריגער, אַז זיי זאָלן שטורעמען די שטאָט. ער האָט געשוואוירן, אַז קיין הונט וועט נישט בלייבן לעבן, ווען זיי וועלן אַריין אין דערדאָזיקער רעבעלישער שטאָט.

די זעלנער זענען געווען צופרידן פון זייער קייסערס צוזאָג. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי וועלן קענען פריי רויבן און פּלינדערן די איינוואוינער פון שטאָט און אַוועקגיין פון דאַנען מיט אַ סך זאַקרויב. מוטיק און אַנטשלאָסן האָבן זיי גענומען שטורעמען די פעסטונג.

ס'האָט נישט געדויערט לאַנג און זיי האָבן דורכגעבראָכן די ווענט און אויפ־געריסן די טויערן. נאָר ווען די זיגרייכע קריגער האָבן זיך געוואָלט אַ לאָז טון צו הרגענען און פּלינדערן, האָט דער קייסער זיי גלייך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „איך האָב געשוואוירן, אַז קיין הונט וועט נישט בלייבן לעבן, ווען מיר וועלן אַריין אין שטאָט. טאָ געדענקט, אויב איר ווילט אויסהרגענען אַלע הינט, טוט עס, נאָר די מענטשן זאָלט איר נישט טון קיין שלעכטס און אַפילו נישט וואַגן זיי אָנצורירן.״

די געטרײַשאַפֿט פֿון די זעלנער

דער רוסישער קייסער איז אַמאָל געווען ביי די מאַנעווערס פון זיין אַרמיי. די זעלנער האָבן זיך אויסגעצייכנט, און דער צאַר איז געווען שטאַרק צופרידן. צום סוף רופט ער צו אַ זעלנער און פרעגט אים: „דו האָסט ליב דעם צאַר?״

„טאַק טאַטשנאָ (זיכער)!״ ענטפערט דער זעלנער.

„און די אַרמיי און דיין גענעראַל האָסטו ליב?—פרעגט ווייטער דער צאַר.

„טאַק טאַטשנאָ!״ ענטפערט שטאָלץ דער זעלנער.

דער צאַר לאָזט נישט נאָך און פרעגט אים ווייטער: „און ווי וואָלט גע־ווען, ווען דער גענעראַל גיט דיר אַ באַפעל צו שיסן דעם צאַר, וואָלטסטו אים געפאָלגט?״

„יאָ!״ ענטפערט דער זעלנער.

ווערט דעם צאַר קאַלעמוטנע אָפן האַרץ, רופט צו אַ צווייטן זעלנער און פרעגט אים דאָסזעלבע: „דו האָסט ליב דעם צאַר?״

„יאָ,״ ענטפערט דער זעלנער.

„און די אַרמיי און דיין גענעראַל האָסטו ליב?״

„יאָ,״ ענטפערט דער זעלנער.

„און ווען דער גענעראַל גיט דיר אַ באַפעל צו שיסן דעם צאַר, וואָלטסטו אים געפאָלגט?״

„יאָ,״ ענטפערט דער זעלנער ווי מ'האָט אים געלערנט.

„פאַרוואָס וואָלטסטו אַזוי געטון?״—לאָזט אים דער צאַר נישט אָפּ.

„אַ באַפעל איז אַ באַפעל, און אַ גענעראַל מוז מען פאָלגן,״ ענטפערט שטאָלץ דער זעלנער.

ווערט דעם צאַר נאָך טרויעריקער, וואָס דער באַפעל פון אַ גענעראַל איז ביי אַ זעלנער העכער ווי דער קייסער אַליין. רופט ער צו אַ דריטן זעלנער, אַ יידישן, און פרעגט אים דיזעלבע פראַגעס.

דער יידישער זעלנער קוקט אים אָן און ענטפערט: „שיסן דעם צאַר? איך וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געקענט טון!״

„פּאַרוואָס, מיין זון?״—וויל דער צאַר וויסן, און טראַכט, אַז ס׳איז כּאָטש גוט, וואָס איינער פון די זעלנער איז אים געטריי. און דער יידישער זעלנער ענטפערט מיט שטאָלץ: „ווייל איך בין אַ פּיקלער און איך האָב נישט קיין ביקס.״

ווי אַזוי דער אַמאָליקער רוסישער זעלנער האָט פאַרשטאַנען זײַנע פליכטן

אַ רוסישער אָפיציר האָט אַמאָל געמושטירט מיט זיינע זעלנער און זיי געלערנט ווי אַזוי מע פירט מלחמה קעגן אַ שונא. דערנאָך רופט ער צו אַ זעלנער און פאַרהערט אים: „וואָס וואָלטסטו געטון, ווען דו ביסט אַליין אין פעלד און דערזעסט אָנקומען אַ גאַנצע מחנה פון דעם שונא?״

„איך וואָלט מיך אַ לאָז געטון קעגן זיי,״ ענטפערט דער זעלנער, „און וואָלט זיי אַלע פאַרטריבן.״

„ביין, דאָס טויג נישט,״ לערנט אים דער אָפיציר. „איינער אַליין שטעלט מען זיך נישט קעגן אַ גאַנצער מחנה, דאָס איז געפערלעך. אין אַזאַ פאַל דאַרף מען זיך בעסער באַהאַלטן.״

„ריכטיק, הער אָפיציר,״ זאָגט דער זעלנער מיט אַ סאַלוט.

דער אָפיציר איז צופרידן פון זיין ענטפער און פּרובירט אים ווייטער: „וואָס וואָלטסטו געטון ווען דו גייסט אין פעלד און דו דערזעסט אַ בהמה?״

„איך וואָלט מיך באַהאַלטן,״ ענטפערט דער זעלנער.

„ביין!״ גיט דער אָפיציר אַ געשריי. „פאַר אַ בהמה באַהאַלט מען זיך נישט. מע כאַפּט אָן די בהמה ביי די הערנער און מע דערשטעכט זי. דערנאָך שינדט מען אָפּ פון איר די פעל און פון דעם פלייש מאַכט מען אַ גוטן מאָלצייט פאַר די זעלנער.״

„ריכטיק, הער אָפיציר!״ סאַלוטירט דער זעלנער.

נאָר דער אָפיציר לאָזט אים נישט אָפּ און פרעגט ווייטער: „וואָס, אַשטייגער, וואָלטסטו געטון, ווען דו געפינסט אין פעלד ליגן דיין אָפיציר אַ פאַרוואונדעטן?״

„איך וואָלט אים אָנגעכאַפּט ביי די הערנער און אים דערשטאָכן, דערנאָך וואָלט איך אָפּגעשונדן זיין פעל און פון דעם פלייש וואָלט איך געמאַכט אַ גוטן מאָלצייט פאַר אַלע זעלנער.״

„אַ נאַר בלייבט אַ נאַר!״ האָט דער אָפיציר אַן אויפגערעגטער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

„ריכטיק, הער אָפיציר!״ ענטפערט דער זעלנער און סאַלוטירט.

דער ניקאָלאַיעווער זעלנער און דער צאַר

אַ ניקאָלאַיעווער זעלנער, אַ ייד, איז נאָך פינף און צוואַנציק יאָר דינען דעם צאַר אַהיימגעקומען אין זיין שטעטל אַריין. נאָר אין דער היים האָט ער שוין קיינעם פון זיינע אייגענע נישט געפונען.

אַ שטיק צייט האָט זיך דער זעלנער אַרומגעדרייט אַן עלנטער, אַן אָרימער,

און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אַף אים. טאָ וואָס טוט מען, צו דערהאַלטן די נשמה? פאַלט אים איין, ער וועט באַגנבענען דאָס קלויסטער.

דער זעלנער האָט לאַנג נישט געטראַכט. ער איז אַריין אין קלויסטער, און דאָרט איז שוין געווען וואָס צו נעמען. אויבן־אָן איז געשטאַנען דעם יויזלס מוטער מאַריאַ מיט דימענטענע אויגן, באַהאַנגען מיט טייערע פּערל און איידלשטיינער. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער זעט נישט, איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט אַרויסגענומען ביי איר אַ דימענטן אויג, האָט אַראָפּגענומען פון איר האַלז די שנירלעך פּערל און איידלשטיינער, און האָט זיך אָפּגעטראָגן.

סע געדויערט נישט לאַנג, און ס'איז געוואָרן אַ גוואַלד, אַז מ'האָט די „מאַטקע באָסקע" באַגנבעט. מ'האָט אָנגעהויבן זוכן און נישטערן. און אָן אַרימאַן האָט דאָך נעבעך נישט קיין מזל, האָט מען דעם זעלנער געפונען און געכאַפּט מיט דער גנבה. וואָס טוט מען מיט אַזאַ גנב? באַשליסט מען, אַז אַזאַ גנב דאַרף געמשפּט ווערן פון דעם צאַר אַליין.

אַז מ'האָט אים געבראַכט פאַרן צאַר, און ער האָט אויסגעהערט די מעשה, פרעגט ער דעם זעלנער: „ווי האָסטו געוואַגט צו טון אַזאַ זאַך? ווייסטו וואָס פאַר אַ גרויס פאַרברעכן דו ביסט באַגאַנגען?"

זאָגט דער זעלנער: „אדוני מלך, איך בין נישט שולדיק."

„נישט שולדיק?!" פרעגט דער צאַר. „וואָס מיינסטו, דו ביסט נישט שולדיק?"

„אדוני מלך, אויב דו וועסט מיר געבן דערלויבעניש," זאָגט דער זעלנער, „וועל איך דיר דערציילן ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפן, וועסטו אַליין זען, אַז איך בין נישט שולדיק."

האָט אים דער צאַר געהייסן דערציילן, און דער זעלנער האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז אַהיימגעקומען פון דינסט, און ווי אַזוי ער האָט קיינעם פון זיינע אייגענע שוין נישט געטראָפן אין דער היים און ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען אַן עלנטער און אַ הונגעריקער, און ער האָט געענדיקט: „איינמאָל, אַז דער הונגער האָט מיך שטאַרק צוגעדריקט צום האַרץ, בין איך אַריין אין קלויסטער, בין איך געפאַלן דער הייליקער מוטער צו די פיס און האָב געבעטן און געוויינט. און זי איז דאָך אַ גוטע, האַרציקע מאַמע, האָט זי רחמנות געקריגן, און איך דערהער פלוצים ווי זי זאָגט צו מיר: „מיין קינד, קיין געלט האָב איך נישט, און וואָס דו זעסט אין קלויסטער, האָב איך נישט קיין רעכט צו געבן, נאָר איך האָב צוויי דימענטענע אויגן, טאָ נאָ דיר איין אויג, און איין אויג לאָז מיר. און פון די שנירלעך פּערל און איידלשטיינער נעם דיר אַ טייל, און גיי דערהאַלט דיין נשמה און זיי גליקלעך."

דער צאַר האָט אויסגעהערט די מעשה, און ער האָט דאָך נישט געקענט זאָגן, אַז די הייליקע מוטער אין קלויסטער קען נישט רעדן, ווייל וואָס וועלן די מענטשן דעמאָלט זאָגן?! זיי גלייבן דאָך, אַז זי קען יאָ רעדן. רופט ער זיך אָן צו אים און זאָגט: „דו ביסט גערעכט. און היינטיקס מאָל שענק איך דיר. נאָר אַ צווייט מאָל גיי נישט בעטן ביי דער הייליקער מוטער. און אַפילו אַז זי וועט דיר הייסן נעמען, זאָלסטו נישט נעמען. ביי הייליקע טאָר מען נישט נעמען."

דער קעניג און דער לײַב־דאָקטער

אַ פראַנצייזישער קעניג האָט אַמאָל געהאַט אַ יידישן לייב־דאָקטער. דער קעניג איז געווען מיט אים שטאַרק צופרידן. נאָר איין טענה האָט ער געהאַט צו אים: פאַרוואָס ער בוקט זיך נישט פאַר דעם יויזל, וואָס הענגט אין פּאַלאַץ, לעבן דעם קעניגס שטול.

איינמאָל זאָגט צו אים דער קעניג: „זע, מיין פריינד, אַלע, וואָס טרעטן אַריבער די שוועל פון מיין געמאַך, בוקן זיך פאַר אונזער גאָט. נאָר דו איינער — נישט. פון וואַנען נעמט זיך ביי דיר אַזאַ איינגעשפאַרטקייט?"

שמייכלט דער דאָקטער און ענטפערט: „אדוני מלך, איך וועל דיר דערציילן די געשיכטע פון דער זאַך. איך האָב אַמאָל פּרובירט און מיך יאָ פאַרנייגט פאַר אייער גאָט. נאָר ער האָט אַפילו נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיר צו ענטפערן אויף מיין באַגריסונג. איך רעכן דעריבער, אַז אייער גאָט וויל נישט מסתמא, אַז אַ ייד זאָל אים באַגריסן."

ווער איז עלטער — די יידן, צי די קאַראַאימער?

דער צאַר האָט אַמאָל געוואָלט וויסן ווער ס'איז עלטער — די יידן, צי די קאַראַאימער? די יידן האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען עלטער, און די קאַראַאימער האָבן געטענהט, אַז זיי זענען עלטער. האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן און די קאַראַאימער זאָלן שיקן צו אים פאַרטרעטער און באַווייזן ווער ס'איז גערעכט.

אַז די יידישע קהילות האָבן געקריגן דעם באַפעל, האָבן זיי זיך געהאַלטן אַן עצה און באַשלאָסן צו שיקן קיין פּעטערבורג צום צאַר איינעם פון זייערע באַרימטע רבנים, אַן אַלטמאָדישן ייד. די קאַראַאימער, ווידער, האָבן אויסגעקליבן זייערן אַ היינטוועלטיקן מענטש, וואָס וועט פאַרשטיין ווי צו רעדן צום מלך.

אין דעם באַשטימטן טאָג זענען די צוויי אויסגעקליבענע, דער רב און דער קאַראַאים, אָנגעקומען קיין פּעטערבורג צום צאַר אין הויף. דער רב איז געווען אָנגעטון שבתדיק, אין אַ זשופּיצע מיט אַ שטריימל, אין קורצע הויזן און מיט ווייסע זאָקן און פאַנטאָפל אויף די פיס. דער קאַראַאים איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ פראַק, מיט אַ הויכן צילינדער אויפן קאָפּ און מיט לאַקירטע שיך אויף די פיס.

איידער דער אַדיוטאַנט האָט זיי אַריינגערופן צום צאַר, האָט דער קאַראַאים אויסגעטון דעם צילינדער און האָט אים אויפגעהאַנגען אין וואַרט־צימער. דער רב האָט אויסגעטון זיינע פאַנטאָפל און האָט זיי גענומען אונטערן אָרעם. אַז זיי זענען אַריינגעקומען צום צאַר, האָט ער זיי אויפגענומען פריינדלעך, האָט מיט זיי גערעדט און זיי באַטראַכט. אַז ער האָט דערזען ווי דער רב טראָגט די פאַנטאָפל אונטערן אָרעם, פרעגט ער אים, וואָס דאָס מיינט. זאָגט דער רב, אַז ער האָט אויסגעטון די פאַנטאָפל, ווייל דער פּלאַץ, וואו סע שטייט אַ מלך, איז הייליק. נאָר ער האָט זיי גענומען מיט זיך, ווייל ער האָט מורא געהאַט זיי איבערצולאָזן אין וואַרט־צימער, וואו מע קען זיי נאָך צונעמען.

„צונעמען?“ האָט דער צאַר איבערגעפֿרעגט און נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דער רב מיינט. „ווער וועט זיי צונעמען?“

גיט דער רב אַ קוק אַף דעם קאַראַאים און זאָגט: „אַדוני מלך, אַז משה איז אַרויף אַף דעם באַרג סיני, צו נעמען די עשרת־הדברות האָט ער איבערגע־לאָזט זיינע פֿאַנטאָפּל אונטן, צופֿוסנס פֿון דעם באַרג. איז געקומען אַ קאַראַאים און האָט זיי צוגענומען.“

„גרויסער צאַר,“ רופֿט זיך אָן דער קאַראַאים, „דאָס איז נישט אמת. מיר זענען דאָך נאָך דעמאָלט אַפֿילו אַף דער וועלט נישט געווען.“

„אַזוי גאָר?“ זאָגט דער רב, „אויב איר זענט נאָך דעמאָלט נישט געווען אַף דער וועלט, טאָ ווי קענט איר זאָגן, אַז איר זענט עלטער פֿון אונז יידן?“

דעם צאַר איז געפֿעלן דעם רבס איינפֿאַל. ער האָט פֿאַר אים געמאַכט אַ סעודה און אים אָפּגעשיקט מיט כבוד אַהיים.

ווען דער מנהג דאַרף ברעכן דעם דין

אין דעם קעניגליכן פּאַלאַץ פֿון אַן אינדישן מלך האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ פֿייער. האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ פֿראַגע: „וועמעס פֿליכט איז עס צו לעשן דאָס פֿייער?“ האָט מען גלייך גערופֿן די הויפֿלייט, אַז זיי זאָלן נאָכקוקן און זען, וואָס די ביכער זאָגן וועגן דעם.

האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז אין די ביכער ביי זיי איז גאָרנישט ניט פֿאַר־שריבן, ווייל זינט זיי לעבן איז אין פּאַלאַץ נישט געווען קיין פֿייער. דעמאָלט איז געבליבן, אַז מע זאָל שיקן נאָך איינעם פֿון די עלטסטע הויפֿלייט און פֿרעגן, וואָס ער האָט צו זאָגן.

אַז ער איז געקומען, האָט ער געהייסן, מע זאָל נאָכזוכן אין די טאָג־פֿאַרציי־כענישן פֿון זיין צייט, וואָס זענען שוין עלטער פֿון פֿופֿציק יאָר.

אין דער צייט, וואָס מ'האָט נאָכגעזוכט אין די ביכער, צי ס'איז ערגעץ פֿאַרשריבן, ווער סע דאַרף אין אַזאַ פֿאַל לעשן דאָס פֿייער, האָבן זיך די פֿלאַמען פֿאַרשפּרייט פֿון איין קאַמער צו דער צווייטער, און פֿון איין פֿליגל צום אַנדערן. און נאָך איידער זיי האָבן געפֿונען עפּעס וועגן דעם, האָט דאָס פֿייער אַרומגע־כאַפּט דעם גאַנצן פּאַלאַץ, און אַלע האָבן געמוזט אַנטלויפֿן. זיי האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן.

דער פּאַלאַץ האָט אָפּגעברענט. נאָר די פֿראַגע וועמעס פֿליכט עס איז צו לעשן אַ פֿייער, וואָס ברעכט אויס אין אַ קעניגליכן פּאַלאַץ, איז נאָך לאַנג נאָך דעם נישט געלייזט געוואָרן.

אַ שאַרפֿער ענטפֿער

אַ מלך, וואָס האָט אַליין נישט ליב געהאַט צו רייכערן, האָט אָפּט פֿאַרגע־וואָרפֿן זיינע הויפֿלייט פֿאַרוואָס זיי ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פֿון דערדאָזיקער שלעכטער געוואוינהייט.

איינמאָל גייט דער מלך שפּאַצירן מיט זיינע האַרן אין אַ פעלד, וואו ס'איז געוואַקסן טאַבאַק. לעבן דעם פעלד איז געשטאַנען אַן אייזל און האָט געקוקט אָף די טאַבאַק-בלעטער, נאָר האָט אפילו נישט פּרובירט צו נעמען די בלעטער אין מויל אַריין. „זעט," האָט דער מלך געזאָגט צו זיינע הויפּלייט, „טאַבאַק איז אַזאַ שעדליכע זאַך, אַז אפילו אייזלען ווילן זיך צו דעם נישט צורירן."

„זיי מיר מוחל, מיין האַר קעניג," האָט זיך אָנגערופן דער הויפנאַר. „בלויז אַזעלכע נאַרישע באַשעפענישן ווי אייזלען האָבן נישט קיין הנאה פון טאַבאַק. אַ קלוגער געדאַנק פאַלט קיינמאָל נישט איין אַן אייזל."

דעם מלך וואָלט געפעלן געוואָרן דער קלוגער ענטפער, ווען ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וועמען דער הויפנאַר מיינט מיט דעם.

דער מלך שענקט אים אַ העלפט פון דער שטראָף

אין דער קרוינשטאָט איז געווען אַ גרויסע שמחה. מ'האָט זיך געפרייט מיט דעם מלך צו דער געלעגנהייט פון זיין געבוירנטאָג. און ס'האָט זיך געפירט אין אַזאַ טאָג, אַז ווען דער מלך ווערט פריילעך פון וויין, באַגנאַדיקט ער אַ סך געפאַנגענע און שענקט זיי דאָס לעבן. אַנדערע שענקט ער אַ טייל פון דער שטראָף.

יענעם טאָג, אַז דער מלך איז געוואָרן פריילעך און האָט גענומען באַגנאַדיקן די געפאַנגענע, האָט ער איינעם פון זיי, וואָס איז געווען פאַרמשפּט צו זיצן אין תפיסה זיין גאַנץ לעבן, געשענקט אַ העלפט פון דער שטראָף.

צווישן די האַרן און קאָפּ-מענטשן איז געוואָרן אַ שטיקל גערודער: וואָס הייסט אַ העלפט פון דער לעבנס-שטראָף? צי ווייסט מען דען ווי לאַנג דער געפאַנגענער וועט לעבן? נאָר אַ באַפעל פון אַ מלך איז אַ באַפעל. מע טאָר נישט פרעגן און מע טאָר גאָרנישט ניט זאָגן, ווייל דאָס וואָלט געמיינט ווידערשפעניקן דעם מלך. מע דאַרף בלויז טון ווי ער באַפעלט.

האָט מען זיך גענומען ברעכן דעם קאָפּ: וואָס טוט מען און ווי אַזוי טוט מען, אַז דער באַפעל פון דעם מלך זאָל פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן? די קלוגע לייט האָבן זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך. זאָגט איינער, ער האָט אַן עצה: אַזוי ווי דאָס לעבן פון אַ מענטש איז זיבעציק יאָר, דאַרף מען זען ווי אַלט ס'איז דער געפאַנגענער, און פון די יאָרן, וואָס ער האָט נאָך ביז צו די זיבעציק, זאָל מען אים שענקען אַ העלפט. אויב דער געפאַנגענער איז איצט אַלט, לאָמיר אָננעמען, דרייסיק יאָר, בלייבט אים נאָך, הייסט עס, פערציק יאָר לעבן ביז צו די זיבעציק. דאַרף אים געשענקט ווערן אַ העלפט פון די פערציק, דאָס הייסט, צוואַנציק יאָר.

„ניין, דאָס טויג נישט," זאָגט אַ צווייטער פון די חכמים. „ווי למשל וועט זיין, אויב דעם געפאַנגענעם איז נישט באַשערט צו לעבן פולע זיבעציק יאָר? לאָמיר זאָגן, אַז ס'איז אים באַשערט צו לעבן בלויז זעכציק יאָר, אָדער בלויז פערציק יאָר, אָדער אפשר איז אים בלויז באַשערט צו לעבן געציילטע וואָכן, אָדער טעג. דעמאָלט, אויב מע וועט אים האַלטן אַ האַלב פון די פערציק יאָר,

וואָס ער האָט נאָך ביז צו די זיבעציק, וועט ער דאָך קיינמאָל נישט ווערן פריי. טאָ ווי אַזוי וועט מען דעמאָלט אויספירן דעם באַפעל פון דעם מלך?"

וואָס מערער מ'האָט גערעדט, אַלץ מער האָט מען געזען ווי שווער סע איז צו לייזן די זאַך. איז געבליבן, אַז מע זאָל דעם ענין איבערגעבן דעם היטער פון דעם געפענגעניש, און זאָל ער זיך אַליין ברעכן דעם קאָפּ. ער האָט כסדר צו טון מיט אַזעלכע זאַכן, וועט ער אוודאי געפינען די ריכטיקע לייזונג.

אַז דער היטער פון דער תפיסה האָט געקריגן דעם באַפעל וועגן דעם געפאַנגענעם, האָט ער זיך אויך נישט געקענט געבן קיין עצה. דערווייל דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט אין תפיסה אַ יידישן געפאַנגענעם. דער ייד האָט אַ קאָפּ אויף זיך. ער וועט אים שוין זאָגן ווי אַזוי צו טון. שיקט ער נאָך דעם ייד, און דערציילט אים די מעשה. גיט דער ייד אַ טראַכט און זאָגט: „נישט געדאגהט, מענטש. איך האָב אַן עצה: דאָס לעבן פון דעם מענטש איז דאָך אַ קייט פון טעג און נעכט— מעת־לעתן. טאָ נעם און לאָז דעם געפאַנגענעם יעדן טאָג, אַ האַלבן מעת־לעת, פריי, און אויף ביינאַכט, דעם אַנדערן האַלבן מעת־לעת, זאָל ער זיין אין תפיסה. אַזוי וועט אי דער וואָלף זיין זאַט, און אי דאָס ציגעלע וועט בלייבן גאַנץ."

פּאַרוואָס פּון אַ סך ווערט אָפּט ווינציק

דער מלך האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע האַרן און איידעללייט. ביי דער סעודה האָט מען געגעסן און געטרונקען, געשפּילט און גערעדט.

די האַרן האָבן זיך געפילט יום־טובדיק, און זיי האָבן געוואָלט דערפרייען דאָס האַרץ פון דעם מלך און געפינען חן אין זיינע אויגן. יעדער פון זיי האָט דעריבער געהאָט אים צו דערציילן עפּעס אַן אַנדערע גוטע זאַך פון דער גרויסקייט פון זיין מלוכה און פון איר רייכקייט, און וויפיל ציגזן זיינע אונטערטעניקע צאָלן פאַר דער שאַצקאַמער פון דעם מלך.

אַז מ'האָט דערמאָנט די ציגזן און שטייערן, רופט זיך אָן דער מלך און פרעגט: „אויב די אונטערטעניקע צאָלן אַזויפיל ציגזן און שטייערן, פאַרוואָס איז די שאַצקאַמער קיינמאָל נישט פול מיט גאָלד און זילבער?"

אַ רגע איז געוואָרן שטיל. די האַרן האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. נאָר באַלד האָט זיך אויפגעהויבן איינער פון די עלטסטע קאָפּ־מענטשן און ער האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט: „אדוני מלך, די זאַך איז זייער פשוט. זאָל מען אַריינברענגען אַ שטיק אייז, און איך וועל וויזן דעם מלך, וואו סע קומט אַהין דאָס גאָלד."

אַז מ'האָט אַריינגעבראַכט דאָס שטיק אייז, האָט עס דער עלטסטער גענומען אין זיינע הענט און האָט עס אויפגעהויבן אַזוי, אַז אַלע זאָלן עס זען און באַקוקן. דערנאָך האָט ער עס דערלאַנגט אין די הענט פון דעם קאָפּ־מענטש, וואָס איז געזעסן ביי דער רעכטער האַנט פון דעם מלך און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס אייז איבערגעבן אין די הענט פון דעם אַנדערן קאָפּ־מענטש און דער אַנדערער זאָל עס איבערגעבן דעם דריטן, און דער דריטער—דעם פערטן, און אַזוי

—פון האַנט צו האַנט, אַרום דעם גאַנצן גרויסן טיש, ביז סע וועט אָנקומען צו דעם מלך.

האָט מען אַזוי געטון. אַז דאָס אייז איז אָנגעקומען צו דעם מלך אין האַנט אַריין, איז עס שוין געווען קוים די גרויס פון אַ קייקעלע.

דער מלך האָט דעמאָלט פאַרשטאַנען, וואָס דער עלטסטער האָט געמיינט מיט דעם שטיק אייז, און פאַרוואָס פון אַ סך ווערט אָפּט אַזוי ווינציק.

דאָס געוועט

קיר״ה איז אַמאָל געווען צו גאַסט ביים צאַר אין זיין קרוינשטאָט. איין טאָג זענען די צוויי מלכים געריטן אַף יאַגד צוזאַמען מיט זייערע ראַטהאַרן און קאַפּ־מענטשן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען זיך געיאָגט נאָך חיות און פייגל אין וואַלד. אַז ס׳האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, האָט מען זיך געלאָזט אַהיים אין שטאָט אַריין.

אין פּאַלאַץ איז שוין געווען צוגעגרייט אַ קעניגלעכע סעודה. און ווי נאָר דער צאַר און קיר״ה מיט זייערע עלטסטע זענען געקומען פון יאַגד, האָט מען זיך געזעצט צו עסן און צו טרינקען.

אַז די צוויי מלכים זענען געוואָרן זאַט און פריילעך, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו רימען וואָס פאַר אַ העלדן און שיסערס זיי זענען. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געריסט איינער פאַרן אַנדערן, ביז זיי האָבן גענומען רעדן אַ סך זאַכן, וואָס ס׳איז בעסער, אַז מע רעדט פון זיי ווינציקער. און דערווייל האָבן זיי נאָך אַלץ געטרונקען.

פון די באַרימערייען וואָס פאַראַ שיסערס זיי זענען, האָבן זיי גענומען רעדן וועגן טרינקען און וואָס פאַר אַ גרויסע טרינקערס זיי זענען. זאָגט קיר״ה, אַז וויפיל ער טרינקט—איז אים נישט גענוג. ער קען טרינקען אַ גאַנצן מעת־לעת, און סע וועט אים נאָך אַלץ דאַרשטן.

זאָגט דער צאַר, אַז דאָס איז גאָר נישט. ער איז אַלעמאָל אַזוי דאַרשטיק, אַז ער קען אויסטרינקען אַ ים, יאָ, טאַקע אַ גאַנצן ים, און סע וועט אים נישט זיין גענוג. הכלל, ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך פאַרוועט ווער ס׳איז אַ גרעסערער טרינקער. דער צאַר האָט געזאָגט, אַז ער וועט ווייזן קיר״הן, אַז ער וועט אויסטרינקען דעם ים. אויב נישט, שענקט ער קיר״הן זיין גאַנצע מלוכה.

אַפן אַנדערן טאָג, נאָך דעם ווי דער צאַר האָט זיך אויסגעשלאָפן און אויס־געניכטערט, האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטון. און ס׳איז אים געוואָרן נישט גוט, ניין, טאַקע ביטער! וואָס טוט מען איצט? אַ געוועט איז דאָך אַ געוועט. בפרט נאָך אַ געוועט פון אַ צאַר!

לאָזט ער רופן צו זיך איינעם פון זיינע קאַפּ־מענטשן און דערציילט אים: „אַזאַ און אַזאַ מעשה. איך האָב מיך געוועט מיט קיר״הן. וואָס טוט מען איצט? אויב דו וועסט מיר נישט געפינען קיין עצה, וועל איך פאַרשפּילן די מלוכה. און דו און אַלע עלטסטע וועלן בלייבן אָן אַ שטאַך אַרבעט. ביז מאָרגן מוזסטו מיר געבן אַן עצה.״

דער קאַפּ־מענטש איז אַוועק אַהיים און האָט גענומען טראַכטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ ביטער פעקל, און אויב ער וועט נישט געפינען עפּעס אַן עצה, וועט זיין צרות. טראַכט ער און טראַכט. און די שעהן גייען. אַט איז שוין אַריבער אַ האַלבער טאָג, און אַט איז שוין באַלד נאַכט, און קיין עצה האָט ער נישט. ער לייגט זיך שלאָפן. נאָר ער קען נישט צומאַכן מיט קיין אויג.

פאַרטאָג הייבט זיך אויף דער קאַפּ־מענטש, זעצט זיך אויף אַף זיין פערד און לאָזט זיך אַוועק צו זיין גוט. דאָרט האָט ער אַ ייד, אַ פּאַכטער. אַ קלוגער ייד— דער פּאַכטער. ער וועט אים זיכער קענען געבן אַן עצה.

אַז דער ייד הערט אויס די מעשה, זאָגט ער צו אים: „האַרעלע־האַר, נישט געדאַגהט! ס׳איז דאָ אַן עצה! דער צאַר האָט זיך געוועט, אַז ער וועט אויסטרינקען דעם ים, נאָר נישט די וואַסערן, וואָס פאַלן אַריין אין ים. נישט אמת? זאָל ער דעריבער זאָגן קיר״הן, אַז ער זאָל קודם אָפּשטעלן אַלע וואַסערן, וועט ער דערנאָך קענען אויסטרינקען דעם ים.״

און אַזוי איז געווען. דער צאַר איז נאָך דעם ווייטער געבליבן צאַר, און דער קאַפּ־מענטש—זיין קלוגער בעל־יועץ.

ס׳איז געווענדט ווי אַזוי מע זאָגט אַ זאַך

דעם מלך האָט זיך געחלומט אַ חלום. אַ וויסטער חלום איז דאָס געווען: ער זיצט ביי אַ טיש מיט כל־טוב און וויל עסן, נאָר ער קען נישט. אַלע זיינע ציין זענען אים אַרויסגעפאַלן.

אַ פּחד האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און גלייך געשיקט נאָך זיין קאַמערהאַר, אַז ער זאָל אים פּותר־חלום זיין, זאָגן, וואָס דער חלום קען מיינען.

דער קאַמערהאַר הערט אויס דעם חלום, און אַ וואָלקן באַדעקט זיין פּנים: „וויי, וויי איז אונז, גרויסער מלך! דיין חלום זאָגט אָן אַף שלעכטס. דאָס האָבן די געטער דיר געלאָזט וויסן, אַז דיינע קינדער וועלן שטאַרבן ביי דיין לעבן.״

דער מלך האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אין כעס און האָט באַפוילן, אַז מע זאָל דעם קאַמערהאַר אַריינוואַרפן אין תּפיסה פאַר אַזאַ בייזן באַשייד. האָט מען אַזוי געטון.

אַז דער צאָרן פון דעם מלך איז געשטילט געוואָרן, האָט ער געשיקט נאָך דעם צווייטן פון זיינע ראַטהאַרן, אַז ער זאָל אים פּותר־חלום זיין.

דער ראַטהאַר האָט שוין געהערט, וואָס מ׳האָט געטון מיט דעם קאַמערהאַר פאַר באַשיידן דעם מלך אמתדיק זיין חלום. נאָר אויך ער האָט דעם אמת נישט געוואָלט פאַרלייקענען. אַז ער האָט אויסגעהערט דעם מלך, האָט ער געמאַכט אַ פריילעך פּנים און געזאָגט: „אדוני מלך, אַ גוטער חלום האָט זיך דיר געחלומט. איך בין גליקלעך, וואָס איך קען דיר פּותר זיין דעם חלום. דאָס האָבן די געטער דיר געלאָזט וויסן, אַז דו וועסט לאַנג לעבן, און דו וועסט האָבן אַלדאָס גוטס. דיין לעבן וועט זיין אַזוי לאַנג, אַז דו וועסט איבערלעבן אַלע דיינע קינדער.״

דער מלך איז געווען צופרידן פון דעם גוטן באַשייד, און ער האָט דעם ראַטהאַר דערהויבן אַף דעם פּלאַץ פון זיין קאַמערהאַר.

זיי זענען ברוגז, וואָס ער איז נישט פֿאַרשאָטן געוואָרן

אַ יונגערמאַן, אַ ברונע־גרעבער, האָט זיך באַדונגען מיט אַ באַלעבאָס צו גראָבן פֿאַר אים אַ ברונע פֿאַרנט פֿאַרן הויז. ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן, און אַלץ איז צוגעגאַנגען וואויל און גוט. אַזוי האָט ער אָפּגעאַרבעט עטלעכע טעג.

איינמאָל, אַ פֿרימאָרגן, ער קומט צו גיין צו דער אַרבעט, ער גיט אַ קוק, און סע ווערט אים פֿינסטער אין די אויגן. דער גאַנצער גרוב איז איינגעפֿאַלן און פֿאַרשאָטן געוואָרן. „שלעכט," גיט ער אַ טראַכט. „וואָס טוט מען איצט?"

ווי ער שטייט אַזוי און קוקט אָף דער פֿאַרשאָטענער ברונע, פֿאַלט אים איין אַ געדאַנק. ער טראַכט נישט לאַנג, קוקט זיך אַרום, צי קיינער זעט נישט, און אַז ער באַמערקט, ס'איז קיינער נישטאָ, נעמט ער אַראָפּ פֿון זיך דאָס רעקל און דעם הוט און הענגט זיי אויף אָף אַ דרענגל לעבן דעם פֿאַרשאָטענעם גרוב, און ער אַליין באַהאַלט זיך נישט ווייט פֿון דעם פּלאַץ.

סע נעמט נישט לאַנג און סע גייט דורך איין מענטש, און אַ צווייטער, און דערנאָך נאָך אַנדערע. פּלוצים באַמערקט איינער פֿון די דורכגייער, אַז דער גרוב איז איינגעפֿאַלן, און ביי דער זייט אָף אַ דרענגל הענגט אַ הוט און אַ רעקל. ער איז צוגעלאָפֿן, גיט אַ קוק, און איז זיכער, אַז דער ברונע־גרעבער איז פֿאַרשאָטן. מאַכט ער אַ געוואַלד און סע לויפֿן זיך צוזאַמען מענטשן. דער צוזאַמענגעלאָפֿע־נער עולם וואַרט נישט, און נעמט זיך צו דער אַרבעט. מע ברענגט רידלען און ריסקאַליעס, און מע נעמט גראָבן. ווער ווייסט, אפֿשר וועט מען דעם פֿאַרשאָ־טענעם אויפֿגראָבן באַצייטנס, און מע וועט אים נאָך קענען אָפּראַטעווען! דער עולם האָט געאַרבעט מיט אַלע כוחות. אַז מ'האָט שוין כמעט די גאַנצע ערד אַרויסגענומען פֿון גרוב, באַווייזט זיך דער יונגערמאַן, דער ברונע־גרעבער.

„וואָס טוט זיך דאָ? וואָס האָט געטראָפֿן?" פֿרעגט ער אַ פֿאַרוואונדערטער.

„וואָס הייסט, וואָס?" זאָגט מען אים. „דער ברונע־גרעבער איז פֿאַרשאָטן געוואָרן."

„דער ברונע־גרעבער? איך בין דער ברונע־גרעבער," זאָגט ער.

„דו ביסט דער ברונע־גרעבער?" קוקן זיי אָף דעם יונגנמאַן פֿריטשמע־ליעטע. פּלוצים ווערן זיי אין כעס: „געזען אַ מעשה! מיר שלאָגן זיך אַרויס פֿון די כוחות, אים אויסצוגראָבן, און ער שטייט זיך גאָר דאָ ווי נישט אים מיינט מען!"

אַ גוטער איינפֿאַל פֿון אַ פֿאָטער

אַן עושר האָט אָף די עלטערע יאָרן באַשלאָסן צו נעמען זיין פֿאַרמעגן און עס פֿונאַנדערטיילן צווישן זיינע זין. וואָס דאַרף ער וואַרטן, ביז ער וועט שטאַרבן? ער איז זיבער געווען, אַז ווען ער וועט זיי צעטיילן די ירושה ביים לעבן, וועלן זיי זאָרגן און גוט אַכטונג געבן אָף אים, ווען ער וועט ווערן שוואַך און קראַנק.

דער פֿאָטער האָט אַזוי געטון. נאָר אַז ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, האָט ער איינגעזען, אַז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה. די זין האָבן זיך אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן מיט אים. זיי זענען איצט געווען שטענדיק פֿאַרנומען מיט זייערע

געשעפטן, און האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַן אַלטער טאַטע אויף דער וועלט.

דער עושר האָט זיך דאָס גענומען צום האַרץ און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וואָס מע טוט, אַז זיינע זין זאָלן זיך אומקוקן אויף אים.

איין שיינעם טאָג האָבן די זין באַמערקט, אַז דער פאָטער עפנט אַ שאַצ־קעסטל און פאַרקעט זיך דאָרטן. זיי זענען זיכער געווען, אַז ער מוז דאָרט האָבן נאָך אַן אוצר. די זין זענען מיטאַמאָל געוואָרן גאָר אַנדערע מענטשן, ממש נישט צו דערקענען. זיי האָבן דעם פאָטער גענומען קעכלען און אָפּגעבן כבוד, ווי מע דאַרף אַן אַלטן טאַטע.

אַזוי איז אַריבער אַ צייט. אַז דער פאָטער איז געוואָרן קראַנק און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער צוגערופן זיינע זין, האָט זיי געגעבן דעם שליסל פון זיין שאַצקעסטל און געזאָגט: „מיין פאַרמעגן, קינדער, האָב איך אייך שוין לאַנג צעטיילט. און דאָס, וואָס איך האָב אין מיין שאַצקעסטל, זאָלט איר צעטיילן צווישן זיך נאָך מיין טויט גלייך אויף גלייך. נאָר איך פאַרלאַנג פון אייך, אַז איר זאָלט דאָס קעסטל עפענען ערשט נאָך שבעה.“

דער פאָטער איז געשטאָרבן, און די זין האָבן אים באַוויינט און מקבר גע־ווען מיט גרויס כבוד. אַז זיי זענען אויפגעשטאַנען פון זיצן שבעה, האָבן זיי גע־עפנט דאָס שאַצקעסטל, און וואָס מיינט איר האָבן זיי דאָרט געפונען? אַ פול שאַצקעסטל מיט שטיינער.

ווי אַזוי זיי האָבן זיך געטיילט מיט דער ירושה

אַ פאָטער איז געוואָרן אַלט, און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. פאַר זיין טויט רופט ער צו זיין ווייב און זיינע דריי זין, און זאָגט צו זיי: „מיין געטריי ווייב און טייערע קינדער מיינע, מיין סוף דערנעענטערט זיך, און איך וועל באַלד שטאַרבן. איך לאָז איבער אַ שטוב, אַ שטיק פעלד און זיבעצן בהמות. נאָך מיין טויט זאָלט איר אייך איינטיילן מיט דער ירושה אַזוי: דיר, מיין ווייב, לאָז איך איבער די שטוב, און אייך, מיינע קינדער, דאָס פעלד מיט די בהמות. דאָס פעלד זאָלט איר צעטיילן אויף דריי גלייכע חלקים, און איטלעכער פון אייך זאָל קריגן אַ גלייכן חלק. און פון די זיבעצן בהמות זאָל דער עלטסטער קריגן אַ העלפט, דער מיטלסטער—אַ דריטל, און דער מעזיניק—אַ ניינטל. אַלע אַנדערע זאַכן לאָז איך איבער פאַר קהל.“

באַלד נאָך דעם איז דער פאָטער געשטאָרבן. געשטאָרבן—באַגראָבן.

אַז די מוטער מיט די קינדער זענען אויפגעשטאַנען פון זיצן שבעה, האָבן זיי זיך גענומען איינטיילן מיט דער ירושה. די מוטער האָט זיך גענומען די שטוב, און די קינדער האָבן זיך גענומען איינטיילן מיט דעם פעלד און די בהמות. מיט דעם פעלד האָבן זיי זיך לייכט צעטיילט, נאָר מיט די זיבעצן בהמות האָבן זיי זיך נישט געקענט איינטיילן. וויפיל זיי האָבן גערעכנט און געטיילט—האָבן זיי נישט געקענט צעטיילן זיך מיט זיי, וואָרן מע קען דאָך נישט צעשניידן אַ לעבעדיקע בהמה און צעטיילן זיך מיט איר.

אין שכנות מיט די דריי ברידער האָט געוואוינט אַ ייד, אַן אָרימער, נאָר אַ קלוגער. דערציילן זיי אים וועגן זייער פאָטערס צוואה, און אַז זיי ווייסן נישט ווי אַזוי זיך איינצוטיילן מיט די זיבעצן בהמות.

דער שכן הערט זיי אויס, גיט אַ טראַכט און זאָגט: „אַ קלייניקייט. ס'איז גאָרנישט ניט אַזוי שווער ווי אייך דאַכט זיך. איך וועל אייך אַרויסהעלפן. איך האָב אַן איינציק שטיקל בהמהלע, איר ווייסט דאָך. נעמט מיין בהמה, וועט איר צוזאַמען מיט אייערע זיבעצן האָבן אינאיינעם אַכצן בהמות. פון די אַכצן זאָל דער עלטסטער פון אייך נעמען ניין בהמות. דאָס הייסט, אַ העלפט. דער מיטל־סטער זאָל נעמען זעקס בהמות. דאָס מיינט אַ דריטל. און דער ייִנגסטער, דער מעזיניק, זאָל זיך נעמען זיין ניינטל. אַ ניינטל פון אַכצן איז צוויי. איצט באַ־רעכנט: ניין און זעקס און צוויי איז זיבעצן. האָט איר אייך אייערע זיבעצן, און איין בהמה בלייבט נאָך. דאָס איז מיין בהמהלע, און איך וועל זי מיר טאַקע צונעמען צוריק. אי איר וועט האָבן איינגעטיילט זיך לויט דער צוואה פון אייער פאָטער, אי איך וועל מיר בלייבן ביי מיין בהמהלע."

ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט פון טויט

אַ ייד, אַ חכם, איז אַמאָל געשטעלט געוואָרן צום משפט אַף אַ בילבול, וואָס מ'האָט געמאַכט אַף אים. נאָך דעם ווי דער ריכטער האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און אַלע עדות, האָט ער אַרויסגעגעבן אַזאַ פסק: „מע זאָל נעמען צוויי צע־טעלעך און אָנשרייבן אַף איינעם „צום לעבן" און אַפן אַנדערן „צום טויט". די צעטעלעך זאָל מען דערנאָך אַריינלייגן אין אַ קעסטל, און וואָס דער ייד וועט אַרויסציהען, אַזוי וועט מען טון.

צום אומגליק איז דער, וואָס האָט געדאַרפט אָנשרייבן די צוויי צעטעלעך, געווען דעם יידס אַ שונא. האָט ער אַף ביידע צעטעלעך אָנגעשריבן „צום טויט."

אַ פריינד פון דעם ייד האָט אויסגעפונען וועגן דעם און האָט אים געוואָרנט באַצייטנס. נאָר ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס נישט דערציילן, ווייל אויב מע וועט זיך דערוויסן, אַז ער האָט אויסגעזאָגט דעם סוד, וועט מען אים נאָך אומברענגען צוזאַמען מיט דעם ייד.

דער ייד האָט גענומען טראַכטן ווי מע ראַטעוועט זיך. צום סוף איז ער געפאַלן אַף אַ שכל. ער האָט טאַקע אַרויסגעשלעפּט אַ צעטעלע, האָט אַ קוק געטון אינעווייניק און האָט עס צוריק פאַרמאַכט. אַז דער ריכטער האָט אים גע־פרעגט, וואָס סע שטייט געשריבן אין זיין צעטעלע, האָט ער געהייסן, אַז מע זאָל אַרויסציען דאָס צווייטע צעטעלע און איבערלייענען, וועט מען וויסן, וואָס אַף ז י י ן צעטעלע איז געשריבן.

האָט מען אַזוי געטון. אַפן צווייטן צעטעלע איז געווען אויפגעשריבן „צום טויט", ווי אַפן ערשטן צעטעלע, נאָר דער ריכטער איז געווען זיכער, אַז אויב אַפען צווייטן שטייט „צום טויט", איז אַף דעם ערשטן צעטעלע, וואָס דער ייד האָט אַרויסגעצויגן, געווען אויפגעשריבן „צום לעבן", און ער האָט דעם ייד גלייך באַפרייט.

די צוויי דיכטער און דער קעניג

ר׳ שמואל הנגיד איז געווען איינער פון די גרויסע יידישע דיכטער אין מיטלאַלטער און איינער פון די נאָנטסטע ראָטהאַרן ביי דעם מלך פון דעם אַראַ־ביש־גראַנאַדישן קעניגרייך אין שפּאַניע.

איינמאָל איז ער מיט דעם מלך כּאָבוש געגאַנגען שפּאַצירן איבער די גאַסן פון גראַנאַדע. פּלוצים איז צו זיי צוגעלאָפן אַ מאַן און האָט אָנגעהויבן שעלטן און באַליידיקן ר׳ שמואלן.

דער מלך האָט דאָס געהערט און איז געוואָרן אין כּעס. ער האָט געהייסן ר׳ שמואלן, אַז ער זאָל באַפעלן די וועכטער, אַז זיי זאָלן כאַפּן דעם מאַן און אים אויסשניידן די צונג. האָט ר׳ שמואל געהייסן כאַפּן דעם מאַן און אויספאָרשן ווער ער איז און פאַרוואָס ער האָט אים באַליידיקט. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער מאַן איז אַן אָרימער דיכטער, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן ברויט אַף איבערצוקומען אַ טאָג.

אַז ר׳ שמואל הערט אַזאַ זאַך, באַפעלט ער, אַז מע זאָל דעם דיכטער באַ־זאָרגן מיט אַ שטוב, וואו צו וואוינען, און אַז מע זאָל אים פון זיין שאַצקאַמער געבן יעדע וואָך גענוג געלט אַף ברויט און קליידער.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע חדשים, און די צוויי דיכטער, ר׳ שמואל און דער מאַן, זענען געוואָרן גוטע פריינט.

איינמאָל, ווען ר׳ שמואל איז ווידער געגאַנגען שפּאַצירן מיט דעם מלך איבער די גאַסן פון שטאָט, איז צו זיי צוגעלאָפן דער אָרימער דיכטער און האָט אָנגעהויבן לויבן און בענטשן דעם מלך און ר׳ שמואלן.

דער מלך האָט אַ פאַרוואונדערטער זיך אויסגעדרייט צו ר׳ שמואלן און אים געפרעגט: „ער קען נאָך רעדן? איך האָב דאָך באַפוילן, אַז מע זאָל אים אויס־שניידן זיין צונג פון מויל! פאַרוואָס האָסטו נישט געטון ווי איך האָב געהייסן?"

„אדוני מלך", האָט זיך אָנגערופן ר׳ שמואל, „איך האָב געטון ווי דו האָסט באַפוילן. איך האָב אים אויסגעשניטן זיין בייזע צונג, און אָנשטאָט איר, האָב איך אים געגעבן אַ גוטע צונג."

דער מלך און זיינע דריי זין

אַ מלך האָט אַמאָל געהאַט דריי זין, גרויסע פוילערס. ער האָט זיי אָבער אַלע גלייך ליב געהאַט, און נישט געוואוסט וועמען פון זיי איבערצולאָזן זיין מלוכה. אַז ער איז געוואָרן אַלט, רופט ער צו צו זיך די דריי זין און זאָגט צו זיי: „קינדער מיינע, איך בין אַלט, און ס׳איז געקומען פאַר מיר די צייט איינגעזאַמלט צו ווערן מיט מיינע עלטערן. איידער איך שטאַרב, וויל איך איינעם פון אייך איבערלאָזן די מלוכה. נאָר איך ווייס נישט וועמען פון אייך, ווייל איך האָב אייך אַלע דריי גלייך ליב. דעריבער איז געבליבן ביי מיר, אַז איך זאָל לאָזן די מלוכה דעם פון אייך, וואָס איז דער גרעסטער פוילער."

רופט זיך אָן דער עלטסטער פון די ברידער: „אויב אַזוי, פאָטער, געהערט די

מלוכה צו מיר. איך בין אַזוי פויל, אַז ווען איך ליג בייטאָג אין דער זון, וועל איך נישט צומאַכן מיט קיין ברעם, די זון זאָל מיר אַפּילו אויסברענען מיינע אויגן.״

„יאָ, מיין זון,״ זאָגט דער מלך, „דו ביסט נישט פון די קליינע פוילערס. איך וויס נישט, צי דיינע ברידער קענען זיך גלייכן צו דיר.״

„אַהאָ, פאָטער,״ זאָגט דער מיטלסטער פון די דריי ברידער, „איך בין נאָך פוילער. ווען איך זאָל זיצן קעגן פייער פון אויוון, און מע זאָל דאָרט אָנלייגן אַ וואָגן מיט טרוקן האָלץ, וועל איך לאָזן גיכער זידן דעם מאַרך אין מיינע ביינער, איידער זיך אָפּרוקן פון אויוון.״

„דאָס הייסט פוילקייט, מיין זון. איך רעכן אַז דו ביסט ווערט צו ווערן מלך.״

„וואַרט, פאָטער,״ רופט זיך אָן דער יינגסטער פון די ברידער. „די מלוכה איז מיינע, וואָרן איך בין פוילער פון זיי ביידע. מאָל דיר אויס, אַז ווען מע זאָל מיך הענגען, און דער שטריק זאָל מיר שוין ליגן אויף מיין האַלז, נאָר דאָ דערלאַנגט מען מיר פּלוצים אַ מעסער, אַז איך זאָל דעם שטריק איבערשניידן, וועל איך מיך בעסער לאָזן אויפהענגען, איידער אויסשטרעקן די האַנט צו דעם מעסער.״

„דו ביסט גערעכט, מיין זון,״ זאָגט דער אַלטער מלך. „פון אַזאַ פוילקייט האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט. דו ביסט באמת ווערט צו ווערן מלך אויף מיין פּלאַץ.״

דער שעיך און די צוויי סוחרים

אין דער שטאָט צידון האָט געלעבט אַ שעיך. ער איז געווען רייך און פרום, נאָר זיין האַרץ איז געווען פאַלש און שלעכט.

איינמאָל איז געקומען אין שטאָט אַ סוחר. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ בייטל מיט געלט. נאָר אַז ער האָט געזען די מענטשן אין גאַסטהויז, איז אים געוואָרן אַביסל שווער אויפן האַרץ, און ער האָט מורא געהאַט צו האַלטן ביי זיך דאָס געלט. האָט ער נישט געטראַכט לאַנג און איז אַוועק אין שטאָט זען, וועמען צו געבן באַהאַלטן דעם בייטל מיט געלט. אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ געבעטהויז, האָט ער דערזען דאָרט אַן אַלטן מאַן מתפלל זיין מיטן גאַנצן האַרץ. טראַכט ער זיך: דער מענטש זעט אויס אַן ערליכער. איך וועל אים געבן צו באַהאַלטן מיין געלט.

אַז דער אַלטער האָט געענדיקט, איז דער סוחר צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים געזאָגט ווער ער איז און וואָס ער וויל: „איך גלייב, אַז אין דיינע הענט וועט מיין געלט זיין זיכער,״ האָט דער סוחר געזאָגט.

דער אַלטער האָט זיך געקווענקלט. נאָר צום סוף האָט ער איינגעוויליקט, האָט גענומען דעם בייטל מיט געלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

ס׳איז אַריבער נאָך דעם אַ וואָך. אַז דער סוחר האָט שוין איינגעהאַנדלט אַלערליי סחורות, איז ער אַוועק צום שעיך נאָך זיין געלט, צו קענען באַצאָלן פאַר די זאַכן. דער אַלטער האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט אים קיינמאָל פאַר דעם נישט געזען. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט, און אַז ער זאָל זיך בעסער גלייך אָפּטראָגן.

דער סוחר איז אַוועק פון אים מיט אַ צעבראָכן האַרץ. ער איז אַרומגע־

גאַנגען און האָט געטראַכט וואָס מ'הייבט איצט אָן צו טון. ווי ער גייט אַזוי, באַגעגנט ער זיינעם אַ באַקענטן, אויך אַ סוחר, וואָס איז געקומען פון דער־זעלבער שטאָט, וואָס ער. דער סוחר האָט אים גלייך דערציילט פון זיין אומגליק. אַז זיין פריינד האָט געהערט אַזאַ זאַך, זאָגט ער צו אים: „וואַרט, איך האָב אַ גע־דאַנק ווי אַזוי אַרויסצוקריגן ביי אים דיין געלט. פיר מיך צו אים און טו, וואָס איך וועל דיר הייסן.

דער צווייטער סוחר איז געקומען צום אַלטן. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז ער איז זייער אַ פרומער מענטש, און ער וויל ביי אים באַהאַלטן זיין געלט. און דערביי האָט ער אים געוויזן זיין בייטל מיט גאָלד. אַז דער שעיך האָט דערזען אַזאַ גרויסן בייטל, האָט ער געמאַכט אַ פרום פנים און האָט זיך כלומרשט געקווענקלט. נאָר צום סוף האָט ער איינגעוויליקט צו באַהאַלטן דאָס געלט.

אין דער מינוט איז אַריינגעקומען דער ערשטער סוחר, דער אָפגענאַרטער, און האָט זיך געהייסן געבן זיין געלט. דער שעיך האָט אים איצט אויפגענומען מיט אַ פריינדלעך פנים, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז דער צווייטער סוחר, וואָס האָט אים געוואָלט געבן צו באַהאַלטן נאָך אַ גרעסערן בייטל מיט געלט, זאָל קריגן אַ חשד. ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם בייטל מיט געלט און געזאָגט: „לאָמיך דיך נאָר גוט אָנקוקן, צי ביסטו דער, וואָס האָט ביי מיר באַהאַלטן דאָס געלט. יאָ, דו ביסט עס.״ און ער האָט אים דערלאַנגט דעם בייטל.

אַז דער צווייטער סוחר האָט געזען, אַז זיי פריינד האָט שוין דאָס געלט ביי זיך אין דער האַנט, האָט ער גענומען זיין בייטל, און געזאָגט: „נישט דעם בייטל וויל איך באַהאַלטן ביי דיר. איך האָב אַ גרעסערן. איך גיי אים ברענגען.״ און די צוויי סוחרים זענען צופרידענע אַרויס פון דעם שעיך אָן אַ גוטן טאָג.

דער דאַנק פֿאַר אַ טובה

אַ מאַן איז געגאַנגען דורך אַ וואַלד מיט אַ זאַק אַף די פלייצעס. זעט ער אָפן וועג אַ בער. זיין קאָפ איז געווען איינגעקלעמט אין אַ שפאַלט פון אַ בוים. דער בער האָט פרובירט דאָרט נאַשן האָניק אין אַ נעסט פון בינען, האָט ער אַריינ־געשטופט זיין קאָפ צו ווייט אין שפאַלט. בעט זיך דער בער: „מענטשעלע ליבער, העלף מיר אַרויסשלעפן מיין קאָפ פון דעם שפאַלט. איך וועל דיר די טובה נישט פאַרגעסן.״

לייגט דער מאַן אַנידער דעם זאַק און העלפט דעם בער אַרויסשלעפן זיין קאָפ. ווי נאָר דער בער האָט געזען, אַז ער איז צוריק אַ פרייער, זאָגט ער צום מאַן: „איך מוז דיך אויפעסן. איך בין הונגעריק.״

דער מאַן נעמט זיך בעטן ביי אים: „בערעניו־בער, סטייטש, איך האָב דיר געטון אַזאַ טובה און האָב דיר אַרויסגעשלעפט דיין קאָפ פון קלעם, און איצט ווילסטו מיר אָפצאָלן אַ רעה פאַר אַ טובה?!״

דערווייל קומט אָן אַ פוקס און הערט ווי דער מענטש בעט זיך, אַז דער בער זאָל רחמנות האָבן. און דער מאַן זאָגט: „ווייסטו, בער, לאָמיר פרעגן דעם פוקס,

דער ייד ראַטעוועט דעם בער

צי ס'איז רעכט אַזוי צו טון?״ און ער דערציילט דעם פוקס די גאַנצע מעשה און בעט אים, אַז ער זאָל משפטן. זאָגט דער פוקס, אַז ער גלייבט זיך עפּעס נישט, אַז דער בער זאָל קענען אַריינשטופּן דעם קאָפּ אין אַזאַ שפּאַלט פון בוים. „איך וויל אַליין זען ווי אַזוי דער בער איז געווען פאַרקלעמט מיט זיין קאָפּ אין דעם שפּאַלט.״

נעמט דער בער און שטופּט אַריין זיין קאָפּ אין שפּאַלט און ווייזט אים.

„אָט אַזוי,״ שרייט ער, „איז מיין קאָפּ געווען פאַרקלעמט.״

אַז דער פוקס זעט, אַז דער בער ליגט שוין מיט זיין קאָפּ פאַרקלעמט אין שפּאַלט, גיט ער אַ וואונק צום מאַן און זאָגט: „קום, לאָז אים דאָרט.״

דער מאַן און דער פוקס האָבן איבערגעלאָזט דעם בער און זיי זענען ביידע אַוועק פון דאָרט. אַפן וועג זאָגט דער מאַן צום פוקס: „איך מוז דיך הרגענען און אָפּשינדן פון דיר דיין פעל און זי פאַרקויפן. וואָרן איך האָב אַ ווייב מיט קינדער, און איך מוז האָבן געלט, זיי צו דערנערן.״

בעט זיך ביי אים דער פוקס און טענהט: „מענטשעלע ליבער, סטייטש? האָב רחמנות. איך האָב דיר געראַטעוועט דיין לעבן פון דעם בער, און איצט ווילסטו מיר באַצאָלן אַ רעה פאַר אַ טובה?!״

ווי ער בעט זיך אַזוי, דערזעט ער אין אַ זייט געדיכטע קוסטעס, גיט ער אַ שפּרונג און וויל זיך ראַטעווען דאָרט. נאָר ער האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט זיין גרויסן עק אין אַ קוסט, און האָט נישט געקענט אַנטלויפן. זאָגט ער צו זיין עק: „עקעלע־עק, דיר האָב איך דאָך נישט געטון קיין טובה, וואָס האַלטסטו מיך צו?״

די זייגערס שטימען נישט

אין די צאַרישע צייטן איז אין קיעוו געווען אַ גרויסער יידישער אַדוואָקאַט קופּערניק. איינמאָל קומט צו אים צו לויפן זיינע אַ קרובה, אַן אָרימע קרעמערין, ווייזט אים אַ צעטעלע פון דער פּאָליציי און בעט אים און וויינט פאַר אים, אַז ער זאָל נעמען די זאַך אין זיינע הענט. וואָס איז? אַ פּאָליציאַנט האָט איר געגעבן דאָס צעטעלע, אַז זי זאָל קומען אין געריכט פאַר האַלטן זונטאָג אָפן איר קרעמל נאָך ניין אַזייגער אין דער פרי, ווען די גויים גייען אין קלויסטער אַריין.

קופּערניק האָט רחמנות געקריגן אַף דער יידינע, און כאָטש ער האָט זיך געוויינלעך נישט פאַרנומען מיט אַזעלכע קליינע פּראָצעסן, האָט ער באַשלאָסן זי צו פאַרטיידיקן אין געריכט. אַז ס'איז געקומען דער טאָג פון פּראָצעס, איז אַ האַלבע שטאָט געלעגן ביים געריכט. אַלע זענען געווען נייגעריק צו וויסן מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. אַ קלייניקייט עפּעס! קופּערניק אַליין וועט פאַר־טיידיקן די יידינע!

ניין אַזייגער אין דער פרי, ווי נאָר דאָס געריכט האָט זיך געעפנט, איז דער זאַל גלייך אָנגעפילט געוואָרן מיט נייגעריקע. אויבן־אָן איז שוין געזעסן דער ריכטער מיט אַלע געריכט־שרייבער, און אַנטקעגן אים איז געשטאַנען דער פּאָ־ליציאַנט און די אָרימע קרעמערין. בלויז קופּערניק, דער אַדוואָקאַט, האָט גע־פעלט. סע גייען אַריבער פינף מינוט, צען מינוט—קופּערניק איז נאָך אַלץ נישטאָ. אַלע ווערן אומרואיק: איז דאָס געווען בלויז אַ בבא־מעשה, אַז קופּערניק וועט

קומען פֿאַרטײדיקן די קרעמערין? סע גײען אַריבער נאָך עטלעכע מינוט, און דער ריכטער אַלײן װערט שױן אױך אומרואיק: אַ חוצפּה פֿון אַ ייִד! און אַז מע איז שױן אַ באַרימטער אַדװאָקאַט, דאַרף מען זיך נישט פּירן פּינקטלעך?!

מ'הײבט אָן קוקן אָפּן זײגער און שושקען זיך. נאָר פּלוצים עפֿנט זיך די טיר און סע באַװײזט זיך קופּערניק. מ'האָט גלײך געמאַכט אַ װאָרע, און דער אַדװאָקאַט איז אַרויף ביז דעם אױבן־אָן און האָט פֿאַרנומען זײַן פּלאַץ.

דער ריכטער האָט געברענט פֿון צאָרן. נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן, װאָרן ער האָט דאָך געװאוסט װער סע שטײט פֿאַר אים. ער האָט אים בלויז פֿאַרגעװאָרפֿן, אַז מיט זײַן פֿאַרשפּעטיקן האָט ער באַלײדיקט דאָס געריכט.

קופּערניק הערט אים אױס, נעמט אַרױס זײַן זײגערל, גיט אַ קוק, און װײַזט דעם ריכטער, אַז זײַן זײגער איז פּונקט נײַן.

אין געריכט איז געװען אַזױ שטיל, אַז מע װאָלט געקענט הערן אַ שפּילקע פֿאַלן. און קופּערניק זאָגט: „הער ריכטער, לאָמיר זען בײַ די פֿאַרזאַמלטע װיפֿיל ס'איז איצט דער זײגער." אין דער מינוט האָט יעדער אײנער אין געריכט אַרױס־געכאַפּט זײַן זײגערל און געקוקט. און װאָס האָט מען געזען? קײן צװײ זײגערס האָבן נישט געשטימט. בײַ אײנעם איז געװען נײַן, בײַ אַן אַנדערן איז געװען האַלב נאָך נײַן, און בײַ אַ דריטן איז געװען נאָך פֿאַר נײַן.

„הער ריכטער," הײבט קופּערניק אָן אָף אַ קול, „פֿון דעם קענען מיר עפּעס אָפּלערנען. ס'איז קלאָר, אַז דער אָרימער קרעמערינס זײגער האָט נישט גע־שטימט מיט דעם פּאָליציאַנטס זײגער. בײַם פּאָליציאַנט איז שױן דעמאָלט גע־װען נאָך נײַן, און בײַ דער אָרימער קרעמערין איז דעמאָלט געװען נאָך פֿאַר נײַן, און זי האָט לױט דעם געזעץ געהאַט אַ רעכט צו האַלטן דאָס קרעמל אָפֿן."

מער האָט מען נישט באַדאַרפֿט. דער ריכטער האָט אַ שמײכל געטון אין די װאָנציעס: „אָט דאָס איז אַ פֿאַרטײדיקער!" און ער האָט די ייִדינע באַפֿרײַט.

קראָהען אָן פֿעדערן זענען נישט קײן פֿײגל, פּסקענען ריכטער

פֿאַראַן אַן אינזל זאַנזיבאַר. האָבן דאָרט די אײַנװאױנער שרעקלעכע צרות פֿון די מאַסן קראָען, װאָס לעבן אָף דעם אינזל. דער הערשער האָט דעריבער געזוכט פּלענער װי אַזױ פּטור צו װערן פֿון דער אָנשיקעניש פֿון דידאָזיקע פֿײגל. און אַז מע זוכט—געפֿינט מען. נאָך לאַנגע אסיפֿות האָט מען דאָרט באַשלאָסן צו צאָלן צען סענט פֿאַר יעדער קראָ. װאָס מע װעט כאַפּן און ברענגען טױט, אָדער לעבעדיק, און צװײ סענט פֿאַר יעדן אײ פֿון אַ קראָ.

דער עולם אָף דעם אינזל האָט זיך אַ נעם געטון צו דער מלאכה. װער ס'האָט נאָר אַביסל צײַט, און װער סע קען נאָר, האָט זיך אַרױסגעלאָזט כאַפּן, אָדער טײטן די קראָען, אָדער געפֿינען נעסטן מיט אײער פֿון דידאָזיקע פֿײגל. אײנמאָל קומט אַ ייִנגל און ברענגט אַ קערבל אײער פֿון קראָען. די באַאַמטע זענען יענעם טאָג געװען שטאַרק פֿאַרנומען און האָבן נישט געהאַט קײן צײַט, צו שטעלן זיך צײלן די אײער. האָבן זײ אים געהײסן איבערלאָזן דאָס קערבל אײער און געזאָגט, אַז ער זאָל קומען אין עטלעכע טעג אַרום. דאָס ייִנגל האָט

אַנידערגעשטעלט דאָס קערבל אייער אַף אַ פענסטער, האָט געזאָגט „אַ גוטן טאָג," און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער נאָך זיין געלט פאַר די אייער. ער גיט אַ קוק אין קערבל—פייגעלעך, ס'איז פול מיט יונגע פייגעלעך. ווי קומען אַהין פייגעלעך? זייער פשוט. די אייער זענען געשטאַנען אַפן פענסטער אין דער זון, און אַזוי ווי די זון ברענט דאָרט זייער שטאַרק—האָט זי אויסגעבריט די פייגע־לעך. אַז דאָס יינגל זעט, ער האָט אַ קערבל פול מיט פייגעלעך, פאַרלאַנגט ער, מע זאָל אים באַצאָלן צען סענט אַ פייגעלע, דעם פרייז, וואָס מע באַצאָלט פאַר לעבעדיקע קראָען.

פאַר די באַאַמטע איז דאָס געווען אַ פראַגע, צי מע דאַרף דעם יינגל באַצאָלן דעם פרייז פאַר אייער, צי דעם פרייז פאַר קראָען. זיי האָבן זיך באַראָטן, און נישט געוואוסט ווי צו האַנדלען. האָבן זיי זיך געווענדט צו אַ געריכט, און פון איין געריכט אין אַנדערן, ביז ס'איז אָנגעקומען צום הערשער פון לאַנד. אַז דער מלך האָט אויסגעהערט די מעשה, האָט ער זיך באַראָטן מיט זיינע עלטסטע און ער האָט געפסקנט, אַז קראָען אָן פעדערן זענען נישט קיין פייגל, און דאָס יינגל האָט געקריגן באַצאָלט פאַר אייער.

אָ, סאַראַ רעכטפאַרטיקע הערשער!

די ברכה פון דעם אָרימאַן

דער אָרימאַן איז פאַרנאַכט צוגעקומען צום גבירס מויער און האָט געבעטן, אַז מע זאָל אים דאָרט לאָזן איבערנעכטיקן. די באַלעבאָסטע, אַז זי האָט געהערט וואָס דער אָרימאַן בעט, האָט זי געהייסן, פאַריאָגן אים פון איר שוועל.

דער אָרימאַן האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן און איז פון דאָרט אַוועק צו דעם אָרימסטן שטיבל אין גאַס און האָט געבעטן אַ נאַכטלעגער. די יידינע האָט אים געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם זאַק פון זיינע פּלייצעס און האָט אים אָנגעוויזן אַ ווינקל, וואו ער וועט קענען איבערנעכטיקן. זי האָט נאָך דעם געגרייט דעם טיש און האָט דערלאַנגט ברויט און אַ טעפּל וואַרעמס, און דער אָרימאַן האָט זיך גע־וואַשן און געגעסן און געטרונקען. ווי ער עסט אַזוי, זעט ער ווי די קינדער אין שטוב דרייען זיך אַרום באָרוועסע און אין צעריסענע העמדלעך אַף זייער לייב. פאַרשטייט ער שוין צו וועמען ער איז אַריינגעפאַלן, נאָר ער מאַכט אַ פריילעך פּנים, שפּילט זיך אַביסל מיט די קינדער, און לייגט זיך שלאָפן.

אין דער פרי, פאַרן גיין, זאָגט ער צו דער יידינע: „וואָס איר וועט היינט אָנהייבן צו טון, זאָל אייך דער אייבערשטער העלפן און איר זאָלט דאָס טון און טון ביז אַף דער נאַכט."

די אָרימע יידינע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער אָרימאַן מיינט, אָבער ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי אַ קוק געטון אַף אירע נאַקעטע קינדער. זי האָט זיך דערמאַנט, אַז זי האָט איין קופּערט אַ שטיקל לייוונט, און האָט אַ טראַכט געטון, אַז מע דאַרף פון דעם אויפנייען פאַר די קינדער נייע העמדלעך. האָט זי אַרויסגענומען די לייוונט, איז אַריין צו דער גבירנטע און געליגן אַ מעסטשנור

און האָט געגומען אויסמעסטן די לייוונט. נאָר וויפיל זי האָט געמאָסטן, האָט צו דער לייוונט נישט געגומען קיין סוף. זי האָט שוין געהאַט אַ פולע שטוב מיט לייוונט. ערשט ווען די זון האָט זיך געזעצט, האָט זי געענדיקט מעסטן די לייוונט.

אַף דער נאַכט האָט זי צוריק אַריינגעטראָגן דעם מעסטשנור צו דער גבירנטע, און זי האָט איר דערציילט די מעשה מיט דער לייוונט און וואָס דער אָרימאַן האָט איר געזאָגט. די גבירנטע הערט אויס, און זי עקט זיך איינפאַך: אַזאַ גליק דורכ־געלאָזט! און ווי נאָר די אָרימע שכנה איז אַרויס פון שטוב, האָט זי געהייסן איר משרת שפּאַנען פערד און וואָגן און ברענגען צו איר דעם אָרימאַן. וואָרן ס'אַ גרויס רחמנות אַף די אָרימעלייט, האָט זי געטענהט, און מע מוז זיי העלפן.

אַפן אַנדערן טאָג איז דער משרת צוריקגעקומען מיט דעם אָרימאַן. דער אָרימאַן האָט אַפילו נישט געוואָלט פאָרן מיט אים, נאָר אַז דער משרת האָט אים געזאָגט, אַז די באַלעבאָסטע האָט אים באַפוילן, אַז ער מוז אים ברענגען, ערשט דעמאָלט איז ער געפאָרן מיט אים. די גבירנטע, אַז זי האָט דערזען דעם אָרימאַן, האָט זי זיך דערפרייט, און האָט אים אויפגענומען מיט אַ גדולה.

דריי טעג איז דער אָרימאַן געווען ביי דער גבירנטע אין שטוב. זי האָט אים געקעכלט און געקיכלט מיט עסן און טרינקען. און יעדן אָוונט האָט זי אים צוגעגרייט אַ וואַרעם געלעגער. ערשט אַפן פערטן טאָג, ווען זי האָט שוין גע־מיינט, אַז ער פּלאַנט גאַרנישט ניט אַוועקצוגיין פון איר, און אַז איר גאַנצע מי איז אומזיסט, ערשט דעמאָלט האָט ער גענומען זיין זאַק אַף די פּלייצעס, האָט זיך אָפּגעזעגנט און זיך געלאָזט אַוועקגיין. די גבירנטע האָט געמיינט, אַז זי פּלאַצט. וואָרן דער אָרימאַן האָט איר גאָרנישט ניט צוגעוואונטשן. נאָר ווי זי באַגלייט אים אַזוי, פרעגט זי אים, וואָס זי זאָל היינט אָנהייבן צו טון. זאָגט ער איר: „וואָס איר וועט אָנהייבן צו טון, זאָלט איר טון ביז אַף דער נאַכט.“

די גבירנטע האָט זיך דערפרייט און איז גלייך צוריקגעלאָפן אין שטוב אַריין. זי האָט געפּלאַנט צו נעמען איר מעסטשנור און אָנהייבן מעסטן דעם פּאַק פּליוש, וואָס זי האָט געהאַט אין קופערט. נאָר אין דער מינוט האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ און זי האָט זיך געמוזט צולייגן אַ קאַלטן קאָמפּרעס.

אַ גאַנצן טאָג איז זי שוין געווען פאַרנומען מיט צולייגן קאָמפּרעסן. און ס'האָט זי נאָר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט נאָך דעם אָרימאַן אומזיסט געהאָדעוועט דריי מעת־לעת.

דער נײַער ריכטער

אין אַ שטאָט האָט מען אַמאָל אויסגעקליבן אַ נייעם ריכטער. אַזוי איז ער געווען אַ ריכטער ווי אַלע ריכטער. נאָר אין איין זאַך האָט ער זיך געפּירט אַנדערש ווי די אַנדערע; ער האָט פאַרמשפּט צום טויט יעדן איינעם, וואָס האָט אָפּגעקויפט גנבות. די גנבים אַליין האָט ער באַפרייט.

די מענטשן פון שטאָט איז דאָס נישט געפעלן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן קעגן אים. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער פירט זיך קאַפּויר. די גנבים דאַרף ער

פאַרמשפּטן צום טויט. זיי זענען דאָך די אמתע פאַרברעכער, און נישט די, וואָס קויפן ביי זיי אָפּ די גנבות און באַצאָלן פאַר דעם געלט.

אַז דער ריכטער האָט געהערט פון דעם, האָט ער די זאַך איבערגעטראַכט. דערנאָך האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע שטאָטלייט זאָלן זיך אין דריי טעג אַרום צונויפקומען אין מאַרק.

אַז ס'איז געקומען דער טאָג, און אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין מאַרק, האָט דער ריכטער געהייסן מע זאָל ברענגען צוויי שטייגן מיט מייז. האָט מען גע־בראַכט. האָט דער ריכטער גענומען שפּייז און האָט אַוועקגעלייגט לעבן די צוויי שטייגן. דערנאָך האָט ער געעפנט איינע פון די שטייגן און האָט פון דאָרט אַרויסגעלאָזט די מייז. ווי נאָר די מייז זענען אַרויס און האָבן דערזען די שפּייז האָבן זיי געכאַפּט גאַנצע שטיקער און זענען זיך צעלאָפן אין זייערע פינסטערע לעכער.

שפּעטער האָט דער ריכטער געהייסן, אַז מע זאָל פאַרשטאָפּן אַלע לעכער אין די שטיבער אַרום מאַרק. אַז מ'האָט דאָס אָפּגעטון, האָט ער געעפנט די צווייטע שטייג און אויך פון דאָרט אַרויסגעלאָזט די מייז. די מייז זענען אַרויס, האָבן געכאַפּט די שפּייז לעבן דער שטייג און זענען אַוועק צו די לעכער.

נאָר די לעכער זענען געווען פאַרשטאָפּט, און זיי האָבן נישט געקענט אַריין אין זיי. זענען זיי געוואָרן זייער דערשראָקן. זיי האָבן איבערגעלאָזט די גע־כאַפּטע שפּייז און אַנגעהויבן אַרומלויפן ווי פאַרסמטע. דעמאָלט האָט דער ריכ־טער אַנגעוויזן די שטאָטלייט און געזאָגט: „פון דעם, מיינע פריינט, קען מען זען, אַז די אמתע שולדיקע זענען די, וואָס קויפן אָפּ די גנבות. ווען די גנבים וואָלטן נישט געהאָט וועמען צו פאַרקויפן די גנבות—וואָלטן זיי אויפגעהערט צו גנבענען.‟

זינט יענעם טאָג איז געוואָרן אַ ווערטל ביי מענטשן: „נישט די מויז איז שולדיק, נאָר דער לאָך איז שולדיק.‟

דער געצנדינער, זײַן גאָט און דער גאָלדשמיד

אַ קנעכט איז אַמאָל געקומען צו לויפן צו זיין באַלעבאָס אין איין שרעק: „האַרעלע, ס'האָט עפּעס געטראָפן. אונזער גילדענער גאָט קען נישט איינשטיין אָף די פיס.‟

דער באַלעבאָס, אַ פּריסטער פון געצנדינעריי, איז אַריין אין טעמפּל און האָט דערזען, אַז ביים גילדענעם געץ איז צעבראָכן אַ פוס. ער האָט געהייסן דעם קנעכט, אַז ער זאָל איינהילן דעם געץ, און זיי זענען אַוועק צום גאָלדשמיד, אים צו פאַרריכטן.

אַז דער גאָלדשמיד איז געבליבן אַליין מיט דעם געץ און האָט געזען וויפיל גאָלד סע שטעקט אין אים, האָט ער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון, און כאָטש ער איז געווען אַ גלייביקער געצנדינער, האָט ער גענומען זיין געצייג און אויסגעשניטן פון אינעווייניק גאַנצע שטיקער גאָלד. דערנאָך האָט ער אים

אָנגעפּילט מיט קופּער און מעש, כּדי דער פּריסטער זאָל נישט באַמערקן, וואָס ער האָט אָפּגעטון.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אַז דער גאָלדשמיד האָט פאַרריכט דעם געץ, האָט ער אים אָפּגעטראָגן צוריק אין דעם טעמפּל אַריין. דער פּריסטער נעמט דעם געץ און זעט, אַז ער איז עפּעס אַ סך שווערער ווי ער איז געווען פריהער. פרעגט ער דעם גאָלדשמיד, פאַרוואָס דער געץ איז איצט שווערער. זאָגט דער גאָלד־שמיד: „הערעלע, ביי דיר האָט גאָט פאַרלוירן וואָג און איז אָפּגעמאָגערט גע־וואָרן, וואָרן אַלע קומען צו אים מיט זייערע צרות און מיט זייערע זאָרגן, און זיי מאַטערן אים אויס. ביי מיר האָט אים קיינער נישט געדולט קיין קאָפּ, האָט ער זיך גוט אויסגערוט און געוואונען וואָג.“

דער אָרימאַן, וואָס האָט געוואָלט מיטאַמאָל ווערן רייך

אַמאָל איז געווען אַן אָרימאַן. זיין וואונטש און זיין גאַנץ טראַכטן איז שטענ־דיק געווען ווי צו ווערן גיך רייך, אָן מי און אַרבעט ווערן רייך.

איינמאָל איז ער אַוועק צו אַ כישופמאַכער און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל פון דער נידערוועלט אַרויסרופן אַ גייסט, וואָס זאָל דערפילן זיין פאַרלאַנג. דער מכשף האָט אים פּרובירט אָפּראָטן פון דעם. נאָר אַז ער האָט געזען, אַז דער אָרימאַן איז איינגעשפּאַרט, האָט ער אים צוליב געטון. ער האָט אים גע־זאָגט: „גיי אַהיים, און ווי נאָר דו וועסט צוקומען צו דיין שטוב, וועט דיין וואונטש מקוים ווערן.“

און אַזוי איז געווען. דער אָרימאַן איז אַהיימגעגאַנגען אַ צופרידענער. און ווי נאָר ער האָט זיך דערנענטערט צו זיין שוועל, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ מוראדיקן ריז. און דער ריז האָט מיט אַ קול פון אַ דונער צו אים אַ זאָג געטון: „באַפעל, מיין האַר, אויב נישט הרגע איך דיך.“

דער אָרימאַן האָט באַפוילן: „מאַך מיר אַ פּאַלאַץ מיט אַלע באַקוועמלעכ־קייטן און פאַרגעניגנס.“

ווי נאָר ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, אין דעמזעלביקן אויגנבליק איז גע־שטאַנען פאַר אים אַ פּאַלאַץ, אַז ער האָט פאַרבלענדט די אויגן.

„באַפעל, מיין האַר, אויב נישט הרגע איך דיך!“ האָט דער ריז ווייטער געדונערט.

„מאַך מיר אַ גאָרטן מיט אַלערליי טייערע פרוכטביימער און בלומען, מיט טייכלעך און פאָנטאַנען, מיט קאָלירטע זינגענדיקע פייגל און חיות.“

ווי נאָר ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, איז אַלץ געוואָרן ווי ער האָט געוואָלט. און דער ריז האָט גלייך געפאָדערט נייע באַפעלן. אויב נישט, האָט ער גע־וואָרנט מיט טויט.

„ברענג מיר זינגער און זינגערינס און דינער און דינסטן,“ האָט דער אָרי־מאַן געזאָגט. מיט דער מינוט איז אויך דער פאַרלאַנג זיינער דערפילט געוואָרן. און דער ריז האָט גענומען פאָדערן נייע באַפעלן. נאָר דער אָרימאַן האָט שוין

נישט געוואוסט וואָס נאָך צו פאַרלאַנגען. זאָגט ער צו אים: „פאַר היינט איז גענוג. קום מאָרגן, וועל איך דיר געבן נייע באַפעלן."

„אויב אַזוי, מוז איך דיך טייטן!" האָט דער ריז אַ דונער געטון.

דער אָרימאַן האָט זיך דערשראָקן און האָט מיט אַלע כוחות גענומען אַנט־לויפן. ער איז געלאָפן, ביז ער איז געקומען צום כישופמאַכער. „ראַטעווע מיך, ראַטעווע מיך, איך בעט דיך! דער ריז וויל מיך הרגענען!"

דער מכשף האָט מיט איין וואָרט אָפּגעשטעלט דעם ריז, וואָס איז געלאָפן הינטערן אָרימאַן, און אַ געשריי געטון: „וואָס ווילסטו פון דעם מענטש?"

„דו ווייסט ווי איך פיר מיך," זאָגט דער ריז. „איך וועל אַרבעטן פאַר איי־נעם אַזוי לאַנג ווי ער גיט מיר נייע באַפעלן. הערט ער מיר אויף צו געבן באַ־פעלן—טייט איך אים."

„גוט," זאָגט דער מכשף, „דו ווילסט אַרבעט? איך וועל דיר געבן. נעם דאָס וואַסער פון דעם טייך," האָט ער אים אָנגעוויזן אַף דעם טייך דערביי, „און דריי עס אויס, אַז ס'זאָל גיין צוריקוועגס."

דער ריז האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. נאָר וויפיל ער האָט נישט געדרייט דאָס וואַסער אַף צוריק האָט עס געשטראָמט נאָך מיט מער קראַפט פאָראויס.

„און איצט, מיין זון," האָט געזאָגט דער מכשף צו דעם אָרימאַן, „גיי אַהיים, אַרבעט און לעב בשלום. דער פּאַלאַץ מיט דעם גאָרטן זענען שוין פאַרשוואונדן. זוך נישט קיין רייכקייט אָן מי און אַרבעט, ווייל אַזאַ עשירות איז ווי דער מורא־דיקער ריז, וואָס איז אַ שטענדיקע געפאַר פאַרן לעבן."

די בלינדע און דער העלפאַנט

פינף אָרימעלייט, אַלע בלינדע, זענען געזעסן ביי דעם טויער פון שטאָט און האָבן געבעטלט. איינמאָל דערהערן די בלינדע פון דער ווייטנס שווערע טריט. פרעגן זיי, ווער סע שפּאַנט מיט אַזעלכע שווערע טריט. ענטפערט זיי אַ דורכגייער, אַז דאָס גייט אַ העלפאַנט, וואָס מע פירט אין שטאָט אַריין.

אַז דער העלפאַנט איז צוגעקומען צום טויער, בעטן זיי דעם מאַן, וואָס האָט אים געפירט, אַז ער זאָל שטיין בלייבן אַביסל, זיי ווילן אָנטאַפּן דעם העלפאַנט מיט זייערע הענט, צו וויסן ווי אַזוי אַ העלפאַנט זעט אויס. דער מאַן האָט זיי צוליב געטון, האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט זיין העלפאַנט, און די בלינדע זענען צוגעגאַנגען און האָבן אים גענומען באַטאַפּן פון אַלע זייטן.

האָט איינער פון זיי אָנגעטאַפּט מיט זיינע הענט אַ זייט פון דעם העלפאַנט, דער צווייטער האָט אָנגעטאַפּט אַ פוס, דער דריטער—דעם העלפאַנטס שנויץ, דער פערטער האָט אָנגעטאַפּט איינעם פון די לאַנגע צווי ציין ביים העלפאַנט, און דער פינפטער—דעם עק פון דעם העלפאַנט. אַזוי האָט יעדער פון זיי באַ־טאַפּט אַן אַנדערן אבר פון דעם העלפאַנט.

אַז דער מאַן מיט דעם העלפאַנט איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיך די בלינדע צוריק אַנידערגעזעצט ביי דעם טויער און האָבן צופרידענע גערעדט וואָס פאַר

אַ וואונדערלעך באַשעפעניש ס'איז דער העלפאַנט. דאָ האָט זיך באַלד אַרויס־געוויזן, אַז יעדער פון זיי האָט אַן אַנדערע פאַרשטעלונג וועגן דער חיה. איינער האָט געזאָגט, אַז דער העלפאַנט איז ווי אַ וואַנט. דאָס איז געווען דער, וואָס האָט אָנגעטאַפּט דעם העלפאַנטס זייט. דער צווייטער, וואָס האָט אָנגעטאַפּט דעם העלפאַנטס פוס, האָט געזאָגט, אַז דער העלפאַנט איז ווי אַ קלאָץ. דער דריטער, וואָס האָט אָנגעטאַפּט דעם העלפאַנטס נאָז, האָט געטענהט, אַז ער איז ווי אַ דיקע שלאַנג. דער פערטער איז געווען זיכער, אַז ער איז ווי אַ שפּיז. דאָס איז געווען דער, וואָס האָט אָנגעטאַפּט דעם העלפאַנטס אַ האָקנצאָן. און דער פינפטער, וואָס האָט אָנגעטאַפּט דעם העלפאַנטס עק, האָט אויסגערופן: „מענטשן! איר האָט אַלע אַ טעות! דער העלפאַנט זעט אויס ווי אַ שטריק, ווי אַ האַריקער שטריק!"

אַזוי האָבן זיך די בלינדע געשפּאַרט און געאַמפּערט וועגן דעם אויסזען פון דעם העלפאַנט. יעדער איז געווען זיכער, אַז בלויז ער איז גערעכט און נישט די אַנדערע.

צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן צו פרעגן אַ דורכגייער, ווער פון זיי ס'איז גע־רעכט. אַז דער דורכגייער האָט זיי אַלע אויסגעהערט, זאָגט ער: „איר זענט אַלע פינף גערעכט. טייל אברים פון דעם העלפאַנט זעען אויס ווי אַ וואַנט, אַנ־דערע ווי אַ קלאָץ, ווי אַ שלאַנג, ווי אַ שפּיז און ווי אַ שטריק."

נאָר די בלינדע זענען נישט געווען צופרידן מיט זיין ענטפער און זיי זענען געוואָרן אַף אים אין כעס.

באַמערקונג: ענלעכע מעשהלעך ביי ל. טאָלסטאָי, און ביי קאַליל גיבראַן.

גאָט ביי די בעדואינער

אין דער שטאָט דמשק איז אַמאָל געווען אַ מלך. איינמאָל האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פּשוטן מענטש און איז צוזאַמען מיט זיין קאַמערהאַר אַוועק איבערן לאַנד, צו באַקענען זיך מיט דעם לעבן און מיט דער חכמה פון זיין פאָלק. דער מלך און דער קאַמערהאַר האָבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף. איינמאָל זענען זיי אָנגעקומען צו אַ שבט בעדואינער. און ווי סע פירט זיך ביי בעדואינער, האָט מען די געסט אויפגענומען זייער פריינדלעך. מ'האָט זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען פון אַלעם גוטן.

„זע נאָר ווי שמוציק די מענטשן גייען אָנגעטון," זאָגט דער מלך צו זיין קאַמערהאַר. „דידאָזיקע מענטשן ווייסן זיכער נישט פון גאָט. פּרוביר, פרעג איינעם פון זיי, צי ער ווייסט עפּעס וועגן גאָט."

דער קאַמערהאַר האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט די בעדואינער און אַ פרעג געטון איינעם פון זיי: „דו ווייסט עפּעס פון גאָט?"

„יאָ," זאָגט דער בעדואינער. „ער איז נאָר וואָס געקומען אַהער."

וואונדערט זיך דער מלך: „ער איז אַ נאַר," זאָגט ער צו זיין קאַמערהאַר. „פרעג אַן אַנדערן."

„דו ווייסט עפּעס וועגן גאָט?" פרעגט דער קאַמערהאַר אַ צווייטן.

„יאָ, ער איז נאָר וואָס געקומען," ענטפערט דער צווייטער.

„פרעג אַ דריטן,‟ זאָגט דער מלך.

האָט דער קאַמערהאַר אַזוי געטון. ער האָט געפרעגט אַ דריטן און אַ פערטן, און אַלע האָבן געגעבן דעמזעלבן ענטפער.

„ווי אַזוי קומט גאָט?‟ פרעגט זיי דער מלך. „ער קומט צו פוס, צי אַף אַ פערד?‟

„אַמאָל קומט ער צו פוס, און אַמאָל—אַף אַ פערד.‟

„וואָס מיינט איר?‟ איז דער מלך געוואָרן אין כעס. ער האָט געמיינט, אַז די בעדואינער מאַכן שפּאַס.

„דאָס איז נישט שווער צו פאַרשטיין,‟ נעמט אים דער עלטסטער פון די בעדואינער דערקלערן. „אַלע געסט קומען פון גאָט. און אַז ס'ע קומען צו אונז געסט, קומט מיט זיי אויך גאָט צו אונז.‟

ווי אַזוי די בעדואינער קוקן אַף זיך און אַף די פּעלאַכן

אַז אַלאַה האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד, די זון און די לבנה מיט זייערע הערשאַרן און די ווייטע מדבר, און ער האָט געזען, אַז ס'איז גוט, האָט ער גענומען אַ שטיק ווינט און האָט פון אים אויסגעפאָרעמט דעם בעדואינער פאַר אַ באַוואוינער פון דער מדבר.

דער בעדואינער האָט זיך געמאַכט אַ פייל און בויגן און ער האָט אויסגע־שאָסן אַ פייל. האָט אַלאַה געכאַפּט די פייל און געמאַכט פון איר אַ קעמל פאַר דעם בעדואדינער, און ער האָט אויפגעהויבן אַ הויפן זאַמד און האָט געמאַכט פאַר אים אַן אייזל. זינט דעמאָלט טראָגט זיך דער בעדואינער אַף קעמלען און אייזלען ווי אַ ווינט איבער דער מדבר.

אַלאַה האָט באַטראַכט די אַרבעט פון זיינע הענט, און ער איז געווען צו־פרידן. נאָר ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז עפּעס פעלט נאָך. האָט ער באַשלאָסן, צו מאַכן אַ פעלאַך—אַן ערד־אַרבעטער. ער האָט זיך איינגעבויגן, האָט גענומען אַ שטיקל פאַרדאַרטן אָפּפאַל פון דעם בעדואינערס אייזל און האָט פון דעם באַשאַפן דעם פעלאַך.

אַ שווערע פּראַגע

אַ פאַרמער האָט געהאַט אַ פעלד, וואָס ער האָט געצויגן פון דעם זיין ברויט. איין שיינעם זומער איז זיין פעלד באַפאַלן געוואָרן פון ווערים, וואָס האָבן גע־מאַכט אַ תל פון דער תבואה און פון דעם גאַנצן גרינס.

אַז דער פאַרמער האָט געזען דעם חורבן, וואָס די ווערים האָבן אָנגעאַר־בעט אַפן פעלד, האָט ער געבראַכט זשאַבעס, אַז זיי זאָלן אויפעסן די ווערים.

מיט דער צייט האָבן די זשאַבעס זיך אַזוי פאַרמערט, אַז מען האָט נישט געקענט אַרויסגיין אין פעלד צו דער אַרבעט. וואָס טוט דער פאַרמער? ער איז אַוועק, האָט געקויפט שלאַנגען און זיי אָפּגעלאָזט אין פעלד, אַז זיי זאָלן אויפ־פרעסן די זשאַבעס.

די שלאַנגען האָבן ביסלעכווייז אויפגעפרעסן די זשאַבעס, נאָר זיי האָבן זיך אַזוי פאַרמערט, אַז פאַר דעם פאַרמער מיט זיין הויזגעזינד איז געווען אַ געפאַר אַריבערצוטרעטן די שוועל פון שטוב. נאָר די שלאַנגען זענען נישט געבליבן בלויז אין הויף, זיי האָבן ביסלעכווייז געמאַכט לעכער אין די ווענט פון דעם הויז, האָבן זיך באַזעצט אינעווייניק און האָבן מיט זייער גיפט פאַרסאַמט דעם פאַרמער מיט זיין גאַנצן הויזגעזינד.

מיט דעם האָט זיך נאָך דאָס אומגליק נישט געענדיקט. די שלאַנגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אויך איבער די אַנדערע פעלדער און זענען געוואָרן אַ געפאַר פאַר אַלע אַרומיקע איינוואוינער.

דעם קעניגס איינפאַל

אַן אינדיער, וואָס איז באַגאַנגען אַ מאָרד, איז געכאַפּט געוואָרן און מ׳האָט אים איינגעזעצט אין תפיסה. נאָר אַזוי ווי ער איז געווען פון דער העכסטער אינדישער קאַסטע, אַ בראַמינער, האָט מען אים נישט געקענט פאַרמשפטן צום טויט פאַר זיין פאַרברעכן.

אַז דער מלך האָט געהערט פון דעם בראַמינערס פאַרברעכן, האָט ער געצאַרנט, און גענומען טראַכטן ווי אַזוי צו באַשטראָפן דעם בראַמינער מיט אַ לעבן פאַר אַ לעבן. איין שיינעם טאָג שיקט דער מלך נאָך דעם בראַמינער און ער זאָגט צו אים: „אַז דו וועסט צוריקקומען אין דיין קאַמער, וועסטו דאָרט געפינען פיר זאַכן. קלויב דיר אויס איינע פון זיי. אויב נישט, וועט מען דיר אָפּשניידן די נאָז און די אויערן.

באַלד נאָך דעם האָט מען דעם בראַמינער צוריקגעבראַכט אין זיין קאַמער. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען, האָט ער דאָרט דערזען פאַר זיך פיר זאַכן: אַ שיין מיידל — אַ מאַכמעדאַנערן, אַ שיסל רינדערן־פלייש, אַ פלאַש בראַנפן און אַ פלעשעלע סם.

וואָס טוט מען? וואָס פון די פיר זאַכן קלויבט מען אויס? נעמען די פלאַש בראַנפן? — טרינקען בראַנפן איז אַ זינד. עסן דאָס פלייש? — ווי מעג מען דאָס טון, אַז די קו איז דאָך די הייליקסטע באַשעפעניש ביי אינדיער?! נעמען דאָס מיידל? — זי איז דאָך אַ מאַכמעדאַנערן, און ער וועט נאָך איבער איר פאַרלירן יענע וועלט. זאָל ער נעמען דעם סם? — וועט ער פאַרלירן די וועלט. הכלל, וואָס טוט מען? טראַכט ער און טראַכט, און באַשליסט צום סוף צו נעמען די פלאַש בראַנפן. טרינקען בראַנפן איז טאַקע אַ זינד, נאָר נישט אַזאַ זינד ווי עסן דאָס פלייש, אָדער ליב האָבן אַ מאַכמעדאַנערן!

אַז ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט בראַנפן, איז ער געוואָרן הונגעריק. האָט ער צוגערוקט צו זיך די שיסל און האָט גענומען פאַרבייסן מיט דעם פלייש. אַז ער האָט זיך גוט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, האָט ער זיך צוגעשאַרט צו דער שיינהייט, צו דער מאַכמעדאַנערן, און פאַרבראַכט מיט איר אַ גאַנצע נאַכט.

אין דער פרי, אַז ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ: געוואַלד, וואָס פאַר אַ זינד ער איז דאָס באַ־

גאַנגען! דער בראַמינער האָט זיך פּשוט געעקט. פון גרויס עגמת־נפש האָט ער געכאַפּט דאָס פלעשעלע סם און האָט זיך פאַרסמט.

אַז דער מלך האָט געהערט פון דעם בראַמינערס טויט, איז ער געווען צו־פרידן, וואָס זיין פּלאַן איז אים געראָטן.

דער סוחר און די בעדואינער

אַ סוחר איז אַמאָל געקומען מיט זיין קעמל אין אַ דאָרף פון בעדואינער. אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז אַראָפּ פון דעם קעמל, זענען פון די גע־צעלטן אַרויסגעקומען די איינוואוינער און האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים. טייל האָבן אים געהאָלפן אַראָפּנעמען די סחורה פון דעם קעמל, אַנדערע האָבן צוגעבונדן דאָס קעמל צו אַ בוים און האָבן אים דערלאַנגט שטרוי און וואַסער. דעם סוחר אַליין האָט מען פאַרבעטן אין אַ געצעלט און מ׳האָט אים אויפגענומען ווי אַ טייערן גאַסט.

נאָך דעם ווי מ׳האָט אים געלאָזט אויסרוען זיך, זענען געקומען די איינ־וואוינער און האָבן ביי אים געקויפט אַלערליי זאַכן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך. אין אָוונט איז מען ווידער געקומען. מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אַרום אים, צו הערן וואָס ער האָט צו דערציילן.

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע טעג. אַז דער סוחר האָט שוין געהאַט אויספאַר־קויפט די גאַנצע סחורה, האָט ער זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים. דער סוחר האָט גענו־מען פאַרפּאַקן זיינע זאַכן, נאָר קיינער האָט זיך נישט צוגערירט, אים צו העלפן. ער האָט אַרויסגעטראָגן זיין געפּעק און עס אָנגעלאָדן אויף זיין קעמל, און קיינער האָט נישט צוגעלייגט קיין פינגער. אַלע זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט און האָבן געשוויגן, ווי זיי וואָלטן געווען ברוגז אויף אים.

דער סוחר האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס סע האָט געטראָפן. ער האָט גע־טראַכט, אַז אפשר האָט ער געטון עפּעס, וואָס זיי איז נישט געפעלן. צום סוף איז ער צוגעגאַנגען צום עלטסטן פון די בעדואינער, און פרעגט אים: „זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָב איך געטון, וואָס אַלע זענען ברוגז אויף מיר? אַז איך בין געקומען, האָבן אַלע מיר געהאָלפן: מ׳האָט אָפּגעלאָדן די סחורה, אַכטונג געגעבן אויפן קעמל. דערנאָך האָט איר מיך פאַרבעטן אין אַ געצעלט, איר האָט מיר געגעבן צו עסן און צו טרינקען און אַ געלעגער אויף ביינאַכט. איר האָט געקויפט ביי מיר סחורה, און מיר גוט באַצאָלט. און איצט שטייט איר פון ווייטנס ווי איר וואָלט געווען ברוגז, און קיינער רירט זיך נישט, מיר צו העלפן.״

דער עלטסטער האָט אים אויסגעהערט און זאָגט: „זיי רואיק, מענטש. דו האָסט קיין שלעכטס נישט געטון, און מיר זענען נישט ברוגז אויף דיר. נאָר איך וועל דיר דערקלערן: אַז דו ביזט געקומען, האָבן מיר זיך אַלע געפרייט מיט דיר. מיר האָבן דיר געהאָלפן אָפּלאָדן די סחורה, ווייל מיר האָבן געוואָלט וואָס גיכער רעדן מיט דיר, און הערן, וואָס דו האָסט צו דערציילן. נאָר איצט, אַז דו

פֿאַרסט אַוועק, העלפֿן מיר דיר נישט, ווייל מיר ווילן, אַז דו זאָלסט וואָס מערער זיין מיט אונז. מיר לאָזן דיך אַלץ טון אַליין, כדי דיין זיין מיט אונז זאָל גע־דויערן לענגער.״

פֿאַרוואָס פּרויען אין אינדיע גייען פֿאַרשלייערט דאָס פּנים

אין אַ פּראָווינץ אין אינדיע איז געווען אַ קלוגער און גערעכטער הערשער. זיין קעניגליכער הויף איז געווען באַרימט מיט זיין גערעכטיקייט.

טרעפֿט זיך אַמאָל, אַז אין שטאָט איז איינגעפֿאַלן אַ הויז און עטלעכע מענטשן זענען דערביי געטייט געוואָרן. האָט מען דעם באַלעבאָס פֿון דעם הויז געבראַכט פֿאַר דעם קעניג, און ער האָט אים פֿאַרמשפּט צום טויט. בעט זיך דער באַלעבאָס: „אדוני מלך, וואָס בין איך שולדיק? די מוליערס האָבן דאָס הויז געבויט נישט גענוג שטאַרק, איז עס איינגעפֿאַלן. איך בין נישט שולדיק.״

האָט דער קעניג אָפּגעלאָזט דעם באַלעבאָס, האָט געלאָזט ברענגען די מוליערס און געהייסן, אַז מע זאָל זיי קעפּן. האָבן די מוליערס גענומען טענהן: „האַר, קעניג! ס'איז נישט אונזער שולד. ס'איז די שולד פֿון די אַרבעטער, וואָס האָבן צוגעגרייט דעם צעמענט. דער צעמענט איז נישט געווען גענוג שטאַרק.״

דער מלך האָט פֿרייגעלאָזט די מוליערס, האָט געשיקט נאָך די צעמענט־אַרבעטער און האָט זיי פֿאַרמשפּט צום טויט. בעטן זיך די אַרבעטער: „גערעכ־טער קעניג, האָב רחמנות! די ציגל־מאַכער זענען שולדיק, נישט מיר. זיי האָבן די ציגל געמאַכט צו ווייך.״

האָט דער מלך באַפֿרייט די צעמענט־אַרבעטער, און האָט געהייסן, אַז מע זאָל טייטן די ציגל־מאַכער. נעמען די ציגל־מאַכער בעטן: „רעכטפֿאַרטיקער מלך, ס'איז נישט אונזער שולד! די האָלצהעקערס האָבן אונז נישט געבראַכט גענוג באַהייצונג, אויסצובאַקן גוט די ציגל.״

האָט מען געבראַכט די האָלצהעקערס, צו געבן זיי זייער שטראָף. נאָר זיי האָבן געטענהט און זיך געבעטן: „רעכטפֿאַרטיקער קעניג! די שולד איז נישט אונזערע. אַן אָפּטיילונג פֿון דיינע רייטער איז אַריין אין אונזערע אייזלען, וואָס האָבן געשלעפּט אַף זיך דאָס האָלץ. די אייזלען האָבן זיך דערשראָקן, האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס געהילץ און זענען אַנטלאָפֿן. די ציגל־מאַכער האָבן דערי־בער נישט געקריגן גענוג באַהייצונג.״

האָט דער מלך געהייסן באַשטראָפֿן די רייטער. נאָר די רייטער זענען גע־קומען און האָבן געבעטן: „האַר, דו גערעכטיקייט פֿון גאָט! מיר האָבן זיך נישט געקענט העלפֿן. עס זענען פֿאַרבייגעגאַנגען עטלעכע פּרויען. זיי האָבן געקוקט אַף אונז, און מיר האָבן געקוקט אַף זיי און נישט געזען די אייזלען אַפֿן וועג.״

איצט האָט מען גערעדט באַשטראָפֿן די פּרויען. נאָר אַזוי ווי מ'האָט זיי נישט געקענט געפֿינען, האָט דער גערעכטער הערשער אַרויסגעגעבן אַ שטראָף פֿאַר אַלע פּרויען, אַז פֿון איצט אָן זאָלן זיי טראָגן איבער זייער פּנים אַ שלייער, כדי נישט צו קענען קוקן מער אַף מענער, און מענער זאָלן מער נישט קענען קוקן אַף זיי.

ווער פֿון זיי איז טאַקע ווילדער?

אין דער צייט פון דער מלחמה איז אַ ווייסער פון אייראָפּע פאַרוואָרפן געוואָרן טיף אין אַפריקע, צווישן ווילדע שבטים.

איינמאָל האָט ער זיך דאָרט באַגעגנט מיט אַן אַלטן מענטשן־פרעסער, אַ קאַניבאַל, און זיי האָבן זיך צערעדט. דער ווייסער האָט אים דערציילט פון דער בלוטיגער וועלט־מלחמה צווישן די ווייסע פעלקער.

דער קאַניבאַל האָט דאָס עפּעס נישט געקענט באַנעמען. „צו וואָס הרגעט מען זיך אַזויפיל?" האָט ער געוואָלט וויסן. „ווי אַזוי וועלן אייערע מענטשן באַוויזן אויפצועסן אַזאַ מאַסע פליישׂ?"

דער אייראָפּעער האָט אים פּרובירט אויפקלערן, אַז די ווייסע מענטשן עסן נישט דאָס פליישׂ פון זייערע געהרגעטע פיינט.

אַז דער קאַניבאַל האָט דאָס געהערט, איז ער פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט דעם ווייסן אָנגעקוקט מיט שרעק און געפרעגט: „ס'אַראַ ווילדע באַשעפענישן די ווייסע זענען דאָס, זיי הרגענען איינע די אַנדערע אומזיסט, בשעת זיי בייטיקן זיך גאָרנישט ניט אין עסן!"

דער פּוילי‏אַק

צוויי יונגעלייט, אַכמעד און מאַכמעד, זענען געגאַנגען אין שטאָט אַריין. אונטערוועגנס האָבן זיי אָנגעיאָגט איינער דעם אַנדערן, האָבן זיך געגריסט, און געגאַנגען צוזאַמען. אַז זיי זענען געקומען הינטער דער שטאָט, זאָגט אַכמעד צו מאַכמעדן: „נאַ דיר געלט, גיי קויף פליישׂ, וועלן מיר עס אָפּבראָטן און עסן."

„סע פאַרדריסט מיך, ברודער," זאָגט מאַכמעד, „איך קען נישט גיין, ווייל איך בין מיד פון וועג."

נעמט אַכמעד און גייט אַליין, און ברענגט פליישׂ. געקומען, זאָגט ער צו מאַכמעדן: „קלויב אָן אַביסל האָלץ, מאַך אַ פייער און בראָט אָפּ דאָס פליישׂ, וועלן מיר האָבן וואָס צו עסן."

„איך האָב קיינמאָל נישט געבראָטן קיין פליישׂ," זאָגט מאַכמעד. „איך האָב מורא, איך וועל עס פאַרברענען."

נעמט אַכמעד, מאַכט צורעכט אַליין דאָס פליישׂ, באַזאַלצט עס, צעלייגט אַ פייער, און בראָט אָפּ דאָס פליישׂ.

אָפּגעבראָטן, זאָגט אַכמעד צו מאַכמעדן: „נעם אַרויס ברויט פון זעקל, צעשנייד עס, און צעשנייד אויך דאָס פליישׂ, וועלן מיר זיך זעצן עסן."

„איך קען נישט," זאָגט מאַכמעד. „מיינע הענט זענען פאַרפרוירן, איך וועל מיך נאָך צעשניידן."

אַכמעד האָט אַליין צוגעגרייט דאָס ברויט און דאָס פליישׂ, און זאָגט: „קום, לאָמיר זיך זעצן עסן."

מאַכמעד האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך נישט געלאָזט בעטן.

„דאָס וועל איך דיר נישט אָפּזאָגן. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט מיינען, אַז אַלץ, וואָס דו בעטסט מיך, זאָג איך דיר אָפּ." און ער האָט זיך ברייט אַנידער־געזעצט און האָט גענומען רייבן אַף ביידע באַקן.

די וועגן ווי אַזוי צו באַגליקן אין לעבן

אַ פֿאָטער און אַ זון זענען געזעסן און האָבן געשמועסט וועגן דעם גאַנג פֿון דעם לעבן אַף דער וועלט. רופֿט זיך אָן דער זון און פֿרעגט: „זאָג מיר, טאַטע, וועלכער וועג פֿירט צו גליק און צו רײַכקייט?"

נעמט אים דער פֿאָטער דערקלערן: „דער וועג צו גליק און רײַכקייט איז דורך אַרבעט. מע מוז אַ סך אַרבעטן, צו דערגרייכן דאָס. מע מוז אָוועקגעבן טעג און נעכט און די גאַנצע פֿעאיקייט, וואָס איינער פֿאַרמאָגט, פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן לאַנד, דעמאָלט קען מען קומען צו גליק און רײַכקייט."

„דאָס מאַטערט צופֿיל אויס," זאָגט דער זון. „איך וואָלט וועלן דערגרייכן גליק און רײַכקייט דורך עפּעס אַ לײַכטערן וועג."

גיט דער פֿאָטער אַ טראַכט און זאָגט: „יאָ, פֿאַראַן אַ לײַכטערער וועג, דאָס איז, דורך דעם וועג פֿון שקר און שמד־שטיק."

„דער וועג געפֿעלט מיר נישט," זאָגט דער זון. „דאָס איז שעדלעך. איך וואָלט וועלן באַגליקן און רײַך ווערן אָן פֿאַלשקייט און אָן מי און אַרבעט."

דער פֿאָטער פֿאַרטראַכט זיך אַ מינוט און ענטפֿערט: „יאָ, מײַן זון, פֿאַראַן נאָך אַ דריטער וועג, וואָס פֿירט צו גליק און רײַכקייט. דאָס איז דער וועג פֿון דעם נאַר. זײַ אַ נאַר. איך קען אַ סך נאַראָנים, וואָס האָבן באַגליקט אין זייער לעבן."

פֿאָטער און זון

אַמאָל, אַמאָל, אין די ווײַטע אַלטע צײַטן, נאָך איידער משה האָט געבאָטן אַז מע זאָל טאַטע־מאַמע אָפּגעבן כבוד און ערלעך האַלטן, האָט זיך געפֿירט בײַ לײַטנס, אַז ווען אַ מענטש איז געוואָרן אַלט און האָט נישט געקענט מער אַרבעטן און פֿאַרדינען זײַן שטיקל ברויט, האָט אים גענומען דער זון אַף אַ טאַטשקע און האָט אים פֿאַרשלעפּט אין ווילדן וואַלד. דאָרט האָט ער אים איבערגעלאָזט צווישן די פֿאַרצוקנדיקע חיות און רויבפֿייגל אַף גאָטס באַראָט.

איינמאָל זאָגט אַ פֿאָטער צו זײַן זון: „נעם דעם זיידע, לייג אים אַרויף אַף דער טאַטשקע און פֿיר אים אָוועק אין וואַלד אַרײַן. דאָרטן לאָז אים איבער צוזאַמען מיט דער טאַטשקע."

דער זון האָט געפֿאָלגט דעם פֿאָטער און האָט אַזוי געטון.

ס'האָט נישט געדויערט לאַנג און דער זון איז צוריקגעקומען פֿון וואַלד מיט דערליידיקער טאַטשקע.

„זון, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט די טאַטשקע דאָרט אויך איבערלאָזן. פֿאַרוואָס האָסטו נישט געטון ווי איך האָב דיר געהייסן?"

דער זון קוקט אָפּן פֿאָטער, מעסט אים אָפּ ווי גרויס ער איז און ענטפֿערט: „איך האָב די טאַטשקע געבראַכט אַהיים, ווייל איך מיין, אַז איך וועל זי אין גיכן דאַרפֿן האָבן פֿאַר דיר, טאַטע."

גוטע פֿרײַנט זענען בעסער פֿון געלט

אַ ייד, אַן עושר, וואָס האָט געהאַט צען זין, האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט שטאַרבן, וועט ער יעדן איינעם פֿון זיי איבערלאָזן ירושה צו הונדערט גילדענע רענדלעך. ס'איז אַריבער אַ צייט, און דער עושר האָט אָנגעוואוירן אַ גרויסן טייל פֿון זיין פֿאַרמעגן. אים איז געבליבן בלויז ניין הונדערט מיט פֿופֿציק רענדלעך.

אַז ער איז געוואָרן אַלט און ס'איז געקומען די צייט פֿון שטאַרבן, האָט ער גערופֿן צו זיך זיינע זין. ניין פֿון זיי האָט ער געגעבן צו הונדערט רענדלעך, ווי ער האָט צוגעזאָגט. נאָר דעם ייִנגסטן האָט ער אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט: „מיין זון, מיר איז געבליבן נאָך פֿופֿציק רענדלעך. אַ העלפֿט פֿון זיי דאַרף איך אָף תכריכים און אָף אַ קבֿר, און אַ העלפֿט גיב איך דיר. נאָר זיי נישט טרויעריק. דערפֿאַר אָבער, וואָס איך גיב דיר אַזוי ווייניק געלט, וועל איך דיר איבערלאָזן מיינע צען גוטע פֿריינט, און זיי וועלן זיין בעסער פֿאַר דיר פֿון טויזנט רענדלעך."

דער פֿאָטער איז געשטאָרבן. נאָך זיין טויט האָבן די עלטערע ניין זין גענומען זייער ירושה און זענען אַוועקגעפֿאָרן האַנדלען. נאָר דער ייִנגסטער איז געבליבן אין דער היים און האָט געטראַכט וואָס מע הייבט אָן צו טון מיט דעם ביסל געלט.

דערווייל איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און פֿון די פֿינף און צוואַנציק רענדלעך זענען עטלעכע אַוועק. דעמאָלט איז אים איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק צו מאַכן פֿאַר דעם געלט אַ סעודה און איינלאַדן די גוטע פֿריינט פֿון זיין פֿאָטער. געטראַכט און געטון.

ביי דער סעודה האָבן די גוטע פֿריינט געגעסן און געטרונקען צוזאַמען מיט אים, און האָבן זיך געפֿרייט, וואָס זייער פֿריינדס זון האַלט אָן מיט זיי די פֿריינטשאַפֿט.

„ער איז בעסער און קליגער פֿון אַלע זיינע ברידער," האָבן זיי גערעדט צווישן זיך און אים געליבט. צום סוף האָבן זיי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זיי זאָלן אים אַרויסווייזן אויך זייער פֿריינטשאַפֿט.

ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געטון? אָפּן אַנדערן טאָג האָט יעדער איינער פֿון זיי אים געשיקט מתנות און געלט. זיי האָבן אים געגעבן אַזויפֿיל מתנות און געלט, אַז ער האָט מיט דעם געלט אָנגעהויבן פֿירן מסחר און האָט מצליח געווען.

דער ייִנגסטער פֿון די ברידער האָט איינגעזען, אַז זיין פֿאָטער איז געווען גערעכט: גוטע פֿריינט זענען בעסער פֿון געלט.

זי שטאָפּט זיך מיט עבירות

אין מאַרק איז געווען אַ געוועלבערין, אַ וואוילע יידינע, מיט אַ פולער שטוב מיט קינדערלעך, קיין עין־הרע נישט. האָט זי געהאָרעוועט אין געוועלבל צו־זאַמען מיט איר מאַן. עפּעס אַ קלייניקייט צו קענען דערהאַלטן אַזאַ שטוב מיט אַ באַלעבאַטישקייט אין מיטן מאַרק! היינט צו באַנייען און צו באַשוכן די קינדער־לעך, און צו האַלטן צו זיי די בעסטע מלמדים — איז עפּעס אַ קלייניקייט?! נו, האָט זי, נעבעך, גענוג געהאָרעוועט.

נאָר די געוועלבערין האָט געהאַט אַ דימענטן האַרץ. אַלעמאָל איז זי געווען גוט אויפגעלייגט, און אַפילו ליב געהאַט אַ ווערטל. אַזאַ יידינע איז זי געווען, אַפּט איז זי אַרומגעגאַנגען אין שטוב און האָט זיך געוויצלט. וואָס איז? זי האַלט אין איין עסן עבירות. זי בעט נאָר דעם אייבערשטן, האָט זי געטענהט, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק, אַז זי וועט קומען אַף יענער וועלט, זאָל מען זי, חלילה, נישט שטראָפן דערפאַר.

ווילט איר דאָך וויסן אַוודאי, ווי סע קומט, אַז אַזאַ וואוילע יידינע און טייערע באַלעבאַסטע זאָל האַלטן אין איין עסן עבירות? און וואָס איז דאָס פאַר אַן עבירות, וואָס זי האַלט אין איין שטאָפּן זיך מיט זיי? איז די מעשה אַזאַ: אַז די קינדער עסן, און זיי לאָזן נאָך דעם איבער אַביסל, זאָגט די מוטער: „אַי, קינדער, אַן עבירה, אַן עבירה, כ'לעבן, אַרויסצוואוואַרפן אַזאַ טייער מאַכל. נעמט און עסט אויף."

נאָר די קינדער ווילן נישט אויפעסן. זיי האָבן געגעסן גענוג, טענהן זיי. וואָס־זשע מיינט איר, די מוטער האָט דאָס עסן אַרויסגעוואָרפן? חס וחלילה. וואָס הייסט אַרויסוואַרפן עסן? ווער וואַרפט דאָס אַרויס אַזאַ טייער עסן? אַן אמתע עבירה. נעמט זי און עסט אַליין אויף. איר פאַרשטייט שוין? אַזוי האַלט זי אין איין עסן עבירות, די יידינע. דער אייבערשטער זאָל איר נאָר מוחל זיין.

דער כוח פון שופר בלאָזן

ס'איז שוין זייער לאַנג אין דעם. דאָס האָט געטראָפן נאָך אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה. נאָר איך געדענק דאָס ווי סע וואָלט ערשט נעכטן געווען. אין יענער צייט האָבן גאַנצע מחנות זעלנער געהאַלטן אין איין מאַרשירן צום פראָנט. אַפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין די שטעטלעך, און יעדער באַלעבאָס האָט געמוזט אַריינעמען צו זיך אין שטוב אַ זעלנער, און אַמאָל אויך צוויי, און זיי געבן לאַזשי. געדענק איך, אַז אויך ביי אונז אין שטאָט, אין בריסק דליטע, אַ פעסטונג־שטאָט, האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעשטעלט אַ סך זעלנער. זיי זענען געווען אַזאַ סך, אַז ביי די באַלעבאַטים אין די שטיבער איז ניט געווען גענוג פּלאַץ פאַר זיי. וואָס־זשע טוט מען? איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן זיי איינקוואַרטירן אין די שולן און אין די בתי־מדרשים. מילא, אַ באַפעל איז אַ באַפעל. מע מוז פאָלגן. מלכות! און יידן האָבן דערווייל געמוזט דאַווענען ביי זיך אין דער היים.

נאָר אַז ס'איז געקומען ימים־נוראים, האָבן יידן גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן. מע קאָן דאָך אין די הייליקע און פּאַרכטיקע טעג ניט דאַווענען עפּעס אַזוי־אָ, אָן אַ מנין! איז מען אַוועק צום הויפּטמאַן און מ'האָט זיך משתדל געווען. האַרעלע, אַזוי און אַזוי. דאָס זענען הייליקע טעג. מע דאַרף בעטן גאָט, אַז דער פֿאָטערל צאַר זאָל געווינען די מלחמה. דער הויפּטמאַן הערט אַזאַ מעשה, ווערט ער ווייך: יאָ, אַוודאי, יידן ווילן בעטן גאָט אַף אַ זיג, דאַרף מען זיי העלפֿן. ער האָט טאַקע גלייך באַוויליקט זייער בקשה, ניט אין גאַנצן. דאָס האָט ער ניט געקענט. ס'איז געווען ניט מעגלעך. נאָר אַ טייל. די זעלנער וועלן בלויז בלייבן אין דער ווייבערשער שול, וועלן די מענער האָבן פּלאַץ צו דאַווענען און צו בעטן גאָט.

נו, מילא, זאָל זיין גוט אַזוי. נאָר איר קענט אייך פֿאָרשטעלן ווי יידן האָבן געפּילט. די ווייבער, מיט זייער געוויין אין די הייליקע טעג, קענען דאָך אויס־פּועלן אַלע ישועות אַף יידן!

ס'איז געקומען ראש השנה באַגינען, זענען אַלע שולן געווען געפּאַקט. מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען מיט טאָג צוגלייך. נאָר אַף די ווייבער איז נעבעך געווען אַ רחמנות. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום די שולן ווי בלודנע שאָף, און האָבן ניט געהאַט וואו אויסצוגיסן זייער שווער האַרץ פֿאַר דעם האַר פֿון דער וועלט, און צו בעטן אַף געזונט און פּרנסה, און אַף לאַנג לעבן און אַף שלום. זיי האָבן זיך געשטופּט צו די פֿענסטער, צו כאַפּן כאָטש אַ וואָרט פֿון די תּפֿילות. אַז ס'איז געקומען צו שופֿר בלאָזן, איז ווי נאָר מ'האָט דערהערט די ערשטע תּקיעה, איז ביי די זעלנער אין דער ווייבערשער שול געוואָרן אַ טומל, אַ געלאַף, אַ טרעוואָגע. אַלע זעלנער זענען גלייך אַרויס אין דרויסן און האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אויס און האָבן אַוועקגעמאַרשירט.

זיי זענען שוין צוריק נישט געקומען. און די ווייבער האָבן יענעם ראש־השנה און יום־כּיפּור געדאַוונט נאָך מיט מער האַרץ און געוויין ווי אַלעמאָל.

אי פֿאַר אַ בילעט באַצאָלט, אי פּעטש געכאַפּט

אין שטעטל איז געווען אַ פּלאָכער ייד, שימעלע תּם. מאַכט זיך, אַז ער דאַרף אַמאָל פֿאָרן מיט דער באַן אין אַ צווייטן שטעטל אַריין, צו אַ קרוב. זיין ווייב האָט אים געגעבן געלט און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל קויפֿן אַ בילעט אַף דער סטאַנציע און וואַרטן ביז אַ באַן וועט אָנקומען.

שימעלע האָט געטון ווי זיין ווייב האָט געהייסן. ווי ער שטייט אַזוי און וואַרט אַף דער באַן, זעט ער יאַנקלען, דעם קצב. יענער האָט אויך געוואַרט אַף דער באַן. שימעלע איז זיך מחיה. ס'ערשטע מאָל, אַז ער דאַרף נעמען אַ באַן, איז אים עפּעס שווער, טאָמער פֿאַרפֿאָרט ער, חלילה. כ'ווייס. איצט אָבער וועט אים זיין היימישער מיט דעם קצב.

דער קצב איז געווען ביי זיך זיכער. ער פֿאָרט אָפֿט מיט דער באַן, קויפֿן ערגעץ אַ בהמהלע, צו שעכטן אַף שבת. געוויינלעך פֿאָרט ער טאַקע מיט אָקס,

נאָר דאָס מאָל האָט ער אויסגערעכנט, אַז ס'איז פאַר אים בעסער צו פאָרן מיט באַן.

ווי נאָר די באַן איז אָנגעקומען, זענען די צוויי פאַרשוינען אַריין אין אַ וואַגאָן. דער קצב האָט זיך גלייך געגעבן אַ צי אויס און האָט זיך אַרונטערגערוקט אונטער אַ באַנק. אַז דער תם זעט אַזאַ זאַך, לייגט ער זיך אויך אַנידער און רוקט זיך אַרונטער. נאָר אים איז נעבעך געוווען ענג, האָט ער אַרויסגעשטעקט זיינע פיס. אַז דער קאָנדוקטער איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך פאַרשפּאַטעט אין די פיס און איז שיר געפאַלן. ווערט ער אין כעס און גיט אַ שלעפּ אַרויס דעם פאַר־שוין און פראַסקעט אים אַן דאָס פּנים.

„וואו איז דער בילעט?" גיט ער אַ געשריי אַף דעם ייד. שימעלע שטעקט אַריין די האַנט אין בוזעם, נעמט אַרויס זיין בילעט און דערלאַנגט דעם קאָנדוקטער.

„טאָ וואָס ביסטו געקראָכן אונטער דער באַנק, אַז דו האָסט אַ בילעט?" קאָכט אין דעם ערל די יוכע.

„איך האָב געזען, יאַנקל קריכט אונטער דער באַנק, בין איך אויך געקראָכן," זאָגט שימעלע תמעוואַטע.

לאָזט אים שוין דער קאָנדוקטער אָפּ און נעמט זיך צום קצב. יאַנקל האָט אים גלייך אַריינגעשטעקט אין האַנט אַריין, און דער קאָנדוקטער איז זיך גע־גאַנגען ווייטער.

אַז שימעלע תם איז שפּעטער אַהיימגעקומען, דערציילט ער זיין ווייב: „איך פאַרשטיי נישט, מיין ווייב. איך האָב באַצאָלט פאַר אַ בילעט אַ רובל מיט פופצן קאָפּיקעס, און מ'האָט מיר געגעבן קלעפּ. יאַנקל דער קצב האָט באַצאָלט בלויז פופצן קאָפּיקעס, און איז זיך געלעגן אין באַן ווי אַ פּריץ."

אַי, ס'אַראַ נאַראָנים דאָס זענען!

אַ לעמבעריקער סוחר—אַ פרומער ייד, איז אַמאָל געקומען צו משפּחה, צו גאַסט אין אַ קליין שטעטל אַריין. האָט מען אים זייער פיין אויפגענומען און מ'האָט זיך געפרייט מיט אים. דאָס שטעטל האָט געפּאַדיעט אַרום אים, און מ'האָט גע־וואָלט הערן די חידושים, וואָס ער האָט צו דערציילן פון דער גרויסער שטאָט.

איינמאָל שמועסט מען ווי סע האַלט מיט יידישקייט אין לעמבעריק. כ'ווייס, מע הערט זיך אַזויפיל אָן, פאַראַן דאָרט טרייפניאַקעס, אַז באַהיט זאָל מען ווערן. וויל מען הערן פון זיין מויל אַליין, אַז דאָס איז נישט אמת, ס'איז מסתמא נאָר אַ מעשה, אַ בילבול.

זאָגט דער סוחר, ס'איז נישט קיין מעשה. ס'איז טאַקע, נעבעך, אמת. נישט נאָר דאָס אַליין, פאַראַן נאָך ערגערע זאַכן, וואָס יידן טוען דאָרט. פאַראַן דאָרט אַזעלכע, וואָס זענען מחלל שבת. זיי האַלטן אַפילו אָפן שבת זייערע געשעפטן בפרהסיא.

„וואָס הייסט?" רופט זיך אָן אַ ייד מיט חידוש. „אַזוינע נאַראָנים זענען זיי? מע טאָר דאָך שבת קיין געלט נישט נעמען!"

זי ווייסט געגוי וואָס ער איז

אין אַ דערפל אין מינסקער גובערניע האָט אַמאָל געטראָפן אַ מעשה: אַ יידישע טאָכטער פון אַ ישובניק האָט זיך אויסגעגליטשט, ווי מע זאָגט, און איז געלעגן געוואָרן מיט אַ בחורל. ס׳זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי סע טרעפט זיך אַמאָל אַזאַ זאַך, נישט דאָ געדאַכט.

דאָס דערפל איז געגאַנגען אַף רעדלעך. און וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטון ביי דעם ישובניק אין שטוב, מעג בעסער אויסגיין אַף שונאי־ישראל. נאָר אַ יידיש קינד איז עס דאָך, און צו דערצו—אַ בן־זכר, דאַרף מען עס יידישן, מלע זיין.

דער ישובניק, נעבעך, דער פאָטער פון דער קימפּעטאָרין, איז באַצייטנס אַוועק אין שטעטל אַריין און האָט אַרויסגעזוכט אַ מוהל. ער האָט אָפּגערעדט מיט דעם מוהל, אַז דעם און דעם טאָג וועט ער קומען נאָך אים מיט זיין פערד און וועגעלע און אים נעמען אין דאָרף אַריין צום ברית.

אָפּן אַכטן טאָג, באַגינען, איז דער ישובניק ווידער געפאָרן אין שטעטל אַריין און האָט געבראַכט דעם מוהל. פאַרן יידישן דאָס קינד—פרעגט דער מוהל די יונגע קימפּעטאָרין וואָס עס איז דער טאַטע פון דעם ייִנגעלע: „אַ כהן?"

שאָקלט די קימפּעטאָרין מיטן קאָפּ אַף ניין.

„מסתם אַ לוי?" זאָגט דער מוהל.

„ניין," זאָגט די יונגע מוטער.

„נו, אויב אַזוי איז ער דאָך אַוודאי אַ ישראל?!"

„ניין," שאָקלט זי ווידער מיטן קאָפּ.

„טאָ וואָס איז ער?" פרעגט דער מוהל.

„איך ווייס," זאָגט די קימפּעטאָרין, „ער איז אַ גויאישער שניידער."

זי ווייסט נעבעך וואָס זי וויינט

אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים, אין רוסלאַנד, איז אַמאָל אַראָפּגעקומען אַ מגיד. איז ער אַוועק אין בית־מדרש אַריין און האָט דאָרט אויפגעהאַנגען אַ מודעה, אַז מאָרגן אַף דער נאַכט, איה״ש, נאָך מעריב, וועט ער רעדן.

געקומען דער אַף־דער־נאַכט, האָט זיך פאַרזאַמלט אין בית־מדרש אַ גרויסער עולם. אַפילו די יידינעס זענען געקומען. און דאָס בית־מדרש און די ווייבערשע שול זענען געווען געפּאַקט. און דער מגיד האָט גערעדט און געדרשנט, אַז זיינע רייד האָבן דעם עולם צעגומען, בפרט די ווייבער. און איין יידינע האָט אַזוי גע־וויינט, אַז מ׳האָט זי נישט געקענט איינגעמען.

נאָך דער דרשה גייט צו איר צו דער מגיד און פרעגט זי, וואָס זי וויינט אַזוי. און ער וויל וויסן, וואָס ער האָט געזאָגט אַזוינס, וואָס זיינע רייד האָבן זי גערירט מער ווי די אַנדערע ווייבער.

„איכל אייך זאָגן, מגיד," זאָגט די יידינע, „איך בין אַן אָרימע אלמנה, און איך האָב אַן איינציקן זון, אַ בן־יחיד, ער זאָל מיר געשענקט זיין. ער לערנט אין

דער ישיבה. און איך טו איבער אַלע שווערע אַרבעטן און האַרעווע, אים אויסצו־האַלטן, אַז ער זאָל עפּעס אויסוואַקסן. אַז איר האָט גערעדט, און איך האָב געהערט אין אייער דרשה, אַז איר האָט אַמאָל געלערנט אין דערזשעלבער ישיבה, וואו מיין זון לערנט, האָב איך ערשט געזען אַף וואָס מיין האַרעוואַניע גייט אַוועק. אַט דער־פאַר האָב איך אַזוי געוויינט.״

גיי העלף, אַז זיי זענען געשיקטער פֿון אים!

אַמאָל איז געווען אַ ייד מיט אַ יידינע. גאַנץ וואוילע מענטשן. נישט קיין רייכע און נישט קיין אָרימע. נאָר אַזוי זיך. פון מיטלשטאַנד. נאָר איין חסרון האָט דאָס פּאָרפאָלק געהאַט: דער מאַן איז געווען אַ פּוילענצער, נישט פאַר קיין גוטן ייד געדאַכט. ער איז געווען אַ פּוסטעפּאַסניק, אַ ליידיק־גייער. אַ פינגער אין קאַלט וואַסער האָט ער נישט אַריינגעטון. כאָטש ברען אים און בראָט אים, האָט ער נישט געוואָלט אַרבעטן. נאָר דערפאַר איז די יידינע געווען אַן אשת־חיל. זי האָט געהאַט אַ בעקעריי, האָט זי געבאַקן געבעקס און האָט געהאַנדלט מיט דערמיט אַפן מאַרק. אַזוי האָט זי געבראַכט דאָס שטיקל ברויט אין שטוב אַריין, און אַזוי האָט מען אויסגעכאָוועט קינדער, וואוילע קינדער. זיי געשיקט אין חדר, און צו אַ שרייבער אַפילו, צו לערנען זיך רעכענען און שרייבן אַ שורה־גרוס. דאָס שטעטל האָט געוואוסט סאַראַ באַלעבאָסטע די יידינע איז, און סאַראַ גאָרנישט שבגאָר־נישט ס׳איז דער מאַן. נאָר גאָר נישט. וועמעס זאַך איז דאָס? האָט מען זיך טאַקע נישט געמישט.

אַזוי זענען אַריבער יאָרן. אַז דאָס עלטסטע מיידל איז אונטערגעוואַקסן, אַ וואויל מיידל, געראָטן אין דער מאַמע, האָט מען איר אַרויסגעזוכט אַ בחור, און זי איז געוואָרן אַ כלה, למזל, און אין גיכן האָט מען זיך טאַקע געגרייט צו דער חתונה. די בעקערין האָט געזען, אַז ס׳זאָל זיין פון אַלעם גוטן. זי האָט געקאָכט און געבאַקן און אָנגעגרייט פון שענסטן און בעסטן. שכנות זענען אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, און מ׳האָט איר געהאָלפן. גאַנצע טעג האָבן זיי זיך גע־רעשט דאָרט אין שטוב, טאַקע ווי ביי אַן אייגענער חתונה.

פיין, וואויל. נאָר איין מענטש האָט זיך אַרומגעדרייט אַן איבעריקער—דער מאַן. אומעטום האָט ער זיך געפּלאָנטערט. וואו מ׳האָט אים נישט געזעיט, איז ער אויסגעוואַקסן. ער האָט אויך געוואָלט עפּעס טון, העלפן. ס׳איז דאָך זיין קינד, זיין שמחה. נאָר וואָס זאָל ער טון? ער קען דען עפּעס?

ווי ער דרייט זיך אַזוי אַרום, הערט ער, אַז ס׳איז נישטאָ גענוג קנאָבל צום געבראָטנס. דערפרייט ער זיך. איצט איז זיין צייט. אָט וועט ער וויזן, אַז ער איז אַ באַלעבאָס, אַז ער לייגט אויך צו אַ האַנט צו זיין קינדס חתונה. און ער כאַפּט און לויפט אַריבער אין מאַרק און קויפט אַ גאַנץ קרענצל קנאָבל. ווידעראַמאָל פיין, וואויל. נאָר צוריק אַהיים איילט ער זיך שוין נישט. פונקט ווי ער איז פריער געלאָפן, אַזוי גייט ער זיך איצט פאַמעלעכקע. ער וויל, אַלע שכנים זאָלן זען, סאַראַ באַלעבאָס ער איז, און אַז ער העלפט צוגרייטן די חתונה.

„ר' קאַפּל," שטעלט אים אָפּ אַ שכן, „וואוהין טראָגט איר דאָס קרענצל קנאָבל?"

„וואָס הייסט, וואוהין?" מאַכט ער זיך וויכטיק. „מע גרייט צו אַ געבראָטנס צו דער חתונה, דאַרף מען קנאָבל." און ער אײַלט זיך נאָך אַלץ נישט. באַלד שטעלט אים אָפּ אַ שכנה: „וואו האָט איר אײַנגעהאַנדלט אַזאַ שיין קרענצל קנאָבל, ר' קאַפּל?"

„אַי, וואָס ווייסט איר?!" פּאַרפּירט ער אַ שמועס און וויל וויזן ס'אַ בריה ער איז. „מיין יידינע מאַכט אַ געבראָטנס צו דער חתונה, האָב איך געקויפט דעם בעסטן קנאָבל."

אַזוי פיינט ער זיך אויס און האָט שטאַרק הנאה פון זיך וואָס פאַר אַ הילף ער איז פאַר זיין ווייב. אַז ער איז לסוף אַהיימגעקומען מיט דעם קנאָבל, איז שוין דאָס געבראָטנס געווען פאַרטיק און ס'האָט פאַרשמעקט איבער אַלע שטיבער.

אַ רחמנות נעבעך אָף דעם ייד. וואו טוט מען זיך אַהין איצט מיט דעם קרענצל קנאָבל, וואו?

אַן עצה קעגן גטן זיך

אַ יונג פאַרפאַלק איז געקומען צום רב, צו גטן זיך. דער רב האָט אַ קוק געטון אָף דעם יונגנמאַן מיט דעם ווייבל, האָט אויסגעהערט די טענות זייערע, און האָט פּרובירט מאַכן שלום צווישן זיי. נאָר וויפיל ער האָט אין זיי אַריינ־גערעדט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מע טאָר נישט צערייסן, וואָס דער אייבער־שטער אַליין האָט באַהעפט צוזאַמען, און אַז מע טאָר נישט צעשטערן קיין הויז, האָט נישט געהאָלפן. אַלע רייד זענען געווען אַרויסגעוואָרפן. דאָס פּאָרל איז געבליבן איינגעשפּאַרט: נאָר אַ גט!

מילא, וואָס קאָן אַ רב טון? אַ גט איז אַ גט! נאָר דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט אַ קינד. דאָס פאַרפאָלק האָט געהאַט אַ ייִנגעלע. האָבן ביידע געוואָלט דאָס ייִנגעלע פאַר זיך. דער מאַן האָט געוואָלט, אַז דאָס ייִנגעלע זאָל נאָכן גטן זיך בלייבן ביי אים, און דאָס ווייבל האָט געטענהט, אַז זי וויל, אַז דאָס ייִנגעלע זאָל בלייבן ביי איר. הכלל, אַ שווערער עסק. און קיינער פון זיי וויל גאָרנישט ניט נאָכגעבן. אַז דער רב זעט אַזאַ מעשה, הייבט ער ווידער אָן צו רעדן וועגן שלום. אפשר בעט מען זיך פאַרט איבער? און צום סוף זאָגט ער צו זיי, אַז ער האָט אַן עצה. „הערט אויס מענטשן," זאָגט ער צו זיי, „איך קען אייך קיין גט איצט נישט געבן. איר זענט ביידע איינגעשפּאַרט. דער וויל דאָס קינד, און דער וויל דאָס קינד. מע קען דאָך נישט נעמען אַ קינד און צערייסן אָף צווייען, רחמנא ליצלן. טאָ נעמט, מאַכט דערווייל שלום און גייט אַהיים. אַז ס'וועט אַריבער אַ שטיקל צייט, און איר וועט האָבן נאָך אַ קינד, וועט איר אייך דעמאָלט קענען צעטיילן. איינער וועט נעמען איין קינד, און דער צווייטער וועט נעמען דאָס אַנדערע קינד, און דערנאָך וועלן מיר זען, בלי נדר."

די צוויי ברידער און דאָס שלעמאַזל

די צוויי ברידער און דאָס שלעמאַזל, אָדער וואָס ס׳איז באַשערט, דאָס איז באַווערט

וואו אַ מעשה מיט צוויי ברידער—איז איינער געווייַנלעך אַן עושר, אַ קמצן, און דער צווייטער—אַן אָרימאַן מיט אַ גוט האַרץ. נאָר דאָ, אין דעם מעשהלע, וואָס איך וויל אייך איצט דערציילן, איז אַביסל אַנדערש. איינער פון זיי איז טאַקע אַ גרויסער עושר, אַ גוט־באַזיצער, און דער צווייטער—אַן אָרימאַן אין זיבן פּאַ־לעס. נאָר דער עושר דאָ האָט אַ גוט האַרץ און העלפט דעם ברודער זייַנעם וויפיל מע דאַרף, און נישט נאָר, ווי מע זאָגט, וויפיל ער קען. ער טוט ממש אַלץ, אים צו שטעלן אַף די אייגענע פיס. נאָר וואָס ער טוט העלפט נישט.

איינמאָל זאָגט דער רייכער ברודער צו דעם אָרימען:

„הער מיך אויס, ברודער, קום מיט מיר אַרייַן אין שטאָל. קלייב דיר אויס אַ פּאָר גוטע פערד מיט אַ וואָגן און פאָר אַרויס אין דער וועלט. ווייסט דאָך ווי מע זאָגט: משנה מקום—משנה מזל. ווער סע בייט דאָס אָרט—בייט דאָס מזל. איכ׳ל דיר געבן געלט, קויף איין סחורה, און פאָר. אפשר וועט דער אייבערשטער העלפן און דו וועסט מצליח זייַן.״

זיי זענען אַרייַן אין שטאָל, און דער עושר האָט געהאָלפן זייַן ברודער אויס־קלויבן זיך אַ פּאָר גוטע פערד מיט אַ וואָגן, און האָט אים געהאָלפן איינשפּאַנען.

ווי נאָר דער אָרימער ברודער איז אַרויף אַפן וואָגן און האָט זיך אָוועק־געזעצט—דערהערט ער פּלוצים, אַז עמיצער טאַנצט און זינגט הינטער אים. ער גיט זיך אַ דריי אויס, ערשט—אַ מענטשעלע, אַ שרעטעלע.

„ווער ביסטו און וואָס טאַנצסטו?״ פרעגט דער אָרימער ברודער אַ דער־שראָקענער.

„איך,״ זאָגט דאָס שרעטעלע, „איך בין דייַן שלעמאַזל. און פאַרוואָס טאַקע זאָל איך נישט טאַנצן און זינגען און מיך פרייען? ביז איצט האָב איך מיך גע־שלעפּט מיט דיר דאָס גאַנצע לעבן צופוס. נאָר פון היינט אָן וועל איך פאָרן מיט דיר אין וואָגן ווי אַ גראַף. דו וועסט דיך נישט אַרויסדרייען פון מיר. דו ווייסט דאָך: וואָס ס׳איז באַשערט, דאָס איז באַווערט.״

דער סוחר, זייַן חבר און דער קלוגער רב

ר׳ שלמה העלער, אַ קאָלאָמייער סוחר, וואָס איז געפאָרן קיין ווין צוליב געשעפטן, איז אונטערוועגנס געוואָרן קראַנק און געשטאָרבן. ביי זייַן טויטנבעט זענען געווען בלויז די מענטשן פון הויז, אַ דאָקטער און זייַן חבר פון דער היים, ר׳ יאַנקל שטיינבערג.

אַז ר׳ יאַנקל איז אַהיימגעקומען, איז ער אַוועק צו ר׳ שלמהס ווייב, האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה און געזאָגט, אַז איר מאַן האָט אים פאַרן טויט צוגע־רופן און אים געמאַכט דעם יורש פון זייַן פאַרמעגן. ער האָט אים געגעבן דעם טאַש מיט פינף און צוואַנציק טויזנט ראַייניש און געזאָגט: „פון דעמדאָזיקן געלט

זאָלסטו געבן מיין ווייב, וויפיל דו ווילסט. דאָס איבעריקע זאָלסטו נעמען דיר, מיין איינציקער פריינד, וואָס וועט זאָגן קדיש ביי מיין קבר.״

אָפן גרונט פון דידאָזיקע ווערטער, וואָס ר׳ יאַנקל איז געווען גרייט צו באַשטעטיקן מיט עדות, האָט ער געוואָלט געבן דער אַלמנה פינף טויזנט ראַייניש. נאָר די אַלמנה האָט נישט געוואָלט איינגיין אַף דעם. זי האָט ר׳ יאַנקלען גערופן צו אַ דין־תורה, און האָט געפאָדערט, אַז ר׳ יאַנקל זאָל איר אָפּגעבן איר מאַנס געלט.

אַז דער רב האָט אויסגעהערט די מעשה, האָט ער געזען, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַט. פאַרוואָס האָט ר׳ שלמה העלער עפּעס געמאַכט דעם חבר פאַרן יורש, דאָרט וואו ער האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב און קינדער? ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם. ער האָט פּרובירט ווירקן, אַז ר׳ יאַנקל זאָל זיך צעטיילן מיט דער אַלמנה העלפט אַף העלפט. נאָר ר׳ יאַנקל איז געווען איינגעשפּאַרט און גייציק און האָט נישט געוואָלט.

דעמאָלט איז דעם רב עפּעס איינגעפאַלן, און ער זאָגט צו ר׳ יאַנקלען: „דו קענסט שווערן, אַז ר׳ שלמה האָט דיר אַנגעזאָגט ווי דו דערציילסט?״

„יאָ, רבי,״ זאָגט ר׳ יאַנקל.

„זאָג איבער די ווערטער, ווי ער האָט דיר אַנגעזאָגט. לאָז גאָרנישט ניט אויס, און גיב גאָרנישט ניט צו.״

„ער האָט געזאָגט: יאַנקל, דו זאָלסט פון דעם געלט געבן מיין ווייב וויפיל דו ווילסט. דאָס איבעריקע זאָלסטו נעמען דיר.״

זאָגט דער רב: „און דיין חבר האָט דיך געקענט ווי איך און ווי מיר אַלע קע־נען דיך?״—„יאָ, רבי.״

„זאָג מיר, יאַנקל, וויפיל ווילסטו פון דעם געלט?״—„וויפיל איך וויל?״ פרעגט איבער ר׳ יאַנקל, „צוואַנציק טויזנט ראַייניש. נישט ווינציקער אַ העלער.״

„דו ווילסט נישט וויניקער פון צוואַנציק טויזנט?!״ זאָגט איבער דער רב.—„יאָ, רבי.״

„און דיין חבר האָט דיר אַנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט געבן זיין ווייב, וויפיל ד ו ווילסט. נישט אמת?״—„יאָ, רבי.״

„טאָ גיב זיין ווייב צוואַנציק טויזנט, און דיר נעם פינף טויזנט ראַייניש. אַזוי האָט בפירוש געזאָגט דיין חבר. דו ווילסט צוואַנציק טויזנט. גיב אַזוי פיל דער אַלמנה. דאָס האָט דיין חבר געמיינט, וואָס האָט דיך געקענט ווי איך און ווי מיר אַלע.״

אַ גוט האַרץ פון אַן אָדעסער מאַרעוויכער

אַ פרייטאָג, ערב־שבת בייטאָג, האָט אַ יידינע זיך געאיילט אין מאַרק אַריין, איינצוקויפן אַף שבת. ווי זי לויפט אַזוי מיט איר קיישל אָפן אָרעם, איז ביי איר אַראָפּגעפאַלן דאָס טעשעלע מיטן געלט, און זי האָט דאָס אַפילו נישט געפילט. הינטער איר איז געגאַנגען אַ יונגערמאַן. אַז ער האָט באַמערקט ווי די יידינע האָט פאַרלוירן איר בייטעלע מיט געלט, האָט ער עס אויפגעהויבן, אַ קוק געטון אינעווייניק און געזען, אַז דאָרט איז דאָ בלויז אַביסל קליינגעלט. טראַכט ער זיך,

מע דאַרף עס איר אָפּגעבן. אַז אַ יידינע לויפט פרייטאָג בייטאָג מיט איר קיישל אין מאַרק אַריין און מיט איר ביסל קליינגעלט, איינצוקויפן אַף שבת, איז אַ סימן, אַז זי איז נעבעך אַן אָרימע יידינע, און ס'איז אַף איר אַ גרויס רחמנות. לויפט ער איר נאָך, יאָגט זי אָן און זאָגט: „מומעניו, איר האָט פאַרלוירן אייער בייטעלע מיטן געלט. נאָט עס אייך."

די יידינע גיט זיך אַ כאַפּ: יאָ, ס'איז איר בייטעלע! און זי צעקלאָגט זיך ממש: „ווי איז מיר! איך האָב קוים געקריגן צו לייען אַביסל קליינגעלט, צו קענען איינקויפן עפּעס אַף שבת." און זי פאַלט אים שיר אָפּן האַלז און באַוואַרפט אים מיט ברכות, און ווינטשט אים, אַז ער זאָל דערפאַר מצליח זיין אין זיינע געשעפטן.

די יידינע האָט דאָס טעשעלע אַריינגעלייגט אין קעשענע און איילט זיך ווייטער אין מאַרק אַריין.

אַז דער יונגערמאַן זעט ווי זי באַהאַלט דאָס טעשעלע אין קעשענע, גייט ער איר נאָך, שטעקט אַריין צו איר זיין האַנט, און וויל עס אַרויסנעמען. די יידינע האָט דערפילט, אַז עמיצער קריכט צו איר אין קעשענע, גיט זי אַ כאַפּ אָן יענעמס האַנט. זי גיט אַ קוק, דערזעלבער יונגערמאַן, וואָס האָט איר ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק דאָס טעשעלע אומגעקערט. פאַרשטייט זי נישט. וואָס טוט זיך דאָ? און זי זאָגט: „דו האָסט דאָס בייטעלע געפונען און עס מיר אָט ערשט אומגעקערט, און איצט ווילסטו דאָס אַרויסגנבענען ביי מיר! ווי שעמסטו דיך נישט?!"

זאָגט דער יונגערמאַן: „פאַרשטייט איר מיך, מומעניו, אַז איך האָב באַמערקט, איר האָט דאָס בייטעלע פאַרלוירן, און געזען, אַז דאָרט איז דאָ בלויז אַביסל קליינגעלט, האָט מיין האַרץ נישט דערלאָזט, אַז איך זאָל עס ביי אייך צונעמען. נאָר אַז איך האָב נאָך דעם געזען ווי איר האָט דאָס בייטעלע אַריינגעלייגט אין קעשענע, דאָס, זעט איר, איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע מעשה. דאָס איז מיין געשעפט, פון וואָס איך צי מיין פּרנסה. און איר האָט דאָך מיר אַליין ערשט אָנגעוואונטשן, איך זאָל מצליח זיין אין מיינע געשעפטן."

אַי, ווען ער וואָלט זי געפּאָלגט

ס'איז געווען אַמאָל אַן אָרים פּאָרפאָלק. אַזוי אָרים נעבעך, אַז דער דלות האָט געפייפט ביי זיי אין אַלע ווינקעלעך. נאָר קיין קינדערלעך האָט, געלויבט דעם אייבערשטן, נישט געפעלט אין שטוב.

מילא, אַ גאַנצן ווינטער ווי ס'איז געווען איז געווען. האָט מען געהאַט אַ שטיקל ברויט, האָט מען געגעסן. איז נישט געווען, האָט מען נישט געגעסן. נאָר אַז ס'האָט זיך דערנענטערט דער פסח, און פון יום־טוב האָט אין שטוב זיך נישט געזען אַפילו קיין סימן, זאָגט די יידינע צו איר מאַן: „דו ווייסט וואָס, מיין מאַן? לאָמיר שרייבן אַ פּראָשעניע צום אייבערשטן."

דער מאַן קוקט זי אָן און גיט אַ טראַכט: אפשר טאַקע אַ פּלאַן? אַז אַ ווייב הייסט שרייבן, דאַרף מען פּרובירן. נעמט ער אַ בייגעלע פּאַפּיר און נעמט שרייבן: „ראשית וויל איך דיך בעטן, רבונו של עולם, אַ פּוד מצות."

„שוטה!" פֿאַלט זיין ווייב אַריין אין מיטן, „אַז דו בעטסט, בעט שוין צוויי פּוד מצות."

נאָר דער מאַן ענטפֿערט נישט און שרייבט ווייטער: „והשנית וויל איך דיך בעטן אַ מלבוש פֿאַר מיין ווייב."

„גזלן, שרייב צוויי קליידער," שרייט זיין ווייב.

„איך וויל דיך אויך בעטן," שרייבט ווייטער דער מאַן, „מלבושים און שיכלעך פֿאַר די קינדער."

זיין ווייב האַקט אים אַלץ איבער, אַז ער זאָל בעטן טאָפּלט.

צום סוף, אַז ער האָט געענדיקט, איז געוואָרן אַ פֿראַגע וואָס צו טון מיט דער פּראָשעניע. זאָגט זיין ווייב, אַז אַזוי ווי אין דרויסן איז אַ ווינט, זאָל מען דעם בריוו אַוועקלאָזן מיטן ווינט און ער וועט שוין אָנקומען. האָבן זיי אַזוי געטון. דער בריוו איז אַוועק, און אַפֿן וועג האָט ער זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַ סלופּ און איז געבליבן הענגען מיט דעם אַדרעס אַזוי, אַז פֿאַרבייפֿאָרער האָבן אים געקענט זען און איבערלייענען.

איז דאָך גאָט אַ גוטער, מאַכט זיך, אַז אַ פּריץ, וואָס האָט געליטן, נישט פֿאַר אונז גערעדט, פֿון אַ מכּה אין האַלז, פֿאָרט פֿון אַ דאָקטער אין שטאָט. דער דאָקטער האָט אים ממש אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, און ער האָט אים געהייסן, אַז ווען ער וועט פֿאָרן אַהיים, זאָל ער האַלטן דעם קאָפּ אין דער הייך, ווייל אַז נישט, קען ער נאָך, חלילה, דערוואָרגן ווערן.

ווי דער פּריץ פֿאָרט אַזוי מיטן קאָפּ אין דער הייך, דערזעט ער אַף אַ סלופּ הענגט אַ בריוו, אַדרעסירט צום רבונו של עולם: „פּראָשעניע ק׳גאָספּאָדו באָגו". צעלאַכט זיך דער פּריץ. און אין דער מינוט האָט די מכּה געפּלאַצט.

דעם פּריץ איז גלייך געוואָרן לייכטער. ער האָט דערפֿילט, אַז ער איז אַ געראַטעוועטער. און ער איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז ער האָט געהייסן דעם באַדינער אַראָפּנעמען דעם בריוו, און אַז ער האָט שפּעטער אויסגעפֿונען, וואָס דאָרט איז געשריבן, האָט ער געהייסן זיינעם אַ מענטש, אַז ער זאָל גלייך אַלץ צושטעלן, וואָס דער ייד בעט. האָט מען אַזוי געטון.

אַף מאָרגן, אַז די יידינע איז אויפֿגעשטאַנען און האָט געעפֿנט די טיר, דערזעט זי אַלע גוטע זאַכן אַף יום־טוב. גיט זי אַ געשריי: „שלמה, זע נאָר, דער איבערשטער האָט געענטפֿערט אַף אונזער פּראָשעניע. איך האָב דיר אָבער געזאָגט, ווען דו וואָלטסט מיך געוואָלט פֿאָלגן, וואָלטן מיר דאָך איצטער געהאָט אַלצדינג טאָפּלט!"

זיי גלייכן זיך אויס סוף־כל־סוף

דאָס שטעטל איז געווען קליין און האָט געהאָט ווינציק באַוואוינער. נאָר דערפֿאַר האָט עס פֿאַרמאָגט אַ סך חסידים, קיין עין־הרע נישט. עס זענען דאָרט געווען סקווירער און טאַלנער און בראַצלאַווער, און אַפֿילו כעלעמער חסידים זענען דאָרט געווען. אַז ס׳איז געקומען פֿאַר אַ יום־טוב, זענען אַלע חסידים געפֿאָרן צו זייער רבי אַף יום־טוב.

צווישן די חסידים אין שטעטל זענען געווען צוויי פאַרברענטע כעלעמער חסידים: וועלוול דער טרעגער און יידל דער קרעמער. וועלוול איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער, און יידל איז געווען נעבעך אַ נידעריקער, אַ קליינער. האָבן זיי געוואָלט אַמאָל גיין קיין כעלעם צום רבי אַף יום־טוב. זאָגט יידל צו וועלוולען: „הער נאַר, וועלוול, דו ווייסט דאָך, אַז פון אונזער שטעטל ביז כעלעם איז ניינציק ווערסט. אפשר איז מעגלעך, אַז דו זאָלסט נעמען אַף דיר פופציק ווערסט, דו ביסט דאָך, קיין עין־הרע נישט, אַ גיבור, און איך וועל נעמען אַף מיר פערציק ווערסט. וועלן מיר גיין צוזאַמען צום רבי אַף יום־טוב, און סע וועט נישט זיין אַזוי שווער אַזאַ לאַנגער וועג."

אַז וועלוול דערהערט דאָס, גיט ער אַ געשריי: „ניין, יידל! איך זאָג: ניין! אויב דו ווילסט גלייך אַף גלייך, איז מאַכטעיסע, וועלן מיר גיין! אויב נישט, איז גיי דיר איינער אַליין געזונטערהייט!"

די צוויי חסידים האָבן זיך אַזוי לאַנג געדונגען, ביז ס'איז געבליבן אַז זיי גייען גלייך אַף גלייך. און זיי זענען צוזאַמען אַוועק קיין כעלעם צום רבי אַף יום־טוב.

אַ שלעמאַזל בלײַבט אַ שלעמאַזל

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר זיין רבי, אַז ער האָט אַ ברודער, איז ער אַחוץ אַ ביטערער אָרימאַן, נאָך צו דערצו אַ גרויסער שלעמאַזל, אַ לא־יוצלח. וויפיל געלט ער גיט אים אַף צו האַנדלען, פטרט ער עס אַוועק און בלייבט ווייטער אָן פרנסה.

דער רבי הערט אים אויס און פאַרקלערט זיך. ער קלערט, אַז כאָטש געלט איז אַ מיאוסע זאַך, אַ סימן: די אותיות פון ג ע ל ט באַטרעפן פונקט אַזויפיל וויפיל די אותיות פון ב ל אָ ט ע, איז אָבער אָן געלט נאָך אַ סך ערגער. צום סוף זאָגט דער רבי צום חסיד: „דאָס מאָל, אַז דו ווילסט העלפן דיין ברודער, גיב אים נישט דאָס געלט אין האַנט אַריין. פאַרשטייסט, דאָס מאַכט אים געפאַלן ביי זיך, און ער קען דעריבער נישט האַנדלען ווי סע באַדאַרף צו זיין. איז מיין עצה, טו דאָס געלט אַריין אין אַ בייטל און לייג עס אַנידער אַף אַ פלאַץ, וואו דיין ברודער גייט פאַרטאָג אין דאָרף אַריין, צו זוכן פרנסה. אַז ער וועט דאָס געלט געפינען, וועט עס ביי אים זיין אַנגעלייגטער ווי אַז דו גיסט עס אים אין האַנט אַריין ווי אַ נדבה. ער וועט זיך דערפרייען מיט דעם געלט און וועט מיט דערמיט מסחרן גאָר אַף אַן אַנדער אופן. און ער וועט, מיט דעם אייבערשטנס הילף, מצליח זיין."

דער חסיד האָט געטון ווי דער רבי האָט אים געהייסן. פאַרטאָג, נאָך איידער דער ברודער גייט אין דאָרף אַריין, צו זוכן עפעס אַ מציאה, הייבט ער זיך אויף, נעמט אַ בייטל מיט געלט און גייט אַוועק צו אַ פלאַץ, וואו דער ברודער דאַרף דורכגיין. דאָרט לייגט ער אַנידער דעם בייטל אַזוי, אַז דער ברודער זאָל אים מוזן געפינען. אַליין זעצט ער זיך אַנידער הינטער אַ פאַרקאַן, צו זען וואָס דאָ וועט זיין.

ווי ער זיצט אַזוי הינטערן פּאַרקאַן, זעט ער, דער ברודער קומט אָן אַ פּאַר־טראַכטער. וואָרן אחוץ אַ שלעמאַזל איז ער נאָך צו זיין אָרימקייט געווען אַ בעל־חלום. גייט און טראַכט. וואָס טראַכט ער, דער אָרימער ברודער? ער טראַכט, אַז אייגנטלעך איז אים נאָך נישט אַזוי שלעכט. פּאַראַן מענטשן, וואָס זיי איז נאָך אַ סך ערגער פון אים. אָט אַשטייגער זיצן אַ סך מענטשן אין די געפענגענישן און זעען אַפילו די זון נישט אָן פּאַר די אויגן. זיי וואָלטן דאָך געווען די גליק־לעכסטע, ווען זיי קענען איצט גיין אַזוי פריי ווי ער אין דאָרף אַריין. אַנדערע—טראַכט ער ווייטער—זענען קראַנק, און ליגן נעבעך אין די שפּיטאָלן. טייל זענען אָף די שלאַכטפעלדער, ווייט פון טאַטע־מאַמע און פון ווייב און קינדער, און ס'איז זיי ביטער. איך האָב, אַ דאַנק דעם, וואָס אויבן, אַ ווייב און קינדער, און איך זע זיי יעדן טאָג.

היינט ווי אומגליקלעך זענען נעבעך די בלינדע! זיי קענען נישט גיין וואוהין זיי ווילן, און זיי זעען קיינמאָל נישט די ליכטיקע שיין. איך האָב צוויי ליכטיקע אויגן, ברוך השם, נאָר איך וועל זיי פאַרמאַכן און גיין אַ מינוט מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיטצופילן מיט די אומגליקלעכע. דערביי פאַרמאַכט ער זיינע אויגן, און טאַפּנדיק דעם וועג מיט זיין שטעקן, איז ער אַריבערגעגאַנגען דאָס אָרט, וואו דער בייטל מיטן געלט איז געלעגן.

דער ברודער קוקט פון הינטערן פּאַרקאַן און זאָגט צו זיך: „אַ שלעמאַזל, נעבעך, בלייבט אַ שלעמאַזל."

נישט זיי לאָזן לעבן און נישט זיי לאָזן שטאַרבן

אין אַ שטעטל איז געווען אַ רב, אַ גרויסער למדן און צו דערצו—אַן איש תמים און אַן אמתער עניו. די ערשטע צייט, אַז מ'האָט דעם רב אַראָפּגעבראַכט אין דעם שטעטל, האָט דער עולם געלעקט פון אים די פינגער און מ'האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. און זיך געגרייסט מיט אים און מ'האָט געהיט זיינע טריט. הכלל, וואָס זאָל איך אייך אַ סך זאָגן? מ'האָט זיך פשוט געשפּיגלט אין אים. נאָר ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוואוינט און מ'האָט זיך אויפגעהערט צו אינטע־רעסירן מיט דעם רב. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז קהל האָט אָפּט פאַרגעסן אים אַריינצושיקן די עטלעכע גילדן אַ וואָך, וואָס מ'האָט אים צוגעזאָגט אָף חיונה. נו, פאַרשטייט איר דאָך, אַז ביי אים אין שטוב זענען געווען טעג, ווען ס'איז נעבעך נישט געווען וואָס אין מויל צו נעמען און מיט וואָס דאָס חיות צו דערהאַלטן.

און צו די אַלע צרות זענען נאָך אויפגעשטאַנען יונגעלייט און קלוגינקע אײדעמלעך, וואָס האָבן אָפּן חשבון פונעם רב געוואָלט אַרויסווייזן זייער וואויל־קענעוודיקייט. און זיי זענען אים דערגאַנגען די יאָרן מיט קלאָץ־קשיות, כדי אים מבייש צו זיין.

ויהי היום און דער רב איז פּלוצים איינגעפאַלן. ער איז געוואָרן קראַנק, טאַקע געפערלעך—אַ חולה מסוכן, און האָט געהאַלטן שמאָל. אַז דער עולם אין שטעטל איז געוואָר געוואָרן, אַז זייער רב איז נעבעך קראַנק—איז געוואָרן אַ רעש, אַ געוואַלד. איינער אָפּן אַנדערן האָט גענומען וואַרפן די שולד, וואָס מ'האָט זיך

אַזאַ צייט נישט אומגעקוקט אַפֿן רב. יידן האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין שולכל און האָבן געזאָגט תהילים בציבור. טייל פֿון זיי האָבן געפֿאַסט. ווייבער זענען אַריינ־געלאָפֿן אין בית־מדרש מיט אַ יאָמער. מע איז צוגעפֿאַלן צום אָרון־קודש מיט אַ יללה און מ׳האָט געבעטן אַ רפֿואה פֿאַרן רב.

בקיצור, ס׳האָט זיך אַזיינס געטון אין שטעטל, אַז דער מלאך־המות האָט זיך דערשראָקן און האָט זיך אָפּגעטראָגן. קומט ער צו לויפֿן פֿאַרן רבונו־של־עולם און נעמט טענהן: „רבונו־של־עולם, גיב נאָר אַ קוק וואָס פֿאַר אַ מאָדנע פֿאָלק די יידן זענען: נישט זיי לאָזן לעבן, און נישט זיי לאָזן שטאַרבן.״

ווען ער וואָלט געלעבט נאָך אַ טאָג

דער גביר פֿון שטעטל איז געוואָרן אַלט און קראַנק און איז געשטאָרבן. זיין טויט האָט אָנגעמאַכט אַ רעש, און גרויס און קליין איז געקומען צו דער לויה.

אַז מ׳איז דורכגעגאַנגען די גרויסע שול, האָט זיך די לויה אָפּגעשטעלט. מ׳האָט אַנידערגעשטעלט דעם אָרון מיט דעם מת פֿאַר דעם טויער, און דער רב האָט געמאַכט אַ הספּד. ער האָט אויסגערעכנט די מעלות פֿון דעם גביר, וואָס פֿאַר אַ גרויסער בעל־צדקה ער איז געווען און וויפֿיל גוטס ער האָט געטון. ער האָט אויסגעבויט אַ הקדש פֿאַר אָרימעלייט, האָט אויסגעהאַלטן די תלמוד־תורה און האָט חתונה געמאַכט אָרימע יתומות.

מיטאַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ יללה. דער עולם האָט געוויינט און גע־קלאָגט. יעדער האָט דערפֿילט די גרויסע אבידה. נאָר מער פֿון אַלעמען האָט גע־וויינט און געקלאָגט דעם גבירס זון. די נאָנטע קרובים האָבן אים פּרובירט איינגעמען און באַרואיקן, נאָר מ׳האָט נישט געקענט. באַכן טרערן האָט דער זון פֿאַרגאָסן. אַזוי די גאַנצע צייט פֿון דער לויה.

אַז מ׳איז שוין געגאַנגען צוריק פֿון בית־הקברות, האָט ער נאָך אַלץ גע־האַלטן אין איין קלאָגן.

ערשט, אַז מ׳איז געקומען אַהיים און מ׳האָט אים אַביסל איינגעשטילט, פֿרעגט מען אים, וואָס ער האָט אַזוי געקלאָגט. שלוכצט ער און זאָגט: „ס׳פֿאַר־דריסט מיך, וואָס דער טאַטע איז אַוועק פֿון דער וועלט צו־פֿרי. ווען ער שטאַרבט מיט אַ טאָג שפּעטער, וואָלט ער דאָך היינט געהערט וועגן זיך אַזעלכע טייערע שבחים.״

נאָטע גנב

אין פּוילן איז אַמאָל געווען אַ יידישער גנב. נאָטע גנב האָט מען אים גע־רופֿן. זיין נאָמען איז געווען באַקענט איבערן גאַנצן לאַנד. אַפֿילו חדר־ייִנגלעך האָבן געוואוסט פֿון אים, און זיי האָבן זיך דערציילט וועגן אים מעשׂות. און חנוכה, אַז זיי האָבן געשפּילט אין דריידלעך, האָבן זיי די אותיות נ. ג. ה. ש. וואָס מאַכן נס גדול היה שם, געלייענט נאָטע גנב האָקט שלעסער. וואָרן נאָטע גנב איז געווען אַ מייסטער אָף ברעכן שלעסער. די שטאַרקסטע שלעסער זענען ביי

אים געווען אַ שפּילעכל. ער האָט אויפגעריסן די שלעסער אין די רייכע הויפן ביי די פּריצים, און וואָס ער האָט געגנבעט, האָט ער צעטיילט צווישן די אָרימע.

די פּאָליציי האָט געברענט זיינע טריט, נאָר כאַפּן האָט מען אים נישט גע־קענט. און אַז מ׳האָט אים שוין אַמאָל יאָ געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין חד־גדיא, האָט נישט גענומען לאַנג, און ער האָט געעפנט דעם שלאָס און—איז נעלם גע־וואָרן. אַזוי זענען אַריבער יאָרן. נאָר סוף גנב לתליה. מ׳האָט אים צום סוף ווידער געכאַפּט, און מ׳האָט טאַקע גלייך באַשלאָסן, אים אויפצוהענגען, און אַ סוף זאָל עס נעמען.

נאָר נאָטע גנב הענגט מען נישט אַזוי פּשוט. די מלוכה האָט געלאָזט וויסן איבערן לאַנד, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט מען אים הענגען אין דער קרוין־שטאָט.

אַז די זאַך איז באַקענט געוואָרן און ס׳האָט זיך דערנעענטערט די צייט, האָט מען אָנגעהויבן צו פאָרן און קומען פון אַלע עקן לאַנד. ווער ס׳האָט נאָר געקענט, איז געקומען. אַלע האָבן געוואָלט זען ווי מע הענגט נאָטע גנב. בפרט די גרויסע פּריצים. זיי זענען געפאָרן אין זייערע לאַקירטע קאַרעטעס, צו זען זייער נקמה אין דעם יידישן גנב.

דערווייל האָט מען נאָטע גנב געהאַלטן פאַרשפּאַרט הינטער זיבן שלעסער. נאָר גלייבט, אָדער גלייבט נישט, ער איז אויך דאָס מאָל אַרויס אַ גאַנצער. אַ נאַכט, איידער מ׳האָט אים געדאַרפט הענגען, האָט ער געעפנט די שלעסער, און איז אַרויס. ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלער און האָט זיך געשלעפּט צו אַן אַנדער שטאָט.

אַפן וועג זעט ער פּריצים פאָרן. און אַלע האָבן אויסגעזען פריילעך. אַ קליינינקייט עפּעס: אַזאַ נקמה דערלעבט! פרעגט נאָטע: „האַרעלעך, וואוהין פאָרט מען דאָס אַזוי?!" ענטפערט מען: „דו ווייסט נישט? מע דאַרף דאָך באַלד הענגען נאָטע גנב!" קרעכצט נאָטע: „אומזיסט דאָס פאָרן, האַרעלעך. אַז איכ׳ל דאָרט נישט זיין, וועט מען אים נישט הענגען."

אַ מעסערל מיט מעלות

אַ קניפּיקל! דאַכט זיך, וואָס איז די מציאה מיט אַ קניפּיקל? אַ מעסערל ווי אַלע מעסערלעך! איין קניפּיקל האָט צוויי קלינגלעך, און איינס האָט דריי קלינגלעך. אַנדערע האָבן אויך אַ קאָרעק־ציער, אַ ציין־שטעכערל. נאָר קיין גרויסער חילוק איז צווישן זיי נישטאָ. אויב זיי זענען נאָר נישט באַלייגט מיט קיין זילבער, איז אַ קנאַפּער חילוק צווישן זיי.

און דאָך איז אַ קניפּיקל צו אַ קניפּיקל נישט גלייך. אָט הערט אַליין:

אַ יאָט האָט אַמאָל אַרויסגענומען אַ קניפּיקל פון קעשענע און האָט זיך באַ־רימט פאַר חברה, אַז זיין קניפּיקל האָט אַן אַ שיעור מעלות.

„איר זעט אָט דאָס מעסערל?" האָט ער זיך באַרימט מיט דערמיט, ס׳האָט אין זיך אַכט מעלות."

„אַכט מעלות?" פרעגן איבער זיינע פריינט. „וואָס פאַר אַ מעלות?"

נעמט דער יאָט אויסרעכענען די מעלות פון זיין קניפּיקל: „ס'איז כשר און ס'איז טריפה, ס'איז חמצדיק און ס'איז פּסחדיק, ס'איז מילכיק און ס'איז פליי־שיק און ס'איז פאַרעווע."

לאַכט חברה, ציילט און זאָגט: „בלויז זיבן מעלות! דו האָסט אויסגערעכנט בלויז זיבן. וואָס איז די אַכטע מעלה?"

„די אַכטע מעלה," זאָגט איבער דער יאָט, „די אַכטע מעלה איז די בעסטע: ס'איז אַ געגנבעטס!"

דער אורח איז אַ מבין

אַ באַלעבאָס האָט גענומען אַן אורח אַף שבת. פרייטאָג־צו־נאַכטס, אַז מ'איז געקומען פון שול און מ'האָט געמאַכט קידוש, האָט מען זיך געוואַשן און געזעצט עסן. דער באַלעבאָס גיט אַ קוק, דער אורח רייבט אַף ביידע באַקן. וואָס די באַלעבאָסטע דערלאַנגט צום טיש, פאַרשלינגט ער. אַזוי איז געווען פרייטאָג־צו־נאַכטס, און אַזוי שבת אין דער פרי און צו שלוש־סעודות.

דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע האָבן געדאַנקט גאָט, אַז מ'האָט דער־לעבט די פּולע וואָך. זיי זענען געווען זיכער, אַז גלייך נאָך הבדלה וועט דער אורח נעמען זיין פּעקל, און גיין. נאָר אַ נעכטיקער טאָג. מ'האָט געמאַכט הבדלה און מ'איז פאַרטיק געוואָרן מיט די אליאָווקעס, און דער אורח רירט זיך נישט פון שטוב. ער זיצט זיך ווי ביי זיין טאַטע אין ווייַנגאַרטן, און גאָר נישט! מילא, מע קען דאָך אַ מענטש נישט אַרויסטרייבן פון שטוב אַף דער פּולער וואָך. ער וועט אַוודאי גיין זונטאָג אין דער פרי.

געקומען זונטאָג, דער אורח טראַכט אַפילו נישט פון רירן זיך פון אָרט. זיצט און עסט און לאָזט זיך וואוילגיין פון אַלעם גרייטן. אַזוי איז אַריבער דער זונטאָג, און אַזוי איז אַריבער דער מאָנטאָג און דער דינסטאָג. אָט איז שוין מיטוואָך און באַלד איז שוין ערב־שבת, און גאָר נישט, דער אורח זיצט!

אַז דער ייד מיט דער יידינע זעען אַזאַ זאַך, פאַלן זיי אַף אַ פּלאַן: די באַלע־באָסטע וועט אָפּקאָכן אַ קרופּניק. און אַז זי וועט דערלאַנגען צום טיש, וועט דער מאַן פאַרזוכן און זאָגן, אַז דער קרופּניק איז צוגעברענט. נאָר די באַלעבאָסטע וועט טענהן, אַז נישט. אַהער און אַהין, און אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז זיי וועלן פרעגן דעם אורח, אַז ער זאָל זאָגן ווער ס'איז גערעכט. וועט ער זאָגן, אַז דער באַלעבאָס איז גערעכט, וועט די באַלעבאָסטע אים הייסן נעמען זיין פּעקל און אים געבן דעם דרך. וואָרן וואָס הייסט, ער מישט זיך צווישן מאַן און ווייב, און וויל, חלילה, צעשטערן שלום־בית? וועט ער זאָגן, אַז די באַלעבאָסטע איז גערעכט, וועט דער באַלעבאָס אים אָננעמען און געבן דעם וועג. וואָרן ווידעראַמאָל די אייגענע מעשה: וואָס האָט ער צו זאָגן צווישן מאַן און ווייב?

און אַזוי איז געווען. ווי נאָר זי האָט דערלאַנגט דעם קרופּניק, האָבן מאַן און ווייב זיך גענומען קריגן, ווי מ'האָט אָפּגערעדט. ער טענהט, אַז דער קרופּניק איז פאַרברענט, און זי טענהט, אַז נישט. פרעגן זיי דעם אורח, אַז ער זאָל זאָגן.

קוקט ער זיי אָן, קייט אַף ביידע באַקן, און טוט זיי צוליב און זאָגט: „נו, נו, זאָל שוין זיין, זאָל שוין זיין. מוצאי־שבת, אם ירצה השם, וועל איך מיר, בלי־נדר, נעמען מיין פּעקל און אַליין גיין."

אַז מ'האָט שכל

דער שטאָטישער נגיד האָט געהאַט אַ בת־יחידה—אַ כלה־מיידל. אַז ס'איז געקומען די צייט, איר חתונה צו מאַכן, הייבט ער זיך אויף, פֿאָרט אַריבער אין אַ ישיבה, און ברענגט פֿון דאָרט אַ חתן פֿאַר דער טאָכטער, אַן אָרימען בחור, גאָר דערפֿאַר אַ למדן מיט אַ טייערן קאָפּ, און אַ חכם צו דערצו. דער נגיד האָט אים באַנייט און באַקליידט, און מ'האָט אין גיכן געפּראַוועט אַ חתונה.

נאָך דער חתונה האָט דער איידעם גענומען אַרבעטן ביים שווער אין די געשעפֿטן. ער האָט גיך געכאַפּט דעם שניט און איז אַליין געוואָרן אַ גרויסער סוחר, און אַפֿילו אָנגעהויבן פֿירן מסחרים מיט אַנדערע לענדער. דער שווער איז שטאַרק צופֿרידן געווען פֿון אים.

אַזוי זענען אַריבער יאָרן, און דער שווער איז געשטאָרבן.

נאָך דעם שווערס טויט איז דער איידעם געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס איבער די געשעפֿטן. מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער איידעם שיקט אַרויס אַ שיף מיט סחורה אין אַ ווייטער מדינה. אַפֿן וועג איז געוואָרן אַ שטורעם, און די שיף איז אונטערגעגאַנגען מיט דער סחורה.

די ידיעה וועגן דעם ביטערן היזק איז אָנגעקומען פּונקט, ווען מאַן און ווייב האָבן געגעסן וואַרעמעס. זיי האָבן געהאַלטן ביי דער יויך, ווען דער בריווןטרעגער האָט געבראַכט די טעלעגראַמע, אַז די שיף מיט סחורה איז אונטערגעגאַנגען. דער מאַן לייענט איבער די טעלעגראַמע, פֿאַרטראַכט זיך אַ מינוט, לייגט זי אַוועק אַפֿן טיש און נעמט זיך צוריק צום יאַיכל. זיין ווייב נעמט די טעלעגראַמע, כאַפּט אַ קוק, און מאַכט אַ געוואַלד. זי שרייט אַפֿן מאַן, אַז אים, ווייזט אויס, אַרט נישט, וואָס זיי האָבן אָנגעוואוירן אַ שיף מיט סחורה, ווייל ער האָט נישט געהאַרעוועט אַף דעם. ס'איז איר טאַטעס געלט. מיטאַמאָל איז זי געפֿאַלן אין חלשות. אַז מ'האָט זי דערמינטערט, האָט מען זי אַריינגעלייגט אין בעט אַריין, און זי איז אָפּגעלעגן אַ מסוכן קראַנקע חדשים־לאַנג.

איין שיינעם טאָג, אַז דער דאָקטער איז געקומען זען, וואָס זי טוט, זאָגט ער צו איר מאַן, אַז פֿון היינט אָן מעג מען איר אָנהייבן געבן עסן אַ יאַיכל און אַ שטיקל עופֿן־פֿלייש. האָט זי זיך דערפֿרייט, און זיך צערעדט מיט איר מאַן ווי גליקלעך זי פֿילט זיך. זאָגט צו איר דער מאַן, אַ שמייכלענדיקער: „איצט פֿאַר־שטייסטו שוין, מיין ווייב, פֿאַרוואָס דיין טאַטע האָט מיך אויסגעקליבן. אַז ס'איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע, אַז די שיף מיט סחורה איז אונטערגעגאַנגען, האָב איך גלייך געזען, אַז ס'איז פֿאַרפֿאַלן, און ערגערן זיך און קראַנק ווערן פֿון דעם, וועט נישט העלפֿן. האָב איך באַלד גענומען ווידער עסן די יויך. און ביי דיר האָט גענומען חדשים־לאַנג, און מיט גרויסע צרות, ביז מ'האָט דיר דערלויבט ווידער צו עסן אַביסל יויך."

קיין נדבה גיט ער נישט, און רייכערט אַ לאַנגע ליולקע־ציבעק

אַ רב איז געגאַנגען צוזאַמענעמען געלט פאַר אַ וויכטיקער זאַך אין שטאָט. קומט ער צו גיין צום גביר און זאָגט אים צוליב וואָס ער איז געקומען. נאָר דער גביר, ווי דאָס זענען אַ סך גבירים, איז נישט פאַר קיינעם געדאַכט געווען אַ גרויסער קמצן, און ער האָט געהאַט אַ פאַרשלאָסן האַרץ און אַ פאַרמאַכטע האַנט. ער איז זיך אַרומגעגאַנגען מיט זיין לאַנגער ליולקע־ציבעק, און קיין נדבה האָט ער נישט געוואָלט געבן.

אַז דער רב זעט אַזאַ זאַך, קוקט ער אים אָן, לאָזט זיך גיין און זאָגט: „קיין נדבה גיט איר נישט, און רייכערן רייכערט איר אייך אַ לאַנגע ליולקע־ציבעק!"

דער גביר האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער רב מיינט. נאָר די ווערטער זענען אים אַריין אין נאָז: וואָס האָט אַ נדבה צו טון מיט דער ליולקע־ציבעק? רופט ער אים צוריק און זאָגט: „רבי, איכל אייך געבן אַ נדבה, נאָר מיט אַ תנאי, אַז איר זאָלט מיר דערקלערן, וואָס פאַר אַ שייכות סע האָט אַ נדבה מיט מיין לאַנגער ליולקע־ציבעק."

זאָגט דער רב: „איר פאַרשטייט, אַז אַ ייד גיט צדקה, גייט ער דערפאַר אין גן־עדן. און אַז ער וויל דאָרט פאַררייכערן—מוז ער אָנקומען נאָך פייער אין גיהנום. ער מוז דעריבער האָבן אַ לאַנגע ליולקע־ציבעק, צו קענען דערגרייכן מיט איר דאָס פייער. נאָר אַז אַ ייד גיט נישט קיין צדקה, גייט ער דאָך אין דעם פייער פון גיהנום. טאָ צו וואָס דאַרף ער דאָרט אַ לאַנגע ליולקע־ציבעק?"

דער פּראָסטער ייִד און דער רב

אַ פּראָסטער ייד, אַן עם־הארץ, וואָס האָט געהאַט אַ זון אַ לערנער, האָט אים אַמאָל גענומען לויבן פאַר דעם נייעם שטאָטישן רב. ער האָט זיך באַרימט: „מיין זון איז קלאָר אין פינף טויזנט בלאַט גמרא."

זאָגט דער רב: „ר' ייד, איר טרייבט אַביסל איבער. גאַנץ ש"ס האָט נישט אַזוי פיל דפים."

שמייכלט דער פאָטער: „מע זאָגט, רבי, אַז איר זענט אַ חכם. ווייסט איר דאָך אַוודאי, אַז אין שטאָט איז דאָ מער ווי איין ש"ס. מיין זון איז באַקענט מיט אַלע ש"סן פון שטאָט."

ר' שמואל דעם חזנס גן־עדן

ר' שמואל דעם חזנס, אַן עלטערער ייד, אַ בן־תורה, האָט זיך אַלע יאָרן געפירט, אַז דעם ערשטן האַלבן טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין בית־מדרש מיט דאַווענען און לערנען, און דעם צווייטן האַלבן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען קלויבן נדבות פאַר נויטבאַדערפטיקע אין שטאָט.

איינמאָל, אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג, איז ר' שמואל אַריינגעקומען אין אַ גביריש הויז. דאָרט האָט ער געטראָפן אַ גאַנצע חברה זיצן ביי אַ געגרייטן טיש

און שפּילן אין קאָרטן. אַז מ'האָט דערזען ר' שמואלן, האָט מען שוין געוואוסט צוליב וואָס ער קומט. רופט זיך אָן איינער פון די יונגעלייט: „ר' שמואל, פאַרקויפט מיר אייער חלק־עולם־הבא, און איר קריגט ביי מיר אַ גאַנצן הונדערטער."

דער ווינטער איז דעמאָלט געווען זייער אַ שווערער, און אין אַ סך אָרימע הייזער האָט מען געליטן פון דער ביטערער קעלט. טראַכט ר' שמואל, וויפיל אָרימע ער וועט דאָס קענען העלפן מיט אַ הונדערטער! זאָגט ער: „מסכים, יונגערמאַן. נאָר מיט אַ תנאי: אויב איך האָב מיר עפּעס פאַרדינט ביי יענעם, וואָס לעבט אייביק, ווייל איך פאַר מיר צוויי זאַכן. דאָס איבעריקע גיב איך אייך איבער, מיט אַ תקיעת־כף."

פרעגט דער יונגערמאַן: „למשל, וואָס ווילט איר פאַר אייך, ר' שמואל?"

„פאַר מיר וויל איך אַף דער אמתער וועלט צוויי גמרות און אַ גוטן חבר, אַ שאַך־שפּילער. דאָס איבעריקע בין איך אייך מוחל במחילה גמורה."

דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן. אַלע גוטע זאַכן, דעם שור־הבר, דעם לוויתן, דעם יין־המשומר און אַלץ, אַלץ האָט ר' שמואל פאַרקויפט, צו קענען העלפן זיינע אָרימע לייט. פאַר זיך אַליין האָט ער איבערגעלאָזט נאָר צוויי שווערע גמרות און אַ חבר, אַ שאַך־שפּילער.

ער ווייסט וואָס ער טוט

איר געדענקט דאָך אַוודאי די גרויסע בלאָטעס אין די שטעטלעך פון דער אַלטער היים? אַז ס'איז געקומען נאָך סוכות און ס'האָבן זיך געשטעלט די רעגנס, אָדער צווישן פורים און פסח, ווען די שנייען האָבן אָנגעהויבן צו לאָזן, זענען די בלאָטעס געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס'איז געווען אַ סכנה אַריבערצוגיין דעם מאַרק. מ'האָט געקענט איינפאַך פאַרזונקען ווערן אין בלאָטע.

טאָ וואָס טוען באַלעבאָסטעס, אַז מע דאַרף גיין איינקויפן אין אַזעלכע בלאָטעס? ווי אַזוי מאַכט מען שבת, אַז מע קען נישט צוקומען צו קיין געוועלב און צו קיין שוחט און צו קיין יאַטקע? און מאַכן שבת מוז מען דאָך! האָט מען זיך געגעבן אַן עצה: די טרעגערס, וואָס אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי געטראָגן תבואות, זעק מיט מעל, קאַסטנס און אַנדערע משאות, האָבן פאַר פינף קאָפּיקעס אויך געטראָגן די ווייבער פון איין עק מאַרק צום אַנדערן, אַז זיי זאָלן קענען איינקויפן אַף שבת.

מאַכט זיך אַמאָל אין אַזאַ צייט, אַז אַ באַלעבאָסטע גייט אַרויס אַ דאָנערשטאָג פון שטוב, איינצוקויפן אין מאַרק לכבוד שבת. זי גייט צו צו יאַנקל דעם טרעגער און נעמט זיך דינגען מיט אים, אַז ער זאָל זי אַריבערטראָגן די בלאָטע. נאָר מער ווי אַ דרייערל וויל זי נישט געבן. יאַנקל דער טרעגער האָט קודם נישט געוואָלט הערן פון אַראָפּלאָזן דעם מקח. ווייל ביי די טרעגערס איז געווען אַן אָפּגעמאַכטער פּרייז: פינף קאָפּיקעס. נאָר אַז די יידינע איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער מסכים געווען.

אַ צווייטער טרעגער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים, האָט דערהערט, אַז יאַנקל לאָזט אַראָפּ דעם פּרייז, נעמט ער שרייען צו אים: „גזלן, וואָס ביסטו מזלזל דעם מקח? קראַנק איז זי צו באַצאָלן פינף קאָפּיקעס?"

ווערט יאַנקל אין כעס, און גיט אַ כאַפּ די באַלעבאַסטע אַף דער פּלייצע מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איר קלייד, איך בעט אייך איבער, האָט זיך פאַרשאַרט אַביסעלע צו־הויך, און ער שרייט צו דעם אַנדערן טרעגער: „אַף מיין פּלייצע בין איך דער באַלעבאָס!"

דערוויל ליגט די יידינע אַף זיין פּלייצע און בעט זיך ביי אים: „האָט רחמנות, לאָזט אַראָפּ מיין קלייד. איך וועל אייך שוין געבן פינף קאָפּיקעס." נאָר יאַנקל טרעגער האַלט אין איין שרייען: „אַף מיין פּלייצע בין איך דער באַלעבאָס!"

ער האָט זיך זײַן וועג ווי אַזוי צו דערקענען מענטשן

ר' יעקב, דער וואַלד־סוחר, האָט חתונה געמאַכט זיינער אַ טאָכטער. זענען מחותנים געווען פריילעך, און ווין האָט זיך געגאָסן—אָט ביז אַהער. היינט ביר און בראָנפן, און צו דערצו אַ גלעזעלע טיי—מיט צוקער וויפיל מ'האָט געוואָלט.

דער מחותן אַליין איז נישט אָפּגעשטאַנען. מיט איטלעכן האָט ער געטרונקען לחיים, און מ'האָט זיך צוגעווינטשעוועט. אַז ער איז שוין געווען גוט פאַרשניאַשקעט, זיצט ער מיט מחותנים און מע רעדט געשעפטן. קומט צו רייד וועגן אָנשטעלן „מענטשן". זאָגט ר' יעקב, אַז ער וועט זיי אויסזאָגן אַ סוד. „איך, אַז איך דאַרף אָנשטעלן אַ נייעם „מענטש", האָב איך מיר מיין וועג ווי אַזוי אויסצופּרובירן, צי ער איז אַן ערלעכער מענטש, נישט קיין פאַרשווענדער." און ער דערציילט. און איר ווייסט דאָך: נכנס יין, יצא סוד, אַז דער ווין גייט אַריין, גייט דער סוד אַרויס. דערציילט ער: „ביי מיר אין מיין קאַנטאָר אַפן טיש שטייט אַ זודיקער סאַמאָוואַר מיט פינקלדיקע גלעזער און טיי־לעפעלעך. צו דערצו האָב איך מיר דאָרט אַ צוקער־פושקע מיט מעל־צוקער, און אַ צווייטע פושקע מיט האַרטע ציגעלעך צוקער. אַזוי האַלט איך מיר פאַרפּוצט מיין קאַנטאָר־טיש.

„נו, אַז אַ יונגערמאַן קומט זוכן אַ שטעלע, הייס איך אים זיצן, און מיר רעדן און שמועסן. איך גיס אים דערנאָך אָן אַ גלאָז טיי און בעט אים צו טרינקען, און מיר שמועסן ווייטער. זע איך, אַז ער טרינקט די טיי מיט אַ האַרט קלעצעלע צוקער, און צעבייסט נאָך דאָס קלעצל צוקער אַף העלפט, דעמאָלט ווייס איך שוין, אַז דערדאָזיקער מענטש איז אַ גנב. וואָרן ווען ער וויל ער דאָ נאַרן, דערדאָזיקער יונג? ווען איך בין דאָ נישטאָ, וואָלט ער געטון אַזוי? וואָלט ער זיך נישט געמאַכט אַ זיס גלאָז טיי מיט מעל־צוקער? האָ, נישט אַזוי? אלא וואָס דען, ער וויל כלומרשט באַווייזן, אַז ער איז אויסגערעכנט, שפּאָרזאַם, און וויל מיך אָפּנאַרן אין די אויגן, דער זשוליק.

„נאָר זעט איר, אַז אַ מענטש קומט צו מיר און מאַכט זיך לכתחילה אַ זיס גלאָז טיי, ער נעמט זיך פּראָסט און פּשוט אַ לעפעלע מעל־צוקער, אָדער אַפילו צוויי לעפעלעך, אָט־דאָ, טאַקע גלייך פאַר מיר אין די אויגן, אַזאַ מענטש קען מען זאָגן, איז אַן ערלעכער מענטש, תוכו כברו. ער איז אינעווייניק און אויסנווייניק גלייך. אָדער לכל הפּחות וועט דערדאָזיקער מענטש זיכער ווינציקער גנבענען ווי יענער, וואָס וויל מיך נאַרן און פון מיר חוזק מאַכן נאָך איידער איך האָב אים צוגענומען."

ס'איז אַ בפֿירושער פּסוק

אַן איידעמל נאָך דער חתונה האָט אַמאָל געקומען זיינע ק"ן ראַיניש בדן און איז אַרויסגעגאַנגען האַנדלען אין מאַרק. איינמאָל הערט ער צווישן יידן, אַז אין דער דערבייאיקער שטאָט וועט אין גיכן זיין אַ גרויסער יאַר־יעריד. אַז ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט, הייבט זיך אויף דער יונגערמאַן און פֿאָרט באַצייטנס אַוועק אין יענער שטאָט אַריין. געקומען—איז ער פֿאַרפֿאַרן אין אַן איינפֿאַרהויז, האָט זיך באַשטעלט אַ פּלאַץ, און איז אַרויסגעגאַנגען האַנדלען. אַזוי זענען אַריבער עטלעכע טעג.

אַז ס'איז געקומען ערב־שבת, נעמט דער יונגערמאַן קלערן וואָס צו טון מיט דעם געלט וואָס ער האָט ביי זיך. ער וועט עס דאָך נישט האַלטן און אַרומטראָגן מיט זיך אום שבת! און געבן דאָס געלט דעם בעל־אַכסניה, צו באַהאַלטן עס, וויל ער אויך נישט, וואָרן דער בעל־אַכסניה געפֿעלט אים עפּעס נישט. גיב נאָר אַ קוק ס'אַ פּנים דאָס האָט! טאָ וואָס טוט מען? ער וויל דאָך פֿאָרט נישט מחלל שבת זיין! פֿאַלט אים איין אַ געדאַנק: ער וועט אַריינגיין אין בית־המדרש און באַהאַלטן דאָרט דאָס געלט אין אַ חומש.

געטראַכט און געטון. ער איז אַריין אין בית־המדרש, האָט אַראָפּגענומען אַ חומש פֿון אַ פּאָליצע אין דער וואַנט־שאַפֿע, האָט אויפֿגעמישט די עשרת הדברות און אַוועקגעלייגט דאָס געלט גלייך אַף דעם „לא־תגנוב!" איצט איז ער שוין געווען רואיק. וואָרן ווער וועט זיך דאָס דערוועגן עובר צו זיין אַף דעם געבאָט פֿון דער תורה, אַז ער וועט זען דעם „לא־תגנוב" פֿאַר די אויגן? אַ ייד איז נישט קיין גנב. נישט מער, דער יצר־הרע גיט אים אַמאָל אַ שטופּ די האַנט צו אַ זאַך, וואָס מע טאָר נישט רירן. נאָר אַז ער וועט זען דעם „לא תגנוב"—וועט זיך זיכער קיינער נישט צורירן צום פֿרעמדן געלט.

אַ צופֿרידענער פֿון זיין גוטן איינפֿאַל, איז ער אַוועק אין מרחץ אַריין און האָט זיך גוט אויסגעבאָדן לכבוד שבת. דערנאָך איז ער אַוועק דאַוונען. נאָכן דאַוונען האָט ער געפּראַוועט די שבתדיקע סעודה אין דער אכסניה, אַן אויפֿגעלייגטער, אַ צופֿרידענער. און אַזוי איז אַריבער דער שבת.

גלייך נאָך הבדלה, איז ער אַוועק אין בית־המדרש אַריין, נעמט אַרויס דאָס חומש, גיט אַ קוק—דאָס געלט איז נישטאָ! ער איז שיר אַנידערגעפֿאַלן. אַפֿן פּלאַץ פֿון געלט ליגט אַ צעטעלע מיט די ווערטער: „מישט אויף די סדרה „בהעלותך" און גיט אַ קוק, וועט איר זען, אַז דאָרט שטייט בפּירוש: „לא ישאירו ממנו עד בוקר—איר זאָלט גאָרנישט ניט איבערלאָזן פֿון אים ביז אין דער פֿרי."

באַמערקונג: דער „לא ישאירו" באַציט זיך אַף דעם קרבן־פּסח (במדבר ט, יב).

אים אַרט עפּעס אַנדערש

דער פּעטער ישמעאל איז אַמאָל געקומען קיין קאָברין אַפֿן יעריד. ווי נאָר ער איז אַראָפּ פֿון דער באַן און איז אַרויס פֿון וואָקזאַל אין גאַס אַרויס, קומט אים אַנטקעגן אַ יונגאַטש און שטעלט אים אָפּ און פֿרעגט אים, צי ער קען אים אפשר

צעבייטן אַ גילדן אַף קלייגעלט. דער פעטער ישמעאל טראַכט נישט לאַנג, שטעקט אַריין די האַנט אין בוזעם־קעשענע און נעמט פון דאָרט אַרויס זיין לייוונטענעם בייטל מיטן געלט. נאָר אין דער מינוט, ווי נאָר ער האָט געוואָלט עפענען דעם בייטל, גיט דער יונגאַטש אַ כאַפּ אַרויס ביי אים דאָס געלט און ווערט מיט אים נעלם אונטער דער האַנט.

שטייט דער פעטער ישמעאל און חידושט זיך אַף דעם, וואָס דאָ האָט גע־טראָפן. נעמט בשעת־מעשה מיט צוויי פינגער אַ שטיקל באָרד צו די ליפן, טראַכט און זאָגט: „אַזאַ יונגאַטש אַ שייגעץ! מיך אַרט נישט די עטלעכע גילדן, וואָס ער האָט ביי מיר צוגענומען. צוגענומען—פאַרפאַלן. מיך אַרט, וואָס אַזאַ יונגאַטש—אַ שייגעץ האָט געקענט אָפּנאַרן דעם פעטער ישמעאל.”

ס'איז נישט קיין קלייניקייט גערופן צו ווערן מיט אַזאַ נאָמען

אין שטעטל איז געווען אַ שמיד. משה דער קאָוואַל האָט ער געהייסן. און אַרויסגערעדט האָט מען זיין נאָמען נישט סתם ווי מע רעדט אַרויס אַ נאָמען, נאָר עפּעס אַזוי, אַז דאָס האָט אויסגעדריקט פאַראַכטונג: משהקע קאָוואַליוק. וואָרן וואָס אמת איז אמת: קיין גוטן שם האָט דער קאָוואַל נישט געהאַט. וואו ערגעץ אַ געשלעג אין שטעטל, איז דאָרט געווען משה דער קאָוואַל, און וואו עפּעס אַ מיאוסע מעשה, איז משה דער קאָוואַל געווען פאַרמישט אין דעם.

נאָר כאָטש משה דער קאָוואַל איז געווען וואָס אין דער קאָרט, האָט ער אָבער געהאַט קינדער פיינע, לייטישע, גאָרנישט ביט געראָטן אין טאַטע. צוועלף קינדער, זין און טעכטער, און איינס ווי איינס לייט. עטלעכע זין זענען געווען געשעפטסלייט, סוחרים. עטלעכע פון זיי זענען געווען גוטע בעל־מלאכות, און די איידעמס אויך אַזוי. ווער אַ סוחר, ווער אַ בעל־מלאכה.

מאַכט זיך, אַז משה דער קאָוואַל ווערט מסוכן קראַנק און טראָגט זיך אָפּ אַף יענער וועלט. געשטאָרבן, האָבן די קינדער צוגעגרייט אַ שיינע לוויה, און האָבן געוואָלט, אַז דער רב זאָל דעם טאַטע זייערן מספּיד זיין. נאָר דער רב האָט נישט געוואָלט. וואָרן אַלע האָבן דאָך געוואוסט ווער דער קאָוואַל איז געווען. האָט ער זיך פּרובירט אַרויסדרייען, און האָט זיי געשיקט צום דיין. זאָל דער דיין אים מספּיד זיין. נאָר דער דיין האָט אויך נישט געוואָלט. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט די קינדער פון דעם קאָוואַל און זיי געראָטן, אַז זיי זאָלן בעטן דעם רב פון דעם דערבייאיקן שטעטל, אַז יענער זאָל קומען און מספּיד זיין זייער פאָטער.

די קינדער האָבן זיך גלייך אַריבערגעכאַפּט אין דעם דערבייאיקן שטעטל, האָבן דאָרט גערעדט מיטן רב און יענער האָט מסכים געווען. ער האָט געוואוסט ווער ס'איז געווען דער קאָוואַל. כאָטש אַזוי, האָט ער מסכים געווען. ער האָט זיך נאָר אויסגענומען מיט זיי, אַז דערפאַר זאָלן זיי פאַרריכטן דאָרטן דאָס באָד פאַר די אָרימעלייט.

דער רב איז געקומען צו פאָרן און האָט זיך געשטעלט מספּיד זיין דעם קאָוואַל. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם נאָמען משה. וואָס פאַר אַ הייליקן נאָמען דער קאָוואַל האָט דאָס געהאַט. עפּעס אַ קלייניקייט, משה, משה רבינו! משה,

וואָס האָט אונז אַרויסגעפירט פון מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט; משה, וואָס האָט אונז געבראַכט צום באַרג סיני און אונז געגעבן די עשרת־הדברות, די תורה; משה, וואָס האָט אונז געפירט דורך דער מדבר און אונז געבראַכט צום צוגעזאָגטן לאַנד. משה, אַ קלייניקייט!

די קינדער דעם קאַוואַלס זענען געזעסן און זיי האָט גענומען פאַרדריסן, וואָס דער רב רעדט גאָר וועגן משה רבינו. זיי האָבן אָנגעהויבן מורמלען. נאָר מיטאַמאָל האָט דער רב געענדיקט:

„אוי, וויי־געשריגן! יענער האָט געהייסן משה, און דער האָט אויך געהייסן משה!"

די תורה איז טאַקע גערעכט, נאָר מ'האָט געדאַרפט טײַטשן אַביסל אַנדערש

אַ ייִד—אַ פּי־סוחר, איז געקומען צום רבי נאָך אַן עצה. וואָס איז? די אַנדערע וואָך איז יעריד אין לאַשקעוויץ. וויל ער פאָרן אַהין, צו קויפן בהמות. נאָר ער וויל הערן קודם דעם רביס עצה: „רבי, זאָל איך פאָרן קויפן אָקסן?"

דער רבי קוקט אים אָן און זאָגט **ניין**. ער זאָל נישט קויפן. ער האָט אַף דעם אַ בפירושע ראיה פון דער תורה: „אָט גייט די וואָך די סדרה **נצבים**, וואָס מיינט **שטיי**, אייל דיך נישט מיט קויפן. וואַרט צו."

דער חסיד האָט געפאָלגט. ער איז דאָך געקומען צום רבי נאָך אַן עצה, און אַז דער רבי זאָגט **ניין** איז ניין.

נאָר ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען אַ טעות. מ'האָט געקויפט אַפן יעריד בהמות בחצי־חינם, און סוחרים האָבן געמאַכט געלט, ווייל גלייך נאָך דעם איז דער מקח אַף בהמות שטאַרק אַרויף.

אַף דער אַנדערער וואָך קומט דער סוחר ווידער צום רבי, צו מיישב זיין זיך מיט אים. מילא, לאַשקעוויץ איז שוין פאַרפאַלן. נאָר אָט איז די טעג יעריד אין אַלמיץ. וויל ער פאָרן אַהין, צו קויפן בהמות. נאָר ער וויל הערן קודם דעם רביס עצה: „רבי, זאָל איך פאָרן קויפן אָקסן?"

דער רבי קוקט אים אָן און זאָגט **יאָ**, ער זאָל למען־השם פאָרן. ער האָט אַף דעם אַ בפירושע ראיה פון דער תורה: „אָט גייט די וואָך די סדרה **וילך**— **און ער איז געגאַנגען**. הכלל, די תורה זאָגט בפירוש **גיין**. אייל דיך, גיי."

דער חסיד האָט געפאָלגט. ער איז דאָך געקומען צום רבי נאָך אַן עצה, און אַז דער רבי זאָגט **גיין** איז גיין. און ער איז געפאָרן קיין אַלמיץ אַפן יעריד און האָט געקויפט אָקסן, און דווקא פאַר אַ הויכן פרייז. נאָר באַלד זענען בהמות געפאַלן אין מקח, און דער סוחר האָט אָנגעוואוירן אַ מטמון מיט געלט. ער האָט דערלייגט ממש דעם קאָפּ און איז שיר בדלות געוואָרן. קומט ער שוין ווידער צום רבי. דאָס מאָל שוין נישט נאָך אַן עצה, נאָר מיט אַ טענה: „סטייטש, רבי, איך בין דאָך ממש בדלות געוואָרן. קודם האָט מיך דער רבי געראָטן—**נישט** קויפן, בשעת מ'האָט גראָדע יאָ געדאַרפט קויפן, און איך וואָלט געקענט מאַכן אַ פאַר־

מעגן. דערנאָך האָט דער רבי געראָטן—י אַ קויפּן, און איך האָב געקויפט און דערלייגט ממש דעם קאָפּ."

„הער נאַר," זאָגט דער רבי, „וואָס בין איך—אַן אָקסן־סוחר, וואָס דו קומסט צו מיר וועגן אַזעלכע זאַכן? איז מיין טאַטע, זכרונו לברכה, געווען אַן אָקסן־סוחר? זענען מיינע פעטערס אָקסן־סוחרים? אַ מעשה! כאָטש אַזוי זע איך, אַז די תורה איז גערעכט, נאָר מ'האָט געדאַרפט טייטשן די סדרה אַביסל אַנדערש: נ צ ב י ם—שטיי, שטיי אָפן יעריד און קויף, קויף וויפיל דו קענסט. און באַלד נאָך דעם ו י ל ך—גיי, אַנטלויף פון דעם צווייטן יעריד, גענוג, קויף נישט מער."

ער פאַרשטייט די ריכטיקע טייַטש

אין שטעטל איז געווען אַ כוהן, אַן איינציקער כוהן צווישן יידן. האָט דער עולם אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און מ'האָט זיך געצאַצקעט מיט אים ווי מיט אַן אבן־טוב. אַ קלייניקייט! ער בענטשט זיי דאָך יעדן יום־טוב נאָכן דאַווענען!

נאָר יידן האָבן באַמערקט, אַז דער כוהן האָט אַ טבע, אַז ווי נאָר ער ענדיקט דאָס דוכענען, שפּייט ער אויס. פרעגט מען אים איינמאָל: „סטייטש, וואָס איז דאָס? וואָס שפּייט ער עפּעס אויס סוף פון דוכענען? און צי ווייסט ער דעם טייטש פון די ווערטער אין דער ברכה?"

זאָגט דער כוהן: „איך וועל אייך זאָגן, יידן, דעם אמת. קיין סך ווייס איך נישט. נאָר עטלעכע ווערטער פאַרשטיי איך יאָ. י ב ר כ ך איז די טייטש—ער זאָל דיך צעברעכן, ו י ש מ ר ך—און ער זאָל דיך צושמידן, י א ר—ער זאָל דיך שעלטן, ווי מיין ווייב די ארורה, א ל י ך—דיין גאָט, ו י ח נ ך—ער זאָל דיך דערוואָרגן, ו י ש ם—און דו זאָלסט ווערן אַ יתום."

„אַזוי בענטשט מען גאָטס פאָלק ביים דוכענען?"—פרעגן די יידן דער־שטוינט. זאָגט דער כוהן: „איך טראַכט דערביי, אַז דאָס זאָל פאַלן אויף שונאי־ישראל און איך שפּיי דערביי אויס אויף זיי."

באַמערקונג: ו י ש מ ר ך האָט ער געלייענט ו י ש מ ד ך.

דער ייִד מיט די צוויי קעשענעס

אין דעם אונגאַרישן שטעטל ווישיווע איז געווען אַ שוחט, ר' משה אליעזר דער שוחט. אַ ייד צו גאָט און צו לייט, פול מיט תורה און חכמה. און כאָטש ער איז געווען אַ ייד—אַן אָרימאַן, איז ער געווען תמיד אויפגעלייגט, און האָט ליב געהאַט אַ גלייכווערטל.

ווען מ'האָט דעם שוחט באַגעגנט אין גאַס—איז ער געווען פאַרהאַוועט. נישט, חלילה, מיט אייגענע געשעפטן. וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט אַזאַ שוחט געקענט האָבן, אַז ער איז געווען אַן עני־ואביון? און דאָך איז ער אַלעמאָל געווען פאַרהאַוועט ווי ער וואָלט געדאַרפט פאַרזאָרגן די וועלט. און ער האָט טאַקע פאַר־זאָרגט. אַלע אָרימעלייט אין שטעטל האָט ער פאַרזאָרגט. בפרט די אַראָפּגעקו־מענע באַלעבאַטים, די יורדים, וואָס האָבן זיך געשעמט אַרויסצוגעבן פאַר דער

וועלט, אַז זיי זענען אָרים. פֿאַר אַזעלכע יידן האָט ער געגעבן זיין לעבן. ער איז אַרומגעגאַנגען קלויבן געלט פֿאַר זיי, און האָט געזען, אַז ס'זאָל חלילה, גאָרנישט ניט פֿעלן.

נאָר דערביי האָט ר' משה אליעזר אָפֿט איינגענומען בושות און בזיונות. ווארן מ'האָט אים נישט איינמאָל געלאָזט שטיין כענֵי בפתח, און מ'האָט אים די נדבה נישט אונטערגעטראָגן ווי סע וואָלט באַדאַרפֿט צו זיין. חוץ דעם האָבן זיך קמצנים געוויצלט, אַז ער קלויבט מסתמא אויך פֿאַר זיך. ווארן ער איז דאָך אַליין אויך אַ ייד—אַן אָרימאַן.

איינמאָל פֿרעגט מען אים: „ר' משה אליעזר, וואָס אַרבעט איר אַזוי מעשים פֿאַר אַנדערע? מ'איז דאָך אייך מבזה!"

דער שוחט טראַכט נישט לאַנג און ענטפֿערט: „אַז איך גיי קלויבן געלט, נעם איך מיר מיט צוויי קעשענעס. אין איינער פֿון זיי לייג איך אַריין דאָס געלט, און אין דער אַנדערער—די בזיונות. נאָר די אַנדערע האָט, ברוך־השם, אַ לאָך, פֿאַלן זיי גלייך צוריק אַרויס."

ער האָט דעם ריכטיקן ענטפֿער

אַ קרעמער איז געזעסן און האָט פֿאַרשריבן חובות אין בוך. ער האָט פֿאַרשריבן האַלב אויף יידיש, האַלב אויף לשון־קודש. דעם האָט ער געגעבן אויף באָרג אַ הערינג פֿאַר פֿינף קאָפּיקעס, דעם האָט ער געגעבן קוואַס פֿאַר דריי קאָפּיקעס, און צום סוף: נ ת ט י לאיוואַן ב' רובל, אַז ער האָט געגעבן איוואַנען צוויי רובל.

שטייט לעבן אים זיין ייִנגעלע און זעט ווי דער פֿאָטער האָט געשריבן נ ת ט י מיט אַ טית. זאָגט ער צו אים: „טאַטע, ס'אַ טעות. נ ת ת י שרייבט מען מיט אַ ת י ו, און נישט מיט קיין ט י ת."

„פֿון וואַנען ווייסטו דאָס, מיין קינד?"

„אין דאַווענען שטייט אַזוי," ענטפֿערט דאָס ייִנגל. און ער ברענגט צו אַ סידור און ווייזט אים ווי סע שטייט: ו נ ת ת י מ ט ר א ר צ כ ם ב ע ת ו.

פֿרעגט דער פֿאָטער: „וואָס מיינט דאָס, קינד?"

זאָגט דאָס ייִנגעלע: „גאָט זאָגט, און איך וועל געבן דעם רעגן אין אייער לאַנד אין זיין צייט."

דער פֿאָטער גיט אַ טראַכט און זאָגט: „דו ביסט גערעכט, מיין קינד. אַז סע רעדט זיך וועגן רעגן, איז נ ת ת י מיט אַ ת י ו, נאָר אַז מע רעדט וועגן געלט, איז נ ת ט י מיט אַ ט י ת."

דאָס ייִנגל שווייגט אַ מינוט. מיטאַמאָל צעשיינט ער זיך און זאָגט: „טאַטע, ווען אברהם האָט געקויפֿט די מערת־המכפּלה, צו קענען מקבר זיין שרהן, רעדט זיך דאָך דאָרטן אויך וועגן געלט, וואָרן סע שטייט נ ת ת י כ ס ף ה ש ד ה— איך גיב דאָס געלד פֿאַר דעם פֿעלד, איז דאָרט נ ת ת י אויך מיט אַ ת י ו."

„אויב אַזוי, קינד," זאָגט דער פֿאָטער מיט ישוב־הדעת, „איז טאַקע דאָ, ווייזט אויס, אַ טעות, און דו ביסט גערעכט, וואָרן געבן איוואַנען געלט, איז בכלל אַ טעות."

ס׳איז אים געגונג זײַנע אײגענע חובות

צוויי יידן, אַ קצב און אַ בעל־עגלה, זענען געקומען צום רב מיט אַ דין־תורה. דער קצב האָט געמאָנט ביים בעל־עגלה הונדערט ראַייניש אַ חוב. נאָר דער בעל־עגלה האָט געלייקנט שטיין און ביין און נישט געוואָלט אפילו הערן פון דעם.

דער רב האָט זיי ביידע אויסגעהערט, האָט איבערגעטראַכט און געפּאַסקנט, אַז זיי זאָלן זיך פאַרגלייכן אַף אַ העלפט, דער בעל־עגלה זאָל באַצאָלן דעם קצב פופציק ראַייניש. דער בעל־עגלה הערט אויס דעם פּסק און גיט אַ פרעג בתמימות: „רבי, גאָט איז אמת?״

„וואָס הייסט? אַוודאי, מיין זון,״ זאָגט דער רב פאַטערלעך.

„נו, און די תורה, רבי, איז אויך אמת?״ פרעגט דער בעל־עגלה ווייטער.

„אַוודאי, ווי דען? גאָט איז אמת און זיין תורה איז אמת.״ ענטפערט דער רב.

„נו, און איר, רבי, זאָגט, אַז אייער פּסק איז פון דער תורה?״

„אַוודאי, מיין זון! וואָס זענען דאָס פאַר אַ קשיות?״ ווערט דער רב אַביסל שטרענגער.

„אויב אַזוי, רבי,״ טענהט דער בעל־עגלה ווייטער, „ווי אַזוי קען דאָס אַלעס זיין אמת, אַז איך ווייס, אַז איך בין אים נישט שולדיק קיין פרוטה?״

דער רב ווערט שוין נאָך שטרענגער און זאָגט: „איך וועל דיר דערקלערן, מיין זון: סע קאָן זיין, אַז דיינער אַ זיידע איז אַמאָל ביים לעבן שולדיק געבליבן זיינעם אַ זיידע הונדערט ראַייניש, און האָט נישט באַצאָלט. כדי דיין זיידעס נשמה זאָל קריגן איר תיקון און האָבן מנוחה אַף יענער וועלט, מוזסטו באַצאָלן פאַר אים דעם חוב.״

דער בעל־עגלה פאַרטראַכט זיך און זאָגט: „איצט זע איך, אַז גאָט איז אמת און זיין תורה איז אמת. נאָר צוליב דעם, אַז מיין זיידע זאָל האָבן דאָרטן מנוחה— וועל איך קיין חובות נישט צאָלן פאַר אים, רבי. ס׳איז גענוג פאַר מיר, אַז איך קען צאָלן מיינע אייגענע חובות.״

צו וואָס וואַרטן אַף שפּעטער?

ר׳ יאָסל און ר׳ יאַנקל זענען געווען צוויי שכנים, צוויי קרעמער. איינמאָל קומט ר. יאָסל אַריין צו ר׳ יאַנקלען, אַז ער זאָל אים געבן פינף־און־צוואַנציק ראַייניש אַ גמילת־חסד. ר׳ יאַנקל האָט זיך נישט געאיילט אַרויסצונעמען געלט און אים לייען. ער האָט אים גענומען אויספרעגן: אַף וואָס? אַף ווען? וואָרן ער האָט געוואוסט, אַז לייען יאָסלען געלט—וועט זיין צוויי פּאַ׳ען, דאָס הייסט, פ א ר־פ אַ ל ן. זאָגט ער צו אים: „איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, ר׳ יאָסל? קומט מיט מיר צום רב.״

„צום רב?״ קוקט אים אָן ר׳ יאָסל, „וואָס עפּעס אין מיצקעדערינען צום רב?״

„פאַרשטייט איר מיך, ר׳ יאָסל, וואָס באַדאַרף איך אייך געבן פינף־און־צוואַנציק ראַייניש און דערנאָך אייך שלעפּן צום רב? לאָמיר בעסער שוין אַריבער־גיין צום רב און זיך פאַרגלייכן.״

ווער ס'איז גרעסער

(אַ מתנגדיש מעשהלע)

זיצן צוויי חסידים און שמועסן. זיי אַמפּערן זיך ווער פון די רבים ס'איז אַ גרעסערער בעל־מופת. דער זאָגט, אַז זיין רבי איז גרעסער, און דער זאָגט, אַז זיין רבי איז גרעסער. „אַט הער אַליין," זאָגט איינער. „מיר זענען אַמאָל געגאַנגען מיט אונזער רבי פון אַ שמחה. אַפּן וועג האָט אונז געכאַפּט אַ שלאַקס־רעגן. זענען מיר צוגעלאָפן צו אַ שטוב, און ווער ס'האָט געקענט, האָט זיך אַהיין אַריינגעשטופּט אינעווייניק. נאָר אַ סך זענען געבליבן אין דרויסן, ווייל די שטוב איז געווען צו קליין פאַר אַלע חסידים. אַז אונזער רבי זעט ווי די חסידים שטופּן זיך, זאָגט ער, אַז זיי זאָלן וואַרטן אַ מינוט. ער וועט הייסן די ווענט, זיי זאָלן זיך פונאַנדעררוקן, וועט באַלד זיין פּלאַץ פאַר אַלע. די חסידים האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געוואַלד, און זיי האָבן זיך גענומען בעטן, אַז דער רבי זאָל דאָס נישט טון. זיי ווילן ליבערשט שטיין אין רעגן, האָבן זיי געטענהט. ווייל אַז די ווענט וועלן זיך פונאַנדעררוקן, קען נאָך, חלילה, אַראָפּפאַלן די סטעליע אַפּן קאָפּ. ,נו, אויב אַזוי', זאָגט דער רבי, ,זאָלן די ווענט שטיין ווי זיי שטייען.' און ער האָט זיי צוליב געטון."

„זעסטו," זאָגט דער אַנדערער, „אויב אַזוי, איז טאַקע מיין רבי גרעסער. אַז מיין רבי דאַרף, רעדט ער מיטן רבונו־של־עולם אַליין."

לאַכט שוין דער ערשטער: „דו האָסט עס געהערט?"

„ניין," זאָגט דער אַנדערער, „איך האָב עס נישט געהערט, נאָר דער רבי האָט דאָס אַליין דערציילט."

„אַזוי!" זאָגט דער ערשטער, „ער האָט דאָס אַליין דערציילט?! אפשר האָט דיין רבי אויסגעטראַכט אַ מעשה נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן?"

„ע, ביסטו דאָך אַ חצוף־מחוצף!" זאָגט דער אַנדערער. „אַ מענטש, וואָס רעדט מיטן אייבערשטן, וועט אויסטראַכטן און זאָגן אַ ליגן?"

ער האָט געוואוסט פאַרוואָס ער האָט ליב געהאַט זיין מלאכה

אין אַ שטעטל לעבן ווילנע האָט דער גביר חתונה געמאַכט זיינער אַ טאָכטער. צו דער חתונה האָט מען אַנגעגרייט צו עסן און צו טרינקען פון אַלעם גוטן. חוץ דעם האָט מען אויך אַראָפּגעבראַכט צו דער חתונה אַ קאַפּעליע קלעזמער און דעם בעסטן בדחן פון יענער צייט, דעם באַרימטן דיכטער אליקום צונזער. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען אַף רעדלעך. צו דער חופּה איז געווען גרויס און קליין. אַלע זענען געלאָפן הערן ווי אליקום בדחן וועט באַזינגען די כלה צו באַדעקנס.

אַז ס'איז געקומען צו דעם חתן־כלה מאַלצייט, האָט אליקום בדחן משמח געווען דעם עולם. ער האָט געזונגען לידער, געזאָגט וויצן און געשאָטן מיט תורה־ווערטלעך. נאָכן אויסרופן דרשה־געשאַנק, גייט צו אים צו דער רב, דער מסדר קידושין, און זאָגט: „ר' אליקום, איך שעם מיך פאַר אייך." אליקום קוקט אים

אַן מיט אַ פרעגנדיקן בליק, און דער רב זאָגט: „איך שעם מיך, וואָס אַ ייד, וועל־כער קען אַזויפיל לערנען, זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ זאַך ווי בדחנות.״

מאַכט שוין אליקום אַן ערנסט פנים און פרעגט: „לויט אייך, רבי, וואָס וואָלט אַזאַ ייד ווי איך געדאַרפט טון?״

„איך ווייס?״ קוועטשט דער רב מיט די פלייצעס. „איך גלייב, אַז אַ ייד, וואָס קען אַזויפיל תורה, האָט געדאַרפט זיין אַ רב, און נישט קיין בדחן.״

אליקום גיט אויף אים ווידער אַן ערנסטן קוק און ענטפערט: „ניין, רבי, ס'אַ טעות. איך גלייב, אַז ווען איר וואָלט געקענט אַזוי לערנען ווי איך, וואָלט איר אויך ניט געווען קיין רב.״

נאָך אַ מעשהלע פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין רב

ניין ברידער זענען זיי געווען. אַלע למדנים און רבנים. אַכט פון זיי האָבן פאַרנומען דאָס כסא־הרבנות אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך איבער פוילן. און וואָס איז געווען מיט דעם נײַנטן, מיט דעם, וואָס האָט זיך נישט פאַרנומען מיט רבנות?—דער ניינטער איז געווען אַ שוישפּילער. איינער פון די ערשטע אויס־געצייכנטע יידישע אַקטיאָרן.

אשר זעליג שור האָט ער געהייסן. ער איז געווען דער פאָטער פון דעם שפּעטערדיקן יידישן דראַמאַטורג משה שור. אויך ער, אשר זעליג, האָט געהאַט סמיכה אַף רבנות. אַ שטיק צייט איז ער געווען אַ דיין. נאָר פּלוצים איז אריין אין אים אַ מעמקאַליע. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער השכלה, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין די טרייפענע ביכלעך, און איז געוואָרן אַ גרויסער קענער פון פאַרשידענע לשונות.

אַז זיין שווער, דער גרויסער בראָדער עושר און ריזשינער חסיד, ר' אלי' דאַכעס, האָט אים געכאַפּט מיט די טרייפענע ביכלעך, האָט ער ביי אים צוגעצ־נומען דאָס ווייב מיט די קינדער און אים אַרויסגעטריבן פון שטוב.

אשר זעליג האָט זיך שפּעטער באַקענט מיט אברהם גאָלדפאַדן, איז אַריינ־געטרעטן אין זיין טרופּע, און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ באַרימטער אַקטיאָר. איינמאָל קומט אשר זעליג מיט אַ חברה שוישפּילער אין אַ שטעטל אריין, וואו איינער פון זיינע ברידער איז געווען רב. די חברה איז פאַרפאָרן אין אַן אכסניה אין אַ סאַמע פרייטאָג.

גאַנץ שבת איז אשר זעליג געלעגן אין דער אכסניה און איז נישט אַריבער־געטרעטן די שוועל. דאַוונען איז ער נישט געגאַנגען. האָט ער זיך דעריבער אין גאַנצן נישט געוואָלט ווייזן אין גאַס. וואָרן צו וואָס זאָל זיין ברודער, דער רב, האָבן אומזיסטע עגמת־נפש? נאָר אַז ס'איז געקומען צו שלוש־סעודות, איז אשר זעליג אַוועק צום ברודער אין קלויז צוזאַמען מיט עטלעכע פון זיין חברה שוישפּילער.

דער רב האָט אים גלייך דערקענט, נאָר ער האָט אים אפילו קיין שלום נישט געגעבן. ערשט נאָך מנחה, אַז מ'האָט זיך געוואַשן און געזעצט צום טיש, האָט דער רב אַ וואונק געטון צום שמש, אַז ער זאָל די געסט אַוועקזעצן ביים טיש.

די יידן האָבן געקוקט פאַרחידושט: „ווי קומען אַזעלכע טרייפניאַקעס אָן באָרד און פּיאות צום רבים טיש?"

דער רב האָט דאָס גוט באַמערקט. און אַז ער האָט געדאַרפט אָנהייבן זאָגן תורה, רופט ער זיך אָן צו אָשר זעליגן און זאָגט: „אָשר זעליג, די יידן קוקן אַף דיר און ווייסן נישט ווער דו ביסט. זאָג עפּעס מעניני־דיומא, סע גייט היינט בשלח. זאָלן זיי וויסן אַז דו ביסט מיינער אַ ברודער."

אָשר זעליג לאָזט זיך נישט בעטן און נעמט זאָגן תורה. פּערל האָבן זיך געשאָטן פון זיין מויל. אַלע זענען געזעסן פאַרגאַפט. אַז אשר זעליג האָט גע־ענדיקט, רופט זיך אָן דער רב צו אים: „אשר זעליג, זע, דו ביסט אָנגעשטאָפּט מיט תורה. צו וואָס דאַרפסטו זיין אַ שווישפּילער? דו וואָלטסט דאָך געקענט זיין רב אין דער גרעסטער קהילה ביי יידן?"

שמייכלט אָשר זעליג און ענטפערט: „ווען דו, ברודער, וואָלטסט געקענט דאָס, וואָס איך קען, וואָלטסטו אויך נישט געווען קיין רב."

פאַרוואָס דער פּראָסטאַק פרייט זיך אויך מיט דער תורה

שמחת־תורה צו די הקפות האָט דער רב אין בית־מדרש באַמערקט ווי יאַנקל דער טעפער, אַ ייד—אַ פּראָסטער חי־וקים, טאַנצט מיט דער תורה און זינגט און פרייט זיך. דעם רב האָט דאָס הנאה געטון, און שמייכלענדיק פרעגט ער אים: „זאָג מיר נאָר, יאַנקל, וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי? האָסטו דורכן יאָר דורכגעלערנט די תורה, וואָס דו פרייסט דיך מיט איר אַזוי שטאַרק?"

„ביין, רבי," זאָגט יאַנקל, „איר ווייסט דאָך, אַז איך קען נישט לערנען. נאָר די מעשה פון דעם איז אַזאַ: פאַר צוויי וואָכן, יום־כּיפּור, האָב איך מיר ביי די „על־חטאס" געשלאָגן אין האַרץ. דעמאָלט האָב איך מיר אויך געשלאָגן אין האַרץ פאַר דער עבירה „שחטאנו לפניך בפלילות." אין דער אמתן האָב איך נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ זינד דאָס איז. האָב איך אייך געפרעגט. האָט איר מיר געזאָגט, אַז דאָס מיינט מען די זינד, וואָס מיר האָבן געזינדיקט מיט משפּטן פאַלש. נו, רבי, כאָטש איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזינדיקט מיט דעם, בין איך אָבער געוואָרן אַ שותף צו אייך און האָב געבעטן ביים אייבערשטן מחילה אַף דער נישט־באַגאַנגענער עבירה. היינט פאַרוואָס זאָל איך איצט נישט זיין קיין שותף מיט אייך ביים פרייען זיך מיט דער תורה?"

דער רבי האָט אַ גליקלעכער געשמייכלט, און זיי האָבן צוזאַמען געטאַנצט מיט דער תורה.

דער אייבערשטער זאָל זיי ביידע באַהיטן

אַ יידינע איז געקומען צום רבי מיט אַ טענה. וואָס איז? איר מאַן צעטיילט צופיל צדקה. ער גיט אַוועק מער ווי ער איז בכוח, אַזוי אַז סע בלייבט גאָרנישט ניט איבער פאַר דעם הויזגעזינד. ווי די יידינע קלאָגט זיך אַזוי, קומט אַריין אַ

ייד—אַן אָרימאַן. אַז די יידינע האָט געענדיקט, רופט דער רבי צו דעם ייד און פרעגט אים וואָס ער האָט צו זאָגן.

„רבי,” הייבט אָן דער ייד, „איך קען שוין מער נישט איבערטראָגן. מיין ווייב און קינדער גייען פּשוט אויס פון הונגער. און מיין ברודער, דער גביר, וויל מיר מיט גאָרנישט ניט העלפן.”

אויסגעהערט, נעמט דער רבי און שיקט רופן דעם קאַרגן גביר, וואָס וויל נישט העלפן זיין אָרימען ברודער. ער הייסט אויך רופן דער יידינעס מאַן, וואָס צעטיילט דאָס גאַנצע געלט אַף צדקה. אַז די צוויי זענען געקומען, פרעגט דער רבי דעם בעל־צדקה פאַרוואָס ער גיט מער ווי ער איז בכוח. זאָגט דער בעל־צדקה: „רבי, מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, ווער ווייסט וועמעס מאָרגן סע וועט זיין! טאָמער, חלילה, שטאַרב איך. דעריבער, כל־זמן איך לעב, וויל איך אַריינכאַפּן און טון צדקה.”

אַז ער האָט געענדיקט, פרעגט דער רבי דעם גביר: „נו, און וואָס איז מיט דיר? דו ווילסט גאָרנישט ניט געבן קיין צדקה? און ווילסט אפילו דיין אייגענעם ברודער נישט העלפן?!”

זאָגט דער גביר: „רבי, מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. מע ווייסט דען ווי לאַנג מע קען לעבן? טאָמער לעב איך הונדערט יאָר? דאַרף איך מיך דאָך פאַרזאָרגן, אַז איך זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן אַף די עלטערע יאָרן, ווען איך וועל שוין נישט קיין כוח האָבן צו פאַרדינען.”

אַז ער האָט געענדיקט, און דער רבי האָט געהערט פאַרוואָס ער שרעקט זיך און פאַרוואָס דער בעל־צדקה שרעקט זיך, זאָגט ער צו זיי: „איך גיב אייך מיין ברכה: דער אייבערשטער זאָל אייך באַהיטן, אַז ס'זאָל נישט קומען דאָס, פאַרוואָס איר ביידע האָט מורא.”

צער־גידול־בנים

ר' אהרן דער שוחט האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע טעכטער צום אויסגעבן. אַליין איז ער געווען אַ שטרענגער ייד, אַ טרוקענער. און אַז די זאָרג פון חתונה מאַכן די קינדער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף זיין קאָפּ, איז ער געוואָרן נאָך האַרטער און שווייגנדיקער. נאָר זיין יידינע האָט גענומען מאַנען: „אהרן, וואָס וועט זיין?”

האָט מען זיך דורכגעשמועסט איין מאָל און נאָכאַמאָל, און ס'איז געבליבן צו שיקן די טעכטער קיין אַמעריקע, און ווייטער וועט גאָט העלפן. האָט מען פאַרמשכונט זאַכן פון שטוב, מ'האָט זיך פאַרשולדיקט ביי דער זון און דער לבנה, מ'האָט צונויפגעקלאַפּט אַף הוצאות און מ'האָט די טעכטער אויסגעריכט אין וועג אַריין, למזל.

ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און ס'האָבן אָנגעהויבן קומען בריוו פון די קינדער. ר' אהרן האָט געלייענט די בריוו, און גאָרנישט ניט געזאָגט, געלייענט, און געשוויגן. נאָר איינמאָל האָט דער שוחט דערהאַלטן אַ בריוו פון זיינע טעכטער מיט צוויי חתונה־קאַרטן. די קינדער לאָזן וויסן זייערע עלטערן, אַז זיי האָבן

אין גיכן חתונה, למזל, מיט פיינע, וואוילע יונגעלייט, און זיי בעטן טאַטע־מאַמע צו דער חתונה. נו, געלויבט דער אייבערשטער, דאָס איז גוטע, פריילעכע נייעס. ר' אהרן האָט געלייענט, און געשוויגן, געלייענט, און זיך פלוצים פונאַנדערגע־וויינט.

אַז ער האָט זיך שפּעטער אַביסל באַרואיקט, פרעגן אים די שכנים, וואָס זע־נען געקומען הערן וואָס די טעכטער שרייבן, פאַרוואָס ער וויינט.

„איר דאַרפט דאָך דאַנקען דעם רבונו־של־עולם, וואָס איר זענט באַפרייט פון די אַלע זאָרגן—פון געבן נדן און אויסשטייער און פון חתונה־הוצאות. צום סוף וויינט איר גאָר!"

„פאַרשטייט איר מיך," זאָגט ר' אהרן, „אָט טאָקע דערפאַר, וואָס איך בין פטור פון די אַלע דאגות און פון דעם צער, דערפאַר טאָקע וויין איך. איך וואָלט אויך וועלן פילן דעם צער פון אַ פאָטער, וואָס מאַכט חתונה זיינע טעכטער, כאָטש ער האָט נישט מיט וואָס. אַזוי אַבער? אַזוי בין איך אַ טאַטע אָן צער־גידול־בנים."

נאָך אַ מעשהלע וועגן צער־גידול־בנים

ר' רפאל שאַפּיראָ, דער באָברויסקער רב, איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַריינ־געטון אין תורה און עבודה. אין שטוב־זאַכן האָט ער זיך נישט געמישט. ער איז געזעסן יום־ולילה און האָט געלערנט. ער האָט אַפילו קיין צורת־מטבע נישט געקענט. אַז דער שמש ברענגט די שטאָטישע שכירות דעם רב, נעמט די רביצין צו דאָס געלט. זי פירט דאָך די שטוב, און זי איז די גאַנצע עקרת־הבית. זי אַליין האָט געזען חתונה צו מאַכן די קינדער, דאגהן וועגן נדן, אויסשטייער און קעסט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז די רביצין האַלט ביים פאַרקנסן אַ טאָכטער. די מחותנים זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אין דער גרויסער שטוב, און אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק. בלויז דער רב האָט געפעלט. ער איז נאָך געזעסן אין זיין קאַמער און האָט עוסק געווען אין תורה.

קומט אַריין די רביצין, דערלאַנגט אים די קאַפּאָטע, אַז ער זאָל זיך אָנטון און אַריינגיין צו די תנאים. האָט ער פאַרמאַכט דאָס ספר, האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען אָנטון די קאַפּאָטע. אַז ער האָט אַריינגעטון זיין האַנט אין אַרבל, האָט זיך אַ ריס געטון דער אונטערשלאַק, און ער האָט אַריינגעשטופּט די האַנט נישט אין רעכטן פלאַץ. קרעכצט ער און זאָגט: „אָט דאָס הייסט צער־גידול־בנים. פאַרמאַכן די גמרא און גיין האָבן צו טון מיט מחותנים."

ווער סע זעט, און ווער סע זעט און זעט נישט

אַ מיידל פון אַ קליין שטעטל איז פאַרקנסט געוואָרן מיט אַ פיינעם יונגנמאַן, אַ בעל־מלאכה, פון אַ גרעסערער שטאָט. ער איז געווען אַ מעטאַל־אַרבעטער. ער האָט פון מעש און קופּער אויסגעאַרבעט קונציקע כלים און שטוב־זאַכן. הכלל, אַ וואוילער שידוך.

אַ שטיקל צייט פֿאַר דער חתונה איז דאָס מיידל געפֿאָרן אין דער גרעסערער שטאָט אַריין, צו מאַכן זיך אויסשטייער. אַז זי איז געקומען אַהין אין שטאָט אַריין, האָט זי דער חתן פֿאַרבעטן צו זיך אין דער ווערקשטוב. ער האָט איר געוואָלט ווייזן ווי אַזוי ער אַרבעט.

איינמאָל, ווי זי שטייט און קוקט אַזוי, האָט זי באַמערקט, אַז ער קלאַפּט מערסטנס אין אַ זייט און בלויז פֿון צייט־צו־צייט גיט ער אַ קלאַפּ אָפּן מעטאַל. דאָס האָט אָף איר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אַז זי איז שפּעטער געקומען אַהיים, איז זי געווען גאָר נישט דיזעלבע ווי פֿריער. זי איז אַרומגעגאַנגען ני־דערגעשלאָגן און געדריקט. די עלטערן האָבן זיך דערשראָקן, און מ'האָט אָנגעהויבן זי פֿרעגן וואָס סע האָט געטראָפֿן, און צי איז זי, חלילה, קראַנק.

דאָס מיידל האָט נישט גערעדט און נישט געענטפֿערט. נאָר אַז מען איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר, האָט זי זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן, און האָט אויסגעשאָסן: זי וויל נישט חתונה האָבן. וואָס איז? דער חתן איז אַ בלינ־דער. זי האָט אַליין געזען, אַז ביי זיין אַרבעט קלאַפּט ער עטלעכע מאָל אין אַ זייט, ביז ער טרעפֿט איין מאָל אָפּן מעטאַל.

ווען ער כאַפּט נישט אַרײַן, וואָלט ער קיינמאָל נישט געוואוסט דעם טעם פֿון אַ שלישי

אין גראָדנע איז געווען אַ שוסטער. דוד, דער שוסטער. האָט ער אַמאָל געהאָט אַ סיכסוך מיטן גבאי איבער אַ פּאָר שטיוול. דער גבאי האָט געטענהט, אַז ער האָט באַשטעלט ביים שוסטער אַ פּאָר שטיוול וואָס זאָלן סקריפּען, אַז אַלע זאָלן הערן, ווען ער גייט. נאָר די שטיוול סקריפּען נישט. און דער שוסטער האָט געטענהט, אַז די שטיוול סקריפּען יאָ. מ'האָט געקענט הערן זייער סקריפּ אַ מייל די ווייט. נאָר דער גבאי איז געגאַנגען מיט זיי אין רעגן און האָט זיי נאַס געמאַכט. דערפֿאַר האָבן זיי אויפֿגעהערט צו סקריפּען. זיי וועלן זיך גוט אויסטריקענען, וועלן זיי ווידער סקריפּען. זאָגט דער גבאי, אַז ער וויל נישט וויסן. די שטיוול דאַרפֿן סקריפּען סיי טרוקענערהייט און סיי נאַסערהייט. די מחלוקה איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער שוסטער האָט דעם גבאי מבייש געווען.

דעם גבאי האָט דאָס געררופּעט. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט ווייזן דעם שוסטער ווער ס'איז באַלעבאָס. וואָס האָט ער געטון? ער האָט אויפֿגעהערט צו געבן דעם שוסטער אַן עליה. געווייינלעך האָט ער די בעל־מלאכות, וואָס זענען געזעסן אין בית־מדרש אין דער מערב־זייט ביים לאַנגן טיש, געגעבן יעדע עט־לעכע וואָכן אַן עליה. נאָר אַז דוד, דער שוסטער זעט, אַז אַלע בעל־מלאכות האָבן שוין געקריגן אַן עליה, נאָר ער נישט, האָט עס גענומען קאָכן אין אים. און צו דערצו האָבן נאָך די יידן ביי זיין טיש זיך גענומען רייצן מיט אים: האַ, דוד, האָסטו געדאַרפֿט פֿאַרטשעפּען זיך מיטן גבאי?

נאָר דוד, דער שוסטער, איז נישט קיין פֿאַרשלאָפֿענער. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט נישט שווייגן. איינמאָל, אַ שבת, ווען מ'האָט אויפֿגע־

רופן דעם רב צו שלישי, איז דוד אַרויף אַפן באַלעמער, און אײדער נאָך מ'האָט זיך רעכט אומגעקוקט, האָט ער געמאַכט די ברכות איבער דער תורה.

אַלע זענען געבליבן געפּלעפּט. און דער בעל־קריאה האָט געקוקט צום רב, און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון. נאָר דער רב האָט צו אים אַ מאַך געטון, אַז ער זאָל לייענען.

נאָכן לייענען איז דער רב אַרויף אַפן באַלעמער, האָט צוגערופן דעם שוס־טער און געוואָלט וויסן וואָס דאָס באַטייט. „איך קען דיך, דוד, פאַר אַן ערלעכן מענטש. ווי קומט עס, דו זאָלסט טון אַזאַ זאַך?!"

דערציילט דער שוסטער דעם רב די גאַנצע מעשה, און ווי אַזוי דער גבאי האָט אים שוין אַ פּאָר חדשים נישט אויפגערופן צו דער תורה.

דער רב הערט אים אויס און גיט זיך אַ קער צום גבאי און זאָגט אים שטרענג, אַז ער טאָר מער קיין גבאי נישט זיין: „איר קענט נישט מאַכן די תורה פאַר אַ בייטש, צו שמייסן אייערע קעגנער. דאָס איז אַ חרפה פאַר דער שול."

נאָך דער מעשה האָבן זיך פאַרן שוסטער אָנגעהויבן נייע צרות. יעדער איינער האָט אים אַריינגעזאָגט, און מ'האָט זיך געוויצלט אַף זיין חשבון. איינמאָל זאָגט אים אַ באַלעבאָס: „האַ, דוד, באַשערט דיר אַריינכאַפּן אַ שלישי?!"

נאָר דער שוסטער האָט זיך נישט פאַרלוירן און ענטפערט: „ווען איך וואָלט נישט אַריינגעכאַפּט, וואָלט איך קיינמאָל נישט געוואוסט ווי געשמאַק ס'איז אַ שלישי."

ס'האָט אים אָפּגעגליקט

יאָסל דער מעקלער איז געווען אַ ווינט־מענטש. אין די גרעסטע ווינטן איז ער אַרומגעלאָפן, עפּעס צו פאַרדינען, נאָר דער ווינט האָט אים זייער ווייניק געהאָלפן. איינמאָל זאָגט צו אים זיין ווייב: „יאָסל, אפשר גייסטו אַריין צו הערשל שטיינבערג און בעטסט אים, אַז ער זאָל דיר געבן עפּעס אַ שטיקל שטעלע. ער האַלט דאָך אפשר פופציק מענטשן. גיי, אפשר וועט ער דיך אויך צונעמען."

די יאָסעליכע האָט אַזוי לאַנג גערעדט איבער אים, אַז יאָסל האָט זי גע־פאָלגט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַריינגעגאַנגען צו הערשל שטיינבערג און אים געבעטן אַרבעט. הערשל שטיינבערג, אַ ייד—אַ גביר, הערט אים אויס און זאָגט אים, אַז ער האָט נישט קיין אַרבעט פאַר אים. גיט יאָסל אַ קרעכץ, דרייט זיך אויס צו גיין און גיט אַ זאָג: „אַז מ'האָט נישט קיין מזל, זאָל מען בע־סער נישט געבוירן ווערן."

דער גביר קוקט אים נאָך און סע פאַלט אים עפּעס איין. רופט ער אים צוריק און זאָגט: „וואַרט, יאָסל, איך וויל דיר עפּעס זאָגן. איך וועל דיר געבן פינף הונדערט קאַרבונעס, גיי, זוך אַרויס מיין מזל און נעם עס דיר. איך דאַרף עס נישט מער."

יאָסל האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון. זאָגט ער צום גביר, אַז ער וועט גיין פרעגן זיין ווייב.

געקומען אַהיים, דערציילט ער זײַן ווייב די מעשה. זאָגט זי: „גולם, גיי, נעם די פינף הונדערט רובל. יאָ מזל, צי נישט מזל, נעם דאָס געלט.״

אַז יאָסל איז געקומען צום גביר, זאָגט דער גביר, אַז ער גיט שוין נאָר הונדערט קאַרבוינעס. ווייסט יאָסל ווידער נישט וואָס צו טון. לויפט ער נאָכ־אַמאָל אַוועק אַהיים, צו פרעגן זײַן ווייב. זאָגט זי: „גיי, שלעמאַזל, נעם וויפיל ער גיט.״ נאָר דער גביר האָט שוין געגעבן בלויז אַ פינף־און־צוואַנציקער.

יאָסל האָט גענומען דאָס געלט און איז אַוועק צו זוכן דעם גבירס מזל. אַפן וועג טרעפט ער אַ יונגנמאַן, און אַז דער יונגערמאַן זעט ווי דער ייד זוכט עפּעס, פרעגט ער אים וואָס ער זוכט. דערציילט אים יאָסל די מעשה און זאָגט אים, אַז ער זוכט דעם גבירס מזל. זאָגט דער יונגערמאַן: „איך בין הערשל שטיינבערגס מזל.״ און ער זאָגט אים, אַז ער קען דעם גביר נישט איבערלאָזן. און ער ראָט אים צו זוכן זײַן אייגן מזל, און ער ווײַזט אים, וואו ער וועט קענען געפינען זײַן מזל.

יאָסל האָט געטון ווי דער יונגערמאַן האָט אים געהייסן. אַז ער האָט אָפּ־געזוכט זײַן מזל, זעט ער, אַז דאָס איז אַ שיכורער גוי. וועקט ער אים אויף און בעט אים, אַז ער זאָל עפּעס טון פאַר אים. צעשרייט זיך אַף אים דער גוי און זאָגט: „איך בין דײַן שלעמאַזל. ס׳איז דײַן גליק, וואָס איך בין געווען שיכור. ווייטער וואָלט איך דיך נישט געלאָזט פאַרדינען ביים גביר דעם פינף־און־צוואַנציקער.״

ווי אַזוי דער מלאך האָט זיך טועה געווען

אַ יידינע, וואָס איז געווען אַף דער צייט, איז געקומען צום רבי, צו בעטן ביי אים אַ ברכה, אַז זי זאָל האָבן אַ בן־זכר. זי האָט זיך נעבעך געקלאָגט פאַרן צדיק, אַז זינט זי האָט חתונה געהאַט, קינדלט זי יאָר־איין, יאָר־אויס בלויז מיט מיידלעך.

דער רבי האָט זי אויסגעהערט און האָט זי געבענטשט, אַז דער אייבערשטער זאָל איר געבן אַ בן־זכר. און זי, אַ צופרידענע, מיט אַ זכר ביי זיך אין קעשענע, איז געקומען אַהיים אַ גליקלעכע.

אַז ס׳איז געקומען די צייט, איז די יידינע געלעגן געוואָרן. נייערט נישט נאָר האָט זי נישט געהאַט קיין בן־זכר, און נישט נאָר האָט זי געהאַט איין מיידעלע, נאָר צוויי מיידעלעך האָט זי געהאַט—אַ צווילינג.

דער מאַן אירער איז גלייך אַוועק צום רבי מיט אַ געוואַלד: „סטייטש, רבי, וואו איז אייער ברכה? נישט נאָר האָט מיין ווייב נישט געהאַט קיין בן־זכר, נאָר זי איז גאָר געלעגן געוואָרן מיט צוויי נקבות.״

דער רבי הערט אים אויס, גיט אַ קרעכץ און זאָגט: „קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער מלאך, וואָס שיקט אַראָפּ די נשמות אַף ד ע ם עולם, האָט געהאַט אַ טעות. איך האָב געבעטן אַף אַ בן, האָט ער אַוודאי געמיינט, אַז די צוויי אותיות פון ב ן זענען ראשי־תיבות און האָט געגעבן ב׳ נקבות, צוויי מיידעלעך.״

ער וויל, אַז זיי זאָלן זיך איַינטיילן מיט דער אַרבעט גליַיך אַף גליַיך

אין אַ שטעטל איז געווען אַ רב מיט אַ רביצין. ווי געוויינלעך—וואוילע, ערלעכע מענטשן. איינמאָל זאָגט די רביצין צום רב: „מיין מאַן, זע, וואָס פאַר אַ יושר איז דאָס ביי אונז אין שטעטל? די גבירים ווערן צעשפּאַרט פון וואויל־טאָג און די אָרימעלייט פּעכגיען אַפן פּיסק און מוטשען זיך אין דלות און אין אָרימקייט."

„טאָ וואָס קאָן מען טון, מיין ווייב?" פרעגט דער רב. „מסתמא איז אַזוי דער רצון פון דעם אייבערשטן."

„וואָס הייסט, וואָס מע קאָן טון?" זאָגט די רביצין. „דו ביסט דאָך דער רב, דער מנהיג פון דער קהילה. טאָ זע, אַז די גבירים זאָלן אַראָפּגעבן אַביסל פון זייער באַזיץ פאַר די אָרימעלייט, זיי זאָלן אויך וויסן עפּעס אַ טעם פון זייער לעבן."

„ביסט גערעכט, מיין ווייב," זאָגט דער רב. „מע דאַרף זען צו טון עפּעס וועגן דעם. נאָר פאַר מיר אַליין איז אַזאַ זאַך שווער אויסצופירן. אפשר קענסטו מיר העלפן?" די רביצין האָט זיך אָנגעאָכפּט אין דעם. זי איז געווען גרייט צו העלפן איר מאַן מיט אַלץ אין דער וועלט.

„אויב אַזוי," זאָגט דער רב, „אויב דו ביסט גרייט מיר צו העלפן, לאָמיר זיך איינטיילן מיט דער אַרבעט. דהיינו: דו פּועל ביי די גבירים, אַז זיי זאָלן געבן, און איך וועל פּועלן ביי די אָרימעלייט, אַז זיי זאָלן נעמען."

איין העלפט וויל שוין

אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים איז געווען אַ ייד מיט אַ יידינע. דער ייד האָט זיך געמישט אין קהלשע זאַכן און איז אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט אסיפות. זיין ווייב איז זייער נישט צופרידן געווען פון דעם. וואָרן דעם מאַן האָט מען קיינמאָל נישט געזען אין דער היים, און זי איז כסדר געווען אַליין.

איינמאָל רעדט זי וועגן דעם מיט איר מאַן און זי זאָגט צו אים: „וואָס טוסטו אויף מיט דיין קהלן זיך און מיט דיין אַרומלויפן און שמייען? נאָכאַמאָל אַ מעשה מיטן באָד און ווידעראַמאָל אַ מעשה מיטן הקדש, אָדער מיטן בית־המדרש. ווען איך וואָלט געגאַנגען צו די אסיפות, וואָלט איך שוין עפּעס באַוויזן אויפצוטון."

זאָגט דער מאַן: „איך בעט דיך, מיין ווייב, זאָג מיר, וואָס אַשטייגער וואָלטסטו געטון?"

„איך וואָלט אויסגעגלייכט די וועלט," זאָגט זי, „אַז סע זאָלן נישט זיין קיין אָרימעלייט און נישט קיין רייכע."

„ווי אַזוי אַשטייגער וואָלטסטו דאָס געטון?"

„אָט זייער פּשוט," זאָגט זי. „איך וואָלט אַ רייכן טאַטעס אַ זון חתונה גע־מאַכט מיט אַן אָרימען טאַטעס אַ טאָכטער, און אַן אָרימאַנס אַ זון מיט אַ רייכן מאַנס אַ טאָכטער. אַזוי וואָלט זיך די וועלט אויסגעגלייכט."

דעם מאַן איז דאָס געפעלן, און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ביי דער ערשטער אסיפה, וואָס סע וועט זיין, וועט ער די זאַך אַרויפברענגען.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער בייַנאַכט פון אַן אסיפה. די יידינע האָט אים געהערט קומען, איז זי אַראָפּ פון בעט, האָט אים געעפנט די טיר און גלייך געוואָלט וויסן, וואָס סע הערט זיך.

„איין העלפט וויל שוין,‟ זאָגט דער מאַן. „די אָרימעלייט זענען מסכים, נאָר די גבירים האָבן זיך איינגעשפּאַרט און ווילן נישט בשום־אופן.

אַן אייַנפֿאַל פֿון אַ חסיד—אַ ליטוואַק

אַ ליטווישער גביר—אַ ייד אַ למדן, און צו דערצו נאָך אַ חסיד, האָט זיך געפירט, אַז אַף ימים־נוראים איז ער געפאָרן קיין טשאָרטקעוו צום רבי. ער האָט איבערגעלאָזט זיינע געשעפטן, האָט זיך פאַרפּאַקט, אָפּגעזעגנט מיט זיין בני־בית און איז אַוועקגעפאָרן, צו זיין אין דער מלכותדיקער סביבה פון דעם אַלטן טשאָרטקעווער, ז״ל.

אין טשאָרטקעוו איז ער איינגעשטאַנען אין דער רייכסטער אכסניה. דאָרט האָט מען אים אָבער געזען בלויז בייַנאַכט, ווען ער איז געקומען זיך צולייגן אַביסל און כאַפּן אַ דרימל. גאַנצע טעג און אָוונטן איז ער איבערגעלעגן אין רבים קלויז און אין הויף ביים רבי.

מאַכט זיך אַמאָל אַ שבת אין דער פרי, פאַרן דאַווענען, זיצט דער גביר ביי זיך אין חדר און לערנט אַ בלאַט גמרא. זיין קול טראָגט זיך איבער דער גאַנצער אַכסניה. פּלוצים ווערט שטיל. און דער באַלעבאָס פון דער אַכסניה, אַליין אויך אַ לערנער און אַ פרומער ייד, דערהערט פון דעם גבירס חדר אַ פּאַפּקען מיט די ליפּן ווי מע וואָלט דאָרט גערייכערט. דער באַלעבאָס הערט, און סע ווערט אים אַזש קאַלט: „זאָל עס מיינען, אַז דער גביר רייכערט אום שבת?‟ ער טראַכט נישט לאַנג, נעמט אַ גלעזל וואַרעמס און טראָגט עס גלייך אַריין צום גביר אין חדר. ער האָט אַפילו נישט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער קומט אַריין, גיט אַ קוק, אַ שמעק—גאָרנישט ניט. אומזיסט חושד געווען אַ פרומען ייד.

דער באַלעבאָס איז צוריק אַרויס פון גבירס חדר, זעצט זיך אַנידער און קוקט אַריין אין אַ ספר.

סע דויערט נישט לאַנג, און ער דערהערט ווידער פון גבירס חדר אַ פּאַפּקען. וואָס קאָן דאָס זיין? ער קען נישט איינרוהען. ביי אים אין דער אַכסניה אַזאַ חילול־שבת! ער הייבט זיך אויף און גייט ווידער אַריין צום גביר אין חדר. דאָס מאָל האָט ער שוין אָנגעקלאַפּט. דער גביר זעט, אַז דער באַלעבאָס וויל עפּעס זאָגן, נאָר האַלט זיך צוריק. קוקט ער אים אָן מיט אַ פרעגנדיקן בליק. ער איז זיכער געווען, אַז ער וויל אים אוודאי פרעגן עפּעס אין לערנען. נאָר דער באַ־לעבאָס זאָגט אים מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, אַז עפּעס האָט ערשט געטראָפן, און ער ווייסט נישט, וואָס דאָס קאָן מיינען. שוין צוויי מאָל, אַז ער האָט געהערט אַ פּאַפּקען אין גבירס חדר ווי מע וואָלט, חלילה, גערייכערט.

דער גביר וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דעם בעל־אכסניה, באַרואיקט אים און דערציילט: אַ גאַנצע וואָך איז ער אַ גרויסער רייכערער. ער קען ממש קיין זאַך נישט טון, ביז ער פאַררייכערט זיך די

פיפקע. נאָר אַז סע קומט דער שבת־קודש, איז ער ממש אומגליקלעך. ער זעצט זיך לערנען, און קען נישט צוזאַמענגעמען זיינע געדאַנקען. ער גייט פּשוט אויס אַ רייכער צו טון. איז ער געפאַלן אַף אַ פּלאַן: ער האַלט בשעת־מעשה אַ שטרוי אין מויל, אָדער אַ העלצל, און פּיפּקעט מיט די ליפּן. דאָס נעמט ביי אים צו דעם חשק צו רייכערן.

דער בעל־אכסניה הערט אים אויס און צעשיינט זיך: „מע דאַרף פאָרן לערנען זיך ביי אַ חסיד — אַ ליטוואַק, ווי אַזוי אָפּצונאַרן דעם יצר־הרע!"

דער רב רעכנט זיך אָפּ מיט די באַלעבאַטים

אין שטעטעלע אָראַן האָבן עטלעכע באַלעבאַטים געפירט אַ מחלוקת מיטן רב. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין שיינעם דאָנערשטאָג האָבן זיי אויפגעהערט צו נעמען ביים רב הייוון אַף חלה. און וויסן דאַרפט איר, אַז הייוון איז געווען אַ טייל פון דעם רבס אָרימער פּרנסה.

ס'איז אַריבער אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, און די באַלעבאַטים זענען איינגעשפּאַרט, פאַרהאַרטעוועט און האַלטן אָן די מחלוקה מיטן רב.

אין פרייטאָג־צו־נאַכטס קומט צו גיין דער רב מיט אַ ניי שבתדיק מלבוש אין בית־המדרש אַריין. די באַלעבאַטים האָבן געעפנט די אויגן און זיך געחידושט. וואָרן אַלע האָבן געוואוסט, אַז טייל באַלעבאַטים האָבן אויפגעהערט צו נעמען ביים רב הייוון, און אַז אים איז, נעבעך, ענג אין פּרנסה. און דאָ קומט ער גאָר אויסגעפּוצט אין אַ ניי בגד.

נאָכן דאַווענען גייען צו צום רב די נאָנטע באַלעבאַטים און זאָגן אים „גוט שבת," און ווינטשן אים: „תתחדש, רבי, טראָגט געזונטערהייט!"

און אַז דער רב זעט, זיי קענען זייערע אויגן נישט אָפּרייסן, זאָגט ער צו זיי: „איך זע, איר חידושט אייך. וויל איך אייך דערציילן אַ מעשה, וועט איר פאַרשטיין: אין אַ שטעטל איז געווען אַ ייד — אַ גרויסער האָלץ־סוחר. אַ גאַנצע וואָך איז ער אַרומגעפאָרן און האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט. דערפאַר אָבער אַף שבת, יום־טוב איז ער געקומען אַהיים צו ווייב און קינדער. נאָר ער האָט געהאַט אַ טבע, אַז אַמאָל איז ער געקומען צו פאָרן מיט אַ פּראָסט פערד און וועגעלע, און אַמאָל — מיט אַ בריטשקע, געשפּאַנט מיט צוויי פּאָר פערד, נאַשפּיץ.

„איינמאָל רעדט מיט אים זיינער אַ מענטש און פרעגט אים דעם שכל פון דעם, וואָס אַמאָל קומט ער צו פאָרן נאַשפּיץ, און אַמאָל — מיט אַ פּראָסט פערד און וועגעלע. שמייכלט דער סוחר און זאָגט: ,די זאַך פון דעם איז אַזאַ. אַז דער אייבערשטער העלפט, און איך האָב אַ גוטע וואָך, איך פאַרדין, האָב איך הנאה. טראַכט איך מיר, זאָלן מיינע שונאים אויך הנאה האָבן. קום איך מיר צו פאָרן מיט אַ קליין פורל, זיי זאָלן מיינען, אַז איך האָב געמאַכט שלעכטע געשעפטן. נאָר אַז סע טרעפט און דער מסחר איז שלעכט, און איך פאַרדין נישט, איז מיר אָוודאי ביטער. טראַכט איך מיר, זאָל עס מיינע שונאים אויך קרענקען אַביסל. קום איך מיר צו פאָרן מיט אַ טייערער בריטשקע, נאַשפּיץ, זיי זאָלן מיינען, אַז איך האָב געמאַכט גוטע געשעפטן, און זאָל עס זיי קרענקען'."

און דער רב ענדיקט: „מיר איז אַוודאי שווער וואָס זיי האָבן אויפגעהערט נעמען ביי מיר היוון. נאָר איך האָב מיך אויסגעפּוצט אין אַ ניי מלבוש, וואָס הענגט שוין ביי מיר אַ צייט. זאָל עס זיי אויך פאַרדריסן אַביסל.״

אַן עצה פֿון אַ פֿערד־גנב

אין שטעטל, וואו איך האָב געוואוינט, זענען געווען עטלעכע יידישע פערד־גנבים. זיי האָבן געגנבעט פערד ביי די פּריצים און ביי די גויים אין די אַרומיקע דערפער, און זיי אַוועקגעפירט אין ווייטע שטעט און דאָרט פאַרקויפט.

אין דעמזעלבן שטעטל איז געווען אַ ייד, וואָס איז אַרומגעפאָרן אין די דערפער האַנדלען. ער האָט געהאַט זיין אייגנס אַ פערד און וועגעלע, האָט ער אָנגעלייגט אין וועגעלע אַביסל סחורה, און איז אַ גאַנצע וואָך אַרומגעפאָרן צווישן די גויים און האָט פאַרקויפט און געקויפט.

איין שיינע זומער־נאַכט נעמט דער ייד זיין פערדל און פירט עס אַוועק אַף דער פּאַשע, אַז ס׳זאָל זיך פּאַשען צוזאַמען מיט די גויאישע פערד פון דאָרף. ער אַליין לייגט זיך שלאָפן אונטער אַ בוים, און שלאָפט אַפּ געשמאַק די גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג, ער כאַפּט זיך אויף און גיט אַ קוק—זיין פערדל איז נישטאָ, און די אַנדערע פערד—אויך נישט. פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די פערד־גנבים. זיי זענען דאָ מסתמא געווען ביינאַכט און האָבן פאַרנומען די פערד.

לויפט שוין דער ייד אַוועק אין שטאָט אַריין, פאַלט מיט אַ געוויין אַריין אין שול פּונקט צום דאַווענען: מ׳האָט אים אומגליקלעך געמאַכט! מ׳האָט ביי אים צוגעגנבעט זיין פערדל, און איצט וועט ער בלייבן אָן ברויט.

יידן הערן אַזאַ זאַך, נעמט זיי אָן אַ רחמנות, און ס׳הייבן זיך אויף אַ פּאָר באַלעבאַטים און גייען אַריבער אין שענק, וואו די פערד־גנבים קומען זיך צוזאַמען, און מאַכן דאָרט אַ געוואַלד: „סטייטש, אַזאַ זאַך! מ׳האָט אומגליקלעך געמאַכט, נעבעך, אַן אָרימאַן—אַ ייד!״ און זיי ווילן נישט אַנדערש, נאָר מע זאָל דעם ייד אומקערן זיין פערדל.

די גנבים קוקן זיך איבער און זענען מסכים צוריקצוגעבן דאָס פערדל. און פּאָר די באַלעבאַטים נעמען זיי זיך פאַרענטפערן: פון וואַנען האָבן זיי געזאָלט וויסן, אַז ס׳איז אַ יידיש פערדל? „זאָגט, זייט מוחל, דעם ייד,״ זאָגן די גנבים, „אַז פון היינט מאָל אָן, אַז ער וועט אָפלאָזן דאָס פערדל אַף דער פּאַשע, זאָל ער אים אָנטון אַ לאַפּסערדאַק, וועט מען וויסן, אַז ס׳איז אַ יידיש פערדל.״

וואָס צו־טויג נישט, זאָגט קוהלת

געווען אַמאָל אַ רבי, איז ער געווען אַזוי אָפּגעהיט פּסח, נישט געשטרויכלט צו ווערן, חלילה, מיט חמץ, אַז בלויז צום סדר האָט ער טועם געווען אַ כזית מצה־שמורה. מוז דאָך אַ ייד מקיים זיין די מצווה פון עסן מצה אום פּסח און מאַכן אַ ברכה. ווייטער האָט ער גאַנץ יום־טוב גאָרנישט ניט גענומען אין מויל אַריין. ער האָט זיך דערנערט טאָקיש בלויז מיט וועלשענע ניס. וואָרן ער האָט גע־

האַלטן אַז ס'איז מער מצווה בעסער אין גאַנצן נישט צו עסן, איידער, חלילה, גע־שטרויכלט צו ווערן מיט אַ ברעקל חמץ, וואָס אַ מייזל האָט געקאַנט פאַרשלעפּן פון ערגעץ.

דער רבי האָט שוין געהאַט אַ באַקענטן גוי, וואָס האָט אים באַזאָרגט מיט פרישע וועלשענע ניס. איטלעכס יאָר, אַ פּאָר וואָכן פאַר פסח, האָט דער גוי אים געבראַכט אַ זעקל ניס אויף יום־טוב.

טרעפט אַמאָל, אַז דער גוי האָט נישט געבראַכט דעם רבי קיין ניס. ס'איז שוין צוויי וואָכן צו פסח, ס'איז שוין אַ וואָך צו פסח און—דער גוי איז נישטאָ. נו, מילא, טראַכט דער רבי, מסתם וועט ער נאָך קומען. נאָר אָט איז שוין עט־לעכע טעג צו יום־טוב און—מע זעט נישט דעם גוי און מ'הערט נישט פון דעם גוי. דער רבי האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש. נאָר מילא, פאַרפאַלן.

נאָך פסח—ער גיט אַ קוק, דער גוי איז דאָ. ער האָט געבראַכט מיט זיך ניס און קאַרטאָפל און נאָך זאַכן. וואו איז ער געווען פ אַ ר יום־טוב? פאַרוואָס האָט ער נישט געבראַכט די ניס אויף פסח? דער רבי האָט דאָך פשוט געהונגערט צוליב אים!

„ראַבינקע טייערער," זאָגט דער גוי, „דער ראַבינקע ווייסט דאָך ס'אַראַ טייערע ניס מיינע זענען. אַז מע עסט אויף עטלעכע—ווערט מען גלייך זאַט. וויל איידער איך ברענג זיי, פּרעגל איך זיי גוט אויס אין חזיר־פעטס. דאָס גיט זיי צו פעטקייט. נאָר היי־יאָר האָב איך נישט געהאַט קיין פעטס. טאָ וואָס האָב איך געזאָלט ברענגען—מאָגערע ניס?"

ער פאַרשטייט אָפּן וואונק

אַ ייד האָט געכאַפּט ביי אַ באַלעבאָס אַ גמילת־חסד. ביים אָוועקגיין פרעגט אים דער באַלעבאָס, ווען ער וועט אים צוריק אָריינברענגען די פּאָר ראַייניש. זאָגט דער ייד: „אַ געזונט אויף אייך, ר' מלך. מע קען מיך, ברוך־השם. מיך דאַרף מען נישט מאָנען."—„נו, איז גוט," זאָגט ר' מלך.

ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און דער ייד מאַכט זיך נישט וויסנדיק. נישט מע זעט אים און נישט מע הערט פון אים. טראַכט ר' מלך: „מילא, ער האָט גע־זאָגט, אַז מע דאַרף אים נישט מאָנען, און איך האָב דאָך מסכים געווען אויף דעם." נאָר דערוויל פאַלט אים איין אַ געדאַנק, אַז שבת נאָכן דאַווענען אין בית־המדרש, ווען יידן זאָגן זיך „גוט שבת," וועט ער זיך ווייזן פאַר אים.

ס'איז געקומען שבת, מ'האָט אָפּגעדאַוונט, דערטאַפּט ר' מלך דעם בעל־בטוח און גיט אים אַפּ אַ ברייטן „גוט שבת!" דער ייד ענטפערט „גוט שבת" און זאָגט: „אַ לעבן אויף אייך, ר' מלך, איך האָב אייך באַלד געזאָגט, אַז מיך דאַרף מען נישט מאָנען."

ווערט דער באַלעבאָס אַביסל צעטומלט און שטאַמלט: „איך מאָן אייך דען, חלילה? איך האָב אייך בלויז געזאָגט ,גוט שבת'."

„כ'בין אַזאַ חכם ווי איר!" ענטפערט דער שטאָלצער קבצן. „אייער ,גוט שבת' איז אויך געמאָנט!"

געפֿונען אַ צײַט צו מאָנען חובות

אין שטעטל איוויע איז געווען איינער אַ מאָטיע דער לעדער־קרעמער. ער האָט געהאַט אַ קראָם און האָט אַלע שוסטערס אין שטעטל באַזאָרגט מיט לעדער. פֿאַרשטייט איר דאָך, אַז די שוסטערס האָבן גענומען ביי אים די לעדער מערסטנס אָף באָרג, און זיי זענען אים אַלע געווען בעלי־חובות.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ר׳ מאָטיע דאַרף פּראַווען אַ פּדיון־הבן. זיינע אַ טאָכ־טער האָט געמאַכט אַ ברית, דאָס ערשטע קינד ביי איר, דאַרף מען אין גיכן פּראַווען דעם פּדיון־הבן. פֿאַרבעט ר׳ מאָטיע ר׳ זיסל שוסטער, דעם כּוהן, אַז ער זאָל דורכפֿירן די צערעמאָניע.

געקומען צום פּדיון־הבן, דערלאַנגט ר׳ מאָטיע דעם כּוהן פֿינף ווערט־שטי־קער, ווי סע פֿאָדערט דער דין. נאָר אַנשטאָט פֿינף רובל—גיט ער אים זיין וויבס אוירינגלעך מיט אַ רינגל און זיין אייגענעם זייגער מיט דער קייט. און ר׳ זיסל, דער כּוהן, פֿירט דורך די צערעמאָניע פֿון פּדיון־הבן.

נאָך דער צערעמאָניע טרינקט מען לחיים און מע פֿאַרבייסט. און אַז דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיין, זאָגט ר׳ מאָטיע צום שוסטער: „ר׳ זיסל, גיט מיר, זייט מוחל, צוריק די חפצים, וואָס איך האָב אייך פֿריער געגעבן, און אַז איר וועט מיר, איה״ש, אָפּצאָלן דעם חוב, וואָס איר זענט מיר שולדיק, וועט איר אייך דעמאָלט אַראָפּנעמען פֿינף רובל פֿאַר אייער היינטיקער טירחה.״

קוקט אים אָן דער שוסטער און זאָגט: „ר׳ מאָטיע, איצט, אין מיטן זומער, ווען ס׳איז נישטאָ קיין שטאָך אַרבעט, מאָנט איר ביי מיר חובות?!״

אוי, וויינט מען דאָרט

גנבים האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין שטעטל ביי דער גרענעץ צווישן רוס־לאַנד און עסטרייך וועט דער גביר דעם און דעם טאָג פּראַווען אַ חתונה, אַ גבירישע חתונה. האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז צו דער חתונה וועלן זיך צונויפֿפֿאָרן אַ סך גבירים, סוחרים פֿון די אַרומיקע שטעטלעך, און מע וועט דאָרט קענען אָפּלעקן אַ ביין. ס׳איז דאָך עפּעס אַ גבירישע חתונה!

געקומען דער טאָג, האָבן די גנבים זיך אַריבערגעכאַפּט אַהין, זענען אַריין צו דער חתונה און האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם עולם און באַגנבעט די מחותּנים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

די גנבים האָבן געוואוסט, אַז אויב זיי וועט נאָר געלינגען אַריבערצושוואַרצן די זאַכן איבער דער גרענעץ, וועט דעמאָלט זיין אַ כּשרער טאָפּ און אַ כּשרער לעפֿל. נאָר ווי אַזוי שמוגלט מען די זאַכן אַריבער, אַז ביי דער גרענעץ שטייען זעלנער און זשאַנדאַרן און זיי היטן? זענען זיי געפֿאַלן אָף אַ פּלאַן. זיי האָבן די זאַכן אַריינגעלייגט אין אַ לאַנגן קאַסטן, האָבן אים איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער דעק, האָבן אים גענומען אָף די אַקסלען און אַוועקגעטראָגן צו דער גרענעץ, וואו ס׳איז געווען דער בית־עולם.

אַז דער זשאַנדאַר דאָרט האָט געזען, מענטשן טראָגן אַן אָרון, איבערגעדעקט

מיט שוואַרצן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז זיי טראָגן אַ מת, און ער האָט זיי דורכ־געלאָזט. נאָר מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך: ווי קאָן דאָס זיין אַ לוויה, אַז קיינער וויינט נישט? שטעלט ער זיי אָפּ און פֿרעגט: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לוויה, אַז מע זעט קיינעם נישט וויינען?"

„דאַרפֿסט דיך גאָרנישט ניט זאָרגן, פּאַני זשאַנדאַר," זאָגן די גנבים. „מע וועט שוין דאָרט גענוג וויינען, וועט מען שוין!"

ווער ווען סע דאַרף טראָגן

צוויי יונגעלייט, שלום און ישראל, האָבן זיך באַגעגנט אַ פֿרימאָרגן אָפּן וועג צום דאַווענען. ס'איז געווען פֿאַר פּסח, ווען די שנייען לאָזן, און די גאַסן זענען לויטער בלאָטעס. איז די צוויי יונגעלייט אויסגעקומען אַריבערצוגיין אַ קאַלוזשע. פֿאַלט איין איינעם פֿון זיי אַ געדאַנק, און ער זאָגט: „וואָס דאַרפֿן מיר ביידע אַריין אין דער בלאָטע? לאָמיר נעמען איינער דעם אַנדערן אָף דער פּלייצע און אַריבערטראָגן, וועט נאָר איינער פֿון אונז איינשמירן זיינע שיך אין בלאָטע."

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שפּאָרן ווער ווען עס זאָל פֿריער נעמען אָף זיינע פּלייצעס, און אַריבערטראָגן. זאָגט שלום: „וואַרט, ס'איז פֿאַראַן אַ בפּירושער פּסוק: שלום על ישראל—שלום אָף ישראלן. הייסט עס, אַז דו דאַרפֿסט מיך נעמען אָף דיין רוקן און אַריבערטראָגן די בלאָטע."

ישראל האָט נעבעך גאָרנישט ניט געקענט איינוווענדן קעגן דעם. ער האָט געמוזט צושטימען. וואָרן אַזוי זאָגט דאָך דער פּסוק: שלום על ישראל. ער נעמט שלומען אָף דער פּלייצע און הייבט אים אָן אַריבערטראָגן איבער דער קאַלוזשע. אין מיטן בלייבט ער פּלוצים שטיין, גיט אַ טראַכט, און וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ שלומען גלייך אָף דר'ערד אין בלאָטע אַריין. מאַכט שלום אַ גע־וואַלד: „סטייטש, וואָס האָסטו געטון? מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, ס'איז אַ בפּירושער פּסוק."

„אמת," זאָגט ישראל, „נאָר איך האָב מיך דערמאָנט אין אַ צווייטן פּסוק: שלום בארץ—שלום אָף דר'ערד."

מבינות

מוצאי יום־כיפּור, נאָכן אָפּפּאַסטן, זענען באַלעבאַטים אַרויס צו זיך אין הויף און האָבן אַריינגעקלאַפּט אין אַ ווינקל אַ פּלאָקן אין דר'ערד—אָן אָנהייב פֿון אַ סוכה. מקיים געווען די מצווה, זענען זיי אַוועק אין שול, צו פֿאַרשרייבן ווער ס'האָט געקויפֿט אַן עליה, ווער ס'האָט שנדרט פֿאַר דער שול, און צו באַ־צאָלן דעם חזן.

אָפּגעפּאַרטיקט מיט די אַלע זאַכן, נעמט מען זיך אונטערלענען דאָס האַרץ. מע נעמט צו ביסלעך בראָנפֿן, מע ווינטשט זיך אַ גמר־טוב און צו האָבן אויסגע־בעטן אַ גוט יאָר, דערנאָך פֿאַרבייסט מען און מע נעמט שמועסן.

דער ערשטער אָפּן צעטל, אָדער אָפּן צימבל, איז דער חזן. מע זאָגט מבינות

אַף זיין דאַווענען, אַף זיין קול־נגינה און אַף זיין עברי. „איי, האָט ער געדאַוונט," זאָגט איינער, „אַז סע קען גאָר בעסער נישט זיין אין דער וועלט!" און אַ צווייטער זאָגט: „אַז אַ מענטש פאַרמאָגט אַזאַ כלי, איז דאָך דאָס אַ ברכה פונעם אייבערשטן אַליין." און אַ דריטער: „זיין קול ווי זיין קול. נאָר זיין זאָגן עברי צעגייט זיך דאָך אין אַלע אברים. ער לייגט אייך אין מויל אַריין איטלעכס וואָרט. מע זעט בפועל־ממש דאָס וואָרט פאַר די אויגן."

און אַזוי אַ פערטער און אַ פינפטער. יעדער איינער מיט זיין מבינות. צום סוף האָט איינער פון די באַלעבאַטים, וואָס איז נעבעך געווען אַביסל שטומפּיק אַף דער עברי, געוואָלט ווייזן אויך זיין מבינות אַפן חזן. רופט ער זיך אָן און זאָגט: „איר הערט, יידן, אַז דער חזן האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און אַ געשריי געטון ע ו ז ב י ד ך, האָט מען ממש געקענט זען ווי ער האַלט אַ ציג אין זיין האַנט."

באַמערקונג: דאָ איז אַ שפּיל פון וואָרט: ע ו ז (אויז)—מ אַ כ ט, און ע ז (עיז)—אַ צ י ג. אין דער תפילה ווערט געזאָגט: ע ו ז ב י ד ך—די מאַכט איז אין דיין האַנט. דאָס הייסט, די גאַנצע מאַכט איז אין דער האַנט ביים אייבערשטן. נאָר דער באַלעבאָס, וואָס האָט קיין עברי נישט פאַרשטאַנען, האָט צעביטן די י ו צ ר ו ת און געטייטשט: ד י צ י ג א י ן ה אַ נ ט.

אַפילו דער אייבערשטער אַליין האַלט מיט אים

אין אַ קליין שטעטל אין דער אַלטער היים איז אַמאָל געווען אַ שיינער באַלעבאָס. איז דאָס געווען אַ ייד אַ למדן, אַ ירא־שמים און אַ בעל־צדקה. הכלל, צו גאָט און צו לייט, ווי מע זאָגט. זיינע קינדער האָט ער געשיקט צו לערנען אין די ישיבות, אַז זיי זאָלן אויך אויסוואַקסן שיינע יידן, למדנים. נאָר איין חסרון האָט נעבעך דער ייד געהאַט. דהיינו: אַ שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן. ס'האָט אים געצויגן צום פלעשל, רחמנא ליצלן, ווי מיט אַ מאַגנעט. און ער האָט זיך אָפּט גאַנץ גוט אָנגעטרונקען און זיך געוואָלגערט אין גאַס אַ שיכורער. די משפחה איז נעבעך אויסגעשטאַנען חרפות און בושות.

איינמאָל, בין־הזמנים, ווען זיינע זין זענען געקומען צו פאָרן פון די ישיבות, זענען זיי אַריין צום רב, זיך מיישב צו זיין און זיך צו האַלטן אַן עצה וועגן זייער פאָטער. זיי האָבן אים דערציילט, אַז ער האָט שוין עטלעכע מאָל צוגעזאָגט, אַז ער וועט מער נישט טרינקען, נאָר סע גייט אַריבער אַ שטיקל צייט, און ער קען זיך נישט איינהאַלטן און טרינקט ווידער.

דער רב הערט זיי אויס און פאַרטראַכט זיך. ער קען גוט זייער פאָטער, און ער ווייסט פון זיין שוואַכקייט. וואָס־זשע טוט מען? „הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן," זאָגט דער רב. „מיין עצה איז, אַז ווען ער וועט זיך ווידער אָנטרינקען, נעמט און טראָגט אים אַוועק אַפן בית־עולם און לאָזט אים דאָרט איבער צווישן די קברים אַף איבער נאַכט. אַז ער וועט זיך אויפכאַפּן און זען, וואו ער געפינט זיך, וועט דאָס אפשר האָבן אַ פעולה, און ער וועט אויפהערן צו טרינקען."

די זין האָבן לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. דעמזעלבן אָוונט, אַז מ'איז אַרויס אין גאַס, האָט מען אים געפונען ליגן בגילופינדיק. האָבן זיי געטון ווי

דער רב האָט זיי געהייסן. זיי האָבן אים אָוועקגעטראָגן אַפֿן בית־עולם, און דאָרט איבערגעלאָזט צווישן די קברים אַף איבער נאַכט.

אַף מאָרגן, באַגינען, גייען די זין צוזאַמען מיטן רב און עטלעכע קרובים, צו זען, וואָס דאָרט טוט זיך מיט אים אַפֿן בית־עולם. ערשט, זיי גיבן אַ קוק, ער ליגט איבער אַ פּעסעלע בראָנפן און זופּט פון דאָרט מיט אַ שטרוי.

ווי קומט שנאַפּס אַפֿן בית־עולם? איז די מעשה בקיצור אַזאַ: שמוגלערס האָבן ביינאַכט געפירט שנאַפּס אין שטאָט אַריין. נאָר אַז זיי זענען צוגעקומען צום בית־עולם האָבן זיי דערהערט פּאָליציי דערנענטערט זיך. האָבן זיי אין איי־לעניש דאָרט איבערגעלאָזט דאָס פּעסל און אַליין האָבן זיי זיך אַפּגעטראָגן באַ־צייטנס. אַז דער ייד האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען לעבן זיך די מציאה, האָט ער מיט אַ שטיין אַרויסגעקלאַפּט דעם שפּונט, און מיט אַ שטרוי, וואָס ער האָט אויסגעריסן, האָט ער געמאַכט דעם אמתן „שהכול".

אַז זיינע זין מיט די אַנדערע האָבן דאָס דערזען, זאָגט דער רב: „מיר זעען דאָך באַשיינפּערלעך, אַז ס'איז מן השמים, אַז ער זאָל טרינקען."

זיי שטימען נישט איַן וועגן טראָגן

אין אַ שטעטל האָט מען אויפגענומען אַ נייעם רב. אַז ער האָט זיך באַזעצט און אַרומגעקוקט, האָט ער געזען, אַז אין שטעטל איז נישטאָ קיין עירוב, און במילא טאָר מען שבת גאָרנישט ניט טראָגן. האָט ער צונויפגערופן קהל, האָט זיך דורכגערעדט וועגן דעם, און ס'איז געבליבן, אַז מע זאָל אויפשטעלן אַן עירוב אין די גאַסן.

דער רב, דער חזן און איינער פון די שיינע באַלעבאַטים זענען באַלד אַרויס איבער די גאַסן פון שטעטל, צו באַטראַכטן און אָנצוצייכענען, וואו מע דאַרף שטעלן דעם עירוב. ווי זיי מעסטן אַזוי אַהער, אַהין, קומט אָן איינער פון די שטעטלדיקע גבירים, אַ ייד—אַ גרויסער עם־הארץ און נאָך אַ גרעסערער חצוף, וואָס האָט אומעטום געשטופּט זיין נאָז און געוואָלט זאָגן דעות. אַז ער דערזעט דעם נייעם רב צוזאַמען מיט דעם חזן און דעם שיינעם באַלעבאָס און ווי זיי מעסטן עפּעס אַהער און אַהין, גייט ער צו און פרעגט, וואָס זיי טוען און וואָס פאַר אַ נייעס מע וויל איינפירן אין שטאָט. ענטפערט אים דער חזן, אַז מע וויל שטעלן אַן עירוב אין די גאַסן, כדי מע זאָל שבת מעגן טראָגן מיט זיך אַ טלית, אַ סידור, אַ נאָז־טיכל, אָדער אַנדערע זאַכן.

ווערט דער גביר אַן אויפגעקאָכטער: „וואָס טראָגן? ווער טראָגן אום שבת? מיין זיידע האָט נישט געטראָגן, מיין טאַטע האָט נישט געטראָגן, און איך וועל אויך נישט טראָגן! נאַדיר גאָר נייע פּאַראַנדקעס!"

אַז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, רופט זיך אָן דער חזן און זאָגט: „זעט איר, באַלעבאָס, דאָס, וואָס אייער זיידע האָט נישט געטראָגן און אייער טאַטע האָט נישט געטראָגן, דאָס איז גאָרנישט ניט. אָט, ווען אייער מאַמע וואָלט אויך נישט גע־טראָגן, דאָס וואָלט געווען גוט."

אַ סוד פֿאַר אים און דעם רבונו־של־עולם

אין סלאָנים איז געווען אַ ייד—אַ זקן. ר׳ זונדל מנקר האָט מען אים גערופֿן. איז דער דאָזיקער ייד געווען אַזאַ טיפֿער זקן, אַז קיינער האָט נישט געוואוסט ווי אַלט ער איז. יידן האָבן דווקא יאָ געוואָלט וויסן וויפֿיל אָן ערך ער איז אַלט. נאָר קיינער האָט זיך נישט דערוועגט צו פֿרעגן אים אָף זיינע יאָרן. אַ קלייניקייט עפּעס? פֿרעגן ר׳ זונדלען אָף זיין עלטער! מ׳האָט פּשוט מורא געהאַט פֿאַר אַן עין־הרע, חלילה. גיי פֿרעג אַזאַ זקן אָף יאָרן!

נאָר איינמאָל, מ׳האָט גראָדע געשמועסט וועגן אַמאָליקע יאָרן, כאַפּט זיך אַרויס איינער, אַ שטיקל שייגעץ, און פֿרעגט: „ר׳ זונדל, ווי אַלט אָן ערך זענט איר, ביז הונדערט און צוואַנציק?!״

ר׳ זונדל קוקט אים אָן און זאָגט: „איכ׳ל דיר זאָגן, דו שנעק איינער, דו ווייסט דאָך, אַ ייד איז געוואוינט צו ענטפֿערן מיט אַ קשיא אָף אַ קשיא. איר האָט דאָך אַלע אוודאי געזען ווי יאָסל דער שמש גייט מיט זיין לאַמטערן נאָך חנוכה־געלט? צו וואָס דאַרף ער דעם לאַמטערן? קען ער דען נישט דעם וועג אין גאַס? קען ער דען נישט אַלע שטיבער אין שטאָט? און זענען די נעכט נישט גענוג ליכטיק פֿון שניי? איז דער ענטפֿער: אַז ער גייט אַריין אין אַ שטוב נאָך חנוכה־געלט, און דער באַלעבאָס גיט אים אַ מטבע, פּאַסט אים נישט גלייך אַ קוק צו טון וויפֿיל מ׳האָט אים געגעבן. נאָר אַז ער קומט אַרויס צוריק אין גאַס, גיט ער אַ קוק ביים ליכט פֿון זיין לאַמטערן, ווייסט ער וויפֿיל מ׳האָט אים געגעבן. דעמאָלט וויסן ביידע: דער באַלעבאָס ווייסט וויפֿיל ער האָט געגעבן, און דער שמש ווייסט וויפֿיל ער האָט באַקומען.״ און ר׳ זונדל פֿירט אויס: „מיט געשאָנקענע יאָרן, יידן, איז אויך אַזוי. ס׳איז חנוכה־געלט, וואָס דער רבונו־של־עולם גיט דעם מענטש. ווייסט פֿון דעם נאָר דער אייבערשטער, וואָס גיט, און איך, וואָס באַקום.״

ער האָט אַ גוטן טעם זי צו ליבן

אין אַ שטעטל איז געווען אַ רב. אַ וואוילער רב. האָט ער געהאַט אַ ווייב אַ משולחת, אַ מרשעת, נישט פֿאַר אונז גערעדט. זי איז אים נעבעך דערגאַנגען די יאָרן איז זי אים. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוואוסט פֿון דערפֿון, און מ׳האָט דעם רב שטאַרק באַדויערט. מ׳האָט אַפֿילו שטילינקערהייט גערעדט, אַז ס׳איז אַ רחמנות, און אַ בזיון צו דערצו. נאָר מישן זיך האָט זיך קיינער נישט געמישט. ווי פּאַסט עס?!

איין שיינעם טאָג איז די רביצין קראַנק געוואָרן. קראַנק געוואָרן און גע־שטאָרבן, ברוך דיין אמת.

סע קומט צו דער לוויה, אַ גרויסע לוויה, שטעלט זיך אַנידער דער רב, צו האַלטן אַ הספד. חידושט מען זיך. און ער הייבט טאַקע באַלד אָן צו קלאָגן: „אַזאַ טייערע יידינע, אַזאַ ערלעכע אשה!״ און אַזוי דעם גאַנצן הספד. פֿאַרשטייט מען שוין גאָר נישט.

נאָך דער לוויה, אַז מ׳איז צוריקגעגאַנגען פֿון בית־עלמין, קענען זיך באַלע־

באַטים שוין נישט איינהאַלטן, און זיי פרעגן אים: „רבי, ווי קומט עס, וואָס איר האָט זי אָנגערופן אַזאַ טייערע און גוטע אשה? וואָס מיינט עס?"

„איכ'ל אייך זאָגן," ענטפערט דער רבי, „אַז אַ ווייב טוט דעם רצון פון איר מאַן, און זי פאָלגט אים—איז זי גוט און ערלעך. די רביצין האָט מיך געפאָלגט, און איז געגאַנגען אַ גאַנג. זאָל איך זי נישט לויבן?"

מיטן אייניקל איז ער שוין זיכער

צוויי אַלטע פרומע חסידים האָבן זיך געטראָפן ביי זייער רבי. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן שלום, צערעדט מען זיך און מע שמועסט, וואָס מע טוט און ווי סע האַלט מיט פרנסה, און וואָס סע הערט זיך מיט דער משפחה. אַז מ'האָט שוין גוט אָפּגערעדט, גיט צום סוף איינער אַ פרעג: „נו, און ווי האַלט עס ביי דיר מיט יידישקייט?"

זאָגט דער אַנדערער, אַז פאַר זיך מיט זיין אייניקל איז ער שוין, ברוך־השם, פאַרזאָרגט און זיכער.

„דהיינו?" פרעגט אים דער ערשטער, „וואָס מיינסטו?"

„איך וועל דיר זאָגן," זאָגט דער אַנדערער, „מיט מיר בין איך שוין זיכער, אַז איך וועל שוין נישט קאַליע ווערן. מיט מיין אייניקל בין איך שוין אויך זיכער, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גוי גמור. נאָר מיט מיין זון ווייס איך נאָך נישט ווי אַזוי ער וועט פאַרענדיקן."

ער מיינט, אַז נאָר אים קומט די פאָלקע

אין שטעטל האָט מען זיך געריכט אָף אַ בכבודיקן גאַסט. צו איינער פון די אָרימע פאַמיליעס האָט געדאַרפט קומען צו פאָרן אין מיטן וואָך אַ ברודער—אַ רב. די באַלעבאָסטע, אַ לייבלעכע שוועסטער פון דעם רב, האָט לכבוד דעם געהויבענעם גאַסט צוגעגרייט אין מיטן מיטוואָך אַ פליישיקן מאָלצייט. דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס בלויז די פאַר גבירים אין שטעטל האָבן זיך געקענט פאַרגינען אַזאַ פעטן ביסן אין מיטן וואָך. ווייטער האָבן די באַלעבאַטים און אַלע בעלי־מלאכות פאַרזוכט אַ שטיקל פלייש בלויז פון שבת צו שבת. נאָר לכבוד דעם גרויסן גאַסט איז די גליקלעכע באַלעבאָסטע אַוועק אין יאַטקע אַריין און האָט געקויפט אַ גאַנץ פערטעלע עוף—אַ פאָלקע.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כּאַדראַם. אַ קלייניקייט—אַזאַ גאַסט! היינט די פאָלקע אין אַ מיטן מיטוואָך! אַפילו די גבירים האָבן זיך גערעשט און גערעדט פון דעם.

אַז ס'איז געקומען דער טאָג, ווען דער רב האָט געדאַרפט קומען צו פאָרן, איז דאָס גאַנצע שטעטל אַוועק צו דער באַן, אים אָפּצוואַרטן. ער האָט געדאַרפט קומען נאָכמיטאָג, מיט דעם פיר אַזייגער צוג. נאָר דער רב איז נישט געקומען.

דער עולם איז געווען אַביסל גענאַרט. נאָר מ'איז געווען זיכער, אַז אויב ער איז איצט נישט געקומען, וועט ער קומען אַף דער נאַכט, און מ'האָט זיך דערווייל אומגעקערט, יעדער צו זיך אַהיים.

די שוועסטער פון דעם רב מיט איר בני־בית זענען אויך אַוועק אַהיים. גע־קומען אין שטוב, האָט די באַלעבאָסטע גענומען דעם פליישיקן מאַלצייט, האָט אים פאַררוקט אין אויוון, און אַליין האָט זי זיך צוגעשפּאַרט אַביסל, זיך אויס־צורוען. זי האָט אָנגעזאָגט אירע מיידלעך, אַז ווען דער פּעטער, דער רב, וועט קומען, זאָל מען זי גלייך אויפוועקן, ווייל זי וויל אַליין גרייטן פאַר אים דעם טיש.

נאָר ס'איז געקומען דער אָוונט, און דער רב איז נישט געקומען. דער האַרצ־ווייטיק איז געווען גרויס. נאָר וואָס קאָן מען טון? מסתמא האָט ער נישט געקענט קומען. דעמזעלבן אָוונט שטעלט זיך פּלוצים אַריין צו דערדאָזיקער באַלעבאָסטע אין שטוב אַ מיידל פון איינעם פון די גבירים. וואָס וויל זי? זיי האָבן געהערט, אַז דער רב איז נישט געקומען, ווייל איר טאַטע דעם פליישיקן מאַלצייט, די פּאַלקע.

דאָס האָט די צעווייטיקטע מענטשן אַ ברי געטון אין האַרצן. וואָס איז, זיי קענען, חלילה, אַליין נישט עסן דאָס שטיקל הון? און איינע פון די טעכטער האָט אַ געשריי געטון: „אַן איינפאַל פון אַ גביר! ער מיינט, אַז נאָר אים קומט די פּאַלקע!"

די מעשה איז באַלד באַקענט געוואָרן אין שטעטל, און יידן האָבן זיך וואָס־עפּעס געוויצלט: „ער מיינט, אַז נאָר אים קומט די פּאַלקע!"

דער נס פון הימל

ביי איינעם פון אונזערע חכמים, אַ ייד—אַן אָרימאַן, האָט געטראָפן אַן אומ־גליק, נישט פאַר אונז געדאַכט. זיין ווייב איז קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן, און האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן מיט אַ קליין קינד, אַ זויגקינד.

דעם מאַן איז נעבעך געווען זייער ביטער. וואָס טוט מען מיט אַן עופעלע אָן אַ מאַמע? איז ער אַוועק אין בית־מדרש און האָט גענומען מתפלל זיין, אַז דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זיין און זיך אומקוקן אַף אים און אים העלפן.

דער אייבערשטער האָט דערהערט זיין געבעט, און ער האָט באַוויזן אַ נס. יענע נאַכט זענען ביי דעם אָרימאַן אויסגעוואַקסן בריסט אַזוי ווי ביי אַ פרוי, אַז ער זאָל קענען זייגן דאָס קינד.

שטעלט זיך אַ קשיא: צו וואָס האָט דער רבונו־של־עולם געדאַרפט באַווייזן אַ נס, אַז אַ מאַן זאָל קריגן בריסט און זייגן אַ קינד? דער אייבערשטער האָט אים דאָך געקענט באַשערן געלט, אַז ער זאָל קענען צונעמען אַן אַם, וואָס זאָל זייגן דאָס קינד, אָדער אַז ער זאָל קענען קויפן מילך און געבן דעם קינד אַ פלעשל?!

איז דער תירוץ, אַז ווען סע קומט צו געלט, איז אַפילו דער רבונו־של־עולם אַליין אויך זייער אויסגערעכנט און שפּאָרעוודיק. ער וועט ליבערשט באַווייזן אַלערליי נסים, אַבי נישט צו געבן קיין געלט.

דער פֿרומער אורח

הערט איר, יידן, אַן אורח צו אַן אורח איז נישט גלייך. סע מיינט, עס זענען דאָ אַלערליי אורחים אַף דער וועלט, ווי איר וועט באַלד אַליין זען.

דער זיידע, הירש לייב כינקעס, אַ שיינער באַלעבאַטישער ייד, האָט אַמאָל געבראַכט אַן אורח אַף שבת, אַ פֿרומען ייד, זייער אַ פֿרומען. ער איז געווען אַזוי פֿרום, אַז ער האָט נישט אויפֿגעהויבן די אויגן, אַ קוק צו טון, חלילה, אַף אַ ווייבס־פּאַרשוין. איטלעכס מאָל, וואָס די באָבע כינקע, אָדער די דינסט, האָט עפּעס צוגעבראַכט צום טיש, האָט דער אורח אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, נישט צו קוקן, חלילה, אַף אַן אשה.

די באָבע האָט אָבער באַמערקט, אַז ווי נאָר זי דרייט זיך אויס, אָדער ווי נאָר די שיקסע טרעט אָפּ פֿון טיש, וואַרפֿט ער פֿאַרגנבעטע בליקן אַף איר און פֿרעסט ממש די שיקסע מיט די אויגן.

אַזוי איז געווען פֿרייטאָג־צו־נאַכטס, און אַזוי איז געווען שבת אין דער פֿרי, און אַזוי איז אויך געווען צו שלוש־סעודות. דער באָבע האָט דאָס פֿאַרדראָסן. און אַז ס'איז געקומען שבת־צו־נאַכטס צו מלווה־מלכּה, האָט זיך די באָבע שוין נישט געקענט איינהאַלטן און זאָגט צום אורח: „הערט אייך איין, ר׳ ייד, אַנשטאָט צו קוקן אַף דר'ערד, און האָבן אין זינען די שיקסע, איז שוין בעסער צו קוקן אַף דער שיקסע, און האָבן אין זינען די ערד.״

פֿאַרוואָס גבירים האָבן אַ סך פּרנסה, און אָרימעלײַט—אַ סך קינדער

שבת ביי שלוש־סעודות האָט מען, ווי געוויינלעך ביים סטראָפּקאָווער רבי, ר׳ אברהם האַלבערשטאַם, ז״ל, אַביסל מאריך געווען. מ'האָט פּרובירט פֿאַרלענגערן, אויסציהען דעם שבת, און אָפּשטופּן די וואָך וואָס ווייטער.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ ייד—אַ חסיד, נישט קיין גביר, נאָר דערפֿאַר אַ מטופּל מיט קינדערלעך האָט זיך שטאַרק געאײַלט. ער האָט געוואָלט, אַז מע זאָל זיך באַלד שטעלן דאַווענען מעריב. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז די זאַך האָט דערגרייכט דעם רביס אויערן. גיט דער צדיק אַ שמייכל און זאָגט: „איצט איז אים קלאָר פֿאַרוואָס אָרימעלייט האָבן אַ סך קינדער. גאַנץ פּשוט. נאָך הבדלה זאָגט מען „המבדיל בין קודש לחול.״ און דאָרט זענען דאָ צוויי בקשות, איינע וועגן קינדער און איינע וועגן געלט: זרעינו וכספּינו ירבה כחול—אונזערע קינדער און אונזער געלט זאָל ער פֿאַרמערן ווי דאָס זאַמד.

די אָרימעלייט, ווי מיר זעען איילן זיך און מאַכן גיך הבדלה. און אַזוי ווי דער אייבערשטער איז אַ בעל־הרחמים, טיילט ער איטלעכן איין עפּעס. און היות די אָרימעלייט זענען די ערשטע צו מאַכן הבדלה, באַקומען זיי די ערשטע ברכה ז ר ע י נ ו , קינדערלעך. שפּעטער קומען די נגידים און מאַכן הבדלה. נאָר פֿאַר זיי איז שוין נישטאָ מער קיין ז ר ע י נ ו , קיין קינדער, באַקומען זיי בלויז כ ס פּ י נ ו , געלט.״

פֿאַרוואָס גאָט האָט געהייסן די יידן עסן פסח מצה

אַ באַלעבאָס האָט פרייטאָג־צו־נאַכטס געבראַכט פון שול אַן אורח אַף שבת. ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער אורח איז נישט קיין שעמעוודי־קער. דהיינו, אַז דער באַלעבאָס האָט זיך אָנגעגאָסן אַביסל בראָנפן אין גלעזל, האָט דער אורח נישט געוואַרט, אַז דער באַלעבאָס זאָל אים מכבד זיין, נאָר האָט גענומען דאָס פלעשל און האָט זיך אַליין מכבד געווען מיט אַ כוסה. אַזוי איין מאָל און נאָכאַמאָל.

און אַז דער באַלעבאָס האָט זיך גענומען אַביסל בראָנפן אין טעלער און איינגעטונקען די המוציא, האָט דער אורח אַריינגעגאָסן צו זיך אין טעלער אַ היבש ביסל בראָנפן, האָט אַרויסגעטשיפּעט פון דער בולקע דאָס גאַנצע ווייכע, און האָט עס איינגעווייקט אין דעם בראָנפן, אַז אין טעלער איז באַלד געוואָרן אַ יבשה.

זעט דאָך דער באַלעבאָס וואָס פאַר אַן אורח ער האָט אַריינגעכאַפּט, זאָגט ער צו אים: „ר' אורח, איך וויל אייך פרעגן אַ קשיא: סע שטייט געשריבן, אַז ווען די יידן זענען אַרויס פון מצרים, און זיי זענען צוגעקומען צום ים־סוף, האָט זיי גאָט געהייסן גיין אין ים אַריין. און באַלד האָט טאַקע דער אייבערשטער געוויזן אַ נס, און האָט דעם ים געשפּאָלטן. אַז נישט וואָלטן זיי, חלילה, דערטרונקען גע־וואָרן, אַזוי ווי די מצריים זענען דערטרונקען געוואָרן. און פון דעמאָלט אָן האַלט מען אין איין רעדן און שרייבן וועגן דעם נס. איז די קשיא: פאַרוואָס האָט מען נישט גערופן אַ פּאָר מנינים יידן מיט חלות אין די הענט, און זיי וואָלטן דעם ים אויסגעטריקנט?"

זאָגט דער אורח: „איר זענט טאַקע גערעכט, באַלעבאָס. נאָר דערפאַר האָט גאָט געהייסן די יידן עסן מצה, ווייל מיט מצה קען מען דעם ים נישט אויסטרי־קענען, און מע זאָל מוזן אָנקומען צו זיין נס."

ער האָט אַ ראיה פֿון דער הגדה

אַן עלטערער ייד האָט זיך באַרעכנט, אַז ס'איז צייט צו נעמען זיין ווייב און צו פאָרן אויסלעבן דאָס ביסל פאַרבליבענע יאָרן אין ארץ ישראל. נאָר היות קיין געלט האָט ער נישט געהאַט, איז ער אַריבערגעגאַנגען צום רב און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים געבן אַ כתב, מענטשן זאָלן אים העלפן. דער רב האָט אים צוליב געטון. ער האָט אים געגעבן אַ כתב, און דער ייד האָט זיך אַרויס־געלאָזט איבער שטעט און שטעטלעך און האָט געזאַמלט געלט אַף הוצאות, צו קענען פאָרן אין הייליקן לאַנד אַריין.

אַזוי האָט דער ייד זיך אָפּגעזאַמט אונטערוועגנס עטלעכע חדשים. ער האָט אין דער צייט אָנגעזאַמלט אַ היבשע אַפּותיקי. און אַז ער איז אַהיימגעקומען, איז שוין געווען פאַר פּסח. זאָגט צו אים זיין ווייב: „מיין מאַן, וואָס דאַרפן מיר איצט פאָרן קיין ארץ ישראל, אַז מיט געלט איז דאָ אויך גוט?" און זי האָט אים צוגערעדט צו קויפן אַ שטוב און צו בלייבן אין שטעטל. צו וואָס דאַרף מען זיך שלעפּן אין דער פרעמד אַף די עלטערע יאָרן? זיי וועלן זיך שוין בעסער אויס־

לעבן זייערע יאָרן צווישן די אייגענע. דער ייד האָט זי געפאָלגט, און זיי זענען געבליבן אין שטעטל, און נישט געפאָרן.

אַז דער רב איז געוואָר געוואָרן פון דעם, אַז דער ייד האָט געזאַמלט געלט, צו פאָרן קיין ארץ ישראל, און איז נישט געפאָרן, שיקט ער אים רופן: „סטייטש? הייסט עס דאָך, אַז ער האָט ביי אים פשוט אויסגענאַרט אַ כתבו!"

„ניין, רבי, איך האָב נישט אויסגענאַרט," זאָגט דער ייד. „נאָר איך טו, וואָס די הגדה זאָגט. דאָרט שטייט דאָך בפירוש: ‚אלו נתן לנו את ממונם... ולא הכניסנו לנו לארץ ישראל, דיינו!' כל־זמן מ'האָט מיר געגעבן געלט, נאָר איך בין נישט געפאָרן קיין ארץ ישראל, דיינו, איז אויך גענוג פאַר מיר, און איך בין צופרידן."

זי וויל, אַז ער זאָל בעסער דוכענען ביי די גויים

ס'איז געווען אַמאָל אַ פּריץ, אַ רייכער פּאָליאַק, און אַ סך יידן האָבן זיך געדרייט אַרום אים, און געהאַט ביי אים פרנסה. נאָר ער איז אָבער פאָרט געווען אַ פּאָליאַק—אַ פּריץ, שיכורט ער זיך אָן אַמאָל צוזאַמען מיט אַנדערע פּריצים און שיקט נאָך זיין „מאָשקען", אַז ער זאָל אים פריילעך מאַכן.

אַז דער אַרענדאַר איז געקומען, פרעגט אים דער פּריץ: „מאָשקע, דו קענסט עפּעס זינגען, טאַנצן?"

זאָגט דער אַרענדאַר, אַז ער קען נישט. ער קען בלויז דוכענען, ווייל ער איז אַ כהן.

„גוט," זאָגט דער פּריץ, „לאָמיר הערן."

דערקלערט אים דער אַרענדאַר, אַז צו דוכענען מוז ער האָבן זיין טלית.

נעמט דער פּריץ און שיקט גלייך צום אַרענדאַר אַהיים, אַז מע זאָל ברענגען דעם טלית. אַז די אַרענדאַרקע דערהערט, אַז דער פּריץ וויל דעם טלית פאַר איר מאַן, האָט זי גענומען וויינען און קלאָגן. זי איז זיכער געווען, אַז די שיכורים האָבן אים צערעכט געמאַכט, און מע דאַרף איצט דעם טלית, אים מקבר צו זיין.

אַז דער שייגעץ האָט געבראַכט דעם טלית, האָט דער אַרענדאַר פאַרוואָרפן אים איבערן קאָפּ, האָט אויפגעהויבן די הענט און גענומען דוכענען: „אַ האַ, אַ האַ־האַ..."

די פּריצים האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

נאָכן דוכענען, אַז דער אַרענדאַר האָט געענדיקט, הייסט אים דער פּריץ אַראָפּנעמען דאָס היטל, און אַלע האָבן אים פאַרוואָרפן מיט געלט.

ס'איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווען דער אַרענדאַר איז געגאַנגען אַהיים. אַז ער קומט צו צו דער טיר און קלאַפּט־אָן, האָט זיך זיין ווייב זייער דערשראָקן. נאָר ווי נאָר ער האָט איר געוויזן ס'אַ מטמון מיט געלט ער האָט געבראַכט און האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה, זאָגט זי צו אים: „מיין מאַן, פון היינט־מאָל אָן לאָז איך דיך מער ניט דוכענען ביי יידן. אויב דוכענען—זאָלסטו שוין בעסער גיין ביי די גויים דוכענען."

דער פּעטער אַלי׳

דער פּעטער אַלי׳ איז געווען אַ טעסליער, אַ קינסטלער אין זיין פאַך. ער האָט געבויט הייזער פון איינפאַכע נאַטירלעכע קלעצער. נאָר כאָטש דער פּעטער אַלי׳ איז געווען אַ מייַנסטער, האָט די מומע רויזע מיט די קינדער געלעבט אין גרויס נויט. וואָרן דער פּעטער האָט, נישט פאַר אונז געדאַכט, ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. אָן דעם גלעזל האָט ער נישט געקענט אַרבעטן. און די מומע האָט גאָרנישט ניט געקענט העלפן.

מאַכט זיך אָבער, אַז דער ביטערער טראָפּן איז געוואָרן טייערער. פון דריי קאָפּיקעס אַ גלעזל איז אַרויף אַף צען קאָפּיקעס אַ גלעזל. נישט גוט. דער פּע־טער אַלי׳ איז געוואָרן אויס מענטש. איז דאָך אָבער גאָט אַ פאָטער, העלפט ער און סע קומט אַראָפּ אַן אונטערנעמער פון אַ צווייטער שטאָט און באַדינגט זיך מיטן פּעטער אַלי׳, אַז ער זאָל פאָרן אַהין, צו בויען הייזער. זיי זענען מיט דעם פּרייז לייכט דורכגעקומען. וואָרן דער פּעטער אַלי׳ האָט געהערט, אַז אין יענער שטאָט איז דער ביטערער טראָפּן ביליק, נאָך אַלץ דריי קאָפּיקעס אַ גלעזל. ער האָט באַלד אויסגערעכנט וויפיל מאָל זיבן קאָפּיקעס אַ טאָג ער וועט דאָס איינ־שפּאָרן איבערן זומער. אַ שלל מיט געלט!

דער פּעטער אַלי׳ איז אַוועק בויען הייזער און טרינקען משקה. אַ גאַנצן זומער האָט ער זיך געזאַמט אין יענער שטאָט. אַז דער זומער איז אַריבער, איז דער פּעטער אַלי׳ אַהיימגעקומען אַף די יום־טובים. ער האָט געהאַט אַן אַ שיעור זאַכן צו דערציילן פון זיין נסיעה. צום סוף פרעגט אים די מומע רויזע, צי ער האָט עפּעס אַהיימגעבראַכט געלט אַף יום־טוב. זאָגט דער פּעטער אַלי׳: „וואָס הייסט? אַ קלייניקייט עפּעס! פון יעדן גלעזל משקה האָט ער אָפּגעשפּאָרט זיבן קאָפּיקעס.״ און ער נעמט אַרויס אַ בייטל און שיט אויס אַפן טיש אַ קופּקעלע מיט קופּערנע מטבעות.

„אָט דאָס אַלץ?״ פרעגט די מומע רויזע, און סע שטעלן זיך איר טרערן אין די אויגן. „טאַקע כדאי געווען אַוועקצופאָרן פון דער היים צוליב דעם!״

„באַרעכן נאָר,״ זאָגט צו איר דער פּעטער אַלי׳, „ווען איך וואָלט דאָ גע־אַרבעט און דאָ געטרונקען אַזויפיל ווי דאָרט, וואָלט איך דאָך נאָך געבליבן חלילה, אַ גרויסער בעל־חוב!״

דער אמתער טעפּער

אין שטעטל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ייִד, וואָס האָט געפירט געהילץ מיט דעם דערבייאיקן וואַסער. אַז ער איז געקומען אין מאַרק, איז ער אַריין אין קראָם, צו קויפן אַ ליימענעם טאָפּ. נאָר דער קרעמער איז נישט געווען קיין טעפּער און האָט נישט געהאַט קיין טעפּ. נאָר ער ווייזט אים אָן אַף דעם הויז אַנט־קעגנאיבער דער גאַס און זאָגט: „גייט אַריין אַהין אין שטוב, וועט איר דאָרט קריגן אַ ליימענעם טאָפּ.״

דער פרעמדער איז אַריבער די גאַס און איז אַריין אין דעם הויז, וואָס דער

קרעמער האָט אים אָנגעוויזן. אָבער ווי נאָר ער איז אַהין אַריינגעקומען, האָט ער גלייך געזען, אַז ער איז נישט אין ריכטיקן פּלאַץ. וואָרן אין יענעם הויז האָט נישט געוואוינט קיין טעפּער, נאָר דער רב פון שטעטל. דער ייד האָט זיך נעבעך פאַרשעמט און האָט גענומען שטאַמלען.

דער רב האָט געזען, אַז דער ייד איז אַ פרעמדער, האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז אים געגאַנגען אַנטקעגן און אים געגעבן שלום.

דער ייד האָט נאָך דעם דערציילט דעם רב ווער ער איז און וואָס ער וויל. ער איז אַריין אין דער קראָם אויף דער אַנדערער זייט גאַס, צו קויפן אַ ליימענעם טאָפּ. נאָר דער קרעמער האָט אים אָנגעוויזן אויף דעם הויז און אים געזאָגט, אַז דאָ וועט ער קענען קריגן אַ טאָפּ.

דעם רב איז דאָס געווען אַ חידוש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער קרעמער איז עפּעס אויסן געווען מיט דעם.

אויף מאָרגן באַגעגנט דער רב דעם קרעמער און פרעגט אים וועגן דער נעכטיקער מעשה: היתכן, ווי קומט עס, וואָס ער האָט עפּעס געשיקט צו אים אַ פרעמדן ייד, צו קויפן ביי אים אַ טאָפּ? זאָגט דער קרעמער: „איך וועל אייך זאָגן, רבי, אַזוי ווי איך ווייס, אַז איר מאַכט אין שטאָט אַן ק ר י ג, האָב איך געמיינט, אַז איר מאַכט אַוודאי אויך טעפּ.״

אַ פאַרקערטע וועלט

אַ משולח איז געקומען צו דעם קיעווער גביר, ר׳ יונה זייצעוו, נאָך אַ נדבה. דער משולח האָט געוואוסט, אַז זייצעוו איז באַקענט פאַר אַ גרויסן נגיד, אַ מיליאָנער, און ער האָט זיך גערעכנט, אַז ער וועט ביי אים קריגן אַ לייטישע מטבע.

אַז דער גביר הערט נאָך וואָס דער משולח איז געקומען, עפנט ער דאָס טישקעסטל, נעמט פון דאָרט אַרויס אַ זילבערשטיק און דערלאַנגט אים. דער משולח גיט אַ קוק אויף דער מטבע און וויל זי נישט נעמען. וואָס איז? אַזאַ גרויסער גביר קיין עין־הרע נישט, אַ מיליאָנער, און גיבן גיט ער אַזאַ קליינע נדבה! וואָס איז ער, וואָס, דער משולח? אַ שלעפּער, וואָס גייט איבער די הייזער, וואָס ער גיט אים אַזאַ נדבה? הכלל, ער וועט די נדבה נישט נעמען. און ביים אויסדרייען זיך צום אַוועקגיין גיט ער זיך אַ זאָג: „איצט זע איך, אַז ס׳איז טאַקע אַ פאַרקערטע וועלט.״ און ער לאָזט זיך גיין צו דער טיר. רופט אים ר׳ יונה זייצעוו צוריק און וויל וויסן: „ר׳ ייד וואָס מיינט איר, אַז ס׳איז היינט אַ פאַרקערטע וועלט?״

דרייט זיך דער משולח אויס צו אים און זאָגט: „אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט נישט ברוגז זיין, וועל איך אייך זאָגן.״

שמייכלט דער גביר, און דער משולח זאָגט: „אַמאָל האָט מען געוואוסט, אַז י ו נ ה איז אַ ט ו י ב, און ז אַ י ע ץ איז אַ ה אָ ז. היינט זע איך, אַז י ו נ ה איז אַ ה ו נ ט, און ז אַ י ע ץ איז אַ ח ז י ר.״

ר׳ חיים זייגערמאַכער

מיין פריינד, דער שרייבער א. ל. שוואַרצבורג, ע״ה, האָט מיר דערציילט אין אַ בריוו אַ מעשה, וואָס ער געדענקט פון זיינע חדר־יאָרן:

ביי זיין רבי ר׳ משה מנוחהס האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט דער וואַנטזייגער. האָט מען געשיקט נאָך ר׳ חיים זייגערמאַכער. ר׳ חיים, אַן עלטערער מענטש, אַ פרומער ייד און אַ למדן, אַז ער איז געקומען, האָט ער זיך אַרויפגעשטעלט אַף דער צעריסענער זאָפע מיט די אַרויסגעסטאַרטשעטע און צעדרייטע ספּרוזשינעס, אַראָפּצונעמען דעם זייגער פון דער וואַנט. נאָר נאָך איידער ער האָט זיך גוט אָוועקגעשטעלט, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין די ספּרוזשינעס, איז אַראָפּגע־פאַלן און האָט זיך גוט צעשלאָגן.

ערשט נאָך דעם האָט מען אָפּגערוקט די זאָפע, מ׳האָט צוגעשטעלט אַ בענקל און מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם זייגער.

ר׳ חיים האָט געאַרבעט אַ פּאָר שעה אָפן זייגער. ער האָט אים צענומען און צוריק צוזאַמענגעשטעלט, און דער זייגער איז ווידער געגאַנגען און געקלונגען.

„וואָס קומט אייך, ר׳ חיים?"

„פופצן קאָפּיקעס."

די רביצין האָט אים דערלאַנגט די פופצן קאָפּיקעס. ר׳ חיים האָט זיך נאָך צוגעהערט אַ מינוט צום זייגער, און איז בשלום אַוועק.

סע געדויערט נישט קיין האַלבע שעה און ר׳ חיים קומט צוריק. וואָס איז? „ר׳ משה," זאָגט דער זייגערמאַכער, „נאָט אייך צוריק די פופצן קאָפּיקעס. דער זייגער וועט נישט גיין."

אַזעלכע יידן האָבן מיר אַמאָל געהאַט.

מ׳האָט זיך געביטן מיט אים

צו דער אָפּגעהיטקייט פון אַמאָליקע פרומע און ערלעכע יידן איז גאָרנישט ניט געווען קיין גרענעץ. ערלעכע יידן זענען געווען שטאַרק געוואָרנט אין זייער האַנדל און וואַנדל און זענען געווען געהיט, אַז זיי זאָלן, חלילה, נישט אַנרירן יענעמס אַף אַ האָר. און געווען יידן, וואָס זענען געווען געוואָרנט אַז זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט אַרויסכאַפּן מיט עפּעס אַ וואָרט אַף עמיצן, אַפילו ווען דאָס איז געווען דער הוילער אמת. בפרט זאָגן אַף עמיצן „גנב", אָדער „ליגנער", זאָל דער אייבערשטער שומר און מציל זיין! וועגן איינעם אַזאַ אָפּגעהיטן ייד וויל איך אייך היינט דערציילן.

אין שטעטל איז געווען אַ ייד ר׳ שלמה. איבער זיינע ליפּן איז קיינמאָל נישט אַריבער קיין שלעכט וואָרט אַף קיינעם, אָדער אַן אומבכבודיק וואָרט. מאַכט זיך אַמאָל אַן ערב יום־טוב בייטאָג, ווען ער האָט זיך געקליבן גיין אין מרחץ אַריין, גיט אים זיין ווייב נייע וועש, אַז ער זאָל דאָרט איבערטון לכבוד יום־טוב. ר׳ שלמה האָט גענומען די וועש אונטערן אָרעם, און איז אַוועקגעגאַנגען.

שפּעטער, אַז ער איז צוריקגעקומען, גיט זיין ווייב אַ קוק, איר מאַן גייט

אין דעמזעלבן העמד, וואָס ער האָט פריער געטראָגן. פרעגט זי אים: „מיין מאַן, דו האָסט נישט איבערגעטון די וועש? איך האָב דאָך דיר מיטגעגעבן אַ פרישן העמד.״

„אַ מאַן האָט זיך געביטן מיט מיר מיט דעם העמד,״ ענטפערט ר׳ שלמה.

„געביטן זיך?״ פרעגט זיין ווייב, „טאָ וואו איז דאָס העמד, וואָס יענער האָט דיר געגעבן?״

גיט ר׳ שלמה אַ טראַכט און זאָגט: „ער האָט עס מסתמא פאַרגעסן איבער־צולאָזן.״

מילא די אַנדערע ווי די אַנדערע, נאָר דו, הונט, וואָס מישסטו דיך אַריַין?

אַ ייד—אַ למדן, איז געזעסן ביינאַכט ביים טיש פאַר אַ לעמפל און האָט געלערנט. עס איז שוין געווען שפּעט, שטאַרק שפּעט. פּלוצים דערהערט ער, אַז אין דער סטאַדעלע אָפן הויף איז אַ גערויש. האָט ער זיך דערשראָקן, און לויפט זען וואָס דאָרטן טוט זיך.

ווי נאָר ער עפנט דעם טויער פון דער סטאַדעלע, זעט ער: דער האָן קרייט, די ציג מעקעט און דער הונט בילט. שטייט דער ייד אַ מינוט, קוקט און זאָגט דערנאָך צום האָן: „מילא דו, האָן, דו קרייסט, ווייל דו זאָגסט אָן מיט דעם, אַז סע קומט דער מאָרגן און ס׳איז צייט אויפצושטיין, צו דינען דעם בורא. דו, ציג, דו מעקעסט און טרעסעסט מיט דיין באָרד, צו דערמאָנען, אַז די תורה זאָגט אָן: מפני שיבה תקום, אַז פאַר אַן אַלטן מענטש, אַ גרייז, דאַרף מען זיך אויפשטעלן. נאָר דו, הונט, וואָס בילסטו? דו וועקסט נישט מיט דיין בילן, אַז מע זאָל אויפשטיין, צו דינען דעם בורא; און קיין שיבה, קיין אַלטער, ביסטו נישט, און קיין באָרד האָסטו אויך נישט. דו, הונט איינער, וואָס, איך בעט דיך, מישסטו דיך אַריין?״

באַמערקונג: אַ משל קעגן אַן עם הארץ וואָס מישט זיך דאָרט, וואו מע דאַרף נישט.

ער בענטשט אים מיט דער ברכה פון אברהם, יצחק און יעקב

אַן אָרימער ייד, אַ געפאַלענער נעבעך, איז אַמאָל געקומען צו אַ גרויסן עושר, אַ גביר, און האָט אים דערציילט זיין דאַליע, און געבעטן, אַז ער זאָל אים העלפן. ער האָט אַ טאָכטער, שוין אין די יאָרן, און ס׳איז צייט איר חתונה צו מאַכן. נאָר מע דאַרף נדן, בעט ער אים, אַז ער זאָל אים באַהילפיק זיין.

דער גביר הערט אים אויס, באַדויערט אים, און ביי דעם איז עס געבליבן. קיין געלט האָט ער אים נישט געגעבן. דער אָרימער ייד פּרובירט נאָכאַמאָל. נאָר סע העלפט נישט. דער גביר איז האַרט ווי אַ שטיין.

מילא, ניין איז ניין. הייבט זיך אויף דער ייד, און איידער ער דרייט זיך אויס אַוועקצוגיין, זאָגט ער צום גביר: „גאָט זאָל אייך בענטשן, אַז איר זאָלט זיין ווי אברהם, יצחק און יעקב.״ און ער לאָזט זיך אַוועקגיין.

דער גביר קוקט אים נאָך און פאַרשטייט נישט: קיין געלט האָט ער אים נישט געגעבן, און ער בענטשט אים גאָר!

רופט ער אים צוריק און פרעגט אים, וואָס ער מיינט מיט זיין ברכה, אַז ער זאָל זיין ווי אברהם, יצחק און יעקב. זאָגט דער ייד: „ס'איז זייער פשוט: אברהם איז זיין גאַנץ לעבן געווען פאַרוואָגלט, נע־ונד; יצחק איז אויף דער עלטער גע־ווען בלינד, און יעקב איז געווען לאָם און האָט צוגעהונקען. בענטש איך אייך, אַז איר זאָלט זיין ווי זיי."

די בהמה, וואָס קריכט אין פֿרעמדע גערטנער

אַ רוסישער פּאָליציי־מייסטער האָט אַמאָל פֿאַר דעם רב פון שטאָט שטאַרק פאַרלויבט די יידישע איינוואוינער. ער האָט געזאָגט: „אַ וואויל פֿאָלק—די יידן. זיי הרגענען נישט, זיי שלאָגן זיך נישט, זיי שיכורן נישט, און סע טרעפט זעלטן, אַז מע זאָל ברענגען צו דער פּאָליציי אַ יידישן פאַרברעכער. ער קען דעריבער נישט פאַרשטיין—האָט ער געטענהט—פאַרוואָס אַז סע קומט צו געלט־זאַכן, זע־נען יידן גראַדע נישט געהיט. זיי זענען אַנזעצערס, זיי נעמען פּראָצענט, און זיי שווינדלען און נאַרן יענעם אָפּ צוליב געלט."

דער רב הערט אים אויס און שטימט מיט אים איין, אַז יידן זענען בטבע נישט קיין פאַרברעכער. און די מעשה מיט פּראָצענט און אַנדערע געלט־זאַכן זענען שרעקלעך איבערגעטריבן. און אָפּט, זאָגט דער רב, איז דאָס אין גאַנצן אַ בילבול. ער פּרובירט אים אויפקלערן: „אויב סע טרעפט אַמאָל, אַז אַ ייד נעמט פּראָצענט, אָדער נאַרט יענעם אָפּ אין געלט־זאַכן—איז דען דאָס אַ חידוש? איכ'ל דיר דערציילן, פּריצל, וואָס ס'האָט דאָ נישט לאַנג געטראָפן, וועסטו פאַרשטיין.

„אַנומלטן קומען צו מיר צוויי יידן מיט אַ דין־תורה. וואָס איז? איינער, ראובן, האָט פאַרקויפט שמעונען אַ בהמה. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז די בהמה איז אַ שטילע, זי מעלקט זיך, און לויפט נישט אין קיין פרעמדע גערטנער און טוט קיינעם נישט אָן קיין שאָדן. הכלל, קיין בעסערע בהמה קאָן גאָר נישט זיין. נאָר שמעון, דער קויפער, טענהט, אַז ראובן האָט אים אָפּגענאַרט. די בהמה איז אַ ווילדע. זי לויפט אַרום אין פרעמדע גערטנער און טוט אָן שאָדן, און צו די אַלע גליקן מעלקט זי זיך נישט.

„איך האָב זיי אויסגעהערט און געהייסן קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום. איך האָב געוואָלט דערגיין מער איינצלהייטן וועגן דער גאַנצער זאַך.

„ווען זיי זענען צוויי טעג שפּעטער געקומען הערן מיין פּסק, האָב איך זיי איבערגעגעבן וואָס זייערע שכנים האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן דער קו: ראובן, וואָס האָט פאַרקויפט די בהמה, האָט אַף איר אַכטונג געגעבן, ער האָט זי גע־האַלטן אין אַ שטאַל, און האָט איר געגעבן צו עסן און צו טרינקען אין צייט. דערפאַר איז זי געווען שטיל און האָט זיך געמאָלקן און געגעבן אַ סך מילך. שמעון, דער קויפער, ער האָט אַף איר נישט אַכטונג געגעבן, און האָט איר נישט געגעבן איר שפּייז אין צייט. דערפאַר איז זי געוואָרן ווילד און איז אַרומ־געלאָפן אין פרעמדע גערטנער, צו זוכן עסן."

און דער רב ענדיקט:

„אַזוי איז אויך מיט די יידן. די רעגירונג רודפט זיי: דאָ טאָרן זיי נישט וואוינען, און מיט דערמיט טאָרן זיי נישט האַנדלען. טאַ וואָס איז דאָס חידוש, אַז אַ ייד ווערט אַמאָל געשטרויכלט ביים זוכן צו פאַרדינען אַף פּרנסה?!״

דער אמתער בעל־צדקה

ר׳ משה מאָנטעפיאָרע, דער גרויסער יידישער שר פון ענגלאַנד, איז אַמאָל געווען אין ווילנע. האָבן די יידן זיך געפרייט מיט אים, וואָרן ער איז געקומען צו פועלן ישועות אַף יידן. מ׳האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד, און מ׳האָט אים געפירט איבער דער שטאָט אין אַ גילדענער קאַרעטע, גאָשפּיק, מיט דריי פּאָר פערד. און מאָנטעפיאָרע האָט געגעבן אַ סך צדקה און געטיילט געלט רעכטס און לינקס. ווי מע פירט אים אַזוי, דערזעט ער אין גאַס אַ ייד אין אַ לאַנגן גראָען קאַפּטן מיט פיר כנפות און ציצית. און דער ייד האַלט אַ פּושקע אין האַנט און בעט זיך מיט אַ הארציק קול: „יידן, גיט אַ קאָפּיקע אַף צדקה! יידן, גיט אַ קאָפּיקע אַף צדקה!״

אַף מאָנטעפיאָרען האָט דאָס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק: בעטלען! און צו דערצו דער הילוך פון דעם ייד — אַ קאַפּטן מיט ציצית! רעדט ער וועגן דעם מיט די פּני, וואָס פאָרן מיט אים: סטייטש? אַ שטאָט ווי ווילנע דערלאָזט אַזאַ זאַך?!

זאָגט מען אים: דאָס איז ר׳ שמעון לעטניק. נישט קיין בעטלער, חלילה. און ער זאַמלט דאָס נישט פאַר זיך. ער זאַמלט דאָס פאַר אָרימע ישיבה־בחורים. זיי פּעלט אַמאָל אויס אַ „טאָג״ אין וואָך, און האָבן נישט וואו צו עסן. באַזאָרגט זיי ר׳ שמעון מיט עסן. דאָס גאַנצע לעבן גיט ער אַוועק פאַר די ישיבה־לייט. דאָס זענען זיינע קינדער. ער זאַמלט אַזוי פון פרי פאַרטאָג, ביז שפּעט ביינאַכט. פאַר זיך נעמט ער נישט פון דעם, אַפילו נישט קיין איינציקע פּרוטה. אַז ער ווערט פאַרטיק, ערשט דעמאָלט נעמט ער אַרבעטן אַף אַ שטיקל ברויט פאַר זיך. ער רייבט טאַביקע פאַר אַ ווילנער טאַביקע־הענדלער.

ר׳ משה מאָנטעפיאָרע הערט און ווערט נתפּעל. סאַראַ טייערע יידן! אָט דאָס איז אַ בעל־צדקה! און ער טראַכט: וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט זיין אייגענע צדקה פון טויזנטער קעגן דער צדקה פון דעמדאָזיקן ייד?!

אַז מאָנטעפיאָרע איז פון דאָרט אַוועקגעפאָרן און איז געקומען אין אַנדערע גרויסע שטעט, קומט מען צו גיין צו אים פון צייטונגען, אַז ער זאָל דערציילן פון זיין לעבן. ער איז דאָך אַזאַ גרויסער שר און בעל־צדקה! זאָל די וועלט זען און וויסן ווי מע דאַרף זיך פירן מיט געלט.

„ניין, ניין,״ זאָגט מאָנטעפיאָרע, „איך בין נישט אַזאַ גרויסער בעל־צדקה. אין ווילנע איז דאָ אַן אָרימער ייד — איז ער אַ גרעסערער בעל־צדקה פון מיר. ר׳ שמעון לעטניק הייסט ער. גייט צו אים. זיין לעבן איז מער ווערט צו באַשרייבן.״

באַמערקונג: ר׳ שמעון לעטניק איז געווען באַקאַנט אין ווילנע פאַר אַ הייליקן. מ׳האָט אים אויך גערופן ר׳ שמעון קאַפּטן. אליקום צונזער דערמאָנט אים אין זיין אויטאָביאָגראַפיע מיט גרויס פאַרכטיקייט.

אַ כּלה מיט אַלע מעלות

אַ שדכן איז געקומען רעדן אַ יונגן בחור אַ שידוך. ער האָט פאַר אים פאַר־לויבט די כּלה אין הימל אַריין. ס'אַ מיידל, וואָס האָט אַלע מעלות פון אונזערע מוטערס שרה, רבקה, רחל און לאה, האָט ער געזאָגט.

דער בחור האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַזאַ גליק. די כּלה אַליין האָט ער, פאַר־שטייט זיך, נישט געזען, ווי ס'האָט זיך געווײנלעך געפירט אַמאָליקע יאָרן. ער האָט זיך נאָר געזען מיט אירע עלטערן, די מחותּנים, און דער שידוך איז גע־שלאָסן געוואָרן, און מ'האָט באַשטימט די צייט פון דער חתונה.

דער בחור האָט זיך שוין קוים דערלעבט די חתונה. אַ קלייניקייט—אַזאַ כּלה!

עטלעכע וואָכן נאָך דער חתונה קומט דער יונגערמאַן צו לויפן צום שדכן מיט טענות: „געוואַלד, ער האָט אים אומגליקלעך געמאַכט! דאָס ווייבל זיינס איז וואָס אין דער קאָרט: זי איז אַ מיאוסקייט, אַ מרשעת, אַן ארורה, אַן אויס־וואָרף! וואָס האָט ער געהאַט צו אים?!"

זאָגט דער שדכן: „שאַ, יונגערמאַן. איך האָב דיך נישט אָפּגענאַרט. זי איז דאָס, וואָס איך האָב דיר געזאָגט: זי האָט אַלע מעלות פון אונזערע מוטערס: זי איז אַ ליגנערין ווי שרה. שרה האָט געלייקנט, אַז זי האָט געלאַכט, ווען דער מלאך האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט ביז צום יאָר האָבן אַ זון; זי איז אַ שווינד־לערין ווי רבקה, וואָס האָט געהאָלפן יעקבן אויסנאַרן די ברכה ביים פאָטער; זי איז אַ מיאוסקייט ווי לאה, וואָס האָט געהאַט קאַליע אויגן; און זי איז אַ גנבטע ווי רחל, וואָס האָט געגנבעט ביי איר פאָטער די געטשקעס. און דאָס, וואָס דיין ווייבל זיצט נישט איין אין שטוב—איז וואָס? יעקבס טאָכטער דינה איז אויך נישט געווען קיין שטוב־זיצערין. זי האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן. דו גע־דענקסט דאָך די מעשה מיט שכמען, וואָס האָט זי צוגענומען צו זיך. און דאָס, וואָס דו טענהסט, אַז זי איז נאָך צו דעם אַלעמען אַ מרשעת, אַן ארורה—איז וואָס האָסטו געוואָלט, אַז זי זאָל שוין גאָר קיין חסרונות נישט האָבן? גיי אַהיים און זיי צופרידן, וואָס דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ כּשרער, יידישער טאָכטער."

נישט דווקא פאַר שווערער אַרבעט קריגט מען גוט באַצאָלט

דער אַלטער משרת איז אַמאָל צוגעגאַנגען צו זיין באַלעבאָס, דעם תּבואה־סוחר, און האָט זיך גענומען קלאָגן פאַר אים: ער אַרבעט שוין אַזוי פיל יאָרן, און ער אַרבעט שווער און געטריי, און צום סוף קריגט ער ווינציקער געהאַלט ווי סע קריגט דער ייִנגערער משרת, וואָס אַרבעט ערשט עטלעכע יאָר. דער באַלעבאָס הערט אים אויס און פאַרבעט אים צום טיש, צו טרינקען אַ גלעזל טיי און צו דורכשמועסן זיך.

ווי זיי זיצן אַזוי און רעדן, זעט דער באַלעבאָס דורכן פענסטער, גויים קומען מיט עטלעכע אָנגעלאָדענע פורן. זאָגט ער צו זיין משרת: „ר' לייב, גיט, זייט מוחל, אַ קוק און זעט וואָס די גויים פירן."

דער משרת לויפט אַרויס, און אַז ער איז צוריק אַריינגעקומען, זאָגט ער: „די גוים פירן ווייץ."

„גוט," זאָגט דער באַלעבאָס. „טאָ פרעגט, זייט מוחל, וואוהין זיי פירן דעם ווייץ."

דער משרת איז ווידער אַרויסגעלאָפן, און איז באַלד געקומען מיט אַן ענטפער: „זיי פירן דעם ווייץ צום פאַרקויפן."

„צום פאַרקויפן?" פרעגט דער באַלעבאָס. „טאָ גייט, זייט מוחל, און געפינט אויס דעם מקח."

דער משרת איז צום דריטן מאָל אַרויס אין דרויסן און האָט זיך נאָכגעפרעגט אָפן מקח. אַ צופרידענער איז ער אַריין אין שטוב און האָט איבערגעגעבן דעם באַלעבאָס וועגן מקח.

דערווייל איז אין שטוב אַריינגעקומען דער ייִנגערער משרת. זאָגט צו אים דער באַלעבאָס: „גיי, זיי מוחל, געפין אויס וואָס די גוים פירן."

דער ייִנגערער משרת איז אַרויסגעלאָפן און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ קיילעכדיקן ענטפער, אַז די גוים פירן ווייץ צום פאַרקויפן פאַר אַזאַ און אַזאַ פרייז.

דער באַלעבאָס האָט אַ קוק געטון אָף דעם עלטערן משרת, ווי איינער וואָלט געזאָגט: „היינט זעסטו שוין פאַרוואָס ער אַרבעט גרינג און קריגט מער געצאָלטס?!"

ער וועט שוין קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין

אַ שיינער ייִד—אַ נגיד, וואָס האָט געהאַט זיין שטאָט אין בית־מדרש אויבנאָן, לעבן דעם רב, האָט שטענדיק געקרעכצט און געוויינט, ווען דער שליח־ציבור איז געקומען אין דער שמונה־עשרה צו די ווערטער „ונאמן אתה להחיות מתים," אַז גאָט וועט די מתים צוריק לעבעדיק מאַכן. דער רב האָט דאָס באַמערקט. פרעגט ער אים איינמאָל: „ר' אהרן, איר וועט קיין פּאַראיבל נישט האָבן, וואָס איך וועל אייך פרעגן: קענט איר מיר זאָגן, פאַרוואָס ביי דער תפילה וועגן תחית־המתים וויינט איר מער ווי ביי די אַנדערע תפילות?"

„רבי," זאָגט דער נגיד, „איך וועל אייך דערציילן דעם אמת. איך האָב קינדער, זענען זיי גרויסע הולטאַיעס, שפּילן טאָג ווי נאַכט אין קאָרטן און פאַרשפּילן דאָס העמד. נאָר כל־זמן איך לעב, האַלט איך אַן אויג אָף מיין פאַרמעגן. איך פאַרשטיי אָבער, אַז ווי נאָר איך וועל שטאַרבן, וועלן זיי דאָס גאַנצע עשירות צעטרענצלען און סע וועט פון דעם גאָרנישט ניט בלייבן. דעריבער, אַז סע קומט צו דער תפילה וועגן תחית־המתים, וויין איך. וואָרן איך ווייס, אַז ווען איך וועל אויפשטיין תחית־המתים, וועל איך פון מיין פאַרמעגן נישט געפינען קיין פרוטה, און איך וועל זיין אַן אָרימאַן."

דער רב הערט אים אויס און באַדויערט: „וויפיל קינדער האָט איר?"

„איך האָב פיר זין, רבי."

„פיר זין?" זאָגט דער רב איבער אַ פאַרטראַכטער. „ר' אהרן, איר דאַרפט

איך גאָרנישט ניט שרעקן. וואָרן אַז מע פאַרמאָגט פיר אַזעלכע זין, פאַרשפּאָרט מען שוין אויפצושטיין תחית־המתים.״

סע דאַרף שטיין פּאַרקערט

אַ ייד—אַ גביר, און שטעלט אייך פאָר, גראָדע נישט קיין קמצן, נאָר אַ מענטש מיט אַן אָפענער האַנט, ביי וועמען מ׳האָט געקענט קריגן תמיד אַ גמילת־חסד, און צו דעם איז ער נאָך געווען אַ פרומער ייד, אַ ירא־שמים, זיצט אַמאָל מיטן רב פון שטאָט און רעדט זיך אויס פאַר אים זיין האַרץ: מענטשן לייען ביי אים געלט, און גיבן נישט אָפּ, מע כאַפּט אַ גמילת־חסד, און מע קערט נישט אום. „איר ווייסט, רבי,״ זאָגט דער גביר, „שמעון הצדיק איז נישט געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז די וועלט שטייט אַף דריי זאַכן: אַף תורה, און אַף עבודה און אַף גמילות־חסדים.״

וואונדערט זיך דער רב: „סטייטש, אַ ייד ווי איר זאָלט זאָגן אַזאַ זאַך? ווי קומט צו אַ פרומען ייד אַזאַ רעיון?״

זאָגט דער גביר: „כ׳מיין, רבי, גערעכט איז שמעון הצדיק יאָ געווען, נאָר דער סדר האָט געדאַרפט זיין אַנדערש. ער האָט געדאַרפט אָנהייבן פאַרקערט.״

„דהיינו, ווי אַזוי?״ קוקט דער רב נאָך מער פאַרחידושט.

„איר פאַרשטייט, רבי,״ מאַכט אים קלאָר דער גביר, „געבן יענעם אַ גמילת־חסד איז אַוודאי אַ גרויסע מצווה. אויפמאָנען דעם גמילת־חסד איז צייטנווייז אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַ גאַנצע עבודה. און אַז דאָס העלפט נישט, מוז מען אָנקומען צו דער תורה, צו געזעץ. דאָס הייסט, מע דאַרף זיך שטעלן צו אַ דין־תורה. דעריבער האָט, נאָך מיין מיינונג נאָך, געדאַרפט שטיין, אַז די וועלט שטייט אַף גמילות־חסדים, און אַף עבודה—אַף אַרבעט, און אַף תורה—אַף געזעץ.״

באַמערקונג: דער מאמר גייט: על שלושה דברים העולם עומד: „על התורה, ועל העבודה ועל גמילות חסדים—אַף דריי זאַכן שטייט דער וועלט: אַף דער תורה (געזעץ), און אַף דינען גאָט און אַף טון גוטס.״

•

ער האָט מקיים געווען אַ מצווה

די רביצין איז געשטאַנען ערב־שבועות אין קיך און האָט געבאַקן מילכיק געבעקס. זי האָט געמאַכט געפילטע קנישעקלעך און בלינצעס, און האָט געבאַקן קליינע צוקערלעך, וואָס מ׳האָט גערופן אין לידע קינדערלעך. ווי זי האָט אויסגעשטעלט אַזוי, קומט אַריין איר ביין יעריק יינגעלע, און אַז ער דער־זעט ווי אָפן טיש שטייט שוין אַ בלעך מיט אויסגעבאַקטע קינדערלעך, גיט ער אַ זאָג צו דער מוטער: „מאַמע, דער טאַטע האָט געבעטן, דו זאָלסט אַריינ־קומען צו אים, ער וויל דיך בייטיק זען.״

די רביצין האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס פאַרמעליקטע פאַרטעך, האָט זיך אָפּגעווישט די הענט און איז אַרויס פון קיך.

ווי נאָר זי איז אַריבערגעטרעטן די שוועל, איז דאָס בחורל צו צו דער בלעך

געבעקס און האָט געגומען רייבן די ק י נ ד ע ר ל ע ך אַף ביידע באַקן, און די איבעריקע האָט ער אָנגעשטופּט אין די קעשענעס.

אַז די רביצין איז צוריק אַריינגעקומען און האָט דערזען די אויסגעליידיקטע בלעך אַפן טיש, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איר ייִנגעלעס אַרבעט. האָט זי גענומען שרייען אַף אים. אַף די געשרייען קומט צו לויפן דער רב, און אַז ער דערהערט, וואָס דאָס בחורל האָט אָפּגעטון, נעמט ער אים אַפן צימבל: „סטייטש, ווי טוט דאָס אַ ייִנגל אַזאַ זאַך? און נאָך אום סאַמע ערב־שבועות, פאַר מתן־תורה?״

דאָס ייִנגעלע שטייט אַ פאַרשולדיקטער און זאָגט: „טאַטע, איך האָב מיר געוואָלט פאַרדינען אַ מצווה.״

„אַ מצווה?!״ קוקט אים אָן דער פאָטער מיט חידוש. „וואָס פאַר אַ מצווה?״

„אין חומש, טאַטע, אין דער פּרשה כי תצא, האָב איך אַליין געלערנט ווי די תורה זאָגט, אַז דו וועסט געפינען אַ נעסט מיט פייגעלעך, זאָלסטו די מוטער אַוועקשיקן, און די ק י נ ד ע ר ל ע ך מעגסטו דיר נעמען.״

ער גיט דעם ריכטיקן טײַטש

אין שטעטל איז געווען אַן עלטערער ייִד, יוסף לעמעלע האָט מען אים גע־רופן. ער איז אַמאָל געווען אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, און אַרויסצורעדן עט־לעכע ייִדישע ווערטער איז אים נעבעך אָנגעקומען ווי קריעת ים־סוף. ער האָט געבראָקט אַ לשון, אַז ס'איז אָפט שווער געווען צו פאַרשטיין וואָס ער מיינט. נאָר נאָך ערגער איז געווען מיט זיין עברי. און אין הלכות ייִדישקייט האָט ער שטאַרק אונטערגעהונקען, כאָטש ער איז יעדן טאָג געגאַנגען דאַווענען און האָט אָפּגעהיט שבת און יום־טוב.

דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ זון אַ וואויל־לערנער. ער האָט געקענט אַ פּרשה חומש, און אַפילו אָפּלערנען אַ שטיקל גמרא. פּסח, צום סדר, האָט שוין דער זון געהאַט די חזקה אָפּצוריכטן דעם סדר און פאַרטייטשן די הגדה פאַר דעם הויזגעזינד. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשפּיגלט אין אים.

טרעפט איין פּסח, אַז דער זון זייערער איז גראַדע נישט געווען אין דער היים. אַז מ'האָט זיך געזעצט צום סדר, רופט זיך אָן די מוטער מיט אַן אומעטיק קול און מיט טרערן אין די אויגן: „ווען אונזער זון זאָל דאָ זיין איצט, וואָלט געווען אַ סך פריילעכער. ער וואָלט פאַרטייטשט די הגדה און וואָלט אונז באַשיינט דעם סדר.״

„ניטשעוואָ, ס'אַ קלייניקייט,״ זאָגט דער מאַן. „איך וועל אַליין פערעוואָדיען די ראַזקאַסקיס, איך וועל אַליין פאַרטייטשן די הגדה.״

מ'האָט זיך אויסגעזעצט, דער אַלטער האָט געעפנט די הגדה, געמאַכט קידוש און אָנגעהויבן זאָגן. אַז ס'איז געקומען צו די ארבעה בנים, צו די פיר זין, האָט ער גענומען אויסרעכענען און פאַרטייטשן: „אחד חכם, איינער איז אַ חכם, אַ ראַזומני טשעלאָוועק, אַזוי ווי אונזער סאָסעד (שכן) הערשל, דער קאָוואַל. ואחד רשע, און איינער איז אַ רשע, אַ מערזאַוועץ, אַ סאָבאַקאַ, אַ היצישער יונג, אַזוי ווי דער שייגעץ פּאַוועל, וואָס האָט צעאַקערט אונזער גאָרטן. ואחד תם, איינער,

וואָס איז ניע טוט, ניע טאָם, נישט אַהער און נישט אַהין. ואחד שאינו יודע לשאול, און איינער, וואָס איז נישט קיין מיידל און נישט קיין יינגל.״

און ער פאַרענדיקט: „אילו היה שם, לא היה נגאל תם, ווען זיי וואָלטן דאָרט געווען, וואָלט מען זיי נישט אויסגעלייזט פון דאָרט.״

פאַרוואָס מע לייגט נישט קיין בייטל מיט געלט אַפן טיש בײַם סדר

טאַטע־מאַמע זענען געזעסן מיט זייערע קינדער אַפן העסעבעט פסח אַף דער נאַכט און האָבן אָפגעריכט דעם סדר. דער פאָטער האָט געמאַכט קידוש, דער מעזיניק האָט געפרעגט די פיר קשיות, און מ׳האָט גענומען זאָגן די הגדה. אַז ס׳איז געקומען צו די דריי זאַכן, פ ס ח, מ צ ה, מ ר ו ר, וואָס רבן גמליאל האָט אָנגעזאָגט, אַז יעדער ייד מוז עסן פסח, האָט דער פאָטער אָנגעוויזן די קינדער אַף יעדער זאַך און גענומען דערקלערן זיי די באַדייטונג פון יעדן מין באַזונדער:

„פ ס ח״, האָט ער אויסגעזונגען מיט אַ ניגון און אָנגעוויזן אַף דעם פלי־געלע אין דער קערה, „דאָס איז לזכרון אין דעם קרבן־פסח, וואָס אונזערע אָבות האָבן געגעסן אין דער צייט, ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען. ווייל ווען גאָט האָט געטייט די בכורים אין מצרים, האָט ער איבערגעהיפּט די שטיבער פון די בני־ישראל און האָט נישט אומגעבראַכט די יידישע בכורים.

„מ צ ה״, האָט ער אָנגעוויזן אַף די מצות, און אויסגעזונגען מיט אַ ניגון, „פאַרוואָס עסן מיר מצה? ווייל ווען אונזערע אָבות זענען אַרויס פון מצרים, זענען זיי אַוועק אין אַזאַ איילעניש, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן, אַז דאָס טייג זאָל אויפיערן און זויער ווערן, האָבן זיי געבאַקן טרוקענע קוכנס, דאָס זענען די מצות.

„מ ר ו ר, פאַרוואָס עסן מיר מרור, די ביטערע קרייטעכער?״ האָט דער פאָטער געפרעגט און אָנגעוויזן אַף דעם כריין. און ער האָט אויפגעקלערט: „ווייל די מצריים האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון אונזערע אָבות מיט אַלערליי שווערע אַרבעטן, מיט קנעטן ליים און מאַכן ציגל, און מיט שווערער אַרבעט אין פעלד.״

ווי נאָר דער פאָטער האָט געענדיקט דערקלערן, רופט זיך אָן דער מעזיניק און פרעגט: „טאַטע, פאַרוואָס לייגט מען נישט אַוועק אויך אַ בייטל מיט געלט אַף דער קערה פאַר אַ זכר, אַז די יידן זענען אַרויס פון מצרים מיט אַ גרויס פאַרמעגן?״

דעם פאָטער איז געפעלן די פראַגע. ער האָט אַ לאַך געטון און געענטפערט: „ווייל פון דעם געלט, מיין קינד, איז שוין לאַנג נישט געבליבן קיין זכר.״

ער גיט אים דאָס ריכטיקע געוויכט

מעכל דער בעקער האָט יעדע וואָך געקויפט קעז און פוטער פאַר זיין געבעקס ביי יאַנקל דעם מילכיקן. איין שיינעם טאָג כאַפּט זיך מעכל, אַז יאַנקל גיט אים נישט די ריכטיקע וואָג.

זונטאָג, ווען דער מילכיקער איז געקומען צום בעקער און האָט אים גע־בראַכט קעז און פּוטער, רעדט מיט אים מעכל וועגן דעם און באַשולדיקט אים, אַז ער גיט אים נישט קיין ריכטיקע וואָג, און אַז ער וועט אים נישט באַצאָלן פאַר דעם מילכיקס.

דער מילכיקער האָט געלייקנט שטיין און ביין. ער האָט זיך געפונען באַ־לײדיקט און האָט געטענהט, אַז ער איז גרייט צו גיין מיט אים וועגן דעם צו מענטשן, אָדער אַפילו צום רב.

ביידע האָבן אויסגעקליבן בוררים, און מעכל דער בעקער האָט אַרויסגע־לייגט זיינע טענות. ער האָט דערציילט, אַז שוין אַ צייט, זינט ער קויפט ביי יאַנקלען מילכיקס, נאָר ערשט די טעג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער מילכיקער גיט אים נישט קיין געהעריקע וואָג.

„ס'איז נישט ריכטיק," האָט יאַנקל געטענהט. „אָט דאָ איז מיין וואָגשאָל, און אַלע קענען זען."

די בוררים באַקוקן די וואָגשאָל און זאָגן: „און וואו איז דיין געוויכט? לאָמיר זען דיין געוויכט."

„געוויכט?" פרעגט איבער דער מילכיקער, „קיין געוויכט האָב איך נישט."

„קיין געוויכט האָסטו נישט?" קוקן אים אָן די בוררים. „טאָ ווי אַזוי וועגסטו די פּוטער און קעז?"

זייער לייכט און פּשוט," זאָגט דער מילכיקער. „איך קויף ביים בעקער יעדע וואָך דריי פינף פונטיקע ברויטן. איך נעם דערנאָך זיינס אַ ברויט און נוץ עס פאַר אַ געוויכט. אַף איין שאָל לייג איך אַרויף אַ ברויט, און אַף דער צווייטער שאָל וועג איך דעם קעז און די פּוטער."

די בוררים קוקן זיך איבער, און דער עלטסטער טראָגט אַרויס דעם פּסק און זאָגט: „אויב אַזוי, מעכל בעקער, דאַרפט איר נישט האָבן קיין טענות. ער גיט אייך דיזעלבע וואָג וואָס איר גיט אים."

ס'איז אַ קנאַפּער חילוק צווישן די צוויי

אַ ייד האָט זיך אַ לענגערע צייט געדאָקטערט. עטלעכע מאָל אַ וואָך איז ער רעגלמעסיק געגאַנגען צו אַ דאָקטער. איטלעכס מאָל, וואָס ער איז געקומען, האָט אים דער דאָקטער אונטערזוכט, באַקלאַפּט און באַטאַפּט, צוגענומען די עט־לעכע דאָלער פאַר דעם באַזוך, און אים געהייסן ווייטער קומען. אַזוי איז אַוועק אַ צייט.

מיטאַמאָל האָט דער ייד געקריגן אַ חשד, אַז דער דאָקטער צאַפּט ביי אים אומזיסט דאָס געלט. פון אָנהייב האָט ער געשוויגן. נאָר אַז ער האָט געזען, אַז סע נעמט נישט קיין סוף, האָט עס אים גענומען רופּען. ער האָט ביי זיך אָפּגע־מאַכט, אַז ער וועט נישט שוויגן. איינמאָל האָט זיך דער ייד אָנגענומען מיט האַרץ און גיט דעם דאָקטער אַ פרעג: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, דאָקטער, וואָס איז דער חילוק פון אַ דאָקטער ביז אַ יעגער?"

דער דאָקטער קוקט אים אָן און פאַרשטייט נישט וואָס דער ייד, דער פאַ־

ציענט, מיינט. ער זעט, אַז דעם ייד רופּעט עפּעס. נאָר ער גיט אַ שמייכל און זאָגט צו אים: „דער חילוק? וואָס הייסט, ס'איז אַ גרויסער חילוק. ווי קומט איינער צום צווייטן?"

„ניין, דאָקטער," זאָגט דער ייד, „סע דאַכט זיך נאָר אויס, אַז ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן די צוויי. אין דער אמתן איז אַ קנאַפּער חילוק צווישן זיי. דער יעגער טייט קודם, און נאָך דעם שינדט ער אַ פעל, און דער דאָקטער שינדט קודם, און ערשט דערנאָך טייט ער."

ווען סע וועט אים ווערן גוט

שטייט אַ ייד אין מאַרק אַ פאַרזאָרגטער און רעדט צו זיך אַליין. זיין פּנים איז לויטער צער און טרויער. ווי ער שטייט און רעדט אַזוי צו זיך, קומט צו אים צו אַן אַלטינקער און פרעגט אים: „ר' ייד, וואָס זענט איר אַזוי פאַרזאָרגט? גאָט וועט העלפן."

דער ייד קוקט אים אָן און ענטפערט: „ווי אַזוי זאָל איך נישט זאָרגן, אַז איך דריי מיך אַרום אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק און קען נישט פאַרדינען קיין פּרוטה?! און אין שטוב זיצט אַ ווייב מיט קליינע קינדער און זיי וואַרטן, אַז איך זאָל ברענגען אַ שטיקל ברויט."

„דאגהט נישט," זאָגט דער אַלטינקער. „אַ ייד טאָר נישט דאגהן. דער אייבערשטער וועט העלפן. סע וועט נאָך זיין גוט." און ער דרייט זיך אויס און גייט אַוועק.

דער ייד שטייט אַ מינוט און טראַכט פון די עטלעכע ווערטער, וואָס דער אַלטער האָט אים געזאָגט. מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ כאַפּ: „ווער איז דאָס געווען, דער אַלטינקער? און וואו איז ער אַהינגעקומען? איז דאָס נישט געווען אפשר אליהו הנביא? יאָ, ס'איז זיכער געווען אליהו. איך מוז אים נאָכאַמאָל זען. כ'וועל לויפן אים זוכן. איך מוז אים געפינען."

דער ייד לאָזט זיך לויפן, זוכט דאָ, דאָרט, און געפינט אים. אַז ער האָט אים אָפּגעזוכט, זאָגט ער צו אים מיט אַ גדולה: „זיידעניו, אַז איך האָב שוין יאָ אַזאַ זכיה, זאָגט מיר, ווען וועט מיר ווערן גוט?"

דער אַלטינקער קוקט אים אָן מיט רחמנות, לייגט אַף אים אַרויף די האַנט און זאָגט: „מיין זון, ווייסטו ווען סע וועט דיר ווערן גוט? אַז דו וועסט דיך צו־געוויינען צו די צרות—וועט דיר ווערן גוט."

אַ שכל פון אַ גוי

אַ ייד, אַ שטיקל סוחר, איז געפאָרן צו אַ יעריד אין אַ דערבייאיקער שטאָט אַריין. ער האָט געדונגען אַ גוי מיט אַ פערד און וועגעלע, האָט אויפגעלאָדן זיין סחורה, און איז אַוועקגעפאָרן. געקומען אַפן יעריד, האָט ער פאַרקויפט זיין סחורה, און האָט אָפּגעלייזט פאַר איר אַן אַפּותיקי. נאָר דערווייל האָט ער זיך פאַרדרייט מיט עסקים, ס'איז אַריבער אַ טאָג און צוויי, און ס'איז געוואָרן ערב־

שבת. טראַכט דער ייד—וואָס וועט ער זיך איילן? ער וועט שוין בלייבן אין שטאָט אַף איבער שבת, אפשר וועט זיך נאָך עפּעס אויסדרייען, און אַף דער אַנדערער וואָך וועט ער, איה"ש, אַהיימפאָרן. נאָר וואָס טוט מען מיטן געלט ביז איבער שבת? טראָגן ביי זיך געלט אום שבת—וויל ער נישט. געבן עס דעם בעל־אַכסניה צו באַהאַלטן?—געטרויט ער אים נישט און האָט מורא. טאָ וואָס טוט מען? פאַלט אים איין אַ פּלאַן: ער נעמט דעם גוי און נייט איין דאָס געלט ביי אים אין קאַזשוך.

נאָר פון דער מינוט אָן האָט ער דעם גוי נישט אָפּגעלאָזט פון אויג. וואו דער ייד איז געגאַנגען—האָט ער דעם גוי מיטגענומען מיט זיך, און וואו דער גוי איז געגאַנגען—איז ער אים נאָכגעגאַנגען. אַזוי אַ גאַנצן שבת. דער בעל־אַכסניה האָט דאָס באַמערקט. פרעגט ער דעם גוי: „וואָס היט ער דיך אַזוי?"

זאָגט דער גוי: „זעט נאָר ס'אַ נאַרישער ייד דאָס איז! ער האָט מיר געגעבן זיין געלט צו באַהאַלטן, און איצט היט ער מיך, אַז איך זאָל מיט דערמיט נישט אַנטלויפן. ער ווייסט דאָך, אַז איך האָב אין שטאָל מיין פערד און מיין וועגעלע, טאָ ווי אַזוי וועל איך זיי איבערלאָזן און אַנטלויפן?"

דער קלוגער סוחר

אַ ייד—אַ סוחר אין קאַלאַמיי, האָט זיך אַמאָל געגרייט צו פאָרן קיין ווין צוליב מסחר. אַז די שכנים און גוטע פריינט האָבן געהערט, אַז דער סוחר גרייט זיך אין וויטן וועג אַריין, איז יעדער איינער פון זיי געקומען צו אים מיט אַן אַנדער בקשה. דער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים ברענגען פון ווין אַ גילדן זייגערל פאַר אַ כלה־מתנה, אַ צווייטער האָט געוואָלט האָבן עטלעכע מעטער סאַמעט און פּליוש אַף קליידער, אַן אַנדערער האָט אים געבעטן צו קויפן אַ שפּיגל פאַר זיין סאַליע. אַזוי האָט איטלעכער אים געגעבן אַ צעטעלע מיט עפּעס אַנדערש, וואָס ער וויל, אַז דער סוחר זאָל אים קויפן אין דער קעניגלעכער שטאָט. אָבער בלויז איינער פון די שכנים האָט אים צוזאַמען מיט דעם צעטעלע מיטגעגעבן געלט.

דער סוחר איז אַוועקגעפאָרן. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע געשעפטן אין ווין, האָט ער אַרויסגענומען דאָס צעטעלע מיט דעם געלט, וואָס דער שכן האָט אים מיטגעגעבן, און האָט איינגעהאַנדלט, וואָס יענער האָט געבעטן. וועגן די אַנדערע צעטעלעך פון די שכנים האָט ער אַפילו נישט קיין טראַכט געטון.

אַז ער איז געקומען אַהיים, זענען די שכנים און גוטע פריינט געקומען נאָך די זאַכן, וואָס זיי האָבן געבעטן, אַז ער זאָל זיי ברענגען. שמייכלט דער סוחר און זאָגט: „טייערע פריינט, ווען איך בין אַריין אין צוג, צו פאָרן קיין ווין, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אַף מיין פּלאַץ אין וואַגאָן, האָב געעפנט דאָס פענסטער און דערנאָך האָב איך אַרויסגענומען אייערע צעטעלעך און זיי אויסגעלייגט, צו זען, וואָס יעדער פון אייך וויל, איך זאָל אים קויפן. אין דעם מאָמענט האָט אַ צי געטון אַ ווינט און האָט אַלע צעטעלעך אַרויסגעבלאָזן. איך האָב דעריבער נישט געוואוסט, וואָס איך זאָל אייך קויפן."

די שכנים הערן און שווייגן. נאָר איינער פון זיי ווייזט אָן אַף דעם שכן, וועמען דער סוחר האָט יאָ געבראַכט וואָס ער האָט געבעטן, און זאָגט: „ווי קומט עס, וואָס איר האָט אים יאָ געבראַכט וואָס ער האָט אייך געבעטן?"

„אמת," זאָגט דער סוחר און שמייכלט. „איך וויל אייך זאָגן פאַרוואָס. ער האָט צוזאַמען מיט זיין צעטעלע צוגעלייגט דאָס געלט פאַר דער זאַך, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים ברענגען. אַז איך האָב אויסגעלייגט אייערע צעטעלעך, האָב איך אַף זיין צעטעלע אָוועקגעלייגט די עטלעכע גאָלד־שטיקלעך, וואָס ער האָט מיר מיטגעגעבן. צוליב דעם געוויכט פון דעם געלט, האָט דער ווינט נישט אָוועקגעבלאָזן זיין צעטעלע."

אַ טענה פון אַ ייד אַן אָרימאַן

אין דעם שטעטל ליזשענסק איז אַמאָל געווען אַ שמש. משה שמש האָט מען אים גערופן. דאָס איז געווען אַ וואוילער ייד, אַ שטילער ייד. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט און האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין טענות צו קיינעם.

נאָר איינמאָל, אַ סוף ווינטער, קומט ער אַריין צום רב מיט אַ טענה, און טאַקע מיט זייער אַן ערנסטער טענה: „איך בעט אייך, רבי, זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט גאָט אַזוי פיינט דעם אָרימאַן?"

דער רב קוקט אים אָן און זאָגט אים ווייך: „מע טאָר אַזוי נישט רעדן, משה. דער רבונו־של־עולם ווייסט וואָס ער טוט, און מע טאָר קעגן אים נישט זינדיקן מיט קיין רייד."

נאָר משה שמש לאָזט נישט אָפּ. ער וועט מער נישט שווייגן, זאָגט ער. ער וויל נאָר וויסן פאַרוואָס דער אייבערשטער האָט אַזוי פיינט דעם אָרימאַן. „אָט זאָגט אַליין, רבי, פאַרוואָס האָט גאָט געמאַכט אַן אדר שני יעדע עטלעכע יאָר, אַז דער אָרימאַן זאָל דאַרפן הייצן נאָך אַ חודש? פאַרוואָס האָט ער בעסער נישט געמאַכט נאָך אַ חודש אין מיטן זומער, לאָמיר זאָגן, אַ תמוז שני? דאָס וואָלט דאָך פאַרשפּאָרט דעם אָרימאַן דאגות וואו צו נעמען האָלץ אַף נאָך אַ חודש."

ער מיט זיין ווייב האָבן אַלע צען שטאַרקע זאַכן, וואָס זענען דאָ אַף דער וועלט

אַ רב אין דזיקאָוו האָט אַמאָל אין זיין דרשה גערעדט וועגן די צען שטאַרקע זאַכן, וואָס די גמרא זאָגט, זענען דאָ אַף דער וועלט. ער האָט אָנגעהויבן: „אַ פעלזנשטיין איז שטאַרק, נאָר אייזן קען אים צעברעכן; אייזן איז שטאַרק, נאָר פייער מאַכט עס ווייך און קען עס צעשמעלצן; פייער איז שטאַרק, נאָר וואַסער לעשט עס אויס; וואַסער איז שטאַרק, נאָר די וואָלקנס טראָגן עס אַוועק מיט זיך; די וואָלקנס זענען שטאַרק נאָר דער ווינט צעטרייבט זיי; דער ווינט איז שטאַרק, נאָר דער מענטש איז שטאַרקער און שטעלט זיך אים אַנטקעגן; דער מענטש איז שטאַרק, נאָר מורא שוואַכט אים אָפּ; מורא איז שטאַרק, נאָר ווין פאַרטרייבט די

מורא; ווײַן איז שטאַרק, נאָר דער שלאָף וועפּט אים אויס; דער שלאָף איז שטאַרק, נאָר דער טויט איז שטאַרקער, און זיי אַלע זענען ביים אייבערשטן אין די הענט."

אַז דער רב האָט געענדיקט די דרשה, קומט צו אים צו אַ ייד און זאָגט: "רבי לעבן, איר ווייסט, איך מיט דער יידינע מיינער פאַרמאָגן אַלע צען שטאַרקע זאַכן פון דער וועלט."

דער רב קוקט אים אָן און פרעגט: "ווי אַזוי?"

"זייער פּשוט," זאָגט דער ייד. "מיין ווייב איז ווי אַ שווערער פעלזנשטיין אַף מיין קאָפּ, און איך בין אייזן, אַז איך האַלט עס אויס; איר צונג איז ווי אַ פייער; זי צעלאָזט זיך מיט איר מויל ווי אַ וואַסער, און אירע קולות טראָגן זיך ווי די וואָלקנס, און אין שטוב ווערט אַ שטורעמווינט, אַז איך נעם אַזש ציטערן פאַר מורא. דעמאָלט הייב איך אָן איינשטילן מיין שרעק מיט ווייַן; און איך טרינק אַזוי לאַנג, ביז סע פאַלט אָן אַף מיר אַ שלאָף, און סע חלומט זיך מיר, אַז סע האַלט שוין נאָך מיין טויט, און איך בין אין גן־עדן און רו אונטער די פליגל פון דער שכינה."

באַמערקונג: אין דער אמתן ווערן דערמאָנט צוועלף זאַכן. און די צוועלפטע זאַך, זאָגט די גמרא, איז צדקה.

פון אַ גנב קען מען אויך אַמאָל עפּעס אָפּלערנען

אין לעמבעריק איז אַמאָל געווען אַ מוכר־ספרים, ר' יעקב משולם דיק. דאָס איז געווען אַ פרומער און ערלעכער ייד, נאָר אַ קנאַפּער געשעפטסמאַן. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין געוועלב, האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אָדער געלערנט פאַר זיך.

אַז ס'איז אַוועק אַ צייט, און לייזן האָט מען נישט געלייזט און קיין פרנסה איז נישט געווען, הייבט זיך אויף ר' יעקב משולם און לאָזט איבער דאָס געוועלב אָפן, אַף הפקר. פרעגן אים די שכנישע געוועלבערס: "ר' יעקב משולם, ווי לאָזט מען דאָס אַ געוועלב אָפן? איר האָט גאָרנישט ניט קיין מורא פאַר אַ גנב?"

זאָגט ר' יעקב משולם: "ניין, איך האָב נישט קיין מורא. אדרבא, זאָל קו־מען אַ גנב, וועל איך אים נאָכקוקן, צו זען וואו ער פאַרקויפט די ספרים, וועל איך דערנאָך אויך גיין אַהין, אפשר וועל איך אויך קענען עפּעס פאַרקויפן."

דער קרעמער און זיינע פריינט און שכנים

אין שיינע נאַכט זענען גנבים אַריין צום קרעמער אין זיין קראָם, האָבן אויסגעליידיקט אַלע פּאָליצעס און אַרויסגעטראָגן אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען.

אין דער פרי, אַז דער קרעמער איז אויפגעשטאַנען און איז אַריינגעקומען אין קראָם, איז אים געוואָרן פינסטער אין די אויגן. ער האָט געפונען ליידיקע פּאָליצעס און ווענט, און ער האָט זיך דערפילט אָרים ווי די נאַכט.

אַז זיינע שכנים און קרובים האָבן געהערט פון זיין אומגליק, זענען זיי גע־

קומען צו גיין, האָבן אים אָנגעהויבן פּאַרוואַרפן, וואָס ער האָט פריער נישט גע־טראַכט, אַז סע קען טרעפן אַזאַ זאַך. דערביי האָבן זיי אים געגומען געבן עצות: „אַז מ'האָט אַזאַ קראָם מיט סחורה, דאַרף מען זען, אַז דאָס שלאָפצימער זאָל זיין נאָענט דערביי," האָט איינער געזאָגט.

און אַ צווייטער האָט זיך אָנגערופן: „אַ קראָם לאָזט מען נישט אַזוי איבער אָף ביינאַכט. אַ קראָם מוז האָבן אַ וועכטער, וואָס זאָל זי היטן."

און אַ דריטער האָט געזאָגט: „אַז מע קען נישט האַלטן קיין וועכטער, בינדט מען צו אַ הונט פאַר דער טיר, אַז אַ פרעמדער זאָל זיך נישט דערוועגן צוצוקומען נאָענט." אַזוי האָט יעדער איינער אים פאַרגעוואָרפן זיינע טעותן און אים גע־געבן עצות.

דער קרעמער, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געהערט זייערע רייד, האָט זיך אָנגערופן אַ פאַרביטערטער: „טייערע פריינט, איצט, אַז מ'האָט מיך געלאָזט אין איין העמד, קומט איר צו גיין און וואַרפט מיר פאַר מיינע טעותן און איר גיט מיר עצות, וואָס איך האָב געדאַרפט טון. איך האָב פון קיינעם פון אייך נישט געהערט אַ וואָרט וועגן די גנבים, אַדער וועגן העלפן מיר אין מיין נויט."

אַז מע רופט—גייט מען

אין שטעטל ברעזינע זענען געווען צוויי קברות־לייט, אַן עלטערער און אַ יינגערער. אַז ס'האָט זיך געמאַכט און עמיצער איז געשטאָרבן אין שטעטל, האָט מען אַמאָל גערופן איינעם, און אַמאָל—דעם אַנדערן. אַזוי זענען אַריבער אַ סך יאָרן.

איינמאָל איז דער יינגערער קברות־מאַן קראַנק געוואָרן, מסוכן קראַנק. אַז ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, זענען געקומען די חברה־קדישא־לייט, צו זאָגן מיט אים ווידוי און צו טון מיט אים זיין רעכט.

צוזאַמען מיט דער חברה־קדישא איז אויך געקומען דער עלטערער קברות־מאַן. ער האָט זיך געשטעלט אין אַ זייט און צוגעקוקט מיט צער ווי זיין חבר גייט אויס. דער גוסס האָט דאָס באַמערקט. גיט ער אַ מאַך צו אים, אַז ער זאָל צוקומען צום בעט. אַז דער עלטערער איז צוגעקומען, פרעגט אים דער חולה מיט אַ שוואַך קול: „יואל, ווי אַלט ביסטו?"

דער עלטערער האָט גלייך געכאַפּט וואָס דער חבר זיינער מיינט. זאָגט ער צו אים: „וואָס אַרט דאָס דיך, בערל? מע רופט דיך—גיי דו. אַז מע וועט מיך רופן—וועל איך גיין. ווי מיר האָבן זיך תמיד געפירט."

יאָסל דער שוסטער ווערט פּרעזידענט

חיה, די שוסטערקע, האָט געקריגן אַ בריוו פון איר מאַן יאָסל אין אַמעריקע. שכנות זענען גלייך געוואָר געוואָרן און האָבן זיך אַריינגעכאַפּט, צו הערן, וואָס יאָסל דער שוסטער שרייבט. אַלע האָבן איר געהאָלפן לייענען דעם בריוו, און

זי האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען, וואָס ער שרייבט. נאָר איין זאַך אין בריוו איז איר נישט געווען קלאָר.

קודם־כל שרייבט איר יאָסל, אַז ער איז, ברוך־השם, געזונט, און האָפֿט דאָס נעמלעכע צו פֿאַרנעמען פֿון איר און די קינדער. צווייטנס שרייבט ער איר, אַז ער פֿאַרדינט גוט, און ער האָפֿט, אַז אין גיכן וועט ער זי אַריבערנעמען קיין נעוויאָרק צוזאַמען מיט די קינדער. און צום סוף לאָזט ער איר וויסן, אַז ער איז געוואָרן אַ פּרעזידענט. דאָס לעצטע האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען, און די ווייבער אויך נישט.

אַ פּרעזידענט! וואָס קאָן ער מיינען? און זי כאַפּט אָן זיך די שאַל און לויפֿט אַריבער צו יאָקל, דעם שרייבער, וואָס שרייבט פֿאַר אַלע אין שטעטל בריוו קיין אַמעריקע, אַז ער זאָל איר זאָגן, וואָס דאָס איז אַ פּרעזידענט. יאָקל, דער שרייבער, איז אַ וואוילקענעוודיקער, אַ געלערנטער, און ער ווייסט אַוודאי.

יאָקל לייענט איבער דעם בריוו און זאָגט: „איר ווייסט, וואָס דאָס איז אַ פּרעזידענט? אַ פּרעזידענט איז דאָסזעלבע, וואָס ביי אונדז אַ קייסער.

אַז חיה, די שוסטערקע, האָט דאָס דערהערט, איז זי געפֿאַלן אין חלשות. אַז מ'האָט זי דערמינטערט, פֿרעגט זי: „נו, וואָס דאַרף זי איצטער טון?"

זאָגט יאָקל דער שרייבער, אַז ער וועט זיך טאַקע גלייך אַנידערזעצן און אים אָנשרייבן אַ בריוו און בעטן, אַז ער זאָל, למען־השם, נישט פֿאַרגעסן און זיין גוט צו יידן.

שלאָג, און פֿרעג נישט

אין דער צייט פֿון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט זיך די רעגירונג אין קיעוו געהאַלטן אין איין ביטן. אָט האָבן די באָלשעוויקעס פֿאַרכאַפּט די שטאָט, אָט די מענשעוויקעס, און אָט גאָר די דעניקינס. איינמאָל שטעלט אַ זעלנער אָפּ אַ ייד אין גאַס און פֿרעגט אים צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט. זאָגט דער ייד, אַז ער געהערט צו די רויטע.

ווי נאָר דער זעלנער, וואָס איז געווען אַ דעניקין, האָט דאָס דערהערט, האָט ער גענומען שלאָגן דעם ייד, אַז דער ייד איז קוים אַרויס מיטן לעבן.

עטלעכע טעג שפּעטער גייט דער ייד ווידער אין גאַס. טרעפֿט מיט אים דיזעלבע מעשה. אַ זעלנער שטעלט אים אָפּ און פֿרעגט אים צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט. געדענקט דאָך דער ייד וואָס מ'האָט געטון מיט אים, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער געהערט צו די רויטע, זאָגט ער איצט, אַז ער געהערט צו די דעניקינס.

נאָר דער זעלנער איז דאָס מאָל געווען פֿון די רויטע. אַז ער האָט דער־הערט, אַז דער ייד איז פֿון די דעניקינס, האָט ער אים געשלאָגן, גענהרגט, אַז דער ייד איז קוים אַרויס גאַנץ פֿון זיינע הענט.

אין אַ וואָך אַרום, ערשט—אַ זעלנער שטעלט ווידער אָפּ דעם ייד אין גאַס און פֿרעגט אים דיזעלבע פֿראַגע, צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט. זאָגט שוין דער ייד: „שלאָג, און פֿרעג נישט קיין קשיות!"

דער לץ גיט נישט אויף די האָפֿענונג

אין שטעטעלע ראָזשישטש איז געווען אַ לץ—אַ געזונטער, הויכער יונג מיט אַן אויסזען פון אַ ריז. אַוורעמעלע לץ האָט מען אים גערופן, אָדער מיט דעם צונאָמען קאַלטשאַק, אַוורעמעלע קאַלטשאַק, צוליב זיין ריזיקן אויסזען. געווען איז דער אַוורעמעלע אַ היטלמאַכער, נאָר פון זיין מלאכה האָט ער קוים געצויגן אַ שטיקל ברויט. נאָר דאָס האָט אַוורעמעלען נישט אַראָפּגעשלאָגן פון מוט. ער איז אַלעמאָל געווען אַ פריילעכער, אַן אויפגעלייגטער, און האָט ליב געהאַט פון אַלעמען אָפּצולאַכן און חוזק צו מאַכן. בפרט פון די גבירים. זיי האָט אַוורע־מעלע לץ קיינמאָל נישט דורכגעלאָזט אָן אַ חוזק, אָדער אַ ווערטל אַף זייער חשבון. ער האָט אויך ליב געהאַט זיי צו סטראַשען: „וואַרט, מע וועט זיך מיט אייך אָפּרעכענען!״ האָט ער זיי געוואָרנט. „אַז אונזערע וועלן אַריין, וועט מען אייך צעטרעטן די פּופּיקעס!״ מיט דעם וואָרט „אונזערע״ האָט אַוורעמעלע לץ געמיינט די באָלשעוויקעס.

עס זענען אַריבער יאָרן און אַוורעמעלע לץ האָט זיך דערלעבט צו זען אין שטעטל די באָלשעוויקעס. דאָס איז געווען אין 1939, נאָכן סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. די באָלשעוויקעס זענען אַריין קיין ראָזשישטש און מ׳האָט אָנגעהויבן שליסן די געשעפטן און קראָמען, און אַף זייער פּלאַץ האָט מען געעפנט קאָאָ־פּעראַטיוון.

די סוחרים, די גבירים, זיי איז געווען ביטער. מ׳האָט זיך געוואָרפן און נישט געוואוסט וואָס מ׳הייבט אָן צו טון. נאָר אַז ס׳איז אַריבער אַ שטיקל צייט, האָבן די סוחרים אָנגעהויבן שמירן. זיי האָבן געגעבן לאַפּקע־געלט און אונטער־געקויפט די באַאַמטע, נאַטשאַלסטווע. און דאָס האָט טאַקע געהאָלפן. מ׳האָט גע־קראָגן אַרבעט, און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג. נאָר אַוורעמעלע לץ איז ווייטער גע־בליבן אַן אָרימאַן. ער האָט טאָג ווי נאַכט געהאָרעוועט ביי היטלמאַכעריי, און איז געלעגן ביין איילן טיף אין דער אדמה. די סוחרים, די גבירים, אַז זיי האָבן אים געזען, זענען זיי אים דערגאַנגען די יאָרן. זיי האָבן זיך געגרייצט מיט אים: „אַוורעמעלע, נו, וואו זענען ‚אונזערע׳?״

נאָר אַוורעמעלע לץ פלעגט זיי גלייך אָפּענטפערן: „וואַרט, וואָס איז די איילעניש מיט אייך? זיי וועלן קומען. די זענען געקומען מיט טאַנקען, אונ־זערע גייען צופוס.״

די אַנטפּלעקונג

אַמאָל איז געווען אַ ייד—אַ נגיד, אַ חכם און זייער אַ פרומער. טאָג און נאַכט איז דער ייד געזעסן און האָט געלערנט און געגעבן צדקה. יעדן פאַרנאַכט, איידער יידן זענען געגאַנגען דאַווענען מנחה און מעריב, האָבן פאַר דעם טויער פון זיין הויף זיך פאַרזאַמלט אַלע אָרימע און נויטבאַדערפטיקע און קראַנקע, אַז ער זאָל זיי געבן זייער אויסקומעניש, פאַר זיי און פאַר זייער הויזגעזינד. און ווי נאָר דער ייד האָט דערהערט דאָס גערויש פון די אָרימע אין דרויסן, האָט ער

פאַרמאַכט דאָס ספר האָט געגומען אַ קויש מיט ברויט און אַ קויש מיט אַנדערע נייטיקייטן, איז אַרויס פאַרן טויער, און האָט יעדן געגעבן וואָס ער דאַרף.

איינמאָל בשעת ער איז געזעסן און האָט געלערנט האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים אליהו הנביא, אים קלאָר צו מאַכן אַ סך זאַכן אין לערנען. נאָר פונקט דע־מאָלט האָט ער דערהערט פאַר זיין טויער די טריט פון די נויטבאַדערפטיקע און קראַנקע. אַ רגע האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו טון. זאָל ער גיין און לאָזן וואַרטן אליהון, צי זאָל ער לאָזן וואַרטן די אָרימע און קראַנקע אין דרויסן, ביז אליהו וועט אַוועקגיין? און אויב ער וועט אַרויסגיין צו די אָרימע—וועט אליהו בלייבן וואַרטן אין שטוב?

אין דער רגע האָט ער דערהערט ווי זיין האַרץ זאָגט צו אים: „דו טו דיין פליכט, און דאָס איבעריקע לאָז צום אייבערשטן."

דער ייד האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, האָט גענומען דעם קויש מיט ברויט און די אַלע אַנדערע זאַכן, און איז אַרויס צו די אָרימע און קראַנקע, זיי צו געבן זייער ברויט און היילונג.

ווען דער ייד איז פאַרטיק געוואָרן און האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב אַריין, איז אליהו דאָרט געשטאַנען אַזוי ווי ער האָט אים איבערגעלאָזט. און אליהו האָט אים געזאָגט: „דו האָסט גוט געטון, מיין זון, ווען דו וואָלטסט גע־בליבן און נישט געגאַנגען—וואָלט איך דאָ מער נישט געווען."

ביי וועמען געלט קען זיך האַלטן, און ביי וועמען—נישט

אַ ייד—אַ סוחר, איז געוואָרן אַ יורד, נישט פאַר קיין גוטן ייד געדאַכט. ער האָט אַנגעוואוירן זיין געלט און זיין פאַרמעגן, און, איז געוואָרן אַן אביון. עס זענען אַריבער יאָרן, און דער געוועזענער סוחר האָט זיך גענומען שטעלן צוריק אַף די פיס. ער האָט מצליח געווען און איז געוואָרן ווידער אַן עושר.

איינמאָל רעדט ער מיט זיין ווייב וועגן דעם מזל פון מענטשן, און ווי אַזוי דאָס רעדעלע דרייט זיך אַראָפּ און אַרויף, און אַז אַ מענטש קען קיינמאָל נישט זיין זיכער מיטן מאָרגן. דערביי זאָגט ער צו איר: „מיין ווייב, איצט זענען מיר ווידער רייך, ברוך־השם. נאָר סע קען דאָך, חלילה, טרעפן, אַז מיר זאָלן צוריק פאַראָרימט ווערן, און מיר וועלן ווידער דאַרפן ליידן הונגער און נויט. סע וואָלט דעריבער געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן איצט נעמען גענוג געלט און עס באַ־האַלטן. און אויב סע וועט, חלילה, ווידער קומען אַ שלעכטע צייט—וועלן מיר זיך קענען העלפן."

זיין ווייב איז דער פּלאַן געפעלן. זי האָט גענומען אַ שטיק פיין זייד און האָט אויפגענייט אַ זעקעלע. דערנאָך האָט זי אַנגעפילט דאָס זעקעלע מיט גילדענע רענדלעך, האָט עס באַהאַלטן אַפן דעק פון קופערט, אונטער אַלערליי זאַכן און קליידער, און האָט דעם קופערט פאַרשלאָסן.

עס זענען ווידער אַריבער יאָרן. דאָס פאָרפאָלק איז געוואָרן אַלט, און ער, דער מאַן, האָט גענומען קלערן וועגן אויפגעבן די געשעפטן און לעבן פון דעם

אַפּגעשפּאַרטן. זאָגט ער צו זײַן װײַב: „לאָמיר זען, מײַן װײַב, װיפֿיל געלט מיר האָבן באַהאַלטן אין קופֿערט."

די ײדינע עפֿנט דעם קופֿערט און שלעפּט אַרױס פֿון דאָרט דאָס זײדענע זעקעלע מיט רענדלעך.

אָבער װי נאָר זי האָט דאָס זעקעלע אױפֿגעהױבן, האָבן זיך געגעבן אַ שאָט פֿון דאָרט אַלע רענדלעך, װײַל דאָס פֿײַנע זײַד איז פֿון דעם געלט געװאָרן אױס־געריבן און צעקראַכן. די רענדלעך האָבן זיך צעקײקלט איבער דער גאַנצער שטוב, און אַ סך פֿון זײ זענען אַרײַן אין די שפּאַלטן און לעכלעך פֿון דער בריק, און מ'האָט זײ נישט געקענט געפֿינען.

זײ האָבן דעמאָלט פֿאַרשטאַנען, אַז געלט האַלט זיך בעסער אין אַ גראָבער זאַך, און נישט אין קײן זײַד.

דער אַרענדאַר נעמט די ריכטיקע לײַט אַף צו עפֿענען די טױערן פֿון הימל

בײַם פּריץ איז פֿאַרשלאָפֿט געװאָרן זײַן בת־יחידה. האָט מען געבראַכט דאָקטױרים און פּראָפֿעסאָרן, און מ'האָט זי פּרובירט הײלן. נאָר װאָס און װיפֿיל מ'האָט געטון פֿאַר איר—האָט נישט געהאָלפֿן.

דעמאָלט האָט דער פּריץ געלאָזט רופֿן דעם גלח, אַז ער זאָל בעטן גאָט פֿאַר זײַן טאָכטער. נאָר אױך דאָס האָט נישט געהאָלפֿן.

אַז דער פּריץ זעט, אַז קײן זאַך העלפֿט נישט, גײט ער אַ פֿאַרצװײפֿלטער אַריבער צו זײַן אַרענדאַר און זאָגט: „יאַנקל, נאַ דיר הונדערט רובל, פֿאַר גלײַך אין שטאָט, נעם צוזאַמען אַ מנין ײדן, צעטײל זײ דאָס געלט, זײ זאָלן בעטן גאָט פֿאַר מײַן טאָכטער."

יאַנקל נעמט דאָס געלט, שפּאַנט אײַן זײַן פֿערד און װעגעלע און לאָזט זיך אַװעק אין שטאָט אַרײַן. געקומען אין שטאָט, איז שױן געװען שפּעט בײַנאַכט, און אין מאַרק האָט מען שױן קײנעם נישט געזען.

װי דער אַרענדאַר דרײט זיך אַזױ אַרום, באַמערקט ער אין אַ װינקל יאָסל דעם פֿערד־גנבֿ. גיט ער אים אַ רוף און זאָגט, אַז ער האָט פֿאַר אים אַ כּשר פֿאַר־דינסטל. און ער דערצײלט אים די מעשׂה און הײסט אים צוזאַמענעמען אַ מנין, צו בעטן גאָט פֿאַר דעם פּריצס טאָכטער.

יאָסלען איז דער עסק געפֿעלן. ער האָט גענומען נײַן פֿון זײַנע יונגען, איז מיט זײ אַװעק אין שול און זײ האָבן גענומען זאָגן תּהלים.

אַף מאָרגן האָט דעם פּריצס טאָכטער זיך אָנגעהױבן צו פֿילן בעסער. אַז מ'האָט באַמערקט, אַז זי איז אַרױס פֿון געפֿאַר, איז דער פּריץ אַװעק צו זײַן אַרענ־דאַר מיט אַ שׂמחה און זאָגט: „יאַנקל, קום מיט מיר אין שטאָט. איך װיל די צען ײדן, װאָס האָבן געבעטן גאָט פֿאַר מײַן טאָכטער, אַלײן באַלױנען." אַז יאַנקל דערהערט אַזאַ מעשׂה, איז אים געװאָרן אַביסל קאַלעמוטנע. נאָר ער איז גלײַך געקומען צו זיך און האָט דערצײלט דעם פּריץ דעם גאַנצן אמת מיט דעם פֿערד־גנבֿ און זײַנע יונגען.

ווערט דער פריץ אַ צעקאָכטער: „סטייטש, וואָס הייסט? האָסט נישט גע־קענט געפינען קיין בעסערע יידן?"

זאָגט דער אַרענדאַר: „פריץ לעבן, הער מיך אויס, ועסטו זען, אַז איך האָב געטון ריכטיק. אַז איך בין געפאָרן אין שטאָט אַריין, האָב איך באַמערקט ווי די טויערן פון הימל זענען פאַרשלאָסן מיט שווערע שלעסער פאַר די תפילות פון דיין טאָכטער. וואָס טוט מען? איז מיר איינגעפאַלן, אַז ווער קען נאָך אַזוי גוט די מלאכה פון ברעכן שלעסער ווי יאָסל דער פערד־גנב מיט זיינע יונגעןז?! האָב איך אַרויסגעזוכט יאָסלען, און ער מיט זיינע יונגען האָבן געטון אַ גוט שטיקל אַרבעט. זיי האָבן צעבראָכן די שלעסער פון די טויערן פון הימל און געבראַכט די אמתע רפואה פאַר דיין טאָכטער."

דער מגיד, דער שניידער און דער יידישער גוט־באַזיצער

צו אַ רייכן דאָרפ־ייד זענען אַמאָל אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט פאַרגאַנגען צוויי יידן: אַ מגיד און אַ שניידער. דער דאָרפ־ייד האָט זיי אויפגענומען בכבוד. ער האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ וואַרעמער שטוב, האָט זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען און האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַ וואַרעם געלעגער.

אַז דער מגיד און דער שניידער האָבן אָפּגעדאַוונט מעריב און אָפּגעגעסן, האָבן זיי געבענטשט, און שפּעטער האָבן זיי געלייענט קריאת־שמע און זיך גע־לייגט שלאָפן.

ביינאַכט האָט זיך דער שניידער אויפגעכאַפּט. ער האָט דערהערט, אַז פון אַ ווינקל הינטערן אויוון טראָגט זיך אַ געוויין. ער איז אַראָפּ פון בעט, האָט זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, איז צוגעגאַנגען הינטערן אויוון, און זעט, אַז דער מגיד זיצט אויף דער ערד און וויינט און קלאָגט. פרעגט ער אים: „רבי, וואָס וויינט איר?"

זאָגט דער מגיד: „איך וויין, וואָס דאָס פאָלק ישראל און די שכינה זענען אין גלות."

„אויב אַזוי, וועל איך אויך וויינען," זאָגט דער שניידער.

ריכטן שוין ביידע אָפּ חצות און וויינען.

אַז דער שניידער האָט זיך גוט אָנגעוויינט, זאָגט ער צום מגיד: „איך האָב ביי מיר אין זעקל אַ פלעשל בראָנפן. לאָמיר נעמען צו ביסלעך און מיר וועלן ווידער וויינען." אַזוי האָבן זיי עטלעכע מאָל גענומען צו ביסלעך בראָנפן און אַלץ ווידער געוויינט.

שפּעטער פרעגט דער שניידער: „רבי, ביז ווי לאַנג וועלן מיר וויינען?"

זאָגט דער מגיד: „זאָרגט נישט, ר' ייד. משיח וועט קומען, וועט דער איי־בערשטער אונדז אויסלייזן פון גלות און מיר וועלן האָבן צוריק אונזער אייגן לאַנד."

„אויב אַזוי," זאָגט דער שניידער, „מעגן מיר דאָך אוודאי נעמען צו ביס־לעך בראָנפן." האָבן זיי ווידער געטרונקען, איין מאָל און נאָכאַמאָל. און אַזוי ווי זיי זענען ביידע קיין גרויסע שיכורים נישט געווען, זענען זיי געוואָרן פריי־לעך און האָבן גענומען זינגען און טאַנצן.

דער דאָרפ־ייד מיט זיין הויזגעזינד האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און

דער מגיד און דער שניידער ריכטן אָפּ חצות

זענען אַריין אין שטוב, צו זען, וואָס דאָרט טוט זיך. זעען זיי ווי דער שניידער האַלט אין איין האַנט דאָס פלעשל און מיט דער צווייטער האַנט האַלט ער אַרומ־גענומען דעם מגיד, און ביידע טאַנצן און זינגען: „משיח וועט קומען! משיח וועט קומען!"

זאָגט דער דאָרף־ייד: „אויב אַזוי, גיט אונז אויך צו ביסלעך און מיר וועלן אויך טאַנצן."

זאָגט דער שניידער: „פאַרוואָס עפּעס קומט אייך בראָנפן? וואָס האָט איר געטון אַ גאַנצע נאַכט? מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, די טרערן זענען נאָך ביי אונז אין די אויגן, מעגן מיר איצטער טרינקען און טאַנצן. נאָר איר, איר זענט דאָך אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן, טאָ גייט איצט ווייטער שלאָפן."

טאַקע אַ פּראָסטער דאָרף־ייד, נאָר נישט קיין נאַר

אַ דאָרף־ייד, וואָס האָט געהאַט אַ שטוב מיט קליינע קינדער, איז איינמאָל אין אַ חול־המועד סוכות אַרויסגעפאָרן אין דער נאָענטער שטאָט אַריין, צו קריגן אַ מלמד פאַר זיין קליינוואַרג. געקומען אין מאַרק, אַף דעם פלאַץ, וואו די מלמדים שטייען, האָט דער דאָרף־ייד גענומען רעדן מיט איינעם וועגן אַרויספאָרן צו אים אַפן ישוב. דער מלמד האָט מסכים געווען, און מ'האָט אָנגעהויבן דינגען זיך וועגן שכירות פאַרן זמן.

מע דינגט זיך אַהער, מע דינגט זיך אַהין, — זיי קענען זיך נישט פאַרגלייכן. רופט זיך אָן דער מלמד און זאָגט: „באַלעבאָס, די גמרא זאָגט, אַז די חיונה פון איטלעכן מענטש ווערט באַשטימט אין הימל פון יאָר צו יאָר, פון איין ראש־השנה ביזן אַנדערן ראש־השנה, אַחוץ דעם שכר־לימוד פאַר זיינע קינדער. דער שכר־לימוד ווערט נישט באַשטימט. נאָר דערפאַר, ווער סע מערט שכר־לימוד, דעם ווערט געמערט פון דעם אייבערשטן. טאָ צו וואָס דאַרפט איר אייך דינגען? אַז איר וועט מיר געבן מער מיט עטלעכע רובל, וועט דען דאָס זיין פון אייער געלט? דאָס וועט דאָך זיין אַפן חשבון פונעם רבונו־של־עולם. איר וועט געבן מער, וועט דער אייבערשטער אייך געבן מער."

דער דאָרף־ייד, טאַקע אַ פּראָסטער, נאָר נישט קיין נאַר, הערט אים אויס און זאָגט: „רבי, איר זענט גערעכט. נאָר אייך איז דאָך אין הימל אויך באַ־שטימט געוואָרן וויפיל חיונה איר זאָלט האָבן דאָס יאָר, איז דאָרט אַוודאי פאַר־שריבן געוואָרן, אַז איך זאָל אייך נישט געבן מער."

אַי, ס'אַ טײַערע זאַך, וואָס גאָט האָט אונז געגעבן די לוחות

אַמאָל איז געווען אַ דאָרף־ייד. ווי געוויינלעך—זייער אַ פאַרהאָרעוועטער און זייער אַ פּראָסטער. וואָרן ווען האָט ער צייט אַריינצוקוקן אין אַ ספר? דאָס גאַנצע לעבן איז ער פאַרהאָוועט ביי זיין שטיקל פעלד און ביי די בהמות. אַקערט אַליין, בראָנעוועט און זעיט און שניידט און דרעשט. אַן אמתער יגיע־כפּימניק.

נו, גוט. טאַקע אַ פּראָסטער ייד, נאָר אַ פרומער און אַן ערלעכער. די חכמים

זאָגן אַפילו, אַז אַן עם־הארץ קען קיין חסיד נישט זיין. נאָר דערדאָזיקער דאָרף־ייִד איז פאָרט געווען אַ פרומער. שבת איז ביי אים געווען שבת, און יום־טוב איז ביי אים געווען יום־טוב, און ער איז געגאַנגען דאַווענען אין דאָרפישן מנין, ביים פּאָסעסאָר אין שטוב.

מאַכט זיך אַמאָל, אַ שבת פאַר שבועות, קומט דער דאָרף־ייִד פון דאַווענען, זאָגט זיין ווייב אַ ברייטן „גוט שבת", און נאָך דעם ווי ער מאַכט אַ ברכה איבער אַ קעלישעק משקה און בייסט צו מיט אַ שטיקל קיכל, זאָגט ער: „דו הערסט, מיין ווייב, מיר האָבן אַ טייערן רבונו־של־עולם. ביי אונזער הערשלען, דעם פּאָסעסאָר, שטייט איין דעם שבת אַן אורח. ער זאָגט, ער איז אַ מגיד. האָט ער היינט געדאָרשענט וועגן יום־טוב שבועות, וואָס פאַלט אויס די וואָך. ער האָט דערציילט וואָס פאַר אַ גרויסער יום־טוב דאָס איז. מתן־תורה! און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי אַזוי משה האָט געגעבן די ייִדן די לוחות אויפן באַרג סיני. ווען נישט די דאָזיקע לוחות מיט די עשרת־הדיברות, האָט ער געזאָגט, וואָלטן מיר נאָך היינט געווען ווי די בהמות. וואָרן אין די לוחות איז געשריבן ווען ס'איז שבת און ווען ס'איז יום־טוב, און ווען אַלע יערידים פאַלן אויס. יאָ, ווען נישט די דאָזיקע לוחות, וואָלטן מיר נאָך היינט געווען ווי די בהמות."

אַ גדולה אויף אים

אַ פּראָסטער דאָרף־ייִד, אַ קרעטשמער, האָט אַראָפּגעבראַכט פון שטאָט אַ מלמד צו זיינע קינדער. ער האָט אים אָפּגעגעבן אַ קעמערל אין שטוב, און דאָרט האָט דער מלמד געלערנט מיט דעם קליינוואַרג, און דאָרט האָט ער אויך געהאַט זיין געלעגער.

איינמאָל, אין מיטן נאַכט, דערהערט דער קרעטשמער אַ געוויין און אַ קלאָג אין מלמדס קעמערל. הייבט ער זיך אויף, גייט צו צו דער טיר און זעט, דער מלמד זיצט אויף דר'ערד מיט אַ ספר אין האַנט און זאָגט און וויינט און קלאָגט.

אין דער פרי רעדט ער מיט דעם מלמד און זאָגט: „רבי, איך האָב אייך ביינאַכט געזען זיצן אויף דר'ערד און וויינען. וואָס מיינט דאָס?"

„אַז איר פרעגט," ענטפערט דער מלמד, „וועל איך אייך זאָגן. מיר האָבן אַמאָל געהאַט אונזער אייגן לאַנד מיט אַ בית־המקדש און אַ סנהדרין, און דאָס אַלץ איז חרוב געוואָרן. אויף דעם דאַרף אַ ייִד וויינען און קלאָגן."

זאָגט דער קרעטשמער: „רבי, קען איך דאָס אויך טון?" „אַוודאי," זאָגט דער מלמד.

די צווייטע נאַכט איז דער קרעטשמער אויך אויפגעשטאַנען האַלבע נאַכט, צו חצות, און האָט זיך אויך געזעצט אויף דר'ערד צוזאַמען מיט דעם מלמד. דער מלמד זאָגט און וויינט, און דער קרעטשמער שאָקלט זיך. אַזוי איז אַריבער אַ שעה און נאָך אַ שעה. זאָגט דער קרעטשמער: „רבי, קען מען אפשר עפּעס נע־מען אין מויל אַריין?" „יאָ, מע קען."

דער מלמד האָט גערעכנט, ער וועט אין איין וועגס אַריינכאַפּן נאָך אַ מצווה מיט מאַכן אַ ברכה איבער עפּעס.

דער קרעטשמער האָט אַריינגעבראַכט אַ פלעשל בראָנפן און צובייס. דער מלמד האָט געמאַכט אַ ברכה און געטרונקען „לחיים“. דערנאָך האָט דער קרעטשמער געמאַכט אַ ברכה און געטרונקען „לחיים“. אַזוי האָבן זיי גענומען צו עטלעכע גלעזלעך, און אַז זיי זענען געוואָרן פריילעך, האָבן זיי זיך אָנגענומען ביי די אַקסלען און אָנגעהויבן צו טאַנצן.

דערווייל זענען צוגעקומען צו דער קרעטשמע אַ פּאָר בוידן מיט יידן, וואָס זענען געפאָרן אָף אַ חתונה. אַז זיי זעען, אין קרעטשמע איז ליכטיק, און זיי הערן, מע זינגט, האָבן זיי געמיינט אַז דאָרט איז אויך אַ חתונה. זענען זיי אַראָפּ פון די בוידן און זענען אַריין אין קרעטשמע. זיי גיבן אַ קוק—דער קרעטשמער און נאָך אַ ייד האַלטן זיך אַרומגענומען און טאַנצן און זינגען. פרעגן זיי: „ר' יאַנקל, וואָס איז דאָ די שמחה? וואָס טאַנצט מען און מע זינגט?“

„איר זענט דאָך יידן,“ זאָגט דער קרעטשמער, „דאַרפט איר דאָך וויסן: מיר האָבן געהאַט אַמאָל אַן אייגן לאַנד מיט אַ בית־המקדש און אַ סנהדרין, איז דאָס אַלץ חרב געוואָרן, זינגען מיר און טאַנצן.“

באַמערקונג: דער סיניער רב האָט דאָס דערציילט אַמאָל קעגן דער גראָדנער ציוניסטישער יוגנט, וואָס פלעגט אין די ערשטע יאָרן פון דער באַוועגונג צונויפקומען זיך און זינגען און טאַנצן, און זייער פריילעך פאַרברענגען.

אַ ישובניקס דרך־ארץ פאַר אַ תלמיד־חכם

אַ ישובניק האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער. דאַרף מען דאָך איינלאַדן מחותנים צו דער חתונה, ווי סע פירט זיך ביי לייטנס. הייבט ער זיך אויף און פאָרט צו אין נאָענטן שטעטל, איינצוהאַנדלען און אַרויסצושיקן חתונה־קאַרטלעך צו משפחה, קרובים און גלאַט גוטע פריינט.

איינגעהאַנדלט די קאַרטן, גייט ער אַריבער צו דעם שטעטלשן לערער, אַז ער זאָל פאַר אים אָנשרייבן די נעמען און אַדרעסן. מע זעצט זיך אַנידער, און דער ישובניק הייבט אָן צו דיקטירן:

„האָט מען געלאַזט בעטן ר' יאָסעלע חוה סאָסיעס צו דער חתונה.“

נאָך דעם איז געקומען: ר' שימעלע חיה גיטלס, און ר' מעכל שיינע האָדלס, און נאָך און נאָך קרובים און פריינט. דער דאָרף־ייד דיקטירט, און דער לערער שרייבט. פּלוצים שטעלט זיך דער ישובניק אָפּ און זאָגט צום לערער: „וואַרט, זייט מוחל. אָט דעם ייד, וואָס איך וויל איצט פאַרבעטן, דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צו שרייבן.“

„וואָס הייסט, מע דאַרף וויסן?“ פרעגט דער לערער. „זאָגט מיר ווי אַזוי דער ייד הייסט, און איך וועל שוין וויסן.“

„ניין, נישט דאָס מיין איך,“ זאָגט דער ישובניק. „איך מיין, אַז דעם ייד דאַרף מען שרייבן אַנדערש.“

דער לערער קוקט אים אָן און כאַפּט נישט.

„פאַרשטייט איר מיך, גאַספּאַדין לערער,“ גיט אים דער דאָרף־ייד צו פאַרשטיין, „אָט דער ייד איז אַ שיינער באַלעבאָס, אַ למדן, מע זאָגט אַפילו—אַ ייד

אַ תלמיד־חכם, און ער וועט מיר באַשיינען מיין שמחה. איך מיין דעריבער, אַז אים דאַרף מען שרייבן אין לשון־קודש.״

„פיין,״ ענטפערט דער לערער, „איך קען לשון־קודש אויך. זאָגט מיר נאָר ווי אַזוי מע רופט אים און ווי אַזוי איר ווילט אים שרייבן.״

דער ישובניק פאַרקנייטשט דעם שטערן אַ מינוט, און זאָגט נאָך דעם זייער אַן ערנסטער: „פאַרשטייט איר מיך, גאָספּאָדין לערער, רופן רופט מען אים ר׳ פּיוויש, נאָר שרייבט אים אין לשון־קודש. שרייבט אים: ר׳ אליעזר, אָדער ר׳ עקיבא איז נאָך בעסער!״

אַ האַרבע שאלה

אַ ישובניק איז געקומען אין שטעטל אַריין צום רב, צו פרעגן אַ שאלה. דער רב האָט אים געקענט פון פריער, צערעדט ער זיך מיט אים און פרעגט אים פאַר־וואָס מ׳האָט אים נישט געזען אַזאַ צייט. דערציילט אים דער דאָרף־ייד, אַז זינט ער האָט חתונה געמאַכט דער טאָכטער זיינער און געגומען אַן איידעם, אַ למדן, קומט נישט אויס צו זיין אין שטאָט, מחמת קליינע שאלות פּסקנט דער איידעם אַליין. זאָגט דער רב: „דהיינו, וואָס הייסט ביי אייך אַ קליינע שאלה?״

דער ישובניק גיט אַ טראַכט און ענטפערט: „אַנומלטן, רבי, האָט זיך גע־מאַכט, אַז מיין ווייב האָט צוגעשטעלט קאָכן אַף דער בלעך אַ שטיקל פליש. דער פאַראַבאַק מיינער האָט אויך געקאָכט. נאָר אָנשטאָט אַריינצוּוואַרפן זיין שטיק חזיר אין זיין טעפּל, האָט ער עס אַריינגעוואָרפן אין מיין ווייבס טעפּל. האָט מיין איידעם געפּסקנט, אַז ס׳איז כשר, ווייל טעות גוי מותר.״

„און וואָס הייסט ביי אייך אַ האַרבע שאלה?״ וויל שוין דער רב וויטער הערן.

„וועגן דעם, רבי, בין איך טאַקע איצט געקומען. מיין ווייב האָט פרייטאָג פאַרנייט אַן אָנגעשטאָפּטע קישקע. דערנאָך האָט זי מיט דערזעלבער נאָדל און מיט דעם איבערגעבליבענעם שטיק פאָדים פאַרריכט דאָס צעריסענע ליילעך אַף מיין בעט. איז אַ שאלה, רבי, צי נאָך דעם ווי איך לייג מיך צו אָפּן בעט און כאַפּ אַ דרימל, צי מעג איך נאָך דעם עסן מילכיקס? מיין איידעם קען די שאלה נישט פּסקענען.

דער דאָרף־ייד און דער שרייבער

אַ דאָרף־ייד, וואָס האָט נישט געקענט נישט לייענען און נישט שרייבן, איז אַמאָל אַריבערגעגאַנגען צום דאָרף־שרייבער און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אָנשרייבן אַ בריוו צו זיין פריץ אין שטאָט. זאָגט דער שרייבער: „איך קען נישט, ווייל סע טוט מיר ווי אַ פוס.״

קוקט אים אָן דער דאָרף־ייד און זאָגט: „איך פאַרשטיי זייער ווינציק. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט צו טון אַ פוס מיט שרייבן אַ בריוו?״

„ס׳האָט שוין זייער אַ סך צו טון,״ דערקלערט אים דער שרייבער. „וואָרן איך קען מיט מיין קראַנקן פוס נישט גיין אַזאַ מהלך, צו לייענען דעם בריוו פאַר דעם פריץ.״

„וואָס מיינט איר?״ זאָגט דער ייד. „דער פּריץ קען לייענען, און ער האָט אויך אַ סך מענטשן ביי זיך אין הויף, וואָס קענען לייענען. צו וואָס דאַרפט איר גיין לייענען פאַר אים דעם בריוו?״

„איר פאַרשטייט,״ דערקלערט אים דער שרייבער, „די בריוו, וואָס איך שרייב, קען קיינער נישט לייענען אַחוץ מיר אַליין.״

אומזיסט די שרעק

אַ טאַטע—אַ דאָרף־ייד האָט געהאַט צוויי בנאָקלעך. צוויי וואוילע יינגלעך. זיי האָבן געקענט פּאַסען די בהמות, מעלקן די קי און אַרבעטן אין פעלד. נאָר קעפּלעך האָבן זיי געהאַט, גראָבע קעפּלעך נעבעך, נישט פאַר קיין שום יידיש קינד געדאַכט.

דער טאַטע, איר קענט דאָך אַ יידישן טאַטע, מעג ער זיך זיין אַפילו אַ פּראָסטער דאָרף־ייד, האָט געוואָלט, אַז די יינגלעך זאָלן וויסן עפּעס פון יידישקייט, און נישט וואַקסן מיט די בהמות ווי די שקצימלעך אין דאָרף. ער האָט נעבעך געוואָלט, אַז זיי זאָלן קענען כאָטש אַ שייטל עברי און אַ פּרשה חומש מיט רש״י. וואָס־זשע טוט מען? נעמט דער ייד די צוויי יינגלעך, פירט זיי אָפּ אין שטאָט אַריין און דינגט זיי אָן ביי אַ מלמד, אַז ער זאָל מיט זיי לערנען תורה. נאָר זייער קאָפּ איז נישט געלעגן ביי תורה. זייער קאָפּ איז געלעגן ביי די בהמות אין דאָרף און ביי די פייגל אין וואַלד, און זיי איז דאָס לערנען געגאַנגען אין איין אויער אַריין און פון צווייטן אויער אַרויס. אַפילו אַ שייטל עברי האָבן זיי זיך נישט געקענט אויסלערנען.

אַז ס'איז אַוועק אַ זמן און צוויי, און דער ייד זעט, אַז די מי איז אומזיסט, ברענגט ער די צוויי בנאָקלעך צוריק אַהיים, און נעמט צו זיי צו אַ מלמד אין שטוב. אפשר וועט דאָס העלפן. זיצט דער מלמד מיט זיי גאַנצע טעג און לערנט און קנעלט. נאָר אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. דאָס לערנען איז זיי פאָרט נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין.

איינמאָל קומט דער ייד אַריין אין שטוב, וואו דער מלמד איז געזעסן און האָט געקנעלט מיט די יינגלעך, און ער זעט, אַז דער מלמד לערנט זיי זאָגן קדיש. ווערט דעם ייד אַנגעזאָלעט אַפן האַרץ. וואָס פאַר אַ קדיש אין מיטן דערינען?—פרעגט ער דעם מלמד.

„רבי לעבן, איך לעב נאָך, ברוך־השם, וואָס פּלוצים לערנט איר זיי קדיש זאָגן?״

„שרעקט אייך נישט, באַלעבאָס לעבן, ס'איז גאָרנישט ניט.״

„וואָס הייסט גאָרנישט ניט?״ זאָגט דער פאָטער. „עברי וויל איך! אַז זיי זאָלן קענען דאַוונען זאָלן זיי.״

„באַלעבאָס לעבן,״ באַרואיקט אים דער מלמד, „איר זאָלט דעמאָלט שטאַרבן, ווען זיי וועלן זיך אויסלערנען זאָגן קדיש.״

אַ רחמנות אַף אים: אַפּילו דאָס, וואָס ער קען, טאָר ער אויך נישט

אַן אַרענדאַר, אַ פּראָסטער ייד, וואָס האָט אַפּילו קיין עברי נישט געקענט, האָט גענומען פאַר אַן איידעם אַ ישיבה־בחור, אַ לערנער.

נאָך דער חתונה איז דער איידעם געבליבן ביי זיין שווער אַף קעסט, און ער איז ווייטער געזעסן און האָט געלערנט. יעדן שבת, יום־טוב איז ער געגאַנגען מיט זיין שווער דאַווענען אין דעם דאָרפישן מנין. דער אַרענדאַר, כאָטש אַ פּראָסטער חי־וקים, האָט ליב געהאַט צו דאַווענען אַף אַ קול. נאָר ער האָט נעבעך געהאַקט אַן עברי, אַז דער איידעם האָט זיך באַגראָבן פון בושה.

איינמאָל האָט דער איידעם אָנגענומען זיך מיט מוט, איז צוגעגאַנגען צום שווער און האָט אָנגעהויבן שטאַמלען: „שווער לעבן, איר וועט מיר מוחל זיין, איך וויל אייך עפּעס בעטן, דאַוונט שטיל, ווייל... ווייל איר מאַכט זייער אַ סך גרייזן.״

דער שווער האָט אים געפאָלגט. ער האָט געהאַלטן פון זיין איידעם אַ וועלט, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב דער איידעם זאָגט אים, צו דאַווענען שטילער, מסתמא איז גלייכער אַזוי. נאָר צו דאַווענען דאָס גאַנצע דאַווענען אין דער שטיל —דאָס האָט דער אַרענדאַר נישט געקענט פועלן ביי זיך. פון צייט צו צייט האָט ער געגעבן אַ זינג אַרויס אַף אַ קול, אַז מ׳האָט געהערט אין אַלע ווינקעלעך.

איינמאָל גיט ער ביי אָ ז י ש י ר אַ געשריי אָפן קול: „ירדו במלוצות (בימלויצעס) כמו אבן.״ אָנשטאָט ב מ צ ו ל ו ת איז ביי אים אַרויסגעקומען ב י מ ל ו י צ ע ס.

דעם איידעם איז פאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט אין די אָדערן. נאָכן דאַווענען גייט ער צו אים צו און שטאַמלט ווידער: „שווער לעבן, זייט מיר מוחל, איך האָב דאָך אייך געבעטן צו דאַווענען שטיל.״

ווערט דער אַרענדאַר אין כעס און זאָגט: „דאָס איז שוין מעשה שייגעץ! זאָג נאָר, איך בעט דיך, דאָס, וואָס איך קען, טאָר איך שוין אויך נישט דאַווענען אַף אַ קול?״

אַלע יידן זענען חכמים, אָבער נאָר אין די טעג פון פּסח

עטלעכע דאָרפישע יידן זענען געזעסן און האָבן אָפּגעריכט דעם סדר. מ׳האָט געמאַכט קידוש און מ׳האָט אָנגעהויבן זאָגן די הגדה.

ווי נאָר מען איז ביי דעם ע ב ד י ם ה י י נ ו געקומען צו די ווערטער „כולנו חכמים, כולנו נבונים״, רופט זיך אָן איינער פון די יידן און פרעגט: „וואָס אייגנטלעך מיינט מען מיט דעם צו זאָגן, אַז מיר זענען אַלע חכמים און אַלע פאַר־שטענדיקע? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ גאַנץ פאָלק זאָל זיין לויטער חכמים? אָט אין שטעטל, וואוהין ער פאָרט אָפט איינקויפן, קען ער יידן נאַראָנים, טיפּשים און סתם פּלאָכע יידן און יאָלדן.״

איז געוואָרן אַ שמועס וועגן דעם. טאָקע, ווי געשיקט זיך דאָס צו זאָגן אַזאַ זאַך, אַז אַלע יידן זענען חכמים און פאַרשטענדיקע און געלערנטע?

צווישן זיי איז געזעסן אַ ייד—אַן אורח, וואָס האָט געקענט פּאַרטייטשן אַ שייטל עברי. זעט ער דאָך, אַז די יידן פאַרשטייען נעבעך נישט די טייטש פון די

ווערטער, וואָרן סע ווערט דאָך בפירוש געזאָגט „אַפילו כולנו חכמים—אַפילו ווען מיר וואָלטן געווען חכמים... וואָלטן מיר געדאַרפט דערציילן פון יציאת־מצרים.״ דאָס מיינט אָבער נישט, אַז מיר זענען טאַקע חכמים. זאָגט ער צו זיי: „הערט, רבותי, דער ייד איז גערעכט. אַ גאַנץ יאָר זענען טאַקע דאָ יידן נאַראָנים און טיפּשים, נאָר דער „כולנו חכמים״ איז געזאָגט געוואָרן בלויז פאַר די טעג פון פּסח. וואָרן, ווי מיר ווייסן, זאָגט אין זיין ספר דער חכם קהלת: „לא לחכמים לחם״, דאָס הייסט, אַז נישט פאַר די חכמים איז ברויט. און אַזוי ווי פּסח איז ביי קיין ייד אין שטוב נישטאָ קיין ברויט, דעריבער זענען דעמאָלט אַלע יידן חכמים.״

ווען ס׳איז גוט זומער, ווען ס׳איז גוט ווינטער, זיי איז קיינמאָל נישט גוט

צו ר׳ מרדכין, דעם ישובניק, אַ ייד—אַן אָרימאַן, זענען ווינטער־צייט אָפט פאַרפאָרן משולחים און רבייאישע אייניקלעך, וואָס זענען אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, צונויפצונעמען געלט ביי יידן. דער דאָרף־ייד האָט יעדן איינעם וואויל אויפגענומען, ער האָט געגעבן אָפּצועסן און אַ נדבה. קיינער איז פון זיין שטוב נישט אַוועק מיט ליידיקן.

איינמאָל האָט דער ישובניק דערזען פון ווייטנס אָנקומען אַ משולח. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט וואָס צו געבן, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, האָט זיך אויפגעזעצט אָף זיין שקאַפּע, און איז אַוועקגעריטן. ער האָט זיך נעבעך געשעמט, וואָס ער וועט דאַרפן דאַרויסלאָזן פון שטוב אַ ייד מיט ליידיקן. די יידינע האָט זיך אויך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב. זי איז אַריין צו אַ גויאישער שכנה, אַז זי זאָל זיך נישט דאַרפן באַגעגענען מיט דעם משולח.

ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און דער משולח האָט זיך אַריינגעשטעלט צו דעם ישובניק אין שטוב אַריין. ער האָט אויסגעטון דאָס פוטערל און האָט זיך געמאַכט היימיש. ער דרייט זיך אַרום אַביסל און זעט, אַז אין שטוב איז קיינער נישטאָ, בלויז אַ קליין ייִנגל לויפט אַרום. פרעגט ער אים: „וואו זענען טאַטע־מאַמע, ייִנגעלע?״ זאָגט דאָס ייִנגל, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן און די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען.

דער משולח דרייט זיך ווידער אַרום אַביסל, שטעלט זיך אָפּ לעבן ייִנגל און פרעגט אים: „זאָג מיר נאָר, בחורל, וואָס איז בעסער, זומער, צי ווינטער?״

דאָס ייִנגל קוקט אים אָן מיט טרויעריקע אויגן און ענטפערט: „איכ׳ל אייך זאָגן, פעטער: זומער איז בעסער פאַר די ציגיינער, זיי לעבן זיך אָפּן פרייען פעלד און גנבענען הינער. ווינטער איז בעסער פאַר די משולחים און „אייניקלעך״. זיי קומען זיך אָנגעטון אין וואַרעמע פוטערס און ס׳איז זיי תמיד וואַרעם. נאָר פאַר אונז איז נישט גוט—נישט זומער און נישט ווינטער. זומער קענען מיר נישט אויסבאַהאַלטן די הינער פון די ציגיינער, און ווינטער קענען מיר זיך נישט אויס־באַהאַלטן פון די „אייניקלעך״ און משולחים.״

אויס מלך, איז דאָס געלט אויס געלט

אַן אַרענדאַרקע, וואָס האָט זיך פאַר פסח שטאַרק אָנגעהאָרעוועט אין שטוב מיט קאַלעכן און כשרן און ראַמען, זאָגט אַמאָל אַן אָוונט צו איר מאַן, אַז זי וואָלט וועלן האָבן אַ ניי קליידל אויף יום־טוב.

דער אַרענדאַר, אַ ביטערער אָרימאַן, האָט נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה. נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט זיין ווייב מצער זיין, זאָגט ער צו איר: „הער, מיין ווייב, איצט, ערב פסח, זענען די שניידערס שטאַרק פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און די סחורה איז טייער. איך וועל דיר געבן צען רובל, און נאָך פסח, מערצעשעם, ווען אַלץ איז ביליקער, וועסטו דיר מאַכן אַ קלייד.״

די אַרענדאַרקע האָט געזען, אַז איר מאַן איז גערעכט, און האָט מער גאָר־נישט ניט געזאָגט.

אַז ס'איז געקומען נאָך יום־טוב, איז זי אַוועק אין שטאָט צו אַ קרעמער און האָט זיך אויסגעקליבן סחורה אויף אַ קלייד. דער קרעמער האָט אָפּגעשניטן די סחורה, און די אַרענדאַרקע האָט אים דערלאַנגט די צען רובל.

דער קרעמער קוקט אָן דאָס פּאַפּירל און זאָגט: „וואָס גיט איר מיר? דאָס איז דאָך אַ פּאַפּירל פון אַ פּעקל טיי, פון „צוויעטאָטשני טשאַי״.

די אַרענדאַרקע איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע. מיט אַמאָל האָט זי גע־כאַפּט דאָס פּאַפּירל און איז אַוועק אַהיים, פרעגן דעם מאַן.

זאָגט צו איר דער אַרענדאַר: „וואַרט, מיין ווייב, זיי נישט אין כעס, וועל איך דיר דערקלערן וואָס דאָ איז. פּסח, ווען איך בין מלך, איז דאָס געלט געווען געלט. איצט בין איך אויס מלך, איז דאָס געלט אויס געלט.״

ער האָט מיט אים געטון ווי דער פּסוק זאָגט

מזל־טוב, יידן! מזל־טוב! ר' הערש פּעסאָקער האָט חתונה געמאַכט זיין פאַר־זעסענער טאָכטער.

חתונה געמאַכט, איז דער איידעם געבליבן אין דאָרף, אין פּעסאָק, ביי ר' הערשן אויף קעסט. געגעסן קעסט, און גאָרנישט ניט געטון.

מאַכט זיך, אַז ר' הערש קומט אין שטעטל אַריין, און טרעפט זיך דאָרט מיט זיינעם אַ פריינד. רעדט מען און מע שמועסט, ביז ס'איז געקומען צו רייד וועגן „נחת פון קינדער״. פרעגט דער פריינד: „נו, און וואָס טוט עפּעס דיין איידעם?״ זאָגט ר' הערש: „גאָר נישט טוט ער. ער זיצט אין פּעסאָק און טוט גאָרנישט ניט.״

„וואָס הייסט גאָר נישט? וואָס פאַר אַ תכלית איז פאַר אַ יונגנמאַן צו זיצן אין פּעסאָק? נעם, און לאָז אים אַרויס אויף דער וועלט, וועט ער ווערן אַ מענטש.״

„פאַרשטייסטו מיך,״ זאָגט ר' הערש, „איך האָב מיט אים געטון ווי די תורה זאָגט: אַז משה האָט געזען ווי אַ מצרי שלאָגט אַ ייד, האָט ער אַ קוק געטון אין אַלע זייטן, און אַז ער האָט געזען, אַז ס'איז נישטאָ קיין מענטש, האָט ער אים דערהרגעט און באַהאַלטן אין זאַמד. אַ בפירושער פּסוק דאָרט: ויפן כה וכה, וירא כי אין איש, ויך את המצרי, ויטמנהו בחול. פּראָסט־פּשוט: ויפן כה וכה—איך

האָב מיין אײדעם באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן, ויירא כי אין איש — און איך האָב געזען, אַז ער איז גאָר נישט קיין מענטש, נישט צו גאָט און נישט צו לײַט, עפּעס אַ שטיק גולם, ויטמנהו בחול — האָב איך מיר געטראַכט, זאָל ער זיצן אין פּעסאָק.

באַמערקונג: פּעסאָק דער נאָמען פֿון דעם דאָרף, מיינט אַף גויאיש זאַמד.

זיי האָבן געדאַוונט פֿון איין סידור

דער אָרענדאַר אין אַ דאָרף איז געשטאָרבן, און עס איז איבערגעבליבן אַ בוך מיט חובות, וואָס זיינע שכנים, די פּויערים, זענען אים געווען שולדיק. קיין גרויסער כתבן איז דער רענדאַר נישט געווען, און די אלמנה זיינע — אוודאי נישט. ס'איז זייער שווער געווען פֿונאַנדערצוקלויבן זיך אין דעם רענדאַרס כתב: פּאַסיקלעך, פּינטעלעך און צעדרייטע אותיות ווי קאַטשערעס, לאַפּעטעס און פּאַמעלעס.

האָט די אלמנה גענומען דאָס בוך און איז מיט אים אַוועק צום רב אין נאָענטן שטעטל. דער רבי, זאָל לעבן, וועט זיכער אַלעס קלאָר מאַכן.

דער רב באַטראַכט די פֿאַרפּלאָנטערטע צייכנס, די פּאַסיקלעך און געמאָלטע מענטשעלעך, און אים איז געלונגען דורכצוקריכן עטלעכע שורות. נאָר אין מיטן איז ער צוגעקומען צו אַ שורה, וואו ס'איז געווען אויסגעמאָלט אַ האָן לעבן אַ צלם. דער רב איז געבליבן שטיין: ווי קומט צו אַ ייד אַ צלם?

ווי ער טראַכט אַזוי, איז אים איינגעפֿאַלן צו לאָזן רופֿן אַ צווייטן רענדאַר און אים ווייזן דאָס. אפשר וועט ער פֿאַרשטיין וואָס דאָס מיינט.

האָט מען אַזוי געטון. ווי נאָר דער רענדאַר האָט אַ קוק געטון אַף דעם האָן לעבן דעם צלם, האָט ער עס גלייך איבערגעלייענט: „דער גוי, וואָס וואוינט לעבן צלם אין דאָרף, איז שולדיק אַ חוב פֿאַר אַ האָן."

זאָל דער פּריץ פֿאָרן קיין ארץ ישראל

דער רב צוזאַמען מיט אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס פֿון שטעטל זענען אַמאָל צווישן פּורים און פּסח אַרויסגעפֿאָרן איבער די אַרומיקע דערפֿער, צוזאַמענצונעמען ביי די ישובניקעס אַף מעות־חיטים און אַף אַנדערע נייטיקייטן.

קומען זיי צו אַ דאָרף־ייד, אַ פֿאַרגרעבטן מענטש. נאָר אַז דער ייד זעט אַזעלכע חשובע געסט, שטעלט ער כיבוד און איז זיי מכבד מיט אַביסל משקה. טרינקט מען לחיים, און דער רב ווינטשט, אַז דער אייבערשטער זאָל שיקן בקרוב משיחן און אויסלייזן יידן פֿון גלות. פֿרעגט דער דאָרף־ייד: „רבי, וואָס מיינט משיח? און צו וואָס דאַרפֿן מיר אים האָבן?"

זאָגט דער רב: „דו פֿאַרשטייסט, אַז משיח וועט קומען, וועט ער אַלע יידן אויסלייזן פֿון גלות און אונז פֿירן קיין ארץ ישראל."

„איך וויל נישט גיין קיין ארץ ישראל," זאָגט דער דאָרף־ייד. „איר מעגט אייך אַלע גיין אַהין, נאָר צו־וואָס דאַרף איך גיין? איך האָב דאָ פּערציק אַקער לאַנד, און סע פֿעלט מיר דאָ, ברוך־השם, גאָרנישט ניט. איך דאַרף נישט משיחן און איך וויל אים נישט."

„יאָ, אָבער דאָ דאַרפסטו צאָלן פּאָדאַטקעס און שטייערן דעם פּריץ," פּרוּוווט דער רב אים אויפקלערן. „דאָרט וועלן מיר האָבן אונזער אייגן לאַנד. און איט־לעכער ייד וועט האָבן זיין אייגענע נחלה."

„אויב אַזוי גייט אייך אַלע יידן צוזאַמען מיטן פּריץ, און איך וועל בלייבן דאָ, און וועל נישט דאַרפן צאָלן קיין פּאָדאַטקעס."

דער שכר פֿון אָרימע

אין דאָרף איז געווען אַ פּריץ. זיין פאַרוואַלטער און אַלע זיינע „מענטשן", וואָס האָבן געפירט דעם פּריצס געשעפטן, זענען געווען יידן.

צווישן זיי איז געווען איינער, מאָטל, אַ פּשוטער ייד, אַן ערלעכער. „מאָטל טיטשקע" האָבן אים גערופן די גויים, מאָטל סטויבער. ער פלעגט איינקויפן קאַרטאָפל פאַר דער גראַלניע. אַז ער איז געפאָרן איינקויפן, האָט מען אים געגעבן אין הויף אַ פּאַק מיט געלט און ער האָט איינגעקויפט פּופציק וואַגאָנען קאַרטאָפל, הונדערט וואַגאָנען קאַרטאָפל.

אַז ער פלעגט צוריקקומען פון וועג, פלעגט ער אַריינגיין צום פאַרוואַלטער, אין דער קאַנצעלעי, פלעגט איבערקערן די קעשענעס, און וויפיל געלט אים איז געבליבן פון מסחר, האָט ער אומגעקערט. קיינער האָט ביי אים נישט געמאָנט קיין חשבון, און קיינער האָט ביי אים נישט אָפּגענומען קיין רעכענונג. מ'האָט געוואוסט, אַז מאָטל איז אַן ערלעכער מענטש, און ער וועט נישט אָנרירן קיין פרעמדס.

מאַכט זיך, אַז דער פּריץ פאַרקויפט דאָס דאָרף מיט דער גראַלניע, מיט די מילן און מיט האַק און פּאַק. איידער ער האָט געדאַרפט איבערגעבן זיין הויף, האָט ער גערופן צו זיך אַלע זיינע „מענטשן". ער האָט גערעדט מיט זיי און פאַרבראַכט. דערנאָך האָט ער יעדן איינעם פון זיי אַריינגערופן באַזונדער אין אַ צימער און געפרעגט: „וויפיל האָסטו אָפּגעשפּאָרט אין די יאָרן, וואָס דו ביסט געווען ביי מיר?"

„פריצל טייערער, צוואַנציק טויזנט," זאָגט דער פאַרוואַלטער.

„קלוג געטון!" זאָגט דער פּריץ, „נאַ דיר נאָכאַמאָל אַזויפיל. גיי און באַגליק!" דערנאָך האָט ער אַריינגערופן דעם אַגראָנאָם: „וויפיל האָסטו אָפּגעשפּאָרט אין דער צייט, וואָס דו ביסט ביי מיר?" פרעגט אים דער פּריץ.

„טייערער פריצל," ענטפערט ער, „צען טויזנט רובל."

„אַ קלוגער מענטש!" זאָגט דער פּריץ. „נאַ דיר נאָך צען טויזנט. גיי און באַגליק!"

נאָך אים האָט ער אַריינגערופן דעם מילנער און דעם ברענער און דעם קרעטשמער. וויפיל איטלעכער האָט אָפּגעשפּאָרט, אַזויפיל האָט ער יענעם נאָך צוגעגעבן. צום סוף האָט ער אַריינגערופן מאָטלען און פרעגט אים וויפיל ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין די אַלע יאָרן אין הויף.

„אָפּגעשפּאָרט," זאָגט מאָטל, „פריצל טייערער, איך האָב גאָרנישט ניט אָפּ־

געשפּאַרט. דו ווייסט דאָך, וויפיל מיר איז געבליבן, האָב איך אַלעמאָל אומ־געקערט.״

דעם פּריץ האָט דאָס פאַרדראָסן. אַ מענטש האָט ביי אים אָפּגעאַרבעט אַ לעבן און—האָט גאָרנישט ניט אָפּגעשפּאַרט! זאָגט ער צו אים: „ביסט געווען אַ מאַטל טיטשקע און ביסט געבליבן אַ מאַטל טיטשקע! גיי געזונטו!״ און ער האָט אים גאָרנישט ניט געגעבן.

ער האָט דעם אמתן באַוויזן

עטלעכע ישובניקעס, פּראָסטע דאָרף־יידן, זענען אַמאָל אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס געקומען צו זייערן אַ שכן אָף אַ שלום־זכר. זיי זענען געזעסן אַרום טיש און האָבן געטרונקען ביר, געגעסן באָב און מ׳האָט געשמועסט.

די יידן האָבן זיך געקלאָגט, ווי שווער ס׳איז מיט קינדער די נייע צייטן. אָט גיט מען אַרויס אַ באַפעל, אַז מע זאָל יידישע קינדער שיקן אין די גויאישע שולן, אין די „שקאָלעס״, און אָט איז אַ באַפעל, אַז מע מוז אַלע קינדער שטעלן פּאָקן. יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג—עפּעס אַ נייע גזירה.

„וואָס פאַר אַ ווערט, איך בעט אייך, האָט דאָס שטעלן פּאָקן?״ האָט געטענהט איינער פון זיי. „איר קענט דאָך לעמלען, דעם קרעמער אין שטעטל. אָט האָט מען ביי אים זיינעם אַ יינגל געשטעלט פּאָקן אַנומלטן. צוויי טעג שפּעטער איז דאָס יינגל געשטאָרבן.״

„צוויי טעג שפּעטער געשטאָרבן?״ פרעגן איבער די יידן דערשראָקענע.

„יאָ, צוויי טעג שפּעטער,״ באַטאָנט דער ייד. „ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ בוים און—געהרגעט געוואָרן. און נאָך דעם קומט מען נאָך און מע זאָגט אונז, אַז מע מוז קינדער שטעלן פּאָקן.״

אַן איינפאַל פון אַ זעלנער

אין איינער אַ שלאַכט אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה האָט אַ יידישער זעלנער זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. ער האָט די טערקן עפּעס אַזוי אָפּגעטון אָף טערקיש, אַז דאָס האָט געבראַכט דער רוסישער אַרמיי אַן אמתן נצחון. וואָס ער האָט די טערקן אָפּגעטון—איז דאָ נישט וויכטיק. נאָר נאָך דער שלאַכט האָט מען גענומען דעם זעלנער און מ׳האָט אים געבראַכט צום יעדנעראַל, און מ׳האָט גע־מאַכט דאָרט מיט אים אַ גאַנצן צימעס, און מ׳האָט אים צוגעשפּיליעט אַ בלעכל אָף דער ברוסט. דערביי האָט מען געהאַלטן אַ דרשה און מ׳האָט אים געזאָגט, אַז פאַר זיין העלדישקייט מעג ער פאַרלאַנגען וואָס נאָר ער וויל, וועט מען אים באַווי־ליקן. נאָר ער דאַרף נישט פאַרגעסן, האָט מען אים געגעבן אַן אָנצוהערעניש, אַז אַזוי ווי ער איז אַ ייד, זאָל ער נישט בעטן צופיל. כ׳ווייס, אַזאַ כוואַט קאָן נאָך אַמאָל הייסן געבן זיך דעם קייסערס קרוין.

דערווייל איז די זאַך אָנגעקומען אַזש ביז קיין פּעטערבורג. און ס׳האָט זיך גערעשט מיט דער מעשה. אַ יידישער זעלנער האָט געראַטעוועט די רוסישע אַרמיי

פון אַ מפּלה! האָט מען גלייך געשיקט שטאַפּעטן און מ'האָט געבראַכט דעם יונג קיין פּעטערבורג און מ'האָט אים אָוועקגעפירט צו די גרעסטע יעדנערעלער און קאַפּ־מענטשן. עפּעס אַ קליניקייט! און דאָרט האָט מען ווידער געמאַכט אַ גאַנצן צימעס, און ס'האָט זיך געטון מעשים. מ'האָט אים צוגעשפּיליעט נאָך אַ בלעכל, און מ'האָט אים געזאָגט, אַז ער מעג פאַרלאַנגען וואָס אים געפעלט, וועט מען עס אים געבן. נאָר ער דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד. ווארן ווי אַ זאַך מאַכט זיך, כ'וויס, אַזאַ יונג קען זיך נאָך הייסן געבן דעם קייסערס קרוין. זאָל ער, למען־השם, נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד, און זאָל, חלילה, נישט פאַרלאַנגען צופיל.

דער בחור זעט אַזאַ זאַך, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט רשעים, וואָס פאַר־גינען נישט קיין ייד אַזאַ כבוד, טראַכט ער, ער וועט זיי פאָלגן, ער וועט נישט בעטן די קרוין, ער וועט בעטן עפּעס אַנדערש. און ער זאָגט, ער וויל, אַז מע זאָל אים געבן אַזאַ שטיק גאָלד, וואָס זאָל דערלאַנגען פון זיין רעכטן אויער ביז זיין לינקן.

די יעדנערעלער און די קאַפּ־מענטשן האָבן זיך צעשמייכלט. נאַדיר, אָט האָסטו דיר אַ חכם! אַבי מע זאָגט, יידן זענען קלוג. ער האָט זיך דאָך געקענט אויסבעטן אַלץ אין דער וועלט! נעמט ער און בעט גאָר אַ שטיקל גאָלד! נאָר גע־בעטן איז געבעטן. מ'האָט זיין פאַרלאַנג גלייך באַוויליקט. אָבער ווי נאָר מ'האָט גענומען מעסטן ביי אים פון זיין רעכטן אויער ביז צום לינקן, מע גיט אַ קוק, אַז ער האָט גאָרנישט ניט קיין לינק אויער. פרעגט מען אים: וואָס איז דאָס? וואו איז זיין לינק אויער? זאָגט ער: „הערעלעך מיינע, מיין לינק אויער איז אָפּן שלאַכטפעלד. מ'האָט עס מיר אַראָפּגעשאָסן אין יענער שלאַכט. איצט נעמט און מעסט, מעסט דאָ פון מיין רעכטן אויער ביז מיין לינקן אויער דאָרט אין פעלד."

די קאַפּ־מענטשן און די יעדנערעלער האָבן גלייך געזען, אַז ער האָט זיי אָפּ־געטון אַף טעריקיש. וואו נעמט מען אַזאַ גרויס שטיק גאָלד, וואו? ער וועט דאָך בדלות שטעלן דעם קייסערס שאַצקאַמער. אָט דאָס הייסט אַ כוואַט! נאָר פאַר־פאַלן! צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט!

אַ מענטש מיט אויסרעכענונג

די צאַרישע אַרמיי האָט אַמאָל דורכגעפירט מאַנעווערס. זענען ביי די מאַנע־ווערס געווען אַלע גרויסע גענעראַלער און מלחמה־פירערס. און זיי האָבן זיך געיאָגט אַף די טייערע פערד פון איין פעלד צום אַנדערן, און האָבן געגעבן באַ־פעלן און געקאָמאַנדעוועט.

מאַכט זיך, אַז ווי זיי יאָגן אַזוי, האָט אַ פערד זיך צעפּאַלאָשעט, און דער גענעראַל איז אַראָפּגעפאַלן. נאָר אַ יידישער זעלנער, וואָס האָט פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, האָט דאָס דערזען, איז ער באַצייטנס צוגעלאָפן, האָט דעם גענעראַל אונטערגעכאַפּט אין זיינע הענט און האָט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

אַז דער גענעראַל איז געקומען צו זיך, האָט ער דעם זעלנער געדריקט די האַנט און האָט אים געלויבט פאַר זיין פלינקייט. „דו פאַרדינסט אַן אויסצייכע־נונג," זאָגט דער גענעראַל, „דו האָסט מיר געראַטעוועט מיין לעבן. נאָכן מאַנע־

ווער מעלד דיך ביי מיר אין הויפט־קוואַרטיר.״ דער זעלנער האָט אים סאַלוטירט, האָט זיך אויסגעדרייט און איז צוריק אַריין אין גליד.

פאַרנאַכט, אַז די מאַנעווערס האָבן זיך געענדיקט, איז דער יידישער זעלנער אַריבערגעגאַנגען אין דער הויפט־קוואַרטיר און האָט זיך דאָרט געמאָלדן. דער גענעראַל האָט שוין דאָרט געוואַרט אַף אים און האָט אים אויפגענומען זייער פריינדלעך. צום סוף פרעגט ער אים: „וואָס וואָלטסטו בעסער וועלן, אַ מעדאַל, אָדער הונדערט רובל מזומן געלט?״

טראַכט דער זעלנער: ס'אַ כבוד צו האָבן אַ מעדאַל, נאָר ער וואָלט אויך וועלן האָבן דאָס געלט. סאַלוטירט ער און פרעגט: „האַרעלע, וויפיל קאָסט אַ מעדאַל?״

„צען רובל,״ זאָגט דער גענעראַל.

„אויב אַזוי,״ זאָגט דער זעלנער, „גיב מיר דעם מעדאַל מיט ניינציק רובל מזומן געלט.״

די לעקציע גייט ווי געשמירט

דאָס איז געווען אין די צייטן פון די צאַרן אין רוסלאַנד. אַן אונטעראָפיציר האָט אַרויסגעפירט אין פעלד נייע רעקרוטן, צו לערנען זיי שיסן מיט ביקסן. ער האָט זיי געוויזן ווי אַזוי מע עפנט די ביקס און מע לייגט אַריין אַהין די קוילן, ווי אַזוי מע האַלט די ביקס און ווי אַזוי מע גיט אַ צי דאָס צינגל און מע שיסט.

ביים שיסן האָט זיך ביי איינעם פון די רעקרוטן עפּעס פאַרהאַקט אין דער ביקס, און זי האָט נישט אויסגעשאָסן. גייט צו דער אָפיציר, באַטראַכט די ביקס און זעט, אַז זי איז נישט גערייניקט און נישט געשמירט, און אַז דערפאַר קען זי נישט שיסן. האָט ער גענומען די ביקס און האָט געוויזן די זעלנער ווי אַזוי מע דאַרף אַ ביקס רייניקן און שמירן.

אַף מאָרגן האָט דער אונטעראָפיציר ווידער אַרויסגעפירט די זעלנער אין פעלד. ער האָט זיי אַלע אויסגעשטעלט און געזאָגט, אַז אַזוי ווי די רעקרוטן זענען נאָך יונג און זיי ווייסן נאָך נישט גוט ווי אַזוי מע דאַרף אַ ביקס שמירן און האַלטן ריין, וועט ער זיי היינט געבן אַ נייע לעקציע. און ער הייבט אויף אַ האַנט און דערלאַנגט אַ פּליאַסק איין זעלנער, און דערנאָך אַ צווייטן און דערנאָך די אַנדערע, פּראַסק, פּראַסק, פּראַסק אין פּנים. אַזוי פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, פרעגט ער די רעקרוטן ווי אַזוי זיי האָבן באַנומען זיין לעקציע.

„זייער גוט,״ ענטפערט אַ זעלנער. „די לעקציע איז געגאַנגען ווי געשמירט.״

דער דאָקטער ווייסט בעסער

דאָס איז געווען אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה. נאָך איינער פון די גרויסע שלאַכטן אונטער פּלעוונע האָט מען אַרויסגעשיקט דאָקטוירים מיט סאַני־טאַרן, צונויפצונעמען די טויטע און פאַרוואונדעטע אַפן פעלד. די פאַרוואונדעטע האָט מען אַרויפגעלייגט אַף ברייטע וואָגנס און גאַרן, און מ'האָט זיי אָפּגעפירט אין

לאַזאַרעט. די טויטע האָט מען אַרויפגעלייגט אַף באַזונדערע וואָגנס, און מ׳האָט זיי אָוועקגעפירט צום צווינטער, זיי צו באַגראָבן.

דער וועג צום צווינטער איז געווען אַ שווערער, פול מיט שטיינער און מיט גריבער. ס׳האָט מיט די וואָגנס געהאַלטן אין איין וואַרפן און טרעסען. צווישן די טויטע אַף איין וואָגן איז געלעגן אַ זעלנער—אַ שטאַרק פאַרוואונדעטער, אַ פאַרחלשטער, און מ׳האָט געמיינט, אַז ער איז שוין טויט. נאָר אַזוי ווי מיט דעם וואָגן האָט עס געהאַלטן אין איין וואַרפן, איז דער זעלנער ביסלעכווייז געקומען צו זיך און האָט געעפנט די אויגן. ער גיט אַ קוק—ער ליגט אין אַ וואָגן מיט טויטע זעלנער. האָט ער גלייך געכאַפּט זיך, אַז מע פירט אים באַגראָבן צוזאַמען מיט די אַנדערע.

דער זעלנער האָט געמאַכט אַ געוואַלד. ער האָט גענומען שרייען צום קוטשער: „העי, וואוהין פירסטו מיך? איך בין נישט טויט!"

דער קוטשער דרייט אויס דעם קאָפּ, קוקט אַף דעם זעלנער מיט צעשראָקענע אויגן און גיט אַ געשריי:

„לייג דיך אַנידער און שוויג, אַז נישט דערלאַנג איך דיר מיט דער לאָפּעטע איבערן קאָפּ! אַ חוצפּה פון אַ זעלנער, אַז דער דאָקטער זאָגט, אַז דו ביסט טויט, ווייסט ער בעסער פון דיר."

דער זעלנער קען נעבעך נישט ציילן

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אין דער פּוילישער אַרמיי געווען אַ סך יידישע אָפיצירן. נאָר די מערסטע פון זיי האָבן זיך נישט אויסגעגעבן, ווייל זיי וואָלטן געווען געשפּילט מיט זייער לעבן.

אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און די געפאַר איז געוואָרן קלענער, איז מען ווידער געוואָרן יידן. סע האָבן זיך באַוויזן פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט", און מ׳האָט אָנגעהויבן העלפן די פאַרבליבענע. די באַהאַלטענע זענען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, און יידישע זעלנער און אָפיצירן האָבן זיך אויסגעגעבן ווער זיי זענען. געקומען פאַר פּסח, האָט דער „דזשאָינט" געגעבן פאַר די יידישע זעלנער מצות אַף יום־טוב. אין יעדן רעגימענט האָט מען געמאַכט אַ צעטל מיט די נעמען פון די יידישע זעלנער, און דער העכסטער אָפיציר האָט דאָס געדאַרפט באַשטעטיקן און אונטערשרייבן.

מאַכט זיך אין איינעם פון די רעגימענטן, אַז דער זעלנער, וואָס האָט געמאַכט דעם צעטל מיט די נעמען פון די יידישע זעלנער, קומט אַריין צום מאַיאָר אין דער קאַנצעלעי, אַז ער זאָל דאָס צעטל אונטערשרייבן. דער מאַיאָר קוקט דורך דאָס צעטל, און וויל עס נישט באַשטעטיקן. „סע שטימט נישט," זאָגט ער צום זעלנער. „עס זענען אָפן צעטל נישטאָ אַלע יידן."

נעמט שוין דער זעלנער דאָס צעטל, גייט אַוועק און הייבט נאָכאַמאָל אָן אויספרעגן, צי עס זענען דאָ נאָך יידן אין רעגימענט. ער זוכט און נישטערט, נאָר מער געפינט ער נישט. קומט ער צוריק צום מאַיאָר און זאָגט אים, אַז ער האָט נאָכגעפאָרשט. נאָר מער זענען נישטאָ.

דער מאַיאָר גיט ווידער אַ קוק אַפן צעטל און זאָגט: „ס'איז נישט גאַנץ. גיי, זוך נאָכאַמאָל."

דער זעלנער איז ווידער אַוועק און האָט אָנגעהויבן אַפּסניי חוקר־ודורש צו זײַן. נאָר אומזיסט. עס זענען פּאָרט נישטאָ מער יידן ווי פריער.

קומט ער שוין צום דריטן מאָל צום מאַיאָר אַ פאַרלוירענער, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ און זאָגט אים, אַז ס'איז נישטאָ מער. ער האָט געזוכט און געניש־טערט, נאָר קיין אַנדערע יידן זענען נישטאָ.

זעט דאָך דער מאַיאָר, אַז דער זעלנער כאַפּט נישט, נעמט ער דאָס צעטל, קוקט און זאָגט: „און וואו בין איך, מיין קינד? צי וויל איך בין אַ מאַיאָר, דאַרף איך שוין נישט קיין מצות אַף יום־טוב? איך בין אויך פון אחינו בני ישראל."

דער זעלנער האָט שיר געחלשט. און דער מאַיאָר רעדט ווייטער: „שטעל צו מיין נאָמען, און גיי ברענג די מצות! לאָמיר האָבן אַ גוטן יום־טוב. און לשנה הבאה בירושלים!"

דער פּריץ און דער קוואַל

דער פּריץ האָט אָנגעלאָדן זיין ביקס, האָט אַריינגעלייגט ברויט און קעז אין זיין לעדערנעם טאַש, און איז געגאַנגען אין וואַלד אַריין שיסן פייגל.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער און אַ וואַרעמער. דער פּריץ האָט זיך געיאָגט נאָך פייגל, און איז פאַרגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד.

בייטאָג איז ער צוגעקומען צו אַ וואַסערל. דאָרט האָט ער זיך אַנידער־געזעצט, האָט אַרויסגענומען ברויט און קעז פון זיין טאַש, און האָט געגעסן אַ צופרידענער און מיט אַפּעטיט. נאָכן עסן האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבער דעם וואַסערל, האָט זיך גוט אָנגעטרונקען, און נאָך דעם האָט ער זיך אַנידער־געלייגט, און האָט געכאַפּט אַ דרימל.

אַז ער האָט געעפנט די אויגן, איז די זון שוין געווען ווייט אין מערב־זייט. טראַכט ער, אַז ס'איז צייט צו לאָזן זיך אַפן וועג אַהיים.

ווי ער גייט אַזוי, כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזעט. נאָר דערוויל דערזעט ער, אַז ער איז ביים אָנהייב פון דעם וואַסערל, וואָס קוועלט אַרויס פון אַ שפּאַלט פון אַ שטיין. גייט ער צו נעענטער און וויל זיך אָנטרינקען פון דעם קוואַל. נאָר דאָ דערזעט ער אַ בילד, אַז ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַן עקל: אַ טויטער הונט ליגט מיט זיין אָפענעם מויל אַנטקעגן דעם קוואַל, און דאָס וואַסער שפּריצט אים גלייך אין מויל אַריין און רינט אַרויס ביי אים פון דער אַנדערער זייט. דעם פּריץ אין באַפאַלן אַ חלשות. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט עקל און געטראַכט: אָט פון דעם וואַסער האָט ער געטרונקען!

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. און ער איז געגאַנגען צוריק אין דער לענג פון דעם וואַסערל און האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער אַרויס־קומען פון וואַלד און זיין אין דער היים. אַזוי איז ער געגאַנגען שעהן נאָכאַנאַנד. די זון האָט זיך געזעצט און ס'איז אויפגעגאַנגען די לבנה.

דער פּריץ איז געוואָרן מיד און שרעקלעך דאָרשטיק. ער קוקט אַפן וואַסערל

ווי סע לויפט און מורמלט און סע נעמט אים ציען ווידער צו טרינקען. ער טראַכט: „פאַרוואָס האָב איך דעם טויטן הונט נישט אָוועקגעשלעפּט פון דעם קוואַל? וואָלט איך דאָך מיר איצט געקענט שטילן מיין דאָרשט מיט דעם וואַסער!‟ און ער ענטפערט זיך אַליין: „נאָר ווי פּאַסט עס פאַר מיר, אַ פּריץ, זיך צוצורירן צו אַ נבלה?‟

ער איז אַוועק ווייטער אין דער לענג פון דעם וואַסערל, וואָס האָט געגלאַנצט און געשימערט אין שיין פון דער לבנה. דער דאָרשט האָט אים גענומען מאַטערן, און ער זאָגט צו זיך: „נאָך אַלעמען, וואָס אַרט מיך, וואָס דאָרט וווייט ביים קוואַל טוט זיך? דאָ איז דאָך דאָס וואַסער ריין און קלאָר ווי קרישטאָל.‟ און ער בייגט זיך איין איבערן וואַסערל, צו שטילן זיין דאָרשט. נאָר אין דעם מאָמענט הערט ער אין זיך אַ קול:

„געדענקסט דעם געפּגרטן הונט? דאָ איז טאַקע דאָס וואַסער ריין, נאָר פאַרגעס נישט פון וואַנען דער קוואַל רינט!‟

אַ כשרער טאָפּ—אַ כשרער לעפֿל

אַ פּריץ האָט צו זיך אין דאָרף אַראָפּגעבראַכט פון שטעטל דעם יידישן גאָלדשמיד, אַז ער זאָל אים מאַכן אַ טוץ זילבערנע לעפל. ער האָט אים געגעבן אַ צימער ביי זיך אין הויף, האָט אים צוגעוואויגן דאָס בייטיקע זילבער, און דער ייד האָט זיך גענומען צו דער מלאכה.

אַז דער גאָלדשמיד איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט, זעט ער, אַז ס'איז אים געבליבן אַ היפּש שטיק זילבער, אַ גאַנץ פונט. אים איז דאָס געווען אַ גרויס חידוש: ווי אַזוי איז דאָס געבליבן אַזאַ שטיק זילבער? ער וועגט נאָכאַמאָל איבער די לעפל און ער זעט, אַז זיי וועגן פּאָרט פונקט אַזויפיל זילבער וויפיל דער פּריץ האָט אים צוגעוואויגן. פרעגט ער מער נישט קיין קשיות און פאַרפּאַקט דאָס שטיק זילבער צוזאַמען מיט זיין געצייג.

דער פּריץ איז מיט דער אַרבעט פון דעם גאָלדשמיד געווען צופרידן. האָט ער אים באַצאָלט, און דער ייד איז אַוועק צופוס אַהיים. ער גייט אָפּ אַ שטיק וועג, דערהערט ער, מע יאָגט אים נאָך. מע שרייט און מע רופט, אַז ער זאָל וואַרטן. דעם גאָלדשמיד איז באַפאַלן אַ שרעק. ער איז זיכער געווען, אַז דער פּריץ האָט אויסגעפונען וועגן דעם שטיק זילבער, און אַז איצט וועלן זיך אָנהייבן צרות. ער דרייט זיך אויס און זעט, דעם פּריצס קעכער יאָגט זיך נאָך אים. אַז דער קעכער איז צוגעקומען, נעמט ער אַרויס פון בוזעם אַ גרויס זילבערן הענטל פון אַ קאָכלעפל און פרעגט דעם גאָלדשמיד, צי ער וויל דאָס קויפן ביי אים.

דעם ייד איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. נו, אַ דאַנק דעם אייבערשטן. אומזיסט געשראָקן זיך. און ער פרעגט דעם גוי, וואו ער האָט דאָס גענומען, דאָס זילבערנע הענטל. דערציילט אים דער קעכער, אַז איינמאָל, ווען דער ייד איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט זיך „געמאָליעט‟, געדאַוונט, האָט ער מיט זיין גרויסן זילבערנעם קאָכלעפל געוואָלט אַרויסגנבענען אַביסל צעשמאָלצן זילבער פון טאָפּ. אָבער ווי נאָר ער האָט אָנגענומען דאָס צע־

שמאַלצענע זילבער, האָט זיך דער קאָכלעפל איבערגעבראָכן, און אַ האַלבער לעפל איז געבליבן אין טאָפּ.

דער ייִד האָט איצט פאַרשטאַנען די מעשה מיטן שטיק זילבער. ער האָט אַ שמייכל געטון צו זיך און געטראַכט: „אַ כשרער טאָפּ און אַ כשרער לעפל—איז כשר.“ ער האָט אָפּגעקויפט ביים קעכער דאָס הענטל פון דעם קאָכלעפל, און איז בשלום אַוועק אַהיים.

אַלץ, וואָס אַ מענטש טוט, טוט ער עס פֿאַר זיך

צו דער פּריצה פון שטעטל איז יעדע וואָך, אין אַ באַשטימטן טאָג, געקומען אַן אַלטע בעטלערין. אַז זי קומט, גיט איר די פּריצה אַ ברייטל, וואָס זי באַקט פאַר איר עקסטרע אויס. די בעטלערין נעמט עס צו, לייגט עס אַריין צו זיך אין טאָרבע, און זאָגט אַפילו נישט קיין דאַנק. נאָר אַנשטאָט דעם, טוט זי אַלעמאָל אַ זאָג: „וואָס איינער טוט, טוט ער דאָס פאַר זיך.“ דאָס הייסט, טוט ער גוטס, וועט אים זיין גוט; טוט ער שלעכטס, וועט אים אַליין אַרויסקומען שלעכטס.

דער פּריצהס זון, דער יונגער פּאַניטש פון הויף, האָט דאָס באַמערקט, און ס'האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. אַז ער האָט נאָך געהערט ווי זי מאַכט די אומדאַנקבאַרע באַמערקונג, האָט עס אויפגעקאָכט אין אים: „אַ געמיינקייט פון אַ בעטלערין! זי לערנט נאָך מוסר!“ און דער פּאַניטש האָט באַשלאָסן, ער מוז פּטור ווערן פון איר. ער וועט זי פאַרסאַמען. מיט דעם אייגענעם ברויט, וואָס מע גיט איר, וועט ער זי פאַרסאַמען, האָט אים אַ בליץ געטון אַ געדאַנק.

און דער געדאַנק האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. איין שיינעם טאָג, ווען מ'האָט געבאַקן ברויט אין קיך, גייט ער אַריין, שיקט אַרויס די דינסט עפּעס ברענגען, און ער זוכט דערווייל אַרויס דאָס קייבערל מיט דער בעטלערינס רויען ברויט, ער האָט עס לייכט דערקענט, ס'איז געווען קלענער פון די אַנדערע ברויטן, און ער טוט דאָרט אַריין אין דעם טייג סם.

יענעם טאָג, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין געהאַט אָפּגעבאַקן, קומט צו גיין די בעטלערין. די פּריצה, וואָס האָט פון גאָרנישט ניט געוואוסט, האָט איר געגעבן דאָס ברייטל, און די בעטלערין האָט עס אַריינגעלייגט אין טאָרבע, האָט זיך אָפּגעזאָגט איר שפּרוך, און איז אַוועק.

אַפן אַנדערן טאָג פאַרגלוסט זיך דעם יונגן פּאַניטש צו גיין אַף פּאָלעוואַניע אין ווילדן וואַלד. הייסט ער זיינעם אַ באַדינער, אַז ער זאָל אים אַנזאָטלען אַ פערד, און ער אַליין לאָדט אָן זיין ביקס, זעצט זיך אַפן פערד און לאָזט זיך אַוועק אין וואַלד אַריין. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געיאָגט נאָך קראָליקעס און האָזן און פייגל. און אַז ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, האָט ער צוזאַמענגעבונדן זיין ווילד, האָט עס אַרויפגעלייגט אַפן פערד, און לאָזט זיך אַפן וועג אַהיים. ער רייט און רייט, און דער וואַלד לאָזט זיך נישט אויס. מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך, אַז ער בלאָנדזשעט. און דאָ איז שוין נאַכט, און ער איז איינער אַליין, און איז מיד און הונגעריק.

ווי ער בלאָנדזשעט אַזוי, דערזעט ער אין פינסטערן וואַלד אַ געלן שיין צווישן

דיביימער. דערפרייט ער זיך, ווארן ער איז זיכער געווען, אַז דאָרט וואוינט עמיצער, און ער לאָזט זיך מיט זיין פערד צו דעם שיין. ס'האָט נישט לאַנג גע־דויערט, און ער קומט צו צו אַ כאַלופע, אַ וואַלד־שטיבל. ער קלאַפּט אָן, און אַז מע עפנט די טיר, זעט ער אַן אַלטינקע, איינגעהויקערטע באַביצע. ער האָט זי אין דער ערשטער מינוט נישט דערקענט, און אים איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז די בעטלערין, וואָס קומט צו דער פריצה נאָך ברויט. נאָר ער גריסט זי און דערציילט איר, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזעט, און איז זייער הונגעריק. און ער פרעגט זי, אפשר קען זי אים געבן עפּעס אין מויל אַריין.

די אַלטינקע האָט אים געבעטן אַריינקומען. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו דער טאָרבע, האָט אַרויסגענומען אַ ברייטל און האָט עס אַנידערגעלייגט אָפן טישל, און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך זעצן עסן. דערביי האָט זי אַ זאָג געטון: „וואָס איינער טוט, טוט ער דאָס פאַר זיך."

אין דער מינוט האָט ער זי דערקענט. דאָס איז די בעטלערין, וואָס קומט צו זיי אין הויף. און דאָס איז דאָך דאָס ברייטל, וואָס ער האָט אין אים אַריינגעטון סם. אַ שרעק איז געפאַלן אָף אים. ער האָט געמיינט, אַז ער פאַלט אַוועק. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, דאַנקט איר פאַר איר גוטסקייט און בעט זי, אַז זי זאָל אים ווייזן דעם וועג, אַרויס פון וואַלד.

יאָ, אַוודאי. איר שטיבל איז ביים ברעג וואַלד, און פון דאָרטן ציט זיך אַ שטעג גלייך אין שטעטל אַריין.

ער האָט איר נאָכאַמאָל געדאַנקט, האָט צוגענומען דאָס ברייטל. ער האָט איר געוואָלט באַצאָלן, נאָר זי האָט קיין געלט נישט געוואָלט נעמען. זי האָט נאָר ווידער אַ מורמל געטון: „וואָס איינער טוט, טוט ער דאָס פאַר זיך."

א רענדל אַריין און אַ רענדל אַרויס, דער סוף איז געווען, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען געבראַכט די בעטלערין אין הויף אַריין, מ'האָט איר דאָרט גע־געבן אַ באַזונדער שטיבל, און צו עסן און צו טרינקען, און דאָס גאַנצע לעבן איז איר שוין געווען גוט און וואויל.

די צוויי יונגע פּריצים און דער קאַרגער פּויער

צוויי יונגע פּריצים זענען געגאַנגען אָף יאָגד אין וואַלד. מיטאַמאָל כאַפּן זיי זיך, אַז זיי בלאָנדזען און קענען נישט געפינען דעם שטעג, וואָס פירט אַרויס פון דעם וואַלד. גייען זיי און גייען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ פּויערשער כאַטע. און דאָס איז געווען שוין ביים ברעג וואַלד. אַרום דער שטוב האָט זיך געדרייט אַ פּויער. בעטן זיי אים, אַז ער זאָל זיי געבן עפּעס צו עסן. זאָגט דער פּויער, אַז ער האָט זיי נישט וואָס צו געבן. ער האָט אַפילו פאַר זיך אַליין אויך נישט קיין עסן.

פאַרדריסט עס די צוויי יונגעלייט. ווארן זיי זעען לויט דער באַלעבאַטיש־קייט, אַז דער פּויער איז שוין גאָר נישט קיין אָרימאַן. טרעטן זיי נישט אָפּ און ווילן אַליין אָנהייבן צו זוכן.

דער הונט אַרום שטוב האָט דערשמעקט, אַז די צוויי פרעמדע זענען נישט קיין אָנגעלייגטע געסט, האָט ער גענומען בילן אָף זיי, און האָט זיי געוואָלט בייסן.

האָט אײנער פֿון די צװײ פּריצים אַראָפּגעכאַפּט די ביקס און האָט אים דערשאָסן. האָט זיך דער פּויער דערשראָקן און נעמט זיך בעטן בײַ זײ, אַז זײ זאָלן אים נישט טון קײן שלעכטס. זאָגן זײ: „גוט. מיר װעלן דיר גאָרנישט ניט טון. מיר זענען נישט קײן מערדער. נאָר מיר זענען הונגעריק. מיר גלײבן דיר אָבער, אַז דו האָסט נישט קײן עסן אין שטוב. נאָר אפֿשר קענסטו אונז געבן אַ האַק?"

„אַ האַק?" דערשרעקט זיך דער פּויער. „יאָ, איך האָב אַ האַק. נאָר װאָס װילט איר טון מיט דער האַק?"

„גיב אונז די האַק," זאָגן זײ, „װעלן מיר מיט איר אָפּקאָכן אַ גוט געקעכץ."

װערט שוין דער פּויער ציקאַװע, לאָזט זײ אַרײַן אין שטוב און הײסט דער פּויערטע, אַז זי זאָל זײ געבן די האַק, ער װיל זען װי אַזױ זײ װעלן מאַכן מיט איר אַ געקעכץ.

מ'האָט די האַק אָפּגעװאַשן און זי אַרײַנגעטון אין אַ קעסל מיט װאַסער, און די צװײ יונגעלײַט נעמען קאָכן.

דער פּויער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, און קוקט זיך צו װי זײ שטײען איבערן קעסל און קאָכן. אַז דאָס װאַסער האָט אױפֿגעזאָטן, זאָגט אײנער פֿון די פּריצים צום פּויער: „אפֿשר האָסטו אַ פּאָר קאַרטאָפֿל, אַביסל גריץ?"

דער פּויער האָט זײ דערלאַנגט קאַרטאָפֿל און גריץ, און קוקט װי זײ דרײען מיט דער האַק אין קעסל. סע גײט אַריבער אַ פּאָר מינוט, פֿרעגן זײ װידער דעם פּויער, אפֿשר האָט ער אַ שטיקעלע פֿלײש אין שטוב, אַ קעפּל קרויט. דער פּויער זוכט אַרויס אַ שטיקל פֿלײש, אַ קעפּל קרויט, און דערלאַנגט זײ. די פּריצים טוען דאָס אַרײַן אין קעסל און מישן.

פּאַרטיק געװאָרן, זעצט מען זיך עסן. און דער פּויער מיט זײַן װײַב עסן אױך. אַלע פֿאַסמאַקעװען זיך מיט דעם געקעכץ. אַ מחיה. אַז מ'האָט אַלץ אױפֿ־געגעסן, פֿרעגט דער פּויער: „נו, און די האַק? איר האָט דאָך פֿאַרגעסן צו עסן די האַק."

„די האַק דאַרף זיך נאָך קאָכן," זאָגן די צװײ יונגעלײַט. „לאָז זי זיך קאָכן איבער נאַכט, װעט זי װערן װײך, און איר װעט זי עסן מאָרגן אין דער פֿרי צו איבערבײַסן."

די צװײ פּריצים האָבן זיך אָפּגעזעגנט און זענען אַװעקגעגאַנגען. אױף מאָרגן, אַז דער פּויער מיט דער פּויערטע זענען אױפֿגעשטאַנען, גײט ער צו צום קעסל, אַ קוק טון אױף דער האַק. זעט ער, זי איז גאַנץ װי געװען.

„דו װײסט, מײַן װײַב," זאָגט ער צו דער פּויערטע, „דעם הונט האָבן זײ דערשאָסן, דאָס פֿלײש און קרויט און גריץ האָבן זײ אױפֿגעגעסן, טאָ לאָמיר איצט דאַנקען גאָט, װאָס די האַק איז אונז כאָטש געבליבן גאַנץ."

גזירות קעגן יידן טויגן נישט

דער גראַף ראַדזיװיל, אײנער פֿון די גרעסטע פּריצים אין אַמאָליקן פּױלן, איז אַמאָל געפֿאָרן קײן װאַרשע אױף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער שליאַכטע. געפֿאָרן איז ער מיט זײַן לאַקירטער קאַרעטע, געשפּאַנט מיט צװײ פּאָר פֿערד. אױפֿן װעג

האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אין אַ יידישער קרעטשמע, צו עסן און אָפּצורוען זיך. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון פיש, האָט ער געהייסן דעם קרעטשמער, אַז ער זאָל אים אָפּקאָכן פיש.

נאָר ווי קומט צו אַ ייד אין דאָרף אין אַ מיטן מיטוואָך פיש? אַז אַ פּריץ וויל אָבער פיש—מוז מען קריגן פיש. נעמט דער ייד אַ שייגעץ, גיט אים געלט און שיקט אים אַוועק אין דעם דערבייאיקן שטעטל, אַז ער זאָל גלייך ברענגען פיש. דער שייגעץ האָט זיך אויפגעזעצט אַף אַ פערד, איז אַוועק אין שטעטל אַריין און האָט דאָרט איינגעהאַנדלט פיש. געקומען צוריק, גיט ער דעם קרעטשמער אָפּ אַ חשבון וויפיל ער האָט באַצאָלט פאַר די פיש. און ער זאָגט אים, אַז פיש איז היינט זייער טייער, ווייל מאָרגן איז ביי די יידן אַ יום־טוב, און אַלע קויפן פיש אַף יום־טוב.

דער גראַף הערט, וואָס דער שייגעץ דערציילט, פרעגט ער דעם קרעטשמער, וואָס פאַר אַ יום־טוב ס'איז מאָרגן ביי יידן. זאָגט אים דער קרעטשמער, אַז מאָרגן איז פורים. און ער דערציילט אים די גאַנצע מעשה, פאַרוואָס יידן מאַכן דעם יום־טוב, און וועגן המנס מפּלה.

אַז דער גראַף האָט אָפּגעגעסן און זיך אָפּגערוט, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע און איז געפאָרן ווייטער. געקומען אַף דער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע, הערט ער ווי די פּריצים רעדן וועגן יידן, יידן און יידן. און זיי מאַכן פּלענער ווי אַזוי צו באַגרענעצן די רעכט פון די יידן און אַרויסצוגעבן גזירות קעגן זיי.

דער גראַף ראַדזיוויל הערט און שוויגט. נאָר אַזוי ווי ביי אַלע פריערדיקע פאַרזאַמלונגען איז ער שטענדיק געווען איינער פון די הויפּט דעה זאָגער, בעט מען אים, אַז ער זאָל אויך דאָס מאָל זאָגן זיין מיינונג וועגן דעם. שטעלט ער זיך אויף, דער גראַף, און זאָגט: „ניין, פּריצימלעך מיינע, סע טויג נישט. גזירות קעגן יידן טויגן נישט. ווייל דער סוף פון אַלע גזירות וועט זיין, אַז יידן וועלן האָבן נאָך אַ יום־טוב. און דעמאָלט, טייערע פּריצימלעך מיינע, וועלן פיש ווערן נאָך טייערער.״

סע ווענדט זיך ווער עס זענען די פֿירער

אַ פּריץ איז אַמאָל געפאָרן אין וועג מיט זיין בריטשקע, געשפּאַנט מיט צוויי גרויסע, גוטע פערד. אונטערוועגנס איז ער צוגעקומען צו אַ באַרג. זענען זיך די פערד שטיין געבליבן און האָבן נישט געוואָלט אַרויף. דער פּריץ טרייבט און שמייסט, נאָר די פערד רירן זיך נישט פון אָרט.

ווי ער שטייט אַזוי, קומט אָן אַ גוי מיט אַ גרויסן וואָגן היי, געפירט פון צוויי קליינע פערדלעך. אַז זיי האָבן זיך דערנענטערט צום באַרג, האָט דער גוי זיי אַ טרייב געטון מיט דער בייטש, און די פערדלעך זענען גלייך אַרויף. דער פּריץ קוקט און וואונדערט זיך. ער רופט צו דעם גוי און רעדט מיט אים וועגן דעם:

„סטייטש? זיינע פערד זענען אַזעלכע גרויסע און גוטע, און קענען נישט אַרויף, און דאָ—צוויי קליינע פערדלעך מיט אַזאַ וואָגן היי זענען גלייך אַרויף אַפן באַרג?!״

זאָגט דער גוי: „האַרעלע, וואו האָסטו גענומען דיינע פערד?"
זאָגט דער פּריץ: „וואָס הייסט, וואו? איין פערד האָב איך געקויפט אין ווילנע, און דאָס צווייטע אין לעמבעריק."
„אויב אַזוי איז שוין ניטאָ קיין חידוש, וואָס זיי קענען נישט אַרויף אַפן באַרג. וואָרן אַז דו שמייסט דאָס ווילנער פערד, פילט נישט דאָס לעמבעריקער פערד, און אַז דו שמייסט דאָס לעמבעריקער פערד, קער זיך דאָס ווילנער פערד נישט אָן און פילט נישט. מיינע פערדלעך זענען אַ מאַמע מיט אַ קינד. אַז איך וויל אַ שמייס טון דעם קינד, גיט זיך זיין מאַמע אַ שפּאַר אַף אַלע פיר און ציט און שלעפּט. און אַז איך וויל אַ שמייס טון דער מאַמע, גיט זיך דאָס קינד אַ שפּאַר אַף אַלע פיר און שלעפּט מיט אַלע כוחות. דערפאַר זענען מיינע פערדלעך גלייך אַרויף אַף דעם באַרג."

די דריי פּריצים און דער ייד

דריי פרומע פּריצים זענען געזעסן ביי אַ גלעזל וויין און האָבן געשמועסט. זייער שמועס האָט זיך געדרייט אַרום די שווערע צייטן, וואָס זענען געקומען אַף זיי: די פּויערים בונטעווען זיך, ווילן נישט אַרבעטן, די תבואות פוילן אַף די פעלדער. הכלל, ס'איז נישט גוט.
ווי מע רעדט אַזוי פאַרזאָרגט, רופט זיך אָן איינער פון זיי און זאָגט: „פריינדלעך גוטע, וואָס וועט אונז העלפן דאָס זאָרגן? לאָמיר בעסער רעדן פון פריילעכערע זאַכן."
„גערעכט, גוטינקער, גערעכט," זאָגן די אַנדערע.
„לאָמיר זיך וועטן צו טויזנט רובל," זאָגט איינער, „און ווער סע וועט דערציילן דעם גרעסטן ליגן, דער געווינט. קיינער טאָר נישט אָפּפרעגן. ווער סע וועט אָפּפרעגן, דער פאַרלירט."
זיי האָבן איינגעלייגט צו טויזנט רובל, און איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן: „ביי מיין זיידע איז געווען אַ טאָפּ, וואָס מ'האָט געקאָכט אין אים זופּ, איז ער געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מ'האָט געדאַרפט אָפּשוימען די זופּ, האָט מען געמוזט אַריינלאָזן אַהין אַ שיף און אַרומפאָרן אויבן, אָפּצושוימען."
די אַנדערע צוויי פּריצים האָבן צוגעשטימט: „ריכטיק, ריכטיק."
דער צווייטער האָט דערציילט: „ביי מיין זיידע איז געווען אַ גאָרטן. זענען דאָרט געוואַקסן אַזעלכע גרויסע עפּל, אַז ווען ס'איז אַראָפּגעפאַלן אַן עפּל און מ'האָט אים אויפגעשניטן, האָט מען דאָרט געפונען אַרומרייטן אַ מאַן אַף אַ פערד."
„ריכטיק, ריכטיק," האָבן די אַנדערע צוויי צוגעשטימט.
איצט האָט נאָך דער דריטער פּריץ געדאַרפט עפּעס דערציילן. הייבט ער אָן און זאָגט: „אויב איר וועט מיר דערלויבן, גוטינקע, וועט אַן אַנדערער פאַר מיר דערציילן."
„אוודאי, אוודאי, פאַרוואָס נישט", זאָגן די ערשטע צוויי, און דערביי זענען זיי פעסט ביי זיך, אַז וואָס יענער וועט דערציילן, וועלן זיי צושטימען, אַז ס'איז ריכטיק.

דער דריטער פריץ האָט גלייך געשיקט נאָך זיין יידישן מילנער זלמן. אַז זלמן איז געקומען, האָט ער אים דערציילט וועגן וואָס סע האַנדלט זיך. ער האָט אים אויך דערציילט די צוויי ליגנס, וואָס די ערשטע צוויי האָבן דערציילט, און ער האָט אים געהייסן אויסטראַכטן אַ מעשה, וואָס זאָל איבערשטייגן זייערע, כדי ער זאָל קענען געווינען דאָס געוועט.

זלמן האָט לאַנג נישט געטראַכט און זאָגט, אַז ער איז גרייט צו דערציילן עפּעס, נאָר מיט אַ באַדינג, אַז קיינער פון זיי זאָל זיך נישט געפינען באַליידיקט. די פּריצים האָבן צוגעשטימט, און זלמן האָט אָנגעהויבן: „איך וועל אייך דער־ציילן די מעשה מיט גאָטס מוטער מאַרי. אַז זי איז געווען אַ מיידל, האָט זי געהאַט צו טון מיט דעם סטאָליער־יונג יאָסל פּאַנדרע. אין גיכן איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן, און געהאַט אַ בען...״

„ס׳אַ ליגן! ס׳אַ ליגן!״ האָבן די פּריצים זיך צעשריגן. וואָרן ווי קענען פרומע גויים צוגעבן, אַז דאָס איז אמת?

אַזוי האָט זלמנס פּריץ געוואונען דאָס געוועט.

אַז מ׳איז אַרויסגעגאַנגען, ווענדט זיך דער פּריץ צו זלמנען און פרעגט אים: „ווי אַזוי האָסטו דיך דערוועגט צו זאָגן אַזאַ זאַך?״

„פּריצל ליבער,״ זאָגט זלמן, „דו האָסט מיר דערציילט וואָס פאַר אַ גרויסע ליגנס זיי האָבן דערציילט. האָב איך מיר געטראַכט, איך וועל בעסער גיין מיט דעם אמת. וואָרן ווי זאָגט אַ ווערטל: דער גרעסטער שווינדל איז דער אמת!״

ווי אַזוי דער פּריץ האָט זיך געלאָזט וואוילגיין איבער זײַנע דרײַ יידישע אַרענדאַרעס

עטלעכע פּריצים זענען אמאָל געזעסן ביי אַ גלעזל ווייַן און האָבן גערעדט וועגן זייערע „יידעלעך״, די אַרענדאַרעס. זיי האָבן געטריבן שפּאַס און שפּאָט, און האָבן חוזק געמאַכט פון זייערע יידן.

„וואָרט,״ זאָגט איינער פון זיי, „איך וועל אייך ווייזן ווי אַזוי איך פיר מיך מיט מיינע יידעלעך. איר וועט האָבן וואָס צו זען און פון וואָס צו לאַכן, מיינע טייערינקע.״ און ער האָט אַ רוף געטון זיינעם אַ קנעכט און אים געהייסן אַריבער־גיין צו דעם אַרענדאַר יאַנקל.

„זאָג אים, אַז פרייטאָג וועל איך זיין ביי אים מיט מיינע פריינדעלעך צו גאַסט. זאָל ער אָנגרייטן צו עסן און צו טרינקען, אָט ביז אַהער.״ און ער האָט בשעת־מעשה אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן האַלז.

דער קנעכט איז אַריבערגעלאָפן צו יאַנקלען און האָט אים געזאָגט, וואָס דער פּריץ האָט געהייסן. אַז יאַנקל, דער אַרענדאַר, האָט געהערט וואָס פאַר אַ געהויבענע געסט ער וועט פרייטאָג האָבן ביי זיך, האָט ער געהייסן זיין ווייב, אַז זי זאָל צו־גרייטן פון אַלעם־גוטן: געפילטע פיש און פלייש און ווייַן און בראָנפן. מע טאָר קיין זאַך נישט זשאַלעווען. זאָל ער קומען און עסן מיט זיינע פּריצים צוזעצטערהייט. פרייטאָג איז דער פּריץ צוגעריטן מיט זיינע פריינט צו יאַנקלען און זיי זענען

אַריין אינעווייניק. ביים אַרענדאַר אַפן טיש איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט פון אַלץ אין דער וועלט. און די פּריצים האָבן זיך אויסגעזעצט און גענומען פרעסן און זויפן.

אַז זיי האָבן זיך אָנגעפרעסן און אָנגעטרונקען, גיט דער פּריץ אַ רוף יאַנקלען און צעשרייט זיך: „די מאַמעליגע דערלאַנג!"

יאַנקל איז געוואָרן אַ דערשראָקענער: „פּריצל, איך האָב אָנגעגרייט אַזעלכע טייערע פישן און פליישן. צו וואָס טויג מאַמעליגע, צו וואָס?"

„דו אַזוינער און אַזוינער!"—האָט דער פּריץ גענומען שרייען.—„מאַמעליגע האָב איך געזאָגט! שמיץ וועסטו קריגן!"

יאַנקל און זיין ווייב האָבן גענומען בעטן און וויינען, נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. מ'האָט גענומען דעם אַרענדאַר און מ'האָט אים אַריינגעקאַטעוועט פינף און צוואַנציק שמיץ. די פּריצים האָבן דערביי געלאַכט און געשפּעט, אַז זיי זענען שיר צעזעצט געוואָרן.

די אַנדערע וואָך האָט דער פּריץ געשיקט צו זיין צווייטן אַרענדאַר, צו ישראלקען, אַז ער זאָל אַף פרייטאָג צוגרייטן פאַר אים און זיינע פריינט אַ סעודה. ישראלקע האָט געהערט, וואָס ס'איז געווען ביי יאַנקלען, האָט ער צוזאַמען מיט אַלע גוטע זאַכן אויך צוגעגרייט מאַמעליגע.

ס'איז געקומען פרייטאָג, האָט זיך דער פּריץ אַריינגעשטעלט אַהין מיט זיינע פריינט, און זיי האָבן גענומען פרעסן און זויפן. נאָכן עסן האָט דער פּריץ אַ געשריי געטון צו ישראלקען: „אהער מיט דעם קרויט!"

ישראלקען איז געוואָרן פינסטער אין די אויגן. ער האָט גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז ביים פּריץ אַזאַ שפּיל, אַך און ווי. ער האָט זיך גענומען בעטן: „פּריצל, אַזעלכע טייערע עסנס אַפן טיש! צו וואָס טויג איצט קרויט, צו וואָס?"

נאָר דער פּריץ האָט גענומען שרייען: „דו אַזוינער און אַזוינער! שמיץ וועסטו קריגן!" און מ'האָט גענומען דעם אַרענדאַר און מ'האָט אים אַריינגעציילט פינף און צוואַנציק שמיץ.

אַזוי האָט דער פּריץ געוואָלט איבערחזרן דעמדאָזיקן שפּיל אויך די דריטע וואָך ביים דריטן אַרענדאַר, ביי מרדכין. נאָר מרדכי האָט גאָרנישט ניט אָנגעגרייט. וואָרן אַז ער האָט געהערט וואָס דער פּריץ האָט אָפּגעטון מיט די אַנדערע צוויי אַרענדאַרעס, האָט ער דאָך געזען, אַז דער פּריץ לאָזט זיך נאָר וואוילגיין אַפן חשבון פון זיינע יידן. טאָ צו וואָס דאַרף מען נאָך אָנגרייטן גוטע זאַכן, צו וואָס?

פרייטאָג, אַז דער פּריץ מיט זיינע פריינט זענען געקומען אַהין, האָבן זיי געפונען אַ ליידיקן טיש. די געסט האָבן געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן: „וואו זענען די עסנס, וואו?"

און דער פּריץ האָט אַ בייזער אַ פרעג געטון: „וואָס האָסטו אָנגעגרייט, מאָרדקע?"

נאָר דער אַרענדאַר האָט רואיק געענטפערט: „פּריצל, איך האָב אָנגעגרייט, דעם הינטן האָב איך אָנגעגרייט. דו ווילסט דאָך נישט עסן, דו ווילסט דאָך נאָר שמייסן, טאָ נאָ, שמייס."

יעדער מיט זײַן גלײַכן

אַ פּויער האָט אַמאָל געבראַכט צו אַ פּאָסעסאָר זיין אייזל צו פאַרקויפן. דערביי האָט ער דאָס אייזל שטאַרק געלויבט ווי גוט סע לויפט, און ווי שווער סע אַרבעט, און ווערט קיינמאָל נישט מיד.

דער פּאָסעסאָר באַטראַכט דאָס אייזל און זאָגט: „לאָז עס ביי מיר איבער נאַכט. איך וועל עס אויספּרובירן און זען. אויב ס'איז ווי דו זאָגסט, וועל איך עס קויפן."

דער פּאָסעסאָר האָט גענומען דאָס אייזל און עס אַריינגעלאָזט אין שטאַל צווישן זיינע אייגענע פערד און אייזלען. דאָס אייזל האָט זיך אַביסל אַרומגעקוקט, האָט אַ שמעק געטון דאָ און דאָרט, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַן אַנדערן אייזל, אַ פויליאַק, און זיך גענומען פריינדלען מיט אים. דער פּאָסעסאָר האָט דאָס באַמערקט.

אַף מאָרגן, ווען דער פּויער איז געקומען, האָט אים דער פּאָסעסאָר געהייסן, אַז ער זאָל זיך נעמען דאָס אייזל, ווייל סע טויג נישט. „פּריצל ליבער," האָט דער פּויער אָנגעהויבן, „האָסט עס דאָך נאָך נישט אויספּרובירט. פּרוביר עס אויס, וועסטו זען ס'אַ גוט אייזל דאָס איז."

שמייכלט דער פּאָסעסאָר: „דו ווייסט דאָך, פּויערל, יעדער חברט זיך מיט זיין גלייכן. ווי דאָס ווערטל גייט: „זאָג מיר ווער עס זענען דיינע פריינט, וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביסט." איך האָב געזען וואָס פאַר אַ חבר דאָס אייזל האָט זיך אויסגעקליבן אין שטאַל, ווייס איך שוין וואָס פאַר אַ מציאה דאָס איז אַליין."

דער פּריץ און זײַן דינער

אַ פּריץ, וואָס האָט יאָרנלאַנג געוואוינט אַף זיין גוט, איז אַמאָל אַוועקגעפאָרן אַף אַ שטיק צייט אין אַ גרויסער שטאָט אַריין. איין שיינעם טאָג באַגעגנט ער דאָרט אין גאַס זיינעם אַ דינער. פרעגט ער זיך ביי אים פונאַנדער וואָס סע הערט זיך אַפן גוט און וואָס סע מאַכן דאָרט אַלע זיינע מענטשן. ענטפערט דער דינער: „אַלץ איז נישקשה, פּריץ לעבן. נאָר דער גרויסער שוואַרצער הונט איז טויט."

„אָרימער הונט, נעבעך," האָט דער פּריץ באַדויערט. „פון וואָס איז ער געפגרט?"

„ווי אַזוי האָט ער געקענט לעבן," זאָגט דער דינער, „אַז ער האָט אויפגעגעסן דאָס פלייש פון אַלע טויטע פערד אין שטאַל?"

„זענען די פערד אויך טויט?" פרעגט דער פּריץ.

„ווי אַזוי האָבן זיי געקענט לעבן, אַז עס זענען נישט געווען קיין שטאַליונגען, וואָס זאָלן זיי געבן צו עסן?"

„וואָס איז געוואָרן מיט די שטאַל-יונגען?" קוקט אים אָן דער פּריץ מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

„וואָס סע ווערט געוויינלעך מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט פון וואַנען צו קויפן זיך עסן."

„וואָס הייסט, מ'האָט זיי נישט געצאָלט?" פרעגט ווייטער דער פּריץ. „וואָס איז געוואָרן מיט דעם פאַרוואַלטער?"

„ווי אַזוי האָבן זיי געקענט לעבן," זאָגט דער דינער, „אַז ס'איז נישט געווען וועך עס זאָל צוגרייטן פאַר אים עסן?"

נאָך עטלעכע אַזעלכע פראַגן און דעם פּריץ איז קלאָר געוואָרן, אַז אַלע זיינע מענטשן, די גאַנצע דינערשאַפט און אַלע בהמות אַף זיין גוט זענען טויט.

די גוט־האַרציקע פּריצה

הינטערן שטעטל אַף יענער זייט באַרג האָט אַ גויע, אַ פּריצהטע, געהאַט אַ גרויס הויף. זי איז געווען אַ וואוילע גויע, די פּריצהטע, אַ גוט־האַרציקע. זענען אָרימע יידישע ווייבער געקומען צו איר, אַז זי זאָל זיי געבן אַף צו מאַכן שבת און יום־טוב. און זי האָט זיי געגעבן. פון אַלעם גוטן האָט די פּריצהטע זיי געגעבן. און פאַר פסח פלעגט זי זיי אַפילו געבן אַף מצות און וויין.

איינמאָל קומט צו איר אַ יידינע, בעטן עפּעס אַף שבת. האָט די פּריצהטע איר געגעבן. זי האָט איר געגעבן אַן עוף און אייער און בולבעס. הײנט גרינסן: מערן און בעבלעך און אַרבעס, אַפילו פּעטרושקע האָט זי נישט פאַרגעסן איר צו געבן. אַ גאַנצן קויש מיט אַלעם גוטן האָט זי איר אָנגעלייגט. שטייט די יידינע, קוקט אַף דעם קויש, און טראַכט: „ווי אַזוי וועט זי דאָס אַלץ אַהיימטראָגן? און דאָ איז נאָך אַזאַ באַרג אַפּן וועג!"

די פּריצהטע האָט דאָס פאַרשטאַנען. זאָגט זי צו איר: „יידינע, נעם דערווייל אַ העלפט און טראָג דאָס אַרויף אַפּן באַרג. דאָרט לייג דאָס אַנידער, און קום דער־נאָך צוריק נאָך די אַנדערע זאַכן. וועסטו מיך נישט דאַרפן שעלטן אַפּן וועג און זאָגן: ׳זאָל איר אַזוי שווער זיין דאָס לעבן, ווי מיר איז שווער דאָס צו טראָגן׳!"

סע טוט אים באַנג פאַרוואָס ער האָט נישט געקריגן נאָך מער שמיץ

אַ ייד האָט געדונגען ביי אַ פּריץ אַן אַרענדע פאַר דריי הונדערט רובל אַ יאָר. מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער פּריץ מוז אָוועקפאָרן אַף אַ ווייטער נסיעה. לאָזט ער איבער זיינעם אַן אויפזעער, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אַף זיינע גיטער און מאַ־יאָנטקעס און זאָל איינמאָנען די רענטע ביים יידישן פאַכטער.

און דער אויפזעער איז געווען אַ שונא־ישראל, אַ רשע. ווי נאָר דער פּריץ איז אָוועקגעפאָרן, האָט ער גענומען דריקן דעם ייד און אים אָנטון צרות. אָט פאַרלאַנגט ער ביי אים אַ הוספה גאַנצע פינף הונדערט רובל אַ יאָר, און אָט באַ־פעלט ער אים, אַז דאָס געלט מוז געצאָלט ווערן פונקט צום טאָג. הכלל, ס'איז דעם ייד געווען ביטער.

איינמאָל טרעפט, אַז דער ייד ברענגט די ראַטע, און סע פעלט צוואַנציק רובל. דער אופזעער ציילט איבער, און אַז ער זעט, ס'איז דאָ וויינציקער מיט צוואַנציק רובל, איז ער אַריין אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט באַפוילן, מ'זאָל דעם ייד געבן צוואַנציק שמיץ.

אין גיכן איז דער פריץ צוריקגעקומען. אַז ער האָט אָפּגענומען אַ חשבון ביים אויפזעער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויפזעער האָט אים באַגנבעט אַף פיר טויזנט רובל, און אַז פאַר דעם געלט האָט ער זיך געקויפט אַ מויער אין שטאָט.

באַלד נאָך דעם איז אויך געקומען דער ייד און האָט דערציילט דעם פריץ פון די צרות, וואָס דער אויפזעער האָט אים אָנגעטון. דער פריץ איז געוואָרן אָן אָנגעצונדענער. ער האָט אַריינגערופן דעם אויפזעער און אים געהייסן, אַז ער זאָל באַצאָלן דעם ייד צו הונדערט רובל פאַר יעדן שמיץ, וואָס ער האָט אים גע־געבן. דאָס מיינט צוויי טויזנט רובל פאַר די צוואַנציק שמיץ. נאָר אַזוי ווי דער אויפזעער האָט נישט געהאַט קיין מזומן געלט, האָט דער פריץ געהייסן, אַז ער זאָל געבן דעם ייד אַ העלפט פון דער מויער.

דער ייד איז געווען צופרידן. און אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער דער־ציילט זיין ווייב פון דער נקמה, וואָס ער האָט זיך דערלעבט אין דעם אויפזעער, דעם שונא־ישראל, און אַז צו דערצו דאַרף ער קריגן פון אים נאָך אַ האַלבע מויער אין שטאָט. נאָר מיטאַמאָל איז אים געוואָרן זייער אומעטיק. זיין ווייב האָט דאָס באַמערקט, פרעגט זי אים, וואָס ער איז אַזוי טרויעריק. ענטפערט ער איר און זאָגט: „מיין ווייב, ווען איך וואָלט געווען געקריגן נאָך צוואַנציק שמיץ, וואָלט דאָך איצט די גאַנצע מויער געווען אונזערע."

וואָס פאַר אַ קהל—אַזאַ רב

אַ פריץ האָט געהאַט ביי זיך אַפן גוט אַ יידישן אַרענדאַר. איז דער דאָ־זיקער אַרענדאַר געווען נישט קיין פּראָסטער מענטש, און צו דערצו נאָך איז ער געווען טאַקע אַ ייד—אַ חכם, אַז ס'איז געווען מיט וועמען צו רעדן. האָט טאַקע דער פריץ ליב געהאַט צו שמועסן מיט זיין אַרענדאַר. נאָר אַזוי ווי אַ פּאַליאַק, אַ פריץ—בלייבט אַ פריץ, האָט ער אים אין שמועס תמיד ליב געהאַט אַריינצוקיבעצן אַפן חשבון פון זיין יידישקייט.

איינמאָל איז דער פריץ אַוועקגעפאָרן אין אַ וויטער מדינה. ער האָט זיך דאָרט געזאַמט אַ שטיקל צייט. וואָס ער האָט געטון אין יענער מדינה—איז נישט מיין זאַך און נישט אייער זאַך. נאָר אַז ער איז צוריקגעקומען אַהיים, איז דער אַרענדאַר אַריבערגעגאַנגען אין הויף, אים אָפּצוגעבן שלום.

דער פריץ האָט זיך דערפרייט מיט דעם אַרענדאַר. ער האָט אים גאַנץ פיין אויפגענומען, און האָט אים אַפילו פאַרבעטן אין סאַליע אַריין, צו שמועסן אַביסל. און דער פריץ האָלט אים אין איין דערציילן די חידושים פון דער גרויסער שטאָט אין דער וויטער מדינה, און וואָס פאַר אַ זעלטענע און פּרעכטיקע זאַכן ער האָט דאָרט איינגעקויפט און אַהיימגעבראַכט. נאָר צום סוף איז ער דאָך אָבער אַ פריץ, אַ גוי, און אַ גוי בלייבט דאָך אַ גוי. אַז ער האָט געזען ווי דער אַרענדאַר זיצט אַזאַ ערנסטער און הערט אים אויס, פאַרווילט זיך אים אַ קיבעץ טון דעם ייד, און ער זאָגט: „אָט וועסטו זען אַן אַנטיקל, וואָס איך האָב אַהיימגעבראַכט!" און ער גייט צו צו אַ דערבייאיק צימער, עפנט די טיר און גיט אַ רוף: „ראַבין, כאָדז

טוטאַי! קום אַהער!״ גלייך איז צוגעלאָפן צו אים אַ גרויסער הונט, און האָט זיך אַ שטעל געטון פאַרן פריץ אַף די הינטערשטע פיס.

„נו, מאַשקע, ווי געפעלט דיר דער ראַבין פון דער גרויסער שטאָט?״ פרעגט דער פריץ דעם אַרענדאַר מיט אַ שמייכל.

„איך וועל דיר זאָגן, פריצל פריץ,״ ענטפערט אים גלייך דער ייד, איך קוק און זע: יאַקי קאַהאַל—טאַקי ראַבין! וואָס פאַר אַ קהל—אַזאַ רבֿ האָט עס!״

דער פריץ פירט אויס זײַנס

יאַנקל, דער קרעמער, האָט געפירט געשעפטן מיט דעם פריץ און האָט ביי אים פון צייט־צו־צייט געליגן געלט. איינמאָל קומט יאַנקל צום פריץ און לייט ביי אים הונדערט רובל. און זיי מאַכן אָפּ, אַז יאַנקל דאַרף באַצאָלן דעם חוב צו־זאַמען מיט די פּראָצענטן אין אַ יאָר אַרום. דער קרעמער האָט געגעבן דעם פריץ אַ וועקסל און אַלץ איז געווען גוט און וואויל.

אַז ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, מאַכט זיך, אַז דער פריץ זיצט אין ווייַנ־שענק און הערט ווי יידן שמועסן צווישן זיך, אַז לויט די הייליקע ספרים דאַרף משיח קומען אין אַ חודש אַרום. פרעגט דער פריץ: „נו, וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען?״ דערקלערן אים די יידן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט דאָס יידישע פאָלק אויסגעלייזט ווערן פון גלות און אַלע יידן וועלן גיין קיין ארץ ישראל.

„נו, און די יידן פון אונזער שטעטל וועלן אויך גיין קיין ארץ־ישראל?״

„וואָס הייסט? אַוודאי!״ זאָגן די יידן.

פאַרטראַכט זיך דער פריץ: וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט דעם וועקסל, וואָס יאַנקל האָט אים געגעבן אַף הונדערט רובל? און ער מאַכט ביי זיך אָפּ, אַז נישט אַנדערש, נאָר אַז יאַנקל איז אַ שווינדלער.

„סטייטש, וואָס הייסט?״ זאָגט ער צו זיך. „יאַנקל ווייסט, אַז משיח דאַרף קומען אין אַ חודש אַרום, און צום סוף האָט ער מיר געגעבן אַ וועקסל אַף אַ יאָר צייט!״ און ער הייבט זיך אויף און גייט גלייך אַריבער צו דעם קרעמער און פאַר־לאַנגט, אַז ער זאָל אים אומקערן די הונדערט רובל ביז אַ חודש. ער וויל נישט קיין וועקסל אַף אַ יאָר. ער וויל, אַז ער זאָל אים באַצאָלן דאָס געלט שפּעטסטנס, ווען משיח וועט קומען.

בעט זיך ביי אים דער ייד: „פריצל לעבן, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ בטוח. איך האָב ביי דיר קיינמאָל נישט פאַרנומען אַפילו נישט קיין גראָשן. טאָ פאַרוואָס ווילסטו מיר איצט נישט געטרויען?״

דער פריץ האָט איינגעזען, אַז יאַנקל איז גערעכט. זאָגט ער צו אים: „ווייסטו וואָס, יאַנקל, מיר וועלן זיך פאַרלאָזן אַפן גלח און אַפן רב. איך וועל שיקן נאָך זיי, און וואָס זיי וועלן פּאַסקענען, אַזוי וועט זיין.״

אַז דער גלח און דער רב, להבדיל, זענען געקומען, האָט דער פריץ זיי דער־ציילט זיינע טענות אַזוי און אַזוי. ער האָט געליגן יאַנקלען הונדערט רובל און גענומען ביי אים אַ וועקסל אַף אַ יאָר צייט. נאָר אַזוי ווי ער האָט איצט געהערט, אַז משיח דאַרף קומען אין אַ חודש אַרום, און אַז אַלע יידן וועלן דעמאָלט אַוועק־

גיין קיין ארץ ישראל, וויל ער, אַז יאַנקל זאָל אים באַצאָלן דאָס געלט, ווען משיח וועט קומען.

דער פריץ איז גערעכט, האָט דער גלח געטראַכט, און ער האָט געפּאַסקנט, אַז דער ייד זאָל באַצאָלן דעם פריץ דעם חוב, ווען משיח וועט קומען.

דער רב האָט צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ. וואָרן ער האָט דאָך געוואוסט דעם אמת, אַז משיח קען קומען נישט נאָר אין אַ חודש אַרום, נאָר טאָקע יעדן טאָג, אַפילו היינט.

ער האָט געכאַפּט וואָס דער פּריץ וויל

אַ פּריץ האָט געהאַלטן ביי זיך אָפּן גוט דריי יידן — שאַפערס. די יידן האָבן געהאָרעוועט שווער, און קוים אַרויסגעצויגן זייער שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדער. איינמאָל שיקט דער פּריץ אָנזאָגן איינעם פון די יידן, אַז ער וועט מאָרגן קומען צו אים אויף וועטשערע. דער ייד האָט זיך דערפרייט. עפּעס אַ קלייניקייט? דער פּריץ אַליין וועט אים אָנטון אַזאַ כבוד, און קומען צו אים אויף אַ מאָלצייט! ער האָט גלייך געהייסן זיין ווייב, אַז זי זאָל צוגרייטן פון שענסטן און בעסטן, געפילטע פיש און פליישן און ווין.

די אַנדערע יידן האָבן געהערט פון דעם, און זיי האָבן אים מקנא געווען: אַ גליק פון אַ ייד!

אויף מאָרגן, אין דער באַשטימטער צייט, דער פּריץ איז דאָ. ער איז צוגעפאָרן צום ייד מיט דער לאַקירטער קאַרעטע, און דער ייד איז אים אַנטקעגנגעלאָפן און האָט אים אַריינגעפירט אין שטוב. דאָרט איז שוין געווען דער טיש געגרייט מיט טייערע מאכלים, און דער פּריץ האָט זיך גלייך געזעצט עסן. אַז ער האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, זאָגט ער צום ייד, אַז ער זאָל צו אים גלייך אַריבערקומען, נאָך דעמזעלבן אָוונט. דער ייד איז זיכער געווען, אַז דער פּריץ וויל אים געבן עפּעס אַ מתנה.

דער פּריץ איז אַהיימגעפאָרן. סע נעמט נישט לאַנג, און סע קומט אָן דער ייד. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען, איז אים דער פּריץ באַפאַלן: „דו אַזוינער און אַזעלכער! פון וואַנען קומט צו דיר געלט צו קענען מאַכן אַזאַ סעודה מיט פליישן און ויינען. נישט אַנדערש נאָר דו באַגנבעסט מיך. שמיץ וועסטו קריגן!" און ער הייסט, אַז מע זאָל געבן דעם ייד פינף־און־צוואַנציק שמיץ.

עס זענען אַריבער נאָך דעם עטלעכע טעג, און דער פּריץ לאָזט וויסן דעם צווייטן ייד זיינעם, אַז ער וועט מאָרגן קומען צו אים, און ער זאָל צוגרייטן פאַר אים אַ מאָלצייט.

דער צווייטער ייד האָט שוין געהערט די מעשה מיט דעם ערשטן ייד, האָט ער געהייסן זיין ווייב, אַז זי זאָל צוגרייטן בלויז ברויט מיט טיי.

דער פּריץ איז געקומען אין דער באַשטימטער צייט, האָט געגעסן דאָס אָרימע ברויט מיט טיי, און נאָכדעם געהייסן דעם ייד, אַז ער זאָל אַריבערקומען צו אים.

ווי נאָר דער ייד איז אַריינגעקומען צום פּריץ אין הויף, איז דער פּריץ אים

באַפּאַלן: „סטייטש, וואָס הייסט? חוזק מאַכט ער פון אים? ער קומט צו פאָרן צו אים, און ער נעמט אים אויף מיט ברויט און טיי? שמיץ וועט ער אים געבן דער־פאַר!" און ער הייסט, אַז מע זאָל אויך דעם צווייטן ייד אַריינצײלן פינף־און־צוואַנציק שמיץ.

עס זענען ווידער אַריבער עטלעכע טעג, און דער פריץ לאָזט וויסן דעם דריטן ייד, אַז ער וועט מיטוואָך קומען צו אים אָף וועטשערע.

דער ייד איז פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט שוין געוואוסט פון די שמיץ, וואָס דער פריץ האָט געגעבן די אַנדערע צוויי יידן. וואָס טוט מען איצט? צו־גרייטן אַ גוטן מאַלצייט? — טויג נישט; אַ שלעכטן מאַלצייט? — טויג אויך נישט. האָט ער געהייסן זיין ווייב, אַז זי זאָל גאָרנישט ניט צוגרייטן.

אַז דער פריץ איז געקומען, איז דער ייד אים אַנטקעגנגעלאָפן, האָט אים אַריינגעפירט, און האָט זיך גלייך אַנידערגעלייגט אָף אַ בענקל:

„נאַ, פריצל, אָט דאָס ווילסטו דאָך? טאָ נעם און שמייס!"

הערשקע גיט זיי דעם ריכטיקן ענטפער

אַ פריץ האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע גוטע פריינט, די אַנדערע פריצים פון די אַרומיקע שטעט און דערפער. אָף דער סעודה איז געווען צו עסן און צו טרינקען פון כל־טוב. אַז די געסט זענען געוואָרן זאַט און זענען געוואָרן פריילעך פון וויין, האָבן זיי גענומען רעדן וועגן די יידן, וואָס ווילן נישט פאַרשטיין און ווילן נישט אָפּהיטן די געבאָטן פון גאָטס זון. טייל פון זיי האָבן גענומען טענהן, אַז מע טאָר דאָס נישט שווייגן. „מע מוז זיי מיט צוואַנג באַקערן צום אמתן גלויבן," האָבן זיי געשריגן.

„וואַרט, מיינע האַרעלעך," זאָגט צו זיי דער פריץ, „איכ'ל רופן הערשקען, מיין עקאָנאָם, און מיר וועלן אים פרעגן פאַרוואָס די יידעלעך זענען אַזוי האַרט־נעקיק. מיין הערשקע איז אַן אמתער מענטש און אַ גאָטספאַרכטיקער. לאָמיר הערן, וואָס ער וועט זאָגן."

אַלע זענען געווען צופרידן צו הערן, וואָס דער ייד וועט ענטפערן. דער פריץ האָט גלייך געשיקט נאָך זיין עקאָנאָם, און אַז ר' הערש איז געקומען און ער האָט געהערט, וואָס זיי ווילן, אַז ער זאָל זיי ענטפערן, גיט ער אַ טראַכט און זאָגט: „האַרעלעך ליכטיקע, איר ווילט וויסן פאַרוואָס מיר היטן נישט אָפּ די געבאָטן פון גאָטס זון? דערלויבט מיר און איך וועל אייך ענטפערן מיט אַ מעשהלע: אַמאָל איז געווען אַ גרויסער האַר. ער האָט פאַרמאָגט שטעט און דערפער און אָן אַ שיעור פאַבריקן און געשעפטן. דער גאַנצער אויפזעער איבער זיינע גיטער איז געווען אַ ייד, ישראלקע. דערדאָזיקער ייד איז געווען אַ גרויסער מבין אָף קונסט און טייערע אַנטיקן. זיין האַר האָט דאָס זייער געשאַצט, און ער האָט אים דערפאַר געהאַלטן טייער.

„איינמאָל האָט ישראלקע געדאַרפט פאָרן אין דער קעניגלעכער שטאָט אַריין צוליב זיין האַרס געשעפטן. פאַרן אָפּפאָרן לויפט אַריין דעם האַרס זון און גיט אַ זאָג: ,שראָלקע, קויף מיר אין דער קעניגלעכער שטאָט אַ גילדן מעסערל מיט אַ

שפּאַקטיוו.' ישראלקע איז אַוועקגעפּאָרן און האָט זיך געזאַמט אַ שטיקל צייט. אַז ער איז צוריקגעקומען, פרעגט אים זיין האַרס זון אַף דעם מעסערל. כאַפּט זיך דער ייד, אַז ער האָט פאַרגעסן צו קויפן אים אַ מעסערל. און ער בעט אים, אַז ער זאָל אים מוחל זיין: ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיין פאָטערס געשעפטן און באַפעלן, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין מעסערל.

„דער זון האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן מלא־רציחה. ער האָט באַ־פוילן די דינער, אַז זיי זאָלן דעם ייד אַרויסוואַרפן פון שטוב צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער און זיי פאַרטרייבן פון זיין פאָטערס הויף.

„אַז ישראלקע האָט געזען ס'אַר אַן אומגליק ס'איז געקומען אַף אים, איז ער אַוועק צו זיין האַר און האָט מיט טרערן אין די אויגן אים געגומען בעטן: ,מיין האַר, דו ווייסט דאָך מיין געטריישאַפט צו דיר און ווי ערלעך איך בין דיר שוין אַזויפיל יאָרן. און איצט, אַז איך בין געווען פאַרנומען מיט אויספירן דיינע באַ־פעלן, איז מיר אַרויס פון קאָפּ דיין זונס קלייניקייטן. האָב רחמנות!' דער אַלטער האַר האָט דאָס געהערט, האָט ער גלייך צונויפגערופן אַלע זיינע באַדינער און האָט געזאָגט צו זיי: ,זייט וויסן, כל־זמן איך לעב, מוזט איר נעמען בלויז מיינע באַפעלן, און נישט קיין באַפעלן פון זון, אָדער פון אַנדערע'!״

דער ייד איז געבליבן שטיל. און אַלע פאַרזאַמלטע, די געסט, האָבן פאַר־שטאַנען וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם מעשהלע.

ער איז זיך מודה אין גנבה—נאָר מע שענקט אים

אַ ייד האָט געקויפט ביי אַ גוי אַ וואָגן תבואה. נאָר דער גוי איז באַשטאַנען, אַז מע זאָל די תבואה מעסטן מיט אַ מעסטל, און נישט וועגן אַף דער וואָג. וואָרן ער האָט נישט געטרויט—נישט דעם ייד און נישט דער וואָג. דער ייד האָט אים נאָכגעגעבן. מ'האָט זיך באַדונגען פאַר אַזאַ און אַזאַ מקח אַ מעסטל, און מ'האָט אָנגעהויבן צו מעסטן. נאָך איטלעכן מעסטל, וואָס מ'האָט אָפּגעמאָסטן, האָט דער גוי אַליין מיט אַן אָפּגעבערנט שטיקל האָלץ געמאַכט אַ צייכן אַף דער וואַנט. ווי־פיל צייכנס סע וועלן זיין, פאַר אַזויפיל מעסטלעך דאַרף אים דער ייד באַצאָלן.

נאָר דער גוי האָט נאָך אַלץ נישט געטרויט, נישט דעם ייד, און נישט—זיך. נאָך איטלעכן צייכן, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט ער געציילט און נאָכאַמאָל גע־ציילט. און דערביי האָט ער געמורמלט: אפשר איז אַ טעות? אפשר האָט ער נישט גוט געציילט? אפשר האָט ער גאָר אויסגעלאָזט אַ צייכן? און ער הייבט באַלד אָן צו מעסטן אַף דאָס ניי. אַזוי איין מאָל און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. אַז דער ייד זעט, ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף, זאָגט ער צו אים: „הער נאָר, פּויערל, איך האָב אַ פּלאַן. נאַ דיר מיין יאַרמלקע, אָדער נעם דיין אייגענע קוטשמע, קער זי איבער און שטעל זי אַוועק לעבן דיר. נאָך איטלעכן מעסטל, וואָס מע וועט אָפּ־מעסטן, וועל איך דיר געבן אַ גריוונ‍יע, און דו וואַרף זי אַריין אין דער קוטשמע. אַז מיר וועלן פאַרטיק ווערן, וועלן מיר איבערציילן די גריוונ‍יעס. וויפיל גריוו־ניעס סע וועלן זיין, פאַר אַזויפיל מעסטלעך תבואה וועל איך דיר באַצאָלן.״

דעם גוי איז דאָס געפעלן, און ער איז איינגעגאַנגען אַף דעם. מ'האָט גלייך

אַנגעהויבן צו מעסטן אַף דאָס ניי. אין מיטן מעסטן האָט דער ייד געמוזט אַוועק־גיין אין אַ זייט אַף אַ מינוט. „ס'אַ נאַרישער ייד דאָס איז," טראַכט דער גוי, „נעמט און לאָזט איבער זיין געלט אַף הפקר!"

פאַר דעם גוי איז דאָס געווען אַ שווערער נסיון. אַזויפיל גריווניעס אין קוטשמע! בשעת־מעשה גיט אים דער יצר־הרע אַ שטופּ, און ער כאַפּט אַרויס פון דער קוטשמע עטלעכע מטבעות און שטופּט זיי אַריין צו זיך אין פּאַסעק.

דערווייל איז דער ייד צוריקגעקומען, און מ'האָט זיך גענומען ווייטער מעסטן. פאַרטיק געוואָרן, נעמט מען זיך ציילן די מטבעות. וויפיל גריווניעס, פאַר אַזוי פיל מעסטלעך באַצאָלט דער ייד דעם גוי.

דער גוי, אַ צופרידענער, איז גלייך אַוועק אין שענק פאַרטרינקען. גענומען עטלעכע גלעזלעך, דערציילט ער דאָרטן די פּויערים ווי אַזוי ער האָט דאָס היינט אָפּגענאַרט אַ ייד. די גויים הערן און לאַכן פון דעם שפּיצל. נאָר איינער פון זיי כאַפּט זיך, אַז דעם פּויערס חשבון שטימט נישט. „הער נאָר, ברודערקע," זאָגט ער צום גוי, „מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט נישט דעם ייד אָפּגענאַרט, נאָר זיך אַליין." און ער ווייזט אים קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז ער האָט זיך אַליין באַגנבעט.

דער גוי לאָזט איבער דאָס גלעזל בראָנפן נישט־דערטרונקען, און לויפט אַריבער צום ייד מיט אַ געוואַלד: אַזאַ און אַזאַ מעשה, סע קומט אים פאַר נאָך צען מעסטלעך תבואה, ווייל ער האָט אַליין אַרויסגעגנבעט פון דער קוטשמע צען גריווניעס. דער ייד קוקט אים אָן און זאָגט, אַז ער מוז זיין שיכור, און ער ווייסט אַליין נישט וואָס ער רעדט. „גיי אַהיים און שלאָף דיך גוט אויס," ראָט אים דער ייד. נאָר דער גוי שלעפּט דעם ייד צו דער פּאָליציי. געקומען, דערציילט ער דאָרט די מעשה ווי אַזוי ער האָט געגנבעט ביים ייד צען גריווניעס, און ער שווערט זיך דערביי מיט טויטע קללות, און ער וויל נישט אַנדערש, נאָר דער ייד זאָל אים צוצאָלן פאַר נאָך צען מעסטלעך.

„הער אויס, פּויערל," זאָגט צו אים דער פּאָליציי־מייסטער, „איך גלייב דיר, אַז וואָס דו זאָגסט, איז אמת, און מע דאַרף נישט קיין עדות. נאָר אַזוי ווי דו האָסט דיך אַליין מודה געווען אין גנבה, שענק איך דיר, און דער ייד וועט דיר אויך שענקען. נאָר מער זאָלסטו נישט גנבענען."

ער האָט אים נעבעך געשטערט צו פאַרדינען אַ מצווה

מיקאָלע איז געווען אַ גוי גמור, אַן אמתער גוי פון זיין מאַמעס בויך אַרויס. נאָר געהאָדעוועט האָט ער זיך גראַדע צווישן יידן, און זיינע חברים זענען געווען משהלעך און שלמהלעך. דאַווענען פון אַ סידור האָט ער טאַקע נישט געקענט, נאָר דערפאַר האָט ער גערעדט יידיש גלייך מיט אַלע יידישע קינדער. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיי, און צוזאַמען מיט זיי האָט ער געהערט צו דער „חברה באַק", און צוזאַמען מיט זיי האָט ער אָפּגעטון אַלערליי שפּיצלעך און שטיפעריייען מיטן קהלישן באַק.

אַז מיקאָלע איז אונטערגעוואַקסן, איז ער אַ שטיק צייט געווען אַ מין

אונטער־שמש אין שטאָטישן בית־מדרש. ער האָט געהאָלפֿן שייערן און פּוצן די מעשענע הענגלייכטער און די בליצלאָמפּן, ער האָט אין די ווינטער־שבתים גע־הייצט די הרובעס און אויסגעלאָשן די לאָמפּן, וכדומה, און האָט געטון נאָך אַזעלכע אַרבעטן ביי יידן.

מיקאָלע איז אויסגעוואַקסן אַ ווּאוילער שבת־גוי. און אַז ס'האָט אים געוווּמען שפּראָצן אַ באָרד, האָט ער זי נישט געשוירן. ער האָט זי געלאָזט וואַקסן. ווי אַלע יידישע יונגעלייט האָבן געטון. און ער האָט טאַקע געהאַט אַן עכט יידישע באָרד. קיינעם וואָלט קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלן אַז דאָס איז אַ גוי. און וואָס איז דאָס חידוש? אַז ער איז אַפֿילו געווען אויסגעבונדן אין יידישע מנהגים.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער שטעטלדיקער גביר ר' בער דאַרף אַריבערפֿאָרן צום פּריץ אין הויף. נעמט ער מיקאָלען, הייסט אים באַזאָרגן אַ פֿיין געשפּאַן און זאָגט אים, אַז ער זאָל אים פֿירן צום פּריץ. געקומען צום הויף, איז דער גביר אַריין צום פּריץ, און מיקאָלע איז אַוועק אין קרעטשמע אַריין, צו מאַכן אַ לחיים. וואוהין דען וועט ער גיין?

אַז מיקאָלע איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון קרעטשמע, איז דאָרט גע־וואָרן אַ גדולה: אָט איז נאָך אַ ייד. וואָס איז? דער קרעטשמער האָט גראָדע יענעם טאָג געהאַט יאָרצייט און ס'האָט געפֿעלט אַ צענטער צום מנין, אַז ער זאָל קענען זאָגן קדיש. הכלל, דער אייבערשטער אַליין האָט אים צוגעשיקט אַהין.

דער קרעטשמער האָט אים גלייך דערלאַנגט טלית און תפילין און אַ סידור. און מיקאָלע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. ער האָט אָנגעטון טלית און תפילין, און יידן האָבן זיך געשטעלט דאַווענען.

הכלל, פֿיין און וואויל. נאָר סע נעמט נישט לאַנג און סע קומט פּלוצים אַריין דער גביר. ער האָט געוואוסט וואו צו זוכן מיקאָלען. אַז ער דערזעט דעם שבת־גוי אין טלית און תפילין, מאַכט ער אַ געוואַלד: „וואָס איז דאָס? וואָס פֿאַר אַ שטוקעס פּראַוועסטו דאָ, מיקאָלע? וואָס פֿאַר אַ חוזק טרייבסטו דאָ מיט יידן? דו מיינסט, אַז ס'איז דיר די „חברה באָק"? האַ?" ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ רעש. אַזאַ חילול־השם! נאָר מיקאָלע פֿאַרלירט זיך נישט:

„ר' בער," נעמט ער זיך בעטן ביים גביר, „אַ ייד בעט מיך אַ טובה, מע דאַרף אַ צענטן צום מנין, האָב איך מיך געזאָלט אָפּזאָגן פֿון אַזאַ מצווה? מע דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פֿון אַ טאַטער אָפּצוזאָגן אַ ייד אַזאַ טובה. און וואָס אַרט אייך? דערווייל האָב איך דאָך אַריינגעכאַפּט אַ „ברכו", און ווען איר קומט נישט אָן, וואָלט איך נאָך אַריינגעכאַפּט אַ „קדושה" אויך."

דער סוחר און דער פּויער

אַ ייד, אַ סוחר, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך געווען אין וואַלד, אויפֿצוקויפֿן גע־הילץ, האָט זיך פֿרייטאָג געקליבן אַהיימפֿאָרן אין שטאָט אַריין, און נישט געהאַט מיט וועמען. גייט ער אַראָפּ אין דאָרף לעבן וואַלד, נעמט זוכן אַ פֿור, נאָר אומ־זיסט. ס'איז סוף זומער, און אַלע גויים זענען פֿאַרנומען אין די פֿעלדער ביים אַראָפּנעמען די תבואה, ביים אויסגראָבן די קאַרטאָפֿל, און קיינער וויל נישט אין

מיטן־דערינגען שפּאַנען פערד און וואָגן און פירן דעם ייד אין שטאָט אַריין. דער סוחר באַט אַן אַ גולדן, צוויי. נאָר קיינער פון די גויים וויל נישט.

דערווייל דערזעט ער ליגן אַ קלאָץ ביי אַ גוי אָפן פעלד. פאַלט דעם סוחר איין אַ געדאַנק און ער זאָגט צום פויער: „וויפיל וואָלטסטו וועלן פאַר דעם־דאָזיקן קלאָץ?"

דער גוי הייבט אויף דעם קאָפּ צום ייד, בלייבט שטיין מיט זיין סאָפּע אין האַנט און זאָגט: „צוויי גולדן."

„צוויי גולדן?" פרעגט איבער דער סוחר. „ס'אַ ביסל צופיל. נאָר איך וועל דיר זאָגן, איך וועל דיר געבן די צוויי גולדן און נעם שפּאַן איין און פיר מיר אים אָפּ אין שטאָט אַריין."

דער גוי איז געווען צופרידן מיט דעם געשעפט. ער האָט שוין לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פון דעם קלאָץ אין פעלד, וואָס איז אים געלעגן ווי אַ שטיין אין וועג. האָט ער געלאָזט די אַרבעט אין פעלד, האָט צוגערופן עטלעכע פויערים, אַז זיי זאָלן אים העלפן אַרויפליייגן דעם קלאָץ אָפן וואָגן, האָט זיך אויפגעזעצט, און דער ייד, דער סוחר, מיט אים, און האָט אָפּגעפירט דעם קלאָץ אין שטאָט אַריין.

געקומען אין שטאָט, איז ער פאַרפאָרן ביז צו דער טיר פון דעם סוחרס הויז. דער ייד איז אַראָפּ פון וואָגן, האָט באַצאָלט דעם גוי די צוויי גולדן און זאָגט צו אים: „און איצט קענסטו נעמען דעם קלאָץ און אים אָפּפירן צוריק צו דיר אַהיים."

פאַרוואָס דער שבת־גוי מיקאָלע איז געווען אַ ציוניסט

אין שטעטל, צווישן די בחורים זענען געווען צוויי שקצים, מיקאָלע און שטעפּאַן. נישט קיין היצלעס, חלילה, נישט קיין עזות־פּנימער. נאָר דווקא וואוילע שקצים. זיי האָבן גערעדט יידיש און געגאַנגען אָנגעטון ווי אַלע יידישע בחורים. איינער פון זיי, שטעפּאַן, איז געווען אַ שוסטער־יונג, אַ געזעל, אַ האָרע־פּאַשניק, און ער האָט זיך געחברט מיט די געזעלן, מיט די אַרבעטער. דער אַנדערער, מיקאָלע, איז געווען אַ שטיקל אונטער־שמש, אַ שבת־גוי. ער האָט געהאָלפן אויסקערן דאָס בית־מדרש, אָנטראָגן וואַסער אין האַנטפאַס און שבת מאַכן פייער אין אויוון.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז פון דער גרויסער שטאָט, פון מינסק, קומען אַראָפּ אין שטעטל אַריין פּאַרטיי־מענטשן, אַגיטאַטאָרס, פייערדיקע רעדנער, און אַרבעטן מעשים. זיי האָבן מיט זייערע רעדעס געמאַכט אַן איבערקערעניש אין שטעטל און צעטיילט דעם עולם אין צוויי לאַגערן. יעדער פון זיי האָט געוואָלט געווינען דעם עולם פאַר זיין זאַך. האָט זיך געקערט וועלטן. טייל האָבן גערעדט פאַרן יידישן אַרבעטער בונד. זיי האָבן אָנגעוויזן ווי גוט סע וועט זיין, ווען סע וועט הערשן סאָציאַליזם. אויס רייכע און אויס אָרימע! אַלע וועלן דעמאָלט זיין גלייך. אַנדערע ווידער האָבן גערעדט וועגן ארץ ישראל און ציוניזם. זיי האָבן געטענהט, אַז ס'איז צייט, אַז יידן זאָלן זיך אומקערן אין אייגענעם לאַנד אַריין און זיין אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך.

שטעפּאַן, דער שוסטער־געזעל, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „בונד". ער איז

געוואָרן אַ געטרייער פּאַרטיי־חבר און האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַלע געזעלן אין שטעטל. מיקאָלע איז געפעלן דער ציוניזם. ער האָט געזען די אויסלייזונג פון די אונטערדריקטע אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם.

„איך ווייס נישט קיין חכמות, איך זע די רעטונג בלויז אין ציוניזם!" האָט מיקאָלע געטענהט. „אַי, די אַרבעטער־פראַגע? נו, קען מען דאָך זיין אַ סאָציאַליסט אויך אין ארץ ישראל."

דאָס האָט דעם בונדישן רעדנער אַרויסגעבראַכט פון די כלים: „מילא, אַז אַ ייד אַ באַלעבאָס, אַן עושר, רעדט אַזוי, איז ער דאָך אַף דעם אַ בורזשוי. נאָר דו, אַן אָרימער גוי, אַ האָרעפּאַשניק, דו זאָלסט אַזוי רעדן? וואָס וועט דיר אַרויסקומען, אַז יידן וועלן פאָרן קיין ארץ ישראל? און וואָס וועלן בכלל די אָרימע גויאישע מאַסן האָבן פון דעם?"

מיקאָלע קוקט אַ מינוט, נאָר ער פאַרלירט זיך נישט און ענטפערט: „איר פאַרשטייט, איך בין אַ פּשוטער גוי מיט אַ גויאישן קאָפּ. און נאָך מיין גויאישן שכל נאָך קומט אויס, אַז ערשט טאַקע דערפאַר, ווייל איך בין אַ גוי, ווייל איך, אַז די יידן זאָלן פאָרן קיין ארץ ישראל. דעמאָלט וועט זיין בעסער סיי פאַר די יידן און סיי פאַר די גויים. די זאַך איז זייער פּשוט: איצט, אַז יידן זענען אין גלות ביי אונז גויים, זענען מיר זייערע שבת־גויים, זייערע וואַסער־טרעגערס און האָלץ־העקערס, און אונזערע טעכטער זענען ביי זיי דינסטן. נאָר אַז משיח וועט קומען, און מיר וועלן זיין ביי די יידן אין גלות, וועלן זיי זיין אונזערע וואַסער־טרעגערס און האָלץ־העקערס און דינערס און דינסטן. איר פאַרשטייט, חבר, איך בין נישט אַזאַ הייסער ייד ווי איך בין אַ גוטער גוי."

זאָל זײַן אַ רובע־הייצער, אַבי אַ זון

אין פינסק צווישן די יידן האָט געוואוינט אַ גוייש פּאָרפאָלק. פאַרמעגלעכע מענטשן, און גאַנץ וואוילע, נאָר זיי האָבן, נעבעך, נישט געהאַט קיין קינדער, נישט פאַר קיין שום גוטע יידן געדאַכט.

די גויע האָט איבערגעטון אַלץ אין דער וועלט. געלט האָט זי געהאַט גענוג, איז זי געפאָרן צו גלחים, צו זנאַכערעס און צו דאָקטוירים. נאָר אומזיסט. קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן.

דידאָזיקע אומגליקלעכע גויע איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלע יידינעס אין שטאָט, און האָט גערעדט יידיש גלייך ווי אַלע יידישע ווייבער. האָט זי זיך אָפּט געקלאָגט פאַר די יידישע שכנות אַף איר ביטערער דאָליע, וואָס זי קען נישט האָבן קיין קינד. זי איז ממש אויסגעגאַנגען צו האָבן אַ זון.

איינמאָל זאָגט צו איר אַ יידינע, אַז זי זאָל פּרובירן פאָרן צו אַ רבי. „פּעדאָסיע, פאָלג מיך, פאָר אַריבער קיין קוידאַנאָוו. דאָרט איז דאָ אַ ראַבין, אַ הייליקער צדיק. דערציייל אים און וויין פאַר אים, אַז ער זאָל בעטן גאָט פאַר דיר."

די גויע האָט זי געפאָלגט. זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן. אַז זי איז געקומען קיין קוידאַנאָוו, האָט זי זיך אָנגעפרעגט צום רביס הויף, צום רבי ר' אהרן קוידאַנאָווער, ז"ל. געקומען אַהין, פרעגט זי דער גבאי וואָס זי

וויל. זאָגט זי, אַז זי וויל רעדן מיטן ראַבין. איז דער גבאי אַריין צום רבי און זאָגט אים, אַז אַן ערלית שטייט ביי דער טיר און זי וויל נאָר רעדן צום רבי. האָט דער רבי געהייסן, מע זאָל זי אַריינלאָזן.

ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען, האָט זי אַנידערגעלייגט איר פּדיון אַפן טיש, ווי די יידינע האָט איר אָנגעזאָגט, און מיט געוויין האָט זי גענומען דערציילן איר ביטער מזל.

דער רבי הערט זי אויס, הייבט זיך אויף און גייט אַריין אין זיין חדר־מיוחד און נעמט מתפלל זיין: „רבונו־של־עולם,” זאָגט ער אַף אַ קול, „וואָס אַרט דיך, אַז סע וועט זיין נאָך אַ רובע־הייצער ביי יידן? האָב רחמנות, אַן עלנטע ערלית, זאָל זי האָבן אַ זון.”

די גויע דערהערט ווי דער רבי רעדט אַזוי צום אייבערשטן, צעשרייט זי זיך: „ראַבינקע, ראַבינקע, נעכאַי בודע אַ רובע־הייצער, אַבי אַ סינאָק!”

זײַן ברכה איז מקוים געוואָרן

אַ ייד האָט יאָרנלאַנג געהאַלטן ביי אַ פּריצה אין דאָרף אַ קרעטשמע אין אַרענדע. איינמאָל שיקט די פּריצה נאָכן קרעטשמער און זאָגט אים, אַז זי וויל אַ הוספה. וואָס פּלוצים? ס'האָט זיך געיאָוועט אַ דייטש און ער גיט איר פאַר דער קרעטשמע מיט טויזנט רובל מער אַ יאָר. „ווייסט דאָך, יאַנקל,” זאָגט זי, „טויזנט רובל איז היינט אַ סך געלט ביי מיר. אויב דו וועסט מיר געבן די הוספה, וועסטו בלייבן ביי דער קרעטשמע.”

דער ייד שטייט אַ פאַרשטשמעליטער. טויזנט רובל מער?! ער האָט קוים אַ שטיקל ברויט פון דער קרעטשמע, פון וואַנען וועט ער נעמען נאָך צו געבן אַ הוספה? „פּריצהלע טייערע,” בעט זיך ביי איר דער ייד, „איך קען קוים צונויפ־שפּאָרן דאָס נייטיקע געלט, אַז סע קומט צו צאָלן אַ ראַטע.”

„דו ביסט אַ וואויל יידעלע, יאַנקל. האָסט אַלעמאָל געצאָלט די ראַטעס אין צייט. נאָר יענער גיט טויזנט רובל מער.”

„ווייסטו וואָס, פּריצהלע, גיב מיר אַ פּאָר וואָכן צייט. איך וויל מיך באַ־ראַטן מיט מיין ראַבין.”

די פּריצה האָט אים געגעבן צוויי וואָכן צייט. יאַנקל איז אַוועק פון הויף מיט אַ שווער האַרץ. אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך איבערגעטון און איז אַריבערגעפאָרן צום רבי ר' מענדעלע ליבאַוויטשער.

יאַנקל האָט געהאַלטן שבת ביים רבי. שבת־צו־נאַכטס האָט ער זיך געפּראָ־וועט ביים רבי, ער האָט אים דערציילט זיין ביטער האַרץ און געבעטן אַן עצה. דער רבי האָט אים אויסגעהערט און געגומען באַרואיקן: „דאגה נישט, יאַנקל. לאָז זיך דער דייטש דערוואַרגן מיט דער קרעטשמע. פאָר אַהיים, השם־יתברך וועט העלפן.”

דער קרעטשמער האָט זיך אָפּגעזעגנט און האָט זיך אומגעקערט אַהיים. ווי נאָר ער איז געקומען, זאָגט זיין ווייב, אַז ס'איז געווען אַ שליח פון הויף, און

די פּריצה האָט געזאָגט, אַז גלייך ווי ער וועט קומען, זאָל ער אַריבערגיין צו איר אין הויף אַריין. יאַנקל האָט נישט געוואָרט, און איז גלייך אַריבערגעלאָפן צו דער פּריצה.

„נו, וואָס האָט דער ראַבין געזאָגט?" פרעגט אים די פּריצה.

„דער ראַבין האָט געזאָגט, אַז דער דייטש זאָל זיך דערוואָרגן מיט דער קרעטשמע."

„אַ הייליקער מענטש, דיין ראַבין," זאָגט די פּריצה. „דער דייטש האָט זיך שוין דערוואָרגן, נאָר נישט מיט דער קרעטשמע, נאָר מיט אַ ביינדל פון פיש, וואָס ער האָט געגעסן."

דער דייטש רייבט זיך אָפּ

אין שטעטל קורילאָוויץ איז געווען אַ צוקער־פאַבריק. האָבן דאָרט גע־אַרבעט אַ סך יידן, מחמת דער דירעקטאָר, אַ גוי, איז געווען זייער אַ פיינער מענטש, און ער האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן ייד און גוי. יידן האָבן געאַרבעט ביי אים און געהאַנדלט מיט אים, און דאָס שטעטל האָט געהאַט פּרנסה און געלעבט פון דער פאַבריק.

מאַכט זיך, אַז דער דירעקטאָר קריגט עפּעס אַ צווייטע שטעלע און ער פאָרט אַוועק אין אַן אַנדערער שטאָט. ס'איז באַלד אַראָפּגעקומען אַ נייער דירעקטאָר, אַ דייטש—אַ שונא ישראל, און ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַלע יידישע אַרבעטאָ־רער, און אויף זייער פּלאַץ האָט ער אַראָפּגעבראַכט דייטשן.

די יידן זענען געבליבן ווי אָפּן וואַסער. קיין פּרנסה איז נישט געווען, און אין שטעטל איז געוואָרן ביטער.

אין שיינעם טאָג, אַז דאָס וואַסער האָט שוין דערגרייכט ביזן האַלז, הייבן זיך אויף עטלעכע ווייבער און לויפן אַריבער צום רבי ר' יצחק מאיר מיט אַ גע־וואַלד און אַ געוויין: ס'איז ערב פּסח און אין שטוב איז נישטאָ נישט קיין מצות און נישט קיין פליש און קיין זאַך נישט.

דער רבי הערט זיי אויס, פאַרטראַכט זיך אַביסל און זאָגט צו די ווייבער: „איכ'ל אייך עפּעס דערציילן: מיין גבאי שמואל לייב קומט אַנומלטן אַריין צו מיר און וויזט מיר, אַז ער האָט געקויפט אַ סידור מיט דייטש. וואָס פּלוצים מיט דייטש? פרעג איך דעם גבאי. ענטפערט ער מיר, אַז דער דייטש רייבט זיך גיך אָפּ, און דאָס סידור בלייבט סידור.

און דער רבי ענדיקט: „דאגהט נישט, טייערע יידישע קינדער. מיין גבאי איז גערעכט: דער דייטש וועט זיך באַלד אָפּרייבן, און סע וועט, אם ירצה השם, ווידער זיין פּרנסה אין שטאָט. גייט בשלום אַהיים."

אין אַ פּאָר טעג אַרום ווערט מען געוואָר אין שטעטל, אַז דער רשע—דער דייטש, איז ביינאַכט אַוועק, און מיט אים אַלע זיינע דייטשן. ס'איז טאַקע גלייך אַראָפּגעקומען אַן אַנדערער דירעקטאָר, און דער נייער דירעקטאָר האָט צוריק צוגענומען אַלע פריערדיקע יידישע אַרבעטאָרער.

אַן עצה פֿון אַ גוי

אין אַ שטעטל איז געווען אַ ייִד, אַ קאַכלעפּל. אומעטום איז ער געווען פֿול, און מיט אַלעמען איז ער געווען אויסגעבונדן: מיט ייִדן און גויים. און צו דער־צו איז ער געווען אַ גאַנצער כּל־ולך. אַ שמעלקע מיט נאַטשאַלסטווע: מיט דעם פּאָליצײ־מײַנסטער און מיט דעם ריכטער, און מיט וועמען איר ווילט נאָר אַליין. פֿאַרשטייט איר דאָך, אַז אַזאַ ייִד איז נישט געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין ייִדיש־קייט. האָט מען טאַקע גערעדט, אַז ווען ער איז מיט גויים, כאַפּט ער אַמאָל אַרײַן אַ טרייפֿענעם ביסן.

טרעפֿט, אַז דער ייִד צעווערטלט זיך אַמאָל מיט בערלען, דעם בעל־תּקיעה, און ער מאַכט ביי זיך אָפּ, אַז ער וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען.

אַז ס'איז געקומען פֿאַר ימים־נוראים, פֿאַרגלוסט זיך דעם ייִד צו בלאָזן שופֿר אום ראש־השנה. נעמט מען מיט אים טענהן: סטייטש, בערל האָט דאָך אַ חזקה אַף דעם! ווי נעמט מען דאָס צו די חזקה ביי אַ ייִד? נאָר סע העלפֿט נישט קיין טענהן. ער וויל בלאָזן, און שוין!

קהל האָט זיך אָבער אויך אײַנגעשפּאַרט, און האָט נישט דערלאָזט. וואָס הייסט, דער אַזוינער און אַזוינער וועט בלאָזן שופֿר?

גייט דער ייִד און באַקלאָגט זיך פֿאַר דעם פּאָליצײ־מײַנסטער אָפּן רבֿ און אָפּן גבאי: אַזאַ און אַזאַ מעשׂה.

„לאָז עס צו מיר, מאַשקע", זאָגט דער פּאָליצײ־מײַנסטער, און ער שיקט נאָכן רבֿ מיט דעם גבאי, און פֿאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן ראש־השנה לאָזן מאַשקען בלאָזן. זאָגט דער גבאי: „מע קען נישט, פּריצל. אַן אַנדער ייִד, בערל, דער שניט־קרעמער, האָט אַ חזקה אַף דעם. שוין יאָרן, אַז בערל בלאָזט שופֿר. און מע קען נישט און מע טאָר נישט ביי אים דאָס צונעמען."

נאָר דער פּאָליצײ־מײַנסטער וויל נישט הערן. ער באַשטייט, אַז מאַשקע זאָל בלאָזן שופֿר.

אַז דער רבֿ זעט אַזאַ זאַך, מישט ער זיך אַרײַן און זאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ תּרופֿה: „יום־כּיפּור בלאָזט מען אויך שופֿר. וועט מען לאָזן דעם ייִד, אַז ע ר זאָל דעמאָלט בלאָזן."

אַז דער ייִד דערהערט דאָס, נעמט ער זיך קאָכן: „ניין, ער וויל נישט. יום־כּיפּור בלאָזט מען בלויז איין מאָל."

צעשמייכלט זיך דער פּאָליצײ־מײַנסטער: „נאַרישער מאַשקע, אַז דו וועסט האָבן די טרובקע אין דײַנע הענט, פֿרעג דעמאָלט נישט און בלאָז וויפֿיל דיר ווילט זיך."

דער רבֿ האָט אים באַגנבֿעט

אַן אָרימער פֿויער, וואָס האָט שוין מער נישט געקענט צוזען ווי זײַן ווײַב און קינדער הונגערן, האָט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו גאָט מיט אַ פּראָזשבע. ער האָט אַרויסגעזוכט אַ שטיק פּאַפּיר, און אַזוי ווי ער האָט געקענט אַביסל

שרייבן, האָט ער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר גאָט, און האָט אים גע־בעטן, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער אים און זיינע קינדער.

דער פויער איז דערנאָך אַוועק אין גאַנטסטן שטעטל אַריין, האָט געקויפט אַ קאָנווערט, האָט אַריינגעלייגט די פּראָזשבע, האָט אָנגעשריבן דעם אַדרעס צו גאָט אין הימל, און האָט דעם בריוו אויפגעגעבן אַף דער פּאָסט.

אַז דער פּאָסט־באַאַמטער זעט דעם בריוו מיט דעם אַדרעס צו גאָט אין הימל, ווייסט ער נישט וואָס מע טוט מיט דעם בריוו.

דערווייל קומט אַריין אין פּאָסט־אַמט דער רב. טראַכט ער זיך, מע דאַרף ווייזן דעם בריוו דעם ראַבין. ער איז אַ קלוגער מענטש, וועט ער זאָגן, וואָס מע דאַרף טון מיט אַזאַ בריוו.

דער רב עפנט דעם בריוו, לייענט איבער, און סע נעמט אים אַזש אָן ביים האַרצן: ס'אַ גאָטס רחמנות, נעבעך, קינדער הונגערן! און דער פויער שרייבט און בעט ביים אייבערשטן, אַז ער זאָל אים שיקן פופציק רובל. מיט דעם געלט וועט ער זיך קויפן אַ פערדל און אַביסל עופות, און וועט זיך קענען שטעלן אַף די פיס. טראַכט דער רב: ס'אַ מצווה צו העלפן אַזאַ גוי. און ער מאַכט ביי זיך אָפּ צונויפצומאַכן אַביסל געלט צווישן יידן און עס געבן דעם פויער.

ס'איז אַריבער אַ וואָך, קומט דער רב צו גיין צום פויער און לאָזט אים איבער געלט, פאַרבונדן אין אַ טיכל.

אַז דער רב איז אַוועק, נעמט דער גוי און ציילט איבער דאָס געלט, און זעט, אַז ס'איז דאָ בלויז פערציק רובל. זאָגט ער צו זיין ווייב: „דו זעסט אַ זשידיווסקי ראַבין, אַ גנבֿ! גאָט האָט מסתמא געשיקט גאַנצע פופציק רובל, נאָר דער ראַבין האָט צען רובל אַראָפּגעלאַטכנט.״

דער רבי רעדט דײַטש ווי אַ וואַסער

צו דער פּאָליציי איז דערגאַנגען אַ מסירה, אַז ביי דעם רבי אין שטוב האָט זיך אַריינגעכאַפּט די קראַמאָלע, און אַז מע מאַכט דאָרט אַ פאַרשווערונג קעגן דעם פּאָטערל צאַר. נעמט דער פּאָליציי־מייסטער און שיקט אַוועק עטלעכע זשאַנדאַרן צום רבי אין הויף—אַז זיי זאָלן זען וואָס דאָרטן טוט זיך. געקומען—טרעפן זיי דעם רבי מיט זיינע חסידים פאַרטון אין תורה. די זשאַנדאַרן זענען זיכער געווען, אַז דאָס האָבן זיי געכאַפּט דעם רבי ביים מאַכן די פאַרשווערונג. מאַכן זיי נישט קיין שהיות און פאַרנעמען דעם רבי מיט די חסידים צו דער פּאָליציי. אַז דער פּאָליציי־מייסטער דערזעט די קראַמאָלניקעס, די רעוואָלוציאָ־נערן, האָט ער זיי גלייך באַפרייט. און שפּעטער איז ער אַליין אַריבערגעגאַנגען צום רבי און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים מוחל זיין פאַר דעם עגמת־נפש, וואָס מ'האָט דעם רבי פאַרשאַפט אומזיסט.

דער רבי וויל עפּעס ענטפערן, נאָר ווי אַזוי ענטפערט מען, אַז ער קען נישט קיין גויאיש? זאָגט דער פּאָליציי־מייסטער, אַז ער מעג רעדן יידיש. בישקשה, ער, דער פּאָליציי־מייסטער, וועט פאַרשטיין, ווייל ער קען דייטש, במילא וועט ער כאַפּן, וואָס דער רבי זאָגט, און ער וויל טאַקע הערן פון דעם

רביס מויל, אַז ער איז אים מוחל. „אַוודאי," זאָגט דער רבי, „דייטש קען ער אויך רעדן, וועט ער ענטפערן אין דייטש. די מעשה שהיה, כך היה: לכתחילה, ווען די יעוואָנים האָבן מיר צעשלאָגן מיינע רעיונות, בעת איך בין געווען פאַרטון אין די עולמות העליונים, בין איך געווען לויטער צער און חימה. נאָר אַצינד, אַז ס'איז שוין לאחר־המעשה, איז דער כעס שוין אַריבער. נו, מילא, בין איך אוודאי מוחל, מוחל במחילה גמורה."

דער מעקלער און דער פּריץ

אַ מעקלער איז געקומען צו אַ פּריץ און שלאָגט אים אָן צו קויפן אַן אימעניע, אַ גוט מיט אַלע מעלות, און צו דערצו מיט אַ וואַלד—פּאַזע אַ וואַסער, טאַקע לעבן גרויסן דניעפּער. נאָר דער פּריץ ווייזט נישט אַרויס קיין חשק צו מאַכן דעם מסחר. נעמט דער מעקלער אים נאָכאַמאָל אויסרעכענען די מעלות פון דעם גוט. ער ווייזט אים: „באַטראַכט נאָר פּריצל: ווען סטו וועלן האַקן וואַלד און טרייבן געהילץ מיטן דניעפּער, איז אָט אַ די אימעניע, און אָט דער דניעפּער, און ווען סטו וועלן, פּריצל, באָדן זיך, איז אָט אַ דער דניעפּער און אָט די אימעניע."

דער פּריץ טוט זיך אַ כאַפּ און רייסט אים איבער: „און ווי איז," זאָגט ער, „אַז סע קומט אַ נאַוואָדניעניע, אַ פאַרפלייצונג?"

„הם..." גיט זיך דער מעקלער אַ קראַץ אין בערדל, צעפּירט זיך מיט ביידע הענט און גיט אַ זאָג: „סט'געהערט אַ משל?! פּאַלג מיך אַ גאַנג! וואו ס'איז דער דניעפּער, און וואו—די אימעניע!"

ס'איז נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט די שקצים

קומט אַריין אַ ייד אין אַ ווינטער פאַרנאַכט אין חסידים־שטיבל צו מנחה, שמייכלט אַ צופרידענער און זאָגט: „איר הערט, יידן, ס'איז נאָך נישט אַזוי שלעכט אַף דער וועלט. מיר לעבן טאַקע צווישן גוים, און שקצים טוען אָפּט אָן צרות, לאָזן אַ ייד נישט דורכגיין אַ גאַס. נאָר פאַראַן אויך גוטע שקצים."

די יידן קוקן אים אָן און וואַרטן, אַז ער זאָל שוין דערציילן, וואָס ס'האָט געטראָפן. און דער ייד דערציילט: „הערט אַ מעשה: איך גיי מיר אַזוי אין גאַס צו מנחה און טראַכט פון די געשעפטן, וואָס איך האָב היינט געמאַכט. פּלוצים באַפאַלן מיך אַ פּאָר שקצים און באַוואַרפן מיך מיט קוילן שניי. איין קויל האָט מיר געטראָפן גלייך אין דער באָרד און האָט מיר פאַרשמוצט דעם קאָלנער פון פוטערל. נאָר אין דער מינוט לויפט צו מיר צו אַן אַנדער שייגעץ, כאַפּט אַרויס פון זיין קעשענע אַ טיכעלע און ווישט מיר אָרום די באָרד און דעם קאָלנער, און זאָגט מיר, אַז ער וועט שוין זען, אַז די אַנדערע זאָלן דאָס מער נישט טון. נו, איז נישט משיחס צייטן?"

צווישן די יידן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים און אים אויסגעהערט, איז געווען אַ יונגער חסיד. רופט ער זיך אָן און זאָגט: „ר' חיים, איר האָט אַ טייסטערל?"

„יאַ אַוודאי,‟ זאָגט דער ייד, און קוקט אים אָן. „נו, איז וואָס?‟
„וואו האַלט איר אייער טייסטערל?‟ פרעגט ווייטער דער יונגערמאַן.
„אין בוזעם קעשענע,‟ זאָגט דער ייד.
„גיט, זייט מוחל, אַ קוק, צי איר האָט עס דאָרט.‟
דער ייד גיט אַ טאַפּ און ווערט בלייך: „אוי, ס'איז נישטאָ.‟ און ס'איז אים גלייך קלאָר געוואָרן אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון דעם שייגעץ, וואָס האָט אים אַרומגעוואַשט.

אַ גוי בלייַבט אַ גוי

קעגן וואָס זאָג איך דאָס? קעגן די צוויי שכנים: אַ ייד מיט אַ גוי. דאָס איז געווען אין אַ שטעטל אין פּוילן, און די צוויי שכנים, דער ייד מיטן גוי, האָבן זיך געלעבט גוט. איינער צום אַנדערן איז געקומען אין שטוב אַריין, מ'האָט זיך געהאָלפן, מ'האָט אַפילו אָפט געכאַפּט צוזאַמען אַ שנעפּסל. הכלל, אמתע גוטע שכנים, טאַקע פריינט.

איינמאָל רעדט מען אַזוי. ס'איז געווען סוף ווינטער, נאָנט צו פּורים. זאָגט דער גוי צום ייד, אַז ער וואָלט וועלן אַמאָל זיין ביי אים אויף אַ יום־טוב. „איך וויל זען, שכן, ווי דו פּראַוועסט אַ יום־טובדיקע סעודה.‟

טראַכט דער ייד: פאַרוואָס נישט? אַזוי ווי זיי זענען גוטע שכנים, וועט ער אים צוליב טון. „אין גיכן איז ביי אונז פּורים,‟ זאָגט צו אים דער ייד. „דאָס איז אַ פריילעכער יום־טוב. וועסטו קומען צו מיר צו דער פּורים־סעודה. איך וועל דיר לאָזן וויסן.‟

געקומען פּורים צו דער סעודה, זיצט דער גוי אָן אויפגעלייגטער, אַ יום־טובדיקער, אַ פריילעכער, און עסט און טרינקט, און קען זיך גאָרנישט ניט אָפּ־וואונדערן: אַזעלכע טייערע מאכלים: קוילעטש און פלייש און המן־טאַשן! היינט די משקה! אַזאַ טייערער בראָנפן!

און דער גוי האָט טאַקע אַריינגעגאָסן אין זיך. ער האָט מקיים געווען די מצווה, ווי אין פּסוק שטייט. און דער ייד האָט אים נישט געזשאַלעוועט. ער איז דאָך אַזאַ גוטער שכן, און ס'איז דאָך עפּעס פּורים!

אַז דער גוי איז שוין געווען גוט שיכור, און ער האָט שוין נישט געוואוסט, ווי מ'זאָגט, בין אָרור המן לברוך מרדכי, האָט ער גענומען רעדן מיאוסע רייד, און זיך זידלען און קאָמאַנדעווען. איר קענט דאָך אַ גוי, אַז ער שיכורט זיך אָן!

דער ייד האָט אים קוים איינגענומען און איינגעשטילט. און אַז דער גוי האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט, אויסגעטשוכעט, און איז געקומען צו זיך, פרעגט אים דער ייד: „סטייטש, ווי קומט עס צו אים? ער זאָל רעדן אַזעלכע רייד?‟

בעט זיך דער גוי, אַז ער זאָל אים מוחל זיין. און ער כאַפּט אים אַרום און האַלזט אים: „שכנקע מיינער, פאַרגיב! איך האָב דאָס נישט געטון. דאָס האָט דער גוי געטון, נישט איך!‟

פורים-שפּילער

ער קען נישט העלפֿן לעשן

ביי מיין שכן אין שטעטל איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ „וואָלנע פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע". איר ווייסט דאָך, פֿרייוויליקע פֿייערלייט. אַז ס'האָט זיך געמאַכט און ס'האָט אַמאָל געטראָפֿן אַ שׂרפֿה אין שטעטל, האָבן זיי זיך אָנגעטון ווייסע העמדלעך—רובאַשקעס, מיט אַזעלכע רויטע היטעלעך, איר ווייסט דאָך, און זיי זענען געלאָפֿן לעשן דאָס פֿייער.

שטייען די יונגען מיט די קישקעס אין האַנט, פּאָמפּען וואַסער, און לעשן. אַנדערע לויפֿן מיט די עמערס וואַסער, און מע לעשט. און אַרום שטייט דאָס גאַנצע שטעטל און קוקט זיך צו ווי מע לעשט.

דערביי שטייט אויך אַ יונגער בחורעץ, אַ יונג מיט ביינער, שטייט מיט די הענט אין די קעשענעס, און קוקט אויך ווי מע לעשט. גייט צו אים צו אַ פּאָלי־ציאַנט און מאַכט אים דעם אמתן רוסישן מי־שבירך: וואָס הייסט, ער שטייט און העלפֿט נישט לעשן דאָס פֿייער? שטאַמלט דער בחור און פֿאַרענטפֿערט זיך: „גאָספּאָדין אוראַדניק, ווי אַזוי קען איך העלפֿן לעשן, אַז איך טראָג דאָך נישט קיין ווייסע רובאַשקע?!"

וואָס דער גוי האָט געזען בײַם רבי

אַ גוי האָט אַמאָל געפֿירט מיט זיין וועגעלע עטלעכע יידן אין אַ שטעטל אַריין. זיי זענען געפֿאָרן אַהין צום רבי אויף יום־טוב.

געקומען, בעט זיי דער גוי, אַז זיי זאָלן אים לאָזן זען, וואָס אַ רבי טוט, און ווי אַזוי ער פֿירט זיך. האָבן זיי אים צוליב געטון.

אַז דער גוי איז אַהיימגעקומען אין דאָרף אַריין, האָט ער זיך גאָר נישט געקענט געזעטיקט אָנדערציילן, וואָס ער האָט געזען ביים רבי. די גויים זענען געזעסן מיט אָפֿענע מיילער און האָבן זיך צוגעהערט צו אים.

„אין אַ גרויסער שטוב, פֿול מיט העגגלייכטער און ליכט, שטייען לאַנגע טישן," האָט ער דערציילט. „די טישן זענען פֿאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטעכער און געגרייט מיט פֿינקלדיקע לעפֿל און גאָפּלען און מעסערס, און אויבן־אָן ליגט אַ גרויסע בולקע. און אַז דער רבי קומט אַריין, מאַכן די יידן פֿאַר אים אַ וואָרע. און ער גייט גלייך צום אויבן־אָן און זעצט זיך דאָרט אויף אַ גרויסן פּליושענעם שטול. און ווי נאָר דער רבי זעצט זיך אַנידער, זעצן זיך די יידן אויך אַנידער אויף די לאַנגע בענק אַרום די לאַנגע טישן. דערנאָך הייבט דער רבי אויף די בולקע, שניידט אָפּ אַ קליין שטיקעלע, טונקט עס איין אין זאַלץ און מאַליעט זיך אויף אַ הויך קול און פֿאַרזוכט פֿון דעם שטיקעלע בולקע. באַלד כאַפּן די יידן די בולקע, צע־רייסן זי אויף פּיצלעך, און מע גיט יעדן איינעם אַ שטיקעלע צו פֿאַרזוכן. דערנאָך דערלאַנגט מען אַלערליי גוטע עסנס און גוטע געטראַנקען, און אַלע עסן און טרינ־קען. אַז מע ווערט פֿאַרטיק מיטן עסן, ווערט אַזוי שטיל, אַז מע קען הערן אַ פֿליג דורכפֿליען. און דער רבי זיצט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און איז זייער פֿאַר־טראַכט. און אַלע יידן זיצן און קוקן אויף אים, און הערן זיך גוט צו ווי דער רבי זיצט און שווייגט."

ער וויל זיך נישט מישן אין רבנישע זאַכן

נאָך דעם ווי בערל דער שניידער איז אָפּגעוועזן עטלעכע יאָר אין אַמעריקע, האָט ער געגומען זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר טאָלער און איז אַהיימגעפאָרן צו ווייב און קינדער. געקומען—האָט זיך געדודערט אַביסל אין שטעטל. אַ קלייניקייט—אַ גאַסט! הייגט זיין הילוך, זיין אויסזען—גאָר נישט דערזעלבער בערל, וואָס אַמאָל.

אַז דער פּריץ הערט, אין שטעטל איז אַראָפּגעקומען אַן אַמעריקאַנער שניידער, שיקט ער נאָך אים און זעצט אים אַנידער, אַז ער זאָל באַנייען דאָס גאַנצע הויף אָפּן אַמעריקאַנער שטייגער.

זיצט בערל דער שניידער אין הויף און נייט. עטלעכע מאָל אין טאָג קומט צו אים צו דער פּריץ, צו זען ווי סע האַלט מיט דעם געניי. און אין איין וועגס פאַרפירט ער מיט אים אַ שמועס וועגן אַמעריקע און ווי אַזוי סע לעבט זיך אין דער גילדענער מדינה. איינמאָל קומט צו רייד וועגן אמונה זאַכן. דער פּריץ וויל וויסן ווי סע האַלט דאָרט אין אַמעריקע מיט רעליגיע. זאָגט אים דער שניידער, אַז ס'איז פּונקט ווי אין שטעטל: די גויים האָבן קלויסטערס, און, להבדיל, די יידן—שולן.

זאָגט דער פּריץ, אַז אויב אַזוי פאַרשטייט ער נישט. דער אַלטער שניידער, וואָס האָט ביי אים אַלע יאָרן געאַרבעט, אַז ס'איז געקומען אין דער פרי, נאָכן אויפשטיין, האָט ער זיין לינקע האַנט און זיין קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט לעדערנע רימענס און האָט זיך געמאָליעט. און דו גאָרנישט ניט. ווי דו וואָלטסט גאָר קיין ייד נישט געוועזן.

זעט דאָך דער שניידער, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, נעבעך, פאַלט אים איין אַ געדאַנק, און ער גיט אים לויטן אַמעריקאַנער מנהג, אַ לייג אַוועק אַזאַ דרשה: „שוין אַ לענגערע צייט, פּריצל לעבן," זאָגט דער שניידער, „אַז צווישן די רבנים איז אַ קריגעריי. טייל האַלטן, אַז מע דאַרף וויקלען די רימענס אָף דער האַנט צ ו זיך, און די אַנדערע האַלטן, אַז מע דאַרף זיי וויקלען פ ו ן זיך. דער אַלטער שניידער, וואָס האָט געאַרבעט ביי דיר, האָט מסתמא געהאַלטן מיט איינעם פון די צוויי צדדים פון די רבנים און האָט געוויקלט לויט זייער נוסח. נאָר איך בין אין די זאַכן אַ פּראָסטער מענטש, און איך ווייס נישט מיט וועמען פון די רבנים צו האַלטן. מיש איך מיך נישט. איך וואַרט ביז זיי וועלן דורכקומען צווישן זיך און איך וויקל דערווייל אין גאַנצן נישט."

פאַר אַן אייגענעם איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך

אין די צאַרישע צייטן איז אַמאָל אַ רייכער ייד—אַ סוחר ערשטע גילדע, געפאָרן אין באַן. געפאָרן איז ער אין אַ באַזונדערן קופּע, ווי סע פּאַסט פאַר אַזאַ סוחר. אַז דער ייד האָט אָפּגעגעסן און פאַרטרונקען מיט אַ גלעזל פיינעם ווייַן, האָט ער פאַררייכערט אַ גוטן ציגאַר, און ס'האָט אים גענומען דרעמלען. אין קופּעי איז דעמאָלט קיינער נישט געוועזן, האָט ער זיך צעקנעפּלט, אויפגעבונדן

דעם שניפּס, צעכראַסטעט דאָס העמד און לויזער געמאַכט דעם פּאַסעק אַרום די הויזן. דער סוחר האָט זיך געקליבן כאַפּן אַ דרעמל.

מיטאַמאָל עפּנט זיך די טיר און סע קומט אַריין אין קופּעי אַן אַלטער גענע־ראַל און זעצט זיך אַנידער אַף אַ באַנק, גלייך אַנטקעגן דעם סוחר.

דער סוחר האָט זיך פאַרשעמט און האָט גענומען שטאַמלען: „אַנטשולדיקט, האָט קיין פאַראיבל נישט.״ און האָט זיך אָנגעהויבן אַף גיך צוקנעפּלען און צו־רעכט מאַכן.

דער גענעראַל האָט גלייך געזען, אַז דאָס איז אַ ייד, און נאָך דעם ווי מ׳האָט זיך צעשמועסט אַביסל, פרעגט אים דער גענעראַל: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, אפשר ווייסט איר—ווען פאַלט אויס האַי־יאַר תשעה־באבֿ?״

דער ייד קוקט אַף דעם גענעראַל ווי מע וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ: אַ גענעראַל, און וויל גאָר וויסן ווען סע פאַלט אויס תשעה־באבֿ! נאָר ער האָט באַלד גענומען אויסרעכענען און זאָגט אים ווען תשעה באב וועט אויספאַלן.

דער גענעראַל דאַנקט אים און דערציילט אים, אַז תשעה־באב האָט ער יאָר־צייט נאָך זיין מוטער. ער אַליין איז פון די אַמאָליקע קאַנטאָניסטן, און איז דאָס גאַנצע לעבן פאַררוואָרפן צווישן גוים, ווייסט ער נישט ווען דער טאָג פאַלט אויס.

„אַ, אַזוי גאָר,״ זאָגט דער סוחר, „זענט איר דאָך מאחינו בני ישראל, אַ יהודי?״ און ער האָט זיך גלייך ווידער צעקנעפּלט און צעכראַסטעט.

דער פויער און דער בעל־עגלה

אַ בעל־עגלה האָט געקויפט ביי אַ פויער אַ פערד. בשעת־מעשה איז קיינער נישט געווען און קיינער האָט נישט געזען ווי דער ייד האָט דעם פויער אויס־געצאָלט דאָס געלט. ווי נאָר דער בעל־עגלה האָט אַוועקגעפירט דאָס פערד, איז דעם פויער אַריין אַ בייזע מחשבה אין קאָפּ: ער האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אַז מ׳האָט ביי אים צוגעגנבעט זיין פערד.

האָט מען גענומען זוכן און נישטערן, און מ׳האָט עס טאַקע באַלד געפונען ווי דער בעל־עגלה האָט עס געפירט צו זיך אַהיים. די פּאָליציי האָט קיין סך נישט געטרעדט און האָט דעם בעל־עגלה און דעם פויער געבראַכט אין געריכט אַריין. דער ריכטער הערט אויס די מעשה און הייסט דעם בעל־עגלה, אַז ער זאָל אומ־קערן דעם פויער דאָס פערד. ס׳האָט נישט געהאָלפן דעם בעל־עגלהס טענהן און בעטן. דער ריכטער האָט אים נאָך באַשטראָפט און געהייסן איינזעצן אין חד־גדיא.

אין געריכט איז בשעת־מעשה געווען אַן אַדוואָקאַט. אים איז די גאַנצע זאַך געווען פאַרדעכטיק. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט דער פויער געמאַכט אַ בילבול אַף דעם ייד, און אים איז איינגעפאַלן ווי אַזוי אויפצודעקן דעם אמת. דער אַדוואָקאַט האָט זיך דורכגעשמועסט שטילערהייט מיט דעם ריכטער, און ס׳איז געבליבן צו מאַכן אַ זאַמלונג פאַר דער פאַמיליע פון דעם פאַרמשפּטן. יע־דער איינער האָט געגעבן וויפל ער האָט געקענט, ווער אַ קליינע מטבע, ווער אַ גרעסערע מטבע.

אַז ס'איז געקומען צום פּויער האָט ער געוואָלט ווייזן זיין גוט האַרץ. ער האָט אַרויסגעשלעפּט זיין בייטעלע געלט פון בוזעם, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ זילבערנעם רובל און דערלאַנגט דעם אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט באַטראַכט די מטבע. ער האָט געמאַכט אַ פּנים ווי אים וואָלט עפּעס נישט געפעלן, און ער האָט אַ זאָג געטון אַף אַ קול: „דאָס איז אַ פאַלשער רובל."

דער פּויער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געוואוסט, אַז פאַר מאַכן פאַלש געלט האַקט מען אָפּ די הענט. ער איז צעטומלט געוואָרן און האָט גענומען שווערן זיך, אַז דאָס האָט אים געגעבן דער בעל־עגלה. ער האָט דערציילט די גאַנצע מעשה און האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט געמאַכט אַ בילבול אַף דעם ייד.

דער גוי און דער וויַין

אַ רייכער גוי, אַ בעל־גוף, האָט נאָך פּסח געפירט אין שטאָט אַריין אַפן יעריד אַ פּאָר אָקסן צו פאַרקויפן. געקומען אַפן יעריד, האָבן זיך באַלד געפונען סוחרים, בעלנים אַף די אָקסן, און דער גוי האָט אָפּגעלייזט פאַר זיי אַ שלל מיט געלט, גאַנצע צוויי הונדערט רובל.

אַז ער האָט שוין געהאַט דאָס געלט ביי זיך אין בייטעלע, זאָגט ער צו עטלעכע גויים פון זיין דאָרף: „קומט, לאָמיר גיין אין שענק אַריין, טרינקען וויין."

אַריינגעקומען, גיט ער אַ זאָג צום שענקער: „העי, מאַשקע, דאַוואַי ווינאַ, דערלאַנג דעם וויין!"

דער שענקער ברענגט אַ קריגל וויין, און דער גוי מיט זיינע פריינט נעמען טרינקען. אויסגעטרונקען, זאָגט ער: „העי, מאַשקע, דאָס איז ביי דיר וויין? דערלאַנג גוטן וויין!"

נעמט דער שענקער און ברענגט אים אַ קריגל בעסערן וויין. די גויים טרינקען אויס דעם וויין, און דער גוי, דער בעל־גוף, פאַרקרימט זיך: „העי, מאַשקע, דאָס איז וויין? איך וויל דעם בעסטן וויין, וואָס דו האָסט!"

נעמט דער שענקער און ברענגט דעם בעסטן וויין. דער גוי טרינקט, און איז ווידער נישט צופרידן: „ניין, מאַשקע, דאָס איז נישט קיין וויין!"

דער שענקער זעט אַזאַ זאַך, פאַרשטייט ער שוין מיט וואָס פאַר אַ מבין ער האָט צו טון. נאָר אַ קלוגער ייד איז ער געווען, פאַלט אים איין, אַז אַזוי ווי ס'איז נאָך דאָ אַביסל פּסחדיקער באָרשט אין פעסל, נעמט ער און שעפּט אָן אַ קריגל באָרשט און דערלאַנגט דאָס דעם גוי. דער גוי טרינקט און פאַסמאַקעוועט זיך: „אָ, אָט דאָס איז וויין! געשמאַק—אַ מחיה!"

דער בעל־גוף האָט נאָך דעם באַצאָלט, און איז אַהיימגעפאָרן.

עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען ס'איז געקומען שניט־צייט, פאָרט דער גוי אַף אַ הויכן וואָגן תבואה פון פעלד.

אַפן וועג איז אַראָפּ אַ ראָד, און דער וואָגן האָט זיך אַזאַ טרעסע געטון, אַז דער גוי איז אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך גוט צעהרגעט. גיט ער אַ זאָג צו די גויים, וואָס זענען צוגעלאָפן, אים אויפצוהייבן: „ווי געפעלט איך דאָס? שוין פינף חדשים, אַז איך האָב געטרונקען דעם וויין, און סע וואַרפט מיט מיר נאָך אַלץ!"

דער רב איז מיט זײַנעם אַן איינפֿאַל מציל די יידן פֿון שטעטל

אַ ייד אין שטעטל האָט זיך געשמדט. זענען די יידן געווען אָף אים פֿאַר־ביטערט. זיי האָבן אים פֿאַראַכט און נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום מגע־ומשא. דעם משומד האָט דאָס פֿאַרדראָסן, און ער האָט געזוכט נוקם צו זיין זיך דערפֿאַר אין אַלע יידן.

איינמאָל גייט ער אַריבער צום פּריץ מיט אַ מסירה: „פּריצל־פּריץ, בייג צו דיין אויער, איך וועל דיר עפּעס דערציילן. די יידן זענען דיר נישט געטריי. די שטאָט געהערט דאָך צו דיר, און אַלע איינוואוינער זענען דיינע. נאָר די יידן, אַז זיי דאַווענען און בעטן זייער גאָט און דאַרפֿן דערמאָנען אַלע אַנדערע פֿעלקער, שפּייען זיי אויס דריי מאָל. מיינט דאָך דאָס, אַז זיי שפּייען אויך אָף דיר. אויב דו גלייבסט מיר נישט, קום מיט מיר מאָרגן אין זייער שול אַריין, וועסטו זען, אַז ס'איז אמת."

דעם פּריץ איז דאָס אַריין אין דער נאָז: מע שפּייט גאָר אָף אים.

אָף מאָרגן איז ער מיט דעם משומד אַוועק אין שול. זיי זענען געקומען פּונקט פֿאַר „עלינו". אַריינגעקומען, האָט דער שמש דעם פּריץ אַרויפֿגעפֿירט אויבן־אָן, אין דער מזרח־וואַנט, און האָט אים אַנידערגעזעצט לעבן דעם רב. דעם משומד האָט מען געלאָזט שטיין ביי דער טיר.

אַז מ'האָט אָנגעהויבן זאָגן „עלינו" און ס'איז געקומען צו די ווערטער „שלא עשנו כגויי הארצות", האָט דער רב, און דער גאַנצער עולם, אויסגעשפּיגן דריי מאָל. דער פּריץ האָט זיך איבערגעצייגט, אַז דער משומד האָט אים דערציילט דעם אמת. זאָגט ער צום רב, אַז גלייך נאָכן דאַווענען זאָל ער קומען צו אים אין הויף, ער דאַרף מיט אים רעדן.

אַז דער פּריץ איז אַוועק, איז אין שול געוואָרן אַ טומל. אַלע האָבן פֿאַר־שטאַנען, אַז דער משומד האָט אָנגעאַרבעט אַ צרה. האָט דער רב גלייך נאָכן דאַווענען גענומען מיט זיך צוויי באַלעבאַטים, און זיי זענען אַריבערגעגאַנגען צום פּריץ. געקומען, פֿרעגט זיי דער פּריץ מיט כעס: „פֿאַרוואָס שפּייט איר, ווען איר דערמאָנט די גויים? געדענקט, די שטאָט איז מיינע, און איר וואוינט דאָ מיט מיין דערלויבעניש און גענאָד."

באַרויקט אים דער רב און ענטפֿערט: „ניין, פּריץ־לעבן, מיר שפּייען נישט, חלילה, אָף דיר, און נישט אָף קיין אַנדערע פֿעלקער. די מעשה מיט דעם שפּייען איז אַזאַ: אָף יענער וועלט זענען דאָ צוויי טויערן. איינער פֿאַר יידן, און דער צווייטער פֿאַר גויים. ביי יעדן טויער שטייט אַ מלאך און גיט אַכטונג, אַז יעדער איינער, וואָס קומט, זאָל גיין אָף זיין פּלאַץ. אַז סע שטאַרבט דאָ, אָף דער וועלט, אַ ייד, און מע ברענגט אים אין הימל אַריין, נעמט אים דער מלאך, ביי דעם יידישן טויער, אונטערן אָרעם און ווייזט אים אָן ווי אַזוי צו גיין אָף זיין פּלאַץ. אַז סע שטאַרבט דאָ אַ גוי, און מע ברענגט אים אָף יענער וועלט, נעמט אים דער מלאך, ביי דעם גויאישן טויער, אונטערן אָרעם און ווייזט אים אָן ווי אַזוי צו גיין צו זיין פּלאַץ.

איינמאָל האָט מען געבראַכט אָף יענער וועלט אַ משומד. האָט דער שומר

ביי דעם יידישן טויער געזאָגט, אַז ער איז נישט זיינער, ער איז אַ משומד. דער צווייטער שומר האָט געטענהט דאָסזעלבע, אַז ער איז נישט זיינער. ער האָט אַנגעוויזן, אַז ער האָט דעם יידישן צייכן. האָבן זיך די צוויי מלאכים שטאַרק צעקריגט. אַז דער רבונו של עולם האָט דערהערט זייערע געשרייען, פרעגט ער זיי, וואָס זיי קריגן זיך. דערציילן זיי אים די מעשה מיט דעם משומד. האָט דער אייבערשטער דריי מאָל אַ שפּיי געטון: „טפו, טפו, טפו! איבער אַ משומד קריגט איר אייך?!"

„פון דעמאָלט אָן, פריץ־לעבן," האָט דער רב געענדיקט די מעשה, „אַז מיר זעען אַ משומד, שפּייען מיר אויס דריי מאָל. ווען דו ביסט אַריינגעקומען אין שול, און איך האָב דערזען הינטער דיר דעם משומד, האָב איך און אַלע יידן אויסגעשפּיגן."

דאָס איז געווען גענוג. דער פריץ האָט דעם משומד פאַרטריבן פון שטעטל, און די יידן זענען דאָרט ווייטער געבליבן וואוינען בשלום.

אַ ייד שמדט זיך נישט

צו ר' מענדעלע ליבאַוויטשער אין שטוב איז אַמאָל אַריינגעפאַלן אַ חסיד מיט אַ געוואַלד: „רבי, אַן אומגליק האָט געטראָפן ביי אונז אין שטאָט, אַ ייד האָט זיך געשמדט!"

„וויס איך וואָס!" זאָגט ר' מענדעלע, „דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט! נאַרישקייט, אַ ייד שמדט זיך נישט! דער, וואָס האָט זיך געשמדט, איז נישט געווען קיין ייד!"

דער חסיד קוקט אים אָן פאַרחידושט: „וואָס הייסט, רבי? מיר אַלע קענען אים. ער איז אַ באַקענטער באַלעבאָס ביי אונז אין שטאָט."

„הער אויס," זאָגט צו אים דער רבי, "איך וועל דיר דערקלערן, וועסטו פאַרשטיין. די גמרא זאָגט, אַז איידער דער רבונו־של־עולם האָט געגעבן די יידן די תורה, איז ער מיט איר געקומען קודם צו אַלע אומות־העולם און זיי געפרעגט, צי זיי ווילן זי מקבל זיין. ,וואָס שטייט דאָרט געשריבן?' האָבן אים די אומות געפרעגט. האָט דער אייבערשטער געענטפערט: ,לא תרצח—דו זאָלסט נישט מאָרדן! לא תגנוב—דו זאָלסט נישט גנבענען!' ,ניין,' האָבן זיי געזאָגט, ,מיר ווילן נישט אַזאַ תורה!'

„צום סוף איז ער געקומען מיט איר צו די יידן און האָט זיי געפרעגט: ,איר ווילט מקבל זיין די תורה?' ,יאָ!' האָבן זיי אויסגעשריגן נישט פרעגנדיק קיין קשיות. ,מיר ווילן מקבל זיין די תורה! נעשה ונשמע—מיר וועלן טון און פאָלגן!'

„מיינסטו, ר' ייד," דערקלערט אים ווייטער דער רבי, „אַז אַלע גוים האָבן געזאָגט, ניין, זיי ווילן נישט? עס זענען געווען צווישן זיי אַ סך וואָס האָבן געזאָגט ,יאָ!' נאָר היות ווי די מערסטע האָבן געזאָגט ,ניין,' איז געבליבן ניין. און אַזוי אויך מיט די יידן. נישט אַלע יידן האָבן געזאָגט ,יאָ', זיי ווילן. געווען אַ סך, וואָס האָבן געזאָגט ,ניין!' נאָר היות ווי די מערסטע האָבן געזאָגט ,יאָ', איז

געבליבן י אָ. איצט פֿאַרשטייסטו שוין?״ ענדיקט ר׳ מענדעלע, „דאָס ביסל גוֹיִים, וואָס האָט געזאָגט ,יאָ׳, איז זיך ביסלעכווייז מגייר, און זיי ווערן יידן. און דאָס ביסל יידן, וואָס האָט געזאָגט ,ניין׳, זיי שמדען זיך און ווערן גוֹיִים.״

אַ משומד קומט אויך אַמאָל צוניץ

ביי די גרעניצן צווישן דעם אַמאָליקן ארץ ישראל און דעם לאַנד ארם (אַראַם) האָט געבושעוועט אַ באַנדע גזלנים. אין די נעכט האָבן די גזלנים גע־לאַקערט פֿון די באַהעלטענישן, און אַז זיי האָבן געזען קומען דורכפֿאָרער, זע־נען די רויבער זיי באַפֿאַלן און האָבן זיי באַרויבט און געטייט.

אין דער פֿרי, אַז ס׳איז געוואָרן ליכטיק און די גרענעץ־וועכטער האָבן גע־פֿונען די טויטע, האָבן זיי גענומען די קערפּערס, זיי מקבר צו זיין. איז דאָך אָבער געווען אַ פּראַגע, וואו מע זאָל די טויטע מקבר זיין: אויף אַ יידישן בית־עולם, צי אויף אַ צווינטער? האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז אויב דער טויטער האָט דעם יידישן סימן, דאָס הייסט, אויב ער איז געמלעט, האָבן זיי אים איבערגעגעבן די יידן, און אויב נישט, האָבן זיי אים אָוועקגעפֿירט צו די גוֹיִים.

האָט זיך אָבער אָפּט געמאַכט, אַז מ׳האָט אויך געפֿונען דעם טויטן קערפּער פֿון אַ פֿרוי. וואָס זאָל מען דעמאָלט טון? ווי אַזוי דערקענט מען דעמאָלט, צי דאָס איז אַ יידישקע, צי אַ גויע? האָט מען געטראַכט און געטראַכט, ביז מ׳האָט זיך דערטראַכט צו עפּעס, אַז אַזאַ טויטע קען מען דערקענען אָן דעם ריח פֿון איר מויל. און ס׳איז געבליבן, אַז מע זאָל אַ שמעק טון: פֿילט זיך קוגל—איז דאָס אַ יידישע, און אויב סע פֿילט זיך חזיר פֿון איר מויל—איז דאָס זיכער אַ גויעשע.

ווען מען מאַכט מען אָבער פֿאַר דעם שמעקער? מאַכן אַ גוי—ווייסט ער דאָך נישט דעם ריח פֿון קוגל. מאַכן ווידער אַ ייד פֿאַר דעם שמעקער—ווייסט ער דאָך נישט דעם ריח פֿון חזיר. האָט מען געטראַכט און געטראַכט, ביז מ׳האָט זיך ווידער דערטראַכט. און ס׳איז געבליבן, אַז מע זאָל נעמען אַ משומד פֿאַר אַ שמעקער. וואָרן אַ משומד ווייסט דאָך דעם ריח סיי פֿון קוגל און סיי פֿון חזיר.

ער האָט פֿון ווענען זיך אָפּצולערנען

ביים שטעטל האָט געוואוינט אַ פּריץ, אַ גוי, ווי ביי אַ סך יידישע שטעט־לעך אין פּוילן. האָט דערדאָזיקער פּריץ געהאַט ביי זיך אין דאָרף אַ ייד, אַ קרעטשמער. איז דאָס געווען אַ ייד ווי אַ סך יידישע קרעטשמערס אין יענע דער־פֿער. נאָר אַזוי ווי דער פּריץ האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון זיין קרעטשמער, האָט ער אים צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך שמדן.

דער ייד האָט קודם נישט געוואָלט אפילו הערן פֿון דעם. נאָר דער פּריץ האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט דעם קרעטשמער צוגעזאָגט גילדענע גליקן, ער וועט אים מאַכן פֿאַר דעם פֿאַרוואַלטער איבער זיין גאַנצן הויף און פֿון אַלע זיינע גיטער, אויב ער וועט אים פֿאָלגן און וועט זיך שמדן.

הכלל, דער פּריץ האָט אַזוי לאַנג גערעדט איבער אים, ביז דער ייִד האָט איינגעוויליקט, ער וועט זיך שמדן. ער האָט זיך אָבער אויסגענומען מיטן פּריץ, אַז ער זאָל אים באַשיצן, אַז ייִדן זאָלן אים נישט פאַרפאָלגן און נישט באַליידיקן. עס איז נאָך דעם אַריבער אַ שטיקל צייט.

איינמאָל רופט דער פּריץ צו זיך אין הויף דעם שניידער פון שטעטל, בערל דעם שניידער, אַז ער זאָל אים באַנייען צוזאַמען מיט דעם גאַנצן הויף.

בערל שניידער איז געקומען מיט זיין שניידער־געזעל און האָט זיך אין גיכן אַוועקגעזעצט נייען. נאָר ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און דער משומד האָט אים גענומען זאָגן דעות. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין טשעפּען. ווי אַזוי דער שניידער האָט געטון, איז אים נישט געפעלן. הכלל, דער שניידער האָט גע־מיינט, אַז ער וועט פון אים אויסשפּייען די גרינע גאַל. ער האָט אים אָנגעטון אַזעלכע געברענטע צרות, אַז איינמאָל האָט דער שניידער צו אים אַ געשריי געטון: „גיי צו אַלדי רוחות, דו משומד!"

נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? מער האָט שוין דער אומגליקלעכער שניידער נישט באַדאַרפט. מ'האָט אים גלייך געשלאָסן אין קייטן און מ'האָט אים געפירט הענגען. אַז מ'איז צוגעקומען צו דער תליה, פרעגט אים דער פּריץ: „זאָג נאָר, דו ייִדעלע, פאַרוואָס האָסטו דעם פאַן יאַנעק געזאָגט, אַז ער זאָל גיין צום טייוול? דו האָסט דאָך געוואוסט, אַז דו וועסט דערפאַר באַצאָלן מיט דיין לעבן."

זאָגט דער שניידער: „ניין, פּריצל לעבן, נישט איך האָב דאָס געזאָגט דעם פאַן יאַנעק. דאָס האָט גאָט געזאָגט."

ווערט אַ געלעכטער, און אַלע קוקן אים אָן און ווילן וויסן וואָס ער מיינט.

„לאָמיך רעדן, פּריצל, וועסטו הערן ווי אַזוי גאָט האָט דאָס געזאָגט."

„רעד!" האָט דער פּריץ אַ זאָג געטון אויף אַ קול, „און לאָמיר הערן!"

און בערל דער שניידער נעמט דערציילן: „אַז אַ מענטש שטאַרבט, פּריצל לעבן, ווייסטו דאָך, גייט זיין נשמה אַרויף אויפן הימל. און דאָרט, דורך וואַנען די נשמות דאַרפן דורכגיין, זענען דאָ דריי טויערן. ביי איין טויער שטייט אברהם אבינו, אונזער פאָטערל אַברהם מיט זיינע לייט. ביי דעם צווייטן טויער שטייט דאָס יויזל, אייער גאָט מיט זיינע לייט, און ביים דריטן טויער שטייט דער אשמדאי מיט זיינע טייוואָלים. אַז סע קומט אַהין אַ ייִד—נעמט אים אברהם אבינו גלייך אונטער זיין באַשיץ. אַס סע קומט אַהין אַ גוי—נעמט אים דאָס יויזל אונטער זיינע פליגל.

„נאָר איינמאָל האָט מען געבראַכט אַהין אַ משומד. אַז אברהם האָט געזען דעם ייִדישן סימן, אַז ער איז געמלעט, האָט ער געזאָגט, אַז ער געהערט צו אים. נאָר דאָס יויזל האָט באַמערקט, אַז דער משומד טראָגט אַ צלם האָט ער געטענהט, אַז ער געהערט צו אים.

„הכלל, זיי האָבן זיך ביידע אַזוי לאַנג געאַמפּערט, ביז אַ מלאך האָט זיך אַריינגעמישט און זיי געהייסן האָבן אַ דין־תורה פאַר דעם אייבערשטן אַליין. און ווי אַזוי דער רבונו־של־עולם וועט פסקענען—אַזוי וועט בלייבן.

„האָבן זיי ביידע אַזוי געטון. אַז דער אייבערשטער האָט אויסגעהערט זייער'ע

טענות, און ער האָט באַמערקט דעם משומד מיט זיינע צוויי סימנים, האָט ער אַ געשריי געטון מיט צאָרן, אַז ער באַלאַנגט נישט צו די יידן און נישט צו די גויים, ער געהערט צום טייוול!״

און דער שניידער האָט געענדיקט: „און איך, טייערער פּריצל, גלייב שטאַרק אין גאָט, און איך טו אַלץ, וואָס גאָט הייסט מיר צו טון. איך האָב דעריבער געזאָגט דעם פּאַן יאַנעק, וואָס דער אייבערשטער האָט געזאָגט יענעם משומד, אַז ער זאָל גיין צום טייוול.״

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און דער פּריץ האָט בערלען געקלאַפּט אין פּלייצע און אים גלייך באַפרייט. און דעם משומד, אים האָט ער געשיקט צום טייוול.

אַפילו אַ משוגענער אַליין ווייסט, אַז יעדע שטאָט מוז האָבן איר משוגענעם

האָט איר שוין געהערט אַמאָל, אַז אַ יידיש שטעטל זאָל נישט האָבן זיין משוגענעם? אַפילו די משוגעים אַליין ווייסן, אַז יעדע שטאָט מוז זיך האָבן איר משוגענעם. און אַמאָל—אַפילו צוויי און דריי משוגעים.

און ווי איר ווייסט, זענען דאָ אַלערליי משוגעים אין די שטעטלעך. פאַראַן משוגעים, וואָס שלעפּן זיך אַרום איבער די גאַסן שטיל און שטום. זיי זענען נעבעך, שטענדיק מרה־שחורהדיק. ווער ווייסט וואָס זיי דריקט? פאַראַן אַנדערע, וואָס מורמלען עפּעס כסדר און שעפּטשען צו זיך אַליין. און ווידער נאָך אַנדערע, וואָס רעדן כסדר אויף אַ קול, און האַלטן אין איין טענהן ווי זיי וואָלטן זיך שטענדיק אַרומגעקריגט מיט עמיצן. פאַראַן אַלערליי.

קעגן וואָס זאָג איך דאָס? קעגן איינעם אַ משוגענעם אין דער שטאָט סמאַרגאָן. און דאָס, וואָס איך וויל אייך דערציילן, איז אַן אמתע מעשה, נישט קיין אויסגעטראַכטע. זי האָט טאַקע געטראָפן מיט מיר אַליין.

אין סמאַרגאָן זענען געווען צוויי משוגעים, נישט פאַר אונז געדאַכט, אַ ייד און אַ יידינע. איין שיינעם טאָג איז דער מאַן—דער משוגענער, געשטאָרבן, און אַ סוף! ס'האָט קיינער נישט געוויינט נאָך אים. געבליבן איין משוגענער אין שטאָט.

איינמאָל גיי איך מיר מיט מיינעם אַ פריינד שפּאַצירן. ווי מיר גייען אַזוי, זעען מיר אין מיטן גאַס עפּעס אַן עולם. און מע שטופּט זיך. זענען מיר ביי־געריק, און מיר גייען צו, צו זען וואָס דאַרטן טוט זיך.

מיר גיבן אַ קוק, ערשט—די משוגענע זיצט אויף דר'ערד און רעדט פון זאַכן נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, און דער עולם לאַכט. זעען מיר דאָך מיט ווע־מען מ'האָט צו טון, זאָג איך צו מיין פריינד: „אַ געבענטשטע שטאָט, אונזער שטאָט. מיר קענען נישט אויסקומען אָן אַ משוגענעם.״

די משוגענע האָט דאָס דערהערט. שפּרינגט זי אויף און גיט אַ געשריי: „זע נאַר, זע. אַ שטאָט מוז דאָך האָבן איר משוגענעם! ווער דו משוגע—פאַר איך מיר גלייך אַוועק פון דאַנען.״

אַ משוגענער רעדט אויך אַמאָל קלאָר

איר ווייסט דאָך, איטלעכע שטאָט האָט זיך איר משוגענעם. און פּינסק איז נישט געווען קיין אויסנאַם. זי האָט זיך געהאַט איר משוגענעם.

נאָר דער פּינסקער משוגענער, שילם האָט ער געהייסן, איז געווען אַביסל אַנדערש פון אַנדערע משוגענע. ער האָט אַמאָל געקענט גוט לערנען און שיין דאַווענען. דאָס איז געווען, איידער ער איז משוגע געוואָרן. און אַפּילו משוגע־נערהייט איז ער אָפט אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן און האָט געלערנט אויסנווייניק אַף אַ קול. און אַז ס'איז געקומען פרייטאָג בייטאָג איז דער משוגענער שילם אַרומגעלאָפן אין מאַרק און האָט געשריגן, אַז ס'איז צייט צו פאַרמאַכן די קראָמען, און ער האָט גענומען מקבל־שבת זיין און זינגען אַף אַ קול לכו נרננה און לכה דודי.

שילם האָט אויך געהאַט אַ טבע צו נעמען שרייען, אַז די גאַנצע וועלט איז משוגע. אַלע זענען משוגע, נאָר ער איינער איז קלאָר. צייטנווייז איז ער אין אַזאַ מינוט געוואָרן אַזוי ווילד, אַז מ'האָט אים געמוזט בינדן מיט שטריק.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ווען מ'האָט אים גענומען בינדן, פרעגט אים איינער: „שילם, אויב אַלע זענען משוגע, נאָר איר איינער זענט קלאָר, פאַרוואָס מוז מען אייך בינדן מיט שטריק און נישט די אַנדערע?"

שילם טראַכט נישט לאַנג און ענטפערט: „וואָס פאַרשטייט איר נישט? ווען מע זאָל וועלן אַלעמען בינדן, וואָלטן קיין שטריק נישט געסטייעט. דעריבער בינדט מען בלויז מיך אַליין."

פּעקלעך פון הימל

אין שאַוועל איז געווען אַ משוגענער. לייבע זעליג דער משוגענער, האָט מען אים גערופן. קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען דאָרט אין שטאָט. געקומען, און איז געוואָרן אַן אייגענער אין שטאָט. קינד־און־קייט האָט אים געקענט.

געווען צייטן, ווען זיין משוגעת האָט אים אָפּגעלאָזט, און ער האָט גערעדט קלאָר. דעמאָלט האָבן מענטשן ליב געהאַט צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ סוחר, אַ וועלט־מענטש. איינמאָל פרעגט אים איינער: „לייבע זעליג, פון וואָס זענט איר אַראָפּ פון זינען?"

לייבע זעליג האָט זיך נישט געפונען באַליידיקט וואָס מע פרעגט אים אַזאַ זאַך, און ער ענטפערט: „איך וועל אייך דערציילן, ליבע מענטשן. איר ווילט דאָך וויסן, וועל איך אייך דערציילן. איר ווייסט דאָך, מיר האָבן אַ גאָט אין הימל, און גאָט וואַרפט איטלעכן אַראָפּ זיין פּעקל. איינעם וואַרפט ער אַראָפּ אַ פּעקל מיט כל־טוב, אַן אַנדערער קריגט אַ פּעקל מיט צרות, אַ דריטן גיט ער אַ פּעקל מיט נחת פון קינדער, און אַ פערטער קריגט אַ פּעקל מיט צרות פון קינדער. אַזוי גיט ער יעדן איינעם זיין פּעקל. אויך מיר האָט גאָט אַראָפּגעוואָרפן מיין פּעקל. נאָר ער האָט מיר געטראָפן מיט דעם פּעקל גלייך אין קאָפּ, און איך בין משוגע געוואָרן."

אַז מע זאָגט משוגע—גלייב

דעם גבירס אײדעם אין שטעטל האָט עפּעס געגומען פּלוצים פּלאָנטערן מיט דער צונג, נישט פּאַר קיין גוטן ייִד געדאַכט, און רעדן פון וועג אַראָפּ. פון אָנהייב האָט מען געמיינט, אַז ער מאַכט זיך. אַ גביריש אײדעמל—שפּילט ער קאָמעדיע. האָט זיין ווייבל טעלעכע מאָל אָנגעשריגן אַף אים. נאָר אַז מ׳האָט געזען, אַז ער הערט נישט אויף, האָט מען געגומען ברענגען צו אים דאָקטוירים, מ׳איז געפאָרן מיט אים קיין לעמבעריק צו גרויסע פּראָפעסאָרן, און דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט אים דאָרט געמוזט אַריינגעבן אין די בערגיטקעס, אין משוגעים־הויז אַריין.

אַלע פּאָר וואָכן איז זיין ווייבל, נעבעך, געפאָרן, אים זען. האָט דאָרט גערעדט מיט אים און פאַרבראַכט אַביסל. די דאָקטוירים האָבן איר געגעבן גוטע האָפענונגען: ס׳וועט נעמען אַ שטיקל צייט, און ער וועט קענען אַהיימפאָרן. אַזוי איז אַריבער אַ יאָר און צוויי, און מ׳האָט איר מאַן נאָך אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט. איינמאָל שטייט זי צו צו איר פאָטער, אַז ער זאָל זען און טון עפּעס. מ׳האַלט איר מאַן דאָרט שוין אַזוי לאַנג, און איטלעכס מאָל, וואָס זי קומט, גיט מען איר גוטע האָפענונג און דאָך לאָזט מען אים נישט אַרויס.

דער פאָטער איז מיט איר אַוועקגעפאָרן קיין לעמבעריק, און זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום פּראָפעסאָר פון דעם משוגעים־הויז. זיי האָבן גענומען טענהן: סטייטש? דער יונגערמאַן איז שוין אויסקורירט. וואָס האַלט מען אים דאָרט? „וויפיל איז דער שיר צו מאַטערן אַ געזונטן מענטש?״ האָט דאָס ווייבל געטענהט. „ער רעדט צו דער זאַך און איז געזונט.״

דער פּראָפעסאָר האָט גענומען דעם ענין אין זיינע הענט. ער האָט געהייסן דער אומגליקלעכער מיט איר פאָטער, אַז זיי זאָלן קומען אַפן אַנדערן טאָג און פאַרברענגען דאָרט מיט זייער חולה אַ פּאָר שעה.

דער גביר און זיין טאָכטער זענען געקומען און זענען מיט זייער חולה אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אין גאָרטן. מ׳האָט גערעדט צוזאַמען וועגן אַלערליי זאַכן, און דער פאָטער און זיין טאָכטער זענען געווען איבערגליקלעך. דער יונגערמאַן פרעגט זיך נאָך אַף דער היים און רעדט—אַ מחיה.

אַז זיי זענען זיך גוט אָנגעגאַנגען און זענען געוואָרן מיד, האָבן זיי זיך געוואָלט צוזעצן אַף אַ באַנק אַביסל. דער פאָטער און די טאָכטער זעצן זיך, און איר מאַן בלייבט שטיין. זאָגט זי צו אים: „וואָס שטייסטו, מיין מאַן? זעץ דיך.״

„ניין, איך טאָר נישט,״ זאָגט איר מאַן. „זעסטו דען נישט, אַז מיין גאַנץ לייב איז לויטער גלאָז!?״

קלאָר, קלאָר, און פּאָרט משוגע

דער סולטאַן איז אַמאָל געקומען אין משוגעים־הויז אַריין. ער האָט אַליין געוואָלט רעדן מיט די אומגליקלעכע, און זען ווי מע באַהאַנדלט זיי און מיט וואָס מע קען זיי העלפן. ווי ער גייט אַזוי פון צימער צו צימער, זעט ער אין איין פּלאַץ אַ יונגן, געזונטן בחור, שיין אין אויסזען און איידל אין זיין האַלטונג. פרעגט

ער זיך נאָך, וואָס אים פעלט. זאָגט מען אים, אַז ער וויל קיינמאָל נישט גיין שלאָפן. דאָס איז זיין משוגעת.

צערעדט זיך מיט אים דער סולטאַן. און ווי מע שמועסט אַזוי, קומט צו רייד וועגן שלאָפן, און וואָס פאַר אַ געטלעכע און זיסע מתנה דאָס איז פאַר אַלע באַשעפענישן.

„אַדוני מלך,״ זאָגט דער בחור, „איך פאַרשטיי נישט וואָס פאַר אַ פאַרגע־ניגן דער מענטש האָט פון שלאָף. איידער ער לייגט זיך שלאָפן—איז ער דאָך וואָך; היינט אַז ער שלאָפט—פילט ער דאָך נישט דעם שלאָף. און אַז ער וואַכט אויף פון שלאָף, איז דאָך דער שלאָף שוין אַוועק. טאָ ווען פילט ער און האָט פון שלאָף הנאה?״

דעם סולטאַן איז דער געדאַנק זייער געפעלן: ער רעדט, דאַכט זיך, שוין גאָרנישט ניט ווי קיין משוגענער. הייסט ער ברענגען אַ פלאַש וויין, און בעט דעם בחור, אַז ער זאָל מיט אים טרינקען. ער האָט גערעכנט, אַז דער וויין וועט אים איינשלעפערן. נאָר דער בחור דאַנקט אים, און וויל נישט טרינקען.

„אַדוני מלך,״ זאָגט ער צום סולטאַן, „דו ווילסט טרינקען, אַז דו זאָלסט דערהויבן ווערן צו דער מדרגה, וואָס איך בין. נאָר צו וואָס דאַרף איך טרינקען? אַז ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ מענטש, וואָס איך זאָל מיך וועלן גלייכן צו אים!״

דער עושר און די צוויי פאַציענטן אין משוגעים־הויז

אַ ייד—אַ נגיד איז אַמאָל געקומען אין אַ משוגעים־הויז. ער האָט געוואָלט זען ווי אַזוי די פאַציענטן לעבן דאָרט און וואָס זיי טוען גאַנצע טעג.

ווי ער גייט אַזוי פון איין צימער אין אַנדערן, באַמערקט ער אין אַ ווינקל ווי איינער זיצט מיט אַ העברייאישער צייטונג אין האַנט און לייענט.

„דאָס איז זיכער נישט קיין פּראָסטער מענטש,״ טראַכט דער נגיד. און ער גייט־צו צו אים און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס. וואָס ער רעדט מיט אים, זעט ער, אַז דער מענטש ווייזט אַרויס גרויס פאַרשטענדעניש, ענטפערט קלאָר און קלוג. אַז ער האָט געענדיקט רעדן, זעגנט ער זיך מיט אים און ער גייט ווייטער.

אין דעמזעלבן צימער האָט דער נגיד באַמערקט ווי אַ ייד זיצט ביי אַ טיש און לערנט גמרא. „דער ייד איז זיכער אַ תלמיד־חכם,״ טראַכט דער נגיד. און ער גייט צו צו אים, גיט אים שלום און הייבט אָן רעדן מיט אים תורה־זאַכן. וואָס מער ער רעדט מיט אים—אַלץ מער זעט ער וואָס פאַר אַ חכם ס'איז דער ייד. וואונדערט זיך דער נגיד. מיטאַמאָל ווייזט ער אָן אויף דעם ייד מיט דער העברייאישער צייטונג און פרעגט אים: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס האַלט מען דאָ אַזאַ מענטש? ער רעדט דאָך וועגן אַלץ קלאָר און מיט פאַרשטאַנד.״

„ער איז אַ משוגענער,״ ענטפערט דער גמרא־ייד. „ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז משיח.״

„פון וואַנען ווייסט איר, אַז ער איז נישט?״ פרעגט דער נגיד.

„וואָס הייסט, פון וואַנען איך ווייס? אַז איך בין גאָט—זאָל איך נישט וויסן ווער ס'איז משיח?״

טאַקע משוגע, נאָר ער גיט אים אַ קלאָרן ענטפֿער

שמואל פּויטאַש, דער קאַלאַמייער שטאָט־משוגענער, איז געשטאַנען אַנט־קעגן דעם גביר אין שול און האָט זיך געקאָכט: „סטייטש, וואָס הייסט? אַ גאַנץ יאָר גיט מען אים בלויז איין מאָל אַן עליה,״ אַפֿילו שמחת־תורה פֿאַרגעסט מען אָן אים. און אַז מע רופֿט אים שוין אויף איין מאָל אין יאָר, איז וואָס פֿאַר אַן עליה גיט מען אים?—די תוכחה. אַ פּרשה, וואָס קיין ייד וויל נישט. ער וועט מער נישט עולה זיין,״ האָט ער געשריגן.

דער גביר, וואָס איז געווען דער גבאי פֿון שול, הערט אים אויס, שמייכלט און פֿרעגט אים: „ר׳ שמואל, וואָס האָט איר פֿאַר אַ טענות, וואָס? פֿאַרוואָס נעמט איר אייך נישט צוזאַמען און איר מאַכט אייך נישט קיין אייגענע שול? אָט זעט, יעדער מין האָט זיך זיין שול: די שניידערס האָבן זיך אַ שניידערשע שול, די שוס־טערס—אַ שוסטערשע שול, די קצבים האָבן זיך אַ קצבים־שול. יעדער האָט זיך זיין שול.״

שמואל פּויטאַש ווערט זייער ערנסט און ענטפֿערט: „ר׳ קאָפּל, איר זענט זייער גערעכט. נאָר גיט אַ קוק, ווער ווערט משוגע?—אַן אָרימאַן. טאָ פֿון וואַנען זאָלן אָרימעלייט נעמען צו מאַכן זיך אַן אייגענע שול? זעט איר, ווען איר וואָלט אויך משוגע געוואָרן, און צוזאַמען מיט אייך נאָך עטלעכע גבירים, דעמאָלט וואָלטן מיר געקענט האָבן אַן אייגענע שול.״

אַן ערלעכער גלח

אין דאָרף איז געווען אַ גלח, אַן אַלטער ערלעכער גלח. ער איז געווען אַן איינגייער ביי שלמהן, דעם אַרענדאַר, אין שטוב, און האָט ליב געהאַט צו שמו־עסן מיט אים וועגן העכערע ענינים.

„אונזער שליאַמקע איז אַ קלוגער ייד,״ פֿלעגט ער זאָגן די גויים, ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם קרעטשמער. דאָס האָט ביי די גויים אַרויסגערופֿן אַפֿשיי צו די יידן, און זיי האָבן זיי נישט געטשעפּעט.

מאַכט זיך אַמאָל און דער גלח קריגט אַ בריוו, אַז דעם און דעם טאָג וועט קומען אין דאָרף אַריין דער בישאָף. דאָס האָט דעם אַלטן גלח אַביסל אַרויסגע־שטויסן פֿון דער קאָלעיע און ער איז געוואָרן צעטומלט. אַ קלייניקייט—דער בישאָף! וועט מען דאָך דאַרפֿן מאַכן לכבוד אים אַ פּראָצעסיע און האַלטן אַ דרשה. און דאָ איז ער אַלט, און דער קאָפּ אַרבעט שוין נישט אַזוי. וואָס טוט מען? טראַכט ער זיך, מע דאַרף אַריבערגיין צו שליאַמקען, דער ייד איז אַ קלוגער מענטש, וועט ער זיך מיישב זיין מיט אים. געקומען צום קרעטשמער, דערציילט אים דער גלח די גאַנצע מעשה. מילא, אַ פּראָצעסיע ווי אַ פּראָצעסיע. דאָס וועט ער שוין ווי עס איז מאַכן. נאָר די דרשה! וואָס טוט מען מיט דער דרשה, וואָס טוט מען?

זאָגט דער קרעטשמער: „נישט געדאגהט, פּאַטערל. סע וועט זיין אַ דרשה אויך. אַזוי ווי יענעם טאָג פֿאַלט אויס דער טאָג פֿון דעם הייליקן שטעפֿאַן, וועלן

מיר שוין מאַכן, אַז ס'זאָל זיין גוט. איך וועל דיר ברענגען די דרשה אָן אָנגע־שריבענע אין אַ פּאָר טעג אַרום.

דעם גלח איז די זאַך געפעלן. דער קרעטשמער האָט אים אָנגעשריבן די דרשה מיט אַלע שיינע ווערטער און געהויבענע טיטלען לכבוד דעם בישאָף. דערביי האָט ער אויך דערציילט אַ מעשהלע ווי אַזוי דער הייליקער שטעפאַן איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיינע תלמידים אין וואַלד, און זיי האָבן פאַרבלאָנ־דזשעט. דרייסיק מענטשן זענען זיי געווען, און זיי האָבן געהאַט מיט זיך בלויז דריי ברויט. נאָר זיי האָבן קיין הונגער נישט געליטן. דער הייליקער שטעפאַן האָט באַוויזן אַ וואונדער און ער האָט מיט די דריי ברויט געשפּייזט די מחנה גאַנצע פיר מעת־לעת.

דער גלח איז געווען מלא גדולה. אַ גוטער איינפאַל שליאַמקעס.

אַז דער בישאָף איז געקומען צו פאָרן, האָט מען געמאַכט אין דאָרף אַ גרוי־סע פּראָצעסיע, מ'האָט אַרויסגעטראָגן אַלע הייליקע בילדער, און דער אַלטער גלח האָט נאָך דעם געהאַלטן די דרשה. נאָר פון די דרייסיק פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן איז ביי אים געוואָרן דריי, און פון די דריי ברויט איז ביי אים געוואָרן דרייסיק. דער קרעטשמער האָט געמיינט, אַז ער עקט זיך.

אויפן אַנדערן טאָג איז דער גלח געקומען צום קרעטשמער, אים נאָכאַמאָל צו דאַנקען פאַר דער דרשה. זאָגט צו אים דער ייד: „פּאַטערל, דו האָסט דאָך אין גאַנצן צעדרייט די מעשה."

„יאָ, איך ווייס," זאָגט דער גלח, „נאָר פאַרשטייסטו מיך, שליאַמקע, דו ביסט נאָך אַ יונגער מענטש. אַז דו דערציילסט אַ ליגן—איז נישט אַזוי געפערלעך. נאָר איך, איך בין דאָך שוין אַן אַלטער מאַן, פאַר מיר פּאַסט נישט צו דערציילן אַזאַ ליגן."

אַ קלוגער ענטפער פאַרוואָס יידן טאָרן נישט טראָגן קיין שעטנז

אַ ייד, אַ סוחר, איז געפאָרן אין באַן. אין וועג אויף אַ סטאַנציע קומט אַרויף אַ גלח און זעצט זיך אַנידער לעבן דעם ייד. אַז מע פאָרט צוזאַמען—שמועסט מען. און דער ייד זעט, אַז דער גלח האָט זיך ליב צו גריבלען וועגן העכערע זאַכן. קומט צו רייד וועגן שעטנז, פאַרוואָס די תורה האָט פאַרבאָטן יידן צו טראָגן שעטנז, אַ בגד, וואָס איז געוועבט פון וואָל און פלאַקס צוזאַמען. ער קען יידן, זאָגט דער גלח, און ער ווייסט, אַז זיי זענען אַ קלוג פאָלק. ער קען דעריבער נישט פאַרשטיין פאַרוואָס יידן זאָלן האָבן אַזאַ פאַרבאָט נישט צו טאָרן טראָגן קיין שעטנז.

דער ייד גיט אַ טראַכט. און בשעת־מעשה פאַלט אים איין אַ געדאַנק, און ער ענטפערט: „די זאַך איז זייער פּשוט. דאָס איז איינגעפירט געוואָרן, צו דער־מאָנען זיך אָן אַ גרויס אומגליק, וואָס האָט אַמאָל געטראָפן אויף דער וועלט. אַ העלפט פון דער מענטשהייט איז דעמאָלט אומגעקומען אין אַ קריג צוליב וואָל און פלאַקס. דאָס איז געווען, ווען קין האָט דערהרגעט הבלן, ביים ברענגען קרבנות צו גאָט, קין—פון זיינע פעלד־זאַכן, און הבל—פון זיינע שאָף.

„די תורה האָט שפּעטער געוואָלט, אַז יידן זאָלן דאָס געדענקען. וואָס טוט מען, אַז מע זאָל דאָס נישט פאַרגעסן? ביי אייך, פעלקער, אַז סע טרעפט אַ גרויסע זאַך,—מעג דאָס זיין סיי אַן אומגליק און סיי אַ גליק, אַ נצחון, און איר ווילט, אַז די שפּעטערע דורות זאָלן דאָס געדענקען—וואָס טוט איר?—איר האַקט אויס מאָנומענטן און איר שטעלט אויף דענקמעלער אין אייערע שטעט, אַז מע זאָל די טרעפעניש נישט פאַרגעסן. ביי אונז יידן האָט די תורה פאַרווערט אויסצוהאַקן בילדער און מאָנומענטן. זי האָט דאָך אָבער געוואָלט, אַז מיר זאָלן יענעם שרעקלעכן קריג צוליב וואָל און פלאַקס נישט פאַרגעסן, דעריבער האָט די תורה אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן נישט טראָגן קיין שעטנז, וואָס איז אַ געמיש פון וואָל און פלאַקס צוזאַמען.

„חוץ דעם,״ זאָגט ווייטער דער ייד, „איר, פעלקער, זיצט אין אייערע שטעט און לענדער. אַז איר שטעלט אויף אַ דענקמאָל, בלייבט ער שטיין אַף דור־דורות. אונז אָבער טרייבט איר פון לאַנד צו לאַנד. אַפילו ווען מיר וואָלטן געמעגט מאַכן אויסגעהאַקטע בילדער און מאָנומענטן, וואָלטן מיר זיי נישט געקענט מיטפירן מיט זיך פון לאַנד צו לאַנד. און דער שרעקלעכער קריג, וואָס אין אים איז אומגעקומען אַ העלפט פון דער מענטשהייט, וואָלט פאַרגעסן געוואָרן צווישן אונזער פאָלק. דעריבער איז ביי אונז איינגעפירט געוואָרן נישט צו טראָגן קיין שעטנז, צו דערמאָנען זיך אין יענעם שווערן אומגליק אַף דער וועלט.״

באַמערקונג: די תורה באַפעלט, אַז נישט נאָר זאָל מען נישט טראָגן קיין שעטנז, נאָר אויך אַנדערע זאַכן זאָל מען נישט מישן צוזאַמען. מע טאָר נישט אויסמישן און זייען צווייערליי זאָמען צוזאַמען, און מע טאָר אַפילו נישט איינשפּאַנען צוזאַמען אַן אָקס מיט אַן אייזל. דאָס אַלץ האָט די תורה פאַרווערט, ווייל איטלעכע זאַך האָט זיך איר אייגנשאַפט און נאַטור. ווען מען מישט זיי אָבער צוזאַמען, פאַרלירן זיי זייער אייגנשאַפט. מעגלעך אויך, אַז די תורה האָט פאַרבאָטן צו טראָגן שעטנז, ווייל ביי די אַמאָליקע אַראַבער האָט מען דורך צוזאַמענמישן פעדים פון וואָל און פלאַקס געטריבן כישוף.

גאָטס מן—אַמאָל און היינט

אַ יידיש מיידל און אַ גלח זענען געפאָרן אין באַן. אין דעמזעלבן וואָגאָן זענען געווען נאָך אַ סך גויים. שמועסט מען און מע באַלאַקעט. קומט צו רייד וועגן יידן. זאָגן די גויים, אַז ס׳איז אַן אמתדיק וואונדער ווי אַזוי די יידן לעבן. אין פּעטערבורג וואוינען לאָזט מען זיי נישט. אין קיעוו און אין אַנדערע גרויסע שטעט לאָזט מען זיי אויך נישט וואוינען. און קיין פעלדער טאָרן זיי אויך נישט האָבן. און כאָטש אַזוי, לעבן זיי. און אַז מע גייט אַריין אין אַ יידישער שטוב—שמעקט עס אין אַלע ווינקעלעך.

„עס איז טאַקע אַ וואונדער,״ זאָגט דער גלח. „אַמאָל האָט גאָט געגעבן די יידן מן פון הימל, האָבן זיי געהאַט פון וואָנען צו לעבן. נאָר היינט גיט זיי נישט גאָט קיין מן, און כאָטש אַזוי, לעבן זיי שענער פון אונז אַלע.״

רופט זיך אָן דאָס מיידל און זאָגט: „איזוויניטיע, באַטיושקע, אַנטשולדיקט מיר, פאָטערל, אויך היינט גיט גאָט די יידן מן. דער חילוק איז נאָר, וואָס אַמאָל האָט ער געגעבן די יידן דעם מן, איטלעכן ביי זיין טיר. היינט גיט ער זיי דעם

מן, יעדן גלייך אין זיין שטוב אַריין. וואָרן די וועלט איז היינט פול מיט חזירים, האָט ער מורא, זיי וועלן אויפפרעסן, אַז ער וועט זיי געבן דעם מן ביי דער טיר.״

פֿאַרוואָס מ׳האָט דעם גויאישן גאָט געטייט

אַ רב און אַ גלח זענען געזעסן און האָבן געשמועסט. איז געקומען צו רייד וועגן רעליגיע און גאָט. פרעגט דער גלח: „וואָס האָט מען געהאַט צו אונזער גאָט? פאַרוואָס האָט מען אים געטייט?״

זאָגט דער רב: „איכ׳ל דיר זאָגן. דו גלייבסט דאָך אין דער תורה, איאָ? קענסטו דאָך די מעשה מיט דעם דור־הפלגה, ווי אַזוי די מענטשן האָבן געבויט אַ טורעם, אַז זיי זאָלן קענען אַרויף אָפן הימל. נאָר אַז גאָט האָט געזען אַזאַ זאַך, איז דאָס אים נישט געפעלן, און ער האָט זיך אַריינגעמישט און האָט צעמישט זייער שפּראַך, און זייער גאַנצע אַרבעט איז צעשטערט געוואָרן. גאָט האָט גע־זאָגט צו זיי: השמים שמים לד׳, והארץ נתן לבני אדם—דער הימל איז פאַר מיר, און אייך האָב איך געגעבן די גאַנצע ערד. טאָ קריכט מער נישט אין הימל, וואָס געהערט נישט צו אייך. די מענטשן זענען איינגעגאַנגען אָף דעם אָפּמאַך. נאָר שפּעטער, אַז אייער גאָט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָף דער ערד, האָבן די מענטשן אים דערמאַנט אין אָפּמאַך. זיי האָבן געטענהט: מיר קריכן נישט אָפן הימל, און דו קריך נישט אָף דר׳ערד. נאָר ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, און איז געבליבן אָף דער ערד. אַז די מענטשן האָבן געזען, אַז אייער גאָט האָט געבראָכן זיין אָפּמאַך, האָבן זיי זיך מיט אים אָפּגערעכנט און געטייט. קענט איר צו זיי האָבן אַ טענה פאַר דעם?״

אַ שטאָך פֿאַר אַ שטאָך

זיצט אַ ייד אין באַן צוזאַמען מיט אַ גלח, און מע שמועסט. מע רעדט וועגן פּאָליטיק, און מע רעדט וועגן יידן און וועגן גויים. דער שמועס איז זייער אַן ערנסטער. אַזוי זענען זיי געוואָרן צווישן זיך היימישער איינער מיטן אַנדערן, און אויפגעלייגטער, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערציילן מעשהלעך, און מ׳האָט געשפּאַסט און זיך געוויצלט.

„איר הערט, מיין ליבער,״ לאַכט דער גלח, „מיר האָט זיך די נאַכט געחלומט אַ מאָדנער חלום.״ און ער דערציילט ווי אים האָט זיך געחלומט, אַז ער איז גע־שטאָרבן, און איז גלייך אַרויף אין הימל אַריין.

„ווי נאָר איך בין געקומען אַהין, נעמט מיך אַ מלאך אונטערן אָרעם און פירט מיך אין גויאישן גן־עדן. אָפן וועג, ווי מיר גייען אַזוי, דערהער איך אין איינעם פון די הימלישע פּאַלאַצן אַ טומל, אַ רעש, אַ געשריי. ווער איך נייגעריק. וואָס קען דאָרט זיין? אין דער מינוט דערזע איך איבערן טויער פון דעם פּאַלאַץ אַ שילד מיט גרויסע אותיות: י י ד י ש ע ר ג ן ־ ע ד ן, שטייט אויפגעשריבן. האָט מיך אַ צי געטון. איך האָב געוואָלט זען ווי אַזוי סע זעט אויס דער יידישער גן־עדן, און וואָס סע טוט זיך דאָרט. וואָס איז דאָס פאַר אַ געשרייען, וואָס מע

הערט פון דאָרטן? איך עפן דעם טויער און גיב אַ קוק—דער זאָל איז פול מיט פושקאַרט־פעדלערס.״

צעשמייכלט זיך דער ייד. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואוהין דער גלח האָט געצילט. זאָגט ער: „פּאַטערל טייערער, אַ מאָדנע זאַך: מיר האָט זיך געחלומט אַן ענלעכער חלום.״ און דער ייד דערציילט ווי אים האָט זיך אויך געחלומט, אַז ער איז געשטאָרבן, און געקומען אין הימל אַריין.

„ווי נאָר איך קום אַהין, באַגעגנט מיך אַ מלאך, נעמט מיך אונטערן אָרעם און פירט מיך אין יידישן גן־עדן אַריין. אָפן וועג קומען מיר צו צו אַ פּאַלאַץ. און פון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַזאַ שטילקייט, אַז אַ פּחד איז געפאַלן אָף מיר. ווער איך נייגעריק: וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַלאַץ? נאָר דאָ דערזע איך איבערן טויער אַ שילד מיט גרויסע אותיות: ג ו י א י ש ע ר ג ן ־ ע ד ן. גיט עס מיך אַ ציי. איך וויל זען, פאַרוואָס איז דאָרט אַזוי שטיל, אַז מע הערט נישט קיין פּיפּס? איך עפן דעם טויער און גיב אַ קוק אינעווייניק—ס'איז ליידיק, פּוסט. אַפילו אַ הונט איז דאָרט נישט געוועזן צו זען.״

ער ענטפערט אים צו דער זאַך

פּריצים זענען זיך צונויפגעקומען צו אַ באַל. האָט מען דאָרט געגעסן און געטרונקען, געשפּילט און געטאַנצט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן רעדן פון זייערע גיטער און געשעפטן, און זיי זענען געוואָרן זייער ערנסט און האָבן זיך גענומען קלאָגן איינער פאַר דעם אַנדערן, אַז די געשעפטן גייען נישט, און פון טאָג צו טאָג ווערט ערגער. בלויז איינער פון זיי האָט זיך גערימט, אַז אים איז נאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען אַזוי גוט ווי איצט. זינט ער האָט צוגענומען דעם יידישן עקאָנאָם מאָשקע—זענען זיינע הכנסות פאַרטאָפּלט געוואָרן.

זיצט דערביי אַ גלח און הערט ווי דער פּריץ רעדט אַזוי וועגן זיין יידישן עקאָנאָם. זאָגט ער, אַז ער וואָלט זיך געוואָלט באַקענען מיט דעם ייד. האָט אים דער פּריץ געבעטן, אַז ער זאָל צו אים אַמאָל אַריבערקומען, וועט ער אים באַקענען מיט זיין עקאָנאָם.

איין שיינעם טאָג קומט דער גלח צו פאָרן צו דעם פּריץ און באַקענט זיך דאָרט מיט דעם ייד. דער גלח האָט מיט אים גערעדט און ער איז אים געפעלן. ער האָט זיך פּשוט נישט געקענט אָפּוואונדערן וואָס פאַר אַ קלוגער ייד דאָס איז. נאָך דעם ווי זיי האָבן אַזוי פאַרבראַכט, האָט דער פּריץ געבעטן דעם גלח, אַז ער זאָל גיין זען זיין גאָרטן. דער ייד, דער עקאָנאָם, האָט זיי אַרומגעפירט און געוויזן די גאַנצע ווירטשאַפט. ווי זיי גייען אַזוי אין גאָרטן, שטעלט זיך אָפּ דער גלח און זאָגט צו דעם ייד מיט אַ שמייכל: „דו זעסט די ביימלעך?״ און ער ווייזט אָן אָף עטלעכע שורות בליענדיקע ביימלעך.

„יאָ,״ זאָגט דער ייד, „איך האָב זיי אַליין פאַרפלאַנצט.״

„איטלעכס ביימל,״ זאָגט דער גלח, „שטעלט פאָר מיט זיך אַן אַנדער פאָלק און אַן אַנדער גלויבן.״ און ער ווייזט אָן: „אָט דאָס זענען די קריסטלעכע פעלקער, און דאָס זענען די מאַכמעדאַנישע פעלקער, און דאָס זענען די פעלקער, וואָס

גלייבן אין בודיזם.״ אַזוי האָט ער אויסגערעכנט אַ סך פעלקער און אמונות. נאָר דאָס יידישע פאָלק און די יידישע אמונה האָט ער נישט דערמאָנט. דער ייד האָט פאַרשטאַנען וואוהין דער גלח צילט. פרעגט ער אים: „נו, און דאָס יידישע פאָלק וואו איז?״

זאָגט דער גלח און ווייזט אָן אין אַ זייט אַף עטלעכע ווילדע געוויקסן: „אָט די קראָפּיווע, דאָס איז דיין פאָלק מיט דיין גלויבן.״

דער ייד האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך, ענטפערט ער אים: „פון אַלע די פעלקער און גלויבנס,״ ווייזט אָן דער ייד אַף די ביימלעך, קען מען מאַכן גוטע בע־זימלעך פאַרן באָד, נאָר פון מיין פאָלק און גלויבן—קען מען אַזאַ זאַך נישט טון.״

דער גוי און דער גלח

איוואַן איז געווען אַן אָרימער גוי. דער גרעסטער חלום איז ביי אים געווען צו דערלעבן צו האָבן אַן אייגן פערדל. וואָרן אַ פּויער אָן אַ פערדל איז ווי אַ בעטלער אָן אַ טאָרבע. האָט ער געאַרבעט און אַזוי לאַנג געשפּאָרט און גע־שפּאָרט, ביז ער האָט אָפּגעשפּאָרט דרייסיק רובל.

איין שיינעם טאָג, ס'איז געווען אָסיען צייט, איז אין שטעטל געווען יעריד. האָט דער גוי גענומען זיין געלט און איז אַוועק אַפן יעריד, צו קויפן אַ פערדל. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך דאָרט אַרומגעדרייט און געדונגען, ביז ער האָט צום סוף אויסגעדונגען און זיך געקויפט אַ פערדל. אַז ער האָט געזען, אַז פון זיין געלט זענען אים נאָך פאַרבליבן עטלעכע רובל, דאַרף מען דאָך פאַרטרינקען. האָט ער אַפן וועג אַהיים זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע, האָט צוגעבונדן דאָס פערדל צו אַ גרויסן, שווערן צלם אין אַ זייט, און איז אַריין אין קרעטשמע, צו טרינקען. אַז ער האָט זיך גוט אָנגעטרונקען, איז ער געוואָרן שיכור און איז אַוועק־געפאַלן ווי אַ קלאָץ און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאָס פערדל אין דרויסן איז דערווייל געוואָרן הונגעריק און ס'איז אים גע־וואָרן קאַלט. האָט זיך עס אָנגעהויבן רייסן און דרייען. הכלל, ס'האָט אַזוי לאַנג געשלעפּט און געריסן, ביז דער צלם איז אומגעפאַלן, און טאַקע גלייך אַפן פערד, און האָט עס דערהרגעט אַף טויט.

אַז איוואַן האָט זיך אויסגעטשוכעט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס אין דרויסן צו זיין פערדל. ער גיט אַ קוק, און סע ווערט אים פינסטער אין די אויגן. דער צלם האָט צעדריקט דאָס פערדל אַף טויט.

דער גוי נעמט וויינען און שעלטן. אַ פאַרביטערטער שעלט ער זיך און שעלט גאָט. אַפן אַנדערן טאָג איז ער אַוועק צום גלח און האָט אים דערציילט פון זיין ביטערער דאַליע. און ער הייבט ווידער אָן צו שעלטן זיך און גאָט. יאָ, גאָט, ווייל גאָט האָט געהרגעט זיין פערדל.

ווערט שוין דער גלח אין כעס און נעמט שרייען אַף אים: „דו דורען! טיפּש דו! דו אָזיינער! נישט גאָט האָט געהרגעט דיין פערדל. דער צלם איז נישט גאָט! אָט דאָס איז גאָט!״ און ער נעמט אָן זיין גאָלדענעם צלם מיטן יוזל אַף דער ברוסט און ווייזט אים: „דאָס איז גאָט, נישט דער צלם!״

דער גוי שווייגט און קוקט. צום סוף זאָגט ער: „יאָ, פּאַטערל, דו ביסט גע־רעכט. דאָס איז גאָט! איצט איז ער קליין. נאָר אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער זיין אַזאַ ראַזבאַיניק, אַ גזלן, ווי יענער!"

פּויערישע מבינות

אַ רוסישער פּויער, נישט ווייט פון מאָסקווע, איז אַמאָל געווען אין שטאָט אַף אַ בילדער־אויסשטעלונג. ער האָט ליב געהאַט, דערדאַזיקער פּויער, קונסט־בילדער. וועט איר דאָך אַוודאי פרעגן: ווי קומט אַ פּויער צו קונסט? איז דאָס צו דעם עצם פון דער מעשה, וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן, נישט וויכטיק. נאָר אַנגעהויבן האָט זיך דאָס נאָך אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער שייגעץ און האָט געדינט ביי אַ פּריץ אין דאָרף. האָט ער דאָרט ביים פּריץ אין הויף גע־זען אַמאָל בילדער אַף די ווענט. איז דאָס אים אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז זינט דעמאָלט ציט עס אים צו קוקן אַף בילדער.

שפּעטער האָט ער געהערט אַמאָל ביים פּריץ אין הויף, אַז אין שטאָט, אין מאָסקווע, מאַכט מען אויסשטעלונגען פון אַזעלכע בילדער, און אַז איטלעכער קען גיין און זיי זען. זינט דעמאָלט, אַז ער קומט אין שטאָט אַריין, גייט ער אַלע־מאָל זען בילדער־אויסשטעלונגען.

איינמאָל שטייט ער אַזוי, דערדאַזיקער פּויער, אַף אַן אויסשטעלונג פאַר אַ בילד און קוקט און קוקט. דאָס בילד האָט פירגעשטעלט ווי אַ פּאַראַבאַק שפּאַנט איין אַ פריציש פערדל אין דער בריטשקע. איבער דעם בילד, אויבן, איז געווען אַ צעטעלע מיט עפּעס אויפגעשריבן. איז ער נייגעריק. ער איז דאָך אָבער אַ פּויער —קען ער אַליין נישט לייענען. פרעגט ער—וואָס דאָרט שטייט געשריבן. זאָגט מען אים, אַז דער מאָלער פון דעם בילד באַט אַן הונדערט רובל צו דעם, וואָס וועט אָנווייזן אַף עפּעס אַ חיסרון אין דעם בילד. זאָגט ער, אַז ער זעט אַ חיסרון. וואָס איז? דאָס פערדל אַף דעם בילד איז נישט געשמידט. און אַ פערד, וואָס מע שפּאַנט אין אַ וואָגן, מוז זיין געשמידט מיט פּאַדקאָוועס אַף די פיס.

טראַכט מען: גערעכט. דער פּויער איז גערעכט. אַ פערדל, געשפּאַנט אין אַ וועגעלע, מוז זיין געשמידט. איי אַזויפיל מבינים איז דאָס בילד געפעלן און זיי האָבן נישט געזען דעם חיסרון, איז דאָס זייער שולד. דער פּויער איז אָבער פאַרט גערעכט. ער האָט צו טון מיט פערד, ווייסט ער בעסער פון די מבינים. ווערט אַ רעש. און דער מאָלער צאָלט אויס דעם פּויער די הונדערט רובל. צו־געזאָגט איז צוגעזאָגט.

אַפן אַנדערן טאָג—דער פּויער איז ווידער דאָ אַף דער אויסשטעלונג. ער שטייט פאַר דעמזעלבן בילד, קוקט און קראַצט זיך הינטערן אויער. וואָס איז? ער האָט געפונען נאָך אַ חיסרון. די אויערן ביים פערדל זענען צו לאַנג. ווערט ווידער אַ רעש, און מע קוקט און מע קוקט. צום סוף רופט זיך אָן דער מאָלער און זאָגט: „הער נאָר, פּאַטערל, אַז סע קומט צו פּאַדקאָוועס, ביסטו טאַקע אַ מבין. ווייטער אָבער קריך נישט. וויל וואָס ס'איז העכער— איז נישט דיין פאַך."

דער חזיר האָט די פּוטער אויפֿגעפֿרעסן

אין אַ דאָרף זענען געווען צוויי גוים, צוויי רייכע בעלי־גופים, סעמען און איוואַן. האָבן זיי געהאַט אַ סיכסוך צווישן זיך איבער אַ שטיקל פעלד. דער האָט געטענהט, אַז דאָס שטיקל ערד איז זיינס, און דער אַנדערער האָט געשריגן, אַז דאָס שטיקל ערד געהערט צו אים. הכלל, זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געקריגט און געריסן איבער דעם, ביז זיי האָבן געבראַכט די זאַך אין געריכט אַריין. אַז ס'האָט זיך דערנעענטערט דער טאָג פון משפּט, האָט איינער פון די גוים, סעמען, גענו־מען אַ שעפּעלע פּוטער און האָט עס אַריינגעשיקט דעם ריכטער אין שטוב אַריין. ס'איז אַ סגולה, האָט ער זיך געטראַכט. דער אַנדערער גוי, איוואַן, אַז ער איז געוואָר געוואָרן פון דעם, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז מע דאַרף אויך עפּעס טון, אַז מע טאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן. האָט ער געכאַפּט אַ חזירל און האָט עס אַליין אָפּגעפירט צום ריכטער אַהיים.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און ס'איז געקומען צום משפּט. די צוויי גוים האָבן זיך געשטעלט פאַרן ריכטער און האָבן פאַר אים אַרויסגעלייגט זייערע טענות. זיי האָבן אויך געבראַכט מיט זיך עדות. און דער ריכטער האָט אויך די עדות אויסגעפרעגט. אַז ער האָט אַלעמען שוין גוט אויסגעהערט, האָט ער אַרויס־געטראָגן אַ פּסק, אַז איוואַן איז גערעכט. אַז דאָס שטיקל פעלד געהערט צו אים.

ווי נאָר דער אַנדערער גוי האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אַן אַנגע־צונדענער און האָט אַ געשריי געטון: „איצט זע איך, פּאַני ריכטערל, אַז דער חזיר האָט די פּוטער אויפגעפרעסן.‟

אַן איינפֿאַל פֿון גוים

אַכט גוים זענען אַמאָל אַריינגעפאַלן צום קרעטשמער פון דאָרף מיט אַ גדולה, אַ געשריי: „גוטן אָוונט, בערקאָ.‟

„גוטן אָוונט, גוט יאָר,‟ ענטפערט בערל. „וואָס הערט מען עפּעס גוטס, גוטע מענטשן?‟

„מיר האָבן היינט געהאַט אַ שווערן עסק, בערקאָ,‟ זאָגט איינער פון זיי.

„אַ שווערן עסק?‟ קוקט אים בערל אָן מיט אַ פראַגע. „וואָס פאַר אַן עסק, מענטשעלעך גוטע?‟

„מיר זענען אַלע אַכט אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען אָף דער טאָלעקע, צו באַלאַ־קען אַביסל. ס'איז דאָך היינט זונטאָג. האָבן מיר אָפּן וועג געפונען אַ זילבערנעם רובל. האָבן מיר זיך געוואָלט צעטיילן. נאָר גיי צעטייל אַ זילבערנעם רובל! מע קען אים דאָך נישט צעשניידן! איז געבליבן, אַז מיר זאָלן גיין צום סטאַ־ראָסטע. ער וועט אונז אָודאי זאָגן ווי אַזוי מע צעטיילט אַ זילבערנעם רובל. גע־קומען צו אים, זאָגן מיר: גאָט העלף, פּאַני סטאַראָסטע! מיר דאַרפן אַן עצה. אַזאַ און אַזאַ מעשה. וואָס זאָלן מיר טון? ווי אַזוי טיילט מען זיך? נעמט דער סטאַ־ראָסטע טראַכטן און טראַכטן, און צום סוף זאָגט ער צו אונז: גייט צום סטאַר־שינאַ. ער האָט אַזאַ ברעטל מיט קייקעלעך. דאָס ברעטל קען אַלץ אויסרעכענען.

„זענען מיר אַוועק צום סטאַרשינאַ. ס'איז געווען פאַרנאַכט. זאָגן מיר: גוטן אָוונט, פאַני סטאַרשינאַ! זאָגט ער: גוטן אָוונט, גאָט זאָל געבן געזונט. וואָס ברענגט איך אַהער, גוטע מענטשן? דערציילן מיר אים די מעשה. מיר האָבן געפונען אַ מציאה. נישט קיין גרויסע און נישט קיין קליינע, נאָר פאָרט אַ מציאה: אַ זילבערנעם רובל! און מיר קענען זיך נישט צעטיילן. וואָרט צו, גוטע מענטשן, זאָגט דער סטאַרשינאַ, איך וועל אים אייך צעטיילן. און ער נעמט דאָס ברעטל מיט די קייקעלעך און רעדעלעך, און הייבט אָן ציילן און רעכענען און רוקן און וואָרפן מיט די קייקעלעך אַהער און אַהין. אפשר אַ גאַנצע שעה אַזוי. דערנאָך בלייבט ער זיצן אַ פאַרטראַכטער און טראַכט. צום סוף גיט ער אַ זאָג: מענטשע־לעך גוטע, איר וועט מיך הערן, וואָס איך וועל אייך ראָטן? גייט אַריבער צו שמערקען. ער איז אַ קלוגער ייד מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער וועט אייך זאָגן, וואָס צו טון.

„זענען מיר אַוועק צו שמערקען. גוטן אָוונט, שמערקע, זאָגן מיר. גוטן אָוונט גוט יאָר. וואָס וועט איר זאָגן גוטס? זעצט אייך. דערציילן מיר אים די מעשה, אַזוי און אַזוי, אַ זילבערנער רובל. הערט ער אונז אויס און זאָגט: וואָס איז דאָ אַ סך צו קלערן? בייט אויס דעם רובל אויף צען צען־קאָפּיקע שטיקלעך. פון דעם זאָל יעדער פון אייך קריגן אַ צען־קאָפּיקע שטיקל. דאָס גיט אייערע ווייבער, ווען איר וועט אַהיימקומען. וועלן זיי קויפן גוטע זאַכן פאַר דעם געלט. און פאַר די פאַרבליבענע צוואַנציק קאָפּיקעס קויפט אייך אַ פּאָר הערינג מיט ברויט און מאַכט אייך אַ סעודה. ס'איז דאָך היינט זונטאָג.

„פאַרשטייסט, בערקאָ," ענדיקט דער גוי דערציילן, „אַ קלוגער ייד אייער שמערקע. ער האָט אַ קאָפּ! גיב אונז פאַר די צוואַנציק קאָפּיקעס אַ פּאָר הערינג מיט ברויט. און פאַר די אַנדערע אַכציק קאָפּיקעס גיב אונז אָן אָקע בראָנפן. ס'איז דאָך היינט זונטאָג."

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

אַ גוי איז אַמאָל געקומען צו פאָרן מיט זיין פערד און וועגעלע קיין קיעוו. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרקויפט זיין ביסל תבואה, וואָס ער האָט געבראַכט, האָט ער איינגעקויפט אַ טאָלטן זאַלץ און זייף און נאַפט, און איז אַריין אין אַ שענק פאַרטרינקען.

אַז ער האָט זיך שוין געקליבן אַהיימפאָרן, כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט פאַר־געסן צו קויפן דאָיעט, דזשעגעכץ, צו שמירן די רעדער. נעמט ער דאָס עמערל, וואָס איז געהאָנגען אונטערן וועגעלע, און גייט זוכן, וואו צו קויפן די שמירעכץ. ווי ער גייט אַזוי, איז ער פאַרגאַנגען אויף איינער פון די שענסטע גאַסן מיט די גרעסטע געשעפטן. שטעלט ער אָפּ אַ מאַן און פרעגט אים, וואו ער קען קויפן דאָיעט.

דער מאַן, ווייזט אויס אַ שטיקל לץ, אַז ער זעט דעם גוי מיט דער כלי פון דאָיעט אין איין האַנט, און מיט דער בייטש אין דער צווייטער האַנט ביי די

שענסטע געשעפטן, ווייזט ער אים אָן אָף דער אַפּטייק און זאָגט אים, אַז דאָרט וועט ער קריגן, וואָס ער זוכט.

דער גוי ווייסט נישט פון קיין חכמות און גייט, וואו מע ווייזט אים.

ער קומט אַריין אין אַפּטייק, בלייבט ער שטיין און קוקט פאַרחידושט אָף די שאַפעס מיט די קאָלירטע פלעשעלעך און סלאָיעקלעך. פרעגט אים דער אַפּ־טייקער: „וואָס זוכסטו?" זאָגט דער גוי: „איך קוק, פאַרקויפט מען דאָ דאָיעט?" גיט דער אַפּטייקער אַ שמייכל און ענטפערט: „ניין, דאָ פאַרקויפט מען נאַראָנים."

דער גוי, טאַקע אַ פּויער, נאָר ער כאַפּט גלייך דעם שפּאַס אָף זיין חשבון און ער בלייבט נישט שולדיק און זאָגט: „איך זע, פּריצל, אַז דו האָסט היינט געהאַט אַ גוט לייזעכץ. דו האָסט אַלע נאַראָנים פאַרקויפט, נאָר דו, נעבעך, ביסט געבליבן."

דער פּויער האָט אַ גוטן סימן

אַ פּויערל—אַ פּאַסטעך איז זיך געזעסן אין פעלד, האָט געשפּילט אָף זיין פייפל און געפּאַסעט זיין סטאַדע שאָף. מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך, אַז אַ לעמעלע איז אַנטלאָפן. לאָזט ער איבער די סטאַדע און לויפט אין וואַלד אַריין, אָפן באַרג, זוכן דאָס לעמעלע.

געקומען אָפן באַרג, זעט ער אַ הויז מיט אַ טורעם, און אָפן טורעם שטייען מענטשן און קוקן מיט גלעזער און שפּאַקטיוון אָפן הימל.

פרעגט ער די מענטשן: וואָס קוקן זיי? אפשר האָבן זיי געזען זיין לעמעלע, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער סטאַדע? זאָגן זיי: ניין, זיי האָבן זיין לעמעלע נישט געזען. „מיר קוקן אָף די שטערן," זאָגן זיי, „מיר ווילן וויסן ווי וויט ס'איז דער הימל מיט די שטערן."

זאָגט דאָס פּויערל: „וואָס איז אַזוי שווער צו וויסן? יעדער איינער פון אונז ווייסט עס."

קוקן אים די מענטשן אָן און שמייכלען: „וואָס, אַשטייגער, ווייסטו, פּויערל? לאָמיר הערן: וויפיל ווערסט איז צום הימל?"

„אַפילו נישט קיין דריי ווערסט," זאָגט דאָס פּויערל מיט זיכערקייט.

„ווי אַזוי ווייסטו?" פרעגן די מענטשן.

„זייער פּשוט," זאָגט דאָס פּויערל, „ווען סע וואָלטן געווען מער פון דריי ווערסט, וואָלט אָפן וועג אַהין געווען אַ קרעטשמע."

דאָס מאָל איז ער שוין אַ מבין אָף אים

אַ פּאָר גנבים זענען אַמאָל געקומען אין אַ דאָרף. זעען זיי, אָף דער פּאַשע פּאַסעט זיך אַן אָקס, און ער איז מיט אַ לאַנגן שטריק צוגעבונדן צו דער האַנט פון אַ גוי, וואָס ליגט אונטער אַ בוים און כראָפּעט.

די גנבים האָבן לאַנג נישט געטראַכט, זענען צוגעגאַנגען צום אָקס און האָבן אַראָפּגענומען דעם שטריק פון זיין האַלז. איינער פון די גנבים האָט דעם שטריק

פאַרוואָרפן אַרום זײַן אייגענעם האַלז, און דער אַנדערער האָט דעם אָקס באַצייטנס אַוועקגעפירט מיט זיך.

סע נעמט נישט לאַנג און דער גוי כאַפּט זיך אויף און זעט, אַז דער אָקס איז נישטאָ. נאָר אַף זײַן פּלאַץ, מיט דעם שטריק אַפן האַלז, שטייט אַ בחור. גייט ער צו אים צו, באַקוקט אים מיט שרעק, און פרעגט: „וואָס איז דאָס? וואו איז מײַן אָקס?"

זאָגט דער בחור: „הער מיך אויס, באַלעבאָס לעבן: לעולם בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין אָקס. נאָר וואָס דען? איך האָב מיך אַמאָל צעקריגט מיט מײַן טאַטע, האָט ער מיך פאַרשאָלטן, אַז איך זאָל צען יאָר זײַן אַן אָקס, און מע זאָל מיט מיר אַרבעטן ווי מיט אַלע אָקסן. און אָט פּונקט הײַנט, ווען דו ביסט געשלאָפן, זענען די צען יאָר אויסגעגאַנגען, און איך בין געוואָרן צוריק אַ מענטש."

דער גוי הערט, און סע נעמט אים אָן אַ ביטער רחמנות אַף דעם בחור. ער טראַכט: וואָס טויג ער מיר? קוילענען אַף פלייש קען מען אים נישט, און אַרבעטן האָט ער, נעבעך, שוין גענוג געאַרבעט. וואָס וועל איך טון מיט אים? איכ'ל אים אָפּלאָזן.

דער גנב האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעגנט מיט דעם גוי, און איז אַוועק צוריק צו זײַנע חברים אין שטאָט.

ס'איז אַריבער אַ שטיקל צײַט, איז אין שטאָט געווען אַ יעריד. קומט דער גוי, צו קויפן זיך אַן אַנדערן אָקס. ער מוז דאָך האָבן מיט וואָס צו אַרבעטן אַפן פעלד. ער גיט אַ קוק—זײַן אָקס איז דאָ. ער האָט אים גלייך דערקענט. און דער אָקס האָט אים אויך גלייך דערקענט און האָט צו אים אַ ריטשע געטון. גייט צו דער גוי, גיט אים אַ גלעט און זאָגט אים אין די אויערן אַרײַן: „דו האָסט דיך שוין זיכער ווידער צעקריגט מיט דײַן פאָטער! נאָר דאָס מאָל קויף איך דיך שוין נישט מער!"

ער איז אַ גרעסערער מאַדים פון זײַן פרײַנד, און דאָך טויג נישט

אַמאָל זענען געווען צוויי גוטע ברידער. איינער פון זיי איז געווען אַ האַלץ־העקער, און דער אַנדערער—אַ גנב. און כאָטש זיי זענען בײדע געווען געניט אין זייער פאַך, זענען זיי אָבער געווען גרויסע אָרימעלײַט.

די צוויי פרײַנט זענען געווען באַווײַבטע און האָבן געהאַט קינדער—צו גאָט און צו לײַט. אַז בײַם האַלץ־העקער זענען די טעכטער אונטערגעוואַקסן, האָט ער געטון מיט זיי אַ שידוך און זיי חתונה געמאַכט. נאָר דעם גנב איז נעבעך שווער געווען חתונה צו מאַכן זײַנע מיידלעך. נישט צוליב זײַן געהויבענעם יחוס, נאָר ווײַל ער האָט נישט געהאַט, נישט אַף קיין נדן און נישט אַף קיין חתונה הוצאות.

איינמאָל גייט דער גנב אַריבער צו זײַן פרײַנד. ער האָט זיך געוואָלט דורכשמועסן מיט דעם האַלץ־העקער. וואָרן ער האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי זײַן פרײַנד, וואָס איז אַ ביטערער אָרימאַן, קען באַוויזן חתונה צו מאַכן זײַנע טעכטער, „זאָג מיר, גוטער ברודער," זאָגט דער גנב צום האַלץ־העקער, „ווי איך ווייס, ביסטו אַן אָרימאַן אין זיבן פאַלעס. פון וואַנען, איך בעט דיך, נעמסטו געלט צו

פירן דיינע מיידלעך אונטער דער חופּה? ביי מיר זענען אויך דאָ עטלעכע מיידלעך, נאָר איך האָב נישט מיט וואָס זיי חתונה צו מאַכן."

"איך וועל דיר דערציילן, מיין פריינד," זאָגט דער האַלץ־העקער, "ווערסטו פאַרשטיין. ביי מיר, אַז סע ווערט געבוירן אַ מיידל, קויף איך אַ בלעכן פּושקעלע, אַ מין שפּאָר־קאַסע, און וויפיל איך קען אָפּשפּאָרן יעדע וואָך — וואַרף איך אַהין אַריין. איך שפּאָר פון מויל און שפּאָר פון קליידונג. אַזוי אַלע יאָרן, ביז דאָס מיידל וואַקסט אונטער. און אַז סע קומט די צייט און מע דאַרף חתונה מאַכן, עפן איך די פּושקע און נעם אַרויס פון דאָרט דאָס געלט אויף נדן און אויף הוצאות."

דער גנב הערט אים אויס און זאָגט: "דאָס איז פאַר מיר אַ קנאַפּע עצה. איך קען עפענען גרעסערע קאַסעס און דאָך בין איך אַ קבצן."

יאָ בענטשן, צי נישט בענטשן — יידן דאַרף מען שלאָגן

אין אַ יידיש שטעטל אין צאַרישן רוסלאַנד איז אַמאָל אַראָפּגעקומען אַ רוסישער לערער, אַ שונא־ישראל. די יידן זענען אים געווען גרויס אין די אויגן, און ער האָט נאָר געטראַכט ווי אַזוי זיי שלעכטס צו טון.

דערדאָזיקער שונא־ישראל האָט באַלד געהאַט אַרום זיך אַ באַנדע גויים, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין העצן קעגן די יידן. זיי האָבן כסדר געזוכט אַ צוטשעפּעניש צו יידן, און זיי האָבן געהיט, אַז אַ ייד זאָל, חלילה, זונטאָג, אָדער אין זייערער אַ חגא, נישט עפענען זיין קראָם אַביסל צו פרי, אָדער פאַרמאַכן אַביסל שפּעטער. זיי האָט געפּוקעט און געברענט, וואָס יידן היטן אָפּ זייערע שבתים און יום־טובים, און פאַר די גויאישע אָרט זיי גאָרנישט ניט.

איינמאָל דערוויסט זיך דער רוסישער לערער, אַז ביי יידן איז אַ מנהג שבת ביים דאַווענען צו בענטשן דעם צאַר. איז ער זיך מיישב, אַז ער וועט פאַרלאַנגען פון זיי, אַז זיי זאָלן אים בענטשן דאָס יויזל. וועלן דאָך די יידן אַוודאי נישט וועלן. וואָרן זיי גלייבן דאָך נישט אין אים. וועט ער דעמאָלט האָבן אַ גוטן תירוץ פאַר־וואָס צו קענען מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן.

דער לערער האָט צוזאַמענגענומען זיין באַנדע, און שבת צום דאַווענען איז ער מיט זיין אַריין אין שול. די יידן האָבן גלייך פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט. נאָר דער רב האָט דעם שונא־ישראל אַרויפגערופן אויבנאָן און האָט אים געפרעגט וואָס ער וויל. אַז ער האָט געהערט, אַז ער וויל, מע זאָל בענטשן דעם גויאישן גאָט פּונקט ווי מע בענטשט דעם צאַר, זאָגט ער צו אים: "גוט, וואַרט, באַלד וועט מען בענטשן."

נאָך קריאת־התורה איז דער רב אַרויף אויף דעם באַלעמער און האָט אַליין געמאַכט דעם "מי שברך" און האָט הויך אויפן קול אויסגערופן צ אַ ר נ י ק אָ ־ ל אַ י אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אָ ו ו י ט ש. אַז ער האָט געענדיקט, האָט ער גענומען מאַכן אַ צווייטן "מי שברך". ווי סע קומט צום נאָמען, בייגט ער זיך צו צום לערער און פרעגט אים אויף דעם נאָמען פון זייער גאָט. זאָגט דער לערער: "יעזוס".

"דעם פאָטערס נאָמען?" פרעגט ווייטער דער רב.

בלייבט דער לערער צעמישט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. נאָר באַלד קומט ער צו זיך און זאָגט: „זאָל זיין אַן דעם פּאַטערס נאָמען."

„ניין, דאָס קען מען נישט," זאָגט אים דער רב. און ער ווייזט אים אין סידור: „אַט זע, דער צאַר ווערט אויך גערופן אַף זיין פּאַטערס נאָמען: צ אַ ר ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, דער זון פון אַלעקסאַנדערן. מע מוז האָבן דעם פּאַטערס נאָמען. אַן דעם קען מען נישט בענטשן."

נאָר דער שונא־ישראל איז דערוויל געוואָרן צוריק האָפּערדיק און ער גיט אַ זאָג: „יאָ בענטשן, צי נישט בענטשן—יידן דאַרף מען שלאָגן."

ער קען נישט פאַרשטיין פאַרוואָס ער וויל אַזויפיל געלט

אַ גוי איז געקומען אין שטאָט אַריין און האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף אַ צאָן־דאָקטער. אים האָט ווי געטון אַ צאָן, האָט זיין ווייב אים געראָטן, אַז ער זאָל פאָרן צום צאָן־דאָקטער, און נישט גיין צום רופא.

דער דאָקטער האָט באַטראַכט דעם צאָן און זאָגט, אַז מע דאַרף אים אַרויס־רייסן. ער דאַרף זיך נישט שרעקן. סע וועט נישט שטאַרק ווי טאָן און סע וועט נישט דויערן לאַנג. און ער האָט גענומען אַ צווענגל, האָט אַ גוטן צי געטון, און דער צאָן איז שוין געווען אין דרויסן.

דער גוי האָט זיך מחיה געווען: פּטור געוואָרן פון אַ צרה! אַ צופרידענער האָט ער אויסגערופן: „מאַלאַדיעץ, ווי איך בין אַ מענטש!" און פרעגט דעם דאָק־טער וויפיל ער דאַרף אים געבן פאַר דעם.

„אַ האַלב קערבל," זאָגט דער דאָקטער. „ביי רייכע נעם איך מער. נאָר ביי אים—בלויז אַ האַלב קערבל, אויב ס'איז אים שווער צו געבן מער."

„אַ האַלב קערבל, דאָקטער?" פרעגט איבער דער גוי אַ פאַרוואונדערטער. „איר מאַכט אַוודאי אַ שפּאַס. דער רופא האָט מיר נישט לאַנג אַרויסגעריסן אַ צאָן, אפשר אַ שעה צייט האָט ער זיך געמאַטערט און מיך אַרומגעשלעפּט איבער דער שטוב, ביז ער האָט אַרויסגעריסן דעם צאָן. און פאַר דער גאַנצער האַרעוואַניע האָט ער גענומען צען קאָפּיקעס. און ביי אייך האָט עס געדויערט אַ מינוט, איר האָט אַ דריי געטון אַהין און אַהער, און דער צאָן איז שוין געווען אין דרויסן, הייסט איר אייך געבן אַ האַלב קערבל?! ס'איז צופיל."

דער ייד מעג זיך שעמען

אין אַ וואָכעדיקן מאַרקטאָג אין שטעטל איז אַ גוי אַריינגעקומען אין אַ גע־וועלב פון כלערליי זאַכן און האָט זיך געהייסן ווייזן אַ קוטשמע. ס'איז געווען נאָך יום־טובים, און דער עולם האָט זיך שוין געגרייט אַף ווינטער. דער געוועלבער האָט אַראָפּגענומען פון אַ פּאָליצע זעקס קוטשמעס און זיי אָוועקגעלייגט אַפן טיש, אַז דער גוי זאָל זיי אָנמעסטן און זיך אויסקלויבן וועלכע ער וויל. דער געוועלבער אַליין האָט דערוויל באַדינט אַנדערע קונים.

אין מאַרק

דער גוי מעסט זיך אָן איין קוטשמע און אַ צווייטע, און אַזוי איינע נאָך דער אַנדערער. ער באַטאַפּט זיי און באַקוקט זיי פון אינעווייניק און אויסנווייניק, און קען נישט אָפּמאַכן ביי זיך וועלכע צו קויפן. צום סוף שטופּט ער זיי אַלע אָפּ פון זיך, דרייט זיך אויס און אָן אַ גוטן טאָג איז ער אַרויס פון געוועלב.

אין דעם מאָמענט האָט דער געוועלבער באַמערקט, אַז אָפן טיש ליגן בלויז פינף קוטשמעס. ער האָט איבערגעלאָזט די קונים, איז אַרויס אין דרויסן און האָט זיך געלאָזט לויפן נאָכן גוי. אַז ער האָט אים אָנגעיאָגט, כאַפּט ער אים אָן און אָן שום טענות און מענות שטעקט ער אַריין צו אים אין בוזים די האַנט און שלעפּט פון דאָרט אַרויס די קוטשמע. פאַרקרימט דער גוי דאָס פּנים און זאָגט: „פע, פּאַני יודקע, שעמט אייך," און ער דרייט זיך אויס און שטעלט פּיס.

פון דעמאָלט אָן, איז צווישן יידן אין שטעטל געוואָרן אַ ווערטל: „דער גוי גנבעט, און דער ייד דאַרף זיך שעמען."

יעדער זעט זיך אַליין

אין אַ וויטן פאַרוואָרפענעם דערפל האָט אַ פּאַרמער ביים אַקערן זיין פעלד געפונען אַ שטיקל גלאָז פון אַ שפּיגל. ער האָט עס באַטראַכט פוןביידע זייטן, ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מין גלאָז.

ווי ער האָט זיך אַזוי איינגעקוקט אין אים, האָט ער דאָרט פּלוצים דערזען דעם קאָפּ פון אַ מענטש, און ער האָט אַ פאַרוואונדערטער אויסגערופן: „דאָס איז דאָך אַ לעבעדיק בילד פון מיין טאַטע!"

דער פּאַרמער האָט גענומען דאָס שטיקל גלאָז, האָט עס איינגעוויקלט אין אַ שמאַטקעלע, און אַז ער איז אַהיימגעקומען—האָט ער עס באַהאַלטן אין קאַמער אַף אַ פּאָליצע. זינט דעמאָלט האָט זיין ווייב באַמערקט, אַז איר מאַן גייט אָפט אַריין אין קאַמער, נעמט עפּעס אַראָפּ פון דער פּאָליצע, קוקט זיך לאַנג איין אין דעם, און באַהאַלט עס דערנאָך צוריק.

זיין ווייב איז געוואָרן נייגעריק וואָס איר מאַן האָט דאָרט. איינמאָל, ווען ער איז אַוועק אין פעלד, האָט זי גענומען זוכן אַף דער פּאָליצע און האָט דאָרט געפונען דאָס שמאַטקעלע מיט דעם שטיקל גלאָז.

זי גיט אַ קוק אין דעם גלאָז און ווערט אַ פאַרציטערטע. זי האָט דאָרט דערזען דאָס בילד פון אַ פאַרמאַטערטער און פאַרצאָגטער פרוי. זי האָט זיך שוין קוים דערוואַרט ביז פאַרנאַכט. אַז איר מאַן איז אַהיימגעקומען, איז זי אים באַפאַלן: „דו אַזוינער און אַזוינער! אַ געליבטע האָסטו דיר אַרויסגעזוכט און האַלטסט נאָך דאָס בילד פון אַזאַ פאַרשוין אין שטוב?! דו אַזוינער! דו אַזעלכער!"

דער מאַן נעמט זיך שווערן, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. נעמט זי אַרויס דאָס שטיקל גלאָז און ווייזט אים. זאָגט ער: „דאָס איז דאָך מיין טאַטע!" זאָגט זי: „דאָס איז דיין געליבטע!"

דאָס פאַרפאַלק האָט זיך אַזוי לאַנג געקריגט, ביז זיי זענען אַוועק צום ריכ־טער, זיך גטן. אַז דער ריכטער האָט זיי ביידע אויסגעהערט, הייסט ער זיך ווייזן

דאָס שטיקל גלאָז מיטן בילד. ער באַטראַכט דאָס בילד און זאָגט: „נישט אַנדערש, נאָר דער פּאַרמער מיט זיין ווייב זענען משוגע געוואָרן! אין דעם גלאָז איז דאָך דאָס בילד פון אַ ריכטער!"

באַמערקונג: טייל פון די פאַבלען דאָ זענען איבערדערציילט פון אַנדערע שפּראַכן.

די צוויי ווילדע באַשעפֿענישן

אַמאָל האָבן אין אַ ווילדערניש געלעבט צוויי משונהדיקע באַשעפענישן. איינע פון זיי האָט געהאַט אַ סך קעפּ און בלויז איין עק, און די אַנדערע האָט געהאַט איין קאָפּ און אַ סך עקן.

אַז ס'איז געקומען דער ווינטער, און שווערע קעלטן און שטורעמס זענען באַפאַלן די געגנט, האָבן די צוויי באַשעפענישן אָנגעהויבן זוכן פאַר זיך אַ באַהעלטעניש. די באַשעפעניש מיט איין קאָפּ האָט געפונען פאַר זיך אַ הייל, איז אַהין אַריינגעקראָכן, האָט זיך איינגעדרייט און איינגענאָרעט און איז געבליבן דאָרט געשיצט קעגן די ביטערע שטורעמס. און אַז דער ווינטער איז אַריבער, איז זי אַרויס פון דער הייל אומבאַשעדיקט און גאַנץ, און האָט ווייטער געלעבט און זיך געוואָרעמט אין דער זון.

די פיל־קעפּיקע באַשעפעניש האָט נישט אָפּגעשניטן אַזוי גוט ווי די אַנדערע. יעדע הייל, וואָס זי האָט געפונען, איז געווען פאַר איר צו ענג און קליין, און זי האָט זיך נישט געקענט אַריינשטופּן. די קעפּ האָבן ביי יעדער הייל זיך גענומען קריגן און שלאָגן. יעדער קאָפּ האָט געוואָלט אַריין אין דער הייל דער ערשטער, נאָר די אַנדערע האָבן נישט געלאָזט.

דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן זיך אַזוי צעקיילט און צעביילט, אַז זיי זענען אָוועקגעפאַלן, און די באַשעפעניש איז געבליבן ליגן אין דרויסן אין די ביטערסטע קעלטן און שטורעמס, ביז זי איז אויסגעגאַנגען.

דער קלוגער קנעכט

עזאָפּ, דער גריכישער שרייבער און צוזאַמענשטעלער פון משלים, איז געווען אַ קנעכט ביי אַ רייכן באַלעבאָס, אַ שקלאַפן־הענדלער.

איינמאָל זאָגט דער באַלעבאָס צו זיינע אויפזעער, אַז זיי זאָלן צוזאַמענטרייבן די קנעכט, ווייל ער גרייט זיך צו נעמען זיי אין דער גרויסער האַנדל־שטאָט און זיי פאַרקויפן דאָרטן. דער באַלעבאָס האָט אויך געהייסן צוגרייטן זאַכן, וואָס ער האָט געפּלאַנט צו פאַרקויפן דאָרט אין שטאָט, און ברויט צום עסן אַפן וועג.

אַז אַלץ איז געווען שוין גרייט, הייסט דער אויפזעער די קנעכט, אַז יעדער פון זיי זאָל נעמען אַ פּאַק אַף די פּלייצעס און זיך לאָזן אין וועג אַריין.

עזאָפּ איז צוגעגאַנגען צום גרעסטן פּאַק, צו אַ קויש מיט ברויט, און האָט אים אָנגעלאָדן אַף זיך.

אַז די אַנדערע קנעכט האָבן דאָס געזען, האָבן זיי געטראַכט: „אָט דאָס הייסט אַן אייזל! אַליין אויסקלויבן זיך דעם שווערסטן פּאַק!"

זיי זענען אַוועק אַפן וועג, און אַז מ׳איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע שעה, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, צו עסן עפּעס. די קנעכט האָבן אַוועקגעלייגט זייערע פּעק, מ׳האָט פון עזאָפּס קויש אַרויסגענומען עטלעכע ברויטן, מ׳האָט געגעסן און מ׳איז ווייטער געגאַנגען.

אַז מ׳איז ווידער אָפּגעגאַנגען עטלעכע שעה, האָט מען זיך נאָכאַמאָל אָפּגע־שטעלט און געגעסן. און אַזוי איטלעכס מאָל, וואָס מ׳האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען פון דעם קויש אַרויסגענומען עטלעכע ברויטן.

דער קויש איז מיט יעדע פאַר שעה געוואָרן לייכטער. און אַפן אַנדערן טאָג איז שוין עזאָפּ געגאַנגען אָן אַ פּאַק, ווייל אים איז שוין גאָרנישט ניט געבליבן צו טראָגן. אַלע האָבן דעמאָלט איינגעזען, אַז דאָס, וואָס איז אין אָנהייב געווען אין זייערע אויגן אַ נאַרישקייט, האָט זיך צום סוף אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסער חכמה.

אַלץ איז געווענדט אין צײַט און אָרט

דאָס איז געווען אין אַ שטאָט פון ווייסע. אַ שוואַרצער מורין און אַ ווייסער מענטש זענען געזעסן און האָבן צוזאַמען געשמועסט. זאָגט דער ווייסער צו דעם מורין: „ווען איך וואָלט געווען דו, וואָלט איך קיינמאָל נישט דערלאָזט, אַז מע זאָל מיך אָפּמאָלן אַזוי טונקל. גיב נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַ שוואַרץ פּנים דו האָסט. און זאָג אַליין, צי האָט גאָט דיך נישט אויסגעקליבן, אַז דו זאָלסט זיין אַ שרעק פאַר אונז ווייסע?״

דער מורין הערט אים אויס און ענטפערט: „דו גיב בעסער אַ קוק אַף דיר אַליין און זע ווי דו זעסט אויס. דיין בלייך פּנים איז ווי אַ שטיק לייוונט, וואָס צו אים האָט זיך דער מאָלער נאָך נישט צוגערירט אַפילו. דו פאַרשטייסט, אונזער וועלט איז ווי אַ גרויסער בוים. און דו, מיין טייערער, דו ביסט אַף אים די נישט צייטיקע פּרי.״

דער ווייסער און דער מורין האָבן נאָך לאַנג גערעדט וועגן דעם. צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו אַ ריכטער, אַז ער זאָל זאָגן, ווער פון זיי ביידע איז גערעכט.

דער ריכטער הערט זיי אויס און ענטפערט, אַז דער ווייסער האָט רעכט. רופט זיך אָן דער מורין און זאָגט: „אַלץ איז, ווייזט אויס, געווענדט אין צייט און אין אָרט, וואו אַ זאַך קומט פאָר. אין מיין לאַנד, אין אַפריקע, וואָלט איך געווען גערעכט, נישט דו.״

מע דאַרף שטענדיק טראַכטן פון שפּעטער

צוויי גנבים זענען אַמאָל אַריין אין אַ סאָד, צו גנבענען פּירות. זיי האָבן זיך צוגעשאַרט צו אַ פייגנבוים און האָבן זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער זעט נישט. אַז זיי האָבן געזען, אַז ס׳איז קיינער נישטאָ אין גאָרטן, האָבן זיי גענומען אויסטון זייערע שיך, צו קענען לייכטער אַרויפקלעטערן אַף דעם בוים. איינער פון זיי

האָט אויסגעטון די שיך און זיי אַנידערגעשטעלט צופוסנס פון דעם בוים. דער צווייטער האָט אויסגעטון די שיך און זיי אַריינגעשטופּט צו זיך אין בוזעם.

„צו וואָס באַהאַלטסטו די שיך אין בוזעם?״ פרעגט זיין פריינד. „דו וועסט דאָך נישט האָבן געגוג פּלאַץ פאַר די פייגן. לאָז בעסער די שיך אונטן.״

„מיין טאַטע האָט מיך געלערנט,״ ענטפערט דער אַנדערער, „אַז אין אַזאַ פאַל איז בעסער צו האָבן די שיך מיט זיך.״

זיי האָבן מער נישט גערעדט, ווייל זיי האָבן זיך געהיט, אַז מע זאָל זיי נישט דערזען. זיי זענען שטיל אַרויף אַפן בוים, האָבן גענומען רייסן די פייגן און לייגן אין בוזעם.

ווי זיי רייסן אַזוי, דערזעען זיי אַנקומען דעם וועכטער פון סאַד. זיי האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ פון די צווייגן און גענומען יאָגן ווי אַ פייל פון בויגן. דער ערשטער האָט אַפילו נישט קיין צייט געהאַט זיך איינצובייגן, צו כאַפּן זיינע שיך. אַז זיי זענען שוין געווען ווייט פון סאַד און אין אַ זיכערן אָרט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט און פריי אָפּגעאָטעמט. דעמאָלט האָט דער ערשטער געזען, אַז ער האָט אַ פולן בוזעם מיט פייגן, נאָר אַז ער איז געבליבן אָן שיך. דער אַנדערער האָט געהאַט בלויז אַביסל פייגן, נאָר דערפאַר האָט ער גע־האַט אויך זיינע שיך.

און ער האָט געטראַכט ביי זיך: „בעסער אַביסל, נאָר אָן שאָדן.״

ווי אַזוי דער הויפנאַר האָט זיך געראַטעוועט מיט אַ קלוגן ענטפער

ביי אַ מאַכמעדאַנישן קעניג אין אינדיע איז געווען אַ הויפנאַר, אַ בראַהאַ־מינער. דערדאַזיקער הויפנאַר איז געווען קלוג און געלערנט, אַזוי, אַז מיט זיין שאַרפער צונג האָט ער אָפט געמאַכט צום נאַר די מאַכמעדאַנישע חכמים אין דעם קעניגלעכן הויף. די חכמים האָט דאָס פאַרדראָסן, און ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי געזוכט אים צו באַצאָלן מיט דערזעלבער מטבע, כדי צו ווייזן, אַז ניט אַלץ ווייסט ער און פאַרשטייט.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז ס'איז געווען אַן ערדציטערניש אין דער שטאָט. דער קעניג האָט זייער געוואָלט וויסן פון וואַנען דאָס נעמט זיך, וואָס די ערד ציטערט פון צייט־צו־צייט. די חכמים האָבן איצט געפונען אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט דעם הויפנאַר און צו ווייזן וואָס פאַר אַן אומוויסנדיקער מענטש ער איז. האָבן זיי געזאָגט צום קעניג: „האַר, קעניג, זאָל דער הויפנאַר פּרובירן דאָס דערקלערן. ער באַרימט זיך דאָך מיט זיין וויסן וועגן די שטערן, און ער שפּאָט פון אונזער אומוויסנקייט וועגן די זאַכן, וואָס זענען ווייט און הויך. זאָל ער איצט דערקלערן פאַרוואָס די ערד, אַף וועלכער ער לעבט, ציטערט.״

דער הויפנאַר האָט אַ טראַכט געטון און געזאָגט: „אדוני מלך, אונז, אינדישע חכמים, פאַרברענט מען נאָכן טויט, און אונזערע נשמות גייען אַרויף אין הימל צוזאַמען מיט דעם רויך פון אונזער פאַרברענטן גוף. פון אונז מעג מען דעריבער דערוואַרטן צו וויסן וואָס סע טוט זיך אין הימל. די מאַכמעדאַנישע חכמים אָבער באַגראָבט מען נאָכן טויט אין דר'ערד. די ערד, דאָס איז זייער קעניגרייך. זיי

דאַרפֿן דעריבער קענען דערקלערן וואָס סע טוט זיך אינעווייניק אין די אינגעווייד פֿון דער ערד און וואָס סע מאַכט זי ציטערן. דאָס קעניגרייך אין דער ערד גע־הערט נישט צו מיר.״

דער פֿאָטער און זײַנע זין

אַ פֿאָטער האָט אַמאָל אויסגעריכט זיינע זין אין ווייטע שטעט, אַז זיי זאָלן לערנען די וועגן פֿון לעבן. פֿאַר זייער אָוועקפֿאָרן האָט דער פֿאָטער מיט זיי אָפּ־גערעדט און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אים אַלעמאָל שרייבן ווי סע גייט זיי, און אויב זיי דאַרפֿן עפּעס—וועט ער זיי דאָס שיקן.

די ברידער זענען אָוועקגעפֿאָרן, יעדער איינער אין אַן אַנדערער שטאָט. נאָך איידער זיי האָבן זיך צעשיידט, האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז אין דריי יאָר אַרום זאָלן זיי זיך דעם און דעם טאָג טרעפֿן אין דער הויפּטשטאָט פֿון לאַנד.

די דריי יאָר זענען גיך אַריבער. אַז די ברידער האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן ווי זיי האָבן אָפּגערעדט, האָבן זיי קודם־כּל געגומען (?) שרייבן בריוו צו זייער פֿאָ־טער. יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס אַן אַנדערע בקשה צו אים. איינער האָט געשריבן, אַז ער דאַרף נייע מלבושים. די קליידער, וואָס ער גייט אָנגעטון, זענען אַזוי אָפּגעטראָגן, אַז ער שעמט זיך שוין פֿאַר זיינע חברים. אַ צווייטער האָט גע־שריבן, אַז ער דאַרף געלט אויף אַ זייגערל מיט אַ גילדן קייטל, ווייל צווישן די מענטשן, מיט וועמען ער קומט זיך צוזאַמען, האָבן אַלע טייערע זייגערלעך. דער דריטער האָט געשריבן, אַז ערליידט אויף אַן אינעווייניקסטער קראַנקהייט, און ער מוז האָבן אַ סך געלט, צו קענען זיך היילן.

אין שטוב איז גראָדע דעמאָלט געווען זייערער אַ חבר. אַז ער האָט געזען וואָס די ברידער שרייבן, זאָגט ער צו די ערשטע צוויי: „מיר איז אַ חידוש אויף אייך. ווי קענט איר שרייבן אייער פֿאָטער וועגן טייערע זייגערלעך און מלבושים? וועט דען אייער פֿאָטער צוהערן זיך צו אייערע פֿאַרלאַנגען, אַז ער וועט לייענען דעם בריוו פֿון זיין קראַנקן זון? נישט נאָר וועט ער נישט באַווילִיקן אייערע בקשות, נאָר ער וועט נאָך זיין ברוגז אויף אייך, וואָס איר טראַכט גאָר פֿון אַזעלכע זאַכן, בשעת אייער ברודער איז אַזוי קראַנק. דעריבער איז מיין עצה, אַז איר זאָלט אים בלויז שרייבן, אַז איר נייטיקט זיך אין געלט. און אַז ער וועט אייך שיקן געלט וועט איר דעמאָלט שוין קענען קויפֿן זיך וואָס איר וועט וועלן.״

דער מענטש און די שלאַנג

אַ מאַן איז געגאַנגען אין וועג און האָט דערזען אַ שלאַנג ליגן אונטער אַ גרויסן שטיין. די שלאַנג האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל איר העלפֿן ראַ־טעווען זיך. האָט דער מאַן רחמנות געהאַט אויף איר, האָט אויפֿגעהויבן דעם שטיין און האָט זי באַפֿרייט.

זאָגט די שלאַנג: „איצט וועל איך דיך אויפֿעסן.״

„ניין, דאָס איז נישט גערעכט,״ זאָגט דער מאַן. „לאָמיר גיין פֿרעגן דעם האָז.״

די שלאַנג האָט צוגעשטימט. אַז דער האָז האָט געהערט די געשיכטע, האָט ער מורא געהאַט פאַר דער שלאַנג און איר געגעבן געדעכט. זאָגט דער מענטש: „אויב אַזוי, לאָמיר פרעגן דעם וואָלף." דער וואָלף הערט אויס און זאָגט דאָס־זעלבע, וואָס דער האָז: „די שלאַנג איז גערעכט." אַז דער מענטש הערט אַזאַ זאַך, זאָגט ער צו דער שלאַנג: „לאָמיר נאָך גיין פרעגן ביי דעם פוקס."

זענען זיי ביידע אַוועק צו דעם פוקס. אַז ער האָט אויסגעהערט די געשיכטע, האָט ער אַביסל איבערגעטראַכט די גאַנצע זאַך און האָט באַדאַכט געענטפערט, אַז ער גלייבט עפּעס נישט די גאַנצע מעשה. ער האָט געטענהט, אַז ער וויל קודם זען, צי דער מענטש קען אויפהייבן אַזאַ שטיין.

אַלע דריי, דער מאַן, די שלאַנג און דער פוקס, זענען אַוועק צו דעם שטיין. דאָרט האָט די שלאַנג זיך אַוועקגעלייגט, און דער מענטש, צו באַווייזן, אַז וואָס ער דערציילט, איז אמת, האָט אויפגעהויבן דעם שטיין און האָט אים אַראָפּגעלאָזט גלייך אַף דער שלאַנג.

אַז דער פוקס זעט, אַז די שלאַנג ליגט שוין גוט צוגעדריקט אונטער דעם שטיין, זאָגט ער צום מאַן: „איצט, מענטש, קום, לאָז זי דאָרט ליגן."

ווער ס'איז דער אמת שולדיקער

צווישן די פירפיסיקע חיות האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מגפה, נישט דאָ געדאַכט. שוין עטלעכע טעג ווי די שטראָף בושעוועט, און זי שטילט זיך גאָר נישט ניט איין. וואָס טוט מען? האָט מען געטראַכט און גערעדט, און ס'איז געבליבן, אַז דער לייב, דער קעניג פון די חיות, זאָל גלייך צונויפרופן אַלע פירפיסיקע, צו דערגיין פאַר וועמעס זינד זיי אַלע ליידן. דערביי האָט דער לייב פאַרזיכערט און צוגעשוואוירן, אַז ביי דער פאַרזאַמלונג וועט מען קיינעם נישט אָנרירן און סע וועט קיינעם, חלילה, קיין בייז נישט געשען.

אַז אַלע זענען זיך צונויפגעקומען, האָט זיך דער לייב געזעצט אַף אַ הויכן קלאָץ און גענומען אויספרעגן און פאַרשן. דעם ערשטן האָט ער צוגערופן דעם וואָלף: „זאָג מיר נאָר, וועלפעלע," האָט ער געפרעגט, „וואָס האָסטו אָפּגעטון אין דער פאַרגאַנגענער וואָך?"

„איך?" זאָגט דער וואָלף, „איך האָב גאָרנישט ניט געטון. „איך האָב בלויז פאַרצוקט אַ קעלבל, ווייל איך בין געווען הונגעריק."

דער לייב האָט געקוקט אַף אים מיט גרויס ערנסט און באַמערקט: „נו, דאָס איז נישט קיין זינד. אַף דעם ביסטו דאָך אַ וואָלף." און ער האָט צוגערופן דעם בער. „לאָמיר הערן, בערעלע, וואָס האָסטו געטון?"

„איך האָב אויפגעפרעסן אַ הערש," האָט דערציילט דער בער.

„דאָס קומט דיר לויט רעכט," זאָגט דער לייב. „אַף דעם ביסטו דאָך אַ בער." דערנאָך האָט ער צוגערופן דעם פוקס. און דער פוקס האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז ביינאַכט אַריין אין אַ הינערשטייג און האָט דערוואָרגן צוויי הינער און זיי פאַרשלעפּט. נאָר צוויי, ווייל דער באַלעבאָס האָט דערהערט דאָס געשריי פון די הינער, איז ער אַרויס און האָט אים פאַריאָגט.

„דאָס איז אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך," האָט דער לייב באַטאָנט, „דו ביסט אַ פוקס, און דאָס איז דיין רעכט. ס'איז נישט קיין זינד, און דאָס קען קיין מגפה נישט אַרויסרופן." אַזוי האָט דער לייב צוגערופן איין חיה נאָך דער אַנדערער און זיי אויסגעפרעגט.

צום סוף האָט דער לייב דערזען שטיין אין אַ ווינקל דאָס לעמעלע. ס'איז געשטאַנען אַ דערשראָקנס און האָט געציטערט. „קום נאָר אַהער, לעמעלע," זאָגט צו אים דער לייב. „קום נענטער צו מיר. האָב נישט קיין מורא. דערצייל, וואָס האָסטו געטון אין דער פאַרגאַנגענער וואָך?"

„אַדוני מלך," האָט דאָס לעמעלע גענומען שטאַמלען, „וואָס האָב איך גע־קאָנט טון אין אַזעלכע קאַלטע טעג? ס'איז דאָך ווינטער, און די פרעסט זענען גרויס, ליג איך אין שטאַל, און ס'איז מיר קאַלט אַרויסצוגיין. נאָר איין אָוונט, ווען מיין באַלעבאָס איז אַהיימגעקומען, האָט ער רחמנות באַקומען אַף מיר און האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, אַז איך זאָל מיך אָנוואַרעמען."

„נו, און וואָס איז דאָרט געווען?" פאָרשט ווייטער דער לייב.

און דאָס לעמעלע דערציילט: „ווען דער באַלעבאָס האָט אויסגעטון זיינע הילצערנע שיך, וואָס זענען געווען געבעט מיט שטרוי, האָט ער זיי אַנידער־געשטעלט ביים אויוון, צו טריקענען. אַז איך האָב דערפילט דאָס שטרוי, און הונגעריק בין איך דאָך געווען, האָב איך עס אויפגעגעסן."

„אָט דאָ איז עס!" האָט דער לייב אַ ברום געטון. „איר זעט שוין ווער ס'איז דער שולדיקער און פאַר וועמעס זינד מיר ליידן?! נישט גענוג, וואָס דער באַלעבאָס האָט אַף אים רחמנות געהאַט און אַריינגענומען אין שטוב, אַז ס'זאָל זיך אָנ־וואַרעמען, האָט עס נאָך אויפגעפרעסן ביי אים דאָס שטרוי פון די שיך!"

די חיות האָבן צוגעגעבן, אַז דער לייב איז גערעכט, און אַז פאַר די זינד פון דעם לעמעלע ליידן זיי. זיי האָבן גענומען ברומען און האָבן מיט כעס זיך אַ וואָרף געטון אַף דעם לעמעלע, עס צו פאַרצוקן.

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: אַ רב אין פעטריקאָוו האָט דאָס דערציילט אַמאָל קעגן די גבאים און קאָכלעפל, וואָס האָבן געעפנט אַ גמילת־חסדים קאַסע, צו העלפן די אָרימע. נאָר די גבאים האָבן אַליין גענומען הלוואות, און נישט אומגעקערט. דערפאַר אָבער האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער האַרץ אַפן שמש, וואָס האָט געליגן עטלעכע גילדן, און האָט נישט באַצאָלט אין צייט. ביי קרילאָוון איז פאַראַן אַן ענלעכע פאַבל, און אַזאַ פאַבל געפינט זיך אויך ביי דעם פראַנ־צויזישן פאַבל־דיכטער לאַ־פאָנטעין, וואָס האָט געלעבט נאָך פריער פון קרילאָוון, און אויך ביי אַנדערע פאַבל־דיכטער. דער אמת איז, אַז די פאַבל־דיכטער האָבן אויסגענוצט אַ פאָלקס־מעשהלע, וואָס ווערט דערציילט אין פאַרשידענע פאָרמען ביי אַ סך פעלקער. מיין טייערער קאָלעגע חיים ליבערמאַן גיט מיר איבער, אַז אויך ער האָט אַנומלטן געקריגן אַזאַ מעשהלע צוגעשיקט פון אַ רב. און אַ לעזער, יעקב שמואל האָלצמאַן, שרייבט מיר אין אַ בריוו, אַז אַן ענלעך מעשהלע האָט ער געהערט נאָך אין דער אַלטער היים, אין גאַליציע, פון טשאָרטקעווער, הוסיאַטינער און סאַדיגערער חסידים. זיי האָבן דאָס דערציילט אין נאָמען פון דעם באַרדיטשע־ווער צדיק ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס האָט דאָס געבראַכט פאַר אַ משל קעגן אַ פּראָסטן, נאָר זייער אַ פרומען ייד, אַ תהלים־זאָגער. דער ייד האָט דעם פסוק „תעיתי כשה אובד, בקש (באַקעש) עבדך—איך האָב געבלאָנדזעט ווי אַ פאַרלוירן לעמעלע, זוך אויף דיין קנעכט," האָט ער געלייענט: „תעיתי כשה אובד בקש (בעקאַש)—איך האָב געבלאָנדזעט ווי אַ פאַרלוירן לע־מעלע אין שטרוי." יידן האָבן דאָס געהערט און געלאַכט. האָט זיי דער צדיק געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו לאַכן. דער ייד האָט גוט געזאָגט, און ער האָט זיי דערציילט דאָס מעשהלע מיט דעם לעמעלע.

קלאָר, אַז דאָס מעשהלע איז אַן אַלט יידיש מעשהלע. דער באַרדיטשעווער צדיק האָט קרילאָוון נישט געלייענט,

דער דעמב און דאָס ווערבע־ביימל

אַ דעמב האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ קליין ווערבע־ביימל, וואָס איז געוואַקסן נישט ווייט פון אים: „נו, מיין קליינער שכן, פאַרוואָס גראָבסטו דיך נישט איין מיט דיינע פיס טיפער אין דער ערד און הייבסט נישט אויף דיין קאָפּ שטאָלץ אין דער הייך גלייך מיט מיר?"

„איך בין צופרידן מיט מיין גורל," זאָגט דאָס קליינע ביימל. „ס'איז אמת, איך בין נישט אַזוי שטאַרק ווי דו ביסט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דערפאַר בין איך אַ סך מערער באַוואָרנט ווי דו."

דער דעמב האָט זיך שפּעטיש צעלאַכט: „באַוואָרנט?! ווער קאָן מיך אויס־רייסן, אָדער איינבייגן מיין קאָפּ צו דער ערד?"

גלייך נאָך דעם ווי דער דעמב האָט זיך אַזוי באַרימט, איז דער הימל גע־וואָרן פאַרוואָלקנט און ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ ביטערער שטורעם. ער האָט דעם דעמב אַזוי לאַנג געריסן, ביז ער האָט אים אויסגעריסן מיט די וואָרצלען און אים אַנידערגעשליידערט אַף דער ערד. נאָר דאָס ווייכע ווערבע־ביימל האָט זיך פון דעם שטורעם בלויז געבויגן אַהער און אַהין. און ווי נאָר דער שטורעם איז אַרי־בער, האָט זיך עס אויסגעגלייכט און האָט ווידער געגרינט און געבליט.

נישט קיין באָק און נישט קיין הונט

אין אַן אונגאַריש שטעטל איז געווען אַ ייד, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן אין די ימים־נוראים געבלאָזן שופר אין גרויסן בית־המדרש. נאָר דער ייד איז געווען פון דער חברה, וואָס זענען נישט ווי זיי מאַכן דעם אָנשטעל. אין דרויסן זענען זיי כלומרשט אָפּגעהיט און פרום, און דרינען, אין האַרץ, זענען זיי וואָס אין דער קאָרט.

עס זענען אַריבער יאָרן, און אַז דער ייד איז געקומען אַף דער עלטער, האָט ער אין גאַנצן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די יידישקייט און האָט זיך אָפּגעשוירן די באָרד. געקומען די ימים־נוראים, די הייליקע טעג, האָבן די באַלעבאַטים אים נישט געוואָלט צולאָזן צום עמוד, און מ'האָט אים נישט געלאָזט זיין קיין בעל־תוקע. נאָר דער ייד האָט געטענהט, אַז ס'איז זיין חזקה צו בלאָזן שופר אין די ימים־נוראים, און ער האָט נישט געוואָלט נאָכלאָזן. איז געוואָרן אַ מחלוקת. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ס'איז געבליבן, אַז מע זאָל גיין צום רב, צו האָבן אַ דין־תורה. אַז דער רב האָט אויסגעהערט די טענות, זאָגט ער צום ייד און צו די באַלעבאַטים: רבותי, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. ס'איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטעך. האָט ער געהאַט אַ גאַנצע טשערעדע שאָף. נאָר ס'האָט זיך, נעבעך, פאַרלייגט אַף זיי אַ וואָלף, און האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן. יעדע נאַכט איז ער געקומען און האָט פאַרצוקט אַ שעפּעלע, און דער פּאַסטעך, נעבעך, האָט נישט געקענט פון אים פּטור ווערן.

איינמאָל פאַלט דער פּאַסטעך אַף אַ המצאה: ער האָט אַן אַלטן באָק מיט

גרויסע הערנער און מיט אַ לאַנגער באָרד, וועט ער אים אָוועקשטעלן, צו היטן די טשערעדע שעפּעלעך. און ער האָט אַזוי געטון.

אַז דער וואָלף איז געקומען און האָט דערזען דעם באָק מיט די לאַנגע הער־נער, האָט ער זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן. און דער פּאַסטעך איז פּטור גע־וואָרן פון דעם וואָלף.

איין שיינעם טאָג איז דער באָק געוואָרן חולה, האָט זיך אָוועקגעלייגט און אויסגעצויגן די פיס און פאַרלייגט מיטן קאָפּ, אָוועקגעפּגרט.

צרות, ביטער. ווי נאָר דער וואָלף האָט דערשמעקט, אַז דער שומר איז שוין מער נישטאָ, איז ער ווייטער געקומען און האָט פאַרצוקט אַ שעפּעלע נאָך אַ שעפּעלע. טראַכט דער פּאַסטעך: וואָס טוט מען? איז ער זיך מיישב, ער האָט אַן אַלטן הונט, וועט ער אים מאַכן פאַרן שומר. און ער נעמט אַראָפּ די הערנער פון דעם טויטן באָק און טוט זיי אַרויף אויף דעם אַלטן הונט, אַז ער זאָל היטן די טשע־רעדע שעפּעלעך.

אַז דער וואָלף איז געקומען און האָט דערזען די מאָדנע באַשעפעניש, שטייט ער און קוקט און קוקט: „וואָס איז דאָס?" זאָגט ער. „איך פאַרשטיי נישט, וואָס ביסטו? ביסטו אַ באָק—וואו איז דיין באָרד? ביסט אַ הונט—וואָס טויג דיר אַ האָרן?"

דער ייד, אַז ער האָט דאָס דערהערט, האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן. פון דע־מאָלט אָן האָט ער שוין מער נישט געוואָלט בלאָזן קיין שופר.

דער לייב און דער פֿוקס

ר' יוסף איבן זאַבאַראַ ברענגט אין זיין ספר אַזאַ משל:

דער לייב האָט ליב געהאַט דעם פוקס, נאָר דער פוקס האָט נישט געהאַט קיין סך צוטרוי צו דעם לייב, און ער האָט שטענדיק געטראַכט ווי אַזוי אים אומצו־ברענגען. איין שיינעם טאָג קומט צו גיין דער פוקס צו דעם לייב און קלאָגט זיך פאַר אים, אַז ער האָט קאַפּוווייטיק. דער לייב קוקט אים אָן מיט אמתן באַדויערן. ער וואָלט אים וועלן העלפן, ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט מיט וואָס און ווי אַזוי.

דער פוקס באַמערקט דאָס און שמייכלט ביי זיך אין האַרץ. דערנאָך זאָגט ער: „איך האָב געהערט, אַז דאָקטוירים הייסן אין אַזאַ פאַל, אַז מען זאָל בינדן דעם חולה הענט און פיס. נעם, קעניג מיינער, בינד מיך, אפשר וועט מיר ווערן לייכטער."

דער לייב האָט אים צוליב געטון. ער האָט גענומען אַ שטריק און האָט גע־בונדן דעם פוקס. עטלעכע מינוט שפּעטער האָט דער פוקס געמאַכט אַן אַנדער פּנים און געזאָגט צום לייב, אַז זיין קאָפּווייטיק איז שוין פאַרשוואונדן. דער לייב איז געווען זייער צופרידן פון דעם, און ער האָט דעם פוקס אויפגעבונדן און אַראָפּ־גענומען פון אים דעם שטריק.

אַ צייט שפּעטער האָט דער לייב געקריגן אַ גרויסן קאָפּווייטיק. ער האָט זיך

דערמאַנט אין דעם פוקס און איז גלייך אַוועק צו אים און געבעטן, אַז ער זאָל אים בינדן. דער פוקס האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט, וואָס ער קען עפּעס טון פאַר דעם לייב. דאָך ווי נאָר ער האָט אים געבונדן, האָט ער גענומען אַ גרויסן שטיין און האָט דעם לייב צעשמעטערט דעם קאָפּ.

דער הונט בלאָזט פֿון זיך

אַן אַלטער הונט, וואָס האָט שוין אַפילו נישט געהאַט קיין כוח צו בילן, איז געלעגן ביינאַכט לעבן זיין באַלעבאָס שטוב און האָט זיך איינגעגאַרעט אין זיך. ווי ער ליגט אַזוי, דערזעט ער אַנטקעגן זיך אַ וואָלף. דער וואָלף איז געקומען זוכן עפּעס צו שטילן זיין הונגער. אַז ער האָט דערזען ליגן דעם הונט, האָט ער זיך שוין געוואָלט נעמען צו אים. זאָגט דער הונט: „וואָלפּעלע־וואָלף, וואָס וועסטו האָבן, אַז דו וועסט מיך הרגענען? אַ פּאַרטריקנטע פעל מיט אַלטע ביינער? לאָז מיך בעסער לעבן. אַ לעבעדיקער, כאָטש איך בין קאַלט, קען איך דיר ברענגען אַ סך נוצן. איך וועל דיר ווייזן וואו און ווי אַזוי דו קענסט דיך אַריינכאַפּן אין די שטאַלן און קריגן אַ פעטן ביסן. מיר וועסטו פון צייט־צו־צייט צוואַרפן בלויז אַ ווייך ביינדל.״

דעם וואָלף איז דאָס געפעלן. ער האָט געמאַכט שותפות מיט דעם הונט, און דאָס געשעפט איז אַוועק גוט. איינמאָל זאָגט דער הונט צום וואָלף: „דו ביסט דאָך מיינער אַ שותף, גיב מיר, איך בעט דיך, אַן עצה: ווי אַזוי היט מען זיך פון די אַנדערע וועלף, אַז איך זאָל נישט אַריינפאַלן צו זיי אין די ציין?״

זאָגט דער וואָלף: „ס'איז זייער לייכט. ווייסטו ווי אַזוי מיר וועלף דערקענען אייך הינט? אַז איר דערזעט אַ וואָלף, כאַפּט אייך די ניכפּה. איר דרייט אייך צוזאַמען, איר באַהאַלט דעם עק, און ווייסט נישט וואו אַהינצוטון זיך. פון היינט מאָל אָן, אַז דו דערזעעסט אַ וואָלף, הייב אויף דעם קאָפּ און דעם עק, און בלאָז פון זיך. גיי צו צום וואָלף אַ שטאָלצער און דערלאַנג אים אַ שמעק און אַ ניוכע. ער וועט דיך אויך אַ שמעק טון, און יעדער פון אייך וועט זיך גיין נאָך דעם זיין אייגענעם וועג.״

דעם הונט איז די עצה געפעלן. ער האָט זיך גענומען פירן ווי דער וואָלף האָט אים געלערנט, און ס'איז אים געווען גוט און וואויל. ער האָט זיך מער נישט געשראָקן פאַר קיין וועלף. אַזוי איז אַריבער אַ צייט.

איינמאָל באַגעגנט דער הונט זיין אייגענעם וואָלף, זיין אַמאָליקן שותף. נאָר מיט זיינע אַלטע אויגן האָט ער אים נישט דערקענט, און האָט זיך גענומען בלאָזן פאַר אים. דער וואָלף האָט אים אָבער גלייך דערקענט. זאָגט ער צו אים: „דו שייגעץ איינער, דו שקאָץ! אַז דו בלאָזסט פון דיר פאַר אַנדערע וועלף, מיינען זיי, אַז דו ביסט עפּעס. נאָר איך, איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אַ הונט. וואָס בלאָזסטו דיך פאַר מיר?״

באַמערקונג: ענלעכע מעשהלעך זענען פאַראַן ביי די גרויסע פאַבל־דיכטער.

דער קריג צווישן דעם קאָפּ און דעם עק

די גמרא ברענגט אַזאַ מעשה:

צווישן דעם קאָפּ און דעם עק פון אַ שלאַנג האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ קריג. דער עק האָט געהאַט אַ טענה צום קאָפּ און געזאָגט: „פאַרוואָס גייסטו תמיד פאַראויס דער ערשטער? לאָמיך אַמאָל גיין פאַראויס."

ענטפערט אים דער קאָפּ: „מיך אַרט נישט. נאָר איך גיי פאַראויס דער ערשטער, ווייל איך האָב אויגן אין מיין קאָפּ. דו האָסט נישט קיין אויגן, און דו קענסט דעריבער נישט זען דעם וועג."

„דאָס איז גאָרנישט ניט.", זאָגט דער עק. „איך וויל אויך האָבן דעם כבוד צו גיין פאַראויס דער ערשטער."

„גוט, גיי דו פאַראויס."

דער עק האָט גלייך אָנגעהויבן צו גיין פאַראויס, און דער קאָפּ נאָך אים. אַזוי איז די שלאַנג געקראָכן, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ גרוב און—אַריינגעפאַלן אַהין. אַז דער קאָפּ דערזעט אַזאַ זאַך, האָט ער אָנגעהויבן שלעפּן און ציען, און איז קוים אַרויס פון גרוב צוזאַמען מיט דעם עק.

גייען זיי ווייטער. דער עק פאַראויס, און דער קאָפּ נאָך אים. פּלוצים—פּליוך אין אַ וואַסער אַריין. אַז דער קאָפּ זעט, אַז ער ווערט שיר דערטרונקען, האָט ער ווידער גענומען ציען און שלעפּן, ביז ער האָט קוים אַ לעבעדיקער זיך אַרויסגעראַטעוועט פון וואַסער צוזאַמען מיט דעם עק.

דער עק הייבט ווידער אָן גיין פאַראויס דער ערשטער, און דער קאָפּ נאָך אים. גייען זיי, ביז זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ פייער, וואָס האָט געברענט אין פעלד, און די שלאַנג איז פאַרברענט געוואָרן.

דאָס איז דער סוף, אַז דער עק גייט פאַראויס און דער קאָפּ שלעפּט זיך נאָך נאָך אים.

דער פוקס און די חיות

דער לייב, דער מלך פון די חיות, איז אַמאָל געוואָרן מסוכן קראַנק. אַז די חיות אין וואַלד האָבן געהערט, אַז זייער מלך איז קראַנק, זענען זיי אַלע גע־גאַנגען, אים מבקר־חולה זיין. געקומען צום לייב אין דער הייל, זעען זיי, אַז סע האַלט מיט אים שמאָל. די חיות זענען פאַרציטערט געוואָרן: זיי ווערן נאָך, חלילה, בלייבן אָן אַ מלך! וואָס טוט מען? האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי מע ראַטעוועט דעם לייב. יעדער איינער האָט געגעבן אַן אַנדערע עצה. נאָר איינער פון די עלטערע חיות, אַ חיה—אַ מומחה, האָט געזאָגט, אַז ס'איז דאָ בלויז איין מיטל, מיט וואָס מע קען אים ראַטעווען: „ס'האַרץ פון אַ פוקס! מע דאַרף אים געבן צו עסן דאָס האַרץ פון אַ פוקס, אויב מע וויל, אַז ער זאָל געזונט ווערן."

אַלע אויגן האָבן גלייך גענומען זוכן דעם פוקס. נאָר ערשט איצט האָבן די חיות באַמערקט, אַז דער פוקס איז נישט געקומען מבקר־חולה זיין דעם לייב. טראַכטן זיי נישט לאַנג, די חיות, און עטלעכע לאָזן זיך גלייך אַרויס אין וואַלד, צו זוכן דעם פוקס.

ווי זיי גייען אַזוי, דערזעען זיי פון ווייטנס, סע קומט זיי אַנטקעגן דער פוקס. גיבן זיי אים אַפּ אַ ברייטן שלום־עליכם, און זאָגן, אַז זיי זוכן אים אַרום.

„וואָס דאַרפט איר מיך?‟ פרעגט דער פוקס. דערציילן זיי אים די גאַנצע מעשה: דער לייב איז זייער קראַנק. ער איז אַ חולה־מסוכן. און ס'איז דאָ נאָר איין מיטל, מיט וואָס מע קען אים ראַטעווען, מיט דעם האַרץ פון אַ פוקס. אַז ער וועט עסן דאָס האַרץ פון אַ פוקס, וועט ער ווערן געזונט.

דער פוקס איז פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זיין טויט. נאָר ער מאַכט זיך האַרץ, ציט אָן זיך אַרויף אַן ערנסט פּנים און זאָגט:

„ברידער, וואַרט דאָ אויף מיר! איך לויף שוין ברענגען דאָס האַרץ, איך האָב עס פאַרגעסן אין דער היים!‟

דער וואָלף, דער פוקס און דאָס קעמל

דער וואָלף, דער פוקס און דאָס קעמל האָבן אַמאָל געשלאָסן אַ בונד פון פריינטשאַפט צווישן זיך. זיי האָבן צוזאַמען אָפּגעמאַכט, אַז זייער עסן זאָלן זיי אַלעמאָל צעטיילן צווישן זיך גלייך אויף גלייך. איינמאָל גייען זיי אַלע דריי שפּאַצירן און געפינען אַ קליין לעבל ברויט. אַזוי ווי זיי זענען געווען שטאַרק הונגעריק, טראַכטן זיי, אַז זיי וועלן צעטיילן דאָס ברויט אויף דרייען, וועט אויף יעדן פון זיי אויסקומען קוים אויף אַ צאָן. בלייבט, אַז דער עלטסטער פון זיי זאָל קריגן דאָס גאַנצע ברויט, וועט כאָטש איינער פון זיי זאַט ווערן.

טאָ ווער פון זיי איז דער עלטסטער? זאָגט דער וואָלף, אַז ער איז דער עלטסטער: „איך בין דער איינציקער וואָלף, וואָס ביים מבול האָט נוח אַריינגענומען צו זיך אין דער תיבה. אַלע אַנדערע זענען דעמאָלט אומגעקומען, נאָר איך בין געבליבן. דאָס ברויט קומט דעריבער מיר.‟

„וואַרט, וועלפעלע, כאַפּ נישט!‟ זאָגט דער פוקס. „איך בין אַ קאַפּעלע עלטער פון דיר. דו ביסט נאָך אַפילו אויף דער וועלט נישט געווען, ווען גאָט האָט מיך באַשאַפן, מיך, דעם ערשטן פוקס. איך געדענק נאָך ווי היינט ווי איך בין געלעגן ביי די פיס פון אָדם און חוה און זיי האָבן מיר געגלעט דעם רוקן, און מיר געזאָגט, אַז איך בין קליגער פון אַלע חיות.‟

„אַזוי גאָר, פיקסעלע?!‟ זאָגט דער וואָלף, „טאָ פאַרוואָס האָב איך דיך נישט געזען אין נוחס תיבה, ווען ס'איז געקומען דאָס מבול?‟

„ווייל איך בין געלעגן צו נוחס פיס,‟ זאָגט דער פוקס. „ער האָט מיך אַזוי ליב געהאַט, אַז ער האָט מיך אַפילו נישט אַריינגעלאָזט אין דער קאַמער מיט די אַנדערע חיות.‟

אויף דעם האָט שוין דער וואָלף נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

דאָס קעמל, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו זייערע רייד, און האָט זיך נישט געקענט דערמאַנען אין קיין זאַך, וואָס זאָל באַווייזן זיין הויכע עלטער, האָט אַ כאַפּ געטון דאָס ברויט מיט זיינע ציין, האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ אין דער הייך און

געזאָגט: „איך זע, אַז אירביידע האַלט מיך, ווייזט אויס, פאַר אַ קינד. וואו, מיינט איר, בין איך געווען דעמאָלט?" און ער האָט בשעת־מעשה צעקייט דאָס גאַנצע ברויט און עס אַראָפּגעשלונגען.

ווער סע רײַט אַפֿן פֿערד, דער איז באַלעבאָס

אַ ייד איז אַמאָל אין אַן ערב־שבת געגאַנגען פון דאָרף אַהיים אין שטאָט אַריין. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, און ס'איז שוין געווען שפּעט, און דער ייד האָט זיך געאײַלט צו קומען אַהיים פאַר ליכט־בענטשן.

ווי ער גייט אַזוי, דערזעט ער, אַז אַף דעם וועג, אים אַנטקעגן, לויפט אַ פערד אַליין, אָן אַ רייטער. פאַרשטעלט ער אים דעם וועג, פאַרהאַלט עס און נעמט בעטן: „וואַרט, פערד, וואוהין לויפסטו אַזוי? נעם מיך אַרויף. דער וועג איז לאַנג, און מיר טוען שוין ווי די פיס פון גיין. אויב איך וועל נישט קומען באַצייטנס אַהיים, וועל איך נאָך, חלילה, מחלל־שבת זיין."

זאָגט דאָס פערד: „מיין ליבער ייד, ווי אַזוי קאָן איך דיך נעמען, אַז דו גייסט אַהין, פון וואַנען איך קום, און איך גיי, פון וואַנען דו קומסט."

אַז דער ייד זעט, דאָס פערד וויל אים נישט באַהילפיק זיין, זאָגט ער צו אים: „אויב אַזוי, פערד, נעם מיך וואוהין דו גייסט."

„גוט," זאָגט דאָס פערד, „קריך אַרויף."

דער ייד איז אַרויף אַפן פערד, האָט אָנגעכאַפּט די לייצעס און זיי אַ צי געטון, אַז דאָס פערד זאָל זיך אויסדרייען אַף צוריק.

דאָס פערד האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט: „סטייטש, יושר?! דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט גיין וואוהין איך גיי, און איצט צווינגסטו מיך גאָר, אַז איך זאָל גיין וואוהין דו ווילסט. וואו איז גערעכטיקייט?"

ענטפערט דער ייד: „איך וועל דיר זאָגן, פערד: איידער איך בין אַרויף אַף דיר—ביסטו געווען באַלעבאָס. נאָר איצט, אַז איך זיץ שוין אַף דיר—בין איך דער באַלעבאָס, און דו וועסט גיין וואוהין איך דאַרף."

ביסטו אַ שוחט—קוילע

איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה: איינמאָל, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט, איז אַ הונגעריקער וואָלף אַריין אין שטאָל און האָט דאָרט געפונען ליגן אַ יונג לעמעלע. ער האָט דאָס לעמעלע געוואָלט פאַרצוקן, צו שטילן זיין הונגער. נאָר דאָס לעמעלע האָט זיך גענומען בעטן ביי אים: „וועלפּעלע־וואָלף, זע, איך האָב נאָך גאָרנישט ניט געלעבט. איך בין ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געבוירן געוואָרן. איך בעט דיך, לאָז מיך לעבן."

נאָר דער וואָלף האָט דאָס לעמעלע נישט געוואָלט אָפּלאָזן. ער האָט געענטפערט: „איך בין הונגעריק און איך מוז דיך פאַרצוקן."

אַז דאָס לעמעלע זעט, אַז זיין געבעט העלפט נישט, און אַז סע וועט באַלד זיין זיין סוף, זאָגט עס מיט אַ געוויין: „וועלפּעלע־וואָלף, אויב מיר איז שוין יאָ באַ־

שערט צו שטאַרבן אַזוי יונג, בעט איך דיך, מאַך מיר כאָטש אַ „מי־שברך", איי־דער איך שטאַרב."

דער וואָלף האָט רחמנות געקריגן אַף דעם לעמעלע און האָט באַוויליקט זיין געבעט. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַף די הינטערשטע צוויי פיס און האָט מיט אַ וועלפיש קול גענומען מאַכן דעם „מי־שברך".

די מענטשן אין שטוב האָבן דערהערט דאָס געוואָי, זענען זיי געקומען צו לויפן מיט שטעקנס און האָבן דעם וואָלף אַזוי אָנגעהרגעט, אַז ער איז אַ הינקענ־דיקער קוים אַנטלאָפן מיט זיין לעבן.

אַפן וועג קומט אים אַנטקעגן אַ פוקס. אַז דער פוקס זעט ווי פון דעם וואָלף גיסט זיך בלוט און ער הינקט און וואָיעט, פרעגט ער אים: „וואָס ווייסטו, גוטער ברודער? וואָס האָט געטראָפן מיט דיר?"

דערציילט אים דער וואָלף די גאַנצע מעשה, פון אָנהייב ביזן סוף.

זאָגט דער פוקס: „אַ מצווה אַף דיר, ברודערל. ביסטו אַ שוחט—קוילע, און פראַווע נישט קיין חזנות."

קלוג, קלוג און פאַרט אַ נאַר

דער פוקס איז געלעגן אין אַ ווינקעלע פון זיין נאָרע און האָט זיך געפרייט און געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיך געראַטעוועט פון דעם הונטס לאַפּעס און ציין. פון פרייד האָט ער גענומען רעדן צו זיך און געזאָגט: „דו ביסט אַ חכם אַ פוקס! דו ווייסט ווי אַכטונג צו געבן אַף דיר און היטן דיין פעל. נאָר לאָמיר איצט פרעגן מיינע אברים, וואָס זיי האָבן געטון, צו העלפן מיר ראַטעווען זיך פון דעם הונט. איך וועל פרעגן מיינע אויגן: וואָס האָט איר, אייגעלעך, געטון, ווען דער הונט האָט זיך געיאָגט נאָך מיר?"

„טייערער פיקסעלע־פוקס," האָבן די אויגן אָנגעהויבן און געענטפערט, „מיר האָבן געקוקט אַף אַלע זייטן און געזוכט אַ באַהעלטעניש, צו ראַטעווען דיך און דיין פעל."

„אָ, מיינע טייערע אייגעלעך!" האָט דער פוקס געזאָגט אַ צופרידענער און געגלעט די אויגן מיט זיינע לאַפּעס. נאָך דעם האָט ער זיך געווענדט צו זיינע פעדערשטע פיס: „און איר, מיינע פיסעלעך, וואָס האָט איר געטון, ווען דער הונט האָט זיך געיאָגט נאָך מיר?"

„וואָס מיר האָבן געטון?" האָבן די פעדערשטע פיס איבערגעפרעגט, „מיר, פיקסעלע־פוקס, מיר זענען געלאָפן און האָבן דיך געטראָגן צו דיין נאָרע אַזוי גיך ווי מיר האָבן געקענט."

„אָ, פלינקע פיסעלעך מיינע!" האָט דער פוקס געגלאַסטשעט זיינע פעדערשטע פיס און זיי געלעקט מיט זיין צונג. „און איר מיינע הינטערשטע פיס, וואָס האָט איר געטון, ווען דער הונט האָט זיך געיאָגט נאָך מיין לעבן?"

„וואָס מיר האָבן געטון?" האָבן די הינטערשטע פיס איבערגעפרעגט, „מיר האָבן אויפגעהויבן אַ שטויב און געוואָרפן דעם הונט אין די אויגן, אַז ער זאָל דיך נישט זען און נישט כאַפּן."

„אַ, טייערע פּיסעלעך מײַנע!" האָט דער פוקס זיי געגלעט און געלעקט. „איר האָט גוט געטון. און דו, מײַן עקעלע־עק," האָט זיך דער פוקס געווענדט צו זײַן עק, „וואָס האָסטו געטון, צו העלפֿן אַנטרינען מיר פֿון דעם הונט?"

„איך, פּיקסעלע־פוקס, וואָס האָב איך געקענט טון?" האָט דער עק געענט־פֿערט תּמעוואָטע. „איך האָב מיך געוואָרפֿן רעכטס און לינקס, און ער האָט מיך נישט געקענט כאַפּן. ווען נישט די פיס, האָב איך מורא, וואָלט איך שוין נישט געווען קיין לעבעדיקער, און דו, פּיקסעלע־פוקס, וואָלטסט שוין אויך קיין לע־בעדיקער די זון נישט געזען."

דער פוקס איז געוואָרן אין כּעס און גענומען שרײַען: „הייסט עס, ווי דו אַליין זאָגסט, ביסטו דער אײנציקער, וואָס האָט מיר נישט געהאָלפֿן מיט קיין זאַך, ווען איך בין געווען אין געפֿאַר מיט מײַן לעבן. דו שונא מײַנער! ווען נישט די גע־בענטשטע פיס, וואָלטן מיר אַלע שוין קיין לעבעדיקע נישט געזען די זון. דו שונא, דו נאַרישער עק! אַרויס פֿון דאַנען! איך וויל דיך מער נישט האָבן מיט מיר!" און ער האָט דורך דער עפֿענונג פֿון דער נאָרע גענומען שטופּן דעם עק אין דרויסן אַרויס.

נאָר אָך און ווי! דער הונט, וואָס איז געלעגן ביי דער נאָרע און האָט גע־לויערט, אַז ער האָט דערזען דעם עק, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון און אים אָנ־געכאַפּט מיט זײַנע שאַרפֿע ציין. ער האָט אים אַזוי לאַנג געשלעפּט און געריסן, ביז ער האָט אים אַרויסגעשלעפּט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן פוקס, און האָט גע־מאַכט פֿון זיי ביידע אַ סוף.

דער לייב און די פֿליג

דער לייב איז געלעגן אין דער זון און איז געשלאָפֿן. איז געקומען צו פֿליען אַ פֿליג און האָט אים אַזוי לאַנג געזשומעט אין אויער, ביז זי האָט אים אויפֿ־געוועקט.

דער לייב האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ כּעס און האָט גענומען ברילן אויף דער פֿליג פֿאַר איר חוצפּה. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ לאָז געטון נאָך איר און האָט זי געוואָלט אײַנשלינגען. האָט די פֿליג זיך גענומען בעטן ביים לייב, אַז ער זאָל איר מוחל זײַן. זי האָט געטענהט: „לייבעלע־לייב, וואָס וועסטו האָבן, אַז דו וועסט מיך אײַנשלינגען? צי איז עפּעס אַ קונץ צו הרגענען אַ פֿליג? אַפילו אַ פּייגעלע קען מיך דאָך טייטן מיט אַ פּיק פֿון שנעבעלע. דו ווייז אַ קונץ און הרגע אַ מענטש."

„גוט," זאָגט דער לייב, „קום און ווייז מיר אַ מענטש, און מיר וועלן זען."

לאָזן זיי זיך ביידע אַרויס פֿון וואַלד. די פֿליג פֿליט, און דער לייב גייט איר נאָך. אויפֿן וועג דערזעען זיי ווי אַ פּאַסטעכל פּיטערט בהמות. וויל דער לייב זיך אַ לאָז טון אויף אים און אים הרגענען.

„וואַרט," זאָגט די פֿליג, „לויף נישט. דאָס איז נאָך נישט קיין מענטש."

לאָזן זיי זיך ווײַטער, צו זוכן אַ מענטש. די פֿליג פֿליט, און דער לייב גייט איר נאָך. מיטאַמאָל דערזעען זיי, אַן אַלטער, גרויער בעטלער שלעפּט זיך אויפֿן וועג. דער לייב וויל זיך שוין אַ לאָז טון אויף אים און אים טייטן.

„וואַרט, לויף נישט," זאָגט די פליג. „דאָס איז געווען אַמאָל אַ מענטש."
די פליג און דער לייב לאָזן זיך ווייטער אין וועג. די פליג פליט, און דער לייב גייט איר נאָך. פלוצים דערזעען זיי, אַ יונגער יעגער מיט אַ ביקס אַפן אַקסל קומט אַרויס פון וואַלד. „לייבעלע־לייב," זאָגט די פליג, „אָט דאָס איז אַ מענטש. לויף גיך און דערהרגע אים!"
אין דעם מאָמענט האָט דער יעגער אַראָפּגעכאַפּט די ביקס פון זיין אַקסל און האָט דעם לייב אַריינגעיאָגט אַ קויל אין קאָפּ.

דער וואָרעם אין כריין

אַ מערעשקע איז אַרומגעלאָפן איבער אַ פרישן וואָרצל כריין, וואָס איז געלעגן אויסגעריסן אַף אַ בייט אין גאָרטן. ווי זי לויפט אַזוי, דערזעט זי אין וואָרצל כריין אַ לעכעלע, און טיף אין אים—אַ ווערימל.
„ווער ביסטו? און וואָס טוסטו דאָרטן?" פרעגט די מערעשקע.
„איך בין דער האַר פון דעם וואָרצל כריין," ענטפערט דאָס ווערימל. „דאָ ליג איך מיר און דאָ לעב איך מיר און דערנער מיך. דאָס איז מיין בעסטער פּלאַץ."
„קום אַרויס פון דאָרט, ליב ווערימל," זאָגט די מערעשקע. „קום אַרויס, וועלן מיר גיין צוזאַמען שפּאַצירן. פאַראַן אַ סך אַזעלכע וואָרצלען כריין, אַ גאַנצע בייט מיט כריין איז דאָ פאַראַן. און פאַראַן בייטן מיט אַנדערע טייערע גרינסן. אַ גאַנצער גאָרטן איז דאָ פאַראַן. און אין גאָרטן זענען אויך דאָביימער מיט אַלערליי פּירות, און ס'איז דאָ אַ גערטנער, וואָס גיט אַכטונג אַף דעם גאָרטן, און היט אים."
דאָס ווערימל הערט דאָס אויס און זאָגט: „איך גלייב נישט אין דעם, וואָס דו רופסט אַן גאָרטן. איך גלייב אויך נישט אין דעם, וואָס דו רופסט אַן גערטנער: איך זע נישט קיין אַנדערן וואָרצל כריין אויסער מיינעם, וואו איך לעב און גיי מיר אַרום אַהין און אַהער. איך גלייב אין גאַנצן נישט, אַז ס'איז דאָ נאָך עפּעס אַף דער אַנדערער זייט פון דער שאָלעכץ פון דעם וואָרצל כריין."

די מענטשן און די פליגן

די שטאָטלייט זענען געקומען צו זייער עלטסטן, דעם חכם, און האָבן געזאָגט: „מיר האָבן געהערט, אַז דער קייסער קלויבט זיך צו באַשטימען אין דער מלוכה נייע קאָפּ־מענטשן, אַז זיי זאָלן שאַפן נייע געזעצן. זאָג, וועט דאָס זיין גוט פאַר אונז? וועט מען אונז פאַרלייכטערן די שטייערן, צו מאַכן אונזער לעבן אַביסל גרינגער?"
דער עלטסטער הערט זיי אויס, פאַרטראַכט זיך און זאָגט: „זעצט אייך, וועל איך אייך דערציילן עפּעס, וועט איר פאַרשטיין: מ'האָט אַמאָל געכאַפּט אַ מאַן, וואָס האָט נישט געצאָלט פּינקטלעך זיינע שטייערן און מ'האָט אים געבראַכט צום ריכטער, אַז ער זאָל אים באַשטראָפן. דער ריכטער האָט אויסגעהערט פאַרוואָס מ'האָט דעם מאַן געבראַכט צו אים, און ער האָט געהייסן, אַז פאַר אַ שטראָף

זאָל מען אים צובינדן אַ האַלב־נאַקעטן צו אַ בוים אויף אַ גאַנצן טאָג. האָט מען אַזוי געטון. און אַזוי ווי ס'איז דעמאָלט געווען אַ הייסער זומערטאָג, זענען די פליגן, די בלוטזויגער, באַפאַלן דעם מאַן און האָבן אים געביסן זיין לייב און זיין פּנים. נאָר ער האָט זיך נישט געקענט ווערן, ווייל זיינע הענט זענען אים געווען געבונדן. ווי ער שטייט אַזוי אַ געבונדענער און די פליגן עסן אים, קומט אָן אַ וואַנדערער. אַז ער דערזעט אַזאַ זאַך, האָט אים אָנגענומען אַ רחמנות. ער איז צוגעגאַנגען און האָט געוואָלט אָפּטרייבן די פליגן פון דעם מאַן.

זאָגט דער מאַן: גוטער מענטש, טו דאָס נישט. טרייב נישט אָפּ די פליגן פון מיר, ווייל זיי זענען שוין כמעט זאַט מיט מיין בלוט. נאָר אַז דו וועסט זיי אָפּטרייבן, וועלן קומען אַנדערע, הונגעריקע, און זיי וועלן אויף דאָס ניי נעמען זייגן מיין בלוט."

דער מענטש און זיין שעפּסעלע

איינער אַ מענטש האָט געהאַט אַן איינציק שעפּסעלע. דאָס שעפּסעלע איז דעם מענטש געווען זייער טייער. נאָר אַז ס'איז געקומען די צייט פון שערן די שאָף, האָט ער גענומען אַ שער, האָט געכאַפּט דאָס שעפּסעלע און עס אָנגעהויבן צו שערן. דער מענטש האָט געוואָלט אַראָפּנעמען פון אים די גאַנצע וואָל, אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין איינציקע האָר. ער האָט דעריבער געשוירן דאָס שעפּסעלע אַזוי נאָענט צום לייב, אַז ער האָט אים צוזאַמען מיט דער וואָל אויך אַראָפּגענומען גאַנצע שטיקער הויט. דאָס שעפּסעלע האָט שוין מער נישט געקענט איינשטיין פון ווייטיק, און אַ צעבלוטיקטס האָט עס אויסגעשריגן:

"פאַרוואָס מאַטערסטו מיך אַזוי? וואָס וועט מיין בלוט דיר צוגעבן צו דער וואָג פון דער וואָל? אויב דו ווילסט מיין פלייש—שיק נאָך דעם שוחט, וועט ער מיך קוילען, און סע וועט נעמען אַ סוף צו מיינע ווייטיקן. נאָר אויב דו ווילסט מיין וואָל—שיק נאָכן שערער, וועט ער מיך אָפּשערן, און נישט צאַפּן מיר דאָס בלוט אומזיסט."

די צוויי ברידער און די מעשה מיט דעם הונט

אַמאָל זענען געווען צוויי ברידער, צוויי פיינע לייט, נאָר זיי האָבן צווישן זיך נישט געלעבט בשלום. זיי האָבן זיך כסדר געקריגט און גערופן איינער דעם אַנדערן מיט אַלערליי צונעמען. איינמאָל רעדט אַ באַקענטער מיט איינעם פון די ברידער און פרעגט אים דעם טעם, פאַרוואָס ס'איז נישטאָ קיין שלום צווישן אים און דעם אַנדערן ברודער. זאָגט דער ברודער: "פריינד, איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה, וועסטו פאַרשטיין. אין אַ דאָרף ביי אַ רייכן פּויער איז געווען אַ גרויסער, געזונטער הונט. ווינטער אין די נעכט, ווען הונגעריקע וועלף האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין דאָרף צו זוכן עסן, האָבן זיי צום פּויערס שטאַל קיינמאָל נישט געקענט צוקומען. דער הונט האָט זיך געוואָרפן אויף זיי און אַזוי געבילט, אַז

די פּויערים פלעגן אַרויסלויפן מיט שטעקענעס און העק, און פאַרטרייבן די וועלף. אַזוי זענען אַוועק יאָרן. אַז דער הונט איז געוואָרן אַלט און שוואַך, און דער פּויער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין נוצן פון אים, האָט ער אים אַרויסגעטריבן.

„דער הונט האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן. איינמאָל קומט אים אַנטקעגן אַ וואָלף. און דער וואָלף האָט אים דערקענט און זאָגט: איצט וועל איך מיך אָפּ־רעכענען מיט דיר. דו געדענקסט, ווען איך בין אַ הונגעריקער געקומען אין דאָרף, צו זוכן עסן, האָסטו דיך געוואָרפן אויף מיר און אַזוי געבילט, אַז די פּויערים זענען אַרויס און האָבן מיך פאַרטריבן. בעט זיך ביי אים דער הונט: האָב רחמנות, לאָז מיך לעבן. זע, אַלע מיינע יאָרן האָב איך געטריי געדינט מיין באַלעבאָס, און איצט, אַז איך בין אַלט און שוואַך, האָט ער מיך אַרויסגעטריבן. דער וואָלף האָט זיך דערבאַרעמט אויף אים. ער האָט אים נאָך געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל אָנטון אויף זיך אַ וואָלפישע פעל, און זיין צוזאַמען מיט די וועלף. דעם הונט איז די עצה געפעלן און ער האָט אַזוי געטון.

„איינמאָל איז די טשאַטע וועלף אָנגעפאַלן אויף אַ טשאַטע הינט. די הינט האָבן צווישן די וועלף דערקענט דעם אַלטן הונט. זאָגן זיי צו אים: הער נאָר, דו, הונט, מילא זיי, זיי זענען פרעמדע. נאָר דו, דו ביסט דאָך אונזער ברודער. מיר קענען דאָך דיך, וואָס פאַר אַ הונט דו ביסט.״

און דער ברודער פאַרענדיקט: „דו פאַרשטייסט שוין? דיר איז מיין ברודער אַ פרעמדער. נאָר מיר איז ער דאָך אַ ברודער. איך ווייס שוין וואָס פאַר אַ הונט ער איז.״

די געלערנטע און געטרײַע מאַלפּע

אַ פּרינץ האָט געהאַט זייער אַ געלערנטע און געטרייע מאַלפּע, וואָס אַ מלך פון אַ וויטן לאַנד האָט אים געשיקט אַ מתנה. די מאַלפּע האָט געקענט טון אַלערליי אַרבעטן פאַר דעם פּרינץ, און אַז ער איז אַמאָל געווען טרויעריק, האָט זי מיט איר טאַנצן און מאַכן קונצן פאַרטריבן זיין טרויער פון אים.

איינמאָל, אין אַ הייסן זומערטאָג, שלאָפט דער פּרינץ אין זיין גאָרטן און די מאַלפּע שטייט לעבן אים מיט אַ פעכער און פעכערט אים, אַז ס'זאָל אים זיין קילער, און טרייבט אָפּ די פליגן פון זיין קערפּער. נאָר איין פליג האָט זיך אַזוי אָנגעזעצט, אַז מ'האָט נישט געקענט פּטור ווערן פון איר. אַז די מאַלפּע האָט זי אַוועקגעטריבן פון דעם פּרינצס פּנים, האָט זי זיך געשטעלט אויף זיין ברוסט. האָט זי די מאַלפּע אַוועקגעטריבן פון זיין ברוסט, האָט זי זיך געשטעלט אויף זיין פּנים. ס'איז נישט געווען אויסצוהאַלטן פון איר. צום סוף איז די מאַלפּע אַרויס פון געדולד, האָט געכאַפּט דעם פּרינצס שווערד, און מיטן גאַנצן כּוח זי אַראָפּ־געלאָזט אויף דער פליג, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין ברוסט.

פון דעם פּרינצס ברוסט האָט אַ זעץ געטון אַ שטראָם בלוט, און ער האָט אָנגעהויבן שרייען און קרעכצן. עס זענען באַצייטנס אַרויסגעלאָפן די דאָקטוירים פון פּאַלאַץ, און האָבן דעם פּרינץ קוים אָפּגעראַטעוועט.

דער פּרינץ האָט דעמאָלט איינגעזען, אַז אַ נאַר בלײַבט אַ נאַר. מע קען די מאַלפּע בילדן און לערנען טון אַלערליי זאַכן, נאָר אויסלערנען שכל—דאָס קען מען נישט קיינעם.

דער הונגעריקער לייב און די חיות אין וואַלד

דער לייב, דער מלך פֿון די חיות, איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען זייער אַ הונגע־ריקער אין וואַלד. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער זיך אַרומגעשלײַעט און ס'האָט זיך אים גאָרנישט ניט געמאַכט עפּעס צו פֿאַרצוקן. פֿון גרויס הונגער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אַ שלעכטער ריח ביי אים פֿון מויל.

אַז דער לייב זעט, ס'איז שלעכט, ער גייט אויס פֿון הונגער, האָט ער אָנגע־הויבן ברומען און רופֿן זיינע חיות. איז געקומען צו לויפֿן אַ וואַלד־אייזל. זאָגט צו אים דער לייב: „לייג צו די נאָז צו מיין מויל און זאָג מיר, צי דו הערסט עפּעס אַ ריח.” דאָס וואַלד־אייזל לייגט צו זיין נאָז צום לייבס מויל, גיט אַ שמעק און זאָגט: „יאָ, אַדוני מלך, סע הערט זיך אַ שלעכטער ריח.”

„ווי וואַגסטו צו זאָגן אַזוינס צו אַ מלך?!” גיט דער לייב אַף אים אַ בריל. „פֿאַר ווידערשפּעניקן אַ מלך קומט טויט!” און ער כאַפּט אָן דאָס וואַלד־אייזל, צערייסט עס און פֿאַרצוקט עס אַפֿן אָרט.

נאָך דעם זענען ווידער אַריבער עטלעכע טעג און דער לייב איז ווידער געוואָרן הונגעריק. הייבט ער אָן ברומען און רופֿן זיינע חיות. קומט צו לויפֿן אַ וואָלף. זאָגט צו אים דער לייב: „לייג צו די נאָז צו מיין מויל און זאָג מיר, צי דו הערסט עפּעס אַ ריח.”

טראַכט זיך דער וואָלף: „איך וועל שוין זיין קליגער פֿון דעם וואַלד־אייזל.” און ער לייגט צו זיין נאָז צום לייבס מויל און זאָגט: „ניין, אַדוני מלך, סע הערט זיך נישט קיין שום ריח.”

גיט דער לייב אַ בריל אַף אים: „דו שקרן! ווי וואַגסטו צו נאַרן אַ מלך?! פֿאַר ווידערשפּעניקן אַ מלך קומט טויט!” און ער כאַפּט אים, צערייסט און פֿאַר־צוקט אים.

נאָך דעם זענען ווידער אַריבער עטלעכע טעג און דער לייב איז ווידער געוואָרן הונגעריק. הייבט ער אָן אָפּסניי צו ברומען און רופֿן זיינע חיות. קומט צו לויפֿן אַ פֿוקס. זאָגט צו אים דער לייב: „לייג צו די נאָז צו מיין מויל און זאָג מיר, צי דו הערסט עפּעס אַ ריח.”

ווייסט דאָך דער פֿוקס וואָס דער לייב האָט געטון מיטן וואַלד־אייזל און מיטן וואָלף, טראַכט ער זיך: „איך וועל שוין זיין קליגער פֿון זיי.” און ער זאָגט: „אַדוני מלך, איך האָב, נישט פֿאַר מיין מלך געדאַכט, אַ שטאַרקן קאַטאַר און מיין נאָז איז מיר פֿאַרלייגט און פֿילט גאָרנישט ניט.”

גיט דער לייב אַ בריל אַף אים: „אַזוי גאָר, דו קלוגיטשקער פֿוקס! דו ווילסט זיך אויסדרייען פֿון מיר?! איך בין הונגעריק און וועל דיך פֿאַרצוקן!” און ער האָט אים געכאַפּט און פֿאַרצוקט.

דער לייב און דער מלאך פֿון ליבע

דער לייב האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פֿאַר דעם מלאך פֿון ליבע, אַז קיינער האָט אים נישט ליב און אַז אַלץ, וואָס מע דערציילט וועגן אים אין די מעשהלעך, איז נישט אמת. ער האָט געזאָגט: „אין טייל מעשהלעך מאָלט מען מיך פֿאַר אַן אומדאַנקבאַרער באַשעפֿעניש, ווי אַשטייגער אין דער מעשה מיטן בוסיק, וואו סע ווערט געזאָגט, אַז איך האָב אים נישט געוואָלט באַלוינען פֿאַר אַרויסשלעפּן מיר דעם ביין, וואָס האָט זיך מיר געשטעלט אין האַלז; אָדער מע שטעלט מיך אַרויס לעכערלעך, ווי אין דער מעשה מיט דער מויז, אַז די מויז האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

„אויסער דעם מאָלט מען מיך בכלל פֿאַר אַ שלעכטער חיה. אַפֿילו די שלאַנג מאַכט מען פֿאַר אַ בעסערער באַשעפֿעניש פֿון מיר. דו, ליבער מלאך, ווייסט, אַז דאָס איז נישט אמת.‟

„טאָ וואָס ווילסטו פֿון מיר?‟ פֿרעגט דער מלאך.

מאַכט דער לייב אַ רחמנות פּנים און זאָגט: „דו ביסט דאָך דער מלאך פֿון ליבע, טאָ טו אַזוי, אַז מע זאָל מיך ליב האָבן. גיי, זאָג זיי, אַז אין האַרצן בין איך אין דער אמתן אַן אַלטער, גוטער לייב.‟

„אַרימער לייב, נעבעך!‟ טרייסט אים דער מלאך. „איך וועל פּרובירן טון אַזוי, אַז אַלע חיות אין וואַלד זאָלן זיך ליב האָבן.‟

פֿרעגט דער לייב: „אַז די חיות אין וואַלד וועלן זיך ליב האָבן איינע די אַנדערע, וועלן זיי מיך אויך ליב האָבן?‟

„יאָ,‟ זאָגט דער מלאך. „נאָר פֿון היינט מאָל אָן זאָלסטו צו איטלעכן זיין גוט. און אַז דו באַגעגנסט איינעם, זאָלסטו אים גריסן מיט פֿריינטשאַפֿט.‟

דער לייב איז געוועזן זייער צופֿרידן פֿון דעם מלאכס רייד. ער האָט זיך פֿאַרנייגט פֿאַר אים און געבעטן, אַז ער זאָל זיך אַרויפֿזעצן אױף זיין רוקן, וועט ער אים טראָגן איבערן גאַנצן וואַלד, כדי אַריינצוגעבן ליבשאַפֿט אין האַרץ פֿון איטלעכער חיה.

דער מלאך האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אױף אים און דער לייב האָט אים גענומען טראָגן איבערן וואַלד. אַז זיי האָבן דערזען אָנקומען אַ חיה, זאָגט דער מלאך: „געדענק, פֿאַרנייג דיך פֿאַר איר און באַגריס זי פֿריינדלעך.‟

ענטפֿערט דער לייב: „און דו, געדענק, אַז נאָך אַלעמען בין איך אַ לייב, און אַפֿילו דער, וואָס רייט אױף אַ לייב—קען נישט אַראָפּ פֿון אים און בלייבן גאַנץ.‟

דאָס פֿערד, דער הערש און דער יעגער

אין די צייטן, ווען דאָס פֿערד איז נאָך אַרומגעלאָפֿן פֿריי אין די וועלדער, האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן אים און דעם הערש. איז דאָס פֿערד אַוועק צו דעם יעגער און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים העלפֿן ביייקומען דעם הערש. דער יעגער האָט צוגעשטימט און געזאָגט: „אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל דיר העלפֿן אין דער מלחמה מיטן הערש, מוזסטו מיך לאָזן אַריינלייגן דיר אַ

שטיקל אייזן אין מויל, אַז איך זאָל דיך קענען פירן ביי די לייצעס. דו מוזסט מיך אויך לאָזן אַרויפליִיגן אַ זאַטל אַף דיין רוקן, אַז איך זאָל קענען זיצן זיכער, ווען מיר וועלן נאָכיאָגן דיין שונא.״

דאָס פערד האָט צוגעשטימט. דער יעגער האָט אָנגעזאָטלט דאָס פערד און האָט אים אַריינגעלייגט אַ צוים אין מויל. דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעלאָזט אַף יאָגד, אָנגעיאָגט דעם הערש און האָבן אים באַזיגט. אַז דאָס פערד האָט געזען, אַז זיין שונא איז שוין באַזיגט, רופט זיך עס אָן און זאָגט צום יעגער: „איצט גיי אַראָפּ פון מיר און נעם אַראָפּ דעם זאָטל פון מיין רוקן און נעם אַרויס דאָס ציימל פון מיין מויל.״

„אייל דיך נישט, מיין פריינד,״ זאָגט צו אים דער יעגער, „איצט, אַז איך האַלט דיך געצוימט, ביסטו ביי מיר אין די הענט, און איך וועל דיך שוין נישט אָפּלאָזן.״

ווי אַזוי דער ראָק האָט איבערגעקליגלט דעם פוקס

דער פוקס איז אַמאָל געקומען אַף אַ פעלד און האָט געזען ווי אַ ראָק שלעפּט זיך פּאַמעלעך איבער דעם גרינעם גראָז. „גאָט העלף דיר, ראָק,״ האָט אים דער פוקס באַגריסט מיט אַ שפּעטיש שמייכעלע. „איך זע, אַז דו גייסט נאָך בעסער הינטערווייַלעכץ ווי פאָראויס. ווען רעכנסטו ועסטו זיין אַף דער אַנדערער זייט פעלד?״

דער ראָק האָט באַמערקט, אַז דער פוקס וויל אים בלויז אויסלאַכן, ענטפערט ער אים: „איך זע, פוקס, אַז דו קענסט מיך נישט גוט. איך וועט מיך מיט דיר, אַז איך קען לויפן גיכער פון דיר.״

„גוט, לאָמיר זיך וועטן,״ זאָגט דער פוקס. „לאָמיר לויפן פון קראָקע ביז קיין לעמבעריק, אָדער פון טריסק ביז קיין בריסק.״

„ניין,״ זאָגט דער ראָק, „דאָס איז פאַר אונז ביידע אַביסל צו ווייט. ס׳איז גענוג צו לויפן אַ מייל, אָדער בלויז צו דער אַנדערער זייט פון דעם פעלד. און דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, איך וועל דיך נאָך אַריבעריאָגן מיט אַ שפּרונג, אַזוי לאַנג ווי דו ביסט.״

„איך בין גרייט,״ זאָגט דער פוקס מיט אַ חוזק שמייכעלע.

„גוט, לאָמיר אָנהייבן,״ ענטפערט דער ראָק. „איך וועל מיך שטעלן הינטער דיר אַזוי, אַז מיין קאָפּ זאָל אויסקומען ביי דיינע הינטערשטע פיס. און אַז איך וועל אַ זאָג טון „לויפן!״ הייבט זיך אָן דאָס געוועט. און דו וועסט זען, אַז איך וועל אָנקומען נאָך פאַר דיר.״

דער פוקס האָט געטון ווי דער ראָק האָט געזאָגט. און איידער דער ראָק האָט אַ רוף געטון „לויפן!״, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט זיינע שער־פיסלעך אין דעם דיקן עק פון דעם פוקס, אַזוי אַז דער פוקס האָט עס אַפילו נישט געפילט. ערשט דעמאָלט האָט דער ראָק געגעבן דעם אָפּגערעדטן צייכן, און דער פוקס האָט זיך אַ יאָג געטון מיט אַלע כוחות. ער איז דאָס מאָל געלאָפן גיכער ווי ער לויפט געוויינלעך. אַז ער איז אָנגעקומען אַף דער אַנדערער זייט פון דעם פעלד,

האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס. אין דעם מאָמענט האָט דער ראַק אָפּגעלאָזט זיין עק, און דער פוקס האָט אַ פרעג געטון מיט שפּאָט: „ראַקעלע, ליבער וואו ביסטו?"

„דאָ בין איך!" האָט זיך אָנגערופן דער ראַק. „איך וואַרט שוין דאָ אויף דיר אַ היפּש ביסל צייט."

דער פוקס האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט: „נישט אַנדערש, נאָר דער נישט־גוטער האָט דיר געמוזט העלפן!"

דער פוקס האָט באַצאָלט דעם וועט, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק, אַ פאַר־שעמטער, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן.

דער אינדיאַנער יעגער און די ציוויליזאַציע פון די ווייסע

אַן אינדיאַנער יעגער פון ווייטן, ווילדן צפון האָט אַמאָל געבעטן דעם ווייסן „טרעידער" (הענדלער), וואָס האָט ביי אים אויפגעקויפט די פעלן פון די חיות, אַז ער זאָל אים מיטנעמען אין דעם לאַנד פון די ווייסע. דער יעגער האָט זייער געוואָלט זען ווי אַזוי די ווייסע מענטשן לעבן.

דער „טרעידער" האָט אים צוליב געטון און אים מיטגענומען. אַז זיי זענען אָנגעקומען צום וואַסער, פון וואַנען סע גייט אַ דאַמף־שיף, האָט דער אינדיאַנער באַטראַכט די שיף, און געשוויגן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט געזען אַזאַ שיף. נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. אַז זיי זענען שפּעטער צוגעקומען צו אַ שטאָט, וואו סע גייט שוין אַ באַן, האָט דער יעגער באַטראַכט די באַן מיט דעם לאָקאָמאָטיוו, און האָט ווידער גאָרנישט ניט געזאָגט, כאָטש דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס ער האָט געזען אַ לאָקאָמאָטיוו.

צוויי טעג זענען זיי געפאָרן מיט דער באַן, וואָס האָט זיי געפירט קיין מאָנט־רעאָל. די גאַנצע צייט פון דער רייזע מיט דער באַן איז דער אינדיאַנער געזעסן אין וואַגאָן ביי אַ פענסטער, און ווי ס'האָט אויסגעוויזן, האָט ער הנאה געהאַט פון דער רייזע.

אין מאָנטרעאָל האָט דער „טרעידער" גענומען פאַר דעם אינדיאַנער יעגער אַ צימער אין אַ האָטעל. דער אינדיאַנער איז געזעסן גאַנצע טעג אין זיין צימער, און איז כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן. ער איז מערסטנס געזעסן ביים פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס.

צוויי וואָכן איז ער געווען אין דער גרויסער שטאָט פון די ווייסע. נאָך דעם האָט דער „טרעידער" אים צוריקגענומען צו די קאַלטע ווילדערנישן פון צפון. אין דער היים האָט ער אָפּט גערעדט מיט פאַרגעניגן וועגן זיין רייזע צו דעם לאַנד פון די ווייסע.

איינמאָל האָט אים דער „טרעידער" געפרעגט וואָס ס'האָט אויף אים געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק אין מאָנטרעאָל: די באַנען, די אויטאָמאָבילן, דער טע־לעפאָן, דאָס עלעקטרישע ליכט, אָדער גאָר די הויכע הייזער?

ניין, די אַלע זאַכן האָבן אים נישט שטאַרק געוואונדערט, האָט דער יעגער

געענטפערט. נאָר צום סוף האָט ער צוגעגעבן, אַז איין זאַך האָט דאָרט יאָ גע־מאַכט אַף אים אַ שטאַרקן איינדרוק, דאָס זענען געווען די מענטשן אין גאַס פאַר דעם האָטעל.

ער האָט דערציילט: די מענטשן זענען דאָרט פאַרבייגעגאַנגען איינע די אַנ־דערע אַזוי גיך, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געזען. זיי האָבן זיך אויך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט צו רעדן איינע מיט די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן זיך אין גאַנצן נישט געקענט. דאָס איז פאַר אים געווען אַזוי פרעמד, אַז ער האָט דאָס נישט געקענט באַנעמען.

די צוויי קעץ מיט דעם קעז און די מאַלפּע

צוויי קעץ האָבן דערטאַפּט אַ שטיק קעז. האָט איינע פון זיי געוואָלט צע־טיילן דעם קעז אַף צווייען. נאָר די אַנדערע האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו איר און האָט געזאָגט: „ביין, לאָמיר גיין צו דער מאַלפּע, אַז זי זאָל אונז צעטיילן דאָס שטיק קעז.״

די קעץ זענען אַוועק צו דער מאַלפּע און האָבן זי געבעטן, אַז זי זאָל צע־טיילן צווישן זיי דעם קעז.

„גוט,״ זאָגט די מאַלפּע. „מיט פאַרגעניגן.״ און די מאַלפּע האָט געשיקט נאָך אַ וואָג און האָט צעשניטן דעם קעז אַף צוויי שטיקער. איינס האָט זי געמאַכט אַביסל גרעסער, און זי האָט די צוויי שטיקער אַרויפגעלייגט אַף דער וואָגשאָל און געזאָגט: „איך האָב דעם קעז נישט צעשניטן גלייך.״ און זי האָט פון דער גרעסערער העלפט גענומען אָפּבייסן אַ שטיקל.

„וואָס טוסטו?״ פרעגן זי די צוויי קעץ מיט פאַרוואונדערונג.

„איך וויל בלויז אָפּבייסן אַ שטיקל, אַז ביידע העלפטן זאָלן זיין גלייך,״ זאָגט די מאַלפּע. זי האָט אָבער אָפּגעביסן מער ווי מע האָט געדאַרפט, כדי עס זאָל פון אים בלייבן ווינציקער פון דער צווייטער העלפט. דערנאָך האָט זי גענומען די אַנדערע העלפט און האָט פון איר געביסן, צו מאַכן עס גלייך מיט דער ערש־טער העלפט. נאָר זי האָט פון דער צווייטער העלפט אויך אָפּגעביסן מער ווי מע האָט געדאַרפט. אַזוי אַז די צוויי העלפטן זענען ווידער נישט געווען גלייך. האָט זי ווידער גענומען בייסן פון דער ערשטער העלפט.

אַז די קעץ האָבן געזען אַזאַ מעשה, האָבן זיי געזאָגט צו איר: „ליבער ריכ־טער, גיב אונז דעם פאַרבליבענעם קעז און מיר וועלן זיך שוין אַליין צעטיילן.״

„ביין,״ זאָגט די מאַלפּע. „איר וועט אייך נאָך צעשלאָגן און דער מלך פון די חיות וועט דערנאָך קומען און וואַרפן די שולד אַף מיר.״ און די מאַלפּע האָט ווידער גענומען בייסן פון דעם קעז. אָט פון איין שטיק, און אָט פון דעם צווייטן שטיק, ביז זי האָט דעם קעז אין גאַנצן אויפגעגעסן. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן, זאָגט זי צו די קעץ: „לאָמיר זיך איצט צעגיין בשלום. פון היינט מאָל אָן זעט, אַז אייערע עסקים זאָלן מער קיינמאָל נישט בלינד מאַכן אייער שכל.״

זיי דאַרפֿן זיך נישט שרעקן, איצט איז זייער צײַט

אַז דער רבונו־של־עולם האָט באַשאַפֿן די וועלט מיט אַלע באַשעפֿענישן: מיט די ווידמענונגען, פֿיש און פֿייגל און חיות, האָט ער צום סוף פֿאַרענדיקט זיין באַשאַף מיט זיין קרוינווערק, מיט דעם מענטש. נאָר אים האָט ער נישט באַשאַפֿן מיטאַמאָל. ער האָט קודם אויסגעפֿורעמט זיין קערפּער מיט די הענט און פֿיס, נאָר אָן אַ קאָפּ. די קעפּ אַף די מענטשלעכע קערפּערס האָט ער געמאַכט ערשט שפּעטער. און די ערשטע פֿון די קעפּ האָט ער אַרויפֿגעזעצט אַף די רייכע לייט, די גרויסע מאַגנאַטן, אַף די ראָטשילדס, די ראָקעפֿעלערס, די מאָרגאַנס און די קאַרנעגיס.

אַז ער איז מיט זיי פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיי גענומען אַף אַ שפּאַציר, צו ווייזן זיי זיין שיין וועלטל מיט די בליענדיקע פֿעלדער און וועלדער מיט די חיות און גילדענע פֿייגל. דערנאָך האָט ער זיי געוויזן די אויסגעצירטע פּאַלאַצן, די גרויסע פֿאַבריקן און די גאָלד־גראָבנס.

„דאָס איז אַלץ אייערס," זאָגט צו זיי דער רבונו־של־עולם.

ווי ער פֿירט זיי אַזוי ווייטער, קומען זיי אָן אַף אַ פֿעלד. און דאָרט דערזעען זיי די קערפּערס אָן קעפּ. אַ וואַלד מיט אומצייליקע קערפּערס. און די אַלע קערפּערס האָבן הענט און פֿיס ווי שטאָל. נאָר זיי זענען נעבעך אַלע אָן קעפּ.

„ווער זענען די?" פֿרעגן די רייכע לייט דערשראָקענע.

„איר דערקענט זיי נישט?" זאָגט דער אייבערשטער. „דאָס זענען דאָך אייערע אַרבעטער, אייערע קנעכט און דינער און דינסטן. זיי וועלן שקלאַפֿן און שאַפֿן פֿאַר אייך אַלע אייערע אוצרות און אַלדאָס גוטס."

„רבונו־של־עולם, וואָס האָסטו געטון?" ווערן די רייכע לייט פֿאַרציטערטע. „אָט די גיבורים מיט די אָנגעצויגענע מוסקלען ווי שטאָל, זיי וועלן דאָך אונז צעמאָלן אַף שטויב און אַש, אַז זיי וועלן אַמאָל אויפֿשטיין קעגן אונז דערצערנטע."

„האָט נישט קיין מורא," באַרויִקט זיי דער אייבערשטער און נעמט זיי איין מיט פֿאָטערלעכע רייד. „איך וועל אַף דידאָזיקע גופֿים אַרויפֿזעצן קליינע קעפּעלעך, שקלאַפֿישע קעפּעלעך. און ביז זיי וועלן אויסוואַקסן און קומען צום אייגענעם שכל און אָנהייבן טראַכטן פֿאַר זייער אייגענעם וואוילזיין, וועט איר דערווייל האָבן גענוג צייט הנאה צו האָבן פֿון דער וועלט מיט די אַלע טייערע און גוטע זאַכן, וואָס איר האָט געזען אַפֿן וועג."

ער איז באַגײַסטערט פֿאַר אַזאַ קאַמף

מאַקס פֿיין, דער באַרימטער נויאָרקער אַרבעטער פֿירער, איז אַמאָל געשטאַנען ביי אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון שניידערס און האָט גערעדט וואָס פֿאַר אַ גליק סע וועט זיין, ווען מע וועט אויסקעמפֿן אַן אַכט שטונדיקן אַרבעטטאָג. ער האָט דעם עולם געוויזן דאָס גרויסע געווינס, וואָס דאָס וועט זיין פֿאַר די האָרעפּאַשניקעס, ווען מע וועט אַרבעטן בלויז אַכט שעה אַ טאָג. ער האָט זיי דערמוטיקט צום

קאַמף און אויסגערופן: „גיט נאָר אַ קוק, מיינע ברידער אַרבעטאָרער, וואָס איר קענט געווינען, ווען איר וועט זיך אויפהייבן און קעמפן, ביז איר וועט זיגן. איר וועט דעמאָלט האָבן צייט צו פאַרברענגען מיט ווייב און קינדער, איר וועט קענען גיין זען משפחה, לאַנדסלייט. איר וועט קענען גיין אין אַ טעאַטער, צו אַ קאָנ־צערט. איר וועט מער נישט לעבן ווי די פערד. איר וועט דעמאָלט זיין מענטשן מיט מענטשן צוגלייך!"

אַזוי האָט פיין גערעדט און זיי אויפגעמונטערט צום קאַמף. נאָר אַז ער האָט געענדיקט, איז דער עולם געזעסן שטיל און אים אַפילו נישט רעכט אַפּלאָדירט. בלויז איינאײנציקער אַרבעטער האָט געהאַלטן אין איין פּאַטשן מיט די הענט.

אַז דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין, קומט צו דער אַרבעטער צו פיינען, דריקט אים די האַנט און פרייט זיך, וואָס מע הייבט ענדלעך אָן צו קעמפן פאַר אַ קירצערן אַרבעטטאָג.

פיין איז געווען צופרידן, וואָס כאָטש איינער איז באַגייסטערט פאַר אַזאַ קאַמף. אמת, איין שוואַלב ברענגט נאָך נישט דעם זומער, נאָר ביסלעכווייז וועלן מסתמא אויך אַנדערע פאַרשטיין די גרויסקייט פון דער זאַך. און פיין צעשמועסט זיך מיט דעם אַרבעטער:

„איר פאַרשטייט וואָס דעמאָלט וועט זיין, אַז מע וועט דערלעבן אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטטאָג?" טענהט פיין אַריין אין אים. „אדרבה, זאָגט אַליין, וואָס דאָס וועט מיינען פאַר אַזאַ מענטש ווי איר!"

„וואָס הייסט, וואָס?" זאָגט דער אַרבעטער. „איך וועל דעמאָלט קענען אַר־בעטן אַף צוויי ,דזשאָבס' און פאַרדינען צוויי מאָל אַזויפיל ווי איך פאַרדין איצט!"

דער אָרימאַן און דער פּריץ

איין שיינעם טאָג איז דער פריץ געגאַנגען אַף שפּאַציר אין זיין גוט. ווי ער גייט אַזוי, זעט ער, אַז עפּעס אַן אָרימאַן, אַ שלעפער, שלעפט זיך אַרום איבער זיינע פעלדער. גייט ער צו אים צו און זאָגט: „וואָס שלעפסטו דיך דאָ אַרום? דו ווייסט, אַז דאָס זענען מיינע פעלדער?"

דער אָרימאַן קוקט אים אָן און פרעגט: „דאָס זענען דיינע פעלדער, פריצל? נו, איז וואָס? אַז איך האָב נישט קיין אייגן פעלד, מוז איך מיך אַרומשלעפן אַף פעלדער פון עמיצן אַנדערש. נאָר זאָג מיר, פריצל, פון וואַנען קומט צו דיר דאָס־דאָזיקע פעלד?"

דעם פריץ געפעלט די געוואַגטקייט פון דעם אָרימאַן און ער ענטפערט: „דאָס גוט מיט די אַלע פעלדער האָב איך געיאַרשנט פון מיינע עלטערן."

„און זיי, פון וועמען האָבן זיי דאָס באַקומען?" פרעגט דער אָרימאַן.

„זיי האָבן דאָס אַלץ געקריגן פון זייערע עלטערן," ענטפערט דער פריץ.

„און זייערע עלטערן, פון וועמען האָבן זיי דאָס באַקומען?" קריכט אים דער אָרימאַן אין דער לונג און לעבער.

„זייז״ טראַכט דער פּריץ און זאָגט: „זיי האָבן געפירט מלחמות און האָבן דאָס געוואונען.״

„זיי האָבן דאָס געוואונען אין מלחמות?״ זאָגט איבער דער אָרימאַן. „אויב אַזוי, פּריצל, וועל איך מיך אויך שלאָגן פאַר די פעלדער, ווי דײַנע אור־עלטערן האָבן געטון. קום, לאָמיר זיך שלאָגן.״

און ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם זאַק און פאַרקאַטשעט זײַנע אַרבל. נאָר דעם פּריץ איז שוין דאָס נישט געפעלן. ער האָט אַ פייף געטון, און סע האָט זיך באַלד באַוויזן די דינערשאַפט פון הויף און זיי האָבן דעם אָרימאַן פאַריאָגט פון די פעלדער.

טאַקע פון דער מדבר, נאָר שוין גאָר נישט קיין ווילדער

אַ מענטש פון דער מדבר איז אַמאָל געקומען אין אַ גרויסער שטאָט אַרײַן. גייט ער איבער די גאַסן, קוקט אַף די הייזער און געשעפטן, און קען זײַנע אויגן נישט אָפּרײַסן: אַי, אַי, אַי, אַזויפיל זאַכן צו זען!

ווי ער קוקט אַזוי, באַמערקט ער, ביי אַ לאַמטערן שטייט אַ מאַן, אויסגעצערט און אײַנגעבויגן, האַלט עפּעס אין מויל און ציט און רייכערט. אין דער מדבר האָט ער אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט געזען. חידושט ער זיך, און ער גייט צו אים צו און פרעגט אים: „וואָס טוסטו?״

„איך רייכער אַ סיגאַרעטל,״ ענטפערט אים דער מאַן ביים לאַמטערן.

„צו וואָס דאַרפסטו דאָס?״

דער מאַן גיט אַף אים אַ קוק און זעט, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ מדבר־מענטש. זאָגט ער צו אים: „אַז סע פעלט אויס עסן פאַרן מויל, פאַררייכער איך אַ סיגאַרעטל און צי, פאַרשלאָגט עס דעם אַפּעטיט און איך פאַרגעס אין עסן.״

דעם מדבר־מענטש איז דאָס געפעלן. ס׳אַ קלוגער אײַנפאַל, טראַכט ער זיך, און צעזעגנט זיך מיט דעם מאַן און גייט ווייטער.

ווי ער גייט אַזוי, זעט ער אַף אַ גאַנעק ביי אַ טישל זיצט אַ דיקער מאַן, האַלט עפּעס אַ לאַנגע זאַך אין מויל און רייכערט. שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט און פרעגט: „וואָס איז דאָס, וואָס דו האַלטסט אין מויל?״

דער מאַן גיט אַף אים אַ קוק און זאָגט: „אַ ליולקע.״

„צו וואָס דאַרפסטו דאָס?״

„אַז איך עס, און נעם אַן איבעריקן ביסן, פאַררייכער איך די ליולקע און פּיפּקע, פאַרשלאָגט עס די נישט־גוטקייט.״

דער מדבר־מענטש הערט און פאַרטראַכט זיך: „זע נאָר,״ זאָגט ער צום מאַן, „קענסט דאָך דעם איבעריקן ביסן אַוועקגעבן בעסער אַט יענעם מאַן ביים לאַמטערן. וועסטו פאַרשפּאָרן צו פּיפּקען די ליולקע, און יענער וועט פאַרשפּאָרן צו ציען דאָס סיגאַרעטל.״

באַמערקונג: אַן ענלעך מעשהלע ווערט דערציילט וועגן אַ רבי און אַ גביר. זע פּריער, זייט 106.

דאָס מאָל האָבן זיי טאַקע געשפּילט אין קאָרטן אָף אָן אמת

ווען א. ליעסין איז געווען אַ יונגערמאַן, האָט ער אין מינסק געוואוינט ביי אַ באַלעבאָסטע אין אַ קאַמער.

יעדן פרייטאָג־צו־נאַכטס זענען זיך צו ליעסינען אין קאַמער צוזאַמענגעקו־מען בחורים און מיידלעך—יונגע אַרבעטער, און ער האָט מיט זיי געלייענט און געלערנט. אָפן טיש ביי אים איז בשעת־מעשה געלעגן אַ טעשל קאָרטן. דאָס האָט מען געהאַלטן בלויז, אָפּצונאַרן די פּאָליציי אין פאַל פון אַ פּלוצימדיקן אי־בערפאַל. וואָרן איר ווייסט דאָך, אָנפירן לערן־קרייזלעך, אָדער פאַרזאַמלונגען, איז געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד. מ'האָט אָבער געמעגט צוזאַמענקומען זיך און שפּילן קאָרטן וויפיל דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

צו ליעסינס באַלעבאָסטע אין שטוב איז יעדן דאָנערשטאָג און פרייטאָג גע־קומען אַ יידינע, וואָס האָט איר געהאָלפן אויפראַמען לכבוד שבת, און פאַרקנעטן און מאַכן דעם אויוון.

מאַכט זיך אַמאָל אַ דאָנערשטאָג, און די אָרימע יידינע איז נישט געקומען, צו העלפן איר מאַכן שבת. די באַלעבאָסטע האָט אַליין געהאָרעוועט און געהאָ־וועט, און איז געווען נעבעך איינע אָפן יעריד. ס'איז איר אָנגעקומען זייער שווער אָפּצוטון אַליין די גאַנצע אַרבעט. ליעסין האָט דאָס באַמערקט. פרעגט ער זי: „באַלעבאָסטע, וואָס זענט איר אַזוי צעטראָגן?"

דערציילט זי אים, אַז די אָרימע יידינע איז נישט געקומען צו העלפן איר, ווייל איר מאַן איז נעבעך שטאַרק קראַנק. ווי זיי רעדן אַזוי קומט אָן די יידינע אַ פאַראומערטע, אַ פאַרדאגהטע און דערציילט פון איר ביטערער דאָליע.

„וואָס זאָגט דער דאָקטער?" פרעגט ליעסין.

„ער האָט געהייסן געבן אים ציגענע מילך," קרעכצט די יידינע. „נאָר וואו זאָל איך נעמען ציגענע מילך, אַז איך קען נישט קויפן קיין ציג? ציגן זענען זייער טייער. אַ ציג קאָסט היינט דריי רובל."

זונטאָג אין דער פרי קומט ליעסין אַריין צו דער באַלעבאָסטע, דערלאַנגט איר דריי רובל און זאָגט: „גיט, זייט מוחל, די דריי רובל דער אָרימער יידינע, און זאָל זי קויפן אַ ציג."

„וואו האָט איר אַזוי גיך געקראָגן געלט?" פרעגט די באַלעבאָסטע.

„דאָס מאָל האָבן מיר נאָכן לערנען געשפּילט אין קאָרטן טאַקע אָף אָן אמת. און אַלע געווינערס האָבן זייער געווינס אָוועקגעגעבן פאַר דער אָרימער יידינע. זאָל זי קויפן אַ ציג, צו האָבן ציגענע מילך פאַר איר מאַן. און זאָל ער האָבן אַ רפואה, און איר זאָלט האָבן אייער אַרויסהעלפערין."

חיים נחמן ביאַליק און שמריהו לעווין

חיים נחמן ביאַליק און שמריהו לעווין זענען געווען גוטע פריינט פון דער יוגנט אָן. זיי האָבן צוזאַמען געלערנט, און שפּעטער זענען זיי צוזאַמען אַרומ־געפאָרן און האָבן געאַרבעט פאַר דעם אויפבוי פון דעם ישוב אין ארץ ישראל.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז די צוויי גוטע פריינט זיצן אין אַ קאַפּיי און שמועסן. קומט צו רייד וועגן לעבן, און ווי קורץ עס איז, און ווי סע פליט אַזוי מוראַדיק גיך, אַז מע קען עס קיינמאָל נישט אָניאָגן. אָט איז עס דאָ און—אָט איז שוין נאָך אַלעמען.

„זע," זאָגט ביאַליק, „ווי לאַנג איז עס, אַז מיר זענען געוועז ייִנגלעך? דאַכט זיך, אַז אָט ערשט איז דאָס געווען. און אָט ערשט האָבן מיר געלערנט צוזאַמען, פֿאַרברענגט צוזאַמען. און דאָ מיטאַמאָל, גיב אַ קוק ווי די צייט יאָגט עס. מיר זענען דאָך שוין באַלד אַלטע לייט."

שמריהו לעווין גיט אַ גיי דורך מיט זיינע פֿינגער זיין קאָפּ האָר און ענטפֿערט: „הערסט, חיים נחמן, דאָס, וואָס די צייט יאָגט, דאָס אַרט מיך נישט. זי יאָגט—זאָל זי יאָגן. מע קען די צייט נישט צוריקהאַלטן. וואָס מיך אַרט יאָ, איז דאָס, וואָס מיר יאָגן זיך נאָך נאָך איר ווי די ייִנגלעך. אָט דאָס זעסטו איז פֿאַסקודנע."

ער גיט דעם ריכטיקן ענטפֿער

די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד האָט קיינמאָל נישט דערלאָזן, אַז אַ ייִד זאָל ווערן אַ פּראָפֿעסאָר אין אַן אוניווערזיטעט דאָרט אין לאַנד. אויב מ'האָט שוין אַמאָל דערהויבן אַ ייִד צו זיין פּראָפֿעסאָר, האָט ער זיך פֿריער געמוזט שמדן.

איינמאָל האָט די קיעווער אוניווערזיטעט איינגעלאַדן דעם באַרימטן ייִדישן אויגן־דאָקטער מאַנדעלשטאַם פֿון קיעוו פֿאַר פּראָפֿעסאָר. נאָר דערביי האָט מען אים געשטעלט אַ תּנאַי, אַז ער זאָל זיך שמדן און אָננעמען דעם רוסישן גלויבן. דר. מאַנדעלשטאַם, כאָטש ער איז נישט געווען קיין פֿרומער ייִד, האָט אַפֿילו נישט געוואָלט הערן פֿון דעם. אַ חוצפּה פֿון גויים! אַז זיי ווילן האָבן אַ באַרימטן ייִד פֿאַר פּראָפֿעסאָר, זאָל ער זיך גאָר פֿריער שמדן!

אים האָט די זאַך פֿאַרדראָסן, און ער האָט די איינלאַדונג גלייך אָפּגעוואָרפֿן. ער האָט געענטפֿערט קורץ און שאַרף: „אַ דאַנק פֿאַר דער איינלאַדונג. אויב איר דאַרפֿט אַ פּראָפֿעסאָר—וועל איך אָננעמען דעם כּבֿוד און קומען. נאָר אויב איר דאַרפֿט אַ פּראַוואָסלאַוונעם גוי—וועל איך אייך שיקן מיין קוטשער."

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי און זיין ווייב

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, דער באַרימטער פֿאָרשער פֿון ייִדיש און צוזאַמענשטעלער פֿון ייִדיש־ענגלישע ווערטערביכער און לערנביכער, האָט אַמאָל געאַרבעט דריי יאָר אויף אַ בוך. אַז ער איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן זוכן אַ פֿאַרלעגער, וואָס זאָל ביי אים קויפֿן דאָס בוך און אַרויסגעבן.

סע האָט נישט געדויערט לאַנג און אַ פֿאַרלעגער האָט ביי אים אָפּגעקויפֿט דאָס בוך פֿאַר טויזנט דאָלער. האַרקאַווי האָט געקריגן האַנטגעלט, און אַ צופֿרידענער איז ער אַוועק אַהיים. געקומען אין שטוב, גיט ער זיין ווייב דאָס געלט און דערציילט איר פֿון דעם געשעפֿט, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט דעם פֿאַרלע־

גער. זיין ווייב הערט און ווערט אַן אויפגעקאַכטע: „מיין מאַן, סטייטש, ווי טוט מען אַזאַ זאַך?! דריי יאָר האָסטו געאַרבעט אַף דעם בוך, און איצט נעמסטו און גיסט עס אַוועק פאַר טויזנט דאָלער?!"

בעט זיך האַרקאַווי ביי איר: „שריי נישט, מיין ווייב. וואַרט, זאָג אַליין: ווער האָט וועמען אָפּגענאַרט? איך האָב דעם פאַרלעגער אָפּגענאַרט, צי דער פאַר־לעגער האָט מיך אָפּגענאַרט? דו גיסט דאָך צו, אַז דער פאַרלעגער האָט מיך אָפּ־גענאַרט. טאָ גיי שריי אַף אים."

דער בוכהענדלער און דער קונה

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי איז די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע געווען אַ פּעד־לער מיט ביכער. נאָר קיין גרויסע געשעפטן האָט האַרקאַווי נישט געמאַכט. ער איז גאַנצע טעג געזעסן לעבן זיין „פּושקאַרט" אין גאַס און האָט געלייענט די ביכער, וואָס ער האָט געהאַט צום פאַרקויפן.

איינמאָל קומט צו צום וועגעלע אַ יונגערמאַן און הייבט אָן איבערקוקן די ביכער. ער האָט לאַנג געזוכט און געניש‏טערט, און צום סוף האָט ער אויסגע־קליבן צוויי ביכער צום קויפן. דערלאַנגט ער זיי האַרקאַווין און פרעגט אים וויפיל ער וויל פאַר זיי. האַרקאַווי נעמט די צוויי ביכער אין האַנט, באַקוקט זיי און זאָגט: „יונגערמאַן, איך קען אייך די צוויי ביכער נישט פאַרקויפן."

דער יונגערמאַן קוקט אים אָן מיט אַ פראַגע: „פאַרוואָס—נישט?"

„זייער פּשוט," ענטפערט האַרקאַווי. „ווייל איינס פון די ביכער איז אַ שמאַטע, און דאָס צווייטע וויל איך אַליין לייענען."

וואָלאַדעק און דער טעמעני פּאָליטישן

ווען ב. וואָלאַדעק איז געווען אָלדערמאַן אין נויאָרק, האָט זיינער אַ קעגנער, אַ טעמעני פּאָליטישן, וואָס האָט פיינט געהאַט סאָציאַליסטן און אימיגראַנטן, אים אַמאָל אַטאַקירט ביי אַ זיצונג. דער פּאָליטישן האָט זיך בשעת־מעשה באַרימט, אַז זיינע זיידעס זענען געקומען פון אירלאַנד נאָך מיט דורות צוריק. מיט דעם האָט ער געוואָלט אַ שטאָך טון וואָלאַדעקן, וואָס איז דעמאָלט געווען אין אַמעריקע ערשט געציילטע עטלעכע יאָר.

וואָלאַדעק האָט אים מיט אַ שמייכל איבערגעשלאָגן און געזאָגט: „מעג איך פרעגן דעם מיסטער קווין: וואו זענען געווען זיינע זיידעס, ווען דער גרויסער אַמעריקאַנער טאָמאַס דזשעפערסאָן האָט געשריבן די „דעקלאַרעישאָן אָוו אינ־דעפּענדענס"?

קווין, דער פּאָליטישן, האָט דאָ געפונען אַ צווייטע געלעגנהייט, אַ שטאָך צו טון וואָלאַדעקן, און ער האָט געענטפערט: „מיינע זיידעס זענען אין טורמע נישט געזעסן. זיי האָבן אין אירלאַנד געקעמפט פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט."

אַלע האָבן געוואוסט, אַז וואָלאַדעק איז אין רוסלאַנד געזעסן אַ סך מאָל אין טורמע.

„נו,‟ האָט וואָלאַדעק באַמערקט זיין קעגנער, „יעדער, וואָס האָט אין איר־לאַנד געקעמפט פאַר פרייהייט און איז נ י ט געזעסן אין טורמע, אַזאַ מענטשן האָט מען ניט פאַררעכנט פאַר אַ גוטן איירישמאַן.‟

דאָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ געלעכטער. און וואָלאַדעק האָט ווייטער געדעדט: „ס'איז ניט וויכטיק, וואו אַ מענטש ווערט געבוירן. ס'איז ניט וויכטיק פון וועלכן פאָלק ער שטאַמט. ס'איז אויך ניט וויכטיק, צי איז ער געקומען קיין אַמעריקע דער ערשטער. די תורה זאָגט, אַז די ערשטע באַשעפענישן זענען געווען די ווערים, שלאַנגען און פיש. ס'איז אָבער זייער וויכטיק, וואָס אַ מענטש טוט, ווען ער קומט קיין אַמעריקע.‟

און וואָלאַדעק האָט געענדיקט: „יאָ, איך בין אין רוסלאַנד געזעסן אין טורמע, און ניט איין מאָל, נאָר אַ סך מאָל. נאָר ניט פאַר גנבה, ניט פאַר שפּעקולאַציע אין ריעל־עסטעיט און ניט פאַר קונקל־מונקל ביזנעס. איר, מר. קווין, זאָגט, אַז אייער מוטער איז געבוירן געוואָרן אַף אַ פאַרם אין קענטאַקי, ניט ווייט פון דער פאַרם, וואו איבערהעם לינקאָלן איז געבוירן געוואָרן. נו, וויל איך אייך זאָגן, אַז מיינער אַן עלטער־עלטער־עלטער־עלטער־זיידע איז געווען דעם רבונו־של־עולמס סעקרעטאַר. ער האָט געהייסן משה.‟

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: אַן ענלעך מעשהלע ווערט דערציילט וועגן לאָרד דיזראַעלי.

שמריהו לעווין וועגן די אַמעריקאַנער יידן

דר. שמריהו לעווין, דער באַרימטער ציוניסטישער פירער, איז אַמאָל געזעסן אין קאַפעי ראָיאַל מיט עטלעכע שרייבער און כלל־טוער. איז געקומען צו רייד וועגן די אַמעריקאַנער יידן: די אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיוון און רעפאָרמערס.

רופט זיך אָן שמריהו לעווין און ברענגט קעגן זיי אַזאַ פאַרגלייך: „די אָרטאָדאָקסישע יידן זענען געגליכן צו אַ טשאָלענט, להבדיל. פרייטאָג, פאַר ליכט־בענטשן נעמט די באַלעבאָסטע דעם טשאָלענט־טאָפּ, לייגט אין אים אַריין צעריבענע בולבעס מיט מעל, פלייש, קישקע, שמאַלץ, ציבעלע און אַנדערע גוטע זאַכן. און נאָך דעם ווי זי באַזאַלצט דאָס אַלץ און באַפעפערט, נעמט זי דעמדאָזיקן טאָפּ און פאַררוקט אים אין אויסגעהייצטן אויוון. דעם אויוון פאַרמאַכט זי מיט אַ ברעטל, און כדי די היץ זאָל ניט אַרויס, לייגט זי אַרום אַרום ברעטל אַ נאַסע שמאַטע און פאַרשמירט איבער דעם מיט ליים. אַזוי קאָכן איז אפשר ניט היינט־מאָדיש. דערפאַר אָבער, אַז מע קומט שבת פון שול אַ הונגעריקער, איז אָט דאָסדאָזיקע מאַכל אַזוי געשמאַק און באַטעמט, אַז דער קייסער אַליין מעג דאָס עסן. דאָ האָט איר צוזאַמען תורה און מצוות און זמירות און שבת־הייליקייט, און צו דעם אַלעמען—טאַקע הנאה פון עסן.

„דער צווייטער מין יידן, די קאָנסערוואַטיווע, גרייטן אויך צו טשאָלענט אַף שבת. זיי האָבן דאָס פּשוט ליב, זאָגן זיי. נאָר וואָס דען? סע געפעלט זיי ניט די אַלטמאָדישע ליימענע טשאָלענט־טעפּ, און דאָס פאַרמאַכן דעם אויוון מיט אַ ברעטל, און מיט שמאַטעס און מיט ליים. ס'איז ניט גענוג פיינשמעקעריש, זאָגן

זיי. בכן האָבן זיי אויסגעטראַכט אַ טערמאָס־פלאַש, וואָס האַלט די וואַרעמקייט פאַר זייער טשאָלענט.

„נו, איך האָב פאַרזוכט פון זייער מאכל. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד, ס'האָט ניט קיין טעם און קיין ריח, ס'איז ניט קאַלט און ניט וואַרעם. ס'איז לעבלעך, איר פאַרשטייט?!

„און די רעפאָרמירטע יידן, ווי אַזוי מאַכן זיי דעם טשאָלענט? זיי געפעלט דאָך אַוודאי ניט די אַלטמאָדישע אויוונס. און פון די טערמאָס־פלאַשן האַלטן זיי אויך ניט. סע שמעקט פון דידאָזיקע זאַכן מיט שימל, טענהן זיי. טאָ וואָס טוען זיי? איז הערט אַ מעשה, די רעפאָרמערס האָבן אַ נייע שיטה: זיי פאַר־פרירן זייער טשאָלענט אין אַ „פרידזשידעיר".

„נו, פרעג איך אייך: אַ פאַרפרוירענער טשאָלענט מיט אַ פאַרפרוירענער יידישקייט קען עפעס זעטיקן אַ הונגעריקן יידן?"

ער ווייסט וואָס ער איז

אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן אין אַ קליין שטעטל אין דער פראָווינץ איז אַמאָל געקומען אין שול אַריין. ער האָט יאָרצייט נאָכן פאָטער, וויל ער, אַז מע זאָל מיט אים זאָגן קדיש. דער ראַבאַי זאָל זאָגן, און ער וועט נאָכזאָגן.

פאַר די אַמעריקאַנער רבנים איז דאָס נישט קיין נייעס. זיי זענען געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן. ס'איז אַ מעשה בכל־יום, סע טרעפט יעדן טאָג. האָט דער רב געזאָגט מיט אים.

דאָס איז געווען גראָדע אין אַ מאָנטאָג, ווען מע לייענט די תורה. אַז ס'איז געקומען פאַרן לייענען, גייט דער גבאי צו צום יונגנמאַן און זאָגט אים, אַז מע וויל אים אויפרופן צו דער תורה, און ער פרעגט אים: „וואָס זענט איר, אַ כהן?" „ניין," זאָגט דער יונגערמאַן. „איר זענט אַ לוי?" פרעגט ווייטער דער גבאי. „ניין," דרייט דער יונגערמאַן מיטן קאָפּ.

„זענט איר אַוודאי אַ ישראל, הייסט עס?" „ניין," זאָגט דער יונגערמאַן. „איך בין אַ סאַלון־קיפּער."

פאַרוואָס יידן גלייבן נישט אין גויאישן גאָט

אַ ייד, אַ פעדלער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט זיין פּאַק סחורה אין די גויאישע גאַסן, איז אַמאָל אַן ערב חגא, פאַר ניטל, אַריינגעקומען צו אַן איטאַל־יענער אין שטוב. ער האָט אויפגעבונדן זיין פּאַק און האָט אָנגעהויבן אויסלייגן זיין סחורה. דערווייל באַמערקט ער אין שטוב, אַז מע גרייט זיך אַף חגא: אַף די פענסטער הענגען פרישע פירהענגלעך און לאָרבער קרענצלעך, און אין אַ ווינקל שטייט שוין דאָס קריסטמעס ביימל פאַרפּוצט מיט קאָלירטע באַלן און מיט לעמפלעך און ליכטלעך.

בשעת דער ייד וויזט וואָס פאַר אַ שיינע זאַכן און מתנות ער האָט צו פאַר־

קויפן אַף יום־טוב, פאַרפירט ער מיט דער גויע אַ שמועס וועגן זייער יום־טוב. דאָס איז ביי אים אַ סגולה, וואָס העלפט צו לייזונג. מיטאַמאָל גיט אים די איטאַליענערין אַ פרעג: „איר, יידן, פייערט נישט קיין קריסטמעס?"

„ניין," זאָגט דער פעדלער. „מיר האָבן זיך אונזערע יום־טובים."

„פאַרוואָס אויך נישט קריסטמעס?" שטייט צו אים צו די איטאַליענערין.

דער פעדלער גיט אַ טראַכט ווי אַזוי מע דרייט זיך דאָ אויס פון אַן ענטפער. אין דעם מאָמענט באַמערקט ער הענגען אַף דער וואַנט צוויי בילדער, אַ בילד פון דעם איטאַליענישן קייסער וויקטאָר עמנואל און אַ בילד פון זיין זון, דעם פרינץ אומבערטאָ. זאָגט צו איר דער ייד: „יעזוס איז דאָך דער פרינץ, גאָטס זון. נישט אמת?! אָט ווי דער פרינץ אומבערטאָ איז דעם קייסער עמנואלס זון. ווען ווערט אַ פרינץ קייסער?—ווען זיין פאָטער, דער קייסער, שטאַרבט. כל־זמן דער פאָטער לעבט—איז דער פאָטער קייסער. איר אָבער גלייבט אין דעם זון, מיר יידן גלייבן אין דעם פאָטער. כל־זמן אונזער פאָטער אין הימל לעבט, איז ער מלך, און מיר גלייבן בלויז אין אים."

פאַרוואָס מע דאַרף אויסהאַלטן הונדערטער ישיבה־בחורים, כאָטש סמיכה קריגן בלויז עטלעכע

דער באַוואוסטער גאון ר' מאיר שאַפּיראָ, לובלינער רב און ראש־ישיבה פון „חכמי לובלין", איז אַמאָל געקומען קיין אַמעריקע, צו זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה. ביי זיין באַזוך איז אים אויסגעקומען צו זיין ביי דעם באַקאַנטן נדבן און כלל־טוער פעליקס וואַרבורג.

וואַרבורג האָט אים פיין אויפגענומען. ער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן דער ישיבה און וויפיל תלמידים סע לערנען דאָרטן. הרב שאַפּיראָ האָט אים אַלץ איבערגעגעבן און דערציילט, אַז אין דער ישיבה לערנען פיר הונדערט יונגעלייט.

„און וויפיל פון זיי קריגן איטלעכס יאָר סמיכה אַף רבנות?" האָט וואַרבורג געוואָלט וויסן.

„פינף, זעקס יונגעלייט," האָט הרב שאַפּיראָ געענטפערט.

חידושט זיך וואַרבורג: „אויב בלויז פינף, זעקס, טאָ צוליב וואָס דאַרף מען אויסהאַלטן גאַנצע פיר הונדערט יונגעלייט?"

דער ראש־ישיבה טראַכט נישט לאַנג און ענטפערט: „כדי עס זאָלן זיין יידן, וואָס קענען לערנען. אַזוי, אַז בעת אַ יידישע קהילה דאַרף אויפנעמען אַ רב, זאָלן זיין באַלעבאַטים מבינים, וואָס פאַרשטייען וועמען צו באַשטימען."

מיט וואָס פּורים איז גלייך צו יום־כפור

צו אַ באַקענטן יידישן געשעפטסמאַן אין נויאָרק איז פורים בייטאָג אַריינגעקומען אַ יונגער רב. ער איז אַרומגעגאַנגען זאַמלען געלט פאַר אַ ישיבה. דער געשעפטסמאַן האָט אים געקענט. נאָר ער האָט זיך עפּעס פאַרטיפט אין אַ חשבון, און האָט זיך געמאַכט גלייך ער זעט אים נישט.

דעם רב איז דאָס געווען אַ חידוש. וואָרן ער האָט געקענט דעם געשעפטס־מאַן און געוואוסט, אַז ער איז אַן איידעלער מענטש און גיט אַ סך צדקה. שטייט ער אין אַ פאַרלעגנהייט אַ מינוט, גייט דערנאָך צו נענטער און נעמט רעדן. ערשט דעמאָלט האָט אים דער געשעפטסמאַן געגעבן שלום און געבעטן זיצן. אַז מ'האָט זיך שוין גוט צעשמועסט, פרעגט אים דער רב, ווי סע קומט, וואָס ער האָט אים פריער נישט דערקענט און נישט געגעבן שלום. זאָגט דער געשעפטסמאַן: „איר זעט דאָך, רבי, מ'איז „ביזי". און איר האָט דאָך היינט געלייענט אין דער מגילה: „ובביזה לא שלחו את ידם", אַז מ'איז ביזי, גיט מען נישט די האַנט."

שמייכלט דער רב. און דער געשעפטסמאַן זאָגט ווייטער: „און איצט, אַז איך האָב אייך שוין געענטפערט אַף אייער שאלה, זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַר־וואָס רופט מען יום־כיפור „יום־כפורים", אַז יום־כיפור איז גלייך צו פורים?"

זעט דאָך דער רב, אַז דער געשעפטסמאַן האָט ליב אַ ווערטל און קען טייטשן ווי טוביה דער מילכיקער. אַ סימן, אַז ב ב י ז ה טייטשט ער, א ז ס'א י ז ב י ז י, און י ו ם־כ פ ו ר י ם—ג ל י י ך צ ו פ ו ר י ם. שמייכלט ער ווידער און ענטפערט: „וואָס איז דאָ שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס פורים איז גלייך צו יום־כיפור? די זאַך איז זייער פשוט: פורים פאַרשטעלן זיך יידן פאַר גויים, און יום־כיפור פאַרשטעלן זיך גויים פאַר יידן."

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג: ובביזה לא שלחו את ידם איז די טייטש: און אין רויב האָבן זיי, (די יידן), נישט אויסגעשטרעקט זייער האַנט; יום־כיפורים—דער טאָג פון פאַרגעבונג.

אַ שמועס וועגן אַמעריקאַנער יידישקייט

זיצן עטלעכע יידן און רעדן וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון יידישקייט אין אַמעריקע: דער עולם איז נאָר פאַרקאָכט אין ביזנעס, אין שפילן קאָרטן און אין לעבן אַ גוטן טאָג. די קינדער ווערן דערצויגן אין די גויאישע סקולס צווישן גויים. פון יידישקייט וויסן זיי אָפּן שפּיץ־מעסער, אָדער אויך דאָס נישט. מיט איין וואָרט: ס'איז נישט גוט.

און איינער פון די יידן פאַרשטאַרקט דאָס נאָך: „ווייזט אויס, אַז ר' שמעון הצדיקס מאמר, אַז די וועלט שטייט אַף דריי זאַכן: אַף לערנען תורה, אַף עבודה (דינען גאָט) און אַף גמילות־חסדים, פּאַסט זיך דאָ אין אַמעריקע אין גאַנצן נישט. וואָרן פון דער תורה האַלט מען ווייניק, און פון דינען גאָט—וויל מען דאָ נישט וויסן, און אַ גמילת־חסד קען מען דאָ נישט קריגן."

די יידן בלייבן זיצן זייער ערנסט אַ מינוט. דערנאָך רופט זיך אָן איינער: „נו, נו, ס'איז נאָך, חלילה, נישט אַזוי שלעכט, ווי איר מאַכט דאָס. אַף צו לער־נען תורה האָבן מיר, דאַנקען גאָט, אַ רב; אַף צו דינען גאָט האָבן מיר, ברוך־השם, אַ חזן, און אַ גמילת־חסד קריגט מען נאָך ביים שמש אַ שמעק טאַבעקע."

„איר הערט, יידן, וואָס איך וועל אייך זאָגן," מישט זיך אַריין אַן אַנדערער, „אַז די תורה פון אַמעריקאַנער רב און די עבודה פון אַ היגן חזן, זענען דאָ אַ שמעק טאַבעקע אויך נישט ווערט."

דער חשבון שטימט

גייט זיך פֿאַמעלעך אַ רב פֿרייטאָג בייטאָג פֿון מרחץ אַף ריווינגטאָן סטריט אין נויאָרק. ווי ער גייט אַזוי, דערזעט ער אין אַ פֿענסטער פֿון אַ קראָם, וואו מען פֿאַרקויפֿט מילכיקס, אַ הכשר מיט זיין נאָמען. ער שטעלט זיך אָפּ און באַטראַכט דעם געכתיבהטן הכשר, וואָס זאָגט:

דאָ ווערט פֿאַרקויפֿט מילך—כשר בהכשר הרב הגאון... אַזוי און אַזוי.

און ער זעט, סע שטייט בפירוש אונטערגעשריבן זיין נאָמען. נאָר אַף ווי וויַיט ער געדענקט, האָט ער קיינמאָל קיינעם נישט געגעבן קיין הכשר אַף מילך. זאָל דאָס אפשר זיין אַן אַנדערער רב מיט דעמזעלבן נאָמען? מע דאַרף אַריינגיין און אויסגעפֿינען. אַריינגעקומען—פֿרעגט ער אָפּן באַלעבאָס. זאָגט דער קרע־מער, אַז ער איז דער באַלעבאָס. און ער פֿרעגט אים—וואָס ער וויל. זאָגט דער רב: „איך זע, ר׳ ייִד, אַז איר פֿאַרקויפֿט דאָ כשרע מילך מיט אַ הכשר פֿון דעם און דעם רב."

זאָגט דער קרעמער: „יאָ, אַוודאי, כשרע מילך." און ער פֿאַרזיכערט דעם פֿרעגער, אַז דער רב, וואָס האָט געגעבן דעם הכשר, איז נישט אַבי ווער, נאָר טאַקע פֿון די געהויבענע.

פֿאַלט אים דער רב אַריין אין די רייד און זאָגט: „דאָס אַלץ, וואָס איר זאָגט, קען זיך טאַקע זיין אמת, נאָר דער רב, וואָס איר דערמאָנט אָפּן הכשר, דאָס בין איך. און אַף ווי וויַיט איך ווייס, האָב איך אייך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט גע־געבן קיין הכשר אַף מילך."

זעט דער קרעמער, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן. ער פֿאַרלירט זיך אָבער נישט און זאָגט: „רבי לעבן, האָט איר אַמאָל געגעבן אַ הכשר אַף אַ מקווה, טאַקע דאָ נישט וויַיט פֿון דאַנען, אַף ריווינגטאָן סטריט?"

שאָקלט דער רב מיטן קאָפּ: יאָ. אַף דער און דער מקווה האָט ער געגעבן אַ הכשר.

„אויב אַזוי, רבי", זאָגט דער קרעמער אַ האָפּערדיקער, „אין דער מילך, וואָס איך פֿאַרקויף דאָ, מיש איך צו דאָס וואַסער פֿון דערדאָזיקער מקווה."

פֿאַרוואָס אַ שטאָטישן זייגער הענגט מען אויף אַף אַ הויכן טורעם

ייִדן האָבן אַראָפּגעבראַכט אַ נייעם רב אין שטאָט. אַ נייער רב—האָט מען געמאַכט אַ שמחה און מ׳האָט זיך פֿאַרזאַמלט לכבוד אים אין סענטער, אים אָנצוטון כבוד, און אין איין וועגס טאַקע צו באַקענען זיך מיט אים. לכבוד דעם נייעם רב האָט מען אויך פֿאַרבעטן צו דער שמחה רבנים פֿון די אַרומיקע שטעט און שטעט־לעך. און די רבנים האָבן ביי דער שמחה גערעדט וועגן ייִדן און ייִדישקייט אין אַמעריקע, און וועגן תורה־זאַכן האָט מען גערעדט, און ווי אַזוי מע דאַרף טייער האַלטן אַ רב, מחמת מיט דעם וואָס מע גיט אָפּ כבוד דעם רב, גיט מען אָפּ כבוד דער תורה.

צווישן די געסט ביי דער שמחה איז געווען אַ היימישער מגיד, אַ בעל־דרשן. האָט מען אים געבעטן, אַז ער זאָל אויך עפּעס זאָגן. דער מגיד האָט זיך נישט

געלאָזט שטאַרק בעטן. ער איז אַרויף אָפּן באַלעמער, האָט פאַרוואָרפן אַרום זיך אַ טלית און האָט אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ היימישן נוסח. ער האָט גערעדט ווי געפאַלן יידישקייט איז אין אַמעריקע, און ווי אַזוי טייל רבנים זענען אָפּט אַ געצייג ביי די באַלעבאַטים אין די הענט.

מיטאָמאָל האָט ער זיך צעזונגען מיט אַ דערהויבענעם ניגון: „רבותי, איר האָט דאָך אַלע אַוודאי געזען דעם שטאָטישן זייגער אַף דעם טורעם אין מיטן שטאָט. נאָר צי האָט איר אייך געפרעגט אַמאָל, איך בעט אייך, פאַרוואָס אַ שטאָטישן זייגער הענגט מען אויף הויך, אַזוי הויך, אַז מע זאָל דאַרפן פאַררייסן דעם קאָפּ, צו זען וויפיל ס'איז דער זייגער? פאַרוואָס הענגט מען אים נישט אויף נידעריק, אַז מע זאָל נישט דאַרפן אַרויפקוקן צו אים? דער תירוץ איז:—ווען מע וואָלט דעם שטאָט־זייגער אויפגעהאָנגען נידעריק, וואָלט יעדער באַלעבאָס אים געדרייט ווי אַזוי אים וואָלט זיך וועלן."

און דער מגיד האָט זיך אָפּסניי צעזונגען און געענדיקט: „אַזוי, מיינע ליבע יידן, איז אויך מיט אַ רב. האַלט אייער רב הויך, שטאַרק הויך, אַז נישט יעדער באַלעבאָס זאָל אים קענען דרייען וואוהין ער וויל."

ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרדינט אַ מצווה

אַ מענטש פון דער אונטערוועלט אַף דער יידישער איסט־סאַיד איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. אַז ער איז געקומען אַף יענער וועלט, פאַר דעם בית־דין של מעלה, האָט מען אים געגומען משפטן. מ'האָט פאַר דעם בית־דין געבראַכט אַ צעטל מיט אַלע זיינע מעשים, וואָס ער האָט געטון ביי זיין לעבן אַף דער ערד. נאָר חוץ פאַרברעכנס און אַלדאָס בייז האָט מען דאָרט גאָרנישט ניט געפונען.

דער סניגור, דער פאַרטיידיקער, האָט געזוכט און געגישטערט, צו געפינען עפּעס אַ זכות אַף אים, נאָר אומזיסט. מ'האָט אַזאַ זכות נישט געפונען, און דאָס בית־דין האָט אים פאַרמשפּט צו גיהנום.

אַז מ'האָט אים שוין געהאַלטן ביים אַרויספירן, לויפט אים נאָך דער סניגור און בעט זיך ביי אים: „האָב רחמנות אַף דיר, דערמאָן דיך, אפשר האָסטו פאַרט געטון עפּעס אַ גוטע זאַך, אַ מצווה, אַף יענער וועלט, וועל איך דיך פּרובירן צו ראַטעווען."

דער פאַרמשפּטער נעמט טראַכטן און טראַכט. מיטאָמאָל דערפרייט ער זיך: „אַ מצווה? יאָ, איך דערמאָן מיך ווי אַזוי איך האָב געטון אַ מצווה."

דער מלאך צעשיינט זיך פון פריד: „דערציייל, דערצייל! וואָס פאַר אַ מצווה?"

און דער מענטש דערציילט: אַז זיין טאַטע איז געשטאָרבן, האָט אים זייער געצויגן צו טון עפּעס אַ גוטע זאַך. נאָר וואָס פאַר אַ גוטע זאַך צו טון—האָט ער נישט געוואוסט. טראַכט ער, ער וועט גיין אין שול אַריין ווי זיין טאַטע איז געגאַנגען. דאָס מוז זיכער זיין עפּעס אַ גוטע זאַך. אַז ס'איז געקומען שבת, איז ער אַוועק אין שול. דאָרט האָט ער זיך אָנידערגעזעצט און זיך צוגעהערט צום חזן.

דערוויל פאַלט אים איין, אַז ביים אַהיימגיין וואָלט ער אפשר געקענט אַרויסנעמען ביי די יידן, וואָס זיצן לעבן אים, די גילדענע זייגערלעך פון קעשענע.

ווי ער טראַכט אַזוי און מאַכט פּלענער, הערט ער ווי איין ייד זאָגט צום אַנדערן: „אַי, ס'אַ עברי דער חזן לייגט עס אַוועק! מע וואָלט זיך פאַרדינט אַ מצווה, אַז מע זאָל אים צעברעכן די ציין.״

אַז ער האָט דערהערט אַ „מצווה,״ האָט ער זיך דערמאָנט צוליב וואָס ער איז געקומען, און טאַקע גלייך נאָכן דאַוונען האָט ער זיך פאַרדינט די מצווה.

וואָס זיי וואָלטן געוואָלט זײַן

ביי דער יו. ען. אין נויאָרק האָט אַ ייד פון ישראל זיך באַקענט מיט אַ פראַנצויז. איינמאָל איז געקומען צו רייד וועגן פראַנקרייך. דער פראַנצויז האָט זיך נישט געקענט גענוג אָנדערציילן פון דער גרויסקייט פון זיין לאַנד, פון די פראַנצייזישע קינסטלער און שרייבער, און פון די גרויסע פראַנצייזישע מיליטערלייט און העלדן.

דער ייד האָט אויך נישט געשוויגן. ער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן וואָס יידן האָבן אויפגעטון אין ארץ ישראל אין פאַרלויף פון איינע דריי־צענדליק יאָר. ווי אַזוי מ'האָט פון אַ מדבר געמאַכט אַ בליענדיק לאַנד מיט שטעט און דערפער. ער האָט אויך דערציילט פון די גרויסע שרייבער אין לאַנד. און ער האָט אויסגעלאָזט: „און וועגן דעם, וואָס איר רעדט פון מיליטערלייט און העלדן, דאַרף זיך דאָס קליינע ישראל גאַרנישט ניט שעמען קעגן די גרעסטע פעלקער אין דער וועלט. דאָס האָט באַוויזן די קליינע יידישע אַרמיי, ווען זיבן פעלקער זענען באַפאַלן די יונגע, קליינע מדינה, און די יידישע אַרמיי האָט זיי געשלאָגן און פאַרטריבן פון לאַנד.״

אַז ער האָט געענדיקט, האָט זיך דער פראַנצויז אויפגעהויבן, האָט געדריקט דעם ייד די האַנט און מיט אַ רירנדיקער שטימע געזאָגט: „מיין ליבער פריינד, ווען איך וואָלט נישט געווען קיין פראַנצויז, וואָלט איך געוואָלט זיין אַ ישראל.״

דער ייד האָט זיך אויך אויפגעהויבן און רואיק געענטפערט: „און איך, ליבער פריינד, ווען איך וואָלט נישט געווען קיין ייד, וואָלט איך געוואָלט זיין אַ ייד.״

ווי אַזוי סע קען קומען די ישועה פאַר יידן

אין לעיק סוקסעס ביי דער יו. ען. זיצן איינמאָל עטלעכע יידן צווישן איין פאַרהאַנדלונג און אַ צווייטער און שמועסן וואָס פאַר אַ פּלאַן סע וואָלט געווען בעסער פאַר דעם יידישן פאָלק. ווי געוויינלעך, האָט זיך איטלעכער פון זיי אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם.

„די איינציקע ישועה,״ זאָגט איינער, „וועט זיין, ווען די יו. ען. זאָל דורכפירן דעם צעטיילונג־פּלאַן.״ אַ צווייטער מיינט, אַז אַ „טראַסטישיפּ״, נאָר מיט פרייער איינוואַנדערונג פאַר יידן, וואָלט אויך געווען אַ גרויסע ישועה. אַ דריטער ווידער טענהט, אַז ווען אַמעריקע זאָל לאָזן שיקן געווער צום ישוב, וואָלטן די יידן געקענט אַליין באַשטיין זייער שטעטל און גרינדן אַ מלוכה. דאָס, זאָגט ער, וואָלט געווען די אמתע ישועה.

אַזוי רעדן זיי און שמועסן וואָס פאַר אַ פּלאַן סע וואָלט געווען די אמתע ישועה פאַר יידן. צום סוף רופט זיך אָן אַן עלטערער מענטש, אַ רב, און זאָגט: „הערט, ליבע יידן, וואָס איך וועל אייך זאָגן: עס זענען דאָ בלויז צוויי וועגן ווי אַזוי די ישועה קען קומען—אַף אַ נאַטירלעכן וועג, אָדער בדרך נס. דער נאַטירלעכער וועג וואָלט געווען, אַז סע זאָל קומען משיח און ברענגען די גאולה מיט זיך. דער נס וועט זיין, ווען די ענגלענדער וועלן ווערן אַביסל בעסער און אַריינלאָזן יידן קיין ארץ ישראל.״

אַ שיינער ייד

אַ געראַטעוועטער ייד, אַ פּליט פון אַ שטעטל אין דער אַלטער היים, האָט זיך קוים מיט צרות דערשלאָגן קיין אַמעריקע. געקומען קיין נויאָרק, האָט ער זיך דערפרעגט צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַ ייד, וואָס איז אַוועק קיין אַמעריקע נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך דערפרייט מיט דעם גאַסט. ער האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. זיין ווייב האָט געשטעלט כיבוד, און דערנאָך האָט מען געגעסן צוזאַמען, און מ'האָט גערעדט און געשמועסט. דער געראַטעוועטער האָט דערציילט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן און ווי אַזוי ער איז אַרויס מיט זיין לעבן, איינער אַליין פון זיין גאַנצער משפחה.

דער אַמעריקאַנער האָט שפּעטער אָנגעהויבן אויספרעגן זיך אַף קרובים, אַף אַמאָליקע שכנים און באַלעבאַטים פון שטעטל. און נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהערט די טרויעריקע גרוסן, גיט ער אַ פרעג דעם גאַסט: „נו, און וואָס איז געוואָרן פון מיין גמרא־מלמד? איך קען מיך נישט דערמאָנען ווי אַזוי ער האָט געהייסן.״

„ווועמען מיינט איר?״ פרעגט דער געקומענער, „אָט דעם, וואָס האָט געוואוינט הינטערן מאַרק?״

„יאָ, יאָ,״ זאָגט דער אַמעריקאַנער. „ער איז געווען זוזעוואַטע, און איין פוס איז ביי אים געווען אַביסל קירצער און ער האָט אונטערגעהונקען. ער איז אויך געגאַנגען אַביסל איינגעהויקערט, האָט געהאַט אַ הערבעלע אַף די פּלייצעס.״

„אָ, איר מיינט אַוודאי, ר׳ שמואלן, דעם גמרא־מלמד!״ זאָגט דער גאַסט. „אָ, אַ שיינער ייד געווען, דער ר׳ שמואל! אַ הערלעכער ייד!״

ראַפּאַלאָווסקי דער איינבינדער און דער נייער בוכהענדלער

אין אַ הינטער־גאַס פון איסט בראָדוועי האָט דער איינבינדער א. ראַפּאַלאָווסקי זיין איינבינדעריי.

ראַפּאַלאָווסקי איז שוין אַ סך יאָרן באַקאַנט צווישן יידישע שרייבער, בוכהענדלער און מוכרי־ספרים פון דער יידישער איסט־סאַיד. ביי ראַפּאַלאָווסקין איינבינדן אַ בוך, אַ ספר איז נישט סתם אַן אַרבעט, נאָר אַ הייליקע אַרבעט, וואָס ער טוט מיט ליבשאַפט. און אַלע, וואָס גיבן אים אַרבעט, ווייסן שוין, אַז איידער

ער נעמט עפּעס איינבינדן, האָט ער ליב צו כאַפּן אַ קוק אין דעם, און אויב ס'איז אַ בוך, וואָס ער האָט נאָך נישט געלייענט, וועט ער עס נישט אַרויסלאָזן פֿון זיין פלאַץ, ביז ער וועט עס איבערלייענען.

מאַכט זיך, אַז אַ נייער בוכהענדלער ברענגט ראַפּאַלאָווסקין איינצובינדן אַ בוך. ראַפּאַלאָווסקי נעמט דאָס בוך און מע רעדט אָפּ, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט ער עס האָבן פאַרטיק.

אַז דער בוכהענדלער איז אין אַ וואָך אַרום געקומען נאָכן בוך, בעט אים ראַפּאַלאָווסקי, אַז ער זאָל אים מוחל זיין, ווייל ער איז נאָך נישט פאַרטיק מיט דעם בוך, און ער זאָגט אים צו אויף אַ וואָך שפּעטער.

אַז דער בוכהענדלער איז געקומען צום צווייטן מאָל נאָכן בוך, זאָגט צו אים ראַפּאַלאָווסקי: „איך וויל אייך זאָגן דעם אמת, איך בין די לעצטע צייט אַזוי פאַר־וואָרפן מיט אַרבעט, אַז איך האָב אייער בוך נאָך נישט איבערגעלייענט."

קוקט אים אָן דער בוכהענדלער און זאָגט: „פריינד ראַפּאַלאָווסקי, איך האָב אייך נישט געגעבן דאָס בוך צו לייענען, נאָר צום איינבינדן."

„אמת," ענטפערט ראַפּאַלאָווסקי, „אַוודאי האָט איר מיר געגעבן דאָס בוך איינצובינדן. נאָר אײדער איך וועל עס נישט איבערלייענען, קען איך עס נישט איינבינדן. ווילט איר, אַז איך זאָל עס איינבינדן, מוזט איר עס לאָזן, ביז איך וועל עס קודם איבערלייענען."

וואָס סע וועט זײַן, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט זיגן

אין די יאָרן פון דער גרויסער יידישער מאַסן־אימיגראַציע איז אויף דער איסט סאַיד פון נויאָרק געוווען אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר. ער איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, נאָר מיט אַ שאַרפן צינגל. יעדן אָוונט, נאָך דער אַרבעט אין שוויץ־שאָפּ, איז ער אַוועק אין העסטער פּאַרק, האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט אויף אַ לייטערל און האָט געפּריידיקט סאָציאַליזם פאַר דעם יידישן עולם.

טרעפט זיך אַמאָל, אַז בעת ער שטייט אַזוי און מונטערט דעם עולם צום קאַמף, צעשרייט ער זיך אויף אַ קול: „ס'איז שוין צייט, אַז די מאַסן זאָלן דער־וואַכן פון זייער שלאָף און איבערנעמען די לייצעס אין זייערע אייגענע הענט. וויפיל איז דער שיעור, אַז די בלוטזויגערס, די רייכע געלט־זעק, זאָלן אַרומ־פאָרן מיט קאַרעטעס, לעבן אין וואָרילטאָג און פרעסן סטראָבעריס מיט קרים? ווען דער סאָציאַליזם וועט זיגן, וועט אַלץ זיין פאַרקערט: מ י ר וועלן לעבן אין וואָרילטאָג, מ י ר וועלן פאָרן מיט די קאַרעטעס און עסן סטראָבעריס מיט קרים."

מיטאַמאָל צעשרייט זיך איינער פון דעם עולם: „און וואָס וועט זיין מיט מיר? איך האָב נישט ליב קיין קרים."

דער רעדנער האָט זיך פאַרלוירן אויף אַ מאָמענט. נאָר ער איז באַלד געקו־מען צו זיך און האָט אויסגערופן: „יונגערמאַן, אַז די רעוואָלוציע וועט זיגן, מעגט איר אַפילו צעזעצט ווערן, וועט איר מוזן צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער עסן סטראָבעריס מיט קרים."

שטעט און שטעטלעך, וואָס ווערן דערמאָנט אין די מעשהלעך און וווּ מ'האָט די מעשהלעך געהערט דערציילן

א.—אַבערטין, אָדעס, אָזאָרקאָוו, אָטיני'ע, איוויע, איליע, אײשישאָק, אַלט ביכעוו, אַלט קאָנסטאַנטין, אָלמיץ, אַלעקסאַנדער, אַנטיפּאָליע, אָסטראָפּאָליע, אַפּט, אָראַן, אָשמענע. **ב.**—בויבעריק, באָברויסק, באַרדיטשעוו, באָריסלאַוו, בוקאַרעשט, ביאַליסטאָק, ביכעוו, בירזש, בלאָזשעוו, בעלז, בערעזין, בראָד, בראַצלאַוו, בריסק, ברעזינע. **ג.**—גאָרליץ, גראָדנע, גריידינג. **ד.**—דאָלינאָוו, דאַנציק, דובראָוונע, דזיקעוו, דעלאַטין, דראָביטש (דראָהאָביטש). **ה.**—האָמלע, האָראָדענקע, העיליטש. **ו.**—וואָלאָזשין, וואָלקאָוויסק, וואָראַנאָוו, וואַרשע, וויטעבסק, ווילנע, ווין, ווישיווע, וועליזש. **ז.**—זאַבלטאָוו, זאַסלאַוו, זלאָטשעוו, זעלווע, זשאַביע, זשיטאָמיר. **ח.**—חיפה. **ט.**—טאָלנע, טורנע, טריסק, טריפּאָלע, טשאָרטקאָוו, טשערנאָביל, טשערנאָוויץ. **י.**—יאַוואָראָוו, יורבעריק, ירושלים. **כ.**—כעלעם. **ל.**—לאָדזש, לאַשקעוויץ, לובלין, לוניץ, ליבאַוויטש, ליבערשיי, לידע, ליזשענסק, לינסק, לעכעוויטש, לעמבעריק (לעמבערג). **מ.**—מאָנאַסטערישטש, מאָנטרעאָל, מינסק, מיר, מעזריטש, מעזשביזש. **נ.**—נויאָרק, ניי ביכעוו, נעמעראָוו. **ס.**—סאַדיגערע, סודזשאַ, סוויר, סטאַמבול, סטאָלין, סטאַשעוו, סטראָפּקאָוו, סיעדליץ, סלאַבאָדקע, סלאָבודקע ליעסניע, סלאָנים, סמאַרגאָן, סמילעוויטש, סניטין, סקאַלאַט, סקווירע, סקעפּניע, סקערנאָוויץ. **פּ.**—פּאָניעוועזש, פּויזן, פּינסק, פּלאָנטש, פּעטערבורג, פּעטריקאָוו, פּעטשעניזשען, פּראָג, פּראָסקוראָוו, פּרוזשינע, פּרעמישלאַן, פּרעשבורג. **פֿ.**—פֿירוויץ, פֿראַנקפֿורט. **צ.**—צידון, צפת. **ק.**—קאָברין, קאָוונע, קאָלאָמיי, קאָלבושאָוו, קאַלוואַריע, קאָסעוו, קאָכאַנאָוו, קאָצק, קוידאַנאָוו, קורילאָוויץ, קיטעוו, קיידאַן, קיעוו, קישטשיניע, קעלץ, קעשענעוו, קראָפּיווניקע, קראָקע. **ר.**—ראָגאַטשאָוו, ראָדאָמישעל, ראָזשישטש, ראָטשעוו, ראַכוואַלאָווקע, ראָסטאָוו, ראָפּשיץ, רומשישאָק, ריגליץ, רידזשין. **ש.**—שאַוועל, שאַריגראַד, שידלאָוויץ, שניפּעשעק, שפּאָלע, שקלאָוו. **ת.**—תל אָביב.

אַ דאַנק די הונדערטער לייענער, וואָס האָבן מיר צוגעשיקט, אָדער דערציילט מעשהלעך. דאָס זענען זייערע נעמען.

א.—איטל, יקיר אייבערהעמס, לואיס איידלמאַן, ד. אַלטער, ריווע אַלטער, יעקב אַלפּער, ק. אַסטער, פּ. אָסינאָווסקי, אברהם אַהרן אַראָנאָוו. **ב.**—א. באָברויסקער, סעם באָטוויניק, זיסיע באַראָן, ס. באַרמאַש, אייזיק באָרנשטיין, דניאל בוימגאַרט, עטאַ בייער, פּ. בירמאַן, יעקב צבי בלום, מירל בלומענשטיין, אפרים בן־יהודה, רעווערענד בעלקינד, יצחק בערלאַנד, א. בערמאַן, א. בערקאָוויץ, יעקב בראַווערמאַן, רעווערענד ר׳ אפרים בראַון, אפרים בראַנדלער, ל. בראָצקי, אַב. ברייען, הרב ר׳ אליעזר בריקס. **ג.**—מ. גאָטעסמאַן, בן־ציון גאָלד, י. גאָלד, לייבוש גאָלדבערג, ס. גאָלדין, ז. גאָלדפאַרב, מרס. פרענק גאָלדשטיין, מ. ד. גאַנז, ברכה גאַנעזער, נחום גאַרבער, ב. גאָרעליק, ל. גאָרעליק, ז. גוטמאַן, יעקב גיוועלבער, מאַלי גייסער, ס. גינזבורג, שלמה גינזבערג, הינדע געלבאַרט, ע״ה, י. ל. געלפאַנד, נחום ג. געל־פאַנד, יעקב גען, לאה גענבערג, וויליאַם גערשעוויץ, א. מ. גראָסמאַן, חוה גרינ־בוים, סאַל גרינבערג, דזשאָו גרענט. **ד.**—נייטן דאָבקין, דזשעק דאָברין, מ. דאַנציגער, י. דורשטענפעלד, יצחק דושמאַן, ל. דראַציקער. **ה.**—אסתר האַלבערטס, הרב מ. האַלפּערן, צבי אריה האָלצער, קלאַראַ האָראָוויץ, מאיר הורוויץ, פיליפּ הורוויץ, שמואל הקטן, חיים הימעלפאַרב, ריווציע העלפאַנד, ענע הענער, אַב. הערשקאָוויץ. **וו.**—דר. וויליאַם וואלדער, משה וואָלפין, מ. וואָלפער, הערי וואָלף, מאַקס וואָלפסאָן, שלום וואַקסמאַן, ישראל וויגאָדסקי, מעקסווידרעוויץ, אברהם וויינבוים, אהרן וויינבערג, משה וויינשטיין, דר. בנימין ווייס, יצחק ווייס, משה ווייס, זיסל ווייסמאַן, ר׳ יצחק ווייסמאַן, יוסף ווייצמאַן, שמואל ווייקסעלבוים, סידני וויקאָלאַס, משה וועגנער, דוד ווערבע. **ז.**—ר׳ משה זאָהן, י. זאַוועלס, אברהם זאַיטשיק, מ. זאָנשיין, שמואל זאַכאַרין, ס. זופניק, א. זילבערמאַן, יוסף זיסקינד, היימי זיף, לואיס זיף, ה. זיסקינד, לוי זלאָטניק, ש. זעלמאַן. **י.**—יאָטע דעם חזנס, ס. יאַקאָבי, יאַנקל משה חיה אלינקעס, זינאַ יאַקובאָוויטש, מיכאל יאַקו־באָוויץ, אייזיק יודקעוויץ, יאַנקל יושילעווסקי, יעקב דוד בן אהרן, רעווערענד בן־ציון יפה. **כ.**—איציק כהנא, שמעון כץ. **ל.**—אליזער לאַשער, רבקה ליבער, שאול לייבאָוויטש, שמעון ליימאַן, מ. ליכטענטאַל, זרח ליפּאָפּסקי, יודזשין ליף, אַלבערט לעווין, א. לעווין, לייב לעווין, מאַקס לעווין, שיינדל לעווין, ס. לעווין, מ. לעפקאָוויץ. **מ.**—יצחק מאיראָווסקי, דוד מאַן, י. מאַקס, מ. מאָריסאָן, סילוויע מאַרק, אַלעקסאַנדער מאַץ, מ. מאָשקאָוויטש, הערי מלכיאל, חזן חיים מילמאַן, דוד מעזיבאָוו, מ. כ. **נ.**—יצחק נאָוואַק, חיים נאַכימאָווסקי, אברהם נאַפּאַרסטעק, מ. נוסבוים, נייטן נייגעבאָרען, בען נײדינגער. **ס.**—דזשוליוס סאַלאָמאָן, מ. סאַמועלי, יעקב סאָנרעי, אירווינג סאָסניק, נייטן סאָקאָל, הערי סטראָגאַטש, מענדל פון סידרע, נ. סיימאָן, הערמאַן סילווער, סעם סילווער, ישראל סלאַווין, יאָסל סלאָגימער, פרענק סמיט, שרה ספּעקטאָר, יעקב סקלאַר, אהרן סראָלאָוויטש.

ע.—סעם עהרמאַן, אלי׳ עפּשטיין, פרענק עפּשטיין. **פ.**—מ. פינקוס, ז. פעסיך, י. פערניק, ב. פערסאָן, רעוו. רפאל פערסקי, זעליג פעשין, היימאַן פראַגער, דזשאָו פראַזשאַנסקי, נייטן פריטיקין, ע. פרעסמאַן. **פ.**—אברהם פאַרבער, סעם פאַרבער, הערי פאָרמאַן, יעקב פאָרמאַן, נחמן פיינער, יעקב פיינשטיין, אייזיק פישקין, י. פישקין, באַרנעט פליישמאַן, ר׳ בערל פעלדמאַן, נח פעלדמאַן, דוד פעסטרייך, משה פרוכטער, א. פרידמאַן, מרס. א. פרידמאַן, אַב. פרידמאַן, יששכר פרידמאַן, נחום פריימאַן, מ. פרישבלאַט. **צ.**—יוסף צוקערמאַן. **ק.**—נעטי קאָבערניק, מאיר קאהן, מאָריס קאהן, סעמיועל קאָהען, פ. קאָהען, משה קאַווענסקי, יצחק מאיר קאָזעליצער, מאַקס קאַליש, יעקב דניאל קאַמינסקי, הערצל קאַמענעצקי, שמואל קאַנטאָר, אַלעקסאַנדער קאַפּלאַן, הערי קאַפּלאַן, איידאַ קאַץ, הערי קאַרנאָפּסקי, צבי קדיש, ש. קוירש, הירש קופּער, י. קופּער, משה קופּער, פיליפּ קופּער, מ. קויפמאַן, א. קושנער, ל. קיילעס, ס. דזש. קליין, ל. קליין, ס. קלערמאַן, יעקב קעניג, פעני קראַניק, בנימין קרעמער. **ר.**—סעם ראַבין, אליעזר ראַבינאָוויטש, גדליה ראַבינאָוויץ, שמחה ראַבינאָוויטש, ר׳ מענדל ראַבקין, מנחם מענדל ראָזנער, לואיס ראַדיצקי, פעני ראָזען, סעם ראָזענבוים, סעם דאָנדאַק ראָזענצווייג, הערי ראָט, לייזער ראָסיע, הרב ראובן ראשגולין, היימאַן רהבין, מאָריס רובין, יוסף רודין, חיים רויזנער, יואל רייטער, מאיר רינגעל, ד. ריטש, לואיס ריטשמאַן, גיטל רעזניק, נתן רעזניק. **ש.**—מענדל שאַמעס, יעקב שאָנבערג, י. שאַפּיראָ, שמעון שאַרער, מ. שוואָם, דזשעני שוואַרץ, ה. שוואַרץ, נתן שוואַרץ, ישראל שווידעלסאָן, הערש שולדענפריי, ע״ה, ל. שולמאַן, י. א. שולרוף, מאָריס שטאָפּמאַן, ברוך שטיין, מענדל שטיפּעל, א. שמידעל, ס. שניידער, סעם שפּיגעל, זונדעל שפּייער, ישראל שפּרינגער.

ווער סע געדענקט מעשהלעך פון אַמאָליקע צייטן אין דער אַלטער היים און אויך פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן, איז געבעטן זיי צוצושיקן צו מיר אַף מיין היים־אַדרעס:

NAFTOLI GROSS
80 Van Cortlandt Park So.
Bronx 63, N. Y.

קריטיק־אויסצוגן וועגן דעם ערשטן און צווייטן בוך „יידן" פון נפתלי גראָס

ה. נ. ביאַליק, „אגרות", באַנד 4:

... גילדענע שורות.

◇

הלל ראָגאָף: דער טיף־איינגעוואָרצלטער מענטשלעכער באַגער איז דער לייט־מאָטיוו פון נפתלי גראָסעס לידער אין דעם באַנד „יידן". ער זוכט גאַנצקייט, אינהאַלט אין לעבן. ער זוכט אַ גייסטיקן בונד, וואָס זאָל אים פאַראייניקן מיט די דורות פון פריער און מיט די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אים.

די לידער זענען דורכגעטראַכטע, דורכגעפילטע... די שטימונג און געדאַנקען זענען ניט קיין צופעליקע, קיין צעוואָרפענע. זיי זענען אַלע פאַרבונדן מיט איין פּאָעטישן שנירל, מיט איין פילאָזאָפיש־פּאָעטישן גרונד־געדאַנק און גרונד־געפיל.

די לידער וועלן געפינען אַן אָפּקלאַנג אין האַרץ פון יעדן לעזער און וועלן פאַר זיך געפינען אַ שטענדיקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. („פאָרווערטס", 14 אַפּריל, 1929).

◇

ש. ניגער: אַזאַ פּאָרטרעט־ליד ווי דער „בעלעגאָלע" איז מער ווי אַ ליד, ס'איז שיר ניט סקולפּטור. דאָס איז דער קינסטלערישסטער און רייכסטער „פּאָרטרעט" אין „יידן" (פון נפתלי גראָס). אָבער אויך אין „דעם מגיד", אין „דעם בעל־מקובל", „דעם רב", „דעם נגידס בת־יחידה", „מוטערשאַפט", „דעם פאַריזער שטוצער", „דעם דאָרף־ייד"—זיינען געגעבן געוואָרן פולע מענטשלעכע געשטאַלטן", ניט נאָר סתם אַזוי קאַלאָמייער יידן.

בכלל קאָן דער נאָמען „יידן" זיין פאַרפירעריש... אין דער אמתן איז יידישקייט דאָ נאָר דער מאַטעריאַל, דורך וועלכן עס ווערן אויסגעדריקט אַלגעמיין מענטשלעכע כאַראַקטער־שטריכן, נאָר די סביבה, וועלכע האָט דעם דיכטער געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרקערפּערן זיינע אייגענע, ריין לירישע איבערלעבענישן, עמאָציעס, רעיונות. („טאָג", 7 סעפּטעמבער, 1930).

◇

אברהם רייזען: גרויס מייסטערשאַפט איז פאַראַן אין נפתלי גראָסעס נייסטן בוך „יידן". דאָס איז אַ זאַמלונג פּאָעמען און באַלאַדן פון דער אַלטער היים. די אַלע פּאָעמען, אָדער איינפאַכער—לידער, אָטעמען מיט נייער שיינקייט. („די פעדער", אַפּריל, 1930).

◇

דר. ל. פאָגעלמאַן: אין זיין נייעם באַנד לידער „יידן" האָט זיך נפתלי גראָס פאַר־נומען אויף נייע וועגן.

ער האָט פאַר אונז געשאַפן אַן אייגן וועלטל, וואָס איז ערגעץ ווייט־ווייט פון אונז און אין דערזעלבער צייט אויך נאָנט, ווי ס'איז אונז נאָנט אונזער קינדהייט און יוגנט.

זיין קאָלאָמיי איז געוואָרן אונזערע. זי איז אונז נאָנט געוואָרן ביז גאָר, ווייל ער האָט זי באַגאָסן מיט אַ פּאָעטישן ליכט, וואָס איז פול מיט חן און צויבער.

און ניט נאָר איינצלנע פיגורן האָט פאַר אונז אויסגעמאָלט גראָס אין זיינע לידער, נאָר גאַנצע בילדער און סצענעס, אין וועלכע עס פילט זיך אויך דער אימפּעט און דער פולס פון לעבן. („צוקונפט", יולי, 1929).

◇

מ. ווינאָגראַד: אין גראָסעס לידער־זאַמלונג „יידן" ערשיינט פאַר אונז אַ נייער סאָרט עפּאָפּייע—אַ יידישע—וואָס דערציילט פון זאָנדערבאַרע העלדישקייטן. נאָר אַ דאַנק אַזעלכע דיכטער ווי גראָס וועלן די דערמאָנטע „גבורות" בלייבן געשיכטע. און דאָס איז אַ גרויסער אויפטו!

זיינע לידער דערציילן פון אַ באַהאַלטענעם פּאַטאָס און געשפּאַנטקייט, וואָס מאַכט דאָס קליין־שטעטל—גרויס־שטאָטיש—אויב ניט נאָך גרעסער! (דער „וועקער", מערץ 1929).

מ. ל. האַלפּערין: און איך בין באמת מקנא גראַסן, וואָס ער צווישן אונז, איז דער ערשטער זיך אומצוקערן צו דער שיינקייט פון נעכטן מיט אַזויפיל דיכטערישער ליבשאַפט, ווי אין אַט דעם ביכל זיינעם, וואָס ליגט פאַר מיר. („וואָך״, 3 אָקטאָבער, 1929).

◇

דר. א. מוקדוני: נפתלי גראַס איז אַ פיל־זייטיקער שריפטשטעלער: ער איז אַ ביבל־איבערזעצער, ער איז אַ שרייבער פון קינדער־מעשהלעך און אַ דיכטער... די אַלע טעטיקייטן פון נפתלי גראַס האָבן אַ שייכות צווישן זיך, זיי ווירקן איינע אַף די אַנדערע און ווערן באַווירקט איינע פון די אַנדערע.

איך רעכן דאָ אויס אַלע שרייבערישע טעטיקייטן פון נפתלי גראַס ניט סתם אין דער וועלט אַריין. איך האַלט, למשל, אַז נפתלי גראַס דער ביבל־איבערזעצער האָט געהאַט אַ ווירקונג אַף נפתלי גראַס דעם דיכטער. עס איז דאָ פשטות און פייערלעכקייט אין זיינע לידער. עס איז דאָ רואיקייט און געצוימטקייט אין זיינע לידער.

לעבעדיק און רייצנדיק זענען די לידער ווי „יאָסל קלעזמער ראַטעוועט מיט זיין שפּילן דעם אַרענדאַר״, „רב משהלע קיטווערס פּערל״ און „דאָס ליד פון דאַבוש״.

בכלל איז דאָ פיין געמיט אין נפתלי גראַסי לידער... עס איז דאָ גלעטנדיקע רואיקייט אין זיינע לידער. („מאָרגן זשורנאַל״, ניו יאָרק, 31 אויגוסט, 1938).

◇

חיים ליבערמאַן: איר האָט דער יידישער ליטעראַטור געשענקט אַ מתנה, וואָס פאַלט ניט אויס יעדן טאָג אַפן גורל פון אַ ליטעראַטור. (פון אַ בריוו וועגן בוך „יידן״).

◇

ש. ניגער: ער (נפתלי גראַס) האָט אין זיך עפּעס פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַזאַ „געהיימע שטים״, אַז ער האָט „געקאָנט שטיין צווישן אַ גרויסן עולם מענטשן און שרייען פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערן,—און קיינער זאָל ניט הערן״... מע דאַרף האָבן זייער אַ פיינעם און זייער אַ געדולדיקן אויער צו הערן נפתלי גראַסי „געהיימע שטים״. („דער טאָג״, 28 מאַי, 1939).

◇

אברהם רייזען: פון די וויכטיקסטע ביכער, וואָס זענען לעצטנס דערשינען און הערמיט בייגעשטייערט צו אונזער גרויסן ליטעראַטור־פאַרמעגן—געהערן: דער צווייטער באַנד „יידן״ פון נפתלי גראַס, וואָס אינאיינעם מיטן ערשטן באַנד אונטערן זעלבן טיטל, איז דאָס אַ גרויסע פּאָעמע, אין כמות און אין איכות, סיי פון שטייגערישן, סיי פון דיכטערישן שטאַנדפּונקט—וועגן לעבן פון די יידן אין גאַליציע, מיט אַן אוניווערסאַלן אונטערטאָן. („די פעדער״, ניו יאָרק, 1939).

◇

מלך ראַוויטש: נפתלי גראַס איז אַ דיכטער מיט סטיל, אַ דיכטער מיט רו, אַ דיכטער מיט פאַרב און מיט קלאַנג. אַ דיכטער, וואָס האָט אַ קוק געטון אין שפּיגל און דערקענט זיין פּנים. און גענומען זיך זוכן אַף די באַרואיקנדיקע פעלדער פון דער ביבל. („נייע פאָלקסצייטונג״, וואַרשע, 25 סעפּט. 1938).

◇

דר. שלמה ביקל: איינס נאָך איינס האָט גראַס אָפּגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג די געשטאַלטן פון דעם ראָמאַנטישן אַמאָל: דעם רב און דעם מגיד, דעם פרומען ייד און דעם ייד—אַ סוחר, דעם שיינעם באַלעבאָס און דעם אַלטן שניידער, דאָס כלה־מיידל און די דער־וואַקסענע און אַלע זיינע נאָנטע פון קאַלאָמיי.

יאָסל קלעזמער טוט וואונדער מיט זיין קונסט... און דאָ, ווען וואונדער געשען, און דאָס לעבן איז נישט אין שיינקייט פאַרגליווערט, נייערט עס וויברירט נאָך אין באַוועגונג, דערגרייכט גראַס צו די קוואַלן פון עכטער פאָלקסטימלעכקייט, און זיין ליד, וואָס איז אַלעמאָל גאַנץ, שלימותדיק און קלאָר, ווערט דאָ ביי די פאָלקסליד־מאָטיוון אויך וואַרעם און שפּרודלדיק.

...און עס קאָן זיין, אַז דאָ ליגט אויך ערגעצוואו דער סוד פון נפתלי גראַסעס טיפער דיכטערישער פאַרבונדנקייט מיט דער גרויסער שליך־ און צופאַסונגס־אַרבעט, וואָס הייסט די איבערזעצונג פונם בוך פון אַלע ביכער. (דער דיכטער נפתלי גראַס צו זיין 25 יעריקן ליטעראַ־רישן שאַפן. „טאָג״, 8 נאָוועמבער, 1941).

ש. ניגער: פֿאַר נפֿתלי גראָס זענען די קאָלאָמייער דערינערונגען געוואָרן אַ מעדיום פֿון מער אַלגעמיינע פּאָעטישע איבערלעבונגען און פּאָעטישע מאָטיוון. דורך די געשטאַלטן און דורך די געמיטצושטאַנדן פֿון זיינע קאָלאָמייער יידן זעט ער אַלגעמיין־מענטשלעכע געשטאַלטן און אַלגעמיין־מענטשלעכע געמיטצושטאַנדן. ער פֿירט אונדז אַריין אין דעם גאַליציישן שטעטל, כּדי אונדז פֿון דאָרטן אַרויסצופֿירן. קאָלאָמיי איז פֿאַר אים אַ דורכגאַנגס־פּונקט—צו דער וועלט. („צוקונפֿט״, פֿעברואַר, 1931).

◇

ה. רויזענבלאַט: אין די מיינסטע לידער דערגרייכט אונדזער פּאָעט (נפֿתלי גראָס) מיט ווינציק מיטלען אַ זעלטענע שיינקייט, שטימונג, און אַלץ מיט דער געוויינטלעכער רואיקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים.

אין זיין לעצט בוך „יידן״ באַפֿעסטיקט ער נאָכאַמאָל זיין ליבשאַפֿט צום איינגעפֿונדעוועטן, האַרמאָנישן לעבן... פֿון אַלץ רייסט זיך גבֿורה. מחמת אַלץ איז געזונט און איינגעוואָרצלט אין אַלטער טיפֿער ערד. („שיקאַגאָ״, שיקאַגאָ, פֿעב.־מערץ און אַפּריל־מאַי, 1936).

◇

נ. ב. מינקאָוו: זיין „ווייסער רייטער״ (1925) איז... אַ דייטלעכער איבערגאַנג צו קאָנקרעטקייט, צו יענע סקולפּטור־אַרטיקע געשטאַלטן, צו יענער רעליעפֿער פּאָרטרעטיסטיק, מיט וואָס עס צייכענען זיך אויס זיינע „יידן״ (באַנד1, 1929; באַנד 2, 1938).

...ס׳איז זיכער ניט קיין צופֿאַל, וואָס צוזאַמען מיט גראָסעס שאַפֿן אַ מין אייגענע טראַדיציאָנעלקייט, איז אויך געגאַנגען זיין איבערזעצונג־אַרבעט פֿון פֿאַרשידענע פּאָעטן: היינע, ריכאַרד בער האָפֿמאַן (יעקבֿס חלום), דעמעל און האָפֿמאַנסטאַל, מאַסטערס און ראָבינסאָן, און דערהויפּט פֿון „די פֿינף מגילות״ פֿון בוך פֿון אַלע ביכער.

נאָך אַ פֿרוכטבאַרן וועג פֿון 25 יאָר שטייט פֿאַר אונדז גראָס אַ רייפֿער, מיט אַן אייגענעם דרך, מיט אייגענע געפֿונענע „וואָרצלען אין דער מיט״, „וואו סע רוישט און רודערט אַ יעריד״, מיט מיושבֿדיקער המשכדיקייט, מיט פֿאָלקסטימלעכקייט. און אויך זיין דיכטעריש לעבן איז רייף, בולט, דורכזיכטיק, געאיידלט מיט אילוזיע, מיט יענער אילוזיע, וואָס טראָגט שטענדיק דעם הויך פֿון טרויער, אָט אַזוי ווי ער באַשרייבט עס אין זיין אויטאָפּאָרטרעט,—אין דעם ליד, וואָס הייסט „דאָס לעבן פֿון דעם דיכטער״. (נפֿתלי גראָס, „קולטור און דערציאונג״, ניו יאָרק, פֿעברואַר, 1942).

◇

דר. כאַסיע קופּערמאַן: די פּאָרטרעטן און די באַשרייבונגען פֿון נפֿתלי גראָסעס בוך, וואָס קריצן זיך איין אין זיכּרון פֿון לעזער, זענען קאָנקרעטע... די לויטערע און ניכטערע באַשרייבונגען זענען געקליבן אין געצאַמטע שורות, כּמעט דורכאויס אין געגראַמטע פֿערזן. די גראַמען זענען אינטערעסאַנט, אָפֿט דערפֿינדעריש־ניי און אומדערוואַרט.

אין דער אַמעריקאַנער דיכטונג טרעפֿן מיר אַן צוויי פּאָעטן, וואָס האָבן געשריבן אין אַן ענלעכן סטיל. דאָס זענען עדגאַר לי מעסטערס און עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן. („קולטור און דערציאונג״, נאָוועמבער, 1940).

◇

מ. איווענסקי: די זאַמלונג לידער „יידן״ פֿון נפֿתלי גראָס גיט אַן אינטערפּרעטאַציע פֿון אַ שטיק יידישער קולטור.

עס זענען דאָ אין ערשטן בוך, און נאָך מער אין צווייטן בוך, לידער מיט אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָטיוון. אָבער די מיינסטע לידער זענען דורכגעדרונגען מיט יידישע אייגנטימלעכקייטן פֿון דער אַלטער היים און אויך דאָ אין אַמעריקע. די צווייטע זאַמלונג האָט מאָטיוון פֿון נייע ברייטע „געמאַרקן״. („דער פֿריינד״, ניו יאָרק, אויג.־סעפּט., 1938).

◇

י. ר. ברינמאַן: „יידן״ איז שוין דאָס פֿערטע בוך לידער, וואָס גראָס האָט אַרויסגעגעבן. מע מוז מודה זיין, אַז אין אָט דעם בוך האָט אונדז גראָס געוויזן וואָס ער קען. ער איז דאָ אַ סך רייפֿער, די פֿאָרם—אַן אויסגעטאָקטע, די ווערטער—ווי פּערל אָנגעצויגן אויף אַ שנור. („אונדזער האָפֿענונג״, וואַרשע, סעפּטעמבער, 1929).

מלך ראַוויטש: ווי אַ פעלזן שטאַרט ממש אַרויס נפתלי גראָס ליד „דער באַלעגאָלע״. עס איז אַ ליד וואָס איז ווערט דעם אויבנאָן, די מזרח־וואַנט פון די בעסטע לידער אין דער יידישער דיכטונג. („וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור״, וואַרשע, 31 יוני, 1932).

◇

פּעסיע כהנא: נפתלי גראָס האָט דערזען דעם יום־טוב פון אונזער נעכטיקן לעבן מיט אַן אָפן און דיכטעריש אויג. גוטע לידער האָט גראָס אין בוך „יידן״, לידער, וועלכע מע וואָלט געקענט ציטירן אַפילו בלויז צוליב זייער קינסטלערישער דערגרייכונג...

... עס גיבן זיך אַ שאָט מענטשן־בילדער און נאַטור־בילדער, און אין דערזועלבער צייט אויך אַ שפע פון שפּראַך, אַ געדעטעניש אין מעטאַפאָרן. און מערקווירדיק—אַזוי פיל ווערטער פאַר־געסענע, אָדער קיינמאָל נישט געוואוסטע, אַז סע כאַפּט אַדש אָן אַ שטאָלץ מיט דער יידישער שפּראַך. („אויפקום״, ניו יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1932).

◇

יעקב גאָטליב: „יידן״ פון נפתלי גראָס איז אַ בוך, וואָס באַרעכטיקט זיין נאָמען. דאָס בוך עפנט אויף פאַר אונז אַ קוואַל פון עכטער דורותדיקער יידישקייט אין אמתערן און טיפערן זינען פון וואָרט. („פאָלקסבלאַט״, קאָוונע, נר. 754).

◇

א. גלאַנץ־לעיעלעס: נפתלי גראָס׳ „פּסאַלמען״— —

... דאַרפן פאַר אונז גראָסן אַנטפּלעקן אַלס אַ מענטש מיט לעבנס־ווייזהייט... דאָס זענען שוין ווערטער, וואָס נאָר אַ גרויסער מענטש קען זאָגן. ווירקלעך אַ נביא, אַ רעליגיאָנס־גרינדער. („טאָג״, 20 דעצעמבער, 1919).

◇

יעקב גלאַנץ: נפתלי גראָס׳ שאַפונג לאָזט זיך ניט אָפּזיגלען מיט וועלכן עס איז זיגל פון אַ ריכטונג, אָדער שולע. זיין דיכטונג פאַרמאָגט, ווי עכטע קונסט בכלל, אַלערליי פאַרבן.

אין די־אָ לידער איז גראָס ניט מער דער שטילער אינדיווידועלער ליריקער, נאָר דער דיכטער פון פּראָטעסט און קאַמף, און איז אַ ברודער פון די סאָציאַלע ליריקער אונזערע, וואָס האָבן דעם גורל זייערן פאַרבונדן מיט דעם גורל פון די, וואָס קעמפן פאַר אַ נייער צייט. („צוקונפט״, ניו יאָרק, סעפּטעמבער, 1936).

◇

מרדכי יאָפע: נפתלי גראָס איז פון די איינציקע און אפשר טאַקע פון די ערשטע, וואָס האָט דעמדאָזיקן מאָטיוו (די אַלטע היים) אויפגענומען, געצערטלט און געכאָוועט און אַריינ־געטראָגן ווי אַ לעבעדיקן „יש״ אין דער יידישער פּאָעזיע. ביי אַנדערע איז עס דערנאָך געוואָרן אַן ענין פון תשובה, פון אומקער. ביי אים היסטאָריש־טראַדיציאָנעלער און קינסטלעריש־יידישער המשך.

פּרעכטיק־רירנדיק—וויל פּשוט—איז גראָסעס לאַנדשאַפט, זיין נאַטור־באַשרייבונג.

נפתלי גראָסעס ריין־יידיש לשון, זיין עפּישער שטייגער... האָט אים זייער פיל צוגעדינט אויסצומיינסטרעווען לידער פון לעגענדאַרן כאַראַקטער, אין טאָן פון פאָלקס־מאָטיוו און פאָלקס־מעשהלע. („יידישער קעמפער״, ניו יאָרק, 23 דעצעמבער, 1938).

◇

פ. וויערניק: די וואַרעמקייט (אין די לידער) שטייגט אָפט ביז באַגייסטערונג און מאַכט אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק, ווען דער פּאָעט מאָלט מיט קורצע געלונגענע שטריכן דעם „ערב יום־טוב״, „דעם יום־טוב״, „דעם שליח־ציבור״, „דעם מגיד״, „דעם מקובל״, „דעם רב״ א. א. וו. אַפילו „דער יורד״, „דער בעל־עגלה״, „דער דאָרף־ייִד״ און „דער וואַסער־טרעגער״ שטעלן פאַר סימפּאַטישע בילדער. און „יאָסל קלעזמער״, אָדער „מיינע נאָנטע אין קאָלאָמיי״ לאָזן איבער אנגענעמע דערינערונגען. („מאָרגן זשורנאַל״, יאַנואַר, 1930).

◇

ש. טענענבוים: נפתלי גראָס האָט ליב די ליכטיקייט, קלאָרקייט, מוזיקאַלישקייט, רייג־קייט פונם ליד... ער איז אַ זון פון פאָלק, וואָס קען גוט די מייסטערשאַפט פון דער וועלט־פּאָעזיע—און אָט די מייסטערשאַפט ברענגט ער אַריין אינם יידישן פּאַרנאַס: קולטור און אמתע פאָלקסטימלעכקייט—דאָס זענען די צוויי הויפּט־אַטריבוטן פון דעם רייפן פּאָעט נפתלי גראָס. („יידישער קוריער״, שיקאַגאָ, 14 אויגוסט, 1938).

זלמן רייזען: נפתלי גראַס איז איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער נייער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע. זיינע ביכער... זענען מוסטערן פון דער פיינסטער ליריק, אָפּטימיסטיש גלויביק אין דעם טאָן, פולקום אין דעם קינסטלערישן אויסדרוק, און איידל אין דעם סטיל פון די שיין געשליפענע פערזן. („ווילנער טאָג״, נומער 6, יאַנואַר, 1927).

◇

ב. ריווקין: ימים־נוראים צייט ווען וועלטלעכע יידן זיך ווענדן צו אונזערע פּאָעטן נאָך רעליגיעזער שטימונג. וויל איך זיי רעקאָמענדירן נפתלי גראָסן, איינעם פון די אויפריכטיקסטע רעליגיעזע פּאָעטן אונזערע, וואָס גאָט איז ביי אים ניט קיין טעמע, נאָר אַ פערזענלעכע איבערלעבונג. אָנהייבנדיק פון זיין ערשטן בוך „פּסאַלמען״... איז ער דורכגעגאַנגען אַלע וועגן פון פּאָעטישער גאָט־זוכעניש, ביז ער איז דערגאַנגען צום גאָט פון זיינע „יידן״, און פון זיין הויפּט־יידן, זיין פרומען טאַטע פון קאָלאָמיי. (אָריגינעלער ביטראָג צו רעליגיעזער פּאָעזיע. „טאָג״, 10 אָקטאָבער, 1943).

◇

י. קאַהאַן: דאָס ערשטע ליד „אונזערע שטעטלשטעט״ איז דער לייט־מאָטיוו, דער הינטערגרונט אַף וועלכן נפתלי גראָס שטעלט פונאַנדער די שאַרף אויסגעהאַקטע פיגורן פון זיין בילדער־זאַמלונג. יעדעס ליד אַ פיגור, אַ מאָנומענטאַל ווערק אין אַ מיניאַטור־פאָרם.

אין יעדן איינעם פון זיי פאַרקערפּערט נפתלי גראָס אַן אידייע, אַ געזעלשאַפטלעכע קראַפט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין לויף פון דורות און האָט פאַר די מערסטע פון אונז, היינטוועלטיקע, אַפילו דאָ אין דער פאַרהאַוועטער אַמעריקע, ניט פאַרלוירן איר אָנציאונגס־קראַפט און לעבנס־באַרעכטיקונג. („פרייע אַרבעטער שטימע״, מערץ, 1929).

◇

ש. סיימאָן: און גראָס נעמט דאָס פענזל און מאָלט און מאָלט... ער מאָלט דעם „מגיד״ און איר זעט אַ צויבער־מעשהלע... אַן אַלטע מעשה דערציילט פון אַ מאָדערנעם מענטשן.

אַ צאָל לידער זענען ביי גראָסן אַרויס אַזוי, אַז איך בין זיכער, אַז זיי וועלן ווערן אַ טייל פון פאָלקטימלעכע לידער, וואָס מע זינגט אין וואַרשטאַט, קיך, בינע, קאָנצערט־זאַל און שול. („אויפקום״, ניו יאָרק, אַפּריל, 1929).

◇

בן־ציון זאַנגען: „יידן״ פון נפתלי גראָס איז נישט פון די טעגלעכע דערשיינונגען אין אונזער ליטעראַטור. („כווילאַ״, לעמבערג, מאַי, 1929).

◇

מ. לידער (איוועינסקי): פון אַ גאַנץ באַזונדער כאַראַקטער איז דאָס בוך פּאָעמען „יידן״ פון אונזער נפתלי גראָס. עס איז אַ בוך לידער, אָבער מיט אַ גרויסן פאַרנעם—אַ פאַרנעם איבערצוגעבן אין פּאָעטישע קלאַנגען אונזער נאָנטע פאַרגאַנגענהייט. דאָס בוך איז אַן אמתע עפּאָפּייע פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט. („דער פריינד״, מאַי, 1929).

◇

פ. געליבטער: דאָס בוך לידער „יידן״ פון נפתלי גראָס איז ווערט, אַז יעדער אינטעליגענטער מענטש, יעדער ליבהאָבער פון יידישער פּאָעזיע, זאָל עס לייענען און האָבן אין זיין ביבליאָטעק. (א. ר. שול־בולעטין, פעברואַר, 1929).

◇

בן־ציון גינסבערג: נפתלי גראָס איז אַ פּראָדוקטיווער דיכטער. אָבער מיט זיין בוך „יידן״ אַליין האָט ער זיך פאַרשאַפט אַן ערן־פּלאַץ אין דער יידישער פּאָעזיע.

דאָס ליד „יאָסל קלעזמער״ איז ריינער פאָלקלאָר, וואָס האָט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזאַ הימלישער אָדע נאָר אין אַ בענקענדיקער דיכטערישער נשמה. („מאָרגן״, לעמבערג, 6 אַפּריל, 1929).

◇

קלמן מרמר: די פּאָעזיע פון נפתלי גראָס איז אַלטער וויין אין אַלטע פעסער... אין נפתלי גראָס׳ ליד קלינגט דער מידער טאָן פון קוהלת. („דער ווייסער רייטער״, „מאָרגן־פרייהייט״, 9 אויגוסט, 1925).

דאָס לעבן אין שטעטל איז אַן אידיליע אויסגעכאָלעמט פונם דיכטער נפתלי גראָס. („מאָרגן־פרייהייט״, 17 יוני, 1929).

י. קיסין: נפתלי גראָס גיט אונז אין זיינע פערזן דאָס יידישע פאָלק קאָנקרעט—יידישע בעלי־מלאכות און אַלערליי אַנדערע פאָלקס־מענטשן. ער קען זיי זייער גוט, און מיט זייער לעבן לעבן זיינע לידער.

אין גראָסעס לידער איז באַזונדערס אָנגענעם די גרויסע קולטור פון פשטות, אַ געלייטערט־קייט, וואָס גיט זיך איין ביט קיין סך פּאָעטן... זיין איצטיק בוך איז אי מאָדערן, אי זייער צייטמעסיק,—אַ גוט און נייטיק בוך.

אַ גאָר באַזונדערע מעלה ביי נפתלי גראָסן איז זיין גרויסע ליבע און אויפמערקזאַמקייט צום אויסגעזוכטן וואָרט אין דעם יידישן פאָלק־לשון. גראָס זאַמלט יידיש פאָלק־לשון, וואָס ווערט, צום אומגליק, פאַרלוירן און פאַרגעסן. ער זאַמלט דאָס דאָזיקע לשון מיט ליבע, און ער קלייבט זיך זיינע זאַמלונגען צו פאַרעפנטלעכן. דאָס איז אָן ספק אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע אַרבעט. („צוקונפט”, ניו יאָרק, יולי, 1939).

◇

יעקב באָטאָשאַנסקי: אין אונזער דיכטערס לידער הערט מען דעם גערויש פון די גאַסן מיט בעטאָן און שטאָל, מיט מענטשן, קאַרס און באַנען...

נפתלי גראָס ציט דעם פאָדעם פון שלום אַשס שטעטל, פון א. ווייטערס ראַנגלען זיך פאַר אויפבויען צוריק דאָס פרומע לעבן פון שטעטל... די שפּראַך איז דאָ אידיליש ביבליש. („די פרעסע”, אַרגענטינע, 17 אויגוסט, 1938).

◇

ב. צ. גאָלדבערג: נפתלי גראָס קריגט ניט די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער פאַרדינט. עס איז אפשר דערפאַר, וואָס ער גייט אַליין, און ביי אונז, גייט מען אין סטאַדעס; וואָס ער רעדט שטיל, און ביי אונז מוז מען שרייען.

ריינקייט, איינפאַכקייט און פשטות—ער מאַכט ניט קיין קונצן און גייט ניט קיין קאָזשעלאָק, ניט אין פאָרם, ניט אין אינהאַלט. עס פליסט אַ פרישער שטראָם, וואָס טראָגט אייך מיט, און ביסלעכווייז טראָגט ער אייך מיט—אין זיין ריטם און לירישער שטימונג. („טאָג”, ניו יאָרק, 3 יולי, 1939).

◇

ז. וויינפער: נפתלי גראָס... האָט געגעבן אונזער דיכטונג זיין גאַליציע... (יידישע שריפטשטעלער, באַנד 1, 1933).

◇

יעקב קענער: ...ס'איז בפירוש גאָר נישט איבערגעטריבן, ווען מיר זאָגן, אַז גראָס איז אַ פיל־פאַרביקער, אַן אַלזייטיקער און גאָט־געבענטשטער דיכטער. („פּראָלעטאַרישער געדאַנק”, ניו יאָרק, 15 מערץ, 1941).

◇

ישראל אַשענדאָרף: ווי דער כישופמאַכער אין באַקאַנטן מעשהלע פונם פּאַלאַץ, וואָס איז פאַרשטיינערט געוואָרן, גייט נפתלי גראָס אַרויס מיט זיין ליד, און ווי יענער מיט זיין כישופשפרוך און לעבט אויף דאָ אַ מענטש, דאָרט אַ לאַנדשאַפט. די וואָכנטעג ווערן ביי אים יום־טובים. דאָס לעבן זייערס ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט, געזאַלבט פאַר אַ העכערס, לויטערס, שענערס... נפתלי גראָס איז דער שלום אַש... פון דעם גאַליצישן שטעטל אין דער יידישער פּאָעזיע. („צושטייער”, 1, לעמבערג, סעפטעמבער, 1929).

◇

א. ניסענזאָן: אין נפתלי גראָס לידער פילט זיך דער טאָן פון מעשהלע... אַז איך וויל מיך אָפּרוען אַ ווייל פון רעש און טומל, אַז איך וויל דערהערן די קלאַנגען פון שטילקייט, די מוזיק פון בענקעניש, די טענער פון אַנגענעמער איינזאַמקייט—לייען איך גראָס לידער. („אונזער בוך”).

◇

ל. קעסנער: נפתלי גראָס לידער קענען... אַף אַ ווייל אָפּרייסן דעם דערפאַרנסטן סקעפּטיקער פון זיין „עמפּירישער וועלט־אַנשויאונג” און אים אַף אַ מינוט צוריקגעבן זיין יוגנט, זיין גאַטירלעכקייט, זיין גלויבן און תמימות. („אויפקום”, מערץ, 1929).

עזרא קאַרמאַן: נפתלי גראָס איז דער פּאָעט פון געזאַנג. („קולטור", שיקאַגאָ, 2 אָקטאָבער, 1925).

◇

מ. פּערלמוטער: גראָס איז דער גאָט־געבענטשטער מאָלער און זינגער פון אָט דער אין דער אייביקייט אָפּגעשוואומענער עפּאָכע, וואָס אירע לעצטע גסיסה־קאָרטשען פּלאָטערן איצט אַזוי העליש פאַר אונזערע אויגן. („פרייע אַרבעטער שטימע", 11 יולי, 1941).

◇

יעקב גלאַנץ: נפתלי גראָס—דער דיכטער פלאַסטיקער פון די שטעטלשטעט, פון יידן אַריינגעוואַקסענע אין אַלטע לאַנדשאַפטן... דערדאָזיקער דיכטער פּרואווט איצטער מאָלן „נייע" לאַנדשאַפטן...

און ווי אַ טרייסט, אָדער ווי אַ צו להכעיס דער רשעותדיקער וועלט, לאָזט זיך גראָס אויסבויען אַן אייגענע שטאָט, בעת די אמתע שטעטלשטאָט פון זיין איינגעוואָרצלטער היימיש־קייט איז אויסגעוואָרצלט און פאַרשניטן. (דיכטער און ווערק—די פּאָעזיע פון זאַמלביכער נומער 7: „דער וועג", מעקסיקאָ, 8 מאַי, 1948).

וועגן „די פינף מגילות" און „תהלים"

ש. ניגער: נפתלי גראָס האָט אַ סך מי און קענשאַפט און ליבשאַפט אַריינגעלייגט אין זיין אַרבעט... ס'איז אַ בוך, וואָס קאָן זיין באמת אַ צירונג פאַר יעדן יידישן הויז. („אַ נייע איבערזעצונג פון די פינף מגילות", „טאָג", נאָוועמבער, 1936).

... די נייע פאַראידישונג פון רות, וועלכע נפתלי גראָס האָט פאַרעפנטלעכט... איז יידיש, וואָס היט אויף אין זיך דאָס ווידערקול פון ביבלישן העברייאיש; ס'איז העברייאיש, וואָס איז איבערגעגאָסן געוואָרן אין דער נייער כלי פון יידיש אינאיינעם מיט זיין טעם און ריח. („טאָג", 30 יולי, 1933).

◇

חיים ליבערמאַן: די ביבלישע ליטעראַטור אין יידיש איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שיינער מתנה—אַ נייע איבערזעצונג פון די פינף מגילות (שיר השירים, רות, איכה, קוהלת און אסתר), געמאַכט פון דעם דיכטער נפתלי גראָס.

נפתלי גראָס איבערזעצונג פון די פינף מגילות איז אַ גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג. („פאָרווערטס", 24 יאַנואַר, 1937).

◇

„אונזער טאָג" (ווילנע, 6 יולי, 1937): פאַר אונז ליגט איינע פון די לעצטע אַרבעטן פון נפתלי גראָס „די פינף מגילות"—אַ פּרעכטיק בוך... פאַר אַ מוסטער פון נפתלי גראָס' באמת אויסגעצייכנטער איבערזעצונג גיבן מיר דאָס ערשטע קאַפּיטל „איכה"...

...מיר באַגריסן דעם דיכטער צו דער דערשיינונג פון זיין פלייסיקער און פיינער אַרבעט, און די יידישע ליטעראַטור—מיט דער באַרייכערונג פון אַ וויכטיק ווערק.

◇

יצחק וואַרשאַווסקי: נפתלי גראָס איבערזעצונג פון „תהלים", ווי זיין איבערזעצונג פון „די פינף מגילות", צייכנט זיך אויס מיט זייער אַ רייכן יידיש... זיין שפּראַך איז ריטמיש, און דער ריטם גייט אין איינקלאַנג מיט דעם ריטם פון אָריגינאַל... מ'דאַרף העלפן גראָסן טון זיין אַרבעט ביזן סוף. די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור וועלן דערפון אַ סך געווינען. („פאָרווערטס", 27 פעברואַר, 1949).

◇

מ. איווענסקי: נפתלי גראָס האָט אַף זיין איבערזעצונג לאַנג געאַרבעט... גראָס איז, ווי די אַמאָליקע יידישע סופרים, צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, ווי צו אַ הייליקער אויפגאַבע, ער האָט געמאָסטן און געוואויגן יעדעס וואָרט... ביז עס איז אַרויסגעקומען די איצטיקע ווערסיע, וואָס גיט איבער די מגילות, ווי זיי זענען אין אָריגינאַל, מיט זייער עקזאַטישקייט און מיט זייער אייביקער שיינקייט. („פריינד", מערץ־אַפּריל, 1937).

יעקב גלאַטשטיין: נפתלי גראָסעס איבערזעצונג פון ספר „תהלים" איז מער ווי אַן איבערזעצונג—ס'איז אַ שטאַנדפּונקט, און מע מוז אים אָננעמען ביים סאַמע אָנהייב, אויב מע וויל הנאה האָבן פון דער ערלעכער אַרבעט.

נפתלי גראָס איז אַ סך אומקאָמפּראָמיסלעכער ווי יהואש אין זיין צוגאַנג צו זיין שווערן אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט מיט אַ סך יאָרן צוריק. ער האָט זיין אַרבעט דורכגעפירט מיט אַ זעלטענער עקשנות און אַ סך גלויבן, און מע דאַרף פאַרשטיין דעם פּאָעט און אָפּשאַצן זיין ווילן זיך אַריינצולעבן אין פאַרצייטישן יידיש, וואָס איז לויט זיין אויפפאַסונג דער איינציקער אופן ווי צו באַטעמען דעם אָריגינאַל...

דער דיכטער נפתלי גראָס האָט געזוכט אַ יידיש מיט אַ העברייאיזירטן חן און האָט אַזאַ יידיש איינגעשפּאַרטערהייט זיך געמיט צו פאַרפלאַנצן אין זיין איבערזעצונג.

ערשט ווען מע נעמט עס אויף מיט פאַרשטענדיקייט, דערזעט מען, וואָס פאַר אַ ים מיט אַרבעט נפתלי גראָס האָט אַריינגעלייגט אין זיין איבערזעצונג, און מע מוז אים דאַנקבאַר זיין פאַר דער פרומקייט, וואָס מיט איר איז ער צוגעגאַנגען צו זיין איבערדיכטונג פון דעם פרומען ספר. („יידישער קעמפער", ניו יאָרק, 13 מאַי, 1949).

◇

א. לעיעלעס: דער גוטער דיכטער נפתלי גראָס האָט אַ שטאַרקן חוש פאַר שפּראַך. ער איז עקשנותדיק פאַרליבט אין זיינע אייגענע ווערטער, ווערטלעך און רייד־אַרטן. דערפאַר איז זיין איבערזעצונג אייגנאַרטיק און אַ צוגאָב צו אונדזער סטיליסטיק. („דער טאָג", ניו יאָרק, 21 מאַי, 1949).

◇

דר. א. מוקדוני: מגילת אסתר, רות און קוהלת לייענען זיך וואונדערלעך אין יידיש.

נפתלי גראָס האָט דאָ געשאַפן אַ האַלב ביבלישן און האַלב פאָלקסטימלעכן יידיש, וואָס פּאַסט זיך וואונדערלעך צו די פינף מגילות. („מאָרגן זשורנאַל", נאָוועמבער, 1936).

◇

דר. צבי כהן: נפתלי גראָס' איבערזעצונג איז אַן אמתע יידישע איבערגיסונג פון דער ביבל אַף אונדזער יידישער שפּראַך, אָן שאַדן פאַר ביידן—פאַר דער ביבל און פאַר דער יידישער שאַפונג. זי לייענט זיך שיין, ריטמיש, און איז דערביי געטריי, טריט ביי טריט, לויטן אָריגינאַל.

וואָס מער מע פאַרטיפט זיך אין גראָסעס אַרבעט, זעט מען ווי זיין איבערזעצונג פון דער ביבל אַף יידיש איז די איבערזעצונג, אַף וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. דאָס קאָן מען זען נאָך פיל בולטער, ווען מע פאַרגלייכט זיין איבערזעצונג מיט דער פון יהואשן.

...גראָסעס איבערזעצונג איז אַ ערלעכע איבערדיכטונג... ווייל זי איז אַ פאַראייניקונג פון דיכטונג מיט וויסנשאַפט. („די צוקונפט", אויגוסט, 1938).

◇

מרדכי יאַפע: נפתלי גראָס איז דער דיכטער־מאָלער פון דער אַלטער היים. איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אַנטפּלעקט איר שיינקייט. דורך אים האָט זי ווידער אויפגעלעבט אין איר ריין, שטיל לעבן פון אַן אידיליע... זיין ליד איז קאָנצענטרירט... נישטאָ קיין באַפּוצונג. די שיינקייט לייכט אַרויס דורך דער געטרייקייט פון דער טעמע, זיכערקייט פון אויסדרוק. דאָס מאָלערישע פילט זיך, נישט בלויז אין רעאַל־קאָנקרעטן בילד, נאָר אַפילו אין די מאָדו־לאַציעס פון די פּסיכישע צושטאַנדן פון געמיט, געפיל און שטימונג.

מיט דער איבערזעצונג פון „תהלים" האָט נפתלי גראָס ווידער באַוויזן, אַז ער איז איינער פון די עכטסטע אויסטייטשער פון תנ"ך. דערצו איז צו דער איבערזעצונג צוגעגעבן זיין אויפ־קלערערישער אַריינפיר, וואָס באַווייזט זיין קאָמפּעטענטקייט, זיין פאַרשטיין און פאַרדייען דעם תנ"ך. („מאָרגן זשורנאַל", 14 יאַנואַר, 1951).

◇

מ. מלמד: נפתלי גראָס' אָנמערקונגען און דערקלערונגען, וואָס פאַרנעמען אַ דריטל פון דעם בוך, צייגן ווי ערנסט גראָס האָט זיך באַצויגן צו דער דאָזיקער אַרבעט, און וויפל מי ער האָט אַריינגעלייגט דורכצומישן און דורכצושטודירן אַזוי פיל ספרים, כדי צו קענען שאַפן זיין אייגענעם אויסטייטש אַף די מגילות. („יידישע וועלט", פילאַדעלפיע, נאָוועמבער, 1936).

גרשם באַדער: גראַס האָט מיט זיין אַרבעט פון די פינף מגילות זיך פאַרשאַפט אַ ווערטפולן נאָמען אין אונזער ליטעראַטור. („מאָרגן זשורנאַל״, נאָוועמבער, 1937).

◇

י. פריילעך: מיר לייענען נפתלי גראַס איבערזעצונג און מיר זעען מיט וויפיל ליבע, מיט וויפיל געטריישאַפט, מיט וויפיל וויסנשאַפטלעך פאַרשערישער אַרבעט ער האָט זיך באַ־פאַנצערט, כדי צו געבן דער אַרבעט זיינער גרינטלעכקייט און פינקטלעכקייט.

דער גאָר גרעסטער טייל פון נפתלי גראַס „תהלים״ איז געשריבן מיט יענער תמימות, מיט יענער פשוטקייט ווי עס זענען געשריבן געוואָרן גראַסעס מגילות. („אונזער וועג״, ניו יאָרק, ערשטן יולי, 1949).

◇

דר. צבי כהן: די איבערדיכטונג פון „די פינף מגילות״ איז נפתלי גראַסן זייער געלונגען. ווען מ׳האָט זיין איבערזעצונג פאַרגליכן מיט יהואַשס, האָט די וואָגשאָל אַראָפּגעוואויגן אַף נפתלי גראַסעס זייט. ביי אים איז אַ פיל געשמאַקערער יידיש און פיל מער עמפינדלעכקייט סיי פאַרן טעקסט און סיי פאַר דער יידישער מסורה״. גראַס שטייט מיט ביידע פיס אַפן באָדן פון דער יידישער טראַדיציע. דאָס האָט צוגעגעבן פיל חן זיינע „פינף מגילות״ און דאָס גיט אויך גרויס ווערט זיין „תהלים״...

די תהלים־איבערזעצונג פון גראַסן איז אַ ריזיקע אַרבעט. עס איז אַ מייסטערווערק. און זאָל גראַסן געלינגען צו גיין ווייטער אַף זיין וועג, און צו געבן אונז נאָך ווייטערדיקע איבער־דיכטונגען פון די פיר און צוואַנציק הייליקע ספרים. („קולטור און דערציאונג״, ניו יאָרק, דעצעמבער, 1949).

◇

אברהם לעוו: איך האָב היינט, קומענדיק פון דער אַרבעט, געלייענט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים, אין דער וואונדערבאַרער איבערזעצונג פון נפתלי גראַס, און זיך דערקוויקט מיט דער זאַפטיקייט און פרישקייט פון אונזער שפּראַך, אין וועלכער נפתלי גראַסן איז געלונגען איבער־צוגיסן אָט דאָסדאָזיקע אַלטע תהלים־בוך און כמעט ווי גאָרנישט ניט געמינערט פון זיין גאַנצקייט. („אַרבעטער וואָרט״, פּאַריז, 31 מערץ, 1950).

◇

מ. איוועננסקי: דער דיכטער נפתלי גראַס, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין זייער געראָטענער איבערזעצונג פון „די פינף מגילות״, האָט אויפגעטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. ער האָט איבערגעזעצט דעם אוצר פון יידישער פאָלקס־ליריק, דאָס ספר „תהלים״, אין אַ שפּראַך, וואָס היט איין און גיט צו פילן דעם אמתן טעם פון דעם אָריגינאַל...

די איבערזעצונג פון נפתלי גראַס איז אַ גרויס געווינס פאַר דער אמתער יידישער קולטור. („דער פריינד״, מאַי־יוני, 1946).

◇

יצחק בערלינער: דער פאָלקסטימלעכער דיכטער נפתלי גראַס האָט געמאַכט אַ פּרעכטיקע איבערזעצונג פונם ספר „תהלים״. ס׳איז אַן אַנגעלייגטע אַרבעט, אַן אַרבעט, וואָס האָט זיך מיט וואָס צו גרויסן.

סיי אין דער שפּראַך, און סיי אין דער פינקטלעכקייט פון וואָרט און ריטם, איז די איבער־זעצונג פון „תהלים״ אַרויסגעקומען מיט דער גאַנצער שיינקייט פונם פאָלקס־לשון אונזערן.

נייע בייגונגען פון אויסדרוק, וואונדערבאַרע נעאָלאָגיזמען און אַן אוצר פון געפּאַסטע וואָרט־בינדונגען, וועלכע פאַלן אַריין ווי אַלטער, גוטער ווין אין נייע ווייַנקרוגן. („דער וועג״, מעקסיקאָ, 20 אָקטאָבער, 1949).

◇

ש. טענענבוים: נפתלי גראַס האָט אַ סך אַרבעט אַריינגעלייגט אין זיין „תהלים״. ער האָט די אַרבעט געטון מיט אַ הייליקער עבודה. ער האָט אַ סך זאַכן מקריב געווען פאַר דער פרייד איבערצוזעצן דאָסדאָזיקע הייליקע ווערק... ער האָט אין משך פון יאָרן יעדעס וואָרט געשליפן און געלייטערט. ער האָט אַריינגעבראַכט אין „תהלים״ אַ קרעפטיקן, טייערן יידיש, דעם יידיש פון זיין קינדהייט, דעם יידיש פון דער היים. („די שטימע״, מעקסיקאָ 29 אָקט. 1949).

מרדכי יפה: כדי צו אילוסטרירן נפתלי גראָס איבערזעצונג פון תהלים, וועל איך מאַכן אַ געוויסע צאָל פאַרגלייכונגען צווישן יהואָשן און נפתלי גראָס. לאָמיר נעמען, למשל, דאָס צווייטע קאַפּיטל תהלים, „למה רגשו גוים"... דאָ האַנדלט זיך שוין נישט וועגן סטיל—וואָס איז ביי גראָסן אַ סך שענער און זאַפּטיקער—נאָר אין דעם פּשוטן פּירוש־המילות... („פרייע אַר־בעטער שטימע", 25 נאָוועמבער, 1949).

וועגן בוך „מעשות", „דעבּס" און אַנדערע ביכער פון נפתלי גראָס

ש. ניגער: פּראַכטפול געבונדן און באַפּוצט מיט אָריגינעלע צייכענונגען פון חיים גראָס אין דאָס בוך „מעשות" פון נפתלי גראָס...

כ'האָב שוין לאַנג ניט געליינעט אַזאַ אָפּגעהיטן יידיש. עפּעס אַ זויבערקייט פילט זיך אין יעדן זאַץ... צוליב דער שפּראַך אַליין איז דאָס בוך אַן אוצר פאַר דער יידישער שול. דער עיקר אָבער איז, וואָס די מעשות זענען שיין, זיי זענען איינפאַך און קלאָר, כאָטש דער אינהאַלט איז אָפט פאַנטאַסטיש. און—אויך דאָס איז אַ מעלה—זיי האָבן אַ לאַנגן אָטעם. אויב אַ מעשה איז שיין, וויל מען, אַז זי זאָל זיך ציען און ציען... („דער טאָג", 2 פעברואַר, 1936).

◇

דר. א. מוקדוני: „מעשות" פון נפתלי גראָס איז אַ פּרעכטיק קינדער בוך.

ראשית כל דערציילט נפתלי גראָס זייער פאַרכאַפּנדיקע קינדער מעשהלעך. די מעשהלעך זענען פאַנטאַסטיש, אָבער אין דערזעלביקער צייט—זייער היימיש. זיי זענען פון אַ פאַנטאַסטישער וועלט, אָבער זיי זענען אויך געבונדן מיט דער רעאַלער וועלט אונזערער.

די מעשהלעך זענען אַחוץ דעם טאַקע קלוגע אויך. זיי זענען אָנגעפּיקעוועט מיט מחיה־דיקע איינפאַלן.

עס איז נישטאָ אין נפתלי גראָס' מעשהלעך דאָס פאַרשטעלן זיך פאַר אַ קינד און די נאָכגעמאַכטע קינדישע נאַאיוויטעט. דאָס זענען ביי אים ערנסטע ליטעראַרישע ווערק...

עס איז באַשערט דעם בוך „מעשות" צו זיין אַ גאַנץ ווערק אין אַלע פּרטים. האָט נפתלי גראָס אַ ברודער אַ סקולפּטאָר, חיים גראָס, און ער האָט באַשיינט דאָס בוך מיט זיינע פּרעכטיקע צייכענונגען. („מאָרגן זשורנאַל", 15 יאַנואַר, 1936).

◇

ב. צ. גאָלדבערג: אין נפתלי גראָס בוך „מעשות"... איז אַלעמאָל דאָ אַ מעשה, און אַן אינטערעסאַנטע מעשה. און די שפּראַך—אויסגעצייכנט: ריין, ווייך, זאַפּטיק און קלאָר. דער דיכטער לאָזט זיך פילן אַף יעדער זייט—ס'איז באַהויכט מיט פּאָעזיע.

נפתלי גראָס איז דער אינטערנאַציאָנאַלער יידישער שרייבער פאַר קינדער. („דער טאָג", 13 יאַנואַר, 1936).

◇

יעקב באָטאָשאַנסקי: נפתלי גראָס דערציילט די אַלע עפּיזאָדן (וועגן יודזשין דעבּס) איינגעהאַלטן, געצוימט און קאַלט. אָבער קאַלטערהייט ווירקט ער הייס, און עס זענען פאַראַן מאָמענטן ווען עס הייבט אָן וואַרגן אין האַלז און עס קומען טרערן אין די אויגן. („די פּרעסע", אַרגענטינע, 7 פעברואַר, 1934).

◇

א. הגלילי: נפתלי גראָס בוך „מעשות" זענען זיבן מעשות פון איין פורעם אויס־געגאָסן... אַ רינג אין אַ רינג, זיבן גילדענע רינגען... פאָלקס־חכמה מיט פאָלקס־תמימות, רעטעניש מיט קלוגן איינפאַל זענען דורכגעוועבט און דורכגעפלאָכטן דורך די אַלע מעשות. („אונזער שול", ניו יאָרק, מערץ, 1936).

◇

ב. לאַפּין: זיינע מעשות... זענען ווי פולע הויפנס מיט רו געשאָטן אַף דער איצטיקער צעבוּיטעטקייט און צעברויזטקייט... אַזאַ רייכקייט אינם לשון און אַזאַ גאַנצקייט אין דער קאָנסטרוקציע פונם זאַץ. דעמזעלבן טעם האָט איך געפילט, ווען איך האָב אריינגעקוקט אין זיינע מגילות. („אויפקום").

י. קיסין: צווישן די מעשות פון נפתלי גראָס זענען פאַראַן טייל פון דעם אליהו הנביא טיפּ. בכלל זענען די מעשות ייִדיש אין גייסט און אין טאָן, און סאָציאַליסטיש אין דעם, וואָס די העלדן זענען נישט קיין מלכים און פּרינצן און קריגער, נאָר אָרימע אַרבעטער און פּויערים, און וואָס אָרימקייט גייט דאָ דורכאויס האַנט אין האַנט מיט יושר, מענטשלעכקייט און קלוג־שאַפט, און ווערט צום סוף רייך באַלוינט. („פאָרווערטס", 23 פעברואַר, 1936).

מ. מלמד: צוויי ביכער פון דעם דיכטער נפתלי גראָס—איין בוך „מעשות" און אַ צווייט בוך „בילדער פון דעם ייִדישן אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע".

אַף דידאַקטיקע מעשות ליגט דער חן פון ריינער נאַאיוויטעט און פון פּשוטן, געזונטן פאָלקס־לעבן... איר פילט ווי מיטצופליען אַף די פליגלען פון דעם דיכטערס פאַנטאַזיע.

מיט די צוויי ביכער האָט נפתלי גראָס בייגעטראָגן ניט נאָר צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און צו דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל, נאָר ער האָט אויך געטון אַ וויכטיקע דער־ציאיִנגס־אַרבעט פאַר דעם יונגן ייִדישן דור אין אַמעריקע. („אידישע וועלט", פילאַדעלפיע, 1936).

ב. רעזאָם (ב. מאָזער): נפתלי גראָס דערציילט זיינע מעשות אַזוי עכט און אַזוי אויפריכטיק און גלויביק, אַז איר ווערט מיטגעריסן מיט דעם מעשה־טאָן, אין וועלכן זיי ווערן דערציילט... אַ סאַלוט צו אַ פּאָעט, וואָס קען פון זיך אין גאַנצן אָפּטרייסלען די לופט פון היינטיקער צייט און זיך אַוועקלאָזן אַף „די זילבער רעלסן" פון דער פאָלקס־מעשה. („וועקער", 2 יאַנואַר, 1937).

י. רעזניק: נפתלי גראָס מעשות זענען דערציילט מיט ספּעציפישן ייִדישן חן. אין דערזעלבער צייט זענען זיי אוניווערסאַל. דער אינהאַלט איז אינטערעסאַנט... און אַלץ ווערט דערציילט מיט אַזויפיל ליבע, זאָרגפעליק. יעדעס וואָרט איז געוואויגן און געמאָסטן. („אייגנס").

ש. ד. זינגער: ...מע דערקענט דאָ, אין דער פּראָזע, אויך דעם דיכטער פון די לידער־ביכער „ייִדן", „ווייסער רייטער"... נאָר חוץ די שפּראַך־חידושים—איז אין די מאָטיוון פון די מעשות פאַראַן אַן אינערלעכע שייכות צו אַלץ, וואָס גראָס האָט ביז איצט געשריבן: דער עטישער טאָן, דער אינעווייניקסטער תוך פון יעדער מעשה...

פאַראַן גענוג מעשות אין דעם בוך, אין יעדער פון זיי שיינקייט, אויסטערלישע געשטאַלטן, געמעלן פון דער נאַטור און אירע באַשעפענישן... דאָס, וואָס דאָס אויג זעט ניט, ווייזט מען אייך דאָ, אין אַ שפּראַך, אַ קלאַסיש־געטאָקטער, ווי אויסגעשניצט פון ביין. („צוקונפט", דעצעמבער, 1936).

דר. הירש לייב גאָרדאָן: די ביאָגראַפיע פון וולאַדימיר מעדעם, געשריבן פון נפתלי גראָס איז שפּאַנענד... ס'איז אַ רירנדע באַשרייבונג פון אַן אויסערגעווייגלעכן ייִדן און פרייהייטס־קעמפער. („מאָרגן זשורנאַל", 23 אַפּריל, 1939).

משה שטאַרקמאַן: נפתלי גראָס ביאָגראַפיע פון יודזשין וויקטאָר דעבס איז געשריבן אין אַן אייגנאַרטיק שיינעם סטיל. („טאָג", 6 יאַנואַר, 1935).

יעקב באָטאָשאַנסקי: נפתלי גראָס האָט אַף אַ גליקלעכן אויפן פאַראייניקט אין זיינע מעשות דעם פאָלקס־אידיאָם מיט דער שפּראַך פון משלי. („די פּרעסע", אַרגענטינע, 1936).

דוד אַפּאַלאָוו: נפתלי גראָס פּערז איז האַפטיק, קאָמפּאַקט און פול מיט אינהאַלט. אין זיין ערשטן ביכל „פּסאַלמען", באַווייזט זיך פאַר אונז גראָס מיט זיינע טיף רעליגיעזע, טיף לירישע פיר־שורהדיקע לידער־מעדיטאַציעס. דאָס גאַנצע ביכל שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויסע פּאָעמע. זיינע מעשות זענען געשריבן אין פאָלקס־טאָן. אין זיי מאָלט דער דיכטער פריילעכע און אומעטיקע בילדער פון דעם ייִדישן לעבן. („רוסקי גאָלאָס", נ. י., 8 אויגוסט, 1937).